STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09197

DI SHAYN KUMT FUM MIZREKH

I. Falikman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. פאַליקמאַן

די שײַן קומט פֿון מיזרעך

ראָמאַן

פאַרלאַג „איקוף"
בוענאָס אײַרעס 1951

דאָס בוך דערשײַנט מיט דער מיטהילף פון
יהודה, רחל און גאָלדע ניבאָרסקי, מײלעך און בערטאַ
ניבאָרסקי, יוסף און אסתּר ניבאָרסקי, אריה־אברהם
און יחזקאל־זלמן ניבאָרסקי, אַבעל האָפמאַן.

IMPRESO EN LA ARGENTINA PRINTED IN ARGENTINE
Es propiedad. Queda hecho el depósito que marca la ley.

I. FALIKMAN

La LUZ VIENE del ORIENTE

NOVELA

Editorial "ICUF"
Buenos Aires, 1951

ערשטער טייל

דער פונק

אין פּוילישן שטעטל פּ׳ האָב איך געהערט צוויי ליבע־געשיכטעס. ביידע מאָל האָט די ליבע געהאַט אויסצושטיין אַוואַדע די גרעסטע פּרוּוון, וואָס זיינען נאָר מעגלעך. איין ליבע־געשיכטע שעפּט זיך אויס, אין גרונט, מיט די איבערלעבונגען פון אַ יונגער פּאָר. אַן ענגער אינטימער לייענקרייז, וועגן וועלכן מען קאָן דערציילן אין עטלעכע ווערטער: אַ פּוילישן מוליער, סטאַם וועסעלאָק, איז אויסגעקומען עטלעכע מאָל צו זיין אין דער יידישער געטאָ אין אַ גרויסער גאַליציאַנער שטאָט. קומען פלעגט ער נאָך ציגל, וואָס ער האָט גענומען פון אַ צעוואַלגערטן הויז אַף בויען אַ פּלויט אין אַ דייטשיש גוט. ער האָט זיך דאָרט באַקענט מיט אַ שיין יידיש מיידל און זי ליב באַקומען. איינמאָל האָט זיך סטאַם דערוווּסט, אַז עס גרייט זיך אַן אַקציע אין געטאָ, ער האָט גלייך געכאַפּט זיין פורל און זיך אַוועקגעלאָזט אַהין. ווען אַרום דער כורווע איז קיינער ניט געווען, האָט דאָס מיידל זיך אַוועקגעלייגט אַפן פורל, סטאַם האָט זי צוגעדעקט פון אויבן מיט ברעטער און ציגל און אַזוי אַרויסגעפירט פון געטאָ. דער ווייטערדיקער וועג זייערער איז לאַנג און שווער — די ערשטע וואָך, אַשטייגער, האָט דאָס מיידל געלעבט אין אַ נישע, וואָס וועסעלאָק האָט אומישנע געלאָזט אין דער וואַנט, וועלכע ער האָט געבויט. אַ פּאָרמויערטע, איז דאָרט דאָס מיידל אָפּגעזעסן, ביז ער האָט געקראָגן אַלץ, וואָס עס איז נייטיק געווען, זיי זאָלן קענען אַנטלויפן אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל פון לאַנד. דאָס דאָזיקע ווינקל איז געווען אַ קליין דערפל אַרום דעם שטעטל פּ׳. דאָ האָבן זיי קלוימערשט פאַרטריבענע פון היינטערן סאַן, אָפּגעלעבט אַ יאָר, און קיינער פון די דאָרפסלייט האָט זיי ניט אַרויסגעגעבן די דייטשן, כאָטש פיל פויערים האָבן גוט פאַרשטאַנען, ווער וועסעלאָקס יונגע פרוי איז. און דאָ טאַקע האָט די יונגע פּאָר זיך דערוואַרט אַף דער רויטער אַרמיי.

די צווייטע געשיכטע — איז לייזער קאָרשעווערס.

I. אַ פֿײַערל אין דער נאַכט. די מאַטאָנע װערט ניט אָנגענומען

.1

ער האָט שוין דעם פֿערטן מעסלעס קימאַט גאָרניט נישט געהאַט אין מויל, לײזער, און געגאַנגען עפּעס װי אין הינערפּלעט, װי אין אַ שװערן און מעטושטעשן כאָלעם. געפֿירט האָט אים שוין ניט אַזױ דער באַװוסטזײַן, װי אײן פּאַראַקשנטער פֿאַרלאַנג, װאָס האָט אַ בלײַענער געהערשט איבער אים: „גײן, גײן, איך מוז דערגײן!“ דער דאָזיקער געדאַנק האָט אַרױסגעשטױסן אַלע איבעריקע. שװערע און נאָגנדיקע, מוזן די פֿיס פֿאָלגן און גײן. װען ער זאָל אַפּילע פֿאַלן, לײזער, װאָלט ער אױך געפֿאַלן מיטן קאָפּ פֿאָרױס. ער האָט דעם גאַנצן װעג געשטילט דעם הונגער מיט טרוקענע טװוּע־קערנער, װעלכע ער האָט געפֿונען אין די סקירדעס אין פֿעלד, װוּ ער פֿלעגט נעכטיקן. אַנומלטן האָט אים אַפּילע אָפּגעגליקט: ער האָט געפֿונען עטלעכע שװאַרצע באָב־סטרוטשקעס. אָט דאָס, אױב מע זאָל דערצו צוגעבן די פּאָר שטיקלעך ברױט, דאָס ביסל זופּ, װאָס גוטהאַרציקע פּױערטעס פֿלעגן אים אַמאָל בישטיקע אַרױסטראָגן הינטער אַ שטאַל, — איז געװען גענוג װי־ניט־איז צו דערהאַלטן זײַנע קױכעס, ער זאָל קאָנען גײן.

איצט אָבער האָט שוין לײזער דעם פֿערטן מעסלעס זיך געשפּײַזט בלױז מיט קערנער און דערצו — גערשטענע, און האָט געפֿילט, אַז װען ער זאָל אַפּילע באַלד שטאַרבן, קאָן ער זײ שוין מער אין מויל ניט נעמען. ער גײט איצט צומײסטנס דורך װאַלד. פֿעלדער טרעפֿן זיך זעלטענער, און עס זײַנען אױף זײ קײן סקירדעס ניטאָ. ער האָט דאַװקע אַ פּאָר מאָל אין מעשעד פֿון די לעצטע טעג געזען דערפֿלעך, אײנזאַמע װאַלדפֿאָלװאַרקעס, נאָר אַלעמאָל איז געװען עפּעס אַ סיבע, װאָס האָט אים ניט געלאָזט אַרײַן אַהין: דאָ האָט ער דערזען שטײן אַ דײַטשישן אױטאָ בײַ אַ שטוב — נאָך גוט, װאָס ער האָט אים באַצײַטנס באַמערקט; דאָרט איז אַ פּאָליציאַנט אַריבערגעגאַנגען די גאַס; אין אַנדערע ערטער (אַזױנס האָט אױך פּאַסירט), װען ער האָט שוין יאָ געװאָגט אָנקלאַפּן און

בעטן עפעס עסן, האט די באלעבאסטע א שווערן, בייזן קוק געטאן און גע־זאגט: „פארנעם זיך, און טאקע באלד, דו בידלע, אניט וועל איך א רוף טאן וועמען מע דארף..." נאך אזא באגעגעניש פלעגט שוין לייזער ניט וואס מוירע האבן אנקלאפן אין א טיר, נאר פלעגט דערפילן אזא דער־נידעריקונג, אז ער איז בעסער גרייט געווען פאלן א פארשמאכטער, אויס־גיין פון הונגער, נאר די האנט מער ניט אויסציען.

אבער עס רעדט זיך בלויז אזוי — פאלן; ס'האט אין אים געלעבט דער גלויבן, וואס איז שטארקער געווען פון אלץ, דער גלויבן, אז ניט נאר ער מוז — ער וועט דערגיין. אין זיין אפגעשוואכטן גוף, אין זיין פארטונקלטן מויעך האט די דאזיקע אלע טעג געלויכטן איין געדאנק: ער איז פריי, ער, איינער פון טויזנט, איז פריי, און אויב פריי, איז שוין ניטא דער קויעך, וואס זאל אים אומוואלגערן. ער האט געגעסן דעם פאר־הארטעוועטן קליי פון ווילדע וויינשל־ביימער, וואס דערוואקסן צום גרינעם, איינגעביסן מיט די ציין די צארטע קארע פון א דינינקער בעריאזע און געסמאקעט דעם קוים אנקוועלנדיקן זאפט אירן, ער האט אויסגעזוכט פאראיאריקע וואלד־ניס אונטערן פוילן געבלעטער, געפרוווט קייען די ווייסע שטענגעלעך פון ערשט ארויסגעשפראצטע גרעזלעך...

איין מאל האט ער שוין געכאלעשט. געקומען צו זיך אף דער פייכ־טער, קאלטער ערד אונטער א ווערבע, האט ער אנגעשעפט מיט דער דלא־ניע א קאפעטשקע וואסער פון א קאלוזשע, באנעצט זיך די פארשמאכטע ליפן, מיט גרוים מי אויפגעשטאנען און אוועק ווייטער.

ס'איז פינצטערע נאכט. לייזער קלייבט זיך דורך צווישן נידעריקע קוסטעס און איינזאם שטייענדיקע ביימער. ס'דוכט זיך אים, אז ער גייט ניט פארויס, נאר טאפטשעט זיך אף איין ארט. ס'דרייט זיך אים אזוי אומגעהייער דער קאפ, אז די פיס בייגן זיך אונטער. יענע נעכט איז ער פארט געווען געזינטער און געגאנגען פעסטער, יעדנפאלס — אין איין ריכטונג.

א געפיל איז בא לייזערן, אז באלד וועלן די פיס שוין ניט קענען גיין, דאן וועט ער מוזן מיט די הענט אננעמען יעדן פוס באזונדער בא דער קני און איבערשטעלן אים א טראט ווייטער. אין בויך קלעמט שוין ניט, עפעס ברענט דארטן, און דאס פייער גרייכט אזש ביז די אויגן, פון מאל צו מאל טוען בלויע רייפן א פלאם פאר אים, נאר באלד ווערט נאך פינצטערער. אין די אויערן קלינגט די גאנצע צייט. דאס קלינגען בא־גלייט אים שוין עטלעכע טעג און סע דוכט זיך אים, א גוואלדיק אפגע־שוואכטן, אז דאס גייט אים נאך און פלאגט אים דער גלעקער־געקלאנג, וואס ער האט געהערט אנומלטן, ווען ער איז געלעגן פארבאהאלטן אין פעלד, ניט וויט פון א דארף.

ער האט דערזען א שוואך פייערל אין דער נאכט און זיך געלאזט אנטקעגן דעם. ער האט זיך ניט דערפרייט, ער האט איצט קיין פרייד פילן

ניט געקאנט, זיך ניט דערשראקן — אויך דאס געפיל פון שרעק האט שוין איבער אים קיין שליטה ניט געהאט. פאשעט פאלגנדיק דעם לעבנס־אינסטינקט, וואס איז נאך ניט אויסגעלאשן געווארן אין אים, האט ער זיך געלאזט גיין אהין, פונוואנען דאס פייערל האט עטלעכע מאל בלינדלעד א ווונק געטאן. ער האט זיך אנגעשלאגן אן ביימער און קיין ווייטיק ניט געפילט, געהריזנעט אין זומפיקן באדן און געפונען קויעך ארויסצורייסן די פיס. ווען דאס פייערל איז אף א ווײַלע פארלוירן געגאנגען, האט לייזער אזש א געשריי געטאן. ער האט געאײַלט, קוים איבערכאפנדיק דעם אטעם, מוירע געהאט די איינציקע שטיצע אין דער נאכט צו פארלירן.

.2

פלוצים איז לייזער שטיין געבליבן א געפלעפטער. היפשע עטלעכע רעגעס האט ער לאכלוטן ניט פארשטאנען, וואס עס קומט פאר, און זיך אפילע געהאט א לאז געטאן ווײַטער פארויס . . .

דאס פייערל — א שוואכס, איין רויט פינטעלע אין דער נאכט, — האט געפינקלט אפן טײַך, לײַכט און פאמעלעכן זיך באוועגנדיק איבער דער אויבערפלאך. ס'איז אפגעגאנגען גאר ווייניק, אז לייזער זאל זיך אין דער דאזיקער רעגע רירן פון זינען. נאר גראד דאס, וואס אין דעם מאמענט האט אין אים מיטאמאל אויפגעוואכט דער באוווסטזײַן, האט אים עפשער געראטעוועט פון מעשוגאס — ער האט פארשטאנען, אז דאס שווימט אום איבערן טײַך א פישער אין זײַן שיפל.

לייזער האט דערפילט א שטיקל טרייסט אין דעם, וואס ניט ווײַט פון אים געפינט זיך א לעבעדיקער מענטש. ער האט זיך אראפגעלאזט אף א שטיין. ס'איז אים ווי ליכטיקער געווארן אין די אויגן. איצט האט די נאכט ניט אזוי געדריקט. עמעס, די שוואכקייט האט אים ניט פארלאזט.

אין קאפ האט פלוצים דורכגעבליצט א געדאנק וועגן דער היים. א ציטער האט דורכגענומען לייזערן פון דעם דאזיקן געדאנק. מיטאמאל האט דער גאנצער ווייטיק, וועלכן ער האט אזוי ווי פארגעסן אף א פאר מינוט, ווידער אויפגעוואכט. די מאמע, צי שלאפט זי אף איר אייגענעם געלעגער? און דער פאטער, ווו איז ער? אין דער היים? און אנעליע?... ווו איז אנעליע? אין שטאט צי בא זיך אין דארף, אין גארליטשינא? זי פלעגט אלעמאל דערציילן, אז גארליטשינא ליגט ערגעץ ניט ווײַט פון דער ווײַסל; און אט דער טײַך, וואלט לייזער געמעגט שווערן, איז אויך די ווײַסל. דאס וואסער פליסט, און עפשער הײַנט קאיאר וועלן די זעלבע שטראמען זיך דורכטראגן פארבײַ גארליטשינא... און אויב זי איז אין שטאט, אנעליע, וועט ער זי זען אין עטלעכע טעג ארום... נאר ניין, בעסער ניט טראכטן וועגן דעם.

ווידער האָט זיך אַרויפגעוואַלגערט דער הונגער, — אַ קלעם אין בויך, אַ שאַרפער ברי אינעווייניק, דערנאָך — אַ שטיל סמאָקען אונטערן לעפעלע. דער קאָפּ האָט זיך געדרייט. העמערלעך האָבן אָן אויפהער געקלאַפּט אין די שלייפן.

דאָס פייערל האָט זיך גענומען דערנענטערן צום ברעג, אַף וועלכן לייזער איז געשטאַנען. ער איז אָפּגעטראָטן טיפער אין דער פינצטער און פּלוצים דערזען ניט ווייַט פון זיך אַ סילועט פון אַ שטוב, אַ פּאָר ביימער, אַ פּלויט, עטוואָס ווייַטער האָבן זיך געשוואַרצט שטאַלן אָדער קאָפּנעס.

ס'האָט זיך געהערט, ווי דאָס שיפל קומט צו צום ברעג, האָט לייזער גענומען וואַרטן אָפּן מענטשן, וואָס וועט דאָ עפּשער פאַרבייַגיין. דאָס פייַערל האָט זיך טאַקע דערנענטערט — אַ געוויינלעכער לאַמטערן מיט אַ ליכטל אין דער מיט.

ווי פאַרלוירן און אָפּגעשוואַכט לייזער איז ניט געווען, האָט ער דאָך באַמערקט, אַז דער, וואָס איז געגאַנגען מיטן לאַמטערן, האָט אַ ציטער געטאָן, ווען ער איז פּלוצים אויסגעוואַקסן פאַר אים פון הינטער אַ קוסט. יענער האָט ניט גלייַך געענטפערט אַף די עטלעכע ווערטער, וואָס לייזער האָט אַרויסגערעדט. נאָר באַלד האָט לייזער אַליין דערפילט אַ שוידער: צו זייַן געהער זייַנען דערגאַנגען די קלאַנגען, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט — דאָס זייַנען געווען ניט קיין ווערטער, נאָר אַ מין כאָרכלען. ער האָט זיך אָנגענומען מיט קויעך און ווידער געזאָגט, קוים באַוועגנדיק מיטן צונג:

— לאָזט מיך אַרייַן אין שטוב...

דער פרעמדער האָט אויפגעהויבן דעם לאַמטערן ביז דער ברוסט, אַזוי אַז לייזערס געזיכט זאָל באַלויכטן ווערן, און זייַנס — פאַרבלייַבן אין שאָטן.

— קומט...

ווען מע איז צו צו דער פאָרטקע, האָט אַ הונט, קלינגענדיק מיט דער קייט, זיך אַ ריס געטאָן מיט אַ בילערייַ, נאָר באַלד האָט זיך אין זייַן בילן דערהערט פרייַנטלעכקייט. דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן הויף, האָט דער פישער, — לייזער האָט שוין געזען, אַז ער טראָגט אַ פול קוישל פיש, — אָפּגעשטעלט זיך בּאַ דער טיר פון שטוב און אָנגעקלאַפּט. עמעץ האָט זיך דאָרט אָפּגערופן. ס'האָט אַ סקריפּע געטאָן די טיר אין פירהויז. דער פישער האָט די גאַנצע צייַט געשוויגן. מיטאַמאָל האָט ער זיך אָנגערופן צו לייזערן:

— ווער זייַט איר?

— איך וועט באַלד אַליין זען... — האָט לייזער געענטפערט. ער איז שוין אַ היפּשע צייַט אין קיין שטוב ניט געווען און איצט בלויז איין זאַך געוואָלט — מע זאָל אים ניט דורכטרייַבן. נאָר לייַגן האָט ער אויך

ניט געוואָלט — זאָל דער דאָזיקער מענטש אַליין באַשטימען, איבערלאָזן אים אין שטוב, צי ניט.

די טיר האָט זיך געעפנט, און שײַן פון לאָמטערן האָט אין פירהויז דורכגעבלענדט אַ ווײַסע פרויען־פיגור. צוגעוואָרט אַ רגע, ביז יענע איז פאַרשוווּנדן אין צימער, האָט דער פישער דורכגעלאָזט לייזערן אין פירהויז, אַליין אַרײַן נאָך אים און גענומען פאַרריגלען די טיר.

3.

דעם פישערס שטוב, ווי די מערהײַט הײַזער אין דעם טייל פּוילן, איז געבויט געווען אַזוי, אַז די שטאַל, די קעמערלעך, דאָס פירהויז, ווי אויך דער איינציקער צימער, האָבן זיך געפונען אונטער איין דאַך.

אינעם היפּשן צימער, וווּהין לייזער איז אַרײַן, איז לעבן אויוון גע־שטאַנען אַ גאַנצער בונט קאַטשערעס, און ווינקל בײַ דער טיר — אַ פאַר־מישטער צעבער, פון וועלכן ס'האָט אַ שמעק געטאָן מיט געפּאַרעטע בו־רעקעס און קלײַען, דערנעבן — אַן עמער מיט ריין וואַסער. אין צווייטן טייל צימער, בײַ די פענצטער, איז געשטאַנען אַ טיש, אויף האַלב פאַר־שטעלט מיט וואַזאַנעס, אַ בעט און אַ באַזונדער מין שלאָף־באַנק. לייזער האָט דאָס אַלץ מיט זשעדנעקייט באַטראַכט. עפּעס האָט דאָ אין צימער די מידקייט אים אַ ביסעלע אָפּגעלאָזט. ס'איז געווען אַזוי גוט צו זײַן אין דער וואַרעם, פּילן איבערן קאָפּ אַ סטעליע צום ערשטן מאָל פאַר וויפל צײַט.

דער פישער האָט דערווײַל אָנגעצונדן אַ קאַגנעצל אויפן טיש און גע־לאָזן ברענען אויך דעם לאָמטערן, וועלכער איז געבליבן שטיין אויפן דיל, לעבן קוישל. די פיש האָבן דאָרטן שטיל זיך געוואָרפן, געצאַפּלט, ס'האָט זיך קוים געהערט דער פּליעסק פון זייערע גליטשיקע לײַבער. דער פישער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף לייזערן, און דאָס האָט אים גראָד באַרויִקט. די באַלעבאָסטע איז אײַנגעשלאָפן.

— נו, קומט צום טיש, וועט איר עפּעס איבערכאַפּן, — האָט דער פישער זיך געווענדט צו לייזערן.

בײַם טיש האָט דער פישער אַ ווײַלע אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם גאַסט. אין דעם אַלטנס עטוואָס צוגעזשמורעטע אויגן האָט דורכגעשוועבט זאָרג, דאָס בערדיקע געזיכט האָט אויסגעדריקט מיטלייד. דעם דאָזיקן אויסדרוק האָט לייזער שוין אויסגעלערנט זיך איבערלייענען אויף פּנעמער בײַ מענטשן: בײַ אַ באַגעגעניש איז דאָס געווען דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געדאַרפט באַמערקן, קעדיי מער־ווייניקער זײַן רויִק. ער האָט זיך אוועקגעזעצט, ווו דער פישער האָט אָנגעוויזן, יענער האָט פאַרזיכטיק גע־נומען אויפן פּריפּעטשיק אַ טעלער זופּ און אים אוועקגעשטעלט לעבן ליי־זערן. דעם צווייטן טעלער האָט ער גענומען זיך. אוועקגעזעצט זיך בײַם

טיש, האָט דער פישער אָפּגעשניטן אַ דין שטיקל ברויט און עס אוועק־געלייגט לעבן לייזערס טעלער.

— איך זשאַלעווע איַיך ניט, — האָט ער געזאָגט, — נאָר איך וועל אײַך איצט מער ניט געבן... איר האָט, אוואדע, לאַנג ניט געגעסן...

בײַ לייזערן האָבן טרערן געגעבן אַ שפּאַר פון די אויגן, ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. דער פישער האָט עס ווי ניט באַמערקט, געגעסן ווײַטער, האָט לייזער אויך אָנגעהויבן עסן.

פאַרענדיקט די וועטשערע, האָט דער פישער גענומען פון דיל דעם לאָמטערן און געהייסן לייזערן גיין נאָך זיך. געמיטן דאָס פירהויז, דעם שטאַל, איז מען אַרײַן אין אַ קלענערן קעמערל, וואָס איז ביז האַלב גע־ווען פאַרלייגט מיט היי. אויף איבערגעצויגענע דרענגלעך און אויף רעדער פון אַ צעבראָכענעם וואָגן האָבן דאָ געדרעמלט הינער, אײַנגאָנצן בלינדע בײַ דער שײַן פונעם לאָמטערן, אין אַ ווינקל איז געשטאַנען צוגעבונדן אַ ציג. דער פישער האָט אויפגעהויבן אַ דראַבינע פון אַ וואָגן, אויף וועל־כער עס זײַנען געזעסן עטלעכע הינער — די הינער האָט ער פריער פאַר־זיכטיק איבערגעזעצט אויף אַן אַנדער אָרט, געזען, זיי זאָלן קיין טומל ניט מאַכן, — הינטער דער דראַבינע זײַנען ערשט געווען איבערגעלייגט נאָך ברעטער און אונטער זיי איז געווען אַן אויסגעהוילט אָרט, אויסגעבעבעט מיט שטרוי.

— אָט דאָ וועט איר איבערשלאָפן, — האָט דער פישער געזאָגט, — דאָ וועט אײַך דער טײַוול אַליין ניט געפינען.

ער האָט פאַרדעקט לייזערן מיט די ברעטער, אַראָפּגערוקט צוריק די דראַבינע, אוועקגעזעצט די הינער אויף זייער אָרט.

— טאָמער ווילט איר אַרויסקריכן — איז אָט דאָ אַרום, — האָט ער אָנגעוויזן לייזערן אַ שפּאַרונע צווישן דער ערד און די ברעטער, — אַ גוטע נאַכט...

4.

ווי די נאַכט איז פאַרשוואונדן, האָט לייזער ניט געדענקט. דאָס ער־שטע מאָל פאַר גאָר אַ לאַנגער צײַט איז ער אַזוי געשלאָפן. עפּעס איז עס גאָר קיין שלאָף ניט געווען, נאָר ווי דאָס לעבן וואָלט זיך אויף דער דאָזיקער צײַט אײַנגאַנצן אָפּגעטאָן פונעם גוף, אַלע לײַדן און זאָרגן זײַנען פאַרשוואונדן. דער נאָגנדיקער ווייטיק אין אַלע איווורים איז ניט געוואָרן. געוויינט שוין אַ שטיק צײַט צו שלאָפן בײַטאָג, ערגעץ פאַרשטעקט און באַהאַלטן, איז לייזער אויך דאָס מאָל אָפּגעשלאָפן קימאַט דעם גאַנצן טאָג. זײַן פאַרנעפּלטער מויעך האָט דאָווקע פאַרנומען דאָס קרייען פון הענער אין שטאַל. נאָר געדוכט האָט זיך אים, אַז דאָס איז אַ ווײַטער האָנען־קריי פון אַ דערפל, וווּהין ער וואָגט ניט אַרײַנגיין. בײַטאָג איז זײַן

שלאף געווארן אומרויקער, — ווי שטענדיק, ווען ער איז געלעגן ערגעץ אין די סקירדעס. נאר ער האט אלץ ניט געקאנט אויספלאנטערן זיך פון אים. אויפגעכאפט האט זיך לייזער ערשט פארנאכט פון דעם, וואס די הינער זיינען ווידער געקומען אף זייער סידעלע, גענומען פארען זיך אין דער האלב־פינצטערניש, אראפגעריסן זיך בלינדלעכע פון דער דראבינע, פאטשנדיק פארלוירן מיט די פליגל. געעפנט די אויגן, האט לייזער מער דערפילט, איידער דערזען, איבער זיך די ברעטער און דאס שטרוי. דאס דאזיקע ארט האט זיך אים איצט אויסגעוויזן אזוי געמיטלעך, אז ס׳איז אים א שאד געווען, וואס דער שלאף האט זיך פארענדיקט. צו ביסלעך האט צו לייזערן זיך אומגעקערט דער באוווסטזיין. ער האט זיך דערמאנט אינעם פישער, וועלכן ער האט אפילע ניט באוויזן צו באטראכטן, דער־מאנט זיך דאס בלאנדזשען אין די נעכט, א טראכט געטאן וועגן דעם, וווהין און נאך וואס ער גייט...

ווען ער איז אינגאנצן וואך געווארן, האט ער דערשפירט, אז ער איז הונגעריק. נאר צוליב דעם האט זיך נאך ניט געוואלט אויפהייבן. ער האט זיך איינגעהערט אין דעם, וואס עס קומט פאר ארום אים: די הינער האבן זיך שוין איינגעמאסטעט, אנשטילט געווארן, בלויז געקוואטשקעט פון מאל צומאל, רויק און פרידלעך, די ציג האט מיט די הערנער סטאם אזוי גע־בוצקעוועט די בערוועגעס פון דער וואנט. ערגעץ בא א זייט, אין א צווייטן שטאל, האט ער געהערט דאס שווערע סאפען פון א מאלעגיירענדיקער קו. עס האבן זיך דערהערט טריט אין פארהייזל, א סקריפ פון א טיר, א גראב־לעכע און רויקע מענער־שטים. „דאס איז, מיסטאמע, דער פישער" — האט לייזער א טראכט געטאן און גענומען ארויסקריכן פון זיין באהעלטעניש.

ווען לייזער האט זיך באוויזן אף דער שוועל, האט זיך דער פישער געפארעט לעבן פלויט בא די פונאנדערגעהאנגענע נעצן. ס׳איז געווען בלויער פארנאכט. באמערקט לייזערן, האט דער פישער א שאקל געטאן מיטן קאפ און איז צוגעגאנגען צו אים אף זיינע קרומלעכע פיס — די קנעכלעך פון די קני האבן ארויסגעשטארצט, ווי געווינלעך בא רעומא־טיקער.

— א גוטן אוונט, — האט ער געזאגט, — דעם „גוט־מארגן" און דעם „גוטן־טאג" זייט איר שוין פארשלאפן...

— איך בין, ווי אף א נייער וועלט, — האט לייזער געענטפערט.

— יידער איז די וועלט אן אלטע און וואס עלטער, ווי איר ווייסט, אלץ ערגער, — האט דער פישער א שמייכל געטאן אין זיין שלעכט־ארומ־געשארענער באַרד, — דאס זייט איר זיך פראסט אויסגעשלאפן א ביסל... איצט דארפט איר עפעס אפעסן, איר זייט דאך נאך פון נעכטן געבליבן הונגעריק. גייט, ביטע, אין שטעלעכל, איך קום באלד מיטן עסן אהין.

לייזער האט געגעסן פיש־יויך, פארביסן מיט א געפרעגלטן שטיק סאם, און געפלייסט זיך דאס אלץ צו טאן אזוי, אז די הענט זאלן בא

אים ניט ציטערן. ער האָט געהאַלטן די שטיק פיש אין די הענט, געשפּיגן די ביינדלעך אַפן שטרוי און מיט ביטערניש געטראַכט, אַז פיש דאַרף מען דאָך אייגנטלעך עסן מיט אַ גאָפּל, און די ביינדלעך צונויפלייגן אַפן ראַנד טעלער.

— איך קלער, איר וועט אויך הײַנטיקע נאַכט פון קיין שלאָפלאָזי־קייט ניט לײַדן, — האָט דער פישער געזאָגט, ווען לייזער האָט פאַרענ־דיקט עסן, — פאַרבלײַבט געזונט.

לייזער האָט זיך פאַרטראַכט אַף די דאָזיקע ווערטער דעם פישערס — צי איז דאָס אַן אָנצוהערעניש, אַז ער איז אים דאָ גרייט צו האַלטן בלויז נאָך איין נאַכט, צי פאַרקערט, ער גיט אים אַזוי צו פאַרשטיין, אַז ער מעג דאָ בלײַבן, וויפל ער וויל. לייזער האָט לאַנג ניט געקאָנט אײַנשלאָפן — אין דער צײַט איז ער שוין געוווינט געוועזן גיין. ניין, בלײַבן קלײַבט ער זיך דאָ ניט. ער דאַרף גיין. און וועט טאַקע אוודאי ניט שפּעטער, ווי מאָרגן, אוועק פונדאַנען. דאָס דאָזיקע ווינקל, די נאָרע אין שטרוי, אונ־טער די דראַבינעס, ווי גוט דאָ זאָל ניט זײַן צו שלאָפן (זײַנע זײַטן גוייען נאָך ביז איצט ניט נאָר פון דער פײַכטער, קאַלטער ערד, נאָר פון די האַר־טע ברעטער, אַף וועלכע ער האָט זיך אַזוי לאַנג געוואַלגערט), די דאָזיקע נאָרע איז ניט פאַר אים. ער איז אײַנגעשלאָפן, טראַכטנדיק מיט מער זי־כערקייט און האָפענונג וועגן זײַן באַגעגעניש מיט די עלטערן, מיט אָנע־ליען און מיט כאַווירים, וואָס וואַרטן אַף אים. דאָס איז געוועזן אַ שלאָף פון אַ טויט־מידן מענטשן, צו וועלכן עס קערן זיך אום די קויכעס. אויפ־געכאַפּט האָט ער זיך ערשט אַף מאָרגן אין אָוונט.

אויך דעם פאַרנאַכט איז אַלץ געווען, ווי נעכטן. דער פישער האָט אַ ביסל ווײַטער פון הויף, לעבן ברעג, זיך געפּאָרעט באַ אַן איבערגעקערט שיפל, געשמירט עס מיט סמאָלע. לייזער האָט דערזען דעם טײַך. יאָ, דאָס האָט געמוזט זײַן די ווײַסל. באַמערקט האָט לייזערן דעם פישערס הונט, וואָס האָט זיך געדרייט לעבן באַלעבאָס, ער האָט זיך צעבילט. דער פי־שער האָט טייקעף געוואָרפן די אַרבעט און זיך געלאָזט צום גאַסט.

— עס איז ניט קעדײַ זיך צו באַווײַזן אין הויף, — האָט ער גע־זאָגט, דערלאַנגענדיק אים אַ האַנט, — ס'איז טאַקע אַ פאַרוואָרפן ווינקל, נאָר אַמאָל קאָן אויך אַהער קומען עמעצער אַן אומגעבעטענער.

לייזער האָט דערפילט, אַז דאָס בלוט האָט אים אַ זעץ געטאָן אין פּנים. ער האָט געזאָגט שטיל, נאָר אַנטשלאָסן:

— איך גיי הײַנט אוועק... אַ דאַנק פאַר אַלץ.

דער פישער האָט אים אויפמערקזאַם באַטראַכט.

— קומט אַרײַן אין שטוב, — האָט ער געזאָגט, — איר וועט עפּעס איבערכאַפּן אַפן וועג, כאָטש דעם איז נאָך צו ליכטיק.

מיט אַ שיסל אויסגעדרייט גרעט אַפן קאָפּ האָט פון ברעג זיך אויפ־געהויבן דעם פישערס ווײַב, שוין ניט קיין יונגע, בלאָנדע פרוי. זי איז צוגעקומען, צוריקגעהאַלטן־קאַלטלעך באַגריסט זיך מיט לייזערן.

אָפּגעגעסן, — דערווײַל איז שוין פינצטער געוואָרן אין דרויסן, — האָט לייזער זיך גענומען געזעגענען מיט מאַן־און־ווײַב. דער פישער איז אים נאָכגעגאַנגען. שוין בײַ דער שוועל האָט ער געזאָגט צו דער פרוי:

— איך וועל, מעגלעך, ניט קומען הײַנט נעכטיקן, מעגסט פאַרריגלען די פאָרטקע פון הויף און דעם הונט אָפּלאָזן פון דער קייט.

5.

לייזער מיטן פישער זײַנען שווײַגנדיק אַרויס פון הויף.

איצט, ווען לייזער האָט געהאַלטן בײַ לאָזן זיך אין וועג, האָט אים ווידער אַרומגעכאַפּט אַן עלנטקייט. כּוח דעם איז ער נאָך פאַרט גוואַלדיק שוואַך געווען, די מידקייט האָט פאַר די צוויי טעג זיך ערשט גענומען אויסוועפּן... בײַ דער פאָרטקע האָט ער זיך אין פאַרלעגנהייט אַרומגעקוקט, ניט ווייסנדיק, אין אַ וועלכער זײַט ער דאַרף זיך לאָזן. דער פישער האָט אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט און אַוועקגעפירט צום ברעג. אָפּגעשטעלט זיך־דאָ לעבן אַ שיפל, וואָס איז אַרויסגעשלעפּט געווען אויפן זאַמד, האָט ער געזאָגט:

— איך ווייס, ליבער מענטש, ווער איר זײַט...

— כ׳פאַרשטיי, אַז איר ווייסט, — האָט לייזער געענטפערט.

— אײַן זאַך ווייס איך נאָך ניט — אין וועלכער זײַט איר גייט: צו דער שטאָט ק׳ צי פון איר?

— צו דער שטאָט... כ׳האָב דאָרט אייגענע.

— אייגענע... איצט איז אָבער אַ צײַט, ווען מע איז ניט פון יעדן קאָרעוו צופרידן...

— טאַטע־מאַמע...

— אַפילו טאַטע־מאַמע, איבערהויפּט פון אײַער שטאָט, זײַנען איצט גערן, ווען דער זון איז ווײַטער פון זיי און ווײַטער פון געפאַר.

— כ׳גיי פון געפאַנגענשאַפט, די עלטערן רעכענען מיך שוין פאַר אַ געהאַרגעטן. כּוח דעם, אַז פון צוויי זין בלײַבט איינער, איר דער איינער נאָך צען מאָל טײַערער... — לייזער האָט טרויעריקלעך אַ שמייכל געטאָן און מיט רירנדיקן צוטרוי אַ קוק געטאָן אויפן פישער.

— אַ ברודער פאַרלאָרן? — האָט דער פישער איבערגעפרעגט. — ווו? בעיסן אָנפאַל?

— ניין, דאָס איז שוין אַן אַלטע געשיכטע. אין שפּאַניע...

— אַזוי גאָר... און איר זײַט ווו אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט?

— אין וואַרשע.

— אין וואַרשע? — דער אַלטער האָט פּאַמעלעך צעקעמט מיט די פינגער אויף בײדע זײַטן זײַן ניט גאָר לאַנגע, נאָר געדיכטע געלבלעכע באָרד, אַ פײַערלעכקייט און פאַרקלערטקייט האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אויף זײַן עטוואָס צוגעשוואָלן, צעקנײטשט געזיכט.

— אַזוי, אַזוי, זײַט איר דאָרט געווען... וואַרשע האָט באַוויזן, וואָס מיר קענען, — האָט ער שטיל געזאָגט און אָפּגעקערט דאָס געזיכט צו דער ווײַסל, וואָס איז פרײַ און ברייט געפלאָסן אין ביינהאַשמאָשעס.

אין לייזערן האָט דאָס האַרץ אַ וואַרעמען צאַפּל געטאָן, ס'האָבן אים אַרומגעכאַפּט העלע דערמאָנונגען, נאָר ער האָט בלויז אַרויסגערעדט:

— יאָ, ווירקלעך...

— העלפט מיר, ביטע, אָפּשטויסן דאָס שיפל פונעם ברעג, — האָט דער פישער געזאָגט, — פונדאַנען איז אַ דרײַ נעכט צו פאָרן מיטן טײַך צו דער שטאָט, איין נאַכט וועל איך אײַך צופירן... כ'דאַרף זיך פונקט צוכאַפּן אין אַן אָרט דאָרט דערנעבן...

מע האָט זיך געזעצט אין שיפל, לייזער — צו די וועסלעס, דער פישער — באַם רודער. ביידע האָבן זיך געפלײַסט פאַר דער נאַכט מאַכן וואָס מערער וועג און האָבן געשוויגן. בלויז פון מאָל צו מאָל האָט דער פישער געלאָזט פאַלן באַמערקונגען, גאַנץ זײַטיקע, — וועגן אַ העכט, אַז ער עסט אויף אַ יאָר אַזויפיל פיש, וואָס דאָס וואָלט קלעקן פאַר אַ גאַנצער מישפּאָכע מענטשן צו שפּײַזן זיך צוויי וואָכן צײַט, — דאָס איז געזאָגט געוואָרן, ווען אין שטילן וואַסער האָט זיך אַ פּליעסקע געטאָן אַ פישל, וואָס איז, אַנט־לויפנדיק פון אַ רויבער, אַרויסגעשפּרונגען איבער דער אויבערפלאַך פון טײַך; וועגן דעם טײַך — אַז אָט וויפל אומרייניקייטן מע וואַרפט אין אים, וויפל בלוט עס גיסט זיך אַרײַן אַהער, און דאָס וואַסער איז קלאָר און ריין און פליסט שטיל און רויִק, ווי דאָס לעבן אַליין; וועגן אַ נאַכט־פויגל, וואָס איז דורכגעפלויגן איבערן וואַסער און פאַרשוווּנדן צווישן טשערעט — אַז אָט באַנאַכט, באַ דער שײַן פון שטערן דערזעט ער אַ פישל אין טײַך, און באַטאָג, ווען עס לויכט די זון, זעט ער גאָרניט, די שײַן פאַרבלענדט אים... אַ פּאָר מאָל האָט דער פישער אויך געפרעגט עפּעס וועגן וואַרשע, אַף וועלכע גאַסן לייזער האָט זיך דאָרט געשלאָגן — דער אַלטער האָט געקענט די שטאָט. קיין שמועס האָט זיך אָבער ניט פאַרקניפּט. די ברעגן מיט די קלענערע און גרעסערע יישובֿים האָבן זיך געשוואַרצט באַ ביידע זײַטן. ניט איין מאָל איז דאָס שיפל געגאַנגען אין שאָטן פון ווערבעס און קוסטעס, וועלכע זײַנען באַם סאַמע וואַסער געוואַקסן. דאָ און דאָרט האָבן זיך געטראָפן פישער, פאַרנומען באַ זייער באַנאַכטיקן פאַנג, מ'האָט גע־קאָנט באַגעגענען פּאָליציי, פּאַטרולירנדיקע דײַטשן, האָט מען געדאַרפט שווײַגן.

קאַיאָר, ווען די ערשטע שטראַלן פון דער זון האָבן גענומען רויטלען דעם האָריזאָנט, האָט דער פישער שאַרף אַ קער געטאָן דעם רודער. דאָס שיפל האָט זיך אַ גליטש געגעבן איבערן וואַסער און אײַנגעשניטן זיך אין פײַכטן, מיט טשערעט פאַרוואַקסענעם ברעג. אַרום איז געווען פּוסט. ווײַטלעך, הינטער אַ לאָנקע, וואָס איז ווי צעפּאַסעוועט געווען מיט שמאָלע זומפּן און פאַרדעקט מיט פאַראַיאָריקן צוגעוויאַנעטן גראָז, האָט זיך געזען

א גערדיכטער וואַלד. אַרויסגעשפּרונגען אויפן ברעג, האָט דער פּישער געגור־
מען אַרויסשלעפּן דאָס שיפל. לייזער האָט אים געהאָלפן.

— כ׳מיין, אַז באַטאָג וועט איר אין ערגעץ ניט גיין, — האָט דער
פּישער געזאָגט, — דאָ איז אַ גאַנץ פאַרוואָרפענער ברעג, וועט איך דאָ
זיין באַקוועם איבערצוּוואַרטן ביז אָוונט. אויב איר ווילט — זיצט צו
באַם שיפל אַ שאַ, אַנדערהאַלבן. כ׳וועל נאָר צוגיין צו אַ באַקאַנטן און
זיך באַלד אומקערן.

לייזער האָט איינגעשטימט.

די זון האָט זיך אויפגעהויבן אַלץ העכער, די לופט איז פול געוואָרן
מיט אַ קוואַקעריי פון פרעש, ערשט אויפגעוואַכטע באַבעלעך האָבן זיך
געטראָגן צווישן די קוסטעס. אין לייזערן האָט אָנגעקוואָלן עפּעס אַ מונ־
טערקייט, וועלכע ער האָט שוין אַזוי לאַנג ניט געשפּירט. דעם דאָזיקן
געפיל, האָט ער געוווּסט, האָט אָנגעווייעט ניט נאָר דער פרילינג, נאָר אויך
די באַגעגעניש מיטן פּישער, די דערמאָנונגען וועגן וואַרשע, וועלכע יענער
האָט אין אים דערוועקט.

שוואַך איז ער נאָך אָבער געווען, כוץ דעם — היפּש איינגעמידט פון
אַ גאַנצער נאַכט אַרבעטן מיט די ווּעסלעס, כאָטש דער פּישער האָט געזען
ניט נאָר רודערן, נאָר אויך מיט זיין ווּעסלע אים העלפן. די מידקייט וועט,
פאַרשטייט זיך, שנעל דורכגיין, אָבער די שוואַכקייט — דאָס איז עפּעס
אַנדערש. עס דאַרף אַ ביסל דויערן, ביז ער וועט קומען צו זיך, אָט, דער
קאָפּ דרייט זיך אים, דרייט זיך פון דעם אַליין, וואָס די זון וואַרעמט
שטאַרקער. אין די אויערן שטייט אַ קרענקלעך, טויב הודזשען — צי פון
די פרייע פרילינגדיקע ווינטן, צי פון אויסגעשעפּטקייט, די שעמערידנדיקע
שיין האָט אים געשניטן די אויגן, נאָר דאָס האַרץ איז שוין באַ אים געווען
אָפּגערייניקט פונעם נעפּל, וואָס האָט עס אַזאַ לאַנגע צייט איינגעהילט, און
גאַנץ קלאָרע האָפענונגען האָבן זיך אין דעם געגעסטיקט. דאָס, וואָס האָט
אים אַזויפיל שווערע טעג, אַן אויסגעצערטן, געצויגן צו זיך דורך וועלדער
און פעלדער, איז איצט אומגעהייער נעענטער געווען.

דער פּישער האָט זיך אומגעקערט אַרום האַלבן טאָג. די ערד איז
פּייכט געווען, האָט ער אָנגעבויגן אַ גערדיכטן קוסט און זיך צוגעזעצט
לעבן לייזערן. לייזער האָט באַמערקט אין זיין געזיכט געצוימטע אויפגע־
רודערטקייט. אויפן קני האָט ער געהאַלטן עפּעס פאַרוויקלט אין אַן אַלט
שטיקל נעץ. ער האָט צונויפגעדרייט אַ ציגאַר מיט די קנעכלדיקע פינגער,
נאָר ניט געזוכט קיין פייער.

— אַזאַ מענטש בין איך, — האָט דער פּישער געזאָגט, — מער פון
אַלץ האָב איך פיינט, ווען עמעצער האָט אַף מיר ראַכמאָנעס. פּילסט מיר
מיט בעיים, אַז אומגליק, איז שוויַיג, וועסטו מיר אַ גרעסערע טויווע טאָן
— די ווונד ניט אָנרירן און מיין שטאָלץ ניט דערנידעריקן. אָט דערפאַר
וואָלט איך אייך עפּשער גאָרניט געדאַרפט זאָגן. איצט איז אָבער אַן

אנדער צײַט. אזא ווילדע צײַט, אַז ניט נאָר דער שטאָלץ — דער מענטש אַליין ווערט צעטראָטן, — ער האָט פֿאַרשעריש און מיט צוטרוי אַרײַנגע־קוקט לייזערן אין די אויגן, — זאָגט, איך בעט אײַך, איר גייט אין שטאָט, איר קענט דאָרט גלײַך אָנטרעפֿן אַף הונדערטער געפֿאַרן, איז מיט וואָס קלערט איר זיך באַשיצן? אויב שטאַרבן — איז כאָטש ניט אומזיסט.

באַ לייזערן האָט טרויעריק זיך צונויפֿגעדריקט דאָס האַרץ. נאָר גע־קוקט האָט ער אַפֿן פֿישער אַזוי, ווי ער זאָל ניט אינגאַנצן פֿאַרשטיין זײַנע רייד.

— נו, ס׳טרעפֿט אײַך אַ געסטאַפּאָווען, אַ דײַטשישער זעלנער, עמע־צער ווײַזט אָן אַף אײַך, וועט איר וואַרטן, ביז מע וועט אײַך כאַפּן, צי איז דען ניט בעסער... ס׳הייסט, איר זײַט ווײַט ניט איינער... נאָר...

לייזער האָט געשוויגן. דאָס, וועגן וואָס ער האָט טראַכטן ניט געוואָלט, נאָר די גאַנצע צײַט אין דעם גערענקט, איז איצט געשטאַנען פֿאַר אים מיט דער גאַנצער האַרבקייט און האָט געפֿאָדערט אַן ענטפֿער.

דער פֿישער האָט פּאַרזיכטיק אָוועקגעלייגט דעם ניט אָנגעצונדענעם ציגאַר אין אַ צעצווײַגונג פֿון צוויי לאָזעס און גענומען פֿונאַנדערוויקלען דאָס פּעקל, וואָס ער האָט געבראַכט. לייזער האָט דערזען אינעם פֿישערס הענט אַ דײַטשישן פּאַראַבעלום מיט אַ טעמפּ הילצערן הענטל און אַ שמאָלער אַרויסשטאַרצנדיקער רער. אין די ערשטע רגעס איז ער פֿאַשעט פֿאַרבלענדט געוואָרן פֿון דעם, וואָס עס האָט זיך פֿאַר אים אַנטפּלעקט.

— פֿאַר אַנדערהאַלבן יאָר זע איך דאָס ערשטע מאָל געווער באַ אַ פּרײַוואַט אין די הענט. — ער האָט ניט געוואָגט אויסשטרעקן די האַנט נאָכן געווער, נאָר די אויגן זײַנע האָבן אַ פֿלאַם געטאָן.

— כ׳ווייס, ווען איך ווײַז עס... געווער איז איצט פֿאַר אײַך דאָס טײַערסטע... — דער פֿישער האָט מיט די דאָזיקע ווערטער אי געוואָרנט, אַז דער סאָד זאָל זײַן אַ סאָד, אי צוגעגעבן זיי אַ פּאַרטײַעטן אַרויסרוף.

לייזער האָט געשוויגן.

דער פֿישער האָט ניט פֿאַרוויקלט אין נײַ דעם פּאַראַבעלום, ניט געגעבן אים לייזערן אין די הענט צו באַטראַכטן, אַליין אויך אַפֿן געווער ניט געקוקט. זײַן בערדיק געזיכט איז געווען כמורנע, די אויגן האָבן עטוואָס געקאָסעט צום וואַלד, ווי ער זאָל אינעם באַטאַגיקן בלויעלכן נעפּל, וואָס האָט די געדיכטעביימער־וואַנט פֿאַרצויגן, עפּעס זען אָדער שפּירן.

דאַן האָט לייזער באַשטימט אַרויסזאָגן דעם געדאַנק, וואָס איז אין אים שוין לאַנג, ניט בלויז איצט, באַ דעם פֿישערס ווערטער, רײַף געוואָרן ווי אַ באַשלוס:

— עס גייט ניט בלויז אין באַשיצן דאָס אייגענע לעבן, דעם אייגענעם שטאָלץ...

— נו, דאָס איז שוין, ווי ווער עס קוקט אַף זאַכן...

— פאַר זיך אַליין קאָן מען אויך מיט אַ פרענט אײַזן אָפּצאָלן... מיט אַ שטיין...

דער פישער איז פאַרנומען געווען מיט זײַנעם אַ געדאַנק, אַף לייזערס ווערטער האָט ער בלויז צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. מיטאַמאָל האָט ער מיט דער זעלבער פאַרטײַעטקייט אין שטים, וואָס פריִער, אַרויסגערעדט:

— כ'מיין, איר פאַרשטייט, מיר זײַנען ניט אַזוי רײַך, אַז מיר זאָלן אַבי וועמען אַזעלכע מאַטאַנעס שענקען. — ער האָט געזאָגט „מיר" און פון אונטער די ברעמען שאַרף אַ קוק געטאָן אַף לייזערן, — אָט האָט איר געוועהר, נאָר דער וועג צו דעם פירט דורך יענעם וואַלד... דאָרט קאָן איך אײַך אָנווײַזן פרײַנט, עמעס, דערווײַל נאָך ניט קיין סאַך. איינעם, אַגעוו, וועט איר דאָרטן טרעפן פון די וואַרשעווער באַריקאַדעס...

האָט, הייסט עס, אָט דער קלוגער און וווילער מענטש פאָרט ניט פאַר־שטאַנען לייזערן. ער קוקט אַף אים, ווי אַף איינעם, וועלכן ער וויל אי ראַטעווען, אי אַף אַ וועג ריכטן. ניין, לייזער האָט ניט גאָרניט קעגן אָט דעם וועג, אָבער ער וויל, מע זאָל אויך אים פאַרשטיין, ער וויל, מע זאָל שאַצן העכער ניט נאָר אים, נאָר די פיל קינפּטיקע כאַווײרים זײַנע, וועלכע ער וועט זיכער אין שטאָט ערשט געפינען, און די, וואָס וואַרטן שוין אַף אים דאָרטן; שאַצן העכער די מענטשן פון זײַן שטאָט, וועלכע ווערן איצט דערנידעריקט, ווי נאָך קיינמאָל.

— דער וועג צו געוועהר קאָן דאָך אויך פירן דורך דער קשיוווע־גאַס...

— ער האָט אָנגערופן איינע אַ ראַנד־גאַס פון דער שטאָט ק' — ער קאָן פירן דורך דער לענאַרטאָוויטשער... דאָרט זיינען קיין ביימער ניטאָ, נאָר דאָרט זײַנען פאַראַן מענטשן. ניט נאָר טאַטע־מאַמע זײַנען מיר טײַער אין שטאָט, כ'מיין, איר קאָנט מיר גלייבן.

— אַזוי, אַזוי, — האָט דער פישער אַרויסגערעדט, און לייזער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, צי באַווויליקט ער אַזוי זײַנע ווערטער, צי פאַרקערט — דאָס איז שוין פאַרבאָרגענער אומצוטרוי און פאַרורטיילונג. עפּעס האָט ווי אַ שאָטן פון אָפּגעפרעמדטקייט זיך אַוועקגעלייגט אַף יענעמס געזיכט, — נו, איז וואָס זשע... מירן אַ קוק טאָן... איר וועט עפּשער אַמאָל לאָזן גריסן פון דער קשיוווע־גאַס...

— פון דער קשיוווע־גאַס, צי פון אַן אַנדערער... — לייזער האָט היציק געוואָלט זאָגן, אַז אַ גרוס וועט זײַן, נאָר באַלד פאַרכאַפּט זיך, דערשטיקט אָט דעם אויפברויז, — איך דאַנק אײַך פאַרן צוטרוי. עס קאָן מיך נאָך ברענגען דער וועג צו אייער טיר... נאָר ווינטשט מיר בעסער, ווי אַ פרײַנט, איך זאָל אין שטאָט זיך ניט אַנטוישן.

באַם פישער איז דאָס געזיכט ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. איין ווײַלע האָט זיך לייזערן אַפילע אַ דוכט געטאָן, אַז באַ יענעם אין די אויגן האָט אַ ביטער שמייכעלע זיך באַוויזן, אַ גליטש זיך געגעבן צו די טיפע קנייטשן באַ דער נאָז. נאָר ניין, דאָס איז גאָר עפּעס ווי אַן אויסדרוק פון באַדויערונג,

זארג. טראפנדלעך שוויים זיינען ארויסגעטראטן אפן אלטנס שטערן אונטערן צעבויגענעם דאשעק.

דער פישער האט פארוויקלט דעם פראבלעם אין נעץ, אפגעזוכט דעם ציגאר צווישן דער צעצווייגטער לאזע, אריינגערוקט אים אין קעשענע פון דער ברעזענטענער מארינארקע. ער האט זיך אויפגעהויבן. מיט א געענדערטער שטים האט ער געזאגט:

— גיין ראט איך אייך פאזע דעם ברעג. פאר א דריי נעכט, אויב איר וועט גוט שפאנען, וועט איר זיך דערלאנגען אהיים.

ער האט אויסגעשטרעקט לייזערן די האנט, יענער האט זיך אויפגעהויבן און פעסט זי געדריקט.

— איך דאנק אייך, פאר אלץ דאנק איך אייך, אפילע פאר דער מאטאנע, וועלכע כ׳האב ניט גענומען... און איך בעט אייך — פארשטייט מיך, פארשטייט, אז דאס זאג איך זיך ניט אפ פון געווער. מיין ברודער איז אין שפאניע געפאלן אן געווער, ער האט עס געקראגן אפן ארט. וויכטיק איז געווען דער פונק, וואס האט אין זיין הארץ געטליעט. די כייע־ראע האט זיך דאן ארויפגעוואלגערט אף שפאניע, איז ער געווארן איר סאלדאט. נו, און די מענטשן, צו וועלכע איך גיי — מע דארף זיי נאך עפשער וועקן. כ׳וועל אייך זאגן מער: איך מוז דארטן זיין. דער פונק, וועלכן איך טראג, איז, גלייב איך, גרעסער פון איין פיסטאלעטן־שאס...

— איז גייט, גייט אין שטאט. דער איקער — ניט אויסברענגען אומזיסט דאס ביסל בלוט, וואס יאגט אין די אדערן. זייט געזונט.

לייזער האט אים געהאלפן אפשטויסן דאס שיפל פון ברעג, כאטש דער פישער האט עס אליין לייכט געטאן, אנשפארנדיק זיך מיט א וועסלע אין ברעג. דאס שיפל איז האסטיק ארויסגעשווומען אף דער מיט טייך. לייזער איז געבליבן אליין צווישן די קוסטעס אפן ברעג. ער האט אראפגענומען דעם צעקנייטשטן הוט פון קאפ, קעדיי א פאך טאן מיט אים צום פישער, ווען יענער וועט זיך אומקוקן. נאר דער פישער האט זיך ניט אומגעקוקט, פעסט און פאראקשנט געארבעט מיט די וועסלעס. און ווען ער האט פלוצים זיך אומגעקערט שוין פון גאנץ וויים, איז לייזער געשטאנען אזא צערודערטער, אז ער האט ניט באוויזן מיט דעם הוט א פאך צו טאן...

II. אַן גוועווער

1

לייזער איז פֿאַר די דרײַ נעכט ניט דערגאַנגען צו דער שטאָט ק'. אַ ביסל האָט ער זיך פֿאַרפּלאָנטערט צווישן די קוסטעס און דעם טשערעט פֿון די פּאַרזומפּיקטע לאָנקעס — ווײַט אַוועקגיין פֿונעם טײַך האָט ער ניט געוואָלט, — און אַ ביסל האָט דער פֿישער טאַקע איבערגעשאַצט זײַנע קויכעס אויך. „גוט שפּאַנען", ווי יענער האָט זיך אויסגעדריקט, האָט לייזער נאָך ניט געקאָנט. ער איז שוין געגאַנגען פֿיר נעכט און געהאַט אויסזיכטן ערשט אין דער פֿינפֿטער נאַכט צוקומען צו דער שטאָט. מיט העכער אָנדערהאַלבן יאָר צוריק איז ער אַרויסגעפֿאָרן פֿון דאָרט מיט דער באַן — אין גרונט אַ גרינער באָכער, וואָס טראָגט זײַן לעבן אַנט־קעגן דער געפֿאַר. איצט האָט ער, ווי אַ דערוואַקסענער, געהיט די קויכעס, וואָס האָבן צוביסלעך אָנגעקוואָלן אין זײַנע מידע גלידער, און דאָס לעבן האָט באַ אים אי אַ גרעסערן ווערט געהאַט, אי שווינען איז ער דאָס גרייט געווען, אויב מע וועט דאַרפֿן, נאָך ווייניקער: ער האָט שוין געוווּסט די פּרײַז פֿון פֿאַרשיידענע טויטן.

ער איז געווען אַ סטודענט פֿון אוניווערזיטעט אין דער שטאָט ק' ווען די דײַטשיש־פּויליש מילכאָמע האָט זיך אָנגעהויבן. אַ גרופּע כאַ־ווייריִם — מיטגלידער פֿון אַ געהיימען סטודענטישן קרײַז — זײַנען זיי פֿרײַוויליק אַוועק אַנטקעגן סוינע. זיי זײַנען געגאַנגען זיך שלאָגן ניט פֿאַר דער אָרדענונג, וועלכע זיי האָבן געהאַסט, נאָר פֿאַר דער ערד, אויף וועלכער זיי זײַנען אויסגעוואַקסן און וועלכע איז זיי אין שאָ פֿון געפֿאַר גאָר אויף אַן אַנדער מין אויפֿן טײַער געוואָרן.

אויב רעדן פֿון לייזער קאָרשעווער אַליין, האָט ער נאָך פֿון סאַמע קינדהײַט אַ סאַך געהערט וועגן דעם, אַז די קאָרשעווערס שטאַמען פֿון מיזרעד־וואָלין. דאָרט איז, הייסט עס, זייער עמעסע היים. מע האָט אַפֿילע צווישן באַקאַנטע דעם פֿאָטער זייערן, נויעכן, גערופֿן „דער וואָלינער". און מיט דעם, וואָס אויף וואָלין איז אויפֿגעגאַנגען אַ נײַ לעבן, האָט דער טאַטע, בעטעווע אַ שטילער מענטש, טיף אין האַרצן שטאָלצירט, ווי מיט עפּעס זײַנס, אייגנס. פֿון מאָל צו מאָל פֿלעגט ער שוין אַרײַנוואַרפֿן אַ

שאַרף וואָרט קעגן די היגע פּאַראַנדקעס. אַלטער, ווידער, וועלכער איז שפּעטער אומגעקומען אין שפּאַניע, האָט לייזערן בעסאַד־סוידעס דערציילט וועגן קרויוויס באַלשעוויקעס, וועגן אַ געשוועסטערקינד. — אַז אַפּיצער פֿון דער רויטער אַרמיי ערגעץ אַפֿן ווײַטן מיזרעד, און טאַקע, ווײַל זייער היים איז געווען דאָס פּרײַע וואָלין, האָט אַלטער אים געלערנט ליב האָבן דאָס פּוילן, וואָס וועט ערשט קומען, דאָס פּוילן פֿון מאָרגן.

זי איז אים טאַקע ניט פֿרעמד געווען, לייזערן, די פּוילישע ערד. דאָ איז ער אויסגעוואַקסן און אויפֿגעצויגן געוואָרן, דאָ האָט ער זיך געלערנט, כאָטש ער איז בעיים די לעקציעס אין אוניווערזיטעט געשטאַנען — אַזוי פֿלעגן מוזן טאָן די ייִדן, אויב זיי האָבן זיך ניט געוואָלט זעצן אַף די „ייִדישע" בענק לינקס באַ דער וואַנט; דאָ האָט ער געהאַט טרײַע פֿרײַנט — פּאָליאַקן, וואָס זײַנען צוזאַמען מיט אים אַלס פּראָטעסט געשטאַנען בעיים די לעקציעס, אַדער אַף לינקע בענק זיך געזעצט; דאָ האָט ער זיך אויסגעלערנט אַכטן דעם הויכן פֿרײַהײַטס־גײַסט פֿון פֿאָלק און פֿון זײַנע בעסטע מענטשן; און דאָ האָט ער געטראָפֿן די, וואָס איז געוואָרן דער טרוים פֿון זײַן לעבן.

ער האָט שוין דעמלט פֿאַרשטאַנען, אַז ווייסט און פּינצטער איז דאָ אין לאַנד ניט דעם ייִדן אַליין (ער האָט זיי געזען, די שווינדלענדיקע ענדעקישע קולאַקעס באַם טויער פֿון אוניווערזיטעט און אויך אין גאַס, ווו אַ פּאָגראָם האָט אַלעמאָל, ווי אַ שטורעם, זיך געקאָנט דורכטראָגן. געזען די אויסגעהאַקטע שויפֿענצטער אין ייִדישע וואַרשטאַטן און אַנשטאַלטן, פֿון קלײַנווײַז אַן געפֿילט די גרינגשעצונג און שפּאָט, מיט וועלכע מע האָט באַ יעדער געלעגנהייט באַגלייט זײַן גלײַכן): דאָס בייזע, האָט לייזער פֿעסט געוווּסט — אי עס באַרירט ווײַט ניט אַלעמען צווישן די ייִדן (געלט איז דער הערשער!), אי, פֿאַרקערט, עס פּלאָגט אָן אונטערשייד פֿון אָפּשטאַם דעם מענטשן פֿון אָרעמען גראַד. און לייזער איז אַוועק פֿאַרטיידיקן די פּוילישע ערד קימאַט מיט דעם זעלבן געפֿיל, מיט וועלכן אַלטער האָט זיך אַוועקגעלאָזט הינטער די פּירענייען: דער סוינע איז געווען דער זעלבער.

אין לאַגער איז באַ לייזערן, איידער ער האָט זיך אַרומגעקוקט און זיך באַקענט מיט כאַווײרים, געווען אַ טרוים כאָטש איין מאָל נאָך דערפֿילן זיך שטאַרקער פֿון אַ פֿאַשיסט, אײַנזאַפּן אין זיך די פֿרייד, די האַנאָע פֿון אַ זיג איבערן סוינע. זאָל זײַן אַ ריין פֿערזענלעכער זיג, אייגענע נעקאָמע. מע האָט עס געקאָנט אויך אין לאַגער אויספֿירן, נאָר ס'איז דאָ געווען אַזאַ שוידערלעכע אָרוועס־סיסטעם: ווען איינער פֿון די אַרעסטירטע וואָלט אויפֿגעהויבן אַ האַנט אַף אַ דײַטש, וואָלטן צענדליקער אַנדערע דערפֿאַר מיטן לעבן באַצאָלט. עפּשער האָט אים אָפּגעהאַלטן דערפֿון אויך דער פֿאַרלאַנג כאָטש ווען־ניט־איז נאָך טרעטן אַ פֿרײַער איבער דער ערד אַף יענער זײַט ווייסטן טויער. דאָס האָט אָבער געדויערט גאָר

ניט לאַנג. אינגיכן האָט לייזער אָנגעהויבן טראַכטן שוין גאָר פון עפּעס אַנדערש: מע דאַרף זיך אָרגאַניזירן, מע דאַרף אָנהייבן עפּעס טאָן. דער ערשטער שריט זײַנער איז געווען — די „געזונטע קאָמאַנדע".

טאָג־אײַן, טאָג־אויס האָבן די קריגסגעפאַנגענע געהאַקט שטיינער אין אַ קאַריער. שווערע שטראָף, שמיץ, איזדיעקענישן האָבן געדראָעט יעדן איינעם, וואָס האָט דעם אײַנגעשטעלטן סכום שטיינער ניט אָנגעהאַקט. האָט די „געזונטע קאָמאַנדע" וואָס לייזער האָט אָרגאַניזירט פון די ייִנגערע און מער קרעפטיקע, געאַרבעט פאַר זיך און אויך פאַר יענע, וועמעס שטאַבעלן עס האָבן די נייטיקע הייך ניט געהאַט.

אַז דאָס איז ניט מער, ווי אַן אָנהייב, אָבער אַ ריכטיקער, אַ נייטיקער אָנהייב, האָט לייזער דערפילט ערשט ניט לאַנג, מיט אַ כאָדאָשים דרײַ צוריק, ווען מע האָט דעם לאַגער פאַר ייִדן קריגסגעפאַנגענע פאַרייניקט מיט אַ צווייטן לאַגער פון סטאַם געפּלאָגטע מענטשן. ער האָט זיך גלײַך באַקענט מיט איינעם אַן אָרן שאַמבאַדאַל, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן — זײַנעם אַ לאַנדסמאַן. פאַר אָרן שאַמבאַדאַלן, אַ מענטש קנאַפּע צוויי מאָל עלטער פון לייזערן, איז די שווערע אויסקומעניש דאָ, אין דײַטשישן לאַגער, שוין גאָר קיין נאָוועלע ניט געווען: אין די פּוילישע טורמעס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וווּ ער איז פיל יאָרן פון זײַן לעבן אָפּגעזעסן, האָט ער אויך קיין האָניק ניט געלעקט. דערפילט אין אים אַ עמעסן רעוואָלוציאָנער, אַ מענטש מיט אַ הויכן גײַסט און ריינער נעשאָמע, האָט לייזער זיך גלײַך צוגעבונדן צו אים און זיך אָנגעהויבן אייצעז מיט אים וועגן אַלץ, וואָס ער האָט דאָ געוואָלט פאָרנעמען.

דערווײַל האָבן די דײַטשן גענומען פאַרניכטן יעדן איינעם, באַ וועמען די קויכעס זײַנען אויסגעגאַנגען. האָבן די קריגסגעפאַנגענע באַשלאָסן ראַטעווען, וועמען עס וועט זיך לאָזן. דעם סאַניטאַר־פּונקט פון לאַגער האָבן באַדינט ייִדישע דאָקטוירים, האָט אָרן שאַמבאַדאַל פאָרגעלייגט (אַ שטיקל דערפאַרונג האָט ער שוין געהאַט) אַזאַ פּלאַן: צווישן די טויטע, וואָס מע טראָגט יעדן טאָג אַרויס אָפן ייִדישן בעסוילעם, ווו די קריגסגעפאַנגענע באַגראָבן זיי אַליין, פון מאָל־צו־מאָל אָוועקלייגן איינעם אַזאַ, וואָס איז שוין היפּש אָפּגעשוואַכט. די דאָקטוירים פלעגן אים אײַנגעבן אַ שלאָף־טרונק, וואָס מע האָט אין לאַגער אַרײַנגעבראַכט פון אויסן. אייגנטלעך, איז אויך דאָס געווען אָרן שאַמבאַדאַלס אַן אויפטו.

לייזער האָט געוווּסט, אַז אויך דעם פּלאַן וועגן פלעכטן קונציקע פינגערלעך און בראַסלעטן פון פערד־האָר, וואָס די באַגרעבער־קאָמאַנדע פאַרקויפט אויסערן לאַגער, — אַז דעם דאָזיקן פּלאַן האָט אויך אויפגעגעבן שאַמבאַדאַל. כויץ די פיל אַנדערע מעלאָכעס, וואָס ער האָט געהאַט, איז ער נאָך געווען, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַ יוּווּעליר. מיסטאָמע זיך אויסגעלערנט פלעכטן פינגערלעך ערגעץ אין אַ טפיסע־קאַמער. ווי די מײַסע זאָל ניט זײַן, נאָר איצט האָבן די אַרעסטאַנטן אין די געציילטע

פרייִע מינוטן געפלאָכטן די דאָזיקע פינגערלעך, בראַסלעטן און שיידעלעך פאַר מעדאַליאָנען מיט קייטעלעך פון ווייסע פערד־האָר. געקויפט האָבן די סכוירע פרויען, וואָס האָבן זיך ספּעציעל דערמיט פאַרנומען, פאַר די אויסגעלייזטע זלאָטעס איז אין לאַגער אַרייַנגעשמוגלט געוואָרן געווער, שפּייַז פאַר די קראַנקע, מעדיקאַמענטן.

נאָר ווינציקע האָבן געוווּסט, אַז די דאָזיקע פינגערלעך און בראַס־לעטן זייַנען באַ שאַמבאַדאַלן אַ מין פּאָטשט. לייזער האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט אַף אַזאַ אויפן: איינמאָל, ווען שאַמבאַדאַל האָט זיך געגנוי פונאַנדערגעפרעגט באַ לייזערן וועגן זייַנע באַקאַנטשאַפטן אין ק'... האָט ער אַף איין נאָמען זיך אָפּגעשטעלט: דאָניע לייַפּציקער.

— אַה, קענסטו אים? — האָט שאַמבאַדאַל עטוואָס אָנגעבויגן אין אַ זייַט דעם קאָפּ, אַף וועלכן די שיטערע האָר האָבן פּייַכטלעך געגלאַנצט. דאָס אויסגעצערטע, טונקעלע געזיכט זייַנס האָט אויסגעדריקט אויפמערק־זאַמקייט, — קענסטו אים!

האָט שוין לייזער דערציילט, אַז ער איז מיט לייַפּציקערן צוזאַמען ניט נאָר געווען אין איין קרייַזל, נאָר אַוועק אַף דער מילכאָמע, נאָכן בראָך אָפּן פראָנט זיך דערקליבן קיין וואַרשע, דאָרט ווייַטער געקעמפט. דערנאָך האָט מען איינס דאָס אַנדערע פאַרלאָרן. און לייזער האָט געזען זייַן כאַווער שוין פון אַ טפּיסע־פענצטער. יענער איז געגאַנגען ציוויל געקליידט איבער דער גאַס. ער האָט גאָר ניט געקאָנט באַמערקן, לייזער, צי האָט לייַפּציקער אים אויך באַמערקט.

— פּרווו אים אָנשרייַבן אַ בריוול, האָט שאַמבאַדאַל געזאָגט. זייַנע שוואַרצע, גליענדיקע אויגן האָבן פאַרשעריש געקוקט אַף לייזערן.

לייזער האָט אַ שמוד געטאָן.

— זייער פייַן. נאָר ווו נעמט מען אַ פּאָטשט־טרעגער?

— פלעכט אַרייַן דאָס בריוועלע אין בראַסלעטל, און ווייַטער איז שוין מייַן זאַך...

אין אַ וואָכן צוויי אַרום האָט אַן אויפקויפערקע אומגעקערט אַ פאָר פינגערלעך, קלוימערשט בראַק; אין איינעם פון זיי איז געווען אייַנגע־פלאָכטן אַ צעטעלע פאַר לייזערן: „סטודענט, מיר דאַרפן דיך!". „סטו־דענט" — איז געווען לייזערס נאָמען אין לייַפּציקערס קרייַזל. אונטערגע־שריבן איז געווען "דאַנטיסט" — לייַפּציקערס פּסעוודאָנים.

און דאָס איז געווען די קראַפט, וואָס האָט איצט געפירט לייזערן אין ק'. דערווייַל אָבער האָט ער זיך ווי אַ קליין זעמדעלע פאַרלוירן צווישן די זומפּן און די קוסטעס באַ דער ווייַסל. און די פרייַהייַט זייַנע, וועלכע ער שעפּט מיט אַלע כושים, זעט דאָ אויס אַזוי: ער ליגט באַטאָג אין אַ סקירדעלע אָנגעשניטענעם טשערעט. טונקעלע וואָלקנס טראָגן זיך נידעריק איבערן הימל. אַ פרילינגדיק רעגנדל טוט אַ שפּריץ און הערט אויף. אַ ווינט כוואַליעט די אויבערפלאַך פונעם נאָענטן טייַך. ס'איז פאַרנע, או־

מעטיק, שטיל. פון יעדן מינדסטן קלאַנג, וואָס דער ווינט דערטראָגט, שטרענגט זיך אָן זײַן האַרץ. און דאָך איז ניט אָפּצושאַצן אויך אָט די פרײַהײַט זײַנע: ער קאָן אַריבערגיין פון סקירדע צו סקירדע, אַ שרעק טאָן אַ פעלד־מויז, אַ פראָש, וואָס שטעלט זיך אָן אַף אים מיט די גרויסע אויגן, ער קאָן עסן, קאַלזמאַן ער האָט נאָך וואָס, און ווען ער האָט שוין ניט — קאָן ער טראַכטן אומגעשטערט. דאָס איז אויך די פײַנלעכע האַנאָע פון אַ וואָגלער... ניט אָפּצושאַצן איז אָט די פרײַהײַט זײַנע, נאָר גאָר נישטיק איז זי, פאַר אַ וואָרעם אָנגעמאָסטן, אויך בלײַבן בײַ איר. קלאָר, אַז דער פישער האָט אים ניט צוליב דעם גערופן אין וואַלד. יאָ, דאָס איז קלאָר. אָבער פאַר לייזערס אויגן איז געשטאַנען די שטאָט, אַהין האָט אים געפירט דאָס האַרץ און דאָס געוויסן.

און ער איז אַלץ געגאַנגען דורך די נעכט אַף צאָפן־מיזרעך, פאַזע דעם טײַך.

.2

ערשט אַפן פינפטן מעסלעס נאָך דער צעשיידונג מיטן פישער, קאַיאָר, איז לייזער אַרויס צו דער אומגעגנט פון שטאָט. עס האָבן זיך שוין גוט אָנגעזען די פאָרשטאָט־ווילעס, אַרומגערינגלטע מיט דערווײַל נאָך הוילע סעדער, ווײַטע קאָסטיאָל־שפּיצן און הויכע פאַבריק־קוימענס.

באַם אַספאַלטירטן וועג האָט לייזער באַשטימט איבערוואַרטן ביז עס וועט טונקל ווערן. ער האָט גוט געוווּסט, וויאַזוי מע דאַרף אַרײַן אין שטאָט, דורך וועלכע גערטנער און געסלעך זיך דורכקלײַבן. ער האָט דאָ אַמאָל פאַרבראַכט אַ זומער און פאַרגעדענקט יעדער שטעגעלע. ס'איז אים געלונגען געפינען אַ באַהעלטעניש: אַ דרײַ הונדערט מעטער פון וועג אַף אַ בערגל איז געשטאַנען אַ צעבראָכענע איבערגעקערטע אויטאָמאַשין, באַדעקט מיט זשאַווער און אַרומגעפלאָכטן מיט פאַרטריקנטן ווילד־גראָז. פונדאַנען האָט ער געקאָנט זען אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אַפן טראַקט.

באַטאָג איז ער אַנשלאָפן געוואָרן, זיצנדיק צונויפגעבויגן אין בודקע פון דעם פאַרוואָרפענעם אויטאָ. אַזוי איז ער אָפּגעשלאָפן אַוואַדע עטלעכע שאָ מיט יענעם לײַכטן שלאָף פון אַ פאַרפאָלגטן, ווען פונעם מינדסטן שאָרך איז מען גרייט זיך אויפכאַפּן. פלוצים האָט ער דערהערט, אַז אַן אויטאָמאַשין, וואָס איז געפאָרן איבערן וועג, — איר רעגלמעסיק אָנוואַקסנדיקן זשומען האָט ער געפילט אין שלאָף, ווי דאָס זשומען פון אַלע מאַשינען, וואָס זײַנען פאַרבײַגעפאָרן, — האָט זיך אָפּגעשטעלט ניט ווײַט פון אים. ער האָט צעעפנט די אויגן און אומרויִק אַ קוק געטאָן אַפן וועג. ס'איז שוין געווען פאַרנאַכט. לעבן אַ מאַשין איז געשטאַנען אַ דײַטש מיט אַן אויטאָמאַט און געוואָרט, ביז עטלעכע ציווילע מענטשן — צווישן זיי אַ פרוי און אַ קינד — זײַנען אַרויסגעקראָכן פון איר. אַפן

טרעפּל פון דער קאַבינע איז געשטאַנען דער שאָפער. ווען די מענטשן האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ ריי, בײַ דער זײַט פון מאַשין, האָט דער דײַטש מיט דער האַנט באַוויזן אין דער ריכטונג, וווּ לייזער איז געווען באַהאַלטן. פּאַמעלעך, מיט הענט, פאַרלייגטע אויף הינטן, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ האָבן די מענטשן זיך אַוועקגעלאָזט אין פעלד אַרײַן, דער באַוואָפנטער דײַטש איז נאָכגעגאַנגען פון הינטן.

דאָס קינד האָט געטראָגן אויף די הענט אַ הויכער מאַנצבל, געקליידט ווי אַן אַרבעטער, אין אַ קאָמבינעזאָן מיט אַ מאַרינאַרקע פון אויבן. די מאַרינאַרקע איז געווען צעשפּיליעט, דער מאַנצבל האָט אײַנגעוויקלט אין די פּאָלעס דעם קינדס הוילע פיסלעך. הינטערן מאַנצבל איז מיט דריבנע טריט געגאַנגען די פרוי אין אַ צעריסן סעקל. דאָס קינד האָט אַוועקגעלייגט דאָס קעפּל דעם מאַנצבל אויפן אַקסל, איין הענטל איז אַריבערגעהאַנגען איבער זײַן פּלייצע. די פרוי האָט געוואָלט אַננעמען דאָס דאָזיקע הענטל, האָט דער דײַטש אַ הייב געטאָן אויף איר דעם אויטאָמאַט. לייזער האָט אַ פאַרגליווערטער געזען, ווי די מענטשן זײַנען שווײַגנדיק פאַרבײַגעגאַנגען גאָר ניט ווײַט פון זײַן באַהעלטעניש. געווען זײַנען דאָרט אַ פּאָר אינטעליגענטן, לויטן אויסזען — פּאָליאַקן, אַ געהויקערטער אַלטער אין אַ הוט פון אַ הויז־וועכטער, צוויי שטאַרק צעשלאָגענע ייִדן, וואָס האָבן איינער דעם אַנדערן אונטערגעהאַלטן.

דער שאָפער איז געשטאַנען אַ רגע אויפן וועג און דערנאָך מיט גלײַכגילטיק־רויִקע טריט גענומען שפּאַנען אין פעלד אַרײַן. ניט ווײַט פון לייזערן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, באַטראַכט די צעבראָכענע מאַשין. אין לייזערן איז דאָס בלוט פאַרגליווערט געוואָרן. אָבער באַלד איז דער שאָפער אַוועק ווײַטער.

אין אַ יאָר, סאַכאַקל אַ הונדערט פופציק מעטער פון לייזערן, האָבן די געטריבענע זיך אָפּגעשטעלט. לייזער האָט אַ קוק געטאָן אַהין און אַ ציטער האָט אים דורכגענומען — צווייען האָבן געגראָבן אַ גרוב. דער דײַטש מיטן אויטאָמאָט האָט געמאַכט אַ פּאָר טריט אַנטקעגן דעם שאָפער, מע האָט זיך אָפּגעשטעלט און פאַררייכערט. אין דער בלויער טונקלקייט האָט אַ שוועבעלע אויפגעפלאַמט און זיך פאַרלאָשן.

דאָס קינד בײַם מאַנצבל אויף די הענט האָט גענומען שרײַען, די פרוי האָט זיך ווידער אַ לאָז געטאָן צו דעם, דער דײַטש האָט אויפגעהויבן דעם אויטאָמאָט. די פרוי איז אָפּגעטראָטן אַ שפּאַן, דאָס קינד איז אַנשוויגן געוואָרן.

קעדיי ניט געבן קיין געשריי, האָט לייזער פאַרביסן אַ צונויפגעבויגענעם פינגער. אָט איז דער ערשטער גרוס פון דער שטאָט, וווּהין ער גייט! מיטאָמאָל האָט אים, ווי מיט אַ רוט, אַ שניט געטאָן: ווי האָט ער עס געקאָנט אַוועקגיין פון אַ מענטשן, וואָס האָט אים פאַרגעלייגט געווער? ער האָט פאַר ווייטיק צוגעמאַכט די אויגן, נאָר סײַ די שרעק,

וואס האט אים די גלידער געצוימט, סיי דער פארדראס און באדויערן, וועלכע ער האט אזוי שארף דערפילט, האבן אים געצווונגען ווידער עפענען זיי און קוקן אין יאר אריין. דארט זיינען שוין די צוויי מענטשן, וואס האבן געגראבן; ביז די גארטלען געשטאנען אין גרוב. די איבעריקע האבן געווארט. דער שאפער מיטן דייטש האבן געשמועסט צווישן זיך.

ווען ער האט איצט דאס געוועזט, וואס דער פישער האט אים פאר־געלייגט! אויב דער וועג צו דעם האט געפירט דורכן וואלד, האט ער געדארפט גיין, קעדיי מיט לייזיקע הענט ניט צוקוקן אט אזוינס!

ער האט ווי אין א פיבער געטראכט, וואס עס וואלט געווען, ווען ער האט איצט דעם פאראבעלום, פארגעשטעלט זיך, ווי די דייטשן פאלן אום איינער נאכן צווייטן, ווי די פארווארטיילטע לויפן זיך פאנאנדער. ער איז ווי צעמישט געווארן אין דעם דאזיקן מאמענט און האט קימאט געגלייבט, אז ער האט דאס געוועזט. ס'איז אים געקומען א געדאנק אפברעכן א שטיק ברעט פון דער בודקע, אונטערגאנווענען זיך צום דייטש, וואס מיטן אויטאמאט, הארגענען אים. דער שאפער איז, דאכט זיך, געווען ניט באוואפנט. ער האט מיט די פינגער זיך איינגעקלאמערט אין א לייסט פון דער בודקע, נאר זי איז צוגעקרעמפעוועט געווען מיט איזערנע סקאבעס און האט זיך ניט אונטערגעגעבן.

ס'איז שטארק טונקל געווארן, און לייזער האט שוין ניט געזען, וואס עס קומט פאר אין יאר. מיטאמאל האט זיך דערהערט דאס טראסקען פון אן אויטאמאט. טויבע אויסגעשרייען האבן זיך דערטראגן. לייזער האט זיך א ווארף געטאן אפן דיל פון בודקע, ארומגעכאפט מיט די הענט דעם קאפ. פארשטעקט די אויערן. נאר ליגנדיק אט אזוי איינגאנצן א צונויפגע־קארטשעטער פאר ווייטיק, האט ער געפילט: ער וועט דאס דאזיקע גע־דענקען ביזן לעצטן אטעם.

ס'איז שטיל געווארן.

אין א פערטל שעה ארום האבן ביידע דייטשן זיך אומגעקערט פון יאר. איצט זיינען זיי פארבייגעגאנגען וויטלעך פון לייזערס באהעלטעניש, גאנץ רויק געשמועסט צווישן זיך. שפעטער מיט עטלעכע מינוט איז זייער מאשין אוועקגעפארן אין דער ריכטונג צו דער שטאט.

3.

לייזער איז ארויס פון דער בודקע. די ערשטע באוועגונג זיינע איז געווען — צוגיין צום יאר. דאס געפיל אבער, אז ער איז אין עפעס ווי שולדיק פאר די טויטע, האט אים צו דער גרוב ניט צוגעלאזט. ער האט זיך האסטיק אויסגעקערט אין דער ריכטונג, פונוואנען ער איז געקומען און איז א מינוט געשטאנען מיט דער פלייצע צו דער שטאט. נאר באלד האט ער שוין מיט א פארזאטענעם הארץ געטראכט: „איז וואס זשע,

גליב איך, הייסט עס, ניט, אַז דער וועג צו געווער פירט ניט נאָר דורכן וואַלד? קאָן דאַניע ליִפּציקער רופן אַף עפּעס ווייניקער? און אַרן שאַמבאַדאַל, וועלכער גייט איצט דורך דעם שווערסטן טפּיסע־פּרווו און וועט ניט אַרויס פון לאַגער, קעדיי אַרויסשיקן אַף דער פריַי וואָס מער אַזעלכע, ווי איך? איך גיי דען בלויז איבערגעבן אַ גרוס זיַין וויַיב מיט די קינדער, וועלכע וועלן זיך שוין עפּשער אַף זייער ליבן ניט דער־וואַרטן?...״ ער האָט זיך ווידער אויסגעקערעוועט מיטן פּאָנעם צו דער שטאָט. אַ קילער אַפּריל־ווינט האָט דורכגענומען די ביינער. פּאָרויס — קיין פיַיערל. אַלץ איז פאַרטונקלט, הוילע פּוסטקייט, דאַכט זיך, לויערט הינטערן בלאַסלעכן ראַנד, ווו די שטאָט ליגט פאַרבאַרגן. אָבער מענטשן לעבן דאָרט, זייער פיל מענטשן, צונויפגעדריקטע אין ענגע גאַסן, ליַידנ־דיקע, אויסגעפּיַיניקטע, אויפגערודערטע. ניט נאָר זיַין ברודער אַלטערן האָבן דאָך אָט די גאַסן געגעבן פאַר שפּאַניע. און וויפל האָבן געשמאַכט אין בערעזאַ־קאַרטוזסקאַ? אין וואַרשע אַף די באַריקאַדן האָט ער זיי אויך געזען און ניט ווייניק, און אַף מיזרעד זיַינען פיל אַוועק, צו די סאָוועטן. עס זיַינען דאָ געוואָגטע און וועלן ערשט זיַין און זיַין!

ער האָט געמאַכט עטלעכע לאַנגזאַמע טריט פאָרויס, אָפּגעשטעלט זיך אַ רעגע און דערנאָך זיך אַנטשלאָסן געלאָזט צום אַספּאַלט.

לויט ווי לייזער האָט זיך נאָך אין לאַגער דערוווּסט — דער פּישער האָט עס אים באַשטעטיקט, — האָבן יידן געמעגט אומגיין אין שטאָט בלויז ביז עס איז ליכטיק. ווי נאָר ס׳איז צוגעפאַלן נאַכט, האָט מען זיך שוין אַף דער גאַס ניט געטאָרט באַוויַיזן. אַף צו לאָזן זיך אַרויס דער שטאָט האָט אַ ייִד געדאַרפט האָבן אַ ספּעציעלן דורכלאָז־שיַין. דערפאַר האָט לייזער צו דער שטאָט זיך געדאַרפט דערקליַיבן באַנאַכט, ערגעץ באַ די ערשטע היַיזער איבערוואַרטן ביז טאָג און דאַן שוין זיך לאָזן צום צענטער, ווו זיַינע עלטערן האָבן געוווינט. געפּלאַנט האָט ער די נאַכט איבערזיַין באַ אַ באַקאַנטן פויער יוזעף קאַטשור, וואָס האָט געווינט עק שטאָט. לייזער האָט אויך געוווּסט, אַז דאָ אין שטאָט טראָגן יידן אַ וויַיס בענדל אַפן לינקן אַרבל, און האָט אַזאַ בענדל געהאַט גרייט אין קעשענע.

דורכן גאָרטן, פאַרביַי די נאָך טרוקענע מאַלינע־קוסטעס, האָט לייזער זיך דערקליבן צו יוזעף קאַטשורס היַיזל. די פענצטער זיַינען געווען פאַר־האַנגען, נאָר באַ די ברעגן זיַינען געבליבן שפּאַלטן, און אַף די דיקע בערוועגעס, צונויפגעלייגטע באַ דער וואַנט, האָבן זיך געבראָכן שמאָלע פּאַסיקלעך שיַין. לייזער האָט די גאַנצע ציַיט גערעכנט אַריַינצוגיין צו קאַטשורן. אָבער שוין ניט וויַיט פון דער טיר האָט ער זיך גענומען קווענקלען: עפּשער זיצט באַ קאַטשורן פּונקט אַ שאַכן, אָדער ס׳איז דאָ אַ גאַסט? קאַטשור איז אַ גוטער מענטש, אַז אַריַינגייער צו זיי אין הויז. אַף דעם קליינעם פעלד האָט דער פויער געזעצט קימאַט בלויז גאָרטנוואַרג, און לייזערס עלטערן האָבן אַלע יאָר נאָר באַ אים איַינגעקויפט אַף ווינטער

קאַרטאָפֿל, קרויט, מערן. אַהער, צו קאַטשורן, פֿלעגט לײזער, אַז אײַנגעמידטער פֿונעם לערנען, ליב האָבן דורכצושפּאַצירן זיך פֿאַמעלעך אָדער אַראָפּכאַפּן זיך מיטן װעלאָסיפּעד. איצט איז דאָס אַלץ אַזױ װײַט... נײן, מע מוז זײַן פֿאָרזיכטיק.

און נאָך אײן געפֿיל איז געװען בײַ לײזערן: װי אַ מענטש, װאָס װיל ניט בעיים אַ קרענק אַ קוק טאָן אױף זיך אין שפּיגל, האָט ער ניט געװאָלט, אַז יוזעף און זײַן הױזגעזינד זאָלן אים דערזען אַזאַ, װי ער איז איצט. — אַ געיאָגטן, אַ דערנידעריקטן. ער האָט באַשטימט ניט אָנקלאַפּן צו יוזעפֿן, נאָר פֿאַרקלײַבן זיך אין שײַער, — ער האָט גוט געװוּסט, װוּ דאָס הײ ליגט דאָ, — און איבערשלאָפֿן ביז קאַיאָר.

פֿונעם האַלב־צעװאַלגערטן שײַער, װוּ ס'איז בײַ יוזעפֿן געלעגן דאָס הײ, האָט לײזער זיך אַרױסגעקליבן פֿאַרטאָג, אײדער מע איז אין שטוב אױפֿגעשטאַנען. הינטער אַ װערבע, ניט װײַט פֿון װעג, האָט ער צוגעװאַרט, ביז ס'איז געװאָרן גוט ליכטיק, דאַן האָט ער אַרױפֿגעשלעפּט אױפֿן אַרבל פֿון דער לינקער האַנט דאָס װײַסע בענדל און זיך געלאָזט אין שטאָט.

זײַן האַרץ האָט טױב געקלאַפּט. איבערהױפּט איז אים שװער געװען די באַגעגעניש מיטן ערשטן מענטשן — װי װעט יענער אַ קוק טאָן אױף אים, מיטן ייִדן־צײכן אױף דער האַנט?

פֿון הױף איז אַרױס אַ מײדל מיט צװײ עמער און זיך געלאָזט צום ברונעם, װאָס אױף דער קעגנאיבערדיקער זײַט גאַס. לײזער האָט זיך אָנגעבױגן קלױמערשט צו פֿאַרריכטן דאָס בענדל באַם שוך, און האָט דערװײַל פֿאַרשטעלט דעם צײכן אױף זײַן האַנט. װען דאָס מײדל איז דורכגעגאַנגען, האָט ער זיך געלאָזט װײַטער.

באַם צװײטן ראָג האָט ער באַגעגנט אַ גרופּע ייִנגלעך. אױסגעגלײַכט זיך מיט אים, זײַנען די קינדער, װאָס האָבן הױך גערעדט װעגן עפּעס, שטיל געבליבן. ער איז דורכגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. געמאַכט שױן אַ שפּאַן צען, האָט ער פּלוצים דערהערט, אַז די קינדער לאַכן. ער האָט ניט אױסגעהאַלטן און האַסטיק זיך אומגעקוקט. איבער דער לאַנקע, באַם װעג, איז געלאָפֿן אַ כאַזער, שלעפּנדיק דעם בױך קימאַט איבערן גראָז, און נאָך אים האָט מיט לײַכטע פֿעסטע שפּרונגען זיך געיאָגט אַ הונט. די קינדער האָבן מיט אַ פֿײַפֿן און טיוקען אָנגערײצט דעם הונט אױפֿן כאַזער.

אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער האָבן זיך באַװיזן דורכגײער. קײנער האָט אים ניט געטשעפּעט. לײזער האָט גיריק געכאַפּט זײערע בליקן: בײַ װעמען מיטפֿילנדיקע, בײַ װעמען בײזע, פֿאַרורטײלנדיקע, בײַ װעמען גלײַכגילטיקע.

גײענדיק אַזױ איבער דער גאַס, האָט ער געזוכט ייִדן. ער האָט באַמערקט אַ מאַנצבל מיט אַ װײַסן בענדל אױפֿן אַרבל. יענער האָט זיך דורכגעשמוגלט בײַ אַ װאַנט, פֿו'ן אײן מױער צום צװײטן. און עפּעס דאָס,

וו‌ִאזוי דער מענטש האָט זיך באַוויזן און איז פאַרשוווּנדן, האָט צונויפ־געדריקט לייזערס האַרץ. נאָך צווייען האָט ער באַמערקט שפּאַנען אַפן ברוק, באַם טראָטואַר, דאָרט, וווּ וועגענער פאָרן געווײנלעך. ער האָט נאָר באַוויזן פאַרווונדערן זיך, פאַרוואָס עפּעס יענע גייען דאָרט, ווי עמעץ האָט שטיל, נאָר באַפוילעריש, אויסגערעדט קימאַט באַ זײַן אויער: „איי, דו, אַראָפּ פון טראָטואַר!” — לייזער האָט דערזען פאַר זיך אַ הויכן מענטשן מיט אַ ווײַס בענדל אַפן אַרבל, נאָר מיט אַ גומענעם פּאָליציי־שטעקן אין האַנט. „ס'איז דאָך אַ ייִד!” — איז ער נישטוימעם געוואָרן און איז אַראָפּ אַפן ברוק. דערזען, אַז לייזער קוקט אַף אים מיט ווּנדער און פאַרלוירנקייט, האָט דער פרעמדער אַ הייב געטאָן דעם שטעקן:

— גיי, גיי, שוין צײַט וויסן דײַן אָרט!...

מיט אַ שווער געמיט איז לייזער אַוועקגעגאַנגען ווײַטער. אָט איז ער שוין אַף דער גאַס, ווּ ער האָט געוווינט, אָט איז דאָס הויז מיט זײַן אַלטמאָדישער אַרכיטעקטור. פונעם אײַזערנעם טויער איז אַרויס קאַזימיר, דעם הויזוועכטערס הונט בימבאָ — אַ געלער, אַ פּאַטלאַטער, — און אַ פּאָר מאָל פוילבלעך אַ ביל געטאָן אַף אַ פערדל, וואָס איז, געשפּאַנט אין אַ וועגעלע, געשטאַנען אַף דער גאַס. און אָט איז קאַזימיר אַליין. אַ קרומער, אַן אײַנגעבויגענער, קריכט ער אַרויס דורכן שמאָלן טירל אין טויער, שטעלט אַוועק די מיסט־שופלע און נעמט קערן דעם טראָטואַר. ער האָט ניט דערקענט לייזערן, ביז יענער איז ניט צוגעקומען גאָר נאָענט.

מיטאָמאָל האָט קאַזימיר אויפגעהערט קערן, אַנגעשטעלט אַף לייזערן אַ פּאָר בייזע, שמאָלע אויגן, אַרומגערינגלט מיט קנייטשעלעך, זײַנע אָפּגע־צויגענע באַקן האָבן זיך אַ באַוועג געטאָן, ווי ער זאָל עפּעס דערקײַען. ער האָט ניט געענטפערט אַף לייזערס באַגריסונג, געעפנט בלויז דאָס מויל ווי אין אַ שטומען געלעכטער, מיטן שטעקן פון בעזעם אַ קראַץ געטאָן די קין, אַ באַדעקטע מיט שיטערע האָר, און געזאָגט, ווי צו עמעצן אַ זײַ־טיקן:

— הער אַ מײַסע, מע האַלט אין איין אַרויסיאָגן די דאָזיקע פון שטאָט, און דאָ קומט גאָר אַ נײַער, אַ פרישינקער...

III. פרײַנט בלײַבן פרײַנט...

1.

ווען לייזער האט זיך גענומען אויפהייבן אפן צווייטן שטאק, האט ער דערזען, אז עמעץ לאזט זיך אראפ פון די טרעפ אים אנטקעגן. מאשינעל איז ער אפגעטראטן צו דער וואנט און דארט שטיין געבליבן. ס'איז געגאנגען א פויער אין אן אונטערגעגארטלטער מארינארקע פון ברוינעם גראבן שטאף, מיט א רעגן־מאנטל פון אויבן. ווען דער פויער האט זיך אויסגעקערעוועט מיטן פנים צו לייזערן, האט ער זיך מיטאמאל אפגעשטעלט און אויסגעשטרעקטביידע הענט.

— הייליקע מאריע, וועמען זע איך דאס! לייזערקע!

דאס איז געווען יוזעף קאטשור. ער האט זיך אראפגעלאזט נאך פון צוויי טרעפלעך, א טרייסל געטאן לייזערן פאר די אקסל:

— גאנץ! ניט קרום, ניט צעבראכן! און מיר ריידן דא אקארשט, ווו איז ער ערגעץ... איי, א פרייד!

בא לייזערן האט דאס הארץ געמליעט, ער האט פון ארט זיך ניט געקאנט רירן.

— נו, קום, קום! — האט יוזעף אים גענומען פאר א האנט און אוועקגעפירט ארויף. מע איז שטיין געבליבן פאר דער דעמבענער, געשניצטער טיר, וועלכע לייזער האט אזוי גוט געוווסט פון דער קינדהייט אן. קאטשור האט אנגעקלאפט שטיל, דערנאך העכער.

די טיר האט געעפנט דער פאטער. עטלעכע ווײַלעס איז ער געשטאנען בא דער שוועל, ווי א פארשטיינערטער, די גרויע, שיטערע האר, ווי שטענדיק, עטוואס אויפגעבלאזענע אפן קאפ, האבן זיך א באוועג געטאן, ער האט געגעבן א לייג צו די הענט צום הארצן און קוים ארויסגעבראכט: „זון מיינער!" — דערנאך האט ער איין האנט ארויפגעווארפן לייזערן אפן אקסל און, ווי ער זאל הענגען בלײַבן אף אים אן קויכעס, שווײַגנדיק זיך צוגעדריקט מיטן פנים צו זײַן ברוסט. לייזער איז אריבערגעטראטן די שוועל און, אונטערהאלטנדיק דעם פאטער, פילנדיק דעם צאפל פון זײַן דארן גוף, מיט טרויער א טראכט געטאן: „ווי שוואך ער איז געווארן!"

יוזעף, וואס איז נאכגעגאנגען פון הינטן, האט געמאכט א טראט

פּאַרויס און אַ שטויס געטאָן די טיר אין עס־צימער, אַליין איז ער אָפּגע־טראָטן צו דער וואַנט, דורכלאָזנדיק לייזערן מיטן פּאָטער.

די מאַמע איז געזעסן אויף אַ נידעריקן, ווייכן שטול באַם פענצטער, אויסגעקערעוועט מיטן פּנים צו דער טיר. זי האָט זיך ניט קיין ריר גע־טאָן, ווען לייזער מיטן פאָטער זײַנען אַרײַן אין צימער, בלויז עטוואָס אָנגעבויגן דעם גרײַזן קאָפּ, ווי פרעגנדיק מיט אָט דער באַוועגונג: „וואָס איז געשען?" אין דער גאַנצער לאַגע פון איר קערפּער איז געווען אַן אויס־דרוק ניט פון אײַנקוקן זיך, נאָר פון אײַנהערן זיך. לייזער האָט עס באַלד דערפילט און איז דערשיטערט געוואָרן. „זי זעט ניט?" — האָט ער אַ טראַכט געטאָן. בײַ דער מאַמען האָט די ריזיע גענומען שטאַרק קאַליע ווערן פאַר דער מילכאָמע, נאָך אַלטערס פּלוצימדיקן פאַרשווינדן פון דער היים, און באַזונדערס נאָך דעם, ווי סע האָט זיך באַקומען די ידיעה וועגן זײַן אומקום. צי דען זעט זי איצט שוין אינגאַנצן ניט? לייזער האָט גע־מאַכט עטלעכע טריט פאָרויס, דער פאָטער איז שטיין געבליבן פון הינטן. מיטאַמאָל האָט די מאַמע, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די דאַרע הענט אין די פּאַרענטשעס פון שטול, עטוואָס זיך אונטערגעהויבן, אַ פינטל געטאָן מיט די ברייט צעעפנטע טונקעלע אויגן, אין וועלכע עס האָט קוים אַ טליע געגעבן עפּעס אַ פונק. זי האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אויף לייזערן, אינ־גאַנצן אַ באַלויכטענעם פון דער באַטאָגיקער שײַן, וואָס האָט געשטראָמט דורכן פענצטער, און אַ קרעכץ געטאָן:

— אוי, ווער איז דאָס?

לייזער האָט געשוויגן. ער האָט דערשטיקט אין זיך דאָס וואָרט „מאַ־מע", ניט געוואָרפן זיך צו איר. מורעשקעס זײַנען אים דורכגעלאָפן איבער דער פּלייצע: זי זעט צי זי זעט ניט? מיטאַמאָל האָט די מאַמע זיך אויפ־געהויבן, אויסגעשטרעקט די הענט, אײַליק צוגעגאַנגען צו לייזערן, אינ־גאַנצן אויפגעציטערט און, ווי אַ שײַן זאָל זיך ערגעץ אין איר דורכרײַסן, איז איר פּנים ליכטיק געוואָרן:

— קינד מײַנס! — האָט זי אַ זאָג געטאָן, — נויעד, ס'איז דאָך לייזערקע אונדזערער! — זי איז אַרויפגעפאַלן לייזערן אויף דער ברוסט, גענומען אים באַטאַפּן די פּלייצע, דעם האַלדז, — ער, ער! — האָט זי געצאַפּלט פאַר פרייד, — לייזער!

.2

ער איז געשטאַנען, אַרום אים די מאַמע, דער טאַטע און יוזעף, וועל־כער האָט געשמייכלט צו אים און אַלץ ניט געקאָנט כאַפּן קיין מאָמענט אויסצורײדן צו אים אַ וואָרט, און האָט געטראַכט, אַז אַ גרויס גליק איז אים אויסגעפאַלן, ניט אָפּצושאַצן עס, און אַפילו אָט דאָס דאָזיקע גליק, וואָס אַנדערע האָבן זיך צוליב אים אָפּגעזאָגט פון דעם, גיט אים צו

קראַפט און אַנטשלאָסנקייט אינעם שווערן וועג, וואָס ער האָט אויסגעקליבן.

לייזער האָט באַקוקט דעם עס־צימער און אויך אַ בליק געוואָרפן אין אַלקער, וווהין די טיר איז אָפן געווען. שרעקלעכע הוילקייט און אָרעמקייט האָט אַף אים אַ ווייע געטאָן. די עלטערן האָבן זיך אויך געענדערט — דעם פאָטערס געזיכט האָט געהאַט אין זיך עפּעס אַזאַ אויסדרוק פון טרויעריקער אַנגעשפּיצטקייט, אין דער מוטער האָט ער דערפילט אַן אויסגעטאָנענקייט פון דער וועלט.

— מ׳האָט אונדז באַנומען, קינד מייַנס, — האָט זי געזאָגט, — בלויז די נעשאָמע אין גוף געלאָזט. טאָג־איין, טאָג־אויס זייַנען אַהער געגאַנגען דייַטשן, גענומען, וואָס ס׳איז זיי געפעלן געוואָרן... אויך די ביכער דייַנע און אַלטערס, דעם וועלאָסיפּעד, דעם שאַך, וואָס איר האָט ביידע אַזוי ליב געהאַט... נאָר אַבי דו ביסט אונדז דאָ, כאָטש איינער אַ געשענקטער... מייַנע אויגן, כ׳האָב זיי נאָך דיר אויסגעוויינט, נאָך דיר און נאָך...

זי האָט איבערגעריסן די רייד, אירע ליפּן האָבן זיך אַ קרים געטאָן. נאָר זי האָט זיי שטרענג צונויפגעצויגן און, מאַכנדיק אַן אַנשטרענגונג איבער זיך, בלויז אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— נו, גענוג, גענוג, — האָט דער פאָטער געזאָגט. ער האָט צוגערוקט נעענטער דעם שטול, און לייזער האָט געהאָלפן דער מוטער זיך זעצן. הינטערווייַלעכס האָט לייזער דערבייַ עטלעכע מאָל אַ קוק געטאָן אַף אַלטערס פּאָרטרעט, וואָס איז געהאַנגען אַף דער וואַנט אַנטקעגן פענצטער: נאָך גאָר אַ יונגער איז דער ברודער דאָרט געווען, פיל יינגער, ווי לייזער האָט אים פאַרגעדענקט. נו, יאָ, ער איז דאָ פאָטאָגראַפירט געווען מיט אַ יאָר דרייַ פאַרן אַוועקפאָרן. די שוואַרצע וואָנצעלעך האָט ער שוין דאָן געהאַט. אָנגעטאָן איז ער אַפן בילד געווען אין זייַן ספּאָרט־פרענטש, וועלכן ער האָט מער פון אַלץ ליב געהאַט צו טראָגן, אויך אין אַ ספּאָרט־היטל מיט אַ היפּשן דאַשעק.

די מאַמע האָט שטיל גערעדט, אָפּשאַרנדיק פון מאָל צו מאָל די גרייַזע פּאַסמע האָר פון לינקן אויג, פּונקט ווי זי זאָל איר שטערן זען:

— און איצט טרייַבט מען אונדז פונדאַנען, לייזערקע, ערגעץ אין אַ געטאָ. ווען דו קומסט שפּעטער מיט אַ פּאָר טעג, טרעפסטו אונדז שוין דאָ ניט... נאָר איצט קאָנען מיר גיין אַפילע הונדערט מייַל צופוס — אַבי צוזאַמען.

אין צימער איז נאָך דער מאַמעס ווערטער געבליבן הענגען אַ שווער שווייַגן. קאַטשור איז שטיל צוגעגאַנגען צום פענצטער, פאַרזאָרגט אַ קוק געטאָן אַראָפּ אַף דער גאַס.

— מע זאָל כאָטש פון וועגעלע גאַרנישט ניט צונעמען, — האָט ער געזאָגט, — וועסט עפּשער מיר העלפן, לייזער, אַרויפטראָגן אַהער אַ זאַק

קאַרטאָפל? כ'דאַרף, מע זאָל אים מיר דערלאַנגען אויף די פּלייצעס... — דערבײַ האָט ער אַזוי אויסדריקלעך אַ קוק געטאָן אויף לייזערן, ווי ער זאָל אים וועלן געבן צו פאַרשטיין, אַז ער דאַרף אים נאָך צוליב עפּעס.

— איך וועל גיין, — האָט דער טאַטע זיך אַ כאַפּ געטאָן.

די מאַמע האָט באַמערקט:

— דאַרפסט, לייזערקע, זיך עפּשער איבעריקס ניט ווײַזן אין דרויסן.

— און פונוואַנען בין איך דען געקומען? האָט לייזער אַ שמייכל געטאָן. ער איז אַרויס מיט קאַטשורן פונעם צימער.

די גאַנצע צײַט, זינט לייזער האָט דערזען יוזעף קאַטשורן, האָט אים געוואָרעמט דער געדאַנק וועגן דעם, ווי ער איז הײַנט געשלאָפן בײַ יענעם אין שײַער. אַוודאי איז יוזעף, פאַרוויקלט אינעם רעגן־מאַנטל, דורכגע־פאָרן פאַרבײַ אים און עפּשער איז ער געפאָרן דורך אַן צווייטער גאַס.

ווען מ'איז אַראָפּ פון די טרעפּ, האָט יוזעף זיך אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— דער זאַק קאַרטאָפל — דאָס איז אַזוי זיך... אָבער וואָס פאַר אַ נײַעס איך האָב פאַר דיר! נאָר ניין, כ'בין באַשוווירן, וועסט אַליין זיך אַלץ דערוויסן...

יוזעף האָט געוואָרט, לייזער זאָל אים נעמען אויספרעגן. זײַן פּאָנעם מיט די היפּשע וואָנצעס, מיט די געדיכטע העלע ברעמען און ניט לויט די יאָרן קלאָרע, בלויע אויגן, האָט געשמייכלט צופרידן און סוידעספול. ליי־זערן איז אָבער גוט געווען אָננעמען דאָס פאַר אַ פרײַנטלעכן שפּאַס, צי עפּשער אַן אָנדײַט אויף נאָך עפּעס אַ מין מאַטאָנע, האָט ער גאָרנישט ניט געפרעגט און אויך געשמייכלט.

— נו, בעטסט ניט, כ'זאָל דערציילן, איז בעסער אַזוי, — האָט קאַטשור געזאָגט, — אַ מענטש דאַרף האָבן געדולד.

— וואָס ס'איז שײַעך געדולד, — האָבן אים שוין, דוכט זיך, די מענטשן צופיל, — האָט לייזער באַמערקט. ער האָט שטרענג צונויפגע־דריקט די עטוואָס צעשויבערטע, טונקעלע ברעמען און מיט אַן אויס־דרוק פון אַנטשלאָסנקייט אין די קאַרע אויגן און אויפן לענגלעכן, אָפּגע־צערטן געזיכט, אַן אַרומגעוואַקסענעם מיט אַ ווילדלעכן קאַשטאַנענעם בערדל, געגומען אַראָפּלאָזן זיך פאַרויס פאַרן פויער איבער די מירמלנע צעקלאַפּטע טרעפּ.

3.

לייזער און קאַטשור זײַנען אַרויס פון דער פּאַראַד־טיר און גלײַך אָנגעטראָפן אויפן הויז־וועכטער. געוואָרפן אַ בייזן בליק אויף לייזערן, האָט קאַזימיר מיט קאַס זיך געווענדט צום פויער:

— ס'וועט דאָ נאָך לאַנג שטיין באַם פּראָנט דאָס פערד־און־וועגעלע?

— אָט וועל איך אַרויפֿטראָגן דעם זאַק קאַרטאָפֿל, — האָט יוזעף מיט געמאַכטער רויִקײט געענטפֿערט.

— קאַרטאָפֿל פֿירט ער גאָר די פּראַנצעוואַטע ייִדן, — האָט קאַזימיר דורך די ציין אַרויסגעזייַט.

יוזעף האָט שאַרף אַ קוק געטאָן אויף אים.

— וואָס ס'איז שייַעך פּראַנצעוואַטע, וואָלט דער פּאַן דזאָרטשי בעסער אַ קוק געטאָן אויף זיך... און די קאַרטאָפֿל זייַנען מייַנע, כ'קאָן זיי אַפֿילו אין דער ווייַסל אויסשיטן.

ער האָט מיט האַרץ אַ שפּיי געטאָן אויף די דלאָניעס, אַ ריגעווע געטאָן דעם זאַק קאַרטאָפֿל אַפּן וואָגן, אַוועקגעשטעלט אים אַפּן ראַנד פֿון דער דראַבינע, לייזער האָט דעם זאַק צוגעהאַלטן. גענומען די מאַסע אויף די פּלייצעס, האָט קאַטשור זיך געלאָזט צו דער פּאַראַד־טיר.

קאַטשור האָט אַרויפֿגעטראָגן דעם זאַק קאַרטאָפֿל, זיך אָפּגעזעגנט מיט לייזערס עלטערן. לייזער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז עס וואָלט בעסער געווען ניט אומקערן זיך מיט יוזעפֿן אין דרויסן. דאָך איז ער מיטגעגאַנגען.

ווי נאָר יוזעף איז אַריבערגעטראָטן די שוועל פֿון דער פּאַראַד־טיר, האָט אים פֿאַרצוימט דעם וועג אַ דייַטשישער פּאָליציי־מאַן, ניט קיין הויכער, אַ פּולבלעכער, אין אַ פּרענטש מיט אָפּגעלייגטע לאַצן. אַ ברייטער רימען מיט אַ גלאַנצנדיקער ספּראַנזשקע האָט צונויפֿגעצויגן זייַן בויך. לייזער, וואָס איז אַ ביסל אָפּגעשטאַנען פֿון יוזעפֿן, האָט באַוויזן אַ טראָט טאָן אויף צוריק, אין טונקעלן ווינקל פֿון קאָרידאָר.

דער פּאָליציי־מאַן האָט מיט אַ צונויפֿגעבויגענעם פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט באַפֿוילן יוזעפֿן צוגיין נענטער. יענער האָט פֿאַרלוירן געמאַכט אַ פּאָר שפּאַן פֿאָרויס. דאַן האָט דער דייַטש אַ הייב געטאָן זייַן רעכטע האַנט, וואָס איז ביז דעם פֿאַרלייגט געווען אויף הינטן. ס'האָט אין איר אַ בלענד געטאָן אַ נאַהייַקע. אויף דער האַנט איז געווען אָנגעטאָן אַ שוואַרצע לייַקענע הענטשקע, די לעדערנע געפֿלאָכטענע נאַהייַקע איז געווען ווי אַ פֿאַרזעצונג אירע, — צוויי מאָל האָט די נאַהייַקע אַ פֿאָך געטאָן אינדערלופֿטן און ביידע מאָל זיך אַראָפּגעלאָזט אויף יוזעפֿס קאָפּ. דער פֿויער איז שטיין געבליבן, ווי פֿון אַ דונער געטראָפֿן. זייַן היטל איז אַראָפּגעפֿאַלן. דער דייַטש האָט אַ לאַך געטאָן, פֿאַרריכט די הענטשקע, אויסגעקרעוועט זיך און איז מיט געמאָסטענע טריט אַוועק.

יוזעף האָט זיך צוגעבויגן נאָך דעם היטל, אָפּגעטרייסלט עס אין קני און אָנגעטאָן. לייזער איז צוגעגאַנגען צו אים. אַ בלויער שניר האָט זיך געצויגן בײַ יוזעפֿן פֿון אונטער דעם היטל איבער דער גאַנצער באַק. ער איז אַלץ מער אויפֿגעלאָפֿן, אָנגעשוואָלן געוואָרן, קרימענדיק דאָס פּנים. פֿון אונטער דער וואָנצע, בײַ אַ מויל־ווינקל, איז אַראָפּגערונען אַ דין שנירעלע בלוט.

קאַזימיר האָט באַ אַ זײַט מיט גאַדלעם געקוקט אַף אים, געקראַצט זיך דאָס בערדל מיטן שטעקן פון בעזעם.

— וואָסי, ער קאָן דיך, פראַשע פאַנאַ? — האָט ער מיטן קאָפּ באַוויזן אין דער זײַט, וווּהין דער דײַטש איז אַוועקגעגאַנגען.

— מע האָט מיך מיט אים באַקאַנט, פּראַשע פאַנאַ, — האָט יוזעף געענטפערט און אַזאַ קוק געטאָן אַפן קרומען הויז־וועכטער, אַז יענער האָט אײַליק געגעבן אַ טראָט אָפּ צום הונט בימבאַ.

שווײַגנדיק, מיט אַ דריק פון דער האַנט, זיך געזעגנט מיט לייזערן, האָט יוזעף זיך אַרויפגעזעצט אַפן וועגעלע און איז אַוועקגעפאָרן.

4.

לייזער איז שוין עטלעכע שאָ געווען אין דער היים. ער האָט זיך אויסגעוואַשן, — פריִער אַרומגעשוירן די באָרד מיט אַ שערל, דערנאָך זי אָפּגעגאָלט. מיט כּיעס האָט ער געשפּירט דעם קילבלעכן צוריר פון אויסגעפּרעסטן גרעט. אַראָפּגעוואָרפן די שווערע שיך מיט הילצערנע פּאַ־דעשוועס, האָט ער אָנגעטאָן לײַכטע שטעקשיך, די פיס האָבן אָפּגערוט, געגנויעט, ער האָט מאַמעש געפילט, ווי עס גיסט זיך אין זיי אָן דאָס אָפּגעפרישטע בלוט. ער האָט לאַנג ניט געקוקט אַף זיך אין שפּיגל. איצט האָט ער זיך אויפמערקזאַם באַטראַכט — אַן אויסגעצערטער, מיט שטאַרק בוילעט געוואָרענע קינבאַקן, מיט בלויע שאָטנס אונטער די אויגן, איז ער דאָך געווען דער זעלבער.

דאָס געפיל פון צופרידנקייט, וואָס האָט זיך דערוועקט אין אים, האָט דאָך ניט געקאָנט פאַרטויבן די שווערע זאָרג, וואָס האָט אים אַלץ מער באַהערשט. נו, האָט זײַן איינזאַמע וואָגלעניש זיך פאַרענדיקט. איצט איז ער צוזאַמען מיט טאַטע־מאַמע. און דאָך האָט ער גראָד דאָ, אין דער היים, נאָך מער באַגריפט, ווי גרויס דער אומגליק איז. ער האָט געזען, ווי אומבאַשיצט, אומבאַהאָלפן טאַטע־מאַמע זײַנען, פאַרשטאַנען, אַז זיי זעען אין אים אַ שטיצע, אַן אַנשפּאַר. און דאָס האָט אים ווי מיט אַ מעסער געשניטן דאָס האַרץ. מיט וואָס קאָן ער דען פאַרלײַכטערן זייער לאַגע? דער וועג, וועלכן ער האָט פאַר זיך אויסגעקליבן, קאָן זיי בלויז נאָך מער פּײַן פאַרשאַפן.

אייגנטלעך, האָט ער נאָך ניט געוווּסט, ווי גרויס איז די געפאַר, וואָס לויערט דאָ אין שטאָט אַף ייִדן. אין לאַגער איז אים קלאָר געווען, איבער־הויפּט די לעצטע צײַט, אַז אַלע זײַנען פאַרורטיילט אַף אומקום. יעדער קריגסגעפאַנגענער לעבט, קאַלזמאַן די קויכעס דינען אים, שעפן זיי זיך אוים — איז אַ סאָף. אָבער וואָס פאַר אַ סאַקאַנע לויערט דאָ, אין שטאָט, אַף אים, אַף טאַטע־מאַמע, אַף אַלעמען פון זײַן שטאַם? יוזעף קאַטשור כאַפּט שמיץ בלויז פאַר ברענגען זיי קאַרטאָפל, פון די טראָטוואַרן טרײַבט

מען אראפ, יידן זיינען אלע אפגעצייכנט מיט בענדלעך — א צייכן פון פארורטיילטע, און איצט די געטא...

פריער פאר אלץ האט ער זיך געוואלט דערוויסן, צי איז דא אין שטאט אנעליע. דאס האט, אגעוו, געדארפט העלפן צו געפינען ליפציקערן. ער האט געהאט א גרונט צו האפן, אז אנעליע, אויב זי געפינט זיך אין שטאט, איז פארבונדן מיט ליפציקערן. קורץ פאר דער מילכאמע האט לייזער, בא ליפציקערס האסקאמע, איינגעלאדן אנעליען א פאר מאל אף זיצונגען פונעם קרייז. אויב אבער אנעליע איז ניטא אין שטאט, וועט ער באטש א קוק טאן אף דער קווארטיר, וווּ זי האט געוווינט, פונאנדערפרעגן וועגן איר די באלעבאסטע און ערשט דערנאך זיך אוועקלאזן אף דאניע ליפציקערס טרעף־ארט, וואס ארן שאמבאדאל האט אנגעוויזן.

אין די שווערסטע צייטן אין לאגער האט לייזער ניט אויפגעהערט טראכטן פון אנעליען. געטראכט וועגן איר פארשיידן — ווען מיט צארטקייט און טיפע ליבע, ווען מיט באדויערן און טרויער, ווען פארצווייפלט. ער האט אויך אליין זיך אויסגעפרווט ניט איין מאל, צי וואלט ער קאנען זי פארגעסן, אויב עס זאל געשען, אז זי האט אים פארגעסן, בעקיוון באמיט זיך טראכטן וועגן איר מיט גלייכגילט. ער האט אבער אלעמאל געוווסט, אז פארגעסן זי אדער ניט פארגעסן, ליב האבן, אדער ניט, — דאס אלץ וועט ער קאנען באשטימען, ווען ער וועט זי דערזען. ער האט ניט געקאנט זיך אפזאגן פון איר אזא, ווי ער האט זי געדענקט פאר די צוויי יאר פון זייער ליבע — די אוניווערזיטעט־יארן. ער האט זי ניט געקאנט פארגעסן אזא, ווי ער האט זי פארגעדענקט אפן וואקזאל, אין דער צווייטער מילכאמע־נאכט, ווען ער איז מיט א גרופע פוילישע און יידישע סטודענטן אוועקגעפארן אפן פראנט. ער האט זי דאן פארגעשטעלט די עלטערן, וועלכע האבן זי ביז דעם ניט געזען, נאר געוווסט פון איר און ניט באוויליקט זיין ליבע צו א פויליש מיידל. פארשטעלנדיק זי איז אט די טרויעריקע און געהויבענע מינוטן, האט ער ווי געזאגט דערמיט, אז אויב ער וועט זיך אומקערן פון דער מילכאמע, וועלן זיי זיין צוזאמען. ווי קאן ער זי אזא פארגעסן?

לייזער האט ווי דערעד־אגעוו, ריידנדיק וועגן די אוניווערזיטעט־באוויירים, שוין אן איבערגעטאנענער, א פרעג געטאן בא די עלטערן וועגן אנעליען, צי האט זי ניט געלאזט הערן וועגן זיך. און דא האט ער זיך דערוווסט אן איבערראשנדיקע נייעס: דאס האט זי, אנעליע, די ערשטע זיי געגעבן צו וויסן, אז ער לעבט און איז פארשפארט אין א לאגער. איר האט עס דערציילט אן אוניווערזיטעט־באוועד, וועלכער האט געזען, ווי מע האט לייזערן, נאך די ווארשעווער שלאכטן, געפירט אין א קאלאנע קריגס־געפאנגענע. לייזער האט באשלאסן: ליפציקער. הייסט עס, אז דאניע האט אים דערמלט, אין ווארשע, באמערקט. אנעליע האט עטלעכע

מאָל געשריבן בריוו. פון איר דאָרף גאָרליטשינאַ, צו די קאָרשעוועס, נאָכגעפרעגט זיך אַף אים, איינמאָל, נאָך מיט אַ צײַט צוריק, האָט זי איבערגעשיקט אַ צעטעלע גאָר דורך קאַטשורן, זי האָט אים באַגעגנט דאָ אַף דער סטאַנציע, מיסטאָמע געפאָרן ערגעץ. מיט אַ כאַדאָשים צוויי צוריק, ווען אַן עלטערע פרוי האָט געבראַכט אַ גרוס פון אים (לייזער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען לײַפּציקערס אַ שעליעד), האָט דער פאָטער איר אַלץ גענוי באַשריבן. אַנעליע האָט זיך אַפילע געוואָלט לאָזן אין דער שטאָט, ווו זײַן לאַגער איז געווען, פרווון טאָן עפּעס פאַר אים. זי האָט ווען דעם געגעבן אַנצוהערן אין אַ בריוו. לייזער האָט געקוקט אַפן בייגעלע פּאַפּיר, וואָס זי האָט גאָר ניט לאַנג צוריק געהאַלטן אין אירע הענט. אין איין אָרט איז דער גרינלעכער טינט געווען אַ ביסעלע צעפלאָסן. די האַנטשריפט — אַן אײַליקע, דוכט זיך, אויך אַ שאַרפערע ווי געווען, נאָר אַ קלאָרע. לייזערן האָט אַ קלעם געטאָן דאָס האַרץ. כאָטש ס'איז אים שוין קלאָר געווען, אַז זי איז אין שטאָט ניטאָ, האָט ער דאָך באַשטימט צוגיין אַף איר געוועזענער קוואַרטיר.

גרייטנדיק זיך אין גאַס, האָט לייזער אָנגעטאָן זײַן באַליבטן, גרויען אָנצוג, וואָס די עלטערן האָבן אים איינעם באַוויזן אויסצובאַהאַלטן. אינעם אייבערשטן קעשענקעלע האָט ער געפונען אַ זאַך, וואָס האָט גע־צוווּנגען צאַרט זיך צונויפדריקן זײַן האַרץ — אַ פאַרטריקנט בלימל. אינעם לעצטן אָוונט, פאַר דעם, ווי די מילכאָמע איז אויסגעבראָכן, האָט ער ביז שפּעט שפּאַצירט מיט אַנעליען אין באָטאַנישן גאָרטן. די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע, אָן שטערן, אַ פאַרנע, אַ נאַכט, ווען עס אָטעמט זיך שווער און דאָס האַרץ קלאַפּט אומרויִק. אַרויסגייענדיק פון גאָרטן, האָט אַנעליע צוגעטראַכט אַזאַ זאַך: אָפּרײַסן אין דער פינצטער פון אַ קלומבע אַ בלימל, באַהאַלטן עס און אַף מאָרגן אַ קוק טאָן, פון וואָס פאַר אַ קאָליר דאָס איז. דאָס געווונטשנסטע, פאַרשטייט זיך, איז געווען, מ'זאָל זײַן אַ רויטס. לייזער האָט לעבעדיק זיך פאָרגעשטעלט, ווי אַנעליע האָט זיך אָנגעבויגן, האַלטנדיק זײַן האַנט, געהערט ווי דאָס שטענגעלע האָט שטיל אַ טראַסקע געטאָן. אַף מאָרגן איז זיי שוין אין קאָפּ ניט געלעגן אַ קוק טאָן אַפן בלימל. איצט האָט לייזער געזען — ס'איז געווען אַ רויט נעגל־בלימל.

5

ס'איז געווען אַ שיינער טאָג פון סאָף אַפּריל. דער הימל, אַ הויכער, אַ בלויער, אַן אויפגעריכט־לויטערער האָט געלויכטן, איזגאַנצן אַ דורכ־געוועבטער מיט גאָלדענע שטראַלן. די פײַכטקייט, וואָס איז געווען אַף די טראָטואַרן און ברוק קאַיאַר, איז אויסגעטריקנט געוואָרן.

מיט דעם ווײַסן בענדל אַף דער לינקער האַנט איז לייזער געגאַנגען

לעבן טראָטואַר, אָפּן ברוק. אים האָט פאַרשאַפן פאַרגעניגן די גאַס. עס האָט זיך אים מאַמעש ניט געגלייבט, אַז נאָך אינדערפרי איז ער דאָ געגאַנגען אין צעריסענע, ברודיקע קליידער, אַ באַוואַקסענער. מיט זשעדנעם אינטערעס האָט ער זיך צוגעקוקט צו דער גאַסן־באַוועגונג, צום לויפן פון טראַמוויי, צום פאָרן פון אַ וועלאָסיפּעדיסט, צום גלאַנץ פון די וויטרינעס; שטיל איינגעזאַפּט אין זיך דעם לייכטן רויש פון טריט און קליידער אַף די טראָטואַרן. ער איז דאָך געווען אַ שטאָטישער איינוווינער. אָבער דאָס געפיל, אַז ער מוז זיך אין זיין אייגענער געבורט־שטאָט פילן, ווי אַ פרעמדער, אַז די ברוינע פעסט האָט זיך דאָ אַף אַלץ אויסגעשפּרייט — אָט דאָס געפיל איז אַף קיין איין רעגע ניט אויסגעלאָשן געוואָרן.

ער איז פאַרבייגעגאַנגען די אוניווערזיטעט־געביידע, פאַרהאַלטן זיך דאָ אַ פּאָר מינוט. דער אוניווערזיטעט האָט אויסגעזען פוסט, עטלעכע יאַטלעך האָבן זיך געשפּילט באַם טויער, געוואָרפן שטיינדלעך אין הויף אַריין. און דאָ פלעגט דאָך זיין אַזוי אויפגעלעבט!

אינמיטן אוניווערזיטעט־פּלאַץ האָט אַלעמאָל געשפּריצט אַ פאָנטאַן. איצט איז ער געשטאַנען אַ שטומער. געוויינלעך פלעגט לעבן פאָנטאַן זיצן אַן איינפוסיקער אַלטיטשקער, וואָס האָט פאַרקויפט די סטודענטן פרישע בולקעלעך מיט וורשט. ווו איז ער איצט?

לייזער האָט מיט אַ נאָגעניש אין האַרצן פאַרקערעוועט פון אוניווערזיטעט־פּלאַץ. עס גייען יאָרן, און ער לערנט זיך ניט און צי וועט ער זיך נאָך אַמאָל לערנען? ער איז אַרויף אַף אַ ברייטער גאַס, פונדאַנען איז שוין ניט וויט צו אַנעליעס קוואַרטיר. פלוצים האָט ער אַ ציטער געטאָן. אַ באַיאָרטער דייטש, אַן אַ היטל, אין אַ פאַנאַנדערגעשפּיליעטן מונדיר איז געשטאַנען באַ אַן אָפענעם טויער און מיט אַ פינגער אים גערופן.

— קום, דו, יודע! — האָט ער געזאָגט.

ווען לייזער איז מיט אַ פאַרגליווערטן האַרץ צוגעקומען צו אים, האָט ער זיך אויסגעקערעוועט און געלאָזט זיך גיין אין הויף. לייזער — נאָך אים. איבערגעשניטן דעם הויף, האָט דער דייטש פאַרקערעוועט אין קאָרידאָר און אַראָפּגעלאָזט זיך אַף עטלעכע טרעפּלעך.

— שלעפּ עם אַרויס! — האָט דער דייטש באַפוילן, אַ לויכט געטאָן מיט אַ קעשענע־לאַמטערן אין אַ ווינקל. לייזער האָט דערזען אַ געפּייגערטן הונט. אַן עקל־געפיל האָט אים דורכגענומען, ער האָט פון אָרט זיך ניט געקאָנט רירן.

— נו, יודע! — האָט דער דייטש אַ ריטשע געטאָן, אַ שטויס געגעבן לייזערן מיט אַ פוס פון הינטן.

לייזער האָט באַשלאָסן, אַז מע דאַרף זיך גיכער אָפּפּאַרטיקן. מיט אַ פאַרזאָטענעם האַרץ האָט ער זיך דערמאָנט: נישקאָשע, ער האָט שוין באַגראָבן הינט, אין וואַרשע, אַף דער פּולאַווסקי־גאַס, נאָך דעם סוינעס

אַז אַטאַקע. האָט ער אין אַ סאַד באַגראָבן עסעסאָווצעס, וואָס האָבן שטאַרק געאָווערט אַף דער סעפּטעמבערדיקער זון... ער האָט זיך אַנגעבויגן, גענומען דעם הונט פאַר אַ פאַרהילצערטן פוס און אים אַרויסגעשלעפּט אין דרויסן אַרויס. דער דײַטש האָט אַנגעוויזן אַז אָרט לעבן אַ פּלויט בײַ אַ מיסט־קאַסטן. דאָרט איז שוין געווען צוגעגרייט אַ לאָפּעטע. ער האָט די גאַנצע צײַט ניט געקוקט לייזערן אין פּנים, געשאָפּן זיך מיט אים בלויז מיט אַ פינגער, אין וועלכן עס איז געווען אײַנגעוואַקסן אַ דיק גאָלדן רינגל.

די ערד איז דאָ תּיכּף געווען, האָט לייזער גאַנץ שנעל אויסגעגראָבן אַ גריבל, אַראָפּגעשטויסן אַהין דעם הונט און אים פאַרשאָטן. דער דײַטש איז אָוועקגעגאַנגען.

לייזער איז אַרויס פון הויף. אין טונקעלן אײַנפאָר האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ ריב געטאָן מיט די דלאָניעס אַז אַ פּײַכטן שטיין. „זאָל זײַן, וואָס עס וועט זײַן, מער טראָג איך איצט דאָס שאַנד־בענדל ניט!" — פלינק אַראָפּגעריסן עס פון דער האַנט, האָט ער זיך געלאָזט אין גאַס. ער איז געגאַנגען אַפן טראָטואַר, בעקיוון אַרײַנגעקוקט די דורכגייער אין די אויגן. צווישן אַוילעם האָט דורכגעשוועבט דאָס געזיכט פון אַ באַקאַנטן פּוילישן סטודענט, יענער האָט לייזערן אויך דערקענט, באַגריסט זיך. זײַן בליק האָט זיך אינסטינקטיוו אַף איין רעגע אַ גליטש געטאָן צו לייזערס לינקן אַרבל. באַלד האָט ער אָבער אויפגעהויבן די אויגן און דערמונטערנדיק אַ שמייכל געטאָן צו לייזערן. מיט אַ וואַרעמען געפיל איז לייזער אַוועק ווײַטער.

6

אַט איז, אַ צונויפגעדריקטס צווישן צוויי הויכע מויערן, דאָס צווײַשטאָקיקע הויז, ווו ס'האָט געוווינט אַנעליע. דורך די דרויסנדיקע טרעפּ, צוגעקלאַפּטע צו אַ בלינדער וואַנט, וועט ער זיך אויפהייבן אַפן צווייטן שטאָק און אָנקלאַפּן אין אַ ווייטער טיר, אַף וועלכער עס איז געהאַנגען אַ דראָטן שטײַגל מיט אַ פייגעלע. לעבט נאָך, הייסט עס, יענץ קאַנאַריקל אין שטײַגל, צי דאָס איז שוין אַן אַנדערס? ... לייזער האָט אײנמאָל געוואָלט באַצאָלן דער באַלעבאָסטע פון אַנעליעס קוואַרטיר, זי זאָל אַרויסלאָזן דאָס פייגעלע, האָט יענע גאַנץ רויִק געזאָגט: „נו, איך קאָן אײַך צוליב טאָן און אַרויסלאָזן עס, נאָר פאַר אײַער געלט וועל איך אַלציינס קויפן אַן אַנדער פייגעלע, כ'האָב ליב צו זען, ווי עס שפּרינגט אום אין שטײַגל". האָט ער שוין מער מיט איר ניט גערעדט פון דעם.

הײַנט איז אַ שיינער טאָג, האָט די באַלעבאָסטע אַרויסגעהאַנגען דאָס שטײַגל אַף דער זון.

ער האָט פּאַמעלעך זיך גענומען אויפהייבן אַף די טרעפּ. דאָס פייַ־

געלע, וואס האט זיך איינגעווארעמט קעגן דער זון, האט גענומען אומפלא־טערן איבערן שטייגל, ווייזנדיק דאס געל־גרינע בייכל און פאטשנדיק מיט די פליגעלעך אין די דרעטלעך. לייזער האט אנגעקלאפט אין טיר. דאס הארץ האט אומרויק און פיבערדיק געטיאַכקעט.

די טיר האט זיך געעפנט, און פאר לייזערן איז שטיין געבליבן די פולבלעכע באלעבאסטע מיט די שווארצע, געפארבטע האר, אויסגעלייגטע אין קארבן — פונקט אזא, ווי ער האט זי געדענקט. האט א קאפעטשקע פארוואונדערט געעפנט די אויגן, נאר קיין מינדסטע ווארעמקייט ניט אויס־געדריקט אין בליק, דערקענענדיק אים.

— איר זייט געקומען, אוואדע, צו אנעליען, — האט זי געזאגט, — זי וווינט דא ניט... נאך אין די ערשטע טעג פון דער מילכאמע אוועק־געפארן.

לייזער האט געפילט, אז ער קאן אזוי פאשעט פון דער טיר ניט אוועקגיין. די באלעבאסטע האט אויסגעדריקט נייגיר אפן געזיכט:

— און איר זייט גאנץ געבליבן פון דער מילכאמע... און פון אלץ...

— דערווייל גאנץ.

זי איז אפגעטראטן א שפאן. דאכט זיך, לייזער האט שפעטער בעשום־אופן זיך ניט געקאנט דערמאנען, — ער האט אנגעגריפן אף איר מיטן קערפער, און זי האט זיך אפגערוקט פון דער טיר. ס'האט אים מיטאמאל באהערשט א ווילדער פארלאנג אריינגיין אין צימער, וווּ אנעליע האט געוווינט, א קוק טאן, ווי איז דארט איצט, דערזען עפעס אזוינס, וואס זאל אים דערמאנען אין איר... אט איז דער טיש, ווו אנעליע פלעגט זיך לערנען, די דעמבענע, געשניצטע עטאזשערקע, אף וועלכער זי האט די ביכער געהאלטן. אט איז דער קיילעכדיקער שפיגל, אין וועלכן זי פלעגט אריינקוקן.

די באלעבאסטע איז געשטאנען אינמיטן צימער. מיטאמאל האט זי געזאגט:

— אנטשולדיקט... און פארוואס טראגט איר ניט דאס ווייסע בענדל?

לייזער האט אף איר א שווערן קוק געטאן.

— עס קאן פונקט עמעצער אנקומען און אייך דא דערזען בא מיר אין א יידן־צייכן.

לייזער האט זיך אויפגעהויבן, גארניט ניט געענטפערט און שטיל זיך געלאזט צו דער טיר. ווען ער האט זיך אראפגעלאזט פון די טרעפ, האט ער געהערט, ווי דאס פייגעלע פלאטערט אום אין שטייגל און פישטשעט.

7

צוריק פון אנעליעס געוועזענער קווארטיר איז לייזער אויך געגאנגען אנעם ווייסן בענדל. אנגעטאן האט ער עס בלויז אין א קארידאר פארן אויפהייבן זיך אין א בוידעם־שטיבל אפן פינפטן שטאק, וווּ עס איז געווען דאניע לײַפּציקערס טרעף־ארט.

מיט לײַפּציקערן האט לייזערן צונויפגעפירט אלטער, פאר זײַן אפפארן אין שפאניע. לייזער איז נאך געווען א גימנאזיסט, ווען אלטער האט גאנץ אפן ארויסגעזאגט פאר אים זײַנע געדאנקען, ניט אויסבאהאלטן פון אים זײַנע שטימונגען. נאר טאן עפּעס האט אלטער דעם יינגערן ברודער לאנג ניט פארטרויט. א פארבאטן ביכל פלעגט יא אריינפאלן צו לייזערן אין די הענט, אפשט האט ער א ביסל מער ווי אנדערע געוווּסט וועגן א שטרײַק, א דעמאנסטראציע. אבער ס׳האט אויך געקאנט מאכן אן אײַנדרוק, אז דער ברודער, וואס איז אף גאנצע זעקס יאר עלטער געווען, האט אים, דעם קלענערן, דערווײַל געשוינט, געוואלט אים ביז א באשטימטער צײַט אײַנהיטן פון געפאר.

אלטער איז געגאנגען אין לעבן אנדערש, איידער זײַן יינגערער ברודער, צו פערצן יאר האט ער שוין געארבעט מיטן פאטער בא זייגערמאכערײַ. די פעיִקייטן צו צייכענען האבן אים שפּעטער געבראכט אין א גראווירװארשטאט פון א גרויסער דרוקערײַ. אלץ, וואס אלטער האט געוווּסט, האט ער געלערנט אין האלב־לעגאלע קרײַזלעך, קלובן, דערגאנגען צו דעם מיטן אייגענעם פארשטאנד. לייזער האט זיך געלערנט, געענדיקט גימנאזיע, אוועק אין אוניווערזיטעט.

לייזער, וואס האט גוט געוווּסט זײַן ברודער, האט פארשטאנען, פארוואס יענער איז אזוי צוריקגעהאלטן. אלטער האט אים גארנישט ניט געוואלט אנבינדן, געוואלט, לייזער זאל אליין פארקערעווען אף זײַן, אלטערס, וועג. און מערער טאקע האט ער ניט געטאן; בלויז באקענט אים מיטן סטודענט פון מעדיצינישן פאקולטעט לײַפּציקער. דער שטורעם איז אבער געקומען צו דער צײַט...

די איצטיקע באגעגעניש מיט לײַפּציקערן האט לייזערן ניט נאר געדארפט אײַנשליסן אין דער ארבעט, וועגן וועלכער ער האט געטרוימט און צוליב וועלכער ער איז געקומען אין שטאט. זי איז אים איצט טײַער געווען אויך אלס איינע פון די בעסטע דערמאנונגען וועגן אלטערן.

בא דער אפענער טיר פונעם בוידעם־שטיבל האט לייזער באגעגנט א פרוי, וועלכע איז מיט א שיסל גרעט געגאנגען צו די טרעפּ. טאקע זי, מאריסיע לאנצוט, האט ער געדארפט האבן.

זי האט זיך אומגעקערט מיט אים אין איר קליינעם צימערל, אוועקגעשטעלט די שיסל אף דער פּליטע, אויסגעווישט פאר אים מיטן פארטעך דעם טאבורעט און אליין זיך אוועקגעזעצט אף דער הויכער שוועל.

— וואס וואלט איר דארפן, רויטע בייזוול? — האט זי איבערגעפרעגט. זי האט אנגעשפארט ביידע עלנבויגנס אין די קני, אוועקגעלייגט אף די דלאניעס די ברייטלעכע קין און אט אזוי־א, וויגנדיק זיך אינגאנצן, האט זי צוגעשמידט געקוקט אף לייזערן מיט אירע גרויע גרויסע אויגן, אין וועלכע ער האט פלוצים איבערגעלייענט פיין.

— לייפציקער? — האט זי געזאגט מיט אן אראפגעפאלענער שטים,

— ע־הע, ליבער פריינט... ניטא... — טרערן האבן פארפולט די אויגן,

— ניטא... די געשטאפא האט אים פארנומען, א כוידעש צוריק — פיר וואכן און דריי טעג... דא איז שוין זיין מאמע געוועזן, די בידנע, געקומען פון א שטעטל... פארפאלן...

געטראפן פון אט דעם שווערן קלאפ, האט לייזער־שוין היינט ניט גענומען זוכן קיינעם פון זיינע כאווירים, ער איז אויך ניט אוועק צו ארן שאמבאדאלס מישפאכע. מיט א בלוטנדיקן הארץ און פעסט־צונויפגעדריקטע ליפן האט ער געשפאנט אהיים.

לאנגזאם האט זיך לייזער אויפגעהויבן אף די טרעפ, שטיל און זייער מיד אנגעקלאפט אין טיר. געעפנט האט דער טאטע. עפעס באזונדערס פריידיק קוקנדיק אפן זון, האט ער ארויסגערעדט הויך, ווי צו עמעצן, וואס ווארט אף לייזערן אין צימער:

— א! אט איז ער אליין!... נו, גיי, ס'איז שוין מאמעש ניטא קיין קויעך צו ווארטן אף דיר!

ס'איז געוועזן אין דעם פאטערס קאל, אין זיין אויפגעלעגנקייט אזוינס, אז לייזער איז אריין אין קארידאר מיט א שטארק קלאפנדיק הארץ. ער איז צוגעגאנגען צו דער אפענער טיר און שטיין געבליבן א דערשטוינטער: אין צימער, זעט אוים, ערשט אויפגעהויבן זיך פון א בענקל, איז מיט אויסגעשטרעקטע הענט געשטאנען אנעליע. ער האט איר פאנעם אין דער ערשטער רעגע קלאר ניט געזען, ווייל זי איז געשטאנען מיט דער פלייצע צום ליכטיקן פענצטער, בלויז ביז די מינדסטע אויסבייגן דערקענט די קאנטורן פון איר פיגור, די העלע, קוטשעראווע האר, וואס לאזן זיך אראפ ביז די אקסל אליין, וואס בלויז אנעליע קאן זיי אזוי אויפהייבן. ער האט געמאכט עטלעכע טריט איבערן צימער, אנעליע — אים אנטקעגן. דא האט ער איר פאנעם דערזען, אזא פארברוינטצארטס, אזא שיינס און שמייכלענדיקס, אירע אויגן שטראלנדיק־פריידיקע. ער האט גענומען אירע הענט אין זיינע, געוואלט זי צוציען צו זיך, ארומנעמען, נאר די עלטערן זיינען דערביי געשטאנען. דער פאטער — הארט הינטער זיין פלייצע, די מוטער — עטלעכע שפאן בא א זייט. אירע ברייט־צעעפנטע אויגן זיינען געוועזן ווי פון שטיין, און עפעס האט אט דער בלינדער קוק דער מאמעס מער פון אלץ אים א פענטע געטאן אין דער רעגע.

— אנעליע, — האט ער געזאגט, צוגעדריקט די שפיץ פינגער פון

אירע הענט צום הארצן, — אוי, האב איך דיך געוואלט זען! ווען דו ווייסט, ווי שטארק איך דארף דיך איצט, וויפל כ'האב געטראכט פון דיר...

— זעסטו דאך, און איך בין אין דער רעכטער מינוט דא! — האט אנעליע געזאגט מיט הארציקער ווארעמקייט אין שטים.

—ווארט, — האט לייזער זיך א כאפ געטאן, — און איך גיי דאך ערשט פון דיין קווארטיר...

— אהא! — האט אנעליע פריילעך א קערעווע געגעבן דעם קאפ צו לייזערס מוטער, דערנאך צום פאטער, נאר פארכאפט זיך און געזאגט גיט דאס, וואס האט זי אזוי דערפרייט, — כ'בין ניט פארפארן אהין, און ביכלאל בין איך א גאסט אין שטאט...

זי האט מיט אנטציקונג און ליבע געקוקט אף לייזערן.

— און איך האב דאך געוווסט, אז דו וועסט זיך דורכרייסן! — האט זי געזאגט נאך א מינוט שוויַגן, — כ'האב אנדעריש ניט געטראכט!

— האסט געוווסט? — האט ער א פרעג געטאן, נאר באלד איז אים דורכגעלאפן א געדאנק: „און ווען ליפציקערן ווייסט זי דען גאר־נישט?" — זי האט דערשפירט זיַן פארלעגנהייט, פרעגעוודיק־צארט א קוק געטאן אים אין די אויגן, ווי אלע מאל, ווען זי האט געוואלט באנעמען וואס ער טראכט, טרעפן זיַנעם א פארלאנג. ער האט דערשטיקט אין זיך דעם פארדראס, באשטימט ניט צעשטערן די פרייד. — ס'איז פארשיידנס געווען... כאוויירים האבן מיר געהאלפן.

— אזוי, כאוויירים? — אויך איצט האט אנעליעס געזיכט אויס־געדריקט בלויז פריידיקע אויפגערודערטקייט.

דער פאטער האט געזאגט:

— דאס איז דאך געווען אונדזער איינציקע טרייסטערן, — ער האט א קער געטאן דעם קאפ צו אנעליען, — ווען מיר האבן פון דיר איין מאל באקומען א קארטל, נאך גאר אין אנהייב, האב איך עס ווארט אין ווארט איבערגעשריבן און ארויסגעשיקט זיי...

— וויפל בריוולעך כ'האב יענע ערשטע ציַט ארויסגעווארפן איבערן דראט, צוגעבונדענע צו שטיינער... האט איר בלויז איינס באקו־מען, — לייזער האט א שאקל געטאן מיטן קאפ, — איין באכער אונ־דזערן האט א וועכטער דערשאסן פאר אזא זאך...

די מאמע האט שוויַגנדיק א הייב געטאן אירע אויגן, אין וועלכע ס'זיַנען טרערן געשטאנען; בא אנעליען האבן די הענט א ציטער גע־טאן; דער טאטע האט שטרענג צונויפגעדריקט די ברעמען און אפגעקערט דעם קאפ. א רעגע איז געווארן טרויעריק און שטיל.

די מוטער האט זיך א כאפ געטאן, אז זי מוז גיין עפעס צוגרייטן פארן גאסטס וועגן. כאטש אנעליע האט זיך אפגעזאגט, איז זי דאך אוועק אין קיך. דער פאטער — נאך איר.

— די עלטערן דײַנע, זיי זײַנען אזוי גליקלעך... — האָט אַנעליע געזאָגט, ווען זיי זײַנען פאַרבליבן אַליין אין צימער.

לייזער האָט שווײַגנדיק געקוקט אַף איר. „גליקלעך", — האָט ער געטראַכט, — „זי זאָגט דאָס, ווײַל זי איז פאַרכאַפּט פון איר אייגענער פרייד און וויל ניט געדענקען וועגן דעם אומגליק, וואָס לויערט אַף זיי אַלעמען — אי אַף די עלטערן, אי אַף אים, אי אַף איר, זײַן געליבטער. און וואָס מיינט זי — צוליב גליק איז ער אַהער געקומען?"

ער האָט געזאָגט:

— פון באַקאַנטע האָסטו דאָ עמעצן באַגעגנט?

זי האָט אָנגערופן עטלעכע פאַמיליעס פון סטודענטן, וועלכע ער האָט ניט געקענט, צי פאַרגעסן.

— און לײַפּציקערן? — האָט ער, קוים אײַנהאַלטנדיק דעם ציטער אין שטים, אַרויסגערעדט.

— לײַפּציקערן?... אַך, יענעם, לײַפּציקערן — ניין... כ'האָב אים ניט געזען, איך בין דאָך דאָ זייער זעלטן אין שטאָט.

— און פאַרוואָס האָסטו זיך ניט אָפּגעשטעלט אַף דײַן אַלטער קוואַרטיר? — האָט לייזער געפרעגט, אַלץ נאָך ניט קאָנענדיק זיך אָפּגעבן דער פרייד, וואָס האָט טיף געבושעוועט אין אים.

— ס'איז לאַנג צו דערציילן און ניט קעדײַ אויך... זי איז אַ שוואַרצע, די באַלעבאָסטע, כ'קאָן זי ניט פאַרלײַדן... — אַנעליע האָט אַ כמורע געטאָן איר קלאָרן שטערן, פאַריכט באַ די אויערן דאָס דינע נעצעלע, אין וועלכן ס'זײַנען פאַרנומען געווען אירע פּרעכטיקע, געקרײַזלטע האָר, — כ'בין שוין אַ פּאָר מאָל געווען אין שטאָט און שטעל זיך אָפּ, ווייסט באַ וועמען? באַ יוזעף קאַטשורן... כ'האָב אויך הײַנט באַ אים גענעכטיקט.

— הײַנט?!

— נו יאָ... דאָס האָב איך דאָך אים געשיקט אַהער מיט די... ס'איז ניט וויכטיק.

— מיט די קאַרטאָפל? — האָט לייזער אונטערגעזאָגט.

זי האָט געשוויגן, געקוקט אין ברייטן פענצטער אַרײַן. פּאַמעלעכן האָט זי אָפּגעקערט דעם קאָפּ פון פענצטער, אירע אויגן זײַנען געווען טרײַע, האַרציקע, ריינע, זי האָט רירנדיק און ערנסט געקוקט אַף אים, ווי פלײַסנדיק זיך דורכדרינגען מיט אַט דעם בליק אין זײַן נעשאָמע.

זי האָט אַ קורצן כאַפּ געטאָן לופט מיט די ראָזע, עטוואָס צעטריקנטע ליפּן, אַף איר קלאָרן מאַטאָוון האַלדז האָט דער צאַרטער קנאָפּ זיך אַ באַוועג געטאָן, ווי זי זאָל עפּעס דאַרשטיק אַ שלונג טאָן.

לייזער האָט זי אַרומגענומען און אַ קוש געטאָן.

IV. אין טאָג, ווען דאָס אייניקל האָט אָנגעהויבן גיין...

1.

ס'איז געווען מײַ 1941. צו דער דאָזיקער צײַט זײַנען די דײַטשישע הארמאַטן שוין געשטאַנען אַף די ברעגן פון לאַמאַנש און באַשאָסן, ווען עס האָט זיך זיי נאָר פאַרוואָלט, די בריטישע אינדזלען. אין ראַדיאָ האָבן די פירער פון פאַשיסטישן דײַטשלאַנד יעדער שאָ אָנגעזאָגט דער וועלט, אַז זייערע דיוויזיעס, געשמידטע אין שטאָל און אײַזן, זײַנען גרייט אַרי־בערשפאַנען דעם לעבערלעד־שמאָלן דורכגוס און אַרויסזעצן זיך אַפן בריטישן אינדזל, עס זײַנען שוין גרייט אַזויפיל און אַזויפיל שיפן, אַזעל־כע און אַזעלכע פלאָטיליעס...

אַף מיזרעד האָבן זיך שוין צו יענער צײַט געטראָגן פאַרהאַקטע און פאַרפלאָמבירטע עשעלאָנען, עס האָבן געשווינדלט פלאַטפאָרמעס מיט האַרמאַטן און טאַנקען. אַלע פאַרוואָרפנסטע פאָלוסטאַנקעס, די פוילישע וועלדער און פאָלוואַרקעס זײַנען פול געוואָרן מיט מיליטער. דײַטשישע זעלנער, קאַסקע צו קאַסקע, האָבן אין אויטאָס זיך געטראָגן אַף מיזרעד, פונקט ווי מאָדנע אומבאַוועגלעכע און שווײַגנדיקע זשוקעס, געפאַרבטע אין אומריין־גרינעם קאָליר און צונויפגעפרעסטע אין קעסטלעך. קאָלאָנעס האָבן אין די נעכט מאַרשירט צו די גרענעצן פון ווײַסרוסלאַנד, אוקראַיִנע און מאָלדאַוויע, מאָטאָציקליסטן מיט פאַרקאַשערטע אַרבל האָבן אויך גע־אײַלט אַהין... דער וועלט איז אָנגעזאָגט געוואָרן אַ שפּאָגל־נײַער ליגן, אַז עס גרייטן זיך מאַנעווערן פונעם דײַטשישן מיליטער אַף דער רוסישער גרענעץ.

צו אָט דער צײַט האָט דער דײַטשישער שטאָט־הויפּטמאַן פון ק' שוין געהאַט געזאָגט זײַנע ווערטער, וואָס די היגע פרעסע האָט זיי באַלד אונ־טערגעכאַפּט און צוגעטראָגן דעם אוילעם:

— עס ווימלט אַלץ פון יִדן דאָ אין שטאָט... די שיינע אוראַלטע גאַסן זײַנען פאַרומרייניקט דורך די יודן...

צו אָט דער צײַט האָבן שוין דאָ אין שטאָט פאָליאַקן געמעגט בלויז דורכגיין דורך די פאַרקן און סקווערן, ווו אַף די ביימער און קוסטעס האָבן זיך צאַרט צעוואַקסן די בלעטער. צוזעצן זיך אַף אַ באַנק איז זיי

געווען פֿאַרווערט. אַף יעדער דעמבענער באַנק איז מיט אַ טראַפּאַרעט אויסגעקלאַפּט געווען: „נור פֿיר דויטשע״. אַ ייִד האָט אָבער באַווײַזן זיך נאָענט לעבן אַ פּאַרק ניט געטאָרט.

די קליינע שמאָלע טראַמוויי־וואַגאָנען זײַנען צוערשט צעטיילט געוואָרן אַף דרײַ אָפּטיילן: פֿאַר דײַטשן, פֿאַר פּאָליאַקן, פֿאַר ייִדן. דערנאָך זײַנען געבליבן בלויז צוויי אָפּטיילן — דײַטשן האָבן זיך אָפּגעגרענעצט פֿון פּאָליאַקן. ייִדן איז דערלויבט געווען נאָר גיין צופֿוס. נאָר אויך אַזאַ צופֿוסגייענדיקן ייִדן האָט פֿון זײַן הייך דערזען דער דײַטשישער שטאָט־הויפּטמאַן.

צו אַט דער צײַט האָט דער שטאָט־הויפּטמאַן שוין געהאַט באַקומען אַ געוויס געהיים־פּאַפּירל פֿון בערלין, וואָס איז געלעגן בײַ אים אין סייף. און ער האָט אָוואַדע מער געטראַכט וועגן דעם דאָזיקן פּאַפּירל, ווען ער האָט געזאָגט די ווערטער וועגן די ייִדן, וואָס פֿאַראומרייניקן די שטאָט, איידער וועגן יענעם, מיטן ווײַסן בענדל, וועלכן ער האָט דערזען צווישן דעם ווימלענדיקן אוילעם. דער שטאָט־הויפּטמאַן, דער דאָזיקער דיק־ווערנדיקער, ראָז־הויטיקער דײַטש מיטן קוים מערקבאַרן פֿליך אַפֿן נידעריק־געשוווירענעם קאָפּ איז גליקלעך געווען צו פֿילן זיך אַלס פֿאַשעטער לאַנדי־קנעכט, וואָס איז געשיקט מיט אַ באַשיידענער שליכעס אין אַ באַקעמפֿטן לאַנד און פֿילט טרײַ אויס דעם באַפֿעל פֿון זײַנע באַלעבאַטים.

.2

שוין איבער צוויי כאַדאָשים איז אין שטאָט אָנגעגאַנגען אַן אַרויסשיקונגס־אַקציע. דער ייִדישער גמינע, וואָס איז דורך דער דײַטשישער מאַכט באַשטימט געווען, איז באַפֿוילן געוואָרן אַרויסשיקן פֿון דער שטאָט העכער אַ העלפֿט ייִדישע באַפֿעלקערונג. ווער עס זאָל אָפּפֿאָרן האָט געדאַרפֿט באַשטימען די גמינע אַליין — פּונקט אַזוי ווי אַ מענטש זאָל דאַרפֿן אַליין באַווײַזן, וועלכן פֿינגער פֿון אַ געזונטער האַנט מע זאָל אים בעסער אָפּהאַקן. אַכטונג געבן, אַז די אָנגעמערקטע ייִדן זאָלן טאַקע אַרויספֿאָרן, האָט געדאַרפֿט די ספּעציעלע ייִדישע אָרדענונגס־מיליץ — אַ מין פּאָליציי, כאַפּערס, באַוואָפֿנטע מיט גומי־שטעקנס.

יעדער וואָך, פֿרײַטיק־צונאַכטס, פֿלעגט דעם שטאָט־הויפּטמאַן צוגעשיקט ווערן אַ באַריכט, אַף וויפֿל די ייִדישע באַפֿעלקערונג פֿון שטאָט האָט זיך פֿאַרקלענערט. דער שטאָט־הויפּטמאַן איז געווען ניט צופֿרידן פֿון די טעמפּן, און האָט געדראָעט, אַז אַט וועט ער זיך אַליין אַ נעם טאָן דערצו, וועט ער ניט שוינען קיינעם. די גמינע האָט פֿאַרשנעלערט די אַרבעט, מישפּאָכע נאָך מישפּאָכע אַרויסגעריסן פֿון די אײַנגעזעסענע ערטער און אַרויסגעשיקט פֿון דער שטאָט, וווּהין די אויגן טראָגן. דאָס, וואָס

מע האט דערווײַל געמעגט אליין זיך אויסקלײַבן אן ארט, וווהין צו פארן, איז נאך אויך געווען א שטיקל כעסעד.

איצט איז שוין עטלעכע טעג אין שטאט געמאלדן געווען: „אין די צווועקן פון עפנטלעכער געפארלאזיקייט און עפנטלעכער געזונטהייט ווערט געשאפן א ספעציעלער יידישער וווין־באצירק. די ארויסשיקונג פון יידן ווערט אפגעשטעלט”. פאר טויזנטער יידישע אײַנוווינער זײַנען אויסגע־טיילט געווארן פינף גאסן פון יענער זײַט ווײַסל, אין א פארוואָרפענעם ראנד־ראיאן פון שטאט.

דעם דאזיקן אינדערפרי, ווען דער שטאט־הויפטמאן איז פארקלער־טערהייט געזעסן אף זײַן שטול, איז אין הויף פון דער יידישער גמינע פריִער, ווי געוויינלעך, אראפגעקומען דער אבערשארפיורער זילבערט — דער ספעציעלער באפולמעכטיקטער פון דער דײַטשישער שטאטישער מאכט איבער יידן־פראגן. זילבערט איז געווען א נידעריק, קליין מענטשל און ווי ער זאל איבער דעם אליין שוין זײַן בארויגעז אף גאר דער וועלט, האט ער די גאנצע צײַט געהאלטן אנגעבלאזן די אונטערשטע ליפ, די אויגן זײַנע פון אומבאשטימטן קאליר, — גרויע, צי עפשער גרינע — האבן אנגעשפיצט־צונויפגעזשמורעטע געשאטן בייזע פונקען, זײַן קורצע, ברייטע נאז, מיט קאעסדיק־פונאנדערגעבלאזענע נאז־לעפלעך האט געסאָ־פעט. ער האט געטראגן א נאהײַקע און שטענדיק געפאטשט מיט איר איבער דער רעכטער כאליעווע פון זײַנע כראמעווע שטיוול. די טיר אין גמינע פלעגט ער עפענען נאר מיטן פוס, זיצן פלעגט ער דא בלויז אפן טיש, — אזוי האט ער אויסגעזען העכער און געקאנט בעסער באקוקן דעם, מיט וועמען ער האט גערעדט.

גייענדיק אין גמינע, האט זילבערט אף א פאר מינוט פארקערעוועט אינעם איינשטאקיקן הײַזל לעבן איר, ווו ס'האט זיך געפונען די קאנ־צעלאריע פון דער יידישער ארדענונג־פאליציי. פון דעם ערשטן בליק האבן די, וואס האבן זיך דארט געפונען, פארשטאנען, אז זיי דארפן ארויסגיין און אים לאזן אליין מיטן שעף פון דער פאליציי סימכע ספירע. זילבערט האט א קלאפ געטאן מיט דער נאהײַקע איבער דער גלאנציקער כאליעווע, דערנאך איבערן בענקל, וואס איז געשטאנען לעבן טיש, ארויפגעזעצט זיך מיט א לײַכטן שפרונג אפן טיש, און ביידע פיס אוועקגעשטעלט אפן בענקל. ספירע האט דאס אלץ צוגעקוקט, ניט וויסנדיק, וואס בעסער אויס־דריקן אף זײַן געזיכט — צי האכאנע און געפאלנקייט, צי טרײַע גרייטקייט, צי קלוגיטשקע אינטימקייט. אין איין רגע זײַנען די דאזיקע אלע אויס־דרוקן דורכגעגאנגען איבער זײַן געזיכט, דערבײַ האט ער אויפמערקזאם ארײַנגעקוקט זילבערטן אין די אויגן, און ניט געפינענדיק אין זיי קיין אפרופן אף קיין איינעם פון די דאזיקע אויסדרוקן, — זילבערט איז גע־ווען אנגעבלאזן, זעט אויס, שטארק באשעפטיקט, — האט סימכע ארויפ־געצויגן אף זיך אן אויסדרוק פון פארשטיינערטער טעמפקייט, ארײַנגע־

שלעפט עטוואָס דעם קאָפּ אין די אַקסל און גענומען וואַרטן. ער האָט זיך נאָר דערלויבט געהאַט אַ פיר טאָן מיט דער האַנט איבערן שטערן, ווי ער טוט דאָס אַפּט. ס'האָט אים געדוכט, אַז ער שוויצט, דער שטערן, מיט דער זעלבער האַנט האָט ער אַ טאַפּ געטאָן די שיטערע, צעשויבערטע האָר אויפן פאַרשפּיצטן שאַרבן.

דער דאָזיקער סימכע ספּירע איז ליבער געווען זילבערטן פון אַלע ייִדן, וועלכע ער האָט ווען געקענט. אַלע ייִדן האָט ער פיַינט געהאַט, ניט פאַרטראַכטנדיק זיך אַפילו פאַרוואָס, שרעקלעך פיַינט געהאַט, וויַיל ער האָט ביכלאַל קיינעם ניט ליב געהאַט, און די דאָזיקע האָט מען דאָך נאָך געהייסן האָסן, אָבער ספּירע איז אים געווען צום האַרצן איבער עטלעכע טיַימים און דעריקערשט דערמיט, וואָס יענער איז געווען נאָך מיעסער פון אים. ערשטנס — נידעריק, אַפילו נידעריקער פון אים, זילבערטן, צווייטנס — קראַנק, דאַר און גרין, דריטנס, איז יענער אויך געווען פונקט אַזוי פאַרביטערט און בייז אויף דער וועלט, אויף אַלעמען, גרייט אויף וואָס נאָר מע וויל. ווי־אַזוי זילבערט האָט זיך באַקענט מיט ספּירען, איז געווען אַ סאָד, וואָס קיינער האָט ווען דעם ניט געדאַרפט וויסן און ניט געוווּסט.

עס איז נאָך קעדיי צו דערמאָנען, אַז ספּירע איז אַלע זיַינע יאָרן געווען אין דער כעווּרע קאַדישע, לעצטנס אַפילו אַנפירער פון דער כעווּרע, נאָר איבער עפּעס אַ מיִעס שטיקל אַרבעט, וואָס האָט געשמעקט מיט באַ־רויבן די טויטע, האָט ער, קורץ פאַר דער מילכאָמע, פאַרלוירן זיַין שטע־לע, און איז דערפאַר געווען מאַלע רעציכע אויף קאַהאַל. דעמאָלט טאַקע האָט אים זילבערט אונטערגעכאַפּט. געדרונגען האָט מען, אַז טאַקע עפּעס אַ געוויסער באַגרעבעניש־איניען האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט דעם דיַי־טשישן אָבערשאַרפירער אַזוי נאָענט צו דערקענען זיַין טריַיען דינער...

איצט האָט זילבערט, זיצנדיק אויפן טיש, געזאָגט ספּירען פיר ווער־טער:

— איך דאַרף צוועלף פּאָליציאַנטן...

באַ ספּירען האָט זיך אַ באַוועג געטאָן אַרויף און אַראָפּ די הויט אויפן שטערן, ער האָט פאַרזיכטיק אַ פאַרקוק געטאָן זילבערטן אין די אויגן און דערלויבט זיך אַ פרעג טאָן:

— צו גוטן אָדער צו שלעכטן?

זילבערט איז צופרידן געווען פון דער דאָזיקער פראַגע, צופרידן גע־ווען ביכלאַל פון אָט דעם ספּירע, וואָס פאַרשטייט אים אַזוי גוט.

— מענטש דו איינער, — האָט ער ברייטלעך זיך אַ דריי געטאָן אויפן טיש און פאַרשטיקט אַ לאַך געטאָן. ס'האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז ער האָט בלויז אַ שלוקערץ געגעבן, — אויף קיין גוטן דאַרף איך באַ דיר ניט פרעגן.

ספּירע האָט ווידער אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן שטערן.

— איז וועל איך אָנשריַיבן, — האָט ער געזאָגט.

— ניין, — בא זילבערטן האבן א קאפעלע געלאכט די אויגן, — שיק זיי צום פלאץ, וואס פארן אריינגאנג אין געטא, נאר טיקעף. דארטן וועלן זיי באגעגענען צוויי מיינע זעלנער. האסט, דוכט זיך, אינטעליגענטן צווישן די פאליציאנטן — א דריי אדוואקאטן, עטלעכע זשורנאליסטן, א פאר שול־גאבעס, א דענטיסט, — אט זיי שיק אהין... און דו האסט נאך אלץ האר אפן קין, — האט זילבערט באמערקט און שוין אינגאנצן צעשמייכלט זיך, צעציטערנדיק מיטעם זיין גראבע אונטערשטע ליפ און באווייזנדיק די געלע שיטערע ציין, — שערסט און האסט נאך אלץ א באָרד.

— ע, שוין ווייניק, — האט ספירע באמערקט.

— יא, אויב פארגלייכן מיט דעם, וואס ס׳איז פריער געווען. אבער ס׳איז נאך איצט אויך א סאך. גאל אינגאנצן אפ די באָרד! — זילבערט האט געלאכט, צעבלאזן פאר האנאע די נאז־לעכער, געטרייסלט דעם גוידער איבערן שטייענדיקן קאלנער פון מונדיר. דאס איז בא אים געווען א שפיל אזא — צווינגען ספירען וואס אמאל אלץ מער און מער ארומכאפן זיין פריער גאר ברייטע שווארצע באָרד. איצט האט ער אים ענדלעך באפוילן אראפנעמען אויך דאס ביסעלע, וואס איז נאך פון דער באָרד געבליבן. וואס מער ספירע האט געשוירן די באָרד, אלץ בעסער האט זיך ארויסגעוויזן זיין דאר, געל און צעקנייטשט פאנעם. איצט האט זילבערט זיך שוין פארגעשטעלט, ווי נאקעט און בלויז דאס דאזיקע געזיכט וועט אויסזען מארגן, ווען עס וועט שוין זיין אינגאנצן אפגעגאלט.

— נו, ריר זיך! — האט זילבערט א דריי געטאן מיט דער נאהייקע איבער ספירעס קאפ, אראפגעשפרונגען פון טיש און זיך געלאזט צו דער דרויסן־טיר.

איצט איז ער אוועק אין גמינע. שוין באם אריינגאנג אהין האט בא דער טיר זיך אים געטראפן עפעס אן אלטע יידענע אין א שווארצער שאבעסדיקער שאל — זעט אויס געקומען וועגן עפעס בעטן. זי האט זיך דאווקע א ווארף געטאן אין א זייט, אבער שפעט. זילבערטס נאהייקע האט זיך אראפגעלאזן אף דער זקינעס פלייצע, אזוי אז די שאל איז גלייך צעהאקט געווארן. — „אוי, גאט מיינער!” — האט די יידענע א זאג געטאן, זיך א וואקל געגעבן, איז צו צו דער וואנט מיט אויסגעשטרעקטע הענט, ווי א בלינדע, און זיך אנגעשפארט אין איר. זילבערט האט זיך שוין געהויבן אף די טרעפ אין טונקעלן קארידאר און מיט האנאע געהערט, ווי יעדער ברעטל סקריפעט אונטער אים.

דער אנפירער פון דער גמינע, וואסערשטיין, איז נאך ניט געקומען צו גיין. זילבערט האט, א הייב טוענדיק זיין קורצן גוף, ארויפגעזעצט זיך אפן ברעג טיש, בא וועלכן וואסערשטיין פלעגט אויפנעמען, איינגעארדנט זיינע קרומלעכע פיס אין די פיינע כראמעווע שטיוול אפן ווייכן סאמעטענעם שוין עטוואס אפגעריבענעם שטול, אוועקגעלייגט די נאהייקע אף

די קני און דעם לעצטן פון די מיטארבעטער, וואס האבן פלינק גענומען פארלאזן דעם צימער — אזוי איז דא שוין איינגעשטעלט געווען, — אין פלייצע אריין א זאג געטאן: „וואסערשטיינען!" — דאס האט געהייסן, אז מע דארף פייל־אויסן־בויגן לויפן נאכן אנפירער פון דער גמינע.

.3

נעכעמיע וואסערשטיין האט היינט אינדערפרי איבערגעלעבט פריי־דיקע מינוטן. זיין אייניקל דאווידקע, א קוטשעראווע יינגעלע פון העבער א יאר, האט, זיצנדיק בא דער מוטער אף די הענט, זיך גענומען ציען אפן דיל, די מאמע האט עס אראפגעלאזט אף די פיסלעך, האט דאס קינד זיך א צי געטאן ווייטער. דא האט שוין די באבע זיך אנגעבויגן, האט אויסגעשטרעקט די הענט אנטקעגן קינד. דאווידל האט א דריי געטאן מיט די אקסעלעך, פונקט ער זאל א גוורע אין זיי דערפילן, און פארשייט גע־מאכט איין טראט און א צווייטן, אנטציקט א קוויטשע געטאן און ארומ־געכאפט די באבע פארן האלדז. די מוטער האט א כאפ געטאן א מעסער פונעם טיש און א שניט געטאן אפן דיל די אומזעבארע פענט פונעם קינדס פיס.

— אין א גוטער שא, — האט די באבע געזאגט, — אין א מאזל־דיקער שא...

פון דער מינוט אז האט דאווידל שוין אנגעהויבן גיין צו יעדן, וואס האט זיך צוגעזעצט אף די שפיץ־פינגער און אויסגעשטרעקט קעגן אים די הענט, — צו וואסערשטיינס יינגערער טאכטער, צו דער מוטער, צום פא־טער — דעם הויכן אזריעל, און אויך צו אים, צו נעכעמיע וואסערשטיי־נען. דערביי געמאכט וואס אמאל מער טריט, אלץ זיכערער זיך אפגע־שטעלט אפילע אינמיטן גאנג און ווידער א קוועל געטאן. בא אלעמען איז די קאווע קאלט געווארן אפן טיש, מע איז געווען פארכאפט פון דער פרייד.

איז אט פונקט אין דער מינוט געקומען צו לויפן א פארסאפעטער שעליעד און אנגעזאגט וואסערשטיינען, אז זילבערט ווארט אף אים. נע־כעמיע וואסערשטיין האט פאמעלעך זיך אויפגעהויבן פונעם דיל, מיט די פינגער רויק א צעקעם געטאן איבער דער ברוסט זיין ברייטע ווייסע באָרד, א קוק געטאן מיט באדויערונג אף דער קאלט־געווארענער גלאז קאווע. ער האט עס געטאן ניט אזוי צוליב זיך, ווי צוליב דעם הויזגעזינד, ווייל עפעס זיינען אלע פארגליווערט געווארן, און ער האט מיט דעם געוואלט באווייזן, אז ס'איז גארניט, ער באדויערט אפילע וועגן דער ניט־דערטרונ־קענער קאווע. ער האט א קוש געטאן דאווידלען אין אקסעלע, אויפהייבנדיק אים עטוואס איבער זיך (אין פאנעם האט ער אים אלעמאל געזשאלעוועט קושן), איבערגעגעבן דאס קינד דער מוטער, גענומען פון דער פרויס האנט

דעם קאַפּעליוש, פון דער ייִנגערער טאָכטערס האַנט — דאָס שטעקל, דאָס ווײַסע בענדל און זיך געלאָזט צו דער טיר.

אַ ביסעלע טרויעריק אַפן האַרצן איז וואַסערשטיינען געווען נאָך פון נעכטן: ער האָט נעכטן געהאַט אַ שווערן טאָג. עמעס, הײַנט אינדערפרי, ווען ער האָט זיך אויפגעהויבן, איז דער טרויער אין אים געווען פאַרטויבט, און פונעם גליק, וואָס דאָס אייניקל האָט גענומען גיין, איז ער גאָר צערונען. איצט אָבער, ווען ער איז אײַליק אַריבערגעגאַנגען די גאַס — די גמינע־געבײַדע איז געווען אַנטקעגן, האָט דער טרויער זיך אין אים ווידער שאַרף דערוועקט. נאָר ער האָט זיך געפּלײַסט טראַכטן, פאַרקערט, וועגן פריידיקן, און אויב ניט פריידיקן, איז קלאַל זײַטיקן. ער האָט אינגאַנצן ניט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם, נאָך וואָס זילבערט וואַרט אַף אים. און דערפאַר האָט ער געטראַכט וועגן אַ נעבטיקן, אויך זייער שווערן צופאַל. נעכטן האָט מען צו קוורע געבראַכט אַ דערטרונקענע — אַ מוטער פון דרײַ קינדער, וואָס מע האָט שוין עטלעכע טעג ניט געוווּסט, ווו זי איז. אַ פישער האָט זי געבראַכט צו פירן אין שטאָט. שוין אָפּגערעדט, וואָס דער פישער האָט געוואָלט געלט פאַר דער טירכע און די גמינע האָט געמוזט באַצאָלן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דערטרונקענע איז אַן אַלמאָנע, דעם מאַן האָבן די דײַטשן מיט אַ וואָך צוריק דערהאַרגעט בעיים דער אַרבעט, דערצו נאָך איז די מישפּאָכע אָנגעמערקט אַף אַרויסגעשיקט צו ווערן.

די קינדערלעך — איינס קלענער פון דעם צווייטן — האָט מען ניט געזאָגט, אַז די מוטער איז טויט. וואַסערשטיין אַליין איז געקומען און אַף אַ ברײטשקע זיי פאַרנומען אין דעם יעסוימים הויז, וואָס באַ דער גמינע. ער האָט געטאָן נאָך עפּעס פאַר די קינדער, געזען, מע זאָל זיי גלײַך שוכן און קליידן אַ ביסל, ווײַל זיי זײַנען געווען הויל און בלוי. אָבער פון נעכטן אָן האָט ער געפילט אַ טיפן שניט אין האַרצן, אַ טיפערן, ווי די גאַנצע צײַט, וואָס ער איז ראָש־האַקאָהאָל, אָנפירער פון דער גמינע. די דאָזיקע שטעלע, וואָס גענומען האָט ער זי זיך, כאָלילע, ניט אַליין, ער איז אַף איר באַשטימט געוואָרן — און דאָס איז אים איצט מער פריקרע פון אַלץ — דורך דער דײַטשישער מאַכט, איז אים אַלע מאָל געווען ניט צום האַרצן, דערווידער, דאָך האָט ער געפונען אַ טרייסט אין דעם, וואָס ער איז זיך מיסאַסעק פאַרן קלאַל, שטעלט זיך אײַן פאַרן ייִדן. די „אויסוואַנדערונג” איז אַ רעציכע פון דער דײַטשישער מאַכט, אים איז שווער געווען זי דורכצופירן. פונדעסטוועגן, האָט ער געטראַכט, וואָלט דאָך עס עמעץ געמוזט טאָן, און דאָ האָט ער זיך אַפילע רעכט און שטאָלץ גענומען צו קלערן, אַז ער וועט קיין גרויסע קריוודעס ניט דערלאָזן. ווײַל אויב נעמען, לעמאָשל, אַזאַ סימכע ספּירע, ווען איבערגעבן אים אַזאַ אַרבעט, וואָלט ער דאָך אָנגעמאַכט אַ כורבן, געשניטן אַף רעכטס און אַף לינקס. עמעס, אויך באַ אים, וואַסערשטיינען, און נאָך מער — באַ די איבעריקע טוער פון גמינע, איז ניט אַלץ צוגעגאַנגען גלאַט. אָט, אַ שטייגער, דאָס געלט, וואָס רײַכערע

טראָגן אַרײַן קלוימערשט אַלס הילף פאַר די, וואָס פאַרן אָפּ, און קויפן זיך אויס מיט דעם. נו, איז עס טאַקע ניט גוט. כאָטש ווען ער האָט אײַנגעשטימט אין גמינע אױף דעם דאָזיקן פאָרשלאָג, — אַרײַנגעטראָגן האָט אים עמעץ אַנדערש, — האָט ער געקלערט, אַז עס איז פאַראַן דערצו אַ שטיקל באַרעכטיקונג. איצט קאָן ער זיך דאָס ניט מוחל זײַן.

נעכטן, קומענדיק אַהיים שטאַרק אַ צעטרייסלטער, אַן אינערלעך צעבראָכענער, האָט ער זיך געזעצט צום טיש און ביז שפּעט אין דער נאַכט דורכגעקוקט שילער־העפטן — די העפטן פון זײַנע מאַסמידים באַהאַלט ער פון אַלע יאָרן בײַ זיך. ער האָט דורכגעקוקט די העפטן און געטראַכט, ווו זײַנען זיי, די מענטשן, וואָס ער האָט זיי געלערנט. פיל זײַנען זיך פונאַנדערגעפאָרן, ווו די וועלט האָט אַן עק, נאָך מער זײַנען דאָ אין שטאָט. ווען די דײַטשן האָבן גאָר אים, דעם ייִדישן לערער, אָנגעמערקט פאַר ראָש־האַקאַהאַל, האָט ער צוערשט ניט פאַרשטאַנען, וואָס זאָל דאָס באַטײַטן. צי זיי זאָלן טאַקע וועלן אַ כיינדל זיך טאָן צו ייִדן, נעמענדיק אין אַכט זייערע געוויסע סימפּאַטיעס צו אים, צי פאַרקערט — און דאָס איז אים ניט אָנגענעם געווען, כאָטש ער האָט די לעצטע צײַט אַלץ אָפטער זיך אָנגעשטויסן אױף דעם געדאַנק — די דײַטשן זאָלן האָפן, אַז אים, אַ ווייכהאַרציקן, אינטעליגענטן זאָקן, וועט זיי גרינגער זײַן בייגן, ווו־הין זיי וועלן פאַרלאַנגען.

לייענענדיק נעכטן די שילער־העפטן און דערנאָך אויך דעם לערן־בוך פאַר ייִדישע געשיכטע, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אױף דער געשיכטע פון כאַנען מיט אירע זיבן זין. דאָס האָט אים רויט געמאַכט דאָס פּנים: העכער צוויי טויזנט יאָר צוריק איז אַ ייִדישע מוטער מיט אַלע אירע זיבן קינדער אומגעקומען און ניט פאַרנייגט דעם קאָפּ פאַר אַ באַצווינגער. און ער, וואַסערשטײַן, נייגט דעם קאָפּ פאַר אַ זילבערט, פאַר אַ ליאַדע דײַטש...

און דאָך איז ער זיכער געווען, אַז ער טוט רעכט, וואָס ער שטעלט פאַר די ייִדן פון אַט דער שטאָט פאַר דער דײַטשישער מאַכט.

ער שטעלט פאַר טויזנטער אָנמעכטיקע זקנים און קליינע קינדער, אַזויפיל געבראָכענע, שוואַכמוטיקע מענטשן, וועלכע שרעקן זיך פאַרן כאַלעף. ער גייט פאַר זיי, רעדט פאַר זיי, איז זי מיסאַסעק מיט אויפזוכן מעל אױף ברויט, מיט אַ יעסוימים־הויז, מיט אַ בייסוילעם, מיט אַלע קלאַל־זאַכן, וועגן וועלכע ער האָט דאָס גאַנצע לעבן קיין אָנונג ניט געהאַט. דער כאַלעף הענגט אויך איבער זײַן האַלדז, איז ער אַלעמאָל גרייט אויפנעמען דעם טויט רויק און מיט ווירדע.

4.

נעכעמיע וואַסערשטײַן האָט שטיל פאַרנייגט דעם גרײַזן קאָפּ פאַרן דײַטש, וואָס איז געזעסן אַפן טיש, אויפגעהויבן עטוואָס דעם קאַפּעליוש,

א קלער געגעבן און אים צוריק ניט אנגעטאן. זילבערט האט אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. אפילע זיצנדיק אפן טיש איז ער אויסגעקומען נידעריקער פון אט דעם גריַיז־גראָען ייִד, וואס האלט זיך מיט אזויפיל ווירדע. אט דאס האט אים אלעמאל באזונדערס געערגערט בעיִס זיַין ערשטן בליק אף וואסערשטיינען. דערנאך האט ער שוין יעדער מאל געפונען מיט וואס צו דערנידעריקן דעם דאזיקן פארשטייער פון די ייִדן, אבער די ערשטע רעגעס פלעגט זילבערט זיך פילן געטראפן אין סאמע קראנקן ארט. אזוי אויך איצט, פון פארדראס האט ער בלויז א קורצן הייב געטאן די האנט, ווי ער זאל זיך א צוק טאן, און א שמיצעלע געגעבן מיט דער נאהייִקע איבערן ווייכן הענטל פון שטול. אף דער באגריסונג האט ער ניט געענטפערט.

— נו, — האט ער געזאגט, מאכנדיק אומיסטן א לאנגע פאוזע נאך אט דעם „נו“, קעדיי דער דאזיקער ייִד, וואס שטייט פאר אים, זאל איַין געדאנק פיבערדיק א זוך טאן צענדליקער זאכן, וועגן וועלכע ער, זילבערט, קאן נעמען ריידן, — די אומדאנקבארע, פארפלוכטע ייִדן... שלעפן זיך אלץ אום איבער אלע גאסן פון דער שטאט... עס ווימלט פון זיי! דער שטאט־הויפטמאן זעט פון זיַינע פענצטער ייִדן! — די דאזיקע פראזע האט ער עטלעכע מאל מיט א קוויטש איבערגעכאזערט, — די פאליציי האט פארהאלטן א ייִד לעבן דער ראטושע, דארט, ווו קיין איין פארפלוכטער טאר ניט וואגן באוויַיזן זיך! אט דער שוויַינעזעק... — ער האט א כאפּ געטאן פון לאץ־קעשענע א פאפירל און א בליק געגעבן אין דעם, — מארדוך מיַיסטערמאן — ער וועט שוין אהיים ניט קומען...

נעכעמיע וואסערשטיין האט מיט ווייטיק א טראכט געטאן וועגן דעם דאזיקן מארדוך מייסטערמאן. עס איז אים באקאנט געווען אזא פאמיליע, דאכט זיך, א שילער זיַינער געווען אמאל. — אהא, אזא הויכער דארף ער זיַין, א לענגלעך פאנעם. נו, איז נאך איין מענטש פארפאלן! קארבאנעס ווערן זיַין, ווילדע און אכזאריעסדיקע, האט ער געפרוווט א וועק טאן אין זיך די געדאנקען, אין וועלכע ער האט גייענדיק אהער א שטיקל טרייסט און בארעכטיקונג פאר זיך געזוכט. מענטשן קומען אום, נאר דאס פאלק וועט בלייבן. ער טאר די רויִקייט ניט פארלירן, פאר די פרויען און קינדערלעך וועגן. אט אפילע דער דאזיקער מיַיסטערמאן, וואס ער געדענקט אים שוואך, — קינדערלעך פארמאגט ער דאך אוודע. עפשער וועט ער, וואסערשטיין, מארגן צי נאך היַינט דארפן שיקן פארנעמען זיי אין יעסוימים־הויז?...

זילבערט האט נאך עפּעס גערעדט. וואסערשטיין, כאטש ער האט געפלייסט זיך אים הערן, האט דאך די וויַיטערדיקע ווערטער ניט דערהערט. דער דייטש איז אנטשוויגן געווארן מיטאמאל, זיַין אונטערשטע בארויגעזאנגעבלאזענע ליפּ האט זיך א פאר מאל א צוק געטאן, די שמאלע אויגן האבן געקוקט שארף און בייז. בא נעכעמיע וואסערשטיינען איז א קעלט

דורכגעגאנגען דורך דער פּלייצע — עפּעס האָט זילבערט ווי געוואָרט אַף ענטפער, און ער האָט ניט געוווסט וואָס אים צו זאָגן. און דאָ האָט אין זילבערטס איינגעלעך אַ שפּיל געטאָן אַ זיגערישע פרייד — אַהאַ, ער האָט אים דערבראַטן, דעם ייִדן, ס'האָט אים אַזש דאָס לאַשן אָפּגענומען!

— יאָ, יאָ, — האָט זילבערט האַנאָעדיק, מיט אַ קוויטש באַשטימט איבערכאַזערן דאָס, וואָס איז דעם ייִדן אַזוי ניט געפעלן, — דער שטאָט-הויפּטמאַן האָט באַשלאָסן פאַרקירצן אַף דרײַ טעג דעם טערמין, וואָס איז די פאַרפלוכטע ייִדן געגעבן געוואָרן אַף איבערקלײַבן זיך אין געטאָ... דער שטאָט-הויפּטמאַן רופט דעם פאָרשטייער פון די ייִדן, אײַך — צו זיך, קעדיי צוזאַמען פאַרן אַנקוקן דאָס אָרט, ווו דער ייִדישער וווין-באַצירק וועט זײַן...

וואַסערשטיינס און זילבערטס בליקן האָבן זיך באַגעגנט. ביידע האָבן אין דער רעגע געטראַכט וועגן דעם זעלבן, און קיינער פון זיי האָט ניט געצווייפלט, אַז דער צווייטער ווייסט, וועגן וואָס ער טראַכט. זילבערט איז געווען צופרידן. וואַסערשטיין — אַ קאַפּעלע צעמישט. ער איז שוין געווען איינמאָל באַם שטאָט-הויפּטמאַן אַף אַן אויפנעם, ווען מע האָט אים נאָר באַשטימט אַלס ראַש-האַקאַהאַל, געקומען אַהין מיטן גאַנצן גמי-נע-ראַט, דער שטאָט-הויפּטמאַן האָט די גמינע-מיטגלידער געהייסן צו-וואַרטן אין פאָרדער-צימער, און אים, וואַסערשטיינען, אויפגענומען אין קאַבינעט, דערלויבט אים צוזעצן זיך, באַגאַנגען זיך מיט אים בעייסן שמועס גאַנץ העפלעך. שוין באַם געזעגענען זיך האָט ער געזאָגט מיט אַ לאַכלוטן רויִקן אויסדרוק פון פּאָנעם, וואָס האָט דאָך באַהאַלטן עפּעס:

— כ'וועל אײַך בעטן אויפהייבן זיך צוזאַמען מיט די גמינע-מיט-גלידער אַף אַ שטאָק העכער, צו זילבערטן, און זאָגן, אַז איך האָב אײַך געשיקט צו אים, צוליב וואָס ווייסט ער שוין, — אַ געוויסע קליינינקע פּראָצעדור...

זילבערט האָט דאַן אָרויסגעפירט אַלע גמינע-מיטגלידער מיט וואַ-סערשטיינען אין דער שפּיץ אין הויף פון שכײניש פּאָליציי-באַצירק, געהייסן זיי אַלעמען אויסשטעלן זיך באַ דער שטיינערנער וואַנט, אויס-דרייען זיך מיטן פּאָנעם צו איר און אויפהייבן די הענט אַרויף. „אַזוי שטייט, ביז איך וועל זיך אומקערן, — האָט זילבערט געזאָגט, — ווער סע וועט זיך רירן פון אָרט, וועט דערשאָסן ווערן”. הינטער זיי האָט גע-נומען אומשפּאַנען אַ וואַכמאַן. אומגעקערט האָט זיך זילבערט ערשט אַף מאָרגן אינדערפרי. אַלע אייוורים זײַנען באַ די גמינע-פאָרשטייער פאַר-גליווערט געוואָרן, נאָר קיינער האָט זיך פון אָרט ניט גערירט.

— אַט דאָס איז גוט, — האָט זילבערט געזאָגט, — איר זײַט גע-האָרכזאַמע לײַט... נו, גייט אַהיים, דער שטאָט-הויפּטמאַן האָט געוואָלט וויסן, צי איר קאָנט אויספילן זײַנע אַ פאָדערונג...

איצט איז וואַסערשטיין גערופן געוואָרן צום שטאָט-הויפּטמאַן אַף

א צווייטן באזוד, און דערביי אליין. אוועקגייענדיק פון גמינע, האט ער קיינעם ניט געזאגט, וווהין מע רופט אים. אין דרויסן האט ער א טראכט געטאן, אז ער וואלט עפשער באדארפט אריינגיין אהיים, איבערטאן א בעסערן מאנטל, נאר ער האט געוווסט, אז ניט צוליב דעם וויל ער אהין פארקערעווען, און דעריבער זיך אפגעהאלטן דערפון, ער האט זיך פארגעשטעלט, ווי דאווידל קער דארט אומשפאנען איבער די צימערן, ווי די באבע אדער די מאמע פירן אים פאר א הענטל פון אלקער אין עס־צימער, אין קיך. ווי ער באפרייט דאס הענטל פון זייערע הענט און מאכט אליין עטלעכע טריט מיט אן אנציקטן קוויטש. די גאנצע שטוב קער פול זיין מיט אט דעם גליק. איז וואס זשע וועט ער זיך באווייזן אהין? זיי קאנען נאך דערקענען אין אים, אז ער האט אגמעס־נעפעש. ניין, בעסער גיין גלייך. און גאר טיף האט ער דערשטיקט אין זיך דעם געדאנק, אז ער וויל אהיים אריינגיין זיך זעגענען. ער האט העכער אויפגעהויבן דעם קאפ און איז אוועק פעסט, אנשפארנדיק זיך אפן שטעקן.

.5

דער סעקרעטאר, א הויכער דארער דייטש, האט גלייך מיטגעטיילט דעם שטאט־הויפטמאן, אז וואסערשטיין איז געקומען, און יענער האט אים טייקעף אויפגענומען. ווען נעכעמיע וואסערשטיין האט זיך באוויזן אפן שוועל, האט דער שטאט־הויפטמאן זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול באם ברייטן שרייב־טיש. אף זיין רונדן ראזן פאנעם איז געווען א שמייכל, וואס מע האט ניט געקאנט זאגן אף געווים, צי איז ער א העפלעכער, צי א צוריקגעהאלטן־כויזעקדיקער. וואסערשטיין האט דערפילט, אז די פיס פאלגן אים קוים, דער אנגעוועקסטער דיל שווימט אוועק פון אונטער אים, א רעגע האט ער אפילע באדויערט, פארוואס ער האט דאס שטעקל פון העפלעכקייט וועגן געלאזט בא דער טיר. אזוי פיין זיך אויפגעהויבן קעגן אים, האט דער שטאט־הויפטמאן באוויזן וואסערשטיינען, שוין מיט א קאלטלעכן פיר פון די ברעמען, ער זאל זיך צוזעצן און גענומען איבערמישן עפעס פאפירן אפן טיש. ער האט א קוועטש געגעבן איין קנאפקע פון די עטלעכע, וואס זיינען געווען בא זיין טיש. דעם סעקרעטאר, וועלכער האט באלד אריינגערוקט דורך דער האלב־אפענער טיר זיין שמאלן, גלאט־צוגעקעמטן קאפ מיטן ווייסן שרונט אין דער מיט, האט ער באפוילן: „די מאשין!” און ווידער באשעפטיקט גענומען אריינקוקן אין די פאפירן. אויפגעהויבן זיך פון שטול האט ער, ווען דער סעקרעטאר האט נאכאמאל אריינגערוקט זיין שווארצן קאפ דורך דער טיר און א נייג זיך געטאן, וואס דאס האט באטייט, אז דער באפעל איז אויסגעפילט, די מאשין איז גרייט. דאן האט דער שטאט־הויפטמאן געזאגט וואסערשטיינען:

— כ׳האָב באַשלאָסן פאַרשנעלערן די איינאָרדענונג פון דער געטאָ פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג. מיר שײַנט, עס וועט פאַר דער ייִדישער באַפעלקערונג אַליין בעסער זײַן... ווי איך ווייס, האָט אַ ייִד ליב אַ ייִדן, האַ, הער פּראָפעסאָר? — זײַנע פּעטע גלעע אייגעלעך האָבן געלאַכט. — איז אָט וועלן די ייִדן זײַן פאַרייניקט... מיר וועלן צופאָרן אַ קוק טאָן, ווו די געטאָ וועט זײַן, צי איז דאָרט באַקוועם, געראַמיק...

וואַסערשטיין איז שוין געווען דאָרט, ווו די געטאָ האָט געדאַרפט אײַנגעאָרדנט ווערן, — דאָרט איז געווען ניט באַקוועם און ניט געראַמיק. דער שטאָט־הויפּטמאַן האָט עס געוווּסט ניט ערגער ווי ער. צוליב וואָס זשע איז פאַרטראַכט די דאָזיקע קאָמעדיע מיטן פאָרן אָנקוקן דאָס אָרט פאַר דער געטאָ? ער האָט גאָרנישט ניט געענטפערט דעם שטאָט־הויפּט־מאַן, אַרײַנגעצויגן אַ ביסל דעם קאָפּ אין די אַקסל, לאָזנדיק זיך צו דער טיר. דער שטאָט־הויפּטמאַן האָט מיט אַ ברייטלעכן מאַך פון דער האַנט אים העפלעך דורכגעלאָזט פאָרויס.

אויך אין דער מאַשין, וואָס האָט זיך ווייך געטראָגן איבער די גאַסן פון דער שטאָט, איז וואַסערשטיין געזעסן שטיל, אַרײַנגעצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסל. ער האָט געהאַלטן דאָס שטעקל צווישן בײדע קני, געגלעט זיך פון מאָל צו מאָל פאַמעלעך די באָרד, פונקט זי זאָל אים איצט שטערן. ער האָט געזען פאַר זיך דעם שאָפער, אַ יונגן דײַטש, און דעם שטאָט־הויפּטמאַן, ריכטיקער — זײַן גאַנץ ברייטע, אָנגעגאָסענע פּלייצע, מיטן רויטן געפאַלדעוועטן קאַרק, אַף וועלכן ס׳האָבן געשפּראָצט געלע קורץ־געשווירענע הערלעך ביזן אָרט, ווו עס הייבט זיך אָן בײַ אים דער יונגער פּליך. דער שטאָט־הויפּטמאַן האָט גערייכערט. שווײַגנדיק און ניט אויס־קערעווענדיק זיך, האָט ער אויפגעהויבן העכער פונעם אַקסל דעם פּאַרט־סיגאַר, בלויז מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט אײַנגעלאָדן וואַסערשטײַ־נען פאַררייכערן. „אַ דאַנק, — האָט וואַסערשטיין געענטפערט, — איך רייכער ניט״... און עפּעס איז אים פון אָט דעם שווײַגנדיקן זשעסט, פון דעם אויפן, ווי מע לייגט אים פאַר פאַררייכערן, קאַלט געוואָרן.

מע איז אַריבערגעפאָרן דעם בריק איבער דער ווײַסל. דאָ באַלד, נאָכן פּלאַץ, הייבט זיך שוין אָן די גאַס, ווו די געטאָ וועט זײַן. מיטאַמאָל האָט וואַסערשטיין זיך צוגעבויגן צום זײַטיקן פענצטערל פון דער מאַשין, — אַף די גאַנעקעס פון די שטיינערנע צוויי־ און דרײַ־שטאָקיקע הײַזער, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם פּלאַץ, איז עפּעס טונקלס געהאָנגען. נאָך אַ רעגע, און ער האָט בוילעט דערזען,, אַז דאָס זײַנען מענטשן, אַף יעדן גאַנעק — אַ געהאָנגענער. צוועלף געהאָנגענע אין אַ שטרענגער אָרדע־נונג. ווײַס בענדלעך האָבן געבלענדט אַף די הענט פון די געהאָנגענע — דאָס זײַנען ייִדן. ווײַסע בענדלעך זײַנען אויך איבערגעצויגן געוואָרן אַף די היטלען, וועלכע זײַנען אָנגעטאָן געווען אַף די אין אַ זײַט פאַרבויגענע טויטע קעפּ — אָרדענונגס־פּאָליציאַנטן.

— וואס האט עס צו באדייטן, הער שטאט־הויפטמאן? — האט וואסערשטיין קוים ארויסגערעדט.

— אך, עס איז פאר אייך אויך אן ארט דא, — האט דער שטאט־הויפטמאן רויק געענטפערט, געבנדיק בלויז עטוואס א קערעווע אויס דעם קאפ אין וואסערשטיינס זייט און ארויסלאזנדיק דורכן מויל און דורך דער נאז געדיכטע שטראמען רויך.

וואסערשטיין האט זיך אנמעכטיק אראפגעלאזט אף די פרוזשינעס. די מאשין איז נאך אלץ געפארן. עפעס האט ער זיינע אויערן ניט גע־גלייבט, אז ער האט די ווערטער געהערט. ס'האט אים שטארק גערוישט אין קאפ. די געדאנקען האבן זיך אים געמישט. מיט א באזונדערן טרויער האט ער אין דער רעגע דערפילט, אז ער האט אין די הענט בלויז א שטעקל, וואס אויך מיט דעם קאן ער זיך ניט פארמעסטן דא, אין דער ענגער מאשין.

— האב איך דען ניט ערלעך אויסגעפילט אייערע באפעלן? — האט ער מיט אן איבערגעטריקנט מויל געפרעגט.

— פראכטפול, הער פראפעסאר, — האט דער שטאט־הויפטמאן גע־ענטפערט, פארצויגן זיך און ווידער ארויסגעלאזט דורך דער נאז און דורכן מויל צוויי געדיכטע קנוילן רויך, וואס האבן טונקעלער געמאכט די שייַן אין מאשין. — אבער פונדעסטוועגן וועט איר אויך הענגען...

אין צען מינוט ארום איז נעכעמיע וואסערשטיין געהאנגען אף א גאַ־נעק פון הויז, וואס איז געשטאנען מיטן פראנט פונקט צום מיט פלאץ. דער דאזיקער גאנעק איז בעקיוון איבערגעלאזט געווארן פאר דעם צוועק. פוןביידע זייטן זיינען געהאנגען צו זעקס פאליציאנטן.

דער יידישער באפעלקערונג פון דער שטאט איז דערקלערט געווארן, אז די גאנצע יידישע גמינע און אייניקע לייַט פון דער אָרדענונגס־פּאַ־ליציי האבן ניט פינקטלעך אויסגעפילט די פאראָרדענונג פון דער דייַ־טשישער מאכט וועגן דער יידישער „אויסוואנדערונג”, דערפאר איז גע־קומען די דאזיקע הארבע שטראף. די יידן איז פארגעלייגט געווארן אין מעשער פון צוויי טעג זיך איבערצוזען אין געטא.

V. געדאנקען באם שוועל פון געטא.

וואס קומט פאר אויסגיסן א ביסל וואסער?

.1

דאס איינציקע פערדל יוזעף קאטשורס האט פאמעלעכן, שוין צום דריטן מאל, זיך געשלעפט איבער דער גאנצער שטאט מיט אן אנגעלאדענעם וואגן צום ראנד־ראיאן, ווו די געטא וועט זיין.

יוזעף איז אליין געקומען גאנצפרי מיט זיין פערד־און־וועגעלע צום הויז, ווו לייזער האט געוווינט. מיטן בייטש פארוקט אין גארטל, האט ער שווייגנדיק זיך אריינגעשטעלט צו די קארשעווערס אין עס־צימער, פליי־סיק צונעגלעט זיך מיט אן איבערגעקערטער דלאניע די ברייטע, רויטלעכע וואנצעס, געזעצט זיך אפן בענקל, וואס מ'האט אים פארגעלייגט, און געפרעגט בא דער מוטער, וואס זי מאכט. אין זיין פאנעם, ווי אויך אינעם ארט האלטן זיך היינט האט זיך געפילט פארזארגטקייט. מיטאמאל האט יוזעף א טיפן זופ געטאן לופט, האט ארויפגעלאזט די אויגן צום דיל און געזאגט:

— איך בעט ניט אננעמען פאר אומגוט... כ'האב געהערט, אז מענטשן פארן אריבער אהין, אין געטא, בין איך אייך געקומען העלפן... מע זאגט, אז מע קאן גאר קיין געשפאן ניט קריגן...

נויעד קארשעווער האט א ריב געטאן מיט דער האנט דעם שטערן און אפגעקערט זיך צום פענצטער, מע האט נאר געקאנט באמערקן, ווי ער איז בלאס געווארן. בא זיין פרוי עסטער, וואס האט די אויגן אנגעשטעלט גלייך אף יוזעפן, נאר אים, געוויס, ניט געזען, האבן צוויי שניי־רעלעך טרערן א פלייץ געטאן איבער די קנייטשן בא דער נאז. בא לייזערן, פארקערט, כאטש ער האט באמערקט, וואס פאר א ווירקונג די דאזיקע ווערטער האבן געהאט אף די עלטערן, האבן די אויגן דאך לעבעדיק און אנטשלאסן א גלאנץ געטאן. די פראגע, וואס איז פאר אים שוין עטלעכע טעג געשטאנען, גיין אין געטא, צי ניט גיין — טאטע־מאמע האבן אים צוגערעדט זיך באהאלטן, און ער אליין האט זיך אויך זיינע פלענער געהאט, — די דאזיקע פראגע האט ער נאך אט די ווערטער יוזעפס ענדגילטיק פאר זיך געלייזט.

דעם געדאנק וועגן דעם, אז לייזער וואלט אין געטא ניט געדארפט

גיין, האָט די ערשטע אַרויסגעזאָגט אַנעליע. די עלטערן האָבן זיך אָנגע־
כאַפּט פאַר דעם, דאָס איז געווען בעיים אַנעליעס צווייטן באַזוך, ווען זי
איז זיך געקומען געזעגענען פאַרן אָפּפאָרן צו זיך אין דאָרף.

— מיר דוכט, אַז פאַרא אַזא ווי דו, לייזער, איז ניט קיין פּלאַן אַוועק־
צוגיין אין געטאָ, — האָט זי דאַן געזאָגט, טרינקענדיק מיט זיי טיי באַם
טיש, — איך וואָלט דיר געראָטן בעסער זיך אויסבאַהאַלטן דערווײַל, די
ערשטע צײַט בײַ קאַטשורן, דערנאָך וואָלטן מיר נאָך עפּעס צוגעטראַכט...
עפּשער קריגן אַ פּאַס...

לייזער, ווי שווער ס'איז אים אין אָט די מינוטן ניט געווען אָפּן
האַרצן, האָט קוים זיך אײַנגעהאַלטן פון אַ שמייכל: זיך אויסבאַהאַלטן...
אַנעליע זאָגט, פּאַר אַזאַ, ווי ער, און אַליין שטעלט זי זיך גאָר, ווײַזט
אויס, ניט פאָר, אַ וועלכער ער איז איצט. אין אַזאַ צײַט אָנהייבן אַן
איינזאַמען קאַמף פאַר עקזיסטענץ — פּײַן, פּײַן... לייזער האָט געזאָגט
דאָס ערשטע, וואָס ער האָט איצט געקאָנט זאָגן אָף אָפּצושוואַכן דעם
וויטיק, וואָס ער האָט געדאַרפט פאַרשאַפן אַנעליען: ערשטנס, טאָר ער
מער ניט פאַרלאָזן די עלטערן, צווייטנס, איז אים דערעסן דאָס וואָגלען
און אויסבאַהאַלטן זיך. וואָס עס וועט זײַן מיט אַלעמען, וועט זײַן אויך
מיט אים. אין דער רעגע האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער טראַכט קימאַט
קאַלט און אויסגערעכנט, אַז אַנעליע און יוזעף קאַטשור וועלן קאָנען
זײַן פאַרבינדלער אויסער דער געטאָ. יאָ, — איז גלײַך אויפגעקומען אַ
צווייטער געדאַנק, פון וועלכן ס'איז נאָך שווערער געוואָרן אָפּן האַרצן,
— פאַרבינדלער האָט ער שוין, נאָר מיט וועמען צו זײַן פאַרבונדן איז
נאָך ניטאָ... טיף אין זיך פאַרבאָרגן די דאָזיקע בימערקייט, האָט ער
אָף אַ קאָל אַרויסגעזאָגט נאָך אַ מאָל — ער וויל ניט פאַרלאָזן די על־
טערן, און צוגעגעבן:

— מע דאַרף אַ קוק טאָן, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר די געטאָ...

אַנעליע האָט צוגעשמידט געקוקט אָף אים אַ פּאָר רעגעס פון איבער
דער שאָל. לייזערן האָט אַפילע געדוכט, אַז ער לייענט אין אירע אויגן
פאַרוואָרף, ווי זי זאָל אים האָבן ניט ריכטיק פאַרשטאַנען. אירע הענט
האָבן עטוואָס געציטערט. נאָר באַלד האָט זי זיך, ווײַזט אויס, אײַנערלעך
געצוימט און, כאָטש אירע דינע נאָזלעכער האָבן זיך אַ קאַפּעלע צע־
בלאָזן פון אויפרודערונג און פיבערדיקע פלעקן זײַנען אַרויסגעטראָטן אָף
אירע פאַרברוינט־מאַטעוועוע באַקן, האָט זי אַרויסגערעדט:

— יאָ, די עלטערן פאַרלאָזן טאָרסטו ניט...

שפּעטער האָבן זיי נאָכאַמאָל גערעדט וועגן דעם, שוין באַם צע־
שיידן זיך, ווען ער האָט זי באַגלייט ביזן ראָג:

— לייזערקע, — האָט זי געזאָגט, — היט דײַן שטאָלץ, לייזערקע...

אָט די ווערטער האָט ער ניט נאָר ניט געוווּסט ווי צו טײַטשן, נאָר,
קוקנדיק אין אירע בלווילעד־גרויע, האַרציקע, פון אינעווייניק באַשײַנטע

אויגן, אף אירע עטוואס אפגעטוליעטע פייכטלעכע ליפן, האט ער דערפילט אין דער מינוט, אז אנעליע איז אויך ניט די, וועלכע ער האט געקענט, און זי איז אים מיטאמאל נאך טייערער געווארן. אט אף די לעצטע געזעגענונגס־ווערטער אירע האט ער בלויז געענטפערט מיט א פעסטן האנט־דרוק און דערנאך עטלעכע מינוט נאכגעקוקט, ווי זי גייט א שלאנקע, א זאכלעך איילנדיקע צווישן אוילעם. לויט זי האט דערציילט לייזערן, איז זי געקומען אין שטאט קריגן א נייטיקע רעפוע פאר איר ברודערל אנטעקן, וועלכער האט זיך אפגעמוטשעט דעם גאנצן ווינטער מיט עפעס א מאגן־קראנקייט. לייזער האט פאר זיך געקאנט אנדערש דערקלערן, פארוואס זי איז געפארן אזש אהער און ניט אראפגעשטיגן נאך דער רעפוע אין דער וואיעוואדסטווע־שטאט זש', וואס איז פיל נעענטער. איינס דעם צווייטן האבן זיי אווודע עפעס ניט דערזאגט וועגן זיך, אבער דאס האט זיי ניט דערווייטערט, — ס'האט זיי, פארקערט, נאך מער דערנעענטערט.

אנעליע איז אוועקגעפארן מיט דער זיכערקייט, אז ער גייט אין געטא, נאר בא זיך אליין האט עס נאך לייזער אלץ ניט באשלאסן ענדגילטיק. „צי דארף איך טאקע גיין אין געטא?" — האט ער ניט איין מאל געפרעגט בא זיך אין די טעג, ווען סיי בא אים אין דער היים, סיי בא די שכיינים האט מען זיך געגרייט צום אריבערפארן. באהאלטן זיך בא יוזעף קאטשורן האט ער ניט וואס, אבער אוועקלאזן זיך צו יענעם פישער, ער זאל אים ברענגען אין וואלד, איז עפשער פארט מער איניען? דארט אין וואלד וואלט ער אויך צו אנעליען געוועזן נעענטער... גיין אין געטא באטייט דאך צעשיידט ווערן מיט אנעליען אף לאנג, — וואס איז זיך דא צו נארן, עס קאן זיין, אז אף שטענדיק...

ווען לייזער איז געגאנגען אהער אין שטאט, איז זיין פארלאנג געווען — נאך איין מאל זיך זען מיט אנעליען. ער איז קימאט ווי זיכער געווען, אז דאס וועט זיין זייער לעצטע באגעגעניש. ער וועט אפילע ניט ווארטן, זי זאל עס אים זאגן, ער וועט עס איר זאגן אליין. די צייט איז א פינצטערע, נאך וואס זאל ער דאס מיידל פענטען מיט זיין ליבע, אויב אפילע זי געדענקט אים נאך? ווען ער האט אבער דערזען אנעליען, האט ער דערפילט, אז קיין שום קראפט קאן אים ניט צווינגען זי פארגעסן. די טיפסטע טרייסט זיינע איז געווען — אנעליע טראכט אויך אזוי. זי וויל גאר אפילע ניט געדענקען וועגן דער מעכיצע, וואס וואקסט אויס אלץ מער צווישן זיי. זאל דאס זיין ליכטזין? לייזער האט אבער געוווּסט, אז באשולדיקן אין ליכטזין דאס דאזיקע פויערשע מיידל, וואס האט אין שטאט זיך ארויסגעריסן אדאנק איר ענערגיע און אקשאנעס, אליין, דורך געבן פריוואטע לעקציעס, באקומען מיטלען אף לערנען זיך און לעבן, — זי באשולדיקן אין ליכטזין האט ער קיינמאל קיין רעכט ניט געהאט. איז עפשער שטעלט זי זיך פארט ניט פאר דעם גאנצן שוידער פון דער לא־

גע? „היט דײַן שטאָלץ, לײזערקע"... פאַרוואָס זשע האָט זי, כאָטש זי האָט די ערשטע אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, אַז ער דאַרף אין געטאָ ניט גײן, באַלד אײַנגעשטימט מיט דעם, אַז ער דאַרף יאָ גײן? זי ווײס דאָך ניט די עמעסע מאָטיוון, צוליב וועלכע ער קלײַבט זיך גײן אַהין. וואַקלט זי זיך, הײסט עס? און עפּשער איז זי גרײט אַף אַ קאָרבן צוליב זײַנע עלטערן? נאָר אַט האָט זי דאָך פּריִער זיך ניט אָפּגעשטעלט פון צונעמען אים בײַ זײ. עמעס, איצט זײַנען זײ שטאַרק אומבאַהאָלפן, די אַלטע. אָבער גײן אין געטאָ — דאָס איז דאָך אַ סאָף צו זײַנער און אַנעליעס ליבע. אָבער צי טראַכט אויך אַנעליע אַזוי? געדאָרפט איר כאָטש דער־צײלן וועגן פּישער, — נאָר גראָד פון דעם האָט ער רײדן ניט געקאָנט, ביז ער האָט אַלײן נאָך גאָרנישט ניט געטאָן צו האָבן רעכט דאָס צו דערצײלן.

איצט איז קאָטשור געקומען מיטן פערד־און־וועגעלע. צי איז עס זײַן אײגענער אויפטו, צי אַנעליע האָט אָפּפאָרנדיק אים עס אונטערגע־זאָגט, אַלנפאַלס האָט לײזער געמאַכט דעם אויסוואַל — באַשטימט זיך אַריבערציִען צוזאַמען מיט די עלטערן אין געטאָ.

2.

מיטן ערשטן ביסל בעטגעוואַנט און געפעס האָט לײזער אָפּגעפירט אין געטאָ די מוטער. בײַם אַרײַנפאָר אין געטאָ — געווען זײַנען דרײַ אַזעלכע אַרײַנפאָרן, פון פאַרשײדענע גאַסן — איז בײַ אַ טישל געשטאַ־נען אַ דײַטשישער פּאָליציאַנט און אַ ייִד פון דער אָרדענונגס־פּאָליצײ. בײַ זײ האָט לײזער באַקומען אַ פּאַפּירל, וווּ ס'איז געווען אָנגעוויזן דער אַדרעס פון אַ צימער, וועלכן זײ האָבן געמעגט פאַרנעמען. דאָס צימער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז געווען אין אַן אַלט צווײשטאָקיק הילצערן הויז, אין עק פונעם אָנגעמערקטן געטאָ־באַצירק. צעבראָכענע טרעפּ האָבן געפירט אַפן צווײטן שטאָק אין אַ פינצטערן קאָרידאָר מיט טירן בײַ בײ־דע זײַטן. די עלנטקײט און כאַשכעס האָט זיך גלײַך געלײגט לײזערן אַפן האַרצן, ווי נאָר ער האָט זיך אויפגעהויבן אַהער. כוץ דעם איז דאָ היפּש פּײַכט געווען אין די ווינקלען. ער האָט באַלד, ווי זײַן שטײגער איז, גע־פונען עפּעס אויך אַזוינס, וואָס איז אים געפעלן — דאָס אײנציקע ניט גרויסע פענצטער פונעם צימער האָט אַרויסגעקוקט ניט אין געטאָ, נאָר אַף דער פרײַ, אַפן ברעג פון דער ווײַסל, און ווײַטער — אַף דער שטאָט מיט אירע טורעמס און הויכע הײַזער...

אין הויז האָבן זיך שוין אַריבערגעקליבן עטלעכע מישפּאָכעס. די נײַע אײַנוווינער האָבן זיך געהאַלטן אין אײַנאָרדענען, יעדערער האָט גע־שלעפּט זײַן ביסל פאַרמעגן. אַלטע לײַט האָבן זיך געוואָרעמט אַף די טרעפּ קעגן דער פרילינגדיקער זון, קינדערלעך האָבן זיך געשפּילט בײַם

אריינגאנג. דאס ערשטע מאל האט לייזער זיך דערפילט אזוי נאענט מיט די מענטשן פון זיין פאלק. איצט האט ער אי מיט שטאלץ, אי מיט ביטערקייט געטראכט וועגן דעם, אז ער וועט צוזאמען מיט זיי טראגן דעם יאך, וואס גייט נאך דעם פאלק שוין וויפל דורות... נאר צי וועט ער עפעס קאנען אויפטאן אויך פאר אט די מענטשן, ערגעץ פירן זיי? און צי קלינגט ניט צו אזעלדיק פון זיין זייט דאס דאזיקע ווארט פ י ר ן? מאקריוו זיין זיך פאר זיי, — דאס וועט ער אוודאי קאנען. נאר צי שאצט ער אויך אין דעם פראט ניט איבער זיינע קויכעס?

עפעס האט לייזער די לעצטע טעג זיך געפונען ווי אין א קלעם צווישן דעם הייסן אויפריכטיקן טרוים זיינעם און דער גרויער ווירקלעכקייט, וואס האט גראב און אכזאריעסדיק זיין אנטייל געמאנט. אזוי איז אויך איצט געווען מיטן באקוקן דעם נייעם צימער. יוזעף קאטשור האט באטראכט דעם צימער, וואס איז פאר זיי אויסגעטיילט געווארן, און גארנישט ניט געזאגט, בלויז א פארבים געטאן א ברעגעלע וואנצע און צונויפגעצויגן די ברעמען. די מאמע האט זיך אוועקגעשטעלט אינמיטן צימער, ארומגעקוקט זיך, נאר גארנישט ניט געזען, דאן האט זי אויסגעשטרעקט די הענט און איז צוגעגאנגען צום פענצטער. ס'האט זי צוגעצויגן דער העלער פענצטער־פלעק. אויסגעקערעוועט זיך צו לייזערן, האט זי א שאקל געטאן מיטן גרייזן קאפ, פון וועלכן די שאבעסדיקע שאל האט זיך אראפגערוקט, און געזאגט:

— זאל זיין אין א גוטער שא...

אפגיך איבערגעטראגן דאס ביסל בעטגעוואנט און מעבל אין צימער אריין, אוועקגעשטעלט באם פענצטער א בענקל פאר דער מוטער, זיינען לייזער און יוזעף אוועקגעפארן צוריק.

דערווייל איז שוין געווארן אזייגער עלף אינדערפרי. באם אריינפאר אין געטא און אויך אף אלע דערבייזיקע גאסן האבן זיך געזען דורכויסיקע שטראמען מענטשן מיט ווייסע בענדלעך אף די ארבל. גרויס און קליין, אפילע פיצלעך, וואס מע האט אף די הענט געטראגן, זיינען געווען אפגעמערקט מיט אט דעם צייכן. אלע האבן געשלעפט מיט זיך פעק, ווער אף שליטלעך, וואס האבן זיך מיט א גרילצעריי קוים געררוקט איבערן הוילן ברוק, ווער אין קינדער־וויגעלעך, אף האנט־וועגעלעך און דראזשקעס. אין טיפן שווייגן האט אט דער שטראם מענטשן זיך געצויגן אף יענער זייט ווייסל — איבערן בריק, אין געטא אריין.

יוזעף האט אוועקגעלייגט די ווישקעס אף די קני, געלאזט דאס פערדל פריי. ער האט געקוקט ווי דער אוילעם פלייצט, און אף זיין געזיכט איז געווען אן אויסדרוק פון שטרענגקייט און פארטראכטקייט. ער האט פון דער זייט אויפמערקזאם א קוק געטאן אף לייזערן, וועלנדיק פארפירן מיט אים א שמועס.

— מע גייט און מע גייט, — האט ער געזאגט, — אלע גייען אהין...

דער אַרײַנגאַנג איז ברייט, נאָר ווי וועט דער אַרויסגאַנג זײַן... מע זאָגט, אַז מע וועט אַהין קיין פּאַליאַקן ניט אַרײַנלאָזן.

לייזער האָט אים ניט געענטפערט, גיט געוווּסט, וואָס צו זאָגן אים, ביכלאַל ניט געוואָלט ריידן איצט. דער פֿויער האָט אַ ריר געטאָן די וויש־קעס און געזאָגט:

— יאָ, אַנעליע... איך גיב הײַנט אַ קוק — זי האָט אַ פּאַטשייל־קעלע פֿאַרגעסן... נאָר זי וועט זיך נאָך אומקערן... און ווי, אויב מע וועט טאַקע אין געטאָ ניט אַרײַנלאָזן, האַ?

— נו, וועט מען אוואדע קאָנען אַרויסגיין פֿון געטאָ, — האָט לייזער געענטפערט, קלוימערשט ניט פֿאַרשטייענדיק צוליב וואָס קאַטשור זאָגט דאָס.

יוזעף האָט אַ קנייטש געטאָן דעם שטערן. אַרויסווײַזן זײַנע ספּיי־קעס האָט ער, זעט אויס, ניט געוואָלט, האָט ער ווידער געזאָגט, ווי אַן אַ שום פֿאַרבינדונג:

— אַ קלוג מיידל, די דאָזיקע אַנעליע, און אַ כּלאָפּסקע טאָכטער... האָט אַ האַרץ אַ גוטס און אַ געטרײַס... דאָס פֿאָלק אונדזערס וואָלט באַדאַרפֿט האָבן אַ סאַך אַזעלכע, ווי זי, וואָלט דאָס לעבן אַנדערש אויס־געזען.

לייזער האָט אין דער שטיל האַנאָע געהאַט, וואָס יוזעף לויבט אים אַזוי אַנעליען, נאָר דערפֿילט האָט ער, אַז אַט די ווערטער האָבן אַ בריי־טערן מיין, עפּעס איז אַנעליע געפֿעלן יוזעפֿן פֿאַר אירער אַ באַזונדערער גוטסקייט אוואדע צו אים, צי ביכלאַל צו מענטשן, עפּעס ווייסט ער וועגן איר פֿײַנס.

נאָר ריידן וועגן איר איצט, אַפֿילו מיט אַזאַ עמעסן פֿרײַנט ווי קאַ־טשור, האָט ער ניט געוואָלט. צו פֿריש איז געווען דער ווייטיק פֿון דער צעשיידונג מיט איר.

נאָך אַ מינוט שווײַגן האָט זיך יוזעף צוגעבויגן צו לייזערן און שטיל גענומען ריידן:

— קעפּ האָבן מיר, אַ־האַ, נאָך אַ וועלכע קעפּ. נאָר מע האָט זיי ניט געפֿאָלגט, אַ סאַך פֿון זיי אַפֿילע געלאָזט פֿאַלן... און ווען מע זאָל זיי געווען פֿאָלגן פֿון סאַמע אָנהייב אָן, ווען פּוילן איז ווידער געוואָרן פּוילן, און געוועגט טאָן ווי די רוסן, ווו די כּלאָפּעס האָבן מײַסים געאַר־בעט, וואָלטן מיר צוערשט קיין פּריצים ניט געהאַט, קיין פּילסודסקים מיט זײַנע פֿאָלקאָווניקעס, און איצט עפּשער — קיין דײַטשן...

אויך דאָס זײַנען געווען ווערטער, וועלכע וואָלטן אַן אַנדערש מאָל זייער שטאַרק דערפֿרייט לייזערן. ווײַל אויב עס רעדט אַזוי יוזעף, דער־אַ שטילער פּויער, איז, הייסט עס, אין די מויכעס באַ די מענטשן פֿון זײַן גראַד עפּעס פֿאָרגעקומען. לייזער האָט אָבער בלויז צושטימענדיק אַ שאָקל

געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט דערפילט — יאָ, ס׳איז אַ טרייסט. נאָר איצט, ווען דער אומגליק צעפלייצט זיך אַזוי ברייט, איז עס אים ניט גענוג...

לייזער האָט דעם געשפּרעך ניט אונטערגעהאַלטן, און זיי זײַנען ביזן שטוב געפאָרן שווײַגנדיק.

3.

די צווייטע יאָזדע אין געטאָ אַרײַן האָט מיט יוזעפן געמאַכט נויעך קאָרשעווער. לייזער איז פאַרבליבן אין קוואַרטיר, ווו ס׳איז נאָך געשטאַנען אַ קליידער־שראַנק מיט אַן אײַנגעפּאַסטן שפּיגל — דאָס איינציקע פײַנע שטיקל מעבל, וואָס האָט זיך באַ זיי פאַרהיט.

אָט דאָס פאַרגליווערטע זיצן מיט אַ פון ספּאַזמעס איבערגעכאַפּטן גאָרגל איז שווערער פון אַלץ.

דער אויסזען פון די פּוסטע צימערן האָט אַ שווערן טרויער אָנגעווייעט אַף לייזערן. די מאַמע, ווען זי איז אַוועקגעגאַנגען פונדאַנען, האָט זי דורכגעשפּאַנט אַלע צימערן, אָנגעהויבן פון דער קיך, כאָטש זי האָט קימאַט גאָרנישט ניט געזען. לייזער האָט גוט פאַרשטאַנען איר מיין — זי האָט זיך געזעגנט מיט זיי, דערבײַ אָן איין וואָרט, אָן איין קרעכץ, קעדיי אים און דעם פאָטער ניט מעצאַער זײַן. דער טאַטע, ווען ער איז אַוועק, האָט ער בלויז אַ קוש געטאָן די מעזוזע, נאָר דערבײַ האָט ער מיט אַזאַ בלאָנדזשענדיקן בליק אַ פיר געטאָן אַרום זיך, אַז לייזערן האָט אין האַרצן פאַרקוועטשט. איצט איז לייזער דאָ געבליבן אַליין מיט די הוילע ווענט.

זיצנדיק אַזוי אינעם לידיקן עס־צימער, האָט ער מיטאַמאָל שאַרף דערפילט, אַז אומדערטרעגלעכער פון אַלץ איז אים קוקן אַפן פּוסט געוואָרענעם אָרט פון דער וואַנט, לעבן פענצטער, ווו ס׳איז אַלעמאָל געהאַנגען אַלטערס בילד. איצט איז דאָרט געבליבן בלויז אַ פירעק פון שטיקלעך שפּינוועבס און שטויב. דער ברודער, וואָס האָט ווי אַ פרײַער אָדלער זיך געשלאָגן אין די בערג פון שפּאַניע, וואָס האָט ער צו טאָן אין געטאָ? און ער אַליין, לייזער, צי גרײַזט ער ניט, צי פאַרשעמט ער ניט זײַן ברודערס אָנדענק מיט דעם, וואָס ער גייט אַ געזונטער, מיט הענט און פיס, מיט אַ דענקענדיקן קאָפּ אין געטאָ?

פאַר די עטלעכע טעג, וואָס ער האָט זיך געפונען אין שטאָט, ביז מען האָט די יידן ניט פאַרשפּאַרט אין געטאָ, האָט ער זיך געפּרוּווט אָפּזוכן אייניקע זײַנע אוניווערזיטעט־כאַווײרים, נאָר ער האָט קימאַט קיינעם ניט געפונען. ניט בלויז דאָניע לײַפּציקער איז פאַרפײַניקט געוואָרן אין געשטאַפּאָ. דאָרט זײַנען אויך אומגעקומען שימען אָבשאַטקאָ, כאַים זובאַטש, פראַנציישעק קאָנעצפּאָלסקי, דער דיכטער הירש לאַנדסמאַן — אַ שיינער יונג, וואָס לייזער פלעגט זיך אין אים שטום שפּיגלען. אַלע

זיינען זיי מינאסטאם געווען אין דאניעם גרופע. עטלעכע כאווירים, א מאן פינף, זיינען נאך אין די ערשטע טעג פון דער מילכאמע אוועק קיין רוס־לאנד. ווידער א פאר — גאדל ניידים און וואלף שימשילעוויטש האבן איםביידע גלייך פון אנהייב געמאלדן, אז זיי האבן פון איצט אן קיין שייכעס ניט צו יידן. זיי קריגן די נייטיקע פאפירן און בלייבן אף דער „ארישער זייט”. איין כאווער זיינער — מוישע שטיינבארד האט מיט צוויי טעג פאר דעם, ווי לייזער איז צו אים געקומען, זיך גענומען דאס לעבן. דעם פאטערס שלוקערצן, דאס, ווי ער איז שיווע געזעסן אף א זאק בא דער וואנט, האט לייזערן אזוי דערשיטערט, אז ער האט געפילט — ער וועט עס קיינמאל ניט פארגעסן.

איז אט גייט ער דערווייל איינער אליין פון א גאנצן קרייז כאווירים אין געטא אריין. ער האט געזוכט שאמבאדאלס מישפאכע, געמיינט עפ־שער דורך איר אנקניפן נייע פארבינדונגען, האט מען אבער ארנם ווייב מיט די קינדערלעך, פונקט ווי אנדערע ארעמע לייט, ארויסגעשיקט פון שטאט. איינער אליין איז ער דא דערווייל.

דער איינציקער פריינט, וואס איז אים געבליבן, איז אנעליע. נאר אויך זי געפינט זיך וויים פון אים. ער איז אליין, אבער זיצנדיק אט דא, אינעם פוסטן צימער, זאגט לייזער: עס וועלן זיך אפזוכן כאווירים, דער אלגעמיינער גוירל וועט אים מיט זיי צונויפפירן.

קאטשור האט זיך אומגעקערט שוין נאך האלבן טאג און געבראכט א נייס, אז אינעם צימער, וואס איז פאר זיי אויסגעטיילט געווארן, וועלן וווינען נאך צוויי פאמיליעס, עמעס, ניט קיין גרויסע — עפעס א יונג פארפאלק און צוויי ברידער. לייזער איז צוערשט געבליבן ווי געפלעפט — אין יענעם שמאלן, נאסן צימער וועלן וווינען זיבן מענטשן? וויאזוי? נאר באלד האט אים ווידער באהערשט די רויקע אנטשלאסנקייט, וואס האט עפעס ווי געהאמעוועט אלע זיינע ווייטיקן אין דעם טאג, און ער האט א טראכט געטאן: „מיילע, וועלן זיין נאך פיר מענטשן. וואס איז דא דער כילעק?”

יוזעף האט געבראכט נאך איין נייס, אז מע לאזט שוין ניט אריין אין געטא דורך די זייטיקע דורכגענג, נאר דורכן צענטראלן. דאס האט לייזערן מער געטראפן, איידער די יעדיע, אז מע זעצט אריין נאך מענטשן אין צימער. דעם צענטראלן דורכגאנג, ווו עס זיינען נאך היינט אינדער־פרי געהאנגען די דרייצן יידן, האבן קימאט אלע אויסגעמיטן... היינט האט מען די געהאנגענע דרינגענדיק מעקאבער געווען, אף די גאנקעס זיינען אבער געבליבן הענגען די שטריק מיט די שרעקלעכע שלייפן.

דעם פלאץ, ווו דרייצן זיינען אומגעקומען, איז לייזער פארבייגע־פארן מיט אן אראפגעלאזטן קאפ. פלוצים האט זיך דאס פורל אפגע־שטעלט. א דייטש אין א העלם האט פארשטעלט דעם וועג. גלייך אפן טראטואר איז דא געווען אנגעשטעלט מעבל, מערסטנס — שראנקען.

דער דײַטש איז צוגעאַנגען צו לייזערן.

— דעם אַדרעס־שײַן, יודע!

לייזער האָט אים אויסגעשטרעקט די אַדרעס־אַנווײַזונגען. קיין קוק ניט געגעבן אין איר, האָט דער דײַטש געמאַכט אַ שפּאַן נעענטער צום שראַנק, וואָס אַפן ווענגעלע, אַ קוק געטאָן אין שפּיגל, אַ ריב זיך געטאָן מיט צוויי פינגער דעם שפּיציקן קין, ווידער צוגעגאַנגען צו לייזערן:

— אַ ייִד באַדאַרף ניט האָבן קיין שראַנק, דאָס איז איבעריקער לוקסוס און וועט בלויז פאַרנעמען ווערטפולן וווינונג־פּלאַץ... אַ ייִד וועט געפינען, ווו צו האַלטן זײַנע קליידער... בינד אָפּ דעם שראַנק, נו!

לייזער און יוזעף זײַנען אַראָפּ פון ווענגעלע און שווײַגנדיק גענומען אָפּבינדן דעם שראַנק. ביז זיי האָבן זיך געפּאָרעט, האָט דער דײַטש צוגע־פירט צום ווענגעלע עפּעס אַן עלטערע פרוי אין אַ טונקעלער שאַל מיט פּרענדז. אין איין האַנט האָט זי געטראָגן אַ פּעקל, אין דער צווייטער — אַ קוישל מיט געבונדענע הינער.

דער שראַנק איז אַראָפּגעשטעלט געוואָרן אויף דער ערד. לייזער האָט אים געוואָלט אויפּשליסן, קעדיי אַרויסנעמען פון דאָרט די זאַכן, ביכער, נאָר דער דײַטש האָט באַפעלעריש אים אַ לייג געטאָן די האַנט אַפן אַקסל:

— האַלט! אין שראַנק מוז אַלץ בלײַבן! באַ דיר, ייִד, איז, ווײַזט אויס, נענוג געררים, פירסט אַ שראַנק, איז אָט אויף דעם פרײַען פּלאַץ — די דאַזיקע אַלטע.

אַרײַנרוקנדיק לייזערן אין האַנט אַ פּאַפּירל, איז דער דײַטש אַוועק אַנטקעגן אַ נײַ פורל.

— נעם מיך צו פונעם קוילערס אויג, טרײַב מיך ניט, זונעניו! — האָט די אַלטע געזאָגט. איר צעקנייטשטע פּאָנעם, באַדעקט מיט בראָדעווו־קעס, האָט אויסגעדריקט צוטרוי און געבעט. לייזער האָט מיט ווייטיק אַ טראַכט געטאָן, אַז עס זײַנען נאָך דאָ אַזעלכע, וואָס בעטן עפּעס באַ אים...

.4

נאָך איין אומאַנגענעמלעכקייט האָט דערוואַרט לייזערן. לאָזט זיך אויס, יוזעף האָט אים ניט אַלץ דערציילט, צי עפּשער האָט ער עס ניט באַמערקט: איינער פון די צוויי ברידער, וואָס זײַנען אין צימער אַרײַנ־געזעצט געוואָרן, איז געווען אַ שטילער משוגענער. ווייטיקלעכער פון אַלץ איז געווען דאָס, וואָס לייזער האָט אַמאָל דעם דאָזיקן מענטשן גע־קענט: דאָס איז געווען אַ פּראָפעסאָר פון באָטאַניק, זײַנע לעקציעס האָט ער אַ פּאָר מאָל געהערט אין אוניווערזיטעט. איצט איז שווער געווען אין אָט דעם אויסגעדאַרטן מענטשן מיטן בלאַנדן שיטערן בערדל, וואָס וואַקסט בינטלעכווײַז, מיט די אָפּגעשטעלטע, זינלאָזע, פאַרשוואָלענע אויגן, דער־קענען דעם געלערנטן עמיל קראַוס.

דעם דולנס ברודער — לעאן קראוס, איז געווען אן אדוואקאט, א מענטשן פון העכער פערציק — אן אויסגעאיידלטער, א סוטולעוואטער, מיט אן אויסדרוק פון ליידן און ווירדע אפן בלאסן געזיכט. זיינע אויגן, פארזונקענע טיף אונטער די ברעמען, האבן געקוקט שטרענג, נאר עפעס האט אויך רירנדיק־צארטס אין זיי געלויכטן. ער איז געפעלן געווארן לייזערן שוין דערמיט, ווי ער האט, באקענענדיק זיך מיט אים, א וויין געטאן מיט די אויגן אפן ברודער:

— ער משעפעט ניט, דערעסט ניט קיינעם, כ'האלט אים ריין. איך וועט עפשער ניט אננעמען זיין געפינען זיך מיט א קראנקן אין איין צימער, מיר זיינען אבער ניט בא זיך אין די הענט. און איך בעט אייך נעמען אין אכט, אז איך האב אים ליב — קראוס האט צוגעלייגט ביידע הענט צו דער ברוסט, — ער איז זייער אומגליקלעך, מיין עמיל...

אין אוונט האט לעאן קראוס דערציילט דעם ברודערס געשיכטע; פארצווייפלט פון א דייטשס צושטייעניש, בעיס דער מאן איז ניט געווען אין דער היים, האט עמילס פרוי זיך ארויסגעווארפן דורכן פענצטער פון דריטן שטאק. דאן האט דער דייטש, אין ווילדן קאס, ארויסגעשמיצט דורכן פענצטער אויך זייער קינד, א פינפיאריק יינגעלע. דער פראפעסאר האט דעם קלאפ ניט אויסגעהאלטן.

דאס פארפאלק סאקאל איז לייזערן אויך געפעלן. דער יונגער מייער סאקאל — א בלאנדער, קוטשעראווער, א מיטלוווקסיקער, נאר ווי ס'איז צו זען — א גוואר, איז געווען א מיל־ארבעטער. אין זיין גאנץ פאשעטער, העפלעכער האלטונג, אינעם שמייכעלע, וואס האט געבלאנדזשעט אף זיין געזיכט, האט זיך געפילט אינערלעכע זיכערקייט און אומאויסשעפלעכע מונטערקייט. זיין נאך גאר יונגע קליינינקע פרוי, ראשעלע, האט געהאט אן עטוואס פארריסן נעזל, א פאר גרויסע שווארצע פארוונדערטע אויגן. דעם דאזיקן אויסדרוק האבן נאך פארשטארקט די אויפגעהויבענע, ברייטע שיינע ברעמען. די גלאטע האר זיינען געווען פארקעמט אין א קובליק, אפאנעם, זי האט געוואלט אויסזען סאלידער, אבער דאס האט איר בלויז א באזונדערן יונגטלעכן כיין צוגעגעבן.

ווען לייזער איז געקומען, האט שוין ראשעלע געווישט דאס פענצטער, מייער האט צוגעשלעפט א קייטל צו דער טיר...

אזעלכע זיינען געווען די מענטשן, מיט וועלכע לייזערן איז פארגעשטאנען צו וווינען. די אלטע פרוי איז געווען פון א דארף ארום שטאט, אינגאנצן אן איינזאמע.

די ערשטע נאכט איז מען אפגעשלאפן יעדערער אף זיינע פעק. אין אוונט האט מען דערווייל צעטיילט צווישן זיך די ווינקלען פון צימער: די קארשעווערס, ווייל זיי האבן געמוזט שטעלן צוויי געלעגערס, האבן באקומען פלאץ ארום פענצטער. פון דער צווייטער זייט אין ווינקל, באם

זעלבן פענצטער, האט זיך איינגעארדנט דאס יונגע פארפאלק. נעענטער צו דער טיר האבן זיך געפונען די צוויי ברידער. קעדיי מע זאל בא דער אנטקעגנדיקער וואנט קאנען אוועקשטעלן א טיש, האט לעאן קראוס געמוזט שלאפן מיטן קראנקן ברודער. די אלטיטשקע האט זיך צוגעמאסטעט בא דער טיר. א שטיקל צייט האט מען נאך ניט געוווסט, ווו אהינטאן אירע הינער. דערנאך האט מען באשלאסן, זי זאל זיי דערווייל, ביז מארגן, לאזן אין צימער, דערנאך וועט מען שוין זען, ווו מע קאן שטעלן א שטייג. זי האט אבער ניט געוואלט זיין צו לאסט די שכיינים און האט דאס קוישל מיט די אויפעס ארויסגעשטעלט לעבן טיר, אין קארידאר. פאר דער נאכט איז זי עטלעכע מאל ארויסגעגאנגען צו זיי.

לייזער איז קימאט די גאנצע נאכט ניט געשלאפן, געטראכט וועגן זיין ווייטערדיקן לעבן, געבויט פארשיידנסטע פלענער, נאר באלד אפגעווארפן זיי. אינדערפרי האט ער זיך אויפגעכאפט מיט א רויקערן געמיט און מיט פארבארגענע, אבער טיפע האפענונגען.

די שיין פונעם פרימארגן האט פארגאסן די קוואדראטן פונעם קליינעם פענצטער. אין צימער איז שוין קימאט ליכטיק געווען. די מאמע איז געשלאפן אף א פאק, אונטערגעבויגן די פיס, איר געזיכט האט אויסגעדריקט גוטסקייט, דער פאטער איז געזעסן בא איר צוקאפנס, אוועקגעלייגט די הענט אף די קני, און געשלאפן מיט אן אנגערוקטן קאפעליוש אף די אויגן.

הינטערן פענצטער, אפן בוים, האבן פייגעלעך געצוויטשעט. לייזער האט א טראכט געטאן טרויעריק: „זע, אפילע דא זינגען פייגל”. נאר באלד האט ער דאס זעלבע א טראכט געטאן אנדערש: „דא זינגען אויך פייגל”... די זון איז אויפגעגאנגען איבער די צונויפגעדריקטע הייזער פון דער שטאט, איבער די שארפע קאסטיאל-שפיצן. די רויטלעכע שיין, וואס האט קאסטע א פאל געטאן אין צימער, דאס פריילעכע צוויטשערן פון די פייגעלעך, אלץ האט זיך צונויפגעגאסן אין איין שטראם, וואס האט פארפלייצט לייזערן. דורכקלייבנדיק זיך פארזיכטיק-צווישן די פעק, האט ער זיך געלאזט אין דרויסן ארויס.

אין געסל, ווו ער האט געווינט, האט זיך שוין אנגעהויבן א באוועגונג. א פרוי האט אף א שטריק פונאנדערגעהאנגען נאס גרעט, און לייזער האט פארשטאנען, אז געוואשן האט זי נאך אף איר אלטן וווינארט, נאר ניט באוויזן דארטן אויסטריקענען. איצט איז עס איר ערשטע זארג דא, דאס גרעט קאן דאך געל ווערן. א יינגעלע פון א יאר צען האט זיך געפארעט מיט א הונט, געשפאנט אים אין שטריק, צוגעבונדן צו א קלעצל. עם זיינען פארבייגעגאנגען צוויי עלטערע יידן אין אטלאסענע סורדוטן, מיט טאלעס-זעקלעך אונטער די פאכוועס, א פרוי מיט א קויש האט זיך אפגעשטעלט אנטקעגן דער, וואס האט פונאנדערגעהאנגען דאס גרעט, און געפרעגט הויך, צי ווייסט זי ניט, ווו ס'איז דא דער מארק.

ווייטער א ביסל איז א גלעזער דורכגעגאנגען די גאס, טראגנדיק א קעסטל גלאז אפן אקסל. „דאס לעבן גייט ווייטער", — האט לייזער געטראכט.

ער האט זיך געלאזט גיין איבער די געסלעך, סטאם אזוי, באקוקן דעם ראיאן, ווו ער וווינט. ס'איז געווען א שיינער פרילינג־אינדערפרי. די קנאפעביימלעך, וואס זיינען אין אט די פארווארפענע געסלעך געוואקסן, האבן זיך באדעקט מיט קליינע בלעטלעך, גרעזעלעך האבן געשפראצט בא די פייכטע פונדאמענטן פון די הייזער, אין די רינוועס, אין די שמאלע הייפלעך. פון אומעטום האט א שטיל, געענגט, נאר פאראקשנט לעבן געשפארט. לייכטע, ווייסע וואלקנס מיט ברעגן עטוואס ראזלעכע פון דער אינדערפרי:ענדיקער זון, און דערפון — אזוי ווי דורכזיכטיקע, האבן זיך געטראגן הויך אין הימל. „ניין, ניט די גאנצע שיינקייט איז פאר מיר פארשטעלט". — האט לייזער געטראכט, נאר באלד שוין האט ער מיט ביטערער אויפגערייצטקייט זיך אליין א פרעג געטאן: „נו, איז וואס זשע? עפשער שטיל, ווי אט א־דאס גרעזעלע אין רינווע, איינלעבן זיך דא אין א ווינקעלע און פונקט ווי דאס דאזיקע גרעזעלע זען דעם הויכן הימל און דאס שטיקעלע וועלט ארום? ס'איז אויך א גליק..." — „גליק, — האט ער זיך, ווי עמעצער א צווייטער, געענטפערט און זיך בעקיוון אונטערגעגעבן דעם דאזיקן אינערלעכן שמועס מיט יענעם, דעם צווייטן, — וואס זשע, ס'איז ווייניק? ווער ווייסט דען די מאס פון פיל?"

נאר באלד האט לייזער א מאך געטאן מיטן קאפ, ווי ער זאל אפטרייבן א דערעסענע פליג. ער האט געוווסט — ס'איז ניט קיין שטרייט מיט זיך אליין. אין געטא וועלן זיך זיכער געפינען מענטשן, וואס וועלן פרווון מיט אזעלכע רייד אפוועגדן אנדערע פון ריכטיקן וועג. דארף מען געפינען אין זיך גענוג קויעך ארייננצולייגן אין די הערצער פון אלע מענטשן, וועלכע זיינען אהער פארטריבן געווארן, דעם הייסן ווילן צום קאמף. איז וווהין קערט מען זיך? פון וואס הייבט מען אן?

.5

א וואנט פון שטעך־דראט האט איבערגעהאקט די גאס, איבער וועלכער לייזער איז געגאנגען. זיין הארץ האט גענומען שטארק קלאפן. אזוי איז געווען אויך אין קאנצענטראציע־לאגער: ווו מע קערט זיך — שטעך־דראט. אבער אויך דארט האט ער דאך אפגעזוכט די יונגען פון דער „געזונטער קאמאנדע". און אים האט אפגעזוכט — שאמבאדאל!

די דאזיקע גאס איז ארויסגעגאנגען צום פלאץ ארום דער ווייסל און צו דער צענטראלער מאגיסטראל, וואס ציט זיך איבערן בריק. פון יענער זייט דראט זיינען פארביינגעלאפן טראמווייען, עס האבן געשמייעט אויטאס, מענטשן זיינען געגאנגען. וואס איז עס — א וועלט, וואס האט זיך אפגעקערט פון די אומגליקלעכע און פארשפארטע, וויל ניט וויסן פון זיי? צי פארקערט, די געטא דארף מיט איר אויסזען באם באלעבטן טראקט

א שרעק אנוואַרפן אַף די, וועלכע זײַנען געבליבן פון יענער זײַט, ווײַזן זיי, אַז דאָס לעבן קאָן זײַן נאָך פינצטערער?

ער האָט זיך געלאָזט גיין אין אַ צווייטער ריכטונג, אַרויף, צו די ליים־פּוסטקעס. די גאָס מיט די נידעריקע געמויערטע און הילצערנע הייז־קעס, געשניצטע גאַנעקלעך און ערטערווײַז אַפילע מיט דאָרפישע פריזבעס, וואָס האָט זיך דאָרט געשלענגלט, איז אויך פון די פּוסטקעס אָפּגעצוימט געווען מיט אַ וואַנט פון שטעך־דראָט. מיטאָמאָל האָט לייזער ביז ווייטיק פאַרביסן די ליפּן, ער האָט דערפילט, ווי דאָס גאַנצע בלוט האָט אים אַ שפּאַר געטאָן אין פּאַנעם — דאָס איז דאָך געווען די קשיווע־גאַס, דורך איר, האָט ער געזאָגט דעם פישער, קאָן אויך פירן דער וועג צו געווער! איצט האָבן די הײַזקעס, ביז אַרויף אָנגעפּאַקטע מיט אומגליקלעכע מענטשן, אַזוי ווי געמאָנט אַן ענטפער בײַ אים.

מיט אַן אומרויִק געמיט האָט לייזער זיך אומגעקערט אַהיים. מייער סאָקאָל האָט זיך געפּאָרעט אין הויף, געקלאַפּט עפּעס אַף דער באַנק, וואָס איז דאָרט געשטאַנען. דערזען לייזערן דורכן אויפגעעפנטן טויער, האָט ער אים אַ רוף געגעבן מיט דער האַנט. ער האָט זיך אויסגעגלײַכט, פאַרריסן דעם קאָפּ צום אָפענעם פענצטער אַפן צווייטן שטאָק און אַ געשריי געטאָן:

— פּאַני קאַרשעוורואָוואַ! אײַער זון האָט זיך אָפּגעזוכט, גאַנץ!

די מוטער האָט זיך באַוויזן באַם פענצטער, עטוואָס אַריבערגעבויגן זיך, אַ שאָקל געטאָן מיטן גרײַזן קאָפּ.

— אַ דאַנק, — האָט זי שטיל געזאָגט, אַ שמייכל געטאָן אין אַ זײַט, פּונקט זי זאָל דאָרט דערזען לייזערן, געשטאַנען איז ער גאָר אין אַ צווייטער זײַט, — ביסט זיך אַ ביסל אַדורכגעגאַנגען אַף דער לופט? נו, נו, זײַ נאָך אַ האַלבע שאָ אין הויף...

דער טאַטע איז אַרויס פון הינטער דער שטוב מיט אַ לײַכטן מאַטראַץ אַפן אַקסל, ער האָט, ווײַזט אויס, אויסגעקלאַפּט פון אים דעם שטויב.

— כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דו ביסט ניט ווײַט, — האָט ער געזאָגט, —די מאַמע האָט איבערגעטראַכט. כאָטש, מישטיינס־געזאָגט, ווו קאָן מען זיך דאָ אַהינטאָן?

מיט די דאָזיקע ווערטער, האָט לייזער דערפילט, וויל דער טאַטע אי באַשטעטיקן עפּעס, אי עפּעס פרעגן. לייזער האָט ניט געפונען וואָס צו ענטפערן. דער פאָטער איז אוועק מיטן מאַטראַץ אַרויף.

— אַ שטײַג פאַר דער אַלטערס הינער, — האָט מייער סאָקאָל מיט אַ שמייכל געוויזן אַף די ברעטלעך, וואָס ער האָט צונויפגעקלאַפּט. ער האָט זיך פאַררויטלט, געהאַט האַנאָע פון דער אַרבעט. — די פרויען גע־וועלטיקן איצט אין צימער, — האָט ער צוגעגעבן, אַ הייב טוענדיק דעם קאָפּ צום פענצטער, — מע ראַמט, מע שטעלט אויס... מיניסטאָרן גאַנצענע, און טעריטאָריע — אַ גענעץ... כ'האָב זיך געוואָלט אַרײַנמישן

מיט מײַן מאַנצבלשן קאָפּ, האָט מען מיך איידל אַרויסגעבעטן פון דאָרט...

לייזער האָט אויך געשמייכלט. דורך דער שווערקייט, וואָס האָט געפּרעסט זײַן האַרץ, האָט ער זיך דערפילט געטרייסט פון סאַקאָלס מונטערקייט. ער האָט אים גענומען העלפן צונויפקלאַפּן די שטײַג. דער דולער קראָום איז צוגעקומען, געקוקט, מיטאַמאָל האָט ער פּעסט געזאָגט:

— זומער וועל איך אים אויסהאַקן, — אַ ווײַז געטאָן אַפן פלוימענבוים, — נו, יאָ, כ׳וועל דען קאָנען אויסהאַלטן, ווען טויזנטער אויגן וועלן קוקן אַף מיר פון די צווײַגן?

— פונוואַנען וועלן זיך אַהין נעמען אויגן? — האָט מייער געפרעגט.

— וואָס הייסט — מײַן יאַנעקס... וואָס זשע מיינט איר, פלוימען וועלן דאָרט אויסוואַקסן?...

דער דולער האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסל און איז אַוועק טיפער אין הויף.

— דאָס קינד זײַנס, ווען ס׳איז געפאַלן פון דריטן שטאָק, איז טויטערהייט הענגען געבליבן אַף אַ בוים, באַם טראָטואַר, ער האָט עס אַליין אַראָפּגענומען, — האָט מייער דערקלערט, — מיר האָבן אין שטאָט ניט ווײַט פון אים געוווינט.

ער האָט גענומען ריידן וועגן דעם, אַז אינטעליגענטן איז אַלעמאָל שווערער איבערצוטראָגן אַ צאָרע. לייזערן האָבן זײַנע ווערטער אַ קאַפּעלע פאַרדראָסן, האָט ער געשוויגן.

אין צימער האָט זיך געגרייט עפּעס ענלעכס אַף אַ כאַנוקאַס־האָבאָיִם. פאַרטראַכט האָט עס גאָר די אַלטיטשקע פון די הינער — נעכע בײַביק. איר צעקנייטשט פּאָנעם מיט די בראָדעווקעס — אַ פּאָר אַף די באַקן, אַ פּאָר אַף דער קין — האָט געשײַנט פון געמיטלעכקייט. אין צימער איז געווען צוגעראַמט. די געלעגערס צעשטעלט אין די ווינקלען, ווי עס איז געווען אָפּגערעדט. דעם פאַרפּאַלקס ווינקל איז אָפּגעצאַמט געווען מיט אַ שירמע, אויך לעבן דעם בעט פון די ברידער קראָוס איז געהאַנגען אַ לײַלעך. דער פאָ־שפּרייטער טיש איז סערווירט געווען גאַנץ לײַטיש: שטיקלעך אַף אין טעלערס, אָן אָנגעשניטענער הערינג אַף אַ פּאַלומעסעק. לייזער האָט דאָ דערקענט אויך דאָס שטיקל פּוטער, וואָס יוזעף האָט אים נעכטן אַרײַנגערוקט פאַרן געזעגענען זיך.

אַפן וואַנט, נעענטער צום פענצטער, איבער דער מוטערס בעט איז געהאַנגען אַלטערס בילד: פונקט ווי אין דער היים, האָט מען אים אויך דאָ אויסגעטיילט דאָס סאַמע באַלויכטענע אָרט. לייזער האָט אַ קוק געגעבן אַפן ברודערס פּאָנעם און אַ טראַכט געטאָן: „פונדעסטוועגן איז בעסער, וואָס ער איז דאָ מיט אונדז, ווי אַ דערמאָנונג וועגן דעם, וויאַזוי אַ מענטש דאַרף לעבן און שטאַרבן".

מ׳האָט געוואַרט אַפן עלטערן קראָוס. ענדלעך, איז דער אַדוואָקאַט געקומען. זײַן פּאָנעם, האָט לייזער באַמערקט, איז געווען נאָך מער פאַר־

זארגט, ווי נעכטן, די אויגן זײַנען טיפער ארונטער אונטער די ברעמען. דערזען דעם אויפגעראמטן צימער, דעם געגרייטן טיש, דערפילט אלעמענס שטימונג, האט ער א געצוווּנגענעם שמייכל געטאן. ער האט זיך געזעצט צום טיש לעבן דעם קראנקן ברודער.

דער געשפרעך באם טיש האט זיך געדרייט ארום דעם, אז דא אין געטא וועלן עפשער ניט פארקומען אזעלכע העפקיירעסן. פארט אזא מאַ־סע מענטשן צוזאמען. לייזער האט זיך קימאט ניט ארײַנגעמישט אינעם געשפרעך, זיך אויפמערקזאם צוגעהערט, געוואלט באשטימען, וואס שטעלן פאר מיט זיך זײַנע שכיינים. מייער סאקאל האט ארויסגעזאגט א האשאַ־רע, אז עס איז מעגלעך, די דײַטשן זאלן אנהייבן א קריג קעגן רוסלאנד, וועלן זיי כאפן די מאפאלע און ס'וועט קומען די געולע.

קראוס האט אוועקגעלייגט א ביינדעלע אפן ברעג פון טעלער, אויפ־געהויבן די אויגן און טרויעריק א קוק געטאן אף סאקאלן:

— דאס אליץ איז אזוי, די געולע וועט מוזן קומען און עפשער טאקע פון מיזרעד, אבער ווו וועלן מיר דעמאלט זײַן?

די האפענונג, וואס האט געלויכטן אף אלעמענס געזיכטער, האט א צאנק געטאן. ס'האט זיך אײַנגעשטעלט א מאדנע שטילקייט. ראשעלע האט א טרייסל געטאן מיט איר שיינעם קאפ, ווי זי זאל ארפוואַרפן עפעס שווערס פון אים:

— אײַ, גייט שוין, גייט! שטענדיק געפינען זיך מענטשן, וואס גלייבן ניט... — זי האט פרעגעוודיק א קוק געטאן אף איר מאן, בעטנ־דיק אים מיט די אויגן, ער זאל זי אונטערהאלטן.

מייער האט זיך געפילט געטראפן פון קראוסעס ווערטער, נאר ס'האט זיך אים געוואלט די פרוי טרייסטן. מיטאמאל האט אקשאנעם איבערגע־אקערט זײַן געזיכט:

— מיר זײַנען דאך א קויעך, אפילע אין געטא. מיר האבן צווישן די פאליאקן פרײַנט. די וועלט קאן זאגן וועגן אונדז א ווארט. און דער קריג וועט זײַן א גרויסער, דעם דײַטש וועט פאר אליץ באצאלט ווערן.

לייזער האט צוגעשמידט געקוקט אף מייערן. ער איז אים מויכל גע־ווען זײַנע רייד אין הויף, וואס האבן אים א ביסל פארדראסן.

אין דער רעגע האט ער מיט אים אין הארצן געשלאסן כאווערשאפט.

לעאן קראוס האט ווידער געהאלטן אין האנט דאס הינער־פיסל און זיך געייסעקט דערמיט, זײַן געזיכט איז געווען זייער ערנסט, קימאט שטרענג. פארענדיקט עסן, האט ער געזאגט, ווי אן א שום פארבינדונג מיטן געשפרעך:

— כ'בין ערשט געגאנגען דורך דער געטא. דו'ײַ גאסן פונדאנען. א פרוי האט ארויסגעגאסן דורכן פענצטער א ביסל ריין וואסער און גע־טראפן זילבערטן אפן שטיוול, ער איז פונקט פארבײַגעגאנגען. האט ער ארויסגענומען דעם פיסטאלעט און אויסגעשאסן אין צימער ארײַן. די

קויל האָט געטראָפן אַ דרייַיאָריק קינד, וואָס האָט געטרונקען טיי באַם טיש...

אַלע זייַנען געבליבן זיצן דערשיטערטע.

— אָט האָט איר די געטאָ. — האָט קראַוס שטיל, אַזוי ווי מיט פאָרוווּרף געזאָגט.

— האָט זי כאָטש אויסגעגאָסן אַ ביסל וואַסער, — האָט ראַשעלע, אַ בלאַס געוואָרענע, אַרויסגערעדט.

— יאָ, זי האָט אויסגעגאָסן אַ ביסל וואַסער... — האָט לעאָן קראַוס אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. ער האָט אָפּגעשטעלט זייַן טרויעריקן בליק אויפן צעמישטן ברודער, וואָס האָט באַשעפּטיקט געקנאָטן אַ קנייַדלעכל ברויט.

VI. דער שעליעך פון גאָרליטשינאַ צוגאַסט בײַ פאַראורטיילטע

.1

ווען אַנעליע האָט דאָס ערשטע מאָל, נאָך אַנדערהאַלבן יאָר צעשיידט זײַן, זיך געזען מיט לייזערן, איז זי געווען אין שטאָט ניט נאָר צוליב קריגן אַ רעפוע פאַר אַנטעקן — זי איז געקומען מיט אַ שליכעס פון איר פעטער יאַן דוזשי, דעם מאַשיניסט פון דער אײַזנבאַן־סטאַנציע פ'. איר שליכעס איז געווען אַ מאָדנע, גאָר ניט קיין שווערע, נאָר אַנעליע האָט פאַרשטאַנען, אַז זי איז אַ וויכטיקע, און גאַנץ קלאָר זיך אָנגעשטויסן, פון וואָס פאַר אַ מין זי איז.

אַנעליע האָט געדאַרפט קומען אין שטאָט, אַף אַ געוויסער גאַס אַרום וואָקזאַל אָפזוכן אַ דרײַשטאָקיק הויז און אַ באַשטימטן נומער, — דאָס הויז איז נאָך אין יאָר 1939 צעקלאַפט געוואָרן פון אַ דײַטשישער באָמבע, — אַרײַנגיין אין קאָרידאָר, וואָס איז פונעם הויז גאַנץ געבליבן, און אַף דער ערשטער טיר רעכטס אָנשרײַבן מיט קרײַד: „איגנאַץ איז אַ בעריע אַ יונג, אַלץ קאָן ער!" זי האָט געדאַרפט צוּוואַרטן דרײַ טעג, דערנאָך קומען און אַ קוק טאָן אַף דער טיר, אויב עס וועלן אונטער איר אויפשריפט אוועקגעשטעלט ווערן מיט קרײַד צוויי ציילעמלעך, צושרײַבן אַ דריטס און אַליין טייקעף זיך אומקערן אין גאָרליטשינאַ, קעדיי וועגן דעם מיטטיילן דעם פעטער יאַן.

דאַן טאָקע, אַפן צווייטן טאָג נאָך איר קומען אין שטאָט, האָט אַנעליע זיך געזען מיט לייזערן. אינעם באַשטימטן טאָג איז זי אַוועק אינעם כאָרעוון הויז און איז געבליבן שטיין מיט אַ קלאַפנדיק האַרץ, אַ צופרידענע און, כאָטש זי איז דערצו גרייט געווען, אַ ביסל אַ פאַרוווּנדערטע: אונטער איר אויפשריפט האָט זי דערזען צוויי ציילעמלעך.

יאַן דוזשי איז געווען אַנעליעס מוטערס ייִנגערער ברודער. אַ מענטש פון אַ יאָר זיבן און דרײַסיק, אַ מיטלוווּקסיקער, מיט ניט קיין געאײַלטע, אָבער דאָך ניט קיין לאַנגזאַמע באַוועגונגען. אין זײַן גאַנצער פיגור האָט זיך געפילט זיכערקייט, געשטעלטקייט. געווען איז ער אַ טונקלהויטיקער,

באַטש אַ דאַרלעכער, נאָר אַ פֿעסטער, אין די אויגן, טיף אָװעקגעשטעלטע אונטער געדיכטע ברעמען, האָט זיך געפֿילט אַקשאָנעס. האַרטקײט האָט אויסגעדריקט אויך זײַן פֿעסט־געשלאָסן מויל מיט די אַרומגעשווירענע שוואַרצע וואָנצעלעך אויף דער אייבערשטער ליפּ, מיט די טיפֿע ליפּן־ווינקלען. און גלײַכצײַטיק האָט זײַן פּנים געלויכטן מיט אַזאַ אײַנערלעכער וואַרעמקייט, מונטערקייט און לעבנס־גײַריקייט.

דעם פֿעטער האָט אַנעליע פֿון קינדווײַז אָן געאַכטעט און ליב געהאַט. דאָס האָט ער דאָך געפֿירט די דאָזיקע מעגושעמדיקע פּאַרזעניש — דעם צוג, דורכן טאָל, אַ קילאָמעטער צוויי פֿון גאַרליטשינאַ. די דאָזיקע פּאַרזעניש האָט אַרויסגעלאָזן פֿון זיך אַ רויך ביזן וואָלקן און האָט געהוקעט, און אַנעליען האָט אין אירע פֿרײַע קינדער־יאָרן געדוכט, אַז דאָס פֿאַרווײַלט זי אַזוי אָדער דאָס שרעקט זי אַזוי אין שפּאַס דער פֿעטער יאַן פּונווײַטנס, ווײַל פּונקט אַזוי פֿלעגט ער הוקען, ווען ער פֿלעגט זי אַרויפֿכאַפּן אויף די אַקסל און אומטראָגן איבערן שטוב.

דער פֿעטער האָט איר שפּעטער אין שטאָט אַרײַן, ווו זי האָט זיך געלערנט, אַ פּאָר מאָל געשיקט געלט. ניט קיין גרויסע סומען. זי האָט זיך קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט פֿון דעם, ווײַל דער פֿעטער האָט געהאַט אַ פֿאַמיליע און איז געווען ווײַט ניט קיין גוויר. אין זײַן ענטפֿער־בריוול האָט ער אין אַ שטיפֿערישן טאָן געשריבן, אַז ער וויל אויך האָבן אַ כיילעק אין יאָר געלערנטקייט און האָט פֿון מאָל צו מאָל ווידער צוגעשיקט אַ ביסל געלט.

נאָך פֿון פֿאַרן קריג האָט אַנעליע גיכער אָנגעשטויסן זיך, ווי געוווּסט וועגן יאַן דוזשיס אָנשווינגען. פֿון דעם, ווי ער האָט צומאָל בײַ זיי אין שטוב פֿאַרזיכטיק, נאָר קלוג און טרעפֿלעך, אויסגעלאַכט די פּריצים און זייער מעלוכע־פּירעכץ, האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז ער איז ניט שטאַרק צופֿרידן מיט דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג. אַנעליעס פֿאָטער, אַ גלייביקער קאַטאָליקער, פֿלעגט אין אַזעלכע פֿאַלן ווערן כמורנע און ווי אָפּגעפֿרעמדט, איר מוטער, זאָכע, פֿלעגט זיך בעטן בײַם ברודער, ער זאָל זײַן געהיט מיט אַזעלכע רייד.

אויפֿן פּויליש־דײַטשישן פֿראָנט איז דוזשי אַוועק פּרײַוויליק, ווײַל אַלס מאַשיניסט האָט מען אים ניט מאָביליזירט. נאָך דער שנעלער מאַפּאָלע האָט ער זיך לאַנג ניט אומגעקערט און מ'האָט אים שוין גערעכנט פֿאַר אַ פֿאַרפֿאַלענעם. ער איז געקומען אַהיים ערשט ווינטער. צווישן נאָענטע האָט מען דערציילט, אַז ער איז געווען פֿון די, וואָס האָבן אין וואַרשע ביז לעצט זיך געשלאָגן קעגן סוינע, דערנאָך אַרויסגעריסן זיך פֿון שטאָט און נאָך געקעמפֿט אין די אַרומיקע וועלדער.

איצט איז ער אומגעגאַנגען אַ כמורנער, אַ פֿאַרשלאָסענער אין זיך, אַלץ ווי אַרויסגעקוקט אויף עפּעס, גאַנץ קאַלט אויסגעפֿילט זײַנע פֿליכטן אַלס מאַשיניסט. בײַ אַנעליען אין שטוב פֿלעגט ער פֿיל שמועסן מיט

די פויערים, וואס האבן געוויינלעד זיד אהער געזאמלט, ווי נאר ער פלעגט זיד באוויזן. אליין האט ער געווינט ארום דעפא. פארזיכטיק, א ווארט איבער צען, האט מען אים אויסגעפרעגט, וואס זשע הערט מען עפעס אפ די סטאנציעס, ווו ער פארט אום, וועגן קריג אפ מיזרעוו און וועגן דעם, וואס עס גרייט זיד אפ מיזרעד.

באזונדערס האט זיד דוזשי אין דער דאזיקער צייט באפריינדעט מיט אנעליען. ער איז א פאר מאל געקומען אין שטוב און געזען, ווי זי פלעגט אין אוונט, נאד א טאג ארבעט אין באלעבאטישקייט, פארלייענען די פויערים וועגן קאסטיושקאס קאמפ. דעם פעטער איז עס געפעלן, ער האט זיד צוגעזעצט און געהערט. א פאר מאל האט אנעליע גאנץ געלונגען אונטערגעהאלטן דעם פעטער אין זיינע געשפרעכן מיט די פויערים. יאן דוזשי האט גענומען קוקן אפ איר עפעס ווי מיט האפענונג, אין שטוב איז זי געווארן זיין אמערסטן פארטרויטער מענטש. און גאנץ נאטירלעד איז געקומען זיין שליכעס אין שטאט, א שליכעס, דורד וועלכער אנעליע האט זיד דערפילט אנגעשלאסן אין א גרויסער, געהיימער ארבעט.

די דאזיקע אין גרונט נאד ניט זייער פאראנטווארטלעכע אויפגאבע, נאד וועלכער זי האט אבער דערפילט אפדאסניי דעם ווערט פון לעבן, געפונען א נייע אנווענדונג פאר זיד, און גלייכצייטיק — דאס גליק, וואס זי האט געפונען לייזערן א לעבעדיקן און האט איצט יעדער רעגע געקאנט טראכטן וועגן דעם, אז ער איז דא, ער בענקט נאד איר, דאס אלץ האט איר צוגעגעבן אזעלכע קויכעס, אז גארניט האט אין אירע אויגן ניט אויסגעזען צו שווער אדער צו געפערלעד.

.2

ווי זי האט דערווארט, איז אן ערעד אין א כאדאשים אנדערהאלבן ארום געקומען א נייע שליכעס. זי האט נאכאמאל געדארפט פארן אין שטאט, קומען אינעם זעלבן האלב־כארעוון הויז, און אפ דער טיר, פונקט ווי פריער, אנשרייבן: „ווי פראכטפול ס'איז אין מיצקעוויטש־פארק!" עמיץ האט געדארפט קומען און איר אויפשריפט צוויי מאל אונטערשטרייכן. באקומען אזא ענטפער, האט אנעליע געדארפט אוועקגיין ניט אין מיצקעוויטש־פארק, נאר אין קאכאנאווסקי־סאד און דארט, לעבן מיצקעוויטש־דענקמאל, זיד אוועקזעצן אפ דער באנק רעכטס פון דער אלייע. אהער האט געזאלט קומען א מאנצבל, וואס, ווי ער זאל ניט אויסזען, האבן אפ זיין מאנטל געדארפט זיין צוגענייט געלע ביינערנע קנעפ. ער האט געדארפט פרעגן: „דאס זייט איר נעכטן שיר ניט ארונטערגעפאלן אונטערן טראמוויי אפ שוויענטעגא יאנא", און זי האט געדארפט ענטפערן: „איר ווייסט, עס טוט מיר נאד ביז איצט וויי דער פוס". ערשט דערנאד האט זי געמעגט נעמען בא אים דאס, וואס ער וועט איר געבן.

דערפילט איר אַנגעהעריקייט צום פּעטער יאַנס געהיימער אַרבעט, האָט זי אַף אַלץ אַרום שוין גענומען קוקן מיט אַנדערע אויגן, מיט מער פאַרשטאַנד און זיכערקייט, זי האָט שוין לאַנג מיט טיפן פאַרבאָרגענעם האַס צוגעזען דאָס בייז, וואָס איז געווען אַף יעדן טריט און שריט. אָבער איצט האָט זי באַהערשט אַ רויִקע פעסטקייט, אַ גלויבן אין דעם, אַז, דאָס בייז וועט אונטערגעגראָבן ווערן און פאַרשווינדן, עס זאַמלען זיך שוין קויכעס דערויף.

די באַגעגעניש אין קאָכאַנאָווסקי־סאָד האָט איר געדאַרפט פונאַנדערבינדן די הענט, ווײַל בלויז נאָכדעם האָט זי געקאָנט גיין אין געטאָ. דערווײַל איז זי שוין אַ פּאָר מאָל געפאָרן צו דער געטאָ און צוגעקוקט זיך, וויאַזוי אַנדערע אָרדענען אײַן דאָס אַרײַנקומען אַהין. זי האָט באַמערקט איינעם אַן עלטערן פּוילישן פּאָליציאַנט, וועלכער האָט פאַר אַ באַלוינונג אַ פּאָר מענטשן דורכגעפירט דורכן טויער אין געטאָ אַרײַן.

ענדלעך, איז די אויפשריפט אין רויִנירטן הויז ווי געהעריק אונטערגעשטראָכן געוואָרן און אַנעליע איז אוועק אין קאָכאַנאָווסקי־סאָד. זי האָט, עמעס, ניט געוווּסט, אין וועלכער שאָ קאָן דער נייטיקער מענטש קומען. האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אַף דער באַשטימטער באַנק און זיך צוגעגרייט לאַנג וואַרטן. אָפּגעזעסן אַ פּאָר מינוט, האָט זי דערזען, אַז פון אַ זײַטיקער אַלייע גייט מיט לאַנגזאַמע טריט אַ סטולעוואַטער מענטש אין אַ מאַנטל, אַף וועלכן עס זײַנען אָנגענייט גרויסע געלע קנעפּ. גאָר ניט אַזוי האָט זי זיך פאָרגעשטעלט דעם אומבאַקאַנטן, וואָס וועט אַהער קומען. ער מוז, האָט זיך איר געדאַכט, זײַן אַ הויכער יונג מיט אַ פּאַשעט, באַשיידן און ענערגיש פּנים. פרײַער, האָט זי זיך געפילט אַ ביסל פאַרלוירן פון אָט דער דערוואַרטונג, און איצט אַנטוישט, וואָס דער מענטש איז לאַכלוטן ניט ענלעך אַף איר פאָרשטעלונג וועגן אים.

דער פרעמדער האָט זיך אויסגעגלײַכט מיט איר באַנק, אָפּגעשטעלט זיך, עטוואָס אונטערגעהויבן דעם קאַפּעליוש, באַגריסנדיק זיך. אַנעליע האָט געענטפערט אַף זײַן באַגריסונג. ס'איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק מיט גלאַסענע באַוועגונגען. זײַן פּנים, אַ פּנים פון אַן אינטעליגענט, — אַ רויִקס, אַפילע אַ מילדס, האָט אויסגעזען מיד, נאָר אויגן האָט ער געהאַט אויפמערקזאַמע, מיט אַזאַ טיפן אומרויִקן גלאַנץ.

— אַנטשולדיקט, דאָס זײַט איר נעכטן שיר ניט אַרונטערגעפאַלן אונטערן טראַמוויי אַף שווינטעגאָ יאַנאַ? — האָט ער געזאָגט.

— איר ווייסט, עס טוט מיר נאָך ביז איצט ווי דער פוס, — האָט אַנעליע געענטפערט און אַליין זיך פאַרוווּנדערט, ווי שנעל און נאַטירלעך זי האָט די ווערטער אַרויסגעבראַכט.

— אַהאַ, — האָט דער פרעמדער צוריקגעהאַלטן אַ שמייכל געגעבן. זײַנע אויגן האָבן פרײַנטלעך געקוקט אַף איר, — געווים האָט איר זיך

שוין געכאַפּט, אַז ווען מע האָט איַיך אויפגעהויבן, איז בײַ איַיך פון קעשענע אַרויסגעפאַלן אַ בריוו.

— און איר האָט אים געפונען? — האָט אַנעליע זיך לײַכט אונטערגעגעבן דער דאָזיקער פאַרשטעלטקייט און אויסגעדריקט פרייד אַף איר געזיכט.

— יאָ, אַט האָט איר אים... — ער האָט איר אויסגעשטרעקט אַ פאַרקלעפּטן קאָנווערט.

— איך דאַנק איַיך זייער, — האָט אַנעליע געזאָגט. זי האָט באַמערקט, אַז עפּעס אַ מאַנצבל מיט אַן אַלטיטשקער דערנעענטערן זיך צו דער באַנק, אַף וועלכער זי איז געזעסן, האָט זי צוגעגעבן הויך, — און איך האָב אַזאַ פאַרדראָס געהאַט...

— איר מעגט זײַן זיכער, אַז איך האָב איַיער בריוו ניט געלייענט, — האָט דער אומבאַקאַנטער געזאָגט, פאַרנייגט זיך, און מיט געלאַסענע טריט אַוועקגעגאַנגען.

.3

אַנעליע האָט ניט געקאָנט גיין אין געטאָ אַרײַן מיטן בריוו, האָט זי אים באַשטימט באַהאַלטן. דאָס פּאַסיקסטע אָרט איז געווען בײַ יוזעף קאַטשור אין געמויערטן שטאַל. יוזעף אַליין איז אַוועקגעפאָרן אין פעלד אַרײַן. זײַן פרוי, יאַדזיע, האָט זיך געפּאָרעט אין גאָרטן, די צוויי אונטערוואַקסנדיקע קינדער האָבן איר געהאָלפן. אַנעליע איז אַרײַן אין שטאַל און גענומען זוכן עפּעס אַ זיכערע באַהעלטעניש. דאָ האָט זי באַמערקט אַ שוואַלבן־נעסט, וואָס איז געווען צוגעקלעפּט צו אַ פּעסטן באַלקן, דאָרט, ווו דער דאַך לייגט זיך אָן אַף דער וואַנט. די נעסט איז געווען ניט אין דעם יאָר געמאַכט, אָבער עס האָבן זיך געזען אַף איר פרישע לאַטקעלעך. צוויי שוועלבעלעך האָבן געגעבן אַ פלי אַרײַן דורכן פאַרשטויבטן שטאַלפענצטערל, ווו ס'האָט געפעלט אַ שײַבל, און איינס נאָכן צווייטן זיך אַראָפּגעלאָזט אַפן ראַנד פון נעסט, אַוועקלייגנדיק יעדערע צו פּיצינקע קײַלעכל ערד, וואָס זיי האָבן אין די שנאָבעלעך געבראַכט. דאַן זײַנען די שוועלבעלעך אַריבערגעפלויגן אַף אַ סטאַרטשענדיקן דרענגל לעבן נעסט, געזעסן דאָ אַ מינוט, זיך אַ טוליע געטאָן איינס צום צווייטן מיט די פליגעלעך, צונויפגעטראָפן זיך מיט די שנאָבעלעך, אַ צווּיטשער געטאָן און, ווי צוויי פײַלן, דורכן זעלבן צעבראָכענעם פענצטערל אַרויסגעפלויגן. עפּעס אַ וואַרעמקייט, אַזש ביז טרערן, האָט אַרומגעכאַפּט אַנעליעס האַרץ. שנעל אַרויפגעקראָכן אַף אַ זאָסיק, איז זי שוין געווען בײַם באַלקן, ווו די נעסט. אַהין האָט זי, העכער אַ ביסל, פאַררוקט דעם בריוו, זי האָט פון דער נאָענט באַקוקט די נעסט, און ניט געקאָנט בײַשטיין דעם פאַרלאַנג דערוויסן זיך, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק. זייער פאָרזיכטיק האָט

זי דורך דער עפענונג אין נעסט אַרײַנגערוקט צוויי פינגער און אָנגע־טאַפּט דאָרט אַ בעט פון ווייכן גראָז און פעדערלעך — אַ גרייט אָרט פאַר אייעלעך...

אינעם טונקעלן שטאַל, באַ דער נעסט, איז אַנעליע עטלעכע מינוט געשטאַנען אַ טיף אויפגערודערטע. ווי ווײַט עס איז נאָך דער טאָג, — אויב ער וועט נאָך ווען קומען, — ווען אויך זי מיט לייזערן וועלן האָבן אַן אייגענע נעסט...

דער באַיאָרטער פּוילישער פּאָליציאַנט, צו וועלכן אַנעליע איז צוגע־גאַנגען און שטיל אים פאַרגעלייגט געלט, ער זאָל זי דורכלאָזן אין געטאָ, האָט אַף איר אַ קוק געטאָן צוערשט אַ קאַפּעלע פאַרדעכטיק און שטרענג, דערנאָך מיט פאַרוווּנדערונג, ווי איינער זאָגט: „טאָן קאָן מען עס דיר, נאָר צוליב וואָס דאַרפסטו עס?” באַלד איז זײַן געזיכט געוואָרן אינגאַנצן גלײַכגילטיק, ער האָט אויסגעהערט די געשיכטע, וואָס אַנעליע האָט דאָ אַף אַן אָרט אויסגעטראַכט (אַ ייִדישע שכנה האָט איר געניית אַ קאָפּטל, זי איז פונקט ניט געווען הי, ווען יענע איז אַוועק אין געטאָ, איצט איז איר באַוווּסט געוואָרן דער נייטערקעס אַדרעס, וויל זי אָפּנעמען דאָס קאָפּטל), און האָט אַ באַט געטאָן אַזאַ פּרײַז פאַר העלפן אַרײַן אין געטאָ, אַז מ'האָט פאַר דעם געלט געקאָנט קויפן אַוואַדע דרײַ קאָפּטלעך.

ס'איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג, ווען אַנעליע איז אַרײַן אין גע־טאָ. אָפּן אַרבל האָט זי אָנגעטאָן אַ ווײַס בענדל. פון יענער זײַט טויער זײַנען געשטאַנען צוויי ייִדישע אָרדענונגס־פּאָליציאַנטן מיט שטעקנס אין די הענט.

ווי אַנעליען האָט זיך ניט געוואָלט שנעלער איבערשניידן דעם פּלאַץ, וואָס נאָכן טויער, האָט זי געפילט, אַז די פיס פּאָלגן זי קוים. עס האָבן זי באַהערשט פאַרשיידענע געפילן — פון איין זײַט, די ריזיקע, אַף וועל־כער זי האָט זיך עפּשער ניט געטאָרט לאָזן, האָבנדיק אַ וויכטיקן אויפ־טראָג פון פעטער. פון דער צווייטער זײַט, דער ווייטיק פאַר די, וואָס זײַ־נען דאָ פאַרשפּאַרט אַף לײַדן און פּײַן, און מע ווייסט ניט פאַרוואָס דאָס קומט זיי; נאָר מער פון אַלץ האָט זי באַאומרויִקט די באַגעגעניש מיט לייזערן.

צי האָבן אים ניט אײַנגעבראָכן די דערנידעריקונגען, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען פאַר די העכער אַנדערהאַלבן יאָר, וואָס זיי זײַנען צע־שיידט געווען? עפּעס האָט זי בעיים דער ערשטער באַגעגעניש דער־שפּירט אין אים אַזעלכעס, וואָס זי קאָן דאָס ניט דערקלערן און ניט פאַרשטיין דערוויַל. ער וויל זיך ניט באַהאַלטן, וויל טיילן דעם גורל מיט די סאַמע אומגליקלעכע. אָבער נאָך וואָס אַליין זיך וואַרפן דער כײַע אין די נעגל?

זי האָט זיך דערמאָנט לייזערן אַזאַ, ווי זי האָט אים ליב באַקומען

פאר דער מילכאמע: א דרייסטן, געוואגטן יונג מיט א טרענירטן, שלאנקן קערפער פון א גוטן גימנאסט. ער איז געווען עמעסדיק און גראדליניק. דערביי — זייער קארעקט. אבער ניט דאס איז דאך דער איקער. זי האט אין אים איצט געזוכט מוטיקייט, בונטארישקייט אפילע. זי האט געוווסט, פארשטייט זיך, אז לייזער האט פארלארן א ברודער אין שפאניע. זי האט אלטערן ניט געקענט, געזען בלויז זיין בילד. לויטן פאטא איז לייזער ד'אווקע ניט ענלעך געווען אפן ברודער. בא יענעם זיינען, ווייזט אויס, געווען העלערע האר, געווים — א שאטן. דאס פאנעם א רונדערס, כויע דעם — די וואנצעלעך. נאר וואס קאן מען אורטיילן לויט א פאטאגראפיע? לייזער האט שטאלצירט מיטן ברודער. אבער דאס האט איז נאך אויך גאר קיין סימען ניט. ער אליין קאן זיין אן אנדערער. ביז דער מילכאמע האט אנעליע זיך אפילע ניט פארטראכט וועגן דעם, אבער איצט איז עס פאר איר געווען זייער וויכטיק. זי האט זיך נאך אליין ניט געוואלט מוידע זיין, נאר אינערלעך איז זי שוין געווען זיכער — ס'איז אירער א באדינג.

אמאל האט לייזער זי א פאר מאל געבראכט אף פארזאמלונגען פון אן אומלעגאלן סטודענטישן קרייז. עמעס, ס'איז געווען ניט לאנג פאר דער מילכאמע, דאס קרייזל איז זיך מינאסטאם צעפאלן. איז איר איצט מער פון אלץ אנגעגאנגען: צי האט פונדעסטוועגן יענע צייט געלאזט א שפור אף אים, צי איז עס ניט געווען בלויז ייִנגלשע פארכאפטקייט?

אין דער ארמיי איז ער אוועק פרייוויליק. און אט דער כאווער, וואס האט דערציילט אנעליען, אז ער האט געזען לייזערן צווישן די קריגסגעפאנגענע, האט איר אויך געזאגט, אז אין ווארשע האט ער אים באגעגנט בעיס די גאסן-שלאכטן. לייזער האט צוזאמען מיט נאך א סאלדאט געטראגן א באלקן צו א באריקאדע. און אנטלויפן פון א קאנצענטראציעלאגער איז דאך אויך ניט קיין קלייניקייט.

אבער איצט איז ער אין געטא. זי האט געוווסט די סיבע — ער וויל ניט איבערלאזן די עלטערן אליין. זי איז דאך אויך דערמיט מאסקים געווען. און דאך קימערט זי עפעס.

און צוליב דעם איז זי, אייגנטלעך, איצט געגאנגען: ווידעראמאל זיך זען מיט לייזערן און פארשטיין, א וועלכער איז ער איצט.

.4

אנעליע האט זיך אפגעשטעלט בא א ראג פון א קרומען געסל און גענומען זיך ארומקוקן, וווהין זי דארף גיין. פלוצים האט זי דערהערט א טראסקען פון רעדער, אויסגעדרייט זיך אהין, פונוואנען דער רויש איז געקומען, און פארגליווערט געווארן אפן ארט. א שווערער לאסט-וואגן, געלאדן מיט ציגל, אין וועלכן עס זיינען געשפאנט געווען אלטע און יונגע

מענער, איז ארויסגעפארן פון הינטער א ראג. איין ווײַלע האט אנעליע אירע אויגן ניט געגלייבט, נאר באלד קימאט אינסטינקטיוו זיך געגעבן א טוליע צו צום פלויט, בא וועלכן זי איז געשטאנען. פארויס באם וואגן, ווי א פערד געשפאנט, האלטנדיק זיך מיט דער האנט פארן דישל און אויסגעבויגן אין אנשטרענגונג דעם גוף, איז געגאנגען לייזער. לעבן אים, רעכטס, האט פארן זעלבן דישל זיך געהאלטן נויעד קארשעווער, פון דער צווייטער זײַט — אן אנדער אלטער. פאמעלעך און שווער האט זיך גערוקט דער וואגן. ס'איז געווען א קוים מערקבארער בארג־ארויף. לייזער איז געווען אנגעטאן אין צעריסענע, אין ליים און קאלך פארשמירטע קליידער. שוין ניט ווײַט פונעם פלויט, וווּ אנעליע איז געשטאנען, איז די רעכטע ראד פון וואגן ארײַן אין א גריבל, לייזער האט זיך טייקעף געגעבן א בייג, קעדיי פארגרינגערן דעם פאטער, דער וואגן האט פאמעלעך זיך אוועקגערוקט ווײַטער. אלע, וואס זײַנען אין אים געווען געשפאנט, האבן געשוויגן.

אנעליע האט זיך קיין כעשבן ניט געקאנט אפגעבן, וואס זי האט דערפילט, ווען זי האט דערזען לייזערן א געשפאנטן אין וואגן: ביזאיען, צי ווייטיק, אנטוישונג, צי מיטלייד. מיסטאמע אלץ צוזאמען. א גוואלדיקע צארטקייט האט זיך אין איר דערוועקט צו אים, נאך א שטארקערע, ווי שטענדיק.

שפאנענדיק פאמעלעך איבער די געטא־געסלעך, ווײַל אײַלן זיך, האט זי שוין געוווּסט, האט זי ניט וואס, איז אנעליע ערשט אין א שטיק צײַט ארום ארויס צו דעם בארג־ארויפיקן געסל, וווּ לייזער האט געוווינט. זי האט אפגעזוכט דעם נייטיקן נומער. א בלויער סאף־פרילינגדיקער אוונט האט זיך אראפגעלאזן אף דער ערד פון דער גליווערנדיקער און שטילער הימלשער טיף. אין די געסלעך איז געווארן ווייניקער מענטשן, און אנעליע האט פארשטאנען, אז עס איז נאענט די שא, ווען עס ווערט אין געטא אפגעשטעלט די באוועגונג.

לאזנדיק זיך אהער, האט אנעליע ניט געוווּסט קלאר, צי זי וועט נאך הײַנט באווײַזן אומקערן. טיף אין הארצן האט אבער בא איר געטליעט א פארבארגענער פארלאנג, זי זאל דארפן, אויב ס'וועט מעגלעך זײַן, בלײַבן נעכטיקן. זי האט געוווּסט, אז זי קערט זיך אום אין גארליטשינא עפשער אף א לענגערער צײַט, און ווער ווייסט, ווען און וויאזוי זי וועט זיך נאכאמאל קענען דורכקלײַבן אין געטא. האט זי כאטש איין־איינציקע נאכט געוואלט געפינען זיך מיט לייזערן אונטער איין דאך. איצט, ווען זי האט דערזען לייזערן בא זײַן דערנידעריקנדיקער ארבעט, האט זי פארשטאנען, אז ביז אוונט וועט זי זיך מיט אים ניט קאנען טרעפן. דערפאר איז שוין אלציינס פארגעשטאנען דא צו בלײַבן נעכטיקן.

אבער ווען אנעליע איז צוגעגאנגען צום אלטן, קרומען, צווישטאקיקן הויז, וווּ לייזער האט געוווינט, — האט זי זיך א ביסל פארלוירן:

ווי קומט מען עס אנטקעגן נאכט צוגאסט, ווי בלייבט מען עס נעכטיקן אין אזא ענגשאפט, לויט ווי יוזעף האט דערציילט?

נאר וואקלען זיך איז ניט איר טעווע געווען, זי איז אריבערגעטראטן די שוועל פון קארידאר. דא האט זי אין א ווינקל אראפגענומען דאס ווייסע בענדל פון ארבל, אויפגעהויבן זיך אפן צווייטן שטאק און אנגע־קלאפט אין דער ערשטער טיר רעכטס.

פרויען־שטימען האבן געענטפערט:

— אריין!

גלייך ווי די טיר האט זיך געעפנט, האט אנעליע דערזען לייזערס מוטער, וואס איז געשטאנען בא א טיש, אף וועלכן ס'האט געברענט א לאמפ. זי האט געהאלטן עטוואס אויסגעשטרעקט די הענט קעגן דער טיר, נאר זיך קיין באוועג ניט געטאן, ווען אנעליע האט אפן שוועל זיך באוויזן. באם טיש איז געזעסן, צוגעשפארט מיט דער פלייצע צום ווענטל פון א בעט, א יונג, כיינעוודיק ווייבל, וואס האט געשטריקט א זאק, און אן אלטיטשקע אין ברילן, וועלכע האט אף אן איבערגעקערטן זיפל אי־בערגעקליבן ארבעס.

די צוויי פרויען האבן פרעגנדיק אנגעשטעלט די אויגן אפן יונגן, פרעמדן מיידל. איבער אנעליעס פלייצע איז א קעלט דורכגעגאנגען דער־פון, וואס לייזערס מוטער דערקענט זי ניט.

— א גוט־אוונט, — האט זי געזאגט אף פויליש, — אט בין איך געקומען צו אייך צוגאסט, — זי האט גערעדט זינגעוודיק, עטוואס אויס־ציענדיק די ווערטער.

— אנעליטקע! — האט עסטער קארשעווער א ציטער געטאן, א צער־טלעכקייט האט זיך צעגאסן איבער איר געזיכט, — קינד מיינס, איר האט זיך איינגעשטעלט קומען צו אונדז?!...

זי האט געפירט פאר זיך מיט ביידע אויסגעשטרעקטע הענט. אנעליע איז צוגעגאנגען צו איר. די בלינדע האט, קוים צורירנדיק זיך צו איר מיט די פינגער, גענומען ארומטאפן אירע אקסל, די געקרייזלטע האר, פארנומען אין א נעצעלע, זי האט צוגעמאכט די ניט־זעענדיקע אויגן און א זיפץ געטאן:

— דאס איז א פריינט, — האט זי געזאגט, שאקלענדיק מיטן קאפ, — וואס כ'האב אים צוויי יאר צו מיין הארצן ניט צוגעלאזט... ווי נאריש דער מענטש איז... בלויז אן אומגליק לערנט אים, גליק לערנט אים ניט...

א געדיכטע ווארעמע כוואליע האט פון הארצן א שפאר געגעבן צו אנעליעס פאנעם.

דערזען אנעליעס פארלוירנקייט, האט דאס יונגע ווייבל, וואס האט מיט ציקאוועסט געקוקט אף איר מיט די גרויסע, שווארצע אויגן, געזאגט:

— מיר האבן דא שוין געהערט וועגן אייך...

די אַלטיטשקע אין די ברילן האָט אויך אַ שאָקל געטאָן צו אַנעליען מיטן קאָפּ, איר פּאָנעם מיט די פּיל בראָדעווקעס האָט אויסגעדריקט פריינטשאַפט.

באַ אַנעליען איז נאָך ווארעמער געוואָרן אַפן הארצן. מיט עמעסן גליק האָט זי אַ קלער געטאָן: „מ'האָט דאָ שוין גערעדט וועגן מיר״...

עסטער קאָרשעווער האָט אָנגעטאָפּט לעבן זיך דאָס בענקל, אוועק־געזעצט אַנעליען אַף דעם, אַליין זיך געזעצט אַפן ראַנד פון בעט, לעבן דער יונגער פרוי. מ'האָט זיך דערפילט היימיש און אָנגעהויבן אַ געש־פּרעך. אַפּגעריסענע פון לעבן, האָבן די פאַרשפּאַרטע אין געטאָ געטראַכט, אַז אין שטאָט מוזן פּאָרקומען גרויסע נייס. אַנעליע האָט פאַרשטאַנען דעם דאָזיקן צושטאַנד און אויספירלעך גענומען ענטפערן אַף די פיל פראַגן, מיט וועלכע די פרויען האָבן זי פאַרוואָרפן.

די אַלטיטשקע, וואָס האָט אויפגעהערט איבערקלייבן די ארבעס, האָט געפרעגט, צי איז עמעס, אַז זינט די יידן זיינען אין געטאָ, איז אין שטאָט ווערלעלער געוואָרן ברויט. די דייטשן זאָגן אַזוי. אַנעליע האָט אַ קנייטש געטאָן מיט די אַקסלען:

— ברויט איז טייערער געוואָרן.

— און צי איז וואָר, אַז אין די טראַמווייען איז שוין קיין בילעק ניט צווישן דייטשן און פּאָליאַקן? — האָט געפרעגט דאָס יונגע ווייבל.

— פּאַראַן אַ בילעק אין אַלץ! — האָט אַנעליע געענטפערט, — ס'האָט זיך ניט געענדערט גאָרנישט, און צום בעסערן איז אַפּגערעדט.

ס'האָבן זיך דערהערט טריט אַף די טרעפּ. די פרויען האָבן זיך אָנ־געשפּיצט.

— לעאָן קראַוס גייט... — האָט די יונגע פרוי געזאָגט.

— איר דערקענט אים שוין, ראַשעלע, לויט די טריט, — האָט די אַלטיטשקע באַמערקט, און צו אַנעליען: — אַ שאָכן פון אונדזער צימער. מע האָט אים געמאַכט פאַר אַן אַרבעטס־עלטסטן איבער אונדזער קוואַר־טאַל.

קראַוס האָט אָנגעקלאַפּט, איז אַריינגעקומען. אַנעליע האָט דערזען אַ הויכן, סוטולעוואַטן מענטשן, מ'האָט זי באַקענט מיט אים. „דאָס איז אַן עלטסטער״ — האָט זי אַ טראַכט געטאָן, און פון דער נאָענט אַריינ־געקוקט אין זיינע גרויע אויגן, פאַררוקטע אונטער די ברעמען, און, ווי איר האָט געדוכט, טיף ליידנדיקע. עפּעס האָט זי גערירט אינעם מידן און טרויעריקן אויסדרוק פון זיין געזיכט.

— פּאַניע קראַוס, — האָט עסטער קאָרשעווער געזאָגט, — אונ־דזערע גייען נאָך ניט?

— זיי וועלן באַלד קומען...

— און וואָס האָט איר זיי היינט געגעבן טאָן? כאָטש ניט קיין שווערס?

קראָום האָט פאַרלוירן אַ קוק געטאָן אַף דער אַלטער מיט די בראָ־דעווקעס, אַפן יונגן ווײַבל. זײַנע ליפּן האָבן זיך אַ קרים געטאָן.

— קיין גרינגע אַרבעטן זײַנען ניטאָ אין געטאָ, — האָט ער שטיל געזאָגט, — אַלץ שווערע און דערנידעריקנדיקע... נאָר מיר דוכט, אַז די נידעריקסטע אַרבעט איז מײַנע: איך מוז אַליין פונאַנדערשיקן אַף אַט דער אַרבעט מענטשן, וועלכע איך אַכט מער פון זיך... נאָר... — ער האָט אַ קוק געטאָן דער בלינדער גלײַך אין פּאָנעם אַרײַן, — זיי האָבן הײַנט באַקומען גרינגע אַרבעט, ביידע הערן קאָרשעווערס האָבן איבער־געטראָגן פּאַפּירן אין יודן־ראַט פון איין שטאָק אַפן צווייטן...

— נויעך מײַנער טאָר זיך דאָך אַף קיין טרעפּ ניט הייבן, — האָט די בלינדע געזאָגט מיט באַדויערונג.

— מ'האָט די פּאַפּירן געטראָגן פון דריטן אַפן צווייטן שטאָק און געהויבן זיך מיט ליידיקן...

„ער לײַגט, — האָט אַנעליע אַ טראַכט געטאָן, — ער טוט דאָס, קע־דיי באַרויִקן זי, צי ווײַל ער שעמט זיך זאָגן דעם עמעס?” — עפּעס האָט זי ניט געוווּסט, — אַכטן דעם דאָזיקן מענטשן צי ניט? די אײַנ־ווּינער פון צימער האָבן אים, ווי עס איז צו זען געווען, געאַכטעט...

.5

ווידער האָבן זיך דערהערט טריט אַף די טרעפּ. ראַשעלע איז אַן אָנ־געשטרענגטע אויפגעשטאַנען. אַנעליען האָט זיך אַ דוכט געטאָן, אַז זי האָט דערקענט לייזערס קאָל, און זי האָט זיך אויפגעהויבן. אין קאָרידאָר האָבן עטלעכע מאַנצבלען זיך געזעגנט. אַ האַנט האָט אַ שאַר געטאָן איבער דער טיר. זי האָט זיך געעפנט. אַפן שוועל האָט זיך באַוויזן נויעך קאָרשעווער, הינטער אים — לייזער. ביידע זײַנען אַרײַן אין צימער און שטיין געבליבן פאַרוווּנדערטע. זיי זײַנען געווען פאַרשטויבט, אין אומ־ריינעק ליידער. אַנעליע האָט געמאַכט אַ טראָט אַנטקעגן זיי. נויעך קאָר־שעווער האָט איר אויסגעשטרעקט אַ האַנט, נאָר לייזער האָט עס ניט באַמערקט, ער האָט געגעבן אַ טראָט אַרויס פאַרן פאָטער און אָנגענומען אַנעליען פאַר ביידע הענט. זיי זײַנען געשטאַנען עטלעכע רעגעס אײנס אַנטקעגן צווייטן און גאָרנישט ניט געקאָנט זאָגן.

— ביסט געקומען, געקומען אַהער! — האָט לייזער ענדלעך אַרויס־גערעדט אין טיפער אויפרעגונג, נאָר די אויגן זײַנע האָבן געזאָגט פיל מער, זיי האָבן געשײַנט פאַר גליק, געפלאַקערט, געצויגן זי צו זיך. אָט איז ער געווען, לייזער, אַזאַ ווי שטענדיק, ווי אַמאָל, בעיִס זייער ליבע פאַר דער מילכאָמע, — ער האָט זי ליב!

אין צימער איז שטיל געווען אין דער מינוט, ווען צוויי פאַרליבטע האָבן בלויז מיט די הערצער גערעדט צווישן זיך.

די שטילקייט האָט צעשטערט ראַשעלע, וואָס איז אַן אָנגעשטרענגטע

געשטאַנען בײַ דער בעט און מיט אַ וואַרטנדיקן, צעפֿלאַכטן בליק גע־קוקט אױף דער טיר.

— פֿאַניע נויעך, — האָט זי געזאָגט, — און מײַערקע מײַנער גייט נאָך ניט?

— כ׳האָב אים הײַנט געזען בײַ די ציגל ביז אַזייגער פֿיר, דערנאָך האָט מען אים ערגעץ אַריבערגעפֿירט מיט דער קאָמאַנדע...

— בײַ די ציגל? — האָט די בלינדע זיך אַ כאַפּ געטאָן.

לעאַן קראַוס האָט בעטנדיק און מיט פֿאָרוואורף אַ קוק געטאָן אױף נויעכן.

— אַך, יאָ, — האָט דער אַלטער זיך אַ כאַפּ געטאָן, — מיר צווייען האָבן געטראָגן פּאַפּירן אין יודן־ראַט... מיר האָבן פֿון פֿענצטער געזען...

„צונויפֿגערעדט זיך!” — האָט אַנעליע אַ טראַכט געטאָן. זי האָט געשענקט אַ דאַנקבאַרן בליק דעם סוטולעוואַטן קראַוס מיטן אומעטיקן, לײַדנדיקן געזיכט.

לייזער האָט זיך געוואַשן דאָ טאָקע אין צימער, ער האָט אַראָפּגע־וואָרפֿן פֿון זיך די פֿאַרבלאָטיקטע מאַרינאַרקע און געבליבן בלויז אין אײַן העמדל מיט קורצע אַרבל. דורך דעם דינעם העמדל האָט אַנעליע געזען, אַז לייזער איז היפּש דאַרער געוואָרן. נאָר ווען ער האָט זיך גע־בויגן איבער דער עמאַלירטער שיסל, האָט זי באַמערקט, ווי די מוסקולן שפּילן אױף זײַנע הענט, געזען זײַן פּלייצע, אַ מענעריש אויסגעפֿורעמטע, און עס האָט זי אַ ציִ געטאָן צו אים.

לייזער האָט גענומען פֿון וואַנט דעם האַנטעך, אַרומווישנדיק דאָס געזיכט, האָט ער זיך אויסגעקערעוועט צו אַנעליען. זי האָט געזען זײַן פּראָפֿיל, די געטאָקטע נאָז מיטן קוים־מערקבאַרן האָרביקל, די פּולבלעכע ווייך־געצייכנטע ליפּן, דעם גלאַנץ פֿון זײַנע קאַרע אויגן, איצט אַ ביסעלע איבערראַשטע, יאָנטעוודיקע, זײַן גלײַכן, קלאָרן שטערן, אױף וועלכן עס זײַנען שווער אַראָפּגעהאַנגען די צוגענעצטע קוטשערן, און האָט געטראַכט, ווי שיין ער איז, ווי שטאָלץ איז זײַן שיינקייט, ניט צו פֿאַרגלײַכן מיט קיינעם.

אַנעליע האָט געוווּסט — זי האָט אַלעמאָל, אַפֿילו אין אַזעלכע מי־נוטן, פֿאַרהיט אין זיך אַ קאַפּעלע ניכטערקייט — אַז עס זײַנען זיכער פֿאַראַן אויך שענערע און שטאַלטנערע פֿון לייזערן, אָבער פֿאַר איר איז ער שטענדיק, זינט זי האָט זיך מיט אים באַקענט, געווען דער שענסטער און דער בעסטער.

זי האָט אין דעם מאָמענט אויך ניט פֿאַרגעסן אַז די געדאַנקען, וואָס האָבן זי געפּײַניקט הײַנט און ניט נאָר הײַנט — די אַנדערהאַלבן כאַ־דאָשים, וואָס זי איז ווידער צעשיידט געווען מיט אים. איצט, קוקנדיק אױף אים, האָט זי געוואָלט, נאָר ניט געקאָנט זיך געבן קיין ענטפֿער אױף אירע אַלע ספֿייקעס. שטאַרקער און בוילעטער פֿון אַלץ איז אָבער געווען

איצט דאס געפיל, אז לייזער איז איר ליב און טייער, אז ער איז שיין און שטאלטנע. און דאס, וואס ער איז אומגליקלעך און אין אז אויסגאנגלאזער לאגע, האט בלויז ארויסגערופן אין איר אנטשלאסנקייט און אקשאנעס — אויב קיין אנדער אויסוועג וועט ניט זיין, וועט זי, זי איינע אים ראטעווען. און כאטש זי ווייסט נאך לאכלוטן ניט, וויאזוי זי קאן דאס טאן, מיט וועלכע וועגן און מיטלען, איז זי גרייט אף אלץ און פעסט אין איר באשלוס.

ארומגעוואשן זיך, האט לייזער גענומען זיך איבערטאן. צוליב דעם האט ער געמוזט ארויפקריכן אף א בעט, איבער וועלכער עס איז קימאט פון דער סטעליע אראפגעלאזט געווארן א פארהאנג פון טונקעלן שטאף. שפעטער האט אנעליע זיך דערוווּסט, אז דאס איז די סאקאלס ווינקל.

איבערגעטאן זיך, איז לייזער צוגעגאנגען צום טיש, ווו לעאן קראוס, דער פאטער און אנעליע האבן געשמועסט וועגן לאנד־נייעס. ער האט זיך איינגעהערט א ביסל אין זייער געשפרעך און געזאגט:

— עמיל איז אלץ אין הויף...

— דער טויער איז צוגעשלאסן, — האט לעאן קראוס געענטפערט, פונדעסטוועגן האט ער זיך אויפגעהויבן גיין אריינרופן דעם ברודער.

— זיצט, זיצט, — האט לייזער געזאגט, — מירן עפשער ארויסגיין מיט אנעליען א ביסל אין הויף, וועלן מיר אים אריינשיקן...

אנעליע האט זיך אויפגעהויבן. א ביסעלע איז איר אומאנגענעם געווען פאר לייזערס גראדקייט, זי האט אבער באלד אליין באנומען, אז די אומשטענדן דיקטירן עס.

זיי זיינען שווייגנדיק געגאנגען אין דער פינצטער איבער די הילצערנע טרעפ, צוגעטוליעטע איינס צום צווייטן, לייכט צונויפגעקלאמערט די קליינע פינגער. אט אזוי פלעגן זיי ליב האבן גיין איבער די אלייעס פון פארק צי איבערן שטילן ווייסל־ברעג. וועגן וואס האבן זיי דאן ניט גערעדט, ניט געטרוימט? איצט איז זיי ביידן פון די דערמאנונגען טרויעריק געווארן אפן הארצן, אנעליע האט א טראכט געטאן: „צי לוינט ביכלאל פרעגן עפעס בא לייזערן, זאגן עפעס, צי איז ניט בעסער אט אזוי־א, וועגן גארנישט ניט טראכטנדיק, פארברענגען די צייט, וואס ס'איז מיר אויסגעפאלן צו זיין מיט אים, און ווי דער צופאל וועט ווייטער פירן — אזוי וועט זיין..."

שוין באם ארויסגאנג אין הויף האט לייזער זי פארהאלטן א רגע און געזאגט:

— דא איז א פראפעסאר פון באטאניק פאראן, א גייסטיק־קראנקער, דעם אדוואקאטס א ברודער... שרעק דיך ניט... א שטילער מענטש, מיר זיינען שוין צו אים געוווינט...

אנעליע האט אויפמערקזאם אף אים א קוק געטאן אין דער האלבער טונקלקייט. „געוווינט"... — האט זי ביטער א טראכט געטאן.

אפן ריינעם, בלויען הימל האט א קילעכיקע לעוואנע געשײַנט. דער טונקעלער פלויט האט ווי אפגעצוימט דעם הויף פון דער גאנצער וועלט. בלויז איין קרומער בוים איז דא געשטאנען, אין דער לעוואנע־שײַן האט זיך קוים געמערקט די טיפע גרינקייט פון די בלעטער. אנעליע האט זיך דערפילט אין אט דעם הויף, ווי אפן דנא פון א גרוב.

לייזער האט מיט די אויגן געזוכט דעם דולן.

— מע זעט אים אין ערגעץ ניט, — האט ער פארקלערט געזאגט.

— פארוואס, איך זע אים, יאנעקן! — האט פון לעבן פלויט זיך דערהערט א שטים, פון וועלכער אי אנעליע, אי לייזער זאבן א ציטער געטאן. פון אונטער א קעסטל איז ארויסגעקראכן אף אלע פיר א דארער מענטש און אויפגעהויבן זיך, — אט זיצט ער דאך אפן ערשטן צווײַג! כא, כא, כא! ער צילט אין מיר מיט גרינע פלוימען, און איך ווארף זיי אים צוריק... טוט אים א רוף, עפשער וועט ער אײַך פאלגן און אראפ־קריכן...

פלײַסנדיק זיך ניט ארויס פונעם שאטן, וואס איז געפאלן פון פלויט, איז דער דולער אנגעבויגענערהייט איבערגעלאפן צו אנעליען און לייזערן און זיך באהאלטן הינטער זייערע פלייצעס.

— ניטא־א דער טאטע! — האט ער אויסגעצויגן די ווערטער, ווי מע שפילט זיך מיט א קינד, — קום אראפ, יאנעקל, כ'וועל אין דיר ניט ווארפן גארניט.

— הערט אויף, עמיל! — לייזער האט אים אוועקגעלייגט די האנט אפן אקסל, — דא איז קיינער ניטא אפן בוים.

— ניטא? — האט דער קראנקער איבערגעפרעגט. — פאראן, מע דארף אים נאר קענען זען... כ'וועל מארגן אויסהאקן דעם בוים, וועט ער אראפקריכן...

— גוט, גוט, גייט, מע רופט אײַך אהיים.

פאטלעס האר זײַנען צוגעקלעפט געווען צו עמיל קראוסעס פאר־שוויצטן שטערן, די אויגן זײַנען געווען אראפגעלאזט, זײַן גאנץ געזיכט, אן ארומגעצוימטס מיטן בערדל, האט קעגן דער לעוואנע אויסגעזען ווילד. געשווינג א ווײַלע, האט ער האסטיק זיך געגעבן א קערעווע אוים און אוועקגעשפאנט צו דער טיר, מאכנדיק ענערגיש מיט די הענט.

— שווער... — האט אנעליע געזאגט, ווען דער דולער איז פאר־שוואונדן אין קארידאר.

— שווער, — האט לייזער אײַנגעשטימט.

„ווי לעבסטו דא?" — האט זי געוואלט פרעגן, נאר עפעס ניט געקאנט גלײַך שטעלן די דאזיקע פראגע און ארויסגערעדט:

— ווי לעבט איר דא?

— מע לעבט... מע ציט פון אינדערפרי ביז נאכט.

אנעליע האט דערפילט א פארדראס אף זיך, וואס זי האט די פראגע

ארויסגעבראכט ניט אזוי, ווי זי האט געוואלט. דערפאר האט זי הארט געזאגט:

— אבער וואס קאן זיין דער סאף פון אזא לעבן?

לייזער האט איר געקוקט גלייך אין די אויגן. כאטש ער איז געשטאנען מיט דער פלייצע צו דער לעוואנע און זיין פאנעם איז ניט באלויכטן געווען, האט אנעליע איבערגעלייענט שווערן טרויער און א קאפעלע אויך פארוואורף אין זיין בליק, ער האט די ליפן א קרים געטאן אין א ביטערן איראנישן שמייכל:

— דער סאף? ווער טראכט דא פון אים, אז קיינער ווייסט ניט, וואס עס וועט זילבערטן איינפאלן אין קאפ כאטשבי היינט באנאכט... מע לעבט דא מיט דער שא, מיט דער מינוט... אנדערע טראכטן זיך: דער־א פינגער טוט מיר ניט וויי, איז א גליק, וואס ער טוט ניט וויי, און הייבט ער אן וויי טאן — איז נאך גוט, וואס עס טוען ניט וויי נאך קיין צוויי... — ער האט א מאך געטאן מיט דער האנט און פארביטערט אפגעקערט דעם קאפ.

אנעליע האט א טראכט געטאן: זאל זיין — ער איז איינזאם צווישן די מענטשן, צו וועלכע ער האט געשטרעבט? צי עפשער איז זיין פיין איר אומפארשטענדלעך? צוימענדיק די צארטקייט, וואס איז צוגעפלאסן צו איר הארצן, האט אנעליע געזאגט:

— דו זאלסט זיך אונטערגעבן אזעלכע שטימונגען?

ער האט א הייב געטאן דעם קאפ ווי צו דערווידערן איר. און אנעליען האט אין דער רעגע געפייניקט דער געדאנק: עפשער איז עס טאקע קליינמוטיקייט בא אים? זי האט מיט דער האנט באוויזן, ער זאל זי לאזן ענדיקן. עס האט זיך איר ניט געוואלט מוסערן אים, זי האט אבער מער וועגן קיין זאך ניט געקאנט ריידן — זי האט געמוזט באקומען אן ענטפער אף אירע ספייקעס.

— אפילע ווען א מענטש ווייסט, אז ער וועט אראפפאלן אין אפגרונט, מוז ער זיך פארט דראפען ארויף, ווייל אראפפאלן ויעט דאך קיינמאל ניט זיין שפעט... און אפילע ניט דאס — גארניט פענטעט ניט אזוי דעם מענטשן, ווי אייגענע קליינמוטיקייט.

— קליינמוטיקייט? — האט לייזער מיטאמאל בייסיק איבערגעפרעגט, און נאך א קלייניקער פאוזע צוגעגעבן: — קיין גרויסער בעריע קאן מען דא דערווייל ניט זיין. און וואס, האלטסטו, קאן מען דא נעמען טאן?

אנעליע האט דערפילט, אז ער פרעגט עפשער ניט אזוי בא איר, ווי בא זיך אליין.

— עפעס אויפטאן קאן מען אומעטום... — האט זי אומבאשטימט געזאגט, אליין דערפילט די דאזיקע אומבאשטימטקייט און אנטשוויגן

געוואָרן אַף אַ ווײַלע, באַקלערנדיק די ווײַטערדיקע ווערטער, — דער איקער איז פונדעסטוועגן — אַנטשלאָסנקייט.

— מאַסקים, — האָט לייזער פאַרגעזעצט אין פריִערדיקן טאָן, אָנגעשטרענגט און אַ קאָפּעלע פאַרטראַכט, — נאָר ס'איז דאָך דאָ פאָרט אַ טיפע גרוב! און ווען קאָן קומען הילף?

— ניין, און דאָך מוז זײַן אַן אויסוועג, — האָט אַנעליע מיט זיכערקייט אין שטים געזאָגט. אינערלעך האָט זי אָבער געפילט, אַז ס'איז פאַראַן אַ שטיק עמעס אין זײַנע ווערטער. זי האָט געדאַנקלעך זיך פאַרגעשטעלט די געטאָ, די־אָ פינף גאַסן הינטער שטעכ־דראָט פון יענער זײַט פעלדזיקן ווײַסל־ברעג — טאַקע ווי אַ שלייף זאָל זײַן פאַרוואָרפן אַף זיי.

לייזער האָט געשוויגן, קוים געשמייכלט, ביטער, טרויעריק און עפּשער מיט שטילן פאַרוואורף. די לעוואָנע האָט פון הינטן באַלויכטן זײַן קוטשעראַווען קאָפּ, אַף דער באַק, אַף אַ ברעגעלע וויִע און אַפן נאָז־אויסבייג איז געלעגן אַ פּאַסיקל בלאַסע שײַן, פון וואָס זײַן געזיכט האָט באַקומען אַ סוידעספולן און פאַרשלאָסענעם אויסדרוק. ער האָט זיך עפּעס זײַנס געטראַכט. אַנעליע האָט אין אַט דער רעגע אַ קלער געטאָן וועגן דעם פעטער יאַן, וועגן דעם בריוו, וועלכן זי האָט באַהאַלטן אונטערן באַלקן, וועגן דעם אומבאַקאַנטן אין קאַכאַנאָווסקי־סאַד. זי קאָן וועגן דעם לייזערן גאָרניט זאָגן. איז עפּשער האָט ער דאָ אויך אַזוינס, וועגן וואָס ער קאָן איר ניט דערציילן? און טאַקע דערפאַר, וואָס זי האָט עס אַ טראַכט געטאָן, איז ער איר באַזונדערס טײַער געוואָרן. זי האָט געזאָגט פאַרטרויִעך צאַרט:

— כאַווײרים האָסטו דאָ?

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף יאָ.

— פון אוניווערזיטעט?

ער האָט אַוואַדע פאַרשטאַנען, מיט וועלכן מיין זי שטעלט די דאָזיקע פראַגע, ברייטער אַ שמייכל געטאָן און איינציִיטיק אומבאַשטימט אַ קנייטש געגעבן מיט אַן אַקסל.

— ווער איז דאָ פאַראַן?

— איינער פיניע בערול, — פון יורידישן. כ'ווייס ניט, צי דו קענסט אים, — און אומזיסט צוגעגעבן, — לײַפּציקערם אַ כאַווער... שמועל לעמפּערט פון לינגוויסטישן. געדענקסט, ער האָט אַמאָל אַ פּילסודטשיק אויסגעפּאַטשט פאַר אַ מיִעסן קופּלעטל, אַרויפגעשפּרונגען אַף דער בינע און מיטן זעלבן ניגון אויסגעזונגען גאָר אַן אַנדער לידל אַן עקספּראָמט... ער פּרוּווט דאָ צונויפנעמען אַן אַרטיסטן־גרופּע.

אַנעליע האָט די דאָזיקע בײדע ניט געקענט, נאָר ווען ער האָט דערמאָנט דעם נאָמען לײַפּציקער, האָבן אירע אויגן אין דער טונקל אַ שײַן געטאָן, זי האָט געזאָגט מיט באַגײַסטערונג:

— נו, אַט מיט פרײַנט איז גרינגער...

— ערשט מיט פרײַנט איז שווערער, — האָט לײזער באַמערקט, — נאָר מיילע, מיר נעמען זיך דאָס אַליין... ווייניקלעך פרײַנט נאָך בא מיר דערווײַל, אַנעליע! — האָט ער געזאָגט פאַרטראַכט. ער האָט איר אַוועקגעלייגט די האַנט אַפן אַקסל און שווײַגנדיק, צאַרט געקוקט איר אין פּאַנעם אַרײַן.

אַנעליע האָט אים אַנגענומען פאַר אַ האַנט, און זיי זײַנען זיך דורכגעגאַנגען איבערן ענגן טונקעלן הויף מיטן איינציקן בוים באַם פלויט.

— און איך האָב שוין געמיינט, דו ביסט איגאַנצן בא זיך אַראָפּגעפאַלן, לייזערקע, — האָט דאָס מיידל געזאָגט.

— ע, דערבײַ האַלט עס ניט.

— אומעטום איז שווער, — האָט זי געפונען פאַר נייטיק צו זאָגן.

ער האָט פון דער זײַט אַ קוק געטאָן אַף איר און געזאָגט שטיל, פאַרטרווילעך:

— ווען ס'איז אַ ראַכוועס אַרום, וואַלד, פעלד, וואָלט עפּעס אַנדערש געווען. דאָ איז ווי אין פיר ענגע ווענט. ס'איז דאָ דאָך אַפילע ניטאָ ווו אַ שטעקן אויסצוברעכן פון אַ הונט זיך צו שיצן...

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיט אַזאַ צאַרנדיקן בליק אַרומגעקוקט זיך אינעם פינצטערן הויף. ער האָט זיך צוגעדריקט מיט ביידע הענט די שלייפן, ווי דער קאָפּ זאָל אים ווי טאָן, אַ ציטער געגעבן מיטן גאַנצן גוף. אַנעליע האָט ניט געקאָנט וויסן, אַז ער האָט אין דער מינוט געטראַכט וועגן פישער, וועמענס פאַרשלאָג ער האָט ניט אַנגענומען, און אַז דערמאָנט האָט זיך אים ווידער יענץ פײַנלעך בילד, ווי מע האָט די מענטשן צעשאָסן, און ער האָט ניט געהאַט מיט וואָס זיי צו שיצן...

— ביסט מיד, דער קאָפּ טוט דיר ווי? — האָט אַנעליע געפרעגט.

— מיר וועלן עפּשער אַרײַנגיין אין שטוב?

— יאָ, קום אין שטוב, — האָט לייזער שטיל געענטפערט.

אין צימער זײַנען אַלע געווען שטאַרק אויפגערודערט. מייער סאָקאָל האָט זיך ערשט אומגעקערט, ער איז געזעסן באַם טיש עפּעס אַ פאַרקווילט געוואָרענער פאַר די שאָען, וואָס מ'האָט אים ניט געזען, אין נאַסע קליידער, פאַרשמירטע מיט ליים, ער האָט זיך געווישט מיט אַ האַנטעך דעם שוויים און ברוד, וואָס איז גערונען איבער זײַן פּאַנעם און איבערן האַלדז, און דערציילט עפּעס אַ מאָדנע פּאַסירונג.

ער מיט נאָך צוואַנציק ייִדן האָבן הײַנט געפירט ציגל פון אַ כורווע צו אַ באַשטימטער גאַס אין עק פון געטאָ. אַרום האַלבן טאָג איז געקומען אַ פּוילישער טעכניקער, און האָט מיט אַ רולעטקע גענומען מעסטן די גאַס. ביגנייווע, דער וועכטער זאָל ניט באַמערקן, האָט ער דערציילט זײַנעם אַ באַקאַנטן ייִדן פון דער קאָמאַנדע, אַז עס ווערט פּלאַנירט צו בויען אַ וואַנט אַרום דער געטאָ. די ייִדן האָבן זיך גענומען שושקען וועגן דער נײַס. דאָס האָט באַמערקט דער דײַטשישער וועכטער. שפּעטער אַ ביסל,

ווען ס'איז געקומען זילבערט, האָט אים דער וועכטער עפּעס ד'ערציילט. צי האָט דאָס אַלץ יאָ געהאַט אַ שייַכעס צו דעם, וואָס ס'איז שפּעטער געשען, צי ס'האָט ניט געהאַט קיין שייַכעס, נאָר פאַרנאַכט האָט מען די דאָזיקע קאָמאַנדע, די איינציקע צווישן אַלע, וואָס זייַנען פאַרנומען געווען בא די ציגל, אַהיים ניט אָפּגעלאָזט. ווען ס'איז אַ ביסל טונקעלער געוואָרן, האָט מען די ייִדן אויסגעשטעלט צו צוויי אין אַ ריי, עס איז געקומען נאָך אַ דייַטש און צוזאַמען מיטן וועכטער אָוועקגעטריבן די קאָרעוו צוואַנציק מענטשן צום צענטראַלן געטאָ־טויער. אַריבערגעפירט זיי איבערן בריק, האָט מען זיך געלאָזט אין שטאָט אַרייַן, נאָר פאַרקערעוועט צו די שטיין־קאַריערן, וואָס בא דער ווייַסל.

מיט מייערן איז געווען יערוכעם ליכטציער, אַ מיל־מעכאַניקער, אַ טאָקער, אַן עלעקטריקער, — אַ מענטש מיט גאָלדענע הענט, וועגן וועלכן סאָקאָל האָט אַלעמאָל גערעדט מיט גרויס רעספּעקט. דאָ אין צימער האָט מען שוין דעם דאָזיקן יערוכעם אַ ביסל געקענט. ווען מ'האָט זיך גענומען אויסשטעלן צו צוויי אין ריי, האָט יערוכעם פאַרנומען אַן אָרט נאָענטער צום מיט פון דער קאָלאָנע און אויך מייערן אַ צי געטאָן צו זיך. ד'ערנאָך איז קלאָר געוואָרן, אַז מע גייט צו די שטיין־קאַריערן. יערוכעם האָט אַ שעפּטשע געטאָן מייערן אָפן אויער: „עפּעס פירט מען אונדז, ווי די קעלבלעך, מע דאַרף שטעלן פיס“... — „ווי אַזוי?“ יערוכעם האָט מיט דער האַנט באַוויזן מייערן, ער זאָל שווייַגן און נאָכטאָן אים.

מ'איז אַרייַנגעקומען אין אַ טונקעלן דורכגאַנג, צווישן פּוסטע באַראַקעס. דאָס שטעגעלע, איבער וועלכן מע איז געגאַנגען, האָט זיך געשלענגלט האַרט בא אַ שטיילן באַרג־אַראָפּ, אַ מעטער צען די טיף, דאָ האָבן זיך שוין אָנגעהויבן די קאַריערן. יערוכעם האָט האַסטיק זיך אַ בייג געטאָן, געמאַכט אַ שפּאַן צום אָפּגרונט און זיך אַ גליטש געגעבן אַהין אָף אַלע פיר. די דייַטשן — איינער פון פאָרנט, ד'ער צווייטער פון הינטן — האָבן עס ניט באַמערקט. מייער איז אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר שפּאַן און אויך זיך אַ לאָז געטאָן נאָך יערוכעמען. ער האָט זיך גענומען גליטשן איבער פייַכטער ליים און שטיין, שיר אַ האַנט זיך ניט צעבראָכן, אַרייַן ביזן גאָרטל אין עפּעס אַ גרוב מיט וואַסער און פאַרטייַעט זיך ווען די קאָלאָנע איז אַוועק ווייַטער, האָט ער אָפּגעזוכט יערוכעמען. נאָך זייַנער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַהער — אַ שאָכן פון קעגניבערדיקן הויז, אַ קירזשנער, זאַלמען קאַרעל. ער האָט זיך, עמעס, שטאַרק צעקלאַפּט אַ פוס. מער האָט קיינער ניט באַוויזן צו לויפן, ווייַל די באַראַקעס האָבן זיך באַלד געענדיקט און מע איז אַרויס אָף אַ הוילן אָרט. און עפּשער איז מען יאָ געלאָפן, נאָר ניט געלונגען, ווייַל אינגיכן האָבן די פּליטים, שוין אַרויסקלייבנדיק זיך פון די קאַריערן, געהערט אַ שיסערייַ.

— ווי אַזוי זייַנען מיר אַרייַן אין געטאָ? — מייער האָט מיט אַנציקונג אַ קוק געטאָן אָף דער אַלטיטשקער מיט די בראָדעווקעס, וואָס

האט די פראגע געשטעלט. — יערוכעם זאל געזונט זיין, ער האט א קאפ פון א מיניסטער... ער איז דאך אן אלטער טוישעוו פון די דאזיקע ערטער, ווו די געטא איז, ער האט אפילע די דירע ניט געביטן... נו, איז האט ער דארט א געוויסן ארויסגאנג אף דער פריי, א באהעלטעניש, אז מע דארף זיין מיט צען קעפ אף צו געפינען זי...

— א באהעלטעניש? — האט לייזער איבערגעפרעגט.

מייער, פארכאפט פון דערציילן, האט א שאקל געטאן מיטן קאפ, נאר באלד פארלוירן אראפגעלאזט די אויגן און אנטשוויגן געווארן.

— נעם שוין, עס! — האט ראשעלע געזאגט צום מאן, זי האט מיט איין האנט אים ארומגענומען פאר דער פלייצע, מיט דער צווייטער אים צוגערוקט די שיסל קאלטע הירזשענע קאשע. אירע גרויסע אויגן האבן געלויכטן פאר ליבע, נאר איינציייטיק אויסגעדריקט אויך צערודערטקייט און שרעק.

אלע, וואס זיינען געווען אין צימער, כוצן ווילן עמיל קראוס, האבן — יעדערער אף זיין אויפן — אויפגענומען די דאזיקע פאסירונג מיט סאקאלן און אויך די נייס, וואס מייער האט געבראכט, אז ס'ווערט גע־בויט א וואנט. אומרו האט אלעמען באהערשט.

לעאן קראוס האט ראשיק א בראך געטאן די פינגער פון די דארע הענט, אף זיין בלאסן, אפגעצויגענעם געזיכט האט אבער קיין איין מוס־קול קיין ציטער ניט געטאן. ער האט געזאגט, קוים צעציענדיק די דינע ליפן:

— א וואנט... נו, מ'האט שוין געהערט אזוינס אמאליקע צייטן — א פעסטער מויער, דעמבענע טויערן, וועכטער... געטא איז געטא... אין פילסודסקים פוילן האט מען שוין אויך ניט ווייט דערפון געהאלטן... און דאס, וואס איר זייט אנטלאפן — איז א גרויסע כאכמע, נאך א גרע־סערע דערפאר, ווייל ס'האט אייך געראטן. בעסער נעכטיקן אין דער היים און עסן די אייגענע וועטשערע, — האט ער געזאגט מיט פארשטעלט־קייט אין שטים, קוקנדיק, ווי מייער סאקאל ארבעט געשמאק מיטן לעפל. קראוס האט געכאפט אף זיך לייזערס אומרויקן פארשטעיינדיקן בליק און זיך א מינע געטאן אין פאנעם. — נו, יונגערמאן, — האט ער איייליק א זאג געטאן, — קיין שאך ווילט איר דאך היינט ניט שפילן? איז וועל איך גיין שלאפן...

קראוס האט א גלייך אויס געגעבן די סוטולעוואטע פלייצע, א צי זיך געטאן עטוואס, אף וויפל דאס איז אנשטענדיק אין אנוועזנהייט פון אנדערע מענטשן, און איז אוועק הינטערן וויסן, לייכטן פארהאנג בא דער טיר, ווו ס'איז געווען זיין געלעגער. דער ברודער איז שוין געשלאפן, פון דארט האט זיך געטראגן א שטיל, איבערגעריסן כראפען.

„אט אזוי לעבן זיי דא"... — האט אנעליע א טראכט געטאן.

VII. די סרייפע שליסט דעם קרייז

1.

אנעליעס באוווּסטזיין איז נאך געווען א ביסל פארנעפּלט פון שלאף. זי האט האלב צעעפנט די אויגן און דערזען לעבן זיך א הוילע רונדע האנט, דעם צארטן אויסבייג פון א פּרוויאישן אקסל, א צעפּאטלטן קובליק, א פוכקע צוגעשלאסן מויל, א פאררים נעזל. זי האט מיט אזא ווארעמ־קייט זיך דערמאנט, אז דאס איז ראשעלע. דורכן לענגלעכן שטיקל פענצ־טער, וואס האט זיך געזען באם ראנד פון טונקעלן פארהאנג, האט זיך געגאסן בלוילעכע שיין. ס'האט געטאגט.

פלוצים האט פון גאס, פון גאר נאענט, זיך דערטראגן אן אויסגע־צויגענער געשריי. אנעליע האט א ציטער געטאן און אויפגעזעצט זיך אפן בעט. ראשעלע האט צעעפנט די אויגן און, ניט פארשטייענדיק גארניט, געקוקט אף אנעליען. פון יענער זייט פארהאנג האט עמיץ האסטיק זיך א ווארף געטאן צום פענצטער. מייער, וואס האט זיך, ווייזט אויס, אויפ־געזעצט אפן טיש, ווו ער איז געשלאפן, האט געפרעגט:

— וואס איז דארטן?

פון דער גאס האט זיך נאכאמאל דערהערט דער הארץ־רייסנדיקער געשריי.

— ווידער א נייס... — האט נויעד קארשעווער געזאגט.

— גיי אוועק פון פענצטער! — האט לייזערס מוטער זיך געבעטן.

— אוי, ווו איז לייזערקע?

ראשעלע האט זיך איילים גענומען אנטאן. אנעליע האט אויך איינס און צוויי ארויפגעכאפט אף זיך די קליידער. מ'האט אויפגעהויבן דעם פארהאנג. מייער סאקאל האט מיט אנשטרענגונג געשלעפט אף זיך די אין ליים־פארשמירטע איינגעשרומפענע שיך. נויעד קארשעווער, א גרויער, א צעטומלטער, האט איילים ארויסגעוויקלט פון זיין האנט די רעצועס, שעפּטשענדיק א טפילע.

נעכע בייביק איז אריינגעקומען מיט עטלעכע אייער אין בײדע הענט. איר פּנים מיט די בראדעווקעס האט געציטערט עפּעס ניט פון שרעק, נאך פון טיפער אויפגעבראכטקייט.

— אַ נײַע האָריגע...

— וואָ־אָס! — האָבן נויער קאַרשעווער און ראַשעלע אין איין קאָל אַרויסגערעדט.

נעבע האָט גענומען אויסלייגן די אייער אָפן טיש, איינס האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט אָפן דיל און איז צעבראָכן געוואָרן, — זי האָט אַ מאָך געגעבן אָף דעם מיט דער האַנט.

— עפּעס אַ גרויסע האָריגע, — האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ, — כ'האָב קיין האָרץ ניט געהאַט צוגיין פונאַנדערפרעגן... הענט און פיס האָבן זיך מיר אָפּגענומען... לייזערקע און קראָוס שטייען דאָרט, זיי וועלן באַלד אַרויפקומען.

מייער סאָקאָל האָט ענדלעך אַרויפגעשלעפּט די שיך, פאַרדרייט די שנירלעך און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— איך גיי אויך מיט דיר! — האָט ראַשעלע אים אָנגעכאַפּט פאַרן אַרבל.

אַנעליע האָט געוווּסט, אַז זי דאַרף זיך איבעריקס ניט באַווײַזן אין דרויסן — איז זי געבליבן אין צימער. זי איז צוגעגאַנגען צו עסטער קאַרשעווער, וואָס איז געזעסן אָפן ראַנד פון בעט. די בלינדע האָט זי דערקענט לויטן שאָרך פון די קליידער, האָט אָנגעשטעלט אָף איר די ניט־פינטלענדיקע אויגן, איר פּאָנעם האָט אויסגעדריקט פאַרשטיינערטן טרויער.

— אָט אַזאַ איז אונדזער לייגן זיך און אַזאַ איז אונדזער אויפשטיין, — האָט זי געזאָגט, — אַלעמאָל אין שרעק.

— און לייזער איז שוין לאַנג אויף? — האָט אַנעליע געפרעגט.

— די מאַנצבלען האָבן די נאַכט אַ ביסל געוואַכט לויט דער ריי, אַבלאָוועס טרעפן זיך אָפּט, איז ער געשטאַנען דער לעצטער, און לעאָן איז מיט אים געבליבן — זיי שמועסן שטענדיק...

אַנעליע האָט מיט אומעט אַ טראַכט געטאָן: „האָב איך מיט מײַן קומען נאָך אַז אַרבעט זיי געגעבן — ניט שלאָפן די נאַכט"...

לייזער איז אַרײַנגעקומען אין אַ פונאַנדערגעשפּיליעטן מאַנטל, דאָס היטל אין דער האַנט, ער האָט אָפּגעווישט דעם שווייס פון שטערן, שווער זיך אַראָפּגעלאָזט אָף אַ שטול, די מידע, ניט אויסגעשלאָפענע אויגן אָנגעשטעלט אָף אַנעליען, נאָר באַלד זיי אָפּגעפירט אין אַ זײַט.

— די דײַטשן האָבן באַנאַכט דערשאָסן זעכצן ייִדן אין די שטיינקאַריערן, — האָט ער געזאָגט מיט אַן אַראָפּגעפאַלענער שטים.

ס'זײַנען אַרײַנגעגאַנגען מייער מיטן ווײַב. מייער איז געווען בלאָס, ראַשעלע האָט געהאַלטן אַ האַנט אָף זײַן אַקסל, געקוקט אָף אים מיט אָפּגעשטעלטע אויגן. מיטאַמאָל האָט יז אַ קרעכץ געטאָן, אַרומגעכאַפּט אים מיט ביידע הענט פאַרן האַלדז:

— אוי, גאָלדענער, טײַערער מײַנער, — האָט זי גענומען שעפּ־

טשען, — פֿון אַ סאָקאָנע זיך געראַטעוועט... כ'וועל שטיינער טראָגן מיט דיר צוזאַמען, אין אַ וואַלד־נאָרע וווינען, צווישן כײַעס, אויב טויט — איז ביידן... כ'וויל ניט געבוירן קיין יאָסעם! — האָט זי מיט קויעך אויסגעשריגן, — אוי, מענטשן טײַערע, וואָס טוט זיך עס דאָ?! — דאָס גאַנצע פּאָנעם איז איר פֿאַרגאָסן געוואָרן מיט טרערן, זי האָט צוגעדריקט ביידע פויסטן צו די שליפֿן. מייער האָט זי אַוועקגעזעצט אַף אַ בענקל.

— ניין, מע טאָר דאָ ניט בלײַבן, — האָט ער כמורנע געזאָגט, — מע טאָר די דײַטשן ניט גלייבן. נאָר ווּהין גייט מען? ווו טוט מען זיך אַהין? — ער האָט אַ לײַדנשאַפטלעכן בליק געטאָן אַף יעדן לויט דער ריי, אָפּגעשטעלט אים אַ ווײַלע אַף אַנעליען, און זי האָט אין דער רעגע אַ טראַכט געטאָן: „טאַקע, ווּהין זאָלן זיך אַזויפיל מענטשן אַהינטאָן?"

— זי האָט ניט אויסגעהאַלטן מייערס בליק און אַראָפּגעלאָזט די אויגן. לייזער האָט שטיל זיך אָנגערופֿן:

— איר וועט אין ערגעץ ניט אַוועקגיין, סאָקאָל... ס'הייסט, איר איינער, נו, ראַשעלע, נו, נאָך הונדערט קאָנען אַוועקגיין, אויסבאַהאַלטן זיך ערגעץ. אָבער אַלע?... מע דאַרף זוכן אַן אַנדער אייצע, מיר זײַנען דאָך ניט קיין שאָף... — די דאָזיקע לעצטע ווערטער האָט ער געזאָגט שטילער. אין צימער, ווו אַלע זײַנען דערדריקט געווען פֿונעם געשעענעם, האָט מען זיי ניט פֿאַרנומען. בלויז אַנעליע האָט זיי אויפֿגעכאַפּט, בלאַס געוואָרן און צונויפֿגעדריקט די ברעמען, נאָר לייזער האָט ניט געקוקט אין איר זײַט. צונויפֿגעקוועטשט מיט ביידע הענט דעם קאָפּ, האָט ער אײַנגעשפּאַרט געקוקט פֿאַר זיך, אַפֿן גראָען פֿאָרהאַנג איבער סאָקאָלס ווינקל.

גויעך קאָרשעווער האָט מיט אַן אײַנגעבראָכענעם קאָל גערעדט:

— די סאָקאָנע איז גרויס, דער מאַלעך־האַמאָוועס פּלאָטערט דאָ אומעטום, נאָר ס'איז דאָך אַ שלאָל מיט מענטשן, קליינע אויפֿעלעך, זקיינים... אַלעמען וועט מען דאָך ניט אויסראָטן!

— איז גלייבט איר אין יווישער? — האָט סאָקאָל געפֿרעגט.

לייזער האָט שווער אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ:

— ניין, טאַטע, אין דײַטשישן יווישער גלייבן טאָר מען ניט...

— אין דעם האַשעם־יִיסבאָרעכס גנאָד גלייב איך...

נעכע בײַביק האָט זיך אָנגערופֿן פֿון איר באַנק־בעטל בײַ דער טיר:

— כאָטש איך בין טאַקע אַ ייִדענע, נאָר זאָגן וועל איך אײַך מיט אַן אומקראַיִניש ווערטל: „נאַ באָגאַ נאַדייסיאַ, אַ סאַם ראַזום מאַי!"*) מײַנע זין האָבן אַף קיין שום יווישערס ניט געוואַרט, זיי זײַנען אַוועק ווו מע דאַרף. און איך, זייער מאַמע, האָב גאָר קיין פֿליגל ניט געהאַט אַף מיטפֿליִען מיט זיי!

---

*) „אַף גאָט פֿאַרלאָז זיך, אָבער אַליין האָב סייכל".

— אוי, זונעניו, זונעניו, — האָט מיט צוגעמאַכטע אויגן, שאָק־לענדיק טרויעריק מיטן קאָפּ, אַרויסגערעדט עסטער קאַרשעווער, — און אַז מײַנער איז אַפּילע איבער בערג אַוועק דעם מאַלעך־האַמאָוועס אַנט־קעגן, נו, איז וואָס?...

— נו, איז אַ סימען, מאַמע, אַז עס זײַנען בײַ אונדז דאָ שטאַרקערע פּונעם מאַלעך־האַמאָוועס! — האָט געזאָגט לייזער און אָפּגעשטעלט דעם בליק אויפן ברודערס בילד. אַנעליע איז אויפגעשטאַנען, עס איז איר ענג געוואָרן פונעם הייסן געפיל, וואָס האָט איר האַרץ אַרומגעכאַפּט. זי איז צוגעגאַנגען צו לייזערן, און אַז ווערטער שטיין געבליבן לעבן אים.

.2

לעאָן קראָוס איז אַרײַנגעקומען אין צימער. ער האָט אונטערגע־הויבן דעם פאַרהאַנג פון זײַן בעט, אַוועקגעזעצט זיך אויפן ראַנד און שטיל גענומען ריידן:

— די מענטשן אין די שטיין־קאַריערן, זאָגן זשאַנדאַרן, זײַנען דער־שאָסן געוואָרן, ווײַל זיי האָבן געמאַכט אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן פון געטאָ. און דערפאַר בויט מען אויך די וואַנט... נו, גייט, סאָקאָל, דערציילט די דײַטשן, אַז איר ווייסט דעם עמעס...

אַלע אין צימער האָבן געשוויגן. לייזער האָט זיך אויפגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צו אַנעליען. זײַן געזיכט האָט אויסגעזען מיד.

— דו מוזט אַוועקגיין פונדאַנען, — האָט ער געזאָגט.

אַנעליע האָט געוווּסט, אַז פאַרהאַלטן זיך דאָ אַפּילע נאָך איין שאָ טאָר זי ניט, ווײַל אַזייגער דרײַ באַטאָג האָט זי אַ צוג. זי האָט אָבער איצט ניט געקאָנט זאָגן לייזערן, אַז זי מוז אַוועקגיין. זי האָט געשוויגן, געקוקט אים אין די אויגן, גאָרנישט ניט אויסדריקנדיק מיט איר בליק.

— דו מוזט גיין, — האָט לייזער איבערגעכאַזערט.

— אין שטאָט אַרײַן? — האָט קראָוס זיך אַ כאַפּ געטאָן, — און דאָס ווייסט איר נאָך ניט? די געטאָ איז דאָך געשלאָסן... כ'קום ערשט פון אַרבעטס־ביוראָ, איז דאָרט געמאָלדן, אַז ביז די וואַנט אַרום דער געטאָ וועט ניט אויפגעבויט ווערן, טאָר זיך אַפּילע קיינער ניט דער־נעענטערן צום צענטראַלן אַרויסגאַנג.

„איך אויך?" — האָט זיך אַנעליע שיר ניט אַרויסגעכאַפּט, נאָר פאַרביסן אַ ליפּ. לעאָן קראָוס האָט עס דערזען און ווי איבערגעלייענט דעם גערדאַנק אירן.

— איך מיין, אַז איר דאַרפט אויך צום טויער ניט גיין, דאָרט שטייט איצט אַ וואַך אויסשליסלעך פון עסעס־לײַט.

— איז עפּשער דורך יערוכעמס אַרויסגאַנג, ווײַבאַלד ס'איז קיין אַנ־דער ברייטע ניטאָ? — האָט לייזער זיך געווענדט צו מײַער סאָקאָל.

— מע קאָן פּרוּוון... ס'איז נאַר, וואָס ס'איז שוין אינדערפרי... כאָטש דאָרט איז זייער אַ פאַרוואָרפן ווינקל... שוין ווילט איר גיין? — האָט מייער זיך אַ ווענד געטאָן צו אַנעליען, קנייטשנדיק דעם שטערן.

זי האָט געענטפערט מיט אַ שאָקל פון קאָפּ.

— נו, יאָ, אויב מען קאָן עפּעס טאָן, דאַרף מען עס טאָן וואָס פריִער, — האָט לעאָן קראַוס געזאָגט.

צו יערוכעמען זיינען מיט אַנעליען אַוועק מייער סאָקאָל און לייזער. אַנעליע האָט אָנגעטאָן דאָס ווייסע בענדל אויפן אָרבל. די גאַסן פון געטאָ זיינען פּוסט געווען. בלויז וווּ־ניט־וווּ האָט עמיצער אַרויסגעקוקט פון אַ טויער, פון אַ גאַנעק צו זען, ווער עס גייט דאָרט. פון אייניקע הייזער האָט זיך דערטראָגן אַ געיאָמער. איבערהויפּט אויף דעם באַרג־אַרויפיקן געסל, וווּ לייזער האָט געוווינט — די מערהייט געהאַרגעטע זיינען געווען פונדאַנען.

פאַרבייגייענדיק איין הויז, האָט מייער זיך דערמאָנט, אַז ער דאַרף אַריין אַהין אויף אַ פּאָר מינוט צו אַ באַקאַנטן. לייזער און אַנעליע זיינען אַוועק ווייטער מיט לאַנגזאַמע טריט, מייער זאָל זיי קאָנען דעריאָגן.

לייזער איז געווען פאַרקלערט, אויפגערודערט. אַנעליען האָט אַפילע געדוכט, אַז ער האָט מיט איר אָנגעהויבן ריידן וועגן דעם, אַז זי מוז שנעלער אַרויס פון געטאָ, ווייל איר אָנוועזנהייט האָט אים ווי געענגט, עפּשער געשטערט עפּעס נייטיקס און וויכטיקס פּאַרצונעמען. זי האָט געוואָלט באַנעמען, וואָס ער לעבט איבער, כאָטש דעם האָט זי זיך דאָך געזעגנט איצט מיט אים עפּשער אויף גאָר לאַנג, האָט זי אים געוואָלט עפּעס זאָגן דערמונטערנדיקס, נאָר איר האַרץ איז געווען אַזוי איבערפולט און פאַרזאָטן, אַז זי האָט ניט געוווּסט פון וואָס אָנהייבן.

— די מאַמע דיינע, זי זעט שוין קימאַט ניט... — האָט אַנעליע געזאָגט דאָס לעצטע, וואָס איז איר געקומען אויפן געדאַנק.

— יאָ, זי זעט ניט, — האָט לייזער געענטפערט, אַ קוק געטאָן אויף איר פרעגנדיק, ווי ער זאָל דערפילן, אַז זי האָט געוואָלט זאָגן ניט דאָס.

— און דער טאַטע דיינער האָט זיך געענדערט...

לייזער האָט מיט קוים איינגעהאַלטענעם ווייטיק געקוקט אויף איר, ווי ער זאָל פרעגן: „נאָך וואָס דערמאָנסטו דאָס, איך ווייס דאָך עס אַליין". און איינצייטיק ווי געזאָגט מיט אָט דעם בליק, אַז ער פאַרשטייט איר מיטלייד.

— הער אויס, לייזער, — האָט אַנעליע מיט פעסטקייט געזאָגט, — דיינע טאַטע־מאַמע, ווען מע פרעגט זיי, וואָס ס'איז זיי טייערער און לייבער פון אַלץ אין דער וועלט, וואָלטן זיי געזאָגט, אַז דו, דער זון... כ'פאַרשטיי דיך, כ'וואָלט אויך אַזוי געטאָן, נאָר טאַמער וואָס, טאָמער אַז אומגליק — קום אַרויס. דו האָסט פריינט אין שטאָט — דיין ערשטע קוואַרטיר וועט זיין בא יוזעף קאַטשורן...

לייזער האט זיך אפגעשטעלט, ער האט געקוקט אף אנעליען טרויע־ריק, — אי מיט ליבע, אי מיט פארוואורף.

— און דו מיינסט טאקע, אז איך טראכט דא בלויז וועגן זיך? אויב איך בין אנטלאפן פון לאגער און אריין דערנאך אין געטא, בין שוין ניט א י ך אהער אריין. וואס בין איך דען? — איין קליינינק טיילעכל פון מיין פאלק. נו, נעם טייל אף א ברעקעלע לייב פון א מענטשנס קערפער — וואס פאר א ווערט וועט עס האבן? און צי וועט עס לעבן, אויב דער קערפער וועט אומגעבראכט ווערן?

— ס'איז, דאכט מיר, עפעס ניט אזוי, ווי דו זאגסט, — האט אנע־ליע שטיל געענטפערט, — כ'קאן זיך איצט אין דעם ניט פונאנדער־קלייבן. וועסט אליין ווידער דורכטראכטן עס און זען, ווו דער עמעס איז. דאס וויכטיקסטע — ניט ווארטן, ביז מע וועט קומען בינדן דיך. און נאך, — דא האבן פייערלעך א ברען געטאן אין אירע גרויע אויגן, זי האט געפונען דאס, וואס זי האט געוואלט זאגן, אירע באקן האבן זיך א רויטל געטאן: — ניט דענקען בלויז מיט די ענגע ראמען פון געטא. דיין ברודער האט ניט געדענקט אפילע מיט די ענגע ראמען פון פוילן — ער האט געזוכט דעם סוינע און אים געשלאגן. דאס לאנד איז גרויס, ערלעכע מענטשן זיינען דא אומעטום, און ניט נאר קעגן דייטש גייט דער קאמף — פאר א נייַ לעבן גייט ער... עך, לייזערקע, כ'קאן דיר אלץ ניט ארויסזאגן!

ער האט א קנייטש געטאן מיט די אקסל, נאר אין הארץ האט ער א טרייסט דערפילט פון אירע ווערטער.

— אבער פריער דארף מען די קויכעס פרוּוון דא אין געטא, און טאקע, ווייל דא איז שווערער! — האט ער געזאגט מיט פלוצימדיקער אקשאנעס. — אין קאמף זוכט מען ניט, ווו גרינגער איז!

אנעליע האט אים געקוקט גלייך אין די אויגן. פייערלעך־רויק האט זי געזאגט:

— פרוּוו, לייזערקע...

.3

יערוכעמס הויז איז געוועז דאס לעצטע אינעם אזויגערופענעם פעלדזן־געסל, וואס האט זיך פארענדיקט בא אן אלטער, געמויערטער וואנט, א מעטער פיר די הייך. די דאזיקע וואנט האט די באפעלקערונג דא געמוזט ליידן בלויז אויס אכטונג צו דער פארגאנגענהייט, ווייל אייגנט־לעך האט זי בא זיי אפגענומען דעם פארגעניגן צו זען פונעם הויכן פעל־דזיקן ווייסל־ברעג די פאנאראמע פון דער שיינער שטאט און, וואס ס'איז עפשער נאך וויכטיקער, — דעם טייך.

די וואנט איז אמאל געבויט געווארן אלס שוץ קעגן די סטעפישע פארטיליקער, די מאנגאלן. אפגעצוימט האט זי דא עטלעכע הינטער־געס־

לעד, וואס די שטאט־באלעבאטים האבן קיינמאל וועגן זיי ניט גערייגעט. ווייטער אבער, ווו די וואנט האט איבערגעהאקט דעם פלאץ לעבן בריק איבער דער ווייסל, ווי אויך די צענטראלע מאגיסטראל, איז זי שוין מיט יארן צוריק אפגעראמט געווארן. אף איר ארט האט ניט איין שיינער מויער זיך געהויבן... די דאזיקע אוראלטע וואנט האבן די דייטשן געפלאנט איינשליסן אין דער געטא־וואנט, וואס איז געבויט געווארן ארום דעם יידישן וואוין־באצירק.

אן ארומגעוואקסענע מיט מאך, מיט ווילדע גראזן אין די שטיינשפאלטן, איז די דאזיקע וואנט פון יערוכעמס קינדהייט אן געווען א טייל פון זיין וועלטל. דא איז ער אומגעקראכן, דא געשפילט זיך. פון יענער זייט וואלד איז געווען א ווילדער, א גאנץ שטיילער בארג־אפהאנג, א באוואקסענער מיט קוסטעס, מיט שטעכלקעס און בוריאן.

דאס הויז, אין וועלכן יערוכעם האט געוווינט, איז געווען דאס סאמע לעצטע אינעם געסל. געשטעלט אף א הויכן פונדאמענט, ווי מע פלעגט אמאל בויען איינשטאקיקע הייזער, האט עס געהאט א היפשן, טיפן געוועלבטן קעלער, מיט עטלעכע אפטיילן, אויסגעפלאסטערטע מיט שטיין. דאס הויז איז געווען אלט, ס'איז געשטאנען עפשער ניט ווייניקער ווי אט די געמויערטע וואנט, אלנפאלס, איז עס אויסגעבויט געווארן אין יענע צייטן, ווען מע האט נאך געגלייבט אין דער שוץ פון דיקע ווענט און פעסטע קעלערס.

אין דער קינדהייט האט יערוכעם דעם דאזיקן קעלער געהאלטן פאר גאר א וויכטיקן טייל פון זיין אין טרוימען געשאפענעם קיניגרייך. ווען ער איז אלט געווען א יאר דרייצן־פערצן, האט ער איינמאל באמערקט אז ארויסגעפאלענעם שטיין אין דער קעלער־וואנט. אריינגעשטופט די האנט אין דער עפענונג, פונוואנען דער שטיין האט זיך ארויסגערוקט, האט ער מיט ציטער דערפילט, אז דארט איז עפעס א פוסטקייט. ער האט זיך דאן גוואלדיק דערשראקן, אבער וועגן זיין אנטדעקונג קיינעם ניט אויסגעזאגט. ער האט געפרווט לייכטן אין דער עפענונג מיט א קאנעצל, געווארפן אהין אנגעצונדענע שוועבעלעך. ער האט פארשטאנען, אז ער האט געטראפן אף עפעס א דורכגאנג, א באהעלטעניש, עס האבן זיך אים געמאלט שרעקלעכע געשיכטעס וועגן געהיימע דורכגענג און וועגן מענטשן, פארמויערטע דארט לעבעדיקערהייט. אליין האט אים קיין מוט ניט געקלעקט אריינקריכן אהין, און דעם פעטער ניסנס יינגל, דאדיק (יערוכעם איז פרי א יאסעם געבליבן און איז געוואקסן פון סאמע קינדהייט בא א פעטער, א קינד צווישן זיינע קינדער), איז פונקט ערגעץ אוועקגעפארן צו גאסט. דערוואַרט זיך, ווען דאדיק איז געקומען, האט יערוכעם אים דעם איינציקן פארטרויט דעם סוד, ווייל אויסער דעם דאזיקן דאדיקן, וואס איז עלטער געווען פון יערוכעמען אף א יאר, זיינען אין שטוב געווען גאלע מיידלעך.

בײדע ייִנגלעך האָבן זיך אײַנגעשטעלט און מיט קעשענע־לאַמ־טערנדלעך אַרײַנגעקראָכן אין דער עפענונג. עס איז װירקלעך געװען אַ הײל, אַ גאַנץ שמאָלע, די װענטלעך מיט גאָרנישט ניט אױסגעלײגט, נאָר אַזױ װי פאַריבן, װי זי זאָל זײַן אױסגעהאַקט אין פאַרשטײנערטן קאַלך־באָדן. זי איז געגאַנגען באַרג־אַראָפ, װאָס װײַטער — אַלץ שמעלער געװאָרן. די הײל האָט געהאַלטן אַ מעטער דרײַסיק, װײַטער איז שױן דער באָדן געװען אָפּגעשאָטן און פײַכט. אָן אַ לאָפּעטע האָט מען זיך דאָ קײן אײצע ניט געקאָנט געבן.

דערנאָך האָבן די ייִנגלעך גוט באַקוקט דעם שטײלן באַרג־אַראָפ פון יענער זײַט װאַנט, געזוכט, װוּהין אָן ערעך קאָן דער דורכגאַנג פירן. אין אײן אָרט איז דאָרט געװען צװישן די שטײנער און דעם באָדן אַ שװאַכער אָנדײַט אַף אַן אַמאָליקן ריװ, זײ האָבן דאָרט אָפּגעזוכט אַפילע אַ שטײ־נערנע פליטע, אײנגאַנצן אַ פאַרװאַקסענע מיט גראָז און מאָך. ערגעץ דאָ אונטער דער פליטע האָט געמוזט זײַן דער אַרױסגאַנג פון דער הײל. די ייִנגלעך האָבן זיך אָבער דאָ מער ניט געגראָבן. אײנגיכן איז בײַ זײ גאָר אָפּגעפאַלן דער אינטערעס צום דורכגאַנג.

דאָרטיק איז אומגעקומען בעיִים דער פױליש־דײַטשישער מילכאָמע. װעגן דעם דורכגאַנג האָט יערוכעם זיך דערמאָנט, װען ס'איז אין דעם ראַיאָן געשאַפן געװאָרן די געטאָ. צו יענער צײַט זײַנען זיך שױן דעם פעטער ניסנס אױסגעגעבענע טעכטער לאַנג צעפאָרן װער־װוּהין. אין הױז זײַנען געבליבן בלױז דער פעטער ניסן, זײַן ייִנגסטע טאָכטער סערקעלע און יערוכעם. איצט איז עס אַזױ פאַרפולט געװען מיט אָנגעטריבענע מענטשן, אַז אין די אָונטן איז דאָ ניט געװען װוּ אַ נאָדל צו װאַרפן. באַנאַכט פלעגט זיך יערוכעם פאַרקלײַבן אין הײל, גראָבן זיך דאָרט בײַ דער שײַן פון אַ קאַנעצל. דעם שטײן האָט ער צוגעפּראַװעט אַזױ, אַז ער האָט אי פון אױסן, אי פון אינעװײניק מיט אים געקאָנט פאַרשטעלן דעם אַרײַנגאַנג. די אױסגעגראָבענע ערד האָט ער פונאַנדערגעשאָטן אין הײל גופע און מיט אַ קלעצל זי אײַנגעטאָפּטשעט. דאָרט, װוּ דער באָדן איז געװען פײַכט, האָט ער פון זיכערקײט װעגן געשטעלט סלופּיקלעך. דורכ־געריײניקט דעם דורכגאַנג אַף אַ מעטער אכט, האָט ער דערפילט, אַז ער האָט אָנגעטראָפן אַף אַן אײַזערן טירל. װען ער האָט עס מיט אַ לאָם אַראָפּגענומען פון די פאַרזשאַװערטע זאַװעסעס, האָט ער דערזען, אַז ער איז װירקלעך אַרױסגעקומען אונטער דער שטײנערנער פליטע, װאָס איז געלעגן איבערן קוים מערקבאַרן ריװ. דאָ זײַנען געדיכט געװאַקסן בוזינע־קוסטעס, אַזױ אַז דער אַרױסגאַנג איז געװען פאַרדעקט. פונדאַנען האָט מען אומבאַמערקט געקאָנט דערקלײַבן זיך צום ברעג, און פון דאָרט איז שױן צו די צענטראַלע גאַסן גאָר נאָענט געװען.

.4

דורך דעם דאזיקן דורכגאנג האט איצט אנעליע געדארפט ארויס פון געטא. גייענדיק צו יערוכעמען, האט מייער סאקאל געפילט א געוויסע אנגסט: ערשטנס, האט ער נעכטן אין אוונט שוין זיך ארויסגעכאפט אין דער היים, אז ער איז אין געטא געקומען דורך יערוכעמס דורכגאנג. און יערוכעם האט דאך אנגעזאגט אים און זאלמען קארעלן: „וועגן דורכגאנג דארפט איר פארגעסן!" נו, מיילע, ער האט אין דער היים ניט געזאגט, וואס דאס איז פאר א דורכגאנג. איצט אבער האט ער געפירט אהין דאס פוילישע מיידל. עמעס, מע קאן איר פולשטענדיק פארטרויען. שוין דאס אליין, וואס זי האט זיך איינגעשטעלט קומען אהער, פארפליכטעט יעדן, ווער עס קאן נאר, איר העלפן ארויסגיין פונדאנען. כוץ דעם קאן דאך יערוכעם לייזערן שוין אויך א ביסל. קיין ברירע ניטא, יערוכעם וועט מוזן מויכל זיין, — האט מייער באשלאסן.

אט מיט דעם געדאנק איז ער אריין צו יערוכעמען אין הויף, דורכ־לאזנדיק פארויס אנעליען און לייזערן. אינעם הויף איז, ווי קימאט אין אלע הויפן פון דער געטא דעם דאזיקן אינדערפרי, קיין לעבעדיקן נעפעש ניט געווען צו זען. קימאט אלע פענצטער אלטמאדישע, אויבן האלב־קיי־לעכדיקע, זיינען געווען פארהאנגען. מייער האט זיך שוין געלאזט צום גלעזערנעם גאנעקל אין פראנט, נאר פלוצים זיך אפגעשטעלט. פון עק הויף, ווו ס'איז אף סלופעס צוגעבויט געווען א הילצערן אפדעכל — א געווינלעכער זומער־ווארשטאט פון א באלמעלאכע, האט זיך געהערט עפעס א טויב גרילצן. באלד האט זיך פון דארט באוויזן א קרעפטיקער שווארצער באכער מיט א מארינארקע, ארויפגעווארפן אף די אקסל. אין האנט האט ער געהאלטן ניט קיין גרויס העקל.

— אט איז ער אליין, — האט מייער געזאגט, — יערוכעם!

דער באכער האט צוגעווארט, ביז מע איז צו אים צוגעגאנגען, גע־געבן אלעמען די האנט, ער האט די געסט געבעטן זיצן אף די קלעצער, וואס זיינען דא געווען אנגעווארפן, אליין זיך אויך אוועקגעזעצט, צו זען, דארט, ווו ער איז ביז דעם געזעסן. דא איז אף אן אפגעזעגן קלעצל גע־לעגן א פייכטער שארפשטיין. יערוכעם האט, ווייזט אויס, געהאלטן אין שארפן דאס העקל. ער האט עס אויך איצט א פיר געטאן היין און צוריק איבערן שארפשטיין און אויפגעהערט. א געזיכט איז בא אים געווען א טונקלס, א רונדס, מיט בוילעטע קינבאקן. די אויגן — כמורנע, וואכע און פון געדאנק באשיינטע, מיט שווארצאפלען א ביסעלע אויפגעהויבענע צו די אייבערשטע וויעס. די נאז — אן עטוואס פאררויסענע, אונטער איר — שמאלע וואנצעלעך. אין זיין גאנצער פיגור — געווען איז ער העכער פון מיטעלן וואוקס — האט זיך געפילט גוורע, פלינקייט.

— מיט וואס האסטו זיך דאס פארנומען? — האט מייער געפרעגט.

יערוכעם האט מיטן גראבן פינגער א פרווו געטאן די שארף פון

האַק, געוואָרפן אַ בליק אויף לייזערן און אַנעליען און אָפּגעשטעלט אים פאַרקלערט אויף מייערן. ער האָט געזאָגט, קלאָר אַרויסריידנדיק יעדער וואָרט:

— אויב דאָס איז דאָס איינציקע געווער, וואָס די דײַטשן האָבן נאָך ניט פאַרוועדט צו האָבן אַ ייִדן — איז זאָל עס כאָטש זײַן שאַרף...

אַנעליע האָט קוים־קוים, ניט אויסדרייענדיק דעם קאָפּ, פון אַ זײַט אַ פיר געטאָן די אויגן אויף לייזערן. דערפילט אַנעליעס בליק אויף זיך, האָט לייזער איר געענטפערט מיט אַ הייסן פינקל פון די אויגן, זײַן געזיכט איז געווען אָנגעשטרענגט.

יערוכעם האָט זיך אויפגעהויבן, אַ לײַכטן מאָך געטאָן מיטן העקל אינדערלופטן, פּרוּוונדיק וויאַזוי עס ליגט אין האַנט. ער האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט, אַ קוים מערקבאַרער שמייכל האָט באַלויכטן זײַן געזיכט. און מיטאַמאָל האָט ער אָנגעהויבן ריידן. דאָס, וואָס ער האָט גערעדט, האָט אויסערלעך ניט געהאַט קיין שום פאַרבינדונג ניט מיט מייערס פראַגע, ניט מיט זײַן ענטפער, עס האָט אָבער געהאַט אַ דירעקטע שײַכעס צו דעם, מיט וואָס יעדער איינער פון זיי האָט געלעבט שוין אַ היפּשע צײַט.

— ס'איז אַלעמאָל שווער און אומנאַרמאַל, ווען ס'איז בײַ דער מאַסע ניטאָ קיין פירער, — האָט ער געזאָגט, — און בײַ אונדז אין געטאָ איז ווער דער פירער? דער ייִדן־ראַט, וואָס איז אָנומלטן געשאַפן געוואָרן? זײַנען דאָרט אָדער מיִעסע נעפאַשעס, ווי ספּיו'ע, אָדער ווייכלײַביקע מענטשן, ווי צימערשפּיץ. די געטאָ וואָלט געדאַרפט האָבן אַן עמעסן פירער, וואָס רעדט ניט מיט די פאַשיסטן, נאָר וואָס האַסט זיי. אַ פירער צו זײַן איז שטענדיק הונדערטער מאָל שווערער, ווי צו זײַן אַ געוויינלעכער מענטש. און נאָך שווערער דאָ אין געטאָ, ווו מ'איז, איינגנטלעך, אַלע פאַראורטיילט. מיר מוזן אָבער, ניט געקוקט אויף אַלע אומגליקן, האָבן אַזאַ פירער. און ווען ער זאָל שוין זײַן, וואָלט איך אים אַן אייצע געגעבן אָנהייבן אָט פון וואָס: איבערגעבן פון שטוב צו שטוב, פון מויל צו מויל אַ געהיימען דעוויז: „שאַרפט די העק!" — זאָל יעדער ייִד אויסשאַרפן און האָבן גרייט אַ האַק. אָך, ווי דאָס וואָלט צונויפגעקומען. אין די טײַכן בלוט, וואָס וועלן דאָ רינען, וואָלט כאָטש זײַן אויך אַ שטראָם פונעם סוינעס בלוט.

ער האָט גערעדט אויף ייִדיש. אַנעליע האָט זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרשטיין אים. אַ רויטקייט האָט איר אַ שפּאַר געטאָן צו די באַקן. יערוכעם האָט באַמערקט, ווי זײַנע ווערטער האָבן אויפן מיידל געווירקט, ער האָט זיך אַ ביסעלע ווי פאַרלוירן פון דעם, אָפּגעפירט דעם בליק, די ברעמען האָבן זיך בײַ אים אומצופרידן צונויפגעדריקט.

— איר זײַט זייער גערעכט, — האָט אַנעליע געזאָגט אויף פּויליש, — אַזאַ אָנהייב וואָלט בעפּייערעש געדאַרפט געמאַכט ווערן.

— און אנהייב? — האט יערוכעם איבערגעפרעגט אף יידיש, ווי דער דאזיקער געדאנק זאל אים ערשט אונטערגעזאגט ווערן, — נו, יא, דער ערשטער רוף... ווייטער וואלט דאס לעבן באוויזן וואס צו טאן... אויב פאלן, איז ווי א לייב...

לייזער האט באמערקט מיט א טרויעריק־צוריקגעהאלטענעם שמייכל:

— איינציקע האלטן גראד, אז בעסער איז א לעבעדיקער הונט, איידער א טויטער לייב, און מע מיינט זיך טרייסטן מיטן דאזיקן ווערטל. אבער קיינמאל איז עס נאך אזוי פארפירעריש ניט געווען, ווי איצט.

— אז איך וואלט נאר ניט וועלן ליידן פון שטארבן. איך וויל, אז לעבן זאל מען ניט ווי קיין הינט, — מייער סאקאל האט זיך א דריי געטאן אף די קלעצער, פארדראסיק אויסגעשטרעקט די געזונטע הענט, — כאטש שריי אין די גאסן!

לייזער האט געקוקט אף יערוכעמען, וועלכער איז געזעסן אף אן אפגעזעגענעם קלעצל אנטקעגן, אנגעשפארט דאס העקל מיטן שארף אין א קני און אוועקגעלייגט ביידע דלאניעס אפן שטייענדיקן הענטל; ער איז געווען עלטער פון לייזערן, מען האט אים געקאנט געבן א יאר דרייסיק, געפילט האט זיך אין אים אי א שטרענגע זיכערקייט, אי אזא טיף־בושעווענדיקער פלאם; נאך דעם, ווי ער האט מיט אזא ליידנשאפט ארויסגעזאגט זיינע געדאנקען, האט ער איצט געשוויגן, געהאלטן פעסט צונויפגעדריקט דאס מויל, פון וואס די מוסקולן אף די באקן האבן זיך עטוואס באוועגט. אנעליע, וועלכע איז געזעסן לעבן לייזערן, האט אויך באקוקט יערוכעמען. אויסגעהערט מייערן, האט לייזער ווידער א צוריקגעהאלטענעם שמייכל געטאן:

— איר זייט טאקע מיינער א שאכן, סאקאל, נאר איך דארף אייך פונדעסטוועגן זאגן, אז איך בין אין דעם פראט מאסקים מיט ליכטציערן: קיין שום אויסגעשריי איז ניט בעקויעד אזוי וויט דערגרייכן, ווי א ווארט, וואס מען גיט עס איבער פון אויער צו אויער... דאס זאג איך ביכלאל... און אף לעבן בלייבן האט ניט וואס צו האפן גראד דער, וואס איז גרייט זיין א ווארעם, אבי לעבן... אבער ביטער איז דא די מענטשן זייער. דאס דארף מען געדענקען...

יערוכעם האט זיך געווענדט צו מייערן:

— איר זייט געקומען גלאט אזוי צי וועגן אן איניען?

— פאראן אן איניען, — האט מייער זיך אויפגעהויבן פונעם קלאץ, — כ'וואלט דארפן מיט דיר איבערריידן אויג־אף־אויג. נאר פאר דעם — באקען זיך אקארשט מיט אט דעם מיידל, ווייל איר האט, לויט כ'האב געזען, אפילו די נעמען ניט אנגערופן.

אנעליע האט א שמייכל געטאן צו לייזערן, אויפגעהויבן זיך און דערלאנגט יערוכעמען די האנט:

— אנעליע וואיטאס, — האט זי קלאר ארויסגערעדט.

— אנעליע? — האט יערוכעם איבערגעכאזעוועט, — אף פראסט יידיש כאנע?

— אף פראסט יידיש — כאנע, — האט מייער א שמייכל געטאן, — נאר זי איז א פוילישע... קום, וועסט באלד אלץ וויסן.

אנעליע האט באמערקט, אז יערוכעם האט זיך אנגעכמורעט, שווער און אפילע בייז א קוק געטאן אף איר. עפעס איין רעגע האט ער זיך אזוי פארהאלטן לעבן איר, נאר סאקאל האט אים אנגענומען פאר א האנט און אפגעפירט צום גלעזערנעם גאנעקל. ס'איז צו זען געווען, אז יערוכעם גייט ניט גערן, האלט דעם קאפ אראפגעלאזט, אז מייער, וואס איז נידעריקער פון אים, טײַנעט עפעס, מאכנדיק מיט א האנט. אזוי זײַנען זיי פארשוואונדן הינטערן גאנעקל.

פארבליבן אליין מיט לייזערן, האט אנעליע פרעגעוודיק א קוק געטאן אף אים. זי האט געוואלט איבערלייענען אף זײַן פאנעם, צי האט ער אויך באמערקט און אזוי ווי זי אויסגעטײַטשט די פלוצימדיקע ענדערונג אין יערוכעמען, צי ניט. לייזער האט פארשטאנען די ענדערונג אין יערוכעמען, נאר אויפגענומען זי רוּיקער פון אנעליען.

לייזער האט געפרעגט עפעס א קלייניקייט: צי איז איצט ענג אין די צוגן. אנעליע האט געענטפערט, אז אין די צוגן ווערן גאר ווייניק וואגאנען אויסגעטיילט פאר פאליאקן, דערפאר איז באם אויפזעצן זיך א שרעקלעכע שטופעניש. ער האט זי געפרעגט, ווען פירט איצט יוזעף זײַן גרינס, און זי האט אים דערציילט, אז יוזעף האט זיך פאר איר געקלאגט, אז מ'האט אים שטארק באשטײַערט, און די גערטעניש וועט אפילע ניט קלעקן אף צו צעצאלן זיך...

יערוכעם און מייער זײַנען אלץ ניט צוריקגעקומען. לייזער האט א פאר מאל אומרויִק א קוק געטאן צום גלעזערנעם גאנעקל. אנעליע — אויך.

— עפשער צוגיין צו זיי? — האט ער געפרעגט.

— מע דארף ניט...

ענדלעך האט יערוכעם און מייער זיך באוויזן פון הינטערן גאנעקל. זיי זײַנען געגאנגען אהער. יערוכעם — ווי פריִער כמורנע, אונטערהאלטנדיק מיט איין האנט די מארינארקע אפן אקסל, מייער — מיט א פארטײַעטן שמייכל אפן געזיכט.

יערוכעם איז צוגעקומען און, אויסמײַדנדיק אנעליעס בליק, קאלטלעך אזוי, דורך די ציין געזאגט:

— קומט, פאננא...

זי האט זיך אויפגעהויבן, ארויסרופעריש הארט א קוק געטאן אף אים, מיט אט דעם בליק און מיט דער בלאסקייט אף איר געזיכט צווינגענדיק אים ריידן. זי האט זיך פון ארט ניט גערירט. לייזער איז אויך אויפגעשטאנען.

יערוכעם האט קוים א קנייטש געטאן מיט די אקסל:

— איך האב פון שטענדיק פיינט ניט צו דערזאגן עפעס... — אין זיין שטים האט זיך א ציטער דערפילט, — איז ווייסט: איך האס יע־דערן, וואס גייט איצט אום אף דער פריי... גייט און טראגט מיט זיך אוועק דעם דאזיקן האס מיינעם...

— פארשיידן גייען דארט אום מענטשן אף דער פריי און פארשיידן איז זייער פרייהייט, — האט אנעליע געענטפערט.

זי האט דערלאנגט די האנט מייערן, דערנאך — לייזערן. זי האט אים געוואלט א קוש טאן, ער איז איר איצט באזונדערס טייער געווען, נאר פאר יערוכעמען האט זי עס ניט געוואלט באווייזן.

אין קעלער איז זי מיט יערוכעמען געבליבן אויג־אף־אויג. זי האט שווייגנדיק אים צוגעלויכטן מיט זיין עלעקטרישן לאמטערנדל, ביז ער האט אפגערוקט דעם שטיין פון אריינגאנג אין הייל. ער האט איר גענו־מען געבן קורצע אנווייזונגען, וויאזוי זי זאל ארויס, וווהין זיך לאזן גיין, קעדיי ניט צוציען קיינעמס אויפמערקזאמקייט. זי האט אים אוים־געשטערקט די האנט, ער האט אין שווערער פארקלערטקייט זי גענומען.

— איר קאנט האבן און איר האט פיל מער פריינט פון יענער זייט געטא, ווי איר מיינט, — האט אנעליע געזאגט.

ער האט געשוויגן, האט זי מיט באדויערונג פארגעזעצט:

— איר, פון וועמען איך האב דא אין געטא געהערט די ריכטיקסטע רייד, זייט איצט אזוי אומגערעכט...

— בלויז מיר אליין קאנען ריכטיק פילן, ווי שלעכט אונדז איז, — האט ער געענטפערט.

— ווילט איר מיט דעם זאגן, אז בלויז איר אליין דארפט זיך העלפן?

— העלפן... גוט וואלט געווען, ווען הילף קומט. נאר דערווייל זעט מען זי ניט...

— האבן פריינט הייסט שוין האבן הילף... און איר זאגט זיך אפ פון פריינט.

ער האט געשוויגן. די ווערטער אירע האבן אים געטראפן. זי האט זיך שוין אנגעשפארט מיט דער האנט אין שטיין, קעדיי אריינקריכן אין הייל, נאר דערשפירט א פארלאנג צו פארשאפן אים א ביסל פארגעניגן, האט זי געזאגט:

— דער דורכגאנג אייערער — ס'א גרויסער אויפטו...

— ער האט זיך צופעליק אפגעזוכט, — האט יערוכעם נאך אליץ כמורנע געענטפערט, נאר דער אויפברויז פון קאס, האט זיך גוזפילט, איז שוין אין אים שטילער געווארן.

— נו? — האט זי אי פארבידעשט, אי ניט גלייבנדיק איבערגע־פרעגט.

— צופעליק. — האט ער באשטעטיקט. — און וווינען וווין איך דא פון קינדווייז אן. נאר ווען כ'זאל דא ניט געווען וווינען פון פריער, וואלט איך זיך אויך נאר אין אזא ארט באזעצט, און א דורכגאנג וואלט איך אלציינס דורכגעגראבן, ווייל דאס ערגסטע איז — זיין געפענטעט...

— אט ווען איר הייבט מיר אן נאכאמאל געפעלן! — האט זי געזאגט מיט א שמייכל, — און איר ווייסט, וואס איך וועל אייך זאגן? כאווערט זיך צונויף מיט לייזער קארשעווערן. זייט אף מיר ניט בערויגעז, נאר איינציקע זאכן פארשטייט ער ריכטיקער פון אייך... איר וועט ניט האבן קיין כאראטע. — זי האט אים ווידער געדריקט די האנט, ענערגיש זי א טרייסל געטאן און איז אריין אין הויל.

.5

אפן וואקזאל האט אנעליע זיך דערוווסט, אז די דייטשן זיינען אנגעפאלן אף רוסלאנד. א הויכער פאסאזשיר אין א קאפעליוש און מיט אן אויפגעשטעלטן קאלנער פון פאלטא האט, צוקומענדיק צו דער בילעטן־קאסע, געזאגט דעם אוילעם, אז ער האט ערשט געהערט א ראדיא־טראנסלירונג וועגן דעם, ס'איז געווען צוועלף אזייגער באטאג, די מילכאמע האט שוין געדויערט א דריטל מעסלעס.

די פאסאזשירן האבן גענומען איבערפרעגן דעם אומבאקאנטן, מע האט אים ארומגערינגלט, נאר דא איז לאנגזאם פארבייגעגאנגען א דיי־טשישער באן־שוצער אין א שווארצן מונדיר. מיט זיינע פארצעליי־אויגן האט ער שטרענג און פארשעריש באטראכט דאס רעדל מענטשן, האט מען זיך גענומען פונאנדערגיין יעדער אף זיין ארט אין ריי. אנעליע האט דערפילט, אז די בריוו, וואס איז צוגעבונדן צו איר לייב, ברייט זי מא־מעש. זי האט געמוזט איילן, נאר כאטש דער צוג האט געדארפט אוועק־גיין דריי אזייגער, האט מען ניט געוווסט, ווען ער וועט זיך רירן.

זי האט זיך נאך א ביסל אומגעדרייט דערנאך לעבן וואקזאל, צוגע־הערט זיך, וואס מענטשן ריידן אף די פלעצער, אין די קראמען, איינגע־קוקט זיך אין די געזיכטער פון דורכגייער. ניין, זי האט קיין יזיעש ניט געזען, פארקערט, א מין פארטייעטע אקשאנעס, פארבארגענע דערוואר־טונג האט זיך געפילט אין די בליקן, אין די פענעמער, בא אנדערע אפילע — אזעס. ווען ס'איז פארבייגעגאנגען די גאס א קאלאנע דייטשישע סאל־דאטן, האט אנעליע ניט בא איין פאליאק פון די, וואס האבן זיך אפגע־שטעלט אפן טראטואר, באמערקט אין די אויגן דראענדיקע פונקען.

ארום אזייגער פיר באטאג האט אין הימל זיך דערהערט א רויש, אלע האבן גענומען קוקן ארויף, דארט האבן זיך געדרייט סאוועטישע עראַ־פלאנען. ווייניק ווער עס האט זיך באהאלטן אין די הויפן, קארידארן, די מערהייט האט זיך בלויז צוגערוקט צו די ווענט און געקוקט אין הימל

מיט ניט קיין פֿאַרבאַרגענעם שטאָלץ. אַנעליע איז געשטאַנען לעבן עפּעס אַ מיטליאַריקן פּאַליאַק מיט אַ פֿאַרברוינט מוטיק געזיכט, אַ דורכגעשניטנם מיט טיפֿע קנייטשן. ער האָט אויפֿמערקזאַם אַ קוק געטאָן אױף איר, ז׳ערנאָך ווידער פֿאַרהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט מיט אַ שטילער אַנטציקונג:

— אָ, דאָרט זיצן גאָר אַנדערע מענטשן...

איימעדיק־פּינצטער איז געווען אױף די סטאַנציעס און פּאַלוסטאַנקעס, וואָס אַנעליע איז פֿאַרבײַגעפֿאָרן. אין די וואַגאָנעס האָט מען אויך קיין שײַן ניט געצונדן. אומעטום אױף די פּעראָנען, בײַ די פּאַקהאַוזן, לעבן די עשעלאָנען זײַנען, ווי אויסגעהאַקטע פֿון שטיין, געשטאַנען דײַטשישע סאָל־דאַטן אין קאַסקעס מיט ביקסן, צוגעדריקטע צו די אַקסל. פֿון מאָל צו מאָל האָבן זיי מיט האַנט־לאַמטערנדלעך געלויכטן אַרום זיך.

איין סטאַנציע פֿאַר גאָרליטשינאַ האָט דער צוג זיך פֿאַרהאַלטן. ס׳איז געווען נאָך האַלבער נאַכט. דעם גרויען הימל מיט די בלאַסע שטערן האָט באַלויכטן אַ סריי־פֿע. אַפֿן הויף פֿון סטאַנציע האָבן אַרומגעהאַוועט דײַטשי־שע זעלנער, ס׳האָט זיך געהערט אַ קאָמאַנדע. אַנעליע איז מיט נאָך עט־לעכע פּאַסאַזשירן אַרויס אַפֿן פּעראָן. ס׳איז פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ פּוילישער באַן־אָנגעשטעלטער מיט אַ בלאַען לאַמטערן אין האַנט. ער האָט געזאָגט, אַז ס׳איז אויפֿגעריסן געוואָרן אַ דײַטשישער קריגס־עשעלאָן.

— דאָרט, אַנטקעגן גאָרליטשינאַ, איז אַ בריקל פֿאַראַן, — האָט ער באַמערקט, — איז אָט בײַ דעם בריקל די צאָרע געשען... מ׳האָט שוין אַהער געבראַכט פֿאַרווונדעטע...

געזאָגט דאָס, האָט ער זיך אַנגעבויגן און אונטער די וואַגאָנעס אַרי־בער אױף יענער זײַט וועג.

אַנעליע האָט גוט געוווּסט דאָס דאָזיקע בריקל, אַ קילאָמעטער צוויי פֿון איר דאָרף. זי האָט דאָרט ניט איין מאָל געפּאַשעט די קו. לעכאַטכילע האָט זי אַן אומרו באַהערשט — וואָס הערט זיך אין דער היים? די על־טערן האָבן זיך געקערט דערשרעקן. נאָר באַלד האָט זי שוין פֿאַרכאַפּט די פֿרייד, די איבערראַשונג, וואָס גראָד בײַ איר דאָרף איז דער אויפֿרייס פֿאָרגעקומען. און דערזען האָט זי פֿאַר זיך אין גרויקײַט פֿון נאַכט, אָט אַזוי באַם וואַגאָן שטייענדיק, דעם פֿעטער יאַנס פּאָנעם — אַ רויִקס און שטרענגס. דאָרט, אַרום גאָרליטשינאַ, האָט די סרייפֿע געפֿלאַקערט, און זי האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי דער פֿעטער שטייט ערגעץ אין אַ הויף צי אין אַ גאָרטן מיט הויכע סאָנעטשניקעס, די ליולקע פֿאַרביסן אין אַ זײַט מויל, און קוקט ווי די וואַגאָנעס ברענען. ס׳איז איר געבוירן געוואָרן אַ זי־כערקייט, אַז ער האָט אַ שײַכעס צום געשעענעם.

VIII. דער טעפּיך גיט אַ צייכן...

1

דער שטאָט־הויפּטמאַן האָט באַפוילן דעם סעקרעטאַר אַ שאָ צייט קיינעם ניט אויפנעמען און האָט מיט פאַרגעניגן אַ טראַכט געטאָן, אַז איצט וועט ער פאַרבלייבן אַליין אין קאַבינעט. ער האָט אים ליב געהאַט, דעם דאָזיקן רייַכן קאַבינעט זייַנעם. דעריבער, אַז ער פאַרבלייבט אַליין, טרעט ער ניט גלייַך צו צו דער אַרבעט, וועלכע ער האָט, נאָר נעמט אַרומ־שפּאַנען איבערן קאַבינעט. אַט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן טישל, וווּ עס שטייט אַ סקולפּטור פון מירמל־שטיין: אַ מענטש, אַ צוגעשמידטער מיט קייטן צו אַ ווילדן פעלדז.

דערנאָך איז ער איבערגעגאַנגען צו אַ גרויסן אייל־בילד אין אַ שווע־רער באַגילדעטער ראַם: אַ האַלב־נאַקעטע פרוי איז געלעגן אין אַ הייל, אונטערגעשפּאַרט מיט דער האַנט דעם שיינעם קאָפּ און געלייענט אַ בוך בײַ דער שייַן פון קאַסע זונען־שטראַלן, וואָס רייסן זיך דורך אין אַ פעלדזן־שפּאַלט. דאָס דאָזיקע בילד האָט אין אים געוועקט עפּעס צווייענ־דיקע געפילן: ערשטנס, האָט עס אים דערמאָנט אַ ווייַטע זינד זייַנע, אַ יונג פאַנסיאָן־מיידל, און צווייטנס — אַ זאַך אַ געהיימע, צו וועלכער ער דערלויבט זיך אָנקומען ניט אָפט, ווי אַ שיקער צו אַ פאַרבאָרגן פלעשל, —דאָס איז אַ פאַלשע פאָלקס־דייַטשקע, וועלכע וווינט אויף אַ געוויסער גאַס דאָ אין שטאָט און וועלכער ער ברענגט אַלעמאָל אַ גרוס פון איר מאַן, וואָס ער אַליין האָט אים אַ טפּיסע־אורטייל אונטערגעשריבן. זי איז טרויעריק אַלעמאָל, די דאָזיקע פּראַכטפולע פרוי, נאָר אַט דער טרויער אירער, דער פאַרגעניגן, וואָס ער באַקומט דורך טרויער, דורך טרערן, רעגט אים מער, פאַרשאַפט מער פרייד, ווי פיל אַנדערע ראָמאַנען, וועלכע ער האָט ווען־ניט־איז געפירט.

פון בילד גייט זייַן בליק אַריבער אויפן טעפּיך, וואָס איז פאַרשפּרייט קימאַט איבערן גאַנצן קאַבינעט. דעם דאָזיקן טעפּיך האָט ער אַלעמאָל ליב אַ הייב טאָן עטוואָס מיטן נאָסעק פונעם שוך און אַ קוק טאָן, ווי פעסט, ווי קונציק ער איז געוועבט — פון אויבן זעט מען עס ניט. ס'אַ טייַערער טעפּיך, אַ צירונג פאַרן קאַבינעט. און די דאָזיקע פאַרדרייטע פּערסישע

ארנאמענטן, די כיטרע איבערפלעכט זייערע, די טונקעלע זאפטיקע פארבן, ווי זיי רעגן עס און בארויקן איינציייטיק דאס אויג, פארטיפערן דעם געדאנק, ריכטן אים לויט געהיימע שטעגעלעך, רופן ארויס צומאל בא אים אזא אומדערווארטעטע לייזונג פון לעבנס־פראגן, אז עס כאפט אים אן אזא מאדנער געפיל, דעם שטאטהויפטמאן, צי האט ניט דער־א טעפיך אין זיך א לעבעדיקן קויעד, א מין קישעף. יעדנפאלס, איינס האט ער זיך שוין געמאכט פאר א געזעץ — אויב עמעץ פון די באזוכער קומט אריין אין קאבינעט צום לייזן אן איניען און טוט, גייענדיק צום טיש, א פארטשעפע עטוואס מיטן פוס דעם ראנד פון טעפיך, וועט שוין דער באשלוס, וועלכן ער וועט אננעמען, זיין א נעגאטיווער, ער וועט אפזאגן...

דער שטאט־הויפטמאן האט באקוקט דעם שווערן שרייבטיש. אפן טיש האבן געווארט פאפירן, וועלכע ער האט געדארפט דורכקוקן, אבער ער איז נאך אלץ ניט צוגעגאנגען צו זיי. ער האט נאך געווארפן א בליק אף דער ליוסטרע, וואס לאזט זיך אראפ פון דער הויכער ארנאמענטירטער סטעליע. די שיינע קרישטאלענע פרענדזלען האבן געגלאנצט אין דער באטאגיקער שיין, א קוק געטאן אף דעם הירש און דעם גנאם, וואס שטייען אין א ווינקל פון קאבינעט, אף די ווייכע פאטעלן, מיט די ארנזשע איבערצוגן, אף דעם ברייטן דיוואן, דעם ביכער־שראנק, דעם פיורערס בילד, וואס איז געהאנגען איבער זיין פאטעל...

ער האט געטרוימט, דער שטאט־הויפטמאן, און ס'האט אים ניט געארט, וואס די צייט גייט. יעדנפאלס קאן ער הייסן דעם סעקרעטאר נאך א האלבע שע ניט צולאזן צו אים קיין באזוכער.

ס'איז געווען א שיינער, זומערדיקער טאג, ווייסע וואלקנס האבן געשוועבט איבערן הימל, די דינע שאטנס, וואס זיינען פון זיי געפאלן, האבן זיך לייכט געגליטשט איבער די צונויפגעדריקטע דעכער פון דער שטאט, איבערן טייך, וואס האט זי דורכגעשניטן קימאט אין דער מיט. דער שטאט הויפטמאן איז צוגעגאנגען צום פענצטער. פונעם דריטן שטאק, ווו דער קאבינעט האט זיך געפונען, אין אים באקוועם געווען באטראכטן דעם פלאץ, וואס פאר דער ראטושע. איבערן פלאץ האבן מארשירט דייטשישע סאלדאטן. די גאנצע באוועגונג ארום פלאץ איז פארהאמעוועט געווארן. די טראמוויען זיינען געשטאנען אין די דערבייִיקע גאסן, אויטאס און דראזשקעס זיינען דעם פלאץ ארומגעפארן מיט די הינטערגעסלעך, אף די טראטוארן האבן זיך פארהאלטן די פוסגייער, פון מאל צו מאל האט עמיץ פון די פארבייגייער אויפגעהויבן א האנט, באגריסנדיק די זעלנער, און לויט דעם אפענעם מויל האט דער שטאט־הויפטמאן פארשטאנען, אז יענער האט געוויס אויסגעשריען „הייל!” האנאע האט זיך צעגאסן איבער דעם שטאט־הויפטמאנס געזיכט — עס זיינען דא שוין פאראן פיל ציווילע דייטשן אין שטאט, אומעטום דרינגט אריין זיין פאלק. דער ציל איז — די גאנצע ערד זאל דעם געהערן. צוליב דעם מארשירן די סאלדאטן. ווער

ווײס ווי ווײַט זײ וועלן אַוועקמאַרשירן. פֿונדאַנען — צום וואָקזאַל, דער צוג וועט זײ אַוועקטראָגן אױף מיזרעך, און דאָרט... דאָרט זײַנען די ברייטן אומענדלעך, די שוועלן פֿון דער וועלט זײַנען דאָרט...

דער שטאָט־הויפּטמאַן פֿאַרטראַכט זיך וועגן זײַן יינגערן ברודער ווילי, ווילהעלם קורץ. דעם דאָזיקן ווילי גליקט מער, ווי אים. יענער איז נאָך געווען גאָר אַ יִשנעק, ווען ער האָט זיך אָנגעשלאָסן אין דער באַוועגונג, צו וועלכער ער, קאַרל, האָט שוין געהערט אַ פּאָר יאָר. און דאָך איז ווילי שוין אַוועקגעשפּרונגען העט ווײַט — אַ פּאָלקאָווניק. פֿינף טעג צוריק האָט ווילי בײַ אים פֿאַרבראַכט אַ פּאָר שאָ — ער האָט געאײַלט אױף מיזרעך. מ׳האָט שוין דאַן פֿאַרשטאַנען צו וואָס עס גייט, נאָר דאָך האָבן די ברידער, פֿון מיליטערישער עטיק וועגן, גערעדט פֿון דעם, וואָס עס שטייט פֿאָר, מיט אָנצוהערענישן. יעדנפֿאַלס האָט ווילי שמייכלענדיק געוויזן בײַם טיש, אַז ער האָט אין קעשענע בײַ זיך אַ קליינינקן טוריסטן־אַטלאַס און אַז דאָס ערשטע שנירעלע איז בײַ אים פֿאַרלייגט אױף קיִעוו... הײַנט גייען שוין די שלאַכטן ערגעץ אַרום לעמבערג, האָט געטראַכט דער שטאָט־הויפּטמאַן, וווּ זשע קאָן איצט זײַן ווילי? ער האָט זיך אים אַלץ געמאָלט אַזאַ, ווי ער האָט אים מיט פֿינף טעג צוריק, אין די ערשטע מינוטן, געזען. ווילי האָט זיך געוואַשן אין טואַלעט־צימער, — אַ גאַנץ פֿעטער און לײַביקער מאַנצביל, העכער פֿון מיטעלן וווּקס, מיט אַ רונדער קין, פֿעסט־צונויפֿגעדריקטע ליפּן — דער אויסדרוק פֿון באַפֿעלערישקייט און ענערגיע, — ניט קיין הויכער, נאָר אויך ניט קיין נידעריקער שטערן, אױף וועלכן ס׳פֿאַלן אַראָפּ טונקל־בלאָנדע, גלײַכע האָר, אַזאַ האָט דער שטאָט־הויפּטמאַן זיך אים אויך איצט פֿאָרגעשטעלט: ווי ער וואַשט זיך ערגעץ אין אַ הויף בײַ אַ גאַליציאַנער פּויער...

צי איז ער אים מעקאַנע? יאָ. אױף דעם אומרויִקן גײַסט, וואָס ברויזט אין ווילין, איז ער מעקאַנע. אָ, ווילהעלם קאָן פֿיל אויפֿטאָן. אין רוסלאַנד עפֿענען זיך פֿאַר אים אַזויפֿיל מעגלעכקייטן. נאָר דאָך, אין האַרצן, האָט דער שטאָט־הויפּטמאַן סײַ דאַן, ווען ווילי איז געווען, סײַ איצט, שטייענדיק בײַם פֿענצטער און צוקוקנדיק די מאַרשירנדיקע זעלנער, געטראַכט, אַז מעקאַנע זײַן האָט ער ניט אַזוי שטאַרק אױף וואָס. זאָלן זײ, די דאָזיקע אומרויִקע, דורכלייגן אַ וועג, עס וועט זיך פֿאָדערן, וועט ער געשיקט ווערן אַהין אײַנשטעלן אָרדענונג. דערווײַל איז ער דאָ און ס׳איז בעפֿיירעש נייטיק. און רויִקער אויך. ער האָט שוין גאָר ניט אַזויפֿיל קויעך אױף צו צעזייען אים. ס׳הייסט, ער פֿילט זיך נאָך גאַנץ פֿעסט, טאַקע גאָרנישט פֿעלט אים ניט אין געזונט, נאָר ער איז שוין אין אַזעלכע יאָרן, ווען אַ מענטש קומט צום אויספֿיר, אַז מע דאַרף שפּאָרן די קויכעס.

אָט ווײס ער נאָך ניט, צי וואָלט ער דאַרפֿן אױף עטלעכע מינוט פֿאַרלענגערן, אָדער פֿאַרקערט — פֿאַרקירצן די ספּאָרט־פּראָצעדור. ערשטנס, ווערט ער פֿאָרט דיקער, צווייטנס, אָבער מידן אים די איבונגען אַביסל

איין. מע וועט דאַרפן פרעגן דעם פּראָפעסאָר און זען, ער זאָל ניט אָפּקומען מיט קיין ווערטל, וואָס מע קען עס טייטשן ווי מע וויל. און אָט וועגן די האָר — זיי פאַלן טאַקע אויס צי ניט? עפשער וועט דער פּראָצעס זיך אָפּשטעלן? ער טוט א קוק אפן לאַץ פון זיין טונקעלן מונדיר — עס ליגט ווידער אַף אים א קורצע גלייכע האָר. ער געדענקט גאָר ניט, ער זאָל זיך האָבן צוגערירט צום קאָפּ.

א גרעסערער וואָלקן האָט פאַרשטעלט אַף א מינוט די זון, א ברייטער שאָטן צעשווימט זיך איבער די דעכער פון דער שטאָט, און בלויז אַף יע־נער זייט טייך בלייבן העל באַלויכטן די ווייטע ראַנד־ווילעס, וואָס טוקן זיך אין גרינס. דער שטאָט הויפּטמאַן נעמט אַרויס דאָס קעמעלע און פאַר־טראַכט: וויפל האָר ווען אַף דעם בלייבן, אויב ער וועט זיך דריי מאָל א קעם טאָן? עס בלייבן צוועלף געלבלעכע האָר, פאַרפּלאָנטערטע צווישן די ציינדלעך. דערביי ווייסן זיך די האָר בא די עקן — זיי זיינען אַרויס־געפאַלן מיט די וואָרצלען...

דער שטאָט־הויפּטמאַן מאַכט עטלעכע טריט לענגויס דעם טעפּיך, פאַרלייגט די הענט אַף הינטן. אָט אַף וואָס ער איז עמעסדיק מעקאַנע ווילין — ער ווערט ניט אַלט, די האָר, האָט ער געזען, האָבן זיך נאָך בא אים קיין ריר ניט געטאָן. כאָטש אַף מיזרעד קאָן מען אַלט ווערן אין מע־שעך פון איין ווילע, אָבער...

די רויִקייט האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן. ער גייט צו צום טיש און זעצט זיך אינעם ווייכן שטול, קעדיי דורכקוקן די פּאַפּירן. ער רוקט זיך צו באַקוועמער, און ווידער דערזעט ער אפן באַריכט, וואָס איז גערדיכט אָפּגעדרוקט אַף א מאַשינקע, א דינע געלע האָר. ער נעמט זי איןביידע הענט אַף צו באַטראַכטן. עס גייט אים דורך א געדאַנק, עפשער האָט זי זיך פּראָסט איבערגעבראָכן, ווייל די האָר זיינען טרוקן. נאָר ער דערזעט און טאַפּט אויך אָן מיט די פינגער א שוואַכן וואָרצל אפן עק — די האָר איז אויסגעפאַלן, זעט אויס, נאָך פריִער, ווען ער איז אויפגעשטאַנען זיך דורכגיין איבערן צימער.

איצט קוקט ער דורך דעם באַריכט, און עס קאָסט אים געוויסע מי צו באַנעמען, וואָס דאָרטן שטייט געשריבן. ביכלאַל איז בא אים אָרדענונג אין שטאָט, נאָר אַזוי ווי צו אים קומען די באַריכטן וועגן אַלע אויסערגע־וויינלעכע געשעענישן, קאָן זיך א מענטשן, וואָס קלייבט זיך ניט פונאַנדער אין אַזעלכע זאַכן דוכטן, אַז א שרעק וויפל צופאַלן דאָ פּאַסירן. אָבער ער האָט שוין פון לאַנג געמאַכט פאַר זיך אַן אויספיר, אַז אויסערגעוויינלעכע פּאַסירונגען זיינען זיך אַליין פאַר זיך, און דאָס לעבן אין שטאָט גייט זיך אַליין פאַר זיך. איינס שטערט ניט דעם צווייטן, אָדער שטערט דעם אַזוי ווייניק, אַז ס'איז ניט צו באַמערקן. נו, אָט האָט איין דייטשישער סאָלדאַט זיך אָנגעשיקערט, אַריינגעריסן זיך אין א מאַגאַזין פון א פאָלקס־דייטש און צעבראָכן בא אים דעם גלעזערנעם שראַנק. א קלייניקייט, דער סאָלדאַט

וועט איבערשלאָפן אין טפיסע־קאַמער אַ נאַכט, און דער פאָלקס־דײַטש וועט שוין הײַנט אַוואָדע צוריק פאַרגלאָזן דעם שראַנק. אַז אַלטע פּוילישע גרעפן האָט זיך אָפּגעסאַמט אין איר אייגענער ווילע, וואָהין ס'האָט זיך אַרײַנגעקליבן אַ דײַטשישער באַנק־אָנגעשטעלטער. אַך, אַט די פּוילישע גרעפנס, מיט זייער האָנאָר. נו, געסאַמט, איז געסאַמט. אין טפיסע זײַנען אַרײַנגעזעצט געוואָרן פערצן פּאָליאַקן, אַלע וועלן זיי באַשולדיקט אין אַרויסזאָגן אַ מיינונג, אַז דער קריג קעגן רוסלאַנד וועט זיך ענדיקן מיט דײַטשלאַנדס מפּלה. „אין לאַגער אַרײַן!" — שרײַבט אויף דער שטאָט־הויפּטמאַן, האַלטנדיק אַלץ מיט די פינגער פון דער לינקער האַנט די אַרויסגעפאַלענע האָר.

ס'עפנט זיך שטיל די שווערע טיר פון קאַבינעט, עס רוקט זיך אַרײַן דער קאָפּ פון סעקרעטאַר, אַ גלאַט־צוגעקעמטער, מיט אַ ווײַסן שרונט אין דער מיט. ער דערמאָנט דעם שטאָט־הויפּטמאַן, אַז די שאַ איז שוין אַריבער — צי וועט ער דערלויבן אַרײַנלאָזן באַזוכער.

— לאָזט אַרײַן, — זאָגט דער שטאָט־הויפּטמאַן, כאָטש ער האָט נאָך נישט אַלע פּאַפּירן דורכגעקוקט.

ביז דער סעקרעטאַר לאָזט אַרײַן דעם ערשטן באַזוכער, קוקט דער שטאָט־הויפּטמאַן דערווײַל דורך ווײַטער דעם באַריכט. אין הונדערט פינף וווינונגען פון דער שטאָט איז שלעכט געמאַכט געוואָרן די שײַן־מאַסקירונג. עס זײַנען פאַרהאַלטן אין די פּאָליציי־באַצירקן די הויז־ווירטן און די הויפּטן פון די פאַמיליעס. „אין לאַגער אַרײַן. אויף אַ יאָר" — שרײַבט אויף דער שטאָט־הויפּטמאַן אויף אַ ברעגעלע פונעם באַריכט. ער פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, דער קריג וועט געוויס ניט דויערן קיין יאָר, אַ כּאַדאַשים צוויי־דרײַ, נאָר ס'שאַדט ניט, זאָלן די דאָזיקע זיצן אויך נאָכן קריג.

ס'עפנט זיך שטיל די טיר אין קאַבינעט, נאָר דער שטאָט־הויפּטמאַן הייבט ניט באַלד אויף דעם קאָפּ. ער שטרײַכט צוויי מאָל אונטער דאָס וואָרט „אויף אַ יאָר" און ערשטן דאַן גלײַכט ער פאַמעלעך אויס די פּלייצע און טוט אַ קוק, ווער ס'איז אַרײַנגעקומען. ס'איז זילבערט. ער שטייט אויסגעצויגן, עטוואָס אַרויסגערוקט דעם בויך, די האַנט איז צוגעזאָמען צום הוט. „הײַל!" — טוט ער אַ צי אויס די האַנט באַלד, ווי דער שטאָט־הויפּטמאַן גיט אויף אים אַ קוק. זײַן פּאָנעם מיט דער אָנגעבלאָזענער אונטערשטער ליפּ, מיט די צוגעזשמורעטע, פאַרלאָפענע אויגן, דריקט אויס דינסט־גרייטקייט. ער קוקט עטוואָס העכער פונעם שטאָט־הויפּטמאַן, אָפּן פאַרטרעט, וואָס הענגט איבער אים.

דער שטאָט־הויפּטמאַן ענטפערט אים שטייענדיק אויף דער באַגריסונג און זעצט זיך צוריק אַוועק.

זילבערט מאַכט עטלעכע טריט צום טיש. און דאָ געשעט דאָס, וואָס גיט אַ קאָלופּע דעם שטאָט־הויפּטמאַן אינעווייניק. זילבערט טוט אַ פאַרטשעפּע מיטן נאָסעק פונעם שטיוול דעם ראַנד פון טעפּיך, ער מאַכט נאָך

צוויי שפאן פארוים און דער טעפיך בלייבט פארקאטשעט. „מע וועט אים דארפן אפזאגן, — טוט קאלט א טראכט דער שטאט־הויפטמאן, — נאר כ'האב אים, דוכט זיך, אליין ארויסגערופן". אין קאפ בא אים לויפן דורך געדאנקען, מיט וואס איז ער די לעצטע צייט געווען ניט צופרידן אין זילבערטס טעטיקייט? דוכט זיך, אלץ נארמאל. די געטא האלט ער שטרענג, און אט די וואנט — דאס האט אויך זילבערט צוגעטראכט. עמעס, פראדוקטן ווערן נאך דורכגעשמוגלט אין געטא, ער האט אים שוין איינמאל אויפמערקזאם געמאכט אף דעם. עפשער פאר דעם אים א זידל טאן איצט? דאס וועט ער אים דערמאנען, אבער ניט צוליב דעם האט ער אים ארויסגערופן אהער. ניין, ער האט לאכלוטן גארניט קעגן דעם דאזיקן זילבערטן, וואס באפרייט אים בעפיירעש פון האבן צו טאן מיט די יידן. מיט דריי טעג צוריק איז דא געווען א הויכגעשטעלטע פערזאן פון בערלין, וועלכע מע האט געדארפט באטראכטן אלס אן אינספעקטירנדיקע, האט יענער פיל געלאכט בעייסן ווארמעס, ווען דער שטאט־הויפטמאן האט דערציילט וועגן אייניקע אויפטועך זילבערטס אין געטא. אייגנטלעך האט ער אים אפילע געוואלט א ביסל א לויב טאן בעייסן געשפרעך, דער אבער־שארפיורער זילבערט זאל דערפילן, אז מע שאצט זיין ארבעט. נאר די טראדיציע איז טייער — דער דאזיקער וועט פונדאנען דאך מוזן אוועקגיין מיט אן אומאנגענעמלעכקייט.

— נו, די געטא ווייסט שוין, אז ס'איז קריג? — פרעגט דער שטאט־הויפטמאן.

זילבערט פארלירט זיך א קאפעלע, טוט א פינטל מיט די אויגן, עפנט דאס מויל און מאכט עס ווידער צו. ווי איז בעסער צו ענטפערן — יא אדער ניט? דער שטאט־הויפטמאן קוקט אף אים פרעגנדיק־קאלט.

— יא, — ענטפערט זילבערט.

— נו, וואס זשע זאגט מען דארט? — ס'איז דעם שטאט־הויפטמאן אייגנטלעך אלציינס, וואס די געטא טראכט וועגן דעם קריג, ער פרעגט, ווייל זינט די לעצטע טעג איז אין דא אלע אנשטאלטן אנגענומען יעדער שמועס אנהייבן אדער דורכמישן מיט עטלעכע ווערטער וועגן מיזרעד־קריג. ער קוקט אף זיין געלער האר, וואס ליגט אפן מירמלנעם טינטער, און טראכט, אז ער דארף זי ניט פארגעסן צונעמען.

— די געטא? — ענטפערט געמוטשעט זילבערט, — די יידן, זיי וועלן דען זאגן עפעס אפן? זיי ווארטן די פארפלוכטע, כאסענעס קומען דארט פאר, כאסענעס אפילע... זיי האבן דערשפירט א האפענונג, מ'איז פרעכער געווארן. נעכטן האט מיך עפעס א מעשוגענע געזידלט, האב איך... — ער האט פארביסן די אונטערשטע ליפ, געכאפט זיך, אז ס'איז ניט אנשטענדיק צו דערציילן דא אזא זאך.

— פאר איין ווארט קעגן אונדז מוזן צען יידן טראגן די פאראנט־ווארטלעכקייט, — זאגט דער שטאט־הויפטמאן, אוועקלייגנדיק א פויסט

אפן טיש, — כ׳האב שוין אמאל געזאגט, אז פאר שטרענגקייט ווערט מען אייך ניט טאדלען. מען דארף זיי ניט שוינען, עס גייט אלציינס צו דעם, אז דער דאזיקער עקלדיקער וווין־באצירק זאל פארשווינדן...

ער האט געמאכט א פאוזע, צעעפנט דעם פויסט און אנגעשפארט זיך אין דעם גלאז פון טיש מיט דער גאנצער דלאניע, ווי ער זאל עפעס צודעקן מיט איר:

— מע דארף זיי פארקלענערן דעם שפייז־ראציאן, איך מוזט זיך נעמען גרייטן ארויסשיקן א טראנספארט יידן אויסער דער געטא, די יונגע און מער קוואליפיצירטע דארף מען צווינגען צו ארבעטן פאר קריגס־באדערפענישן. האט איר דריי אויפגאבן אף דער נאענטסטער צייט.
— ער האט א טראכט געטאן, צי זאל ער ניט געניויער דערציילן זילבערטן ווי דאס אלץ טאן, נאר באשלאסן, אז אונטערגעארדנטע מוזן אליין קאנען די דעטאלן פונאנדערארבעטן.

דער טעפיך איז געווען פארבויגן באם ראנד, און דאס האט געארט דעם שטאט־הויפטמאן, געוועקט אין אים אומצופרידנקייט. ווען זילבערט בעט עפעס. נאר נייז, יענער האט אויסגעהערט און ווארט בלויז אף א דערלויבעניש אוועקצוגיין. און מיטאמאל טוט דער שטאט־הויפטמאן א טראכט: פארוואס עפעס מוז ער טאן אז אומאנגענעמלעכקייט זילבערטן, מען קאן דאך עס טאן די יעניקע, איבער וועלכע זילבערט האט צו שאפן. דריי זאכן האט ער אים געהייסן טאן — דאס האט ער זיך פון פריער אנגעמערקט. איז א פערטע זאך...

— יא, דאס פילט נאך אוים היינט, — זאגט ער, פאמעלעך ארויס־ברענגענדיק די ווערטער, נעמט א הונדערט ארוועס־לייט פון געטא און גיט זיי איבער אין „קריפא". דאס איז אזוי זיך, אף יעדן פאל... איר קאנט גיין.

זילבערט טוט פלינק, ווי אף אז אקס, א דריי אוים זיין קורצן גוף און לאזט זיך צו דער טיר. איידער ער גייט אראפ פון טעפיך, טוט ער ווי ניט בעקיוון א שלעפ א קאפעלע דעם נאסעק פונעם רעכטן שטיוול און גלייכט אוים דעם פארבויגענעם ראנד. דער שטאט־הויפטמאן טוט א שמייכל.

IX. פיר האבן זיך צונויפגערעדט.
א קלאפ אין א פרעמדער טיר

.1

ניט אין זילבערטס כאראקטער איז געווען טאן שלעכטס אפליגן אף שפעטער. קיין איינע פון די אויפגאבן, וואס דער שטאט־הויפטמאן האט פאר אים געשטעלט, האט בא אים קיין שוועריקייטן ניט ארויסגערופן. ביכלאל איז די ארבעט דא אין געטא אים געווען פיל מער צום הארצן, איידער צו זיין טפיסע־שעף אין גראס־סטרעליץ, א שטאט אין אויבער־שלעזיע. דארט האט א ליאדע קעשענע־גאנעוו זיך געקאנט פאררופן אף א געוויסן געזעץ, ס'איז געווען עפעס אזוינס, וואס האט געצוווּנגען אים, זילבערטן, זיין מער־ווייניקער געהיט מיט יעדן שווינדלער. דא אבער האט ער זיך געפילט ניט געצוימט און ניט געבונדן — פאר קיין שטרענגקייט וועט מען ניט טאדלען.

קעדיי עס זאל שוין פון מארגן דורכגעפירט ווערן די פארקלענערונג פון די שפייז־נארמע, איז אים גענוג געווען צוריקוועגס פון שטאט־הויפטמאן אריינפארן אין געטא, פארהאלטן דעם מאטאציקל אף איין מינוט בא דער געביידע פון יידן־ראט. דעם קלאפ פון זיין מאטאציקל האט מען שוין דא געוווּסט, און די לייטערס פון די פארשיידנסטע אפטיילן, איינגעשלאסן אויך דעם הויפט פון יידן־ראט, האבן, דערהערנדיק אים, געמוזט באווייזן זיך יעדערער אינעם פענצטער פון זיין ארבעטס־צימער. ניט אויסשליסנדיק דעם מאטאר און ניט אראפקריכנדיק פונעם אונטערשפרינגענדיקן זאטל, האט זילבערט מיט א פינגער ארויסגערופן צו זיך דעם לייטער פון דער „דערנערונגס־ביורא" און באפוילן אים אויסטיילן פאר די יידן ניט צו צוואנציק, נאר צו פופצן דעקא *) ברויט א טאג. וועגן דער וויטערדיקער פארקלענערונג פון דער קארטאפל־נארמע וועט אים מיטגעטיילט ווערן באזונדער.

נאך פאר דעם האט זילבערט פארהאלטן זיך באם טויער פון געטא — דא איז די וואנט אין גרונט שוין געווען פארטיק — און געווארנט די

*) איין דעקא — צען גראם.

פוילישע פאליציאנטן, וואס האבן געהאלטן וואך פון אויסן, און די יידישע — פון אינעווייניק, אז פאר יעדן דורכגעשמוגלט פורל שפייז וועט ער אויפהענגען אלע וואך־לייט, און אויסנאם.

די ארגאניזאציע פון די ווארשטאטן האט ער באשטימט פארטרויען איינעם א דייטש ראבער'ט שנאפע, וועלכן ער האט געקאנט פון שלעזיע (געקאנט אים, ווייל יענער איז מאכמעס געוויסע, גאנץ אומאנגענעמע אומשטענדן געהאט ארייַנגעפאלן צו אים, זילבערטן אין טפיסע, נאר אפגעזעסן דארטן ניט מער פון א פאר וואכן. דערנאך זיינען שוין געווען סיבעס, צוליב וועלכע זיי זאלן בלייבן פריינט). שנאפען האט ער דרינגענדיק, ווי נאר ער איז ארויס פונעם שטאט־הויפטמאן, ארויסגערופן מיט א דעפעש.

די הונדערט ארעוו־לייט זיינען שוין פיר דייטשן און צען ארדענונגספאליציאנטן אוועק אויפזאמלען איבער דער געטא. זילבערט האט באפוילן נעמען אלטע לייט, מאנצבלען, ווינטשנסווערט אינטעליגענטן, און נאך ביז טונקל אפפירן זיי אין „קריפא״־טפיסע, צו שולצן.

דאס ארויסשיקן דעם ערשטן טראנספארט יידן האט ער באשלאסן אפליינען אף א קורצער צייט. ער האט די זאך געמוזט באקלערן, פארפינקטלעכן איינציקע דעטאלן אין געוויסע דעפארטאמענטן. כוץ דעם — דאס איז געווען א געדאנק, וועלכער האט זיך אויך ערגעץ אין אים באוועגט און איבער וועלכן ער האט אליין א ביסעלע געלאכט פון זיך אין דער שטיל, — אים האט זיך ניט געוואלט אזוי שנעל פארשמעלערן זיין „אייגן קליין רייך״, ווי ער האט די געטא גערופן, ניט געוואלט פארלירן די מאכט איבער אט די טויזנטער מענטשן און טאקע אויך די דאזיקע שטעלע אין הינטערלאנד...

אהיים איז זילבערט געקומען אין זייער א געהויבענער שטימונג, און כאטש ס'איז נאך געווען ווייט ביז אוונט, האט ער באשטימט אראפווארפן פון זיך דעם ענגן מונדיר, די שטיוול — ער האט זייער געשוויצט — און מאכן זיך א קאלטע וואנע. ער האט געהאלטן, אז ער האט פאר דעם טאג פיל אויפגעטאן, זיך זייער איינגעמידט, דערבייַ האט ער אי מיט האנאע, אי מיט א ביסעלע אומעט געפילט, אז מער פון אלץ האבן אים איינגעמידט די עטלעכע מינוט, וואס ער איז געשטאנען פארן שטאט־הויפטמאן. „און ווי איז מען עס אזוי אומפארזיכטיק, — האט ער געטראכט וועגן זיך אליין, — בא אזא הויכגעשטעלטער פערזאן אין קאבינעט פארטשעפען מיטן נאסעק דעם טעפיך״... ער האט זיך ארייַנגעזעצט אין דער עמאלירטער וואנע, קעדיי מיט דער קילקייט פון דעם וואסער, מיטן פארגעניגן, וואס ער וועט באקומען, פארטרייבן פון זיך אט די אומאנגענעמע דערמאנונג. מיטאמאל האט א שמייכל א קרים געטאן זיין גנעל געזיכט, אף וועלכן די אונטערשטע ליפ איז אויך איצט געווען אנגעבלאזן: מע דארף די יידן, די ארוועס־לייט, אפהאלטן די נאכט אין ספירעס פאליציי־קאנ־

צעליאריע און בעסער מארגן אינדערפרי זיי אפפירן אין „קריפא”, זאל די שטאט זיי גוט זען...

ער האט א רוף געטאן עלזען, די פוץ־פראו, צו דער טיר פון וואנע און געהייסן איר טייקעף אנקלינגען אין געטא, צו ספירען, אז ער זאל ווארטן אף דעם הער אבערשארפיורערס א פאראָרדענונג. זילבערט האט זיך נאך א שטיק צייט געשוועקט אין וואנע, דערנאך לאנג געריבן מיטן פוקכע האנטעך זיין בלוי האריק לייב, און ערשט שפעטער, שוין ליגנדיק אין א פונאנדערגעבונדענעם כאלאט אף דער בריטער, ווייכער סאפע, אנגעקלונגען אין געטא און איבערגעגעבן ספירען, וואס ער פארלאנגט.

2.

די געטא האט ערשט אין א פאר טעג ארום נאכן אנפאל פון דייטש־לאנד אף רוסלאנד זיך דערוווּסט וועגן דעם. די נייס האט דערמונטערט די פארוטיילטע. דא האט מען געווארט אף הילף בלויז פון מיזרעך. לויטן גאנצן גאנג פונעם קריג אף מיירעוו איז צו זען געווען, אז ווארטן אף הילף פון דארטן איז ניט שייעך. אזא איז געווען די שטימונג אין געטא און אזא אויך אין שטאט. דא האט שוין געווירקט עפעס אזוינס, וואס איז פיל שטארקער געווען פון עטלעכע רייען דראט־פארצוימונגען.

נאר דערמונטערונג איז ניט געווען די איינציקע שטימונג, איבער־הויפט אין געטא. מענטשן האבן געוווּסט, אז ס'איז צו דערווארטן נייע אכזאריעסן.

אין דעם נאך־מיטיק, ווען מ'האט אין געטא גענומען כאפן עלטערע יידן אלס ארוועס־לייט, האט יערוכעם אריינגערופן צו זיך אינעם זומער־ווארשטאטל, אף די קלעצער, מייער סאקאלן און זאלמען קארעלן. מיט די דאזיקע מענטשן (כאטש מייערן האט ער געקענט אויך פריער) האט אים איצט פארבונדן די נאכט, ווען זיי זיינען צוזאמען אנטלאפן פון דער צעשיסונג אין די שטיין־קאריערן, ווי אויך די געהיימעניש פונעם דורכ־גאנג. זאלמען קארעל האט אין יענער נאכט זיך אויסגעלונקען א פוס און איז געגאנגען מיט א שטעקל. דאס איז געווען א מענטש פון העכער פער־ציק, מיט א פראסט גראבלעך געזיכט פון א באלמעלאכע, אף וועלכן די פיל זארגן, וואס ער האט געהאט אויסצושטיין, האבן שפורן געלאזט. נאר איינס ניט אפגעמעקט אף דעם, פארקערט, — בוילעטער גע־מאכט: דעם אויסדרוק פון טיפער ארנטלעכקייט און מונטערקייט. דאס איז געווען א סאלדאט, וואס האט פיל יארן אפגעדינט אין רעכטן פייער. כוץ דעם איז ער געווען א לינקער פראפאריין־טוער — דאס האט יערוכעם אויך געוווּסט. שוין דא, אין געטא, האט קארעל גענומען זאמלען ארום זיך די היטלמאכער, געשאפן א קאסע פון קעגנזייטיקער הילף. דאס אלץ זיינען געווען מיילעס, וואס יערוכעם האט זייער ווערט גוט פארשטאנען.

אוועקזעצנדיק מייערן און זאלמענען אף די קלעצער אזוי, אז ער

אליין זאָל, זיצנדיק צו זיי מיטן פּאַנעם, קאָנען זען, טאַמער קומט עמיץ אהער פונעם הויף (הינטער אים איז געווען אַ טויבע וואַנט), האָט יערו־כעם אָנגעהויבן פונעם סאַמע איקערדיקן, צוליב וואָס ער האָט זיי אהער גערופן:

— דער קריג אויף מיזרעך האָט זיך אָנגעהויבן, און מיר קאָנען מער ניט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. אין דער לעצטער מינוט, לאָמיר זאָגן פאַרן אָפּטרעטן, קאָנען די דײַטשן דאָ פאַרניכטן אַזויפיל מענטשן, אַז ס'זאָל ניט בלײַבן קיין איין מישפּאָכע, וואָס זאָל עמיצן ניט באַוויינען. דאַרפן מיר קענען און האָבן מיט וואָס אין אַזאַ אַנטשיידנדיקער שאָ זיך קעגנשטעלן. דאָס איז איינס. צווייטנס: אויף די אַכזאַריעסן, וואָס שטײַגן פון טאָג צו טאָג, מוזן מיר ענטפערן אַקטיוו. די דײַטשן דאַרפן דערפילן, אַז מיר זײַנען אַ קויעך און אַז מיר צאָלן פאַר שלעכטס. מע זאָגט מיר — עס וועלן זײַן אומזיסטיקע קאָרבאָנעס. אויב אַ קאָרבן אין קאַמף — איז ער שוין ניט קיין אומזיסטיקער. אָט כאַפּט מען איצט אַלטע לײַט. זאָגט מיר — האָט כאָטש עמיץ אין געטאָ צענעריקט אַ דײַטש, אָנגעשפּיגן איינעם זייערן אין פּאָנעם אַרײַן? דאָך נעמט מען די מענטשן, און מע וועט נאָך נעמען, ווײַל מע וויל אונדז אויסראָטן. איז מוז מען זיך נעמען צו דער אַרבעט.

יערוכעם האָט אַ רעגע אויפמערקזאַם זיך אײַנגעקוקט אין מייערס געזיכט, דערנאָך אין זאַלמענען. אינערלעך האָט ער אינגאַנצן געציטערט. צי זײַנען זייווירקלעך די, אויף וועלכע ער מעג, ווי אויף די ערשטע, זיך אָנשפּאַרן, צי וועלן זיי אים פאַרשטיין, צי וועט זיי קלעקן דרייסט? דאָ רעדט זיך דאָך שוין ניט וועגן אַנטלויפן פון צעשיסונג, דאָ גייט אין לאָזן זיך אַליין דער געפאַר אַנטקעגן...

— איידער יעדער פון אײַך וועט זיך אַרויסזאָגן, ווי ער קוקט אויף דער זאַך, — האָט יערוכעם כמורנע געזאָגט, — איידער איך וועל דער־ציילן, וואָס, לויט מײַן מיינונג, קאָן מען טאָן, וויל איך, אַז יעדער פון אײַך באַזונדער זאָל מיר ענטפערן, צי האָט ער קיין מוירע ניט, צי האַלט ער פאַר מעגלעך קאַמף אין דער לאַגע, אין וועלכער מיר געפינען זיך, — איין וואָרט: יאָ אָדער ניין?

מייער האָט געענטפערט:

— יאָ.

זאַלמען קאַרעל האָט געקלערט אַ ווײַלע מיט אַן אויפגעהויבענער, צעשויבערטער ברעם און אויך געענטפערט:

— יאָ.

3.

לייזער איז געקומען צום פּאַטערס אַ באַקאַנטן ציין־דאָקטער לייגן זיך אַ פּלאָמבע אין אַ באַק־צאָן, וואָס איז בײַ אים קאַליע געוואָרן אין

לאגער. ער איז געזעסן אויף דער שטול, דאס מויל אָפן, ווייל דער צאָן איז שוין צוגעגרייט געווען צו פארפּלאָמבירן. דער אַלטימושקער, דער ציין־דאָקטער, האָט הינטער זיינע פּלייצעס געגרייט אַ ביסעלע צעמענט אויף אַ גלעזערנער פּלאַסטינקע. מיטאמאָל האָט אַן אַ קלאַפּ זיך געעפנט די טיר, אין צימער איז אַריין אַן עסעסאָוועץ און מיט אים — צוויי יידישע אָר־דענונגס־פּאָליציאַנטן.

— קומט מיט אונדז! — האָט דער דייטש באַפוילן דעם ציין־דאָקטער.

דער אַלטימשקער האָט זיך שטאַרק פאַרלוירן, צוליב עפּעס געגעבן די גלעזערנע פּלאַסטינקע מיטן פאַרמישטן קאַפּעלע צעמענט לייזערן אין די הענט.

— ווּהין, צוליב וואָס, פאַרוואָס? — האָט ער גענומען אַ בעטן זיך, אַ פרעגן, אויף טויט אַ דערשראָקענער. — ער מוז דעם פּאַציענט דעם צאָן פאַרפּלאָמבירן.

דער עסעסאָוועץ האָט געשוויגן, דאָס איז געווען איינער אַ גוסטאַוו, וואָס אין געטאָ האָט מען אים שוין געקאָנט, זייער אַ קאַלטע און אַכ־זאַריעסדיקע בריע. ער האָט פּאַמעלעך אַרויסגערוקט דעם שטאָלענעם העלם אויפן שטערן, אויפגעהויבן מיט איין האַנט עטוואָס העכער דעם אויטאָמאַט, וואָס איז אויף אַ פּאַסיק געהאַנגען איבער דער ברוסט, און מיט דעם גע־ווער געמאַכט אַ באַוועגונג, באַווייזנדיק אויף דער טיר. דער אַלטימשקער איז נאָך געשטאַנען אַ רגע מיט אַ האַלב־אָפענעם מויל און מיט אויס־געגלאָצטע אויגן, דערנאָך האָט ער זיך געכאַפּט, פאַרלאָשן די ספּירטאָווקע אויפן אינסטרומענטן־טישל און גענומען אויסטאָן פון זיך דעם כאַלאַט.

— אַזוי גיין! — האָט קאַלט געזאָגט גוסטאַוו.

דער אַלטימשקער, וואָס האָט זיך שוין גענומען אין די הענט, האָט צאַרנדיק און מיט פאַראורטיילונג אַ קוק געטאָן אויפן דייטש, אַוועק געזע־געגנען זיך מיט דער קראַנקער פרוי, וואָס איז געלעגן צו בעט הינטער אַ שירמע אין דעם זעלבן צימער, — אהין האָט דעם דאָקטער באַגלייט אַן אָרדענונגס־פּאָליציאַנט, ס׳האָט זיך דאָרט דערהערט אַ קרעכצן און וויינען אַרויס צוריק פון הינטער דער שירמע, האָט ער זיך געזעגנט אויך מיט לייזערן, וואָס איז שוין אויפגעשטאַנען פון שטול, און מיט אַ מאָדנער שטיינערנער רויקייט אויפן צעקנייטשטן געזיכט זיך געלאָזט צו דער טיר.

אין דרויסן שוין האָט לייזער דערזען, אַז נאָך איין עסעסאָוועץ מיט דריי אָרדענונגס־פּאָליציאַנטן באַוואַכן אַ היפּשע גרופּע עלטערע יידן, צווישן וועלכע ער האָט אויך דערקענט דעם ראָוו פון געטאָ, רעב יאַנקעלע אין זיין שטריימל.

מענטשן, וואָס האָבן פונווייטן באַגלייט די קאָנוואָירטע, האָבן געזאָגט, אַז דאָס האָבן דייטשן גענומען אַרוועס־לייט.

מיט דער דאָזיקער נייעס האָט לייזער ניט געקאָנט גיין גלייך אַהיים.

און אזוי ווי ער האט געוווּסט, אַז בעיִם ער איז אוועק צום צײן־דאָקטער, האָט זיך מייער געקליבן צו יערוכעמען, איז ער אויך אוועק אַהין.

פאַר יערוכעמען, מייערן און זאַלמענען, וואָס זײַנען דאָ אויף די קלעצער געזעסן, איז דאָס, וואָס לייזער האָט דערציילט, קיין נײַס ניט געווען. יערוכעם האָט שוין געוווּסט מער — נאָך הײַנט ביז נאַכט וועט מען די אַרוועס־לײַט אוועקפירן אין דער „קריפּאָ"־טפּיסע.

— ניט קיין גוטער אַנהייב, — האָט לייזער געזאָגט.

— אַן אָנהייב? — האָט מייער איבערגעפרעגט, — און דאָס, וואָס ס'איז ביז דעם פאָרגעקומען, איז בײַ אײַך גאָרניט.

— ס'איז עפּשער רעכטע מיט... — האָט זאַלמען קאַרעל באַמערקט און אַזוי אַ שמייכל געטאָן, אַז מ'האָט ניט געקאָנט וויסן, צי וויצלט ער זיך ביטער, צי מיינט ער דאָס אפאַנעמעסן. זאַלמענען האָט לייזער געקענט פונדערווײַטנס, מע איז דאָ, אין געטאָ, געווען שכייִנים — קאַרעל האָט געוווינט אויף דער זעלבער גאַס, אַקעגנאַיבער. לייזער האָט געוווּסט, אַז ר'איז אַ קירזשנער, נאָר פון די, וואָס זײַנען באַשעפטיקט ניט בלויז אין זייער פאַך. אַ פּאָר מאָל איז ער אַרײַנגעקומען צו מייערן, און נאָך זײַנע רייד נאָך האָט מען געקענט זען, אַז ס'איז אַ קלוגער און ד'ערפאַרענער מענטש.

יערוכעם האָט זײַנע שוואַרצאַפּלען, עטוואָס אויפגעהויבענע צו די ווינעס, פאַרגליווערט אַנגעשטעלט ערגעץ איבערן פּלויט, אויף דער גאַס.

— ס'איז ניט קיין אָנהייב און ניט קיין מיט, — האָט ער כמורנע געזאָגט, — ס'איז אַזוי זיך — עטוואָס ווײַטער פונעם אָנהייב...

— נאָר אַרוועס־לײַט נעמט מען דאָך, ווען עס קומט פאָר עפּעס אויסערגעוויינלעכס, ווען מע זאָל האַרגענען, לעמאָשל, דעם קענגערס אַ מענטש, צי עפּעס אַנדערש אָפּטאָן... — לייזער האָט צוגעביסן אַ ליפּ, געטראַכט אַ רעגע, געוואָלט האָט ער זאָגן גאָר ניט דאָס. אַ ר'עגע האָט ער געשוויגן, אַנטשלאָסן זיך און צוגעגעבן מיט אַ פאַרדראָס־נאַטקע אין שטים, — און אונדזער געטאָ שווײַגט דאָך...

יערוכעם האָט טרויעריק אַ שמייכל געטאָן, נאָר אײַנציִיִטיק האָט מען אויך קאָס־פּײַערלעך געקאָנט כאַפּן אינעם גלאַנץ פון זײַנע אויגן:

— נו, איז אַט טײַנע איך טאַקע: איין לוין פּאָר אַלץ — האַרגע יאָ אַ פאַשיסט, האַרגע ניט... איז שוין בעסער...

לייזער האָט געזען, אַז יערוכעם און סאָקאָל און, וואָס ס'האָט אים מער פאַר אַלץ פאַרוווּנדערט, דער באַיאָרטער זאַלמען קאַרעל, וועלכן ער האָט דאָ געטראָפן צום ערשטן מאָל, זיי אַלע דרײַ האָבן איין מיינונג ניט נאָר וועגן געשעענעם, נאָר, ווײַזט אויס, נאָך וועגן עפּעס, וואָס איז בײַ זיי פעסט באַשלאָסן. ער האָט דערשפּירט, אַז זיי קוקן אויף אים ניט ווי אויף אַ פרעמדן, נאָר דערוואַרטן עפּעס פון אים; דערפון איז געקומען זײַן פאַרלעגנהײַט אין די ערשטע מינוטן. צו סאָקאָלן. וואָס איז אים דאָ מער פון אַלעמען באַקאַנט געווען, האָט לייזער געהאַט אַ צווייענדיק געפיל;

דער דאזיקער מיל־ארבעטער איז אים געווען סימפאטיש, נאר אפן האט ער מיט אים וועגן קיין מעגלעכן קאמף ניט גערעדט, ווייל ער האט געווּסט וועגן יענעמס פארלאנג ארויסרייסן זיך פון געטא און אויך, ווייל מייערס ווייב, ראשעלע, האט שוין צופיל געצאפלט איבערן מאן. אויפמערקזאמער צוקוקן זיך צו מייערן האט לייזער גענומען נאך דער נאכט, ווען יענער איז געלאפן פון דער צעשיסונג און באזונדערס — נאך דער נעענטערער באקאנטשאפט מיט יערוכעמען. איצט איז לייזער מיט א באשטימטן מיין געקומען צו יערוכעמען אין הויף: שטארק אן אויפגערודערטער פון דער יעדיע וועגן די הונדערט ארוועס־לייט, האט ער דערפילט, אז ער מוז הערן, וואס טראכטן וועגן דעם דער מעכאניקער און דער מיל־ארבעטער. ער האט זיך געקאנט לאזן צו שמועל לעמפערטן אדער צו פיניע בערולן, נאר דאס האט ער אפגעלייגט אף שפעטער. פאר יענע צוויי צי דריי אוניווערזיטעט־כאווירים זיינע, און נאך פאר א פאר מענטשן, איז ער געווען דער, וואס האט געדארפט ברענגען א קלארע מיינונג וועגן די געטא־געשעענישן. און נאך א זאך: ער און זיינע כאווירים האבן שוין געהאט צוגעגרייט עטלעכע צענדליק פלוג־בלעטלעך, געשריבענע פון דער האנט, וועלכע מע האט זיך געקליבן אין איינע פון די נאענטסטע נעכט פאנאנדערקלעפן אין געטא, — איצט האט זיך בא אים פארגאנווועט א געדאנק, אז ער קאן גראד מיט די דאזיקע פלוג־בלעטלעך אומברענגען די ארוועס־לייט. נאר איינציייטיק האט ער נאך שארפער דערפילט, אז מע דארף עפעס טאן, מע דארף לאזן הערן וועגן זיך.

יערוכעם, פונקט ווי ער זאל זיך אנשטויסן וועגן לייזערס געדאנקען, האט פארגעזעצט, פאראקשנט קנייטשנדיק דעם שטערן:

— זאל זיין, אז די ארוועס־אקציע איז אן אנהייב... איז דאך שוין צייט, אז אויך אונדזער צאד זאל אן אנהייב מאכן... — ער האט געשוויגן א מינוט, דערנאך צוגעגעבן פארקלערט, — און מע וועט דאס טאן, ס'וועלן זיך שוין געפינען אזעלכע.

בא לייזערן האט דאס הארץ א צאפל געטאן. קיין פאסיקערן מאמענט אף צו זאגן דאס, וואס ער האט געהאט צו זאגן, האט ניט געקענט זיין. ער האט זיך אויפגעשטעלט.

— איך בין מאסקים מיט אייך. — האט ער פעסט געזאגט, — איך קאן דריקן די האנט יעדן, ווער עס טראכט אזוי, ווי איר... איך האב נאך עטלעכע כאווירים, זייערע נעמען וועלן פאר אייך קיין סאד ניט בלייבן, מיר זיינען גרייט אנהייבן!

זאלמען, יערוכעם און מייער האבן שווייגנדיק זיך איבערגעקוקט. יערוכעם האט אויסגעשטרעקט לייזערן די האנט. דאן האבן דאס זעלבע געטאן אויך מייער סאקאל און זאלמען קארעל.

.4

אין דער ייִדישער „אָרדענונגס־דינסט" האָט יערוכעם געהאַט איינעם אַזאַ, וואָס מ'האָט אים געקאָנט פּאַרטרויען. דאָס איז געווען באָרעך אַלפּער, אַ געוועזענער מעכאַניקער פון שרײַב־מאַשינקעס. יערוכעם אַליין האָט דעם דאָזיקן באָרעכן צוגערעדט גיין דינען צו ספּירען — מע האָט געדאַרפט האָבן אַן אויג אין יענעם ווינקל. אַלפּער איז געווען אַ פּאַשעטער מענטש, וואָס האָט אַלעמאָל געלעבט צוליב זיך, צוליב ווײַב־און־קינד, נאָר אַ גאַנץ אָרנטלעכער, ער איז ספּירען אַוואַדע געפעלן פאַר זײַן שטילן און געהאָרכזאַמען אויסזען, וואָס האָט זיך געפּאָרט בײַ אים אויך מיט אַ מאָדנער כמורנעקייט; דאָס אַלץ, צוזאַמען מיט זײַן היפּשער קאָמפּלעקציע האָט געקאָנט מאַכן אַן אײַנדרוק.

אַט דער דאָזיקער באָרעך אַלפּער, וואָס האָט אין געטאָ זיך באַזעצט ניט ווײַט פון יערוכעמס הויז, האָט עס טאַקע, קומענדיק אַהיים וואַרעמס־צײַט, טייקעף צו וויסן געגעבן יערוכעמען, אַז באַלד נאָך מיטיק הייבט זיך אָן אַן אַרוועס־אַקציע, אַז נעמען וועט מען אַלטע לײַט און נאָך ביז אָוונט זיי אָפּפירן אין דער „קריפּאָ". דערנאָך האָט שוין אַלפּער ניט גע־האָט קיין מעגלעכקייט איבערגעבן יערוכעמען, אַז מען וועט די אַרוועס־לײַט אָפּפירן ערשט מאָרגן.

יערוכעם האָט באַשטימט פאַרנאַכט־צו אַרויס פון געטאָ, קעדיי זען ווי מען וועט די ייִדן פירן איבער דער שטאָט און וואָס מען וועט מיט זיי טאָן אין „קריפּאָ". די דאָזיקע נײַע טפיסע, — שוין אַ דײַטשיש שטיקל אַרבעט, — האָט זיך געפונען אין דער געבײַדע פון דער געוועזענער וועטערינאַר־שול, קימאַט עק שטאָט. לעבן איר איז געווען אַ גרויסע דאַמף־מיל, וואָס איז אין יאָר 1939 צערויִנירט געוואָרן פון דײַטשישע באָמבעס. אין דער דאָזיקער מיל האָט יערוכעם געאַרבעט אַ פּאָר יאָר און האָט דאָרטן גוט געוווּסט יעדער ווינקעלע. אויב דערלאַנגען זיך דאָרט צום בוידעם, איז פון די קליינע פענצטערלעך צו באַאָבאַכטן, וואָס עס טוט זיך אין הויף פון דער געוועזענער וועטערינאַר־שול.

ער האָט שוין בכלל זיך געקליבן אַרויס פון געטאָ און אַ קוק טאָן, ווי גייט דאָס לעבן אין שטאָט, קעדיי מאַכן געוויסע אויספירן פאַר דער אַרבעט אינעווייניק אין געטאָ. כאָטש די שטאָט, נאָך דעם ווי מען האָט די ייִדן אָפּגעצוימט, איז אים זייער ניט ליב געווען, האָט ער דאָך גע־וווּסט, ווען ער האָט ניכטער אָפּגעשאַצט די לאַגע, אַז בלויז פון דאָרטן דאַרף ער ציִען די קאַמפּס־פעדעם. געווירקט האָבן אין דער ריכטונג אַף אים אַנעליעס ווערטער, וואָס כאָטש ער האָט זיי צוערשט אָפּגעטריבן פון זיך, האָט ער אָבער, וואָס ווײַטער, אַלץ מער געטראַכט וועגן זיי, אָפּגע־וויגן, אויפגעשטעלט זיי אין זיקאָרן פּינקטלעך אַזוי, ווי זיי זײַנען אַרויס־געזאָגט געוואָרן, געפלײַסט זיך דערמאָנען די אינטאָנאַציע, געמאָלט זיך

איר בליק. א ביסל צוליב דעם האט ער אויך צוערשט פו׳עמדלעד און מיט געוויסער צוריקגעהאלטנקייט זיך באצויגן צו לייזערן.

וועג, דעם, אז ער גייט פארנאכט ארויס פון געטא, האט יערוכעם דא טאקע געזאגט זיינע דריי כאוויירים. צווישן זיי האבן שוין קיין סוידעס אין דעם פראט ניט געדארפט זיין. יערוכעם האט אפילע געוואלט, עס זאל הייסן, אז ער גייט אלס שעליעד פון דער גרופע — דאס האט ווי צוגעגעבן וואג דער אויפגאבע, וואס ער האט זיך געשטעלט.

יערוכעם האט געמוזט ריזיקירן ארויס פון געטא פאר זון־אונטערגאנג, קעדיי באצייטנס זיין ארום צענטראלן בריק. העכער צוויי כאדאשים איז ער שוין ניט געווען אין שטאט, אויב ניט רעכענען דעם אוונט, ווען מ׳האט אים מיט דער גרופע יידן געפירט אין שטיין־ברעכעריי. דאן איז אבער געווען אזוי טונקל, אז ער האט גארניט געקאנט באמערקן אף די גאסן.

ער האט זיך באמיט פארשטעלן, ווי האט זיך געקאנט ענדערן דאס לעבן אין שטאט. איינס האט ער פארשטאנען: די וואך האט איצט געמוזט שטרענגער זיין אין די אוונטן, עס מוז אויך אומעטום די שיין זיין פארטונקלט פיל בעסער, ווי ביז דעם. דאס האט ער זיך נאך געקאנט אויסמאלן. אבער דעריקער, האט ער געוווסט, איז פאר אים געשיקטקייט און אנגעשטרענגטע אויפמערקזאמקייט.

צווישן די הויכע גראזן און קוסטעס פון יענער זייט וואנט, אפן בארגשפיץ, זיינען געוואקסן פעלד־בלומען. פויזענדיק צווישן די שטיינער, האט יערוכעם אנגעריסן א קליין בוקעטל מאן־קוויטן, ראמאשקעס, א פאר יונגע פאפארט־בלעטער. ווען עמיץ זאל אים באגעגענען באם אראפשטייגן פון בארג, האט עס געדארפט מאכן אן איינדרוק, אז ער גייט פון א ליבעטרעפונג.

אף דער גאס איז ער ארויס גראד ניט אין קיין געוווּנטשענער צייט — ווען די הויז־וועכטערס פארקערן און באגיסן מיט וואסער די טראטוארן און דעם ברוק. בא די דאזיקע לייט, האט יערוכעם געוווסט, איז אלעמאל א שארף אויג. האט ער זיך געלאזט גיין מיט הינטערגעסלעך, ווו די הויז־וועכטערס זיינען ניט אזוי אקוראט אין אויספילן זייערע פליכטן.

קעדיי ארויסקומען צום צענטראלן בריק, ווו עס געפינט זיך דער געטא־טויער, האט יערוכעם פריער געדארפט דורך א הילצערנעם בריק אריבערגיין אף דעם רעכטן ברעג פון ווייסל. דא איז ער דאס ערשטע מאל אף דער פריי פארבייגעגאנגען עפשער צוויי שפאן פון די דייטשישע וועכטער, וואס זיינען געשטאנען אין ביידע עקן בריק לעבן געשטרייפטע בודקעס. ער האט געוווסט, אז יעדער פאליאק אדער ארטיקער פאלקס־דייטש קאן אים גיכער דערקענען א יידן, ווי אט די דייטשן. דאך האט זיין הארץ שטארקער געקלאפט און די פיס האבן אים עפעס א קאפעלע וויניקער געפאלגט.

צום צענטראַלן בריק איז ער אַרויס פֿאַר נײַן. פֿאַרלוירן אויפֿן גאַנג האָט ער אַ האַלבע שעה. נאָר אָט איז שוין טונקל און קײנער קומט פֿון געטאָ ניט אַרויס. ס'איז געפֿערלעכער געוואָרן זיך אומדרייען דאָ. בײַ יערוכעמען איז טאַקע געווען אַזאַ אויסזען, וואָס האָט אים ניט גלײַך פֿאַרראַטן. אָבער אין קעשענע האָט ער קיין שום דאָקומענטן ניש געהאַט. ער איז אַלץ ווײַטער אַוועק פֿון בריק, ווײַל עס איז קלאָר געווען, אַז אַזאַ ראַיאָן באַוואַכט מען באַזונדערס שטאַרק.

ס'איז שוין געווען צען אַזייגער, יערוכעם האָט געהערט ווי ווײַט, פֿון ראַטושע-טורעם, זײַנען געפֿאַלן די קײַלעכיקע, טויבע קלאַנגען. עס האָבן זיך שוין געזען װייניקער דורכגייער אויף דער גאַס. עפּשער איז אין צוזאַמענהאַנג מיטן קריג אויף מיזרעך די באַוועגונג אין שטאָט דערלויבט ביז אַ געוויסער שעה? ער האָט זיך אַליין געהריזעט, וואָס ער איז ניט אַוועק גלײַך צו דער „קריפּאָ“, דאָרט וואָלט ער, לעם ברײַרע, זיך פֿאַרקליבן אין דער כאַרעוווער מיל. נאָר מענטשן זײַנען נאָך אַלץ געגאַנגען איבער די גאַסן, אַזוי אַז יעדנפֿאַלס אַ שעה אָדער אַ האַלבע שעה האָט ער נאָך געהאַט אין זײַן רעשות. ער האָט באַשלאָסן אויסנוצן די דאָזיקע מעגלעכקייט און דערקלײַבן זיך צו דער מיל, אַהין האָט ער געהאַט אַ מינוט פֿופֿציק גאַנג.

מיטאַמאָל האָבן יערוכעמען אַלץ אָפֿטער זיך גענומען טרעפֿן אײַלנדיקע מענטשן: אין דער בלאַסער טונקלקייט פֿון דעם זומערדיקן אָוונט האָט ער געזען אומרויִקע, דערשראָקענע געזיכטער. אייניקע פֿון די, וואָס זײַנען געגאַנגען מיט אים אין איין ריכטונג, האָבן אָפּגעשטעלט יענע, וואָס האָבן געאײַלט אַנטקעגן. נאָר ער האָט ניט געהערט, וועגן וואָס זיי האָבן זיך געשעפּטשעט. אַ פּאָר האָבן זיך אומגעקערט.

ער האָט געמוזט קלאָר מאַכן, וואָס דאָרט, פֿאָרויס, קומט פֿאָר. אָט אײַלט אַנטקעגן אים אַ מענטש אין דער אוניפֿאָרם פֿון אַן אײַזנבאַנער מיט אַן אויסגעלאָשענעם לאַמטערנדל אין האַנט. יערוכעם האָט נאָך ניט באַשלאָסן — פֿרעגן בײַ אים, צי ניט פֿרעגן, ער האָט זיך געלאָזט גלײַך צום פֿרעמדן, נאָר באַלד אָפּגעטראָטן אַ שריט אויף דורכלאָזן אים. דער אײַזנבאַנער האָט אָבער אַליין ווי פֿאַרכידעשט זיך אָפּגעשטעלט, אַ מאָל געטאָן צו יערוכעמען מיט דער פֿרײַער האַנט:

— אָן אַבלאַווע! — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן.

יערוכעם האָט האַסטיק זיך אַ קערעווע געטאָן און שוין געשפּאַנט באַנאַנד מיטן אײַזנבאַנער.

— מען זוכט רוסישע פּאַראַשוטיסטן, מען כאַפּט װעמען עס מאַכט זיך. אויב איר האָט אַ זייגער אין קעשענע, קאָן ער אַוועקשווימען... שוין שפּעט, איר וווינט ווײַט? — האָט דער אײַזנבאַנער געפֿרעגט, באַטראַכטנדיק פֿון אַ זײַט יערוכעמען. יערוכעם האָט עס שוין אויך באַוויזן טאָן. ער האָט געזען, אַז דאָס איז אַ יונגער מענטש, אַ הויכער, מיט אַ דאַר

געזיכט, אף וועלכן עס טיילט זיך אויס א שפיציקע און איינציייטיק פאררי־סענע נאז.

— אויב זאגן דעם עמעס, איז ווין איך וויייט פונדאנען, — האט יערוכעם מיט פארטרויונג־אינטאנאציעס אין שטים געענטפערט.

— אבער אין שטאט, צי ניט אין שטאט? — דעם אייזנבאנערס שטים האט אויסגעדריקט אי א קאפעלע מיטלייד אי גלייכגילט, ווי דאס זאל אים אינטערעסירן בלויז אף אזויפיל, אף וויפל מען שפאנט אט־א צוזאמען. יערוכעם האט עס דערפילט, עפעס האט אים אינערלעך דאך געשטויסן זיין מער אויפריכטיק מיט דעם דאזיקן מענטשן.

— מען קאן אפילע פינקטלעך ניט זאגן, — האט ער געענטפערט, — ס'איז אין שטאט, צי ניט אין שטאט. קומען אהינצו איצט איז פונקט ווי איבער א יאם אריבערגיין.

— יא, א לאגע... — האט דער אייזנבאנער' אויסגעצויגן. יערוכעמען האט זיך געדאכט, אז יענער האט ריכטיק פארשטאנען, פונוואנען ער איז. ער האט באשטימט ריזיקירן ווייטער, ניט אפקערעווען אין קיינע געסלעך. דא איז דאך אים גוט באקענט געווען די שטאט. מ'איז געגאנגען אין א זייט אי פון בריק, אי פון דער „קריפא".

צוגעקומען צו א קליינער ריטשקע, איבער וועלכער ס'איז געווען אריבערגעווארפן א בריקל, האט דער אייזנבאנער' זיך אפגעשטעלט.

— אט וואס, — האט ער געזאגט, — אויב איר ווייסט, אז אין דער היים וועט מען זיך ניט איבעריקס באומרויִקן, וואס איר זייט ניט געקומען, איז קאן איך אייך העלפן בלויז מיט איין זאך: אט דא, די דריטע שטוב בא דער ריטשקע, די טיר איז רעכטס, בא א בעז־ביימל, איר וועט עס דערזען, וווינט אן איינזאמע אלטיטשקע, די מומע קאזיונצע, בא איר קען מען אמאל איבערנעכטיקן. קלאפט אן פיר מאל אין טיר און זאגט, אז מאריאן פון דער קאלייע האט אייך געשיקט... נו, זייט געזונט! — ער האט אויסגעשטרעקט יערוכעמען די האנט, — און אין שטאט צו גיין איז איצט זייער ניט קיין פאסיקע צייט, וועלכע איגיאנים ס'זאלן דארט ניט זיין...

.5

דאס, וואס יערוכעם האט זיך אנגעמערקט, האט ער ניט דורכגעפירט. דאך האט אים, נאך דעם ווי ער האט זיך צעשיידט מיטן אייזנבאנער, געדוכט, אז ער האט ניט קיין גרונט צו זיין אומצופרידן. ס'איז געשען גראד דאס, וואס ער האט שטענדיק אין אכט גענומען — דאס לעבן האט ארייַנגעטראגן קארעקטיוון אין זיינע פלענער און וויכטיק איז, וואס ער האט זיך ניט פארלוירן. וויכטיק איז אויך, וואס די דאזיקע צופעליקע באגעגעניש מיטן אייזנבאנער האט ווידער, פונקט ווי דער שמועס מיט אנעליען, אומגעוואלגערט אין אים געוויסע פארשטעלונגען. און אז יענער

האט פארשטאנען, ווער ער איז, וועגן דעם איז בא יערוכעמען קימאט קיין ספעק ניט פארבליבן. ס'האט אים נאך א קאפעלע געארט, וואס ער האט אזוי לייכט פארטרויט דעם פרעמדן, ווייטער האט ער זיך אליין צוגעזאגט זיין מער געהיט.

פון גיין צו דער „קריפא" איצט האט מען טראכטן ניט געקענט, אומקערן זיך אין געטא איז היינטיקע נאכט אויך אומעגלעך געווען. ער וואלט געקאנט געפינען עפעס א פלויט, א קוסט און איבערזיצן דארט ביז פרי. דאך האט אים געצויגן אנקלאפן צו דער אלטער — ס'האט זיך אים געוואלט ביזן סאף דורכקאנטראלירן די גוטע קאוואנעס פון אט דעם אייזנבאנער.

ער האט פיר מאל א קלאפ געטאן אין דער פרעמדער טיר, אף יעדן פאל האלטנדיק גרייט דעם יעגער־מעסער אין קעשענע.

ס'האט אים געעפנט א קליינינקע אלטיטשקע, א דארע, מיט קאליע אויגן, זי האט אים אריינגעלאזט אין הילצערנעם פארהייזל. מיט א קאנעצל באלויכטן זיין געזיכט, קוקנדיק אף אים פון אונטן־ארויף.

— הא? מאריאן פון דער קאליע, זאגט איר, האט אייך געשיקט?

— האט זי א ביסל מיט א סווישטש ארויסגערעדט דורך די איינציקע צוויי פאדערשטע ציין, וואס זיינען אויבן בא איר געבליבן, — אוואדע געפארן מיט אים צוזאמען?... איר זייט דא נאך קיינמאל ניט געווען, א־יא, ניין? נו, קומט, מיסטאמע זייט איר מיד פון וועג...

זי האט אים דורכגעלאזט אין צימער, צו זען, דעם איינציקן. דא איז געווען נידעריק, פייכט, גאנץ ענג, אבער ריין. די ווענט זיינען באהאנגען געווען מיט הייליקע בילדער, באצירטע מיט גרינס. יערוכעם האט כוץ דער אלטער דא קיינעם ניט געזען. זי איז שוין אוואדע געשלאפן. איר בעט איז געווען צערויעט.

— כ'האב אייך אויפגעוועקט, — האט ער זיך געפרווט אנטשולדיקן. — נאר ס'איז קיין אויסוועג ניט געווען, — און דא האט ער באשלאסן זאגן דעם עמעס דער אלטיטשקער, וואס האט פארטרויליך און מיט אינטערעס פון אן איינזאמען מענטשן געקוקט אף אים, אזא קליינינקע, גרייז־גרויע און צעשויבערטע, — כ'בין פון ערגעץ ניט געקומען צו פארן און מיט מאריאנען זיך באקענט אט דא ניט לאנג, — ס'איז אן אבלאווע אין שטאט און איך האב קיין פארלאנג ניט צו פאקן זיך אין דייטשישע הענט...

די מומע קאזיונצע האט מיטפילנדיק געשאקלט מיטן קאפ, געטשמאקעט מיט די ליפן.

— אט פונקט ווי מיין ראמעק... כ'זאג ווי מיין ראמאן, געפאקט זיך אין זייערע הענט און... מאריאן האט אייך ניט דערציילט? — זי איז טרויעריק שטרענג געווארן, נאר באלד א צאפל געגעבן אינגאנצן מיטן קליינעם גופל, גענומען שמייען ארום יערוכעמען. — זיצט, זיצט... עפ־

שער זיך אַרומוואַשן? אך, יאָ, איר זײַט דאָך ניט פֿון וועג... נאָר אַלציינס...

יערוכעם האָט זיך געזעצט צום טיש, ער האָט געהערט דער אַל־טיטשקערס ווערטער וועגן ראָמאַנען, דערפֿילט אויך, אַז זי האָט עפּעס ווי דערשראָקן זיך, ווען ער האָט זי געוואָלט איבערפֿרעגן, צוגויפֿגעדריקט זיך אײַנגאַנצן.

די מומע קאַזיונציע איז צוגעגאַנגען צו דער פּליטע, צוגערוקט צום ראַנד אַ טשוהון וואַסער, נאָר אים ניט אויסגעגאָסן אין שיסל, וואָס איז דאָ אַף אַ בענקל געשטאַנען; זי האָט פֿאַרקלערט געקוקט אַף יערוכעמען, טרויעריק אַזוי צוגעלייגט אַ פֿינגער צום פּוסטן, צעקנייטשטן מויל־ווינקל.

מיטאַמאָל האָט זי זיך ווידער אַ כאַפּ געטאָן:

— איז אַן אָבלאַווע אין שמאָט? טאָמער וואָס — קאָנט איר זיך אָט דאָ באַהאַלטן, — זי האָט גענעבן אַ הייב אויף אַ שטיק אײַזן; דאָרט, ווו די פּליטע גייט צו דער וואַנט, — קומט, טוט אַ קוק, וועט איר וויסן... דאָ איז מײַן ראָמעק ניט איין טאָג אָפּגעזעסן, און מען וואָלט אים ניט געכאַפּט אויך, איז ער אָבער אַרויס אין גאַס, און פּונקט ווי איצט — בעיים אַן אָבלאַווע... מען האָט שוין זײַנע ביינער פֿאַרברענט...

יערוכעם האָט אַ קוק געטאָן צווישן דער וואַנט און דער פּליטע — דאָרט איז טאַקע געווען אַ באַהעלטעניש. אַ נידעריק בענקל איז געווען צוגעפּראַוועט צום דיל, אַ גריבל איז געמאַכט געווען אַף אַראָפּלאָזן אַהין די פֿיס. אויב אָוועקזעצן זיך דאָ און פֿון אויבן צודעקן מיט דעם שטיק אײַזן — קאָן מען דאָ טאַקע איבערוואַרטן אַ געפֿאַר.

— זומער מוז דאָ זײַן היים, — האָט יערוכעם באַמערקט, ווײַל ער האָט ניט געוווּסט, וואָס נאָך זאָגן דער אַלטער.

— אַ מאַמע... וואָס טוט דען ניט קיין מאַמע? פֿלעג איך ניט קאָכן, ווען ראָמאַן איז דאָרט געזעסן.

זי האָט ווידער אַ צאַפּל געטאָן מיטן גאַנצן גוף, אין אירע אויגן האָט עפּעס ווייטיקדיקס אַ פֿלאַטער געטאָן:

— איז וואָשן וועט איר זיך?

— טיי אַ גלעזל וואָלט איך אויסגעטרונקען.

יערוכעם האָט געטרונקען טיי און אַלץ זיך געפֿלײַסט באַנעמען: וואָס זשע קומט עס פֿאָר? אַ צופֿעליקער מענטש גיט אים אַן אָנווײַזונג אַף אַזאַ קוואַרטיר, ווו ס'איז עפּעס אי ניט זיכער צו געפֿינען זיך, אי זיכערער ווי ערגעץ אַנדערש, ווײַל ס'איז אַ גרייטע באַהעלטעניש פֿאַראַן. אַ גאַנצער קנופּ ווערט פֿאַר אים אויפֿגעדעקט. די דאָזיקע מומע קאַזיונציע — צי דאָס האַרץ איז שוין באַ איר אַזוי אָנגעווייטיקט, אַז זי האָט ניט וואָס צו פֿאַרלירן, צי זי האַלט פּאָשעט, אַז אויב יענער מאַריאַן האָט אים געשיקט, איז ער אַן אייגענער מענטש און מע קאָן זיך פֿאַר אים אַ ביסל

אויסריידן. ער האָט, יעדנפאַלס, זיך דערפילט דערוואַרעמט פון אָט דעם צוטרוי און פון דער צאַרטקייט.

— אָט איז ער, ראָמאַן מײַנער, נאָך אין דער קינדהײַט, — האָט די מומע קאַזיונצ׳יע אַראָפּגענומען פון וואַנט אַ גרופּע־בילד אין אַ דין רעמל, — און אָט — פאַרצווייפאַרן, איידער ער איז אַוועק אַפן קריג, — האָט זי אים אונטערגערוקט אַ בילד, וואָס איז געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו אַ וואַזאָן אַפן טיש. יערוכעם האָט דערזען אַ שוואַרצן שיינעם יונג, געקליידט ווי אַ פּוילישער סערזשאַנט, אַ הייסער דרייסטער קוק פון טונקעלע אויגן, אַ ביסעלע אַן אָפן מויל. די אַלטיטשקע האָט גענומען פון זײַנע הענט דאָס דאָזיקע בילד, קעדיי אַליין אַף דעם אַ קוק טאָן, און אים איבערגעגעבן די גרופּן־פאָטאָגראַפיע. מיטאַמאָל האָט יערוכעם אַ ציטער געטאָן און שיר ניט קיין געשריי געגעבן פון פאַרוווּנדערונג: דאָס איז געווען אַ בילד פון זײַן אַרויסלאָז פון דער האַנטווערקער שול, וועלכע ער האָט פאַרענדיקט מיט פערצן יאָר צוריק. דאָס צעפּאַטלטע יינגל אינעם ווײַסן העמדל, וואָס איז געווען אַף דער פאָטאָגראַפיע אין עק פון דער ערשטער ריי, אַרומגעכאַפּט מיט די הענט די קני, איז געווען ער אַליין. וועלכער־זשע איז דאָ ראָמאַן? צי ניט אָט דאָס יינגל, וואָס שטייט אינמיטן פון דער לעצטער ריי, טרוימעריש אַ ביסעלע אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זײַט? דאַכט זיך, בליאַכאַזש איז זײַן פאַמיליע געווען.

— דאָ איז ער, ראָמעק, — האָט די מומע קאַזיונציע באַוויזן טאַקע אַף דעם יינגל. דאָ האָט ער שוין פּינקטלעך זיך דערמאָנט: „יאָ, טאַקע בליאַכאַזש". — און אָט איז... דעם קענט איר דאָך: מאַריאַן... אין סאַמע מיט אַ דאַרלעך ערנסט געזיכט, דאָס שפּיציקע נעזל איז פאַרריסן געווען. „גוראַל!" — האָט יערוכעם זיך דערמאָנט, — „ווי אַזוי זשע האָב איך אים ניט דערקענט?!"

ער האָט פאַרטראַכט באַקוקט די פאָטאָגראַפיע, די אַלע באַקאַנטע פּנעמער, דערמאָנט זיך אין יענער ווייטער צײַט. ער האָט מיט איין דורכשטיקן צי דערטרונקען די קאַלט געוואָרענע גלאָז טיי.

— און אָט בין איך... — האָט ער מיטן פינגער באַוויזן ראָמאַנס מוטער אַפן יינגל אין ווײַסן העמדל, וואָס איז געזעסן באַם עק פון דער פאָטאָגראַפיע, אַרומגעכאַפּט מיט די הענט די קני.

6

קאַיאַר האָט מען פיר מאָל אָנגעקלאַפּט אין טיר. יערוכעם איז שוין נישט געשלאָפן, בלויז געלעגן אין אָנטאָן אַפן באַנק־בעטל. ער האָט זיך געגעבן אַ זעץ אויף.

— ס'איז מאַריאַנס קלאַפּן! — האָט די מומע קאַזיונציע זיך אַ כאַפּ געטאָן פון בעט, אַרײַנגערוקט די באָרוועסע פיס אין די שטעק־שיך און איז אַוועק עפענען.

ס'איז אריַינגעקומען מאריאן. א קוק געגעבן שמייכלענדיק אף יערוכעמען, האט ער א שפאן געטאן צו אים מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט.

— נו, יא — ער! א שעד! ווי זשע נעמסטו און דערקענסט מיך ניט? כ'האב אין דער פינצטער דיך דערקענט, נאר געטראכט זיך — עפשער פאשעט ענלעך. ליכטציִער, ווי דען אנדערש! זעסט, איך געדענק. און שפאנט צו די דיַיטשן גליַיך אין די הענט אריַין...

זיי האבן זיך פעסט געדריקט די הענט, א קלאפ נאך געטאן, שוין אינגאנצן שילעריש, איינס דעם אנדערן אין די אקסל.

— נו, דערציַיל, דערציַיל, — האט גוראל געזאגט, קנייטשנדיק דעם שטערן.

יערוכעם האט אפן דערציילט וועגן אלץ, וואס ער לעבט איבער, וועגן דעם ציל פון זיַין ארויסקומען אף דער פריַי, בלויז וועגן דורכגאנג דערמאנט, אז אן ארויסגאנג איז פאראן, נאר ניט געזאגט ווו און וועלכער...

אויסגעהערט אים, האט גוראל געשוויגן עטלעכע מינוט, געריבן זיך מיט ביידע הענט אף אראפ די באקן — א שטריך, וואס יערוכעם האט געדענקט בא אים נאך פון שול, — דערנאך האט ער געזאגט:

— נו, דאס איז אלץ ריכטיק... דאס ערגסטע איז זיצן מיט פארלייגטע הענט. איַיך איז דארטן זייער שווער. מיינסט, מיר דא ווייסן עס ניט? און דא איז אויך שווער, אט זעסטו — ראמאן בליאכאזש... מומע קאזיונציע, — האט ער זיך א כאפ געטאן, — ראמאנס פאס, דער נייַער, איז בא איַיך וויַיט פארליַיגט? דערלאנגט אים, ביטע... מירן אים אט דעם כאווער ראמאנס עפשער אנטליַיען... ער וועט בא אים גאנץ זיַין, אויב ער אליין וועט גאנץ זיַין...

די אלטיטשקע קאזיונציע האט, שקראבענדיק מיט די שטעק־שיך, צוגעטראגן א פארוויקלטן אין א פאפיר דעם זונס פאס.

פאר דעם, ווי אפגעבן אים, האט זי אים צעעפנט און א קוק געטאן אפן זונס צוגעשטעמפלטער פאטאגראפיע.

— דאס בילד וועט ער איַיך אפברענגען, — האט מאריאן שטיל באמערקט.

יערוכעם האט מיט א הייסן בליקביידן באדאנקט.

X. דאָס צווייטע מאָל אַפֿן טויטן־וואָגן.

אָנהייב כעשבן

1

ערשט אַזייגער צען אינדערפֿרי האָט מען די אָרוועס־לײַט אַרויסגע־פֿירט פֿון געטאָ, שטרענג באַוואַכט פֿון דײַטשישע פּאָליציאַנטן און זעלנער אין העלמען. יערוכעם האָט עס געזען פֿון אַ הינטערגעסל, ווו ער האָט שוין היפּשלעך געוואַרט, און פֿונווײַטן זיי געגומען נאָכגיין.

קעדיי קומען אין דער „קריפּאָ"־טפּיסע, האָבן די הונדערט אַלטע ייִדן געדאַרפֿט דורכמאַרשירן אַ היפּשן טייל פֿון דער שטאָט. די, וואָס האָבן זיי געטריבן, האָבן אָבער, זעט אויס, דאָס געהאַלטן פֿאַר ווייניק און אומיסטן פֿאַרקערעוועט מיט זיי אויף פֿאַרשיידענע באַלעבאַטע גאַסן, ניט געמיטן קיין איין ווichטיקן פּלאַץ און מאַרק.

דאָס בילד פֿון די אָרוועס־לײַט, וואָס יעדערער פֿון זיי איז פֿאַרכאַפּט געוואָרן ווי ער שטייט און גייט, ווער בלויז אין אַ קאַמזויל, ווער אין אַ ווינטערדיקן פּאַלטאָ, וואָס מ'האָט אים שוין דערנאָך נאָכגעוואָרפֿן, ווער מיט אַ וואָלענער קאָלדרע אויף די פּלייצעס — קראַנקערהייט אַרויסגעשלעפּט פֿון בעט, ווער, פֿאַרקערט, אינטעליגענטיש צוגעפּוצט, נאָר אָן אַ שניפּס און אין שטעק־שיך, עטלעכע מענטשן אין טאַלייסים, מ'האָט זיי גענומען פֿון אַ ברים, — דאָס אַלץ אויף די גאַסן פֿון דער שטאָט, ווו ייִדן האָבן שוין העכער צוויי כאַדאָשים זיך ניט באַוויזן, האָט אויסגעזען אי ווילד, אי נעבעכדיק, אי רירנדיק־גרויליק.

פֿאַרשיידענע געפֿילן האָט עס אַרויסגערופֿן בײַ די מענטשן, וואָס זײַנען געווען אויף די גאַסן. אויף וועמענס פּנים מ'האָט געקאָנט איבער־לייענען שרעק, אויף אַ צווייטן — מיטגעפֿיל, — אויף אַ דריטן — גלײַכגילט. צו אים האָט דאָס קיין שײַכעס ניט. ווידער זײַנען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן מיט בייזקייט און שפּאָט באַגלייט די אומגליקלעכע.

די הונדערט ייִדן זײַנען געגאַנגען און געפּלייסט זיך ניט קוקן אויף די טראָטואַרן, ווו מענטשן זײַנען געשטאַנען בײַ די פּאַראַד־טירן, אויף די גאַנ־קעס און אין די אָפֿענע פֿענצטער, און איז עמיץ פֿאַרבײַגעגאַנגען די

שטוב, ווי ער האט געוווינט, אדער דעם אייגענעם געוועלב, האט ער מערסטנטייל נאך נידעריקער אראפגעלאזן דעם קאפ.

מ'איז פארבײַגעגאנגען דעם וואגאנבוי־זאוואד. באם טויער זײַנען געשטאנען ארבעטער. איינער, זעט אויס, א פארבײַגייער, ציוויל געקליידט, האט געפרוווט א כוויזעק טאן פון די יידן, א שווערע האנט פון אן ארבעטער האט זיך אים אראפגעלאזט אף דער פלייצע, ער איז אנטשוויגן געווארן. אין איין ארט האט א יונגע שוואנגערע פרוי באמערקט די קאלאנע און איז שטיין געבליבן א פארציטערטע. מיטאמאל, ווען די יידן, פון וועלכע אייניקע זײַנען שוין געווען צעבלוטיקט, האבן זיך דערנענטערט, האט זי ארויסגעלאזט א געשריי, פארשטעלט זיך מיט די הענט דאס פאנעם און איז אוועק אין א זײַטיקן הויף. עפעס אן אלטיטשקער, דערזען די געטריבענע, האט אראפגענומען דאס היטל און זיך איבערגעצײַלעמט. א דײַטשישער פאליציאנט אין שווארצן איז ארויף אפן טראטואר און א קלאפ געטאן דעם אלטן פאליאק מיט א גומי־שטעקן איבער די פיס. יענער איז אומגעפאלן.

.2

ערשט נאך צוועלף באטאג איז די קאלאנע ארוועס־לײַט געקומען צו דער טפיסע. באם טויער איז געשטאנען זילבערט און אליין דער שעף פון „קריפא" ראבערט שולץ. דאס איז געווען זייער א הויכער דײַטש מיט א שפיציקן שארבן, וואס איז געווען קוים באדעקט מיט בלאנדע און שיטערע האר. ער האט קימאט קיין ווייעס ניט געהאט, פון וואס זײַנע אויגן, קאלטע און פוסטע, האבן א שרעק אנגעווארפן. געגאנגען איז דער טפיסע־שעף אנגעטאן אין א גרויע קאמבינעזאן מיט א זילבערנעם „סס"־צייכן אפן ארבל.

ראבערט שולץ האט א לײַכטן שמייכל געטאן, ווען די ארוועס־לײַט זײַנען ארײַן אין פארגראטעטן טויער פון טפיסע, וואס איז נאך פון הינטן געווען פארקלאפט מיט ברעטער. „דער דאזיקער זילבערט האט טאקע א פײַן רומל דארט, אין געטא!" — האט ער געטראכט. זילבערט האט געשוויגן. א קליינער, א בײַכיקער, האט ער פאמעלעך גערייכערט דעם סיגארעט, וואס איז גאנץ באקוועם געלעגן אף זײַן אונטערשטער ארויסגערוקטער ליפ. די אויגן האט ער צונויפגעזשמורעט מיט אזא אויסדרוק, ווי ער זאל זאגן: „נו, איך האב מײַנס אפגעטאן"...

ווען דער טויער איז ווידער צוגעשלאסן געווארן, האט זילבערט זיך צעזעגנט מיט שולצן, געזעצט זיך אפן מאטאציקל און איז אוועקגעפארן.

ראבערט שולץ איז ארײַן אין טפיסע־הויף. די יידן האט מען דארט אויסגעשטעלט אין א ריי, שטרענג נאכן וווקס. די דײַטשישע טפיסע־אויפזעער האבן געארבעט מיט די שטעקנס. שולץ האט פארלייגט די הענט אף

הינטן, דאס קאלטע שמייכעלע האט אלץ קוים געבלאנדזשעט אף זיינע ליפן. אייגנטלעך איז בא אים איצט געווען א גוטע שטימונג, ער איז געווען צופרידן פון זילבערטס באזוך, פונעם פרישטיק, וואס מע האטביידע אפגעגעסן אויבן בא אים אין דער היים. ער האט אבער ניט געוווסט, וואס צוטראכטן היינט אזוינס פאר די דאזיקע יידן. אריינטרייבן זיי אין באד און לאזן אהין אזויפיל דאמף, אז זיי זאלן נעמען פויזען אפן דיל, ליארעמען און פאלן כאלאשעם? האט ער עס ערשט נעכטן דורכגעפירט מיט די נייע פויערים פון ביאלא גורא, וועלכע מ'האט געבראכט דערפאר, ווייל מ'האט אין דארף געפונען צוויי ביקסן. הייסן זיי שפרינגען פון צווייטן שטאק אין דער קאליוזשע, וואס פון יענער זייט טפיסע-קארפוס? איז עס אויך קיין פלאן ניט. ער האט אנומלט דורכגעפירט אזא זאך, האט די צעבויטעטע קאליוזשע געאווערט צוויי טעג, אז ער האט בא זיך אין קאבינעט ניט געקאנט איינזיצן. דא איז דאך געווען א וועטערינאר-שול, און אין יענער קאליוזשע האבן געפירט די ריווטשאקעס פון די שטאלן. ער האט זי שוין אפילע געהייסן פארשיטן.

זיין בליק האט זיך אפגעשטעלט אף אן אלטן מיט קראנקע אייטערדיקע אויגן, וואס איז געשטאנען אין דער ערשטער ריי. שולץ האט אים צוגערופן מיט א פינגער צו זיך.

— פו, ווי דאס אווערט! — האט דער טפיסע-שעף געזאגט הויך, ווען דער ייד איז צוגעקומען. ער האט ארויסגענומען דעם בראונינג און אויסגעשאסן דעם אלטן אין די ברייט-צעעפנטע אויגן.

אין דער קאלאנע ארוועס-לייט האט עמעץ א געשריי געטאן, שולץ האט געהייסן צופירן צו זיך דעם, וואס האט געשריגן. מ'האט ארויסגעפירט אן איינגעהויקערטן זאקן מיט א ווייסער צעשויבערטער בארד. שולץ האט אים א כאפ געטאן פאר דער בארד און אומגעוואלגערט. דער אלטער איז ליגן געבליבן אף דער ערד, פארשטעלנדיק מיט די הענט דעם קאפ. דער טפיסע-שעף האט אים אויסגעשאסן אין פלייצע.

— מיר זיינען ארוועס-לייט, מע טאר זיך מיט אונדז אזוי ניט באגיין! — האט א געשריי געטאן אן אלטיטשקער אין א ווייסן כאלאט, לייזערס באקאנטער ציין-דאקטער.

— אך, דו, דומער מענטש! — האט שולץ א לאך געטאן און נאכאמאל אויסגעשאסן. דער אלטיטשקער איז אומגעפאלן.

— יידן, לאמיר זאגן ווידוי! — האט מיט א פעסטער שטים געזאגט רעב יאנקעלע.

— שמא ייסראעל... — האבן אנגעהויבן עטלעכע יידן מיטאמאל.

— שווייגט! — האט אויסגעשריגן שולץ. ווי פיל דייטשן, איז ער געווען אבערגלויביק. די טפיסע-אויפזעער האבן מיט די גומי-שטעקנס זיך א ווארף געטאן צו די יידן, נאר יענע האבן ניט אויפגעהערט. די ווידער, וואס האבן ווידוי ניט געזאגט, האבן אף יידיש, פויליש און דייטש גענו-

מען שרייען, אז עס וועט אפגעצאלט ווערן פאר בלוט, אז די שעה פון דייטשלאנדס מאפאלע איז שוין ניט ווייט.

שולץ האט גענומען שיסן גלייך אין דער שרעגנגע מענטשן. די קוילן האבן זיך געענדיקט, דער פיסטאלעט האט זיך פארהאקט. נאר דער טפיסע־שעף האט עס ניט גלייך באנומען און אלץ געדריקט אפן אראפלאז־צינגל. אז אויפזעער איז צוגעלאפן צו אים, פארלייגנדיק זיין פיסטאלעט. ערשט דאן איז שולץ געקומען צו זיך. אין אים איז מיטאמאל פארגעקומען יענער איבערבראך, וואס טרעפט בא אים אפט, ווען ער דערגייט שוין צום העכסטן גראד קאס און פארלירט אינגאנצן די הערשאפט איבער זיך, ווי דעטאל, ער זאל קומען צו זיך. דאן ווערט אין אים אלץ אויסגעלאשן, ווי בעיים דער פאליקער. דעמלט איז גענוג עמיצנס איין קליינע באוועגונג, איין אפגעקילטער אש זאל זיך אף זיין הארצן לייגן.

אין דער קאלאנע יידן זיינען געלעגן טויטע, פארוווּנדעטע האבן זיך געקארטשעט בא די פיס פון די, וועלכע זיינען געשטאנען. דער ראוו רעב יאנקעלע האט, ליגנדיק אף דער ערד, צוגעהאלטן מיט דער האנט דעם אקסל, דורך די פינגער האט געקאפעט בלוט.

דער טפיסע־שעף האט זיך אויסגעקערעוועט און איז אוועק מיט א גאנג פון א שטארק מידן מענטשן.

3

יערוכעם האט געמוזט זיך דורכקלייבן דורך הינטערגעסלעך, קעדיי ארויסגייז צו דער רוזנירטער מיל אזוי, אז די וועכטער, וואס שטייען אין די הויכע טורעמלעך בא אלע פיר עקן פון פלויט ארום דער „קריפא“, זאלן אים ניט באמערקן. כוץ דעם האט ער זיך געדארפט ארומקוקן, צי באוואכט קיינער ניט די כורווע. אף דעם אלעמען איז אוועק צייט.

אונטערגעיאגט האבן אים די איינציקע שאסן, וואס האבן זיך אין טפיסע־הויף געהערט. דורך א בארג ציגל, — דא פלעגן אמאל ליגן זעק מיט טווּע, — האט ער זיך דערקליבן צו די טרעף, וואס זיינען בלויז פון איין זייט געווען צוגעפעסטיקט צו דער וואנט און האבן זיך קוים געהאלטן. אפן צווייטן שטאק, אין וואלץ־זאל, איז דער דיל געווען אינגאנצן אויפגעריסן און בלויז בא דער סאמע וואנט האבן זיך פארהיט עטלעכע ברעטער — א מין קארניז. צודריקנדיק זיך מיט דער פלייצע צו דער וואנט, איז יערוכעם אריבער אפן צווייטן עק זאל און איבער א באלקן, וואס איז דא אראפגעהאנגען פון אויבן און איז געווען אנגעשפארט אין פענצטער, זיך גענומען אויפהייבן העכער. ער האט זיך אנגעהאלטן אין די היפשע טשוועקעס און שרויפן, וואס האבן אינעם באלקן געשטארצט. דא האט ער שוין דערהערט שולצס אומויפהערלעך שיסן, און ס'האט אים א קאלטער שוויים באשלאגן. דאס פענצטער האט פארשטעלט א ברייט־צעוואקסענער טאפאל און מ'האט ניט געזען דעם טפיסע־הויף. שווערער

פון אַלץ איז געווען דאָס דערלאַנגען זיך צום בוידעם. עס האָבן זיך דאָווקע פאַרהיט טרעפּעלעך, וואָס האָבן געפירט אַהין, אָבער ווידער טאַקע — אין צווייטן עק פון שטאָק. דערקלײַבן זיך צו זיי איז געווען זייער שווער. גראָד דאָ האָט יערוכעם באַמערקט פרישע מעליקע שפּורן פון באָרוועסע פיס, נאָר קיין צײַט ניט געהאַט פאַרטראַכטן זיך אף דעם, ווי קומען זיי אַהער, און דאָס קאָן דראָען מיט געפאַר. איצט האָט דאָס אים בלויז געזאָגט, אַז עמיץ איז דאָ שוין דורכגעגאַנגען, הייסט עס, ער וועט זיך אויך אַריבערקלײַבן.

בעשאַלעם דערלאַנג זיך צו די בוידעם־טרעפּלעך און אַרויפגעלאָפן אף זיי, איז יערוכעם שטיין געבליבן אַ דערציטערטער. באַ אַ פענצטערל איז געזעסן אַ יִנגל פון אַ יאָר דרייצן. נאָר יערוכעם האָט בליץ־שנעל אָפּגעמערקט באַ זיך, אַז דאָס יִנגל האָט זיך דערשראָקן פאַר אים, האָט ער ניט פאַרהאַלטנדיק זיך, געמאַכט עטלעכע טריט צום ערשטן פענצטערל, וואָס איז דאָ געווען, און אַ קוק געטאָן אין טפיסע־הויף.

פון דער פירשטאַקיקער הייך, אף אַ מעהאַלעך סאַכאַקל פון צוויי הונדערט מעטער, האָט יערוכעם געזען אַלץ, וואָס ס'איז אין טפיסע־הויף פאָרגעקומען. יערוכעם האָט פאַרשטעלט מיטביידע הענט דאָס פּאָנעם.

אַרויסגעפירט פון אָט דעם צושטאַנד האָט אים דער שאָרך, וואָס ער האָט הינטער דער פּלייצע דערהערט. דאָס יִנגל איז צוגעגאַנגען צו אים.

— פּאַניע, — האָט ער שטיל געזאָגט, — איר האָט דאָ אויך עמיצן?

„אויך?!” — האָט יערוכעם באַמערקט באַ זיך. ווען זשע קאָן דאָס דאָזיקע יִנגל האָבן אין טפיסע־הויף? יערוכעם האָט אים באַטראַכט, — אַ באָרוועסער, אין אָפּגעריסענע קליידער, מיט גלאַטע ווײַסע האָר אָפן קעפּל, מיט אַ קײַלעכדיק פּענעמל, באַדעקט מיט זומער־שפּרענקלעך — אַ פּויליש יִנגל. זיין גאַנצע פּאָזע האָט אויסגעדריקט מיטלײַד און קינדערשן נײַגיר.

— אַלע, וואָס געפינען זיך דאָרטן, זײַנען מײַנע אייגענע, — האָט יערוכעם מיט ביטערקייט געזאָגט. אים האָט געדוכט, דאָס יִנגל וועט ניט באַנעמען דעם מיין פון זײַנע ווערטער, ער האָט דאָס גיכער געזאָגט פאַר זיך אַליין.

— און מײַן מיכאַל ליגט שוין צוויי וואָכן אין טפיסע־שפּיטאָל, אַזוי האָט מען אים צעשניקט אינעם ערשטן טאָג, ווען מ'האָט אונדזערע געבראַכט צו טרײַבן אַהער...

— וועמען איז עס — אונדזערע?

— נײַן כלאָפּעס פון אונדזער פּאָגורסקאָ וואָליאַ...

באַם יִנגל אונטערן העמדל — יערוכעם האָט נאָך פריער באַמערקט, אַז עס שטייט אָפּ — האָט עפּעס זיך אַ באַוועג געטאָן. אַ פליגל פון אַ טויב, אַ ברוינער מיט ווײַסע פעדערלעך אונטערגעשלאָגן, האָט זיך אַרויסגערוקט פון צעשפּיליעטן קאָלנער. דאָס יִנגל האָט אים צוריק פאַררוקט.

— ס׳כאפּ איך דאָ פּראָסטאַקעס, — האָט ער געזאָגט, ווי אַנטשול־דיקנדיק זיך, — זיי געהערן דאָך קיינעם ניט...

— און פאַרקויפסט זיי אַוואַדע אין מאַרק?...

— ערגער — איך קוילע זיי.

דאָס יינגל האָט אויסגעהאַלטן יערוכעמס פאַרוואוּרף־בליק און, ווי באַשיצנדיק זיך פון אים, מיט טרויעריקער אָקשאָנעס איבערגעבאָזערט:

— איך קוילע זיי... איך דאַרף יעדן טאָג צוויי טויבן, היינט האָב איך דערוויילע נאָר איינע געכאַפּט אין נעץ... אַ גוטע אַלטיטשקע קאָכט מיר יאַיכעלעך פון זיי, און איינער אַן אויפזעער נעמט זיי בא מיר שטענדיק פאַר מיכאַלן. מע זאָגט, אַז פאַר אַ קראַנקן איז עס זייער געזונט, נאָר מיכאַל שרייבט מיר אַלץ קיין צעטעלע ניט, און כ׳ווייס ניט, צי ער באַ־קומט זיי... כ׳האָב געזען, ווי מ׳האָט אונדזערע כלאָפּעס געקאַטעוועט,

— האָט ער שטילער געזאָגט, — זאָל נאָר מיכאַל געזונט ווערן, וועל איך קומען אין פּאַגורסקא וואָליא און אַלעמען דערציילן... מיכאַל איז בלויז אַ שוועסטערקינד מיינער, מיין ברודער ווינצענט האָט מען מער פון אַלעמען געשלאָגן מיט שטעקנס, ביז ער איז געשטאָרבן... און אַלץ איז שולדיק קאַזיק פון דער הרעבליע — ער האָט שלעכט באַהאַלטן די ביקסן, וואָס מ׳האָט אים געגעבן... אין וועג צו דער טפּיסע האָט מען זיי אויך געשלאָגן און ניט געלאָזט זיי טרינקען...

יערוכעם האָט אויפמערקזאַם געקוקט אַפן יינגל, בא וועמען די טויב אונטערן העמדל האָט אומרויק זיך באַוועגט. אָט האָט נאָך איין אומגליק זיך פאַר אים אַנטפּלעקט. און ער האָט געמיינט, אַז בלויז אין געטאָ זיינען אומגליקלעכע. נאָר צי איז ניט בעסער יענעם ווינצענטס טויט און די ליידן פון די איבעריקע פויערים פון פּאַגורסקא וואָליא פאַר אויסבאַהאַלטן געווער, איידער דער טויט און די פּיין פון די דאָזיקע אָרוועס־לייט, וואָס האָבן גאָרנישט ניט געטאָן? טויט איז איין סאַכאַקל, — איז זאָל כאָטש דער צושטייער, וואָס מע ברענגט פאַר די לעבעדיקע מיט אָט דעם טויט, זיין אַ ווירדיקער!

דאָס יינגל האָט אַרויסגעשלעפּט די טויב פון פאַזוכע, גענומען טי־טשען איר פּיסקל אין עטלעכע קערנדלעך, וואָס ער האָט אַף דער דלאָניע געהאַלטן. נאָר די טויב האָט אָפּגעדרייט דאָס קעפּל, דאַן האָט דאָס יינגל צוגעטראָגן איר שנאָבעלע צו זיינע ליפּן, געפּרוּווט זי אָנפּויען מיט שפּיי־עכץ, נאָר זי האָט זיך אויך אָפּגעדרייט פון אים.

— ער, כ׳וואָלט ווינצענטן מיינעם געקאָנט באַגראָבן ווי אַ מענטשן, ווען כ׳זאָל געוווּסט האָבן עמיצן צוהילף — האָט דאָס יינגל געזאָגט פאַרזאָרגט, — און איצט, וואָס וועל איך דער מאַמען זאָגן, וווּ ליגט ער? אַלעמען, וואָס ווערן דערהאַרגעט דאָ אין „קריפּאָ", פירט מען אַרויס צו דער פערד־באַגרעבניש. איך ווייס דאָס גוט. מ׳האָט שוין עטלעכע פּאַ־גורסקאַוואָליער כלאָפּעס אַהין אַוועקגעפירט, און ווינצענטן דעם ערשטן.

באַנאַכט פירט מען זיי, און דאָרט, אַף דער פערד־באַגרעבעניש, האַלט מען עטלעכע פאַליאַקן אונטער אַ וואַך, זיי גראָבן גריבער און פאַרשיטן די טויטע, דער פלאַץ איז אַרומגעצוימט... אין הויף פון טפיסע האָט איר באַמערקט צוויי וועגענער מיט אַזעלכע גראָבע דראָבינעס פון ברעטער? זיי שטייען באַ אַ זייט, ווי זשאַלאָבעס, איז אָט אַהין וואַרפט מען אַריין די מייסים איינס אַפן אַנדערן, מען דעקט זיי צו מיט ברעזענטן, און ווען ס׳ווערט פינצטער, פירן זיי דייטשן צו דער באַגרעבעניש...

אַז עס מאַכן זיך גאָר אַ סאַך טויטע, קומט אַ מאַשין אויך נאָך זיי, נאָר אַזוי פאָרן בלויז די צווייטע וועגענער. אַמאָל שיסן די דאָזיקע דייטשן, די אַנטרייבער, אין די פענצטער פון יענע הייזער, ווו די שיין איז ניט גוט מאַסקירט. און נאָך האָבן זיי אַ טעווע — דאָס טוען זיי יעדע נאַכט — אָפּצושטעלן זיך באַ אַ רעסטאָראַן אַפן וועג, ווו מען וואַרט שוין אַף זיי. דאָרט פאַרברענגען זיי אַלעמאָל אַ ביסל. די וועגענער בלייבן אַליין. האָב איך זיך צוגעגאַנוועט און אַף איין וואָגן דערזען מיין ווינצענטן, ווען מען האָט אים געפירט. זיין האַנט איז אַראָפּגעהאַנגען, כ׳האָב גלייך דערקענט. באַ אים זיינען אַף איין האַנט זעקס פינגער געווען. נאָר וויאַזוי האָב איך אים געקאָנט אַראָפּשלעפּן פון וואָגן?

יערוכעם האָט צוגעשמידט געקוקט אַפן יינגל.

— און אַ סאַך נעכט ביסטו אַזוי נאָכגעגאַנגען די וועגענער?

— פיר נעכט.

— און אַלע מאָל האָבן זיך די דייטשן אָפּגעשטעלט באַ דעם רעסטאָראַן?

— שטענדיק. מען וואַרט דאָרט אַף זיי.

יערוכעם האָט זיך אויפגעהויבן, זיין געזיכט איז געווען כמורנע. דערנענטערט זיך צום בוידעם־פענצטערל, האָט ער נאָך אַ פּאָר מינוט געקוקט אַפן טפיסע־הויף, דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום יינגל און אים צאַרט אַ גלעט געטאָן איבערן קעפּל.

— נו, זיי געזונט! — האָט ער געזאָגט און זיך געלאָזט צו די טרעפּלעך.

4.

בעיסן הערן דעם יינגלס דערציילונג, איז באַ יערוכעמען אין קאָפּ אויפגעקומען אַ דרייסטער פּלאַן. ער האָט זיך גענומען אַרויסקלייבן פון מיל. מיט יעדער מינוט, וואָס עס זיינען פאַר אים קלאָר געוואָרן נייע, מענלעכע דעטאַלן, האָט דער פאַרטראַכט אים מער פאַרכאַפּט, ער האָט נאָר געדאַרפט האָבן עמיצן צוהילף. דאָ האָט ער אַ קלער געטאָן וועגן מאַריאַנען, נאָר באַלד עס אָפּגעוואָרפן. מאַריאַן קער זיך האָבן זיין אַרבעט און וועט זיך הענדום־פּענדום פאַר אַזאַ זאַך ניט נעמען. כוץ דעם איז ער איצט אין דעפּאָ, ווו זוכט מען אים דאָרט?

דאָס אומגעוווּנטשנסטע איז געווען, וואָס ער האָט נאָך הײַנט געמוזט זיך אומקערן אין געטאָ, קעדיי נעמען עמעצן צוהילף. דאָ האָט ער אויסגערעכנט אַף צוויי מענטשן — מייער סאָקאָל און לייזער קאָרשעווער. וועגן זאַלמען קאַרעל האָט קיין רייד ניט געקאָנט זײַן, ווײַל פאַר אַזאַ זאַך האָט מען געדאַרפט זײַן יינגער און פלינקער.

מייער אָדער לייזער? יערוכעם האָט דערווײַל נאָך מער פאַרטרויט מייערן, ער האָט אים לאַנג געקענט. מ'איז פיל יאָרן געווען אין איין פּראָפאַריין, ביזן דײַטשישן אָנפאַל, ניט איין מאָל אַקסל־באַ־אַקסל געשטאַנען בעיים די דעמאָנסטראַציעס, בעיים גאַסן־צוזאַמענשטויסן מיט דער פּאָליציי. ער האָט מייערן גוט געקענט אויך לויט אײניקע גאַנץ רי־זיקאַלע שפּיצלעך, וועלכע מ'האָט צוזאַמען אָפּגעטאָן אַף דער מיל, וווּ מ'האָט שוין בעיים דער דײַטשישער מעמשאָלע געאַרבעט. מייער — דאָס איז פאַר אים אַ קלאָרע זאַך. פון דער צווייטער זײַט אָבער האָט זיך אים גראָד אַף דער זאַך געוואָלט אויספּרוּוון לייזערן. אָט דער אינטעליגענטישער באָכער האָט, ווייס יערוכעם, עפּעס־וואָס דורכגעמאַכט — געהיימע סטודענטישע קרײַזלעך, די מילכאָמע, דעם לאַגער פאַר קריגס־געפאַנגענע. מייער סאָקאָל האָט אויך דערציילט וועגן לייזערס ברודער. צום קאַמף־בונד מיט זײַן, יערוכעמס, דרײַלינג, איז קאָרשעווער אויך געקומען ווי אַן אָנפירער פון אַ קלייניקער גרופּע. און דאָ האָט מיט יערוכעם ליכטציִער באַוועגט אַ צווייענדיק געפיל: דאָס ערשטע, אַ קלאָרס — ער וויל אין דער אַרבעט אָפּשאַצן וועמען וועט ער עס פאַרמאָגן אַלס גאָענטסטן מיטהעלפער. און דאָס צווייטע — אַזאַ מעטושטעש און אייפערדיק געפיל: „אַנו, אײדל בּרודערל, ווײַז וואָס דו קאָנסט!"

ער אַליין, דער דרײַסיקיאָריקער יערוכעם ליכטציִער, האָט דורכגעמאַכט אין לעבן אַ אַנדער וועג. נאָך דער האַנטווערקער־שול — אַ מעכאַניקער אַף פיל מילן. אַדאַנק זײַן דערפינדערישקייט און געשיקטקייט — גאָר אַ גוטער מעכאַניקער, אַ כאָשעוו סײַ באַ די מײַסטערס, סײַ באַ די אַרבעטער. טיף אין אים האָט געלעבט די איבערצײַגונג, אַז בלויז אַרבעטס־מענטשן זײַנען אַף עפּעס־וואָס פּעיִק. ער האָט זיך געהאַט אָפּגעגעבן דער אידעע פון יידישער פּראָדוקטיוויזאַציע. נאָר גאָר אינגיכן זיך איבערצײַגט, אַז אין פּריצישן פּוילן איז עס קימאַט אומעגלעך. אַ טרוים האָט ער געהאַט — לויפן קיין סאָוועטנפאַרבאַנד. אים האָט געצויגן דער פּאַרנעם פון דער איבערבויונג דאָרט, און נאָך האָט ער געפילט — ער קער זיך אַן אייגענער אין יענעם לאַנד. זײַן פאָטער, אַ וואַרשעווער וועבער־מײַסטער, איז ערגעץ אין סיביר אומגעקומען, פאַרשלעפּט געוואָרן אַהין פאַר אָנפירן מיט אַ שטרײַק, ווען יערוכעם איז נאָך געווען גאָר אַ פּיצל קינד. פאַר דער אָרדענונג, וואָס איז אין רוסלאַנד נאָך אַזויפיל שלאַכטן געקומען, האָט, הייסט עס, אויך זײַן פאָטער דאָס לעבן אָפּגעגעבן.

איינמאָל האָט יערוכעם זיך פאַרשריבן פאָרן קיין בּיראָבּידזשאַן, נאָר

ס'איז דערפון קיין זאך ניט ארויסגעקומען. ער האט זיך קוים אויסגע־דרייט פון טפיסע. בעיסן דייטשישן אנפאל אף פוילן האט מען אים אין דער ארמיי ניט גענומען, מען האט אים פארהאלטן אף דער מיל. ער איז דערנאך געלאפן אף מיזרעך, נאר ניט ווייט פון דער געגנט, וווהין דאס סאוועטן־מיליטער האט שוין ארייַנגעמארשירט, האט אים פארכאפט א דייַ־טשישער פאסטן.

דער דאזיקער לעבנס־וועג זייַנער, פול מיט שטרויכלונגען און אנטוי־שונגען, איז געווען דאס פייַער, אין וועלכן ס'האט זיך אויסגעשמעלצט און ס'איז פארהארטעוועט געווארן זייַן כאראקטער. ער האט ניט געזען קיין פרייד אין לעבן, און איצט, אין דער פינצטערער צייַט, זייַנען קימאט אויסגעשלאסן געווארן פאר אים אזעלכע אויסזיכטן — געבליבן איז קאמף. דאס איז געווען די איינציקע בארעכטיקונג פארן לעבן.

אין אט דער פארטאגנעקייט זייַנער האט יערוכעמען צוערשט אפילע אומאנגענעם פארוואונדערט לייזערס ליבע צו אנעליען, ניט נאר ווייַל זי איז א פוילישע, נאר ביכלאל — ס'איז ניט די צייַט, דאס לעבן געהערט דאך סייַווי ניט אים. אבער גראד אט דאס מיידל האט אלץ מער בא־הערשט זייַנע געדאנקען, אפילע איצט, ווען ער איז איינזאם געגאנגען אן אנגעשטרענגטער איבער דער גאס. באשטימענדיק נעמען לייזערן מיט זיך אף דעם געפערלעכן שטיקל ארבעט, האט ער פראסט געפאלגט אויך אזא אומפארשטענדלעכן קינע־געפיל. זאל ער גיין מיט אים, אט דער באכער, צו וועלכן עס קומט דורך אזויפיל שטערונגען א פארליבט מיידל.

וואס מער יערוכעם האט געטראכט וועגן דעם פוילישן מיידל אנעליע וואיטאס, אלץ שוואכער איז בא אים געווארן דאס געפיל פון פאראורטיי־לונג. גיכער פאר אלץ איז אים שוין אין אים קיין טראפן פאראורטיילונג ניט געבליבן, ער האט זיי פאשעט געוואלט ווידעראמאל זען און ריידן מיט איר. אים האט אפילע געדוכט, ער האט איר עפעס וויכטיקס צו זאגן.

ער האט געהאט עטלעכע ליבעס, נאר גאנץ אויבנאויפיק, דאס הארץ זייַנס האבן זיי ניט פארכאפט. צי דאס געפיל פון אומבאפרידיקטקייט, צי די שטענדיקע זוכענישן פון אידעאלס און ריינס, — ווי דאס זאל ניט זייַן, נאר אין דער יוגנט האט ער ניט דערלאזט דאס ליבע־געפיל צום הארצן, ווידער טאקע — א קיילעכדיקער יאסעם — האט ער אלעמאל געבענקט נאך עכטער, אויפריכטיקער טרייַשאפט.

עמעס, יערוכעם האט זיך אנגעשטויסן וועגן דעם געפיל צו אים, וואס עס פארבארגט אין הארצן דעם פעטער ניסנס יינגסטע טאכטער פון צווייטן ווייַב (יערוכעמס מומע זעלדע, דעם טאטנס א שוועסטער, איז געווען ניסנס ערשטע ווייַב), די שווארץ־אויגיקע קוטשעראווע סערקעלע מיטן ליכטיקן ווייַסן געזיכט. אבער ווייַל זי איז געוואקסן פאר זייַנע אויגן, איז פון א קינד א מיידל געווארן, האט ער זיך ניט געקאנט צו איר בא־ציִען אנדערש ווי אן עלטערער טרייַער ברודער. יא, ער האט באשטימט

געקאַנט זאָגן, יערוכעם, אַז אין זייַן האַרץ איז אַ לײדיק אָרט פאַראַן. אין
אַט די אומרויִקע צייַטן איז עס עפשער בעסער געווען, ער האָט זיך גע־
פילט פרייַ. דאָך איז אים צומאָל אומבאַגרייַפלעך שווער געווען פון זייַן
עלנט. און צו אַט דעם לייזערן קומט אַ מיידל דורך אַזויפיל שטערונגען,
און אַ וועלך מיידל!

ס'איז געווען רעכטער באַטאָג, ווען יערוכעם האָט זיך געלאָזט אי־
בער די גאַסן צו דער געטאָ. די זון האָט געברענט און געבריט. דורכגייער
האָבן זיך גערוקט צו די קורצע שאָטנס, וואָס זייַנען געפאַלן פון די הויכע
ווענט, פון די לײוונטענע דעכלעך איבער די שויפענצטער. אַרום די בייַ־
לעד מיט לימאָנאַד און אייַז־קרעם זייַנען געשטאַנען אַ סך מענטשן,
מאַנצבלען האָבן מערסטנס געטראָגן די מאַרינאַרקעס אין די הענט, פרויען
האָבן זיך פון די זונען־שטראַלן געשיצט מיט בונטע שירעמס. אין אַזעלכע
שאָען, האָט יערוכעם געוווסט, פאַרבלענדט פון צופיל שייַן, געפּלעפּט פון
דער היץ, קוקט מען זיך ווייניקער צו איינער צום אַנדערן. דאָס איז שוין
גאָר ניט אַזאַ שלעכטע צייַט אַף צו דערלאַנגען זיך צום ברעג, ווו דער
דורכגאַנג איז. אייַן זאַך האָט יערוכעמען באַאומרויִקט — צי קאָנען ניט
אין אַזאַ היץ זייַן אַ סך מענטשן באַם ברעג, טאָקע צווישן די שטיינער
און קוסטעס, ווו ער האָט געדאַרפט דורכגיין. פון דער צווייטער זייַט אָבער
האָט דאָס ווייניקער כשאַד געקאָנט אַרויסרופן, וואָס ער קלייַבט זיך דורך
צווישן די קוסטעס. און וועט ער זיך שוין פאַררוקן צווישן דער צעוואַק־
סענער, ווייַס־צעבליטער בוזינע, וועט אים שוין קיין איין אויג ניט באַ־
מערקן.

פון קעלער אין זייַן הויז האָט יערוכעם זיך אַרויסגעקליבן אַזייגער
דרייַ. די שוואַרץ־אויגיקע סערקעלע האָט אים באַגעגנט שטאַרק אַ באַומ־
רויִקטע און געפרעגט, ווו איז ער געווען די נאַכט. אים האָט גערירט איר
אומרו, נאָר געענטפערט האָט ער גאַנץ קאַלט, אַז ער האָט געהאַט אַ וואָך
דאָ אין געטאָ און אַז ער וועט אויך די הייַנטיקע נאַכט מוזן פאַטערן.

.5

לייזער האָט געהאָלפן דער אַלטיטשקער נעבע בייַביק אויסיעטן און
אַרומשאַרן די עטלעכע צענדליק קאַרטאָפל־קוסטעס, וואָס זי האָט פאַר־
זעצט אין אַ ווינקל פון הויף. קיין סאַפּקע איז ניט געווען, האָט ער פון
אַ שטיקל בלעך געמאַכט עפּעס ענלעך צו אַ קאָטשערקעלע. דאָס דאָזיקע
קליינע גערטנדל אין ענגן הויף איז געווען די פרייד פון אַלע אייַנוווינער,
אַזוי איז אַ טפּיסע־מענטש צוגעבונדן צום גרעזעלע, וואָס שפּראָצט אין
שפּאַלט צווישן שטיין און דער גראָטע...

מייער און לייזער האָבן אַ גאַנצן אינדערפרי געוואַרט אַף יערוכע־
מען. ווען ס'איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז ס'ווערט שפּעט און מען מוז

גיין צו די ציגל, האָט לייזער געבעטן בײַ לעאָן קראַוסן (וואָס ער האָט עס, אַגעוו, קיינמאָל ביז איצט ניט געטאָן), ער זאָל אים וויניט־איז לאָזן אין דער היים, קעדיי מאַכן אַ סאָפּקעלע און העלפֿן אַרומשאַרן די קאַר־טאָפֿל.

יערוכעם איז אַרײַן אין הויף, באַגריסט זיך מיט לייזערן און מיט דער אַלטיטשקער און אַראָפּגעלאָזט זיך אויפֿן בענקל אונטערן פלוימען־בוים. אַרומגעשאַרט נאָך אַ קוסט, האָט לייזער זיך אויפֿגעהויבן און איז צוגעגאַנגען צום בענקל קלוימערשט אויסגלײַכן די פֿאַרבויגענע ראַנדן פֿונעם בלעכל. זײַן בליק האָט אויסגעדריקט פֿויייד, וואָס ער זעט יערוכעמען גאַנץ.

— איך דאַרף אײַך זייער, — האָט יערוכעם שטיל געזאָגט.

לייזער איז אַוועק צו דער אַלטער נעבע. יערוכעם איז נאָך געזעסן אַ פּאָר מינוט און אַרוים צום טויער. אינגיכן איז אַרויס לייזער. זיי זײַנען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל אַרויף־גאַס און זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַ צעבראָכענעם פּלויט. יערוכעם האָט אָפּגעקאַלופּעט אַ פֿויל שטיקל האָלץ פֿון אַ סלופּ, צעריבן עס צווישן די פֿינגער און אַוועקגעשלײַדערט. זײַן געזיכט איז געווען כמורנע, מיט די עטוואָס אויפֿגעהויבענע שוואַרצאַפּלען האָט ער פֿאַרשעריש געקוקט אויף לייזערן:

— איך דאַרף איר זאָלט הײַנט בײַנאַכט אַרויסגיין מיט מיר פֿון געטאָ. וואָס וואָלט איר געקאָנט זאָגן די עלטערן און ביכלאַל אין צימער, מען זאָל זיך ניט באַומרויִקן?

בײַ לייזערן האָבן פֿיבערדיק אַ גלאַנץ געטאָן די אויגן, דאָס געזיכט איז אָבער געבליבן שטרענג, עטוואָס נאָר בלאַס געוואָרן. יערוכעם האָט ניט אָפּגעווענדט זײַן פֿאַרשערישן בליק.

— כ'וועל שוין אַ טערעץ צוטראַכטן. — האָט לייזער מיט בעקיוונדיקער לײַכטקייט אַרויסגערעדט, נאָר באַלד זיך געכאַפּט, אַז דאָ איז אַט די געמאַכטקייט ניט נייטיק, — כ'וועל זאָגן, איך נעכטיק בײַ אַ קראַנקן כאַווער, וואָס מען האָט בײַ אים נעכטן צוגענומען דעם פֿאָטער...

יערוכעם האָט אָפּגעשאַצט די דאָזיקע טײַקעפּדיקע ענדערונג אין זײַן שטים.

— נו, גייט, — האָט ער אים דערלאַנגט די האַנט, — אַגעוו, טוט זיך איבער אין עפּעס טונקעלערס... כ'וואַרט אויף אײַך אַזייגער אַכט פֿאַרנאַכט.

לייזער האָט זיך פֿאַרהאַלטן, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס פֿרעגן און זיך ניט אַנטשלאָסן, באַלד פֿאַראַקשנט צונויפֿגעדרייקט די ברעמען:

— אַנטשולדיקט... וואָס האָט מען געטאָן מיט די אַרוועס־לײַט אין „קריפּאָ"?

— אַ פּופּצן פֿון זיי לעבן שוין ניט, דאָס וועלן מיר זיי הײַנט פֿרוּוון ווי מענטשן צו קווורע ברענגען...

אינעם אַנגעגליט־פּאַרנעם טאָג האָט אַ שטיל ווינטל אַ צי געטאָן, ס'האָבן זיך אַ דריי געגעבן אינדערלופטן שטויב, שטרויעלעך, שטיקלעך אַלט פּאַפּיר. גרויע וואָלקנס זײַנען אַנגעשווומען ניט צו וויסן פֿון וואַנען, און צו פֿאַרנאַכט געהאנגען שוין טונקל־בלויע און שווערע קימאַט איבער די דעכער. בלויז ערטערווײַז זײַנען נאָך בײַ די וואָלקנס געווען ווײַס־באַלויכטענע ראַנדן און ס'האָבן זיך געווען בלויע שטיקער הימל. דאָס ווינטל איז שטילער געוואָרן, קוים באַוועגט די גראָזן בײַ אַלטע פּלויטן, עטוואָס געהוידעט די צווײַגן פֿון ביימער אין הויפֿן.

— דאַכט זיך, אַז עס גליקט אונדז פֿון סאַמע אָנהייב, — האָט יערוכעם געזאָגט, ווען לייזער איז געקומען צו אים אין זומער־וואַרשטאַטל, — ס'וועט זײַן אַ רעגן...

— כ'האָב טאַקע גענומען דעם רעגן־מאַנטל.

לייזער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַף די קלעצער. יערוכעם האָט געזעגן אַף גלײַכע שטיקלעך אַ מעשן טרײַבל, אַף זײַן וואַרשטאַטל זײַנען געלעגן דינע פּרוזשינקעס, שרײַפֿלעך. לייזער האָט זיך פֿאַרוווּנדערט, וויאַזוי קאָן יערוכעם איצט אַרבעטן, ער האָט געוווּסט, אַז דאָס מאַכט ער ציינד־מאַשינקעס אַף צו פֿאַרקויפֿן. דערפֿון לעבט זײַן קליינע מישפּאָכע.

— די סכוירע צעגייט זיך? — האָט ער געפֿרעגט.

— נישקאָשע, אַז ס'איז קיין אַנדערע ניטאָ, איז דאָס אויך אַן אַרבעט...

לייזער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מ'וועט וואַרטן ביז טונקל, און איינגאַנצן געצאַפּלט פֿון אומגעדולדיקער דערוואַרטונג.

יערוכעם האָט אַלץ ניט געזאָגט, וואָס עס שטייט פֿאַר טאָן, און לייזער האָט אַפֿילע פֿאַרשטאַנען אַזוי, אַז דאָס וויל ער אים ניט פֿאַר דער צײַט באַאומרויִקן.

ס'האָט געבליצט. די שוואַרצע כמאַרע איז שוין געהאַנגען סאַמע איבער די קעפּ. ס'איז טונקעלער געוואָרן. יערוכעם האָט גענומען צונויפֿזאַמלען זײַנע אינסטרומענטן. מיטאַמאָל האָט ער, אָנגעבויגן איבערן אינסטרומענטן־קעסטל, פֿון אַ זײַט אַ קוק געטאָן אַף לייזערן:

— ס'וועט אונדז אויסקומען אַנטקעגן אַ שאַ אוואַז'ע ליגן אַף אַ וואָגן צווישן טויטע...

אַ ציטער איז דורכגעגאַנגען איבער לייזערס גוף, נאָר געזאָגט האָט ער ווי מיט אַ קאַפּעלע גלײַכגילט:

— כ'בין פֿון לאַגער אויך אַרויסגעפֿאָרן אַף אַ טויטן־וואָגן, צווישן מייסים... ס'איז ניט נאָר שרעקלעך, ווען מען טראַכט פֿון לעבן...

— כ'ווייס ניט, בײַ מיר וועט דאָס זײַן דאָס ערשטע מאָל. — אַ בליץ, וואָס האָט דורכגעשניטן דעם הימל, האָט באַלויכטן יערוכעמס געזיכט. ס'איז פֿון אָנשטרענגונג אַ קאַפּעלע צעקרימט געווען, די שוואַרצע וואָנצעלעך האָבן אונטערגעשטרײַכט דעם טרויעריקלעכן בייג פֿון זײַנע ליפּן.

נאָר ווען ס'האָט באַלד ווידער אַ פאַרצוויגענעם בליץ געטאָן און אַ דונער האָט שווער זיך צעקויקלט איבערן הימל, איז יערוכעמס געזיכט שוין געווען שטרענג, דאָס פייַער, וואָס האָט אין זייַנע אויגן געפינקלט, האָט ווי אָפּגעשפּיגלט דעם אומגעצוימטן קויעך, וואָס האָט אַרום געבושעוועט.

איבערגעוואַרט דעם שווערן דונער, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט מיט אַ פוס אין דער קלאָץ, אויף וועלכער לייזער איז געזעסן, און צוגעבויגן זיך נענטער צו זייַן אויער:

— מיר דאַרפן הייַנטיקע נאַכט האַרגענען צוויי דייַטשן... זיי פירן פון דער „קריפּאָ" יעדן אָוונט אויף וועגענער די האַרוגים צו דער געוועזענער שטאָטישער פערד-באַגרעבעניש. באַ אַ געוויסער רעסטאָראַציע שטעלן זיי זיך אָפּ געוויינלעך אויף צו נעמען אַ שקאַליק. ווען די וועגענער וועלן בלייַבן אַליין, דאַרפן מיר אַרויף יעדערער אויף איינעם פון זיי. ווייַטער איז פּאַראַן אַ בריקל, ווען די וועגענער וועלן אַרויף אויף דעם, וועט עס זייַן אַ סימען — שטעכן...

אַ דונער האָט פאַרטויבט זייַנע רייד. יערוכעמס איז אָנשוויגן געוואָרן. שווערע טראָפּנס רעגן האָבן אַ פאַל געטאָן אויף דער ערד. ס'איז אָנגעשטרענגט שטיל געוואָרן.

— עס פאַרקאָכט זיך אַ פייַנער געוויטער! — האָט יערוכעמס אַ טשמאָקע געטאָן מיט די ליפּן, — יאָ, איין זאַך קימערט מיך, וואָס טוט מען מיט די לאָפּעטעס?

— און איר מיינט, אַז מיר וועלן נאָך אַליין דאַרפן אויסגראָבן גריבער?

— נו, יאָ, ערגעץ אין פעלד...

— איר זאָגט דאָך, אַז דאָס וועט זייַן אָפּן וועג צו דער ערד-באַגרעבעניש... איז דאָך דאָרט ניט ווייַט דער ייִדישער און דער פּוילישער בעסוילעם.

— אַלציינס דאַרף מען אויסגראָבן גריבער.

לייזער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— ליידער זייַנען דאָרט אַלעמאָל גענוג גרייטע פּאַראַן... ס'איז דאָך מאָרגן פרייַטיק — דער טאָג, ווען מע לאָזט אַרויספירן די מייסים, וואָס זאַמלען זיך אָן פאַר דער וואָך אין געטאָ... איך האָב אַ שאָכן אַ באַגרעבער. ווייס איך... דער פּוילישער וועכטער גרייט צו צום דאַזיקן טאָג אַ היפּשע צאָל קוואָרים...

יערוכעמס בליק האָט אויסגעדריקט ניט נאָר באַוויליקונג, נאָר אויך אַ ביסעלע כידעש. ער האָט געעפנט דאָס אינסטרומענט-קעסטל, אַרויסגענומען אַ מעסער אין אַ ברעזענטענעם שיידעלע און אויסגעשטרעקט אים לייזערן.

אַ קאַפּעלע אַרויסגעשלעפּט דעם פריש-אויסגעשאַרפטן מעסער פון ברייטלעכן שיידעלע, האָט לייזער אים געוואָלט באַטראַכטן, נאָר איבער-

געקלערט און, אַזוי ווי ער האָט אים געהאַלטן אין דער לינקער האַנט, מיטן שפּיץ אַרויף, אַראָפּגעלאָזן אים אין דער לינקער הויזן־קעשענע.

— בעסער ליגט אים אין דער רעכטער... — האָט יערוכעם באַמערקט.

6

דער רעגן האָט שוין שטאַרק געגאָסן, ווען יערוכעם און לייזער האָבן זיך אַרויסגעקליבן פון אונטער דער שטיינערנער פּליטע, פון יענער זייַט וואַנט, צווישן די צעוואַקסענע בוזינע־קוסטעס. דורכזיכטיקע, קאָסע בייַטשן זייַנען געפאַלן אַף דער ערד, צווישן די שטיינער האָבן זיך שוין געזאַמלט ריטשקעלעך, וואָס זייַנען, באַדעקטע מיט אַ לייַכטן שוים פון מוטנע בלעזעלעך, געלאָפן אַף אַראָפּ. די שטאָט איז ווי באַדעקט געוואָרן מיט אַ גרויען פאַרהאַנג. בלויז שטאַרקע בליצן, וואָס האָבן דעם רוים געשפּאָלטן, האָבן באַלויכטן דעם טייַך, וועלכער האָט זיך אונטן געררייכערט, און די טונקעלע אָנהויבונג פון מויערן און דעכער.

דערקליבן זיך צו דער גאָס, האָבן יערוכעם און לייזער, פּונקט ווי אַנדערע דורכגייער, זיך גענומען צודריקן צו די ווענט, נאָר, מאַכנדיק אויך אַן אָנשטעל, אַז זיי אייַלן זיך שטאַרק, איבערגעלאָפן פון איין גאַנעק צום צווייטן. איינגאַנצן דורכגענעצטע, האָבן זיי אויפגעשטעלט די קאָלנערס פון די רעגן־מאַנטלען און, ווי מענטשן, וואָס האָבן שוין אָפּן געוויטער אַ מאָך געטאָן מיט דער האַנט, זיך געלאָזט גיין אונטערן סאַמע גאָס.

צו דער טפּיסע זייַנען זיי געקומען, ווען ס'איז שוין היפּש טונקל געווען. עטוואָס העכער, אין דער ריכטונג צו דער פערד־באַגרעבעניש, איז געווען אַ פאַרלאָזטער סאָד, קיין פּלויט איז ניט געווען, נאָר באַם ראַנד זייַנען געוואַקסן אַקאַציע־קוסטעס. אָט פונדאַנען האָבן יערוכעם און לייזער גענומען נאָכשפּירן נאָכן טפּיסע־טויער.

יערוכעם האָט קיין צייַט און קיין מעגלעכקייט ניט געהאַט דורכצוקאָנטראָלירן די ווערטער פונעם פּוילישן יינגל. ער האָט אָבער געפילט, אַז מע מעג אים גלייבן. נאָר ער האָט אויך געוווּסט, אַז הונדערט נעכט קען גיין פּונקט אַזוי, ווי דאָס האָט אויסגעמאָלט דאָס יינגל, און אין דער הונדערט ערשטער קאָן אַלץ געשען אַנדערש. ער האָט אָבער באַשטימט ריזיקירן און דערבייַ ניט בלויז אַליין, נאָר נעמען אויך אַ כאַוועך מיט זיך, קעדיי, אויב עס וועט אַלץ גיין קעשורע, דעם נייטיקן מאָמענט ניט פאַרלירן. ער האָט דאָס לייזערן געגעבן צו פאַרשטיין, ווען זיי זייַנען נאָך געגאַנגען פון באַרג צום טייַך.

אַלץ איז געשען אַזוי, ווי דאָס יינגל האָט געזאָגט. אַזייגער צען איז אַוונט זייַנען צוויי היפּשע וועגענער, געשפּאַנט צו צוויי פערד איין יעדערן, טאַקע אַרויסגעפאָרן פון „קריפּאָ"־טויער און געלאָזט זיך צו דער פערד־באַגרעבעניש. אַף יעדער פור איז ווירקלעך געזעסן צו איין דייַטש. ווען זיי

זיינען פארבייגעפארן לעבן די אקאציע־קוסטעס, האט מען געזען, אז זיי זיינען אנגעטאן אין מיליטערישע רעגן־מאנטלען מיט קאפּיושאנען. יערוכעם און לייזער האבן זיך געלאזט נאך זיי.

בא א רעסטאראציע, ערגעץ אף דער דריטער גאס, אונטער אלטע לינדן־ביימער, האבן די וועגענער זיך אפּגעשטעלט. דורך א שלעכט־פאר־האנגענער גלעזערנער טיר האבן אפן גאנעקל זיך דורכגעשלאגן פאסיקלעך שיין — אין רעסטאראציע איז מען וואך געווען. די צוויי דייטשן האבן עפּעס זיך געפּארעט בא די וועגענער, אויפגעהויבן די ברעזענטן. דאס האט צוערשט באומרויקט יערוכעמען און לייזערן, נאר זיי האבן באלד נאך די אפּגעריסענע שטיקלעך פראזעס, וואס זיינען צו זיי דערפלויגן, פארשטאנען, אז יענע נעמען אראפּ פון די טויטע די קליידונג און שוכווארג.

די דייטשן זיינען אוועק צום גאנעקל, די טיר פון דער רעסטאראציע האט זיך געעפנט, ווי נאר זיי האבן זיך גענומען הייבן אף די טרעפּלעך.

צוגעווארט נאך א פּאר מינוט אונטער די לינדן־ביימער — טאמער האט עמיץ פון די דייטשן עפּעס פארגעסן און וועט זיך אומקערן, — האט יערוכעם א דריק געטאן לייזערן די האנט.

— אפן בריקל — שטעכן!... — האט ער א שעפּטשע געטאן און דער ערשטער זיך געלאזט צו די וועגענער.

ס'איז נאך פון פריער אפּגערעדט געווען — יערוכעם פארנעמט דעם ערשטן וואגן. די פערד האבן אומרויק א טרייסל געטאן מיט די קעפּ און א קלונג געטאן מיט די צוים־קייטלען, ווען לייזער איז צו צום צווייטן וואגן. אין דער רעגע האט ער ווייניקער געטראכט וועגן דעם, אז ער דארף זיך פארגראבן צווישן טויטע, ווי וועגן דעם, אז די טיר פון דער רעסטאראציע קאן זיך אז עפן טאן. ווען ער האט אויפגעהויבן דעם ברעזענט און א קוק געטאן אין דער טונקל, וווהין ער דארף זיך לייגן, האט אים א ציטער דורכגענומען. נאר וואקלען זיך איז ניט געווען ווען. אנגעשפּארט די פיס אין די ספּיצעס פון ראד, איז ער אריבערגעקראכן די הויכע ברעטלדיקע דראבינע, ער האט מיט א קני געטראפן אין עפּעס א ווייכס, ווייזט אויס, א בויך, א כאפּ געטאן צוריק דעם פוס, נאר באלד אים ווידער אראפּגעלאזט עטוואס ווייטער.

ס'האט זיך אים געדרייט דער קאפּ, אבער א האלב־פארכאלעשטער און איינצייטיק א מאדנע צונויפגעזאמלטער אינערלעך, א גלייכגילטיקער אפילע, האט ער זיך גענומען איינמאסטען אין וואגן. ער האט נאר געפילט, אז א שטארקער שוויים האט אים אינגאנצן באשלאגן און אז ס'איז ווייניק לופט אונטערן ברעזענט — דער זיסלעכער נודיענדיקער מייסים־רייעך האט אים דעם אטעם געהאמעוועט. נעענטער צו דער קעלניע, ווו דער דייטש האט געדארפט זיך זעצן, האט ער עטוואס אונטערגעהויבן דעם ברעזענט. עמיצנס אן עלנבויגן איז אים אויסגעקומען פונקט אונטער דער פאכווע, האט ער אים אפּגערוקט. געפונען אן אנשפּאר פאר דעם

לינקן פוס, קעדיי קאנען אינעם נייטיקן מאמענט פלינק זיך א הייב טאן אף דער רעכטער קני, איז ער ליגן געבליבן מיט א פעסט פארדריקטן מעסער אין האנט.

וויפל האט עס געדויערט? לייזער האט דאס געפיל פון ציַיט פאר־לוירן.

די דיַיטשן זייַנען ארויס פון דער רעסטאראציע, צוויי מוידן אין וויַיסע פארטעכלעך האבן זיי באגלייט און אויך עפעס א דיקער אלטער, בא וועלכן ס'האט א פליך א בלענד געטאן, בעיים מ'האט געעפנט די טיר.

צובאמקענדיק עפעס א לידל, איז איין דייטש צו צום וואגן, וווּ לייזער איז געלעגן, אפגעבונדן פון בוים די לייצעס און מיט א טשמאקע א טריַיב געטאן די פערד. געריררט פון ארט האט זיך אויך די ערשטע פור. לייזער האט געוואַרט, דער דיַיטש זאל זיך זעצן אפן וואגן. ארויסגעפירט אבער דעם וואגן אפן אספאלטירטן וועג, האט דער דיַיטש גענומען הויך ריידן צו דעם, וואס אפן ערשטן וואגן, ער האט אים גערופן „הענקע”. באלד גאר צוגעדרייט די לייצעס צום קרוק פון דער דראבינע און אוועקגעשפאנט צום כאווער. די פערד האבן זיך אליין געצויגן נאכן פאדערשטן וואגן.

לייזערן האבן אנגעסטן באשלאגן — וואס טוט מען איצט? אזוי קאן מען דאך קומען צום בריקל, און ניט ער, ניט יערוכעם וועלן גארניט ניט אפטאן. און אויב דערוואַרטן זיך אפילע, ביז דער דיַיטש וועט זיך אומ־קערן, וועט, אויב דאס וועט זיַין פון יענער זיַיט בריקל, שוין ניט זיַין קיין איינציַיטיקייט בא אים און בא יערוכעמען. מ'איז שוין אפגעפארן עטלעכע הונדערט מעטער. דער ערשטער וואגן האט געמיטן דאס בריקל. דער דיַיטש האט דאווקע צוגעוואַרט, ביז זיַין וואגן האט זיך דערנענטערט, אנ־גענומען די פערד פארן צוים און אריבערגעפירט זיי, נאר דערנאך ווידער אוועק צום ערשטן וואגן. לייזער האט באשלאסן מער ניט וואַרטן און גענומען אראפקריכן פון וואגן.

אנגעבויגענערהייט, אף די שפיץ פינגער איז ער אריבערגעלאפן צום ערשטן וואגן און דא אריבער לינקס. דריַי פלינקע שפאן איז פולן וווּקס — און ער איז שוין הינטער דער פלייצע באם דיַיטש, וואס גייט מיט ברייטלעכע טריט, אנהאלטנדיק זיך איז דער דראבינע. מיטן גאנצן קויעך האט לייזער אריַינגעהאקט זיַין מעסער דעם דיַיטש צווישן די לאפעטקעס. א פארטויבטן געשריי געטאן, א דריי זיך געגעבן, ווי אף צו זען, ווער עס האט אים אזא ווילדן ווייטיק פארשאפט, האט דער דיַיטש מיט פארוואר־פענע הענט גענומען פאלן. לייזער האט א שלעפ געטאן דעם מעסער און שוין א פאלנדיקן דעם דיַיטש ווידער א האק געטאן אין זיַיט. דער צווייטער דיַיטש האט זיך א שטעל אויף געגעבן אפן דישעל, א כאפ זיך געטאן צום געווער, נאר אין דער זעלבער רעגע האט יערוכעם הינטער זיַינע פלייצעס זיך א הייב געטאן אף די קני. איין זעץ מיטן מעסער — און דער דיַיטש האט א פאל געטאן צווישן די פערד.

ליזער האָט געהאַלטן די כריפּענדיקע פערד פאַרן צוים, ביז יערוכעם האָט אַרויפגעוואָרפן די טויטע אַפן וואָגן און איבערגעדעקט זיי מיט אַ ברעג פון ברעזענט. צוגעקומען צו ליזערן איז ער אין אַ דייטשישן רעגן־מאַנטל און אויך אים דערלאַנגט איינעם. איבער דער ברוסט באַ יערוכע־מען איז געהאַנגען אַן אויטאָמאַט, ער האָט ליזערן אויך אַן אויטאָמאַט געגעבן, אַליין אַריבערגעוואָרפן אים דעם רימען איבערן האַלדז. ער האָט עס געטאָן שווייַגנדיק, מיט אַ מאָדנער פייַערלעכקייט.

געבומען די לייצעס פון ליזערס הענט און אַרויפגעקראָכן אַפ דער קעלניע, האָט ער געזאָגט:

— טאָמער טוט מען אונדז אַ רוף פון עפּעס אַ פּאָסטן, בין איך — הענקע.

— און עפּשער איז ניט קעדייַ צו פאָרן איבערן אַספאַלט?

— פאַרקערט, דאָ וועט דער רעגן די שפּורן פאַרוואַשן.

אַ דייַטשישע אויטאָמאַשין, וואָס איז געפאָרן מיט פון אויבן פאַר־שטעלטע פאַרעס, האָט אַ ביסל ווייַטער באַלויכטן די צוויי וועגענער, נאָר די צונויפגעהאַרבעטע אָנטרייַבער אין מיליטערישע רעגן־מאַנטלען, מיט אויטאָמאַטן אַפ דער ברוסט, האָבן קיין כשאַד באַ קיינעם ניט אַרויס־גערופן...

7

די געהאַרגעטע דייַטשן האָבן יערוכעם און ליזער אַראָפגעוואָרפן צווישן ייִדישן און פּוילישן בעסוילעם אין אַ ליים־גרוב, וואָס איז געווען באַ אַ בערגל ניט ווייַט פון וועג. פאַרשיטן האָט מען זיי באַשלאָסן אַף צוריקוועגס, ווען מע וועט שוין האָבן לאָפּעטעס. פאַר דעם, ווי אַראָפּ־שטופּן אין גרוב די טויטע גופים, האָט יערוכעם ווידער זיי אַרומגעקוקט. באַם דייַטש, וועלכן ליזער האָט דערשטאָכן, האָט ער אין דער הינטער־שטער קעשענע געפונען אַ קליין פּיסטאַלעטל.

— דייַנער! — האָט יערוכעם אויסגעשטרעקט דאָס געווער ליזערן.

כאָטש ליזער האָט זיך געוואָלט אָפּזאָגן פון אָט דער פייַנער מאַטאָנע לעטויוועס דעם כאַוווער, האָט ער עס ניט געטאָן. ער האָט דעם פּיסטאַלעט פאַרבאַהאַלטן אין קעשענע. אַ צווייט מאָל זיך אָפּזאָגן פון אַזאַ מאַטאָנע האָט ער זיך אַליין ניט דערלויבט.

פון די כאַליעוועס באַ די טויטע האָט יערוכעם נאָך אַרויסגעשלעפּט רעזערוו־אַבוימעס צו די אויטאָמאַטן, פון איין דייַטש אַראָפּגעשלעפּט דעם מונדיר, אַ פּילאָטקע האָט ער נאָך פריער פאַררוקט אין קעשענע.

מע האָט פאַרקערעוועט צום ייִדישן בייסוילעם. דער וועכטער איז אַרוים אַ קוק טאָן, ווער איז עס צוגעפאָרן מיט וועגענער צו זייַן טויער. דאָס איז געווען אַ געהויקערטער אַלטער, אַפן קאָפּ און אַף די פּלייצעס — אַרוים איז ער אין איין העמד — איז באַ אים, ווי אַ קאַפּיושאָן, געווען

ארויפגעווארפן א זאק, קעדיי צו באשיצן זיך פונעם מאראקענדיקן רעגנדל. יערוכעם האט אים צוגעטראגן די רער פון אויטאמאט הארט צו דער בארד. דער אלטער האט א ציטער געטאן.

— באוויז, ווו דו האסט פארטיקע גריבער!

דער וועכטער איז שווייגנדיק אוועק פארויס, יערוכעם און לייזער האבן געפירט די פערד פאר די צוימען. אין דער טונקעלער נאכט האבן זיך געזען אנגעבויגענע מאצייוועס, איינציקעביימער. אף א פלאץ, צווישן פיל פרישע בערגלעך, האבן זיך געשווארצט עטלעכע היפשע גריבער, אויסגעגראבענע אין א ריי. מ'האט שוין לאנג אויפגעהערט צו באגראבן די מייסים פון געטא אין באזונדערע גריבער.

די ארוועס-לייט האט מען באהאלטן אין צוויי ברידער-קווארים. דער וועכטער האט געהאלפן. ווען מ'האט געענדיקט, איז ער א געהויקערטער, אנגעשפארט אין דער לאפעטע, שטיין געבליבן לעבן יערוכעמען און לייזערן און שטיל, מיט פארבארגענער אנציקונג געזאגט:

— האבן שוין די יידן געווער... אט דאס איז א זאך!

לייזער האט גענומען פון זיינע הענט די לאפעטע:

— איך מוז זי האבן, זיידע...

— נעם.

— מע וואלט אויך באדארפט האבן דעם דאזיקן זאק. — האט לייזער געזאגט.

דער אלטער האט אן ווערטער אראפגענומען דעם זאק פון קאפ. ערשט איצט איז נאך בוילעטער צו זען געווען, אז דאס איז א זאקן מיט א הוילן שארבן, מיט א צעקנייטשטן פאנעם, אף וועלכן ס'איז אויסגעשאטן נאר א שיטערע בארד. ער האט צוגעשמידט-טרויעריק געקוקט אף יערוכעמען און לייזערן, וועלכע האבן פארוויקלט אינעם זאק א דייטשישן מונדיר, די אויטאמאטן און רעזערוו-אבוימעס. שווער א קרעכץ טוענדיק, האט דער אלטער געזאגט:

— איך בין דא שוין פערציק יאר א וועכטער — קיינמאל האט מען נאך אזויפיל מייסים ניט געפירט. זאגט, עס ווערט דארט עמעצער געבוירן אויך אין געטא?

יערוכעם האט זיך אפגעקערעוועט, גענומען איבער עפעס צוטאפּטשען מיטן פוס די אנגעשאטענע ערד. לייזער האט געזאגט, קלאר ארויסריידנדיק יעדעס ווארט:

— יא, עס ווערן געבוירן — אזעלכע, ווי מיר...

צווייטער טייל.

דאָס פײַער

XI. דער קריג דויערט שוין די פינפטע וואָך

1.

אינמיטן העלן טאָג איז פון קאַנטאָר פון צוקער־זאַוואָד, וואָס געפינט זיך אַרום דער אײַזנבאַן־סטאַנציע איז פּ׳, פאַרשוווּנדן אַ פּאָרטאַטיווע שרײַב־מאַשינקע. די מאַשיניסטקע האָט זיך ערשט געהאַט אומגעקערט פון איר באַטאַגיקן איבעררײַס, זי האָט צעעפנט דאָס פענצטער אין סאָד אַרײַן, געזעצט זיך אַרבעטן, נאָר ניט געקאָנט פונאַנדערקלײַבן עפּעס אַ וואָרט און איז אַרײַן צום שעף אין צימער, געלאָזט אַפילו אַ ביסעלע אָפן די טיר. ווען זי האָט זיך אומגעקערט, איז די שרײַב־מאַשינקע שוין ניט געווען אויפן טישל.

ס׳איז מאַמעש צו באַוווּנדערן: אויף דער וואַנט איז געהאַנגען דער מאַשיניסטקעס זומער־מאַנטל, אויפן טישל איז געלעגן איר רידיקול, דערבײַ איז אויך געלעגן איר גאָלדן האַנט־זייגערל, וואָס זי טוט אויס בײַ דער אַרבעט. דאָס אַלץ איז געווען ניט גערירט. דערפאַר האָט אָבער דער, וואָס האָט צוגענומען די שרײַב־מאַשינקע, אַזוי ווײַט געהערשט איבער זיך, אַז ער האָט אַפילו פאַרכאַפּט דאָס דעקל פון אונטערן בענקל. און נאָך אַ זאַך — דאָס האָט שוין באַמערקט דער שעף, וואָס איז באַלד אַרײַנגעקומען אין צימער נאָך דער מאַשיניסטקעס דערשראָקענעם אויסגעשריי — אויפן טישל, וווּ די מאַשינקע איז געשטאַנען, אויפן פענצטער, וווּ דער, וואָס האָט זי צוגענומען, האָט זיך געמוזט שטעלן, איז צעשאָטן געווען אין שטויב פונאַנדערגעריבענער טוטין. דאָס איז געטאָן געוואָרן מיט אַ מיין — דער טוטין־רייעד האָט פאַרטויבט אַלע אַנדערע רייכעס, וואָס האָבן געקאָנט נוציק זײַן אַ שפּיר־הונט.

סאָפּקאַלסאָף איז דער פאַרלוסט געווען ניט אַזאַ גרויסער, און דער שעף, וואָס האָט בעעמעס שרעק און אָפּשײַ דערפילט פאַר דעם קאָלטבלוטיקן און דרייסטן באַזוכער, וואָלט גאָרנישט ניט געטאָן צו געפינען די מאַשינקע, ווען עס וואָלטן אויף מאָרגן ניט געווען קומען אַנדערע אומשטענדן: אין שטאָט, אויף דער סטאַנציע, גופא אויפן זאַוואָד־טויער און אויפן גאָרליטשינער קאַסטיאַל־פּלויט זײַנען געווען אַרויסגעהאַנגען פלוג־בלעטלער, געדרוקט אויף אַ שרײַב־מאַשינקע, ווי ס׳איז צו זען געווען, מיט ניט

קיין געניטער האנט. די פלוג־בלעטלעך האבן גערעדט וועגן דעם, אז די מילכאמע, וואס די דייטשן האבן אנגעהויבן אף מיזרעך, איז דער אנהייב פון זייער סאף און אז די פאליאקן דארפן ניט זיצן מיט פארלייגטע הענט, ווייל א קלאפ איז פלייצע איז ניט ווייניקער ווערט, ווי א קלאפ אין דער ברוסט.

ניט אזוי דער שעף פון זאוואד, ווי די מאשיניסטקע האט נאך נעכטן דערציילט וועמען־ס'ניט־איז וועגן דעם צופאל מיט דער שרייב־מאשינקע. דאס אוואדע האט ארויפגעפירט די פאליציי אפן געדאנק צו פארגלייכן די אפדרוקן פון די אויסיעס אף די פלוג־בלעטלעך מיט די פאפירן, וואס פלעגן געדרוקט ווערן אין קאנטאר פון צוקער־זאוואד. די אפדרוקן זיינען צונויפגעפאלן. איצט האט מען שוין דאווקע געבראכט א שפיר־הונט אין קאנטאר פון צוקער־זאוואד. נאר, ערשטנס, האט דער טוטין־רייעך אים אראפגעפירט פון וועג, צווייטנס, איז שוין ביכלאל צו שפעט געווען. געבן אים באשמעקן די פלוג־בלעטלעך אליין האט אויך קיין זין ניט געהאט: זיי זיינען אויך דורכגעזאפט געווען מיט טוטין־רייעך און דערצו איז נאך קאיאר געגאנגען א רעגן...

2.

אנעליע וואיטאס האט איינע פון די ערשטע באוויזן דורכלייענען דאס פלוג־בלעטל, וואס איז ארויסגעהאנגען געווען אין גארליטשינא, ווייל זי האט געוווינט ניט ווייט פון קאסטיאל. זי האט פונקט פארבייגעטריבן די בעהיימע צו דער לאנקע.

זי האט א מינוט זיך ניט געקאנט רירן פון ארט, די אויסיעס זיינען איר געשפרונגען פאר די אויגן. ניט נאר פון אומגעריכטקייט, פארקערט, זי האט שוין די לעצטע צייט געהאלטן, אז זי איז פארבונדן מיט אלץ, וואס האט א שייכעס צו אזעלכע זאכן. פארוווּנדערט און א ביסעלע געארט האט זי דאס, וואס אזוינס איז געשען אן איר אנטייל, און דאס האט זי גלייך ארויפגעפירט אפן געדאנק, אז אין דארף איז נאך עמעצער טעטיק געהיים, כוצן פעטער יאן. די איבערראשונג און געוויסע פארלוירנקייט אירע איז געקומען גראד דערפון, וואס זי האט געמיינט, אז זי ווייס קימאט זיכער, ווער דאס מוז זיין...

עפעס איז עס, לויט איר מיינונג, ניט ענלעך געווען אפן פעטער יאן, דעם לאקאמאטיוו־מאשיניסט, ער זאל זיך זעצן דרוקן אף א שרייב־מאשינקע. עמעס, ס'האט זייער געקענט זיין, אז דער פעטער האט נאך עמעצן, כוץ איר, אין דארף צי אין שטעטל, וואס קאן אים קומען צוהילף אין אפדרוקן און ארויסהענגען פלוג־בלעטלעך. פארשטייענדיק דאס גאנץ גוט, האט זי אבער ניט אויפגעהערט טראכטן גראד וועגן דעם ערשטן, וואס איז איר געקומען אפן זינען, כאטש איבער אייניקע אומשטענדן, וועלכע

זי האָט אָפּוואַרפן ניט געקאָנט, האָט די דאָזיקע זאַך אויסגעזען זייער מאָדנע.

צי האָט זי געוואָלט, אַז איר פאַרדאַכט זאָל האָבן אַ גרונט? דאָס דאָזיקע האָט פאַר איר געהאַט אַ ביסל אַן אַנדער אינטערעס, ווי דער, וואָס זי האָט זיך געוואָלט איינריידן.

אין גאָרליטשינאַ האָט זיך באַוויזן אַ מענטש, צו וועלכן אַנעליע איז קינדעריש ניט גלייכגילטיק געווען נאָך פאַר דעם, ווי זי האָט זיך באַקענט מיט לייזערן. דאָס איז געווען סטעפאַן גאָלדאַש. מיט פיר יאָר צוריק איז ער, אַ זון פון אַ רייכן וואַלד־אויפזעער, אַראָפּגעקומען אַהער אין דאָרף פון זיין סטודיום אין וואַרשע און געוואָרן אַ גימנאַסטיק־לערער אין דער שטעטלדיקער גימנאַזיע. אַנעליע איז דאַן געווען אין אַכטן קלאַס, אַ מיידל פון זיבעצן יאָר. אָט דאַן איז איר סטעפאַן, ניט קיין הויכער, אָבער גאַנץ שטאַלטנער באַכער, מיט לאַנגע, בלאָנדע האָר, מיט יונג־אָנגעמערקטע געלבלעכע וואָנצעלעך, וועלכע ער האָט דיין אַרומגעגאָלט, מיט גרינלעכע, עטוואָס פאַרכאָלעמטע אויגן, געפעלן געוואָרן. זי האָט זיך געגרויטלט, ווען ער האָט געקוקט אַף איר, שטאַרק פאַרלוירן זיך, ווען ער פלעגט בעיים די איבונגען אָננעמען אירע הענט און, צוהאַלטנדיק זי פאַר דער טאַליע, באַוויזן וויאַזוי זיך אויסבייגן.

אין איינעם אַ יאָנטעוו־טאָג האָט גאָלדאַש, אַנעליע ווייס אַליין ניט, ווי דאָס איז געשען, אַוועקגעפירט זי צום ראַנד וואַלד, וואָס הייבט זיך אָן הינטערן דאָרף, באַם טייכל, און זי אַ קוש געטאָן. אַנעליע האָט זיך אַזוי פאַרלוירן פון אָט דעם ערשטן קוש, דערצו נאָך פון אַ לערער, וועלכער איז געווען אַף גאַנצע זעקס יאָר עלטער פון איר, אַז זי האָט זיך אַפילע ניט געווערט. ווי אַ הילצערנע איז זי אַ רגע שטיין געבליבן און דערנאָך אַוועק, ניט אומקוקנדיק זיך.

פון יענעם אָוונט אָן האָט זי אים געגומען אויסמיידן. טיף אין האַרצן האָט זי די ערשטע צייט אַף אַן אַנדער מין אויפן געליטן, ווען ער האָט געקוקט אַף איר, אָדער פאַרקערט — אומיסטן ניט געקוקט, ווען ער האָט בעייסן לימעד געגומען עפּעס אַן אַנדער מיידל פאַר דער האַנט, ווען זי האָט אים געזען גיין איבער דער גאַס עמיצן פון די לערערנס אָדער שילערנס. צוביסלעך אָבער איז אָט דער געפיל אַריבערגעוואַקסן באַ איר אין אַ טיף איינגעוואָרצלטער פיינטלעכקייט, ס׳האָט איר שוין אויסגעזען ניט שיין, וואָס גאָלדאַש טראָגט קימאַט ווי באַ אַ מיידל לאַנגע האָר, וואָס ער פוצט זיך אַזוי. זי האָט דאַן, אין יענעם זומער, ווען זי האָט די גימנאַזיע פאַרענדיקט, שוין געהאַט אין זיך אַפילע קראַפט און געשטעלטקייט אַ ביסל אָפּלאַכן אין דער שטיל באַ זיך פון אָט דעם סטעפאַן. איינס איז איר יאָ געפעלן געווען — זיין געזונטער, שיין געבויטער קערפּער. ער האָט אינגאַנצן אויסגעזען ווי אַ פיין געטאָקטע סקולפּטור, נאָר אַ קאָפּעלע קלענער פון נאַטירלעכער גרייס.

אנעליע איז אוועקגעפארן לערנען זיך אין שטאט, און גאלדאשן פלעגט זי זען נאר בעיים זי פלעגט קומען אין די קאניקולן. צווישן זיי האבן זיך איינגעשטעלט קאלטע העפלעכע באציונגען, ווי צווישן א שילערן און א געוועזענעם, ניט גאר באליבטן לערער. דאך פלעגט אנעליע שפירן, אז גאלדאש קוקט אף איר מיט פארבארגענער אנציקונג. ס'איז איר אפילע באוווּסט געווען, אז גאלדאשעס מוטער פרעגט זיך אף איר נאך בא דער מאמען, ווען מע זעט זיך אין קאסטיאל. איינמאל האט פאני גאלדאשאווא אפילע געבעטן אנשרייבן איר א גרוס אין שטאט אריין. אינעם ענטפער-בריוו אהיים האט אנעליע געבעטן די מוטער באדאנקען פארן גרוס די פאני גאלדאשאווא, נאר מער שוין אף קיין גרוסן ניט געענטפערט.

דאס אלץ איז געווען פארן קריג.

בעיים דער פויליש-דייטשישער מילכאמע איז סטעפאן גאלדאש מאבילי‍זירט געווארן. דערנאך איז באוווּסט געווארן, אז ער איז אין געפאנגענשאפט. ס'זיינען אריבער קנאפע צוויי יאר. ס'האט זיך שוין אינגאנצן אויסגעוועפּט פון איר הארצן דאס געשטאלט פון דעם וואלד-אויפזעערס צוגעפוצטן זון, דעם לערער. סיי דאס גוטע, וואס זי האט צו אים צוערשט געפילט, סיי די פיינטלעכקייט און קעלט זיינען שוין פארגעסן געווארן. און פלוצים איז ער אראפגעקומען אין גארליטשינא.

3

אנעליע האט באגעגנט סטעפאן גאלדאשן, נאך בעיים זי האט זיך מיט דער באן אומגעקערט פון ק' אין דעם טאג, ווען דער קריג אף מיזרעד האט זיך אנגעהויבן. אין דער וואיעוואדישער שטאט זש', אף דער סטאנציע, האט אן אוילעם פאסאזשירן זיך פארזאמלט ארום א הויכריידער, וואס איז צוגעפעסטיקט געווען צו א טעלעגראפן-סלופּ — עס זיינען טראנסלירט געווארן נייעס. פלוצים האט אנעליע דערזען א באקאנטע פיגור פון א מאנצבל, וואס איז געשטאנען צו איר מיט דער פלייצע, נאר זי האט זיך ניט געקאנט דערמאנען, ווו האט זי אים געזען. דער מאנצבל, ניט קיין הויכער, נאר א גאנץ פעסטער, איז געווען אנגעטאן אין א העלן רעגן-מאנטל, וואס האט שטייף ארומגעצויגן זיינע ברייטע אקסל, ער האט געהאלטן א לייכטן טשעמאדאן אין האנט. מאדנע האט אנעליע אויסגעזען בלויז זיין אנטבלויזטער קאפ, א פארשפיצטער אף ארויף, מיט גלאט צוגעקעמטע האר — אזא קאפ האט זי עפּעס ניט געדענקט. פון די זייטן האבן דעם מאנצבל פארשטעלט עטלעכע מענטשן, וואס האבן געהערט די ראדיא, איז אנעליע שטיין געבליבן הינטער זיין פלייצע. צו דעם דאזיקן, וואס אינעם העלן רעגן-מאנטל, האט זיך די גאנצע צייט געקלעפּט עפּעס א הויכער באכער, געקליידט קימאט ווי א „הארצעזש"*), אין אן אויסגע-

*) א פוילישע בורזשואזע יוגנט-ארגאניזאציע.

פּאַסטן גרינעם פּרענטש מיט אַ סאַך קעשענעס, אין ברידזשן און קראַגנעס. געווען איז בײַ אים אַ געבראָכענע נאָז מיט אַ האָרביקל, אַ קנאַפּ אויפֿן האַלדז. ער האָט זיך געהאַלטן אין אײן דרײען, דערפֿאַר האָט אַנעליע אים געקאָנט באַטראַכטן. די ראַדיאָ האָט איבערגעגעבן אַ נײַס, וואָס, ווי־אַזוי די דײַטשן האָבן זי ניט אַרומגעשטעלט מיט בײַסיקע ווערטלעך, האָט זיך געפֿילט, אַז זי איז פֿאַר זײ זײער אומאָנגענעם — דערפֿאַר טאַקע האָבן די פֿענעמער בײַ די פּיל פּאַליאַקן, וואָס זײַנען דאָ געשטאַנען, אויפֿגעשײַנט: ענגלאַנד האָט געמאַלדן, אַז עס האַלט אונטער אינעם קריג רוסלאַנד...

— אָט האָסטו דיר!... — האָט דער הויכער האַסטיק זיך אַ קער געטאָן צו דעם, וואָס איז אַנעליען קעגנטלעך געווען.

— מ'האָט דאָס געקאָנט דערוואַרטן... — האָט יענער געענטפֿערט געלאַסן.

אַנעליע האָט אַ טראַכט געטאָן: „צי דען גאָלדאַש?"

— נײן, גראָד דאָס האָט מען דערוואַרטן ניט געקאָנט, — האָט דער, וואָס מיטן האָרביקל אויף דער נאָז, קימאַט אויסגעשריען מיט אַנטוישונג אין שטים.

— ווער אויף וואָס עס האָט געוואַרט... — האָט דער צווײטער אים געענטפֿערט, אַלץ אַזוי געלאַסן, נאָר מיט אַזאַ פּאַרטײַעטקייט אין קאָל, וואָס אַנעליע האָט איר מײן ניט געקאָנט פֿאַרטײַטשן. איבערראַשט פֿון די געהערטע נײַס, האָט זי אַ קאַפּעלע ווי מיט פֿרײד אָפּילע אַ טראַכט געטאָן: „גאָלדאַש, אַקוראַט!" און דאָ האָט דער, וואָס אינעם רעגן־מאַנטל, זיך אויסגעקערעוועט אויף אַוועקגײן. אַנעליע האָט גלײַך אַנטקעגן זיך דערזען איר געוועזענעם גימנאַסטיק־לערער. ער איז געווען געעלטערט, דאָס פּאַ־נעם פֿאַרגעלט, די בלאָנדע וואָנצעס — עטוואָס לענגער אָפּגעלאָזט, די טונקל־בלאָנד האָר זײַנען געווען גלאַט צוגעפּרעסט צום שאַרבן, צעקעמט אויף אַ שרונט אינמיטן. דער וווּקס איז געבליבן דער זעלבער, אַנעליע איז איצט געווען העכער פֿון אים.

גאָלדאַש האָט זי אויך גלײַך דערקענט, ראַשיק אַ שפּאַן געטאָן צו איר, אָנגעכאַפּט איר האַנט בײַ די שפּיץ פֿינגער און צוגערירט זיך צו זײ מיט די ליפּן.

— אַ מין שײנע פֿרײַלן איר זײַט געוואָרן! — האָט ער מיט אַ צוגע־שטיקטער שטים אַנטציקט געזאָגט, ווי װעלנדיק נאָר זי אַלײן זאָל דאָס הערן, — באַקען זיך, זיגמונד — דאָס איז אַ געוועזענע שילערן מײַנע!

דער מיטן האָרביקל אויף דער נאָז האָט איר אויסגעשטרעקט די האַנט:

— זאַיאָנטשקאָווסקי, — האָט ער געזאָגט, און דער קנאַפּ האָט צוויי מאָל אַ גײ געטאָן אַראָפּ און אַרויף איבער זײַן דאַרן האַלדז.

גאָלדאַש האָט שווײַגנדיק, מיט פֿרײדיקער אַנטציקונג, נאָר אויך פֿאַרשעריש אַזוי געקוקט אויף איר, און אַנעליען איז עפּעס שווער געוואָרן פֿון אָט דעם בליק. די פֿרײַערדיקע קעלט האָט זיך אין איר דערוועקט. ער

האָט עפּעס געפרעגט וועגן גאָרליטשינאַ, זי האָט געענטפערט, אַז נישקאַשע, מע לעבט. ס'האָט זיך דערהערט דער צווייטער קלונג.

— גריסט, גריסט אין דער היים! — גאָלדאַש האָט איר געדריקט די האַנט, העלפנדיק אויפהייבן זיך אפן טרעפּל, — כ'וועל נאָר אַ פּאָר טעג אין וואַיעוואָדסטווע זיך פאַרהאַלטן און אויך קומען!

זי האָט זיך געאײַלט אַוועקגיין פון אים, אַפילע לעבן פענצטער בעקיוון זיך ניט געזעצט. אַ מאָדנער געפיל איז בײַ איר געבליבן נאָך אָט דער באַגעגעניש און פאַרשטאַרקט האָט אים גראָד דאָס, וואָס זי האָט אַזוי טאַקע ניט פאַרשטאַנען. וואָס מיינט ער מיטן: „ווער אָף וואָס עס האָט געוואָרט".

זיגמונד זאַיאָנטשקאָווסקי איז אַראָפּגעקומען אין גאָרליטשינאַ צוזאַמען מיט סטעפאַן גאָלדאַשן און זיך אָפּגעשטעלט בײַ אים. אין דאָרף האָט מען גערעדט, אַז דאָס איז אַ זון פון עפּעס אַ פּאָרעצל, וואָס זײַן גוט, אַ קילאָמעטער פערציק פונדאַנען, האָבן פאַרנומען די דײַטשן. אַליין דאָס פּאָרעצל מיטן הויזגעזינד איז אַוועקגעפאָרן קיין רומעניע צי אַפילע קיין ענגלאַנד. דער זון איז געווען אין געפאַנגענשאַפט. וועגן סטעפאַן גאָלדאַש האָט מען דערציילט, אַז ער איז אין קאָנצענטראַציע־לאַגער געווען עפּעס אַן אויפזעער, און אַנדערע האָבן פאַרקערט, געזאָגט, אַז ער איז דאָרט אַלע מאָל געזעסן אין קאַרצער, ווײַל ער האָט געבונטעוועט די געוועזענע פּוילישע סאָלדאַטן. ווידער האָט מען בעסאָד־סוידעס דערציילט, אַז ער איז שוין איצט אַן אָפיציר, צוזאַמען מיט נאָך געפאַנגענע פּוילישע סאָלדאַטן זיך געלערנט געהיים אין לאַגער בײַ הויכע פּוילישע אָפיצירן, וואָס זײַנען דאָרט געווען. אַנדערע אָבער האָבן גערעדט, אַז ער האָט עפּעס אַזאַ שול געענדיקט בײַ די דײַטשן. אין שכייניש דאָרף האָט זיך געהאַט אומגעקערט אַ געוועזענער קריגס־געפאַנגענער, אַ קאָנטוזיעטער, און דאָס זײַנען קלוימערשט פון אים געגאַנגען אייניקע, ניט גאָר וואַזשנע קלאַנגען וועגן גאָלדאַשן, ווײַל זיי זײַנען, אַ סוואָרע, געווען אין איין לאַגער אַ שטיקל צײַט. גאָלדאַש אַליין האָט דערציילט, און די מוטער זײַנע האָט עס פאַר מענטשן איבערגערעדט, אַז די דײַטשן האָבן אים, דעם לערער, איינמאָל געוואָלט דאַווקע נעמען שטודירן אָף אַ פּוילישן פּאָליציי־שעף, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט און מ'האָט אים דערפאַר פאַרשלעפּט טיף אין דײַטשלאַנד. איצט האָט מען אים אָפּגעלאָזט איבער זײַן געזונט־צושטאַנד.

מ'האָט אָבער ניט געזען, אַז דאָס געזונט זאָל שלעכט זײַן בײַ גאָלדאַשן. צוזאַמען מיט זאַיאָנטשקאָווסקין האָט ער גענומען צונויפזאַמלען אַפן וויהאָן פּוילישע יונגען, אין וועמענס באַלעבאַטישקײַט ס'זײַנען געווען גוטע פערד, און אײַנאָרדענען פאַרמעסטונגען, ווער ס'וועט וועמען איבעריאָגן. אַ צוויי מאָל האָט מען מיט די יונגען געמאַכט אַ פּאַרויעט, ווער עס וועט אָפּשווימען הונדערט מעטער קעגן שטראָם מיטן אַנטאָן, צוגעבונדן

צום קאפ, און מיט א שטעקן אין מויל. גאלדאש, האט מען דערציילט, איז אזוי אפגעשוווּמען דריי הונדערט מעטער. אף מארגן איז מען נאך אוועק אין וואלד און איינגעארדנט אזא פארוועט אין א גרין־פארצווייגטער אזערע, אין איינער פון די פיל אזערעס, וואס זיינען דא אין אומגעגנט געווען.

ארום גאלדאשן און זאיאנטשקאווסקין האט אלץ מער געזאמלט זיך א באשטענדיקער קרייז געזונטע יונגען, צומייסטנס פון פארמעגלעכע עלטערן. זיי האבן געקאנט, אז שאדן פאר דער באלעבאטישקייט, אפרייסן זיך פון דער ווירטשאפט. מ'האט זיי געלערנט פויזען אין גראז, ניט אויפהייבנדיק דעם קערפער. ווארפן וואס ווייטער געשניצטע הילצערנע קלעצלעך. אין דארף האבן זיך פארשפרייט עפעס נייע לידלעך וועגן פוילן.

אנעליע האט זיך צוגעקוקט צו גאלדאשעם מייסים און עפעס גלייך זיך ניט געקאנט אפגעבן א כעשבן, וואס דאס איז אזוינס. אט האט זיך איר געדוכט, אז דאס זיינען אלץ אויסקלערענישן פון אן ארבעטסלאזן גימנאסטיק־לערער. און אט — אז ס'ווערט געטאן מיט א באשטימטן מיין.

די לעצטע צייט האט אנעליע געשפירט א ניט־באפרידיקטקייט, אפילע א געוויסע פארלוירנקייט, וואס איז געקומען איבער עטלעכע סיבעס, און דערפאר עפשער האט זי פונוויטנס צוגעקוקט זיך צו גאלדאשעם טעטיקייט, כאטש זי האט גאנץ אנטשלאסן אויסגעמיטן באגעגענישן מיט אים. גאלדאש, פארקערט, האט זי שוין א פאר מאל געזוכט. איינמאל האט זי פונקט געמאלקן די קו און איז בעקיוון ניט ארוים צו אים. א צווייט מאל איז זי געווען אין גארטן. די מוטער איז דאווקע ארויס זי א זוך טאן דארט, נאר אנעליע האט זיך פארטייעט הינטער א מאלינע־קוסט. פון דער צווייטער זייט אבער, באזונדערס די לעצטע צייט, האט עס זי אליין געצויגן א שמועס טאן מיט סטעפאן גאלדאש, קלאר מאכן, וואס שטעלט ער פאר מיט זיך.

איר געוויסע ניט־באפרידיקטקייט, און אפילע ניט דאס — איר אוויסערסט שווערע שטימונג איז געווען א רעזולטאט פון איר באזוך אין געטא . די בילדער, וואס זי האט דארט געזען, האבן זי מאמעש פארפאלגט. עס האט זי געפייניקט דער געדאנק וועגן לייזערן. זי האט אים ליב געהאט נאך עפשער מער און באזיניקטער ווי פריער. אבער וואס האט זי געדארפט טאן? נו, זי וועט נאכאמאל קומען אין געטא, אפילע נאך פינף מאל — וואס וועט עס געבן?

ווען דער קריג אף מיזרעך האט זיך אנגעהויבן, האט א האפענונג אויפגעבליצט פאר איר — די רוסן וועלן שנעל קומען און אלעמען באפרייען. האבן אבער די רוסן אלץ געהאלטן אין איין אפטרעטן.

דער פעטער יאן האט זי דאווקע געפרווט טרייסטן א פאר מאל, ווען זיי זיינען פארבליבן אויג־אף־אויג, אז נישקאשע — נאך אן אפפלוס קומט א צופלוס. זי האט עס אליין אויך פארשטאנען. אבער וואס דארף זי דערווייל טאן און וואס דארף ביכלאל געטאן ווערן?

צומאָל האָט אַנעליען געדוכט, אַז דער פעטער איז אַליין אַ ביסעלע פאַרליבט אין אַ יונגער, ער וואַרט אויך אַזוי ווי אַף אַן אייצע. מער קיין שליכעסן האָט ער איר ניט געגעבן. און זי וואָלט גערן געפאָרן. דער פעטער האָט, זוי געווינלעך, געאַרבעט אַף דער באַן, ווי עס איז איצט, אַגעוו, שטרענגער געוואָרן; געפאָרן, אומגעקערט זיך און, קומענדיק צו דער שוועסטער, גערעדט וועגן גאַנץ וואָכעדיקע זאַכן. אַנעליע האָט איין־מאָל, באַגלייטנדיק אים, געפרוווט מאַכן אַן אַנצוהערעניש, אַז זי שטויסט זיך אָן, ווער ס׳האָט אינעם ערשטן טאָג פון דײַטשלאַנדס אָנפאַל אַף רוסלאַנד אויפגעריסן דאָס בריקל, נאָר דער פעטער האָט אַף איר אַזאַ גלײַכגילטיקן קוק געטאָן, אַז איר איז אַ שטיק געזונט אַנטלאָפן: איינס פון די צוויי — אָדער ער האָט טאַקע קיין שום שײַכעס ניט צו דעם, אָדער ער באַהאַלט פון איר דעם דאָזיקן סאָד. ביידע זאַכן האָבן איר פײַן פאַר־שאַפט, יעדנפאַלס, פאַרשטאַרקט איר פאַרליבנקייט.

סאַכאַקל צוויי הונדערט קילאָמעטער איז געווען פון גאָרליטשינאַ ביזן טײַך סאַן, ווו די רוסן זײַנען ביזן קריג געשטאַנען. איצט זײַנען זיי געווען פיל ווײַטער, יענע ערד איז שוין געלעגן אין פײַער און אין בלוט. און זי האָט זיך דאָ געלעבט גאַנץ רויִק. אַ פּאָר מאָל זײַנען לופט־שלאַכטן פאַר־געקומען איבער גאָרליטשינאַ און דעם שטעטל, באַמבעס זײַנען ערגעץ דורך די נעכט געפאַלן, דאָס אַלץ האָט נאָר אַרויסגערופן שרעק בײַ מענטשן. ריזיקס אַזוינס איז פאָרגעקומען גאָר ניט ווײַט, און דאָ האָט יעדערער, פונקט ווי פריִער, געבאַברעט זיך אַף זײַן שטיקל פעלד, געפאָרעט זיך בײַ דעם פי און אַרום די אויפעס...

און אָט אין דעם דאָזיקן גאַנצן רומל האָט גאָלדאַשעס אייסעקן זיך מיט די פויערשע יונגען שוין עפּעס־וואָס באַטײַט. און ווען די שרײַב־מאַשינקע איז פון צוקער־זאַוואָד אַוועקגערויבט געוואָרן און ס׳האָבן זיך באַוויזן די פלוג־בלעטלעך, איז בײַ אַנעליען אויפגעקומען אַ כשאַד, צי איז עס ניט גאָלדאַשעס שטיקל אַרבעט אָדער עמעצנס פון די יונגען, וואָס דרייען זיך אַרום אים. עמעס, זי האָט אויך אַ טראַכט געטאָן, אַז עפּעס ליגט אַזאַ זאַך צופיל פון אויבן, ווײַל גאָלדאַש האָט קימאַט אינגאַנצן ניט אויסבאַהאַלטן זײַן טעטיקייט. דער אינהאַלט פון די פלוג־בלעטלעך האָט אויך ווי ניט אַנטשפּראָכן גאָלדאַשעס רייד אין דאָרף, וואָס זײַנען שוין דערגאַנגען צו איר. דאָך האָט זי באַשלאָסן, פאַרטויבנדיק אין זיך דעם ווידערגעפיל און די ספּייקעס, איין מאָל אָדער צוויי מאָל טרעפן זיך מיט גאָלדאַשן.

4

ס׳איז געווען אַן ערעוו־זונטיקדיקער אָוונט. גערופן פונעם שטילן, פאַרקלערטן געקלאַנג פון די קאָסטיאָל־גלעקער, האָבן די וואָיטאַסעס, ווי אַלע פויערים, הײַנט פריִער פאַרלאָזט דאָס פעלד.

אנעליע האט נאך פריער זיך אומגעקערט אהיים אף א שאכנס א פור קלעצער. זי האט געדארפט, ביז די מאמע וועט קומען, פארקיעטן טיוג און צוראמען אין שטוב. צו זון־פארגאנג איז ניט נאר דאס אלץ שוין געווען אפגעטאן — זי איז אלעמאל געווען א בעריע — נאר זי איז שוין אליין אויך געווען אויסגעצוואגן, איבערגעטאן אין איר ראזן־געקווייטלט קלייד און אין שטאטישע טופל. איןביידע צימערן איז דער לײמענער דיל געווען פריש אפגעשמירט און באשאטן מיט א באזונדער מין הארטלעך גראז, אף די ראמען פון די הייליקע בילדער — א גאב דעם פאטער — האט זי אויפגעהאנגען בלומען און יאסען־צווייגלעך, ווײַסע, אנגעקראכ־מעלטע פאדהענגלעך האבן געפלאטערט אף־די אפענע פענצטער. ביז די מוטער האט שוין אין דער טונקל פארענדיקט פארען זיך באם אויוון, איז אנעליע ארוים שטיין א ביסל באם־צוגעבויגענעם טויער.

אזא איז דער פארגעניגן אין דארף — שטיין באם טויער און קוקן אין גאס. אנעליע האט א קלער געטאן אפילע, צי לוינט ניט א רוף טאן עמיצן פון אירע כאווערטעס. נאר זי האט זיך באלד אפגעזאגט פון דעם געדאנק.

איבערן וועג פון וואלד האט ניט געאײַלט זיך גערוקט א וואגן, אנגע־טריבן פון א יונגן באכער, א געוויסן פיליפ סטופא. אראפגעהאנגען די פיס אין גלאנציקע קראגעס, איז אף דער דראבינע פונעם וואגן געזעסן סטעפאן גאלדאש. אין די הענט האט ער געהאלטן א ביינגעווידיקן שטעקן אזוי, ווי דאס זאל אים גלײַכגעוויכט צוגעבן. דערזען אנעליען באם טויער, איז גאלדאש אראפגעשפרונגען פון וואגן, פארנייגט זיך פאר איר פון יענער זײַט קאנאווע און גלײַך פון ארט אריבערגעשפרונגען די קנאפע צוויי מעטער. אנעליע האט אים דערלאנגט די האנט, ער האט זי גענומען פאר די שפיץ פינגער און א קוש געטאן.

— קיין בייזע הינט, האף איך, זײַנען בא אײַך אין הויף ניטא? — האט ער געפרעגט מיט אן אויפגערוימטן שמייכל.

— איר זײַט דאך דא שוין געווען א פאר מאל, און קיינער האט אײַך ניט צעביסן...

— אך, יא, מע קאן אײַך גאר אין דער היים ניט טרעפן.

— שטענדיק — אדער אין דער היים אדער אין פעלד. צוויי גוטע אדרעסן. דאס שפאצירט איר אלץ אום, — האט אנעליע געזאגט מיט א לײַכטער שפילעווודיקייט אין קאל, — בא מענטשן איז שניט, בא אײַך — אפרו...

גאלדאש האט זיך דערפילט געטראפן, טרויעריקלעך א הייב געטאן די ברעמען:

— בא מיר איז איצט, אויב איר ווילט, פארזיי, די צײַט פון פלאנצונג.

— וואס זשע פלאנצט איר? עפשער — פיקוסן, קאקטוסן? איצט איז, דוכט זיך, די צײַט פאר דעם.

גאלדאש האט מיט איף פארבארגענער דראונג א קוק געטאן אנעליען אין די אויגן:

— אנטשולדיקט, פרײַלן, וואזאנעם זײַנען ניט קיין מאנצבלשע אר־בעט. עס פאסט מער פאר מיידלעך, דערבײַ אין א געוויסן עלטער. מאלע ווער עס פלאנצט הײַנטיקע צײַטן...

אנעליע האט מיט געצוימטער אויפרודערונג באגעגנט זײַן בליק. אין דער מינוט, וויסנדיק גאנץ ווויל, אז זײַן פלאטשיק, רייך־אויסגעגאלט געזיכט מיט אט די עטלעכע צוגעפודערטע פרישטשיקלעך אפן קין איז איר פרעמד, דערווידער אפילע, אז דער אקוראטער שרונט זײַנער אינמיטן קאפ פאסט אים ניט און אז דאס ראטעוועט ער זיך אזוי פון א יונגן פליך, אז אין די אויגן זײַנע, קאלטע און גרינלעכע, איז ווי אש אנגעשאטן אפן דנא, וויסנדיק דאס אלץ, איז זי עס גרייט געווען אין דעם מאמענט פאר־טויבן אין זיך און אפן אים א פרעג טאן: צי האט ער עפעס א שייכעס צו דעם איניען מיט דער שרײַב־מאשינקע און צו די ארויסגעהאנגענע פלוג־בלעטלעך? און ווען ער זאל איר ענטפערן, אז יא, וואלט זי אים עפשער אלץ מויכל געווען. נאר דאס איז געווען א געפיל, וואס איז אין א מינוט ארום שוין פארשוואונדן, מער, ווײַזט אויס, האט עס טאקע לעבן אין איר ניט געקאנט, אומאפהענגיק פון קיינע ענטפערס גאלדאשעס. דערפאר האט זי מיט פלוצימדיקער גלײַכגילט אפגעקערט דעם בליק און גארניט ניט געענטפערט.

די מוטער איז ארויס אין הויף אויפהענגען א טאפ אפן פלויט:

— וואס זשע שטייט איר באם טויער, קומט ארײַן אין שטוב...

אנעליע האט דערפילט א פארדראס אף דער מוטער, וואס זי מישט זיך ארײַן. ס'האט זי געארט, וואס יענע האט פון גאלדאשעס וועגן ארויפ־געווארפן די יאמטעוודיקע שאל אף די אקסלען. כאטש זי האט געהאט אין זינען זיך דורכשמועסן מיט גאלדאשן אויג־אף־אויג, נאר זיך אליין טאקע אף צולאכעס האט זי געזאגט:

— קומט ארײַן אין שטוב.

פון די ארומיקע הויפן האט מען געזען, אז גאלדאש איז ארײַן צו די וואיטאסעס אין הויז. דער גאסט האט זיך נאר צוגעזעצט באם טיש, פאר־פירט מיטן פאטער א שמועס וועגן יענוועלטיקייט (גאלדאש האט באמערקט, אז אין די צימערלעך בא זיי איז פײַן און ריין, האט דער טאטע אים געענטפערט, לויט זײַן טעווע, אז אף דער וועלט איז, ווי עס זאל ניט זײַן, סײַווי צו גוט פארן מענטשן, דעריקערשט — ווי וועט עס אויבן זײַן), ווי אפן שוועל פון דער אפן געבליבענער טיר איז שטיל אויסגעוואקסן דעם שאכן איינגאנץ קאפוסטאס מיידעלע יאנינע מיט א פײַערקע אין האנט. זי האט געבעטן א קויל פון אויוון, דער טאטע וויל פאררייכערן. אנטעק, אנעליעס עלפיאריק ברודערל, האט מיט א שײַטל האלץ ארויסגעשארט א קויל. נאר באקומען אים, האט יאנינע אלץ זיך ניט גערירט פון ארט,

געשטאַנען מיט דער פּײַערקע אין בײדע הענטלעך און געקוקט אַפֿן גאַסט מיט קינדערשער שטוינונג. דאָ איז שוין אַרײַן איגנאַץ קאַפּוסטאַ אַלײן, אַ טשמאָקע געגעבן מיטן היפּשן ציגאַר פֿון דער אָפּגעגאַנגענער קויל, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אַפֿן בענקל לעבן טיר.

באַלד נאָך קאַפּוסטאַן זײַנען אַרײַן די סיקאַראַס — דער אַלטער שמיד מיקאָלאַ מיט דער געלבלעכער, אַרומגעבײַרענטער באָרד און אָפּגע־בריטע באַקן און זײַן עלטערער זון סטאַניסלאַוו — אַ ברײט צעוואַקסענער, אַ הויכער, האָט ער שיר די סטעליע ניט אונטערגעשפּאַרט. דער שמיד האָט געהאַט דרײַ זין און די לעצטע צײַט געלעבט אין אײן שרעק, מע זאָל זײ אָף דער מילכאָמע ניט צונעמען. דערפֿאַר האָט ער נאָך אַ מינוט שווײַגן באַלד געשטעלט די פֿראַגע, וואָס האָט אים מער פֿאַר אַלץ אינטע־רעסירט:

— וואָס הערט מען נײַס? אונדז, די כלאָפּעס, שלעפּן כאָטש די דײַטשן ניט אינעם קריג?

— מיר זײַנען דאָ מענטשן זײַטיקע, — האָט גאַלדאַש געענטפֿערט.

— זײַטיקע איז זיך זײַטיקע, אָבער צי טראַכטן די דײַטשן אַזוי?

— וואָס די דײַטשן טראַכטן, ווײס איך ניט, אָבער איך מײן, אַז זײ זײַנען גענוג שטאַרק אָף צו צעקלאַפּן די רוסן אָן אונדזער הילף.

— אַזוי קלערט איר? — האָט דער שמיד זיך נאָכגעפֿרעגט, — און צי מײנט איר, אַז פֿאַר פּוילן וועט זײַן בעסער, אויב זײ וועלן צעקלאַפּן רוסלאַנד?

אין דער טונקלקייט פֿון צימער, — מ'האָט קײן שײַן ניט אָנגעצונדן, קעדײ ניט צו דאַרפֿן פֿאַרהענגען די פֿענצטער, ס'איז געווען דושנע נאָכן הײסן טאָג — האָט אַנעליע גיכער דערפֿילט, ווי באַמערקט, אַז גאַלדאַש האָט אַ שמײכל געטאָן מיט אַזאַ אויסדרוק, ווי ער זאָל זאָגן: „וואָס ענטפֿערט מען אַזאַ פּראָסטאַק?", ער האָט אַ קוק געטאָן אין איר זײַט, אַנעליע האָט אָנגעשטרענגט געוואַרט אָף אַן ענטפֿער, אומרויִק פֿלעכטנדיק זיך די געלאָקטע האָר, וואָס זײַנען אַראָפּגעפֿאַלן ביז די אַקסל.

— איך מײן, אַז פּוילן וועט גאָרניט פֿאַרלירן, — האָט גאַלדאַש אונטערגעשטראָכן־רויִק געענטפֿערט.

אין דעם מאָמענט איז אָף דער שוועל אויסגעוואַקסן יאַן דוזשי, אָף זײַן געזיכט — אַנעליע איז געשטאַנען בײַ דער טיר און האָט עס גוט געזען — איז געווען אויסגעגאָסן אַזאַ אויפֿמערקזאַמקייט, ווי ער זאָל האָבן געהערט אויך די פֿאַריקע ווערטער. באַגריסט זיך מיט אַ שאָקל פֿונעם קאָפּ, איז ער אָף די שפּיץ פֿינגער דורכגעגאַנגען צום אויוון און זיך אַוועקגעזעצט אָף אַ נידעריק קיר־בענקעלע. גאַלדאַש האָט צוגעוואַרט, ביז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט. אין דער אָנגעקומענער שטילקייט האָט ער מיט געלאַסנקייט צוגעגעבן:

— ריכטיקער געזאָגט, פּוילן וועט פֿאַרלירן אײנעם פֿון אירע סאָנים . . .

— וועגן וועלכן סוינע רעדט איר דאָס? — האָט דוזשי געפרעגט.
— דעם מיזרעך־סוינע.

אַרויסגעשלעפּט דאָס זעקעלע טוטין פון דער הויזן־קעשענע, האָט דוזשי גענומען אָנשטאָפּן ד ליולקע. צו אים האָבן זיך גלייך אַ צי געטאָן איגנאַץ קאַפּוסטאַ, וואָס האָט ערשט דורכן פענצטער אַרויסגעוואָרפן זיין רעשט ציגאַר, און די ביידע סיקאַראָס. גאַלדאַש האָט זיך אָפּגעזאָגט פונעם פאָרשלאָג צו פאַררייכערן.

— יאָ־יאָ, אַלץ סאָנים און סאָנים, — האָט דוזשי מיט באַדויערונג אין שטים פונאַנדערגעצויגן די ווערטער, — עפּשער איז שוין צייט, מיר זאָלן האָבן פריינט? די דייטשן זיינען אונדזערע סאָנים, די רוסן — סאָנים, די טשעכן — אויך סאָנים, קיינער, קומט אויס, איז אונדז, פוילן, קיין פריינט ניט. נו, איז קאָן דען אַזוי עקזיסטירן אַ מעלוכע אויף דער וועלט?

— דאָס איז אַ געשיכטלעכער פאַקט.

— און איך מיט מיין בלאָפּסקע קאָפּ טראַכט, אַז די רוסן זיינען אונדז קיין סאָנים ניט, — האָט דער אַלטער סיקאַראַ, שווער אוועקלייגנדיק דעם פויסט אַפן טיש, געזאָגט, — מ'האָט מיך שוין איין מאָל געטריבן אומזיסט זיך שלאָגן קעגן רוס... אונדז, פּראָסטע מענטשן, זיינען זיי קיין סאָנים ניט. און די טשעכן אויך ניט. עפּעס געדענק איך ניט, די טשעכן זאָלן זיך האָבן שטאַרק פאַרשולדיקט פאַר אונדז.

— אהאַ, — האָט דוזשי אונטערגעכאַפּט, — איך בין אין ניין־און־דרייסיקסטן יאָר געווען אין דער אַרמיי, און כ'מיין, אַז די רוסן וואָלטן אונדז געהאָלפן, ווען מיר וועלן זיך צו זיי נאָך הילף; נאָך פריער האָבן זיי געוואָלט העלפן אויך די טשעכאָסלאָוואַקן. האָט פוילן זיי דעמלט ניט דורכגעלאָזן... און ווער ווייס וואָט זאָגן, אַז די מאַפּאָלע פון די טשעכאָסלאָוואַקן איז ניט געווען שוין אויך אונדזערע אַ גרייטע מאַפּאָלע? און האָבן פריינט פון יענער זייט זיבן גרענעצן איז אַ קנאָפּע פּעולע. האָבן מיר זיי שוין געהאַט אין פראַנקרייך, איז וואָס דערפון אַרויסגעקומען?

גאַלדאַש האָט עטוואָס אָפּגעוואָרפן דעם קאָפּ אויף צוריק, אין דער טונקל אַפּילע האָט אין אַט דער פּאָזע זיך געפילט גאַדלעם:

— די געשיכטע אורטיילט קיינמאָל ניט לויט די געשעענישן פון וועלכע צוויי יאָר. פוילן לעבט איצט איבער איר באַניייונג, וואָס קומט און וועט נאָך קומען נאָך אַ גאַנצן קאָמפּלעקס געשיכטלעכע אויפטריים־לונגען. דאָס לאַנד דאַרף בלויז קאָנען אַרויסבאַקומען פון די אַלע געשעענישן אַ נוצן פאַר זיך.

— צום ביישפּיל? — דוזשים געזיכט, אַ קוים באַלויכטנס מיטן ציגאַר, איז געווען אָנגעשפּיצט.

— באַלד, באַלד... איך מיין, אַשטייגער, אַז די דייטשישע אָקופּאַציע איז שוין גאָר ניט אַזוי שלעכט פאַר פוילן...

— זעט איר, אין דער זאך פארשטיי איך גארניט, — דוזשי האט א קניימש געטאן מיט די אקסל, א דריי געטאן דעם קאפ צו קאפוסטאן, צו די סיקאראס, — אונדזער וועלטעלע איז דא א שמאלס... נאר אט איר זייט דאך ערשט געקומען פון דייטשישן קאנצענטראציע־לאגער, עס האט זיך אייך דארט געלעבט שטארק גוט?

— איי, ווער רעדט דען פון איין מענטשן!

— וואסי, איר זייט דען איינער געוועזן אין לאגער?

— איז אט ווייסט, — בא גאלדאשן האט די שטים דראענדיק א ציטער געטאן, — אפילע אין געביט פון קאנצענטראציע־לאגערס דארפן מיר זיך בא די דייטשן לערנען. ווייניק לאגערס זיינען נאך אין אונדזער פארמילכאמעדיקן פוילן געווען. און דאס, וואס די דייטשן ראמען אויס די יידן פון לאנד, איז אויך עפעס ווערט.

אנעליע האט א ציטער געטאן בא די דאזיקע ווערטער, געמאכט א טראט צו דער מיט ציִמער, נאר זיך באלד אפגעהאלטן, ווידער צוגעשפארט זיך מיטן אקסל צו דער גלעזערנער שאפע, וואס בא דער טיר.

סטאניסלאוו סיקארא האט פארוואונדערט א קנאק געטאן מיט דער צונג, נאר גארניט ניט געזאגט, ווייל אין דער רעגע האט אנעליעס פאטער זיך אנגערופן פונעם טונקעלן ווינקל, וואס צווישן די וואזאנעס און די גאטעס־בילדער.

— הייליקער יעזוס, א מענטש א מענטש ברענגט אום...

— יא, פאניע מיכאל, — האט דוזשי שוין צו אנעליעס פאטער זיך געווענדט (ער האט אים מיט אכטונג אלעמאל גערופן „פאניע"), — וויפל, פינף, דאכט זיך, יידישע מישפאכעס האט מען פארטריבן פון גארלי־טשינא? איז דען דא עמעצן גרינגער געווארן דאס לעבן דערפון? די הייזער שטייען פארלאזט, די גערטנער זייערע פוסטעווען. לאמיר זאגן, מע וועט איבעראיאר פארזייען די גערטנער, איז וואס זשע דער באוויז? ווען מע פירט ארויס פינף פוילישע פאמיליעס, וואלט מען אויך זייערע גערטנער פארזייט שפעטער־צו, אבער ווער ווייס ניט, אז דאס וואלט גע־ווען א רעציכע?

— לאוועשקע דעם שמיד, וואס באם ארייַנפאר אין שטעטל, האבן דאך אלע געקענט? — האט דער אלטער סיקארא, א פארוועבטער אין טונקלקייט, געפרעגט מיט זיין קרעפטיקן באס, — מיר האבן מיט אים אלע יארן פרייַנטלעך געלעבט: אמאל אנטליי איך בא אים א קעסטל אכנאליעס, אן אנדערש מאל העלף איך אים ארויס מיט א פורל קוילן. באשטעלער האבן מיר שוין געהאט באשטענדיקע. א פאכעד האט מיך אזש ארומגעכאפט, ווען מע האט אים פארנומען מיטן גאנצן הויזגעזינד צו דער סטאנציע. פארוואס? ווען מע טוט מיך אזוי אינמיטן העלן טאג א פארנעם...

— אַט די קליטשניקעס... — האָט איגנאַץ קאַפּוסטאַ אַ וואָרט אַרײַנגעשטעלט.

— יאָ, די גאַנוועגעז, — איז דוזשי מאַסקים געווען, — נאָר איצט זײַנען דען אין דאָרף קיין קליטשניקעס ניטאָ? אָדער עפּשער גאַנוועגען זיי ווייניקער?

גאַלדאַש האָט געשוויגן, ער האָט שוין אַ פּאָר מאָל זיך צוגעבויגן צום אָפענעם פענצטער און אַרויסגעקוקט אין גאַס. קענטיק, ער האָט זיך געקליבן אַוועקגיין. אַנעליען האָט אי געאַרט אי איבעראַשט, וואָס ער האַלט אָפילע ניט פאַר נייטיק צו פאַרטיידיקן דעם אַרויסגעזאָגטן געדאַנק. איר איז שוין אינגאַנצן קלאָר געווען, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאַר דעם וואַלד־אויפזועערס זון. דאָך האָט זי נאָר איין זאַך געוואָלט קלאָר מאַכן, ווײַל דאָס האָט געהאַט אַ דירעקטע שײַכעס צו די אַרויסגעהאַנגענע פלוג־בלעטלעך. אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו גאַלדאַשן, האָט זי געזאָגט:

— דער קריג צווישן די דײַטשן מיט די רוסן דויערט שוין די פינפטע וואָך, איז וואָס דאַרפן מיר, פּאָליאַקן, טאָן?

— אַראָפּפירן דאָס ברויט פון די פעלדער, — האָט גאַלדאַש גע־ענטפערט, — אונטערשאַרן די קאַרטאָפל, פאַרען זיך אַרום אונדזער פּי. מיר דאַרפן פירן אַ געוויינלעך לעבן און איינציַיטיק גרייטן קויכעס צום שפּעטערדיקן קאַמף. אונדז אַרט ניט, וואָס די דײַטשן פאַרטיפן זיך אין רוסלאַנד — ווײַטער דאָס פײַער פון אונדזערע היימען. אָט האָט דאָ עמעצער ניט לאַנג צוריק אויפגעריסן אַ בריק, ס'איז פּונקט ווי זיך אַליין שאַדן געטאָן. זאָלן די דײַטשן זיך רוקן אין רוסלאַנד, אויסברענגען דאָרט די קויכעס, דער קאַמף פאַר פּוילן דאַרף זיך אָנהייבן ערשט, ווען זיי וועלן זיך נעמען אומקערן מידע פון זיג...

— אהא, און די פויערטעס אונדזערע וואָלטן אָפילע געדאַרפט אַרויס־טראָגן קריגלעך מילך צו די סטאַנציעס, זאָלן די דײַטשישע סאָלדאַטן זיך אָנטרינקען געזונטערהייט, פאַרנדיק אין פרעמדן לאַנד, און קרעפּלעך וואָלט מען זיי געדאַרפט מיטגעבן פון פרישן קעז... — דוזשי האָט אַ לאַך געטאָן.

— זיי וועלן דאָס אַלץ קריגן אין רוסלאַנד.

— כ'ווייס ניט, עפּשער וועט מען זיי דאָרטן אַזוי פרײַנטלעך ניט באַגעגענען, ווי איר הייסט זיי אַרויסבאַגלייטן. און איך דרינג אַזוי, אַז דער דײַטש, וואָס איז, לעמאַשל, נעכטן דאָ אַף דער סטאַנציע אַראָפּגעפאַלן אונטער די רעדער פון וואַגאָן און צעשניטן געוואָרן, וועט ניט גיין קיין רוסלאַנד זיך שלאָגן און וועט זיך פאַרשפּאָרן אומקערן, אַ מידער פון זיג... די מאַטעמאַטיק איז אַ פּאַשעטע. — ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זײַן נידעריק בענקעלע, ראַשיק זיך אַ צי געטאָן, — עד! — האָט ער געזאָגט, — דאָס זײַנען אַלץ רייד, אומזיסטע אַמפּערײַען, וואָס גיבן גאָרניט. איך בין גאָר, אייגנטלעך, אַרײַנגעגאַנגען אָפּרוען אַ ביסל, ווײַל

כ׳דאַרף נאָך הייַנטיקע נאַכט פירן אַ לאָקאָמאָטיוו צום פראָנט, און די רוסן נישטערן אין הימל, ווי די שיידים... זאָכע, האָסט, דאַכט זיך, געבאַקן, איך פיל די גאַנצע צייַט אַ רייעך פון פרישע בולקעלעך מיט אַרבעס — דערלאַנג אַ פּאָר, ווייַל פון אַזעלכע רייד ווערט מען נאָר הונגעריק...

די מוטער האָט אין דער טונקל זיך גענומען פּאָרען באַם אויוון, אומגעקערט זיך און אַוועקגעשטעלט אפן טיש אַ הויכע שיסל מיט געבעקס. זי האָט אָנגעצונדן דעם לאָמפּ, וואָס איז אַף אַ געבויגענעם דראָט אַראָפּגעהאַנגען פון באַלקן.

— עסט, ביטע, — האָט זי זיך געווענדט צו די געסט און גענומען פאַרהענגען די פענצטער. אַנטעק האָט איר געהאָלפן.

די מאַמע איז נאָך אַלץ געווען אין איר יאָנטעוודיקער שאַל. איר פּאָנעם איז געווען טרויעריק־פאַרזאָרגט.

— עפשער וועט איר אויך פּרוּוון אונדזער געבעקס, — האָט זי זיך געווענדט צו גאָלדאַשן.

ער האָט זיך אָפּגעזאָגט, באַדאַנקט; זיך אויפגעהויבן, געזעגנט זיך מיט אַ שאָקל פון קאָפּ, האָט ער אַ טראָט געטאָן צו דער טיר, נאָר שטיין געבליבן אין פאַרלעגנהייט. אַף דער שוועל, אַוועקגעלייגט די פּייַערקע לעבן זיך און אַראָפּגעלאָזט דאָס קעפּל אַף די צונויפגעלייגטע הענט, איז זיצנדיק געשלאָפן יאַנינע. קאַפּוסטאַ האָט פאַרזיכטיק גענומען דאָס קינד אַף די הענט. גאָלדאַש איז אַרויס אין פירהויז. אַנעליע האָט אים באַגלייט אַהין. באַ דער דרויסן־טיר איז זי שטיין געבליבן. גאָלדאַש האָט גענומען איר האַנט און אָן ווערטער, בלויז מיט אַ שטילן צי, אַ רוף געטאָן זי גיין ווייַטער מיט אים, צום טויער. אַנעליע האָט זיך פון אָרט ניט גערירט.

.5

ווען סטעפאַן גאָלדאַש איז פאַרשוווּנדן פון יענער זייַט טויער, איז אַנעליע אַוועק צו די קאַפּיצעס גערשטן, וואָס זייַנען געשטאַנען באַם שטאַל. ס׳האָט זי געדריקט דער דושנע טיף־זומערדיקער אָוונט, די פיל געדאַנקען, וואָס זייַנען אויפגעקומען באַ איר, און קיין ענטפער ניט באַקומען. נאָר מער פון אַלץ האָט זי געדריקט דער פאַרדראָס, וואָס זי האָט גאָלדאַשן אַרייַנגערופן צו זיך.

די סיקאָראַס און קאַפּוסטאַ מיט יאַנינען אַף די הענט זייַנען פאַרבייַגעגאַנגען ניט ווייַט פון איר. זי האָט זיך געלאָזט צו דער שטוב. באַם שוועל האָט זי באַגעגנט דער פעטער יאַן דוזשי.

— אַוועקגעגאַנגען? — האָט ער געפרעגט מיט שפּאָט אין שטים.

— ס׳איז מיר דאָס ערשטע מאָל אויסגעקומעןריידן מיטן וואַלד־אויפזערס זון, כ׳האָב ניט געוווּסט, וואָס פאַר אַ צאַצקע דאָס איז. ער פלעגט

דא אמאל אומגיין מיט לאנגע האר, ווי א פאטאגראף. נו, נו... ווי קומט ער צו דיר?

אנעליע האט דערפילט, אז דער פעטער קוקט אויפמערקזאם אף איר אין דער טונקל, האט זי רויק געענטפערט:

— ער איז דאס אמאל געווען מיינער א לערער, איצט איז ער פארביינעגאנגען און אריין צו אונדז.

— מייד בעסער אויס אזעלכע אלטע באקאנטע... כאטש, אמאל שאדט עס ניט אויך... האסט געהערט רייד? א נייער אדוואקאט פאר פוילן!

דער פעטער האט באשעפטיקט א רייב געטאן די הענט:

— הער אויס, פלימעניצע, — האט ער געזאגט גאר שטיל (אין באזונדערע פאלן, ווען ער פארטרויט איר עפעס, רופט ער זי „פלימעניצע"), — איך האב פאר דיר א שטיקל ארבעט, נאר זייער אן ערנסטע. קום אהער. — ער האט זי אנגענומען פאר א האנט, צוגעפירט צו איינער פון די קאפיצעס גערשטן, אפגעטוליעט א סנאפ און ארויסגעצויגן פון דארט עפעס א זעקל, — אנו, בייג זיך אן...

זי האט זיך אנגעבויגן, ער האט איר האנט אריינגעשטופט אין זאק. דארט זיינען געווען קארטאפל. באלד האט זי אבער אנגעטאפט אויך עפעס הארטס, פירקאנטיקס, מיט קאלענקאר באצויגן.

— ווייסט, וואס דאס איז?

— איך שטויס זיך אן, — האט אנעליע געזאגט, קוים איינהאלטנדיק די אויפרעגונג.

— מען דארף עס באהאלטן אפן בוידעם אין היי, בא מיר איז קיין ארט ניט פאר אזא זאך... און כ'וואלט וועלן אויך, זאלסט זיך א לערן טאן שרייבן אף דעם, ווען די מאמע מאלט אף דער זשארנע... כ'האב אנומלט געקלאפט אף דעם א ביסל, בין איך שיר ניט אן פינגער געבליבן.

— דו?!

.6

אנעליע האט לאנג ניט געקאנט איינשלאפן אף איר בעטל לעבן פענצטער. איר האט געדוכט, אז עס שטיקט זי דער אראמאט פון די וואזאנעס, אז עס גייט א ביטערלעכער און אויפרעגנדיקער רייעך פון די גראזן אפן דיל, איר גאנץ לייב האט געברענט. זי האט ארופגעשארט די קאלדרע צו די פיס און ס'איז איר נאך אלץ היים געווען. און איבער אלע געדאנקען, וואס האבן זי באהערשט, האט זי געשפירט א בענקעניש נאך לייזערן, א שטארקע און נאגנדיקע. די בענקעניש האט זי דערפילט מיטאמאל, ווען זי איז אין דער פינצטער ארויפגעקראכן אפן בוידעם, איינגעגראבן זיך מיט די קני אין ווייכן היי. דער שיקערדיקער רייעך פון טרו-

קענעם גראָז האָט לײַכט איר אַ פּלעט געטאָן דעם קאָפּ, פאַרפּולט די לונגען ביז אַ כּיעסדיקער ענגשאַפט אין ברוסט. זי האָט אַ קלער געטאָן, אַז לײַזער איז נאָך קיינמאָל בײַ איר אין דער היים ניט געווען און ווייס ניט, וויפל וואונדערלעכע ווינקעלעך דאָ זײַנען פאַראַן. און ס'איז איר געוואָרן ביז ווייטיק שווער.

די מוטער איז, דוכט זיך, אויך ניט געשלאָפן. אַנעליע האָט אַ פּאָר מאָל פאַרנומען איר טיף זיפצן. זי האָט געמיינט צוערשט, אַז דאָס איז פון שלאָף, נאָר די מוטער האָט זיך געדרייט אין בעט און די שטרוי אונטער איר האָט טרוקן געשורעוועט. אַנעליען איז אומאַנגענעם געווען, וואָס נאָך עמיץ שלאָפט ניט אין צימער. אַפן אויסגערוקטן באַנק־בעטל האָט רויִק געסאָפּעט אַנטעק, פון צווייטן צימערל האָט זיך דערטראָגן דעם טאַטנס איבערגעריסן כראָפּען.

אין שטאַל, וואָס איז געבויט געווען מיט דער שטוב אונטער איין דאַך, האָט עפּעס עטלעכע מאָל שטאַרק אַ קלאַפּ געטאָן. די מוטער האָט זיך אויפגעהויבן אַפן עלנבויגן און זיך גענומען אײַנהערן. אַנעליע, פאַרקערט, האָט פאַרטײַעט דעם אָטעם. פון צווייטן צימערל האָט זיך אויך דערהערט אַ סקריפּ פון בעט, דער טאַטע האָט זיך אויפגעכאַפּט.

— מיכאַל! — האָט די מוטער אַ רוף געטאָן, — די קו וואַרפט זיך עפּעס, עפּשער האָט דאָס קעלבל זיך פאַרפּלאָנטערט אינעם שטריק?

ס'האָט זיך דערהערט, ווי דער פאָטער האָט זיך אויפגעזעצט אַפן בעט און גענומען זוכן די אָרומגעשניטענע שטיוול־קעפּלעך, דערנאָך איז ער מיט אַ הילכיקן שקראַבען דורכגעגאַנגען אין שטאַל.

— שלאָפסט, טאָכטער? — האָט די מאַמע געפרעגט.

— ניין.

— שוין לאַנג, אַז דו דרייסט זיך אַפן געלעגער?

— עפּעס נעמט מיך קיין שלאָף ניט.

די מוטער האָט, ווי פריִער, אַ זיפץ געטאָן:

— און איך טראַכט וועגן דיר, טאָכטערקע, — האָט די מאַמע געזאָגט מיט פאַרטײַעטער זאָרג אין שטים, — ביסט דאָך די עלטסטע בײַ מיר, שוין איין און צוואַנציק יאָר, זאָלסט מיר זײַן געזונט, און עפּעס טראַכטסטו נאָך אַלץ וועגן קיין טאַכלעס ניט...

— איז וואָס זאָל איך טראַכטן, מאַמע?

— כ'ווייס, פריִער איז דער פּלאַן געווען שטודירן אַף לערער, איצט איז עס אָפּגעפאַלן, דאַרף מען עפּשער פון עפּעס אַנדערש קלערן...

— כ'וועל נאָך שטודירן, מאַמע. איין און צוואַנציק יאָר איז דען אַ סך?

— איין און צוואַנציק יאָר איז ניט קיין סך, נאָר דרײַ און צוואַנציק איז מער, און זעקס און צוואַנציק אַוודע...

— נו, דערווײַל איז מיר דאָך נאָך איין און צוואַנציק.

אין דער שטילקייט פון דער נאַכט האָט זיך געהערט, ווי דער פאָטער הוקעט עפּעס הויך צו דער בעהיימע, פאַרעט זיך דאָרט אין שטאַל. די מוטער האָט געזאָגט:

— פאַרסט, טאַכטערקע, אין שטאָט די לעצטע צײַט און פֿרײַער האָס־טו אָפט בריוו אַהין געשריבן, האָסט דאָרט עפּשער עמעצן, וואָלסט באַטש דערציילט.

אַנעליע האָט געשוויגן אַ מינוט, דערנאָך האָט זי קלאָר אַרויסגע־רעדט:

— יאָ, מאַמע.

— איך האָב פאַרשטאַנען... פאַרוואָס זשע דערציילסטו קיינמאָל ניט?

— וואָס זאָל איך דערציילן? ס'וועט קומען די צײַט, וועסטו אַליין זיך דערוויסן.

דער פאָטער איז אַרײַנגעקומען אַ פאַרסאָפּעטער, אָוועקגעלייגט די שוועבעלעך אויפן פּריפּעטשיק און אַוועק צו זיך אין צימערל. די מאַמע האָט אים ניט געפרעגט, וואָס דאָרט איז געשען. אויב ער האָט קיין זאַך ניט געזאָגט, איז אַ סימען, אַז ער איז אין קאַס. זי האָט אויך געוווּסט, אַז ער האָט ניט ליב קיין באַנאַכטיקע שמועסן אין שטוב, האָט זי גע־שוויגן אַ מינוט. דאָך האָט זי ניט אויסגעהאַלטן און געפרעגט שטיל:

— און ווו איז ער, אויף דער פרײַ, טאָכטערקע?

— ניט אין טפיסע און ניט אויף דער פרײַ...

— איך פאַרשטיי, טאָכטערקע, איך פאַרשטיי, — האָט די מאַמע געענטפערט שוין מיט גאָר אַ געפאַלענער שטים.

אַנעליע האָט מיט אַ פאַרזאָטן האַרץ געשוויגן.

XII. אַזוי שטאַרבן רוסן.

יאַן דוזשי זאַמלט פריַינט

.1

די מילכאָמע אַף מיזרעד האָט זיך אָנגעהויבן, און די געשעעענישן האָבן גליַיך פון די ערשטע טעג זיך פונאַנדערגעוויקלט ניט אַזוי, ווי יאַן דוזשי האָט דערוואַרט: די רוסן זיַינען דערוויַיל אָפּגעטראָטן. צום אָנהייב מילכאָמע זיַינען זיי געווען סאַכאַקל צוויי הונדערט קילאָמעטער פון פּ׳, און ער האָט זיך גערעכנט ריכטן, אַז פאַר אַ וואָכן צוויי וועלן זיי זיַין הי, אָבער זיי האָבן מיט יעדן טאָג זיך געהאַלטן אין איין דערוויַיטערן פון די פּוילישע גרענעצן. דוזשי האָט מיט ביטערקיַיט אָנערקענט, אַז ער האָט נאַיִוו אָפּגעשאַצט די לאַגע, אָבער קיין יִיעש האָט ער צו זיַין הארצן ניט דערלאָזט. ער האָט געוווּסט איינס — יעדערער דאַרף טאָן אַלץ, וואָס מעגלעך איז, קעדיי מאָכן אומעגלעך דעם זיג פון די דיַיטשן.

אין דער שטאָט ק׳ האָט יאַן דוזשי דורך אַנעליען זיך פאַרבונדן מיט אַ באָכער, מיט וועלכן ער האָט זיך געהאָט צעשיידט אין די הינטערוואַרשעווער וועלדער אינעם ערשטן ווינטער פון פוילנס מאַפּאָלע. דאָן איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז מע זאָל זיך פונאַנדערגיין יעדערער צו זיַינע היימישע ערטער און וואַרטן אַף אַ סיגנאַל, וואָס וועט קומען אינעם נייטיקן מאָמענט. געווען איז עס אַ מענטש, וועלכן מע האָט געדאַרפט באַטראַכטן אַלס אָנפירער.

אינעם בריוו וואָס אַנעליע האָט געבראַכט נאָך איר צווייטער ריַיזע, איז געגעבן געוואָרן אַן איַינשטעלונג וואָס צו טאָן וויַיטער.

איין אָרט איז געווען אינעם בריוו, וואָס דוזשי האָט עס ניט געוווּסט, וויאַזוי אויסטיַיטשן. דאָרט איז געשטאַנען: „זלאָנזשיַיטעציע שיען וו פּיאָנטקי״ (פאַריייניקט זיך אין פינפטלעך). ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַן אָנדיַיט אַף אַ געוויסער אָרגאַניזאַציאָנעלער פאָרם. נאָר וועמעןזשע פאַרייניקן אין פינפטלעך און וואָס דאַרפן זיי מיט זיך פאַרשטעלן? אין דעם האָט מען זיך, וויַיזט אויס, פאַרלאָזט אַף זיַין פּאָליטישן כוש.

דוזשי איז געווען אַ געוויינלעכער און יונגער מיטגליד פון אַן אונטערערדישער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז זיך צוליב געוויסע סי־

בעם פונאנדערגעפאלן נאך פארן פויליש־דייטשישן קריג. גאנץ געבליבן נאכן דורכפאל איז יאן דוזשי, מיסטאמע, דערפאר, ־ ווייל ער איז נאך געווען גאר א קליין שרייפעלע. און עפשער האט דער, וואס האט מיט־ אים דירעקט פארבינדונג געהאלטן, דאס לעבן מאקריוו געווען און זיין נאמען ניט אנגערופן. ער איז געבליבן גאנץ, דוזשי, און האט אלעמאל געקוקט אף זיך, ווי אף א זוימעלע, וואס מוז שפראצונגען לאזן.

ארומטראכטנדיק די זאך פון אלע זייטן, איז יאן דוזשי געקומען צום אויספיר, אז עס דארפן געשאפן ווערן וואס מער פינפטלעך, דאס הייסט, קליינע גרופן, וואס זאלן, בלייבנדיק דערווייל איזאלירט, יעדערע באזונדער צוגעגרייט ווערן צום קאמף קעגן דייטש. פארשטאנען האט ער, אז דאס קאנען זיין פינף שכיינים, וועלכע פארטרויען איינס דעם אנדערן, א טאטע מיט זין, נאענטע קרויווים. דער איינציקער פאליטישער באדינג — האס צום אקופאנט, גרייטקייט מיט אלע מיטלען שלאגן זיך קעגן אים.

דוזשי האט גענומען באהעפטן ארום זיך דאס ערשטע פינפטל.

.2

דורכן ברייטן אספאלטירטן וועג, וואס האט זיך געצויגן פון דער מיזרעד־גרענעץ און דורכגעשניטן פ' אין סאמע מיט, פארביי ביידע קאס־ טיאלן און דעם געפלאסטערטן מארק־פלאץ, האבן די דייטשן אין א הייסן זומערדיקן טאג פארבייגעטריבן א גרופע רוסישע קריגס־געפאנגענע. דא אין שטעטל האט מען דאס ערשטע מאל געזען רוסן, איז מען זיך צונויפ־ געלאפן פון אומעטום, און פונדערווייטנס, פון הויפן און געסלעך, געקוקט אף די געפאנגענע.

פארשטויבטע און שרעקלעך אפגעריסענע, זיינען די געפאנגענע געווען פארשווארצט, שוידערלעך אויסגעצערט, פארוואקסן. אווארע זיינען זיי די הונדערטער קילאמעטער פון פראנט דורכגעגאנגען צופוס. די מערהייט איז געווען פארוווּנדעט, די צעשעדיקטע אייוורים זיינען געווען פארוויקלט מיט וואס ס'האט זיך געמאכט, בא אנדערע האבן זיך אפילע פונוויי̆טן געזען אפענע ווונדן, פארטריקנטע סטרופעס אף די פענזמער, אף די אנטבלויזטע אקסל, אף די בארוועסע צעקלאפטע פיס.

אפן מארק־פלאץ האט מען די קאלאנע אפגעשטעלט ניט ווייט פון א ברונעם מיט א קארעטע, ווו פויערים פויען געוויינלעך פערד. די קריגס־ געפאנגענע האט מען צונויפגעטריבן אין אן ענגן קרייז, ניט לאזנדיק קיינעם מאכן כאטש א שפאן אין א זייט, און אליין האבן די דייטשישע וואכלייט, פארשטויבטע פון וועג, זיך גענומען ארומטרייסלען און וואשן באם ברונעם, די היץ איז געווען א מוירעדיקע, ר'עכטער מיטן טאג, קיין ווינטל, קיין שאטן, די ערד ברענט די פיס, די לופט סארפעט.

און אט ווערט באפוילן די קריגס־געפאנגענע ווידער אויסצושטעלן

זיך אין רייען. די וואַך־לײַט שטויסן זיי מיט די קאָלבעס פון די אויטאָמאַטן, שלאָגן, וווּהין עס מאַכט זיך. ווי פּאַרקישעפטע קוקן די געפאַנגענע אַפן פולן הילצערנעם עמער, וואָס שטייט אַף דער צעברינע. זילבערנע קלאָרע טראָפּנדלעך קאַפּען פון אים אַף דער ערד. אַ ריטשקעלע וואַסער רינט ניט ווײַט, קימאַט בײַ די פיס, נאָר מע טאָר זיך ניט אָנבייגן כאָטש די שפּיץ פינגער אײַננעצן, קעדיי די ליפּן דערפרישן, ווי הילצערנע שטעלן זיך די מענטשן אויס אין רייען. וועט מען זיי טאַקע אַוועקטרײַבן ווײַטער, אין הוילן פעלד, אַפן סמאָליענדיקן אַספאַלט־וועג און ניט לאָזן דעם דאָרשט שטילן?

אין עק פון דער קאָלאָנע זײַנען געגאַנגען די סאַמע שוואַכע און שווער פאַרווונדעטע. דאָ האָט זיך געוואָרפן אין די אויגן איינער מיט אַ פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ, וועלכן צוויי אַנדערע האָבן געהאַלטן אונטער די הענט. דאָס איז געווען אַ הויכער, שיין געבויטער, בלאָנדער מענטש, מיט וואָנצעס אַפן פאַרכאַלעשטן בלאַסן געזיכט. שוין עטלעכע מאָל האָט ער מיט גרויס מי אויפגעהויבן דעם קאָפּ, קוקנדיק מיט פיבער אַף דעם וואַסער, און אין אָנמאַכט אים צוריק אַראָפּגעלאָזט. מיטאַמאָל האָט ער זיך געגעבן אַ גלײַך אויס, אַ ריס זיך געטאָן פון זײַנע באַוויירים, וואָס האָבן קיין קויעך ניט געהאַט אָדער ניט באַוויזן אים פאַרהאַלטן, און ווי אַ בלינדער, מיט אויסגעשטרעקטע הענט ציטערנדיק מיטן גאַנצן גוף, זיך אַ לאָז געטאָן צום עמער.

אַ וואַכמאַן איז געשטאַנען אין עק קאָלאָנע מיט נאָך ניט קיין אַראָפּגעקאַטשעטע אַרבל און ניט קיין אויסגעגלײַכטע לאַצן נאָכן וואַשן זיך. ער האָט צוגעשטעלט דעם אויטאָמאַט צום בויך און אויסגעשאָסן. דער קריגס־געפאַנגענער האָט אַ ציטער געטאָן אין גאַנג, שטיין געבליבן אַ ווײַלע ווי אין גרויס פאַרוווּנדערונג, דערנאָך, פאַלנדיק שוין, אַ שפּאַן געגעבן פאָרויס אַלץ מיט אויסגעשטרעקטע הענט און דערלאַנגט צום עמער. ציִענדיק נאָך זיך די קייט, האָט דער שווערער עמער אַ פאַל געטאָן און זיך אויסגעגאָסן לעבן דעם מענטשן, וואָס האָט זיך געקאָרטשעט אַף דער ערד. יענער האָט זיך נאָך אַ הייב געטאָן אַף די הענט און קני, ווי קעדיי צוצופאַלן מיט די ליפּן צום וואַסער, נאָר באַלד זיך אויסגעצויגן אין גסיסע־קאָנוווּלסיעס.

די צוויי רויטאַרמייער, פון וועמענס הענט דער כאַווער האָט זיך אַרויסגעריסן, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אַפן וואַכמאַן, וואָס האָט אויסגעשאָסן, זיי האָבן אים אומגעוואַלגערט און גענומען גנאָטעווען מיט די הענט און פיס. צוויי דײַטשן האָבן זיך אַ לאָז געטאָן דעם וואַכמאַן צוהילף, די איבעריקע האָבן דאָס געוויער אָנגעשטעלט אַף דער קאָלאָנע קריגס־געפאַנגענע. אַ צעבײַלטן, אַ צעביסענעם, אַן אויסגעקאַטשעטן אין שטויב, האָט מען דעם וואַכמאַן קוים אויפגעהויבן פון דער ערד, אין די צוויי קריגס־געפאַנגענע האָבן עטלעכע אויטאָמאַטן מיטאַמאָל אויסגעשאָסן. איי־

נער איז גליַיך ליגן געבליבן אן באוועגונג, דער צווייטער איז נאך געשטאנען א האלבע מינוט אף די קני מיט אן אויפגעהויבענעם פויסט, אין וועלכן ס'איז געווען א שטיין פארדריקט, ער האט אים אבער ניט באוויזן א שליידער צו טאן און איז מיטן שטיין אין האנט אומגעפאלן. די דיַיטשן האבן די טויטע גופים נאך עטלעכע מאל דורכגעשטעפט מיט קוילן.

די קריגס־געפאנגענע — געווען זיַינען זיי א מאן זיבעציק — האט מען אוועקגעטריבן וויַיטער. די קאלאנע האט שוין געמיטן דעם מארק, דערנענטערט זיך צום געמויערטן קאסטיאל־פלויט. אין גראזיקן הויף און אויך אפן טראטואר זיַינען דא געשטאנען פאליאקן: מענער און היטלען, שוויַיגנדיקע, דערשיטערטע, פרויען מיט אפגעצערטע, פארגליווערטע געזיכטער, פון וועלכע עס האט מיטליַיד און טיפע פארזארגטקייט ארויסגעקוקט. פלוצים האט איין קריגס־געפאנגענער אין א צעריסענער גימנאסטיארקע, — שוין אן עלטערער מענטש, א ביינערדיקער, מיט העלע, שטעכיקע האר, וואס האבן ארומגעזוימט זיין אפגעברענט געזיכט, — אויפגעהויבן א פויסט און א געשריי געטאן:

— עך, פאליאקן, וואס שוויַיגט איר! — ער האט נאך עפעס געשריגן, ניט מיטאמאל איז צו די פאליאקן דערגאנגען דער זין פון זיַינע ווילדע ווערטער, מ'האט נאר דערפילט די טיַינע אין זיַין שטים, דעם פארוואורף. באלד אבער איז שוין דער רוס געלעגן אף דער ערד, און א דיַיטש האט אים מיט די שטיוול געטראטן. די קאלאנע האט אוועקגעשפריַיזט וויַיטער. דער דיַיטש, וואס איז געבליבן באם אומגעוואלגערטן קריגס־געפאנגענעם, האט אים אויפגעהויבן א צענעריקטן, א שטויס אים געטאן פאר זיך איין מאל און נאך א מאל צו א כארעוו הויז, וואס איז געשטאנען פון יענער זיַיט שליאך. באם שוועל האט ער אים אנגעכאפט פארן קאלנער און אויסגעשאסן אין פלייצע. פארשפיליענדיק דעם קאבור פון רעוואלווער, האט דער דיַיטש גענומען אניאגן די קאלאנע.

3.

דאס אלץ האט געזען יאן דוזשי, וואס האט, ווען די קאלאנע האט זיך אריַינגעצויגן אין שטעטל, זי באמערקט פונעם הויכן אנשיט באם דעפא, און אוועקגעיַילט צום מארק. מיט אים זיַינען געווען נאך עטלעכע איַיזנבאנער. לעבן קאסטיאל האט צו דער גרופע זיך פארייניקט דער קעסלהייצער ארטור יאראש, וואס האט דא ניט וויַיט געוווינט און איז ארויס אין גאס, ווען די שיסעריַי האט זיך דערהערט. דאס איז געווען א מענטש בא די פערציקער, א געלער, א פארוואקסענער, מיט א כמורנעם, אנטשלאסן־בייזן, פארביטערטן אויסדרוק אפן געזיכט. בא דעם דאזיקן יאראש איז אן ערעד מיט א האלב יאר צוריק געשען אן אומגליק. א קאלאנע דיַיטשן, וואס האט מארשירט אף מיזרעד, האט זיך אפגעשטעלט אין

שטעטל, טאקע דא לעבן קאסטיאל. עטלעכע סאלדאטן האבן זיך גענומען יאגן נאך יאראשס א כאזערל, וואס מע האט דערזען לעבן זיין שטוב, אויפגעהויבן א שיסעריי און געטראפן אין דעם קעסל־הייצערס צוויי־יאריקן יינגעלע, וואס האט זיך פונקט געשפילט באם שוועל. דאס איז געווען אן איינציק קינד באם שפעט כאסענע געהאטן יאראש. דעם טרויער, די פארביטערונג, וואס האט דעם דאזיקן מענטשן אנגעפילט, איז אפילע זייטיקע שווער געווען צוקוקן.

לעבן כארעוון הויז, ווו דער דערשאסענער רוס איז געלעגן, און באם ברונעם, ווו עס זיינען געלעגן די ערשטע דריי, האבן זיך געשטעלט אף דער וואך היגע פאליציאנטן. דער אוילעם האט זיך גענומען פונאנדערגייז, אויפגערעגט באהאנדלענדיק דאס געשעענע. יאן דוזשי איז געגאנגען מיט ארטור יאראשן צו דער דעפא. הוידענדיק אין ריטם פון זיינע מידלעכע טריט די רויטע, צונויפגעביילטע פויסטן, באוואקסענע מיט געלע הערלעך, האט דער קעסל־הייצער טויב, ווי צו זיך אליין, גערעדט:

— איך פארשטיי אזא טויט... עטלעכע ווערטער האט א מענטש אויסגעשריען, נאר ס'איז עפשער ווערט געווען צו שטארבן צוליב זיי... „פאליאקן, וואס שוויינגט איר!”

— ניט נאר אין דעם גייט עס, — האט יאן פארזיכטיק באמערקט,

— אין מענטשלעכקייט גייט עס, אין דעם, ווער ס'איז גערעכט אין אט דעם גרויסן קריג...

— אין דעם אויך, — האט יאראש איינגעשטימט. ער האט שווייגנדיק געשפאנט וויטער, יאן האט געזען, אז ער האט נאך ניט אלץ ארויסגעזאגט.

— איך פארשטיי אזא טויט, — האט יאראש פאראקשנט זיך אומגעקערט צום פריערדיקן געדאנק, וואס האט אים, זעט אויס, ניט פון איצט אן געפייניקט, — איך האלט, אז יעטווידער פון אונדז וואלט געדארפט קאנען שטארבן אף אזא אויפן... קלוגיטשקע איז מען צו פארשטעקן זיך אין א ווינקעלע און דארט דעם שטורעם איבערוואַרטן... אט האט א מענטש עטלעכע ווערטער אויסגעשריגן און איז געשטארבן, און בא מיר אין הארצן האט ער איצט א ווונד געלאזט!

ארטור האט א קוק געטאן אף דוזשין מיט זיינע קימאט פארבלאזע אויגן. עפעס טיף־רירנדיקס, אויפגערודערטס איז אין זיי געווען. „געלאזט א ווונד, — האט יאן א טראכט געטאן וועגן אים, — צי בלויז די אלטע צערויעט?”

— אט ביסטו א מאשיניסט! — האט יאראש זיך מיטאמאל אפגעשטעלט בא א פלויט און אנגענומען דוזשין פארן ניקלנעם קנעפל פון זיין בלויען אייזנבאן־מונדיר, — ווייסט, וואס איך טראכט אמאל? איך טראכט, אז ס'איז ניטא קיין גרעסערער פארגעניגן, ווי דערפירן דעם סוינעם א צוג צו א סטאנציע און דא ארייַנשניידן זיך אין אן עשעלאן

מיט הארמאטן צי מיט טאנקען און צוזאמען מיטן פארהאסטן פראכט, צוזאמען מיט אלע פארשאלטענע נעשאמעס, וואס דו שלעפסט, אומקומען!

— ס'איז אבער פאראן א גרעסער גליק, — האט יאן שטיל געזאגט.

יאראש האט שוין ווייטער געשפרייזט מיט אים באנאנד. צוגעיגעבײלט די פויסטן, דעם קאפ אראפגעלאזט, האט ער געהערט אנגעשטרענגט און פאראקשנט, — דאס גליק, ווען מע זעט, אשטייגער, דעם סוינעס צוג צוקומען צו א געוויינלעכן בריקל איבער א גאנץ קליינעם טײַכל, און מיטאמאל טוט אים ווי א פײַערדיק מויל, וואס צעעפנט זיך אין דער נאכט, א שלונג אײַן... און אויב די האנט, וואס האט דאס אלץ אפגעטאן, בלײַבט ניט געשעדיקט, גרייט אויפטאן נאך אנדערע זאכן, — אט דאס איז עמעס גליק...

יאראש האט אנגעשטרענגט געקוקט אף דוזשין, עטלעכע מאל א פינטל געטאן מיט די אויגן, אין וועלכע ס'האט אן אומפארשטענדלעך פײַערל זיך אפגעשפיגלט. זײַן געזיכט האט אויסגעדריקט קאלטע, בייזע אנטשלאסנקייט. ער האט גארניט ניט געזאגט, בלויז א שאקל געטאן מיטן קאפ, דערנאך טיף ארײַנגעצויגן לופט. אזוי זײַנען זיי שווײַגנדיק געקומען ביז די רעלסן און זיך צעשיידט.

אף מארגן איז באוווּסט געווארן אף דער סטאנציע, אז פון זייער א וויכטיקן עשעלאן, וועלכן ס'האט באגלייט א דײַטשישע אײַזנבאן־קאמאנדע, זײַנען באנאכט, אף א פאלוסטאנאק ניט ווײַט פון פ', אפגעטשעפעט געווארן אדער האבן זיך אליין אפגעריסן די לעצטע דרײַ וואגאנעס. באם פאלוסטאנאק איז געווען א היפשער בארג־אראפ, און די דרײַ וואגאנעס האבן זיך גענומען קײַקלען אף צוריק מיט אן אלץ אנוואקסנדיקער שנעלקייט. אפגעלאפן א קילאמעטער דרײַ, האבן זיי זיך ארײַנגעשניטן אין א דײַטשישער דרעזינע, וואס איז געגאנגען צום פאלוסטאנאק און צוזאמען מיט איר זיך אראפגעקײַקלט פון אנשיט...

די נאכט איז געווען א פינצטערע, א רעגנדיקע, און קיינע שפורן, וואס זאלן אנווײַזן אף א בעקיוונדיקן פארברעכן, האט זיך ניט אײַנגעגעבן צו געפינען. עמעס, אפן פאלוסטאנאק איז פונקט געשטאנען נאך אן עשעלאן, געפירט פון א פוילישער קאמאנדע. ווי ס'האט אבער פעסטגעשטעלט די אײַזנבאן־פאליציי, האבן זיי אלע, כוץ דעם קעסל־הייצער ארטור יאראש, זיך געפונען אף זייערע ערטער, ביים די קאטאסטראפע איז געשען. וואס איז שײַעך דעם קעסל־הייצער, איז ער פונקט אין יענער צײַט אוועק אין דער סטאנציע־געבײַדע נאך זודיק וואסער. ווען די קאטאסטראפע האט זיך אנגעהויבן, איז ער געווען באם דעזשורנע, ווו ס'איז, אגעוו, געזעסן אויך א דײַטשישער באן־אנגעשטעלטער. אזוי אז אויך יאראש איז געווען אויסער יעטווידן כשאד...

דוזשי האט באגעגנט יאראשן אין א טאג ארום און אפגעפירט אים אין א זײַט. אנגענומען דעם קעסל־הייצער פארן קנעפל פון זײַן ברעזענטן

רעקל, ווי יענער האט עס ליב געהאט צו טאן, האט ער אים א קוק געטאן גלייך אין די אויגן אריין און געזאגט:

— נו, איצט ווייסטו, ארטור יאראש, וואס גליק איז?

יאראש האט ניט אפגעקערט דעם בליק. פון זיין געל־פארוואקסן געזיכט איז אין איין ווײַלע די כמורנע פארשלאסנקייט אראפגערונען, מיט אזא ליכטיקן אויסדרוק, מיט א גליקלעכן שמייכל האט ער קלאר ארויס־גערעדט:

— יא, כ׳ווייס...

— דעם וואלד־וועכטער זאגרודסקי קענסטו? — האט דוזשי שטילער געפרעגט, צוציִענדיק ארטורן פארן קנעפל נאך נעענטער צו זיך.

— נו?

— איז קום אהין היינטיקן זונטיק צווישן צוועלף און איינס באטאג, בא זיין טאכטער איז א זון געבוירן געווארן, און איך וועל זיין דער טויף־פאטער... כ׳לאד דיך איין, — יאן האט סוידעספול א שמייכל געטאן, מיטן לינקן אויג האט ער קוים צו מערקן א ווונק געטאן צו יאראשן.

4.

די צעשיסונג פון די פיר סאוועטישע קריגס־געפאנגענע אינמיטן העלן טאג און אויך דער צופאל מיט די דרײַ וואגאנעס, וואס האבן זיך אפגעריסן פונעם דײַטשישן עשעלאן אפן נאענטן פאלוסטאנאק, זײַנען ניט געווען די איינציקע פאסירונגען, וואס האבן לעצטנס אויפגערודערט דאס שטעטל פ׳ און די ארומיקע דערפער. איין זאך אבער איז געשען, וואס האט שוין באריִרט א היפשן קרײַז מענטשן, היגע אײַנוווינער, א זאך, וואס האט געווארפן א כשאד אף דער גאנצער אומגעגנט, אז דא האט מען פײַנט די היטלעראווצעס.

דאס איז געווען די געשיכטע מיט די שטעכלקעס...

געשטאמט האט די זאך פון מעטשיסלאוו סיקארא, דעם מיטלסטן פון דעם שמיד מיקאלא סיקאראס דרײַ זין.

מעטשיסלאוו — א גוואר א יונג, וואס האט געשעמט אין גארליטשינא מיט זײַן בעריעשאפט אין שווימען, שיפן זיך, קריכן אף ביימער (ער איז נאך ניט אזוי לאנג פון קינדערשן עלטער ארויס), ווי אויך אין לערנען — ער האט פאר דער מילכאמע באוויזן פארענדיקן פיר קלאסן פון דער שטעטלדיקער שול מיט אן אויסצייכענונג — האט גרויס פלינקייט און עמעסן פארשטאנד ארויסגעוויזן ניט בלויז אין שמידערײַ, נאר אפילע אין פײַנסטע שלאסער־ארבעטן. מע האט דערציילט, אז מעטשיסלאוו קען אפקאווען א וואגן ניט ערגער פונעם אלטן מיקאלא, און עפשער נאך בעסער, ווען א בריטשקע איז שוין אפגערעדט. יאן דוזשי איז געווען א ווײַטער קארעוו פון די סיקאראס, פון ווײַבס צאד, נאר ניט בלויז דערפאר

פארהאלטן זיך נאענט מיט זיי. אים איז צום הארצן געווען די צונויפגעבעטקייט, וואס האט אין אט דער מישפאכע געהערשט, די שאלוועס, די פראסטע פריינטלעכקייט, מיט וועלכער זיי האבן מענטשן באגעגנט, און באגלייך מיט דעם די ארנטלעכקייט און שטאלץ, וואס איז די סיקאראס איינגנטימלעך געווען. אזא איז דער פאטער און אזעלכע זיינען אויך די זין. סטאניסלאוו האט כאסענע געהאט און האט זיך לעצטנס אפגעטיילט פונעם טאטן, באשעפטיקט זיך אף דער קליינער ערד־נאכלע, וועלכע ער האט אין נאדן באקומען, פראנעק איז נאך גאר יונג געווען. דער דירעקטער יוידעש אין שמידעריי איז געווען מעטשיסלאוו.

אנומלט באטאג איז דוזשי, גייענדיק פון דער שוועסטער, אריין אין סיקאראס שמידעריי, וואס שטייט אין עק גארליטשינא, באם ארויספאר צום שטעטל. אפן וועג לעבן בריקל, וואס איז איבערגעווארפן איבער אן אויסגעטריקנטער ריטשקע, האט זיך פארהאלטן א דייטשישע פאסאזשיר־מאשין, דער שאפער האט געביטן א ראד, און דריי דייטשישע אפיצירן זיינען געזעסן אף די סלופקעלעך פון בײדע זייטן וועג און געווארט. דוזשי, וואס האט ניט איבעריקס ליב געהאט אנצוקוקן א פאשיסטישן פארצעף, האט זיך אויפגעהויבן אפן בערגל און איז אריין אין שמידעריי, איבערווארטן דא, ביז דער דורכגאנג איבערן בריקל וועט ווערן פריי. אין שמידעריי האט געארבעט בלויז מעטשיסלאוו. דער יונג האט באגעגנט דוזשין מיט א סוידעספולן און אנציקטן שמייכל. ס'איז צו זען געווען, אז ער האט פון עפעס גרוים האנאע.

— זיי זיצן! — האט ער א ווונק געטאן אף די דריי אפיצירן אין די איינגעצויגענע מונדירן, וואס האבן זיך געפארעט אף דער זון.

— כ'וויים, מיך ארט ניט, אז איך זע זיי ניט... — האט דוזשי אומבאשטימט געענטפערט, ניט פארשטייענדיק, פון וואס כאפט דא מעטשיסלאוו היספיילעס.

דער שאפער האט פארענדיקט די ארבעט, די מאשין איז אוועקגעפארן. מעטשיסלאוו האט ארויסגעשלעפט פון קעשענע עפעס א מאדנע צונויפגעדרייטע שטעכלקע און מיט יינגלשער פארשייטקייט באוויזן זי דוזשין. די שטעכלקע איז צונויפגעדרייט געווען פון דריי שארפע ארומגעשניטענע שטיקלעך דראט אזוי, אז זי האט געהאט זעקס קורצע שפיזלען.

— א פיין שטיקל ארבעט? — האט מעטשיסלאוו געפרעגט.

דוזשי האט ניט באנומען, וואס איז אין אט דער שטעכלקע דער קונץ, צוליב וואס נוצט זי. ער האט זיך גענומען מיט צוויי פינגער און פונקט ווי מעטשיסלאוו א פאר מאל אונטערגעווארפן זי אף דער צעעפנטער דלאניע. וויאזוי די שטעכלקע איז ניט געפאלן, האט א שפיזל געשטעקט ארויף.

— קעגן אזא געציייגל איז אפילע א גענעראל קיין בעריע ניט, — האט מעטשיסלאוו געשמייכלט.

מיטאמאָל האָט דוזשי זיך געכאַפּט, אין וואָס דער איינפאַל באַשטייט — אַזאַ שטעכלקע אויפן וועג פאַרהאַלט אַף פופצן־צוואַנציק מינוט אַ דייטשישע אויטאָמאַשין, און אויב מ׳זאָל פונאַנדערוואַרפן הונדערט, צוויי הונדערט, טויזנט אַזעלכע שטעכלקעס און ניט נאָר אין גאָרליטשינאַ, ווו אַ מאַשין פאָרט דורך אַמאָל אין אַ יוויול, נאָר ערגעץ אַף גאָר אַ באַלעבאַטן וועג ?

דאָך האָט דוזשין פאַרוואונדערט אויך דער לייכטזין פונעם יינגל, וואָס וואַרפט אַרויס אַזאַ געציייגל לעבן דער אייגענער קוזניע.

— אַט וואָס, — האָט ער געזאָגט, — קיין אַנדער אָרט אַף צו שפּילן זיך מיט אַזעלכע שטעכלקעס האָסטו שוין ניט געפונען ? ס׳אַרט דיך, וואָס די קוזניע שטייט נאָך ?

מעטשיסלאַוו איז רויט געוואָרן, אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— כ׳האָב עס נאָר געוואָלט אויספּרוּוון, — האָט ער פאַרלוירן געזאָגט, — זען, צי די שינעס קוועטשן ניט צו די שפּיזלעך. זיצן לאַנג ערגעץ און וואַרטן, אַ מאַשין זאָל דורכפאָרן, קאָן איך דאָך ניט...

— און וויפל אַזעלכע שטעכלקעס קענסטו מאַכן, לאָמיר זאָגן, פאַר אַ שאָ ? — האָט דוזשי געפרעגט, אַבסאָלוט ניט באַהאַלטנדיק זיין גרויסע פאַרינטערעסירטקייט, קעדיי צו דערמוטיקן דעם יונג.

— וויפל מע דאַרף ! — האָט מעטשיסלאַוו מיט היץ אַרויסגערעדט, — כ׳מיין, אַ שטיקלעך פופציק, זעכציק קאָן מען פאַר אַ שאָ צונויפדרייען...

— אויב שוין יאָ אונטעררוקן די דייטשן אַזאַ געצייגל, איז בעסער פון אַלץ טאָן עס אַפן טראַקט, ווו מאַשינעס לויפן אַפּ און אויף, נאָר גוט וואָלט געווען עס טאָן קעגן נאַכט. די מאַשינעס פאָרן אָן שיין, אין דער פינצטער קאָן אַ שאָפער זיך באַנעמען בא דער ראָד אַ שאָ צוויי... גרייט אויך פאַר מיר צו אַ ביסל — כ׳וועל זיי איבערלאָזן אַפן אַספאַלט, כ׳גיי דאָרטן פאַרביי אַלעמאָל.

פון יענעם טאָג אָן האָט זיך איינגעשטעלט אַ געשעפטלעכע פאַרבינדונג צווישן דוזשין און דעם מיטלסטן פון די סיקאָראַס. מעטשיסלאַוו האָט יעדן טאָג צוגעגרייט שטעכלקעס, און יאָן דוזשי האָט זיי בא אים צוגענומען, וואָס אַמאָל אַלץ אַ גרעסערע צאָל. פון דער זאַך האָט אַוודאי געוווּסט דער פאָטער סיקאָרא, נאָר זיך ניט אַריינגעמישט. דוזשי האָט פאַרשטאַנען, אַז דער אַלטער שמיד העלפט אַפילע בישטיקע דעם זון זיי אויסצואַרבעטן.

די שטעכלקעס האָבן זיך באַוויזן אַף די שליאַכן פון די אַרומיקע דערפער, אַפן אַספאַלט־וועג, פאַר און הינטער דעם שטעטל פּ׳. דייטשישע אויטאָס, וואָס האָבן זיך דאָ אַרום געצויגן צום פראָנט, זיינען אַלעמאָל געבליבן שטעקן, געהאַט קעסיידער צו טאָן מיט בייטן די רעדער, מיט קלעפּן און אָנבלאָזן די גומי־קאַמערעס. מ׳האָט שוין אומעטום גערעדט

פון די דאזיקע שטעכלקעס. ס'האט לאנג ניט געדויערט, און ס'האבן זיך באוויזן שטעכלקעס פון אן אנדער סיסטעם, אויך, געמאכט דורך א צווייטער געהיימער האנט.

די דייטשישע קאמענדאטור פון פ', וועלכע האט די גאנצע צייט ווי ניט באמערקט די שטעכלקעס אף די שליאכן, האט סאפקאלסאף אנגענומען מיטלען: אין דער אלייע שאטנדיקע לינדן־ביימער אויפגעהאנגען אף איין דיקער אויסגעצויגענער צווייג אן אלטן טויבן פויער, וואס מע האט געכאפט פאשען זיין קי אין דער וועג־קאנאווע, און א יונג יידיש פארפאלק מיט א קליין קינד, א יינגעלע פון א יאר זעקס, וועלכע האבן זיך אויסבאהאלטן אין א היי־סקירדע, ניט וויַיט פון א זייטיקן פאלווארק. אפן בוים איז געווען א מעלדונג, אז די זיינען אויפגעהאנגען פאר פונאנדערווארפן שטעכלקעס, וואס שטערן דער באוועגונג פון דייטשישן אויטא־טראנספארט.

קיינער אין שטעטל האט ניט געצווייפלט, אז די אומגליקלעכע זיינען אינגאנצן אומשולדיק, אז דאס איז געטאן געווארן פראסט, קעדיי אנשרעקן די יעניקע, וואס פארנעמען זיך אינדערעמען מיט פונאנדערווארפן שטעכלקעס. האבן זיך אף מארגן באוויזן נייע שטעכלקעס אף אלע וועגן און שליאכן און אפילע אף דעם וועג־באצירק, וואס ציט זיך פארביי דער לינדן־אלייע, ווו עס האבן זיך געהוידעט די געהאנגענע.

.5

פון צייט צו צייט פלעגט יאן דרזשי באזוכן דעם קאסטיאל. ער האט זיך קיינמאל, אפילע פאר נאענטע מענטשן, ניט ארויסגעזאגט וועגן זיינע רעליגיעזע אנשויוּנגען. דאס ווייב זיינס האט נאר געוווּסט וועגן אייניקע פרייַקייטן, וואס ער דערלויבט זיך אין דער הינזיכט.

פון די צוויי קאסטיאלן, וואס זיינען געווען אין שטעטל, האט דרזשי באזוכט דעם, וואס נעענטער צום ארויספאר. דא איז דער קסיאנדז געווען א יינגערער. דאס איז געווען א מענטש פון א יאר פערציק, א געפאקטער, א פעטסט־געבויטער, מיט א רונד, גענאלט פאנעם, געמאסטנקייט און זיכערקייט האט זיך געפילט אין זיינע באוועגונגען. ווען ער פלעגט זיך בעייסן גאט־דינסט ווענדן צו די מיספאלעלים מיט א דראשע וועגן איצטיקן אומרויִקן לעבן, פלעגט ער גאנץ פארזיכטיק און פארשטעלט טרייסטן די, וואס פארמאגן אין הארצן מענטשלעכקייט און הייסע האפענונג, רופן מעסירעסנעפעשדיק אייַנשטעלן זיך פאר דער אייגענער ערד.

גאר אן אנדער קסיאנדז איז געווען אין צווייטן קאסטיאל. דאס איז געווען א פארשוווּמענער זאקן מיט א געל, ווייבערש געזיכט. יענער האט זיינע טפילעס אפגעריכטעט מיט א קאלטן, געוווינטן גלייַכגילט, ווי ער זאל, לעבנדיק אונטער דער שוץ פון דעם אייַזערנעם שטאכעטן־צוים, זיין אפגעזונדערט און אויסגעשיילט פונעם גאנצן לעבן, וואס בושעוועט ארום

אים. אין זײַנע קורצע דראָשעס האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז רויִקייט איז דאָס גרעסטע גליק און אַז מע דאַרף זוכע זײַן צו פאַרדינען אַזאַ הייליקן צושטאַנד פון דער נעשאָמע אַף דער ערד.

דער וואַלד־וועכטער וולאַדיסלאַוו זאַגורסקי האָט אײַנגעלאַדן דוזשין פאַרן טויף־פאָטער פון זײַן ערשטן אייניקל, אַלס צייכן פון זײַן גרויסן דערעד־ערעץ צום באַז־מאַשיגיסט. דוזשי האָט אָבער באַלד געזען אײַנאָרדענען די זאַך אַזוי, ווי ער האָט געדאַרפט: ער האָט אונטערגעזאָגט זאַגרודסקין, ער זאָל אַלס טויף־מוטער אײַנלאַדן מיקאַלאַ סיקאָראַס ווײַב — העלענען. דער מיין איז געווען, אַז די סיקאָראַס, יעדנפאַלס דער פאָטער און זײַן מיטלסטער זון, זאָלן האָבן אַ מעגלעכקייט צו קומען אין וואַלד־שטיבל.

דער קסיאָנדז האָט געטויפט דאָס קינד אין איבעררײַס צווישן די טפילעס. ער איז אײַליק אַרויס אין אַ זײַטיקן הויכן פאַרגעבײַ פון קאָסטיאָל. די טאָג־שײַן איז אַהער אַרײַנגעדרונגען דורך די קאָלירטע שײַבלעך פון די שמאָלע פענצטער, וואָס האָבן זיך געפונען אין טיפע נישעס, דעריבער איז דאָ אַלעמאָל געווען טונקל און קיל. אונטער אַ הויכן בילד פון דער הייליקער מוטער מיטן קינד אַף די הענט איז דאָ געשטאַנען עפּעס ענלעכס אַף אַן אַמער, אַ פאַרשפּרייטן מיט סאַמעט, אַף אים איז געשטאַנען אַ זילבערנער צײַלעם מיט אַ נאַקעטן געקרייצטן יעזוס. לעבן צײַלעם — אַ זילבערנע קײַלע אָנגעפילט מיט וואַסער. דאָס פאַנאַנדערגעוויקלטע קינד האָט דער קסיאָנדז באַשפּריצט מיט אַ ביסל וואַסער, צוגענעצט דעם אויך דאָס קעפּל, ווו טונקעלע הערלעך האָבן זיך קוטשעראַוועט. פון דער פלוצימדיקער קעלט האָט דאָס באַשעפעניש אַ געשריי געטאָן, פאַרגאַנגען זיך אײַנגאַנצן אַ צעקרימטס, גענומען וואַרפן מיט די רויטע הענטלעך און פיסלעך. דער קסיאָנדז האָט עס איבערגעצײַלעמט.

אין קאָסטיאָל אַרײַן איז מען פון זאַגורסקיס וואַלד־שטיבל, וואָס האָט זיך געפונען אַ קילאָמעטער דרײַ הינטערן שטעטל, פון יענער זײַט באַז־סטאַנציע, געגאַנגען ניט מיטן קירצסטן וועג, איבערן אַספאַלט, נאָר מיטן לענגערן, — איבערן אויסגעפאָרענעם גרײַדער־וועג, קעדיי ניט פאַרבײַגיין די פיר געהאַנגענע, וואָס האָבן זיך נאָך אַלץ געוויגט אין דער לינדן־אַלייע. געגאַנגען זײַנען כוץ דער יונגער פאָר און דעם אַלטן זאַגורסקי (די באָבע איז געבליבן אין דער היים גרייטן דעם יאָנטעוודיקן מיטיק) — יאָן דוזשי און העלענאַ סיקאָרא — אַ הויכע, פעסטע פרוי מיט אַ שיינעם, כאָטש שוין ניט קיין יונגן, פּאַשעטן, אָפענעם געזיכט. די איבעריקע אײַנגעלאַדענע — די סיקאָראַס, אַרטור יאַראָש און נאָך אַ פּאָר מענטשן האָבן זיך געדאַרפט פאַרייניקן צו זיי אין קאָסטיאָל אָדער קומען גלײַך אין שטיבל צו האַלבן טאָג.

אין קאָסטיאָל זײַנען טאַקע געקומען מיקאַלאַ און מעטשיסלאַוו סיקאָרא, אַרטור יאַראָש און אַ פּאָר פרויען. נאָך דער טויפונג זײַנען זיי אַרויס אין קאָסטיאָל־הויף און געלאָזט זיך צום וואַלד.

גייענדיק איבער דער גאַס, האָט דוזשי גענומען פון דער יונגער מו־טערס האַנט דאָס קינד אין די ווייַסע ווינדעלעך און דערמיט ווי באַקומען דאָס רעכט צו פירן אַלעמען נאָך זיך. ער האָט פאַרקערעוועט ניט צום זייַטיקן גריידער־וועג, נאָר געלאָזט זיך גלייַך מיטן אַספאַלט. די יונגע מוטער האָט פרעגנדיק און דערשראָקן זיך געגעבן אַ שטעל אָפּ, ווען זי האָט דערזען אַז דוזשי לאָזט זיך צו די שרעקלעכע לינדן־ביימער, נאָר ער האָט אויסגעקערעוועט צו איר דעם קאָפּ, מיט פאַרוואָרף אַ קוק געטאָן, האָט זי אָנגענומען דעם מאַן פאַר דער האַנט און זיך געלאָזט גיין ווייַטער. באַ אַלעמען זייַנען די געזיכטער געוואָרן שטרענג, מע האָט אויפגעהערט רײדן, קיינער האָט גאָרניט געזאָגט, לעמיַ דוזשי פירט מיט דעם דאָזיקן וועג.

6

ניט ווייַט פון די געהאַנגענע האָט דוזשי איבערגעגעבן דאָס קינד דעם יונגן פאָטער. יענער האָט אַוועקגעשפּאַנט מיט דעם פאַרוים. אײַנגע־קלאַמערט זיך אין זייַן עלנבויגן, איז פון דער רעכטער זייַט געגאַנגען די פרוי. זיי זייַנען פאַרבייַגעגאַנגען די געהאַנגענע, ניט אָפּשטעלנדיק זיך. די פרויען, אין דער שפּיץ מיט העלענאַ סיקאָראַ, האָבן זיך פאַרהאַלטן באַם שרעקלעכן בוים. צוקוקנדיק, ווי דער ווינט הוידעט שטיל די טויטע קערפּערס, האָבן זיי זיך איבערגעציילעמט, מיט די שפּיצן פון די יאַנ־טעוודיקע טיכלעך גענומען ווישן די אויגן. „הייליקע מוטער!" — האָט עמיץ טיף־דערשיטערט אַ זיפץ געטאָן, אַלע אינאיינעם האָבן זיי אײַליק אַוועקגעשפּאַנט ווייַטער.

דוזשי מיט די מאַנצבלען האָבן זיך דערנענטערט צו די געהאַנגענע מיט אַ מינוט שפּעטער. מע האָט זיך אָפּגעשטעלט, אַנטבלויזט די קעפּ. דוזשי איז דאָ געווען איצט צום צווייטן מאָל. אינעם ערשטן טאָג, ווען מע האָט די מענטשן אויפגעהאַנגען, איז ער בעקיוון פאַרבייַגעגאַנגען דאָס דאָזיקע אָרט, נאָר דאַן האָט אים אַרומגעכאַפּט אַ שרעק פאַר די גרויזאַמע פאָלגן, וואָס זייַן און מעטשיסלאַווס אויפטו האָט געהאַט פאַר אָט די אומשולדיקע קאָרבאָנעס, און ניט נאָר פון דעם אַליין — אויך פאַר דעם, וואָס עס קאָן דערוואַרטן אים, ווען ער פאַלט דורך. פונדעסט־וועגן האָט ער געזען, אַז דעם זעלבן אָוונט זאָלן אומעטום פאַנאַנדערגע־וואָרפן ווערן נייַע שטעכלקעס...

איצט האָט ער געקוקט אָף די פיר געהאַנגענע רויקער, מיט יענער אָפּגעשיידטקייט, מיט וועלכער אַ לעבעדיקער קוקט אַלעמאָל אָף טויטע. ער האָט אַפילע אָפּגעמערקט באַ זיך אַליין, וועלכע ענדערונגען ס'זייַנען פאָרגעקומען מיט די טויטע פאַר די דרייַ טעג, וואָס ער האָט זיי ניט געזען. זיי זייַנען שוואַרץ געוואָרן פון דער זון, איבערהויפּט דער ייִד, אַ

מאנצביל פון א יאר צוויי־דריי און דרייסיק. דוזשי האט אים געקענט, דאס איז געווען א היגער פאטאגראף. בא דער פרוי האבן די האר זיך צעפלאכטן, זעט אויס, פונעם ווינט, שווארצע און הארטע, צונויפגעקלעפטע פונעם אויסגעפאלענעם רעגן, האבן זיי איר פארשטעלט א האלב פנים. געדוכט האט זיך, אז די פרוי קוקט ווי פארשעמט ארויס פון הינטער זיי. דער אלטער פויער איז געהאנגען אויסגעצויגן, אפילע מיט עפעס א טארבע איבערן אקסל. שרעקלעך איז געווען די ווונד, וואס האט געהוילט אף זיין מיט גאר שיטערע האר באדעקטן שארבן. די דאזיקע ווונד האט דוזשי פריער ניט באמערקט, כוץ דעם איז ארום איר קיין בלוט ניט געווען — א סימען, אז א ראב האט עם צעפיקט. באם יינגעלע איז געווען פאנאנדערגעפיקט אן אקסל. איינס פון די סאנדאלעכלעך איז באם קינד אראפגעפאלן, מיטן פאדעשוועלע ארויף איז עס געלעגן אין גראז און מ'האט געזען, אז דאס אפצאסל איז אפגעטראטן... כמורנע, מיט אינערלעכער פארגליווערטקייט, האט יאן דוזשי פיקסירט בא זיך די דאזיקע אלע דעטאלן.

— אט זיינען, — האט ער געזאגט, — א פאטער, א מוטער, א קינד און עמיצנס א זיידע... פארוואס זיינען זיי אומגעקומען? דערפאר, ווייל עמיצער האט שטעכלקעס פונאנדערגעווארפן אפן וועג? ניין, און נאכאמאל ניין... נאר דערפאר, וואס די דייטשן זיינען דא, דערפאר קומען אום מענטשן...

דער אלטער סיקארא האט זיך איבערגעציילעמט און א שפאן געטאן פארויס. נאך אים זיינען אוועק דער וואלד־וועכטער זאגרודסקי און ארטורי יאראש. מעטשיסלאוו מיט יאנען האבן זיך נאך פארהאלטן א ווייל, א קוק געטאן איינער אפן אנדערן, באביידן האבן די אויגן אויסגעדריקט אנטשלאסנקייט און אקשאנעס. באם זייט וועג, איינגעטראטן אין זאמד, איז געלעגן א שטעכלקע, מעטשיסלאוו האט מיטן נאסעק פון שוך זי ארויסגעשארט אפן הוילן אספאלט...

7

דער מיטיק באם וואלד־וועכטער איז געווען א יאנטעוודיקער, נאר דורכגעגאנגען איז ער אן פרייד. דוזשי האט געפילט, אז אין גרונט איז ער אין דעם שולדיק, נאר וויפל ער האט זיך ניט געצווונגען, האט ער פריילעך ניט געקאנט זיין. צום סאף האט ער זיך אויך צווינגען אויפגעהערט — איינגנטלעך, איז ער דאך ניט זיך פריילעך מאכן אהער געקומען און ניט צוליב דעם איינגעלאדן מעטשיסלאוון און ארטור יאראשן.

מ'האט געטרונקען בראנפן, פארפארבט לויטן היגן מינהעג מיט מאלינע־סאק, ווישניאק, געגעסן ווארעניקעס מיט פלייש און קארטאפל,

איינגעפרעטע אין פוטער מיט צוגעבראטענע ציבעלקעלעך, דערנאך פארביסן מיט לעקעך און גרינלעכע ראנעטן. דוזשי האט קוקנדיק אף די מענטשן, בא זיך אליין ווידער און ווידער געוויגן און געמאסטן, וואס יעדערער פון זיי האט די ווערט. אט דעם וואלד־וועכטערס איידעם, מארעקן, איז דערווייל ניט קעדיי אריינצינען. אנשטויסן מעג ער זיך וועגן דעם, וואס עס ווערט געטאן, ער וועט ניט ארויסגעבן, אבער דערווייל ניט מער. שפעטער־צו וועט זיך אוואדע געפינען אן ארבעט פאר אים אויך. דאס זעלבע — דער אלטער סיקארא. זאגרודסקי אליין איז עפעס אנדערש — א לינקער פעפעסאוועץ. כאטש ער איז ניט יינגער פון מיקאלא סיקארא, אבער ער איז שוין מיט יארן צוריק, נאך אין די עסטרייכישע צייטן, געזעסן אין טפיסע. ווידער איז ער אפגעקומען זעקס כאדאשים אין לאגער שוין פאר פילסודסקים הערשאפט, ווייל ער האט בעיים די וואלן אין סיים זיך דערוועגט צו זאגן א פאר ביטערע ווערטער.

באם טיש האט זיך פארקניפט א געשפרעך, אין וועלכן דוזשי האט זיך קימאט ניט אריינגעמישט, נאר גאנץ וואך זיך צוגעהערט צו אים. מ׳האט גערעדט וועגן דעם קריג אף מיזרעך. מעטשיסלאוו האט מיט יוגנטלעכער היציקייט פארויסגעזאגט דעם דייטש א שנעלע מאפאלע. אט וועלן די רוסן דערלאנגען דעם ערשטן קלאפ, וועלן דעם סוינעס דיוויזיעס זיך גלייך נעמען קייקלען אף צוריק. זאגרודסקי האט מיט געלאסנקייט אין שטים דערוויזן, אז ס׳איז ניט אזוי פשוט, ווי דער יונגער סיקארא מיינט, די שווערע לאגע אף די פראנטן קאן דויערן פיל לענגער, אבער מע דארף האבן גערולד און סייכל. יעדער פאליאק, וואס האט א שטיקל קאפ אף די פלייצעס, פארשטייט, אז פוילן קאן פריי ווערן בלויז, אויב רוסלאנד וועט זיגן.

די פרויען, שוין מיט עטוואס פארגאסענע אויגן און פארוויטלטע פענעמער פונעם אויסגעטרונקענעם בראנפן און פונעם זאטן מאלצייט, האבן, צוהערנדיק זיך מיט אכטונג צו די געשפרעכן פון די מאנצבלען, אריינגעשטעלט אויך א פאר ווערטער, אז אט ערגער פון אלץ איז בעיסן קריג זיי, די מוטערס און ווייבער, ווייל זיי שיקן אוועק אין פייער דעם מאן — דעם פארנאסע־געבער, דאס קינד, וואס מ׳האט מיט אייגן בלוט גענערט. די פרויען האבן זיך אריינגעלאזט אין לאנגע שמועסן אויך צווישן זיך. דער זין פון אלע זייערע רייד איז געווען: ווי דאס זאל ניט זיין, נאר די פאליאקן דארפן זיך ניט מישן.

צופנדיק מיט די פינגער די שפיציקלעך פון די ארומגעשווירענע שווארצע וואנצעס, האט דוזשי מיט א באזונדערן אינטערעס זיך צוגעהערט צו דעם, וואס ארטור יאראש רעדט. אנגעבויגן זיך צום אלטן סיקארא, האט יענער איינגעטייענט מיט אים, אז די רוסן זיינען מענטשן מיט א שטארקן גייסט. האבן זיי דאך געקאנט אמאל די אייגענע הויפטשטאט אונטערצינדן און מאכן אזוי, אז דער סוינע זאל גראד דארט די מאפאלע

כאפן. נעמען אפילע די עטלעכע צענדליק, וואס מ'האט ד'א מאנטיק דורכ־געטריבן — אויב געפאנגענע, פארפייניקטע האבן זיי אזא קראפט אין זיך, איז וואס זשע פאר א קויעך זיינען זיי אין די שוץ־גראבנס? אזעלכע וועט דער דייטש ניט איינברעכן.

צו אוונט האבן די געסט זיך גענומען פונאנדערגיין. מעטשיסלאוו איז געבליבן קלוימערשט צו באקוקן זאגרודסקיס פערדל, וואס מ'האט מארגן געזאלט אונטערשמידן, ס'האט זיך באלד געדארפט צוריקקערן פון א יאזדע נאך פניאקעס אף א וויטן וואלד־באצירק. אויטיר האט די פרוי אפגעשיקט מיט די סיקאראס און געזאגט איר, אז אליין וועט ער אריינגיין צו א נאענטן שוסטער, וויל אף די יאנטעוודיקע שיך שטייט עטוואס אפ די פאדעשווע. אוועק זיינען צו זיך אהיים אויך דעם וואלד־וועכטערס טאכטער מיטן מאן.

זאגרודסקיס וויב מיטן יינגסטן טעכטערל זייערן איז ארויס פאר־פארען די קו אינעם הויף. די פיר מאנצבלען, וואס זיינען פארבליבן אינעם האלב־טונקעלן צימער, האבן פארריגלט. זאגרודסקי איז צוגעגאנגען צום קליידער־שראנק, וואס האט פארשטעלט א פארקלאפטע טיר אין א צווייטן ביידער און לייכט אפגערוקט אים מיטן אקסל. פון הינטערן שראנק איז ארויס א הויכער, בלאנדער באכער מיט א לענגלעך בלאס געזיכט. דאס איז פארגעקומען אזוי א שום ווארענונג. ארטור האט אזש געעפנט דאס מויל פאר פארוואונדערונג, און פינטלענדיק מיט די אויגן, פרעגעוודיק א קוק געטאן אף דושין, מעטשיסלאוו האט פון אומדערווארטקייט זיך געגעבן א הייב אויף, נאר באלד זיך צוריק אוועקגעזעצט. אינעם באכער האט מען דערקענט טאדעוש מאלטשעווסקי — דעם שטעטלדיקן אדוואַ־קאטס זון, און אינזשעניער פון צוקער־זאוואד. צוזאמען מיטן פאטער און מיט נאך עטלעכע אינטעליגענטן פון פ' איז טאדעוש אן א שום „פארוואס" מיט א קנאפ האלב יאר צוריק פארנומען געווארן אין וואיעוואדסטווע, פון דארטן זיינען זיי אריבערגעפירט געווארן נאך ערגעץ ווייטער. מער האט מען שוין קיין שום גרוסן פון זיי ניט באקומען.

דושי האט אונטערגעשטראכן רויק געזאגט:

— באקענט זיך, כאווירים. דאס איז א מענטש, וואס האט א גרונט אויסצובאהאלטן זיך...

ארטור און מעטשיסלאוו האבן שווייגנדיק געדריקט דעם יונגן מאל־טשעווסקין די האנט. ער האט זיך אוועקגעזעצט אף דער באנק לעבן זאגרודסקין, וואס האט פארטראכט, נאר, צו זען, אויך מיט האנאע זיך געצויגן מיט ביידע הענט די שפיצן פון די וויסע, לאנגע וואנצעס.

— מיר קאנען קיין צייט ניט פארלירן, — האט דושי געזאגט, — ס'איז דא אן אנווייזונג צו ארגאניזירן זיך אין פינפטלעך. יעדערער פון אונדז האט שוין עפעס געטאן אף האבן רעכט פאררעכנט צו ווערן אינעם ערשטן אנטיפאשיסטישן פינפטל פונעם פאוויאט. היטלעראוועצעס האבן

שוין געלייגט קעפּ, מיר האָבן אויך באַצאָלט מיט אומשולדיקע קאָרבאָנעס,
איז זאָגט מיר קוידעמקאָל, צי האָט ניט ווער פון אײַך כאַראָטע? מיר
קאָנען זיך מיט אַזאַ צעשיידן באַ איין באַדינג — ער זאָל שווײַגן וועגן
דעם, וואָס ער ווייס שוין...

קיינער פון די פיר צוהערער דוזשים האָט קיין באַוועג זיך ניט געטאָן.

— זײַט איר מאַסקים? — האָט ער שטיל, מיט אַן אויפגערעגטן
ציטער אין קאָל געפרעגט, — דאָס צווייטע מאָל האַלט איך ניט פאַר נייטיק
צו פרעגן. איצט הערט: די אויפגאַבע איז זאַמלען קויכעס, פינפטלעך
דאַרפן אָרגאַניזירט ווערן אין יעדן דאָרף, אַף יעדער גאַס, אין פאָלוואַרקעס,
אַף פאָלוסטאַנקעס. מע דאַרף אויסגעפינען אין די פאַרוואָרפנסטע וואַלד-
ערטער, אין די זומפּן דאָס געווער, וואָס אונדזערע פוילישע זעלנער האָבן
אין נײַן-און-דרײַסיקסטן יאָר דאָ פאַרבאַהאַלטן. מע דערציילט, אַז ווען
מ'האָט די געפאַנגענע זעלנער געפירט איבער די גאַסן, האָבן זיי צו די
אײַנוווינער געשריגן: „אונדזער געווער איז אין די וועלדער, ס'וועט אײַך
צונוץ קומען!" — אַזוי, דאַכט זיך, זאַגרודסקי?

דער וואַלד-וועכטער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף „יאָ".

— דאַרף מען דאָך דאָס געווער געפינען. יאָ, און הײַנטיקע נאַכט
שטייט אונדז פאָר די ערשטע געמיינזאַמע אַרבעט: מע דאַרף אָפּטאָן
זייער רעכט די אומשולדיק אויפגעהאַנגענע, זאָלן זיי די ראָבן אויפהערן
צו פּיקן...

— אַ גלײַכע זאַך! — האָט אַרטור יאַראָש געזאָגט.

אינדערפרי האָט מען אין פ' און אין די דערפער אַרום זיך דערוווּסט,
אַז באַנאַכט זײַנען די פיר געהאַנגענע אַראָפּגעשניטן געוואָרן פונעם לינדן-
בוים. צום אָרט, וווּ זיי זײַנען געהאַנגען, האָט אינעם זאַמד, באַם זײַט
פון אַספאַלט, געפירט אַ קאָליע פון אַ פויערשטער פור, עס האָבן זיך
געזען שוואַכע אָפּדרוקן פון פערד-טלאָען, וואָס זײַנען, ווײַזט אויס, געווען
אַרומגעוויקלט מיט עפּעס. די זשאַנדאַרן האָבן געהאַוועט, גענישטערט,
געמאָסטן די שפּורן, נאָר גאָרנישט ניט דערשלאָגן זיך. אַפּן צעטל, וואָס
איז אָנשטאָט דעם דײַטשישן צוגעקלאַפּט געוואָרן צום שטאַם, — עמיצער
פון די פריִע דורכפאָרער האָט עס, נאָך איידער די זשאַנדאַרן האָבן עס
אַראָפּגענומען, באַוויזן דורכלייענען און דערציילט וועגן דעם אין שטעטל,
— איז געווען אָנגעשריבן, אַז די דאָזיקע קאָרבאָנעס ברענגט צו קווּרע
די אַנטיפאַשיסטישע קאַמף-אָרגאַניזאַציע פון פאָוויאַט, אַז דאָס אָרט, וווּ
דער קייווער איז, וועט, ביז די דײַטשן וועלן דאָ זײַן, געהאַלטן ווערן
בעסאָד, קעדיי שפּעטער, ווען די באַפרײַונג וועט קומען, זאָל דאָס פאָלק
קאָנען שטעלן אַ דענקמאָל די אומשולדיק פאַרפײַניקטע. אינעם בלעטל
איז די באַפעלקערונג גערופן געוואָרן מיט אַלע מיטלען קעגנשטעלן זיך
דעם סוינע.

XIII. אַן עשעלאָן גייט אָפּ אין אומבאַוווּסטקייט.

דער טויזנטיקער ייִד

.1

שוין העכער דריַי כאָדאָשים, אַז לייזער איז צוזאַמען מיט נאָך פינף הונדערט מאַנצבלען אַריבערגעפירט געוואָרן אין אַן אַרבעט־לאַגער אָף דער סטאַנציע. די צייַט, ווען ער האָט זיך געפונען אין געטאָ, זעט אים איצט אויס ווי אַ ווייַטער טרוים. מאָמענטנווייַז דוכט זיך אים אַפילע, אַז אין לאַגער פאַר קריגס־געפאַנגענע איז אויך גרינגער געווען. נאָר דאָס איז בלויז אַ כאָלעם פון אַ מידן צעווייטיקטן גוף, אילוזיעס פון אַ פאַרמאַטערטן, אויסגעצערטן מויעד, וואָס זוכט אַ טרייסט כאָטש אינעם פאַרגאַנגענעם. קיין ווייַטע עקסקורסיעס דערלויבט זיך דער מויעד ניט — ווען דעם פאַרמילכאָמעדיקן לעבן. ווען מ'איז אָף פאַרשיידענע אויפאַנים אַ גליקלעך אי אומגליקלעך געווען, דערמאָנט מען זיך דאָ קימאַט ניט. מע טרוימט וועגן דער געטאָ, וואָס געפינט זיך ניט ווייַט פון דער סטאַנציע, באָם ברעג פון דער ווייַסל. מע באַדויערט אַפילע וועגן דעם פאַרגאַנגענעם טאָג, מע האַלט, אַז מ'איז נעכטן גליקלעכער געווען ווי הייַנט, ווייַל מ'האָט נאָך מער מיט אַ קאַפּעלע קויכעס געהאַט. און וואָס וועט מאָרגן זייַן? צי דען וועט קלעקן קויכעס אָף אַריבערטראָגן די אַלע רעלסן און שפּאַלעס, וואָס מע האַלט זיי אין איין פירן אַהער אָף פּלאַטפאָרמעס, צי דען וועלן די פינגער ניט צעבראָכן ווערן, אַרויסדלובענדיק די שטיינער פונעם באַרג, וואָס איז אַזוי הויך און גרויס?

מ'האָט אים געכאַפּט אין גאַס און אַוועקגעטריבן מיט אַ גרויסער קאָלאָנע ייִדן אַהער אָף דער סטאַנציע. ס'איז געווען זומער און איצט איז שוין טיפער האַרבסט. לייזער האָט געטראָגן דעם איינציקן אַנצוג, וואָס האָט נאָך אַ מער־וויניקער לייַטישן אויסזען פאַרהיט (ער איז דאַן ערשט געקומען פון אַן אַרבעט און זיך איבערגעטאָן), האָט מען אים, ווי ער שטייט און גייט, אַוועקגעטריבן אַהער, און אין דער היים איז מען אַוואַדע שיר ניט מעשוגע געוואָרן ביז מ'האָט זיך דערוווּסט, ווו ער איז. דאָס אַנטאָן איז שוין אָף אים אַזוי צעריסן, אַז עס באַשטייט שוין בלויז פון

סטרעמפּליעס. נאָר אַז ס'איז שוין באַלד ניטאָ אויך אַף וואָס די דאָזיקע סטרעמפּליעס זאָלן זיך האַלטן!

צו פינף־זעקס מענטשן טראָגן זיי אַ רעלס. אַנומלט האָבן זיי אַזוי אינפינפן אויפגעהויבן פאַר איין עק אַ רעלס. מיטאַמאָל האָט דאָוויד דאַנציקער, אַ מענטש פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק, וואָס האָט דעם רעלס געהאַלטן באַם סאַמע עק, שטייענדיק אין פולן וווּקס (געווען איז ער אַ ברייטביינער, ניט קיין הויכער), מיט אַ ווילד קאָל אַ געשריי געטאָן: „לאָזט אָפּ, צעלויפט זיך!" פאַרלוירענע, האָט מען אָפּגעלאָזן דעם רעלס און אָפּגעטראָטן. דאָן האָט דאַנציקער געמאַכט אַ גוואַלדיקע אָנשטרענגונג, אַ בייג זיך געגעבן פאָרויס און אַרונטערגערוקט זיך מיט דער פּלייצע אונטערן פאַלנדיקן רעלס. ווען מ'האָט אַראָפּגערוקט פון אים די מאַסע, איז ער, קוים אָטעמענדיק, געלעגן מיט איבערגעבראָכענע ריפּן, און דורך די בלעזעלעך בלוט, וואָס זײַנען אַף זײַנע ליפּן אַרויסגעטראָטן, געשעפּטשעט:

— איצט איז פאָרט בעסער!

מיט די ווערטער האָט ער די נעשאָמע אויסגעהויכט...

ניט נאָר דאַנציקער, העכער העלפט פון די, וואָס זײַנען פון געטאָ אַרויסגעטריבן געוואָרן צו דער סטאַנציע, לעבן שוין ניט. מע שטאַרבט דאָ אַף די סאַמע פאַרשיידנסטע אופאַנים. אַ מענטש טראָגט אַ שטיין, טוט אַ פאַל אַף אים און שטאַרבט, אַ מענטש גייט אין מאַסע, ער האָט זי ערשט אוועקגעלייגט און דאַרף נעמען אַ נײַע, פּלוצעם בלײַבט ער שטיין, נעמט זיך שאָקלען, פאַלט און שטייט מער ניט אויף. מע שטאַרבט בעייסן אָפּעל, ווען עס קומט אויס צו שטיין צו צוויי שאָ אויסגעצויגן. איינינקע הויכן די נעשאָמע אויס אַזוי, אַז מ'איז זיי מעקאַנע — מע לייגט זיך שלאָפן אין באַראַק מיט אַלעמען אין ריי אַף דער דורכויסיקער נאַרע, גוף צו גוף (מיילע, איצט איז שוין אַ סאַך גערוימער...), און אינדערפרי באַמערקט דער שאָכן, אַז ער שלאָפט לעבן אַ מעס, וואָס איז שוין קאַלט. ווידער אַנדערע קומען אום גרויליק — עס גייט אַ מענטש אַ טרונק טאָן פון אַ קאַנאַווע, פאַלט אום מיטן קאָפּ אַהיין און האָט קיין קויעך ניט אַרויסדראַפּען זיך צוריק, ווערט ער דערטרונקען. און וויפל קומען אום, ווײַל אויפזעער שטויסן זיי אַראָפּ פון אײַזנבאַן־בריק, צי דערפון, וואָס דרעזינעס שנײַדן זיי איבער, צי פון שטיינער, וואָס פליִען פונעם באַרג. בעיים אַן אויפרײַס וואָרנט מען דאָך די יידן קיינמאָל ניט. און וויפל האָט מען פּאַשעט דערשאָסן, ווײַל זיי זײַנען דערגאַנגען ביז פולסטער אויס־שעפּונג און האָבן אַרבעטן מער ניט געקאָנט?

ס'איז נאַס און קאַלט. עס רעגנט און רעגנט. דער זשאַווער פון די רעלסן, די בלוילעכע פעטס־פלעקן אַף דער ערד, די ב״יזע, ווילדע בליקן פון די לאַגער־שוצער, זייערע קײַלעכדיקע טעמפּע געזיכטער, די פאַרוואַק־סענע, בלאַסע, שרעקלעך אויסגעצערטע פּענעמער פון די אַרעסטירטע —

דאָס אַלץ איז עפּעס אײַן איין קנויל אויסגעמישט און פּאַרטונקלט דעם באַוווּסטזײַן, און לייזער קײַקלט זיך אין אָט דעם קנויל, אָפּט פּאַרגעסנדיק, וואָס ער איז און ווער ער איז. ס'איז בײַ אים צומאָל רעכט צו גלייבן, אַז ער איז אַ שטיק נאַסע ערד, אַ שווערע שפּאַלע, עפּעס אַזוינס, וואָס האָט שוין לאַנג געלעבט און איצט שלעפּט זיך בלויז אום אַ שאָטן פון דעם.

און דאָך לעבן אין אים אַלע געפילן — די באַאומרויִקונג וועגן דעם, ווי גייט עס דאָרט, בײַ די כאַווירים אין געטאָ, די בענקעניש נאָך אַנעליען, די האָפענונג צו זען זיך אי מיט איר, אי מיט טאַטע־מאַמע, דער שטאָלץ מיט דער איינער נאַכט, ווען ער איז מיט יערוכעמען אַרויס אין שטאָט... און ווען ער פרעגט זיך אַליין, וואָס זשע גיט אים קויכעס דאָ, אויף אָט דער סטאַנציע, אַלץ אַריבערטראָגן, ווייסט ער וואָס צו ענטפערן: דאָס, וואָס קוקנדיק אויף אַ דײַטש, אָנגעהויבן פונעם שעף פון אַלע יידישע אַרבעטס־וואַרשטאַטן, זילבערטס פרײַנט שנאַפּע, וואָס מע זעט אים אַמאָל אַ בײַכיקן, מיט אויסגעראַטשעטע אויגן בעיִים אַן אַפּעל, און געענדיקט מיט אַ ליאַדע אויפזעער, טראַכט ער: „נישקאָשע, איינעם אַזאַ, ווי איר, האָב איך שוין אַ מעסער אַרײַנגערוקט צווישן די ריפּן, און ער איז ניט דער לעצטער. אַ שטיק אײַזן איז דאָ אומעטום פאַראַן. איז טאָמער ס'איז מיר באַשערט דאָ אומצוקומען, וועל איך כאָטש איינעם פון אײַך אַוועקדע מיט זיך מיטנעמען!" עס מאָלט זיך אים אַ בילד, ווי אַזוי פיל מענטשן, דערפירטע ביזן לעצטן גראַד פון פּײַן און אויפגעבראַכטקייט, וועלן זיך אַלע איניינעם אַרויפוואַרפן אויפן סוינע. און גאָר טיף בײַ זיך, נאָר שוין טאַקע גאָר טיף, אַזוי, אַז ער האָט דאָס מוירע אָנרירן, טראָגט ער דעם טרוים וועגן לעבן, וועגן בלײַבן לעבן און דורכגיין דורך אַלע שטרויכלונגען און ראַנגלענישן. און דאָ צעוואַקסט זיך זײַן טרוים אויף צוויי צווייגן: איינס — זײַן צווישן די ריכטער אָדער צווישן די איידעס, אויפהייבן זײַן שטים, דערציילן וועגן מענטשן כײַעס און פאָדערן אַ שטראָף פאַר זיי, אַ שטראָף, וואָס דאַרף נאָך אויסגעטראַכט ווערן, דערציילן וועגן אומשולדיק פּאַרפּײַניקטע, וועגן מאַרטירער, וואָס אויף איבערצוגעבן זייער פּײַן דאַרפן נאָך ערשט אויסגעקלערט ווערן ווערטער, — און דאָס צווייטע צווײַגעלע, וואָס גרינט אין אים גאָר צאַרט און וועט ניט פאַרוועלקט ווערן ביז דאָס בלוט, וואָס נערט דעם טרוים, לויפט אין זײַנע אָדערן, איז — אַנעליע...

דאָס אַלץ איז שוין גאָר ניט אַזוי ווינציק אויף געבן קויכעס אַ מענטשן שווערן פּײַן אַריבערצוטראָגן...

.2

לייזערן האָט באַהערשט אַן אומרו: שוין עטלעכע מאָל האָבן אויף דער סטאַנציע זיך אָפּגעשטעלט פראַכט־עשעלאָנען, וואָס זײַנען שטאַרק באַוואַכט. אויף דער פּלאַטשאַדקע פון יעדן וואַגאָן זײַנען געשטאַנען

עסעס־לײַט. די פענצטערלעך און די טירן פון די וואַגאָנען זײַנען געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטער. פון אינעווייניק האָבן זיך דערטראָגן קוילעס, געוויינען, עפּעס האָט מען מיט פויסטן געקלאַפּט אין די ווענט. נאָענט צוגיין האָט מען ניט געלאָזט, נאָר געדוכט האָט זיך לייזערן, אַז מ׳ע הערט אַמאָל ייִדישע ווערטער...

אין לאַגער האָבן זיך פאַרשפּרייט איימעדיקע קלאַנגען, אַז דאָס פירט מען טראַנספּאָרטן ייִדן צו באַזעצן זיי ערגעץ אַף מיזרעד... אַ שווערער פאַרגעפיל האָט געדריקט די הערצער פון די געפאַנגענע.

און דאָ איז פּונקט צוגעקומען נאָך איין זאַך: אַ גרופּע ייִדן איז לעצטנס באַשעפטיקט געווען באַם מאַכן אַף איינער פון די נאָענטסטע באַן־סטאַנציעס אַן אָנשיט פאַר אַ קורצער רעלסן־קאָלייע אין דער ריכטונג צו דער געטאָ. עמעס, מ׳האָט דערפון באַלד אַ פאַרענטפערונג צוגעטראַכט — צי פון די ייִדן באַשאַפן צי פון די אויפזעער אונטערגעזאָגט, — אַז דאָס ווערט געמאַכט ספּעציעל פאַר די טעקסטיל־ און רימער־וואַרשטאַטן, וואָס ראַבערט שנאַפּע האָט אָרגאַניזירט אין געטאָ. די, וואָס האָבן געאַר־בעט באַם בויען די קאָלייע, האָבן אָבער אונטערגעהערט שמועסן, אַז אויך פונדאַנען וועלן אַוועקגיין עשעלאָנען אַף מיזרעד...

די אַרבעט אין לאַגער איז געוואָרן אַלץ אומדערטרעגלעכער, כויץ דעם האָט לייזער זיך געפילט דאָ מער געפּענטעט, ווי אין געטאָ. אים האָט געצויגן צו יערוכעמען, צו מייער סאָקאָלן, צו זאַלמען קאַרעלן — צו די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט גאָר אַן אַנדער כאַווערשאַפט גע־שלאָסן. אַ פאַר מאָל האָט ער גרוסן פון זיי געהאַט, געשפּירט זייער זאָרג. און טאַקע דאָס האָט אים נאָך מער געצויגן אין געטאָ, ער האָט איצט געפילט אין זיך מער אַנטשלאָסנקייט. דאָ אין לאַגער איז ער מ׳ט קיין פאַרלייגטע הענט ניט געזעסן, נאָר אַף דעם אַלעמען האָט ער געקוקט, ווי אַף אַ צוגרייטונג צו דער אַרבעט, וואָס איז אים פאַרגעשטאַנען אין געטאָ. אַוועק פון לאַגער איז געווען ניט אַזוי שווער, איבערהויפּט בעיס דער אַרבעט. די דײַטשן האָבן אָבער, דאָ אײַנגעשטעלט די אומעטום פאַר־שפּרייטע אָרוועס־סיסטעם — פאַר איין אַנטלאָפענעם ייִדן ווען דעם זעלבן טאָג בעייסן אַפּעל דערשאָסן אָדער געהאַנגען ניט ווייניקער פון צען אַנדערע, האָט לייזער ווידער געזוכט אַ מעגלעכקייט אַזוי פאַרשווינדן פון לאַגער, אַז קיינער זאָל איבער אים ניט לײַדן.

די אומדערוואַרטע גרוסן פון יערוכעמען האָט לייזערן איבערגעגעבן איינער אַן אײַזנבאַנער. דאָס איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר נײַן און צוואַנציק, אַ הויכער, מיט אַ דאַר געזיכט. זײַן דיז, פּעסט געשלאָכן מויל האָט גערעדט וועגן ענערגיע און אַקשאָנעס, די שפּיציקע און דאָך עטוואָס פאַריסענע נאָז האָט צוגעגעבן דעם פּאָנעם עפּעס גאָר יונגטלכעס, דרייסטס, די אויגן, בלויע, ניט קיין גרויסע, האָבן געקוקט אויפמערקזאַם און ערנסט.

אַף דער טעריטאָריע, ווו די ייִדן האָבן געאַרבעט, פלעגט גאַנץ אָפט

זיך באַוויַיזן אַ קליין לאָקאָמאָטיוול, וואָס האָט אָהער געפירט רעלסן, שפּאַלעס, פאַנאַנדערגעוואָרפן לענגזיים דעם נײַעם אָנשיט שטיינער און זאַמד. איינמאָל האָט דאָס לאָקאָמאָטיוול זיך אָפּגעשטעלט פּונקט לעבן דעם אָרט, וווּ לייזער האָט געאַרבעט. פון די טרעפּלעך איז פלינק אַראָפּגעקראָכן אַ יונגער אײַזנבאַנער, אַראָפּגעלאָפן פון אָנשיט און גענומען מעסטן אַ לענגלעך אײַזערן קלעצל, וואָס האָט זיך דאָ געוואַלגערט. אַ קוק געטאָן אַרום זיך — דער לאַגער־שוצער האָט זיך דערצו פונדערווײַטנס גלײַכצייטיק צוגעקוקט — האָט דער אײַזנבאַנער גאַפּוילן לייזערן אָפּטראָגן די שטיק אײַזן צום לאָקאָמאָטיוו. דערבײַ האָט ער אים באַוויזן אַ שעפּטשע צו טאָן:

— מאַכט אַזוי, אַז איר זאָלט מוזן אַרויף צום מאַשיניסט...

אַליין איז ער באַלד אַוועק פאָרויס און אויפגעהויבן זיך אין ד'ער לאָקאָמאָטיוו־בודקע. לייזער האָט זיך געבאַבֿרעט מיט דער שטיק אײַזן, גערוקט זי אין לאָקאָמאָטיוו אַרײַן און דערנאָך אַרויפגעקראָכן, קעדיי בעסער זי אַוועקלייגן. דער מאַשיניסט און דער קעסל־הייצער האָבן זיך געפּאָרעט בײַ די רעדער.

— לייזער קאָרשעווער? — האָט שטיל געפרעגט דער אײַזנבאַנער.

— יאָ.

— יערוכעם ליכטציַער גריסט אײַך, אויב איר דאַרפט עפּעס — גיט איבער, כ'זוך אײַך שוין אַ צײַט, בײַ פיר ייִדן זיך נאָכגעפרעגט, ביז מ'האָט מיר אָנגעוויזן אויף אײַך.

די באַגעגעניש איז געווען אַזוי אומדערוואַרט פאַר לייזערן, אַז ער האָט זיך פאַרלוירן און געבעטן בלויז אַ פּאָרל גרעט. כאָטש דעם זײַנען גראָד דאַן געווען איניקע סיבעס, וואָס האָבן אים פון מער טראַכטן ניט דערלויבט. ס'האָט אים געדוכט, אַז ער פאַרהאַלט זיך שוין דאָ לאַנג, האָט ער זיך באַלד געלאָזט אַראָפּ, פאַרבאַהאַלטנדיק אין טאַש דאָס גוט געפּאַסעוועטע פּעקעלע שפּײַז, וואָס איז אים איבערגעגעבן געוואָרן.

ערשט אין אַ טאָג אַכט אַרום האָט ער דאָס פּאָרל גרעט באַקומען. ווידער האָט אים דער אײַזנבאַנער געפרעגט:

— צי דאַרפט איר נאָך עפּעס?

צו דער דאָזיקער באַגעגעניש האָט לייזער זיך שוין געגרייט. אין לאַגער האָט אים מער גאָרנישט ניט פאַרהאַלטן. ער האָט געזאָגט גלײַך:

— איר קאָנט מיר העלפן אַוועק פונדאַנען?

— מע דאַרף אַ טראַכט טאָן, וויאַזוי און וווּהין. איר האָט עפּעס אַ פּלאַן?

— דער איינציקער באַדינג — איך מוז אַנטלויפן אַזוי, מע זאָל מיך דאָ רעכענען פאַר אַ טויטן און קיינער זאָל דערפון ניט לײַדן.

— איך פאַרשטיי, — די דרייסטע בלויע אויגן דעם אײַזנבאַנערס

האבן פארקלערט געקוקט אף אים, — און פאר קיין זעלבסטמארד, אשטייגער, שטראפט מען ניט קיין אנדערע?
— שטארבן איז דערלויבט אף אלע אופאנים.
— גוט, כ׳וועל אייך געבן א סיגנאל, מעגלעך, אז דורך אט דעם מאשיניסט. און ווּהין קלערט איר אוועק?
— צו יערוכעמען.
מ׳איז געשטאנען אין א פארבארגן ארט, לעבן א טטאס שפאלן, וועלכע דער אייזנבאנער האט קלוימערשט געמאסטן מיטן מעטער, לייזער האט אים געהאלפן פאנאנדערוקן זיי. דא האט מען זיך געקאנט פארהאלטן עטוואס לענגער. לייזער האט געפרעגט:
— וואס פאר אן עשעלאנען גייען דא פארביי?
— געפלאנטע מענטשן, מערסטנס ייִדן...
— אף מיזרעך?
— ווען א פאשיסט זאגט — אף מיזרעך, קאן זיך גאנץ שיין מאכן, אז ס׳זאל זיין אף מײַרעוו... — דער אייזנבאנער האט א קנייטש געטאן מיט די אקסל, אינעם טרויעריקלעכן אויסדרוק פון זײַן געזיכט איז צו זען געווען, אז ער האט עפעס ניט דערזאגט. האט לייזער אים מער וועגן גארנישט ניט געפרעגט.

אין עטלעכע טעג ארום האט לייזער געטראגן א שווערע שפאלע און אן איינגעבויגענער געגאנגען פארביי דעם לאקאמאטיוול, וואס איז פונקט געשטאנען אפן באצירק. דער מאשיניסט, אן עלטערער, געהויקערטער פאליאק, איז אראפגעקראכן אף דער ערד און אומבאמערקט געמאכט אים א צייכן, ער זאל צוגיין נעענטער. לייזערן איז מוירעדיק שווער געווען, די קני האבן זיך אים אונטערגעבראכן, אים איז שוין געבליבן ניט ווײַט צו דעם ארט, ווו ער וואלט געקאנט די מאסע אראפוואַרפן. דאך האט ער באלד געמאכט א פאר געפלאנטערטע טריט צום מאשיניסט און דא גע־נומען בײַטן דעם אקסל. דער אלטער האט שטיל א פרעג געטאן:
— מ׳האט טאקע ניט ארויסבאקומען דעם ייִדנס קערפער פונעם ברונעם?

איין רעגע בלויז האט לייזער ניט פארשטאנען, צוליב וואס דאס ווערט געפרעגט. נאר באלד האט דער פארטראכט מאמעש אויפגעלויכטן פאר אים. אט דאס איז די רעטונג. מיט א טעג פינף צוריק האט א ייִד זיך ארײַנגעווארפן אין א פארלאזטן פעלד־ברונעם, א שפאן פופצן פון דער באן־ליניע, און די דײַטשן האבן זײַן קערפער ניט געהייסן ארויסציִען.
— כ׳פארשטיי, — האט לייזער געזאגט.
— נו, איז ווארט אף דעם מאמענט, ווען כ׳וועל שטיין ניט ווײַט פון יענעם ברונעם... כאפט זיך דאן גלײַך ארויף אפן לאקאמאטיוו...
ס׳איז געווען א רעגנדיקער טאג, ווי עס מאכט זיך אפט בא דער ווײַסל אין נאוועמבער, אזא נעפלדיקער און בלינדער, ווען עס דוכט זיך.

די נאכט לאזט אירע שפורן אף אלץ, און זיי פארגייען ניט, ביז עס ווערט נאכאמאל פינצטער...

לייזער האט אין א קארב געטראגן שרויפן צום אייזנבאן־בריקל, וואס איז געבויט געווארן ניט ווייט פונעם פעלד־ברונעם. מיטאמאל האט ער דערהערט דאס הוקען פונעם לאקאמאטיוול, וואס איז ענלעך געווען אף א האנען־קריי. דורכן נעפל האט זיך קוים געזען דער סילועט פונעם לא־קאמאטיוול, וואס האט זיך אפגעשטעלט ניט ווייט פון ברונעם. מיט א שטארק קלאפנדיק הארץ איז ער אוועק אהין. יעדן האבן אויסגעלאדן רעלסן פון די פלאטפארמעס, וואס דער לאקאמאטיוו האט געבראכט. דער מאשיניסט איז געשטאנען אף דער ערד, דער קעסל־הייצער, א יונגער בא־כער, האט ארויסגעקוקט פון פענצטערל. אן ערעך בא דער דריטער פלאט־פארמע האט לייזער באמערקט א לאגער־שוצער, נאר דער נעפל האט אים באלד פארזויגן. דערזען פאר זיך לייזערן מיטן שווערן קארב אפן אקסל, האט דער מאשיניסט א שאקל געטאן צו אים מיטן קאפ. לייזער האט זיך געגומען עטוואס רעכטס, ווי ס'איז געווען א קאנאווע און פארזיכטיק אוועקגעשטעלט דארטן דעם קארב מיט די שרויפן, דערנאך מיט ברייטע טריט זיך געלאזט צום לאקאמאטיוו. דער קעסל־הייצער האט שוין אף אים געווארט אויבן, געהייסן אים פלינק אראפווארפן דאס רעקל, דאס היטל האט ער אליין אראפגעכאפט פון אים, דאס אלץ צונויפגעוויקלט און ארויסגעווארפן דעם מאשיניסט. יענער האט זיך געלאזט מיט דעם צום ברונעם.

אין פינף מינוט ארום איז לייזער שוין געלעגן אינעם טענדער, איבערן קאפ פארלייגט מיט קוילן און געהערט, ווי דער מאשיניסט טייַנעט אף דייַטש צו עמיצן, מיט וועמען ער שפאנט אייליק פארבייַ דעם לא־קאמאטיוו:

— ...אוועקגעשטעלט דעם קארב און צום ברונעם, איידער כ'האב זיך ארומגעזען — איז ער שוין אינוויניק... זייַן היטל שווימט דארט אום...

— א דומער יודע! — האט זיך דערהערט די פויַלבלעכע שטים פון א לאגער־שוצער.

3.

פארנאכט האט לייזער, אן ארומגעוואשענער, אנגעטאן אין א פרעמדן רעגן־מאנטל און אין א קאפעליוש, ניט ווייַט פונעם שטילן וויַסל־ברעג זיך געזעגנט מיט מאריאן גוראלן.

— א דאנק אייַך פאר אלץ, — האט לייזער געזאגט.

דער אייַזנבאנער האט מיט זייַנע הארטע, לאנגע פינגער פעסט גע־דריקט לייזערס צעקארבעטע, אויסגעדארטע האנט.

— ביטע... כאטש — אין קאמף דאנקט מען ניט. הילף איז אויך קאמף. מירן זיך נאך אווארע באגעגענען.

לייזער האט געהאט נאך איין ביטע צום אײַזנבאנער און די גאנצע צײַט זיך געקווענקלט, צי זאל ער זי ארויסזאגן. איצט, אין דער לעצטער רעגע, האט ער זיך אנמשלאסן. מע איז געשטאנען אף אן ארט, וואס איז א לויטערן טאג האט לייזער דאס אלעמאל געזען פון זײַן פענצטער אין געטא. דאס דאזיקע ווינקל האט אין זײַן בענקשאפט נאך פרײַהײַט ווי א גרינער טויער אויסגעזען.

— אויב ס'וועט אײַך ניט זײַן שווער און אויב ס'איז שוין ניט צופיל פון מײַן זײַט, וואלט איך צו אײַך געהאט נאך איין ביטע...

ער האט לײַכט זיך צוגערירט צום אײַזנבאנערס לאץ, נאר באלד צוגענומען די האנט. יענער האט מיט גרייטקייט א שאקל געטאן מיטן קאפ.

— דעם אדרעס וועל איך אײַך באלד זאגן, ס'איז אין דעם אנדערן עק שטאט... ווען איר קאנט איבערגעבן אדער כאטש איבערשיקן א גרוס פון מיר א פויער דארט, יוזעף קאטשורן, און זאגן, אז אויב איינער א מענטש וועט קומען און ניט קאנען ארײַנשמוגלען זיך צו מיר אין געטא, איז זאל ער צוועלף אזייגער באטאג, אף דעם־א ארט, א פאר מינוט שטיין מיט א ווײַס טיכל אין האנט, ווי ער זאל דאס לופטערן אדער טריקענען. יעדן טאג אין דער צײַט וועט, אויב ניט איך, איז עמיץ אנדערש נאכשפירן נאך אט דעם ווינקל און אויפנעמען דעם סיגנאל.

— דאס וועל איך איבערגעבן. — האט מאריאן גוראל געזאגט. — ניט מארגן, ווײַל כ'פאר אפ אף עטלעכע טעג, נאר איך וועל איבערגעבן.

— ער האט צוויי מאל איבערגעכאזערט דעם אדרעס, וואס לייזער האט אים אנגערופן און באמערקט דערבײַ:

— צי מיינט איר ניט, אז דאס איז צו אן אפענער סיגנאל, אויב אפט אים פראקטיקירן?

— קיין ברירע ניטא... כוץ דעם וועט עס זײַן גאר ניט אפט, — האט לייזער טרויעריק געענטפערט.

גוראל איז נאך געשטאנען א מינוט לעבן לייזערן, צוגעשמידט גע־קוקט אף אים אין דער טונקל. מיטאמאל האט ער אים ווידער אנגענומען פאר דער האנט, ווי אפסנײַ צו געזעגענען זיך, צוגעצויגן אים א קאפעלע נעענטער צו זיך און געזאגט סאמע אפן אויער:

— יערוכעם איז שוין העכער א וואך ניט געקומען נאך נײַס... גיט אים איבער, אז אין מאסקווע, וואס די דײַטשן האבן שוין א פאר מאל געמאלדן, אז זי איז געפאלן, איז אף א פאראד ארויסגעטראטן סטאלין. ער האט געזאגט, אז די רויטע ארמיי האט אנגעזאמלט קויכעס און וועט גיך א שרעק אנווארפן אף די דײַטשן, אז די רוסן האבן אין זינען באפרײַען ניט נאר זייער לאנד, נאר אויך די פעלקער פון מײַרעוו...

סטאלין? — האט לייזער שטיל איבערגעפרעגט. א ווארעמער ציטער איז דורכגעלאפן איבער זיין פלייצע, ער האט זיך געגעבן א גלייך אויס, ווי ער זאל פון א דרעמל דערוואכן.

.4

ווי אפגעצוימט די געטא איז ניט געווען, האט מען זיך דא פונדעסט־וועגן דערוווסט וועגן די טראנספארטן יידן, וואס גייען אפ אף מיזרעך. מ'האט אויך געוווסט, — נו, דאס האט מען שוין פראסט געזען פון איינעם א געסל, — אז עס ווערט דורכגעפירט ניט קיין גרויסע אייזנבאן־קאליע צו דער געטא. פארשיידענע קלאנגען האבן זיך גענומען פאר־שפרייטן. אייניקע האבן אפילע וועגן דער זאך גערעדט מיט האפענונג — אז עק, עפשער עפעס א סגולע. אף מיזרעך — איז עס דאך פארט נעענטער צו די רוסן. ווען זיי וועלן נעמען אנגרייפן, און דאס מוז דאך געשען, וועט מען גיכער פון דער פיין פאטער ווערן. אנדערע, און אזעלכע איז געווען פיל מער, האבן אבער געדרונגען, אז די גאנצע זאך איז אן אנשטעל, א פארבלענדעניש, אז אויב היטלער זאגט טאג, דארף מען זיך גרייטן צו נאכט, די נאציסטן אז זיי טראכטן צו עפעס נייס, איז עס נאר צום ערגערן. נאר וואס זשע זאל מען טאן, ווו זאל מען זיך אהינטאן מיט די קליינע קינדער. מיט די אלטע, קראנקע לייט, ווען עס גייט צו ווינטער און מע פאלט שוין אזוי אויך פון די פיס? צונויפגעדריקט הינטער די ווענט, וואס האבן אין צונויפגעשטעלטע לוכעס דערמאנט (זילבערטס אן אייגנפאל), האבן די פיל טויזנטער פארצווייפלטע געווארט אף זייער פינצטערן גוירל, ניט גלייבנדיק נאר אין איין זאך, אינעם סאמע שרעק־לעכן, אז דאס באדייט — ענדגילטיקע אויסראטונג.

אינעם טאג, ווען לייזער איז צוריק אריין אין געטא, האט מען דא פון מויל צו מויל איבערגעגעבן דעם לעצטן געשפרעך, וואס דער פרעזעס פון יידן־ראט מענאשע צימערשפיץ האט פאר זיין זעלבסטמארד, וואס ער איז באנאכט באגאנגען, געהאט מיט זילבערטן.

צימערשפיץ איז געווען אן אויסגעבלייכטער, סוטולעוואטער יונגער־מאן, וואס האט געזאלט ווערן א שויכעט, נאר צוליב אייניקע זיינע, עפשער אפילע וועגעטאריאנישע אנשויונגען, מיט שכיטע זיך קיינמאל ניט פאר־נומען. אלס פרעזעס פון יידן־ראט איז ער באשטימט געווארן נאך נעכע־מיע וואסערשטיינס דערמארדונג. און די גאנצע צייט איז אף זיין פאנעם שוין ווי געלעגן א שאטן פון פאראורטיילטקייט, כאטש ער האט זיך עס געפלייסט באהאלטן אונטערן אויסדרוק פון קאלטלעכער, נאר באזיניקטער דינסט־גרייטקייט. ער האט פינקטלעך אויסגעפילט אלע באפעלן פון די דייטשישע מאכט־ארגאנען, ביז ס'איז דערגאנגען צו אט דעם לעצטן באפעל. ער האט געזאמלט קאנטריבוציע; ארויסגעשיקט פארטיעס יידן

אף ארבעט, סיי אויסער דער געטא סיי אין שנאפּעם ווארשטאטן; כאטש ער האט זייער פּיינט געהאט ספּירעו, האט ער ניט קעגנגעשטעלט זיך, ווען יענער האט באשלאסן שאפן אין געטא אן ארעסט־הויז; דאס אלץ און נאך און נאך פיל זאכן האט ער געטאן אפילע מיט א היפּש ביסל פעדאנ־טישקייט. נאר ווען זילבערש האט בא אים א פאדער געטאן, דער יודן־ראט זאל אליין צושטעלן א צעטל פון טויזנט יידן, — קראנקע, יעסוימים, בעטלער, וואס דארפן מיטן ערשטן טראנספּארט ארויסגעפירט ווערן אף מיזרעך, — האט דער פרעזעס, דאס ערשטע מאל נאך אויסהערן א באפעל, זיך דערלויבט א פרעג טאן באם נאציסט הויך, אזוי אז מע האט אין שכייניש צימער, דורך דער פארמאכטער טיר געהערט:

— הער אבערשארפיורער, דערקלערט מיר, ביטע, פארוואס ווערן אין א נייעם וווינונגס־ארט, וווּ עס פאדערן זיך שטארקע, געזונטע מענטשן, געשיקט אלס פיאנערן די שוואכסטע און אומבאהאלפנסטע?

אף דעם איז, נאך א כאראקטעריסטישן פּאטשעלע פון דער נאהייקע אין דער כאליעווע פון שטיוול, געקומען אן ענטפער:

— עס גייט צו ווינטער, הער פרעזעס, ווינטן, פרעסט... בעסער איז די קראנקע, שוואכע און קינדער באצייטנס ברענגען אף די נייע וווינונגס־ערטער... — און נאך א קליינינקער פּאוזע, שוין מיט לוסטי־קייט אין שטים: — עפשער וויל דער הער פרעזעס דער ערשטער אריינ־געטראגן ווערן אינעם צעטל? איר וועט דאך אלע יענעם וועג דורכמאכן...

מענאשע צימערשפּיץ האט די קארטאטעטשיצעס ניט געהייסן בלייבן נאך דער ארבעט, ניט ארויסגערופן די מיטגלידער פון יודן־ראט, קיין שום צוגרייטונג פאר א באנאכטיקער זיצונג זיינען ניט געמאכט געווארן, — ער איז אוועק אהיים.

דא האט ער נאך געהאט א באגעגעניש, וואס האט געוויס פאר־שטארקט זיין פיין פארן טויט. אף אים האט געווארט א ייד אין א גראנאט פוטער, וואס האט נאך אף זיך פארהיט דעם סאכרישן גלאנץ. דאס שפּיציקע, שיטערע בערדל האט דער ייד פארבאהאלטן אין א ברייטן סויבלנעם קאלנער, דאס קיילעכדיקע קאפּעליושל געהאלטן אף די קני. ער האט שוין מינאסטאם געווארט לאנג — די בלאטע, וואס איז אראפּגע־רונען פון זיינע שיך אף דיקע קאוטשוק־פּאדעשוועס, האט שוין באוויזן צוטריקענען אפן דיל. דער ייד אינעם רייכן פוטער האט זיך פארנייגט פארן פרעזעס מיט אונטערגעשטראכענער האכנאעדיקייט, נאר ווען ער האט זיך אויסגעגלייכט, האט ער מיט סאלידקייט זיך פארגעשטעלט:

— גאמליעל פענזיך — אייגנטימער פון דריי הורטאווע שניט־גע־שעפטן אין לאדזש, קאטאוויץ און קראקע...

באמערקט, אז דער פרעזעס קוקט אף אים צעשטרייט, מיט קוים געהאמעוועטן אומגעדולד, האט ער גענומען ריידן:

— דא האבן מיר מיט אייער פרוי און מיט דער טאכטערקע גע־

שמועסט — זיי זאָגן, אַז שמוק האָט איצט קיין ווערט ניט... דאָך וואָלטן אַזעלכע אווירינגלעך געפּאַסט פֿאַר אײַער קינד, כע, כע, כאָטשבי ווי אַן אַדערויף אַף בעסערע צײַטן, ווען זיי וועלן קאָנען צונויף קומען... — ער האָט צעעפֿנט אַ שוואַרץ צירונג־קעסטעלע, וואָס איז אַרויסגעכאַפּט געוואָרן פון אונטערן קאַפּעליוש, און מיט צוויי פינגער אַרויסגענומען איין אווירינגל, אַף וועלכן ס'האָט, אײַנגעפּאַסט אין גאָלד, אַ בליאַסקע געטאָן אַ גרין, געשליפֿן שטיינדעלע.

נאָר אויך דאָס האָט ניט ווייכער געמאַכט דעם פּרעזעסעס בליק. ער איז בלויז נאָך מער בלאַס געוואָרן און שוין גאָר אומגעדולדיק אַ קנייטש געגעבן מיט די אַקסל. האָט דער גאַסט פאַרמאַכט דאָס קעסטעלע און שטילער צוגעגעבן:

— איך טראַכט — אַפילע פאַר קאָנטריבוציע וואָלט עס אַמאָל געקאָנט נוצן...

— מע דאַרף שוין ניט...

דאָס צירונג־קעסטעלע איז ווידער פאַרשוווּנדן אונטערן קאַפּעליושל, און גאַמליִעל פּעניזיך האָט, אַ פּרוּוו טוענדיק אָנבלאָזן די איצט אײַנגעפאַלענע, שטאַרק צעקנייטשטע באַקן, אַרומגעזוימטע מיטן שיטערן שפּיציקן בערדל, געזאָגט:

— צי וואָלט איך ניט געקאָנט אויגן־אַף־אויג אַ שמועס טאָן מיטן הער פּרעזעס וועגן אַן איניען, וואָס איז פאַר מיר זייער וויכטיק... כע, כע, אַנטשולדיקט, — ער האָט זיך פאַרנייגט פאַר דעם פּרעזעסעס פרוי מיט דער נײַניאַריקער טאָכטער.

מענאַשע צימערשפּיץ האָט שוין קוים געדולדעט דעם דאָזיקן פאַרשוין, נאָר האָט פּאָרט באַשטימט זיך צוימען, ער האָט דעם געוועזענעם הורט־סויכער אַוועקגעפירט פאַר אַ שמועס ניט אין אַרבעטס־צימערל, נאָר אין קאָרידאָר, וואָס פאַר דער דרויסן־טיר.

וועגן דעם, וואָס ס'איז ווײַטער פאָרגעקומען, האָט אַף מאָרגן דערציילט דער קוריער פון ייִדן־ראַט נאַפטאַלע נאַכטיגאַל. ער האָט גראָד געדאַרפט אונטערשרײַבן אַ פּאַפּירל באַם פּרעזעס און זיך אויפגעהויבן אַף די עטלעכע דרויסן־טרעפּלעך, וואָס האָבן געפירט צו יענעמס דירע. מיטאַמאָל דערהערט נאַפטאַלע עפּעס אַ רויש אין קאָרידאָר, אַז אויפגעבראַכט קאָל — דעם פּרעזעסעס קאָל. צימערשפּיץ זאָל אַזוי שרײַען? אַפן קלאַפּ אין טיר ענטפערט מען ניט. אַקלאָל, נאַפטאַלע נאַכטיגאַל האָט אַליין געעפנט די טיר און דערזען, אַז אַן עלטערער ייִד איז אַ סאָכרישן פוטער שטייט אַ מעווולוועלער מיטן קאַפּעליושל אין האַנט, ציפּוירע, דעם פּרעזעסעס פרוי, און זייער טאָכטערקע בעטן זיך בײַ צימערשפּיצן, ער זאָל זיך באַרויִקן, און יענער האַלט זיך מיט בײדע הענט באַם האַרצן און שרײַט ניט מיט זײַן קאָל:

— ווי וואַגט איר גאָר אַזוינס פאַרלייגן מיר! ווער בין איך איך?

דערזען נאַפּטאַלע נאַכטיגאַלן, האָט צימערשפּיץ זיך האַסטיק אַ קער־רעווע געטאָן צו אים:

— איר האָט ניט געהערט, נאַפּטאַלע, איר האָט ניט געהערט, וואָס אַט דער מענטש פאַרלאַנגט פון מיר און מיט וואָס ער וויל זיך אײַנקויפן אין קאַוועד בײַ די דײַטשן?

— וואָס וויל איך דען אַזוינס? — האָט גאַמליִעל פּענזיך פאַר־לוירן און מיר שרעק געראַטשעט זײַנע אויגן, — יעדער מענטש טראַכט, וויאַזוי זיך ראַטעווען דאָס לעבן... יעדער מענטש...

— דאָס לעבן... יעדער מענטש... אַ מענטש זײַט איר? שווײַגט בעסער! — מיטאַמאָל איז די בלאַסקייט אַראָפּ פון צימערשפּיצס קרענק־לעכן געזיכט, עס איז רויט געוואָרן. — אָנו, כאַזערט נאָר איבער פאַר אַט דעם ייִדן, — האָט ער מיט אַ פינגער באַוויזן אויף נאַפּטאַלע נאַכטי־גאַלן, — כאַזערט נאָר איבער, וואָס איר האָט מיר ערשט דערציילט און וואָס איר פאַרלאַנגט פון מיר...

— נו, וואָס? — האָט דער הורטאָוווניק געשטאַמלט. זײַנע אויגן ברייט צעעפנטע, ווי בײַ אַ פיש, וועלכן מ׳האָט אַרויסגענומען פון וואַ־סער, האָבן ניט געפינטלט, קאַלטע, גליטשיקע, האָבן זיי געקוקט אַ קאַ־פּעלע זינלאָז, — נו, וואָס האָב איך דען געזאָגט? כ׳האָב געזאָגט, אַז איך זעלבסט האָב שוין לאַנג געפילט, אַז דער דײַטש טראָגט אין זיך אַ קויעד... מענטשלעכקייט איז מענטשלעכקייט, און סאַכרעס איז סאַכ־רעס... כ׳האָב געזאָגט, אַז ווען גאַנץ פוילן האָט מיט די דײַטשן ניט געהאַנדלט, האָב איך, אַ ייִד, אַ לאָדזשער הורט־סוחר, געקויפט בײַ זיי, דורך אַן אויבערשלעזישן סוחר, אויף צוויי מיליאָן זלאָטעס שניט־סכוי־רע... עס קער נאָך לעבן יענער אויבערשלעזישער סוחר און ער וועט געוויס איידעס זאָגן... כ׳האָב באַשטימטע פאַרדינסטן פאַר די דײַטשן, און פון אײַך האָב איך געוואָלט, פּראָשע פּאַנאַ, אַ קליינע טויווע: אַזוי ווי איר שטייט נאָענט צו זילבערטן, איר האָט זיך ערשט הײַנט מיט אים געזען, איר האָט בײַ אים, פּראָשע פּאַנאַ, נויסע־כיין געווען, איז זאָלט איר אים זאָגן איין וואָרט, אַז אָט איז דאָ אַ ייִד, וואָס... זאָגט אים...

— הערט אויס! — מענאַשע צימערשפּיץ האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעגלײַכט, עטוואָס אָוועקגענומען די רעכטע האַנט אויף הינטן, — כ׳האָב נאָך קיינמאָל קיינעם קיין פּאַטש ניט געגעבן, נאָר איצט וועל איך דאָס טאָן, פאַר איידעס... נאַט! — און ער האָט אַ פּאַטש געטאָן גאַמליִעל פּענזיכן אין פּאָנעם אַרײַן, אַזוי אַז יענעמס שפּיציק בערדל איז אַרויסגעשפּרונגען פונעם סויבלנעם קאָלנער. דער הורטאָוווניק האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט ביידע הענט פאַרן פּאָנעם און, אויסקערעווענדיק צו צימערשפּיצן זײַן וואַטענע פּלייצע, אײַליק זיך געלאָזט צו דער דרויסן־טיר.

ווען ער איז ארויסגעגאנגען, האט צימערשפּיץ צוגעמאכט די טיר און געזאגט צו נאפטאלע נאכטיגאלן:

— די דייטשן ווילן ארויסשיקן א טראנספּארט יידן, זיי זאגן, אז אף מיזרעך. פון מיר ווען זיי זיך קיין צעטל ניט דערוואַרטן. נאר אט דעם דאזיקן, דעם דאזיקן וואלט איך געהייסן אפּשיקן... אך, פינצטער איז מיר, פאר ווען איך האב דא צו זיין א מיליץ-יווישער! אבער דאס פאלק — דאס פאלק וויל און דארף דאס ניט, נאפטאלע, גאר עפּעס אנדערש דארף דאס פאלק!

דאס זיינען געווען דעם פּרעזעסעס לעצטע ווערטער פארן טויט. שוין אין א פּאר שא ארום האט מען זיך אין געטא דערוווּסט, אז מענאשע צימערשפּיץ, זיין פרוי, די נייניאריקע טאכטער האבן פון קליינע קאל-בעלעך איינגענומען סאם...

.5

דער סאם-פּסיכאז האט די געטא-איינוווינער ארומגעכאפּט נאך פאר דעם פּרעזעסעס טויט. פארקערט, דער פּרעזעס האט שוין אין דעם פּראט נאכגעטאן אנדערע. ס'האבן זיך באוויזן סאם-פּארקויפער, וואס האבן גאנץ געשעפטלעך פארגעלייגט זייער סכוירע. א גלעזערן קאלבעלע מיט א קאַ-פּעלע וויין פראשעק אפן דנא האט געזאלט זיין די סגולע פון נויט, ביזאיען, פּיין. מ'האט פארפירט וועגן דעם געשפּרעכן באם טיש, באקאנטע האבן איינס באם אנדערן זיך דערקונדיקט, צי מ'האט די זאך איינגעשאפן, מ'האט אנגעגעבן אדרעסן, ווו מע קאן דאס קאלבעלע קריגן וועלוועלער. ווידער, איז אפילע דאס געווען צוטריטלעך בלויז פאר רייכערע. מע האט די קאלבעלע געטראגן אין די קאמזויל-קעשענעס, אין דאמען-בייטלען. און פיל האבן, קוקנדיק אף דעם, נאך אלץ געהאפט, אז מע וועט עס נאך אין פריידן באווייזן פריינט, ווען די פרייהייט וועט קומען...

לייזער איז צוזאמען מיט יערוכעמען אוועק צו זיך אהיים. אין צימער האט ער געטראפן אלעמען, כוץ דעם טאטן און מייער סאקאלן, וואס האבן געארבעט בא שנאפּען אין די ווארשטאטן און פלעגן זיך שפּעט אומקערן פון דארט. באם טיש איז געזעסן עפּעס א מענטש אין א שווארצן, גוט אויסגעפּרעסטן אנצוג, מיט א היפּשער פּאטלע טונקעלע קוטשעראווע האר. געווען איז ער דאר, קליין-וואוקסיק, ניט קיין מענטש, נאר גיכער א מענ-טשעלע, מיט א געלן, דריבנעם געזיכט. די אויסגעקעכלטע פּאטלע זיינע האט ווי ארופּגעשריגן פון אים: באמערקט איר ניט מיין באלעבאס, אין כאטש מיך מוזט איר באמערקן! באמערקט האט מען טאקע פריער פון אלץ די פּאטלע, נאר אז מע האט זיך שוין יא איינגעקוקט אינעם איינגעשרומפּענעם פּאנעם פון איר באלעבאס, האט זיך גלייך געווארפן אין די אויגן דער אויסדרוק פון גייסטיקער פארדארבנקייט...

בא לייזערן האט א טיאכקע געטאן דאס האַרץ, ווען ער האט געעפנט די טיר און גלייך אנטקעגן באם טיש דערזען דאס דאזיקע מענטשל, באַלויכטן פון לאמפ. יענער האט עפּעס אייליק געגעבן א ווארף אַריין אינעם איבערגעקערטן קאפעליוש, וואס ער האט געהאלטן אף די קני, און צונויפגעקוועטשט אים. לעאן קראוס, וואס איז געווען נעענטער פון אלעמען צו דער טיר, האט ראשיק זיך אויפגעהויבן און פעסט געדריקט לייזערן די האנט. לייזער האט זיך נאך באגריסט מיט ראשעלען און נעבע בייביק און געגומען זיך דורכקלייבן אין ווינקל צום פענצטער, ווו די מאמע איז געשטאנען מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

נאך דורכרוקנדיק זיך אינעם ענגן דורכגאנג צווישן טיש און ראשעלעס בעט, האט לייזער באמערקט, ווי לעאן קראוס האט מיטן קאפ א שאקל געמאן צום פרעמדן:

— באומרויקט זיך ניט, דאס זיינען אייגענע...

— געקומען פון ערגעץ ווייט? — האט יענער זשוואווע א פרעג געטאן.

— ניין, געארבעט אַט דא און מ'האט אים א פאר טעג אהיים ניט אפגעלאזט נעכטיקן...

לייזער האט, דריקנדיק די מוטער צו זיך, פילנדיק אירע ציטעריקע הענט אף זיינע אקסל, אפגעמערקט בא זיך, אז קראוס האט דעם עמעס ניט געזאגט.

יערוכעמען האט די אלטיטשקע נעבע בייביק באזעצט בא זיך אפן געלעגער, בא דער טיר. דער פרעמדער האט זיך אויפגעהויבן.

— באלד, באלד, — האט געזאגט קראוס, — באהאלטן זיך איז דא ניטא וואס. אדער קומט אריין אהער, הינטערן פארהאנג... אַט דא האט איר... — און ער האט אויסגעצויגן דעם פרעמדן צוויי פעקלעך געלט.

יענער האט א קנייטש געגעבן מיט די דארע אקסל און א קוק געטאן, ווי ער זאל זאגן: וואס איז דא פאראן צו באהאלטן? זיין פּאנעם האט קוים געשמייכלט, אנגעשפיצט און קאלט, ער האט אריינגערוקט די האנט אין קאפעליוש, ארויסגענומען פון דארט עפּעס און איבערגעגעבן עס דעם אדוואקאט.

— צוויי, — האט ער געזאגט.

קראוס האט א גלייך אויס געטאן די סוטולעוואטע פּלייצע, ס'האט אים א קאפּעלע ווי דעם אטעם אפגעכאפּט, די אויגן אונטער די געדיכטע ברעמען האבן א גלאנץ געגעבן.

— אזוי? — האט דער פרעמדער געווארט.

— אזוי... — האט קראוס זיך שוין באהערשט און לייכט א שאקל געטאן מיטן קאפּ.

ווידער האט דער פרעמדער א שמייכל געטאן, שוין מיט אזא מינע,

ווי מע זאָגט: „נוצט געזונט“, פּלינק, אַף די אָפּצאַסן זיך אַ קער געגעבן צו נעכע בײַביק:

— נו, מומינקע, און איר ציטערט אַלץ פֿאַרן קניפּל?

— פֿאַר אַ בעט ציטער איך! — האָט די אַלטע שטרענג געזאָגט.

— נו, איז דערלויבט זיך געזעגענען, ליבע פֿרײַנט! — דער פּרעמדער האָט זיך אַ פֿאַרנייג געטאָן, צולייגנדיק איין האַנט צו דער ברוסט, זײַן פֿאַטלע האָט זיך אַ באַוועג געגעבן. די האַנט האָט ער דערלאַנגט בלויז קראַוסן אַליין.

— דאָרט זײַנען באַ אײַך די טרעפּ צעבראָכן, צי וועט איר מיר ניט צולײַכטן אַ קאַפּעטשקע, הער אַדוואָקאַט?

קראַוס האָט שווײַגנדיק גענומען דעם לאָמפּ פֿון טיש און געלויכטן מיט אים אין קאָרידאָר אַרײַן, ביז די טריט האָבן זיך שוין געהערט אונטן, אַפֿן ערשטן שטאָק.

אוועקגעשטעלט דעם לאָמפּ צוריק אַפֿן טיש, האָט קראַוס זיך געוואָלט אַראָפּלאָזן אַפֿן בענקל, ווו דער פּרעמדער איז ערשט געזעסן, נאָר איבערגעטראַכט, עטוואָס אויפֿגעהויבן דעם פֿאָרהאַנג און אַוועקגעזעצט זיך אַפֿן ראַנד פֿון זײַן בעט. ער האָט מיט אַ טיכעלע געווישט דעם שווייס פֿון שטערן, די אונטערשטע קין האָט זיך באַ אים עטלעכע מאָל קאָנוווּלסיוו אַ באַוועג געטאָן. אַלע אין צימער האָבן געשוויגן.

— יאָ, איז שוין, הייסט עס, דער טויט אין קעשענע, — האָט קראַוס שטיל, ווי צו זיך אַליין געזאָגט. דער דאָזיקער שטאָלצער מענטש האָט איצט ווי מיטלײַד געבעטן.

ראַשעלע האָט געקוקט אין לייזערס ווינקל, איר דערשראָקענער בליק האָט געזוכט טרייסט און רעטונג. זי איז געווען אויסגעצערט און געל, ווי געווייגלעך פּרויען אין דער לאַגע, אין וועלכער זי האָט זיך געפֿונען. זי האָט זיך אײַנגעאַנצן אַ צאַפּל געטאָן פֿון קראַוסעס ווערטער. אָנגערופֿן האָט זיך נאָך נעכע בײַביק:

— אויב ס'איז מיר פֿון גאָט באַשערט צו לעבן כאָטש נאָך איין שאָ אַף דער וועלט, איז פֿאַרוואָס זאָל איך. זי באַ זיך צונעמען?

— ווער איז דאָס מענטשל? — האָט יערוכעם געפֿרעגט. מיט דער לײַכטקייט, מיט וועלכער די פֿראַגע איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן, האָט ער געוואָלט צעווייען די אָנגעשטרענגטקייט, וואָס האָט געהערשט אין צימער, — אַ פֿאַטלע פֿאַר אַ קינאָ־שטערן... עפּעס זע איך אים דאָס ערשטע מאָל אין געטאָ.

— אַ שלעזישער ייִד, געקומען מיט דער פּאַרטיע פֿון בעוטען, — האָט לעאָן קראַוס גערן זיך אָפּגערופֿן, אַרויסווײַזנדיק דערמיט גרייטקייט צו פֿאַרקניפּן אַ שמועס, — מאָריס גליוּוער הייסט ער. אַ פּראָוויזאָר...

— אַ זשוליק! — די אַלטע נעכע האָט פֿון טיפֿער ערגערניש געקאָ־

לופֿעט זיך מיט אַ נאָגל אַ בראָדעווקע אַף דער קין, — זײַט מיר מוחל, פּאַניע קראַוס, אַ פּראָוויזאָר דאַרף מען צוליב דעם זײַן?

— און דאָך האָט ער גאַנץ געהויבענע פּאַציענטן, — קראַוס האָט זיך פֿאַרהאַקט מיטאַמאָל און טרויעריקלעך צוגעגעבן, — געהאַט... דער פּרעזעס צימערשפּיץ איז אויך זײַנער אַ קוינע געווען...

— זעט איר, כ'וויל קיין טויטע ניט באַריידן און בכלל איז הײַנט בײַ אונדז אַ שטיקל שׂימחה, — אַ גאַסט, — יערוכעם האָט אַ קוק געטאָן אין לייזערס זײַט, — נאָר אויב זאָגן אײַך מײַן מיינונג, וואָלט איך צו אַט דעם פּראָוויזאָר נאָך קיין הילף ניט אָנגעקומען. מע דאַרף האָבן שטאָלץ און מוט דאָס אייגענע לעבן ביזן סאָף צו דערפֿירן, אַפֿילו ביז דעם סאַמע שווערן. און אויב שוין יאָ אַוועקלייגן עס, איז, נעמט עס, ביטע, ניט אַן פּאָר קיין קלינגעוודיקער פּראַזע — כאָטש אַף דער וואָג־שאָל פֿון קאַמף!

— האַרציקע מײַנע, רעדט ניט וועגן טויט, איצט האָט דאָס לעבן זיך אומגעקערט אין אונדזער שטוב, — האָט עסטער קאָרשעווער זיך אַ בעט געטאָן פֿון איר ווינקל. זי האָט געגלעט לייזערס אַקסל, — איר זעט דאָך, אַז ס'טרעפֿן נאָך ניסים!

— יאָ, מאַמעשי, ניסים טרעפֿן, — האָט לייזער איר אין טאָן געזאָגט, — אָבער נאָר מיט דעם מענטשנס הילף...

אינגיכן זײַנען געקומען נויעך קאָרשעווער און מייער סאָקאָל, יערוכעם האָט זיך דאָ פֿאַרהאַלטן נאָך אַ ביסל. לייזער האָט אײַנקורצן דערציילט, ווי־אַזוי ער האָט זיך געראַטעוועט פֿון לאַגער, און ווידער איז געקומען צו רייד וועגן דעם פּרעזעסעס טויט — נויעך קאָרשעווער האָט באַמערקט, אַז מע האָט פֿאַר דער מישפּאָכע צימערשפּיץ אַפֿילו קיין באַזונדער געשפּאַן ניט אויסגעטיילט, אַרויפֿגעוואַלגערט זיי אַף איין וואָגן מיט אַלע מײסים, וואָס מע קלײַבט אונטער אין גאַס, און אַוועקגעפֿירט אין טאַרע־הויז, ווו זיי וועלן וואַרטן אַף דער ריי באַגראָבן צו ווערן.

— ווער זשע איז ראָש־הקהל? — האָט נעכע געפֿרעגט.

— קיין נײַער פּרעזעס איז נאָך ניטאָ, לאָזט כאָטש זילבערטן קומען צו זיך פֿונעם שווערן פֿאַרלוסט! — האָט מייער סאָקאָל געזאָגט מיט ביטערן כויזעק.

— יאָ, דער דײַטש נעמט זיך דאָס טאַקע שטאַרק צום האַרצן, ווי מיינט איר, ער האָט הײַנט אַוואַדע קיין וואַרעמס ניט געגעסן! — בײַ יערוכעמען האָבן די אויגן אַ פֿלאַם געטאָן, אַ ציטער איז דורכגעגאַנגען איבער זײַן פּאָנעם, — מע דאַרף אַזוינס אויפֿטאָן, אַז בײַ אַזאַ נעפֿעש, ווי זילבערט, זאָל ניט נאָר דער אַפּעטיט אָפּפֿאַלן, נאָר אַז ער זאָל פֿאַרן אייגענעם שאָטן זיך שרעקן, אַז דער טויט זאָל לאָקערן אַף אים אומעטום. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין — אונטער מאָסקווע שלאָגן זיך מענטשן, לאָזן ניט ווײַטער דעם דײַטש, איז האָבן זיי דען אין זינען בלויז זיך? אויך וועגן אונדז געדענקען זיי! ווער זשע האָט אונדז געגעבן רעכט דאָס

אייגענע לעבן אַזוי וואַלוול שליידערן אונטערן שטיוול? אַ גראַנגל מוז אויך דאָ גיין, דאָס מוז וויסן יעדער ייִד אין געטאָ, און ס'זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס וויסן עס שוין...

לעאָן קראַוס האָט אַנגעשפּאַרט די עלנבויגנס אין די קני און מיט ביידע הענט צונויפגעפּרעסט דעם קאָפּ.

— איז אָט דאָס, הייסט עס, דעם מענטשנס שטאָלץ... אָבער ווער קאָן מיר פאַרווערן זיין באַלעבאָס איבער מיין אייגן לעבן?

— איך פאַרשטיי אייך, — האָט יערוכעם מיט פּלוצימדיקער צאַרטקייט אין שטים געזאָגט, — אָבער פאַרשטייט מיך אויך, אַז אַ הערלעכער ציל דאַרף באַרעכטיקן דעם טויט.

— דאָס איז שוין דער פעלער פון אונדזערע עלטערן: מ'האָט אונדז געלערנט לעבן, נאָר ניט געלערנט שטאַרבן...

— ניט ריכטיק. — יערוכעם האָט מיט קראַפט אַוועקגעלייגט די האַנט אויפן טיש, — אָט הענגט דאָ אין צימער אַ בילד פון איינעם אַזאַ, וואָס האָט געוווּסט, ווי אַזוי און פאַר וואָס צו שטאַרבן. און אָט איז די מוטער, וואָס האָט אים דערצויגן, און ער איז דען דער איינציקער? און זיין ברודער, לייזער, זוכט דען אַנדערע, לייכטערע וועגן?

עסטער האָט אַ ציטער געטאָן באַ אָט די ווערטער יערוכעמס. אירע בלינדע אויגן זיינען געווען ברייט צעעפנט. זי האָט שטיל געזאָגט:

— אוי, קינדער, קינדער. וואָס זאָל טאָן אַ מאַמע? איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי אַלץ און כ'בענטש אייך.

— און טוט נאָר אַ קוק אַף רוסלאַנד... — האָט יערוכעם אַ צעיצטער געוואָלט פאַרזעצן זיין געדאַנק. נאָר נעבע בייביק, וועלכע איז געזעסן באַם טיש, האָט זיך פּאַמעלעך אויפגעהויבן און צוגערירט זיך מיט דער האַנט צו זיין אַקסל. ער האָט זיך אומגעקוקט.

— רייד, רייד, יערוכעם, — האָט זי געזאָגט, — אַ מאַלעך לייגט דיר אַריין די ווערטער אין מויל אַריין...

נאָר יערוכעם האָט מיטאַמאָל שווער אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ און אַנטשוויגן געוואָרן.

באַ דער אַלטער נעבען האָט זיך אַ קרים געטאָן דאָס געזיכט און עטלעכע דריבנע טרערן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט איבער די צעקנייטשטע באַקן מיט די בראָדעווקעס.

— און מיינע קינדער... ווו זייט איר, זין מיינע? אַז זיי זיינען אַף מיזרעך אַוועק, האָב איך געוווּסט — זיי טוען רעכט. ערשט מוזן זיי זיין סאַמע אין רעכטן פייער. מיינע זין זיינען ניט קיין פּלאַכע...

.6

ס'איז אוועק נאך א טאג, און אין געטא האט מען זיך דערוווּסט, אז די דייטשישע מאכט האט שוין אוועקגעשטעלט א גייעם פרעזעס פון יידן־ראט — דעם שלעזישן ייד מאריס גליוווער.

מע האט אפילע דערציילט א געשיכטע, וויאזוי דאס איז געשען:

א יידישער ארדענונגס־פאליציאנט האט פארהאלטן מאריס גליווערן מיט א היפש פעקל סאם־קאלבעלעד און אפגעפירט אים אין ארעסט־הויז. אהער איז פונקט געקומען זילבערט. דערהערט, פארוואס מע האט דעם יידן ארעסטירט האט ער געזאגט:

— זעלבסטמארד איז דער גוטער ווילן פון יעדן מענטשן. מיר קאנען ניט האבן קעגן דער טעטיקייט פון אזא איינעם וואס שטעלט צו דאס אר־טיקל פאר יענע, וועלכע ווילן אוועק אין הימל אויסער יעדער ריי...

דערנאך האט ער פארלאנגט אליין א קוק טאן אפן סאם־פארקויפער און מיטאמאל דערקענט אין מאריס קליווערן זיינעם א געוועזענעם שול־כאווער. אזוי האט זיך אנגעהויבן גליווערס קאריערע.

אף מארגן נאך מאריס גליווערס אנקומען אין יידן־ראט, איז גרייט געווארן דאס צעטל פון די ערשטע טויזנט יידן, וואס האבן געדארפט ארויסגעשיקט ווערן.

די געטא האט זיך אויפגעכאפט אין א רעגנדיקן, כמורנעם קאיאר פון א קלאפן אין טויערן און טירן, פון א פויקן אין פענצטער. דאס זיינען פאליציי־לייט געגאנגען פארנעמען די, אף וועמען ס'האבן שוין געווארט וואגאנען. גלייך פון די בעטן, פון די אנגעווארעמטע שמאטעס, אין וועלכע מע האט זיך, יעדער־ווער אין זיין ווינקעלע, איינגענורעט, האט מען געשלעפט עלנטע קינדער, אלטע לייט, קאליקעס. עס זיינען אוועק צום עשעלאן אלע איינוווינער פון מוישעוו־זקיינים, דאס יעסוימים־הויז.

לעאן קראוסן האט מען גאר פרי ארויסגערופן אין יידן־ראט, האט שוין נעכע בייביק זיך אויך אויפגעהויבן אנרייבן פאר אלעמען צום פרישטיק רעטער פונעם קליינינקן גערטנדל, וואס מע האט אין הויף איינגעפלאנצט. אירע אויגן האבן געטרערט פון דער אנגעבראקטער ציבעלע, מיט וועלכער זי האט דעם רעטער איבערגעמישט, ווען זי האט דערהערט שווערע, גוילעמעוואטע טריט אף די טרעפ. באלד האט מען אויך אנגעקלאפט אין טיר און, ניט ווארטנדיק אף קיין דערלויבעניש, זי א שטויס געטאן. א דייטש מיט אן עסעס־שארבנדל אפן היטל איז שטיין געבליבן אפן שוועל:

— ווער איסט פראו בייביק? שנעלער!

— אוי, גאט מיינער! — האט די אלטיטשקע א קרעכץ געטאן און ארויסגעלאזט דאס מעסער פון האנט. דער עסעסאוועץ האט געגעבן א טראט אפ א שפאן אין א זייט און א ריטשע געטאן:

— שנעלער קאם!

אַ באַרוועסער, אין איין העמד איז אַראָפּ פון בעט מייער סאָקאָל, אויך לייזער האָט זיך פלינק אויפגעהויבן. די אַלטיטשקע נעכע האָט מיט ציטערדיקע הענט צונויפגענומען אין אַ ציכעלע, וואָס זי האָט פון אַ קישן אַראָפּגעכאַפּט, אַ ביסל זאַכן, לייזער האָט פון פּאָליטשקעלע גענומען דאָס רוילעכע ברייטל, וואָס מע האָט נעכטן באַקומען פאַרן גאַנצן צימער, און עס אויך אַריינגעוואָרפן אין פּעקל.

— ניין, ניין, — האָט נעכע געזאָגט, — גיט מיר נאָר אַ שטיקל. איי, הערט שוין אויף, מירן דאָ מיט קאַרטאָפל דעם טאָג איבערקומען.

די אַלטע האָט פונדעסטוועגן געוואָלט אַרויסשלעפּן דאָס ברויטל פון ציכעלע, נאָר ס'איז שוין געווען מיט עפּעס פאַרלייגט, האָט זי אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט.

— קאָם!

— נו, מענטשן טייערע, כ'גיי אין פינצטערן וועג, — האָט נעכע בייביק געזאָגט שטיל, נאָר אַזוי, אַז אַלע האָבן געהערט, — אויב איר וועט אין דריי כאַדאָשים אַרום קיין ידיעה פון מיר ניט האָבן, צינדט אָן ליכט!

— שנעלער קאָם, אַלטע! — האָט דער עסעסאָוועץ איבערגעכאָזערט און פאַרריכט זיך אונטערן קין די ליאַמקע פון דער קאַסקע.

נעכע בייביק האָט בלויז אַ קוק געטאָן אויף אים. איר ברייטלעך פּאָנעם אין בראָדעווקעס איז איצט שוין רויק געווען.

— אויב מיינע זין וועלן נאָך דער מילכאָמע זיך אָפּרופן, איז זאָלן זיי וויסן, אַז זייער מאַמע האָט זיך פאַרן טויט ניט געשראָקן. איר זאָלט עס זיי זאָגן — אַזאַ איז מיין ראָצן. און אַ נאָמען וויל איך נאָך זיך — נעכאָמע... כ'האָב מיין זאַך אָפּגעטאָן — דער וועלט געגעבן זין. נו, זייט געזונט און זאָל אייך דער איבערשטער באַשיצן און באַשירעמען!

זי האָט גענומען דאָס פּעקל, נאָר שוין בײַ דער טיר זיך אָפּגעשטעלט:

— די הינער מיינע זאָלט איר קוילען סיידן פאַר אַ כוילע צי פאַר אַ... געווינערן, — זי האָט אַ קוק געטאָן אין די סאָקאָלס ווינקל, וווּ ראַשעלע איז געזעסן אַ דערשראָקענע, מיט איין האַנט אונטערגעהויבן דעם פאַרהאַנג, כ'ווינטש דיר אַ גרינג האָבן, ראַשעלע...

דער עסעסאָוועץ האָט זי אַ שלעפּ געטאָן פאַרן אַרבל.

.7

אויף אַרויסבאַגלייטן דעם ערשטן טראַנספּאָרט פון געטאָ איז צוגעטראָכט געוואָרן עפּעס אַ מין געזעגענונגס-קאָמעדיע. די מענטשן, ניט אַזוי די, וואָס זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן, ווי די, וואָס זיינען פאַרבליבן, האָבן ניט געטאָרט פאַרשטיין, וווּהין דער טראַנספּאָרט גייט. דער יודן-ראַט אין פּוילן באַשטאַנד איז געווען אויפן „אומשלאַג-פּלאַץ". געווען זיינען דאָ אויך אַ פּאָר צענדליק סתּם כּשרע לייט פון געטאָ, דאָקטוי-

רים, פראפעסארן. צווישן זיי אויך — לעאן קראוס. מ׳האט דערוואַרט, אז דער שטאט־הויפטמאן אליין זאל אהער אראפקומען.

די פערצן פראכט־וואגאנען זיינען צוביסלעך פארפולט געווארן. געארבעט האבן דייטשישע וואך־ און עסעס־לייט, יידישע פאליציאנטן פון ספירעס כעוורע האבן זיי געהאלפן. פיל פון די, וואס זיינען אנגעמערקט געווארן אין די צעטלען, האבן, פילנדיק, אז אף זיי קאן פאלן דער גוירל, זיך באצייטנס באהאלטן, האט מען גענומען כאפן און פירן צו די וואגאנען סטאם אלטע לייט און אפילע ניט גאר קיין אלטע אויך... די גוואלדן פון די קרויווים האבן זיך געהערט ערגעץ פון יענער זייט געסל, אהער, צום „אומשלאג־פלאץ”, האט מען שוין דערלאזט בלויז די, וואס גייען צום עשעלאן.

אזייגער צען אינדערפרי איז צום „אומשלאג־פלאץ” אף זיין בלויער מאשין געקומען צו פארן דער שטאט־הויפטמאן. א פולבלעכער, א פעסט־איינגעצויגענער אין זיין בלוילעך־גרויען מונדיר, איז ער ארויס פון מאשין און א קאפעלע א צי זיך געטאן, ברייט צעשטעלנדיק די פיס אין לאקירטע שטיוול א ריב געטאן איינע אין דער אנדערער די הענט אין די זאמשענע הענטשקעס. זילבערט האט ראפארטירט, אז צו די אנגעמערקטע טויזנט פעלט נאך סאכאקל פערצן פערזאן. דער שטאט־הויפטמאן האט זיך געלאזט גיין פארביי די וואגאנען. ווי נאר ער איז פארבייגעגאנגען א וואגאן, האבן עסעס־לייט פארמאכט די טירן, פארלייגט די אייזערנע קליאמקעס און צוגעדרייט זיי מיט דראט.

מ׳האט געבראכט נאך עלף יידן — מענער און פרויען — און אריינגעשפארט זיי אינעם איינציקן וואגאן, וואס מע האט געלאזן אפן. דער שטאט־הויפטמאן איז געשטאנען א וואזשנער, אן אנגעבלאזענער אין זיין הויכן עסעס־היטל און געווארט. זילבערט האט, דער שעף זאל ניט זען, אויפגערעגט געפאטשט זיך מיטן ברעגעלע פון דער נאהייקע אין כאליעווע.

נאך דריי יידן פעלן צו טויזנט.

עס נעמט מאראקען א רעגנדל, דער שטאט־הויפטמאן ווארט.

מע ברענגט א קראנקן אין איין העמד אף א טראג־בעטל. א גרייזער און דארער, זיצט ער אן איינגעבויגענער און קוקט מיט מוטנע אויגן אפן שטאט־הויפטמאן. נאר באם דייטש איז דאס פאנעם, ווי פון שטיין.

מען ברענגט צו פירן אן אלטיטשקע אין א שאבעסדיקער שאל. זי טראגט א קליין פעקעלע אונטערן ארעם. איצט פעלט שוין בלויז איין ייד צו טויזנט. דער שטאט־הויפטמאן מאכט אויפגערעגטע טריט, שטעלט זיך אפ בא דער מאשין, אף וועלכער די דינינקע טראפנדלעך רעגן לאזן איבער קליינע קוים מערקבארע פלעקן. ער פירט מיטן פינגער אין הענטשקע איבערן גלאז פון קאבינע און קוקט מיט א קאפעלע לאנגווייל אפן ארויסגאנג פון געסל. זילבערט פאטשט שוין גאר אפן מיט זיין נאהייקע איבערן שטיוול.

און אט איז דער טויזנטדיקער ייִד –– עמיל קראוס. ער גייט א צעפאטלטער. דאס אנטאן אף אים איז צעריסן, די אויגן, גרויסע און דולע, זיינען פול מיט רוגזע. צוויי פאליציי־לייט שטופן אים אונטער.

לעאן קראוס בלייבט שטיין א פארציטערטער. ער טוט נאך מער א הארבע זיין סוטולעוואטע פלייצע און גלייכט זי באלד אויס. דער קאפ שטאלץ פארהויבן. עמיל קראוס איז שוין קימאט צוגעגאנגען צום וואגאן, פלוצים האט ער דערזען דעם ברודער, א בייג זיך געגעבן און געפרווט צולויפן צו אים. נאר די פאליציאנטן האבן אים פאר בײדע הענט גענומען שלעפן, אויפגעהויבן אונטער די פאכוועס און אריינגעזעצט אין וואגאן.

לעאן קראוס האט געמאכט די עטלעכע שפאן, וואס האבן אים אפגעטיילט פונעם שטאט־הויפטמאן.

— דאס איז מיינער א ברודער, — האט ער געזאגט, ניט אויסדריקנדיק ניט קיין געבעט, ניט קיין דערשרעק אף זיין לענגלעך געזיכט, — ער איז א גייסטיק־קראנקער, אן אומבאהאלפענער. זאל דער הער שטאט־הויפטמאן מיר דערלויבן מיטמאכן מיטן ברודער די רייזע...

דער שטאט־הויפטמאן האט באטראכט דעם ייִד'ן פון קאפ ביז די פיס, יענער איז געווען הויך און ווייל ער איז געשטאנען צו נאענט, האט דער דייטש געדארפט א קאפעלע אויפהייבן דעם קאפ. איבער זיין פעטן, ברייטן פאנעם האט א גליטש זיך געטאן א שמייכעלע, אין די אויגן זיינען לוסטיקע פייערלעך ארומגעשפרונגען.

— ביטע, — האט ער ארויסגערעדט, — נאר דאן וועט דאך זיין אין טראנספארט טויזנט און איין ייִד... אך, צוליב פאמיליע־אנגעלעגנהייטן קאן מען די זאך פארריכטן...

לעאן קראוס איז געשטאנען מיט דער פלייצע צום עשעלאן, בלויז עטוואס אויסגעקערעוועט מיטן פאנעם צום לעצטן וואגאן, וווּהין מע האט דעם ברודער אריינגעווארפן. ער האט אבער אין דער ווײלע געקוקט בלויז אפן שטאט־הויפטמאן און ניט געזען, אז פון וואגאן מאכט צו אים מיט דער האנט נעבע בייביק. זי איז געשטאנען א גרייזע, א צעפאטלטע — עמיץ האט אין דער שטיקעניש בא איר אראפגעריסן די שאל — און אנגעשטרענגט געקוקט אף לעאן קראוס, ווארטנדיק, ער זאל כאטש נאך א קאפעלע אויסדרייען דאס געזיכט. פאר דער האנט האט זי געהאלטן עמיל קראוס, איר אויפגעהויבענע האנט האט געדארפט באטייטן, אז זאל לעאן זיך ניט באומרויקן, זי וועט אפן קראנקן האשגאכע האבן. נאר לעאן קראוס האט דאס באמערקט שוין נאך דעם, ווי ער האט באקומען די האסקאמע פונעם שטאט־הויפטמאן. ער האט זיך געלאזט צום וואגאן.

דערווייל האט דער שטאט־הויפטמאן אויך באמערקט די ייִדענע, וואס האט אזוי ענערגיש זשעסטיקולירט בא דער אפענער וואגאן־טיר. ער האט אויסגעשטרעקט א האנט און מיטן פינגער באוויזן, זי זאל צוקומען. אן

עסעס־מאן האָט פאַרן קלייד אַראָפּגעשלעפּט נעבע בייביק און צוגעפירט זי צום שטאָט־הויפּטמאַן. דער אַלטערס פּאָנעם האָט נאָך געהאַט אַף זיך דעם אויסדרוק פון אָנשטרענגונג און זאָרג, און אויך פאַרלוירנקייט פון דעם, וואָס מע האָט זי מיטאַמאָל פון האַמוין אָפּגעריסן. שמייענדיק פאַרן דייַטש, האָט זי די אויגן געקערט צו די מיטגלידער פון יידן־ראַט און די איינגעלאַדענע, ווי זי זאָל שטום פרעגן בא זיי, אין וואָס באַשטייט איר שולד, און אַ שוץ בא זיי בעטן.

דער שטאָט־הויפּטמאַן האָט באַטראַכט די יידענע. אַף איר שלייף, וווּ די הויט איז דין און טרוקן געווען, האָט זיך געזען אַ פרישער דראָפּ, בלוט האָט פון דאָרט אַראָפּגערונען און אַרום אַ האַריקער בראָדעווקע אַף דער באַק אָנגעהויבן פאַרטריקנט ווערן.

— אַלטע! — האָט ער געזאָגט, — איר זייט די טויזנט ערשטע, אַן איבעריקע. קאָנט איר, לײדער, ניט פאַרן. נאָר איר באַלעסטיקט דעם ווין־באַצירק. אַך, איר האָט אַזוי אויך צופיל געלעבט...

ער האָט נאָך אַ לוסטיקן ווונק געטאָן צום עסעס־מאַן, וואָס איז הינטער נעבע בייביקס פּלייצע געשטאַנען, און מיטן בליק אים אַ וויין געגעבן אַפּן געווער בא דער זייט. יענער האָט באַלד אָנגענומען די אַלטע פאַרן קאָלנער.

נעבע האָט אַ ציטער געטאָן. נאָר איין ווײַלע נאָך פון אָרט זיך ניט גערירט, ווי זי זאָל צו דער ערד צוּוואַקסן. זי איז עפּעס ווי טינקעלער געוואָרן אין דער רעגע, די קנייטשן אַף איר פּאָנעם זיינען שאַרפער אַרויסגעטראָטן.

— דאָס זייט איר דער גלוונער עסעסאָוועץ? — האָט זי געפרעגט. פונקט ווי קיין פרעמדע האַנט זאָל זי פאַרן קאָלנער ניט האַלטן.

— יאָ, — האָט דער שטאָט־הויפּטמאַן געענטפערט.

— אויסוווּרף! — האָט נעבע מיט קויעד אַ שפּיי געטאָן דעם פּאַשיסט אין פּאָנעם. דער שפּיי האָט אים געטראָפן אין קין און זאַף דעם שטייענדיקן, מיט זילבער אַרומגעליגטן קאָלנער. זילבערט האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אָפּווישן דעם שפּיי, דער עסעס־מאַן האָט אַ וואַלגער געגעבן נעבען אַף דער ערד, מיט איין האַנט זי גענומען שלעפּן אין אַ זייט און מיט דער צווייטער פונאַנדערשפּיליען דעם קאַבור.

דער שטאָט הויפּטמאַן האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צום עסעס־מאַן, ער זאָל זיך אָפּשטעלן. אַרויסגענומען פון דער הינטעושטער הויזן־קעשענע אַ קליינעם טונקעלן בראַונינג, איז ער מיט געמאַסטענע טריט צוגעגאַנגען צו דער אומגעוואַלגערטער אַלטער און אויסגעשאָסן איר אין נאַקן. זי האָט זיך נאָך אַ דריי געטאָן, אונטערגעהויבן זיך אַף אַן עלנבויגן, אויסגעקערעוועט צו אים דאָס שוואַרץ געוואָרענע פּאָנעם מיט אַ שטום צעעפנט מויל. דער שטאָט־הויפּטמאַן האָט ווידער אויסגעשאָסן, דאָס מאָל אינעם מויל, וואָס איז אָפן געווען עפּשער פאַר אַ נייעם שפּיי.

XIV. פּולווער אונטער שמאַטעס

אַף וואָס איז געבענטשט דאָס געווער?

.1

לייזער האָט ניט צופעליק געבעטן בײַ מאַריאַן גוראַלן, בעיס זייער ערשטער באַגעגעניש, בלויז אַ פּאָרל גרעט. ער איז טאַקע געווען אין אַ געוויסער מאָס איבעררעשט, טאַקע געוואָלט פריִער דורכקאָנטראָלירן דעם מענטשן. אָבער ניט דאָס איז געווען דער עיקר. דער עיקר איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש.

פּאַרטיעס ייִדן פון די, וואָס זײַנען געווען פאַרנומען אַף באַהילפּיקער אַרבעט בײַ דער אײַזנבאַן, האָט מען גענומען אויסנוצן בײַם פונאַנדערלאָזן פּראַכט־וואַגאָנעס. זיי האָבן געדאַרפט אין אַ באַשטימטן אָרט צונויפליגן פאַרשיידן ברוכוואַרג, וואָס מע האָט געפירט אַהער פון פראָנט — שטיקער פליגלען און אַרומגעבראָכענע מאָטאָרן פון אַראָפּגעקלאַפּטע עראָפּלאַנען, צעשעדיקטע האַרמאַטן, צעקאַרדאַשעטע טאַנקען. לייזערן איז איז אָנגענעם געווען אָנצוקוקן דאָס, ווײַל די מערהײַט פון דער דאָזיקער צעפּאַטערטער טעכניק איז געווען דײַטשישע (פון אָט דעם ברוך, פון דעם כאַראַקטער פון די צעשעדיקונגען האָט ער זיך געשאַפן אַן אײַנדרוק וועגן דעם פאַרנעם און וועגן דער פאַרביסנקייט פון די שלאַכטן), אי עס האָט געהאַט פאַר אים אַ שטיקל פּראַקטישן אינטערעס. אין אַ צעשעדיקטן טאַנק אַ שטייגער קאָן מען ניט זעלטן געפינען אויטאָמאַטן־קוילן, וואָס פּאַסן אויך פאַר פּיסטאָלעטן, ניט קיין אויסגעשאָסענע סנאַריאַדן. מע קאָן אַרויסשיטן פון זיי דעם פּולווער און מאַכן גראַנאַטן. אין אַ גאַנץ געבליבענער קאַבינע פון אַן עראָפּלאַן האָט לייזער געפונען פאַררוקט ניט קיין גרויסן פּיסטאָלעט, ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך צו דעם, וואָס מע האָט אין דער נאַכט פון די טויט־וועגענער אַרויסגענומען פון דער קעשענע בײַ דעם דײַטש, וועלכן לייזער האָט געשטאָכן. דעמאָלט האָט יערוכעם אָפּגעגעבן דעם פּיסטאָלעט לייזערן. און לייזער, וואָס האָט קיינמאָל ניט פאַרגעסן וועגן דער באַגעגעניש מיטן פישער, האָט דאָס מאָל דעם געשאַנק גענומען. איצט האָט ער באַשלאָסן, אַז אויב ס'וועט אים

געלינגען אַרויסגיין פון לאַגער און אַרויסטראָגן דעם פּיסטאָלעט, וועט ער אים אָפּגעבן יערוכעמען.

זײַנע געפינסן פלעגט לייזער באַהאַלטן בײַ זיך אין די קעשענעס און בעיים וואַרמעס־איבערבײַס זיי פאַרשטעקן אין אַ כורווע ניט ווײַט פון באַן.

זעענדיק, אַז ער קאָן אַליין מיט דער זאַך זיך ניט אָפּפאַרטיקן, אַז פיל מאַטעריאַלן ווערט פאַרפאַלן, האָט ער זיך גענומען אַ געהילף, איינעם אַ באַכער פּיוּוקע לאַמוטע, אַ פלינק און דרייסט שוסטער־יינגל, וואָס איז געשלאָפן לעבן אים אױף דער נאַרע. אייניקע, די סאַמע טײַערסטע געפינסן, האָט לייזער אַריבערגעשלעפּט אין לאַגער אַרײַן. אין די פאַלעס פון דער מאַרינאַרקע, צווישן געוואַנט און אונטערשלאַק, פלעגט ער אַלעמאָל אָנ־שיטן פּולווער, אין די ברייטע שיך אַף הילצערנע פּאַדעשוועס, וועלכע מ׳האָט אים דאָ אַרויסגעגעבן, פלעגט ער אַרײַנרוקן פּיסטאָלעטן־קוילן. פּיוּוקע פלעגט אויך טאָן דאָס זעלבע. פאַרבונדן זיך אַ פאָר מאָל אַ פוס, וועלכן ער האָט קלוימערשט צעקאַליעטשעט, האָט ער אונטער דעם באַנ־דאַזש טיילנווײַז אַריבערגעטראָגן דעם פּיסטאָלעט.

לייזער האָט זיך שוין אַפילע אַרומגעטראָגן מיט אַ געדאַנק צונויפ־קלײַבן פון פאַרשיידענע טיילן אַ האַנט־קוילנוואַרפער, איז אָבער גאָר איינגיכן די גאַנצע זאַך דורכגעפאַלן און גראָד צוליב דעם געהילף, וואָס ער האָט זיך גענומען. פּיוּוקע האָט פאַרטראַכט אַרײַנשמוגלען אין לאַגער אַ קליינינקע איטאַליענישע גראַנאַטע, וועלכע זיי האָבן געפונען צווישן פּוסטע הילזעס. פאַרבונדן זיך מיט אַ האַנטעך דעם האַלדז, קלוימערשט ער טוט אים וויי, האָט פּיוּוקע אײַנגעדרייט אין אים די גראַנאַטע. מאַכט זיך אָבער, אַז בײַם טויער פון לאַגער, ווו עס פלעגן אַלעמאָל שטיין עט־לעכע עסעס־לײַט און אַכטונג געבן, די יידן זאָלן גאָרנישט ניט אַרײַנטראָגן, און דערבײַ שלאָגן זיי אָן אַ שום פאַרוואָס, האָט איינער אַ ווערגעלעץ אַ שטעל אונטער געגעבן פּיוּוקען אַ פוס און אַ האַק געטאָן אים מיט אַ פויסט אונטער דער קין. דער מיין איז געווען — דערלאַנגען דעם באַ־כער אינעם אַנגעווייטיקטן אָרט. פּיוּוקע האָט פון אומדערוואַרטעטקייט אַ פאַל געטאָן און פון אונטערן האַנטעך האָט זיך אַרויסגעקײַקלט די גראַ־נאַטע. מאָמענטאַל איז דאָס יינגל געקומען צו זיך. אין אַ רגע אַרום איז שוין פּיוּוקע געשטאַנען אַף די פיס מיט דער גראַנאַטע אין האַנט. קעדיי זי זאָל זיך אויפרײַסן, האָט מען געדאַרפט בלויז איין דריי טאָן אַ מעכאַניזם. אויפשפרינגענדיק, האָט ער איר שוין אַ דריי געטאָן, און אַ סעקונדע פאַר דעם, ווי ס׳האָט זיך דערהערט אַ שאָס האַרט הינטער אים, האָט ער באַוויזן אַ שלײַדער טאָן די גראַנאַטע צום פלויט פון שטעך־דראָט, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ פראַכט־מאַשין מיט עטלעכע דײַטשן.

די קויל אין פּלייצע האָט פּיוּוקען אַף טויט אוועקגעהאַרגעט. גע־פאַלן זײַנען דאָ טאַקע בײַם טויער נאָך עטלעכע יידן, ס׳זײַנען געווען אויך

שטאַרק צעמיימיסטע. לייזער האָט יענעם טאָג געטראָגן בלויז פּולווער אין די פאַלדן פון דער מאַרינאַרקע, און מע האָט עס ניט געפונען אַפילע באַ דער שטרענגער אונטערזוכונג. די אָנפירונג פון לאַגער איז אַליין ניט פאַראינטערעסירט געווען, די געשיכטע זאָל ווײַט באַוווּסט ווערן, דערפאַר האָט מען קיין גרויסע שטראָף קעגן די לאַגערניקעס ניט פאַרגענומען. מע האָט בלויז אויפגעהערט אויסנוצן ייִדן באַ דער אויסלאָדונג.

ווען לייזער האָט ענדגילטיק אָנגענומען אַ באַשלוס אַרויס פון לאַגער, האָט ער שוין אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, ווי אַרויסטראָגן דעם אויצער, וועלכן ער האָט דאָ געהאַט. ער האָט צעריסן דאָס פּאָרל גרעט און פון די שמאַטעס זיך אויפגענייט אַ ברייטן גאַרטל אַפן גאַנצן בויך, מיט באַזונדערע אָפּטיילן, וווּ ער האָט צונויפגעלייגט די קוילן, צווישן זיי אײַנגעמאָסטעט דעם פּיסטאָלעט און דאָס אַלץ אַרומגעשאָטן מיט פּולווער, אַז קיין ליידיק שפּאַרונקעלע זאָל ניט בלײַבן. דעם גאַרטל האָט ער נאָכן שמועס מיטן מאַשיניסט פאַרבאַהאַלטן אין אַ ריוו, ניט ווײַט פון ברונעם. אַוועקגעשטעלט אין יענעם ריוו דעם קאָרב מיט די שרויפן, האָט ער שנעל אַרויסגעשלעפּט פון אונטער אַ פּוילער שפּאַלע דעם גאַרטל און מיט אים צוזאַמען אַרויף אַפן לאָקאָמאָטיוו.

.2

ווען דעם גאַרטל האָט לייזער דערציילט יערוכעמען, ווי נאָר מ'האָט זיך באַגעגנט אין קעלער, פון יענער זײַט דורכגאַנג.

— אַ גאָלדענער גאַרטל! — האָט יערוכעם געזאָגט, באַטאַפּנדיק אים אין דער פינצטער, — מע וועט דאַרפן אונדזערע כעוורע באַזאָרגן מיט אַזעלכע גאַרטלען...

לייזער האָט געלייגט אַכט אַף די ווערטער „אונדזערע כעוורע”, גאָר גאָרנישט ניט געפרעגט. אויך פון די ווײַטערדיקע קאַרגע רייד, בעיים מע האָט דאָס געוועזר באַהאַלטן אין הייל, אין ספּעציעלע גריבלעך, האָט לייזער געשפּירט, אַז יערוכעם איז זיכערער באַ זיך. עס פילט זיך ניט אין אים די פריִערדיקע אויפגערייצטקייט פון אַן איינזאַמען.

אַרויס פון דורכגאַנג, האָט לייזער מיטן פוס אָנגעטאַפּט אַ שטיין, אַוועקגעזעצט זיך, אַ צי געטאָן אויך יערוכעמען פאַר אַ האַנט, ער זאָל זיך זעצן.

— דערציילט, וואָס הערט זיך דאָ?

— נײַס — אַ יאַם, — האָט יערוכעם געזאָגט, בלויז אָנשפּאַרנדיק זיך מיט אַ קני אינעם שטיין, — פאַראַן אי גוטס, אי ביטערס. ווערסט אַלץ וויסן. מיר זײַנען שוין אַ קויעד, מיט וועלכן מע רעכנט זיך אין געטאָ. פאַראַן אויך אַ סיכסעך באַ אונדז אין דער אָנפירונג, אַפילע צוויי סיכסוכים. ס'הייסט, וואָס איז שײַעך דעם צווייטן, איז עס אַ ספּעציעלע

מיינונג, אַ באַוואָרעניש פון אַ נײַעם מענטשן, וועלכן מיר האָבן אַרײַנ־גענומען אין דער אַנפירונג, — מיר רופן זיך שוין איצט אַפילע שטאַב. אין דער דאָזיקער פראַגע, בין איך זיכער, וועסטו זײַן איינשטימיק מיט דער מערהײַט. וואָס ס׳איז אָבער שײַעך דעם אַנדערן סיכסעך... נו...

— ער האָט געשוויגן אַ פאָר רעגעס, — כ׳ווייס ניט, וויאַזוי דו וועסט אַף דעם קוקן... וועסט שוין הערן...

לויטן טאָן, מיט וועלכן יערוכעם האָט דאָס געזאָגט, האָט לייזער פאַרשטאַנען, אַז בעסער איז ניט פרעגן גלײַך וועגן די סיכסוכים, באַזונדערס וועגן יענעם, צוליב וועלכן די שטימען האָבן זיך אין שטאַב, צו זען, צעטיילט גלײַך אַף גלײַך. לייזער האָט דערפילט, אַז עפעס איז עס באַ יערוכעמען אַן אַנגעווייטיקטע זאַך, און נאָך מער — אַז ער איז ניט זיכער אין דער ריכטיקייט פון זײַן אייגענער מיינונג. לייזער האָט פאַרשטאַנען איינס: ער איז, ווי עס שײַנט, געקומען צו דער ריכטיקער צײַט, ווען עס שטייען פאַר ווייכטיקע באַשלוסן, און — פון דעם געדאַנק איז אים וואַרעם געוואָרן אַפן האַרצן — כאַווײרים האָבן ניט נאָר געדענקט וועגן אים, נאָר געוואַרט אַף אים, און ער וועט דאַרפן זאָגן אויך זײַן וואָרט. פון דער צווייטער זײַט, איז אים געפעלן, וואָס יערוכעם אײַלט זיך ניט באַקענען אים מיט זײַן אייגענער מיינונג, עס זאָל ניט אויסקומען, אַז ער נוצט אויס די ערשטע באַגעגעניש, קעדיי צו אַנבינדן עפעס לייזערן. די אינערלעכע ריינקייט דעם כאַווערס האָט אַנגעפילט לייזערן מיט אַזויפיל פרייד און זיכערקייט, אַז ער האָט, ניט קאָנענדיק אײַנהאַלטן דעם צופלוס פון מונטערקייט, געפרעגט:

— אָבער אין אַלגעמיין, וואָס הערט זיך דאָ אין געטאָ, יערוכעם?

— וואָס זאָל זיך הערן? אויב ביכלאַל וועגן דער לאַגע אין געטאָ, איז זי פיל ערגער ווי געווען. נאָר אַף קיין גוטס קאָן מען זיך דאָך דאָ ניט ריכטן. די פראַגע איז נאָר, ברודערקע, ווי שנעל דאָס שלעכטע וועט זיך אַנרוקן. וועגן די עשעלאָנען ווייסטו אַוואַדע מער פון אונדז, קומסט דאָך פון דער באַן־ליניע, דאָס האָט מען דאָך פון אײַער לאַגער געפירט די רעלסן אַהער... נו, דאָ האָסטו ניט איבערגעלעבט די טומלעניש מיט די פאַרשיידענע אַרבעטס־שײַנען, ווײַסע, געלע, גרינע, דאָס צעטיילן די מענטשן אַף אַרבעטס־ווייכטיקע און ניט אַרבעטס־ווייכטיקע. ס׳איז אַ היפש ביסל בלוט פאַרגאָסן געוואָרן. איצט האָט זיך שוין אײַנגעשטעלט, דוכט זיך, עפעס סטאַבילס — שנאַפעס וואַרשטאַט, וואָס אַרבעט פאַרן רײַך, די וואַרשטאַטן באַם יודן־ראַט, וועלכע אַרבעטן אויס סכוירע פאַר אַ געוויסער אויסערלעכער ליפערונג. יאָ, נאָך אַ זאַך — מע פירט מענטשן פון געטאָ אַף פאַרשיידענע אַרבעטן אין שטאָט. אַ געפערלעכער איניען, ניט זעלטן קערט מען זיך אויך ניט אום פון דאָרט, נאָר אַ געוויסע לופטערונג איז עס פונדעסטוועגן, מע קאָן זיך אַרײַנכאַפן, אַרויסכאַפן פונדאַנען, עפעס דורכשמוגלען...

— נו, און ווי האלט עס טאקע מיט אונדזער איניען? — האט לייזער יזוין פארזיכטיק געפרעגט, — האסט געזאגט, עס זיינען צוגעקומען קויכעס...

— צוגעקומען. מענטשן, א ביסל געווער. סאקאל ארבעט אין די שנאפצ־ווארשטאטן. ער האט דארט דריי פינפטלעך. זייער זאך איז דערוויל שלעפן טעקסטיל און פעלצן, וויפל עס לאזט זיך נאר. אזוי שאפן מיר זיך א געלט־פאנד. קארעל ארבעט אין די יידנראט־ווארשטאטן, דארט האט ער צוויי פינפטלעך. דאס זיינען זעלנער, זאלמען מושטרעוועט זיי דורך די נעכט, לערנט זיי אלע געווער־סוידעס. פאראן א פאר זעלבסטשטענדיקע פינפטלעך, אף וועלכע איך האב די השגאכע. און אפילע סערקעלע מיינע האט א פינפטל פון אירע געוועזענע שול־כאווערטעס, צומייסטנס, לערערנס. די ארטיסטן האבן זיך אויך ארגאניזירט געהיים, מיט זיי פירט אן דיינער א וויכאוואנעק, שמועל לעמפערט. מע שפילט אין א קעיער און מע האט שוין א ביקס, וואס איז געקויפט געווארן אף דער ארישער זייט בא אן עסטרייכער... נו, דער נייער, וואס איז אין שטאב אריינגעפירט געווארן, איז איינער א לערער, אירמע שאך. מירן דיך באקענען מיט אים. בא אים זיינען צומיינסטנס כאלוצים און שאמרים, און ביכלאל יוגנט פון די ספארט־קרייזן. זיי האבן שוין ווי א פארטיקע גרופע זיך אנגעשלאסן אין אונדז. מע ענדיקט די טעג ארוים א היפשע הייל, וואס וועט פון דער קשיווע־גאס פירן אף דער פריי, צו די ליים־פוסטקעס, פאראן בא זיי א ראטאטאר, א ביסל געלט. געווער, פארקערט, — ווייניקלעך... אט דער דאזיקער שאך איז עס אריין אין שטאב מיט א פרינציפיעלער רעזערוואציע, נאר מיט אים קאן מען נאך הויזן. ער האט אבער שוטפין — ציאניסטן פון רעכטן פליגל, ארטאדאקסן און סטאם באלעבעסלער, וואס אי זיי זעען, אז די ערד ברענט אונטער די פיס, אי זיי וואגן ניט צושטיין צו אונדז. יענע האלטן ניט פון קיין דירעקטן ווידערשטאנד. עס קאן, הייסט עס, אויפרייצן די כייע... וועסטו פרעגן: וואס זשע יאו? אט דאס איז דאך עס: ריידעריייען וועגן סטאם אכדעס, און, דעריקער, וואלט מען וועלן ארוים פון געטא, קעדיי דורך אונגארן און רומעניע זיך דערלאנגען אייוועהר־לעיאם... די דאזיקע קוקן אף מיירעוו, אף ענגלאנד, וואס פארמאגט אף יעדן פאל א גאנצענעם האטעל אין לאנדאן אנגעשפיקעוועט מיט פוילישע מיניסטארן... איך זאג דיר דאס, קארשעוועהר, ווייל דו וועסט גלייך אף מארגן זיך באגעגענען מיט דעם אלעמען. שאך היט איין זיינע פארבינדונגען סיי אין געטא סיי אויסער איר, און, דו ווייסט, מיר באשטייען דערוויל ניט דערויף, אז ער זאל די פארבינדונגען איבעררייסן. ס'א סווארע, אז ס'איז אין שטאט פאראן עפעס א קאמענדאנט פון א מיליטערישער פוילישער ארגאניזאציע, וואס ווערט אינספירירט פון לאנדאן. מיר האלטן בא אנטאפן א סטעזשקעלע צו אים דורך שאכס פארבינדונגען. עפשער וועלן מיר קענען ארויסרייסן א ביסל

געווער פאר אונדזערטוועגן, ווי זאגט מען דאס — פון א כאזער א האר...
נו, וועגן אונדזערע ווירקלעכע אויסערלעכע פארבינדונגען האסטו שוין אליין א שטיקל אנונג. מאריאן גוראל איז ניט איינזאם, און מיר קריגן היפשע הילף. כ'ווייס, אייניקע מענטשן ווילן, אז מיר זאלן די זאך פאר־בר'ייטערן, איך האב מיר מיין קוק אף דעם... — ווידער איז ער, ווי צום ערשטן מאל, ווען ער האט דערמאנט וועגן סיכסעד, אנטשוויגן גע־ווארן. ער האט צוגענומען דעם פוס פון שטיין און אויסגעגלייכט זיך. אין דער גערדיכטער קעלער־פינצטערניש האט לייזער אים ניט געזען, נאר זיין פאנעם האט זיך אים געמאלט א פאראקשנטס, מיט אויגן ברייט און וואך צעעפנטע, וואס קוקן איינגעשפארט און שטרענג פאר זיך.

אין א מינוט ארום האט יערוכעם צוגעגעבן:

— און דאס וויכטיקסטע איז אוודע דאס, וואס בא אונדז איז שוין פאראן א קערנדל פון דער פוילישער ארבעטער־פארטיי. איך מיין, דו ווייסט, וואס פאר א פארטיי דאס איז. וועסט זיך באקאנען מיט דער פראגראם.

— גייען מיר, הייסט עס, ווי קאמוניסטן אין שלאכט! אזוי זיינען מיר טאקע א קויעך! — לייזער האט אין דער פינצטער אפגעזוכט דעם כאווערס קנעכלדיקע האנט און מיט ביידע הענט זי א דריק געטאן.

שפעטער זיינען זיי צוזאמען אוועק צו לייזערן אהיים און דארט געטראפן דעם סאם־פארקויפער.

.3

אף מארגן האט מייער סאקאל זיך אויפגעהויבן, ווען ס'האט נאר גענומען שארן אף טאג, שטיל א טארע געטאן לייזערן, וואס איז גע־שלאפן מיטן פאטער. אנגעטאן זיך, זיינען ביידע יונגעלייט ארויס אין הויף. נאר דא איז געווען קאלט און פייכט, האט מען זיך אוועקגעשטעלט אין קארידאר בא דער טיר.

— יערוכעם האט דיר מינאסטאם דערציילט, וויאזוי בא אונדז איז דא, — האט מייער סאקאל געזאגט, קוקנדיק א קאפעלע פארשעריש אפן כאווער.

— אין אלגעמיין... וועגן דעם דאזיקן שאך דערציילט... זאג דעם עמעס, מייער, וואס זיינען דא בא אייך פארא כילוקע־דייעס?

— דו ווייסט שוין דען? ווייסט שוין? — האט סאקאל זיך פאר־וואונדערט.

— דאס איז דאך עס, וואס כ'ווייס נאך גארנישט, כ'פיל נאר...

— פילסטו? ניין, טאקע, יערוכעם האט דיר עפעס געזאגט?

מייער איז פאר דער צייט, וואס לייזער האט אים ניט געזען, שטארק דאר געווארן, אזוי אז דאס ברוינע פאנעם זיינס איז געווען ווי פארקוילט און דינע קנייטשעלעך האבן זיך אוועקגעלייגט אין זיינע אויגן־ווינקלען

און אַרום מויל, איצט האָט זיך אַ פֿאַרב באַוויזן אױף זײַנע אָפּגעצויגענע באַקן.

— יערוכעם האָט מיר גאָרנישט ניט געזאָגט, — לייזער האָט זיך געפּלײַסט צו ריידן וואָס גלאַסענער, — ער האָט נאָר דערמאָנט, אַז ס'איז בײַ אײַך דאָ עפּעס אַ סיכסעך.

— האַ, — האָט סאַקאַל זיך ווי באַרויִקט, — וועסט הערן... ס'גרייט זיך בײַ אונדז אַ זיצונג. ביסט דאָך אַ שטאַב־מיטגליד, וועסטו אויך באַשטימען... דערצײַל, עפּשער האָט גורל איבערגעגעבן עפּעס נײַס?

לייזער האָט דערצײלט, אַז מאָסקווע האַלט זיך, אַז די רוסן גרייטן זיך צום ווײַטערדיקן קאַמף.

מייערן האָבן די באַקומענע נײַס באַגײַסטערט.

— זעסט, — האָט ער געזאָגט, — זעסט, און אונדזערע ריידן דאָ נאָר פֿון שטאַלצן אומקום!

אױף דער גאַס האָבן זיך דערהערט טריט. מייער, וואָס האָט אין פֿאַר־באַפּטקייט עטוואָס געהעכערט די שטים, איז שטיל געוואָרן. אױפֿן שוועל פֿון קאָרידאָר־טיר האָט זיך באַוויזן יערוכעם, אַ בלאַסער פֿון דער קאָאַרי־קער פֿרישקייט.

— גוט מאָרגן, כאַווײרים. איר זײַט שוין אויף?

— ערשט אַרויסגעגאַנגען.

יערוכעם האָט מיט קוים מערקבאַרן כשאַד באַטראַכט מייערן, נאָר באַלד איז זײַן בליק ווייכער געוואָרן.

— גייסט דאָך באַלד אױף דער אַרבעט, סאַקאַל? לייזער וועט הײַנט אַ ביסל אומשפּאַנען מיט מיר איבער דער געטאָ... מירן זיך שוין אַרויף ניט אויפהייבן, מע קער זיך דאָרט פּונקט אָנטאָן.

— כ'מייד אויס צו גיין איבער דער געטאָ, ווען עס איז ליכטיק, ס'זײַנען אָבער פֿאַראַן זאַכן, וואָס מע מוז זיי טאָן בלויז באַטאָג, — האָט יערוכעם געזאָגט, — הײַנט דאַרף אין די דאָזיקע געסלעך זײַן אָפּן פּאָסטן באַרעדט אַלפּער, קאָן ער אַרויסהעלפֿן, אויב מע וועט אונדז כאַפּן אױף אַרבעט. כ'בין אין די וואַרשטאַטן ניט אַוועק, ווײַל עס דאַרפֿן בײַ אונדז זײַן אַ פּאָר פֿרײַע הענט, ס'קאָן זיך מאַכן, אַז דיר וועט אויך אויסקומען אַזוי טאָן, די ווירטשאַפֿט איז זיך צעוואַקסן... אָט וועל איך דיר הײַנט אַ ביסעלע באַווײַזן.

ס'איז געווען ווינטיק און קאַלט. כאָטש ס'איז געווען נאָך היפּש פֿרי, האָבן אױף די געסלעך זיך מיט יעדער מינוט באַוויזן אַלץ מער מענטשן. די ווײַסע בענדלעך אױף די אָרעמס האָבן דערצײלט וועגן אַלציינעם גורל, וואָס לויערט דאָ אױף אַלעמען. עפּעס אַ מאָדנע לאַנגזאַמקייט. האַמעטנע־קייט האָט זיך געפֿילט אין יעדערנס באַוועגונג. פּונקט די נאַכט זאָל קיין שום פֿרישקייט ניט ברענגען די מידע און אויסגעצערטע גופֿים. עס האָבן

זיך געטראָפן יעדן מיט פייעס און יעדן מיט אַן אייראָפּעיִשן אויסזען, נאָר אַלע גלײַך אין מיט שרעק אין די אויגן. פרויען אין אַלטמאָדישע שאַלן אָדער אין מאָדערנע סעקלעך און מאַנטלען זײַנען מיינסטנס געווען דאַר און געהויקערט, אַנדערע — געשוואָלן, מיט אַנגעדראָלענע הענט און פיס, מיט זעקלעך אונטער די אויגן, מיט צעטריקנטע און בלויע ליפּן. קינדער האָבן זיך אַרומגעשאַרט אין אַט דער קעלט באָרוועסע, האַלב־נאַקעטע, בלאָווע, אומריינע, שרעקלעך פאַרוואַקסענע, און נאָר אינעם בלאַסן פּע־נעמל, וואָס קיין שום קווט קאָן זײַן צאַרטקייט ניט פאַרדעקן, אין די אומשולדיקע אָפּגעשטעלטע אייגעלעך, אינעם קליינעם פאַרשמאַכטן מײַלכל האָט געצאַפּלט דאָס יונגע לעבן.

אין מעשעד פון די פיר כאַדאָשים, וואָס לייזער איז אין לאַגער אָף דער סטאַנציע געווען, און אויך פריִער, אין לאַגער פאַר קריגס־געפאַנגענע, האָט ער בלויז געזען די לײַדן פון מאַנצבלען, וועלכע זײַנען שטאַרק אַפילע אין זייער גויסעסן. איצט אָבער האָט זײַן האַרץ פאַרקלעמט פון די בילדער, וואָס האָבן צעעפנט פאַר אים אַ גאַנץ לעבן, אַ פאַראורטיילטס אָף פאַר־טיליקונג. און ער האָט בלויז שטיל געקריצט מיט די ציין און געבײַלט די פויסטן . . .

יערוכעם איז צו דעם אַלעמען געוווינט געווען, ער האָט די בעהאַ־דראָגעדיקייט פון אַט דעם אומגליק איבערגעלעבט. דערפאַר איז ער גע־גאַנגען קימאַט אַ רויקער איבער דער גאַס, פאַרנומען מיט זײַנע געדאַנקען. אונטער אַ פּלויט איז האַלב־זיצנדיק, האַלב־ליגנדיק אָף דער ערד, אויס־געצויגן די פיס אָפן טראָטואַר, געלעגן אַן אַלטער. ער איז געווען טויט. לויט די צעשפּיליעטע שיך, לויט דעם, וואָס ער איז געווען אין איין קאַמזויל, האָט מען געקאָנט אורטיילן, אַז ער איז אַוואָדע ערשט אַרויס אָף דער גאַס מיט אַ פאַרצווייפלטן באַשלוס עפּעס־וואָס אויסבעטן, קעדיי די נעשאָמע צו דערהאַלטן, דורכגייער האָבן אים געשענקט אַ בליק און געשפּאַנט ווייטער. אויך יערוכעם האָט געוואָלט פאַרבײַגיין. לייזער האָט זיך אָפּגעשטעלט. יערוכעם האָט פאַרשטאַנען זײַן דערשיטערונג, אים אַ נעם געטאָן פאַרן אָרבל:

— קום, וועסט קיין טויטן שוין ניט העלפן, מע דאַרף קלערן ווי צו העלפן די לעבעדיקע.

— נאָר מיט וואָס העלפן?

— נו, קאָנסט זיי געבן פריִהײַט? גיב! דערווײַל קאָנסטו זיי ברענגען נאָר פּולווער, זיי זאָלן זייער קאָוועד דערהאַלטן.

יערוכעם און לייזער זײַנען אַרײַן אין אַן ענג בלאָטיקן הויף און איבער דרויסנדיקע טרעפּ זיך אויפגעהויבן אָף אַ בוידעם־שטיבל. דאָ האָט געוווינט אירמע שאַד. דער לערער איז אין דער היים ניט געווען. פאַרן אָראָפּלאָזן זיך האָט יערוכעם מיט אַ ווונק באַוויזן לייזערן אָף אַן אָפּגעזעגענעם פּעסעלע, אין וועלכן ס'איז געוואַקסן אַ פיקוס. „אַ צווייען־

דיקער דעק, — האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן, — שאַד האָלט דאָרט אַ פּאָר פּיסטאָליעטן... נאָר דאָס געוויקסל וועלקט עפּעס, מע וועט אים דאַרפֿן אויפֿמערקזאַם מאַכן..."

אַזוי ווי שאַכס ווײַב האָט ניט געקאָנט זאָגן, וווּהין דער מאַן איז אַוועק, האָט יערוכעם אַליין גענומען קלערן, ווו קען ער זײַן. מע איז אַרײַן אין אַ קעלער ניט ווײַט.

דאָ האָסטו די אַרטיסטן, — האָט יערוכעם אַ שעפּטשע געטאָן לייזערן, און פּאַר אַ האַנט אים גענומען פֿירן דורך אַ לאַנגן און ברייטן דורכגאַנג מיט אַן ערדענעם דיל, ס'האָט זיך געשאַפֿן אַן אײַנדרוק, אַז מע איז אין אַ הייל, — מע פֿאַרריגלט דאָ די טיר, ווען מע דאַרף, און כעוורע באַוויַזן טעאַטער־שטיק. צושויער שטעלן זיך דאָ אויס אַ מאַן פּופּציק... די אַרטיסטן וווינען דאָ אויך, וואַרט צו...

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר, וואָס לייזער האָט זי ניט געזען.

— ביטע! — האָט געענטפֿערט אַ שטים פֿון אַן עלטערן מענטשן.

אין צימער — אַ געוועלבטער, אויסגעווײַסטער קעלער, — איז לעבן אַ האַלב קײַלעכדיקן פֿענצטערל, וואָס איז, ווײַזט אויס, אַרויס אַף דער גאַס, געשטאַנען פֿאַר אַ מאָלבערט אַ הויכער גרײַזער אַלטער. בא די ווענט זײַנען צעשטעלט געווען עטלעכע ניט צוגעראַמטע בעטלעך, אַ פּאָר צעוואָרפֿענע געלעגערס האָבן זיך געזען אַפֿן דיל. אַ בליק געטאָן ווער ס'איז אַרײַנגעקומען, האָט דער מאָלער נאָך צוגעטראָגן צום לײַוונט דאָס פּענדזל, אָפּגעטראָטן אַ פּאָר שפּאַן, אַ קוק געטאָן אַף דעם, וואָס ער מאָלט, און אַוועקגעלייגט די פּאַליטרע אַף אַ בענקל.

— האַ, — האָט ער געזאָגט און שוין אינגאַנצן זיך אויסגעקערעוועט צו די געסט, — אַנטשולדיקט, כ'האָב ניט באַוויזן צוראַמען. מ'האָט נעכטן שפּעט רעפּעטירט און הײַנט קוים די קעפּ אויפֿגעהויבן, אַוועק צו דער אַרבעט... און מיר איז אײַנגעפֿאַלן, וויאַזוי צו ענדערן די לאַגע פֿון דער האַנט בא אָט דעם לויפֿנדיקן ייִדן, האָב איך זיך געשטעלט אַרבעטן...

אַף אַ היפּשן לײַוונט איז אין פֿולן וווּקס געווען אויסגעמאָלט אַ יונגער באָכער, אַ האַלב־נאַקעטער, מיט אַ פּעלכל אַרום די לענדן, ווי קנעכט פּלעגן אַמאָל גיין. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן הויך אויפֿגע־הויבן אַ שפּיז און מיט דעם פֿום אָנגעטראָטן אַף אַ רוימישן לעגיאָנער, וואָס האָט אַף דער ערד זיך געוואַלגערט, אָנגעטאָן אין אַ פּאַנצער און מיט אַ מעשענעם העלם אַפֿן קאָפּ; מיט די הענט האָט דער לעגיאָנער זיך געפּלײַסט אָנשפּאַרן אין דער ערד, זײַן פּנים האָט אויסגעדריקט שרעק, די אויגן זײַנען געווען צוגעשמידט צום שאַרף פֿון שפּיז, וואָס האָט אָנראַכמאָנעסדיק זיך אָט־אָט געדאַרפֿט אַראָפּלאָזן. פֿון אַ זײַט איז געלאָפֿן נאָך איין לעגיאָנער מיט אַ שפּיז, נאָר דאָס האָט ניט אָפּגעשראָקן עטלעכע קנעכט, וואָס האָבן מיט דרענגלעך און שטיינער זיך געטראָגן

אהער. דער באכער, וואס האט געהאלטן דעם שפּיז, האט דופנדיק און זיגעריש געקוקט אף זײַנע כאוויירים, זײַן געזיכט איז געווען פול מיט מוט און סינע.

דער קינסטלער האט, אליין פארגאפט פון זײַן ווערק, געשווינגן, לייזער האט אויסגעדרייט די אויגן צו אים און מיטאמאל א ציטער געטאן. דעם האלב־נאקעטן באכערס געזיכט איז שטארק ענלעך געווען אפן קינסטלער, אזא האט ער געדארפט זײַן אין דער יוגנט. דערפילט דעם באטײַט פון לייזערס האסטיקן בליק, האט דער קינסטלער צוגעמאכט אף א רעגע די אויגן, נאר באלד זיי געעפנט, אזעלכע רויקע און קלארע. מיט א קאפעלע טרויער אין שטים האט ער געזאגט:

— דאס בילד הייסט: „ווען איך זאל יונג זײַן...״

— כ׳פארשטיי, כ׳פארשטיי, — לייזער האט פארביסן א ליפּ, — ס׳זײַנען אבער פאראן אנדערע יונגע.

— א, איר האט דערזען, וואס איך וויל! — האט דער קינסטלער אויסגערופן און מיט באגײַסטערונג דערלאנגט לייזערן די האנט.

פונעם ארטיסטן־קעלער איז מען, אלץ זוכנדיק אירמע שאכן, ארײַן אינעם יעסוימים־הויז. דאס איז געווען אן איינשטאקיק געביידעלע אין דער טיף פון א הויף, ווו עס זײַנען געשטאנען עטלעכע הוילע אקאציעס. אין שטיבל, וואס האט געהאט עטלעכע צימערלעך, האבן ווי א בינען־רוי געווימלט קינדערלעך פון פארשיידענעם עלטער. אלע געשוירענע, ריין געוואשענע, נאר אנגעטאן אין אלטע קליידער, זארגעוודיק פארלאטעטע. די פּנעמלעך — מיינסטנס דארע, אײַנגעשרומפּענע, די אייגעלעך — פינ־קלענדיקע, נײַגעריקע, לײַדנדיקע, נאר שוין פון שרעק אפגערוטע.

יערוכעם האט ארײַנגעפירט לייזערן אינעם איינציקן גרויסן קלאס, ווו די עלטערע קינדער האבן זיך געלערנט. דא זײַנען געווען צוויי יונגע דערציִערנס און א זאקן מיט א פּידל. די דערציִערנס האבן בלויז א שאקל געטאן מיט די קעפּ צו די געסט און ניט גערירט זיך פון ארט, קעדיי ניט שטערן א מיידעלע, וואס האט, שטייענדיק אף א בענקעלע, דעקלאמירט ביאליקס „פרייעלעכס״. דער אלטער האט דעם פּידל אנגעשפארט אין דער קני, דעם סמיטשיק אראפּגעלאזט צום דיל און, האלטנדיק עטוואס אין א זײַט דעם קאפּ, מיט טרערן אף די אויגן געהערט. דאס מיידעלע האט מיט קראפט ארויסגערעדט, ברייט א מאך טוענדיק, ווי צו עמעצן אן אומזע־בארן, מיטן דארן ווײַסן הענטל:

— וואס־זשע שמאכט איר? — נעמט דעם בעכער,
גיסט אים אן מיט גרינער גאל!

זי איז געשטאנען אזוי א רעגע מיט דעם אויסגעשטרעקטן הענטל,

איך פּענעמל האָט געפּלאַמט, דערנאָך שטילער, מיט נאַטירלעכער פאַרבי־טערטקייט אין שטים האָט זי פאַרגעזעצט:

אויסגעזופּט און ניט פאַרקרימט זיך,
ניט קיין ציטער אין די הענט!
זאָל אַ קרענק דער סוינע וויסן,
וואָס אין האַרצן בראָט און ברענט!

4.

ווען מע איז אַרויס אין דרויסן, האָט יערוכעם געזאָגט:

— איצט זעסטו, ווען מיר דאַרפן דאָ באַשיצן? כ'האָב קיין קינדער ניט, עפּשער דערפאַר ווייטיקט מיר דאָס האַרץ פאַר אַלע קינדער, נאָר מעגלעך, אַז ווען כ'זאָל האָבן קליינוואַרג, וואָלט איך דעם ווייטיק נאָך שאַרפער געפילט...

אַ שטיקל צײַט איז ער געגאַנגען אַ ביסעלע פאַרטראַכט און דערנאָך צוגעגעבן:

— איך הייב אָן פאַרשטיין, פאַרוואָס מייער סאָקאָל וויל כאָטש איינצלנע ראַטעווען. נו, יאָ, אים איז די זאַך נעענטער — ראַשעלע איז אַף דער צײַט. ס'איז, פאַרשטייט זיך, ניט ריכטיק אים כווישעד זײַן אין עגאָיִזם. אָבער דאָס הייסט דאָך פאָרט צעשפּליטערן די קויכעס.

לייזער האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז אַרום דעם און ערעד גייט דער סיכסעך. לויט אָבער ווי יערוכעם האָט אים נעכטן געגעבן אָנצוהערן און פון די ווערטער, וואָס האָבן הײַנט באַ מייערן זיך אַרויסגעכאַפּט, האָט לייזער באַנומען, אַז דער סיכסעך גייט ניט וועגן פּערזענלעכע פראַגן, נאָר וועגן עפּעס גרעסערס, ער האָט מיט פרייד אָפּגעמערקט, אַז אַף די כאַווע־רישע באַציִונגען האָט עס אינגאַנצן ניט געווירקט.

אַ טייל גאַסן פון געטאָ זײַנען געלעגן אַף דעם הויכן ברעג ווײַסל (דער העכסטער און עקסטער פּונקט איז געווען דער שטיילער ברעג אַרום יערוכעמס הויז), און אַ טייל אין דער נידער. דאָס איז געווען דער אַרײַנ־גאַנג אין געטאָ. די פינף גאַסן האָבן זיך געצויגן קימאַט פּאַראַלעל, ד'ורכ־געשניטן מיט קליינע ליקעלעך און ערטערווײַז בלויז דורך הויפן פאַרייניקט. אַזוי־אַרום, אויב אַננעמען דעם טייל, וואָס איז געלעגן באַם שטיילן ברעג, פאַר אַן אָנהייב, האָט די געטאָ ווי אַ ברייטער קלין אַרײַנגעשניטן זיך אין דער טעריטאָריע פון דער גאַנצער פאַרשטאָט, אַראָפּגעלאָזט זיך צו דער צענטראַלער מאַגיסטראַל, וועלכע האָט זיך געצויגן גלײַך פון בריק, האָרט פאַרבײַ דער געטאָ־וואַנט.

יערוכעם און לייזער האָבן זיך פּונקט אָפּגעשטעלט אַף דער מיטלס־טער פון די פינף גאַסן, אַף דער בערקאָ יאָסעלעוויטש־גאַס, דאָרט, ווו עס הייבט זיך אָן דער באַרג־אַראָפּ. איינס אַנטקעגן צווייטן זײַנען דאָ

געשטאַנען צוויי רוינירטע הײַזער, וווהין עס האָבן געטראָפן באָמבעס נאָך אין 1939. יערוכעם האָט באַוויזן אַף די בערג ציגל, אָנגעוואַלגערטע צווישן די כאַרעווע ווענט:

— ווי קלערסטו, קאַרשעווער, וויפל דאַרף דויערן, אַז אַ מענטשן דרײַסיק־פערציק זאָלן דאָ אויפשטעלן אַ באַריקאַדע אַ מעטער אַנדערהאַלבן די הייך?

יערוכעם האָט נאָך פריִער געזאָגט לייזערן, אַז דער ציל פון זייער איצטיקן אומגיין איבערן געטאָ איז פאַרלויפיק אָנמערקן זיך, וווּאַזוי קאָן דאָ פאָרקומען דער קאַמף, ווען עס זאָל צו דעם דערגיין. צוליב דעם האָט מען געזוכט אויך אירמע שאַכן, נאָר אים ניט געפונען. לייזער האָט אַ קוק געגעבן אַף די כמורנע צוויי־ און דרײַ־שטאָקיקע הײַזער, ווו עס זײַנען אַף די ווענט געבליבן פלעקן פון רעגן, אַף די פענצטער, פאַרקלעפּטע מיט פּאַפּיר, פאַרשטעקטע מיט שמאַטעס, קישנס, אַף די גאַנעקלעך, ווו עס זײַנען געשטאַנען צונויפגעלייגטע בעטלעך, צעבראָכענע בענקלעך, און בײַ־טער אַ טראַכט געטאָן: „יענץ שלאַכט־פעלד!" — נאָר ער האָט באַלד די ביטערקייט און דעם יִעש פאַרטריבן פון זיך, דאָס אָרט איז טאַקע אַ פּאַסיקס געווען פאַר שוץ.

— אַ באַריקאַדע קאָן מען אויסבויען פאַר אַ שאָ צײַט, — האָט ער געזאָגט, — נאָר עס קאָנען דאָך אַרבעטן מער מענטשן. שוין זשע וועט דאָ קיינער ניט זײַן אין די הײַזער? כוץ דעם קאָן מען אויסנוצן פאַרשיידענע מעבל, עפּעס־וואָס פון אײַזנוואַרג דאַרף מען אומבאַגרערקט באַצײַטנס דאָ פאַרגרייטן. אָט אַף יענע גאַנקעס — זיי זײַנען דאַכט זיך, בעטאָנירטע, — ער האָט באַוויזן אַף צוויי העכערע מויערן, וואָס זײַנען געשטאַנען אַ מעטער פופציק פאַרויס, ווו די גאַס האָט עטוואָס פאַרקערעוועט און ס'האָט זיך שוין געזען דער פּלאַץ באַם געטאָ־טויער, — אַף יענע גאַנקעס קאָן מען אַוועקשטעלן קוילנוואַרפערס, און הינטער די קוימענעס, זיי זײַנען גאַנץ ברייטע, מוזן זיך געפינען אונדזערע אויטאָמאַטלער און געניטע שיסער.

מע איז געשטאַנען באַ אַ פּוסטן בײַדל פון זעלצער־וואַסער און גערעדט שטיל, נאָר באַ ביידן האָבן די אויגן געברענט.

— אָט, אָט, — האָט יערוכעם געזאָגט, — כ'האָב געפילט, אַז דו מוזט אין גאַסן־שלאַכטן האָבן אַן אָנונג. וואַרשע האָט געלערנט, האָ? זאָלמען איז באַ אונדז אַן אַקאַפּניק, אין וואַלד דאַרף ער זײַן אַ בעריע, אויך אין אויסשפּירונג. „אַ שטאָט נעמט מען פון פעלד, — טײַנעט ער, — פאַר קיין גאַסן האָבן מיר זיך ניט געשלאָגן". גיי דערווײַז אים, וואָס פאַר אַ קויעך אַ מויער האָט...

— כ'בין אַ פּראָסטער זעלנער געווען אין וואַרשע.

— אַ זעלנער צו אַ זעלנער איז ניט גלײַך. פון אייניקע קומען אַרויס גענעראַלן!

מע איז געגאנגען איבער נאך גאסן. ווו מיט א ווונק, ווו מיט א לייכטן שטורך האט יערוכעם געוויזן לייזערן אף די ערטער, וועלכע ער האט געוואלט, יענער זאל באמערקן. ס'איז צו זען געווען, אז פאר יערוכעמען אליין איז דאס בילד פון קאמף שוין אין אלגעמיין קלאר. אפגעשטעלט זיך אין א פינצטערן איינפאר, האט יערוכעם זיך נאענט צוגערוקט צו לייזערן און אויסגעשעפטשעט אים אפן אויער:

— כ'ווייס ניט, קארשעווער, קענסט צייכענען? לערן זיך אויס, אלע אונדזערע פינף גאסן דארפסטו קענען, ווי דיינע פינף פינגער. יעדער געסעלע, יעדן הויף, יעדן גאנעק. וויסן, ווו מע דארף די מענטשן אויסנוצן. מענטשן וועלן זיין. דו ביסט, אזוי צו זאגן, דער שטאביסט אונדזערער. טאג ווי נאכט דארף דיין מויעד ארבעטן בלויז אין דער ריכטונג, ווי בעסער די קויכעס צעשטעלן. טו א טראכט וועגן אויסגראבן דורכגענג אונטער דער געטא־וואנט, קעדיי אינעם נייטיקן מאמענט אין שטאט זיך ארויסרייסן און דארטן אנבינדן שלאכטן. דער ציל איז — וואס לענגער זיך האלטן, וואס טייערער דאס לעבן אפגעבן. מיר האבן א סאך צו באשיצן, און ווער ווייסט, וואס מיר וועלן קאנען ראטעווען — עפשער בלויז אונדזער מענטשלעכע ווירדע...

לייזער האט געזען, אז יערוכעם שאפט זיך קיין שום אילוזיעס ניט וועגן דעם אויסגאנג פון קאמף. אבער צי האט דער קאמף געדארפט זיך אנהייבן און ענדיקן זיך בלויז אין געטא און ארום איר? לייזער האט געוואלט עס פריער אליין פאר זיך קלאר מאכן, קעדיי אי פרעגן אי ענטפערן.

אין צוויי טעג ארום איז פון געטא ארויסגעשיקט געווארן דער ערשטער עשעלאן. צווישן די פארנומענע איז געווען אויך דער מאלער פון ארטיסטן־קעלער. אוועק צום עשעלאן איז אויך דאס גאנצע יעסוימים־הויז מיטן גרייזן מוזיק־לערער, מיט די צוויי דערציערנס, וואס זיינען אריינגעגאנגען אין סערקעלעס פינפטל, מיטן מיידעלע, וואס האט אזוי שיין געלייענט ביאליקן...

.5

לייזער איז באאויפטראגט געווארן אנצושרייבן אן אויפרוף צו דער געטא, וואס זאל וועקן צום קאמף. נאך דעם, ווי ס'איז אפגעשיקט געווארן דער ערשטער עשעלאן, האט מען שוין גערעדט פון א צווייטן. מע האט דערציילט וועגן א פולשטענדיקער אויסראטונג פון יידן אין די ארומיקע שטעטלעך, ווו עס זיינען געווען קליינע געטאס. די כוואליע זעלבסטמארדן איז געשטיגן. ייעש און טויט־שרעק האט אלץ מער געשמידט די מענטשן.

דער אויפרוף האט געדארפט באשטעטיקט ווערן אף א זיצונג פון שטאב, אף וועלכער ס'האט געזאלט קומען מאריאן גוראל — א פאר־

שטייער פון דער פוילישער אונטערערדישער ארבעטער־ארגאניזאציע. א ראַ־טאטאר אף אפצודרוקן דעם אויפרוף איז געווען בא אירמע שאַך.

לייזער האט מיט א דאפלטן אומגעדולד געוואַרט אף ד'ער זיצונג פון שטאב: ער האט זיך געוואלט דערוויסן, צי האט גוראל איבערגעגעבן יוזעפן דעם אפגערעדטן צייכן. ער האט ניט געצווייפלט, אז דער אײַזנבאַ־נער וועט האלטן ווארט, און כאטש יענער האט צוגעזאגט זײַן בא קאטשורן בלויז נאך עפעס א רײַזע און כאטש לייזער האט געוווּסט, אז ווען יוזעף זאל אפילע באקומען דעם צייכן, איז עס נאך אויך ווייניק, אנעליע קאן גראד ניט זײַן און דעם גרוס ניט באקומען, — האט ער דאך, שוין פונעם ערשטן טאג, גענומען קוקן דורכן פענצטער אפן וויַטן ווינקל ארום דער ווײַסל. אויב ער איז אין דער היים ניט געווען, האט ראשעלע עס געטאן. אבער ווי אפצולאכעם זײַנען די לעצטע טעג געווען הארבסטיק־נעפלדיקע, און ווײַטער פונעם פלוימען־בוים האט מען ביכלאל גארנישט ניט געזען.

דעם פראיעקט פאר אן אויפרוף האט לייזער פארטיק געמאכט. דארט איז געשטאנען:

„יידן!

פרעגט בא די סאם־פארקויפער, צי קלערן זיי אליין אויך אײַננעמען דאס, וואס זיי פארקויפן אײַך. אויב יא, איז צוליב וואס זשע דארפן זיי דאס געלט? א סאם־פארקויפער האבן די דײַטשן געשטעלט אין דער שפיץ פון געטא. צי זאגט עס אײַך גארניט? ניט פון קיין גרינגן טויט דארף מען טראכטן, נאר פון א בעקאוועדיקן. בעסער איין ביקס איידער צען סאם־קאלבעלעך. לאזט זיך ניט פירן, ווי רינדער צו דער שכיטע. בויט בונקערס, פארפעסטיקט אײַערע הײַזער, פארייניקט זיך אין שלאכט־פינפטלעך. מיינט ניט, אז מיר זײַנען בלויז פאראורטיילטע, מיר קאנען אויך ווערן א גרוויזאמער קויעך. עס זײַנען שוין דא נעקאמע־נעמער, וואס וועלן צאלן פאר דער גרויסער פײַן. מערט די רייען פון די נעקאמע־נעמער!

רוסלאנד האבן די דײַטשן ניט אײַנגעבראכן. פארקערט, זיי וועלן אליין דעם בראך באקומען דארט. דאס איז די האפענונג פון אלע פאר־שקלאפטע אין אייראפע, אויך פאר אונדז איז עס א קוואל פון טרייסט און מוט!"

ענדלעך איז מיט דער פארטיע ארבעטער פון שטאט געקומען א מיטגליד פון יערוכעמס א פינפטל און איבערגעגעבן דעם אײַנגעשטעלטן פאראל: „מארגן וועט זײַן א נעפל". דאס האט געהייסן, אז יערוכעמס דארף דעם זעלבן אוונט אפווארטן גוראלן אין קעלער באם דורכגאנג. עס איז צונויפגערופן געווארן א זיצונג פון שטאב.

מאריאן גוראל איז געווען אין ראיאן פון פ', ער האט געהאט א שליכעס פון דער פוילישער קאמפס־ארגאניזאציע באקומען געווער בא דוזשין. יענעמס א פינפטל האט לעצטנס דורכגעפירט א געלונגענע אפע־ראציע — אויפגעריסן א צוג מיט שלאכט־מאטעריאלן. אין דער בעהאלע,

ווען די דייטשן, וועלכע האבן באוואכט דעם צוג, האבן, ווער צעמאזיקטע, ווער צעטומלטע פון די זיך רייסנדיקע סנאריאדן, ניט געוווסט אף וועלכער וועלט זיי זיינען, האבן דוזשים לייט, איבערגעטאנענע אין דייטשישע מונדירן, זיך דערקליבן צו א וואגאן מיט קוילנוואורפערס און אוועקגעשלעפט עטלעכע קעסטלעך אין די קוסטעס און דערנאך ווייטער. גוראל האט געדארפט באקומען א טייל דערפון פאר דער שטאט.

דאס געווער האט ער אריבערגעפירט אין די טענדערס פון עטלעכע לאקאמאטיוון. ס'איז געווען ניט קיין גרינג שטיקל ארבעט, ווייל מ'האט געדארפט פארן וועג עטלעכע מאל איבערלאדן דעם פראכט. נאר אומעטום זיינען אף די נייטיקע סטאנציעס געווען אייגענע מענטשן. מע האט אין שטאט ניט געוווסט, וויפל געווער גוראל וועט באקומען, דערפאר איז ער געפארן אליין. אין פ' איז אבער באשטימט געווארן, אז עס מוז אים באגלייטן עמיצער פון די היגע כאוויירים. פאסיקער פון אלץ איז דערצו געווען אנעליע. זי האט דעם וועג אין שטאט שוין גוט געוווסט, געוווינט געווען זיך דורכקלייבן. צוריקוועגס האט זי געדארפט באקומען ליטעראטור פון דער געהיימער דרוקעריי, וועלכע איז אקארשט ארגאניזירט געווארן.

אין שטאט איז אנעליע, ווי געוויינלעך, אוועק צו יוזעף קאטשורן. מאריאן האט שוין באדארפט איבערגעבן וועמען עס געהער, אז זי איז דא, וועט איר אין א באשטימטן ארט געבראכט ווערן דאס פעקל. מיטאמאל אבער האט גאר ניט אין דער איינגעשטעלטער צייט, און ניט אינעם ארט, וואס איז פון פריער אפגערעדט געווארן, נאר בא יוזעפן אין הייזל, זיך באוויזן מאריאן גוראל. אנעליע, ווי זי איז געשטאנען לעבן שפיגל און זיך פארקעמט, זי האט דעם אייזנבאנער דאך איר אדרעס ניט געגעבן! גוראל איז אויך געווען שטארק פארוווּנדערט, אבער ער האט זיך שנעלער באהערשט, ווי אנעליע, וועלכע האט געמיינט, אז דאס באטייט עפעס א דורכפאל. מאריאן האט א שמייכל געטאן, און ניט ארויסווייזנדיק גארניט, אז ער קען דאס מיידל, איז ער צוגעגאנגען צו יוזעפן און אים דערלאנגט די האנט. כויץ קאטשורס דריי־יאריק מיידעלע, וואס האט ארויפגעקוקט פונעם אפן־אויוון, איז אין צימער קיינער ניט געווען, האט דער אייזנבאנער רויק געזאגט:

— דאס זייט איר קאטשור?... איינער א באבער, לייזער קארשעווער, האט אייך געלאזט גריסן...

אנעליע האט אין דער רעגע שוין מער אינגאנצן זיך ניט געקאנט באהערשן, זי האט האסטיק א טראט געטאן צו מאריאנען, ניט פארנעמענדיק אירע פרעכטיקע, צעלאזטע האר און צונויפדריקנדיק מיטביידע הענט דעם קאם.

— כ'קאן אזא... — האט קאטשור געלאסן א שאקל געטאן מיטן קאפ, נאר זיינע אויגן האבן געעגבערט דעם אייזנבאנער.

— נו, איז אט, עפעס ווארט ער זייער אף א יעדיע פון עמיצן, וואס

דאַרף קומען אַהער... ער האָט געבעטן, אַז יענער זאָל, אויב ער איז דאָ צי ער וועט זײַן, קומען צום ראָג פֿון קלײן־וויסליאַנער געסל צוועלף באַטאָג און עטלעכע מאָל האַלטן אין דער האַנט אַ ווײַס טיכל...

— יאָ, אַזוי, אַזוי... — קאַטשור האָט מיט איבערגעקערטע דלאָניעס זיך געגלעט די רויטלעכע וואָנצעס און, האַלטנדיק דעם קאָפּ עטוואָס אַנגעבויגן אין אַ זײַט, געקאָסעט די אויגן אויף אַנעליען. דער פּויער האָט ניט געוווּסט, צי מעג ער אַנווײַזן, וועמען קאַרשעווער מיינט. נאָר דאָ איז אַנעליע צוגעגאַנגען צו מאַריאַנען, אַוועקגעלייגט אים די האַנט אויפֿן אַקסל און, שוין באַהערשט, מיט צאַרטקייט אין שטים געזאָגט:

— אַ דאַנק. דאָס מיינט ער מיך. ווען האָט איר אים געזען?

.6

יערוכעם האָט אַלע זײַנע אינסטרומענטן, דעם קלעזמער, די צוויי דיקע דעמבענע ברעטער אַריבערגעטראָגן פֿון אונטערן אָפּדעכל אַרום די קלעצער אין אַ צימערל אין עק קאָרידאָר — דאָ איז איצט געווען זײַן ווינטער־וואַרשטאַטל. אין צימערל, וואָס האָט אַמאָל געדינט פֿאַר אַ שפּײַכלער, איז אונטער דער סטעליע געווען בלויז איין לענגלעך פֿאַרגראַטעט פֿענצטערל. אין סטעליע, איבער דער פּליטע, האָט יערוכעם דורכגעזען אַן עפֿענונג, בעת אַ נויט האָט מען שנעל געקאָנט אַרויס אויפֿן בוידעם. אין דיל, אונטערן וואַרשטאַט, האָט זיך געפֿונען אַ געהיימער אַרײַנגאַנג אין קעלער, פֿאַרדעקט מיט אַ גוט אײַנגעפּאַסט דעקל און פֿון אויבן פֿאַרלייגט מיט ברוכוואַרג. דער שטענדיקער אַרײַנגאַנג אין קעלער איז געווען פֿאַרוואָרפֿן מיט האָלץ, די טרעפּ, שוין אַזוי אויך האַלב־צעפֿוילטע, האָט יערוכעם נאָך מער צעוואַלגערט.

דאָ, אין ווינטער־וואַרשטאַטל, האָבן זיך פֿאַרזאַמלט לייזער, מייער, זאַלמען קאַרעל און אירמע שאַד. דאָס איז געווען אַ מענטש פֿון אַ יאָר זיבן און דרײַסיק, אַ דאַרער, פֿון מיטעלן וווּקס. זײַן שמאָלע לענגלעכע נאָז האָט אויסגעזען ווי צונויפֿגעפּרעסט דורך די פֿענסנע, וואָס זײַנען אויף איר געזעסן, אויף די באַקן האָבן געברענט ראָזלעכע פֿלעקן. דאָס, צוזאַמען מיט דער סוטולעוואַטקייט און מיטן כאַראַקטערישן פּײַכטלעכן גלאַנץ פֿון זײַן ווינקלדיקן שטערן, האָט גערעדט וועגן שווינדזוכט. אין געסל און אין הויף האָבן די וואַך געהאַלטן באַכערים פֿון קאַרעס פֿינפֿטלעך. וועגן געפֿאַר האָבן זיי געדאַרפֿט וואָרענען מיטן געשריי פֿון אַ קראָ. אין קאָרידאָר האָט סערקעלע זיך געשטעלט וואַשן גרעט בײַ אַ קאַנעצל. איר וואָרענונג איז געווען — צוויי קלעפּ אין בלעכענעם מולטער.

יערוכעם האָט זיך נאָך ניט אויפֿגעהויבן פֿון קעלער, און די כאַווײרים האָבן דערווײַל באַהאַנדלט פֿאַרשיידענע געטאָ־נײַעס, פֿלײַסנדיק זיך ניט צו באַרירן די פֿראַגן, וואָס האָבן דאָ באַדאַרפֿט באַטראַכט ווערן. מע

האט געדערט שטיל. דאס געלבלעכע פלעמל פונעם קאנעצל, וואס איז געשטאנען אפן ווארשטאט, האט זיך געהויבן גלייך, און דאס דינע רויכעלע, וואס האט זיך פון דעם געוועבט, האט אויסגעזען ווי א פאדעם, געצויגן פון דער סטעליע.

פלוצים האט דאס פלעמל עטלעכע מאל א ציטער געטאן, פון די ברעטער אונטערן ווארשטאט, וואס זיינען איצט מיט גארנישט ניט געווען פארלייגט, האט א צי געגעבן א קעלט. זאלמען קארעל, וואס איז געזעסן אף אן עמער לעבן דעם דעקל אין דיל, האט צוגעלייגט די דלאניע צו א שפאלט אינעם דעקל. „יא, מ'איז געוויס געקומען! — האט ער געזאגט, עס בלאזט פון דארט — א שרעק, דער דורכגאנג איז אפן".

א טויבער רויש, קוים מיטן אויער צו פארנעמען, האט זיך דערטראגן פון קעלער. פארנעמען האבן אים געקאנט בלויז די, וואס האבן געוווּסט, אז אין קעלער איז עמיצער דא. דער רויש האט זיך דערנענטערט. נאך א רעגע, און ס'האט א סקריפע געטאן דער לייטער, וואס איז פון דער עפענונג אין דיל געווען אראפגעלאזן, — געוויינלעך פלעגט מען אים אריינציִען אהער און דורך דער צווייטער עפענונג ארויפשלעפן אפן בוידעם. דאס דעקל האט זיך א הייב געטאן, ס'האט זיך ארויסגערוקט יערוכעמס צעפאטלטער קאפ און זיין האנט, וואס האט געהאלטן אן עלעקטריש לאמטערנדל.

— א, אלע זיינען דא! — האט ער געזאגט מיט א פריידיק־אויפגערעגטער שטים, — נו, כאוויירים, מיר האבן שוין איינמאל געסט... און א מאטאנעלע...

ער איז געשיקט ארויסגעקראכן פון קעלער, איבערגעגעבן דאס לאמטערנדל זאלמענען און אליין זיך אנגעבויגן צו דער עפענונג. „דערלאנג, גוראל!" — האט ער שטיל געזאגט און פארזיכטיק גענומען ארויסשלעפן פון דארט עפעס א פעקל, איינגעוויקלט אין א פישער־נעץ. נאך דעם — א לאזע־קוישעלע. אין וועלכן פישער טראגן געוויינלעך זייער פאנג. דאס קוישל האט שוין ארויסגעשטעלט גוראל, דערנאך אליין ארויסגעקראכן אין צימערל און, איבערגענומען פון זאלמענס הענט דאס לאמטערנדל, גענומען לויכטן אין דער עפענונג. עמיצער נאך האט זיך איבערן לייטער געהויבן. מאריאן האט אף א רעגע געגעבן א קער אויס דעם קאפ צו לייזערן און מיט סוידעספולער פארשייטקייט א קוק געטאן אף אים. יערוכעם, וועלכער האט דאס שווערע פעקל אראפגעלאזט בא דער שוועל, האט זיך אוועקגעשטעלט לעבן לייזערן און מיט א שמייכל אים אוועקגעלייגט די האנט אפן אקסל. דאס פלעמל פון קאנעצל האט זיך שטארק געבויגן פונעם צוג־ווינט, און אין צימערל איז געווען קימאט אינגאנצן פינצטער. העל איז געווען באלויכטן בלויז דער דיל ארום דער עפענונג אין קעלער אריין, ווו ס'האט געשיינט דאס קעשענע־לאמטערנדל. מיטאמאל האט אין אט דעם בונט שיין זיך באוויזן א בלאנדער פרויען־קאפ אין א בלויען שאלעכל. איין אויגנבליק פול מיט וואונדער און צע־

טומלונג, און לייזער האט זיך האסטיק א שטעל אויף געגעבן — דאס איז געווען אנעליע!

זי איז ארויס פון קעלער, אנכאפנדיק זיך אין לייזערס אויסגע־שטרעקטע הענט, אז איין ווארט האבן זיי זיך ארומגענומען און צעקושט. קארעל און שאר, וועלכע האבן ביכלאל פון גארנישט ניט געוווּסט, זיינען געזעסן דערשטוינטע. סאקאל האט פאר אנטציקונג זיך געריבן די באק און געפאטשט דעם בלאנדן טשוב, וואס איז אים אראפגעפאלן אפן שטערן. גוראל און יערוכעם זיינען געשטאנען איינער לעבן אנדערן און, קענטיק, האנאע געהאט פון אט דער אומדערוואַרטער באגעגעניש.

לייזער האט אוועקגעזעצט אנעליען אפן קלעצל, אף וועלכן ער איז ביז דעם געזעסן, אליין האט ער זיך אראפגעלאזט אף דער בלעכענער פושקע, וואס מייער האט אים אונטערגערוקט, ער האט ניט אפגעלאזט אנעליעס האנט און באגייסטערט געקוקט איר אין פאנעם. אלע האבן זיך אויסגעזעצט, ווי ס'האט זיך געמאכט, יערוכעם און גוראל האבן זיך איינגעאָרדנט אפן ווערסטאק.

— אף לאנג? — האט לייזער שטיל געפרעגט.

— וויפל די זיצונג וועט דויערן... און נאך א קאפעלע... — האט אנעליע געענטפערט און מיט די שטראלנדיקע אויגן, מיט די ליפן, דורך דער קליינינקער שטרעקע, וואס איז איצט צווישן זיי געווען, ווי געקושט אים.

ס'איז שטיל געווארן. דאס דעקל פון קעלער האט מען צוגעמאכט, און דאס פלעמל פון קאנעצל מיטן דינעם רויכל איבער דעם האט ווידער זיך געצויגן צו דער סטעליע. מע האט געהערט, ווי סערקעלע רייבט דאס נאסע גרעט אין קארידאר. יערוכעם האט א ווײַלע געקוקט אין יענער זײַט, צוגעהערט זיך, זײַן ברויז מוטיק געזיכט האט אויסגעדריקט צארטקייט.

7.

מאריאן גוראל האט מיט דער האסקאמע פון די, וואס האבן אף דעם צו שאפן געהאט אין דער פוילישער ווידערשטאנד־ארגאניזאציע, אפגע־טראגן אין געטא איינעם פון די קוילנוואַרפער, וועלכע ער האט געבראכט פון פ׳. זײַענדיק אין קורס פון די מיינונגס־פארשיידנהייטן, וואס מערקן זיך אן אין שטאב פון דער ייִדישער קאמפס־ארגאניזאציע, האט גוראל מיט אט דער מאטאנע געוואלט אונטערשטרייכן די שלאכט־איינהייט פון די קעמפער, וואס געפינען זיך פון ביידע זײַטן וואנט.

ווען דער דאזיקער זיצונג פון שטאב האט מען זיך צונויפגערעדט נאך מיט א שטיקל צײַט צוריק. פאר די לעצטע טעג זיינען אבער פאר־געקומען צוויי וויכטיקע געשעענישן, וועלכע האבן געמוזט ווירקן אף דער לייזונג פונעם היגן שטרײַט. אונטער מאסקווע האט זיך אנגעהויבן אז

אנגריף פונעם רוסישן מיליטער. דאס האט דערמונטערט די פוילישע שטאט, דאס וועט אויך דערמונטערן די יידן אין געטא. גוראל האט געבראכט עטלעכע פלוג־בלעטלעך וועגן אט דער יעדיע. צווייטנס, איז דער געשלאג מיט די ארויסגעשיקטע שוין אוועק פון געטא. בײדע געשעענישן האבן גערופן צו טאט, און גוראל האט אין גרונט פארויסגעזען, וויאזוי דער שטרייט וועט געלייזט ווערן. אנעליען האט גוראל מיטגענומען, קעדיי זי זאל אים העלפן דערטראגן די מאסע. ווען ער איז געגאנגען אויסקוקן דעם וועג, האט עמעצער געדארפט בלייבן בא די פעקלעך. כוץ דעם האט דאס מיידל מארגן שוין געמוזט אפפארן מיט די פלוג־בלעטלעך, און היינט איז געווען אזא נעפל, אז זי האט ניט געקאנט געבן לייזערן קיין צייכן, ער זאל ארויסקומען.

ווי גוראל האט דערוואַרט, זיינען טאקע די מיינונגס־פארשיידנהייטן צווישן די שטאב־מיטגלידער קלאר געווארן גלייך, ווי נאר עס האט זיך אנגעהויבן די זיצונג.

באדאנקענדיק גוראלן פערזענלעך און די מענטשן, מיט וועלכע ער איז פאריייניקט, פאר דער מאטאנע, האט יערוכעם געזאגט:

— כ'בעט איבערגעבן, אז מיר וועלן דעם געשאנק אויסנוצן אף צו שיצן די אומגליקלעכע און פאראורטיילטע, וואס שטארבן דא אונטערן גרעסטן יאך, וואס איז ווען געמאלט געווען. דאס געווער איז געבענטשט צו באשיצן, אויב ניט דאס לעבן, איז כאטש דעם שטאלץ פון אט די טויזנטער אומשולדיקע קארבאנעס.

דאן האט זיך אויפגעהויבן זאלמען קארעל:

— גיט איבער די קאמפס־כאווײרים, — האט ער שטיל, נאר מיט וואג געזאגט, — אז דאס געווער איז געבענטשט אויך אף אן אנדער זאך: צו העלפן דערנעענטערן דעם זיג, צו קעמפן פארן לעבן. דער פראנט איז ניט נאר אונטער מאסקווע, ער ציט זיך אויך דורך אונדזער געטא און דורך דער אייזנבאן, ווו אט דאס געווער איז באם סוינע ארויסגעריסן געווארן.

נאך די דאזיקע ווערטער איז א מינוט געווען שטיל. גוראל האט פארשטאנען, אז ער דארף זיך דערווייל ניט אריינמישן, האט ער בלויז שווייגנדיק א שאקל געטאן מיטן קאפ.

די ערשטע צוויי פראגן, וואס מע האט באהאנדלט, האבן קיין כלוקע־דייעס ניט ארויסגערופן. צווישן די זשאנדארן, וואס האבן באוואכט די געטא־וואנט, האט שוין זינט א פאר וואכן זיך באוויזן איינער א הענריך, וועלכער האט זיך געמאכט א מאדע יעדן טאג עמיצן שיסן. ער האט זיך געגרויסט צווישן די קאלעגן מיט דער דאזיקער סיסטעמאטישקייט זיינער. קארבאנעס קלייבט ער זיך אוים די סאמע אומדערווארטע. א מיידל, וואס האט מיט פאפיר־לענטעס ארומגעקלאפט דאס פענצטער, האט ער דערשאסן קלוימערשט דערפאר, ווייל זי האט אזוי איבערגעגעבן צייכנס אויסער דער געטא. אין מארק האט ער דערזען, אז צוויי יידן אמפערן זיך איבער עפעס,

איז ער צוגעקומען, געפרעגט בא א דריטן ייִדן, ווער איז, לויט זיין מיינונג, גערעכט. און גלייך דערשאסן דעם, אף וועמען יענער האט ניט אנגעוויזן. נאך דעם דאזיקן הענריק האט שוין עטלעכע מאל נאכגעשפירט אין שטאט איינער פון יע״וכעמס כעוורע. ער האט באמערקט, אז יעדן טאג, זעקס־זיבן אזייגער אין אוונט, גייט דער דאזיקער זשאנדאר איבערן הילצערנעם בריק צו א דייטשישן קאמפע־הויז. אין דער צייט איז שוין אפטער פון אלץ א נעפל. דער יונג, וואס שפירט נאך נאך דעם זשאנדאר, וואלט, אז איבער־געטאנענער אין דייטשישע קליידער, אים געקאנט דערשטעכן אפן בריק און אריינגעווארפן אין טייך אריין. מיטן פלאן זיינען אלע מאסקים געווען.

נאך דעם האט לייזער געמאכט אן אינפארמאציע וועגן דעם געווער, וואס ער האט אנגעזאמלט אין לאגער. מע האט געדארפט אפריידן, וויאזוי איבערטראגן אין געטא דעם טייל, וואס איז געווען פארבאהאלטן אין דער כורווע. גוראל האט געזאגט, אז ער קאן העלפן דעריין, ווייל זיינער א מענטש ארבעט פונקט ניט ווייט פון יענעם ארט.

בעיים דער מיטטיילונג האט לייזער זיך געפלייסט ניט קוקן אין אנליעס זייט. געענדיקט רעדן, האט ער געווארפן א בליק אף איר און דורכגעלייענט אין איר געזיכט דאס, וואס ער האט דערווארט: אומרו און באוויליקונג. זי האט אין דער טונקל גענומען זיין האנט און זי א דריק געטאן.

דער וויקועד האט זיך אנגעהויבן נאכן דורכלייענען דעם אויפרוף. קארעל און סאקאל זיינען באשטאנען אף דעם, אז עס זאל אריינגעשטעלט ווערן א ספעציעלער רוף צו די ייִדן ארויסרייסן זיך פון געטא, ווער עס האט נאר א מעגלעכקייט, אנשליסן זיך אינעם קאמף פון די פוילישע ארבעטער און פויערים, ארגאניזירן פארטיזאנער־מאכנעס אין די וועלדער.

קעגן דעם האט דערווידערט אירמע שאך:

— וואס האבן מיר צו פארטיידיקן אין וואלד?

ס'איז קלאר געווען דער פארבארגענער מיין פון דער דאזיקער פראגע. קארעל האט שנעל זיך איבערגעקוקט מיט סאקאלן,ביידע האבן אזויווי מיט פארוואורף א קוק געטאן אף יערוכעמען, וואס האט געכמורעט די ברעמען, אויפגערייצט געבלאזן די נאזלעכער און אפגעקערט דאס געזיכט אין א זייט. געפאלן זיינען אויך סאקאלס און קארעלס בליקן אף לייזערן, נאר זיין פאנעם האט גארניט אויסגעדריקט, בוץ גרויס אויפמערקזאמקייט. נאך דער פאוזע, וואס האט זיך איינגעשטעלט, האט קארעל געזאגט:

— כ'וואלט אייך געבעטן, שאך, זיך ארויסזאגן פינקטלעכער, פאר־וואס זייט איר קעגן וואלד־אטריאדן?

— דער וואלד, דער פוילישער וואלד, איז ניט אונדזער סטיכיע. דארט איז אונדז אלץ פרעמד. אויב רופן ארויסרייסן זיך פון געטא און נאך מיטהעלפן אין דעם, איז פאר א העברען ציל: זיך דורכשמוגלען אף

דארעם, קעדיי שטעלן זיך צו דינסט די קויכעס, וואס פארטיידיקן דעם קאוועד פון פאלק...

— אהא... קלאר... קלאר... נו, וואס זאל איך אייך דערוויי־דערן? — קארעל האט קוים איינגעהאלטן זיין טיפע אויפגעבראכטקייט, בלויז א בייזער און טרויעריקער שמייכל האט זיך אויסגעלייגט אין די מויל־ווינקלען, — כ'וועל אייך באלד צעלייגן אף פאליטשקעלעך, שאך, נאר הערט זיך איין מיט קאפ און האט אף מיר קיין פאריבל ניט. איר און אייער גלייכן זייט אלעמאל געוווינט צו קוקן אף דער ערד, איבער וועלכער איר טרעט, ווי אף א פרעמדער. איך און מיין גלייכן האלטן און געהאלטן האבן מיר שטענדיק, אז די ערד, אף וועלכער מיר לעבן און ארבעטן — איז אונדזערע, און אז אלע, וואס ארבעטן מיטן ביטערן שוויים דא אינעם לאנד, יידן, צי ניט יידן, זיינען אונדזערע ברידער. אזוי אז דער וואלד איז פאר אונדז ניט קיין פרעמדע סטיכיע. דאס איז איינס. דורכשלאגן זיך אף דארעם, קעדיי שטעלן זיך דארט ערגעץ — פון יענער זייט יאם אוואדע — פארטיידיקן דעם קאוועד פון פאלק... זאגט שוין פראסט — אויב דאס זיינען טאקע אייערע אייגענע ווערטער, אויב דאס רעדט ניט עמיץ אנדערש פון אייך ארויס — איר ווילט פאשעט אנטלויפן פון קאמף. — אירמע שאך האט זיך א כאפ געטאן, אבער קיין זאך ניט געענטפערט, שטארק בלאס געווארן און שולדיק אפגעקערט דעם קאפ. — און וויפל פון הונדערט וועלן זיך דורכרייסן איבער די עטלעכע גרענעצן? — האט קארעל פארגעזעצט מיט פארביטערטקייט אין שטים. — דעם קאוועד פון פאלק פארטיידיקן יא אונדזערע ברידער, און איר ווייסט, שאך, אליין גוט ווו — ניט אף דארעם, ניט אף מיירעוו, נאר אף מיזרעך, אין סאוועטרוסלאנד. איר ווייסט, אז ס'זיינען דארטן דא יידן — העלדן פון סאוועטנפארבאנד? ווו און ווען האט איר געהאט אזוינס? דאס האט איר אייך צוויי אוועק. און דריטנס, מענטשן שלאגן זיך ניט נאר פאר פארטרייבן דעם דייטש, נאר פאר איבערמאכן דאס לאנד. דאס פוילן, וואס וועט אנטשטיין נאך דער באפרייונג, וועט זיין גאר אן אנדער סארט פוילן, אן מאגנאטן און פריצים, און אט פאר יענעם נייעם פוילן דארפן מיר איצט אויך שטעלן אין קאן דאס לעבן. איז טאקע וועגן טאך פון מיינעם און סאקאלס פארשלאג: וואס איר ווילט, זאגט זיך, נאר דער וואלד איז פארט א בעסערע שוץ, שוין אפגערעדט א שלאכט־דיספאזיציע, ווי די פינף געטא־גאסן, וואס זיינען ווי א פאסטקע. דו, יערוכעם, זע איך, ווילסט עפעס אנדערש זאגן?

יערוכעם האט א ציטער געטאן, ער איז ארויס פון ווערקשטעל, אויס־מיידנדיק קוקן אף גוראלן, וואס איז געזעסן לעבן אים.

— ווי זשע מיינט איר, קארעל, — האט ער שטיל ארויסגערעדט, — ווער עס איז פלינקער און געזינטער דארף אוועק און איבערלאזן דא, אין דער פאסטקע, די שוואכע און אומבאהאלפענע?

— פאַרוואָס? דאָרט, ווו שטאַרקע ווען זיך אויסבויען אַ נעסט, וועלן אויך די שוואַכע קאָנען געפינען אַ שוץ.

— איז קאָנען העכער דרײַ מיליאָן צערונען ווערן אין די וועלדער?

— כ׳זאָג עס ניט. דער קאַמף אין געטאָ דאַרף און וועט פאָרגעזעצט ווערן. מיר מוזן אָבער אַרויס פון אונדזערע ענגע דאַלעד־אַמעס.

— אָבער דאָס הייסט דאָך צעשפּליטערן די קויכעס!

— ניין, דאָס הייסט — פאַרשטאַרקן זיי. אַטריאַדן אויסער דער געטאָ זײַנען שוין ניט בלויז אונדזער שוץ, נאָר אונדזער אָנגריף.

צוליב דעם, אַז גוראַל און אַנעליע זאָלן אַלץ פאַרשטיין, איז די זיצונג געפירט געוואָרן אַף פּויליש. ביידע געסט האָבן לעבעדיק נאָכגעשפּירט נאָכן וויקועך.

אירמע שאָך האָט זיך אָנגערופן אין ייִדיש:

— אין דער ערשטער ריי דאַרפן מיר געדענקען, אַז מיר זײַנען ייִדן.

— ער האָט אַ קלער געטאָן און איבערגעזעצט די פראַזע אין פּויליש, — די טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק שפּילט זיך איצט אָפּ אין געטאָ, איז דאָ אונדזער אָרט.

— מע דאַרף אָבער טראַכטן ניט נאָר פון אומקום! — סאָקאָל האָט זיך אויפגעשטעלט, נאָר גערעדט האָט ער נאָך שטילער ווי אַנדערע, ער האָט געמאַכט אַ באַוועגונג מיט דער האַנט, זײַנע אויגן האָבן געגלאַנצט מיט בייזקייט און אַנטשלאָסנקייט, — מע דאַרף שטרעבן אויך עפּעס צו ראַטעווען! אין געטאָ זײַנען פאַרווערט געבורטן, — אָט איז נאָך איין שטריך, וועלכער ווײַזט צו וואָס דאָ גייט: אויסראָטונג. און איך וויל, מײַן פאָלק זאָל לעבן. איר ווייסט, וואָס כ׳וועל אײַך זאָגן — איך וויל, מײַן קינד זאָל לעבן. דאַרפן מיר ערלעד זאָגן די, וואָס טראַכטן אַזוי: קעמפט, גייט אין די וועלדער, זוכט זיך פרײַנט צווישן די פּאָליאַקן. קעמפט פאַרן לעבן. בלויז דער, וואָס האָט ליב דאָס לעבן, קאָן דעם טויט באַגעגענען העלדיש.

אַנעליע האָט באַ די דאָזיקע ווערטער סאָקאָלס שטיל צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. זי האָט אויפגערעגט געדרייט אַ לאָק, וואָס האָט פון אונטערן טיכל זיך אַרויסגעשלאָגן, און פרעגנדיק אָנגעשטעלט די אויגן אַף לייזערן. ער האָט נאָך זײַן מיינונג ניט אַרויסגעזאָגט, און אַנעליע האָט געוואָלט טרעפן נאָכן אויסדרוק פון זײַן געזיכט, וואָס טראַכט ער.

גערעדט האָט מאַריאַן:

— איך האַלט פאַר מײַן כויוו צו דערמאָנען: סײַ אין געטאָ סײַ אויסער איר איז דאָ איין געמיינזאַמער סוינע — דער פאַשיזם, דערפון אין געדרונגען, אַז דער קאַמף איז אויך אַ געמיינזאַמער. צי קעמפן בלויז אין געטאָ צי אויך אויסער איר? אונדזערע פּוילישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציעס פירן דערווײַל די הויפּט־אַרבעט אין די שטעט, אין די ייִשובֿים. אין די וועלדער האָבן מיר נאָך ווייניק אָטריאַדן. דערווײַל איז די טאָג־

אויפֿגאַבע — פֿירן אַן אַגיטאַציע, זאַמלען קויכעס, געווער. אָבער עס ווערט געגרייט אויך אַ ברייטע באַזע אַף אַריבער אין וואַלד. מיר דוכט, אַז אויך איר ד'אַרפֿט אַזוי טאָן. בײדע זאַכן זײַנען נייטיק — אי דער קאַמף אין געטאָ אי אויסער איר—און איגנאָרירן טאָר מען קיין איינע ניט.

אַלע האָבן געשוויגן, אַרומטראַכטנדיק די אייגענע מיינונג פֿאַר דעם, ווי עס וועט אָנגענומען ווערן אַן אַלגעמיינער באַשלוס. סערקעלע האָט אין קאָרידאָר אויסגעדרייט דאָס גרעט, ס'האָט זיך געהערט, ווי וואַסער־שטרעמעלעך פֿאַלן מיט אַ קלונג אַפֿן בלעך פֿונעם מולטער, און שטילער, מיט אַ זשיפּ אין די מילינקעס.

לייזער האָט געזאָגט:

— איך בין מסכּים מיט סאַקאַלן און קאַרעלן — וואַלד־אָטריאַדן זײַנען אויך נייטיק. נאָר וואָס ס'איז שײַעך מיר פּערזענלעך, איז, אַף וויפֿל יעדערער קאָן זײַן גורל אַליין באַשטימען, בלײַב איך אין געטאָ.

8.

פֿון דער זיצונג איז מען זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען איינציקווייז, שטיל זיך געשלײַכט דורכן קאָרידאָר, די שכיינים זאָלן גאָרנישט ניט באַמערקן. ס'איז אַוועק שאָך, אַוועק קאַרעל. יעדערן באַזונדער האָט געריפֿן און באַגלייט סערקעלע, אַ צערויטלטע פֿון לאַנגן וואַשן, מיט פֿאַרקאַשערטע אַרבל. איר גוסט אַ קאַפּעלע צו קאָקעטירן האָט זיך הײַנטיקן אַוונט אויס־געדריקט בלויז אין דעם, וואָס זי האָט אירע פּרעכטיקע קוטשעראַווע האָר פֿאַרבונדן מיט אַ געקווייטלט דרײַעקיק פֿאַטשיילקעלע. נאָר דער, צוליב וועמען זי האָט זיך געפּוצט, איז בײדע מאָל, ווען זי האָט די טיר געעפֿנט, אין וואָרשטאַטל ניט געווען, דערפֿאַר האָבן אירע אויגן, מיט האָפֿענונג אויפֿגעלויכטענע, באַלד זיך אויסגעלאָשן.

יערוכעם און גוראַל זײַנען אַראָפּ אין קעלער באַשטאַטן דעם קוילנ־וואָרפֿער. אַף אַנעליען, וועלכע האָט זיך דאָ באַוויזן אומדערוואַרט, האָט סערקעלע, ווען זי האָט צוערשט די טיר געעפֿנט, אַ קוק געטאָן מיט איר פּרויאַישן כוש באַלד באַשטימט, צו וועמען דאָס־אָ פּרעמדע בלאָנדע מיידל איז געקומען.

ביז מייער סאָקאָל איז דאָ געווען, האָט אַנעליע גערעדט בלויז מיט אים, פּונקט זי זאָל גאָר מיט לייזערן ניט האָבן וואָס צו רעדן. אַלע דרײַ זײַנען געשטאַנען, און נאָר דאָס האָט געצײַגט אַף געוויסן אומגעדולד. איר נאָענטקייט צו לייזערן האָט אַנעליע אויסגעדריקט אין דעם, וואָס זי האָט, אין דער אַנוועזנהײַט פֿון אַ פּרעמדן, אַ פּאָר מאָל זיך דערלויבט אים אַ לייג טאָן די האַנט אַפֿן אַקסל און וואַרפֿן אַף אים אַזאַ צאַרטן און טרויעריק־פֿאַרקלערטן בליק. דאָס איז אַוודע געקומען פֿון גדאַנקען, וועלכע זײַנען, אומאָפּהענגיק פֿונעם געשפּרעך, באַ איר אין קאָפּ דורכ־געגאַנגען. זי האָט פֿונאַנדערגעפּרעגט מייערן וועגן ראַשעלען, ווען דאַרף זי געבוירן. גערופֿן אים מיט דער פֿרוי צו זיך אין גאָרליטשינאַ, ווו זי וועט

שוין זען אלץ איינאָרדענעז ווי אמבעסטן. דערביי האט זי געגעבן אנצור־ערן מייערן, אז אז ארבעט וועט ער דארט האבן אזא, ווי ער האט ליב, ס'איז דא צו וואס א האנט צולייגן.

נאך אט האט דאס דריטע מאל די טיר זיך שטיל אן עפן געגעבן, סערקעלע האט בלויז מיט די אויגן א רוף געטאן מייערן. לייזער און אנעליע זיינען געבליבן אליין באם ברעג פון דער עפענונג אין קעלער, וועלכע האט זיי באלד באדארפט צעשיידן, ווער וויים אף ווי לאנג, עפשער אף שטענדיק. דאס זיינען געווען די עטלעכע מינוט, וואס האבן געהערט בלויז זיי. געציילטע רעגעס זיינען זיי געשטאנען, באהערשט פון איין געפיל, אז זיי מוזן זיך באלד צעשיידן, נאר טייקעף האבן ביידע אפ־געטריבן פון זיך דעם טרויער. אנעליע האט גליקלעך א שמייכל געטאן, לייזער האט איר געענטפערט מיט אזא מונטערן און צארטן בליק. זיי האבן זיך א צי געטאן איינס צום צווייטן און זיך צעקושט, איין מאל און ווידעראמאל, צוגעדריקט זיך איינס צום אנדערן, דערנאך אפגעטראטן ביידע א שפאן און בלויז זיך געהאלטן בא די הענט, פארשיקערטע פונעם גליק, וואס איז זיי אויסגעפאלן. אזוי זיינען זיי געשטאנען. אנעליע האט צוגעמאכט די אויגן, לייזער האט זי לייכט ארומגענומען מיט דער האנט פארן אקסל און א קוש געטאן אין די לאנגע צאפלדיקע וויעס.

סערקעלע איז שטיל אויסגעוואקסן אף דער שוועל, נאר ניט לייזער, ניט אנעליע האבן דאס ניט דערהערט. האט דאס קוטשעראווע צערויטלטע מיידל אינעם געקווייטלטן טיכל בלויז א שווערן זיפץ געטאן, איז ארויס און מיט דער פלייצע פון אויסן זיך אנגעשפארט אן דער טיר, וועלכע זי האט צוגעמאכט, פונקט ווי זי זאל זיך דא שטעלן אף דער וואך, קיין קויעד ניט האבנדיק אוועקגיין ווייטער. סערקעלעס אויגן האבן געלויכטן פון בענקעניש און ווייטיק, דאס מויל איז האלב אפן געווען. ניין, זי האט גארנישט ניט געהערט פון דעם, וואס עס ווערט גערעדט הינטער דער טיר, זי האט צופיל געהאט אייגענעם פיין...

אין האלב־טונקעלן וואַרשטאַטל האט אנעליע געזאגט צו לייזערן:

— בלייבסט ווידער דא. און וועגן זיך, וועגן דיין ליבע טראכטסטו גארנישט? וועגן מיר געדענקסטו גארנישט, ווען דו נעמסט אן אזא באשלוס?

— ליבע טאר קיין פענט ניט זיין, אנעליע, — האט לייזער שטיל געענטפערט, — ליבע איז א ליד, מיט וועלכער מע קאן אין שלאכט גיין...

— כ'פארשטיי, לייזערקע, כ'פארשטיי, דו ביסט שוין אן אנדערער, ווי כ'האב דיך יענץ מאל געזען...

— אן אנדערער?

— א שטארקערער...

לייזער האט געשוויגן, און זי האט פארגעזעצט:

— כ'וואַרט אף דיר, לייזערקע, אפילע א לעבן א גאנצס בין איך גרייט אף דיר וואַרטן!

XV. סאָנים בלײַבן סאָנים

.1

ניט עמעץ אַנדערש, נאָר גאָדל ניַידים — דער אויסגעאיידלט־שלאַנקער, מיטן בלאַסן, גײַוועדיק־פאַרביסענעם געזיכט, מיט די קאַרע, ווײַניק אויסדריקלעכע אויגן, באַהאַלטענע הינטער גרויסע קײַלעכדיקעברילן, וואָס דאַרפן זײַנע פינף און צוואַנציק יאָר צוגעבן מער וואָג און ערנסט, מיט די גלאַטע, בלאַנדע, אַ ביסל צו לאַנגע האָר, וואָס שלאָגן זיך אַרויס פון אונטערן ברוינעם קאַפעליושל, גאָדל ניַידים, וואָס דער גרעסטער קאָמפּלימענט איז פון אַלע יאָרן בײַ אים געווען, אַז ער זעט אויס ווי אַ שליאַכטיטש און איז אַף קיין ייִדן ניט ענלעך (ניט צו וויסן נאָר, ווער עס האָט אים דעם דאָזיקן קאָמפּלימענט געגעבן — עפּשער ער, ניַידים, אַליין, ווען ער האָט זיך אין שפּיגל געזען) — אָט דער גאָדל ניַידים איז איצט געשטאַנען פאַר לייזערן אַף דער בערקאַ יאָסעלעוויטש־גאַס, דער סאַמע באַלעבטער גאַס פון געטאָ. אַפן לינקן אַרבל פון זײַן אָפּגעריבענעם ברוינעם פּאַלטאָכל איז געווען אָנגעטאָן אַ ווײַס ייִדן־בענדל.

ווען ער האָט באַמערקט לייזערן אַ שפּאַן צען פון זיך צווישן די מענטשן אַפן טראָטואַר, האָט ער דאָווקע געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט וועלן פאַרשווינדן אין אַ אײַנפאָר, נאָר ס׳איז שוין געווען שפּעט. בײַ לייזערן אַליין האָט שטאַרק אַ טיאָכקע געטאָן דאָס האַרץ — עפּעס אַזוי אַז ערעד, ווי ווען ער האָט דעם דאָזיקן גאָדל ניַידים מיט אַ כאַדאָשים אַנדערהאַלבן צוריק דערזען אַף אַ שטאָטישער גאַס. דעמאָלט האָט ער, לייזער, זיך יאָ באַוויזן באַהאַלטן פון ניַידיסן לעבן אַ פּלויט. ער האָט געהאַט אַ גרונט אַזוי צו טאָן. דאָס איז געווען פּונקט דעמאָלט, ווען לייזער איז אַנטלאָפן פונעם לאַגער בײַ דער באַן־סטאַנציע און איז געגאַנגען מיט מאַריאַן גוראַלן מיטן געווער־גאַרטל אַפן הוילן לײַב... נאָר פאַרוואָס האָט זיך ניַידים געוואָלט באַהאַלטן פון אים? און ווי קומט ער אין געטאָ, ער, וואָס האָט אינעם ערשטן טאָג, ווען מע האָט אַלע ייִדן פון דער שטאָט פאַרטריבן אַהער, אין די פינף גאַסן אַף יענער זײַט ווײַסל, געזאָגט לייזערן מיט אַזאַ גאַדלעס, אַז ער האָט זיך געקריגן „אַרישע" פּאַפּירן און האָט שוין איצט קיין שײַכעס ניט צו ייִדן... אַזוי האָט געזאָגט דער דאָזיקער ניַידים און זײַן פרײַנט וואָלף שימעלעוויטש — ביידע זײַן פון הויכע באַנק־

אַנגעשטעלטע, לייזערס געווײזענע ניט צו זאָגן כאַווײרים, נאָר באַקאַנטע פון אוניווערזיטעט, וווּ זיי האָבן צוזאַמען געלערנט אַפן יורידישן פּאַקולטעט.

און דאָ האָט זיך לייזערן גראָד פאַרוואָלט אַ שפּאַס טאָן, ווען ער האָט דערזען פאַר זיך גאָדל נײַדים, און איז שטיין געבליבן האַרט אַנטקעגן אים.

— וואָסי, — האָט לייזער געזאָגט אַף יידיש מיט אַ כוויזעק־שמייכעלע, — אַ בער איז אין וואַלד געפּיינערט ?

גאָדל נײַדים האָט אויך דאָ געוואָלט בלײַבן טרײַ זיך. אויסערלעד רויק, עטוואָס נאָך עפּשער בלאַסער ווי געוויינלעך, האָט ער געזאָגט, האַלטנדיק זיך מיט דער האַנט פאַרן ראַנד פונעם קאַפּעליושל :

— דזיען דאָברי...

— דזיען דאָברי... — האָט לייזער געענטפערט, נאָר די האַנט ניט דערלאַנגט, — איז וואָס האָט באַ אײַך געפּלאַצט, נײַדים, דעור אַרישער פּאַס, צי דאָס געדולד ?

— איך זע, איר זײַט געשטימט צו וויצלען זיך... קאָרשעוווער דאַכט זיך ?

— יאָ, קאָרשעוווער... אהאַ, איר האָט ניט אַלץ פאַרגעסן... ס׳איז נאָר צו באַוווּנדערן, וואָס פאַר אַ נאָבעלער ציל האָט אײַך געקאָנט אַראָפּבריענגען אַהער אין געטאָ ?... אויב ס׳איז, פאַרשטייט זיך, ניט קיין גרויסער סאָד...

ער האָט עטלעכע מאָל שנעל אַ פינטל געטאָן מיט די אויגן, דער אויסגעאיידלטער שלאַנקער נײַדים, ס׳איז קאַלט געווען אַפן גאַס, און זײַנע בלייכע, אַפּגעצערטע באַקן האָבן זיך קוים־קוים פאַררויטלט. שנייעלעך, וואָס האָבן גרינג זיך געטראָגן אין דער לופט, האָבן זיך געלייגט אַפן ראַנד פון זײַן קאַפּעליוש און אַף זײַן דאַרלעכער אונטערשטער קין מיט די העלע, זייער שיטערע האָר. ער האָט צוגעטופּעט אַ ביסל מיט די פּיס, עפּשער פון קעלט און עפּשער פון אומגעדולד — ס׳איז שוין געווען ווײַט נאָך האַלבן טאָג, נעענטער צו פאַרנאַכט, ער האָט געקערט ערגעץ אײַלן. דאָך האָט ער געענטפערט געלאַסן און מיט וואָג :

— עפּשער טאַקע אַ נאָבעלער ציל. וואָס לאַכט איר, קאָרשעווער ?

— ניין, אַדרעבע, כ׳פאַרגין אײַך די מיצווע... איך האָב זיך נאָר ניט אַן פאַרצושטעלן, וואָס פאַר אַ נאָבעלן ציל קאָנט איר נאָך דאָ האָבן, אַז דעם נאָבעלסטן פון אַלע — ראַטעווען די אייגענע פעל — האָט איר שוין דערגרייכט...

און לייזער האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין פון אים אָן אַ געזעגענונג, פונקט ווי ער האָט זיך מיט אים ניט באַגריסט באַם באַגעגענען, נאָר גאָדל נײַדים האָט געזאָגט :

— איך האָב דאָ אייגענע, געגאַסע קאָרשעווער (אַזוי האָט ער טאַקע

געזאָגט : „געגאַסע"), כ'בין געקומען עפּעס־וואָס טאָן פונזייערמווען . . . איר קענט אײַך קוקן אַף מענטשלעכקייט ווי איר ווילט, נאָר איך געפין פונדעסטוועגן פאַר מײַן כויוו אײַך עס צו זאָגן . . . זײַט געזונט!

ער האָט זיך אויסגעקערעוועט און איז אַוועקגעגאַנגען גאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, ווי די, אין וועלכער ער איז געגאַנגען, ביז ער האָט באַגעגנט לייזערן. לויטן קוק פון הינטער די פאַרשוויצטע ברילן, לויט דער באַוועגונג, מיט וועלכער ער האָט זיך אָנגענומען פאַר די ראַנדן פון דעם הוט און ניט אַזוי אויפגעהויבן אים צום געזעגענען זיך, ווי אַראָפּ־געשלעפּט אים נאָך נידעריקער, ביז די ברעמען, האָט לייזער דערפילט : ער זאָגט אַ ליגן . . . יעדנפאַלס, ניט בלויז צוליב דעם איז ער דאָ.

.2

ווען יערוכעם און אירמע שאַד האָבן לייזערן שפּעטער געזאָגט, אַז ס'איז דאָ אַ מענטש פון אויסן, וואָס וועט אַוועקפירן אַ דעלעגאַציע געטאָ־פאַרשטייער אַף יענער זײַט געטאָ־וואַנט צום וואַיעוואָדסטווע־קאָמענדאַנט, דעם פאַרשטייער פון דער לאָנדאָנער פוילישער רעגירונג, האָט לייזער גלײַך אַ טראַכט געטאָן : „נײַדים?" ס'איז אים ניט באַקוועם געווען, לייזערן, זיך אָפּזאָגן פון דער אויפגאַבע צו גיין מיט דער דעלע־גאַציע, — אין שטאַב האָט עס ביכלאַל ניט געקאָנט געמאָלט זײַן, -- כוץ דעם האָט ער נאָך קיין שום גרונט דערצו ניט געהאַט, כאָטש ער איז שוין קימאַט ווי זיכער געווען : „נײַדים, ס'איז געווים נײַדים!"

די פראַגע, צי גיין צו דעם אונטערערדישן פאַרשטייער פון דער עמיגראַנטישער רעגירונג, וועלכער האָט צו שאַפן איבער פיל געווויימע געווער־לאַגערן און באַוואָפנטע קרעפטן, איז שוין אַ שטיקל צײַט דעבאַ־טירט געוואָרן אין שטאַב פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. באַשלאָסן האָט מען : אויב ס'וועט קומען אַ סיגנאַל, אַז אַ פאַרבינדונג מיטן וואָיע־וואָדסטווע־קאָמענדאַנט איז אײַנגעשטעלט געוואָרן און ס'איז דאָ אַ מעג־לעכקייט פּערזענלעך זיך טרעפן מיט אים, גייט מיט דער דעלעגאַציע אירמע שאַד, אַף וויפל ער האָט באַם אָנקומען אין דער קאַמפּס־אָרגאַני־זאַציע געמאַכט אַ באַוואָרעניש, אַז ער מיט זײַנע פּינפּטלעך זאָגן זיך ניט אָפּ דערוויַל פון זייער מײַרעוו־אָריענטאַציע. עס גייט אויך לייזער קאָרשעווער אַלס ניט אָפיציעלער פאַרשטייער פון דער פּפּר, ווײַל עס איז וויכטיק געווען ניט בלויז אַרויסרײַסן וויפל ס'וועט זיך לאָזן געווער און געלט באַם קאָמענדאַנט, נאָר אויך אוממיטלבאַר פעסטשטעלן די באַציִונג פונעם צאַד, וועלכן דער קאָמענדאַנט שטעלט פאָר, צו דער ייִדישער באַ־פעלקערונג פונעם לאַנד. ס'זײַנען שוין געווען אייניקע סימפּטאָמען — און עפּעס אַנדערש האָט מען אויך דערוואַרטן ניט געקאָנט — אַז דער לאָנדאָנער עמיגראַנטישער קאַבינעט באַציט זיך צו די ייִדן פּונקט אַזוי, ווי די סאַנאַציע־רעגירונג ביזן קריג.

לייזערס באַטייליקן זיך אין דער דעלעגאַציע האָט סאַנקציאָנירט מאַריאַן גוראַל — פאַר דער פּאַר־אָרגאַניזאַציע איז ביכלאַל ווינטשענסווערט געווען אַזאַ ניט אָפיציעלע זאַנדירונג אויך פון איייניקע אַנדערע פראַגן, וואָס וועלן בעייסן שמועס אויפשווימען אָדער אומיסטן אויפגעהויבן ווערן.

דער שעליעד פון דער „אַרישער זייט״ איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן דורך די געשעפטלעכע קרייזן, וועלכע האָבן שוין לאַנג וועגן דעם געטאָן. וואָס זיי האָבן דערביי געהאַט אין זינען, איז ערשט שפּעטער קלאָר געוואָרן.

אין אָוונט זיינען לייזער און אירמע אַוועק אָפן זאַמל־פּונקט פון דער דעלעגאַציע. מע איז געגאַנגען אין דער שטאָק־פינצטערניש דורך הויפן און הינטערגעסלעך פון דער קשיווע־גאַס. דאָרט האָט זיך געפונען די הייל, אַף וועלכער ס'האָבן געהאַט צו שאַפן שאַכס פינפטלעך. דורך אים האָט מען פאַריקע נאַכט אַריינגעבראַכט דעם שעליעד פונעם וואַיעוואָדסטווע־קאָמענדאַנט, דורך אים האָט היינטיקע נאַכט געזאָלט אַרויסגעפירט ווערן די דעלעגאַציע.

אַרום דעם זאַמל־פּונקט פון דער דעלעגאַציע איז געווען אַ שטרענגע וואַך. קימאַט אַף יעדע פופצן־צוואַנציק טריט, ווי בײַ אַ גאַנעקל, ווי בײַ אַ דורכגאַנג אין אַ פלויט, ווי בײַ אַ צעקרימטן טויער — האָט אירמע שאָך געמאַכט אַ שפּאַן פאַראויס, איז צו צו אַ מענטשן־שאָטן, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון דער פינצטערניש, און אַ שעפּטשע געטאָן דעם פּאַראָל.

ענדלעך האָט מען זיך אויפגעהויבן אָפן צווייטן שטאָק פון אַ הילצערן הויז און אָנגעקלאַפּט. ס'האָט זיך געעפנט אַ טיר, פון אינעווייניק אַ באַשלאָגענע מיט צעראַטע, אַ דאַרע פרוי פון אַ יאָר פערציק, אַ דינסט, קענטיק, האָט פאַרשטעלנדיק מיט איין האַנט דאָס קאַנעצל אָפן קיך־טישל, ס'זאָל זיך ניט אויסלעשן, געפרעגט:

— צום באַלעבאָס?

און דאָס איז ניט געווען קיין פּאַראָל.

— באַלד, באַלד, — האָט זי אייליק אַרויסגערעדט און, צוגעמאַכט פעסט די טיר נאָך די אַריינגעקומענע, איז זי אַף די שפּיץ פינגער אַוועק צו דער צווייטער טיר, וואָס האָט געפירט אין אינערלעכן חידער, — כ'וועל אָנזאָגן דעם הער ברוידע...

אין אַ רעגע אַרום איז דער באַלעבאָס — יעשוע ברוידע — אַרויס באַגעגענען די געקומענע. דאָס איז געווען אַ הויכער פולבלעכער מענטש בײַ די זעכציקער. דער שוואַרצער, גוט געפּרעסטער אַנצוג איז נאָך געזעסן אַף אים גאַנץ גוט, כאָטש שוין אַ ביסעלע אויך צו פריי; דעם פּליך האָט צוגעדעקט אַ יאַרמלקע. סאַמע פון די שלייפן האָט זיך געקרייזלט אַ בערדל, וואָס איז געווען צעקעמט אַף ביידע זייטן. אויגן האָט ער געהאַט קלוגע, רויק־דורכדרינגלעכע. דער צופיל אויפגערוימטער שמייכל, וואָס איז געווען אויסגעגאָסן אַף זיין געזיכט, איז צוגעלאָשן געוואָרן, ווען ער האָט דערזען, ווער עס איז געקומען. די הענט האָט מען זיך געדריקט שוין גאָר קאַלט.

נו, יאָ, וואָס האָט געקאָנט באַדייַטן פאַר יעשוע ברוידעז, דעם געוועזענעם אייגנטימער פון דריי לעדער־פאַבריקן, עפּעס אַן אומבאַקאַנטער ליב ציי־מערינג (אַזוי האָט זיך פאַרגעשטעלט לייזער) און אירמע שאַך — דער דאַזיקער שווינדזיכטיקער לערער. יעשוע ברוידע האָט אַ זיפץ געטאָן, אַ ביסעלע אַ הויכער געטאָן די פּלייצע, נאָר באַלד זיך אויסגעגלייַכט, שוין מיט אַ מינע פון זאַכלעכער באַהערשטקייט אַ ריב געגעבן די הענט און דורכגעלאָזט די געסט אין צימער.

— ביטע... איין מענטש איז שוין געקומען. — האָט ער געזאָגט.

אין צימער, אַ באַלויכטענעם מיט אַ נאַפּט־לאָמפּ, וואָס האָט זיך געשפּיגלט אין אַ היפּשן טריומאָ באַם פענצטער, זייַנען אַרום די ווענט געשטאַנען עטלעכע ענג־צונויפגערוקטע בעטן, דעם מיטן האָט פאַרנומען אַ ברייטער טיש, פאַרדעקט מיט אַ סערוועט. באַ אַן עטאַזשערקע מיט בי־כער איז אויף אַ שטול געזעסן אַן אייגנגעהויקערט, דאַר מענטשל אין אַ סורדעט און אַ קייַלעכדיק פוטערן שטרייַמל. ער האָט געהאַלטן אויף די קני אַ צעעפנטן סייפער און געקוקט אין אים, כאָטש ס׳איז געווען ניט צו גלייבן, ער זאָל באַ דער שוואַכער שייַן עפּעס קאָנען איבערלייענען. לייזער האָט געוווּסט, ווער דאָס איז: דאָקטער שימשן קאָהען, דער קאַזיאָנער ראַבינער און פירער פון די רעכטע פּויאַלע־ציאָן. בעיס מע האָט זיך שווייַגנדיק אויך מיט אים פאַר די הענט געגריסט, האָט יעשוע ברוידע, קעדיי אָפּצושוואַכן די אָנגעשטרענגטקייט, געזאָגט:

— כע, כע, כ׳האָב דאָס געזינד אַוועקגעשיקט צו שכייניט... צוליב אַזאַ אַסיפע.

— יאָ, אַן אַסיפע, — האָט אומבאַשטימט אַרויסגערעדט דאָקטער קאָהען. ער האָט זיך ווידער אייַנגעמאָסטעט אויף זייַן בענקל, אייַנגעהויקערט זיך אין ניט קיין באַקוועמער פּאָזע, גרייט אָנהייבן בלעטערן ד׳עם סייפער.

יעשוע ברוידע האָט אָנגעוויזן לייזערן און אירמען אויף אַ פּאָר שטולן באַ אַ זייַט פון טיש. די צוויי שטולן, וואָס אויבנאָן, האָט ער געלאָזט פרייַ. ער האָט געקנייטשט דעם שטערן, אָנגעשטרענגט געקוקט אויף די געקומענע יונגע לייַט, ווי ער זאָל טראַכטן, וועגן וואָס רעדט מען מיט זיי. נאָר באַלד האָט זיך פון קיך דערהערט אַ קלאַפּן און דערנאָך אַ טויבלעכער סקריפּ פון דער טיר. דער באַלעבאָס איז אויפגעשפּרונגען פון זייַן אָרט, מיט ביידע הענט אַ צעקעם געטאָן די באָרד, אַ צי געטאָן אַראָפּ די לאַצן פון דער מאַרינאַרקע. דאָס אַלץ מיט דער אָנשטרענגונג פון אַ מענטשן, וואָס האָט פאַרלאָרן דעם קאָנטראָל איבער זיך. דאָך האָט ער צוגעוואַרט ביז די דינסט איז אַרייַנגעקומען.

— באַלעבאָס, — האָט זי געזאָגט, — מ׳איז געקומען...

— נו, לאָז אַרייַן, לאָז אַרייַן, — האָט יעשוע ברוידע אַ שפּאַן געטאָן צו דער טיר. די דינסט האָט זיך אָפּגערוקט אַן אַ זייַט.

— אַך, פּראַשע פּאַנוו, פּראַשע! — האָט זיך דערהערט שוין פון

קיך יעשוע ברוידעס אויפגעלייגט פרייִדיקער און אויפגערודערט ציטערנ־דיקער באס, — פראשע דא פאקאיו, — און באלד שוין אף ייִדיש, — קומט, קומט, פאניע פענזיך, נישקאשע, מע מעג אין די קאלאשן... אך, איר טראגט קיין קאלאשן ניט? ביטע!

אין צימער איז דער ערשטער אריינגעגאנגען גאדל ניידיס, דער קאַ־פעליוש — אין האנט, די בלאנדע לאנגע האר — עטוואס צעשויבערט. ער האט געווים גלייך באמערקט, ווען ער האט דא, א לייכטן ציטער געטאן, נאר קונציק געמאכט דעם אנשטעל, אז ער האט ניט באמערקט לייזערן, וואס איז געזעסן גלייך אנטקעגן אים. צוהאלטנדיק דעם קאפעליוש מיטן פארבויגענעם קליינעם פינגער, האט ער מיט די אנדערע פינגער גענומען דורכרייבן די גלעזלעך פון די ברילן, באלד דערנאך אראפגענומען זיי און קורצזיכטיק פארזשמורעט די אויגן. געמאכט א טראט אין א זייט, האט ער דורכגעלאזן אין צימער א ייִד אין א גראנאט פוטער מיט א סויבלנעם קאלנער און דעם באלעבאס. ערשט איצט האט ער ווידער אנ־געטאן די ברילן און פרײַנטלעך, נאר אויך מיט אונטערגעשטראכענער סאלידקייט א שאקל געטאן צו אלעמען מיטן קאפ.

ווען מע האט זיך געדריקט די הענט, האט לייזער זיך פארגעשטעלט:

— לייב צימערינג.

ניידיס האט קוים א קרים געטאן זיינע שמאלבלעכע ליפן.

— זייער אנגענעם...

דער שמועס האט זיך גלייך אנגעהויבן. לייזער האט געהערט, ווי ניידיס האט מיט זיין ניט לויט די יארן געלאסענער שטים, אף פויליש, מיטגעטיילט, אז פון יענער זייט הייל, אין א געסל ניט ווייט פון די לוים־פוסטקעס, וועט אף דער דעלעגאציע ווארטן אן אויטאמאשין. ער אליין וועט זיי באגלייטן ניט ווייט, בלויז ביז זיי וועלן זיך איבערזעצן אף א צווייטער מאשין; אז מע וועט זיך אין וועג איבערזעצן עטלעכע מאל, נאר דאס דארף קיינעם ניט באאומרויקן — מע וועט געבראכט ווערן צום אדרעסאט אין דער איינגעשטעלטער שא.

— איר מעגט זיין פולשטענדיק רויק, פאנאוויע, — האט ער איבער־געכאזערט, — מיט אייך פארט מיין פעטער, פאן גאמליעל פענזיך, און אף אייער שליכעס לייג איך האפענונגען, יעדנפאלס, ניט ווייניקער, ווי איר אליין.

לייזער האט פארשטאנען, אז אט די ווערטער זיינען געווענדט אין דער ערשטער ריי צו אים. ער האט ניט געקאנט באנעמען זייער פארבאר־גענעם מיין: צי דאס איז בא ניידיסן, ווי בא א סאך געפאלענע מענטשן, א פארלאנג מיט זיין ערלעכן באהאנדלען גראד דעם, וואס וויים וועגן זייער נידעריקן פאלן, זיך דערהויבן א ביסל אין זיינע אויגן, צי דער עמעס שטעקט אין דעם, אז אט דער ניידיס האט אין דער שליכעס פון די געטא־ייִדן צום קאמענדאנט עפעס א פערזענלעכן אינטערעס, וואס אין

פארגליַיך מיט אים האט אלדאס אנדערע — אמביציע, איבערציַיגונג — פאר אים איצט קיין שום באַדיַיטונג ניט. וואס איז אויסן געווען ניַידיס, האט לייזער טאקע ניט פארשטאַנען, דער ציל אבער, וואס איז פאר אים, לייזערן, געשטעלט געווארן, איז זיכער העכער געווען פון אמביציע, ניט מער, וואס אויס פארזיכט (ניַידיס קען אים) וואלט ער עפשער ניט געדארפט פארן. נאר כאַפּן צוריק איז שוין געווען שפעט, דערצו האט נאך געווירקט דער פארלאנג צו וויַיזן ניַידיסן, אז ער האט פאר אים קיין מוירע ניט. איז לייזער רויִק געזעסן, געהערט ניַידיסן און מיט א טיף פארבארגענעם כויזעק־שמייכעלע באַקוקט ניַידיסעס פעטער, גאמליִעל פענזיך, דעם נאך גענוג דיקן יידן, מיט די כיטרע אייגעלעך און מיטן שינזערן בערדל, וואס האט אין ברייטן פוטערנעם קאלנער זיך באַהאַלטן. לייזערן האט זיך גע־דאכט, אז ער האט ערגעץ געהערט די פאמיליע פענזיך. צי איז ער ניט דער, וועלכן דער פארשטארבענער פרעזעס צימערשפּיץ האט געפּאטשט פארן טויט? „מיסטאם פון די סאכרים א דעלעגאט, — האט לייזער געטראכט, — נו, נו!”

מע האט זיך שוין גענומען אויפהייבן פון די ערטער, ווען דאקטער קאהען האט געמאלדן, אז ער אליין פארט ניט מיט דער דעלעגאַציע, ער איז דא בלויז געווען א פארשטייער אף דער אַסיפע, פארטרעטן וועט די רעכטע פּויאַלע־ציִען אין די אונטערהאַנדלונגען מיטן קאמענדאַנט יעשוע ברוידע.

אירמע שאך איז אוועק ארויסבאַגלייטן דעם קאזיאנעם ראַבינער און דורכקאנטראלירן די פאסטנס ארום הויז, ווו די הייל האט זיך אנגעהויבן. די דעלעגאַטן זיַינען דערוויַיל אראפ אפן ערשטן שטאק און זיַינען געבליבן שטיין אין טונקעלן פירהויז. פענזיך און ברוידע האבן זיך אין א זיַיט ווענן עפּעס געסוידעט. גאדל ניַידיס איז שטיין געבליבן לעבן לייזערן. אנגעבויגן זיך אביסל צו לייזערס אויער, האט ער זייער שטיל א זאג געטאן:

— היַינט זעט איר שוין, קארשעווער, מאַלע וואס סע קאן זיך מאכן...

דערויף האט לייזער פונקט אַזוי שטיל געענטפערט:

— זאל זיך אַזוי ניט מאכן, ווי סע מאַכט זיך...

וויַיטער האבן זיי שוין דעם גאַנצן וועג געשוויגן, סיַי אין הייל, סיַי אין מאַשין, סיַי אין דעם מאמענט, ווען די דעלעגאטן, אויסער גאדל ניַידיס, האבן זיך אַריבערגעזעצט אין א צווייטער מאַשין.

.3

לייזער האט ניט געוווּסט די ווירקלעכע סיבע ניט פון ניַידיסעס אראפּקומען אין געטא און ניט פון דעם, פארוואס ער איז געווארן דער וועגוויַיזער פון א דעלעגאַציע צום וואיעוואדסטווע־קאמענדאַנט.

א ריכטיקע האַשאָרע האט דורכגעבליצט באַ לייזערן ערשט בעיים

דער טרעפונג מיטן קאָמענדאַנט, נאָר דאַן איז זײַן קאָפּ געווען פאַרנומען מיט פיל וויכטיקערס און גאָדל נײַדיס האָט אים שוין אינטערעסירט ווײַניקער פון אַלץ.

און באַשטאַנען איז די ווירקלעכע סיבע אָט אין וואָס: גאָדל נײַדיסעס פעטער פון דער מוטערס צאַד, גאַמליִעל פענזיך, אַ רײַכער הורטסויכער, האָט נאָך פאַרן קריג פאַרשטאַנען, אַז דער דײַטש ווערט שטאַרק און אַז פּוילן וועט בײַ אים אַמאָל באַטרעפן בלויז איין ביסן, האָט ער אַריבערגעפירט אַ היפּשן טייל פון זײַן קאַפּיטאַל אין אַ לאָנדאָנער באַנק. אַזוי האָבן דאַן געטאָן אַ סאַך ווײַטזיכטיקע געשעפטלײַט און פאַבריקאַנטן. אָט דער קאַפּיטאַל פענזיכס, וואָס האָט באַטראָפן אַ גאַנץ פײַנע סומע פונט סטערלינג, האָט ניט געלאָזט צורו נײַדיסן. עס איז שוין געשטאָרבן זײַן מוטער אינעם קראַנקן־הויז פונעם מאַנאַסטיר, וווּ ער האָט זי פאַר היפּשע געלטער באַשטאַט, עס איז שוין גאָר אַף צאָרעס געווען זײַן פאָטער אין אַ צווייטן מאַנאַסטיר, נאָר ווי־ניט־איז וועט ער שוין דאָרט אויסלעבן זײַן ביסל יאָרן. אָבער ער, נײַדיס, איז יונג, לעבנסדורשטיק און מוז זיך אַרויסרײַסן פונדאַנען. דער נאָמען בראָניסלאַוו פּשעגורסקי פּאַסט אים עפּשער מער, ווי דער, וועלכן ער האָט ביז איצט געטראָגן, אָבער וואָס טוט ער פאָרט, אויב עמיץ דערקענט אים? פון אַלע שטאַנדפּונקטן אין לאָנדאָן בעסער — דאָרט וואָלט ער אי געקאָנט בלײַבן בראָניסלאַוו פּשעגורסקי, אי ניט מוירע האָבן, אַז עמיצער וועט אים פאַרן קאָלנער אַ שלעפּ טאָן אַלס אַ גאָדל נײַדיס, און ביכלאַל, ווער ווייסט, עפּשער וואָלט ער אין לאָנדאָן אויך ניט געבליבן, וואָס איז פאַר אים שלעכט אַמעריקע?

נײַדיס־פּשעגורסקי האָט גענומען אָנטאַפּן דורך בריוו, וואָס זײַנען געגאַנגען קיין שטאָקהאָלם, און פון דאָרט, דורך אַ פרײַנט — קיין לאָנדאָן, ווי וואָלט מען געקאָנט לאָזן אין גאַנג דעם פעטער גאַמליִעל פענזיכס, און ניט נאָר דעם פעטערס, לאָנדאָנער טשעק־ביכלעך אַף אַרויסרײַסן זיך פון פּוילן.

נאָך פיל מי און אָנשטרענגונגען האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו באַקומען פון לאָנדאָן אַ פּעדעמל, וואָס האָט זיך געצויגן צום וואָיעוואָדסטווע־קאָמענדאַנט. פּינקטלעכער — אַ מענטש, אַז „אַראָפּגעפאַלענער פון הימל" (אַזוי האָט מען דאַ גערופן פּאַראַשוטיסטן), אַ געקומענער פון לאָנדאָן, האָט צו בראָניסלאַוו פּשעגורסקין געשיקט אַ פאַרטרויטע פּערזאָן, און פון דעם האָט זיך אָנגעהויבן די פאַרבינדונג, וועלכע האָט געפירט צום קאָמענדאַנט. אַף אַזאַ מין אויפן איז עס איבערגעגעבן געוואָרן דעם קאָמענדאַנט, אַז געטאָ־ייִדן, אײַנלאַגער פון לאָנדאָנער און אַנדערע אייראָפּעיִשע בענק זוכן אַ באַגעגעניש מיט אים וועגן אַ וויכטיקן איניען. פון לײַטישקייט וועגן איז נאָך צוגעגעבן געוואָרן, אַז עס וועלן אויך קומען פאָרשטייער פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין געטאָ. עס איז באַשטימט געוואָרן דאָס אָרט און די שאָ פון דער באַגעגעניש, און איצט איז די

דעלעגאציע געפארן שוין אין דער דריטער מאשין, וועלכע האט זיי אי־בערגענומען אין א פינצטערן ראנד־געסל פון דער שטאט. אין דער דאזי־קער מאשין זיינען די פאדערשטע צוויי ערטער, וווּ עס זיינען געזעסן דער שאפער און דער באגלייטער, געווען אפגעצוימט פון די הינטערשטע פיר מיט א דורכזיכטיק ווענטל. די זייטיקע פענצטערלעך זיינען געווען פאר־שמירט מיט שווארצער פארב, אזוי אז די דעלעגאטן זיינען געזעסן ווי אין א קעסטל. לייזער און אירמע זיינען געזעסן פון הינטן און בא דער שיין פונעם פיצעלע עלעקטרישן לעמפעלע, וואס האט דא געלויכטן, געזען פאר זיך יעשוע ברוידעס צעקנייטשטן, אמאל מיסטאמע היפש פולן קארק און דעם קיילעכדיקן פוטערנעם קאלנער, אף וועלכן ס'איז, ווי א שיפל אף א כוואַל, געזעסן גאמליעל פענזיכס קאפעליושל...

ענדלעך האט מען די דעלעגאטן ערגעץ אין א סאד ארויסגעלאזט פון דער מאשין. פינצטער, ניט צו פארשטיין, צי איז מען הינטער דער שטאט, צי ערגעץ אין שטאט. דער, וואס איז געפארן לעבן שאפער — א הויכער פאליאק אין א קורצן, ווארעמען יעגער־רעקל, אין שטיוול, האט אוועקגעפירט די דעלעגאטן איבער אן אלייע נידעריקע ביימלעך. לייזער האט אין דער פינצטער אנגעטאפט א פארפרוירן צווייגל: „דאכט זיך, בעז" — האט ער באשלאסן.

אף דער גרויקייט פונעם שניי, וואס האט סיי די ערד, סיי די ביימלעך באדעקט, האט אין עק פון דער אלייע זיך קוים אויסגעטיילט א ברייטע, הויכע געביידע מיט כאראקטעריסטישע קאנטורן פון א פריצישן פאלאץ.

מע האט געמיטן דעם צענטראלן ארייַנגאנג, וווּהין עס האבן געפירט ברייטע שטיינערנע טרעפ, ארומגעבויגן די געביידע פון לינקס און ארייַן אין א שמאלער טיר, וועלכע האט געפירט אין א קעלער. גלייַך ווי מע איז ארייַנגעגאנגען, האט עמעצער פון דרויסן די טיר פארמאכט און פארשלאסן — הייסט עס, דארט איז געשטאנען א וואך, וועלכע מע האט ניט בא־מערקט. פונעם שמאלן, פייַכטן קארידאר איז מען ארייַן אין א געוועלבטן גאנץ גרויסן צימער מיט א קאכלנעם דיל, וווּ א יונג האט געהייצט א הרובע. דא זיינען געשטאנען א טיש און עטלעכע מאסיווע דעמבענע שטולן.

דער ווּקסיקער פאליאק, וועלכער האט די דעלעגאציע אהער געבראכט, — לויטן אויסזען א מענטש פון א יאר עטלעכע און דרייַסיק, מיט א לענגלעך געזיכט, מיט וואסערדיק־גרויע אויגן, וואס האבן בייז און אנגע־שפיצט געקוקט פון אונטער די צונויפגעוואקסענע ברעמען, — דער דא־זיקער פאליאק אינעם גרינעם יעגער־רעקל האט זיך אוועקגעזעצט אף איינעם פון די שטולן, ברייט צעשטעלט די פיס אין שטיוול מיט הארטע כאליעוועס און הויכע, גלייַכע זאדניקעס. בלויז מיט די ברעמען און מיט א קוים מערקבארן נייג פונעם קאפ האט ער זיך געווענדט צו דעם אויוון־הייצער, וואס האט זיך גלייַך אויפגעהויבן. דער ווּנק האט, ווייַזט אויס,

באַדייט: „ווייסט דאָך, וואָס דו האָסט צו טאָן". דערנאָך האָט דער, וואָס אינעם יעגער־רעקל, אויסגעקערעוועט זײַן לענגלעך פּנים צו די דעלעגאַטן, וואָס זײַנען אַפילו ניט אײַנגעלאַדן געוואָרן צו זיצן, און האָט הייזעריקלעך אַרויסגערעדט:

— פאַר דעם, ווי איר וועט אַרויפגעפירט ווערן צום פּאַן קאָמענדאַנט, דאַרפט איר איבערלאָזן דאָ — אויב עמעץ האָט בײַ זיך — דאָס געווער. נאָר פון קיין אונטערזוכונג וועט עס אײַך ניט באַפרײַען, אַזוי אַז... פראַנעק!

יענער איז צוגעגאַנגען צו דער דעלעגאַציע. דעם ערשטן האָט ער גענומען יעשוע ברוידע, אַליין פאַנאַנדערגעשפּיליעט אים דעם פּאַלטאָ, באַטאַפּט אים פון אַלע זײַטן, אַרײַנגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס. דער, וואָס האָט די דעלעגאַציע געבראַכט, האָט דערווײַל געריכערט, גע־ביסן דעם ציגאַר מיט קענטיקער בייזקייט און אומצופרידנקייט. דעם צווייטן האָט מען באַזוכט אירמען. לייזער האָט געזען, אַז קיינע פּראָטעסטן וועלן ניט העלפן און, אַ רויטער פון אויפגעבראַכטקייט, זיך אויך געלאָזט אונטערזוכן. פראַנעק האָט זיך שוין געפּאָרעט אין די קעשענעס בײַ גאַמ־ליִעל פּענזיכן. מיטאַמאָל האָט אויף זײַן טעמפּלעכן קײַלעכדיקן געזיכט זיך באַוויזן אַ ברייטער ניצאַכן־שמייכל:

— אַ! — האָט ער אויסגערופן, — עפּעס איז דאָ, פּאַניע זשופּאַן!

— און האָט אַרויסגעשלעפּט פון פּענזיכס קעשענע אַ לענגלעך פּעקלע, אײַנגעוויקלט אין בלויען סאַמעט. פראַנעק האָט עס מיט זײַנע קויטיקע הענט פונאַנדערגענומען, און ס'האָט אַ בליאַסקע געטאָן אַ מאַסיווער גאָלדענער פּאַרטסיגאַר, עם האָבן אַ פינקל געטאָן פאַרשיידנפאַרביקע איידל־שטיינער אויפן דעקל.

דער, וואָס איז געזעסן אויפן בענקל, האָט זיך האַסטיק געגעבן אַ הייב אויף. אַ שמיץ געטאָן דעם ציגאַר, האָט ער געמאַכט צוויי שפּאַן צו פראַנעקן און פּענזיכן, ביידע זײַנען געשטאַנען פאַרלוירענע.

— אָך, אַזוינס גאָר... — האָט זשופּאַן אָנגעהויבן.

נאָר דאָ האָט זיך אָפּגערופן יעשוע ברוידע:

— פּאַנאָוויע, ס'איז אַ מאַטאַנע פאַרן פּאַן קאָמענדאַנט!

— יאָ, יאָ, פאַרן פּאַן קאָמענדאַנט, פאַרן יאַשניעוועלמאָזשני פּאַן קאָמענדאַנט! — האָט גאַמליִעל פּענזיך זיך אַ כאַפּ געטאָן און אויסגע־שטרעקט די ציטערדיקע הענט.

זשופּאַן און פראַנעק האָבן פונדעסטוועגן ניט גלײַך אומגעקערט דעם פּאַרטסיגאַר. זיי האָבן אים באַטראַכט, זיך אַ שפּיגל געטאָן אינעם דעקל מיטן ריטערלעכן פּאַלעץ און מיטן שטאָלצנעם רײַטער, מיט די דימענטלעך, פון וועלכע עס האָט זיך געמינעט דאָס בלויע ריטשקעלע בײַ דעם פערדס טלאָען, דאָס געשפּאַן און דעם רײַטערס הוט. דערנאָך האָט מען נאָך אַ

פרווו געטאָן מיט די נעגל עפּענען דעם פּיַנעם כייפּעץ און אַ קוק טאָן, צי זיַינען אינווייניק ניטאָ קיין ציגאַרעטן.

— ליוקסוסאַוועָ! — האָט פראַנעק געהאַלטן אין איין איבערכאַזערן, הילכיק געקנאַקט מיטן צונג און געקוקט זשופּאַנען גלייַך אין פּאַנעם אריַין מיט אַזאַ מינע, ווי ער זאָל אים אי היץ אונטערגעבן, אי פונדעסטוועגן מיט פאַרבאַרגענער פרייד וויסן, אַז דאָ איז יענער מאַכטלאָז.

זשופּאַן האָט, ענדלעך, אומגעקערט דעם פּאַרטסיגאַר גאַמליִעל פּעגזיכן. דערביַי האָט ער דראָענדיק אַ טיַיטל געטאָן מיטן פינגער פאַרן הורטאַוווניקס נאָז:

— ווען איר וועט אַרויס פון קאָמענדאַנט, וועלן מיר אייַך ווידער אונטערזוכן די קעשענעס... זעט זשע!...

די דעלעגאַטן זיַינען אַרויפגעפירט געוואָרן אפן צווייטן שטאָק. דאָ האָט זיי זשופּאַן איבערגעלאָזט אין אַ גרויסן צימער מיט אין פּאַנצערס פאַרשמידטע ריטער־פיגורן אין די ווינקלען, שווערע טונקעלע אייל־בילדער אַף די ווענט, און אַליין איז ער, טרעטנדיק קימאַט אַף די שפּיץ פינגער, פאַרשוווּנדן הינטער אַ הויכער געשניצטער טיר. וויַיזט אויס, אַוועק מיט־טיילן דעם קאָמענדאַנט וועגן די געקומענע. די גאַנצע ציַיט, וואָס מ׳האָט זיך אויפגעהויבן אַהער, האָט לייזער געשוויגן, געגאַנגען לעבן אירמע שאַכן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. ער האָט נאָר געשפּירט, לייזער, אַז דאָס פּאַנעם פלאַמט אים און אַפן האַרצן איז שווער. לויט אירמען האָט ער געזען, אַז יענער לעבט איבער דאָס זעלבע. ווען זשופּאַן איז אַוועק, האָט לייזער ניט אויסגעהאַלטן, ער האָט האַסטיק זיך אויסגעקערעוועט צו פּעגזיכן און ברוידען, וואָס זיַינען געשטאַנען הינטער אים, און מיט ביַי־טערקייט געזאָגט:

— און ס׳איז אייַך קיין כאַרפּע ניט? מיט די אַלטע שטיק, מיט די מאַטאַגעלעך — אין אַזאַ וויכטיקן איניען...

יעשוע ברוידע האָט געשוויגן, בלויז איין ברעם האָט אַ צוק געטאָן און דער דיקער אַדער, וואָס האָט זיַין שטערן איבערגעהאַקט, האָט זיך נאָך מער אויפגעבלאָזן. גאַמליִעל פּענזיך האָט נאָר אַ לעק געטאָן מיטן שפּיץ צונג די אייבערשטע ליפּ און די הערעלעך פון די שיטערע וואָנצעס. ניט פינטלענדיק מיט די אויגן, פונקט ווי זיַין פלימעניק גאָדל ניַידיס, האָט ער געזאָגט:

— אַז אַדן בלייבט אַן אַדן, יונגערמאַן, און האַלט אין אַלע ציַיטן פון אַ מאַטאַנע... עס וועט ניט קאַליע מאַכן...

דערזען, ווי לייזער האָט זיך קאַעסדיק אַ קרים געטאָן, האָט ער צוגעגעבן:

—איר וועט זיך בעטן, יונגערמאַן, וואָס איַיער גליַיכן דאַרף, און מיר, אונדזער צאַר, האָבן דאָ אויך עפּעס־וואָס צו בעטן... מיר גייען זיך מיט דער אַלטער מעטאָדיע!

4.

זשופאן איז אײַליק אַרױס פֿון קאָמענדאַנטס קאַבינעט און, טרעטנדיק ביז האַלבן ציִמיִר אַף די שפּיץ פינגער, און װײַטער שוין — אַף דער גאַנצער פּאַדעשװע, האָט ער אַ װאָרף געטאָן צו די דעלעגאַטן:

— דער פּאַן קאָמענדאַנט האָט געזאָגט, איר זאָלט צװואַרטן... ער איז נאָך אַ ביסל פאַרנומען.

אין די הענט האָט ער געטראָגן אַ פּאָרצעלײַען סלאָיקל, װאָס איז בײַ די ראַנדן געװען פאַרשמירט מיט גרינס. זשופאַן איז אַרױס אין קאָרידאָר. די דעלעגאַטן האָבן זיך צוגעגרייט צו װאַרטן. נאָר אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט די מאַסיװע טיר פֿון קאַבינעט זיך פּלוצים געעפֿנט און אין איר איז שטײן געבליבן ניט קײן הױכער, קרעפּטיקער מענטש אין אַ טונקל בלױער פּיזשאַמע, באַזױמט מיט זילבער־טאַשמע. אַף זײַן פּול געזיכט האָבן זיך שטאַרק אױסגעטײלט די בײַטלעך אונטער די אױגן, װאָס האָבן אים צוגעגעבן אַ מידן און אױפגערײצטן אױסזען. די פּײַכטלעכע, אין אַ זײַט פאַרקעמטע, שיטערלעכע האָר האָבן אַזױ װי צוגעפּלעטשט זײַן ברײטן שאַרבן, די קװאַדראַטע װאַנצעלעך האָבן אונטערגעשטראָכן די קאַפּריזקײט פֿון זײַן שמאָלן ענערגישן מױל.

— פּראָשע, — האָט ער, ניט פאַרנײגנדיק אַפילע דעם קאָפּ, געזאָגט קאַלט, מיט אַ שאָטן פֿון לײַכטן אומגעדולד. ער איז אַװעק צוריק אין קאַבינעט. נאָך אים זײַנען אַהין אַרײַן די פיר דעלעגאַטן.

דער קאַבינעט איז געװען מעבלירט אין דעם זעלבן סטיל, װי דער פּאָדער־צימער: די זעלבע פאַרגליװערטע ריטער־פיגורן מיט שװערדן און אַלעבאַרדעס. פּאָרטרעטן פֿון פּריצים און פּריצטעס אַף די װענט. אײן גרױס בילד פֿון אַן אַלטן שליאַכטיטש, אַנגעטאָן אין אַ קאָסטיום פֿון הענריך בראַדאַטים צײַטן, מיט צײלעמס און אָרדענס אַף דער ברוסט, איז געהאַנגען איבערן שרײַבטיש, אַף װעלכן ס'איז געשטאַנען אַן עלעקטרישער לאָמפּ מיט אַ גרינעם אַבאַזשור, געברענט האָבן אױך קלײנע לעמפּלעך אין גרױסע מירמלנע ליכט, װאָס זײַנען געשטאַנען אַף הױכע געשניצטע טומבעס, באַצירטע מיט אינקרוסטאַציעס פֿון בראָנז. און נאָך איז דאָ געװען אַ זאַך, װאָס האָט געשאַפֿן דעם אײַנדרוק, װי דער קאַבינעט זאָל זײַן פּול מיט אַן אַ שיר פאַרגליװערטע פלעדער־מײַז: צװישן די בילדער, אַף די װענט, אַרום די פענצטער, אַפילע אַף דער סטעליע — אומעטום זײַנען געהאַנגען שפּיציקע צעצװײַגטע הערנער פֿון הירשן און װילדע ציגן — דער יעגער־רום פֿון פיל דורעס שליאַכטע.

אַף אַ קלײן קושעטקעלע בײַם סאַמע שרײַבטיש איז געלעגן אַ יעגער־הונט — אַ יונגער כאַרט — מיט אַ גרױער פעל מיט אַ סאַך שװאַרצע פּלעקעלעך. זײַן שאַרפע מאָרדע מיט די אַראָפּהענגענדיקע װײכע אױערן האָט ער עטװאָס אױפגעהױבן קעגן די אַרײַנגעקומענע, באַטראַכט זײ מיט אַ טרױעריק פאַרכאַלעמטן בליק. אײנע פֿון זײַנע פאַדערשטע לאַפּעס

איז געווען פֿאַרבאַנדאַזשירט מיט אַ ווײַס שטיקל מאַרליע. דורכגײענדיק צום טיש, האָט דער, וואָס אין פּיזשאַמע, אַ פֿאַטל געטאָן מיט דער האַנט דעם הונטס גלאַטן קאָפּ און, עטוואָס אויסקערעווענדיק זיך צו די דעלעגאַטן, געזאָגט:

— מיר קאָנען ריידן... איך בין דער, וועמען איר האָט געזוכט.

ער האָט אָפּגעשטויסן דעם כאַרט, וואָס האָט געוואָלט אַ לעק טאָן די האַנט, זיך אַוועקגעזעצט באַם טיש און מיט אַ באַוועגונג פֿון קאָפּ באַוויזן אַף די שטולן, וואָס זײַנען געשטאַנען אַרום וואַנט, אײַנלאַדנדיק זיך זעצן.

לייזער האָט זיך אַוועקגעזעצט דער ערשטער, נאָך אים — אירמע שאָך. גאַמליעל פּענזיך האָט זיך צוגעזעצט אַ קאַפּעלע אין אַ זײַט פֿון זיי, נעענטער צום טיש. יעשוע ברוידע איז געבליבן שטיין. אַ ריר געטאָן זיך מיט די פֿינגער באַ בײדע שפּיצן באָרד, האָט ער טײקעף אויסגעצויגן די הענט לענגאויס דעם גוף און מיט אַ ניכנע שטים זיך אָנגערופֿן:

— מיר פֿאָרשטייער פֿון דער געטאָ, זײַנען געקומען צו אײַך, פּאַן קאָמענדאַנט, ווי צו דעם אָנפֿירער פֿון די פּוילישע געהיימע באַוואָפֿנטע קרעפֿטן אין וואָיעוואָדסטווע און אויך ווי צו דעם פֿולמעכטיקן רעגירונג־פֿאָרשטייער, צו זאָגן, אַז מיר וואַרטן אַף אײַער הילף און שוץ און אַז מיר זײַנען גרייט מיט וואָס נאָר מעגלעך איז אויך אײַך שטיצן... די יאָרהונדערטער, וואָס אונדזערע אָוועס ווינען און מיִען זיך אַף דער פּוילישער ערד, גיבן אונדז דאָס רעכט צו ווענדן זיך צו אײַך.

דער קאָמענדאַנט האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, זײַן געזיכט איז געבליבן פֿאַרשלאָסן און די אויגן האָבן געקוקט אָנגעשפּיצט פֿון אונטער די ברעמען. ער האָט גענומען עפּעס אַ פּיגורל אַפֿן טיש און איבערגעשטעלט עס אַ ביסעלע ווײַטער פֿון זיך.

יעשוע ברוידע האָט פֿאָרגעזעצט:

— עס האַלט באַ אונטערגײן אונדזער גאַנצער שטאָם, פּאַן קאָמענדאַנט... עס זײַנען באַ אונדז דאָ אַזעלכע, וואָס ווילן זיך קעגנשטעלן דעם סוינע, דאָ זײַנען פֿאַראַן זייערע פֿאָרשטייער, — אַ לײַכטער קער דעם קאָפּ אין לייזערס און אירמעס זײַט, — פֿאַראַן אָבער נאָך מער סטאַם אומבאַשיצטע מענטשן, וועלכע מע מוז זען, ווי ווײַט מעגלעך אַרויסרײַסן פֿון די מערדערשע הענט...

דער כאַרט אַפֿן קושעטקעלע האָט אַ גענעץ געטאָן מיט אַ דין קווי־טשיקל. ער האָט זיך שוין צוגעווינט צו די אַרײַנגעקומענע און געקוקט בלויז אַף זײַן פֿאַרבאַנדאַזשירטער לאַפּע. דער קאָמענדאַנט האָט אַ קוק געטאָן אין דעם כאַרטס זײַט. דערנאָך, אומגעדולדיק אַ דריי געגעבן זײַן פֿעסטן גוף, וואָס איז קימאַט ווי דערטרונקען געוואָרן אינעם ווייכן פֿאָטעל, האָט ער זיך אָנגערופֿן, פּאַמעלעך אַרויסריידנדיק די ווערטער:

— אָבער איר ווייסט אַוודע, אַז די פּוילישע באַוואָפֿנטע קרעפֿטן

זײַנען באַרופֿן צו ראַטעווען די פּוילישע ערד... ווען דער גינסטיקער מאָמענט וועט קומען, — האָט ער צוגעגעבן נאָך אַ פּאַוזע, — די ייִדן — דאָס איז ניט פּוילן, איר וועט דאָ מוזן מסכּים זײַן מיט מיר? באַקומט זיך, — דער עמעס איז האַרב, — אַז איר זײַט אויסער אונדזערע צילן... כאָטש עס טוט אונדז לייד, פֿאַרשטייט זיך, אײַער אומגליק, — האָט ער צוגעגעבן ווידער נאָך אַ פּאַוזע, — מיר קענען ניט בלײַבן אינגאַנצן גלײַכ־גילטיק...

— פּאַן קאָמענדאַנט, אין אַ שווערער שאָ זײַנען מיר געקומען צו אײַך, — האָט מיט אַ ציטער אין קאָל אַרויסגערעדט יעשוע ברוידע, נאָר מער האָט ער ריידן ניט געקאָנט, ס'האָט אים פֿאַרפֿעלט אָטעם, ער איז אַ מינוט געשטאַנען אָן לאָשן. די דאָזיקע מינוט האָט אויסגענוצט לייזער.

— איך רייד אין נאָמען פֿון די, וואָס שלאָגן שוין די פּאַשיסטן, — האָט ער געזאָגט, מאַכנדיק צוויי טריט צום מיטן פֿון קאַבינעט, — איך בין געקומען צו אײַך, ווי אַ שעליעך פֿון די באַריקאַדן בלויז דערפֿאַר, ווײַל מיר ווייסן, אַז הײַנט צו טאָג איז בײַ אונדז איין געמיינזאַמער סוינע. עס פֿעלן בײַ אונדז קוילן, ביקסן, גראַנאַטעס, און איר האָט זיי גענוג. גיט אונדז, וויפֿל איר קאָנט, געווער, מיר ווילן קעמפֿן.

דער קאָמענדאַנט האָט צונויפֿגעקלאַמערט די פֿינגער פֿון בײדע הענט און פּאַרזיכטיק, קעדיי ניט צו צעשויבערן די פּאַרקעמטע האָר, פֿאַרלייגט זיי אויפֿן נאַקן און אָנגעשפּאַרט זיך אויפֿן ווענטל פֿון פֿאָטעל, קעדיי בעסער צו באַקוקן לייזערן.

— אײַער לאַגע מאַכט אײַך קורצזיכטיק, יונגערמאַן, — האָט זיך רויִק אָנגערופֿן דער קאָמענדאַנט, — איר זעט פֿאַר זיך איין סוינע — דעם הײַנטיקן. מיר קוקן ווײַטער און זעען עפּשער צוויי סאָנים... — ער האָט קוים צו מערקן אַ שמייכל געטאָן, — כאָטש... איר האָט עפּשער טאַקע בלויז איין סוינע. איז טוט אײַך, וואָס איר טוט. אונדזער געווער קאָנען מיר ניט צעטרענצלען.

לייזער האָט אָנגעשטרענגט געקוקט אויפֿן קאָמענדאַנט. אָט איז עס, דאָס אַלטע פּוילן! עס האָט זיך אים מיטאָמאָל זייער פֿאַרוואָלט אַ פּיק טאָן דעם קאָמענדאַנט, אַרויספֿירן אים פֿון זײַן קלוימערשטיקער רויִקייט. נאָר ער האָט זיך אײַנגעהאַלטן. אויף אַ קול האָט ער געזאָגט:

— זאָל זײַן, אַז עס בלײַבט פֿאַר אונדז אַ סאָד, ווען איר האַלט דאָס פֿאַרן צווייטן סוינע. אָבער איינער, דער הײַנטיקער סוינע איז דאָך פֿאָרט אַ סוינע, צי עפּשער ניין? איר זאָגט דאָך ניט, אַז ניין. פֿאַרוואָס זשע באַציט איר זיך אַזוי גלײַכגילטיק צו אונדזער קאַמף?

— הם, — האָט דער קאָמענדאַנט אַלץ נאָך זעלבסטצופֿרידן אַ שמוד געטאָן, ניט אַראָפּנעמענדיק די הענט פֿון קאַרק: — איר, ייִדן, קעמפֿט אומעטום... בײַ די סאָוועטן האָט איר אַפֿילע גענעראַלן...

לייזער האָט זיך אַ גלײַך אויס געגעבן, געמאַכט אַ טראָט פֿאָרויס פֿאַר

יעשוע ברוידע, וועלכער האָט בא די דאָזיקע ווערטער דעם קאָמענדאַנטס זיך איינגעהויקערט.

— איך קאָן אין דעם קיין פאָרוואורף ניט אײַנזען, — האָט לייזער געזאָגט מיט אַ פעסטער, קלינגענדיקער שטים, — דאָרט זײַנען די ייִדן אין אַלץ גלײַך מיט אַלעמען, שלאָגן זיי זיך פאַר דער סאָוועטישער ערד מיט אַלעמען גלײַך. און די פּוילישע ייִדן ווילן דאָך אויך זייער כּיוו אויספּילן.

אין טיר האָט זיך באַוויזן זשופּאַן, שוין אָנעם יעגער־רעקל. אין איין האַנט האָט ער געטראָגן דאָס פאַרצעלײַענע סלאָיקל, אין דער צווייטער — אַ באַנדאַזש.

— קום אַרײַן, זשופּאַן, — האָט דער קאָמענדאַנט אַ קער געטאָן צו אים דעם קאָפּ, — קאָנסט זיך פאַרנעמען מיטן הונט... יאָ, — האָט ער ווידער אַריבערגעפירט די אויגן אויף לייזערן, און פון אים — אויף יעשוע ברוידע, — אַזוי, אַזוי, פּאַנאָוויע... — ער האָט זיך אויפגע־הויבן, צוגעגאַנגען און געקוקט אַ מינוט, ווי דער הויכער און שמאָל־פלייציקער זשופּאַן, וועלכער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, נעמט פונאַנדערקניפּן מיט די ציין דעם צונויפגעצווייגענעם באַנדאַזש אַפן כאַרטס לאַפּע. אַ מיש געטאָן מיטן שפּענדל די שמירעכץ אין סלאָיקל און פאַר־קנייטשט די נאָז פונעם שאַרפן ריעך איז דער קאָמענדאַנט אַוועק ווי־דער צום טיש. דערווײַל האָט לייזער זיך איבערגעקוקט מיט אירמע שאַבן, וועלכער איז מיט ברענענדיקע אויגן און מיט פאַרפלאַמטע באַקן געזעסן אַפן בענקל. לייזער האָט אויך באַוויזן וואַרפן אַ בליק אויף גאַמליִעל פּענ־זיך. אויף יענעמס פּאָנעם איז געווען אויסגעגאָסן אַזאַ כניפעדיק שמיי־כעלע, ווי ס'זאָל אים שטאַרק אָנגיין דאָס, וואָס ווערט איצט אַרום הונט געטאָן.

— פּוילן גייט אונדז אַלעמען אָן, פּאַן קאָמענדאַנט, — האָט אויס־גערעדט יעשוע ברוידע.

— דאָס אויפגעריכטע פּוילן, — איז לייזער אים אין די רייד אַרײַנ־געפאַלן, קוים צוימענדיק אין זיך די אויפגעבראַכטקייט, — פּוילן אָן בעק און רידז־סמיגלי...

— אָט, אָט! — האָט דער קאָמענדאַנט גאַנץ אומדערוואַרט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו לייזערן, — דאָס זײַט איר גערעכט — די דאָזיקע פּערזאָנען וועלן ניט זײַן... אָבער אַלדאָס איבעריקע...

לייזער האָט אַ שמייכל געטאָן. דער קאָמענדאַנט האָט מיטאַמאָל אי־בערגעלייענט אין אָט דעם שמייכל מער, ווי דער באַכער האָט אים מיט ווערטער געזאָגט. צונויפגעצווייגן די קאַפּריזנע ליפּן, האָט דער קאָמענ־דאַנט זיך בערויגעזדיק אָנגעבלאָזן און אַוועקגעלייגט ביידע פויסטן אַפן טיש. ער האָט מיט אַט דער פּאָזע באַוויזן, אַז אייגנטלעך איז שוין די אוידיענץ געענדיקט, אַ קאַפּעלע האָט ער נאָך אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו

יעשועז. דער דאָזיקער האָט בא אים, צו זען, מער אויפמערקזאַמקייט אַרויסגערופן.

שאַד האָט זיך אויפגעהויבן עפּעס צו זאָגן, נאָר לייזער האָט אים הינטן־אַרום, מיט אַ האַנט באַוויזן, אַז ער זאָל נאָך אַ מינוט שווייַגן. לייזערן האָט זיך פּאַרט פאַרוואָלט אַרויסזאָגן דאָס, וואָס האָט אים נאָך פריִער געדריקט:

— פּילסודסקי האָט געבויט געווער־פאַבריקן אויף דער מייַרעוו־גרענעץ און פאַרפעסטיקונגען געמאַכט אויף מיזרעד. וואָס זשע האָט זיך באַקומען? דאָס, וואָס איבער זייַן קייווער־פּליטע אין קראַקאָווער וואַוועל שפּאַצירן יעדן טאָג דער דייַטשישער גאַולייטער פראַנק... כ'מיין, ס'איז ניט איבעריק צו דערמאָנען אייַך וועגן דעם, פּאַן קאָמענדאַנט! — לייזער איז מיט געמאָסטענע טריט אַוועק צו זייַן שטול און זיך אַוועקגעזעצט.

דער קאָמענדאַנט האָט פאַרלוירן אַ האַווע געטאָן באַם טיש, אויסגעראַטשעט די אויגן, נאָר גאָרנישט ניט געפונען וואָס צו זאָגן. זשופּאַן, וואָס האָט שוין אָפּגעוויקלט דעם הונטס יאַטערדיקע לאַפּע, האָט ראַשיק, אויף די קני, זיך אויסגעקערעוועט צו לייזערן. ס'איז געוואָרן אומאַנגענעם שטיל. די דאָזיקע שווערע שטילקייט האָט מיט זייַן שווינדזיכטיק־הייזעריקער שטים צעשטערט אירמע שאַד:

— מיר גייען אויף מיט בלוט און שליסן אונדזערע רייען צום קאַמף. אויב איר וועט אונדז ניט העלפן מיט געווער, וועט עס אייַך די מענטשהייט ניט מויכל זייַן.

דער קאָמענדאַנט האָט געשוויגן.

דאַן האָט מיטאַמאָל זיך אָנגערופן יעשוע ברוידע:

— אין לעצטן סאַכאַקל, פּאַן קאָמענדאַנט, זייַנען דאָ פאַראַן צווישן אונדז געשעפטס־לייַט. מיר ווילן טיילווייַז אַפילו באַצאָלן פאַר געווער און העלפן אונדזערע ברידער. אייניקע פון אונדז פאַרמאָגן באַדייַטנדיקע אייַנלאַגן אין אויסלענדישע בענק. מיר זייַנען גרייט אייַך איבערגעבן די טשעק־ביכלעד. כ'מיין, דאָס איז אַ זאַך, פּאַן קאָמענדאַנט, וואָס איז קעדייַ צו באַטראַכטן... נאָר מיר, ניט קיין גרויסע גרופּע מענטשן, וואָלטן אויך וועלן שטעלן נאָך אייַן באַדינג. עס וועט אים אייַך אַרויסזאָגן איינער פון אונדזער דעלעגאַציע, וואָס האָט ביז איצט געשוויגן, — ער האָט אַ קוק געטאָן אין גאַמליִעל פּענזיכס זייַט, — ווען איר זאָלט אַזוי גוט זייַן, פּאַן קאָמענדאַנט, אים אויסטיילן באַטש פינף מינוט פאַר אַ שמועס אויג־אויף־אויג...

לייזער און אירמע זייַנען אויפגעשטאַנען פון די ערטער. סייַ דער אויפן, וויאַזוי די דאָזיקע געשעפטס־לייַט ווילן פאַרזעצן די אונטערהאַנדלונגען, סייַ זייער פאַרשלאָג גופא, וואָס איז ביז איצט געהאַלטן געוואָרן בעסאָד, — דאָס אַלץ איז געווען אומדערהערט געמיין. אָבער גראָד דער דאָזיקער פאַרשלאָג יעשוע ברוידעס איז אַמבעסטן דערגאַנגען צום קאַ־

מענדאנט. לייזער און שאך האבן זיך איצט ערשט געקאנט אנשטויסן, אז טאקע אט דער וואריאנט איז נאך פון פריער באוווסט געווען דעם קאמענדאנט און עפשער בלויז דערפאר האט ער ביז איצט גערולדעט זייערע רייד.

— האסט פארענדיקט, זשופאן? ענדיק, ענדיק! — האט ער זיך געווענדט צום וווקסיקן פאליאק, וואס האט שוין פארצויגן דעם בינט ארום דעם הונטס לאפע, — פיר ארויס די דעלעגאטן, זאלן זיי צוווארטן בא דיר אונטן.

צו פענזיכן האט דער קאמענדאנט א נייג געטאן דעם קאפ:

— איר קאנט בלייבן דא...

.5

לייזער האט זיין הייסע אויפגעבראכטקייט געקאנט ארויסזאגן בלויז, ווען די דעלעגאציע איז זיך ווידער צונויפגעקומען און זיך אריינגעזעצט אין דער פארמאכטער מאשין צו פארן צוריק אין געטא. אבער דאס האט שוין איצט קיין זין ניט געהאט. און כוץ דעם, האט ער דאך פון אנהייב אן געוווסט, אז קיין עמעסע טרייהייט צו דער זאך, צוליב וועלכער מע האט זיך אין אט דעם שליכעם געלאזט, האט מען, אייגנטלעך, פון אט די לייט ניט געקאנט דערווארטן.ביידע צדאדים האבן, לאזנדיק זיך צום קאמענדאנט, געהאט פארשיידענע צילן. דאס האט געמוזט פריער צי שפעטער ארויסשווימען. האט עס דען לייזערן געדארפט עפענען די אויגן? אי ער, אי יערוכעם, אי סאקאל, אי קארעל, נו, און מאריאן גוראל אוואדע און אוואדע, האבן גוט געוווסט, אז דאס שיקט מען אים קלאפן אין א פארמאכטער טיר, וואס איז ביז דעם דייטשם קומען געווען אויך א טורמע־טיר. אז אויסשפירער איז ער דא געווען, ניט מער. ווען דאס האט יא געקאנט עפענען די אויגן, דאס איז אירמען. אבער כאטש אירמע שאך האט אונטערגעהאלטן לייזערן אין זיין פראטעסט, האט זיין באטריבטקייט באוויזן, אז אפילע די דאזיקע לעקציע איז נאך ניט גענוג. לייזערן האט פארדראסן, וואס אירמע, א טיף דערצארנטער פון זיין שווערער אנטוישונג, האט ניט באמערקט, אז, פויזענדיק צען מינוט בלויז באם קאמענדאנטס שטיוול, האבן די צוויי געשעפטס־לייט זיך ווידער דערפילט מייסע באלע־באטים. זיי האבן עס אפילע ניט באהאלטן. ווען לייזער האט זיי גענומען פארווארפן זייער ניט אנשטענדיקע אויפפירונג בעיים די אונטערהאנ־דלונגען, האט ברוידע זיך מיטאמאל אויסגעדרייט צו אים א צונטער רויטער, מיט א קריגעריש סטארטשענדיקער בארד און מיט אזא גרינג־שעצונג אין קאל א זאג געטאן:

— יונגערמאן, איך ווייס אלץ ניט ווער איר זייט, נאר אוואדע האבן אזעלכע ווי איר געהאט אמאל צו טאן מיט אונטערהעצן צו שטרייקן... איר מיינט טאקע, אז אלע האבן פאר דער גרויסער וועלט איין ווערט?

גאמליעל פענזיך און יעשוע ברוידע האבן קוים באהאלטן די צופרי־דנקייט מיט די רעזולטאטן פון די אונטערהאנדלונגען. אנגעבלאזענע זיינען זיי געזעסן אין דער פארמאכטער מאשין, ווידער טאקע פארויס, גאר פאר־טרוילעך זיך צוגערוקט איינער צום אנדערן, איבערגעווארפן זיך מיט קורצע רעפליקעס, וואס בלויז אפגעהאקטע שטיקער פון זיי זיינען דערפלויגן צו ליזערן און אירמען, וואס זיינען געזעסן פון הינטן.

אירמען האבן ברוידע און פענזיך געזאגט — דעמאנסטראטיוו בלויז אירמען, — אז א ביסל געווער האט מען באם פאן קאמענדאנט ארויסגע־ריסן: צוואנציק ביקסן, א קעסטל גראנאטעס, פערציק פיסטאליעטן. „ווי בא א הונט פון די ציין, — האט באמערקט גאמליעל פענזיך, — אך, האלט ער זיך עם פאר די דאזיקע קוילעס, דער פארעץ!" מע וועט דארפן שיקן נאך דעם דאזיקן געווער אין וואלד. דער אדרעס וועט אנגעגעבן ווערן שפעטער. דעם קאמענדאנטס מענטשן וועלן אויך ארויספירן א גרופע יידן פון געטא צו דער דארעם־גרענעץ און ווייטער. סיי ליזערן, סיי אירמען איז געווען קלאר: די געשעפטס־לייט באצאלן מיטן געקויפטן געווער פארן רעכט ארויסצוגיין מיט זייערע מישפאכעס פון געטא דורך דער הייל, וואס אף דער קשיווע־גאס...

אין פינף טעג ארום, אין א בלינדער זאווערוכע־נאכט, זיינען דורך דער הייל ארויס פון געטא אכט גווירישע געזינדן; מע האט נאר געלאזט דער קעהילע ווער א געליימטע מוטער, ווער א טויבן, קראנקן פאטער, א דולן זון... ארויס זיינען אויך דריי יונגע פון אירמעס שלאכט־פינפטלעך. זיי האבן געדארפט באקומען און אריבערפירן אין געטא דאס געווער, וואס דער קאמענדאנט האט געהאט צוגעזאגט.

עס זיינען אריבער פיר טעג, — דער עקסטער טערמין, אין וועלכן די יונגען האבן זיך געדארפט אומקערן מיטן געווער. עס איז אריבער א פינפטער און א זעקסטער טאג. אט איז שוין א וואך, און אט שוין צען טעג. אפן צוועלפטן טאג האט צום גארטן אף יענער זייט געטא־וואנט, ווו ס'האט זיך פארענדיקט דער ארויסגאנג פון דער קשיווע־גאס, זיך דער־קליבן אן ארומגעפרוירענער, שטארק צעמיימעסטער מענטש, אין וועלכן מע האט קוים דערקענט איינעם פון די יונגען, וואס זיינען אנומלטן ארויס מיט די עטלעכע געזינדן. אנגעווארעמט זיך באם פויער, וואס בא אים אין גארטן האט זיך פארענדיקט דער ארויסגאנג, איז דער יונג, ווי שוואך ער איז ניט געווען, אוועקגעקראכן דורך דער הייל אין געטא. ער האט געהאט א וויכטיקע יעדיע.

אין געטא האט דער יונג דורכן פיבער דערציילט, אז ער איז איינער א לעבעדיקער פון די אלע, וואס זיינען ארויסגעפירט געווארן פונדאנען מיט אנדערהאלבן וואכן צוריק. ער האט אליין געזען, ווי אזוי מען האט אלעמען אומגעבראכט אין וואלד. געטאן האבן עס די, וואס האבן די צוויי פארמאכטע פראכט־מאשינעס מיט די ארויסגעפירטע געבראכט אין וואלד און נאך עטלעכע, וואס האבן זיך צו זיי שוין אין וואלד פאראייניקט.

ווען מע איז געקומען טיף אין וואַלד, האָט שוין דאָרט געוואַרט באַ אַ וואַלד־וועכטערס שטיבל דער דאָזיקער אין יעגער־רעקל — זשופּאַן, מיט עטלעכע באַוואָפֿנטע מענטשן. זשופּאַן האָט צוערשט אָפּגערופֿן אין אַ זײַט די מאַנצבלען — פּענזיכן, ברוידען, פּענזיכס פּלימעניק, וואָס האָט די גאַנצע זאַך פֿאַרקאָכט, און נאָך אַזוינע לײַט און דאָוקע מיט גוטן זיי געזאָגט, אַז זיי וואָלטן געמעגט אויך אים אַרויסגעבן עטלעכע וועקסלען, אַזעלכע, ווי דעם קאָמענדאַנט, ווײַל אייגנטלעך קומט דאָך אויס, אַז די גאַנצע אָפּעראַציע דאַרף דורכפֿירן ער, זשופּאַן, און זײַנע פֿאַרשוינען. זיי וועלן עס דאַרפֿן ברענגען די ייִדן צו דער גרענעץ און אַריבערפּעקלען זיי איבער איר. וואָס האָבן די מענטשן געקאָנט טאָן? מע האָט געגעבן זשופּאַנען, וואָס ער האָט פֿאַרלאַנגט. זשופּאַנען מיט זײַנע פֿאַרשוינען האָט זיך אָבער אויסגעוויזן, אַז די פּרײַז איז צו קליין, און מע האָט גענומען באַזוכן יעדן באַזונדער — מענער, פֿרויען, קינדער... מע האָט צוגערויבט אַלדאָס ווערטפֿולע. די איזדיעקענישן איבער די אומבאַוואָפֿנטע זײַנען ניט צו באַשרײַבן. צו דרײַ, צו פֿיר האָט מען די באַרויבטע גענומען אָפּפֿירן אין אַ טיפֿן יאַר, צו אַ פֿאַרפֿרוירן טײַכל, דאָרט געהאַקט זיי מיט שווערדן די קעפּ און די טויטע קערפּערס אַראָפּגעלאָזט אין אַ פּאָלאָנקע...

די דרײַ יונגען, וואָס זײַנען געשיקט געוואָרן נאָכן געווער, האָט מען געלאָזט לעבן. צו זיי האָט מען זיך גענומען ערשט אין אָוונט, געוואָלט, זיי זאָלן דערציילן, ווער זײַנען די פֿירער פֿון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין געטאָ און פֿינקטלעך אָנווײַזן, ווו עס איז די הייל אַף די לײַם־פּוסטקעס. כעוורע האָבן אַריבערגעטראָגן אַלע פּײַניקונגען און געשוויגן. קעדיי אָנשרעקן די יונגען, האָט מען זיי אָוועקגעפֿירט צו דער פּאָלאָנקע, ווו דאָס אײַז איז געווען געדיכט באַגאָסן מיט פֿאַרפֿרוירן בלוט. נאָר אויך דאָס האָט זיי ניט אײַנגעבראָכן. געהאַרגעט האָט מען די געטאָ־קעמפּער פֿונדעסטוועגן ניט. צוליב עפּעס האָט זיי זשופּאַן געהאַלטן. אָפּן דריטן טאָג האָט מען די דרײַ יונגען געבונדענע אָוועקגעלייגט אַף אַ פֿור און, אײַנגעדעקטע מיט שטרוי, ערגעץ אָוועקגעפֿירט. דער אָנטרײַבער האָט געזאָגט, אַז איצט וועט מען זיך זען מיט די דײַטשן, מיסטאָמע האָט ער ניט געשפּאַסט.

אַף דער פֿור איז געווען ענג, האָט מען צוויי יונגען געלייגט מיט די קעפּ פֿאָרויס, דעם דריטן — מיטן קאָפּ צו זייערע פֿיס. די דאָזיקע אומפֿאָרזיכטיקייט האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט צוויי כאַווײרים איבערבײַסן די שטריק אַף די הענט און אַף די פֿיס באַ דעם, וואָס האָט די יעדנס וועגן דער רעציכע געבראַכט אין געטאָ. שטילערהייט האָט ער זיך אַראָפּגעגליטשט פֿון וואָגן. ער האָט זיך דורכגעקליבן דורך די נעכט, געפֿרוירן און געהונגערט. געפֿירט און געבראַכט האָט אים אין געטאָ אַרײַן נאָר דער כויוו צו וואָרענען וועגן דעם פֿאַרברעכן.

אָט אַזוי איז, אַז אײַנגעטונקענער אין בלוט, איבערגעריסן געוואָרן דער פֿאָדעם, וואָס האָט געזאָלט זיך אָוועקציִען פֿון געטאָ אַף מײַרעוו.

XVI. מייער סאָקאָל געזעגנט זיך
די ערשטע נײַן אין וואַלד

1.

מייער סאָקאָל האָט זיך פֿאַרלאָזט וואָנצעס, און דאָס האָט זייער שטאַרק געענדערט זײַן געזיכט. עפּעס איז ער געוואָרן ניט וואָס עלטער, נאָר געזעצטער. ער האָט זיך אײַנגעשאַפֿן אַ פֿויערשן יאָלעם און אַ מאַרינאַרקע פֿון גראָבן, ברוינעם געוואַנט, אַפֿן האַלדז אָנגעטאָן אַ מעטאַלן צייִלעמל. קיין פֿרומער איז ער קיינמאָל ניט געווען, האָט דאָס צייִלעמל קיין ערגעניש אים ניט פֿאַרשאַפֿט, עס האָט בלויז מיט די שאַרפֿע ראַנדן אומאָנגענעם געדראַפּעט דאָס לײַב. נאָר ער האָט זיך באַלד צוגעוווינט צו דעם. באַ אַ שאָכן, אַ מעשומעד, וואָס איז צעשיידט געוואָרן מיט זײַן ווײַב און טאָכטער, האָט סאָקאָל זיך געלערנט קאַטוילישע טפֿילעס. אַן „אַרישן פּאַס" האָט געשיקט מאַריאַן גוראַל.

אויך ראַשעלע האָט זיך געגרייט אין וועג. ס'איז שווין אוממעגלעך געווען צו באַהאַלטן איר שוואַנגערשאַפֿט, וויפֿל זי האָט זיך ניט אײַנגעצויגן מיט האַנטעכער. זי איז איצט מערסטנטייל געזעסן אַפֿן בעט. דאָס איז אָבער אויך געווען געפֿערלעך — אָפֿט פֿלעגן זשאַנדאַרן זיך אַרײַנרײַסן אין די הײַזער און קראַנקע פֿון די בעטן פֿאַרנעמען. כּוח דעם האָט עס עסטער קאָרשעווערן פֿון אַן אַנדער שטאַנדפּונקט באַאומרויִקט:

— ס'אַן ערשטלינג, ראַשעלע, — האָט זי געטײַנעט, — דאַרף מען מער שפּאַצירן...

— אײַ, פּאַני קאָרשעווראָוואַ, — האָט יענע געענטפֿערט, — די גוטע שפּײַזן, וואָס איך האָב אַ גרויס קינד אויסצוהאָדעווען?...

דאָך פֿלעגט ראַשעלע באַנאַכט, ווען אַלע שלאָפֿן, אַראָפּקריכן פֿון בעט און אַף די שפּיץ פֿינגער אומדרייען זיך ווי אַ שאָטן איבערן צימער, ווײַ ס'איז איצט גערוימער געווען נאָך דעם, ווי די קראָוסעס און נעכע בײַביק זײַנען פֿאַרשוווּנדן.

לאַנג האָט זיך ראַשעלע געקווענקלט, צי זאָל זי איבערפֿאַרבן אירע טונקעלע האָר אַף בלאָנד. זי האָט גערעדט צו מייערן:

— זע, כ'האָב קיין פאַרב, קיינע פּוצונגען קיינמאָל ניט באַנוצט. דו האָסט מיך אַזוי־אַ, אַ סטאַליערס אַ טאָכטער, אין אַ פראָסטן קלייד ליב באַקומען. איז זאָל איך איצט נאָר אַ בלאָנדע ווערן?...

נאָר ס'איז אויסגעקומען אויך דאָס טאָן.

די לעצטע צײַט האָט ראַשעלע געמוזט קימאַט גאַנצע טעג זיצן אין דער היפּשער גרוב אין הויף, אונטערן מיסט־קאַסטן. דאָרט האָט זיך גע־פונען אויך די בלינדע עסטער און נאָך עטלעכע פרויען מיט קינדער. דאָ, אינעם גאַנץ פּרימיטיוון בונקער, וואָס די מאַנצבלען פון הויז האָבן אפגיך געמיינזאַם געמאַכט, האָט מען זיך אויסבאַהאַלטן פון די אַבלאַוועס און אַקציעס, וועלכע האָבן לעצטנס אַלץ אָפטער זיך איבערגעכאַזערט, פּלוצים אַרומגעכאַפּט אַ גאַס, אַ קוואַרטאַל אָדער עטלעכע הײַזער. דער בונקער איז געווען די גרעסטע מאַטערניש פאַר ראַשעלען — אין דער ענגשאַפט האָט מען זי געשטויסן, געקוועטשט.

ס'איז געווען פעברואַר, דער פראָסט האָט געסמאַליעט, אָפט האָבן זיך געמאַכט זאַווייען. דער שטאַב האָט שוין ענדגילטיק באַשלאָסן, אַז סאָקאָל פאַרלאָזט די געטאָ. אַף זײַן אָרט איז לויט לייזערס פאַרשלאָג אַרײַנגענומען געוואָרן אין אָנפירנדיקן פינפטל פיניע בערול, אַ דרייסטער און דערפאַרענער קעמפער, וועלכער האָט באַטאָג געאַרבעט אַלס סטאַטיס־טיקער אין יודן־ראַט און באַנאַכט אַרויסגעקליבן זיך פון געטאָ מיט די שווערסטע אויפגאַבעס. דאָס האָט ער צורעכט געמאַכט העגריכן...

איין זאַך איז נאָך ניט באַשלאָסן געוואָרן: ווהין זאָלן מייער מיט ראַשעלען גיין — אין וואַלד, ווו קאַרעל קניפּט אַן פאַרבינדונגען, — ס'איז עמעס, ניט גאָר ווײַט פון שטאָט, נאָר די באַקאַנטשאַפטן זײַנען נאָך זייער נײַע, — צי אין גאַרליטשינאַ. מע האָט זיך אַן אייציע געהאַלטן מיט מאַ־ריאַן גוראַלן און באַשלאָסן, אַז סאָקאָל גייט אַריבער אין דוזשים רעשום. דאָס אַריבערפאָרן אַהין אָרדנט אײַן דער אײַזנבאַנער, ער וועט געבן אַ סיגנאַל.

.2

לעצטנס זײַנען פאָרגעקומען געשעענישן, וואָס האָבן געצווונגען די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פאַרנעמען מער אַקטיווע אַרויסטרעטונגען קעגן דער געטאָ־אָרגאַניזאַציע. ס'האָט זיך געגומען גרייטן די אַרויסשיקונג פון צווייטן עשעלאָן, אַ פיל גרעסערן ווי דער ערשטער — צוויי אַ האַלבע טויזנט נע־פאַשעס. פון יודן־ראַט האָבן זיך פאַרשפּרייט יעדיעס, אַז מע האָט באַקומען בריוו פון די, וועלכע זײַנען אוועקגעפאָרן מיטן ערשטן עשעלאָן. אַ זון האָט, קלוימערשט, געשריבן צו אַ מוטער, וועלכע איז דאָ ניט לאַנג פון הונגער געשטאָרבן, אַז ער אַרבעט אין קיִעוו אַף אַ זאַוואָד און לעבט גאַנץ גוט. ווידער האָט גליוועך אַליין דערציילט, אַז ער האָט דערהאַלטן אַ דאַנק־טעלעגראַמע פון אַ גרופּע יודן, וועלכע מע האָט באַזעצט אין די

כערסאַנער סטעפּעס, צווישן די דאָרטיקע ייִדישע קאָלאָניסטן. דאָס יעסוי־מים־הויז, האָט מען דערציילט, געפינט זיך אַרום שוואַרצן יאַם... יעדע־רער, וועמ עס וועט זיך פריַיוויליק פאַרשריַיבן צום עשעלאָן, באַקומט דער־וויַיל דריַי קילאָ ברויט, קעדיי ער זאָל קאָנען אַנקליַיבן קויכעס צום פאַר־שטייענדיקן וועג. אויסגעפּיַיניקטע, אויסגעהונגערטע, אויסגעשעפּטע ביזן לעצטן גראַד, האָבן פיל מענטשן געגלייבט אין די דאָזיקע מיַיסעס. די דריַי קילאָ ברויט זיַינען געווען דאָס צוקער־לעקעכל, מיט וועלכן מע האָט זיי ענדגילטיק פאַרנאַרט. אין ייִדן־ראַט האָט זיך אויסגעשטעלט אַ ריי פון די, וואָס האָבן זיך געוואָלט פאַרשריַיבן אַף אויסוואַנדערונג...

די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אַנדערע ידיִעות וועגן די עשע־לאָנען. אַ מיטגליד פון אַרטיסטן־פינפטל, אַ מיידל, האָט זיך אומגעקערט פון אַ גרויסער שטאָט, וואָס ליגט צאָפנדיקער, און דערציילט, אַז די געטאָ אין שוין דאָרט קימאַט אויסגעראָטן, אַז בלוטיקע אַקציעס קומען פאָר יעדן טאָג, אַז די מענטשן ווערן געטריבן אין אַ פאַרניכטונגס־לאַגער, וואָס געפינט זיך הינטער דער שטאָט און אַז עס גייען אַהין עשעלאָנען פון גאָר דעם לאַנד. וועגן דעם זיַינען גליַיך אָפּגעדרוקט געוואָרן פלוג־בלעטלעך; דאָס האָט די מענטשן צעטומלט, אָבער ניט איבערציַיגט. דאָ האָט זיך אָבער אונטערגעכאַפּט אַ לעבעדיקער אײדעס שוין פון די, וואָס זיַינען מיטן ערשטן עשעלאָן אַרויסגעשיקט געוואָרן — אַ ייִד פון אַ יאָר עט־לעכע און פערציק, שימשן שאָמים. אין איינעם אַ טאָג האָט ער מיט אַ קאָלאָנע ייִדן, וואָס האָבן זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט אין שטאָט, זיך אַריַינגעשליַיכט אין געטאָ.

שאָמים האָט דערציילט: ער האָט גליַיך באַמערקט, אַז זיי פאָרן גאָר ניט אַף מיזרעך, נאָר אַף צאָפן־מיַירעוו. די וואַגאָנעס זיַינען אינווייניק געווען באַשאָטן מיט קאַלך. אין דער דערשטיקעניש זיַינען פיל שוואַכע מענטשן געשטאָרבן. עסן און טרינקען האָט מען אין וועג ניט געגעבן. ער און נאָך עטלעכע מענטשן האָבן דורכגעבראָכן אַ ברעט אין אייבערשטן פענצטערל און אַרויסגעשפּרונגען אין פולן לויף פון צוג. מע האָט אין זיי געשאָסן, אָבער ער איז לעבעדיק געבליבן. בעיים ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן באַ די פּויערים, האָט ער זיך דערוווּסט, אַז אַזעלכע עשעלאָנען גייען דאָ דורך פון גאַנץ פּוילן און אַפילע פון די שכיינישע לענדער, מע פירט ניט נאָר ייִדן. די דאָזיקע מענטשן ווערן געבראַכט אַף אַ נאָענטער סטאַנציע, ווו מע ברענגט זיי אום אין גרויסע אויוונס, וואָס ברענען אַ קיַילעכדיקן מעסלעס. צוזאַמען מיט אַ פּויער האָט ער זיך דערקליבן נעענטער צו דער דאָזיקער סטאַנציע און פאַר עטלעכע קילאָמעטער געשפּירט אין דער לופט דעם רייעך פון סמאָלינעס...

אינעם פלוג־בלעטל, וואָס די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אַרויסגעלאָזט שוין מיט שימען שאָמיסעס גוויִעס־אײדעס, איז זיַין נאָמען ניט דערמאָנט געוואָרן. דאָך האָט די אָרדענונגס־פּאָליציי זיך דערוווּסט, ווער דאָס איז,

און פאַרנומען אים אין אַרעסט־הויז. דעם זעלבן טאָג זײַנען אויך פאַר־
האַלטן געוואָרן מיט פּלוג־בלעטלעך צוויי מיטגלידער פון די פינפטלעך. די
גאַנצע צײַט זײַנען נאָך אין דער קאַמפּף־אָרגאַניזאַציע קיין ערנסטע דורכ־
פאַלן ניט געווען, איצט האָט מען דרינגענדיק געדאַרפט אַרויסכאַפּן בײַ
דער פּאָליציי פון די הענט די ערשטע פעדעם, ביז מע האָט די מענטשן
נאָך ניט איבערגעגעבן אין געסטאַפּאָ. אָפּטאָן דאָס דאָזיקע שטיקל אַרבעט
האָט זיך אונטערגענומען מייער סאָקאָל. דאָס אַלץ האָט געדאַרפט דורכ־
געפירט ווערן דרינגענדיק, אינמיטן העלן טאָג.

3.

מייער האָט געהאַט פאַרטראַכט גאָר אַן אַנדער זאַך. אַנומלטן, ווען
ער איז אַוועק מיט זאַלמען קאַרעלן אויף אַ וואַלד־פּאַלוואַרק זען, צי וואָלט
מען דאָרט ניט געקאַנט באַשטאַטן ערגעץ ראַשעלען, האָט ער אויף צוריק־
וועגס געבראַכט מיט זיך עטלעכע ניט קיין גרויסע מינעס אין הילצערנע
קעסטעלעך. מיט די דאָזיקע מינעס איז אין 1939 יאָר פאַרמינירט געווען אַ
זומפּיקער טאָל אַרום פּאַלוואַרק, ווו ס'איז פאָרגעקומען אַ שלאַכט. אַ
פּויליישער סאָלדאַט, וואָס האָט זיך באַם וואַלד־וועכטער אויסבאַהאַלטן,
האָט זיי דאָן אַנטשעדיקט, קעדיי די בעהיימעס און פערד זאָלן זיך דאָ ניט
אויפרײַסן. די מינעס און די אויפרײַס־טרײַבלעך האָט דער וואַלד־וועכטער
פאַרבאַהאַלטן אין אַ טרוקן אָרט און דערנאָך בעסאָד־סוידעס דערציילט
וועגן דעם זאַלמען קאַרעלן, זײַנעם אַן אַלטן באַקאַנטן, וואָס איז שוין
אַריבער אין וואַלד, דערווײַל נאָך מיט גאָר אַ קלייניקער גרופּע מענטשן.
דער וואַלד־וועכטער האָט ניט געהאַט קעגן, אַז אַ טייל פון די דאָזיקע מינעס
זאָל אַריבערגעוואָרפן ווערן אין געטאָ: „אַבי ס'זאָל נוצן ברענגען" —
האָט ער געזאָגט. קאַרעל האָט געזען אַריבערפּעקלען וואָס מער הילצערנע
קעסטעלעך צו יערוכעמען אין הייל...

איינע פון די דאָזיקע מינעס האָט מייער סאָקאָל באַשטימט פאַר
מאָרים גליווערן, ער האָט מיט אים געהאַט אַ באַזונדערן כעשבן. דער
פּרעזעס האָט אָפּגעשיקט מיטן ערשטן עשעלאָן די גאַנצע מישפּאָכע פונעם
אינזשעניער דאַניעל סאָקאָל, קעדיי צו פאַרנעמען זײַן דירעלע, וואָס האָט
זיך געפונען אין אַ צווייִשטאָקיק הויז אַרום יודן־ראַט. די דירע איז גליווערן
געפעלן געוואָרן, ווען ער האָט אַהער אַרײַנגעטראָגן סאַם. איצט האָט
גליווער געמאַכט הוליאַנקעס פאַר דײַטשן אין יענעם דירעלע, פאַרשפּאַרט
זיך דאָרט מיט מיידלעך, וואָס פּאָליציאַנטן האָבן אים געבראַכט.

מייער איז ניט איין מאָל געווען בײַ זײַן פעטער אין דער היים —
די אַרבעטער־מישפּאָכע סאָקאָל האָט שטאָלצירט מיטן אינזשעניער — און
גוט געוווּסט, ווו אַ טיר און ווו אַ פענצטער עפנט זיך דאָרט. דאָס קיך־
פענצטערל איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ שמאָל ליקל צווישן צוויי ווענט.
דאָרט איז געוואַקסן אַ קרומער יאַסען. איז בײַ מייערן געווען אַזאַ פּלאַן:

ארויפדראפען זיך אפן יאסען, דורכן קיך־פענצטערל אריין אין דער דירע, ווען דער פרעזעס וועט דארט זיין, און אוועקלייגן די מינע אונטערן טרעט־ברעטל באם וואנע־צימער אדער ערגעץ אנדערש.

אין צוזאמענהאנג אבער מיטן אנפאל אפן ארעסט־הויז, וועלכן ער האט דרינגענדיק געדארפט דורכפירן — און נאך דעם וועט ער זיך שוין מער ניט טארן באווייזן אין געטא — איז אויסגעקומען אפזאגן זיך פון א באזוך צו מארים גליווערן אהיים. נאר גייענדיק אין ארעסט־הויז, האט סאקאל דאך די מינע מיטגענומען מיט זיך.

יערוכעם און לייזער האבן איינגעשטימט, אז מייער זאל דעם אנפאל דורכפירן, ווייל דער, ווער ס׳וועט די זאך אפטאן, האט געמוזט פארשווינדן פון געטא. אים צוהילף זיינען אויסגעטיילט געווארן צוויי יונגען פון קארעלס פינפטלעך, וועלכע האבן אויך געזאלט אוועק אין וואלד. די פינקטלעכע ידיעס וועגן דעם, ווי ס׳איז געבויט דאס ארעסט־הויז, ווו ס׳געפינען זיך די פארשפארטע, בא וועמען זיינען די שליסל, האט איבער־געגעבן בארעך אלפער. גופא אין ארעסט־הויז האט אלפער אויך געדארפט האלטן קאנטאקט מיט די אנפאלער.

אזייגער האלב דריי באטאג איז אלפער אינעם בלויען היטעלע, וואס איז ספעציעל פאר ספירעס לייט גענייט געווארן, מיטן פאליציי־שטעקן אין האנט, ארוים אפן שמאלן גאנעקל פון גרוי־געפארבטן איינשטאקיקן ארעסט־הויז און פוילבלעך זיך א צי געגעבן. דאס איז געווען דער צייכן, אז קיין דייטשן זיינען אין יידישן פאליציי־באצירק ניטא. געקוקט א מינוט אין געסל, א שפיי געטאן איבער דער פארענטשע, איז ער צוריק אריין אין ארעסט־הויז. דריי וינגעלייט, איינער פון זיי מיט אראפהענגענדיקע וואנצעס, זיינען ארוים פון א זייטיק געסל און האבן מיט רויקע טריט געגומען איבערשניידן דעם ניט גרויסן פלאץ, וועלכן עטלעכע יידן האבן געהאלטן אין פארקערן. איינער איז געבליבן שטיין לעבן גאנעקל, אזוי, אז ער זאל זען אלע פיר פענצטער, וואס זיינען אהער ארוים (די פענצטער פון די איבעריקע דריי זייטן זיינען געווען פארגראטעט. דארט זיינען געווען די קאמערן). צוויי יונגעלייט, דער, וואס מיט די וואנצעס — פון פארנט, זיינען אריין אין פאליציי־ביורא און אנגעשטעלט דאס געווער אף די, וואס האבן זיך דארט געפונען. סימכע ספירע — א דארער, מיט א צעקנייטשטן, אויסגעגאלטן געזיכט, האט זיך א כאפ אויף געטאן פון הינטערן טיש, א צי געגעבן די האנט צום טעלעפאן, נאר מייער סאקאל האט א שפאן געטאן צו אים מיטן פיסטאלעט אין האנט, און ספירע איז געבליבן שטיין א בלאסער, אן באוועגונג, פינטלענדיק אן אויפהער מיט די שמאלע, קליינע אייגעלעך. מיט איין מאך פון דער לינקער האנט האט סאקאל אראפ־געשמיצט דעם טעלעפאן אפן דיל, מיט די פיס א ריס געטאן דעם דראט. דאס טרייבל האט ער אונטערגעכאפט און מיט א זעץ אין ראנד פון טיש צעשמעטערט.

— װאַרפֿט אַװעק די שטעקנס, — האָט ער באַפֿוילן. און צו ספּירען:

— עפֿן די אַרעסט־צימערן!

ספּירע האָט מיט די גאַליק־בײזע אױגן געפֿרעסן מײערן, נאָר קײן װאָרט ניט געזאָגט. ער האָט בלױז האַסטיק געשלונגען דאָס שפּײַעכץ, די עטלעכע שיטערע האָר אױף זײַן הױלן פֿאַרשפּיצטן שאַרבן האָבן זיך אױפֿגעשטעלט.

עס זײַנען אױפֿגעשלאָסן געװאָרן די אַרעסט־צימערן. די אַרעסטירטע זײַנען געלעגן אױפֿן הױלן דיל אין ענגשאַפֿט, מערסטנטײל זײַנען דאָס געװען יונגטלעכע, עס זײַנען אָבער געװען אױך עטלעכע עלטערע ייִדן, פֿרױען מיט קינדער. די צװײ יונגען, װאָס זײַנען פֿאַרהאַלטן געװאָרן מיט פֿלוג־בלעטלעך, װי אױך שימשן שאַמים, — אַלע דרײַ היפּש צעמײמעסטע, זײַנען געװען פֿאַרשפּאַרט אין אַ באַזונדער צימער.

— אײנציקװײַז, אײנציקװײַז... — האָט באַפֿוילן סאָקאָל, אַרױסלאָזנדיק די אַרעסטירטע אין דרױסן, — לױפֿט ניט, מאַכט ניט אָן קײן טומל...

צוערשט האָט ער אַרױסגעלאָזט די פֿרױען מיט די קינדער, די אַלטע לײַט, שפּעטער מיט אַ פּאָר מינוט — די ייִנגערע.

פֿאַר דער גאַנצער צײַט האָט ער זיך קײן אײן מאָל ניט געװענדט צו ספּירען און צו די פּאָליצײ־לײַט. װען לעבן אים זײַנען געבליבן בלױז די צװײ יונגען פֿון די פֿינפֿטלעך און שימשן שאַמים, האָט ער געזאָגט:

— הערט זשע אױס, היצלעס! פֿון הײַנט אָן װײסט, אַז פֿאַר יעדער טרער װעט געצאָלט װערן. איר דינט די פֿאַשיסטן און װעט האָבן אַזאַ װיסטן סאָף, װי זײ. איצט זאָל קײנער פֿון אײַך פֿופֿצן מינוט אין דרױסן ניט אַרױס, װײַל ער װעט גלײַך דערשאָסן װערן. מיט קײן טומל װעט איר זיך דאָס לעבן ניט ראַטעװען.

דורכן פֿענצטער האָט ער געזען גײן איבערן פּלאַץ דעם סטאַטיסטיקער פֿון ייִדן־ראַט — פֿיניע בערול. בײַ יענעם איז דער קאָלנער פֿונעם בלױען מאַנטל געװען אױפֿגעהױבן. דערגאַנגען צום מיטן פּלאַץ, האָט בערול זיך אַ כאַפּ געטאָן, װי ער זאָל עפּעס האָבן פֿאַרגעסן, און זיך אומגעקערט צוריק. סאָקאָל האָט דורך די װאָנצעס, װאָס האָבן אַ ביסעלע פֿאַרשטעלט דאָס מױל, רױשיק אַ זופּ געטאָן לופֿט, זײַן געזיכט איז נאָך מער אָנגעשטרענגט געװאָרן.

— פֿיר די מענטשן, — האָט ער זיך געװענדט צום באַװאָפֿנטן יונג, װאָס איז געקומען מיט אים, װײַזנדיק אױף די דרײַ באַפֿרײַטע, — דער װאָס איז דרױסן, זאָל װאַרטן אױף מיר...

געבליבן אַלײן אין פּאָליצײ־ביוראָ, האָט ער צוגעװאַרט, ביז די, װעלכע זײַנען ערשט אַרױס, װעלן פֿאַרשװינדן אין געסל. באַגיסנדיק זיך מיט שװײס, איז ספּירע געשטאַנען בײַ דער װאַנט אין זײַן טונקל־בלױען פּאָליצײ־מונדיר מיט צװײ געלע מאַגנדאָװידלעך אױף די לאַצן, און געפּוצט

עפּעס אַ מעטאַלן קייטעלע אַף זײַן פֿויגל־ברוסט — אַלץ זילבערטס פּאַנטאַזיעס.

— קום, מיר האָבן נאָך אַ קליינינקן וויזיט! — האָט סאָקאָל אים אַ רוף געטאָן; די גרינלעכע אויגן אַף זײַן דאַרן געזיכט האָבן פֿאַרשײַט געגלאַנצט.

ער איז מיט ספּירען אַרויס אין גאַס, דאָס געוועזער באַהאַלטן אין קעשענע. דער יונג פֿון זאַלמענס פּינפּטל איז אַלץ געשטאַנען צוגעשפּאַרט צום גאַנעקל. מייער האָט מיט אַ שאָקל פֿון קאָפּ באַשטעטיקט דעם באַפֿעל, אַז ער זאָל דאָ וואַרטן.

אַפֿן פּלאַץ האָבן די ייִדן אַלץ געקערט דעם שניי. דערפֿון, וואָס אַזוי פֿיל אַרעסטאַנטן זײַנען אַרויס, האָבן זיי זיך שוין אָנגעשטויסן, אַז עפּעס קומט דאָ פֿאָר, נאָר זיי האָבן ווײַטער געאַרבעט מיט נאָך מער פֿלײַס. אַזוי האָט זיי, ווײַזט אויס, באַפֿוילן דער יונג, וואָס אַף דער וואַך. די מענטשן האָבן בלויז מיט בייזע שמייכעלעך באַגלייט ספּירען, ווען ער האָט זיך אויסגעדרייט צו זיי מיט דער פּלייצע.

שפּאַנענדיק מיטן פּאָליציי־שעף, האָט סאָקאָל דורך די ציין געזאָגט:

— איין פּיפּס, איין באַוועגונג מיט דער ברעם — און ביסט אַ באַרמינען. פֿיר צום פּרעזעס...

מ'איז אַרײַן אין קאָרידאָר פֿון ייִדן־ראַט, אויפֿגעהויבן זיך אַפֿן צווייטן שטאָק און געלאָזט זיך צום פּרעזעסעס קאַבינעט. אינעם אויסערלעכן שלאָס האָט געשטעקט אַ שליסל, די טיר איז געווען עטוואָס אָפֿן. אינגאַנצן אײַנגעזונקען אינעם ברייטן ווייכן פֿאָטעל פֿון געלן לעדער, איז מאָרים גליוועך אין זײַן עלעגאַנטן, שוואַרצן אָנצוג געזעסן באַם היפּשן שרײַבטיש. בלויז די פּאָטלע, אויסגעלייגט אין לאָקן, האָט זיך געהויכט איבער זײַן שמאָלן שטערן און דאַרן פּיסקל. ער האָט פֿאַרכידעשט אַ הייב געטאָן די ברעמען, — ספּירע האָט ניט אָנגעקלאַפּט, נאָר מייער, וואָס האָט דורכגעלאָזט פֿאַרויס דעם שעף פֿון דער אָרדענונגס־פּאָליציי, איז שוין אַרײַן אין קאַבינעט און צוגעמאַכט די טיר. פֿון איבער ספּירעס אַקסל האָט אַף מאָרים גליוועך געקוקט אַ רער פֿון אַ פּיסטאָלעט. לאַנגזאַם האָט דער פּרעזעס זיך גענומען הייבן פֿון זײַן שטול, אָנשפּאַרנדיק זיך מיט די הענט אין די ווייכע לעדערנע פּאַרענטשעס. ער האָט געוואָרפֿן אַ בליק אַפֿן טעלעפֿאָן, וואָס איז געווען אַ מעטער פֿון אים.

— לינקס! — האָט מייער שטיל געזאָגט און באַוויזן אַף דער וואַנט. גליוועך איז פּאַמעלעך אַרויס פֿון הינטערן טיש און זיך אַוועקגעשטעלט דאָרט, וווּ מע האָט אים געהייסן. זײַנע דאַרע קני אין די אויסגעפּרעסטע הויזן האָבן געציטערט און זיך געקלאַפּט מיט די קנעכלעך. ספּירען האָט סאָקאָל באַפֿוילן זיך שטעלן לעבן פּרעזעס. דערנאָך האָט ער אַראָפּגעלאָזן דאָס פֿאַרהאַלטונגס־צינגל פֿון אינערלעכן פֿראַנצויזישן שלאָס אַף דער

טיר, צוגעגאַנגען צום טיש און אַרויסגעריסן די דראָטן פון טעלעפאָן־אַפּאַראַט.

— מיט די פּענעמער — צו דער וואַנט! — האָט ער באַפוילן, — ווער עס קוקט זיך אום — בלייבט טויט אויפן אָרט!

ער האָט גענעמען דעם ברייטן שופלאָד פון שרייב־טיש און צווישן די פּאַפּירן אַריינגערוקט די מינע, צוגעבונדן צו דעם אייבערשטן לייסטל אַ דרעטעלע, אַזוי אַז פון איין שלעפ זאָל זי זיך אויפרייסן. אָפּגעטאָן דאָס זייער געשולט — ער האָט שוין אַ צייט זיך געלערנט די מלאָכע בײַ לייזער קאַרשעווערן, — האָט ער פאַררוקט אַ פּאַפּקע מיט דאָקומענטן זיך אין בוזעם און צוגעגאַנגען צו דער טיר. אין דער רגע האָט עמעץ פון קאָרידאָר אַ שטויס געטאָן די טיר. גליוועער און ספּירע האָבן עס ניט באַמערקט. מייער האָט אַ ציטער געטאָן און איז שטיין געבליבן אַן אַנגעשטרענגטער. מ׳האָט ווידער אַ שטויס געטאָן די טיר. איצט האָבן דער פּרעזעס און דער פּאָליציי־שעף זיך געגעבן אַ קוק אום, נאָר סאָקאָל האָט זיי אַ דראָע געטאָן מיטן געווער, זײַנע אויגן האָבן שטרענג אַ גלאַנץ געגעבן, ווי זיי זאָלן זאָגן: „וואָס עס זאָל ניט זײַן, נאָר די ערשטע קוילן זײַנען אײַערע!” — האָבן זיי זיך ווידער אויסגעדרייט צו דער וואַנט.

— אוי, אוי... — האָט ספּירע בלויז אַ כריפּע געטאָן, זײַן האַנט, וואָס איז געווען אויסגעצויגן לענגויס דעם גוף, האָט זיך צונויפגעדריקט אין אַ פויסט, נאָר ער האָט ווידער אויסגעגלייכט די פינגער.

מייער סאָקאָל האָט שטיל אָן עפן געטאָן די טיר און פון הינטער דער שטאַרע דערזען, אַ שפּאַן פון זיך, דעם קאָמאַנדיר פון דער טויער־וואַך, דעם באַיאָרטן געלן עסעס־יעפרייטעד גריל. יענער איז געשטאַנען מיט אַ זײַט צו דער טיר, אויף זײַן פּאָנעם איז געווען אַן אויסדרוק פון אומצופרידנקייט. אין דעם זעלבן אויגנבליק האָט סאָקאָל אויך באַמערקט אַנטקעגן, בײַ דער טיר פון קאַנצעלאַריע, פּיניע בערולן מיט אַ שווערן טינטער אין די הענט. דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן אַראָפּגעלאָזן, ווי עס פּאָדערט זיך אין דער אַנוועזנהייט פון אַ דײַטש, נאָר אין זײַן פּאָזע האָט זיך געפילט אָנשטרענגונג. אויף וויפל דאָס איז מעגלעך געווען, האָט מייער מיט איין קוק אים געהייסן זײַן רויק. דער עסעס־יעפרייטער האָט געקאָנט דערזען ספּירען און גליווערן, בלויז ווען ער זאָל אַריבערטרעטן די שוועל, האָט סאָקאָל דערלאַנגט אַ טראָט אויף אין אַ זײַט, פאַרבאַהאַלטן דאָס געווער הינטער דער פּלייצע און דורכגעלאָזט דעם דײַטש. יענער האָט נאָר באַוויזן געבן איין שפּאַן אין קאַבינעט, דערזען ספּירען און גליווערן, אינעם זעלבן אויגנבליק האָט ער באַקומען אַ זעץ מיטן הענטל פון פּיסטאָליעט איבערן קאָפּ און גענומען פאַלן. סאָקאָל איז אַרויס פון קאַבינעט, פאַרהאַקט נאָך זיך די טיר, ער האָט דערהערט, ווי גליוועער און ספּירע שרײַען, נאָר באַוויזן איבערדרייען דעם שליסל, אַרויסכאַפּן אים און אַ שמיץ טאָן אין אַ ווינקל.

ער איז אַרויס אויפן פּלאַץ אַרום אַרעסט־הויז. בײַם פאַרקלעפּטן

פענצטער פון פרעזעסעם קאבינעט אפן צווייטן שטאק האט ספירע שטארק געמאכט מיט די הענט, געקלאפט אין די שויבן. מייער סאקאל האט די טריט ניט פארשנעלערט. מיטאמאל האט אין דער געבײַדע פון יידן־ראט זיך דערהערט א טויבער הילך, די שויבן באם פרעזעס אין קאבינעט זײַנען מיט א קלונג ארויסגעפלויגן, א ווײַסער רויך האט פון דארט געגר־מעט זעצן. די מענטשן, וואס האבן דעם פלאץ פארקערט, האבן אוועקגע־ווארפן די בעזעמער און זיך געלאזט לויפן. צוזאמען מיט די לויפנדיקע זײַנען פארשווונדן אין שמאלן געסל אויך סאקאל און דער יונג, וואס איז געבליבן אף דער וואך.

4.

די באפרײַטע: שימען טאמעס און די צוויי יונגען פון די פינפטלעך זײַנען פון ארעסט־הויז צוערשט געבראכט געווארן אין ארטיסטן־קעלער. ביז מייער מיטן באכער, וואס איז מיט אים געבליבן, זײַנען אויך אהין געקומען, האבן יענע זיך שוין באוויזן איבערטאן. דערנאך האט מען מיט פון פארויס באשטימטע געסלעך גענומען דורכקלײַבן זיך אין ראיאן פון יערוכעמס הויז. יעדערער פון זיי איז אוועק לויט אן אנגעוויזענעם אדרעס, ווו מ'האט אים שוין אפגעווארט. מייער סאקאל איז אוועק צו בארעך אלפערן אהיים, דארט האבן אים באגעגנט יערוכעם און לייזער.ביידע זײַנען געווען אין קורס פון דעם, אז מייער האט זיך געקליבן, אויב אלץ וועט גיין נארמאל, אונטערדרוקן א מינע מארים גליווערן אין טיש־קעסטל. דערפאר זײַנען די ערשטע ווערטער סאקאלס נאך באם שוועל געווען:

— איר האט געהערט דעם טראסק?

מיט דער דאזיקער פראגע האט ער שוין געזאגט, אז אלץ איז דורכ־געפירט געווארן פינקטלעך. ביידע פרײַנט האבן אים געדריקט די הענט, מיט מענעריש־גראבער צערטלעכקייט אים אנגענומען בא די אקסלען, פארקוקט אין אויפגערעגט־שײַנענדיקן געזיכט. זיי האבן אים צוגעפירט צו א בענקל, אוועקגעזעצט, נאר אליין געבליבן שטיין, איז מייער אויך באלד אויפגעשטאנען, צופיל קויעך האט אין יעדן פון זיי געבושעוועט אף צו קאנען אײַנזיצן.

— דער טראסק איז נאך גארניט, — האט מייער געשמייכלט, — כ'האב געהאט א באגעגעניש מיט גרילן... — און ער האט אינקורצן דערציילט, ווי ער האט זיך פון דער לאגע ארויסגעדרייט. — דארף איך אין אזא־א צײַט, ווען די בלאטע איז אזוי אויפגעקאלויצעט געווארן, אוועק פונדאנעט! ... — האט מייער געזאגט מיט עמעסער באדויערונג.

— יא, דער ערשטער שטיין אין זומפ איז ארײַנגעווארפן געווארן, איצט וועט זיך שוין יעדן טאג קאלויצען! — יערוכעם האט אנגעכמורעט די ברעמען און געמאכט עטלעכע שפאן איבער בארעך אלפערס פיצינק צימערל, פונוואנען די באלעבאסטע מיטן קינד זײַנען אוועק.

— דיר וועט אומעטום קלעקן ארבעט! — לייזער האט מיט אנטציקונג געקוקט אף סאקאלן.

אינגיכן איז געקומען פיניע בערול און מיטגעטיילט די ערשטע פראטים: באם פרעזעס איז בעייסן אויפרייס איבערגעהאקט געווארן די לינקע האנט, דאקטוירים אייסעקן זיך מיט אים. ס'א סווארע, אז מע וועט זי מוזן אראפנעמען. ער איז אויך לייכט פארוואונדעט אין ברוסט. דעם עסעסאוועץ האט מען אף א פור פארנומען מיט א צעקלאפטן קאפ. סימכע ספירע איז אפגעקומען בלויז מיט דער שרעק, נאר ער איז אזוי ווי טויב. זילבערט וואגט דערווייל אין געטא ניט קומען, ער האט נאר אריינגעשיקט פופצן עסעס־לייט אף מאטאציקלען צו פאטרולירן איבער די גאסן. די ארדענונגס־פאליציאנטן זעען אויס זייער דערשלאגן.

פארנאכט־צו האבן אין געטא זיך אנגעהויבן אבלאוועס, אין וועלכע עס האבן זיך באטייליקט זשאנדארן און פאליציאנטן. געפירט האבן זיי זיך ניט אזוי ווי אלעמאל, אויסגעמיטן פינצטערע געסלעד, ניט געקראכן אין קעלערס. מע האט ארעסטירט עטלעכע יידן פון די, וואס האבן בעייסן אנפאל פארקערט דעם פלאץ. מע האט געווישטערט נאר ניט אין דעם ראיאן ווו די אנפאלער זיינען געווען. די שפורן זיינען געווען גוט פארווישט.

ראשעלע איז נאך פארן אנפאל אפן ארעסט־הויז אריבערגעפירט געווארן צו יערוכעמען אין קעלער, טאמער דערקענט עמעץ מייערן און מע קומט מיט אן אבלאווע צו אים אהיים. זיין אויטאמאט האט זי אריבערגעטראגן אינעם לענגלעכן פעקל — דארט זיינען אויך געווען א קאלדערקע און ווינדלעד — דאס איינציקע, וואס זי האט מיט זיך מיטגענומען. די מוטער האט לייזער אריבערגעפירט צו א שכיינע אנטקעגן זייער שטוב.

וווהין דער מאן איז אוועק, האט ראשעלע ניט געוווסט. מע האט איר בלויז געזאגט, אז פון מאריאנען איז שוין דא א סיגנאל, זיי זאלן אין אוונט ארויס פון געטא. זי האט אויך ניט געוווסט, אז ס'איז שוין אפילע אנגעמערקט אן אנדער מענטש, וואס זאל זי אפפירן אין גארליטשינא, אויב מיט מייערן וועט עפעס געשען. איז זי גאנץ רויק געזעסן אף א ליידיקן פעסל אין טונקעלן קעלער און זיך געטראכט אירע געדאנקען — וועגן פארשטייענדיקן געבורט, וועגן גארליטשינא... זי האט דאס דארף קיינמאל ניט געזען. ניט פאנאנדערגעפרעגט אפילע אנעליען, ווי עס זעט אויס. און טאקע דערפאר, וואס זי האט, טראכטנדיק וועגן יענעם דארף, זיך פארגעשטעלט אנעליעס פאנעם, האט איר זיך געדוכט, אז דאס דארף דארף זיין א שיינס. אין טרוים האט זי פאנאנדערגעשטעלט די הייזלעך אין גלייכע שורעס, ארומגערינגלט זיי מיט סעדלעך, א ריטשקעלע געלאזט לויפן לעבן וועג... ווי ווייניק וואלט זי דארפן אף גליקלעך זיין פונקט ווי פיל אנדערע מענטשן, וואס ווערן דא אזוי געפלאגט — נאר א ביסל רו. זאל זיין דער פארווארפנסטער העק, א שטיק וואלד, אבער מע זאל זי

ניט יאָגן, ניט טשעפּען, לאָזן איר דאָס קינד אירס דערזען, געבן דעם די ברוסט, וואָס איז שוין אויך איצט אַזוי פול און האַרט, אַז מילך שפּאַרט פון איר... ראַשעלע האָט צוגעמאַכט די אויגן און אַ גאַנצע וועלט מיט שיַין, מיט זון און לעבן אַרייַנגעבראַכט אין קעלער.

אין אָוונט — ראַשעלע האָט פאַרשטאַנען, אַז עס מוז שוין זייַן אָוונט, וויַיל זי איז שוין פיל שאָען דאָ אַ פאַרקאַליִעטע געזעסן, אייַנגעהילט די פיס אין אַ פעלץ, וואָס מ'האָט איר געלאָזט, — האָבן זיך דערהערט טריט אין יערוכעמס וואַרשטאַטל. ס'האָט זיך געעפנט דאָס דעקל, און איבערן לייטער איז אַראָפּגעקראָכן מייער, נאָך אים — עטלעכע פרעמדע מאַנצבלען, איינער פון זיי אַ באַיאָרטער, אַן אַרומגעוואַקסענער. ווייַטער זייַנען אַהער אַראָפּ לייזער און יערוכעם. דאָס קעשענע־לאַמטערנדל בײַ יערוכעמען אין די הענט האָט געלויכטן מיט איבעררייסן, האָט ראַשעלע ניט געקאָנט באַ־קוקן די מענטשן, וואָס זייַנען געקומען אין קעלער. זי האָט לאַכלוטן ניט געוווּסט, וואָס אויבן אין געטאָ טוט זיך איצט, ניט געהערט די באַנאַכטיקע געשרייען, זי האָט אויך ניט געוווּסט, אַז באַטאָג, ווען זי איז שוין דאָ געווען, האָבן עטלעכע פוילישע יִינגלעך, צווישן וועלכע עס זייַנען געווען מאַריאַן גוראַלס צוויי ברידערלעך, אַ הונדערט פּופּציק מעטער פונדאַנען אַף לייזשעם אומגעגליטשט זיך איבערן שטיילן ברעג פון דער ווייַסל, קעדיי דורכלייגן אין האַרטן שניי און צווישן די קוסטעס שפּורן, אין וועלכע אירע און מייערס טריט וועלן זיך פאַרלירן...

יערוכעם האָט אָנגעצונדן דאָס לאַמטערנדל, וואָס ער האָט איצט געהאַלטן אין דער רעכטער האַנט, אייַנציקווייַז באַלויכטן די געזיכטער פון אַלע, וואָס זייַנען דאָ געווען.

— איז האָסטו פאַרגעדענקט דעם וועג, ווי צו זוכן זאַלמענען? — האָט ער זיך געווענדט צו איין באָכער, אַ געזעצטן, מיט אַ לענגלעכן טונקעלן געזיכט, מיט עטלעכע כיין־פינטלעך, — און איר — האָט ער זיך געווענדט צו די איבעריקע פיר — ביז איר וועט ניט אַריבער אין קאַרעלס רעשוס, פאָלגט איר אַלע אָט דעם באָכער...

ער האָט ווידער אַ פיר געטאָן מיטן לאַמטערנדל איבער אַלעמענס אָנגעשטרענגטע געזיכטער, פאַרהאַלטן די שיַין אַף סאָקאָלס פּאָנעם. — נו. מייערקע! — האָט ער געזאָגט און אים געוואָלט אַרומנעמען.

— וואַרט, וואַרט, — האָט סאָקאָל אַרויסגערעדט, — ראַשעלע, ווו איז דאָס פּעקל? — פאַנאַנדערגעוויקלט דאָס לענגלעכע פּעקל, וואָס איז אַפן פּוסטן פּעסל געלעגן, האָט ער אַרויסגענומען פון דאָרט דעם אויטאָ־מאַט און דערנאָך ווידער עס פאַרבונדן.

— נאַ, יערוכעם, — האָט מייער געזאָגט און אויסגעשטרעקט אים דאָס געווער מיטן טעמפּן הענטל פאָרויס, — אויב איך וועל דאָ ניט זייַן אין שאָ פון קאַמף, איז זאָל כאָטש מייַן אויטאָמאַט זייַן דאָ אין עמעצנס

געטרייע הענט. איך וועל קריגן נאך איינעם, אף דער פריי קאן מען זיך אזא זאך גיכער איינשאפן...

פון קעשענע האט ער ארויסגענומען א גראנאטע און דערלאנגט זי דעם עלטערן, באוואקסענעם, ייִדן, וואס איז דא געשטאנען:

— און דאס איז, שימשן, אייך. איר האט דאך גארנישט אין קעשענע...

— אין קעשענע — גארנישט, האט שימשן שאמיס א קנייטש געטאן מיט די אקסל, — נאר סינע — א פול הארץ...

— נו, לייזער, קום אהער, כ'וועל אנהייבן פון דיר! — מייער האט אויסגעשטרעקט די הענט, און זיי האבן זיך פעסט ארומגענומען. ווען זיי האבן זיך צעקושט, האט ער מיט א שמייכל געפרעגט:

— און וואס זאל איך איבערגעבן אנעליען?

— אז בא מיר איז אויך א פול הארץ... — האט לייזער שטיל געזאגט.

יערוכעם האט דערווייל זיך געזעגנט מיט ראשעלען. זי איז געשטאנען אזא קליינינקע צווישן די אלע מאנצבלען, אנגעטאן אין א פעלצעלע מיט א ווייסן וואלענעם טיכל אפן קאפ. זי האט געפינטלט מיט די אויגן פון דער שיין, וואס איז געפאלן אף איר. יערוכעם האט זיך געכאפט און אפגעקערט דאס לאמטערנדל.

— און דו, ראשעלע, טו זיך דיינס — זיי א מאמע. אף צעפיקעניש די סאנים. ביסט אונדזער שעליעד פון לעבן!...

.5

זאלמען קארעל האט דערווייל געהאט מיט זיך אין וואלד זיינע צוויי זין — כאיִם און הילעל, און איינעם א באכער פון זיינס א פינפטל, הירשקע באראם, א יאסעם, וואס האט נאך פאר דער מילכאמע זיך געלערנט בא אים קירזשנעריי, געוווינט צוזאמען און ביכלאל געקוקט אף קארעלן, ווי אף א טאטן. קארעל איז געווען אן אלמען. און די דריי יינגלעך — דאס איז געווען זיין גאנצע מישפאכע.

אנגעקניפט פארבינדונגען אין עטלעכע וואלד־כוטערס, און איינצלנע הייזער פון וואלד־וועכטער אין ראדיוס פון א קילאמעטער פערציק—פופציק ארום שטאט, דערלערנט די פארבארגנסטע שטעגן, זומפן, בארג־שפאלטן (ארום די טייכלעך זיינען דא געווען ניט קיין הויכע ווילד־פארוואקסענע פעלדזן), געמאכט עטלעכע זייער פארזיכטיקע אנפאלן אף דייטשישע פורלעך מיט דערנערונג און אויסגעשטאט פון דעם אין פארשיידענע עקן וואלד קליינע באזעס, וואס האבן געקאנט שפייזן א געוויסע צייט א מענטשן צען—פופצן, באריייכערט זיך מיט א ביסל געווער, האט ער געגעבן א סיגנאל יערוכעמען, טאקע דורך מייער סאקאלן, אז מע זאל אים ארויסשיקן נאך א מענטשן פינף—זעקס. דערביי האט ער געשטעלט

אַ באַדינג, אַז כאָטשבי צוויי פון זיי זאָלן זײַן שאָפערן. די דאָזיקע צוויי זײַנען עס געווען די יונגען, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט סאָקאָלן באַטייליקט זיך אינעם אָנפאַל אויפן אַרעסט־הויז.

די זעלבע נאַכט, ווען יוזעף קאַטשור האָט אויף זײַן פורל געבראַכט צום באַשטימטן פאָלוואַרק די פינף פּליטים פון געטאָ, האָט הילעל קאַרעל, אַ קרעפּטיקער באָכער, וואָס האַלט דעם קאָפּ פונקט אַזוי בראַוו, ווי זײַן פאָטער, אַוועקגעפירט זיי טיף אין פאַרשנייטן וואַלד, וווּ ס׳איז באַ אַ פאַרפרוירן טײַכל, צווישן צוויי ניט קיין הויכע שטיין־הליבעס, פון דרענגלעד און צווײַגן געמאַכט געווען אַ ווינעכץ. און טאַקע די זעלבע נאַכט, געגעבן די מענטש אָפּרוען בלויז איין שאָ, האָט זאַלמען קאַרעל זיי שוין געפירט דורכן טונקעלן וואַלד ניט צו קיין גרויסן פּאָוויאַט־שטעטל. ווער עס האָט ניט געהאַט קיין געווער, האָט עס באַקומען בעיים דעם קורצן אָפּרו. כוץ שימשן שאַמיס זײַנען דאָס אַלץ געווען יונגע מענטשן פון זאַלמענס געטאָ־פינפטלעד, און ער האָט זיך געקאָנט אויף זיי פאַרלאָזן.

קאַיאַר איז מען אַרויס צום שטעטל. באַם סאַמע עק, אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטן פּאַרק, איז דאָ געווען אַ פּריציש גוט. אין די ווירטשאַפטס־געבײַדעס האָבן די דײַטשן אײַנגעאָרדנט אַ קאָנטינגענט־פּונקט, אַהער האָבן פּויערים פון דער גאַנצער אומגעגנט געפירט טוווּע־שטײַער. קאַרעל האָט געטראָפן פּונקט צו דער צײַט, וואָס ער האָט געדאַרפט, — ס׳האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אַ באַוועגונג אין הויף. פּויערשע פורלעד, געלאָדענע מיט זעק און קלומקעס, האָבן געוואַרט באַ דעם אײַזערנעם טויער; קליינע פערדלעך, באַדעקטע מיט פראָסט־טוי, האָבן פאַרקאַלייעטע געטרייסלט מיט די קעפּ און אומרויִק געקלאַפּט מיט די טלאָען איבערן אײַנגעטראַמבעוועטן שניי; די פּויערים האָבן ווער זיצנדיק געדרעמלט אויף די וועגענער, ווער זיך געוואַרעמט באַם שײַטערל, וואָס מע האָט צעלייגט אין אַ זײַט פון וועג און מיט בינטלעך שטרוי עס אונטערגעהאַלטן. דאָ האָבן זיך אויך געוואַרעמט פּוילישע פּאָליציאַנטן, באַלעבאַטיש צוגערוקט זיך צום סאַמע פײַער — דאָס האָבן זיי געבראַכט צו טרײַבן די דאָזיקע ברויט־וואָלקע... אין ווירטשאַפט־הויף פונעם גוט האָט מען באַ אָקאָרשט צעעפנטע שפּײַכלער פאַרענדיקט אָנלאָדן מיט זעק־צוויי־דרײַ אויטאָמאַשינעס — דאָס וועט מען אַוועקפירן די טוווּע צו דער אײַזנבאַן־סטאַנציע אַ קילאָמעטער נײַן פונדאַנען, — די שאָפערן, דײַטשן, האָבן פאַרפראַוועט די מאַשינעס מיט ברענשטאָף, אָנגעגאָסן וואַסער אין די ראַדיאַטאָרס.

קאַרעל האָט געהאַט ווייניקלעך מענטשן, נאָר בעיים ער איז געווען דאָ אויף אויסשפּירונג און צונויפגעשטעלט דעם פּלאַן פון אַן אָנפאַל אויפן קאָנטינגענט־פּונקט, האָט ער אַפילו אויסגערעכנט צו האָבן נאָך ווייניקער. דערפאַר האָט ער איצט אויף צו בלאָקירן די פּאָליציי־לײַט באַם טויער געקאָנט אַרויסשיקן ניט נאָר הילעלן, נאָר אויך שימשן שאַמיס, — זיי

האבן זיך אריינגעדרייט צווישן די פורלעך און געוואַרט. די צוויי יונגע — די שאפערן זיינען אונטער די מאנטלען געווען אנגעטאן אין מונדירן פון דייטשישע סאלדאטן, זיי האבן זיך פארלאקערט הינטער א שפייכלער אנטקעגן די דריי מאשינעס. הירשקע באראם האט געהאט אן אויפגאבע צו פארכאפן די פעסלעך מיט ברענשטאף. מיט די צוויי דייטשישע וואכלייט — דעם, וואס וועגט, און דעם, וואס שרייבט אויס די צעטלען, — האבן זיך געדארפט פארנעמען זאלמען קארעל, כאיים און די צוויי באכערים, וואס סאקאל האט באפרייט פון ארעסט־הויז.

ווען זאלמען קארעל האט זיך איבערצייגט, אז זיינע שאפערן האבן זיך שוין פארלאקערט, ווי מען דארף, אז הילעל און שימשן שאמים זיינען אויך אף זייער ארט, האט ער מיט זיין דריילינג אויפגעהויבן זיך פון הינטער די ארומגעשווירענע פארנייטע טשערעמוכע־קוסטעס. שלייכנדיק זיך פון שטאם צו שטאם, האט מען זיך גערוקט צו די ווירטשאפט־געביידעס. וויכטיק איז געווען וואס נעענטער צוקומען אומבאמערקט. איין וואכמאן, אין א לאנגן פעלץ, איז, אנגעשפארט אף דער ביקס, געשטאנען בא א דיקן לינדן־בוים, עטוואס אין א זייט פון הויף, און געדרעמלט. כאיים האט זיך דערקליבן ביזן לינדן־בוים, מיט דער לינקער האנט א נעם געטאן דעם דייטש פארן קאלנער און, א שלעפ־טועדיק אים צו זיך הינטערן שטאם, ארייגעהאקט א מעסער אין פלייצע. דער דייטש האט א פארשטיקטן כארכל געטאן, נאר באלד באקומען נאך איין שטאך און זיך געגומען אראפלאזן אף דער ערד. כאיים האט אים, שוין א טויטן, אוועקגעזעצט, צוגעשפארט מיט דער פלייצע צום שטאם.

איצט איז מען שוין געווען א פערציק מעטער פונעם הויף מיט די ווירטשאפט־געביידעס.. זאלמען קארעל האט געמאכט א צייכן מיט דער האנט, און עס האבן זיך דערהערט עטלעכע שאסן מיטאמאל. עס זיינען גלייך געפאלן בא די ראדיאטארס צוויי דייטשישע שאפערן. דער דייטש, וואס גיט ארויס ברענשטאף, האט א ווארף געגעבן דעם עמער, געמאכט עטלעכע געפלאנטערטע שפאן, א דריי זיך געטאן, ווי ער זאל מיט די אויסגעשטארטשעטע אויגן זוכן עפעס, און אנידערגעפאלן אף א זייט. דער וואכמאן, וואס איז מייסע באלעבאס אין א פונאנדערגעשפיליעטן פעלץ אומגעגאנגען איבערן הויף, איז מיט צעשפרייטע הענט ליגן געבליבן אין שניי. דער, וואס בא דער וואג, האט זיך א זעץ געגעבן אף א זאק, די קויל האט אים ניט געטראפן, ער האט זיך שטארק צעשריען און צעפאכעט מיט די הענט, ווי אפשטויסנדיק מיט זיי דעם באוואפנטן מענטשן, וואס איז גענאנגען אף אים. נאך א שאס — און דער וועגער איז אומגעפאלן. דעם דייטש, וועלכער האט אויסגעשריבן די צעטלען אין קאנטאר, האט נאך פריער זיך אונטערגענומען פארניכטן זאלמען קארעל אליין. דארט איז געווען א טעלעפאן, וואס איז געשטאנען אפן פענצטער, — ווי גאר די שאסן האבן זיך דערהערט, האט דער דייטש זיך א ווארף געטאן צום טעלעפאן. דא האט אים געטראפן זאלמענס קויל...

די איבערגעטאנענע שאפערן האבן שוין פארנומען זייערע ערטער אין די מאשינעס, איינגעשלאסן די מאטארן. באם טויער האבן צעפלאכטעטע פערד זיך געווארפן אין אלע זייטן, פויערים האבן זיי געצויגן פאר די לייצעס, געשמיסן מיט בייטשן, געלאזט יאגן איבערן שליאך. די פאליציאנטן באם פייערל האבן, דערזען דאס אנגעשטעלטע געווער, פארציטערטע אויפגעהויבן די הענט.

אין פינף מינוט ארום זיינען די זאסעקעס טווגע געווען פארגאסן מיט בענזין, ארומגעשטעקט מיט פלאקערדיקן פלאקס און וויכעטן שטרוי. צוויי געלאדענע אויטאמאשינעס, אף וועלכע עס זיינען געזעסן די אנפאלער, האבן זיך געלאזט פארן פון הויף. אין דער דריטער מאשין איז אריינגעשליידערט געווארן א גראנאטע. באם טויער האט איין מאשין זיך פארהאלטן, קעדיי ארויפנעמען הילעלן און שימשן שאמיסן. די פאליציאנטן האבן באקומען אין פלייצע מיט די קאלבעס פון זייערע אייגענע ביקסן און זיך געלאזט לויפן. פונעם פארשנייטן ריוו, וואס ניט וויט פון טויער, איז ארויסגעשפרונגען א יונגער פויער אין אן אונטערגעגארטלטער סוויטקע מיט א יאלעפ אין האנט. ער האט זיך אנגעכאפט אין בארט פון דער אויטאמאשין, וואס האט זיך שוין גערירט פון ארט, א שטארקן הייב זיך געטאן אף די הענט און ארויפגעוואלגערט זיך מיט דער ברוסט אף די זעק טווגע. זיין געזיכט איז צעקרימט געווארן אי פון אנשטרענגונג און שרעק, אי פון אזא בעטנדיקן פארהאוועטן שמייכל. ער האט, שווער איבערבאפנדיק דעם אטעם, געזאגט:

— איך זוך שוין לאנג אזעלכע, ווי איר... טרייבט מיך ניט...

דעם יונגן פויער האט מען געהייסן ארונטערקריכן אונטערן ברעזענט, מיט וועלכן אלע, וואס זיינען אף די זעק געלעגן, זיינען געווען איבערגעדעקט...

6.

דער מאשיניסט יאן דוזשי און דער קעסל-הייצער ארטור יאראש, וועלכע האבן איצט געארבעט צוזאמען, האבן די זעלבע נאכט, ווען מייער און ראשעלע זיינען ארויס פון געטא, שוין אף א האלבן וועג צווישן ק' און פ', אף א היפשער קנופ-סטאנציע, אריבערגענומען זיי צו זיך אפן לאקאמאטיוו. שוין אפן פאריקן לאקאמאטיוו, ווו מע איז געלעגן פארנורעט אין קוילן, האט ראשעלע אין דער שטארקער טרייסלעניש דערפילט די ערשטע ווייען. נאר מע האט אפילע טראכטן ניט געקענט וועגן בלייבן ערגעץ שטעקן, האט זי גארנישט ניט געזאגט מייערן. מיט צונויפגעציפעטע ציין האט זי זיך ארויפגעדראפעט אף די טרעפלעך פונעם לאקאמאטיוו און נאר געפרעגט באם רויט-פארוואקסענעם קעסל-הייצער, וועלכער האט זי ארויסגעפירט אפן טענדער, צי האבן זיי נאך א סאך צו פארן.

— א שא דריי. — האט יענער געענטפערט.

מייער סאָקאָל האָט זיך פאַרהאַלטן אַ פּאָר מינוט אַ שמועס טאָן מיט דוזשין און איז באַלד אויך אַרויס אויפן טענדער. דאָ האָט ער דערזען, אַז ראַשעלע ליגט אין אַ ווינקל אויף אַ פּעלץ, וואָס איז אויסגעשפּרייט אויף די קוילן, און פיבערט עפּעס, ער האָט פאַרנומען אירן אַ קרעכץ. דער בער־דיקער קעסל־הייצער, מיטן וואַטניק אויף די אַקסל, איז אַ פאַרלוירענער געשטאַנען, אָנגעשפּאַרט אין זיין לאָפּעטע:

— קראַנק אוודע? — האָט ער געזאָגט מייערן.

מייער האָט זיך אָנגעבויגן צו ראַשעלען, אין דער טונקל האָט ער דערזען אירע פון שרעק ברייט צעעפנטע אויגן און צוגעביסענע ליפּן. זי האָט שווער געאָטעמט דורך די קליינע נאָז־לעכלעך. ווען ער וויטעק האָט זי אַ קאַפּעלע אָפּגעלאָזט, האָט זי שטיל אַרויסגערעדט:

— ס'הייבט זיך אָן, מייערקע...

ניט פאַרצווייפלט, ניט דערשראָקן, נאָר מיט אַ מעסירעס־נעפעשדיקער גרייטקייט און אַפילע צערטלעכקייט אין שטים האָט זי דאָס געזאָגט.

מייער האָט פון זיך אַראָפּגעכאַפּט די מאַרינאַרקע זי איינצודעקן, נאָר ־אַ האָט דער קעסל־הייצער אים אָנגענומען באַ דער האַנט, דערלאַנגט אים זיין וואַטניק.

— וועסט זיך צוקילן, ווייסט, וואָס דו טוסט? — האָט ער געזאָגט.

אָנגעשאָטן נעענטער צום טירל אַ ביסל קוילן, איז אַרטור יאַראָש אַרויס אין מאַשין־אָפּטייל, אַריינגעוואָרפן זיי אין אויוון און דערנאָך ווידער אַרויסגעקראָכן אין טענדער, געבראַכט מיט זיך דוזשים פּעלצל און אַ כאַלאַט. דער לאָקאָמאָטיוו איז שוין געגאַנגען, אַרום האָט געפּייפט דער ווינט. מייער איז אויף די קני געשטאַנען לעבן ראַשעלען, וועלכע האָט שטיל געקרעכצט, און אַרומגעדעקט זי מיט די געבראַכטע קליידער. זי האָט פּאָר וויטיק, אויסגעשטרעקט די הענט, געדריקטע אין פויסטלעך, געקלאַפּט מיט זיי איבער די קאַלטע וועגטלעך פון טענדער...

אויף אַ פּאָלוסטאַנאָק איז אויך דוזשי אַרויס צו דער געווינערן.. נאָר וואָס האָבן דאָ מאַנצבלען געקאָנט צוטראַכטן?

ווידער איז דער לאָקאָמאָטיוו געלאָפן, געטרייסלט, געוואָרפן, און ראַשעלע האָט זיך דערלויבט שרייען אין דער נאַכט, זי האָט געשלונגען קוילן־שטויב און רויך, און פונעם פּראָסטיקן הימל, דורך די ווייסלעכע קנוילן רויך, האָבן צו איר, ווי קינדערשע אויגן, אַראָפּגעקוקט שטערן, ריינע און ווייטע, ווי די טרייסט אַליין...

קאַיאַר, ווען מע האָט פון עפּעס אַ פּאָלוסטאַנאָק געריירט און דער לאָקאָמאָטיוו האָט וויענדיק אַ פייף געטאָן, האָט ראַשעלע אַרויסגעלאָזט אויך איר שטאַרקן אויסגעשריי, פול מיט ווייטיק, נאָר באַלד אויך מיט פאַרלייכטערונג. דאָס קינד איז שוין געקומען אויף דער וועלט. מייער, וואָס איז געשטאַנען אויף די קני אין די קוילן, מיט פויסטן צוגעדריקטע צו די אויגן, האָט זיך אָנגעבויגן און זי אַ קוש געטאָן אין פייכטן שטערן.

דערנאָך האָט ער צעוואַשן די הענט מיט אַ קאַפּעלע שניי, וואָס ער האָט פון אַ הרודע שטיינקוילן אָראָפּגעשאַרט, געהויכט אַף זיי אַ מינוט, אַ וואַרעם זיי געטאָן אונטער די פּאַכוועס, אָנגעבויגן זיך און אָנגעטאַפּט אונטערן פּעלץ דאָס פּיִכטע, גליטשיקע קינדערשע גופל.

אַ פּאַרוויקלטס אין זיין אייגענער מאַרינאַרקע, האָט ער דאָס קינד אַריינגעטראָגן אין מאַשין־אָפּטייל.

— אַ לעבעדיקס? — האָט דוזשי געפרעגט, ניט קאָנענדיק אָפּטרעטן פון דעם רעוועריס, וועלכן ער האָט פונקט געדרייט.

— אַזעלכע מוזן לעבן! — האָט אַרטור יאַראָש שטרענג געזאָגט. פונעם אָפּענעם אויוון, ווו קוילן האָבן ווייס געגליט, האָט געזעצט אַ שטאַרקע שיין און פאַרגאָסן זיין געזיכט, אַז די רויטע באָרד און די פאַרבלאָזע אויגן זיינען איצט ווי איין שטיק פייער געווען. נאָר באַלד האָט ער צוגעמאַכט דאָס טירל, און אַף זיין אויסגעלאָשענעם געזיכט האָט אַזאַ טרויעריקע צאַרטקייט זיך באַוויזן.

— אַ יינגל? — האָט ער שטיל געפרעגט.

— ניין, אַ מיידעלע...

— נו, אַבי אַ לעבעדיקס, זאָל עס דיר וואַקסן געזונט. און ווי פילט זיך די מאַמע?

XVII. יוזעף קאַטשור טוט, וואָס ער קאָן.
די געשעעענישן בײַ דער האָז־אָזערע

.1

דער עשעלאָן מיט די צוויי מיט א האלבן טויזנט איז אָפּגעשיקט געוואָרן אין מערץ. די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט זיך אירם דערשלאָגן: קיין פאַרנאַרטע זײַנען צו די וואַגאָנען שוין ניט געגאַנגען. די עסעס־לײַט און פּאָליציאַנטן האָבן געפירט אַן עמעסן גענויג נאָך יעדן מענטשן באַזונדער.

דעם טראַנספּאָרט האָט מען געזאַמלט עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד. מענטשן האָבן אין די גאַסן זיך ניט באַוויזן, האָט מען זיי געשלעפּט פון באָהעלטעניש, צוגענומען די שוואַכערע פון די וואַרשטאַטן, באַטל געמאַכט געוויסע סאָרטן אַרבעטס־שײַנען און אַזוי באַקומען נײַע קאָנטינגענטן פאַר „אויסוואַנדערונג".

דעם קוואָרעס־ייִד מענאַשע האָבן די זשאַנדאַרן פאַרנומען פון זײַן „ראָלוואַגע", ווען ער איז מיט איר, א פול־געלאָדענער מיט מייסים, צוגעפאָרן צום געטאָ־טויער, קעדיי לאָזן זיך צום בעסוילעם. עטלעכע טעג, ביז ס'האָט זיך באַוויזן א צווייטער קוואָרעס־ייִד, איז די „ראָלוואַגע" אַזוי געבליבן געלאָדן מיט טויטע, דאָס פערדל האָט די לאַסט אומגעשלעפּט איבער די גאַסן, פון ביימל צו ביימל, שפּײַזנדיק זיך מיט טרוקענע צווײַגלעך און קאָרע.

אַרײַנגעפּאַקט האָט מען אין עשעלאָן אויך יערוכעמס פעטער — ניסן ליכטציגער, א גוטער באַלמעלאָכע, א וואַסערלייטער, האָט ער אויסגעשטאַט אין א קעלער אַן אונטערערדישע באָהעלטעניש, גאָר א קאָמפּליצירט געבײַ. אַז מע האָט געדאַרפט אַרײַן אַהין, האָט די שטיינערנע וואַנט צוזאַמען מיט א דיקן פּלאַסט אײַנגעטראָמבעוועטע ערד, נאָך א באַשטימטן סיגנאַל, זיך אָפּגערוקט, פון אינעווייניק איבער רעלסן אַף רעדלעך. ניסן ליכטציגער

האט זיך פונקט געפונען אין קעלער, ערשט געהאט ארויס פון באהעלטעניש, ווען ער האט דערהערט א טומל אין הויז. נאך א פאר מינוט איינהערן זיך, האט ער שוין קלאר באנומען, ווען עמעס שווערע שטיוול עס טופען דארט איבער זיין קאפ. ס'האבן זיך באלד דערטראגן דייטשישע שטימען פון קארידאר. ניסן וואלט נאך עפשער באוויזן אריין אין ד'ער באהעלטעניש, נאר ער האט ניט געוואלט איינשטעלן דאס לעבן פון די מענטשן, וועלכע ער האט ערשט היינטיקע נאכט באזארגט מיט וואסער. דא, אין קעלער, איז ער געבליבן ווארטן, בלויז באוויזן פארשארן מיט מיסט זיין שלאסער־געצייג, עס זאל קיין כשאד ניט ארויסרופן. געפונען דעם אלטן אינעם פוסטן קעלער, האבן די מערדער זיך דערמיט באנוגנט און מער שוין ניט געזוכט.

ניט זעלטן האט אין דער טונקלקייט פון א קעלער אפן קאפ פון אן עסעסאווען צי א פאליציאנט זיך אראפגעלאזט א האק־מעסער, א שווערע שייט האלץ. א יינגל פון א יאר פערצן האט, דעריזען, אז מע שלעפט פון בעט זיין קראנקע מוטער, זיך א ווארף געטאן פון זיין באהעלטעניש הינטער דער הרובע און מיט א שארף אייזערן שטעקל דורכגעשטאכן אן עסעסאווען דעם האלדז. עס זיינען גלייך אפן ארט געפאלן די מוטער, דאס יינגעלע, אלע שכיינים פון דעם שטאק, אבער דער עסעסאווען איז פון דער ערד ניט אויפגעשטאנען.

די דאזיקע אויסוואנדערונג־אקציע האט פיל געלערנט די איינוווינער פון געטא. באהעלטענישן האט מען גענומען מאכן בעסערע, קאמפליצירטערע. אלץ מער מענטשן האבן געזוכט א רעטונג אף דער „ארישער זייט", בא באקאנטע פאליאקן. זאלמען קארעל האט אריבערגענומען אין וואלד שוין העכער פערציק מאן, דערין עטלעכע פרויען. דורך די היילן האט זאלמען אריינגעשיקט אין געטא שפייז, געווער, בענזין אף אויסארבעטן צינד־פלעשלעך.

עס זיינען געווען אין די פינפטלעך פיל אזעלכע, וואס, פארצווייפלטע פונעם פארלוסט פון די נאענטע אדער ניט האבנדיק קיין מעגלעכקייט אויסצובאהאלטן ווער אן אלטן פאטער, ווער א מוטער, א קראנקן ברודער אדער קלאל ניט קענענדיק צוזען ווייטער דעם פיין און די ביזיוינעס, האבן זיי געפאדערט, אז מע זאל טייקעף אנהייבן דעם באוואפנטן קאמף, צערעכענען זיך מיט די פאשיסטן, דערהארגענען וויפל סע וועט זיך איינגעבן און זאל זיין, וואס עס וועט זיין. יערוכעם און לייזער און מיט זיי אויך די איבעריקע שטאב־מיטגלידער האבן אבער געהאלטן, אז עס איז ניט געקומען די צייט פאר אן אפענעם קאמף־אויסברוך. געווער איז נאך אין געטא געווען ווייניק, סע וואלט געקלעקט עפשער אף האלטן זיך איין טאג. אויך מענטשן איז נאך ווייניק געווען אין דער ארגאניזאציע, ארום און ארום ניט מער פון צוויי הונדערט. יעדן טאג האבן זיך אנגעשלאסן נייע, — אלס קלאל האט יעדער ניי געשאפן פינפטל אין א וואך־צוויי

ארום זיך געשפאלטן אף צווי פינפטלעד, און ניט זעלטן אף דריי און מער. געווער האט דערווייל געהאט בלויז יעדער דריטער אין דער ארגאניזאציע. עס זיינען געווען אזעלכע, וואס זייער גאנצע באוואפענונג איז באשטאנען פון א זאק פייכטע שטרוי, וועלכן מע האט געדארפט אונטערצינדן בעייסן קאמף און ווארפן אף דער גאס, קעדיי צו שאפן א רויך, אדער א בערגל שטיינער אף די דעכער...

.2

ס'איז געגאנגען פרילינג, אלץ פייכטער און פארצוויגענער זיינען געווען די אדליעס, אלץ ווארעמער און אומגעדולדיקער די דארעם־ווינטן, אלץ ווייסער די וואלקנס, וואס זיינען ווי קריעס געשווומען איבערן גרויעד־בלויען הימל. די טעג זיינען געווארן לענגער און די זון האט שוין געווארעמט די שויבן און פייכטע ווענט פון די ניט געהייצטע געטאהייזער. אף די הויפן, אף אפגעגאנגענע דאמפיקע שטיקער ערד, האבן, ניט אנערקענענדיק קיין שום צוימען, זיך באוויזן צארטע שפיצן פון דינע גרעזעלעך, און אף די צווייגלעך פון די איינציקע ביימלעך האבן געגלאנצט קנאספעלעך... אט אין די דאזיקע טעג פון אנהייב אפריל, ווען אלץ גרייט זיך צום לעבן, איז אין געטא געמאלדן געווארן אן אקציע אף קינדער — שוין אן קיינע טערוצים און אויסטראכטענישן. דאס דייטשישע רייך וויל ניט האדעווען א נייעם דאר יידן. יעדעס קינד, פון א טאג ביז צען יאר, ווערט צוגענומען בא די עלטערן.

צווי צארעס מיטאמאל האבן אף יוזעף קאטשורס קאפ זיך אראפגעלאזט. ערשטנס, אין דער פארשטאט, ווו ס'איז געשטאנען זיין שטיבל מיטן גארטן און נאך עטלעכע שטיבלעך פון אנדערע ארעמע מענטשן, האט עפעס א דייטשישער גענעראל פארטראכט מאכן זיך א גוט. מ'האט געהאלטן אין פארברייטערן די ערד־נאכלע ארום א פריצישער ווילע, וואס האט זיך געפונען ארום דער ווייסל, און קאטשורן מיט זיינע שכיינים האט מען געווארנט, אז אדער זיי זאלן זיך אליין באצייטנס פארנעמען פונדאנען, וווהין זיי ווילן, אדער מע וועט זיי אראפפירן, און דעמאלט וועלן זיי שוין פארן, וווהין די דייטשן וועלן געפינען פאר נייטיק. צווייטנס: מע האט אנגעהויבן כאפן פוילישע יוגנט אף ארבעט אין דייטשלאנד, און אזויווי בא קאטשורן איז אונטערגעוואקסן א ווילער כלאפאק פון פופצן יאר, קאזיק, זיין גאנצע שטיצע אין דער באלעבאטישקייט, איז טאקע גלייך אף אים געפאלן דער גורל. א פאר כאדאשים האט קאטשור, ווי ער האט נאר געקאנט, אויסבאהאלטן דאס יינגל אין שפייכלער צווישן היי, אין א גרוב הינטערן מיסט־שטאל, נאר אזויווי דאס זיינען אלץ ניט גאר קיין זיכערע ערטער, און אבלאוועס קומען נאך אבלאוועס, האט ער קאזיקן

אוועקגעפירט אף א פאלווארק, ווו ס'איז געווען זאלמען קארעלס א מענטש — זאל דאס יינגל בעסער זיין אין וואלד, איידער טשאכנען אין גרוב, אונטער מיסט און קויט...

איז אט האט יוזעף קאטשור, וואס האט געהאט אזויפיל אייגענע צארעס, פארנומען זיך מיט ארויסראטעווען קינדער פון דער געטא. ניט נאר די גאנצע ליבע פון א מענטש, וואס קאן קיין קריוודע ניט פארליידן און איז גרייט העלפן א מענטשן בעיים א נויט, נאר אויך די גאנצע סינע צום דייטש האט ער אין דעם אריינגעלייגט. ער האט קיינמאל גוט ניט געלעבט, קאטשור, נאר אזא הינטיש לעבן, ווי בעייסן דייטש, האט זיך אים אפילע אין א שלעכטן כאלעם ניט געמאלט.

קימאט יעדן פארנאכט שפאנט יוזעף קאטשור דאס פערד־און־וועגעלע און לאזט זיך אוועק אין שטאט. מאריאן גוראל ווייזט אים שוין אן ווו צוווארטן. אפטער פון אלץ דארף ער דורכפארן פארביי קליין־וויסליאנער געסל, נאר אמאל קומט ער אויך אף אנדערע ערטער, וועגן וועלכע מע ווארנט אים פריער. עפעס א הויכע פרוי אין א בלויען סאק, דאס שטייענדיקע קעלנערל און שמאלע מאנזשעטן בא די ארבל באזוימט מיט קאראקול, זעצט אים ארויף אפן וואגן אמאל איין קינד, אמאל צוויי, און אנומלטן האט זי אפילע דריי אוועקגעזעצט אין שטרוי. דערשראקענע זיינען זיי, די קינדער, בלייכינקע, קיין כליפ, קיין איבעריק ווארט הערט מען פון זיי ניט, עפעס ווי זקיינימלעך. די קינדער ברענגט ער געווייינלעך אף א באשטימטן פאלווארק, פונוואנען מע נעכט זיי שוין אריבער צו זאלמען קארעלן. ס'א סווארע, אז יענער באשטאט זיי בא די ארומיקע פויערים.

קאטשור האט זיך אז אייצע געהאלטן פריער מיטן וויב, דערנאך מיט מאריאן גוראלן, און איין מיידעלע פון א יאר זיבן, א דארינקע, מיט א טונקל פענעמל און גלאטע גלאנציקע הערעלעך געלאזט בא זיך אין שטוב. די שכיינים האט ער געזאגט, אז דאס האט די שוועסטער זיינע פון טארנאבזשעג, אז אלמאנע, אים צוגעשיקט דאס יעסוימעלע דערציען...

היינט, ערעוו פאסכע, האט קאטשור אויך געשפאנט דאס פערדל. נאר אינעם קליין־וויסליאנער געסל איז אין דער באשטימטער צייט קיינער ניט געווען. כאטש ס'איז דא זייער ענג און ס'איז שווער זיך אויסצוקערעווען, האט ער זיך דאך אומגעדרייט דא הין און צוריק מיטן וועגעלע. מע זעט ניט די פרוי. ער האט געמאכט אן אנשטעל, אז אן ארטשיק האט זיך צעבונדן, אראפגעקראכן פון וואגן אים צופעסטיקן און זיך ווידער ארומגעקוקט. און דא איז דעם פויער מיטאמאל אן איימע באפאלן: עפשער עפעס א דורכפאל? עפשער קוקט מען אים שוין נאך און מע וועט אים באלד פארנעמען מיטן פערד־און־וועגעלע? ער האט זיך ארויפגעכאפט אף דער קעלניע און אריינגעטיילט עטלעכע גוטע שמיץ דעם בולאנע פערדל, אז ס'איז אזש אונטערגעשפרונגען און מיט די הינטערשטע פיס א זעץ געטאן אין וואגן. ארויסגעפארן אף א ברייטער גאס, האט יוזעף קאטשור

זיך ווידער גענומען אין די הענט. ס'איז קיין געשעפט ניט אוועקפארן מיט לײדיקן. עפשער האט יענע פרוי א טאעם געהאט, אנרופנדיק אים דאס דאזיקע ארט פאר דער הײנטיקער באגעגעניש, און מעגלעך אויך, אז ער האט איבערגעפלאנטערט, כאטש ער געדענקט פארט, אז געהייסן האט מען אים קומען אהער.

ער האט גענומען אומפארן איבער אלע אנדערע ערטער, ווו ער באגעגנט געווײנלעך די פרוי, פארקליבן זיך אזש צו די ליים־בערג. מע זעט ניט קײנעם. האט ער זיך גענומען אומקערן. עפעס איז אים פאר־דריסלעך און אומרויִק געווען אפן הארצן. ס'איז שוין רעכט פינצטער געווען, און דער פויער האט בעקיוון גענומען פארן דורך די געסלעך און גאסן, אין וועלכע די געטא־וואנט קומט ארויס. דורכן טאראכקען פון די רעדער און דעם סקריפען פון אקס האט ער זיך אײנגעהערט אין די קלאנגען, וואס דערטראגן זיך פון אינעווײניק. געווײנלעכע געטאן־קלאנגען. שטיל איז דארט קײנמאל ניט, איבערהויפט די לעצטע צייט: א פאר שאסן, עמיצנס א שטארק געשריי, אן אויסגעצויגענער געיאמער.

מיטאמאל האט דער פויער אײנגעהאלטן די לייצעס. דאס פערדל, וואס איז שוין מיד און הונגעריק געווען פון אומדרייען זיך איבערן שטאט, איז שטיין געבליבן און מיט אן אראפגעלאזטן קאפ גענומען זוכן א שטרויעלע אפן ברוק. די געטא־וואנט האט דא איבערגעשניטן דעם פלאץ, וואס פארן בריק און איז דורכגעגאנגען לעבן א פילשטאקיקן מויער, וואס זײנע פענצטער האבן ווי בלינדע אהער ארויסגעקוקט — זיי זײנען געווען, ווי אלע פענצטער פון געטא, וועלכע קוקן ארויס צו דער „ארישער זייט": אדער פארשמירט מיט בלויער פארב אדער פארקלאפט מיט דיקט. פונעם פירשטאקיקן מויער האט זיך דערטראגן א געשריי פון א פרוי, א הוקען פון מענער־שטימען. מיטאמאל האט פון דריטן שטאק זיך דערהערט א קלונג פון אויסגעזעצטע שויבן, גלאז־שפליטערס און א שטיק דיקט זײנען אראפגעפאלן לעבן קאטשורס וואגן, פון אויפגעפראלטן פענצטער האט א פרוי אויסגעשטרעקט די הענט און עפעס געשריגן. דער פויער האט קיין באוועג טאן זיך ניט געקאנט. אפן צווייטן זייט פלאץ איז פונקט דורכגע־לאפן א טראמוויי און באלויכטן אים מיטן ווענגעלע. אין דער זעלבער רעגע האט קאטשור דערזען, אז פון אויבן פליט עפעס און פאלט קימאט לעבן זײן וואגן, וועלכן דאס פערדל האט א דערשראקנס א צי געטאן אין א זייט. ער איז אראפגעשפרונגען פון וואגן און דערזען ליגן אן איבערבעט. ווען ער האט עס א הייב געטאן, האט עפעס א לעבעדיקס אין דעם גענומען זיך ווארפן, ס'האט זיך דערהערט א פארשטיקט קינדער געוויין. די פרוי אויבן האט נאך שטארק געשריגן, א באלויכטענע פון קעשענע־לאמטערנס, איז זי אין פולן וווקס געשטאנען אפן פענצטער און עמעץ האט פאר די קליידער זי געשלעפט פון דארט. א האנט האט זיך אויסגעשטרעקט און אויך דעם ברוק באלויכטן. ס'האבן זיך דערהערט א פאר שאסן, נאר יוזעף קאטשור

איז שוין אַף די קני געשטאַנען אין וואָגן, ער האָט אַ שטאַרקן צי געטאָן די לייצעס. דאָס פערד האָט זיך אַ ריס געגעבן, יוזעף האָט אויסגעשריגן אַרויף־צו: „עס לעבט דאָס קינד, עס לעבט!"

אין אַ רעגן אַרום האָט אים מיטן וואָגן פאַרשלונגען די פינצטערניש.

שפּעטער האָט דאָס קינד גענומען שטאַרקער וויינען און רײַסן זיך מיט די הענטלעך פון איבערבעט. יוזעף האָט עס פונאַנדערגעוויקלט, אַוועק־געזעצט צו זיך אַף די קני און אײַנגעדעקט מיט אַ פּאָלע פון דער מאַרי־נאַרקע. געוועזן איז עס נאָך גאָר אַ פּיצל. ווי ער האָט געקענט, האָט ער דאָס קינד געזען אײַנשטילן, געגלעט מיט זײַן האַרטער האַנט די ווייכע קוטשעראַווע הערעלעך, די אויסגעדאַרטע אַקסלעך, דאָס ברוסטעלע, גע־געבן דעם די בײַטש אין די קליינע הענטלעך און צוזאַמען מיט דעם אַנגעטריבן. דאָס קינד האָט אויפגעהערט צו וויינען און בלויז בעטנדיק און מיט אַ פראַגע, אַזוי אַז דאָס האַרץ בײַ יוזעפן האָט זיך צונויפגעדריקט פאַר ראַכמאַנעס, געזאָגט אַלעמאָל:

— מאַמע! מאַ־מע־ע!

עפּעס האָט עס נאָך גערעדט אַף ייִדיש אייניציקע ווערטער, וואָס קאַ־טשור האָט זיי ניט פאַרשטאַנען, האָט ער בלויז מיטן קאָפּ צוגעשאָקלט: „טאַק, טאַק" — און געטריבן דאָס פערד.

אין דער היים האָט דער פויער אינעם ייִנגעלעם העמדעלע געפונען אַן אײַנגענייט צעטעלע: „מענטשן ליבע! ראַטעוועט דאָס קינד! ס'איז אונדז דאָ זייער פינצטער, מע האַלט אין איין האַרגענען. דאָס ייִנגעלע הייסט דאַווידל, די פאַמיליע — וואַסערשטיין. דאָס איז דעם געוועזענעם פאַרזיצערס פון דער ייִדן־גמינע, נעכעמיע וואַסערשטיינס, אייניקל".

אַז אייצע זיך געהאַלטן מיט דער פרוי, האָט יוזעף קאַטשור באַ־שטימט קאַיאַר אַפּפירן דאָס ייִנגעלע צו זײַנעם אַ ברודער, אַ וואַלד־וועכ־טער, וואָס וווינט ווײַט פון שטאָט. ס'וועט הייסן פאַר לײַט, אַז דאָס האָט ער אים געבראַכט זײַן אייגן קינד, ווײַל מע וואַרפט אים אַרויס פון זײַן נאַכלע. שלאָפן איז קאַטשור אַוועק אין שײַער אַפן היי, דעם דרעמלענדיקן דאַווידלען גענומען מיט זיך: די פרוי האָט זיך געלייגט אין דעם ברייטן הילצערנעם בעט — דאָס אייגענע קינד, אַ קליין מיידעלע, — לעבן זיך אַף איין קישן און דאָס זיבניאַריקע, דאָס פרעמדע — צופוסנס...

באַנאַכט האָט קאַטשור דערהערט, אַז פון דער זײַט, וווּ דער גאָרטן איז, קלאַפּט עמיצער שטיל אין פענצטער פון זײַן שטוב. דאָס ווײַב האָט זיך אַוואַדע דערשראָקן און ענטפערט ניט. דער פויער האָט פאַרדעקט דאָס שלאָפנדיקע ייִנגעלע מיט דער רעדנע, אַוועקגעלייגט אַף דעם אַ ביסל היי און איז אַרויס אין הויף. דאָ האָט ער דערזען, אַז ס'איז ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן.

געקלאַפּט האָט מאַריאַנס אַ ברודערל. באַ דער שוואַכער לעוואָנע־שײַן האָט מען געזען, אַז די הויזן זײַנען באַ אים נאַס אַרום די קני, ווײַזט

אוים, געפּויזעט ערגעץ, די הענט זײַנען שוואַרץ פון בלאָטע. דאָס יינגל איז געקומען וואָרענען, אַז ס'איז היינט געשען אַ דורכפאַל באַם אַרויס־פירן די קינדער פון געטאָ. ס'איז אומגעקומען די פרוי מיטן קאַראַקולנעם קעלנערל, די עטלעכע קינדער, וואָס זי האָט אַרויסגעפירט. די דײַטשן האָבן דערשאָסן אַלע אײַנוווינער פון דעם הויז אין געטאָ, ווו דער אַרויסגאַנג האָט זיך אָנגעהויבן, און אַן אײנזאַם פּויליש פאַרפאַלק, אַלטע לײַט, וואָס אין זייער סעדל האָט זיך די הייל געענדיקט. מאָרגן וועט מען דאָס קליינ־וואַרג אַרויספירן שוין צום וועג־ציילעם, וואָס באַם ברעזע־וועלדל, הע־כער פון די לײַם־בערג, זאָל ער דאָרט פאַרבײַפאָרן אָנהייב נאַכט. אַז אַלטיטשקע וועט אים אָפּשטעלן און בעטן, ער זאָל זי צופירן צו דער מיל...

3.

מיכאַל וואַיטאַס, אַנעליעס פאָטער, איז אין אַ ווינקל פון קאָסטיאָל, אונטער אַ הייליק בילד, ווו ס'איז אָנגעמאָלט געווען דער געהענעם, געשטאַ־נען אויף די קני און זיך מיסוואַדע געווען פאַרן קסיאָנדז, וואָס האָט זיך אָנגעבויגן צו אים מיט אַ צונעלייגטער האַנט צום אויער. דעם קאָסטיאָל אין גאַרליטשינאַ האָבן די דײַטשן פאַרמאַכט, דעם היגן קסיאָנדז, אַ זאַקן, פאַר גאָר אַ שאַרפער דראָשע — פאַרשיקט ערגעץ, האָבן די גאַרליטשינער פויערים געמוזט באַזוכן בײַדע קאָסטיאָלן אין, פּ', יאַן דוזשי האָט זײַן שוואָגער געראָטן באַזוכן דעם קאָסטיאָל, ווו דער קסיאָנדז איז אַ יינגערער, מ'האָט געזאָגט, אַז ער שטאַמט פון כלאָפּעס.

איצט, פרילינג־צײַט, ווען עס איז דאָ פיל אַרבעט אין דער באַלע־באַטישקייט, איז דעם גאָטספאַרכטיקן מיכאַל וואַיטאַס שווער געווען יעדן טאָג באַזוכן דעם קאָסטיאָל, וואָס געפינט זיך פינף קילאָמעטער פון דאָרף. דאָס איז געווען די ערשטע זינד זײַנע, וועגן וועלכער ער האָט דערציילט דעם קסיאָנדז. יענער האָט אַ שאָקל געטאָן מיט זײַן היפּשן, געשוירענעם קאָפּ, אויף וועלכן עס האָבן שוין געשפּראָצט גרויע הערעלעך, און געזאָגט:

— גאָט וועט מויכל זײַן.

די צווייטע זינד: ער קאָן אַמאָל ניט צוימען דעם קאַס און טוט אַ קלאַפּ די בעהיימע.

דער קסיאָנדז האָט געקאָסעט דעם בליק אָפן שטיינערנעם דיל און פון געוווינהייט געשאָקלט מיטן קאָפּ.

— נאָך אַ זינד... — דער פויער האָט זיך עטוואָס איבערגעבויגן אויף איין זײַט, קעדיי קאָנען אונטערהייבן אַ קני, ווײַל פון די שטיינער האָבן אים ווי געטאָן די פיס, נאָר באַלד זיך ווידער אויסגעגלײַכט, און אַפילע אָנגעדריקט אויף דעם פוס, מיטן מיין צו פאַרשאָפן זיך ווייטיק, — שוין קנאַפּע צוויי כאָדאָשים, אַז איך רוף אַן פאַר לײַטן אַלס אַן אײגענע

א פרעמדע פרוי, דערצו נאָך פון אַן אַנדער גלויבן... יעדן טאָג קומט אוים לייגן...

דער קסיאָנדז האָט אַ קערעווע געטאָן צו מיכאל וואָיטאַסן זיין פול געזיכט מיט דער ברייטלעכער קין, אין זיינע שוואַרצע אויגן מיט די רויטע ווינעס (אָפן נאָך איז באַ אים געווען אַ סימען פון אַ בריל, וועלכע ער טראָגט אוואַדע אין דער היים) האָט אַן אַנגעשפּיצט פלעמעלע זיך אָפּגעשטעלט:

— און וואָס האָט דיך געצווונגען צו נעמען די פרעמדע אין שטוב אריין?

— מיין טאָכטער האָט זי געבראַכט, פאַן קסיאָנדזש... אַ ייִדישקע איז זי.

— ווער זשע, זאָגסטו, איז זי דיר?

— דעם ווייבס אַ שוועסטערקינד, פון הינטערן סאַן קלוימערשט פאַריאָגט...

— און אינדערעמעסן פונוואַנען? — באַם קסיאָנדז האָבן קוים זיך צעעפנט די דינע, עטוואָס צעצווייגענע ליפּן, ער האָט געררעדט זייער שטיל, די מיספּאַלעלים אַרום זאָלן ניט הערן, נאָך מער זיך צוגעבויגן צום פויער, וועמענס דאַר, באַוואַקסן פּאָנעם האָט אויסגעדריקט פאַרלוירנקייט, פּיין, אַפילע שרעק, שוויים האָט זיך געגאָסן באַ אים פון שטערן, פון די שלייפן.

— פון ק' איז זי, געקומען אין די רעכטע פרעסט מיטן מאַן און מיט אַ ברעקל קינד...

— זיינען שוין דריי באַ דיר.

— ניין, דער מאַן איז ערגעץ־ווו... דאָס קינד — באַם שמיד סיקאַרא, זיין סטאַניסלאַוום ווייבל האָט אויך פונקט אַזא קליינינקס, זאָגט מען, אַז זי האָט געבוירן אַ פּאַרל...

אויסגעגלייכט זיך, האָט דער קסיאָנדז רויק, מיט שטרענגער געלאַסנקייט, איבערגעצייכעמט דעם פויער, וואָס האָט פאַרלייגט ביידע הענט אויף דער ברוסט:

— גאָט וועט מויכל זיין...

4.

אַנעליע האָט, ווי ווייט מעגלעך, אַליץ וויניקער זיך אַרומגעקוקט אויף גאַלדראַשן, כאָטש ער האָט געזוכט באַגעגענישן מיט איר. אַריינקומענדיק צו איר, פלעגט ער זיך קלאָגן, אַז איצט איז געוואָרן זייער וויניק שיינע פריילנס, — פּאָנעם פון שליאַכטישן גראָד זיינען אַוועק אָדער אין אויסלאַנד אָדער אין שטאָט. דער מיטעלער מענטש פון שטעטל און דאָרף איז פאַרגרעבט געוואָרן אין דער ווירקונג פון הויף, אַזוי אַז אַנעליע איז, לויט זיינע ווערטער, געווען דאָ גאָר אַ זעלטנהייט. נאָך גוט, וואָס זיין פלעגט גאַלדראַש אין גאַרליטשינאַ ניט גאָר אָפּט. ער אַליין, דער געוועזענער גימ־

נאסטיק־לערער, איז ווירקלעך פארגרעבט געווארן, עפעס האט זי אין אים אכזאריעסדיקס און אומגעצוימטס באמערקט.

דער פעטער יאן דוזשי האט צומאל האלב אין שפאס אפגעגעבן אנעליען גרוסן פון גאלדאשן. יענער האט שוין געהאט קליינע מאכנעלעך, וואס האבן זיך באזירט אף באשטימטע פאלווארקעס און וועלדער, און אייניקע פינפטלעך דוזשים, וואס זיינען ערטערווייז אויך ארום אין וואלד, האבן שוין א פאר מאל אנגעטראפן אף די דאזיקע פארשוינען און אפילע געהאט צוזאמענשטויסן מיט זיי. נעענטער צום סאן איז אין אייניקע כוטערלעך און דערפער געווען אז אוקראינישע באפעלקערונג, האבן אט אהין זיך דערלאנגט גאלדאשעס און זאיאנטשקאווסקיס יונגען. אלץ אפטער פלעגן דארט דורך די נעבט אויפפלאקערן סרייפעס, מענטשן, געקומענע פון יענע ערטער, האבן דערציילט וועגן גוואלדטאטן און הארוגעס.

דוזשי האט, פארשטענדלעך, באמערקט אנעליעס באציונג צו גאלדאשן. נאר זי האט געזען, אז דער פעטער וואלט ניט האבן קעגן, זי זאל זיך עפעס דערוויסן מאמאשעסדיקס וועגן יענעמס פלענער. וואס זי האט געקאנט, האט זי זיך דערוווסט, גאלדאש איז אבער, ווען עס פלעגט קומען צו רייד וועגן זיין טעטיקייט, געווען זייער פארזיכטיק, אפגעקומען מיט אלגעמיינע ווערטער, ווי ער זאל האבן אין זינען זי, אנעליען, אגיטירן. און זיין צוגעלאזטער צו אים, קעדיי זיין צוטרוי צו געווינען, האט זי פארט ניט געקאנט. שוין א פאר מאל פאר די לעצטע כאדאשים האט בא אנעליען זיך געשאפן אן איינדרוק, אז גאלדאש אינטערעסירט זיך מיט דוזשין. זי האט עס באמערקט פון אייניקע גאר פארזיכטיקע פראגן זיינע. צומאל האט זיך איר געדוכט, אז טאקע דאס איז די סיבע פון גאלדאשעס פארקערעווען ארום איר. דער פעטער. ווען זי האט אים געזאגט וועגן דעם, האט איר געענטפערט:

— קיין פארזיכטיקייט דארף איך דאך דיך ניט לערנען, פלימעניצע? ס'איז שוין גוט, אז כ'ווייס, וואס פאר א הויכע פערזאן ס'אינטערעסירט זיך מיט מיר...

איצט איז געגאנגען צו פאסכע, און גאלדאש מיט זאיאנטשקאווסקין האבן זיך באוויזן אין גארליטשינא. אנעליע האט געקאנט דערווארטן גאלדאשעס א וויזיט, און זי האט זיך בעפיירעש דערפרייט, ווען דער פעטער האט איר געהייסן אוועק אין א פארבינדונג־שליכעס אין גזשיבאווער וואלד, צוועלף קילאמעטער פון גארליטשינא.

.5

די אלטיטשקע יאדוויגא גזשיבאווסקא, דעם גזשיבאווער וואלד־וועכטערס ווייב, האט, שווינענדיק די יאנטעוודיקע שטיוול, וועלכע זיינען צוגעפגעבונדענע מיט א שטריקעלע, געהאנגען אף אירע דארע אקסל, בארוועס זיך געלאזט איבער די קאלטע בלאטקעלעך און קאליוזשעס אף די

וואַלד־וועגן קיין פּ׳, אַפּן ערעוו־יאַנטעווודיקן מאַרק. זי האָט געדאַרפט פאַר־קויפן אַ פּאָר צענדליק אייער, אַ שטיקל פּוטער, טרוקענע באַרלעד, קעדייִ איַינהאַנדלען עפּעס־וואָס צו פּאַסכע, אין דער ערשטער רייִ — צוויי גע־גלייזטע טעפּ, פּאַפּירענע קווייטן צו די הייליקע בילדער און בלויע פאַרב די שטוב אויסצווייַסן, אויב עס וועט זיך מאַכן אַן אָנשטענדיקער קאַש־קעט פאַרן אַלטן, וועט זי זיך אויך פּרוּוון אויסדינגען.

צום שטעטל צוקומענדיק, האָט זי אויך די שטיוול ניט אָנגעטאָן, ווייַל כאָטש דער מאַרק, האָט זי געוווּסט, איז טאַקע ברוקירט, נאָר בלאָטע קלעקט אַף אים, מע פירט זי אָן מיט די רעדער און מע טראָגט זי אָן מיט די שטיוואַלעס. די שטיוול, מיט כאַליעוועס, אָפּשטייענדיקע און האַרטע, ווי רערן, האָט זי אַלץ געטראָגן אַריבערגעוואָרפן איבער די אַקסל, — מענטשן, און ווער רעדט נאָך באַקאַנטע, זאָלן ניט מיינען, אַז זי האָט ניט וואָס אָנצוטאָן.

מיט איך סכוירע האָט זי זיך געייסעקט פיל מער, ווי זי האָט אויס־גערעכנט. דערנאָך האָט זי לאַנג געזוכט אַ פּאָר טעפּ, וואָס זאָלן איר געפעלן. זי האָט איבערגעקלאַפּט מיטן נאָגל און אויסגעהערט דעם קלאַנג פון אוואַדע צוויי הונדערט באַניאַקעס און מאַקעטערס, ביז זי האָט געפונען די, וואָס ס׳האָט זיך איר געדוכט, אַז זיי זייַנען מאַמעש פאַר איר צוגעגרייט. דעם מאַן קיין קאַשקעט האָט זי זיך שוין ניט געשטעלט דינגען, ס׳איז זייער טייַער געווען. געקויפט די ערשטע בעסטע בלומען, וואָס האָבן זיך איר געמאַכט אונטער דער האַנט (אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועלן שוין זייַן לעבעדיקע), און אַ קימער זיך געטאָן אַ ביסל, וואָס די בלויע פאַרב איז ניט קיין וואַזשנע, עפּעס אַף דייַטש אָנגעשריבן און ברעקלט זיך זייער, האָט זי זיך געכאַפּט, אַז איצט דאַרף זי זיך שוין צואייַלן. די גאָטעס־דינסט איז קאָסטיאָל האָט זיך פאַרענדיקט, זי וועט מוזן גיין צום קסיאָנדז אַהיים, בעטן, ער זאָל זי לאָזן מיסוואַדע זייַן זיך. און ס׳וועט זי אַוואַדע קאָסטן מער, ווי זי האָט זיך פאַר די טעפּ אויסגעדונגען.

אין קאָרעטע פון מאַרק־ברונעם האָט די אַלטע אָפּגעוואַשן די פיס, אַרומגעווישט זיי מיט אַ קאַפּל היי, וואָס זי האָט פון קאָשיק אַרויסגע־שלעפּט, אָנגעטאָן די שטיוול און אַוועק צום קאָסטיאָל, ווו דער אַלטער קסיאָנדז האָט געוווינט.

דער קסיאָנדז, קענטיק, אַ מידער, אַן אומצופרידענער, מיט שלע־פעריקע קאַלטע אויסגעצוויטעטע אויגן, מיט אַזאַ איבערגעזעטיקטקייט אַפּן ווייבערישן, צעקנייטשטן געזיכט, האָט די אַלטיטשקע יאַדוויגאַ געלאָזט מיסוואַדע זייַן זיך באַ זיך אַפּן גלעזערנעם גאַנעקל, ווו ס׳איז אין אַ ווינקל געהאַנגען אַ הייליק בילד — יעזוס שווימט איבער וואָלקנס מיט בענטשדיק צעשפּרייטע הענט. קיינער האָט די אַלטינקע דאָ ניט געקאָנט אונטערהערן, נאָר זי האָט געפילט עפּעס אַ פאַרלוירנקייט און שרעק פאַרן קסיאָנדז, זייַן אומצופרידנקייט און איַינגעהאַלטענע בייזקייט האָבן זי צעמישט, דערפאַר

האט זי, שטייענדיק אף די קני, גערעדט גאר שטיל און געפליסט זיך דערמאנען ווי עפעס א מינדסטן כעט, וואס זי איז באגאנגען. מיט אז אינערלעכן גליווער האט זי אבער געפילט, אז זי האט פארגעסן קימאט אלץ, וואס זי האט שפאנענדיק די צוועלף קילאמעטער, זיך אנגעמערקט אויסצודערציילן דעם קסיאנדז.

גאר ניט קיין שווערע כאטאים זײַנען געווען בא דער אלטיטשקער וואלד־טוישעווקע יאדוויגא. דער קסיאנדז האט שוין אבער זיין שלעפערי־קייט גוויווער געווען און געהערט זי אויפמערקזאם. צוויי מינים מענטשן הערט ער אלעמאל אויפמערקזאם — קינדער, ווײַל זיי הייבן ערשט אן לעבן און באגיין זינד, און אלטע לײַט, וואס גרייטן זיך שוין אין ווײַטן וועג ארײַן. דערבײַ טראכט ער ווענן זיך, און ווען ער זאגט: „גאט וועט מויכל זײַן" — האט ער אויך זיך אין זינען...

די אלטע האט זיך דערמאנט נאך א זינד. און זי דערציילט דעם קסיאנדז: מיט א כאדאשים צוויי צוריק, אין א שטארקן פראסט און א זאווייע, האט זי געהייסן פארנעמען זיך פון איר וואלד־שטיבל א מענטשן, וואס איז געווען שטארק פארקילט, דאפקע יא געהאט א ציילעמל אפן האלדז, נאר איז פיבער גערעדט אף יידיש, און ביכלאל א ביסל איז א יידן דערמאנט. איינער א גארליטשינער האט אים געבראכט צו פירן, נאר זי האט מוירע געהאט, אז דער דייטשישער וואלד־זשאנדאר זאל ניט אנקומען און ניט דערהערן, ווי יענער שרײַט ווער ווייסט וואס...

—דעם מענטשנס לײַדן זײַנען פון גאט, און נאר ער קאן זיי לינדערן!

— האט דער קסיאנדז שטרענג געזאגט.

די אלטע יאדוויגא האט זײַנע ווערטער גלײַך ניט פארשטאנען, גע־מיינט, אז דער קסיאנדז שטראפט זי אזוי, האט זי צונויפגעדריקט די הענט אף דער פלאטשיקער ברוסט, נידעריק א בוק זיך געטאן פארן הייליקן בילד. דערנאך האט זי אויפגעהויבן די אויגן צום קסיאנדז, ווענעמס ווײַבעריש געזיכט האט אויסגעדריקט קאלטע אפגעזונדערטקייט.

— הער קסיאנדז, דער יונג, וואס האט דעם מענטשן געבראכט, האט אים אוועקגעפירט אין וואלד, געהאלטן אים דארט אפן שליטן, איז היי, ביז ער איז געזונט געווארן... דער וואלד־זשאנדאר איז טאקע געווען בא אונדז, נאר ניט איך, ניט מײַן אלטער האבן יענעם מענטשן ניט ארויסגעגעבן. מײַן אלטער האט אפילע פארפירט דעם זשאנדאר אין אן אנדער ארט, ווען יענער האט דעם וואלד געוואלט באקוקן... — די אלטע האט שוין אינגאנצן געשעפטשעט, — איצט זײַנען זיי שוין דארט פיר מענטשן, גאר טיף אין וואלד, ארום דער האזן־אזערע, מע האט ערד־שטיבלעך געמאכט... נאר דאס איז ניט אונדזער זאך...

— און וואס טוען זיי דארט?

— קיין שלעכטס טוען זיי ניט, אין וואלד שטעקן מיגעס פון ווייס איך ווען, שלעפט מען זיי ארויס...

דער קסיאנדז האט שטיל צוגעשאקלט מיטן קאפ, געשטאנען ניט קיין הויכער, א קיילעכדיק־פארשוואומענער, מיט אן אויפגעהויבענער ברעם און פארשעריש געקוקט אף יאדוויגען. געענדיקט ריידן, האט די אלטע, אומרויק א קוק געגעבן אפן קסיאנדז, איבערגעציילעמט זיך און צוגויפגעשלאסן דאס אנצייניקע מויל.

— אלע זינד, אין וועלכע מע איז זיך מיסוואדע, פארגיט אונדזער גאט! — האט דער קסיאנדז געזאגט און מיט א צייכן פון דער האנט באוויזן דער אלטער, אז זי מעג אויפשטיין.

אין א פאר טעג ארום, פארנאכט, איז צום אלטן קסיאנדז געקומען זיגמונד זאיאנטשקאווסקי — ניט מיסוואדע זיין זיך, שפילן אין ביינדלעך. דער קסיאנדז איז געווען דעם יונגן שליאכטיטשס א וויַיטער קארעוו. ביינדלעך זיינען געווען דעם אלטנס ליידנשאפט. שפילנדיק מיט אים, האט מען, אומאפהענגיק פון דעם, צי ער האט געוואונען צי ניט, געקאנט אין אזא אדער אנדער באלויכטונג באקומען א פולע אינפארמאציע וועגן דער לאגע אין דער אומגעגנט. איז אים גוט געגאנגען, האט ער אלץ דערציילט אין פריילעכע, מונטערע טענער, ניט — איז שוין אף אלץ געלעגן א שטעמפל פון סקעפטיציזם. אויך צו גלעזעלעך פלעגט גענומען ווערן: אויב ס'האט אים געגליקט אין שפיל — איז געווינטשעוועט פריילעך און אויפגעלייגט אלדאס גוטס. אויב ניט — איז כמורנע איבערגעקערט דאס קעלישעקל איז מויל אריין און פארביסן מיט א רייפעלע זויערע אוגערקע...

נאר דאס, וואס ער האט געדארפט, איז דעם שליאכטיטש דערציילט געווארן. דער קסיאנדז האט גוט געוווסט, וואס יענעם אינטערעסירט.

דאס מאל האט דעם קסיאנדז, עמעס, ניט זייער, נאר געגליקט. שפילנדיק פעסט און איינגעשפארט, צולייגנדיק קאפ, האט ער שוין דאס צווייטע מאל געוואונען בא זיין געשוועסטערקינדס זינדל. יענץ געשוועסטערקינדל האט פארמאגט א פיין פאלאצל מיט פעלד און וואלד, א קילאמעטער פערציק פונדאנען, געהאט אלע אויסזיכטן אויסלעבן זיך זיינע יארן שענער, ווי ער, דער קסיאנדז. נאר איצט איז יענער זאיאנטשקאווסקי געבליבן מיט גארנישט זיצן ערגעץ אין לאנדאן, און דער־א זיגמונד, כאטש ניט קיין נארישער יונג, איז פארט גרינטלעך און ניט דערפארן, מאכט פאלשע געננג אין שפיל און אוואדע אין לעבן אויך. ער טוט, פארשטייט זיך, וואס ער קאן, דער טאטע זאל צוריק באקומען זיין פאלאצל, און ער אליין זאל זיין דאס, וואס פריער, אבער ווייניק טוט ער, מע דארף אים העלפן. אויב דא, אין אט דער שפיל, לאזט ער יענעם אליין ריגעווען מיטן מויעד, איז אין דער צווייטער, דער גרויסער שפיל, מוז מען אים העלפן...

א פארשוויצטער פון אנשטרענגונג און פון דעם קאפל בראנפן, וואס ער האט גענומען, זאגט דער אלטער קסיאנדז מיט א קאפעלע גוטמוטיקן און גלייכציַיטיק ביטערלעכן פארוורף:

— כאַטש איר גייט אום אין די וועלדער און זאָגט טאָקע, אַז איר זייט שוין באַלד אַ וואַלד־מענטש, ווייסט איר נאָך ניט אַלץ...

זאַיאַנטשקאָווסקי שפּיצט זיך אָן, ער האַלט עטוואָס אָנגעבויגן דעם קאָפּ אין אַ זײַט, די אויגן צוגעזשמורעט, דער קנאָפּ אַף זײַן דינעם האַלדז לויפט אַראָפּ און אַרויף. דער קסיאָנדז גיט זיך דערוויַיל אַ בייג איבערן טיש און טוט אַ הילכיקן קלאַפּ מיט אַביינדל — ער האָט אַ דובל זעקס אַרויס־געוואָרפן. זאַיאַנטשקאָווסקי באַמערקט עס נאָך ניט, דער אַלטער האָט האַנאַע דערפון און זעצט פאַר מיט דעם זעלבן טאָן:

— יאָ, יאָ, ניט אַלץ ווייסט איר... אָט, אַשטייגער, אַז ס׳איז דאָ אַ האָזן־אָזערע אין גזשיבאָווער וואַלד איז אייַך באַוווּסט? און אַז דאָרט גראָבן אויס פיר מענטשן אַלטע מינעס, און אַז איינער פון די פיר איז אַ ייִד, ווייסט איר?... עך, פּאַניע! און דאָ האָט איר אַ דובל זעקס מיר אַרויסגעלאָזט, כע, כע... אַ דאַנק, אַ דאַנק...

זאַיאַנטשקאָווסקי האָט געקוקט אַפן טיש, אַפן אַלטן, ער האָט דורשטיק געכאַפּט די לופט מיט זײַן צעבראָכענער נאָז, די אויגן האָבן געגלאַנצט:

— בּאַ דער האָזן־אָזערע, זאָגט איר?

— בּאַ דער האָזן־אָזערע, אין גזשיבאָווער וואַלד!

6.

יאַן דוזשי און זײַנע מיטהעלפער האָבן געגרייט באַזונדערע פּאַרטי־זאַנער־מאַכנעס צום אַרויסגיין אין די וועלדער. דערוויַיל זײַנען דאָרט געווען קליינע קאַמפּף־גרופּעס, וואָס האָבן אויסגעפאָרשט דעם אַרום, געשאַפן באַזעס, אויפגעקליבן און רעמאָנטירט געווער, וואָס איז דאָ אומעטום געבליבן פון די שלאַכטן אין 1939 יאָר, דורכגעפירט דיווערסיע־אַקטן אַף שאָסיי־וועגן און אַף דער אײַזנבאַן, אָנפאַלן אַף אָרטיקער פּאָליציי און קליינע גרופּן דײַטשן. ס׳איז געווען די צײַט נאָך דעם ערשטן דערפאָלגרייכן ווינטער־אָנגריף פון דער רויטער אַרמיי, וואָס האָט אויך דאָ, אין דערוויַיל נאָך ווײַטן און טויבן הינטערלאַנד, דערמונטערונג אַרויסגערופן. איצט, פּרילינג, האָט זיך געשפּירט, אַז די דײַטשן גרייטן אין רוסלאַנד אַ נײַעם קלאַפּ. עשעלאָן נאָך עשעלאָן האָט זיך געצויגן צום פראָנט.

דוזשי האָט שוין געפּלאַנט אַרויסשיקן היפּשע מאַכנעס אַף דעם סוינעס קאָמוניקאַציעס. עס זײַנען געווען מענטשן, אין פּוילן, וואָס האָבן אין די היימען מער ניט געקאָנט אײַנזיצן...

אין איינער פון די ערשטע קלייניקע גרופּעס איז געווען אויך מייער סאָקאָל. אין גזשיבאָווער וואַלד זײַנען געווען צווישן די זומפּן מינען־פעלדער, מיט וועלכע אַז אָפּטרעטנדיקער פּוילישער טייל האָט געהאַט פאַרצוימט זיך פון די דײַטשן, און אַזוי ווי סאָקאָל האָט שוין עפּעס־וואָס פאַרשטאַנען אין דעם מין געווער, און מעטשיסלאַוו סיקאָרא, דער יונגער שמיד, האָט אויך קיין סאַך ניט געדאַרפט אַף צו כאַפּן דעם סייכל פון

אזא זאך, האט מען זיי ביידן אוועקגעשיקט אהער מיט אן אויפגאבע — ארויסשלעפן אזויפיל מינעס, וויפל עס וועט זיך נאר לאזן. די ניט־געשעדיקטע וועלן גאנצערהייט געלאזט ווערן אין גאנג, פון די איבעריקע וועט מען קאנען ארויסנעמען דעם אויפרייס־שטאף. אין מארץ האט מען זיך געגרייט, געקריגן א פויליש האנט־ביכל פאר מיניארן און עס אויסגעשטודירט, אין אפריל, ווען דער שניי איז אראפ און דאס גראז איז נאך ניט אונטערגעוואקסן, האט מען זיך גענומען צו דער ארבעט. ס'איז גראד די רעכטע צייט געווען, ווייל די מינעס זיינען שוין אזוי אויך געווען פארדעקט מיט פוילע בלעטער, יאדלע־נאגלען און מאך.

פון יעזשעוויצא, א דארף ניט ווייט פון גארליטשינא, האט דוזשי צוגעשיקט מייערן און מעטשיסלאוון צוהילף צוויי פויערשע יונגען, וואס זיינען געלאפן פון ווערביר־פונקט, ווען מע האט זיי געוואלט אפשיקן קיין דייטשלאנד. ארום דער האזן־אזערע, דעם ארט, ווו עס איז געווען דאס גרעסטע מינען־פעלד, אין א דעמבענעם וועלדל, אף א בערגל, האט מען געמאכט צוויי ערד־שטיבלעך, — אין איינעם האט מען געוווינט, אין צווייטן געהאלטן דעם אויפרייס־שטאף.

אנעליע האט געדארפט וואָרענען סאקאלן און דעם יונגן סיקארא, אז אין א פאר טעג ארום וועלן צו זיי קומען עטלעכע מענטשן, פון צוקער־זאוואד, וועלכע האבן פאר דעם, ווי אוועק אין וואלד, געדארפט אויפרייסן דעם עשעלאן צוקער, וואס די דייטשן האבן געלאדן אפן זאוואד־הויף. טאקע אף צו ארגאניזירן דעם דאזיקן אויפרייס האט אנעליע געדארפט אף צוריקוועגס מיטנעמען עטלעכע טאנקען־מינעס. אזוי ווי ראשעלע האט שוין לאנג זיך געוואלט זען מיט מייערן און עמעצער האט אנעליען געדארפט העלפן, האט דוזשי דערלויבט, זי זאל מיטגיין.

ביידע יונגע פרויען, אנגעטאן ווי פויערטעס, וואס גייען צוגאסט, מיט לענטעס אף די האר, אין אויסגעפרעסטע ציצענע קאפטלעך, און דאך בארוועס, די פאנטאפל און פאטשיילקעלעך פארבונדן, האבן קאיאר זיך אוועקגעלאזט אין וועג. צום מיזרעך־ברעג פון גזשיבאוווער וואלד, ווו עס גייט דורך א ברוקירטער וועג, זיינען זיי דערגאנגען אזייגער צען אינדערפרי. פונדאנען איז ניט ווייט געווען צו דעם וואלד־וועכטערס הויז. נאר זיי האבן פארקערעוועט רעכטס, אף א שטעגעלע, וואס איז געלאפן צווישן הויכע סאסנעס מיט רויטלעך באגילדעטע שטאמען. א צייכן איז דא געווען גאר אן אומבאמערקבארער: אף א שווארץ אויסגעטריקנט יאדלע־ביימל זיינען געהאנגען צוויי פארדארטע שוועמלעך, וואס וואקסן געוויינלעך איינס לעבן צווייטן און זיינען צונויפגעטשעפעט בא די שטאמעלעך, — עפעער האט עס א וועוויריק הארבסט־צייט זיך געטריקנט אף ווינטער און האט זיי דא פארגעסן.... לעבן דעם דאזיקן ביימל איז געווען א שפור פון א קליינעם שייטער.

אפגעגאנגען מיט דעם קוים מערקבארן שטעגעלע אן ערעך א קילא־

מעטער, האָבן אַנעליע און ראַשעלע אַנגעטראָפן אַף אַן אומגעפאַלענער סאָסנע באַ אַ מורעשקעס־בערגל. דאָ האָבן זיי געדאַרפט נעמען רעכטס און גיין, ביז זיי וועלן באַגעגענען נאָך אַנדערע אַזעלכע סימאָנים. מיטאַמאָל זײַנען זיי ביידע געבליבן שטיין פאַרגליווערטע. טיף פון וואַלד האָט זיך דערטראָגן אַ שיסערײַ.

— אוי, ס'איז עפשער באַ דער אַזערע! — האָט ראַשעלע אַ בלאָסע אַרויסגערעדט, — לאָמיר לויפן אַהין! — זי האָט זיך אַ לאָז געטאָן גלײַך דורך די יונגע נוסביימלעך. אַנעליע האָט אין דער ערשטער מינוט אויך געוואָלט טאָן דאָס זעלבע, און שוין געמאַכט אַ פּאָר שפּאַן נאָך ראַשעלען, נאָר באַלד זיך אָפּגעשטעלט.

— סאָקאָלאָווע! — האָט זי אַ רוף געטאָן, — מע טאָר אַזוי ניט, מירן זיך דאָ פאַרפּלאָנטערן!

ראַשעלע האָט לויפנדיק אויסגעקערעוועט צו איר דעם קאָפּ, אירע אויגן זײַנען געווען פול מיט שרעק, זי האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. אַנעליע האָט זי דעריאָגט, אָנגעכאַפּט פאַר די אַקסל, אַ קער געטאָן מיטן פּנים צו דער אומגעוואָלגערטער סאָסנע, פון וועלכער מע איז ערשט אַוועק, און מיט שטרענגקייט, וואָס באַרויִקט געוויינלעך, געזאָגט:

— דער ווידערקאָל וועט דאָך אײַך ווייס איך ווו פאַרפירן!...

— אָבער ס'איז דאָך דאָרט, דאָרט שיסט מען...

— דאָרט צי ניט דאָרט, מיר וועלן, וווּהין מיר גייען, און טאָרן פון וועג ניט אַראָפּ...

פונוויַטן, פון דער סאַמע טיפעניש, האָט זיך ווידער דערטראָגן אַ שיסערײַ. די פרויען האָבן אַ קוק געטאָן איינע אַף דער אַנדערער און אַוועקגעאײַלט דורכן וואַלד, טרעטנדיק מיט די באָרוועסע פיס איבער וואָרצלען פון ביימער, קופּקעס שטעכיקע יאָדלע־נאָדלען און קילע, גלאַטע זאַמד־אויסשיטן...

7.

צו דער האָזן־אַזערע איז מיט אַכט באַוואָפנטע יונגען, מיטגלידער פון דער „אַרמיִאַ קראַיאָוואַ" (אַ. ק.) — דערין דרײַ, וואָס דינען באַ די דײַטשן אַלס פּאָליציי־לײַט — אַוועק סטעפאַן גאָלדאַש. זאַיאָנטקאָווסקי האָט דרינגענדיק געדאַרפט אַוועקפאָרן. פאַרן אַוועקפאָר האָט ער אָבער צוגעשיקט מענטשן פון שכייניש פּאָוויאַט. גאָלדאַש האָט די אַקאָווצעס באַגעגנט אַף אַן אָפּגערעדטן אָרט, באַ אַ פּאָלוואַרק, און ערעך העלפט וועג צווישן שכיינעסדיקן פּאָוויאַט און פּ..., אָפּן מיִרעוודיקן ראַנד פון גזשי־באָווער וואַלד. ער האָט געוווּסט, ווו די האָזן־אַזערע ליגט און אַליין אונטערגענומען זיך אָנפירן מיטן אָנפאַל, נאָר ווײַל מע האָט געקאָנט אָנטרעפן אַף מינען־פעלדער, האָט ער באַשלאָסן דעריבער נעמען אַלס וועג־ווײַזער דעם וואַלד־וועכטער גזשיבאָווסקי.

א ביסל האבן די יונגען געפלאנטערט, זוכנדיק גאלדאשן, דערפאר האבן זיי ערשט אזייגער אכט אינדערפרי באוויזן זיך ארום דעם וואלד־וועכטערס הויף, אן ארומגעצאמטן מיט א הויכן פלויט פון דינע ענג־צונויפגעקלאפטע דרענגלעך, אלע גלייך אונטערגעזעגטע פון אויבן. אליין א זון פון א היגן וואלד־אויפזעער, האט גאלדאש ניט געצווייפלט אין דעם פולן צוטרוי פון דעם אלטן גזשיבאווסקין.

כאטש ס׳איז שוין ניט גאר פרי געווען, איז אויסגעקומען גאנץ לאנג צו קלאפן אינעם וואלד־וועכטערס הויכן, ברעטלדיקן טויער. געעפנט האט גזשיבאווסקי אליין, אן אלטער, א געהויקערטער, מיט א שיטער גרוי בערדל. ער האט געקוקט אנגעשפיצט, ניט פריינטלעך, נאר אין אט דעם אויסדרוק פון זיינע קאסלעכע אויגן, אין דעם, ווי זיי זיינען ביז געלאפן פון איין באוואפנטן יונג צום צווייטן, האט זיך געשפירט אויך אומרו און אפילו האכנאע פון אן אומבאשיצטן.

מע איז אריינגעקומען אין שטוב.

— ווו איז פאני יאדוויגא? — האט גאלדאש געפרעגט.

— נאך גאנצפרי אין פאוויאט אוועקגעגאנגען.

— איז דער פאן גזשיבאווסקי אליין?

— אליין...

גזשיבאווסקי האט זיך אונטערגענומען זיי דורכצופירן צו דער האזן־אזערע, נאר אויך, מיט שטרענגקייט אין קאל געווארנט, אז עס וועט אויס־קומען דרייען זיך אין וואלד, ווייל דא שטעקן אומעטום מינעס, איז זאלן די כלאפאקעס קיין פאריבל ניט האבן, ווארעם ער ווייס, אז יוגנט איז אומגעדולדיק און וויל צומאל ניט וויסן, אז אן עלטערער שוינט זיינע פיס מיר ווי זיי...

מע איז אוועק. דער אלטער האט פון דרויסן צוגעשלאסן די טיר.

ווי נאר ער איז ארויס פון הויף און צוגעשלאסן דעם טויער, האט פון א טונקל קעמערל אין פארהייזל זיך ארויסגעשארט די אלטע יאדוויגא. אזוי איז שוין געווען אפגערעדט בא די דאזיקע אלטע, וואס לעבן אין אט דער אומרויקער צייט איינע אליין אין וואלד: אויב איינער פון זיי גייט עפענען עמעצן דעם טויער, באהאלט זיך דער צווייטער דערווייל אין א זיכער ארט. די אלטע האט אין פארהייזל געהערט, וועגן וואס עס גייט א רייד. אריינגעקומען אין צימער, האט זי זיך איבערגעציילעמט פאר די הייליקע בילדער, באצירטע מיט פאפירענע קווייטן, געכאפט דאס פעלצל אף די אקסל, ווידער איבערגעציילעמט זיך, און דורך א צווייטער טיר, וואס גייט ארויס פון זעלבן פארהייזל אף דער אנדערער זייט שטוב, ארויס אין דרויסן און פונקט אזוי פלייסיק, ווי דער מאן, אויפגעהאנגען א שלאס אף איר. דערנאך איז זי גלייך אריין צווישן יונגע יאדלעס, הינטער וועלכע ס׳איז אין פלויט געווען, דורכגעזעגן א קליין טירל, ארויס אין וואלד און איילים זיך אוועקגעלאזט אין דער ריכטונג צו דער האזן־אזערע.

אַזוי האָט זיך באַקומען, אַז מעטשיסלאַוו און מייער האָבן באַצייטנס זיך דערוווּסט וועגן די אומגעבעטענע געסט. עס זײַנען שנעל אַריבערגעטראָגן געוואָרן אין אַ גרייטער גרוב, צווישן געדיכטע קוסטעס,, די אַרויסבאַקומענע מינעס. דאָ האָט מען זיי פֿאַרלייגט מיט האָלץ און פֿון אויבן צוגעשאָטן מיט ערד. איינער פֿון די יעזשעוויצער יונגען, באַוואָפֿנט מיט אַ ביקס, האָט זיך פֿאַרלאָקערט אַ צוויי הונדערט מעטער פֿאָרויס פֿון לאַגער, צווישן צווײַגן און שטאַמען פֿון אָפּגעזעגענע ביימער. פֿונדאַנען האָבן די אָנפֿאַלער געדאַרפֿט אָנקומען. דער צווייטער יונג האָט זיך באַהאַלטן אין טרוקענעם טשערעט הינטערן לאַגער, איגעם דורכגאַנג צווישן צוויי אָזערעס. סאָקאָל און סיקאָראַ האָבן פֿאַרנומען אַ פּאָזיציע פֿון ביידע זײַטן לענגלעכן בערגל, אין ניט קיין טיפֿע שוץ־גראָבנס, צווישן די דעמבעס, ווו די ערד־שטיבלעך האָבן זיך געפֿונען.

דער לאַגער האָט זיך שוין געזען, און גאָלדאַש האָט אַלץ ניט אָפּגעלאָזט דעם אַלטן גזשיבאָווסקי — געגאַנגען לעבן אים. דער יעזשעוויצער יונג, וואָס האָט זיך פֿאַרלאָקערט צווישן די אומגעוואַלגערטע ביימער, האָט געהאַט אַ באַפֿעל שיסן בלויז נאָך דעם, ווי די אַקאָווצעס וועלן אַרונטערפֿאַלן אונטער סיקאָראַס און מייערס פֿײַער — זיי ביידע זיינען געווען באַוואָפֿנט מיט אויטאָמאַטן. צוגעדעקט מיט יאָדלע־צווײַגן, פֿון גרויס אָנשטרענגונג, באַגיסנדיק זיך מיט שווייס, איז דער יונג געלעגן אַף דער פֿײַכטער ערד און צוגעקוקט, ווי די אַקאָווצעס דערנענטערן זיך. זיי האָבן זיך גערוקט, צעשאָטן איבערן וואַלד, געגאַנגען זיך פֿון בוים צו בוים, אַ מענטשן זיבן סאַכאַקל. איינער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען דעם ביימער־געוואַלגער, ווו דער יעזשעוויצער איז געווען באַהאַלטן. גאָלדאַש איז דורכגעגאַנגען ניט ווײַט. אָנגעטאָן איז ער געווען אין גרויע ברידזשן, אין אַ אויסגעפּאַסטער ספּאָרט־מאַרינאַרקע. אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פּאַראַבעלום.

דער וואַלד־וועכטער איז אײַליק אַוועק צוריק, דעם קאָפּ אַרײַנגעצויגן אין די אַקסל. דער יעזשעוויצער יונג האָט זיך אונטערגעהויבן אַף די עלנבויגנס, אַרויסגערוקט אַ קאַפּעלע דעם קאָפּ און דערזען, אַז גאָלדאַש שטייט סאַכאַקל אַ מעטער זיבעציק פֿון אים, הינטער אַ דיקן בוים און מאַכט מיט דער האַנט, וואָס מיטן פּאַראַבעלום, האַסטיקע באַוועגונגען, אונטעריאָגנדיק זײַנע מענטשן, וואָס האָבן שטאַרק אָנגעבויגענע, מיט אָנגעשטעלט געווער, זיך שוין דערקליבן צום קימאַט הויכן פּלאַץ פֿאַרן בערגל.

גאָלדאַש איז עטוואָס אָפּגעטראָטן פֿון שטאַם און, ניט צילנדיק זיך, אַ שאָס געטאָן אין דער ריכטונג פֿון די ערד־שטיבלעך. דאָן האָבן די אַקאָווצעס, מיט אַ שיסערײַ און אויסגעשרײַען, זיך געלאָזט לויפֿן צום בערגל. מיטאַמאָל האָבן צוויי פֿון זיי אַ פֿאַל געטאָן, דאָס האָבן גענומען שיסן מייער און מעטשיסלאַוו. די אַקאָווצעס האָבן זיך באַהאַלטן הינטער

די עטלעכע בערעזקעס און דעמבלעך, וואס זיינען אפן הוילן פלאץ געשטאנען. דער יעזשעוויצער יונג האט אראפגעווארפן די צווייג פון זיך, באקוועם אוועקגעשטעלט זיך אף איין קני, א פאר רעגעס געצילט זיך גאלדראשן צווישן די לאפעטקעס און אויסגעשאסן. דאס איז געווען זיין ערשטע שלאכט און דער ערשטער שאס אין א לעבעדיקן סוינע. גאלדראש איז געפאלן. דער יונג האט ארויסגעלאזט א געשריי אי פאר אנציקונג, אי פאר שרעק, ווידער אויסגעשאסן, געטראפן שוין אוואדע בלויז אין בוים, ווייל געזען האט ער צווישן פניאקעס נאר גאלדראשעס אן אקסל און א קני אין גרויע ברידזשן.

פארכאפט פון דעם ערשטן אפגעטאנענעם, האט דער יונג, א פראסטלעכער, מיט בלאנדע האר, אראפגעקעמטע אפן שטערן, זיך געגעבן א הייב אויף מיט דער ביקס אין דער האנט, אליין ניט באנעמענדיק רעכט צוליב וואס, אין איין פארנעפלטן פארלאנג צולויפן צו גאלדראשן, דערנענטערן זיך צו ארט, וווּ די שלאכט קומט פאר. ער האט ניט באמערקט דעם אקאוועץ אין דעם פאליציי־פארם, וועלכער איז פריער געלאפן פון יענער זייטביימער־געוואלגער צום בערגל און האט איצט, באהאלטנדיק זיך צווישן די אנגעווארפענע שטאמען, געקוקט זיך צוריק. א טרוקענער קנאל — און דער יונג, וואס איז נארוואס אנציקט געווען פון זיין ערשטן זיג, איז געפאלן אף די צווייגן...

די שלאכט האט זיך פארצויגן. פון ביידע זייטן זיינען געווען ניט קיין סאך מענטשן, נאר דער וואלד — ביימער, פניאקעס, קאטשקעס — האט געהאלפן מאסקירן זיך און באשיצן זיך פון קוילן. פינף אקאווצעס זיינען נאך גאנץ געווען; צוויי פון זיי האבן זיך געשלאגן קעגן דעם יעזשעוויצער יונג, וואס איז געווען פארלאקערט אין טשערעט, צווישן ביידע אזערעס. עמעס, איינעם האט ער פארוואונדעט אין קאפ, נאר אליין אויך באקומען א וואונד אין פוס. ער האט אריבער געפויזעט צום בערגל און געשאסן פון הינטער אן ערד־שטיבל, שיצנדיק אזוי־ארום דעם מעהאלעך צווישן מייערן און מעטשיסלאוון.

אט איז דעם דאזיקן אנגעשטרענגטן מאמענט, ווען ניט די, וואס באשיצן זיך, האבן געהאט קויעך דעם פיינט דורכטרייבן, ניט די אנפאלער האבן געוואגט זיך א ווארף טאן אפן בערגל, וואס האט געהערשט איבער דער זומפיקער לאנקע, זיינען פון וואלד אנגעלאפן אנעליע און ראשעלע. דאס יונגע ווייבל האט זיך אלץ געריסן פארויס, ניט טראכטנדיק פון קיין געפאר, און אנעליע האט געדארפט אנווענדן איר גאנצן ווילן און אמאל אפילע איר קויעך אף אפצוהאלטן זי. אזוי איז געווען אויך איצט, ווען מע איז שוין קימאט ארויס צום בערגל און לעבן זיך געהערט די שיסערייַ. אנעליע האט פארשטאנען, אז פריער פון אלץ וועלן זיי זיך אנשטויסן אף די אנפאלער, דערפאר איז זי געווען זייער פארזיכטיק.

אונטער א דיקן בוים האט ראשעלע די ערשטע דערזען עטוואס אף

א זייט ליגן א מענטשן מיט א באנדאזש אפן ברוסט. זי האט ארויסגעלאזט א געשריי, ווייל איר האט זיך געדאכט, אז דאס איז מייער. אנעליע האט איר פארשטעלט מיט דער האנט דאס מויל, איינגעבעטן זיך בא איר, זי זאל שטיין א רעגע אין די קוסטעס, און אליין ארייַנגעשלייַכט צווישן די ביימער. איבערלויפנדיק פון שטאם צו שטאם, האט זי זיך דערנענטערט צום פארבאנדאזשירטן און מיטאמאל אליין שיר ניט קיין געשריי געטאן פון איבערראשונג — דאס איז געווען סטעפאן גאלדאש. דורכן באנדאזש אפן לינקן אקסל האט זיך בא אים דורכגעשלאגן א געדיכטער פלעק בלוט, זיין פאנעם איז געווען געל, פארקרימט, א ביסעלע פארטראגן. געלעגן איז ער אנגעשפארט אפן געזונטן עלנבויגן, אין דער האנט פארדריקט א פאראבעלום. דערזען אנעליען, האט ער א מינוט געקוקט אף איר מיט אנשטרענגונג און ווונדער, ניט פארשטייענדיק, ווי קומט זי אהער, דערנאך האט א פיבערדיקע רויטקייט פארגאסן זיין פאנעם, די אויגן האבן א גלאנץ געטאן:

— טראגט מיך אוועק פונדאנען, טראגט מיך אוועק, פאנא וואיטא־סוונא! א! — האט ער א קרעכץ געטאן.

אנעליע האט א ריס געגעבן דעם פאראבעלום פון זיין האנט און ארויסגערעדט אין א פיבער, וואס האט זי דורכגענומען:

— און ווער האט אייך אהער גערופן, פאניע גאלדאש? אליין געקו־מען, אליין גייט אוועק!

זי איז אפגעלאפן א צוואנציק שפאן אין א זייט און זיך גענומען ארומקוקן. ניט ווייט פון זיך האט זי דערהערט א שיסערייַ פון אן אויטא־מאט. ס'איז געווען אזוי נאענט, אז ס'האט איר אזש די אויערן פארלייגט. און זי האט דערפילט דעם גערוך פון פולווער. סאכאקל א צען מעטער פון איר, הינטער א פניאק, האט זי דערזען א מענטשן אין א פאליציי־פארם, ער איז געלעגן אפן בויך, צו איר מיט דער פלייצע. ווען יענער האט עטוואס אונטערגעהויבן דעם קאפ, א קוק טאן פאר זיך, האט אנעליע אויסגעשאסן אין אים. זיין קאפ האט א פאל געטאן אף דער ערד, האט עטלעכע מאל קאנווולסיוו א צוק געגעבן מיט די פיס און פאמעלעך זיי אויסגעצייגן.

אנעליע האט זיך אויסגעקערעוועט א רוף צו טאן ראשעלען צו זיך און דערזען, אז יענע שטייט מיט א ביקס צווישן די אפגעזעגענע ביימער, אין דער זעלבער רעגע האט אנעליעס אויג אויך געכאפט, אז גאלדאש האט מיט אנשטרענגונג זיך אויפגעזעצט און עפעס א שליידער געטאן מיט דער רעכטער האנט. א שווארצס, א קיילעכדיקס האט א שווינדל געטאן אינדערלופטן, געפאלן א צען שפאן פון אנעליען. זי האט מיט פרייד א טראכט געטאן: „ניט געטראפן!" — און נאך: „ווו האט ער עס א שטיין גענומען?" — אבער אין א רעגע ארום, ווען זי האט שוין בא־גומען, וואס דאס איז און זיך געוואלט א בייג טאן, האט א שטארקער

הילך זיך דערהערט און זי איז געפאַלן, פאַרשלונגען פון אַ בלענדיקן פיַיער...

בלויז דריַי אָקאָוצעס זיַינען פון וואַלד אַוועק גאַנץ. זיי האָבן באַוויזן פאַרכאַפּן מיט זיך סטעפּאַן גאַלדאַשן. מעטשיסלאַוו סיקאָרא, דער איינציקער, וואָס איז ניט געווען פאַרווונדעט, האָט זיי נאָכגעיאָגט ביזן סאָף וואַלד, נאָר זיי האָבן באַוויזן אַרוים אַפן שליאַך און אַף אַן אַנגעפּאָרענער פור אַרויפוואַרפן גאַלדאַשן. טאַקע אַרויפוואַרפן, — דערפון האָט מעטשיסלאַוו געמאַכט אַן אויספיר, אַז יענער איז שוין טויט.
אַנעליע איז געווען שווער פאַרווונדעט אין אַן אַקסל און אין אַ זיַיט.

XVIII. דער רוסישער אַדרעס.
מוטערס הייבן אָן די שלאַכט

1.

די קינדער־אַקציע האָט זיך פאַרצויגן אַף עטלעכע כאָדאָשים און אָנגענומען אַ כאַראַקטער שוין ניט נאָר פון קינדער־אויסראָטונג, נאָר סטאַם פון אַן אויסראָטונג פון געטאָ. אַלץ ווילדער זײַנען געוואָרן די כאַפּערס. שוין ניט זעלטן האָט מען קינדער, וועלכע מ׳האָט געפונען אַף אַ בוידעם צי אַף די העכערע שטאָקן, געשלײַדערט גלײַך אַפן ברוק. זוכנדיק קינדער, פלעגט מען פאַר־איינוועגס מאָרדן אויך אַלטע לײַט, מוטערס. אַלעמאָל פלעגן געכאַפּט ווערן צען־צוואַנציק מאַנצבלען פון אַ וווין־קוואַר־טאַל, אַלס אָרוועס־לײַט, עס זאָל אַרויסגעגעבן ווערן אַ באַשטימטע צאָל קינדער. די עלטערע פלעגן אומקומען, אָבער ניט אַלעמאָל פלעגן זיי מיט זייער טויט די קינדער ראַטעווען.

ניטאָ קיין גרעסערער ווייטיק, ווי דער ווייטיק פון אַ מוטער, בײַ וועלכער מע ברענגט אום דאָס קינד. די גאַנצע געטאָ איז פול געווען מיט אַזעלכע מוטערס. אַ מאַמע פון פינף קינדער איז מיטאָמאָל געבליבן עלנט, ווי אַ בוים אָן צווײַגן; אַ מאַמע, בײַ וועלכער מ׳האָט צוגענומען דאָס איינציקע קינד, איז ארומגעגאַנגען ווי מיט אַן אַרויסגעריסענעם האַרץ.

אַ מאַמע האָט פאַרשפּאַרט איר איינציק ייִנגעלע אין אַ געהיים אָפּ־געצוימט אָרט אַפן בוידעם און אָנגעזאָגט דעם זיבניאָריקן יאָסעמל, וואָס האָט געזען, ווי מע האָט דעם טאַטן דערהאַרגעט, ער זאָל זיך פאַר קיין פאַל ניט באַוועגן, ניט טומלען. די יונגע מוטער איז שוין טויט, — זי האָט די זשאַנדאַרן, וואָס זײַנען געקומען מיט אַ צעטל, ניט געוואָלט אויסזאָגן, ווו איר קינד איז. און דאָס זיבניאָריקע ייִנגעלע זיצט שוין דעם ווּיפלטן מעסלעס אינגאַנצן אַ צונויפגעקאָרטשעטס אין זײַן ענגער טונקע־לער באַהעלטעניש, דערנאָך ליגט עס, אין אַ בייגעלע צונויפגעדרייט, סע הריזעט אַ טרוקן שפּענדל, פרוווט נעמען אַפן ציינגעלע אַ ביסל שטויב און קײַט עס, פאַרכושט פון הונגער, דערנאָך הריזעט עס די אייגענע פינגערלעך

און שטאַרבט, ניט וואַגנדיק אַ רוף טאָן קיינעם און האַפנדיק, אַז די מאַמע וועט פאַרט קומען...

אַן עסעסאָווע הייסט אַ מוטער אײַנהייצן אין אויוון, און זי פאָלגט ניט, פוילט ער זיך ניט, הייצט אַליין אײַן און לאַכט, ווען עס קריכט פון דאָרט אַרויס, לעשנדיק מיטן אייגענעם גופֿ די פֿלאַקערנדיקע שײַטלעך האָלץ, אַ האַלב־דערשטיקט קינד, אַ שוואַרצס פון סאַזשע, מיט אַרומגע־סמאַליעטע הערעלעך...

בערעל אַלפער איז געקומען צו יערוכעמען אין וואַרשטאַטל.

— איך קאָן ניט מער! — האָט ער געזאָגט; זײַן רויט געזיכט האָט זיך געצוקט, — כ׳קאָן ניט... כ׳האָב ליב מײַן קינד, נאָר קויפן דעם דאָס לעבן דערמיט, וואָס כ׳שלעפ אַרויס צו דער אַקידע עמעצנס פּיצלעך, קאָן איך ניט... פיר מיך אַרויס מיטן ווײַב און מיטן קינד פון געטאָ, יערוכעם. אויב דו קענסט מיר ניט פאַרטרויען, ווו קאַרעל געפינט זיך, וועלן מיר אַוועק סטאַם אין דער וועלט אַרײַן... דאָ קאָן איך מער ניט זײַן.

ער האָט די האַנט צוגעשטעלט צום גאַרגל, באַווײַזנדיק, ווי ווײַט ס׳איז אים שוין דערגאַנגען די פּײַן.

יערוכעם האָט זיך צוגעזעצט אַף אַן איבערגעקערטן עמער, געוויזן אַלפערן אַ קלעצל אַף זיך זעצן. ער האָט זיך צוגערוקט נאָענט, גענומען דעם פּאָליציאַנטס שווערע האַנט אין זײַנער.

— און דו מיינסט, אַז איך קאָן דאָ זײַן, בערעל? — האָט ער שטיל געפרעגט, — אָבער נאָך מער קאָן איך ניט אַוועקגיין פונדאַנען... דו ביסט אונדז איצט זייער נייטיק... גייסט אום מיט די דײַטשן איבער די הײַזער, איז ראַטעווע און זע, אַז אַנדערע זאָלן אויך ראַטעווען, זאָג, אַז קיין קינד איז ניטאָ דאָרט, ווו ס׳איז יאָ דאָ...

— קאָן מען דאָך דאָס ניט אַלעמאָל טאָן!

— שטעל אײַן דאָס לעבן און ראַטעווע!

— וואָרט, יערוכעם... אָבער איך בין דאָך אויך אַ מענטש...

— טאַקע, ווײַל דו ביסט אויך אַ מענטש!

יערוכעם האָט געקוקט אין אַלפערס שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן, טרײַע און דערשראָקענע, קוים זיך באַוועגט צווישן די צוגעשוואָלענע ווײַעס, איבערגעבנדיק זײַן אינערלעכע אויפרעגונג. ער האָט געזאָגט:

— וועגן דײַן ווײַב און קינד וועלן מיר שטענדיק געדענקען, בערעל. און זיך צו שוינען האָבן מיר איצט קיין רעכט ניט.

.2

— מע טאָר ניט מעקאַנע זײַן קיין טויטן, און איך זינדיק ניט, כאַלילע, כ׳בין ניט מעקאַנע, נאָר נעבעך בײַביק האָט עפשער בעסער פון

מיר דעם סאכאקל אין לעבן געמאכט... — עסטער קארשעווער איז געזעסן אף איר שמאלינק בעטל, וואס איז געשטאנען אין אן אויסגעדלובעטער נישע, באם עק פון א הייל, שטיל גערעדט.

די הייל איז געווען אין גערטנדל, ווו נעכע בייביק האט אמאל געזעצט קארטאפל, אויסגעגראבן האט זי לייזער מיט זיינע נאענטסטע פריינט — יערוכעם, בערול, לעמפערט — ספעציעל פאר דער ב'ינדער מוטער. קעדיי צוצוקומען צו אט דער שמאלער נארע האט מען לעבן אן אנגעבויגענעם אלטן פניאק געדארפט אפרוקן א דעקל, אף וועלכן ס'איז געווען אנגעשאטן ערד — א מין בייט. אויב עמעצער איז אראפ אין הייל, האט א צווייטער געדארפט פון אויבן די ערד צושארן. לייזער און דער פאטער פלעגן זיך דערלויבן אראפ אהער צוזאמען בלויז באנאכט. גאנצענע מעסלעסן איז דא די בלינדע עסטער געזעסן איינע אליין. אפילע אלטערס בילד, מיט וועלכן זי האט באם אריבערפארן אין געטא זיך ניט צעשיידט און צו וועלכן זי פלעגט אפט, ווען ס'איז איר באזונדערס שווער געווען, זיך ווענדן ווי צו א לעבעדיקן, האט זי אין הייל ניט מיטגענומען. „כ'וויל ניט, זיין ליכטיק פאנעם זאל צוויי מאל זען די גרוב", — האט זי געזאגט, אוועקגייענדיק אין דער באהעלטעניש. דאך האט זי עפעס־וואס יא מיטגענומען מיט זיך — לייזער האט עס באמערקט ערשט א וואכן דריי נאך דעם, ווי די מוטער איז שוין דא געזעסן. איינמאל באנאכט האט ער דערזען ליגן אף איר בעטל צוויי קליינע פאטאגראפיעס. אף איינער איז, אנגעשפארט אף די הענטלעך, אף א טונקל זיידן קישעלע געלעגן אפן בייכל א פיצל, דאס קעפל מיט די שיטערע, העלע קוטשעדלעך אונטערגעהויבן — אלטער, ווען ער איז נאך געווען א זויג־קינד. אף דער צווייטער פאטאגראפיע איז געווען ער — לייזער, ווען ער האט ערשט אנגעהויבן גיין. ארומטאפנדיק די פאטאגראפיעס מיט די אויסגעדארטע פינגער, האט די מאמע געזאגט, ווי פארענטפערנדיק זיך: „אט אזעלכע זיינט איר געווען אינגאנצן מיינע"...

זי פלעגט ניט אויפהערןריידן, ווען מע פלעגט צו איר אראפגיין. די עלנטקייט האט זי געווארגן.

קיין שיין האט זי ניט געצונדן. נאך וואס? זי האט שוין וויפל כאדאשים געלעבט בלויז מיט דער ליכט, וואס זי האט אין די דערמאנונגען, אין דער פארשטעלונג פארהיט. און טאמער פלעגט דער מאן אדער דער זון אנצונדן א קאנעצל, פלעגט זי עס בלויז לויטן רויך דערפילן. „איר האט ליכטיק געמאכט?" — פלעגט זי פרעגן, צעשפרייטנדיק עטוואס די נאזלעפלעך אף איר לאנג געווארענער אויסגעדארטער נאז.

אפגעזונדערט פון דער וועלט אין אט דער הייל, אפגעזונדערט אפילע פון דעם ענגן געטא־וועלטל, האט עסטער קארשעווער פארשטאנען, אז וואס וויניקער דער מאן און דער זון דערציילן איר נייעס, אלץ שווערער אזוי די לאגע אויבן. ווינטער און פרילינג־צייט האט לייזער כאטש דערציילט

איר פריידיקס וועגן די רוסן — זיי האָבן אַנגעגריפן. איצט איז געווען טיפער זומער, די דײַטשן האָבן זיך געריסן צו דער וואָלגע, דער זון האָט זעלטן דערציילט וועגן דעם.

און דאָך האָט עמעצער, ווען לייזער איז, נאָך דרײַ טעג נישט זען זיך, אַראָפּגעקומען צו איר מיטן טאַטן, ארויסגעבראַכט אַ פּראָזע, וואָס האָט געוויזן, אין וועלכער ריכטונג אירע געדאַנקען זײַנען געווענדט, און ווײַל זי האָט פון דעם אָנגעהויבן, איז עס געווען אַ סימען, אַז זי האָט פון דעם די גאַנצע צײַט געטראַכט: זי האָט ווידער גענומען רײדן וועגן נעכע בײַביק.

— יאָ, נעכע בײַביק האָט בעסער איר סאַכאַקל אין לעבן געמאַכט, — האָט עסטער קאָרשעוער איבערגעכאַזערט, — ווי האָט זי דאָס אַמאָל געזאָגט, נעכע: מײַנע זין האָבן אַף דײַטשישן יווישער ניט געוואָרט... האַ, אַט האָסטו דיר אַ פּראָסטע יידענע! אַ כאַכאָמע געווען, האָט גע־ווּסט, ווען אַרויספּראָוואָדיען די זין, אַוועקגעשטעלט זיי באַם שוועל און זאָגן: גייט! נו, און אַז איך האָב מײַנע ניט אַרויסגעפּראָוואָדיעט, זײַנען זיי דען אַליין ניט אַוועק? אַלטער האָט מיך דען געפרעגט?... צי דו?... געדענקסט, לייזערקע, ווען דער דײַטש איז שוין נאָך איר גע־קומען, נאָך נעכען, וואָס זי האָט באַ דער טיר געזאָגט: „איך האָב מײַן זאָך אָפּגעטאָן — דער וועלט זין געגעבן”...

לייזער האָט שוין געוווּסט די דאָזיקע נײַע איינגשאַפּט דער מאַמעס, פּינקטלעך זיך דערמאָנען לאַנג געהערטע רייד. אין איר איינזאַמקייט אין אָפּגעשלאָסנקייט האָט זי אַזוי ווי איננאַנצן געלעבט אין די פריִער געפירטע שמועסן, ביז די מינדסטע דעטאַל אויפגעשטעלט באַ זיך אין זיקאָרן אַלטע באַגעגעניש.

דער פאָטער האָט געשוויגן. ער איז האַלב געלעגן אַף דער ערד, צו־געשפּאַרט מיט דער פּלייצע צום ווענטל פון הייל. די דאָזיקע פאַרכושטקייט דעם פאָטערס, דער אויסדרוק פון פולער אויסשעפּונג האָט לייזערן געשניטן באַם האַרצן. דער אַלטער זייגערמאַכער האָט געאַרבעט באַ שנאַפּען אין גאַרבאַרניע. ער, וועמענס הענט עס זײַנען געוווינט געווען צו איידלסטע מעכאַניזמען, האָט צו טאָן געהאַט מיט פעל פון פערד און אָקסן. ווי אַ פּריטשמעליעטער איז ער אומגעגאַנגען, געטאָן אַלץ מעכאַניש, איבער די קויכעס, צומאָל אין זינלאָזער אָנשטרענגונג.

— כ'וואָלט אויך רויק געשלאָסן די אויגן, ווען דו ביסט צווישן די רוסן, אָפּילע אַזש באַ דער וואָלגע, ניט נאָר אין לעבן גייט דאָס, לייזערקע... אָבער אַז נײַן, אַז דו ביסט דאָ?... האָסט אַנומלטן געזאָגט, קאָנסט מיך אַרויסשיקן צו יוזעף קאַטשורן, ווו כ'וועל וווינען אין אַזאַ גרוב צי גאָר צו אַנעליען, ווו ראַשעלע איז. ער, קינד מײַנס, צוליב זיך אַליין דאַרף איך מײַן לעבן ניט, און גיין מיט דיר — ביז איך אויך אַ שווערע לאַסט אַף דײַן האַלדז...

אויב די טעמע איז שוין בא די קאָרשעווערס פיל מאָל ארומגערעדט געוואָרן. און עס איז פעסט באַשלאָסן געווען — בלייבן הי. די עלטערן האָבן געוווּסט עפּעס־וואָס וועגן לייזערס אַנטייל אין דער קאָמפּס־אָרגאַניזאַציע. איצט איז איבעריק געווען צו זאָגן דער מאַמען, אַז ווייַט ניט זי איינע און דער טאַטע ליגן ווי אַ שווערע לאַסט אַף זייַנע פּלייצעס... און נאָך אַ זאַך: בלויז קעד׳י ניט צו פאַרשאַפן דער מאַמען נאָך מער צאָר, האָט לייזער ניט דערציילט איר דאָס, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט פון מאַריאַנען, — אַז אַנעליע איז שווער פאַרווונדעט און קרענקט שוין דעם ווייפלטן כוידעש און אַז יוזעף קאַטשורין מיט דער מישפּאָכע האָבן די דייַטשן אַרויסגעפירט, מע ווייס אַפילע ניט וווּהין...

אַ בלאַסע, אַן אויסגעטריקנטע, מיט אָפענע אויגן, וואָס האָבן קוים געגלאַנצט קעגן קאַנעצל, איז עסטער קאָרשעווער געזעסן אַפן בעטל, די פּים אייַנגעדעקט מיט אַ קאָלדרע. זי האָט אַלץ גערעדט:

— דער טאָד פון גאַנצן לעבן איז לאָזן אַ דאָר נאָך זיך... איז וואָס זאָל איך איצט זאָגן? — היט זיך, לייזערקע, זייַ דאָ מיט מיר אין הייל? אָדער פאַרקערט — גיי, לייזערקע, גיי אין דער וועלט אַרייַן, קוק ניט אַף טאַטע־מאַמע?... און וואָס הייסט זיך ראַטעווען? — דעם גוף אייַנהיטן, אַז אויסגעהוילטן שאַרבן? ניין, אַ מאַמע דאַרף איצט זאָגן: זייַ אַ מענטש, זון מייַנער, זייַ אַ מענטש, און זוך זיך מענטשן, כאַווײרים, וואָס זאָלן מיט דיר צוזאַמען אונדזער קאָוועד בייַשטיין! נאָר אַזוי דאַרף מען איצט בענטשן אַ קינד... און איך, וואָס זיץ איך דאָ? איין שטעקן אַראָפּלאָזן אַ דייַטש אַף די פּלייצעס, באַטש איין פּאַמויניצע אים אויסגיסן אַפן קאָפּ איז מער ווערט פון מייַן גאַנצן זיצן דאָ... נעבעך האָט כאָטש איינעם אין פּאָנעם אָנגעשפּיגן!

לייזער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן דער מוטער אַפן בעטל, געגלעט איר די האַנט. זי האָט שטרענג געשוויגן, פאַרנומען מיט אירע גערדאַנקען. די גראָע האָר זייַנען אַראָפּגעפאַלן אַף איר פּאָנעם. מיטאַמאָל האָט זי זיך אָנגערופן:

— נויעך, האַ, נויעך!

דער פאָטער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, קוים פונאַנדערגעריסן די מידע אויגן.

— נויעך, האָסט געפונען זכאַריעס אַדרעס? האָסט אַ קוק געטאָן צווישן די פּאַפּירן? מיר האָבן קרויווים אין רוסלאַנד, לייזערקע, קאָרשעווערס זייַנען דאָרט פאַראַן... טאָמער בלייַבסטו עלנט, לייזערקע, זאָלסטו וויסן, וווּ דייַנע קרויווים זייַנען...

זי האָט געשוויגן אַ מינוט, באַמיִענדיק זיך עפּעס צו דערמאָנען:

— כ׳האָב דיך ערשט געהאַט אַנטווײנט, — די סאָוועטן זייַנען דאַן צוגעטראָטן צו וואַרשע — איז בא אונדז אין שטוב געווען צו גאַסט זכאַריעס אַ זון, אַ רוסישער סאָלדאַט, דאַניעל... ער האָט דיך געהאַלטן

אף די הענט. ס׳איז אן איינן געשוועסטערקינד. דערנאך האבן מיר געהאט גרוסן, אז ער איז א טשעקיסט. עמיצער פון זיי איז אוועקגעפארן קיין ביראבידזשאן. זאלסט זיי געפינען... אמאל פלעגט מען זיך זוכן פריינט אין אמעריקע, מע האט געמיינט די שמאלץ־גרוב. איצט דארף מען זוכן פריינט אין רוסלאנד — בא זיי איז די גערעכטיקייט און די גוורע.

— איך ווייס דעם אדרעס, מאמעשי... — האט לייזער געזאגט.

3.

די מערהייט ארבעטער פון שנאפּס ווארשטאטן זיינען נאך בעיים די ערשטע אקציעס אריבערגעפירט געווארן וווינען אין עטלעכע קווארטאלן פון דער קשיווע־גאס, דער גרעסטער גאס פון געטא, וואס הייבט זיך אן בא די לײם־פּוסטקעס מיט קליינע הייזקעס און לאזט זיך אראפּ שוין מיט היפּשע מויערן ביז צום פּלאץ לעבן געטא־טויער. אמאל זיינען אין די ערשטע שטאקן פון די מויערן געווען היפּשע מאגאזינען, אין די קעלערס — סכוירע־לאגערן. איצט האבן זיך דארט געפונען די ווארשטאטן. די ארבעטער האבן געוווינט אין באזונדערע הייזער, ס׳ראוו — צעכנוויי.

ווען ס׳האט זיך אנגעהויבן די קינדער־אקציע, האט שנאפּס געמאלדן, אז צו זיינע ארבעטער האט עס קיין שייכעס ניט. בא אים האט אבער געארבעט העכער א פערטל פון דער געטא־באפעלקערונג, האבן יידן פארשטאנען, אז פריער אדער שפּעטער וועט אויך דא דער אומגליק געשען. די ווארשטאטן האבן פונקט געהאט דרינגענדיקע פראנט־באשטעלונגען אף זאטלען, זעלנער־ראנצן און וועש, האט די קינדער־אקציע דא געקאנט אפּגעלייגט ווערן אף א צייט. ס׳זאל ניט נערווירן די ארבעטער און ניט ווירקן אף זייער אויסארבעטונג. כוץ דעם האט די כאפּערס אליין געלוינט איין ראיאן דערווייל ניט טשעפּען, קעדיי בעסער אפּפּארטיקן זיך אין די איבעריקע.

די ווארשטאט־ארבעטער האבן די דאזיקע צייט אויסגענוצט אף צו פּארפּולקומען א גאנצע ריי באהעלטענישן און אונטערערדישע גענג.

א סאך קליינווארג איז געווען אין בלאק פון די וועש־נייטערנס, ווו ס׳האבן געוווינט דורכויס אלמאנעס. אויסגעמאטערטע ביזן העכסטן גראד, האבן די פרויען דאך געפונען אין זיך קויעך אף אויסגראבן דורך די נעכט אין דער וועשעריי, וואס האט זיך געפונען אין קעלער, אן אונטערערדישע הייל. קעדיי ארייַנצוגיין אהין, האט מען געדארפט אונטערהייבן דעם קעסל פון פּליטע. די הייל האט זיך געצויגן א מעטער פערציק אין דער לענג און זיך פארענדיקט מיט א ברייטערער גרוב, ווו עס האבן זיך געפונען העכער דרייסיק קינדער, אלע יינגער פון צען יאר. אין וועשעריי האבן זיך אלעמאל געפונען עטלעכע פרויען, קלוימערשט פארנומען באם געוועש. אפט פלעגן דא זיין צוויי יונגע לערערנס, ביילקע און סימעלע — ביידע פון סערקעלעס פּינפטל, זיי האבן דא אין באהעלטעניש געהאט קליינע ברידערלעך. אמאל

פֿלעגט אײנע פֿון די לערערנס זיך אַראָפּלאָזן אין הייל, דערציילן די קינדער מײַסעלעך, זינגען שטילערהייט מיט זײ. קעדײ אָפּװענדן יעטװידער כשאַד, האָט די פֿליטע זיך אָפּטער פֿון אַלץ געהייצט. יעדנפֿאַלס איז אין קעסל אַלעמאָל געװען זודיק װאַסער. קעדײ אַרײַן אין הייל, האָט מען דאָס װאַסער געדאַרפֿט אָפּשעפּן. נידעריקער פֿון קוימען איז געמאַכט געװאָרן אַ טירעלע, װי אַף צו רייניקן סאַזשע. דורכדאַנען פֿלעגט אין באַהעלטעניש אַרײַן לופֿט.

סאָף אָקטאָבער האָט שנאַפּע — אַ דיקער דײַטש מיט אַ דרײַענדיקן גוידער, װאָס לאָזט זיך אַראָפּ קימאַט ביז דער ברוסט, — דורכגייענדיק, װי זײַן שטייגער איז, פֿאַר װאַרמעס איבער די צעכן, הויך געמאָלדן די מײַסטערס, אַז ער פֿאַרט אָפּ אַף יאַגד. די אַרבעטער האָבן זיך אָנגעשפּיצט. די װעש־נייטערנס האָבן אַרויסגעשיקט אַ פּרוי אָנזאָגן אין קעלער, אַז אין קעסל זאָל זידן װאַסער...

פֿאַרנאַכט, אינגיכן נאָך דעם, װי שנאַפּע איז אָװעקגעפֿאָרן, זײַנען צו די אַרבעטער־קװאַרטאַלן פֿון קשיװע־גאַס געקומען זשאַנדאַרן און שטאַלענע העלמען, פֿאָליציאַנטן אין בלויע מיצעלעך מיט שטעקנס אין די הענט. צעטיילט אַף קליינע גרופּעס, זײַנען זײ זיך צעגאַנגען איבער די הײַזער, און באַלד האָט פֿון דאָרטן זיך דערטראָגן דאָס געװיין פֿון קינדער, דער געשריי פֿון אַלטע לײַט, די אַרבעט אין די װאַרשטאַטן האָט זיך פֿאַר־ענדיקט, נאָר מ'האָט קיינעם אַהיים ניט אָפּגעלאָזט. דאָך האָבן אייניקע אַרבעטער געפֿונען אַ מעגלעכקייט זיך אַרויסרײַסן אַף דער גאַס. אויך די װעש־נייטערנס האָבן די זאַך באַצייטנס דורכגעטראַכט: דורך אַ קעלער־פֿענצטערל, װו איין גראַטע איז געװען אָפּגעבויגן, זײַנען העכער העלפֿט פֿרויען, די יינגערע און געזינטערע, אַרוים אין אַ שמאָל ליקעלע, און פֿון דאָרט, איבער אַ שטריק־לייטערל, װאָס איז פֿאַרבאַהאַלטן געװען אין אַ קעמערל, דערלאַנגט זיך אָפּן צװייטן שטאָק פֿון זייער הויז.

די כאַפּערס פֿלעגן געװייניגלעך אָנהייבן פֿון באַקוקן דעם דאַך, די קוימענס, דעם בוידעם, דערנאָך פֿלעגן זײ זיך, שטאָק נאָך שטאָק, אַראָפּ־לאָזן אַלץ נידעריקער, ביז צום קעלער.

דאָס הויז פֿון די נייטערנס האָבן אונטערזוכט דרײַ דײַטשן און צװיי פֿאָליציאַנטן, אין דרויסן איז געשטאַנען אַ װאַך. צװישן די,, װאָס זײַנען אַראָפּ אין קעלער, איז געװען באַרעד אַלפּער. אַ שײַטל האָלץ האָט געטליִעט אין פֿליטע, אין הייסן קעסל האָט זיך געװייקט אַ ביסל גרעט.ביילקע, סימעלע און נאָך עטלעכע פֿרויען, װעלכע האָבן קלוימערשט געהאַלטן אינמיטן אַ געװעש, זײַנען געשטאַנען באַ אַ זײַט.

די פֿאָליציאַנטן האָבן מיט העמערלעך גענומען אויסקלאַפּן די װענט. פֿוסטריט זײַנען די דײַטשן זײ נאָכגעגאַנגען און זיך אײַנגעהערט. דערנאָך האָט מען געקלאַפּט אין דיל, אָפּגעריסן עטלעכע ברעטער. באַרעד אַלפּער האָט זיך אַלץ געפּלײַסט עטװאָס אָװעקדרייען זיך פֿונעם דײַטש, אַ פּאָר

מאָל האָט ער הינטערוויילעכס פּרעגעוודיק אַ קוק געטאָן אויף די פּרויען, געוואָלט פאַרשטיין, צי איז דאָ פאַראַן וואָס אויסצובאַהאַלטן, נאָר אין זייערע אויגן האָט געלויכטן בלויז סינע און שרעק — אַזעלכע אויגן זעט ער אַלעמאָל...

די דײַטשן האָט געערגערט, וואָס דער קעלער איז שוין דאָס לעצטע אָרט אין אָט דעם הויז, וווּ קינדער מוזן זײַן, און קיין קינדער האָט מען נאָך אַלץ ניט געפונען, זיי האָבן נאָך, עמעס, געקאָנט צושטעלן די פרויען צו דער וואַנט און זיי דראָען מיט צעשיסונג, רײַסן זיי פאַר די האָר, שלאָגן מיט די פיס אין בויך, נאָר, אַלס קלאָל, העלפט עס קיינמאָל ניט. מע מוז אַליין געפינען.

אַן עלטערער זשאַנדאַר מיט זייער אַ קלײַענדיק געזיכט, קימאַט אַן ברעמען. האָט זיך צוגעבויגן צו דער פּליטע און גענומען זי באַטראַכטן, געעפנט, פאַרמאַכט דאָס טירל, פאַרקוקט אין קוימען, באַפוילן אָפּפירן זי אַרומקלאַפּן מיטן העמערל. די נאָזלעפלעד באַם זשאַנדאַר האָבן זיך באַוועגט, ווי ער זאָל זיך פלײַסן עפעס דערשמעקן. אָפּער זהאָט באַמערקט דאָס לענגלעכע סאַזשע־טירל, וואָס האָט זיך געפונען אַ ביסל ניט דאָרט, ווו מ׳האָט געדאַרפט, און האָט פאַרזיכטיק אַראָפּגעלאָזט דאָס העמערל לעבן דעם. „דאָ איז עס!" — האָט ער מיט אינערלעכן גליווער אַ טראַכט געטאָן. צו דער פּליטע זײַנען צוגעגאַנגען אויך די אַנדערע צוויי דײַטשן, געשטאַנען און געקוקט אַף איר. איינער האָט זיך שוין אָפּגעדרייט און גענומען באַטראַכטן די סטעליע, ווו ס׳זײַנען געווען פײַכטע פלעקן, ענלעכע אַף פּריש־פאַרריבענער שטוקאַטורקע, ווען דער קלײַענדיקער זשאַנדאַר האָט מיטאַמאָל אָנגעבויגענערהייט, מאַלפּיש געגעבן אַ שפּאַן און אַ כאַפּ געטאָן אַ ברעקל סמאָלעאַרטיקע סאַזשע, וואָס איז געלעגן באַם לײַסטל פון פּליטע:

— האַ! — האָט ער זיך אויסגעגלײַכט און דאָס פאַרהאַרטעוועטע שטיקל סאַזשע אויסגעשטרעקט איינער פון די יונגע לערערנס, סימעלען, וואָס איז באַ דער פּליטע געשטאַנען, — וואָס איז דאָס, ליבעס מערכען?!

דאָס מיידל איז עטוואָס בלאַס געוואָרן. נאָר די אויגן האָבן קיין פינטל ניט געטאָן.

— וואָס איז דאָס?! — האָט דער דײַטש איבערגעכאַזערט, שטיקנדיק אין זיך אַן אַנציקט געלעכטערל, — אַ פון קעסל אָפּגעפאַלן, נאָר פון קעסל! — ער האָט זיגעריש געקוקט פון אונטערן אויסגעבויגענעם העלמראַנד אַף זײַנע צוויי קאָלעגן און מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג פון דער האַנט באַוויזן אָלפערן און דעם צווייטן פּאָליציאַנט, זיי זאָלן אַרויסנעמען דעם קעסל.

ביידע לערערנס זײַנען געשטאַנען לעבן קעסל, פון וועלכן עס האָט אַ קוים מערקבאַרער דאַמף זיך געהויבן. ביידע שיינע, קוטשעראַווע, מיט ווײַסע געזיכטער, ווי שוועסטער, סימעלע בלויז עטוואָס העכער און לײַבי־

קער. ביידע האָבן געהאַלטן עמאַלירטע קווערטלעך אין די הענט. מיטאַמאָל האָט סימעלע, מיט אַ לאַכלוטן רויִקן פּאָנעם, אויפגעהויבן אַ ליידיקן עמער און אַוועקגעשטעלט אים באַם ראַנד פון דער פּליטע, גרייט אָפּצושעפּן דאָס וואַסער. ביילקע האָט זיך צוגערוקט איר העלפן. זיי האָבן אָנגעשעפּט צו קווערטלעך און אויסגעגאָסן אין עמער. דאָס צווייטע קווערטל האָט סימעלע אַ רעגע פאַרהאַלטן אינדערלופטן און פּלוצים אַ פּליוך געגעבן דאָס הייסע וואַסער דעם קלייַענדיקן זשאַנדאַר אין פּאָנעם אַרייַן. ער האָט זיך אַ בייג געגעבן און אַ ווילדן געשריי אַרויסגעלאָזט. אין זעלבן אויגנ־בליק האָט ביילקע אַ גאָס געטאָן זודיקן אָקרעפּ אויך אָפּן צווייטן דייַטש. יענער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו איר מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט, פאַרשטעלנדיק מיט דער צווייטער די אויגן, ס׳איז שוין אָבער שפּעט געווען. דער דריטער דייַטש האָט אַ הייב געטאָן דעם פּיסטאָלעט, נאָר באָרעד אַלפּער האָט אים אַזאַ זעץ געטאָן מיטן האַמער איבער דער האַנט, אַז זי איז געבליבן הענגען אַן איבערגעבראָכענע.

— וואָס טוסטו, אַלפּער ?! — האָט אַ געשריי געטאָן דער צווייטער פּאָליצאַנט.

— שווייַג, אַ רועד אין דייַן טאַטן אַרייַן ! — האָט באָרעד, אַ הויכער, מיט קייַלעכדיקע, קרעפּטיקע אַקסל, אַ הייב געטאָן אויך קעגן אים דעם האַמער, — די פּאַשיסטן זשאַלעוועסטו ?! מיר זייַנען אַלציינס פאַרפאַלן !

— ער האָט אַרומגעכאַפּט דעם דייַטש, וועמען ער האָט ערשט די האַנט איבערגעהאַקט, אַז קוועטש געטאָן אים אין די אָרעמס, אויפגעהויבן און מיט אַזאַ קויעך אַ שטעל געגעבן אָפּן דיל, אַז באַ יענעם האָבן די פיס זיך אונטערגעבראָכן. אַ שטויס געטאָן אים אָף דער ערד, האָט אַלפּער אויפגעהויבן יענעמס געווער.

ביידע דייַטשן מיט די אָפּגעבריטע געזיכטער האָבן געמאַכט ווילדע אָנשטרענגונגען אָף צו באַפרייַען זיך פון די עטלעכע פרויען, וואָס האָבן זיי אַרומגעכאַפּט, געדראַפּעט, געשלאָגן מיט שייַטלעך האָלץ. איינער, דער קלייַענדיקער, האָט געפּאָכט מיט אַ פּיסטאָלעט איבערן קאָפּ, נאָר שיסן האָט ער געקאָנט בלויז אין סטעליע, ווייַל סימעלע האָט אים געהאַלטן פאַר דער אויסגעשטרעקטער האַנט. דער דייַטש האָט געשריגן, געשאָסן, אָבער אַ שיסערייַ האָט אויך פון דרויסן זיך געהערט, דאָס האָט ניט גלייַך געקאָנט צוציִען די אויפמערקזאַמקייט פון די וואַד־לייַט באַ דער טיר. אין קעלער איז געווען האַלב־טונקל, געלויכטן האָט בלויז איין קעשענע־לאַמ־טערן, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אָפּן דיל מיטן רעפלעקטאָר אַרויף.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט זייַן דייַטש, האָט אַלפּער זיך אַ וואָרף געטאָן צוהילף סימעלען. דער צווייטער פּאָליציאַנט האָט געוואָלט אַנטלויפן, האָט אַלפּער אים אונטערגעשטעלט אַ פוס, איז ער געפאַלן. באַם אַרייַנגאַנג אין קעלער האָבן זיך באַוויזן נאָך פרויען, זיי האָבן אים שוין ניט אַרויסגעלאָזט.

דער קלייַענדיקער זשאַנדאַר האָט באַקומען פון אַלפּערן אַזאַ שטויס

אין נאכן, אז ער האט באלד די האנט אראפגעלאזט און זיך גענומען אראפזעצן אף דער ערד. ארויסגעריסן האט זיך דער דײַטש, וועלכן ביילקע און צוויי פרויען האבן געוואלט אנטוואפענען. ער האט זיך אנגעשפארט אין דער וואנט און געשאסן פון אן אויטאמאט. זײַן געזיכט איז אבער געווען אפגעבריט, האט ער ניט געזען גוט וווּהין צו שיסן, אלע האבן א פאל געטאן אפן דיל. סימעלע, וועלכע איז ליגן געבליבן לעבן דעם פארבאלעשטן גוף פון קלײַנדיקן דײַטש, האט אויסגעשאסן פון זײַן פיסטאלעט. דער, וואס מיטן אויטאמאט, איז געפאלן.

.4

אט אזוי האט זיך אנגעהויבן דער ווידערשטאנד אין דעם הויז נומ. 14 אף קשיווע־גאס.

דאס, וואס די צוויי מיידלעך האבן מיט אקרעפ אפגעבריט די דײַטשן, איז ניט געווען בלויז קיין סטיכישער אקט. די פרויען האבן ניט איין מאל געשמועסט וועגן קאמף, וועגן פארשיידענע מעגלעכע ווואריאנטן. איינס איז געווען באשלאסן פעסט — האלטן די קינדער בא אומקומען, האבן ניט די מאמעס וואס צו בלײַבן לעבן, מען וועט זיך שלאגן ביז לעצט.

די באהעלטעניש איז געווען אזוי געבויט, אז זי איז ארויסגעגאנגען ארום ריוו אף דער שכיינעסדיקער ביאלע־גאס. אז מע האט געטראפן אהין, האבן די פרויען זיך אנגעשטויסן דערפון, וואס זיי האבן גענומען אויסגראבן ווארצלען פון דער אלטער אקאציע, וועלכע איז געשטאנען באם סאמע ראנד פון ריוו. מע האט ניט דערגראבן בלויז עטוואס ווייניקער פון א מעטער ביזן ריוו, קעדיי ער זאל זיך ניט אײַנוואלגערן. דאס דאזיקע ווענטל האט געדארפט דורכגעקלאפט ווערן בלויז אין דעם פאל, אויב דער ארײַנגאנג אין קעלער וועט אויפגעדעקט ווערן.

ווי נאר ס׳איז באוווסט געווארן, אז אף דער קשיווע־גאס הייבט זיך אן די קינדער־אקציע, האבן צוויי מוטערס זיך אראפגעלאזט אין הייל דורכצוגראבן דאס ווענטל. אט דערפאר טאקע, וואס אראפגעלאזט האבן זיי זיך אין אײַלעניש, אין דער טונקל, האט מען ניט דערזען דאס איינציקע שטיקעלע הארטע סאזשע אפן דיל. געדארפט האט מען פון אונטערן קעסל זיך אײַנהערן. און באלד, ווי די כאפערס באווײַזן זיך דא, ארויספירן די קינדער אין א שאפע ניט ווײַט פון ריוו, געבן צו וויסן סערקעלען, וועלכע וועט זיי אײַנארדענען אין א צווייטער באהעלטעניש און אננעמען ווײַטער־דיקע מיטלען אף ארויסשיקן זיי פון געטא. די מוטערס ווידער האבן שוין עפעס־וואס געהאט צוגעגרייט צום קאמף קעגן די דײַטשן. פון דער „ארי־שער זײַט" האט סימעלע ארײַנגעבראכט עטלעכע גראנאטן, געווען זײַנען דא אנגעגרייט פיל בענזין־פלעשלעך, פאקליע, דרענגלעך, שארפע אײַזערנע שטעקלעך, קעסטלעך מיט זאמד די אויגן צו פארשיטן. דאס אלץ איז צעשטעלט געווען אין פון פארויס באשטימטע ערטער.

דאָס געוואָר פון די דרײַ דערהאַרגעטע דײַטשן איז געווען דאָס ערשטע געווינס אין שלאַכט. אויך די הילף פון באַרעך האַלפּער איז געקומען אומדערוואַרט.

מע האָט נאָר באַוויזן פאַרטיק ווערן מיט די דרײַ דײַטשן, נאָך אַפילו ניט רעכט באַזוכט זיי, האָט אַ פרוי פון די טרעפּלעך אין קאָרידאָר אַ געשריי געטאָן:

— אַ קוילער גייט!

— עטלעכע פרויען האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן צו דער טיר. באַרעך אַלפּער האָט מיט זײַן שווערן שוך אַרויפגעטראָטן אָפן קעשענע־לאַמטערנדל. ס'איז פינצטער געוואָרן. דער דײַטש האָט זיך באַוויזן בײַ דער נידעריקער טיר פון קעלער, אַז אַנגעצונדן לאַמטערנדל איז געווען צוגעפעסטיקט צום פּאַסיק אָפן בויך, די פרויען האָבן באַוויזן די הארוגים פאַרשטעלן מיט זיך. נאָר דער זשאַנדאַר האָט ניט געקאָנט ניט באַמערקן די אויסערגעוויינלעכע אָנשטרענגונג פון דער מאַסע מענטשן, וואָס איז דאָ געווען, די אַנטשלאָסנקייט, וואָס האָט בײַ איינעקע אין דער פּאָזע זיך געפילט. אינמיטן קעלער איז געשטאַנען אַ הויכער קרעפטיקער אָרדענונגס־פּאָליציאַנט מיט אויסגעראַטשעטע אויגן, די רעכטע האַנט פאַרלייגט אָפן הינטן, אַ צווייטער פּאָליציאַנט איז געזעסן אָפן דיל און בלויז אַ הייב געגעבן בײַדע הענט, ווען ער האָט דעם דײַטש דערזען.

— ראַוס! — האָט דער זשאַנדאַר אַ געשריי געטאָן, מער קעדיי צוגעבן זיך אַליין מוט, איידער קעדיי צו דערשרעקן די מענטשן אין קעלער. ער האָט אויפגעהויבן דעם אויטאָמאַט. נאָר אין דער זעלבער רגע איז דער גאַנצער קעלער פאַרהילכט געוואָרן פון אַ שאָס, — ס'איז ווידער געווען סימעלע. דער דײַטש האָט זיך אַ כאַפּ געגעבן פאַרן אַקסל, אַ וואָרף זיך געטאָן מיט אַ געשריי אין קאָרידאָרל, באַוויזן פאַרלעשן דאָס לאַמטערנדל. אין דער פינצטער האָט אַלפּער אים נאָכגעשאָסן. נאָר יענער איז שוין געווען בײַ דער דרויסן־טיר און דאָרט געגוואַלדעוועט.

— לאָמיר אַרויס פון קעלער, פאַרנעמען דעם צווייטן שטאָק, — האָט אַלפּער גערופן, שטייענדיק בײַ דער טרעפּ־פּאַרענטשע. די פרויען האָבן געשטראָמט אַרויף, טראָגנדיק שוין ווער אַ דרענגל, ווער אַ קעסטעלע זאַמד. אין דער פינצטער האָט אַלפּער באַמערקט, ווי דער צווייטער פּאָליציאַנט האָט צווישן די פרויען זיך אַ שלײַך געגעבן. געוואָלט אַרויס צו דער טיר.

— לויף ניט, פּײַוויש! — האָט אַלפּער אים אָנגעכאַפּט פאַרן קאַלנער, — כ'האָב אויך אַ ווײַב מיט אַ קינד אין דער היים! אַרויף מיט אַלעמען, אין דײַן טאַטן אַרײַן!

בײַ דער פּאַראַד־טיר האָבן געהאַוועט דײַטשן, אין דעם בלויען אָוונט האָט די שײַן פון זייערע לאַמטערנדלעך אויסגעזען בלאַס. אַלפּער און סימעלע זײַנען אַליין געבליבן אין קאָרידאָר, בײַ די טרעפּ.

— זיי וועלן זיך באלד אַ לאָז טאָן אַהער! — האָט סימעלע געזאָגט.

— יאָ.

אין דער טונקל האָבן זיי בלויז אַ קער געטאָן איינס צום אַנדערן די געזיכטער, נאָר אָן ווערטער זיך פאַרשטאַנען.

— גייט אַרויף! — האָט אַלפער געזאָגט, — איר קענט דאָרט אַלע־מען, פאַרהאַקט די טירן, פאַרוואַלגערט זיי מיט מעבל. איך וועל דאָ אַליין באַגעגענען די מערדער. כ'האָב צוויי גראַנאַטעס באַ דעם דייַטש אַראָפּגענומען... שוין אַלצאיינס ווי... האָט ער נימ דערזאָגט.

סימעלע האָט זיך נאָך פאַרהאַלטן אַ רגע.

— גייט! — האָט ער האַרבער געזאָגט, ווי איר אָנוועזנהייט זאָל אים שטערן.

— מיר האָבן מיט וואָס זיך צו האַלטן אַ ביסל... — האָט דאָס מיידל שטיל אַרויסגערעדט, מיט צאַרטקייט און שטים, ווי זי זאָל אים וועלן טרייסטן.

דערויף האָט אַלפער געפרעגט:

— כאָטש אַ סאַך קינדער דאָרט געווען?

— פיר־און־דרייַסיק... זיי קערן שוין אַנטלויפן...

באַ דער אָפענער טיר האָט זיך באַוויזן אַ באַהעלמטער קאָפּ פון אַ דייַטש. אַלפער האָט מיט דער האַנט לייַכט אַ שטויס געטאָן סימעלען אַרויף. זי איז, טרעטנדיק אַף די שפּיץ פינגער, אַוועק איבער די אייַזערנע טרעפּ. דער דייַטש האָט אַ כאַפּ געטאָן צוריק דעם קאָפּ.

אַלפער איז נאָך געשטאַנען אַזוי אַ ביסל אין דער טונקל, געהערט, ווי פיל טריט הילכן אַפן צווייטן שטאָק, ווי די פרויען שרייַען עפּעס אין דרויסן אַרויס, געהערט די קאָמאַנדע פון אַ דייַטשישן אָפיציר. דעם דאָזיקן אָפיציר האָט ער געזען, ווען מע איז געגאַנגען אַהער, — אַ יונגער, מיט אַ רויט פול געזיכט און בערויגעזלעך אָנגעבלאָזענע ליפּן. „ער וועט זיך ניט לאָזן אַהער!" — האָט אַלפער געקלערט, — „אָפיצירן גייען באַ זיי ניט פאָרויס!..." — די דאָזיקע געדאַנקען האָבן זיך באַ אים דורכגעוועבט מיט דער ווייכטיקסטער זאָרג, וואָס האָט אים איצט פאַרנומען: ווי בעסער זיך פאַרלאָקערן? די דייַטשן וועלן אָנקומען ניט בלויז דורך דער פאַראַד־טיר, זיי וועלן דורך די פענצטער פון ערשטן שטאָק אַרייַנדרינגען אין די צימערן און אַ שפּאַר טאָן פון די צוויי זייַטיקע קאָרידאָרטירן. עס קאָנען געשליידערט ווערן אַהער גראַנאַטן. אויב אַזוי, שטייט ער צו נידעריק. ער האָט פלינק זיך אויפגעהויבן אַהין, ווו די טרעפּ פאַרקערעווען אַף האַלב וועג צום צווייטן שטאָק, און דאָ זיך אַנידערגעלייגט. אין דער זעלבער מינוט איז דער קאָרידאָר פול געוואָרן מיט בראַנד און הילך. זי פאַרבלענדעטן, אַ פאַרטויבטן האָט אַ הייסע כוואַליע לופט עטלעכע מאָל אונטערגעהויבן אַלפערן און צוריק אַראָפּגעלאָזט אים אַף די טרעפּ. ס'איז פינצטער געוואָרן, ס'האָט אים געשטיקט אַ ביטערער רויך,

דער קאָפּ איז געווען שווער, אין די אויערן האָט געהודזשעט, נאָר די געדאַנקען זײַנע זײַנען געווען קלאָר, די אויגן — וואַך.

באַלד האָט באַרעד אַלפּער דערזען, אַז אַ טונקעלע כאַפּטע האָט זיך אַ ריס געטאָן דורך די צוויי זײַטיקע טירן אין קאָרידאָר אַרײַן. מע האָט אַ לאָף געטאָן צו די טרעפּ. דאָ האָט ער אַ שלײַדער געגעבן די גראַנאַטע, וואָס איז שוין אַן אָנגעוואָרעמטע געלעגן אין זײַן האַנט, און גוואַלדן האָבן זיך אויסגעמישט מיטן מוירעדיקן הילד, אינעם רויטן אויפבליץ האָבן ווי פון אַ טהאָם זיך אויפגעהויבן צעקרימטע גופים, פונאַנדערגעוואָרפענע הענט און באַלד פאַרשווונדן. ס'איז פינצטער געוואָרן. אַ פײַערדיקע אויטאָמאַטן־ריי האָט דורכגעשטעפּט די טרעפּ איבער באָרעכן און די פאַרענטשע פאַר אים. ער האָט געשוויגן, אינגאַנצן אַ צונויפגעדריקטער. ווידער האָבן זיך עטלעכע דײַטשישע סאָלדאַטן אַרײַנגעשלײַכט אין קאָרידאָר, האָט ער אין די שאָטנס געוואָרפן די צווייטע גראַנאַטע...

דערנאָך האָט אַלפּער געשאָסן פונעם פּיסטאָליעט. אים האָט אין עטלעכע ערטער געריסן דאָס לײַב. שוואַרצע מענטשן זײַנען אַף אים געגאַנגען. ער האָט זיך געוואָלט אויפהייבן און ניט געקענט. קוים אָנגענומען זיך מיט אַ האַנט פאַר דער פאַרענטשע, האָט ער געוואָלט אויפשטיין, קעדיי אין פולן וווּקס באַגעגענען דעם סוינע. נאָך עפּעס האָט אים געבראָכן אַף צווייען, איז ער ווידער געפאַלן, עמיץ האָט אים מיט דעם פוס געגעבן אַ שטויס, און ער איז פון די טרעפּ אַראָפּגעפאַלן אַפן דיל...

.5

די שלאַכט פון די מוטערס אין הויז אַף קשיווע־גאַס האָט זיך שוין פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט, און די דײַטשן האָבן זיך ערשט דערקליבן ביז צום פערטן שטאָק. געווען איז נאָך פרײַ דער פינפטער שטאָק און דער בוידעם. באַזונדערע צימערן אינעם הויז האָבן געברענט, אונטערגעצונדענע דורך די דײַטשן גופע, ווי אויך פון די בענזין־פלעשער, וואָס די פרויען האָבן געוואָרפן. קיינע פון די, וואָס האָבן זיך דאָ פאַרטיידיקט, האָט זיך לעבעדיקערהייט ניט אונטערגעגעבן.

די פרויען האָבן דורך די פענצטער געשלײַדערט אַפן ברוק, ווו דײַטשן זײַנען אומגעלאָפן, טעפּ, לאָמפּן, אָנגעצונדענע שטרויענע מאַטראַצן; מיט קעסטלעך זאַמד אין די הענט זײַנען זיי אָנגעקומען אַנטקעגן באַוואָפנטע זשאַנדאַרן, וואָס האָבן איבערן אָנגעוואַלגערטן מעבל זיך אַרײַנגעריסן אין די צימערן; פאַרקליבן זיך הינטער אַלמערס און איבערגעקערט זיי אַף די כאַפּערס; געוואָרפן פלעשער מיט בענזין, וואָס זײַנען דאָ געווען פאַרגרייט.

די ערשטע האַלבע שאָ פון קאַמף האָבן די אָרומיקע הײַזער אַף דער גאַס געשוויגן, געשטאַנען טונקעלע אין דער נאַכט, פאַרטײַעטע, טויבע. די אַקציע איז דאָרט אָפּגעשטעלט געוואָרן. אַלע כאַפּערס זײַנען צונויפגע־

זאמלט געווארן ארום דעם הויז פון די וועש־נייטערנס, עס איז בלויז געלאזט געווארן א וואך בא די פאראד־טירן און איינפארן, פאטרולן האבן זיך געשלייכט אין די שאטנס פון ווענט. נאר אט האט פון א הויז אנטקעגן זיך דערהערט א שאס, א דייטש איז געפאלן, אט האט איבער א פלויט א פלי געטאן א גראנאטע און אומגעבראכט דעם פאטרול, מע האט גענומען שיסן פון גאנקעס און דעכער. עסעסלייט, וואס האבן אף דריי פראכט־אויטאמאבילן געיילט אהער, זיינען באשאסן געווארן נאך פאר דער קשיווע־גאס, געמוזט ווייטער זיך באוועגן צופוס, פונאנדערגעשאטן אין א קייט. זיי האבן געווארפן אין דער הייך ראקעטן, געשאסן אין די פענצטער.

דערהערט די שיסעריי, דערזען די פייערן, האבן די ארבעטער, וועלכע זיינען געווען פארשפארט אין די ווארשטאטן, זיך גענומען רייסן צו די טויערן, זיך געווארפן אף די ווערק־שוצער. די גארבערס האבן זיך דורכ־געריסן און זיינען ארויס אף דער גאס. די נייטערנס זיינען, מיט פרעסלעך און שערן אין די הענט, ארויס אין הויף פון ניי־ווארשטאט און אזוי באגעגנט די עסעס־לייט, וואס זיינען זיי געקומען אין מאשינעס פארנעמען. די געכאפטע האט מען געפירט צו דער סטאנציע.

א קורצער וויקוח איז פארגעקומען אין ארטיסטן־קעלער, ווו ס'האבן זיך גלייך נאך די ערשטע שאסן אף קשיווע־גאס באגעגנט לייזער קארשע־ווער, פיניע בערול און אירמע שאך. יערוכעם ליכטציער איז ניט געווען אין געטא. מיט דריי טעג צוריק איז ער ארויס אף דער „ארישער זייט" מיט א וויכטיקער שליכעס. אירמע האט געראטן ביכלאל צוווארטן, ניט אנשליסן זיך דערווייל אין אט דעם, עפשער אומבאדייטנדיקן, צוזאמענ־שטויס, קעדיי ניט דעקאנספירירן זיך אין א ברייטן מאסשטאב. פיניע, פארקערט, האט געהאלטן, אז מע וואלט גענדארפט גלייך אנפאלן אף דער טויער־וואך פון געטא, פארנעמען די געביידע פון יידן־ראט, ווו ס'זיינען דא טעלעפאנען, דאס ארעסט־הויז, אריבערווארפן דעם קאמף אף אנדערע גאסן. א היציקער, אן אנטשיידענער, א ווילד־דרייסטער, ווי אנגעמאסטן אף באזונדערע דיווערסיע־ און אנפאל־אפעראציעס, האט פיניע בערול ניט באנומען, אז דאס, וואס ער האט פארגעלייגט, באטייט אין טאך אן אלגע־מיינעם אויפשטאנד. אזא זאך האט אין געטא געקאנט פארקומען בלויז איין מאל, די קאמפס־ארגאניזאציע איז נאך אבער צו דעם ניט געווען גרייט.

אויסגעהערט די אויסשפירער, וואס האבן שוין באוויזן זיך אומקערן פון דער קשיווע־גאס און האבן דערציילט, אז אין הויז פון די וועש־נייטערנס גייט א מעסירעס־נעפעשדיקער קאמף און אז עס רופן זיך שוין אפ אויך אנדערע הייזער, האט לייזער באשלאסן לאזן דערווייל אין קאן א קליינעם טייל באוואפנטע קעמפער, קעדיי דערמונטערן די אויפגעשטא־נענע, פארשטארקן דעם עפעקט פון זייער ווידערשטאנד. ס'איז שוין קלאר

געווען, אז עס קומען אנטשיידענע טעג. דערווייל האבן אירמע שאך און פיניע בערול גענדארפט אויפהייבן א פינפטל נאך א פינפטל, זען, אז זיי זאלן פארנעמען זייערע פאסטנס און ווארטן אף וויטערדיקע אנווייזונגען. די געווער־לאגערס האט לייזער נאך ניט באפוילן צו עפענען, יעדערער שטעלט זיך אף דער וואך מיטן געווער, וואס ער האט זיך אליין איינגעשאפט.

לייזער האט פערזענלעך אוועקגעפירט דרייסיק קעמפער — דערין עטלעכע מיידלעך — אף דער קשיווע־גאס. עס האט אים ארומגעכאפט א פייערלעכע אויפרודערונג, אזא דראנג צו קאמף, וועלכן ער האט ניט געקאנט באהערשן אין זיך. ענלעכס האט ער איבערגעלעבט אין ווארשע, ווען ער האט א פארמאטערטער זיך קוים דערקליבן אהין מיט עטלעכע זעלנער פון זיין צעקלאפטן טייל און זיך דערוווסט, אז אף פולאווסקי־גאס קעמפט מען אף באריקאדן קעגן די דייטשן. דאן איז ער אבער געווען א פראסטער זעלנער, איצט — קאלזמאן יערוכעס איז ניטא — דער אנפירער. ער האט עפשער ניט געטארט אליין גיין מיט דער מאכנע, גענדארפט געפינען זיך אין שטאב, — דאס אלץ האט ער פארשטאנען, נאר געוווסט האט ער אויך, אז ער קאן קיינעם ניט אפגעבן אט די נאכט פון קאמף.

לייזער האט שוין גוט געוווסט יעדעס געסעלע, יעדן הויף, יעדן גאנעק אין א באליביקן ראיאן פון געטא. פאר פיל כאדאשים האט ער געניי דורכגעטראכט יעדן ווארי‌אנט פון קאמף. איצט האט ער געהאט פאר זיך א נייעם ווארי‌אנט, וועלכן עס קאן אונטערזאגן בלויז דאס לעבן אליין, אבער דאס דורכגעטראכטע האט אים מיטגעהאלפן זיך שנעל אריענטירן אין דער לאגע. דריי באכערים מיט אויטאמאטן האט ער געהייסן פארלאקערן זיך באם ראג פון ביאלע און קשיווע־גאס, דורך דאנען האבן געקאנט אונטערקומען דייטשישע רעזערוון; דריי פארלעך זיינען געשיקט געווארן דורך די הינטערגעסלעך אראפנעמען די וואך בא די הייזער, אפראמען די פאטרולן און דעריקערשט — מאכן וואס א גרעסערן טומל אין די זייטיקע סעדלעך, אויפהייבן א שיסעריי אלעמאל אין אן אנדער ארט, קעדיי שאפן אן איינדרוק, אז מע פאלט אן אף די דייטשן פון אומעטום. דערוווסט זיך, אז די דייטשן נעמען אן מיטלען אף ארויספירן יידן פון די ווארשטאטן, האט לייזער אויסגעטיילט פיר קעמפער, וואס זאלן זיך צוגאנוועגען צו די אויטא־מאשינען און דורכשיסן די רעדער, מאטארן, דערמארדן די שאפערן. אליין איז ער פארבליבן מיט זייבעצן קעמפער. מיט דער דאזיקער גרופע האט ער פארטראכט אנפאלן אפן הויז פון די וועש־נייטערנס, ווו ס'זיינען געווען פארזאמלט ניט ווייניקער פון פופציק דייטשן, צעטומלען זיי, אויסנוצנדיק די בעהאלע, זיך אריינרייסן אין הויז גופע און באפרייען פון דארט, וויפל פרויען ס'וועט זיך לאזן. פונקט אזוי בליצשנעל האט מען אויך גענדארפט פארשווינדן נאכן אנפאל, צערינען אין דער נאכט.

מיט זיין גרופע האט לייזער זיך דערקליבן גאר נאענט צום ארט, פונוואנען מ'האט געדארפט מאכן דעם אנטשיידענעם שפרונג. דאס איז געווען א געמויערטער שטאל אין דער טיף פון א זייטיקן הויף. פונדאנען האט מען גוט געזען, ווי עס גיסן זיך איבער די פייערן אין די אויסגעזעצטע פענצטער אין איין פליגל פונעם הויז נומ. 14 — די קאפיטאלע ווענט האבן, ווייזט אויס, ניט געלאזט דער סרייפע זיך פארשפרייטן, — ווי די פרויען קלייבן זיך שוין ארויס אפן דאד, וועלכער איז אין דער נאכט ארומגערינגלט געווען מיט ווייסלעכע קנוילן רויך, ווי אז אינדזל מיט שוים... די קעמפער מיט לייזערן בעראש האבן עטלעכע מינוט פארגליווערט געקוקט אף דעם דאזיקן בילד.

פאר איין פינפטל, בעראש מיטן ארטיסט שמועל לעמפערט, א הויכן, שווארצן באכער, האט לייזער געשטעלט אן אויפגאבע דורכלייגן א וועג צום הויז. מיט גראנאטעס האבן זיי געדארפט פארניכטן צוויי קוילנווארפערס, וועגן וועלכע ס'איז באוווסט געווען, אז זיי שטייען אף דער גאס קעגן אריינגאנג אין הויז, אנווארפן א פאכעד אף די דייטשן ארום. לעמפערט מיט זיינע יונגעץ האט זיך נאך פארהאלטן א ביסל, ווייל באלד האט צום שטאל געדארפט קומען דער אויסשפירער פאלע שאץ, וועלכער איז, איבערגעטאן ווי א זשאנדאר, נאך פון פארויס געשיקט געווארן אריינצודרייען זיך צווישן די דייטשן און א קוק טאן, וואס ס'טוט זיך בא זיי.

די פילאטקע פארוקט אין בוזעם, מע זאל אים לויט זיין פאטלאטן קאפ דערקענען, האט פאלע זיך דערקליבן ביז צום שטאל און א פארסאפעטער דערציילט, אז די דייטשן האבן מינירט דאס הויז און קלייבן זיך דאס אינגאנצן אויפרייסן, אינעווייניק געפינען זיך בלויז געציילטע סאלדאטן, וואס דארפן איינהאלטן די פרויען אויבן, ביז עס וועט קומען א סירענע־סיגנאל אף ארויס אין דרויסן.

די נייטערנס זיינען געווען פאראורטיילט. די גרופע קעמפער האט בלויז געקענט אנפאלן אף די דייטשן ארום הויז און נעקאמע נעמען פארן טויט פון די העלדנס. איייניקע קעמפער האבן זיך אבער אונטערגענומען דורכרייסן זיך אין הויז, צו די העכערע שטאקן, און פרוון ווארענען די פרויען וועגן דער געפאר. לייזער האט באשלאסן ניט אפלייגן דעם אנפאל. די דייטשן האט דאס אדער קלאל געקאנט שטערן פארווירקלעכן דעם אויפרייס, אדער ווען זיי זאלן אפילע איינהאלטן אין עפעס אין א זייטיקער בזהעלטעניש די איינשלים־מאשינדלעד, וועלן זיי דאך ניט אויפרייסן דאס הויז, ביז זייערע זעלנער וועלן זיך דארט שלאגן. די הויפט־גרופע קעמפער, צוועלף מאן, האלט איין דעם ערשטן און צווייטן שטאק, לאזט ניט די דייטשן זיך ארויסרייסן, און שמועל לעמפערטס פינפטל שלאגט זיך דורך העכער. דערהערט מען אבער א סירענע־סיגנאל — פארלאזן אלע דאס הויז.

דאס געפעכט ארום און אין דעם מינירטן הויז איז געווען קורץ און

בלוטיק. אַלץ איז אָפּגעטאָן געוואָרן אין מעשעד פון אַ פערטל שאָ. עס זײַנען געפאַלן די דײַטשן בײַ די צוויי קוילנוואַרפער, עס זײַנען געהאַרגעט געוואָרן די דײַטשן בײַם אַרײַנגאַנג. איבער זייערע גופים, איבער ברוכוואַרג, ברענענדיק מעבל האָבן איינציקע קעמפער זיך דערלאַנגט ביזן בוידעם פון הויז. פאַרווונדעטע, פאַרכאַלעשטע קעמפערנס, וועלכע מע האָט געטראָגן אין וועג, האָט מען אוועקגעלייגט בײַ די טירן, קעדיי אויף צוריקוועגס זיי אַרויסטראָגן, אַרום אַ צען פרויען האָבן באַוויזן אַליין אַראָפּ פון דער הויך. אין צווייטן הויף האָט זיך צעוויעט אַ כירענע. נאָר די קעמפער, פאַרשיטנדיק אַלץ אַרום מיט קוילן, האָבן זיך באַוויזן אַרויסצורײַסן אויף דער גאַס, און ווען דאָס הויז איז אײַנגעפאַלן, זײַנען זיי שוין געווען אויסער געפאַר...

צווישן די פאַרווונדעטע, וואָס מע האָט אַרויסגעטראָגן פון הויז, איז געווען אויך באָרעך אַלפּער.

.6

יערוכעם איז אַרויס פון געטאָ באַזוכן זאַלמען קאַרעלס אָטריאַד אין וואַלד. דערויף איז אַוועק דרײַ טעג. דער אָטריאַד האָט אָפּט זיך איבערגערוקט, ווײַל די דײַטשן האָבן שוין געפירט אַ געיעג נאָך אים. צײַטנווײַז האָט ער זיך דערווײַטערט פון שטאָט, און אַמאָל זיך דערנעענטערט. איצטיקס מאָל איז ער געווען גאַנץ ווײַט, יערוכעם איז געקומען אויף עטלעכע טרעף־ערטער, ביז ער האָט זיך דערלאַנגט צו קאַרעלן.

דער געטאָ־שטאַב האָט שוין לאַנג זיך איבערצײַגט, אַז דאָס שאַפן דעם אָטריאַד איז געווען זייער אַ ריכטיקע זאַך. איצט האָט יערוכעם מיט זײַן קומען אין וואַלד אַרײַן געדאַרפט נאָכאַמאָל באַשטעטיקן, אַז זאַלמען איז געווען גערעכט. נאָך מער, וויסנדיק, אַז איבער די קראַנקע און קינדער, וואָס האַלטן אין איין צוקומען, איז דעם אָטריאַד אַלץ שווערער צו מאַנעווּרירן, שווער אָפּרײַסן זיך פון די באַזעס, האָט יערוכעם פאָרגעלייגט אָרגאַניזירן אין אַ ווײַטערן וואַלד־ראַיאָן נאָך איין נײַעם אָטריאַד, פאַר וועלכן קאַרעל האָט בלויז געדאַרפט אויסטיילן עטלעכע געניטע פּאַרטיזאַנער אַלס קערנדל, און אַ ביסל געווער אויף דער ערשטער צײַט. קעמפער וועלן צוגעשיקט ווערן פון געטאָ.

דעם טאָג, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די קינדער־אַקציע אויף דער קשיווע־גאַס, האָט יערוכעם זיך שוין געהאַט אומגעקערט אין שטאָט. ער איז געווען בײַ דער מומע קאַזיונצע, וווּהין ס'איז אויך געקומען מאַריאַן גוראַל. ביידע זײַנען זיי פאַרנאַכט אַוועק אויף אַ קאָנספּיראַטיווער קוואַרטיר, אין צווייטן עק שטאָט, ווו מ'האָט זיך באַגעגנט מיט צוויי וויכטיקע טוער פון דער פּוילישער אַרבעטער־פּאַרטיי (פּפּר). דאָ האָט יערוכעם זיך דערדעדט וועגן געווויסער הילף דער געטאָ מיט געווער און אויך וועגן דעם, אַז גרופּעס ייִדן וועלן אַרויסגעשיקט ווערן אין די פּוילישע פּאַרטיזאַנישע אָטריאַדן פון דער „אַרמיאַ ליודאָוואַ".

דער שמועס מיט די פּפר־טוער האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין אָוונט. כוץ די גרונט־פראַגן, וועלכע זײַנען געלייזט געוואָרן, זײַנען אויפגעשווומען פיל דעטאַלן, וואָס האָבן געמוזט ריכטיק באַלויכטן ווערן. יערוכעם האָט, ווי קיינמאָל ביז איצט, זיך דערפילט דערמונטערט, ווען ער איז אַרויס אין גאַס. און דאָ האָט ער פון דער הייך דערזען די סרייפע אין געטאָ־ראַיאָן, די אויפלויכטן פון ראַקעטעס, די שנירעלער טראַסירנדיקע קוילן, וואָס האָבן געשניטן דעם טונקעלן הימל. אַף אַ פּאָר מינוט האָט יערוכעמס האַרץ זיך צונויפגעדריקט פאַר אומרו און ווייטיק, ער האָט זיך פון אָרט ניט געקאָנט רירן. גוראַל איז אויך געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער.

— נו, עפּעס קומט דאָרט פאָר... — האָט יערוכעם שטיל געזאָגט.

די סרייפע, די ראַקעטעס, די קוילן האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין דער טונקעלער ווײַסל, וואָס וואָלט, ווען ניט די פײַערן, אַז אומריכטבאַרע געפלאָסן אין דער נאַכט. אָט אַהין איבער דער ווײַסל, האָט יערוכעם זיך באַלד געדאַרפט אַוועקלאָזן. גוראַל האָט שווײַגנדיק גענומען זײַן אויסגעשטרעקטע האַנט, פאַרהאַלטן זי אַ רגע, האָט ער מיט דער צווייטער אים אַרומגעכאַפּט פאַרן האַלדז. מע האָט זיך צעקושט.

ווי יערוכעם האָט ניט געאײַלט, האָט ער געמוזט זײַן פאָרזיכטיק און ווען אויסמײַדן געפערלעכע ערטער, ווו עס שטייט אַ דײַטשישע וואַך. דעריבער האָט ער געדאַרפט פּאַטערן אַ שאָ אַנדערהאַלבן אַף דערלאַנגען זיך אין געטאָ. נאָך אין שטאָט, ווען ער איז געגאַנגען איבער דער טונקעלער זײַט פון מאַרק־פּלאַץ, האָט ער דערזען דעם שטאַרקן פלאַם־אויפלויכט איבער דער געטאָ און אין אַ פּאָר רגעס אַרום פאַרנומען דעם הילך פון אויפרײַס. דאָ, אין די טונקעלע ליקעלער, האָבן די שויבן שטיל אויפגעציטערט און פון אַ רינווע האָט אַ שטיקל מאָך זיך אָפּגעריסן און צו זײַנע פיס געפאַלן... און דאָך האָט יערוכעם זיך ניט געקאָנט לאָזן לויפן, ער האָט נאָר גענומען שטעלן שנעלערע טריט, צונויפגעדריקט אין האַנט דעם רעצעפּט, וואָס ער האָט געהאַלטן גרייט אַלס באַווייז, אַז דאָס אײַלט ער זיך אין אַפּטייק אַזוי שפּעט...

נאָך דעם אויפרײַס האָט די שיסערײַ אָנגעהויבן שטילער ווערן. אַף אַ שיפל, וואָס איז אין אַ באַשטימטן אָרט, פיל נידעריקער פון בריק געשטאַנען, האָט ער זיך אַריבערגעקליבן איבער דער ווײַסל. דאָ האָט ער נאָך געהאַט אַ היפּש שטיק וועג צום הויז פון אַ באַוווסטן פּוילישן אַרטיסט. דאָרט, אין אַן אַרומגעצאַמטן סעדל, אונטער אַ פאַרלאָזטן זומערקיכל, האָט זיך געפונען דער סאָף פונעם דורכגאַנג, וואָס איז דורכגעגראָבן געוואָרן אַהער אַזש פון אַרטיסטן־קעלער אין געטאָ. יערוכעמס היימישער דורכגאַנג איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געווער־לאַגער, פון וועלכן מ'האָט געמוזט יעטווידן כשאַד אָפּווענדן. כוץ דעם האָבן די דײַטשן לעצטנס

געהאַלטן אַ וואַך פֿון אויסן, אַרום דער געטאָ־וואַנט, אָפֿן ווילדן פֿעלדזיקן ברעג־אָפּהאַנג זײַנען אַוואַדע געווען פֿאַרלאָקערטע עסעס־לײַט, באַזונדערס אין אַזאַ נאַכט, — דערפֿאַר האָט ער זיך אומגעקערט דורכן נײַעם, איצט דעם וויכטיקסטן דורכגאַנג, וועלכער איז שוין געשאַפֿן אין העסקעם מיטן פּלאַן אַרויסצושיקן קאַמפּס־גרופּעס אין סוינעס הינטערלאַנד אין דער שעה פֿון געטאָ־אויפֿשטאַנד.

ווען יערוכעם האָט זיך דורכגעשלײַכט ניט ווײַט פֿון פּלאַץ, וווּהין עס גייט אַרויס דער געטאָ־טויער, האָט ער געזען אַרויספֿאָרן פֿון דאָרט אַ פּאָר אָפֿענע פֿראַכט־מאַשינען מיט דײַטשישע סאָלדאַטן, און עטלעכע פֿאַרמאַכטע, אין וועלכע מע פֿירט געווײנלעך געפֿאַנגענע. אַף די פֿינף אָפּגעשלאָסענע גאַסן, וואָס זײַנען איצט געלעגן גאָר נאָענט, פֿון יענער זײַט וואַנט, איז שוין קימאַט ווי שטיל געווען, די סרייפֿע־פֿײַערן זײַנען בלאַסער געוואָרן.

אין דורכגאַנג, ווו באַוועגן האָט מען זיך געקאָנט בלויז פֿויזענדיק אַף אַלע פֿיר, האָט יערוכעם אין די נישעס, וועלכע זײַנען געמאַכט געוואָרן אַף פֿונאַנדערגייען זיך, געטראָפֿן צו דרײַ און פֿיר קינדערלעך. דאָס זײַנען געווען די קלײנינקע פּליטים פֿונעם נייטערנס־בלאָק. בײַ זיי, בײַ די ערשטע האָט ער זיך דערוווּסט, אַז דער קאַמף איז פֿאַרגעקומען אַף דער קשיווע־גאַס.

7.

צו דער צײַט, ווען יערוכעם האָט זיך באַוויזן אין עקסטן געוועלבטן צימערל פֿון אַרטיסטן־קעלער, איז די שלאַכט אַף קשיווע־גאַס שוין געווען פֿאַרענדיקט. נאָכן אויפֿרײַס האָבן די דײַטשן פֿאַרלאָזט די געטאָ, אַרויסגעפֿירט ווען ס'האָט זיך זיי אײַנגעגעבן פֿון שנאַפּעס וואַרשטאַט־אַרבעטער. די איבעריקע זײַנען אַוועק אַהיים. אַפֿילע קײן עסעס־וואַך איז אין די וואַרשטאַטן ניט געבליבן, בלויז די ווערק־שוצער האָבן פֿאַרנומען זייערע ערטער בײַ די טויערן. געבליבן איז אַן עסעס־וואַך אַרום ספּירעס אַרעסט־הויז, אַרום יודנראַט, ווײַל דאָס איז געווען ניט ווײַט פֿון טויער, — די דײַטשן האָבן אַזוי־אַרום אײַנגעהיט פֿאַר זיך דעם אַרײַנגאַנג אין געטאָ.

יערוכעם איז פּונקט געקומען אין מאָמענט, ווען ס'האָט זיך פֿאַרזאַמלט אַ באַראַטונג פֿון די שטאַב־מיטגלידער — לייזער קאָרשעווער, פּיניע בערול און אירמע שאָך. געווען איז דאָ אויך סערקעלע. זי האָט מיט אַ פּעדערל, אײַנגעטונקט אין בוימל, באַשמירט לייזערן די הוילע לינקע האַנט, וואָס איז געווען שטאַרק אָפּגעבריט; דער אַרבל איז אַראָפּגעהאַנגען אַן אַרומגעברענטער און צעריסענער, עס האָבן זיך געזען אויך אַנדערע אויסגעברענטע ערטער אַף זײַן טונקעלער מאַרינאַרקע און אַף די הויזן. יערוכעם האָט דאָס צוגעקוקט פֿון שוועל, דורך קײנעם ניט באַמערקט

אין דעם טונקעלן ווינקל, וווּהין די ליכט פון קאַנעצל האָט ניט דערגרייכט, און געהערט, ווי לייזער זאָגט רויק, וואַגיק אַזוי: „ווּעט אוינזקומען, פּיניע, דיר היינט אַרוים אין שטאָט, צו גוראַלן, מע מוז טייקעף מיטן קליינוואַרג זיך אַן אייצע געבן... אַ שאָד, יערוכעם איז ניטאָ!"

באַ יערוכעמען האָט זיך וואַרעם צונויפגעדריקט דאָס האַרץ פון דעם דאַזיקן גאַנצן בילד. ער האָט שוין באַם וואַכמאַן, וואָס איז אין קאָרידאָר געשטאַנען, זיך דערוווּסט אין אַלגעמיינע שטריכן, ווי אַזוי די שלאַכט איז פאָרגעקומען און מיט וואָס זיך פאַרענדיקט. לויט די אויפגערעגטע גע־זיכטער פון זיינע כאַוויירים, לויטן געווער, וואָס איז געווען פונאַנדער־געלייגט אויף די בעטלעך און אויפן טיש, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז מע האָט דאָ איבערגעלעבט אַן אים עפּעס זייער באַדייטנדיקס. אים האָט גערירט, וואָס מע דערמאָנט אים אין אַזאַ רעגע; און נאָך אַ געפיל, וועגן וועלכן ער האָט זיך צוערשט קיין כעשבן ניט געקאָנט אָפּגעבן — אים האָט דער־פרייט דאָס, וואָס סערקעלע איז דאָ געווען, וואָס גראָד זי האָט געראַטע־ווועט די קינדער. זי, סערקעלע, איז דאָך אים פאַרט טייערער, ווי ער וויל זיך דאָס איינריידן. און פאַרוואָס וויל ער איר צערטלעכקייט ניט דער־לאָזן צו זיין האַרץ? אַפילע דאָס, וואָס זי באַשמירט די אָפּגעבריטע האַנט לייזערן, האָט דאָך אין זיך אַ שלאַל צאַרטקייט, און ער וואָלט אין דער רעגע מיט גליק זיין אייגענע האַנט איר אונטערגעשטעלט... געציילטע רעגעס איז יערוכעם געשטאַנען באַ דער שוועל, באַהערשט פון אָט די געפילן, און באַלד, ווי לייזערס ווערטער וועגן דעם, אַז ס'איז אַ שאָד, וואָס ער איז ניטאָ, האָבן דורכגעקלונגען, האָט ער מיט אַ מונטער־שטי־פערישער שטים, אַ בעקיוונדיק הויכער געזאָגט:

— איז דאָ יערוכעם, אָט איז ער אין זיין אייגענער פּערזאָן!

אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים, אַרומגערינגלט, געדריקט די הענט. לייזער האָט, טראַגנדיק זיין הוילע אָפּגעבריטע האַנט אינדערלופטן, אַוועקגעלייגט יערוכעמען די געזונטע האַנט אויפן אַקסל און מיט באַגייסטע־רונג געזאָגט:

— היינט האָבן מיר געשלאָגן די פאַשיסטן, אַף אַן עמעס געשלאָגן! זאָלסט הערן, ווי זיי שרייען גוואַלד, אַז זיי כאַפּן קלעפּ, ווי זיי וויען!

סערקעלע האָט באַשאָנקען יערוכעמען מיט אַ שטילן, וואַרעמען בליק, אין וועלכן ס'איז געווען אי שטאָלץ, אי לייד, אי ליבע, אי ניט זיכער גליק; זי איז צוגעגאַנגען און, ווען אַלע כאַוויירים זיינען אַף אַ רעגע שטיל געוואָרן, געפרעגט:

— ווּעסט קומען אַהיים, יערוכעם?

די פראַגע האָט אים געטראָפן אומדערוואַרט. ער האָט נאָך קימאַט ניט געוווּסט, וואָס ער וועט באַלד נעמען טאָן, און די דאַזיקע ווערטער „אַהיים" — זינט מע האָט דעם פעטער ניסן אַוועקגעפירט מיטן עשעלאָן, געפינט ער זיך ניט אין איין צימער מיט סערקעלען, ווינט אין וואַרשטאַטל,

שלאָפט אַפן ווערסטאַק און קומט בלויז עסן אין איר ציטערל, דערפאַר האָט ער געענטפערט אַ ביסעלע פאַרלוירן:

— נו, יאָ, כ'וועל קומען אין ווארשטאַטל...

— איך דאַרף נאָך צו די קינדער אַ קוק טאָן, כ'וועל אָט זיאָ וואַרטן אַף דיר, — האָט זי שטיל געזאָגט און מיטן קאָפ באַוויזן אַפן טונקעלן קאָרידאָר, געבנדיק מיט דעם פאַרשטיין, אַז זי קלייַבט זיך ניט ביַיזיַין אַף דער באַראַטונג.

— יאָ, יאָ, וואַרט צו. — האָט יערוכעם אומזיכער געזאָגט.

אַף דער באַראַטונג, וואָס האָט געדויערט ניט לאַנג, האָט יערוכעם פולשטענדיק באַוויליקט לייזערס אַלע פאַראָרדענונגען. ער האָט געהאַלטן פאַר ריכטיק דעם באַשלוס צו אָפערירן דערוויַיל מיט אַ קלייַנער גרופע קעמפער, האַלטנדיק די איבעריקע אין שלאַכט־גריייטקייט. נאָך דער אינ־פאָרמאַציע וועגן זייַן באַזוך צו קאַרעלן און וועגן די שמועסן מיט די טוער פון פפר, האָט יערוכעם געשטעלט די פראַגע: וואָס טאָן מאָרגן?

— מאָרגן, — האָט ער געענטפערט, — אויב נאָר די דייַטשן וועלן ניט פאָרנעמען קיין גרויסע שטראָף־אַקציע אין געטאָ, דאַרף דער ווידערשטאַנד נאָך ניט אָננעמען קיין פאָרעם פון אַלגעמיינעם קאַמפּס־אויפברוך. אונדז איז איצט טייַער יעדער מעסלעס, מע דאַרף זען אַרויספירן וואָס מער מענטשן אויסער דער געטאָ, אייַנשאַפן געווער און בויען נייַע שטיץ־פונקטן. די פאַשיסטן האָבן דערפילט, אַז מיר בייַסן זיך, וועלן זיי זאַף וויַיטער זייַן אָוואַדע מער געהיט. אַ היטלעראָוועץ ריגעוועט פאַמעלעך מיטן מויעך, האָט ליב פונאַנדעראַרבעטן אַלץ אין דעטאַלן, לויט פאַראַגראַפן און פונקטן. קאָן זיך מאַכן, מע זאָל אונדז אַ פאָר וואָכן און אַפילע מער קימאַט ניט טשעפען. די דאָזיקע צייַט וועט דאַרפן אויסגענוצט ווערן אַזוי, אַז דעם סוינעמס בלוט זאָל זיך דאָ גיסן טייַכנווייַז... נאָר וועט מען מאָרגן אַף אונדז אָנפאַלן — גיבן מיר שטאַרקע קלעפ!

ער האָט געמאַכט אַ ריי אָנווייַזונגען וועגן באַזונדערע שטיץ־פונקטן, וווּהין מע האָט אין מעשעך פון דער נאַכט געדאַרפט פונאַנדערשיקן מענטשן, באַשטעטיקט לייזערס פאַראָרדענונגען, אַז בערול זאָל אַרויס צו גוראַלן, ווייַל דער וויכטיקסטער דורכגאַנג האָט געמוזט דרינגענדיק באַ־פרייַט ווערן, געהייסן אירמע שאַכן צושיקן צו קאַיאַר־צו צוויי פינפטלעך גוט־באַוואָפנטע כעוורע צום ראַיאָן פון וויכטיקסטן געווער־לאַגער, ס'איז שוין באַשלאָסן געווען, ווו זיי דאַרפן זייַן פאַרלאָקערט. נאָך די דאָזיקע פאַראָרדענונגען איז יערוכעם אַוועק מיט לייזערן אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אַף איייניקע נאָענטע שטיץ־פונקטן, און אויך פאַראייַנוועגס אַ שמועס טאָן מיט די פאַרווונדעטע. צוזאַמען מיט די געראַטעוועטע פרויען איז געווען ניט ווייניקער, ווי צוויי צענדליק פאַרווונדעטע.

איין זאַך איז יערוכעמען ניט געפעלן און ער האָט וועגן דעם גע־זאָגט לייזערן, גלייַך ווי זיי זייַנען נאָך דער באַראַטונג אינצווייען אַרויס

אין טונקעלן ליקעלע: פאַרוואָס האָט ער בעייסן שלאַכט געלאָזט קימאַט איינגאַנצן הויל דעם ראַיאָן, ווו דער וויכטיקסטער געווער־לאַגער איז. דאָס דאָזיקע אָרט איז געווען זײַן, יערוכעמס, הויז. דאָרט איז געווען אַ וואַלד, נאָר ניט קיין גענוגנדיקע פאַר אַזאַ שלאַכט־נאַכט. ריכטיק איז געווען, בעיים די שלאַכטן זײַנען פאָרגעקומען אויף דער קשיווע־גאַס, מאַכן דעם שטאַב אין אָרטיסטן־קעלער. בכלל אָבער איז דאָס דאָזיקע אָרט געווען נאָר אַ באַהילפיקס. ווען די שלאַכטן זאָלן זיך פונאַנדערוואַקסן, וואָלט דאָס האַרץ פון גאַנצן ווידערשטאַנד, דער באַוועג־צענטער זיך געפונען אין דורכגאַנג, וואָס קומט אַרויס אויפן פעלדזיקן ווײַסל־ברעג, ווו ס׳איז די גרעסטע צאָל געווער פאַרבאַהאַלטן און ווו די שיץ קאָן דויערן לענגער. לייזער האָט זיך ניט געאַמפּערט, אָנערקענט זײַן פעלער, פראָסט און אָפּנ־הערציק דערציילט יערוכעמען, אַז ער האָט זיך אַ ביסעלע צופיל פאַר־כאַפּט מיטן עצעם שלאַכט.

מע איז אַרײַן אין קעלער, ווו אויף קאָלדרעס, געבעטע אויף דער ערד, זײַנען געלעגן די פאַרוווּנדעטע. בײַ דער שײַן פון צוויי לאָמטערנס, וואָס זײַנען פון דער פײַכטער סטעליע אַראָפּגעהאַנגען בײַביידע זײַטן פון אַ ברעטלדיקן טיש, אַ פאַרשפּרייטן מיט אַ צעראַטע, איז אַ דאָקטאָר גע־שטאַנען און געפּאָרעט זיך מיט אינסטרומענטן אין אויפגעשניטענעם לײַב. יערוכעם איז געשטאַנען אַ מינוט, געקוקט שווײַגנדיק, מיטאַמאָל איז זײַן בליק געפאַלן אין אַ ווײַטן ווינקל, ווווּהין ס׳האָט קוים דערגרייכט די לאָמ־טערן־שײַן. פיר גופים זײַנען דאָרט געלעגן אין מאָדנער פאַרגליווערטקייט. ער האָט געמאַכט עטלעכע טריט אַהין, דער לעצטער אין ריי, זעט אויס, ערשט צוגעטראָטן אַהער, איז געלעגן באָרעד אַלפער, — דאָס פּאָנעם פאַרלאָפן מיט געשווילעכץ, די אויגן גלעזערנע, דאָס מויל — אָפן.

— ווי קומט ער אַהער?

— געווען בײַ די זועש־נייטערנס אין בלאָק און זיך פאַראייניקט צו די פרויען, — האָט לייזער שטיל געענטפערט.

— און די פרוי זײַנע ווייסט שוין?

— די פרוי? ניין. זי וועט זיך שוין דערוויסן...

יערוכעם האָט טרויעריק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, זיך אַראָפּגעלאָזט לעבן באָרעד אַלפער אויף איין קני און געשטאַנען אַזוי לעבן אים עטלעכע מינוט אַ פאַרגליווערטער. אויפגעהויבן זיך, האָט ער מיט אַ הייזעריקער שטים געזאָגט:

— איך וועל נאָך הײַנט זײַן בײַ זײַן פרוי, מע דאַרף זי אַרויסשיקן מיטן קינד צו זאַלמען קאַרעלן. כ׳בין דאָס מעכוייעוו צו טאָן.

8.

אין זאַך האָט יערוכעם ניט געוווּסט, אַז צוזאַמען מיט באָרעכן איז אין דעם נייטערנס־בלאָק געווען אַ פּאָליציאַנט פּײַוויש, אַז יענעם האָט

בעייסן שלאָגט זיך איינגעגעבן אריבערלויפן צו די דײַטשן און אַז סימכע ספּירע האָט שוין געוווּסט, אַף וועמענס זײַט אַלפּער איז געווען.

ווען יערוכעם און סערקעלע האָבן אין דער פּאַרטאַגיקער טונקלקייט זיך דערלאַנגט צו זייער געסל און פּאַרקערעוועט צום הויז, ווי באַרעכס פרוי האָט געוווינט, האָבן זיי דערהערט דעם אַנוואָקסנדיקן רויש פון אַן אויטאָמאַשין. באַלד האָבן זיי דערהערט, אַז די מאַשין האָט זיך אָפּגע־שטעלט ערגעץ גאָר נאָענט. האָט זיי זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס פּאַסיקסטע וועט זײַן אויפהייבן זיך צו אַלפּערן אַפן צווייטן שטאָק, פונדאַנען וועט מען קאָנען אַ קוק טאָן, צי מיינט מען עס ניט זייער הויז.

באַרעך אַלפּערס פרוי האָט זיי געפונט אַן אָנגעשראָקענע, איר דרײַ־יאָריק מיידעלע האָט זי געהאַלטן אַף די הענט. מע האָט נאָך ניט באַוויזן אַרויסקוקן דורכן פענצטער, ווי ס'האָבן זיך דערהערט טריט אין הויף. יערוכעם האָט קיין צײַט ניט געהאַט דערציילן באַרעכס פרוי וועגן איר אומגליק, די דײַטשן זײַנען שוין געווען אין קאָרידאָר, איצט האָט מען נאָך געקאָנט צווייפלען איין מינוט: מע וועט זיך נעמען אויפהייבן אַף די טרעפּ, אָדער ניט? און אויב יאָ, צי וועט מען זיך לאָזן צו אַלפּערס טיר? מ'האָט זיך שוין געהויבן אַף די טרעפּ. יערוכעם האָט צוגעפירט אַלפּערס פרוי מיטן קינד אַף די הענט און סערקעלען צו איין פענצטער, וואָס איז אַרויס אין אַ קליין סעדל. פונקט אונטער דעם דאָזיקן פענצטער איז געווען אַן אויסערלעכער אַרײַנגאַנג אין אַ קעלער, זײַן האַלב־קײַלעכ־דיקער, ציגלנער פּאַרגעבײַ האָט דערגרייכט ביז צום האַלבן שטאָק. אַ קוק געגעבן, צי ס'איז דאָרט קיין וואַך ניטאָ, האָט יערוכעם באַפוילן די פרויען שפּרינגען. צו סערקעלען האָט ער אַ שעפּטשע געטאָן:

— פיר זי מיטן קינד אין אונדזער דורכגאַנג!

אַליין האָט ער אָנגעהויבן צורוקן צו דער טיר דעם קליידער־שראַנק. מע האָט שוין געריסן די טיר. יערוכעם האָט נאָך אַ שטעל געטאָן דאָס בעט צום שראַנק און אַליין אַ שפּרונג געגעבן צום פענצטער. איצט האָבן די פרויען מיטן קינד שוין געדאַרפט זײַן פון יענער זײַט הויף, מיטן ריוו האָבן זיי שוין אַוואַדע זיך דערקליבן צו זײַן הויז. קיין שיסערײַ, קיין טומל האָט זיך ניט דערטראָגן, הייסט עס, זיי זײַנען אַוועק בעשאָלעם. יערוכעם האָט געוואָלט אַרויסשפּרינגען אַפן פּאַרגעבײַ פון קעלער, נאָר מיטאַמאָל דערהערט דאָרט אַ שקראַבען. די טיר האָט שוין געקנאַקט. בע־סער איז געווען פאַרשווינדן אָן אַ טומל, אָן אַ שיסערײַ. האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן צום צווייטן פענצטער. דאָס דאָזיקע פענצטער איז געווען הויך, אַרויסגעגאַנגען צום ריוו, וואָס צווישן געדיכטער קראָפּעווע און קוסטעס. פאַררוקט דאָס געווער אין בוזעם, האָט יערוכעם מיטן פּאָנעם צו דער וואַנט אַראָפּגעלאָזט זיך אין דער פיצטערער נאַכט. אַ פלי, פון וועלכן אַלץ אינעווייניק ווערט פאַרגליווערט און צונויפגעדריקט, אַ שטאַר־קער זעץ אין זײַט, פון וועלכן די נאַכט ווערט העליש רויט אַף איין רעגע,

דערנאָך שוואַרץ און שטום. ער האָט פאַרלוירן דעם באַוווּסטזײַן אַף מינוטן צי אַף סעקונדן. ווען ער איז געקומען צו זיך, האָט ער אין איבעראַשונג און ווילדן ווייטיק אַרומגעטאַפּט דעם סטויפּטשיק, און וועלכן ער האָט זיך אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן. באַלד האָט אַ קאַלטער שווייס באַשלאָגן יערוכעמען — ער האָט מיט דער פולער ניכטערקייט באַנומען, אַז ער קאָן זיך ניט אויפהייבן, קאָן ניט אַנטלויפן פונדאַנען, אַפילע פויזען קען ער ניט. און עמיצער האָט שוין געריסן זיך אַהער דורך די קוסטעס, געשאָלטן זיך — אַ דײַטש. דער פּיסטאָלעט איז בעייסן פליִען אַרויסגעפאַלן, יערוכעם האָט פיבערדיק אים געזוכט אין קראָפּעווע, געבראָכן די דיקע שטענגלעך מיט די הענט — אומזיסט!

מע האָט זיך אַף אים אַרויפגעוואַלגערט, ווען ער איז געלעגן אַזוי אַף אַ זײַט, זוכנדיק דאָס געווער. שווערע קני און שטיוול האָבן אים גענומען ברעכן דעם רוקן. ער האָט אַלע קויכעס אַנגעווענדט אַף אַראָפּוואַרפן פון זיך דעם דײַטש. איצט, ווען ער באַפרײַט זיך, וואָלט אים עפּשער געקלעקט קויכעס אַף צו אַנטלויפן. נאָר מע האָט אים זאָלץ מער געבויגן דעם קאָפּ צו דער ערד. שוין צווייען זײַנען געזעסן אַף אים. דאָך האָט ער זיך אַ וואָרף געגעבן, אויסגעקערעוועט זיך און אָנגעכאַפּט עמיצן פאַרן האַלדז. נאָר אין דער זעלבער מינוט האָט אַ שווערער קלאַפּ איבערן קאָפּ אים פאַרהלושעט.

סערקעלע האָט דורך יערוכעמס וואַרשטאַט אַראָפּגעלאָזט אַלפערס פרוי מיטן קינד אין קעלער, צוריק אויפגעהויבן דעם לייטער און פאַרדוקט אים אַפן בוידעם. אַרויס אין געסל, האָט זי אַ פּאַרטײַעטע זיך גענומען אײַנהערן. יערוכעם איז ניט געקומען. ס'האָבן זיך דערטראָגן עפּעס אויפגערעגטע קוילעס פון אַלפערס הויף, האָט סערקעלע פאַזע דעם פלויט זיך גענומען גאַנווענען אַהין.

פונעם טויער האָבן די דײַטשן עמעצן אַרויסגעטראָגן אַף די הענט און זיך געלאָזט צו דער געדעקטער אויטאָמאַשין, וואָס איז באַ אַ זײַט געשטאַנען. ווען מ'האָט געעפנט דאָס הינטערשטע טירל, האָט אַ שטראַל פון אַ קעשענע־לאַמטערן באַלויכטן דעם, ווענען מע האָט געטראָגן, — ניט זײַן פּאָנעם, די מאַרינאַרקע. סערקעלע האָט דערקענט יערוכעמען. איין ווײַלע איז זי געשטאַנען אַ פאַרציטערטע, דערנאָך האָט זי אויפגעהויבן ביידע הענט און מיט אַלע קויכעס אַ געשריי געטאָן:

— יערוכעם, יערוכעם איז געפאַנגען!

הילף האָט געקאָנט קומען ניט באַלד, ניט אין דער זעלבער רעגע, און שפּעטער מיט אַ פּאָר מינוט האָט זי שוין קיין זין ניט געהאַט.

— יערוכעם איז באַ די קוילערס אין די הענט! — האָט סערקעלע נאָכאַמאָל אויסגעשריִען איבער די פינצטערע ליקעלעך און זיך אַ וואָרף געגעבן צו דער מאַשין. אַ דײַטש איז געגאַנגען אַנטקעגן איר מיט אַן

אָנגעשטעלטן באַגנעט. די, וואָס האָבן זיך באַ דער מאַשין געפּאָרעט, האָבן אײַליק אַרײַנגעשטויסן אַהין יערוכעמס פאַרכאַלעשטן גוף. סערקעלע האָט פלינק זיך אַ דריי געטאָן, פון דער זײַט מיט אַ האַנט אָפּגעשטויסן דעם באַגנעט, נאָך צוויי טראָט געמאַכט צו דער מאַשין, און וועלכער די זשאַנדאַרן און פּאָליציאַנטן זײַנען אַרײַנגעשפּרונגען. אָנגעכאַפּט זיך פאַרן הענטל פון טירל. דער זשאַנדאַר, וואָס האָט זי ערשט געוואָלט דערשטעכן, איז איצט געווען הינטער איר. ער האָט אַ שטויס געטאָן סערקעלען אין פּלייצע און איז אַליין נאָך איר אַרײַן אין דער מאַשין.

אַ קוואַרטאַל ווײַטער האָט מען דאַווקע באַשאָסן די מאַשין, נאָר ניט פאַרהאַלטן זי, מיט צוויי עסעס־לײַט אויף די פאָדערשטע פליגל האָט זי, ווי אַ שוואַרצער פויגל, זיך געטראָגן איבער די גאַסן פון דער געטאָ.

XIX. דער טרייסטער פֿון אַלע וועגן.
אַ רינגעלע פֿון גראָז

.1

צו זיך איז יערוכעם געקומען נאָך אין מאַשין, אַף סערקעלעס הענט. אַז אַרײַנגעשטויסענער אַהער, איז זי געפֿאַלן אַפֿן דעק און גענומען זײַן קאָפּ אַף די קני. אונטערן צאַרטן צוריר פֿון אירע דינע פֿינגער האָט ער פֿון כאַלאָשעס דערוואַכט. און ער האָט דאָס סאַכאַקל מיט אַ שאָ צוריק געטרוימט, אַז ער וואָלט איר די האַנט אונטערגעשטעלט צו היילן...

אין דער פֿינצטער, אַרומגערינגלט מיט עסעס־לײַט און פּאָליציאַנטן, וואָס זײַנען אין מאַשין אַף די בענק געזעסן, זײַנען יערוכעם און סערקעלע געפֿאָרן דאָס ערשטע מאָל אַזוי נאָענט צוגערוקטע איינס צום צווייטן, באַהעפֿטע פֿון איין שווערן גורל. און וויפֿל מעגלעך גליק האָבן זיי אָפּ־געשטויסן פֿון זיך, וויפֿל צײַט שוין באַגרײַפֿט, אַז מע ליבט זיך, דאָס געפֿיל אַלץ טיפֿער אין זיך פֿאַרבאָרגן, אויסערלעך טויב געווען צו אים? אינעם גרויסן אומגליק האָבן זיי די צוים אָפּגעוואָרפֿן, אָבער שוין שפּעט.

באַם געטאָ־טויער האָבן די עטלעכע אָרדענונגס־פּאָליציאַנטן פֿאַרלאָזט די מאַשין. געבליבע זײַנען בלויז עסעס־לײַט. שטיקנדיק דעם ווייטיק אין זײַט, האָט יערוכעם מיט ביטערקײַט אַ טראַכט געטאָן, אַז נאָך איין האָ־פֿענונג איז פֿאַרלוירן — מע וועט אים אין אַרעסט־הויז ניט איבערלאָזן. פֿונדאַנען פֿאָרט ער אָדער אין געסטאַפּאָ, אָדער אין „קריפּאָ", אָדער צום וואָקזאַל — יעדער פֿון די דאָזיקע וועגן איז אַ קורצער, געשלאָסענער טויט־קרײַז.

ס'איז אים גוואַלדיק אַ ראַכמאָנעס געווען אַף סערקעלען. ער האָט זי נאָך ניט געוואָגט צו פֿרעגן, ווי קומט זי אַהער, שטיל זיך נאָר דערקונדיקט, צי איז אַלפֿערס פֿרוי מיטן קינד אויסער געפֿאַר. באַקומען אַז ענטפֿער, האָט ער זיך ווי באַרויִקט. אָבער ער איז פֿול געווען מיט אומרו, קיינמאָל איז אים נאָך זײַן לעבן, זײַן פֿרײַהייט אַזוי ניט נייטיק געווען, ווי איצט. כאָטש נאָך איין כּוידעש ווען ער זאָל געווען דורכציִען... אייגנטלעך

האט ער דאך אלציינס וועגן דערלעבן צו די עלטערע יארן ניט געטראכט. עפשער איבער דעם, נו, יא, טאקע איבער דעם האט ער סערקעלעס ליבע צום הארצן ניט דערלאזט, — נאך וואס פלאנצן א גארטן, אז ער וועט מארגן שוין צעטראטן ווערן? איז ער פארט געווען אומגערעכט. איצט איז אים געווען א ראכמאנעס אף סערקעלען, אף איר ניט פארווירקלעכטער ליבע. איר יונג הייס הארץ איז פאר אים צעעפנט געווען, אבער ער האט זיינס אזוי זעלטן און אזוי ניט זיכער פאר איר געעפנט... איצט איז עס שוין ניט נייטיק געווען, עס האט בלויז געקאנט פארשטארקן איר ווייטיק. נאר עפשער, פארקערט, איז עס גראד יא נייטיק, ווייל די ווארעמקייט פון ליבע, אפילע אין קייווער אן אוועקגעטראגענע, איז פארט בעסער ווי די קעלט פון גלייכגילט.

מ'האט זיי לאנג געפירט איבער דער שטאט, ס'האט שוין געטאגט. באם טירל פון מאשין האט זיך געלייגט א גרויער שפאלט, געגרויט האט אויך דאס דין־פארגראטעטע פענצטערל, וואס האט ארויסגעקוקט אין דעם שאפערס קאבינע ארייַן. געווען זיינען אין דער מאשין, נעענטער צו דער קאבינע, נאך א פרוי מיט א קליין קינד אף די הענט, און עפעס א זאקן, — געווים דער פאטער אירער. די דאזיקע דריי האבן געשוויגן. קאיאריק־כמורנע, שלעפעריקלעך, האבן געשוויגן אויך די עסעס־לייט, איינער האט געררייכערט.

צי האבן זיך די דייטשן אנגעשטויסן, וואס און ווער ער איז? א סווארע, אן ניין. פאר זיי איז ער געווען פראסט א ייִד, צופעליק געפאקט זיך אין וועג ארייַן, וואס איז שוין לאנג פאר אים באשטימט. דאס האט בארויקט א ביסל. עפשער וועט ער זיך נאך ווי־ניט־איז אויסדרייען, אין געטא קומען אן אזעלכע גרויסע טעג, און ער ווערט פארשלעפט פון דארטן!...

יערוכעם האט זיך געפלייסט נאך די זיגזאגן נאך, וואס די מאשין האט געמאכט, זיך אנשטויסן, וווּהין מע פארט. דער שאפער האט אפט סיגנאליזירט, — איז מען נאך, הייסט עס, פארט אף די גאסן, ווו ס'הייבט זיך שוין אן א באוועגונג. אין „קריפא" וואלט מען שוין פאר אזא צייט געקומען, אין געסטאפא אויך. א פראסט איז איבערגעלאפן איבער יערוכעמס לייב — עפשער פירט מען זיי צום ריוו, וואס ערגעץ הינטערן שטאט? ער האט געוווסט, אז ס'איז הינטערן שטאט פאראן א געהיימער ריוו, ווו מע שיסט פאליאקן און ייִדן, וואס דארפן שנעל אפגערעמט ווערן. איז זאל ער אזוי־א באלד מיטן לעבן זיך צעשיידן און ניט באוויזן גאר־נישט ניט צוטראכטן?

שוין אין בלויען קאיאר האט מען זיי ארויסגעפירט — אים און סערקעלען, די אומבאקאנטע פרוי מיטן קינד און מיטן אלטן, — אף עפעס א פלאץ, און באלד האט בא יערוכעמען שטארק גענומען קלאפן דאס הארץ — ס'איז אף א סטאנציע, איינע פון די זייטיקע שטאטישע

טמאַנציעס. ער האָט דערזען רעלסן, פאַקהאַוזן, און באַלד טאַקע בײַ דער זײַט האָט ער באַמערקט אַן עשעלאָן, צו וועלכן ס'איז אײַנגעהילט אין רויך און ווײַסן דאַמף געגאַנגען אַ לאָקאָמאָטיוו. „הייסט עס, שטייט נאָך פאַר אַ וועג" — האָט יערוכעם מיט פאַרלײַכטערונג אַ טראַכט געטאָן. די זײַט האָט אים שטאַרק ווי געטאָן, מעגלעך ס'איז אַפילע אַ ריפּ צעשעדיקט, סערקעלע האָט אים געהאַלטן אונטער דער האַנט, ער האָט זיך געפילט שטאַרק צעבראָכן. נאָר אַקשאָנעם האָט געלעבט אין אים, און האַרצן האָט זיך אַלץ מער צעפלאַקערט אַ האָפענונג, ניט געקוקט אַפילע אויף דעם, וואָס באַוואָפנטע עסעס־לײַט זײַנען געגאַנגען אויף יעדער אָפענעם טאַמבור פון די רויטע פראַכט־וואַגאָנעס.

2.

אַ דײַטש האָט מיט אַן אײַזערנעם פרענט גענומען עפענען די טיר פון אַ וואַגאָן, פון וועלכע ס'האָבן, ווי פון אַלע אַנדערע, זיך געטראָגן פאַרטויבנדע קוילעס. דאָס גרילצן און טעמפּע קלאַפּן פון פרענט אינעם אײַזן, מיט וועלכן די שווערע טיר איז געווען אַרומגעשמידט, האָט באַלד געצוווּנגען שטיל ווערן אַלעמען אין וואַגאָן. ווי נאָר אָבער עס האָט זיך באַוויזן אַ שפּאַלט פון עטלעכע סענטימעטער די ברייט, האָט פון אינווייניק אַ זעץ געטאָן געדיכטע, פאַרדומפּטע לופט און עס האָבן זיך דערהערט פאַרצווייפלטע געשרייען: „וואַסער", „מיר שטאַרבן!", העַנט האָבן זיך אַ ציִ געטאָן צו דער שמאָלער עפענונג, ווי די פרישקייט מיט דלאָניעס צו שעפּן. אין וואַגאָן איז שוין ניט געווען, וווּ אַ נאָדל זאָל פאַלן. דער דײַטש אָבער האָט באַפוילן זיך צונויפדריקן, גענומען קלאַפּן מיטן פרענט איבער די פּיס פון יענע, וואָס זײַנען בײַ דער טיר געשטאַנען, — און מ'האָט זיך צונויפגעדריקט נאָך מער. בײַ דער טיר האָט זיך געשאַפן אַן אָרט עפּשער פאַר איין מענטשן, דער דײַטש האָט באַפוילן אַרײַנקריכן אַהין דעם אַלטן. ניט באַוויזן האָט נאָך יענער אויסגלײַכן זיך, אויסדרייען זיך מיטן פּאָנעם צו דער טיר, ווי אַזאַ באַפעל האָט שוין באַקומען די פרוי מיטן קינד. נאָר ס'איז לאַבלוטן ניט געווען וווּהין צו קריכן, האָט דער דײַטש אַ כאַפּ געטאָן דאָס קינד פון דער מוטערס שויס און עס אַ שלײַדער געטאָן אין וואַגאָן אַרײַן אויף די מענטשנס קעפּ. מיט אַ ווייטיק־אויסגעשריי, ווי אַ ווילדע, האָט די פרוי זיך אַנגעטשעפּעט אין דער וואַגאָן־טיר און מיט אַ האַלבן גוף זיך אַרײַנגערוקט אַהין. דער דײַטש האָט אַ שטויס געטאָן סערקלען, זי זאָל קריכן אין וואַגאָן.

איבער די קעפּ, אויף אויפגעהויבענע הענט, האָט מען פון וואַגאָן עפּעס גערוקט, מ'האָבן זיך באַוויזן באָרוועסע אָנגעשוואָלענע פּיס.

— אַ טויטער, אַ טויטער! — האָט מען פון דאָרטן געשריען, — דאָ זײַנען פאַראַן טויטע, לאָזט זיי אַרויסטראָגן!

דער דײַטש, — אַ יעפרייטער פון אַ יאָר דרייסיק, מיט אַ בלויקייט

אונטער די עטוואָס אויסגעראַטשעטע אויגן, — האָט אַ קוק געטאָן אַרויף, אַף דעם באַרמינענס פּיס, האָט אויסגעשפּיגן, זיך אויסגעזידלט, אַרויס־גענומען דעם פּאַראַבעלום און אויסגעשאָסן אין וואַגאָן אַריַין, אין דער ריכטונג פון די הענט, וואָס האָבן דעם טויטן איבער די קעפּ געהאַלטן. אין דער שטומעניש, וואָס איז נאָך איין שטאַרקן אויסגעשריי פון דער גאַנצער צונויפגעדריקטער מענטשן־מאַסע געקומען, האָט דער יעפרייטער געזאָגט:

— טויטע גייען אַריַין אויך אין דער צאָל! טויטע פאָרן אויך!

ער האָט סערקעלען אַ כאַפּ געטאָן פאַר די שוואַרצע צעפּ, וואָס האָבן פון אונטער איר קווייטיק קאָפּ־טיכעלע זיך אַרויסגעשלאָגן, און אַ שטויס זי געגעבן צום וואַגאָן. יערוכעם האָט איר געהאָלפן שטעלן זיך בײַ דער טיר, אַריַינשפּאַרן זיך אַהין און אַליין אויך גענומען אַריַינקריכן. ער האָט נאָך אַ טראַכט געטאָן, קריכנדיק אין וואַגאָן אַריַין, צי וואָלט ניט בעסער געווען אַט אַזוי־אַ זיך אַ וואָרף טאָן אַפן דײַטש, זאָלן אַפילו באַלד קומען צוהילף די עסעס־לײַט, וואָס שטייען אַרום, ער וואָלט אים באַוויזן צעבײַלן פאַר דער ווײַלע, צעבײַסן, עפּשער אַפילו דערווערגן און זאָל אַ סאָף נעמען צו אַלץ. נאָר ער האָט זיך באַהערשט. הײַנטיקן קאַיאָר האָט ער שוין ניט איינמאָל געקלערט וועגן טויט. אַט אַזוי שטאַרבן וועט ער קיינמאָל ניט פאַרזאַמען. מען דאַרף פּרוּוון אויסנוצן אַלץ, וואָס מע קאָן נאָר, אַף לעבן בלײַבן צוליב עפּעס ווײַטיקערס. כוץ דעם, אַט די מענטשן, וואָס אַרום אים, און סערקעלע, זיי וואָלטן טײַער באַצאָלט פאַר זײַן פאַרצווייפלונג־שריט, — פאַרוואָס זאָל ער אויך בײַ זיי אויסלעשן דעם פונק פון האָפענונג אַף בלײַבן לעבן, וועלכער גיט זיי צו קויעך אַט דעם גאַנצן פײַן איבער־טראָגן? . . .

אין וואַגאָן איז יערוכעם שטיין געבליבן בײַ דער סאַמע טיר. נאָך דעם, ווי מ׳האָט צוריק פאַררוקט און פאַרקלאַפּט, איז דאָ געבליבן אַ קליינינק שפּעלטעלע, דורך וועלכן מע האָט געקאָנט כאַטש עטוואָס פרישע לופט אַריַינאָטעמען און שפּירן די ליכטיקייט פון אָנקומענדיקן טאָג. דאָס קינד, וואָס דער דײַטש האָט עס אַף די קעפּ אַרויפגעוואָרפן, האָט מען שוין ניט געהאַט ווו אַהינצוטאָן, האָט יערוכעם עס גענומען צו זיך אַף די אַקסל. דאָס יינגעלע, נאָך גאָר אַ ברעקל, האָט אים אַרומגעקלאַמערט מיט די פיסלעך דעם האַלדז. סערקעלע האָט בעשום־אויפן זיך ניט געקאָנט אויסקערעווען מיטן פּאָנעם צו יערוכעמען. ווי זי איז געשטאַנען מיט אַ זײַט, אַזוי איז זי געבליבן שטיין, און ער, אַף אַ גאַנצן קאָפּ העכער, האָט פאַרשטעלט פון איר דאָס קאַפּעלע לופט און שײַן, וואָס איז פון שפּאַלט בײַ דער טיר געקומען. די אויגן אירע, שוואַרצע, שיינע, האָבן אַפילו דאָ, אין אומקומעניש, געלויכטן ניט מיט פאַרצווייפלונג, ניט מיט טרויער, ריכטיקער, ניט בלויז מיט טרויער, נאָר מיט צאַרטקייט, זאָרג און אַפילו גליק.

וואס האט זי גערעדט צו יערוכעמען? קימאט גארניט. דא איז שווער געווען אפילו דאס מויל צו עפענען, קיין לופט האט ניט געקלעקט אף א ווארט ארויסברענגען. זי האט אים געפרעגט, צי טוט אים שוין אזוי ניט ווי די זײַט, עטלעכע מאל דאס געפרעג, צי איז אים פונעם קינד ניט שווער. דערנאך האט זי געשוויגן זייער לאנג, און ער האט אויך געשוויגן איינמאל האט זי געפרעגט: — „ווילסט ניט קיין טרונק, יערוכעם?" — ער האט שוין זייער געוואלט א טרונק, דא, אין וואגאן, זײַנען אלע גוואלדיק דארשטיק געווען און בלויז דערויף געקלאגט זיך, געקרעכצט, פארשמאכטע געשעפטשעט, ווי אין א פיבער, — יערוכעם האט מיטן קאפ א שאקל געטאן אף ניין, אז ער וויל ניט קיין טרונק, און סערקעלע, כאטש אירע אויגן האבן אויסגעדריקט דארשט־פּײַן, האט אויך מיטן קאפ גע־שאקלט אף ניין, נאר מיט דער צונג האט זי ארומגעלעקט דעם שוויים וואס איז ארויסגעטראטן איבער איר צארטער אויבערשטער ליפ...

.3

דער צוג איז שוין א פאר שא געפארן, דעם וואגאן האט געטרייסלט און געווארפן אף די רעלסן. האבן, הייסט עס, געלערנטע געדארפט אויס־טראכטן א צוג, ער זאל פאר מענטשן פארקירצערן די שטרעקע צווישן לעבן און טויט, געדארפט אויסטראכטן א וואגאן, וואס איז ערגער פון א טפיסע־קאמער?

געפארן זײַנען דא געטא־יידן פון גרעסערע שטעטלעך ארום ק׳. פון די קלענערע זײַנען די יידן שוין ארויסגעפירט געווארן. יערוכעם האט נאך נעכטן און אין די פאריקע טעג געהערט וועגן די אויסראט־אקציעס, וואס ווערן אין דער אומגעגנט פון דער שטאט דורכגעפירט, געוווּסט, אז יידן קומען צו לויפן צו קארעלן אין צוואקסענעם אטריאד, געוווּסט אויך פונעם שמועס מיט די פּפּר־טוער, אז פאוויאט־יידן זײַנען שוין לאנג דא אין די פוילישע פארטיזאנער־מאכנעס. איינס האט אים אפילו אײַנפאלן ניט געקענט, אז ער אליין וועט זיך פאקן אין אזא פראכט־וואגאן, און ווען — אין אזעלכע אנטשיידנדיקע טעג... יערוכעמען איז ביז ווייטיק א שאד געווען, וואס ער וועט ניט זען דאס פײַער, וואס ער האט אזוי לאנג געגרייט, אבער אז א פײַער וועט זײַן, אז די דײַטשן וועלן זיך אפבריען איז ער זיכער געווען...

די קארגע שײַן פון שמאלן שפעלטל בא דער טיר איז געפאלן אף א פריש אפגעהובלט ווײַסער לײַסט. שוין א פאר מאל האט יערוכעם זיך פארטראכט, ווי קומט אט די נײַע לײַסט אינעם אלטן, היפש אפגענוצטן וואגאן. עפשער האט עמיצער די טיר געבראכן? מיטאמאל, ווען עס איז נאך עטוואס ליכטיקער געווארן, אוודע האט אין כמורנעם דרויסן די זון אויפגעשײַנט, האבן יערוכעמס אויפמערקזאמקייט צוגעצויגן אויפ־שריפטן, וואס זײַנען אף דער פרישער לײַסט געווען. איין אויפשריפט אף

ייִדיש, לענגאויס דער לײַסט: „דאָ זײַנען געפאָרן װאַרשעװער אין לעצטן װעג". אַ צװײטע נידעריקער — אויף פּויליש: „װינצענט פּיאַנטקאָװסקי, קאַטאָװיץ". באַלד דערבײַ — עפּעס אויף רוסיש געשריבן, ער האָט דאָס ניט געקאָנט איבערלײענען. װידער אויף ייִדיש: „אַ האַלב לעבן — פאַר אַ טרונק!" העכער אַ ביסל, אויף העברעיִש: „דור הולך, ודור בא"!* ...
יערוכעם האָט באַזונדערס לאַנג געקוקט אויף דער דאָזיקער אויפשריפט, — װער האָט געקאָנט די װערטער פאַרקריצן? — אַ מענטש מיט גרויס האָפענונג, װעלכער גלייבט נאָך, אַז אַ פאָלק װעט זײַן, אַז נײַע דורות װעלן קומען, מע װעט ניט פאַרשניטן װערן אַלע, פונקט װי מע איז דורך יאָרהונדערטער ניט פאַרשניטן געװאָרן, צי אָנגעשריבן האָט עס אײנער, װעמענס האַרץ ס'איז פול מיט ייִעש, און ער גלויבט שוין אַליין ניט אין דעם, װאָס ער שרײַבט, צי עפּשער איז עס דער טויט־סאַרקאַזם פון אַ פאַראורטײלטן, װעמען ס'איז שוין אַלצײנס, צי װעט נאָך אים קומען נאָך אַ דאָר צי ניט, דאָס מײנט ער בלויז דעם מענטשן־קאָנװײער, װאָס גײט אָט דעם װאַגאָן דורך? ... אַ שװידער האָט יערוכעמען דורכגענומען פון דעם, װיפל עס איז שוין פאַרשריבן געװאָרן אויף אָט דער, אין פלוג פרישער, לײַסט, — װיפל זשע פאַרצװײפלטע געדאַנקען, קלאָלעס, געבעטן, װיפל צאַפּל און טרויער האָבן אײַנגעשלונגען אין זיך אָט די פינצטערע, טונקל געפאַרבטע, אומרײנע װאַגאָן־װענט?!
פלוצים איז יערוכעמס בליק געפאַלן נאָך העכער, װוּ ס'איז מיט צעטרײסלטע אויסיעס אָנגעשריבן געװען: „מײַן גאַנץ לעבן — פאַר אַ מעסער!" ער האָט צוגעמאַכט די אויגן. צוליב װאָס האָט דער דאָזיקער מענטש, װעלכער איז איצט שוין עפּשער אין אַש פאַרװאַנדלט געװאָרן, זאָל דעם מעסער ניט געװען באַדאַרפט האָבן, איז אײנס קלאָר, אַז ניט צוליב האַכנאָעדיקן באַגעגענען דעם טויט האָט ער אים געזוכט.
דערװײַל האָט מען אין אַ װינקל פון װאַגאָן, װוּ די לײַדן פון די צונויפגעדריקטע מענטשן זײַנען געװען אומדערטרעגלעך, צוגעטראַכט אַ רעכטע זאַך: די טויטע, — דאָ איז שוין ניט אײנער אַזאַ געװען, — האָט מען גענומען אַרויסשטויסן אַרויף און איבער די קעפּ איבערגעבן זײ צו אײן װענטל, װוּ מע האָט זײ געלײגט אין אַ סטאָס. פונעם סטעליע־לײַסטל האָט מען דאָרט אַראָפּגעלאָזט עטלעכע שטריקלעך און צוגעפּעסטיקט די טויטע אַזױ, אַז זײ זאָלן אויף די לעבעדיקע ניט פאַלן. אַזױ האָט מען געװוּנען אַ פּאָר מעטער פּלאַץ און שוין געקאָנט כאָטש מיט אַ האַנט באַװעגן.
די פרוי, װאָס איז מיט יערוכעמען אין מאַשין געפאָרן, האָט אַראָפּגענומען פון זײַנע אַקסל דאָס האַלב־פאַרכאַלעשטע קינד. זי האָט אַרויסגענומען די דאָרע בריוסט און צוגעטראָגן זי דעם קינד צו די פאַרשמאַכטע ליפּעלעך. דאָס ייִנגל האָט דאָרשטיק אַ פּאָר מאָל געפּרוּװט אַ זױג טאָן

* דור הילך ודור בא — אַ דאָר גײט אַװעק און אַ דאָר קומט.

די פּוסטע בלאַסע ברוסט, אַ צי געטאָן זי און גענומען בײַסן. די פרוי האָט צוגעמאַכט די אויגן, צונויפגעפּרעסט די ציין, נאָר ניט אָפּגעשטויסן דעם קינדס מײַלעכל, פֿײַן־קראַמפּן זײַנען דורכגעגאַנגען דורך איר געזיכט, זי האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, נאָר פֿאַלן איז דאָ ניט געווען ווו־הין. דער אַלטער ייִד און סערקעלע האָבן זיך עטוואָס אויסגעקערעוועט צו איר און מיט די הענט גענומען אונטערהאַלטן דאָס קינד...

יערוכעם האָט אױף די שפּיץ פֿינגער זיך אַ היים געגעבן באַ דער טיר און אַ געשריי געטאָן צו די צונויפגעדריקטע מענטשן:

— אַ מעסער, עפּשער האָט ווער פֿון אײַך אַ מעסער?

באַם זעצן זיך אין וואַגאָן האָט דער דײַטש אים אײַליק באַזוכט די קעשענעס, געוויס האָט מען אַלעמען אַזוי באַזוכט, נאָר עפּשער האָט עמיצער דאָך אויסבאַהאַלטן אַ מעסער.

— זוכט, צי האָט ניט עמיצער קיין מעסער, צי עפּעס אַן אַנדערע שאַרפֿע זאַך!

אַלע, אױף וויפֿל דאָס איז נאָר מעגלעך געווען, האָבן איבער קעפּ און אַקסל געקוקט אױף אים. סערקעלע האָט פֿרעגנדיק אָנגעשטעלט אױף אים איר׳ע לענגלעכע שוואַרצע אויגן, נאָר באַלד, ווײַזט אויס, פֿאַרשטאַנען, און אַ פֿײַערל האָט זיך אָנגעצונדן אין זיי.

— אָ טשוואָק איז דאָ! — האָט עמיצער אין דער טיף פֿון וואַגאָן געענטפֿערט.

מע האָט פֿון האַנט צו האַנט גענומען איבערגעבן צו יערוכעמען אַ ביסל אַ צעבויגענעם היפּשן טשוואָק.

— כ׳קאָן צעברעכן אַ גלעזל פֿון אַ בריל! — האָט עמיצער אַ צווייטער, אין אַן אַנדער עק פֿון וואַגאָן, זיך אָנגערופֿן.

4.

נאָך אַ גוטער שאָ קריצן מיטן טשוואָק פֿון איין זײַט און מיטן שפּיציק אָפּגעבראָכענעם גלעזל פֿון דער צווייטער, — געאַרבעט האָבן די געזינטעוו׳ע מאַנצבלען, וואָס האָבן זיך אָפּט געביטן, און דער גאַנצער איבעריקער עולם איז געשטאַנען ווי אַן אָנגעעלעקטריזירטער, נאָך אַ שאָ אַרבעט האָט זיך אײַנגעגעבן אויסשנײַדן איין שמאָל ברעטל פֿון דעם וואַגאָן־ווענטל. דאָס איז אָבער ערשט געווען קוים אַ פֿערטל פֿון דער אַרבעט. קעדיי עס זאָל אין דער געפּלאַנטער עפֿענונג קאָנען דורך כאָטש אַ קינדער גוף אָדער ניט קיין גרויסע פֿרוי, האָט מען געמוזט דורכזעגן נאָך איין ברעטל פֿון אינעווייניק און צוויי ברעטלעך פֿון דעם אויסערלעכן וואַגאָן־גאַנג. מע האָט געאַרבעט מיט ווילדער היסלײַוועס. דער טשוואָק האָט זיך אָפּגעטעמפּט, דאָס גלעזל האָט זיך צעבראָכן, זיך אויסגעקרישעט, נאָר מ׳ין האָט מיט די פּיצעלעך גלאָז ניט אויפגעהערט פֿירן איבער דער ברעט, אַנדערע האָבן זי אַפּילע מיט די נעגל געפּרוווט דראַפּען.

באטאג־צו איז די צווייטע ברעט אויך געווען איבערגעזונגן. איצט זיינען געבליבן די אויסערלעכע ברעטער. עמיץ האט געפונען א נייעם אינסטרומענט — א בלעכן שפיץ־דעקל פון א בלייער. ס׳איז אויך אוועק אין גאנג.

די אויסערלעכע ברעטער האט מען געזעגןביידע מיטאמאל, קעדיי צוזאמען זיי אויסברעכן און פאר דער צייט ניט צוציען די אויפמערקזאמקייט פון דער וואך. יערוכעם, וועלכער האט די גאנצע זאך אויפגעגעבן און האט מער פון אנדערע געארבעט מיטן טשוואק, וואס איז אים שוין ווי איינגעוואקסן אין די פינגער, האט פון מאל צו מאל מיט דער זילאניע געפרוווט די ברעטלעך, צי ברעכן זיי זיך נאך ניט. צו דעם דאזיקן ווינקל פון וואגאן האבן אלע זיך געצויגן. מאמעס, וואס האבן ניט געקאנט האפן, אז זיי וועלן דורך אט דער קליינער עפענונג קאנען ארויסקריכן, האבן זיך אפגעזעגנט מיט די קינדער, אפגעגעבן זיי א לעצט רינגל, וואס זיי האט מיט ניסים פארבאהאלטן, א דאר שטיקל ברויט, אנגעזאגט זיי וווהין צו גיין, ווו די רעטונג זוכן. מע האט נערוועז דעבאטירט אין וואגאן און אפילע געקריגט זיך וועגן דעם, אז מע וואלט געדארפט מאכן א גרעסערע עפענונג, קעדיי דערוואקסענע זאלן אויך קאנען ארויס. מע האט זיך אבער געדארפט צואיילן, ווייל ס׳איז ניט באוווסט געווען, ווי לאנג דער צוג קאן נאך פארן. יעדנפאלס, צו אוונט, האט יערוכעם אויסגערעכנט, מוז די עפענונג גרייט זיין. די ארבעט איז געגאנגען אן אפשטעל.

ענדלעך האט יערוכעם מיט א שטארקן קלאפ פון האנט ארויסגעשטויסן איין ברעטל און באלד נאך דעם — דאס צווייטע. פרישע פארנאכטיקע לופט האט א שפאר געטאן אין וואגאן אריין, ווי ניי־געבוירענע האבן די מענטשן דערזען א שטיק בלויען, אויסגעשטערנטן הימל. מע האט זיך אלע נאך מער א רוק געטאן צו דער עפענונג. אין דער לעצטער רעגע האבן מוטערס זיך אנגעהויבן קווענקלען. צי זאלן זיי מיט די קינדער זיך שיידן. א צוועלפיאריק יינגל א יאסעם האט דער ערשטער זיך דורכגעשטויסן צו דער עפענונג און הארט געמאלדן יערוכעמען:

— כ׳וויל ארויס!

יערוכעם האט אים אונטערגעהויבן א ביסל, דאס יינגל האט זיך אנגעכאפט מיט די הענט פאר דעם ראנד פון ברעט.

— זייט געזונט, יידן! — האט ער מיט א ציטערדיק־קלינגעוודיקער שטים געזאגט פאר דעם, ווי ארייַנרוקן דעם קאפ אין עפענונג.

— זיי מאצליעך! זיי געזונט! — האט מען אים געענטפערט פון אלע זייטן.

ווען דער צוג האט עטוואס פארלאנגזאמט זיין לויף, איז דאס יינגל פארשוווּנדן אין דער נאכט.

יערוכעם האט דורך דער עפענונג זיך איינגעקוקט אין דער פינצטערניש.

— גאנץ געבליבן?

— אויפגעהויבן זיך? — האט מען געפרעגט.

— מע זעט ניט...

— אַלצאיינס, עמיץ וועט זיך דאך ראטעווען! — האט מען פון דער טיף פון וואגאן זיך אנגערופן.

ווידער האט א צעניאריק יונגעלע זיך ארויסגעווארפן דורך דער עפענונג.

די אויסגעדארטע פרוי, וואס איר קינד האט יערוכעם פריער געהאלטן אף די אקסל, האט זיך צוגערוקט צו דער עפענונג. זי וויל שפרינגען מיטן קינד צוזאמען, זי וועט עס עפשער איינהאלטן אף די הענט אדער צובינדן צו זיך. מע האט איר געאייצעט פריער ארויסוואַרפן דאס קינד, פארוויקלען עס איז מאנטלען, וואס מע וועט פון די טויטע אראפנעמען. א פאר מינוט האבן אלע אויפגערעגט די דאזיקע פראגע באהאנדלט. געבליבן איז, אז די פרוי וועט שפרינגען צוערשט, דאס קינד וועט מען איר נאכווארפן. פון דער עפענונג האט דערווייל געשטראמט פרישע לופט און די מענטשן פארשי־קערט...

רייסנדיק די קליידער אף זיך, האט די פרוי קוים דורכגעשלעפט די אויבערשטע העלפט קערפער דורך דער עפענונג, דערנאך איז זי געבליבן הענגען אף די הענט מיט אלע פיר זיך אפגעשטויסן און פארשווונדן אין פינצטערניש. טייקעף האט מען איר נאכגעווארפן דאס פארוויקלטע קינד. מ'האט זיך איינגעהערט, צי דערטראגן זיך ניט קיין קוילעס פון דרויסן. געהערט האט זיך בלויז דאס ריטמישע, האסטיקע קלאפן פון די רעדער אין די רעלסן...

יערוכעם האט איינגערעדט סערקעלען, זי זאל פרווון ארויס פון וואגאן, זי האט זיך אבער אפגעזאגט דאס טאן אן אים. זי וועט ווארטן, ביז מע וועט ברייטער מאכן די עפענונג. ער האט איר צוגעזאגט, אז ער וועט אויך ארויס, שפעטער, מע וועט זיך אפזוכן איינס דאס אנדערע, אויב מע וועט גאנץ בלייבן. ער האט געזאגט איר דאס, וואס ער וואלט איר נאך עפשער אלץ ניט געזאגט, ווען ניט אט דער צופאל:

— מיר געהערן דאך אלצאיינס איינס דעם צווייטן, סערקעלע, בלויז דער טויט קאן אונדז צעשיידן...

— וויל איך טאקע ניט, אז מיר אליין זאלן זיך שיידן. — האט זי פאראקשנט, נאר מיט אן א שיר צארטקייט און אפילע דאנקבארקייט ארויסגערעדט.

— אבער ס'איז דאך צוליבן לעבן, סערקעלע...

— אן דיר איז בא מיר קיין לעבן ניטא...

און זי איז געבליבן. נאך האט מען דורך דער עפענונג באפרייט קינדער, פרויען, עטלעכע נידעריקע, דארע מאנצבלען. דער צוג האט שוין איין מאל זיך אפגעשטעלט אף א סטאנציע, האט מען די עפענונג פאר־

שטעלט מיט די ברעטלעך, וואָס זײַנען אין וואַגאָן געווען. ווידער האָט זיך דער צוג גערירט, און לאַנגזאַמען גאַנג האָט מען אַרויסגעוואָרפֿן עטלעכע גאָר קליינע קינדערלעך, זייערע מוטערס האָבן זיך אויך דורכגערוקט. דרײַיסק געפּאַשעס, אויב זיי זײַנען נאָר אַלע לעבן געבליבן, האָבן זיך שוין געפֿונען אַף דער פֿרײַ, און דאָ איז געשען אַ זאַך, וואָס האָט די האָפֿענונג פֿון די איבעריקע צונישט געמאַכט. אַ מיידל איז אַרויס פֿון וואַגאָן, זי איז שוין געווען פֿון יענער זײַט, נאָר ניט אָפּגעשטויסן זיך, ווי די איבעריקע האָבן עס געטאָן, מיט אַלע פֿיר פֿון וואַגאָן־ווענטל, און הענגען געבליבן אַף די הענט. דער שטאַרקער לופֿט־שטראָם האָט זי אונ־ טערגעכאַפּט, די רעדער האָבן געקלאַפּט באַ אירע פֿיס. דאָס מיידל האָט זיך אַף טויט דערשראָקן און גענומען שרײַען. אין מינוט פֿון געפֿאַר האָט זי אָן אַלץ פֿאַרגעסן. אין וואַגאָן האָט מען דערהערט אירע גוואַלדן און פֿאַרציטערט געוואָרן. מע האָט זי געפּרוווט ווידער אונטערהייבן אַ ביסל פֿאַר די הענט. אָבער די באַן־שוצער האָבן שוין דערהערט איר געשריי און געעפֿנט אַ שיסערײַ פֿון די טאָרמאָז־ביידלעך...

.5

פֿאַר די דרײַסיק געראַטעוועטע האָט מען באַלד באַצאָלט אַוואַדע ניט מיט קיין קלענערער צאָל טויטע. פֿאַרוווּנדעטע איז געווען נאָך מער, ווען דער צוג האָט אַף אַ סטאַנציע זיך אָפּגעשטעלט, האָבן די באַן־שוצער געשאָסן אין וואַגאָן גלײַך דורך די ווענטלעך. די עפֿענונג איז פֿאַרקלאַפּט געוואָרן.

סערקעלע איז געווען פֿאַרווונדעט אין זײַט. יערוכעם האָט צעריסן זײַן העמד און איבערגעבונדן איר די ווונד.

ווײַטער איז מען שוין געפֿאָרן ניט לאַנג. אַף עפּעס אַ סטאַנציע איז מען אַ שיינע פּאָר שאָ געשטאַנען, דאָ באַגעגנט דעם אינדערפֿרי. סערקעלע, אַ שטאַרק אָפּגעשוואַכטע, האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן יערוכעמען. זי האָט באַקומען היץ, און לײַכטער פֿאַרטראַכטקייט האָט זי עפּעס צאַרטס געשעפּ־ טשעט צו יערוכעמען, אַוואַדע דאָס, וואָס זי האָט אַזוי לאַנג געהאַלטן פֿאַרבאָרגן אין האַרצן. איר שטימונג האָט זיך אַלעמאָל געביטן, דאָס האָט דער פֿיבער געווירקט. אָט האָט זי געהאָפֿט, אַז זיי וועלן זיך ראַטעווען, ס'קאָן ניט זײַן, אַז זיי זאָלן אַזוי גיך דעם טויט באַגעגענען, און אָט האָט זי שוין ניט געאַרט, וואָס זי גייט צום טויט — אַבי יערוכעם האָט זי ליב. זי האָט זיך צוגעדריקט צו אים און, שטייענדיק אַזוי, אַפֿילע אײַנגעשלאָפֿן, און ער האָט, לויט דער וואַרעמקייט פֿון איר באַק, וואָס איז געווען אָנ־ געשפּאַרט אין זײַן האַנט, געפֿילט, אַז זי לעבט.

אינדערפֿרי האָט דער צוג מיט אַ שטאַרקן טרייסל זיך גערירט פֿון אָרט, און סערקעלע האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. זי האָט געזאָגט מיט אַ טרויעריקן שמייכל, די פֿיבער־פֿלעקן האָבן נאָך רירנדיקער געמאַכט איר געזיכט:

— און מיר האט זיך געכאלעמט, יערוכעם, אז מיר זײַנען מיט דיר אין גארליטשינא, בא אנעליען אין שטוב...

ווידער האט דער צוג זיך אפגעשטעלט, מאנעווורירט, דערנאך האט יערוכעם דערפילט, אז מע שטויסט זייערן און נאך עטלעכע וואגאנען פון אן אנדער זײַט. אין וואגאן האבן אלע געשוויגן, דערדריקט און פארמאטערט פון אומרויִקער דערווארטונג.

מע האט די וואגאנען געעפנט, און יערוכעם, וואס איז איצט געווען ווײַטער פון דער טיר, האט ניט גלײַך דערזען, ווו מע געפינט זיך.

— שנעלער! שנעלער! — האבן עסעס־לײַט פון אויסן אונטערגעיאגט די מענטשן, וואס האבן זיך אזוי אויך געריסן פון די וואגאנען. ארויס אף דער ברוקירטער ראמפע, זײַנען אייניקע גלײַך געפאלן כאלאשעס — די פרישע לופט האט זיי געפלעפט. מע איז געטראטן איבער טויטע, איבער אומגעפאלענע, די עסעס־לײַט האבן ניט געלאזט צו זיך קומען.

סעריקעלען האט יערוכעם קימאט ארויסגעטראגן אף די הענט. ס'איז געקומען א באפעל זיך אויסשטעלן צו פיר אין א ריי. מע האט זיך געשטויסן, יעדערער האט געוואלט זיך שטעלן ווײַטער פון די עסעס־לײַט מיט די גומי־שטעקנס. און איבער די קעפ האט געשײַנט א ליכטיקער, א זוניקער טאג, וואס טרעפט אזוי זעלטן אין טיפן הארבסט. די ליכטיקייט אין אט די מינוטן פון שרעק און צעטומלונג איז עפעס ווי פרעמד געווען די מענטשן, אנטהוילט זיי, און דאך א טרייסט צוגעגעבן — אין אזא העלן טאג קאן מען ניט די נעשאמע צורויבן...

איין בליק האט יערוכעם בלויז געווארפן ארום זיך — ער האט דערזען א פלויט פון עטלעכע רייען שטעכדראט, סטאנציע־געבײַדעס, הינטער זיי — אן אלייע ביימער, ווײַטער, נאך די ביימער — ווידער לענגלעכע געבײַען. גאר ווײַט האבן עקסקאוואטארס געארבעט. „א בוינג?" — האט ער זיך בלויז איין ווײַלע א קווענקל געטאן. נאר ער האט געוווסט, אז ער איז זיך ביטער טויע. כוץ טויט ווארט דא גארנישט אף דעם געקומענעם. איז עפשער איצט די צײַט זיך ארויפווארפן אפן ערשטן באליביקן פאשיסט און דערווארגן אים? ער האט שוין געזוכט מיט די אויגן, צו וועלכן עסעס־מאן ס'איז נעענטער זיך צורוקן, נאר די רעגעס זײַנען געגאנגען, און ער האט דאס ניט געטאן. „מע דארף זיך נאך עפשער ניט אײַלן שטארבן" — האט ער געטראכט, און ניט דערפאר, ווײַל אים איז א שאד געווען די הענט און פיס זײַנע, וואס טוען אים ניט ווײ, דעם קאפ, וואס דענקט אזוי לויטער, די אויגן, וואס זעען די וועלט, — פראסט, א לעבעדיקער האט ער נאך דאך געקאנט פארנעמען עפעס גרעסערס. אט האט ער דאך אין וואגאן זיך אן אייצע געגעבן און מיט דער הילף פון אנדערע ניט איין לעבן געראטעוועט. און דא שטייט ער עפשער פארן לעצטן פארהאנג פון א פארברעכערישער געהיימניש. איין פאשיסט אף מיטשלעפן מיט זיך וועט ער אפילע באם ברעג פון גרוב אפזוכן.

אין דער זעלבער מינוט, ווען יערוכעם האט דאס געמוראַכנט, האט א שווערער שטעקן זיך אראפגעלאזט אף זיין פלייצע. א שוצמאן האט אים א ריס געטאן פון סערקעלען און גענומען טרייבן צו די וואגאנען, אהין האט מען אויך געטריבן אנדערע מאנצבלען, זיי זאלן ארויסכוראַגן די טויטע.

ווען ער האט צוריק זיך אומגעקערט צו דער ריי און אוועקגעשטעלט זיך לעבן סערקעלען, האבן עטעס-לייט ווידער באזונט זיי קעשענעס, צוגענומען בא יעדן די פעקלעך. סערקעלע האט רירנדיין געקוקט אף יערוכעמען, איר פיבער איז ניט דורכגעגאנגען, נאר עפעס א געדאנק און אקשאנעס האבן באלויכטן איר פאנעם. מיטאמאל האט זי שטילערהייט גענומען יערוכעמס האנט און אריינגעלייגט אין איר א צוגעוויפגעדרייט גרעזל. ער האט פארכידעשט אויפגעהויבן די האנט — א פריש גרעזעלע, אזא ווי עס וואקסן דא בא דער זייט פון דעם שטעך-פלויט. סערקעלע האט אויסגעשטרעקט צו אים איר אנגעשטעלטן צינג-פינגער.

— טו עס מיר אן! — האט זי א שעפטשע געטאן.

ניט באנעמענדיק נאך רעכט, נאך וואס זי דארף דאס, האט ער איר אנגעטאן דאס רינגעלע פון גראז. זי האט באלד צוגעפגעבויגן דעם פינגער.

— איצט בין איך אף שטענדיק דיינע! — האט זי געזאגט און אים באשאנקען מיט א בליק, פול מיט ליבע און טריישאפט.

באלד האט מען שוין אפגעטיילט די מאנצבלען — רעכטס, די פרויען און קינדער — לינקס. צו די פרויען האט מען אריבערגעטריבן אויך עלטערע, שוואכע און פארוואונדעטע מענער. יערוכעם איז געבליבן רעכטס. אין דעם האמויז, וואס איז געבליבן לינקס, האט ער מיט די אויגן געפונען סערקעלען. דער אלטער, וואס איז מיט זיי אין מאשין געפארן און וואס זיין טאכטער (געווים איז עס זיין טאכטער געווען) מיטן אייניקל ס'האט זיך איינגעגעבן ארויס פון וואגאן, האט סערקעלען געהאלטן אונטער דער האנט. זי האט אויך דערזען יערוכעמען, א צאפל געטאן, נאר באלד צוגעמאכט די אויגן. אין א רעגע ארום האט מען אים און די איבעריקע מאנצבלען שוין געטריבן איבער א שמאלן זייטיקן דורכגאנג צווישן שטעך-דראט; אומקוקן זיך איז מער קיין מעגלעכקייט נים געווען...

XX. אַ גרוס די סטאַלינגראַדער

.1

„פאַרפאַלן, ווי בערקאַ באַ קאַצק" — אַזאַ שפּריכוואָרט וזאָט אין פוילן זיך פאַרהיט וועגן דעם יידישן העלד בערקאַ יאָסעלעוויטש *, וועלכער האָט אין שלאַכט-מאַרש זיך אַרויסגעריסן פאָרויס פון זיין זאָטריאַד, אַריינגעפאַלן צום סוינע אין די הענט און אומגעקומען. עפּעס ױנלעכס האָט אין זיך געהאַט אויך יערוכעמס פאַרשווינדן פון געטאָ. אַלץ איז, דוכט זיך, פאַרויסגעזען געווען, און געטאָן האָט מען, ווי עס איז פאָרויסגעזען געווען, אָבער באַקומען האָט זיך גאָר עפּעס אַנדערש.

אַרום יערוכעמס הויז אין פעלדזן-געסל האָט לעצטנס דער שטאַב זיך געפליַיסט קיינע שריט ניט פאַרנעמען. דאָס דאָזיקע ווינקל, ווו ס'איז געווען דער גרעסטער געווער-לאַגער, האָט געדאַרפט מאַכן אַן איינדרוק פונעם שטילסטן, פאַרוואָרפנסטן געטאָ-העק. עס זיינען שוין געווען סיגנאַלן, אַז די פאָליציי און געשטאַפּאָ ווייסן וועגן דער עקזיסטענץ פון אַ „מעכאַניק", — יערוכעמס פסעוודאָנים אין דער אָרגאַניזאַציע, מע ווייסט וועגן אַ „סטודענט" — דאָס איז געווען לייזערס פסעוודאָנים. ס'איז פאַרן שטאַב קיין סאָד ניט געווען, באַ וועלכן ניט שטאַנדהאַפטיקן קעמפער מע האָט אין געשטאַפּאָ דורך פייניקונג אַרויסבאַקומען די דאָזיקע ידיעס. דאָס אָרט אָבער, ווו די דאָזיקע צוויי געטאָ-אָנפירער געפינען זיך, דעם אויסזען זייערן — דאָס האָט דעם סוינע זיך נאָך ניט איינגעגעבן פעסטשטעלן. איז מען געווען דאָפּלט פאָרזיכטיק.

דעם געווער-לאַגער האָט אַלעמאָל באַוואַכט אַ גוט-באַוואָפנט פינפטל, די סאַמע אויסגעפּרוּווטע קעמפער, וואָס ווערבירט און דערצויגן האָט זיי יערוכעם אַליין. טראָגן די וואַך איז געווען זייער איינציקע אַרבעט. פאַרלאָקערט זיינען זיי געווען ניט אין יערוכעמס הויז גופא, נאָר אין אַ שטיינערנעם שטאַל באַ אַ זייט פון הויף. זייער אויפגאַבע איז געווען אַ גאַנץ באַשטימטע: אָף קיין שום טומל, קיין שום איבערפאַל, וואָס וועט פאָרקומען אין די אַרומיקע הייזער, געסלעד טאָרן זיי זיך ניט אָפּרופן, זיי

---

* בערקאַ יאָסעלעוויטש — אַ נאָענטער מיטקעמפער פון טאַדעוש קאָסציושקאָ.

לאזן דאס געווער אין גאנג בלויז, ווען דייטשן זאלן אנטרעפן אפן גע־ווער־קעלער גופא.

די פינף שטענדיקע היטער פונעם געווער־לאגער האבן געהערט, ווי א דייטשישע מאשין איז אריינגעפארן אינעם פעלדזן־געסל, נאר זייער אויפמערקזאמקייט איז געווען געווענדט אף דעם, צי וועט מען זיך צום קעלער ניט לאזן. די מאשין האט זיך אפגעשטעלט בא אלפערס הויז, וועל־כער איז פאר דער וואך געווען ניט מער ווי א פאליציאנט. די פארלא־קערטע קעמפער האבן אין דער טונקל געזען דורכלויפן סערקעלען מיט א פרוי און א קינד צום הויז, דערנאך דערזען סערקעלען לויפן צוריק, געהערט, ווי דער מאטאר פון דער מאשין האט גענומען זארבעטן, און באלד — דעם מיידלס אויסגעשריי, אז יערוכעם איז געפאנגען... דא זיינען אויסער אלע קלאלים צוויי קעמפער ארויסגעשיקט געווארן איבער־שניידן דער אויטאמאשין דעם וועג, אבער ס'איז שוין געווען שפעט. פון יערוכעמס טויער האט מען ניט געטארט שיסן, און ביז זיי זיינען דורך די טונקעלע הויפן דורכגעלאפן א ביסל פארויס, האט די מאשין שוין גענו־מען פארקערעווען, און די קוילן האבן אין איר ניט געטראפן.

צי איז באוווּסט געווען די דייטשן, וועמען זיי האבן געכאפט? דער דאזיקער געדאנק האט געפייניקט די דריי שטאב־מיטגלידער, וועלכע האבן די איינציקע, כוצן פארלאקערטן פינפטל, געוווּסט וועגן דעם שווערן פאר־לוסט, וואס די קאמפס־ארגאניזאציע האט געליטן. מע האט דורכגעפירט די נייטיקע אויסשפירונג און אין א פאר טעג ארום ענדגילטיק באשלאסן, אז — ניין. א סימען, אז ניט אין „קריפא", ניט אין געשטאפא איז יערו־כעם ניט אנגעקומען. דערנאך, ווען לייזער האט זיך אראפגעלאזט אין געווער־קעלער און געטראפן דארט א פארקאליעטע, אן אויסגעהונגערטע בארעד אלפערס פרוי, וועלכע האט נאך ניט געוווּסט ניט פון יערוכעמס פארשווינדן, ניט פון איר בארעכס טויט, און האט נאר דערציילט, וויאזוי סערקעלע האט זי דרינגענדיק אריבערגעפירט אהער און ווי יערוכעם איז געבליבן די טיר צו פארשטעלן, איז קלאר געווארן, וויאזוי און פארוואס יערוכעם איז אריינגעפאלן...

.2

די מאשין, אף וועלכער די דייטשן האבן פארנומען יערוכעמען און סערקעלען, איז געווען די לעצטע, וואס האט אין דער נאכט פון צוזאמענ־שטויס אף דער קשיווע־גאס זיך באוויזן אין געטא. זי האט זיך איינגע־שטעלט אריינפארן אין די געסלעך, וואס ארום פעלדזיקן ווייסל־ברעג, ווייל דאס האט זיך גערעכנט פאר א שטיל, טויב ארט, און סימכע ספירע איז באשטאנען פארן יונגן עסעס־אפיציר, אז מע דארף דרינגענדיק פאר־נעמען און באשטראפן די פאמיליע פונעם פאליציאנט, וועלכער האט געוואגט אויפהייבן א האנט קעגן די דייטשן.

גלייך נאָך דעם איז די געטאָ געשלאָסן געוואָרן. דער טאָרגאַנג איז געקומען אַ גרוילעכער, עפּעס אַ נעפּלדיקער, ווי געוויינלעך כאָפּ אָקטאָבער, ווען די זון, שוין אַן אויפגעגאַנגענע, פאַרהאַלט זיך נאָך אין בלאָסע, לענגלעך־ אויסגעצויגענע וואָלקנדלעך, ווי זי זאָל אַ שוואַכע, אַפּגעקילטע, ניט איילן באַווייזן זיך פאַר די מענטשן. אין געטאָ האָט מען, — ווער פאַרטייעט, מיט אַ געפּאַלענעם געמיט, אין נאַרעם פאַררוקט, און ווער — פאַרלאָקערט אַף זיין שלאַכט־פּאָסטן, מיט אַקשאָנעס, אַנטשלאָסנקייט און שטאַרקייט אין האַרצן — געוואַרט, אַז די דייטשן וועלן זיך נעמען צאָלן פאַר דער בלוטיקער נאַכט. ס'איז אָבער אַוועק אַ שאָ און נאָך אַ שאָ, ס'איז שוין געווען רעכטער באַטאָג, און דער טויטנע ווֹאָט זיך ניט באַוויזן. האָבן געזינדן גענומען איינשטעלן זיך אַרויסשיקן עמ'צן נאָך אַ עמער וואַסער אַף דער גאַס, עפּענען עפּעס אַ לאָדן. ווו־ניט־ווו האָט מען צוליב אַ כוילע וועגן גענומען זידן אַ טעפּעלע אַקרעפּ, אַ רויכל האָט פון קוימען זיך אָנגעהויבן קנוילן...

נאָך אַ שאָ איז אַוועק, און אַ מאַמע האָט, פאַרוויקלט אין איר שאַל, אַזוי, אַז נאָר די אויסגעדאַרטע נאָז און די צאַרנדיק־פאַרביזערטע אויגן זיינען געבליבן אַפּגעדעקט, געלאָזט זיך איבער דער גאַס, און שטאָיקע צו דער קשיווע, זוכן איר זון, וואָס איז אַזוי הענדום־פּענדום אין אָוונט אַוועק פון שטוב און אַלץ זיך ניט אומגעקערט. און פון דער קשיווע האָט מען שוין באַרמינענס אַף איבערגעקרייצטע אַרומגעבראָכטע שטעקענער געטראָגן, האָט די מוטער באַטראַכט יעדן איינעם, צי איז עס ניט איר לייב און בלוט. און אָט אַזוי האָבן די פינף געטאָ־גאַסן מיט די אַנצאַליקע ליקעלעך אַרום אויפגעלעבט, העפקערדיק און צולאָכעסדיק, ווי עס לעבן, באַוועגן מיט די אייוורים, אָרדענען זיך איין באַקוועמער, טראַגנטן וועגן שפּייז צום טויט פאַראורטיילטע, וועמען ס'איז פאַרבליבן דאָס לעבן אונטערהאַלטן עפּשער נאָך איין שאָ...

אָבער אויך אָט די שאָ איז דורך, און נאָך אַ שאָ, און צווישן די מויערלעך פון דער קשיווע, וואָס די מערהייט פון זיי איז געשטאַנען אָן שויבן און האָט געהאַט פרישע שראַמען אַף די ווענט, האָט זיך צעפאַרשקעט דער מאָטאָר פון שנאַפּעס מאָטאָציקל. אַפּגעוואָרפן אַף צוריק דעם פולן קערפּער, איז שנאַפּע ברייטלעך געזעסן אינעם שיפל, די הענט באַלעבאַטיש צונויפגעלייגט אַף דער ברוסט. אַזוי אַז זיין דיקן גאָלדן רינגל מיט דעם היפּשן דימענט האָט געבליאַסקעט קעגן דער הויך־ אויפגעגאַנגענער זון. דער שאָפער, דורכוים אין לעדער געקליידט, מיט פירעקיקע ברילן אַפן הוט, האָט נידעריק זיך צוגעבויגן צום רודער. אַף זיין פּלייצע איז קיין אויטאָמאַט ניט געווען...

שווייגנדיק באַקוקט די וואַרשטאַטן, האָט שנאַפּע באַפוילן איינשליסן די סירענע, וואָס רופט צו דער אַרבעט. די יידן האָבן זיך ניט געאיילט גיין, האָט די סירענע אין אַ האַלבער שאָ אַרום ווידער איבערגעבאַזערט

איר דינעם אויסגעצויגענעם פּיַיף, די זעלבע סירענע, וואָס האָט באַנאַכט געגעבן דעם סיגנאַל דאָס הויז פון די וועש־נייטערנס אויפצורייַסן. וואַרשוצערס זייַנען אַרויס צו די וווין־בלאָקן און, צופלייענדיק די דלאָניעס צו די מייַלער, גענומען רופן די אַרבעטער אין די וואַרשטאַטן אַרייַן.

איינציקווייַז און גרופּקעלעכווייַז האָבן מאַנצבלען, פרויען און קינדער זיך גענומען ציִען צו די וואַרשטאַטן — אַ קוק טאָן. דאָך ניט צום טויט — צו דער אַרבעט רופט מען, און וואָס וועט מען זען, ווי וועט מען זיך באַהאַלטן ? ... מע האָט זיי ווירקלעך צו די מאַשינען צוגעלאָזט. אין מאַשין־אָפּטייל האָבן גענומען קלאַפּן די דיזעלן, ס'האָבן דין זיך צעזונגען די רימענס פון די טראַנסמיסיעס, — די סירענע האָט ווידער איבערגעבאַזערט דעם פּייַף, זייַנען געקומען נייַע קופּקעלעך ייִדן. ווער־ניט־ווער האָט דאָס געווער פאַררוקט אין אַ פאַרבאָרגן אָרט, אַנדערע האָבן מיטן ווייַב, מיט אַן אַלטן טאַטן זיך געזעגנט, ווי מע זאָל זיך לאָזן אין אַ געפערלעכן וועג.

דורך די צעך־מייַסטערס האָט שנאַפּע איבערגעגעבן, אַז ער באַדויערט, וואָס ס'איז אין זייַן אָפּוועזנהייט אַזאַ מיספאַרשטייעניש געשען, אַז ער נייטיקט זיך אין אַרבעטער און נעמט אָפּילע אַן מיטלען, מע זאָל אומקערן די, וואָס מע האָט באַנאַכט אַרויסגעפירט, אויב זיי זייַנען נאָך אין קיין צווייטן זאַמט גיט אַריבער. ער מיינט, אַז די ייִדן האָבן שוין פיל מאָל זיך געקאָנט איבערצייַגן אין זייַן וווילגעניגטקייט, און האָפט, אַז ער וועט זי זיי נאָך באַווייַזן ניט איין מאָל ... אַלזאָ, עפּעס אַ געווים שטיקל צייַט פאַר אַן זאַטעם־איבערכאַפּ האָבן די פאַראורטיילטע ווידער באַקומען, און דער אויסוואַל איז גאָר ניט אַזוי רייַך געווען, מע זאָל זיך פון דעם אָפּזאָגן.

נאָך האַלבן טאָג האָבן אָנגעהויבן אַרבעטן אויך די ייִדנראַט־וואַרשטאַטן, כוץ דעם מעכאַנישן צעך, וועלכן מ'האָט גענומען דעמאָנטירן און די אויסשטאַטונג צוזאַמען מיט די אַרבעטער אַריבערשיקן צו שנאַפּען. אַן ערעך דאָס זעלבע, וואָס שנאַפּע, האָט צו די ייִדנראַט־אַרבעטער געזאָגט מאַזריעס גליוועך. מע דאַרף זייַן רויִק און געהאָרכזאַם, בעסער אויסמייַדן עקסצעסן, אויב דאָס לעבן איז וועמען טייַער; מע דאַרף יעדן, ווער עס העצט זיך גוואַלדטאַטן קעגן די דייַטשן, אַרויסגעבן ווי אַ פּעסט־אָנשטעקנדיקן, ווייַל דער אומזין אַליין רעדט אַרויס פון אַזאַ מין מענטשן.

די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט גאָרנישט געהאַט קעגן דעם, מע זאָל זיך דערווייַל שטעלן צו דער אַרבעט. ס'איז קלאָר געווען, אַז דאָס אַלץ וועט דויערן געציילטע טעג. די דייַטשן וועלן דעם בלוטיקן פּאַטש ניט שענקען, וויכטיק איז געווען קלאָר מאַכן, וואָס זשע האָט פאַרטראַכט דער סוינע. קימאַט אַ העלפט קעמפער — באַטראָפן האָט עס שוין באַ אַ פיר הונדערט מאַן — האָט באַקומען אַ באַפעל צו דער אַרבעט ניט אַרויס, געפינען זיך נאָענט פון די שלאַכט־פּאָסטנס. צו מאָרים גליוועך האָט לייזער איינערגעשיקט אַ בריוו, אַדרעסירט ניט אים נאָר זילבערטן, אַז מער פון

דריי באוואפנטע דייטשן זאלן זיך ניט וואגן באווייזן אף א געטא־גאס. דער סוינע האט אויך די דאזיקע וואָרענונג אראפגעשלונגען שווייגנדיק. די געטא איינוווינער זיינען געווען די באלעבאטים אף דעם שטיקל ערד, ווו זיי האבן זיך געפלאגט. נאר אף ווי לאנג?

געוויסע נייעס האט דאך די נאכט פון דער שלאכט אף דער קשיוועגאס געבראכט: מ'האט אויפגעהערט ארויספירן קאמאנדעס יידן אף ארבעט אין שטאט אריין. אפילו דעם קווארעס־ייד מיט זיין וואגן האט מען פון געטא ניט ארויסגעלאזט, און די מייסים באפוילן באגראבן אף פוסטקעס, אין פארלאזטע סעדלעד. אין שנאפּעס ווארשטאטן האט מען אין א פאר טעג ארום, אנשטאט די ארויסגעפירטע גארבערס און אנשטאט דעם קימאט פולשטענדיק פארשוווּנדענעם שטאט וועש־נייטערנס, געבראכט פון א קאנצענטראציע־לאגער פאליאקן, מענער און פרויען, געבראכט האט מען אויך, געשמידטע אין קייטן, א צוואנציק רוסישע קריגס־געפאנגענע. די קשיווע־גאס האט מען מיט שטעך־דראט אפגעצאמט פון דער ביאלע און פון די דערבייאיקע ליקעלעד, אזוי אז ס'האט זיך באקומען א געטא אין דער געטא.

נאר אז מע האט פון אט דער שמעלערער געטא גענומען אריבערשיקן אף דער ברייטערער זייט יידן, שוואכע אין געזונט, איז שוין א פראגע געווארן, ווו איז בעסער און זיכערער זיך אויפצוהאלטן.

.3

ווי אנגעשטרענגט, פול מיט אומרו, ערגערניש, טאט און ריזיקע די טעג זיינען ניט געווען, האט לייזער, דער־א יונגער מענטש, וואס האט איצט מיט אלץ און אלעמען דא אין געטא באוועגט, — אט פון דער טיף פון א קעלער, אט פון א בוידעם און אט אנגעטאן אין א לייטישן סורדוט מיט א צוגעקלעפּטער בארד און פייעס, פאשעט פון גאס, — האט ער אלץ געטראכט און געהאלטן אין זיקארן איינס און דאס זעלבע: וואס וועט זיין דער סאף? ווי אין א קאלידאסקאפ האט זיך אין די דאזיקע קאכיקע טעג (כאטש אויסערלעך אזעלכע שטילע) געביטן זיין אויסזען, זיין נאמען, די ערטער, ווו ער האט געטאגט און גענעכטיקט, נאר איינס האט זיך ניט געענדיערט: זיין אינערלעכער צושטאנד. ס'הייסט, אויך דאס האט זיך געענדערט — די ארבעט אליין, די פיבערהאפטע טעטיקייט, די שוועריקייטן, זארגן, וועלכע האבן זיך אלעמאל אף אים ארויפגעוואלגערט, דאס, ווי ער האט געלייזט פראגן, מיט דערפאלג אדער ניט, האט בא אים, פארשטייט זיך, ארויסגערופן פארשיידענע שטימונגען, צוגעגעבן אים אמאל זיכערקייט, מונטערקייט, אמאל ווייטיק פארשאפט, נאר דאס זיינען אלץ געווען זאכן פארבייגייענדיקע, אין דער טיף אבער האט אים געגעבערט איין פראגע: צי האט ער וואס צו זאגן די מענטשן פון פארשיידענעם שטאנד און עלטער, וועלכע גייען נאך אים און פרעגן גארנישט, פאדערן גארנישט?

צי ווייסן זיי אַלע דעם עמעס, צי נאַרן זיי זיך ניט? און ער אַליין, צי האָט ער רעכט אַף עפּעס נאָך צו האָפן, צי דאַרף ער שוין אַלע זײַנע געפילן, שטרעבונגען, פאַרלאַנגען אין אַש צעווייען צוליב אָט דעם, וואָס מע קלײַבט זיך דאָ אונטער זײַן אָנפירונג טאָן? און נאָך אַ געדאַנק, דער סאַמע אַקשאָנעסדיקער: צי האָבן די נאָענטסטע כאַווײרים, וועלכע פאַרטרויען אים אַזויפיל, געמאַכט דעם ריכטיקן אויסוואַל, צי איז ריכטיק דאָס, וואָס נאָך יערוכעמס פאַרשווינדן ווענדט זיך גוראַל צו אים, ווי צו אַן אָנפירער, — צי איז ער טאַקע דער, וואָס וועט קאָנען פירן אָט די טויזנטער פאַראורטיילטע? „צו וואָס פירן?" — און דאָ איז אַלעמאָל געקומען די קיוט, אין וועלכער ער איז געדאַנקלעך פאַרשלאָסן געוועזן, — צו וואָס פירן דאָ אין די ענגע דאַלעד־אַמעס פון אָט די פינף אַרומגעמויערטע גאַסן?...

ניט געקוקט אַף זײַן גאַנצער פאַרנומענקייט, אַף דעם, וואָס ער האָט געדאַרפֿט פערזענלעך באַשטעטיקן די קאַנדידאַטור פון יעדן, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פון געטאָ צו קאַרעלן אָדער אין גוראַלס רעשוס, פאַר די פּפּר־אָטריאַדן, ניט געקוקט אַף דער פאַרטאָנענקייט באַם קאָמפּלעקטיר ון פונאַנדערשטעלן נײַע קאַמפּס־גרופּעס, באַם אויסהערן אַגענטן און אויסשפּירער פון אויסן און פון הי, אַף דעם אייסעקן זיך מיט צענדליקער אַנדערע זאַכן, ניט געקוקט אַף דעם אַלעמען — און געטאָ האָט לייזער מיט אַ לויטערן קאָפּ, מיט ברויזנדער לײַדנשאַפט, — האָט דאָך געלעבט אין אים עפּעס אַ צווייטער, איינער אַזאַ, וואָס האָט אַף אים, אַף לייזערן, ווי פון אַ זײַט געקוקט און אים געוואָלט באַגרײַפן.

זיאַכן גאַנצע ביזאַהעריקע לעבן זײַנס האָט אים געמאַכט פאַר אַזאַ, ווי ער איז איצט, און ניט נאָר די אומשטענדן אַליין האָבן אים געשטעלט אין דער שפּיץ פון די פאַראורטיילטע. ער פאַרשטייט גוט, אַז ניט בלויז אין נעקאָמע גייט עס, נאָר אין דעם, אַז אויך דער קאַמף דאָ, דער קאַמף פון זיי אומגליקלעכע אין געטאָ, זאָל העלפן קומען דעם עמעס אַף דער וועלט.

איז וואָס זשע, זאָל ער איצט נאָכגעבן דער שוואַכקייט, וואָס דערוואַכט נאָך ווען־ניט־ווען אין אים און דערמאָנט אים, אַז ער איז אַ יונגער און טאַקע ניט גאָר קיין דערפאַרענער מענטש? אָדער מעסירעסנעפעשדיק גיין פאַרויס, זאָל זײַן אַפילע צום אָפּגרונט, אָבער מיט אַ פאַקעל אין האַנט?

איצט האָט ער אַפילע מוירע צו טראַכטן וועגן אַנעליען, וועגן זײַן גרויסער ליבע צו איר, וועגן איר קרענק דאָרט אין גאָרליטשינאָ, דאָס זאָל אַף קיין קאַפּעלע זײַן אַנטשלאָסנקייט ניט אָפּשוואַכן.

דאָ אין געטאָ זײַנען נאָך פאַראַן צוועלף טויזנט יידן, טויזנט פון זיי, די יונגערע און דרייסטערע, האָבן זיך דעראָבערט געווער און זײַנען מיטגלידער פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. צוויי־דרײַ מאָל אַזויפיל וועלן אַן סאַפעק בעייסן קאַמף סטיכיש צושטיין צו די אויפשטענדלער. קיין

אנדער אויסוועג וועט ניט זיין. אלטע לייט, פרויען, קינדער — אויך זיי קאנען העלפן. דער סאך איז איינער פאר אלעמען, וועט יעדערער טאן דאס גרעסטע, אף וואס ער איז פעיק. און וואס באטייטן צוועלף טויזנט מענטשן אן אן אויפשטאנד? א טאג ארבעט פאר א ווזוואד שיקערע עסעסאוועצעס־אויטאמאטלער, א פינף—זעקס־שאיקע אנלאדונג פאר איין גאז־קאמערע, — א, מע ווייס דאס שוין! נאר עפשער קאן זיך נאך איינגעבן אלעמען, ווער ס'האט געווער, ארויס אין וואלד? איז וואס, לאזן די אומבאשיצטע אף הפקר? אייגענע טאטע־מאמע פארלאזן אף שאנד און שפאט? ס'זיינען געווען אזעלכע, וואס האבן זיך אפגעקערט פון די ליידנדיקע און אומבאהאלפענע, אף דער „ארישער" זייט, פאר געלט, א רעטונג געזוכט. צי האט ער זיי פאראורטיילט דערפאר, וואס זיי פרווון נאר דאס אייגענע לעבן צו ראטעווען? ניין, ניט יעדן פון זיי האט לייזער פאראורטיילט, נאר געהערן צו זיי האט ער אפילע קיין איין מינוט ניט געוואלט.

ס'איז קלאר געווען, אז אפילע די, וואס האבן געווער, קאנען ניט און וועלן ניט אלע ארויס אין די וועלדער. ס'איז שוין פראסט קיין צייט ניט געווען. די אויסערלעכע אויסשפירונג האט באוויזן, אז די דייטשן שטעלן איין קוילנווארפערס אף די הייזער קעגן דער געטא. אף מארשאל־קאווער בערגל האט מען איינגעגראבן פיר זעניט־הארמאטן, גאנץ קלאר, וווהין די סנאריאדן וועלן איבער דער שטאט פליען. שוין א פאר נעכט גראבן עפעס גרופקעלעד דייטשישע סאפיארן אין פינף ערטער פון אויסן בא דער געטא־וואנט, פונקט קעגן די אריינגענג אין די פינף הויפט־גאסן, — אויך קלאר, וואס דאס באטייט... די שלאכט וועט זיך אינגיכן אנהייבן און וועט אנגענומען ווערן...

צומאל האט לייזער אין געדאנק געזוכט געשיכטלעכע אנאלאגיעס אף צו בארעכטיקן דעם אויפשטאנד, כאטש ס'איז אים פון אנהייב אן קלאר געווען, אז קיינע שום אנאלאגיעס זיינען ניט נייטיק. ס'וועט קיינער שפעטער ניט קומען פאראורטיילן אט דעם אויסברוך פון פראטעסט און ווידערשטאנד. און ניט אין רום גייט דא. פאר טויטע איז דאס עפשעוו אליצאיינס. אויב יא זוכן אן אנאלאגיע, און אפילע ניט קיין אנאלאגיע, — א טרייסט, האט ער זונאנדערגעוויקלט פאר זיך די מאפע און געקוקט אף א בלויען טייך־אויסבייג אין א ווייטן קאנט — אף סטאלינגראד. דארט שטייען מענטשן אף א ברעקל ערד באם ברעג און פארלאזן עס ניט, פול מיט האפענונג, אז זיי וועלן זיגן. ער האט געקוקט אף לענינגראד, דער שטאט פון לייד און העלדנמוט. און אט דא, בא דער ווייסל, וועלן זיי, די צוועלף טויזנט הערצער, אנצינדן א פלאם, זאל זיין ניט אף לאנג, אף טעג, אנצינדן אים אין דער סאמע געדיכטער נאכט־פינצטערניש. און זאל עס אפילע ווי א קליין פינטעלע אויפלויכטן אפן ריזיקן שענזער, ווו דער געראנגל קומט פאר, נאר אנזאגן וועט עס, אז ניט האכ־

נאָדיק און געפאַלן פאַרגייען מענטשן פון זײַן פאָלק, נאָר ווי העלדן פאַרגיסן זיי דעם סוינעס בלוט אַף אַט דער ערד, וואָס מוז און וועט באַפרײַט ווערן!

.4

אַפן פינפטן טאָג נאָכן צוזאַמענשטויס אַף דער קשיווע איז אין געטאָ געשען אַ זאַך, וואָס ס'איז ניט קלאָר געווען, ווי עס אַפּצושאַצן — ס'זײַנען אַהער אַרײַנגעשיקט געוואָרן אַכט יידישע פאַמיליעס פון דער שטאָט ל', מע האָט זיי דאָ אַף דער סטאַנציע אַראָפּגענומען פון אַ טראַנספּאָרט יידן. זיי האָבן דערציילט עפּעס אומגלייבלעכס: ס'איז גוואַלדיק ענג געווען אין די וואַגאָנעס, ווו זיי זײַנען פאַרשפּאַרטע געפאָרן, מענטשן זײַנען געשטאָרבן פאַר דערשטיקעניש, מ'האָט געקלאַפּט אין די ווענט פון די וואַגאָנעס, געגוואַלדעוועט. אַף פיל סטאַנציעס, ווו דער עשעלאָן האָט זיך אָפּגעשטעלט, האָט מען דערויף קיין אַכט ניט געלייגט, דאָ אָבער אין ק' האָט מען די טירן פון אַ פּאָר וואַגאָנעס אויפגעעפנט און דײַטשן האָבן אויסגערופן:

— ווער עס האָט דאָ אין שטאָט קרויווים אין דער געטאָ, קאָן אַראָפּשטײַגן, וועט ווערן גערוימער אין די וואַגאָנעס...

האָבן די אַכט פאַמיליעס ריזיקירט אַראָפּשטײַגן, און אַט זײַנען זיי דאָ.

מוזיים גליוווער אַליין האָט זיך מיט די מענטשן באַשעפטיקט, באַפוילן לויט די קאַרטאָטעקעס אָפּזוכן זייערע פרײַנט, אויב יענע לעבן נאָך, געזען, אַז אַלע זאָלן אײַנגעאָרדנט ווערן אַף אַרבעט. סימכע ספּירע האָט אומגעשמײַעט איבער דער געטאָ און אויסגעזוכט פאַר די נײַ־געקומענע פּאַסיקע וווינונגען. אויב פרײַנט האָבן זיך אָפּגעזוכט, האָט מען פרעהדע שכיינים אַרויסגעשמיצט, קעדיי קרויווים זאָלן וווינען אינייִנעם.

דיגרילערט האָבן די אָרדענונגס־פּאָליציאַנטן — דײַטשן האָבן זיך אין געטאָ ניט באַוויזן — די דאָזיקע ווילדע נײַעס אַף אַ מעשונעדיקן אויפן: אַ דײַטשישער געלערנטער האָט קלוימערשט דערוויזן, אַז אין מישפּאָכעס, וואָס לעבן צוזאַמען, זײַנען פאַראַן ווייניקער פאַרברעכער און אַרבעטער קומען פון דאָרט אַרויס פיל פלײַסיקערע.

אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען אין געטאָ געבראַכט דרײַ יידישע מישפּאָכעס פון אונגאַרן — אויך פון אַ טראַנספּאָרט אַראָפּגענומען, ווי נאָר זיי האָבן געמאָלדן, אַז זיי האָבן פרײַנט אין ק'.

און באַלד נאָך דעם איז געקומען אַ מעלדונג פון יידנראַט: ווער עס האָט פרײַנט אין גרעסערע שטעט פון פוילן, ווי אויך אין אַנדערע אייראָפּעישע לענדער, ווו דאָס דײַטשישע רײַך פאַרשפּרייט זײַן מאַכט, קאָן זיך פאַרשרײַבן אַף אַריבערצופאָרן אַהין. עס ווערט דערלויבט מיטנעמען מיט

זיך דאָס גאַנצע פאַרמעגן, כּוץ מעבל און גאָר אַלטע קליידער און בעט־געוואַנט.

שנאַפּע האָט אויך, פון זײַן זײַט, געמאָלדן, אַז באַטש ער נייטיקט זיך שטאַרק אין אַרבעטער, וועט ער דאָך איינצקע קאַטעגאָריעס ייִדן אָפּ־לאָזן, אויב מע וועט זיך ווענדן צו אים פּערזענלעך מיט אַ מעלדונג, אַז מע וויל אַריבערפאָרן צו קרויווים.

אין גרויליקער דערוואַרטונג פון אַ שטראָף־אַקציע, וועלכע האָט פון טאָג צו טאָג געמוזט קומען, אין אַנגעזיכט פון אַנטשיידנדיקן צוזאַמענ־שטויס, האָבן פיל זיך אַנגעכאַפּט אין אַט דער מעגלעכקייט אויסוואַנדערן פון געטאָ. מ'האָט זיך גענומען פאַרשרײַבן אין ייִדן־ראַט, אויסגעפילט ספּעציעלע, זייער גענויע אַנקעטעס, פּאָליציאַנטן האָבן דורכגעקוקט די פּעק. ס'זײַנען אויך אָנגעקומען מעלדונגען צו שנאַפּען, און ער האָט פּער־זענלעך געלייגט אַ רעזאָלוציע: „אויסוואַנדערן".

די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אין אַ ספּעציעלן פלוג־בלעטל און דורך מינדלעכער אַגיטאַציע געוואָרנט קעגן דער נײַער פאַרבלענדעניש, וואָס האָט דעם מיין בלויז צו פאַרקלענערן די ווידערשטאַנד־קראַפט פון דער געטאָ. אָבער צי דען וועט פאָלגן אַ זיך טרינקענדיקער, אויב מע וואָרנט אים אַפילו, אַז ער האָט ניט וואָס אין אַן איבערגעברענטער שטרוי זיך אָנצוכאַפּן?

5.

מאַריאַן גוראַל איז דורכן אַרײַנגאַנג, וואָס פירט אין אַרטיסטן־קעלער, געקומען אין געטאָ. אין קעלער האָט ער זיך געטראָפן מיט לייזערן. ס'איז געווען נאַכט.

— מיט די פּאָליאַקן און רוסן אין שנאַפּעס וואַרשטאַטן האָלטסטו אונטער אַ פאַרבינדונג? — האָט ער געפרעגט, ווי נאָר ער האָט זיך אַוועק־געזעצט אַפן אײַזערנעם בעטל באַם טיש.

— יאָ.

— נו, ווי איז דאָרט?

— גאָרניט... ווי זאָגט מען דאָס, — לייזערן האָט זיך פאַרוואָלט אַ שפּאַס טאָן, — זיי זײַנען אין דער אַרביטע פון אונדזער טעטיקייט.

גוראַל האָט זיך אַ קרים געטאָן, נאָר ניט אומצופרידן, גיכער אויפ־געמונטערט. אומרו האָט זיך געמערקט אַף זײַן לענגלעך געזיכט. ער האָט גאָרנישט ניט געזאָגט. זײַנע קליינע בלויע אויגן האָבן קעגן קאַנטע אויס־געזען טונקעלער, זײַן בלאָנדער טשוב איז געווען פײַכט פון שוויים, און לייזער האָט אַ טראַכט געטאָן, צי האָט ער אַפן וועג אַהער עפּעס קיין שוועריקייט ניט באַגעגנט, עפּשער האָט מען אים פאַרפאָלגט.

— האָסט זיך גרינג דערקליבן אַהער? — האָט לייזער געפרעגט, — ס'איז אַלץ נאָרמאַל?

מאריאן האט מיט א טיכעלע אפגעווישט דעם שוויים פון שטערן, א פאר מאל א פאכע געטאן אף זיך מיט דעם.

— נארמאל.

לייזער האט גענומען דערציילן, אז אין שנאפעס ווארשטאטן האט אן אויפגאבע איינצושטעלן א קאנטאקט מיט די צוואנציק כאוועטישע קריגס־געפאנגענע איינער א געוועזענער לערער, יעשוע שוואלב, וועלכער קען רוסיש. ער ארבעט אין רימעריי, זעט ער זיך מיט דריי קריגס־געפאנגענע. וואס ס'איז שייעך די פאליאקן, איז דעם קאנטאקט גרינגער אנצוקניפן, ווייל זיי זיינען ניט פארשפארט, מע וווינט אין א הויז, וואס איז ספעציעל פאר זיי באפרייט געווארן.

מאריאן האט געהערט, געקלאפט מיטן פינגער אין זייטל פון בעטל, און א פארטראכטער געפרעגט:

— און די פאנצער־ביקס האט מען בא דיר שוין דערלערנט?

— צוויי פארלעך.

— דאס איז גוט... קוילנווארפערס האסטו וויפל?

— צוועלף.

— וועסט מארגן באקומען נאך דריי... די נעכטיקע פארטיע האט זיך צום וואלד דערקליבן, נאר איינער איז פארוואונדעט. בא א בריקל האט צו זיי זיך טשעפע זיך געטאן פאליציי, כעוורע האט גענומען ענטפערן. וואס האט עפעס קארעל צוגעשיקט גוטס?

— מינעס. יענער איז דאך א בעריע אף מינעס, טוט אליין מיט זיי מייסים און פיטשקעוועט מיך מיט די דאזיקע מאטאנעס. — לייזער האט א שמייכל געטאן מיט שטאלץ פאר זאלמען קארעלס אטריאד, וואס האט זיך שוין ווייט קוינע־שעם געוועזן. די אנגעשטרענגטקייט פון מאריאנס געזיכט איז פארשוואונדן.

— וויאזוי איז די לאגע בא סטאלינגראד? — האט לייזער ענדלעך געפרעגט וועגן דעם, וואס ער האט געווארט, מאריאן זאל אליין דערציילן. טאקע יענעמס כמורנעקייט האט לייזערן אפגעהאלטן פון שטעלן אים גלייך די דאזיקע פראגע.

גוראל האט האסטיק א קערעווע געטאן דאס געזיכט צו לייזערן, די שיין פון קאנעצל האט עס באלויכטן, נאר פונעם צעוויגטן פלעמל זיינען שאטנס איבער דעם דורכגעגאנגען. דורך אט דער ניט זיכערער באלייכטונג האבן דעם אייזנבאנערס אויגן געקוקט רויק און באדייטונגספול:

— סטאלין האט גערעדט.

— סטאלין...

— ס'וועט זיין אויך אף אונדזער גאס יאנטעוו!

— אזוי האט ער געזאגט? האסט עס געבראכט?

— געבראכט. — גוראל האט אויפגעהויבן די פאלע פון זיין מארי־נארקע און פון אונטערן אונטערשלאק ארויסגעצויגן א צונויפגעלייגט

פאפיראס־פאפיר. לייזער האט עס איַליק צעוויקלט, צוגעבויגן זיך צום קאנעצל. מאריאן האט איבער זיַין אקסל אויך אריַינגעקוקט אינעם בלעטל און הארט בא לייזערס אויער געררעדט:

— און מיט א פאר טעג צוריק האט אן אויסלענדישער קארעספאנ־דענט געפרעגט סטאלינען, מיט וואס קאן סאוועטן־רוסלאנד ענטפערן אף דעם, וואס די פארבינדעטע האבן זיך ארויסגעזעצט אין צאפן־אפריקע...

לייזער האט עטוואס אפגעקערט די אויגן פון בלעטל און ווארטנדיק, זיי אנגעשטעלט אף מאריאנען.

— לייען, לייען, דא האסטו אלץ, — גוראל האט גוטמוטיק אים א טרייסל געטאן פארן אקסל. — די רויטע ארמיי וועט איר אויפגאבע אויספילן, — ענטפערט סטאלין... — גוראל האט א רעגע געקוקט, ווי לייזער לייענט און האט פארגעזעצט. — ווייסט וואס איך טראכט? צו לאנראן איז פון דער וויַסל אן ערעך פונקט אזוי וויַט, ווי צו מאסקווע. צו סטאלינגראד איז אפילע נאך וויַטער. און דאך האבן מיר עס פריער געוווּסט און מיר זעען עס איצט באשיַימפערלעך, אז די באפריַיאונג אונ־דזערע וועט קומען נאר פון מיזרעך, נאר פון סאוועטן־רוסלאנד.

לייזער האט שוין געענדיקט לייענען, זיַין פאנעם איז פון אויפרודערונג געווען צעפאליעט, די אויגן האבן געשיַינט.

— דאס איז קלאר, מאריאן, — האט ער פארטראכט ארויסגערעדט, — כ'וועל דיר עפעס אנדערש זאגן. מיילע, דאס מאל וועלן זיך די ענגלענ־דער, וויַיזט אויס, מוזן שלאגן, אן באזונדערן פליַיס, נאר שלאגן וועט מען זיך. זיי ווייסן גוט, אז רוסלאנד איז ניט שפאניע — אין דער מאפאלע פון שפאניע האבן זיי דאך קימאט אזא ביילעק ווי דער דיַיטש, — און רוסלאנד קאן אליין אויך צעקלאפן דעם דיַיטש, קומען אהער און וויַיטער...

לייזער האט נאכאמאל גענומען לייענען דאס בלעטל. ער האט גע־קניימשט דעם שטערן, צעפאטלט מיט דער האנט די האר. גוראל איז געזעסן עטוואס איבערגעבויגן אף פארויס, פארדריקט ביידע פויסטן צווישן די קני און קוים־קוים זיך געשאקלט. לייזער האט געפילט, אז זיַין כאווער האט ווידער באהערשט א כמורנעקייט. גוראל האט עטלעכע מאל שנעל, קימאט ווי אומגעדולדיק אויפגעהויבן צו אים דעם קאפ, נאר באלד צוריק אראפגעלאזן.

לייזער האט געענדיקט לייענען. מ'האט גערעדט וועגן דער לאגע אף די פראנטן, גוראל האט דערציילט וועגן דער טעטיקייט פון גרעסערע אטריאדן אין די פוילישע וועלדער, וועגן די פאלשע שטיק פון דער „ארמיא קראיאווא", — ער האט זיך צוגעשפארט מיט א זיַיט צום בעטל, געלעגן אביסל, באלד זיך אויפגעהויבן, ווידער זיך אנגעלענט און נאך שנעלער זיך אויפגעזעצט. לייזער האט קלאר געזען זיַין אומרו, אפילע אומעט, נאר ניט געוווּסט מיט וואס דאס צו דערקלערן.

— וועסט דא זיַין ביז קאיאר? — האט ער געפרעגט.

— עפשער אפילע דעם גאנצן טאג... גרייטסט דאך אוף מארגן א פארטיע מענטשן פאר מיר, וועל איך שוין מיט זיי צוזאמען ארוים...

— ווי דו פארשטייסט. — האט לייזער געזאגט צוריקגעהאלטן.

גוראל האט ווידער גענומען ריידן וועגן די צוואנציק רוסישע קריגס־געפאנגענע, אז ס'וואלט געווען גוט, ווען מע קאן זיי באפרייען. די דייטשן האבן זיי אבער געהאלטן אונטער א באזונדערער וואך.

— ווי נאר איר הייבט אן, דארף מען, זיי זאלן צושטיין צו אייך,

— האט מאריאן געזאגט.

— דאס איז פארויסגעזען. א פינפטל, טאקע מיט יעשוע שוואלב בעראש, דארף, באלד ווי מיר טרעטן ארויס, פארכאפן דאס מויערל, ווו די קריגס־געפאנגענע געפינען זיך. דארט איז איינער א דעמיאן פאראן, אן אפיציר, א פליער — ער ווייס שוין פון דעם.

— נו, און די פאליאקן?

כ'האב דאך דיר געהאט איבערגעגעבן. האסט דא פויעו״ים, בא־שטראפטע פאר קאנטינגענטן־סאבאטאזש, דאמבראוויצער שאכטיאו״ן, אלע פארנומען פאר אן אויפרייס איז שאכטע, דערנאך די פינף און פערציק פרויען פון דער היגער ניי־פאבריק. עמעס, מיר זיינען געהיט, עס קאנען זיין פראוואקאטארן אויך. יא, דאס מיידל, וועגן וועלכן דו האכנז איבער־געגעבן. האבן מיר אויפגעזוכט — טאקע פאראן צווישן די נייטערנס א קאטאזשינא פראכאר.

— האט איר זי אפגעזוכט! — גוראל האט אנגעכאפט לייזערן פאר דער האנט, אפילע באם קאנעץ האט מען געזען, ווי א רויטקייט האט זיינע באקן פארגאסן, די אויגן האבן אויפגעשיינט, — איז זי טאקע דא?!

— פאראן.

— וויאזוי דערלאנגסטו זיך ארויף אף דער קשיווע־גאס? וויאזוי וואלט איך קאטאזשינען געקאנט זען?

— דאס קאן מען איינארדענען, — האט לייזער געזאגט, — און זיין הארץ האט פריידיק־אויפגערעגט גענומען קלאפן.

צו דער אפגעצוימטער קשיווע־גאס האט די קאמפס־ארגאניזאציע געהאט עטלעכע דורכגענג דורך בוידעמער און קעלערס. איינער פון די באקוועמסטע איז געווען די הייל, וואס האט פון דער ביאלע געפירט אין אויפגעריסענעם הויז פון די וועש־נייטערנס. גלייך אף מארגן נאכן צוזא־מענשטויס זיינען אנגענומען געווארן מיטלען אף צו פארוואלגערן מיט אייזנברוך, פוסטע פעסלעך דעם ריוו, וווהין די הייל איז ארוים, סטאם אזוי, קעדיי האבן נאך איין געהיימע נארע. ווי נאר מע האט די קשיווע אפגעצוימט, האט זיך אבער ארויסגעוויזן, אז דאס איז פאסיקער דורכגאנג אין קעלער, וואס האט זיך, אגעוו, געפונען בישכיינעס מיטן ניי־ווארשטאט און דעם הויז, ווו עס האבן איצט געוווינט די פוילישע נייטערנס.

גאָט אַהער, אין קעלער פון הויז נומ. 14, האָט לייזער קאַיאַר דורכגעפירט מאַריאַן גוראַלן. אַהער איז דורך אַ פאַרטרויטן שעליעד ארויסגערופן געוואָרן קאַטאַזשינאַ פּראַכאַר. דאָס איז געווען אַ העל־בלאָנד פּויליש מיידל. שיטערלעכע, קוטשעראַווע, האָבן אירע האָר זיך אַראָפּגעלאָזט אפן קלאָרן שטערן, אפן דאַרלעכן קינדעריש־מילדן געזיכט. געווען איז זי ניט קיין הויכע, מיט שוואַכע שמאָלבלעכע אַקסלען. נאָר אין איר צונויפגענדריקטן מויל, אינעם אויפן, ווי זי האָט געהאַלטן דעם קאָפּ קוים־קוים אויף אַ זייט אָנגעבויגן און געקוקט פון אונטער די עטוואָס צונויפגעצויגענע ברעמען, האָט זיך געפילט אַקשאָנעס, אינערלעכע געפאַסטקייט.

דערזען אין דער האַלבער טונקלקייט פונעם צעוואַלגערטן קעלער גוראַלן, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל עטוואָס אָנגעבויגן דעם קערפּער פאָרויס, האָט קאַטאַזשינאַ זיך געגעבן שטעל אָפּ, צונויפגעדריקט אירע קימאַט קינדערשע פויסטלעך, אַ צי געגעבן איר דינעם גוף, פונקט זי זאָל אַ ציטער פאַרטרייבן פון זיך. איין פויסט האָט זי באַלד צוגעלייגט צום מויל, ווי קעדיי איינצוהאַלטן דאָס געשריי, וואָס האָט זיך באַ איר שיר ניט אַרויסגעריסן, אייליק געמאַכט עטלעכע שפּאַן און מיטן דער צווייטער אויסגעשטרעקטער האַנט אַרומגעכאַפּט גוראַלן פאַרן האַלדז. שנעל, שלוכצנדיק זיך פאַר פרייד, צאַרטקייט און קוועלונג, האָט זי אַרויסגערעדט: „מאַרעק, דו, מיינער!”

לייזער האָט פאַרלוירן זיך גענומען טאָפּטשען אויף איין אָרט, אַרומגעקוקט זיך, וווּהין אַוועקצוגיין. צווישן אַראָפּהענגענדיקע בעטגאַן־שטיקער, צווישן באַלקעס האָט זיך געזען עפּעס אַ קעמערל. אַהין איז ער אַוועק. ווען ער האָט זיך אומגעקערט, זיינען מאַריאַן און קאַטאַזשינאַ געזעסן אויף אַ הויפן ציגל באַ דער געוואַלגערטער פּליטע און גערעדט שוין וועגן דער שטימונג צווישן די פּוילישע אַרבעטער. קאַטאַזשינאַ האָט געהאַלטן אין פּאַרוקן אונטערן וואָלענעם סוועטער דאָס פּאַפּיראָס־בלעטל, וואָס לייזער האָט באַנאַכט געלייענט.

דאָס מיידל האָט זיך אויפגעהויבן, איר געזיכט איז געוואָרן שטרענג.

— כ'וועל גיין, — האָט זי געזאָגט. אויסגעקערעוועט דאָס פּאָנעם צו לייזערן, האָט זי צו אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— אַ דאַנק פאַרן גאַסט...

— נו, — האָט לייזער פאַרלוירן געענטפערט, נאָר באַלד אַ שמייכל געטאָן, — אַגעוו, ביז איך אים שולדיק געווען אַזאַ־אַ מין כּיבוד...

— אַך, אַזוי גאָר!

גוראַל האָט געהאַלטן קאַטאַזשינאַס הענט.

— נו, גיי, — האָט ער געזאָגט, נאָר אַלץ ניט אָפּגעלאָזט איין פינגער אירן, אַ ווייסן און אַ דינעם. — כ'וואָלט דיך מיטגענומען, נאָר דו ביסט דערווייל דאָ נייטיק, קאַטאַזשינאַ.

— כ'ווייס. — האָט דאָס מיידל געענטפערט.

זי איז אַוועק פּונקט אַזוי שטיל, ווי זי איז געקומען. מאַריאַן האָט ווי אַ פֿאַרשטיינערטער געקוקט אין דער טונקלקייט פֿון דער כורווע, וואָס האָט זי פֿאַרשלונגען. ענדלעך האָט ער אַריבערגעפֿירט דעם אַנגעשטרענגטן בליק אויף לייזערן, זײַן געזיכט האָט זיך עטוואָס געצויקט.

— דאָס איז?... — האָט לייזער אָנגעהויבן, נאָר ניט פֿאַרענדיקט די פֿראַזע.

דער אײַזנבאַנער האָט אומעטיקלעך־פֿאַלוירן אַ שמייכל געטאָן:

— ווי מיינסטו, מאַריאַן גוראַל קאָן ליב האָבן?

— מאַריאַן גוראַל קאָן זייער שטאַרק ליב האָבן! — האָט לייזער געענטפֿערט.

.6

ווי די קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט געוואָרנט, אַזוי איז געשען. די אומדערוואַרטע זאָרג וועגן צונויפֿפֿירן קרויווים מיט קרויווים איז געווען אַ פּראָוואָקאַציע. עס זײַנען אַזויאַרום אַרויסגענאַרט געוואָרן פֿון דער געטאָ באַ טויזנט נײַן הונדערט נעפֿאָשעס, מ׳האָט זיי טאַקע אַוועקגעפֿירט צו דער סטאַנציע, אײַנגעאָרדנט מיט די פּעק אין געראַמע, ריין צוגעקליבענע פּאַקהאַוזן, אייניקע האָט מען בעקיוון דערלויבט אומקערן זיך צוריק אין געטאָ צו פֿאַרנעמען די איבערגעבליבענע זאַכן, און זיי האָבן דערציילט, ווי גוט מע נעמט אויף באַ דער באַן — זיי האָבן שוין געזען אַפֿילע די פּאַסאַזשיר־וואַגאָנעס, אין וועלכע מע וועט פֿאָרן, די ייִדישע גרויען אַליין וואַשן און דעזינפֿיצירן זיי מיט כלאָר. אַזוי זײַנען אַרײַנגענאַרט געוואָרן נאָך מענטשן. ס׳איז אַוועק אַ טאָג, און מע האָט וועגן די אַוועקגעפֿירטע גאָרנישט ניט געהערט. ערשט אויף איבערמאָרגן האָט מען זיך אין געטאָ דערוווּסט וועגן דער שוידערלעכער טראַגעדיע.

ס׳איז געווען קאַיאָר דעם 21־טן נאָוועמבער 1942. ערשטע שנייעלעך, פֿײַכטע און שיטערע, האָבן ווי מיט גוואַלד זיך אַרויסגעריסן פֿון די טונקעלע וואָלקנס, וואָס זײַנען שוין אַ וואָך בײַ געהאַנגען איבער די דעכער, און דאָס אַ נעפּל אָנגעשיקט, דאָס אַ דין רעגנדל. די שנייעלעך האָבן שטיל באַשאָטן שוואַרצע בלאָטע־הרודעס, וואָס דאָס שנײַדיקע ווינטל האָט זיי פֿאַר דער נאַכט מיט אַן אײַז־הײַטל איבערגעצויגן. אָט אין דער דאָזיקער שטילער, אומעטיקער שאָ, ווען די ערד נעמט אויף זיך דעם ווינטער אַרויפֿציִען און ווען אַ מענטש, אויפֿגעשטאַנען נאָך אַ שווערן כאָלעם אָדער אַ שלאָפֿלאָזער נאַכט, טוט אַ קוק אין דרויסן און פֿאַרבענקט זיך, מער ווי ווען־עס־איז, נאָך פֿרילינג, זון און בליִונג, — אין דער דאָזיקער שאָ האָט די שטילקייט אויף די געטאָ־גאַסן אויפֿגעריסן מיטאַמאָל אַ ווילדער געיאָמער. עמיצער איז געלאָפֿן איבער דער בערקאַ יאָסעלעוויטש־גאַס, דער מיטלסטער צווישן די פֿינף הויפּט־גאַסן, און געוויינט, געשריִען, און ניט נאָר געשריִען — מיט די פֿויסטן אין טירן געקלאַפּט, געפּויקט אין לאָדנס, אויפֿגעריסן

טויערן, פּונקט ווי דער צאַרן, וואָס האָט אים אַף דער גאַס אַרויסגעטריבן, זאָל זײַן ניט בלויז זײַנער, נאָר אַלעמענס. מ׳האָט זיך אויפגעכאַפּט פון די בעטן, פון די ווינקלען, ווו מ׳האָט זיך אײַנגעאָרדנט אַף דער נאַכט. מ׳האָט פון אַלע שטאָקן אַראָפּגעקוקט אַף דער גאַס, כאָטש ס׳איז גאָר קיין נאָווינע ניט געווען אַזאַ דערוואַכן דאָ. אַף דער גאַס איז פון ׳שטוב צו שטוב אומגעלאָפן, ווי אַ געשפּענסט, עמיצער אין ווײַסן און געדרונגען:

— ייִדן, שטייט אויף, ייִדן, וואָס שלאָפט איר, אַן אומגליק אַ גרויסער האָט זיך אַף אונדז אויסגעגאָסן.

דאָס איז געווען איינער פון די טויזנט נײַן הונדערט. איין־און־איינציקער האָט ער באַנאַכט, פון אַ פולן ריוו מייסים, פון צווישן פאַ־גליווערטע לײַבער, זיך אַרויסגעדראַפּעט, אָנגעטאָן אַף זיך עמיצנס אַ זהעמד, אַריבער־געשווומען די פרירנדיקע ווײַסל, און דורך די לײַם־פוסנוקעס דערקלייבן זיך צו דער געטאָ־וואַנט. ערגעץ האָבן זיך בײַ אים, בײַ אַט דעם פופצן־יאָריקן ייִנגל, קויכעס גענומען, אַרויפקריכן אַף אַ טאַפּאָל, וואָס בײַ דער פירמעטערדיקער וואַנט, אַריבערשפּרינגען אַף איר מיט גלאָז אַרימגע־שטעקטן ראַנד. ער האָט שוין קיין וווּנדן ניט געפילט, צו ווייטיק טויב געווען. און אַט איז ער אַף דער גאַס, און דער ווילדער אומגליק אַליין שרײַט פון אים אַרויס:

— ייִדן, שטייט אויף, שלאָפט ניט!

ס׳איז געווען ניט קיין הויך ייִנגל, אַ ברייטבייִנערדיקס, כ׳וואָלט, זעט אויס, געווען אַ יאָדערדיק מענטשל. דאָס פרעמדע העמד, מאָריקערט, איז געווען געווים פון אַ גיבער, עס איז אַראָפּגעהאַנגען דעם ייִנגל ביז איבער די קני, די אַרבל האָבן זײַנע דלאָניעס פאַרדעקט און די מאַנזשעטן זײַנען קימאַט ביז דער ערד נאָכגעהאַנגען. עמיץ האָט אַפן קינדס אַקסל אַרויפ־געוואָרפן אַ לײַביאַק, אַ צווייטער האָט אים אָפּגעגעבן שטעקשיך אַף הילצערנע פּאָדעשוועס, ווי מע גייט דאָ אין געטאָ. מע האָט אים געפירט איבער די גאַסן, שוין אַ גרויסער אוילעם איז נאָכגעגאַנגען, מע האָט אים פאַר דער פּלייצע אונטערגעהאַלטן, ער זאָל ניט פאַלן, און ער האָט, אַ הייזעריקער, שוין ניט געשריִען, נאָר כליפּענדיק גערעדט:

— ייִדן, מע האָט זיי אַלע אויסגעשאָכטן, פון קוילנוואָרפערס דערשאָסן!

ס׳איז געוואָרן טאָג, און מ׳האָט דערזען דעם ייִנגלס בלאָס געזיכט, זײַנע צעקרימטע ליפּן, די בלוטנדיקע נאָז, אַ שניט אַפן שטערן, וועלכן שוואַרצע, קורצע קרײַזלעך האָר האָבן פאַרדעקט.

וווּהין זשע זאָל מען נאָך דאָס ייִנגל פירן, וואָס זאָל מען נאָך טאָן?

אַלע, וואָס האָבן זיך געהאַט פאַרטייעט אין די פאַרבאָרגענע ווינקלען, הונדערט מאָל זיך שוין צום געדאַנק וועגן אומפאַרמײַדלעכן טויט, און פונקט אַזויפיל מאָל זיך אײַנגערעדט, אַז דאָס קאָן ניט זײַן, אַלטע לײַט, בײַ וועלכע די בײנער סקריפּען שוין, יונגע מענטשן, פאַר דער צײַט אַלט

געוואָרענע, קראַנקע אין גרויסער היץ, מיט קאָלדרעס אַף די פּלייצעס,
מענער און פרויען, קינדער, פּאָר וועלכע ס'איז שוין אומדערטרעגלעד
געוואָרן דאָס אויסבאַהאַלטן זיך, — אַלע זיי האָבן איצט פאַרפולט די גאַסן,
די הויפן, געבלאַנקעט, געלאָפן ערגעץ, עפּעס עמיצן מיט היץ דערוויזן, באַ
עמיצן אַן ענטפער געזוכט, — אַלע האָבן זיי דערפילט, אַז אויס, מער קאָן
מען מיטן גערעַנק וועגן טויט ניט לעבן, מער קאָן מען די שאַנד אין הארצן
ניט טראָגן, ס'מוז אַ סאָף נעמען, ס'מוז קומען דער אויסברוך.

מע האָט זיך דערמאָנט אין די מוטערס פון דער קשיווע־גאַס. זיי
האָבן די קינדער ניט אָפּגעגעבן. און פון יענער נאַכט אָן דערוועגן זיך די
דײַטשן מער ווי צו דרײַ מיטאַמאָל אין געטאָ ניט באַווײַזן זיך. זיי האָבן
זי טאַקע באַלאַגערט, די געטאָ, איז וואָס? ערגער ווי די, וואָס ליגן אין
ריוו הינטער דער שטאָט, קאָן שוין ניט זײַן!

און דאָ האָט מען זיך דערמאָנט אין שנאַפּען. עמיצער האָט געזאָגט,
אַז ער איז אַף זײַן מאָטאָציקל ערשט דורכגעפאָרן צו די וואַרשטאַטן.
פונקט ווי אין יענעם ערשטן טאָג, נאָך דער שלאַכט אַף דער קשיווע, האָט
ער געמיינט אַוואַדע מיטן באַווײַזן זיך דאָ רו אײַנשטעלן. דאָס האָט ער
דאָך אונטערגעשריבן די מעלדונגען פון יענע, וואָס האָבן צו קרויווים זיך
געקליבן. ער האָט אַוואַדע גוט געלאַכט, דער קוילער. אַ גרייטן שײַן אין
הימל אַרײַן האָט ער מענטשן אונטערגעשריבן. און ער האָט נאָך געקליבן,
אייניקע אָפּגעזאָגט. צוליב וואָס? מע זאָל מעקאַנע זײַן, איינס דעם
צווייטן ניט פאַרגינען. און אַט איז ער ווידער אַוועקגעפאָרן, שנאַפּע, און
באַלד וועט אויפסנײַ די סירענע זיך צעוואָיען. האַ? וועט מען גיין צו
שנאַפּען, מע וועט זיך מיט אים אָפּרעכענען! מיט דראָט האָט ער זיך
אַרומגערינגלט, פונקט ווי פון יענער זײַט דראָט זײַנען קיין קנעכט ניטאָ.

דער האָמוין מענטשן האָט גענומען רײַסן די פלעקענער מיטן שטעד־
דראָט. עפּעס אַ דײַטש איז צווישן די דראָטן געלאָפן צו די וואַרשטאַטן
און געשאָסן. מע האָט אים האַלבע ציגל נאָכגעוואָרפן, און באַלד האָט
עמיצער פון אַ דאָך אויסגעשאָסן אויך. אײַ, אַ כוואַט! אײַ, אַ בעריע!
דער דײַטש דראַפּעט זיך אַף די דראָטן און בלײַבט אַף זיי הענגען!

ווידער האָט זיך אַף דער קשיווע־גאַס געטאָן מײַסים, ווידער האָט
מען דאָרט געשאָסן — פון די פּוסטקעס, פון בוידעם־לעכער. דײַטשן
לויפן און פאַלן. און אַט פליט אַרויף שנאַפּעס מאָטאָציקל אַף אַ סלופּ פון
שטעד־דראָט, ער האָט געמיינט אַנטלויפן, אַרויסשפּרינגען פון געטאָ. צי
דער שאָפער האָט זיך אַזוי פאַרלוירן און פאָר פאַכער אַרויפגעפאָרן אַפן
סלופּ. צי ער איז שוין טויט, און דער מאָטאָציקל איז אַליין געפאָרן די
פּאָר צענדליק מעטער — ווי די מײַסע זאָל ניט זײַן, נאָר שנאַפּעס מאָ־
טאָציקל איז צעשעדיקט. דער שאָפער, דורכויס אין לעדער, ליגט אַפן
רודער, און שנאַפּע שטייט אינעם שיפל, ער קוקט זיך אַרום מיט אויסגע־
ראַטשעטע זשאַבע־אויגן, מאַכט מיט די קורצע גראָבע הענט. נאָר מענטשן

האָבן שוין פאַר אים קיין מוירע ניט. מע לויפט צו אים, דאַרע, פאַרוואַק־סענע, מע נעמט אים שלאָגן מיט די פויסטן, מע שלעפּט אים פאַר די הענט און פיס איבערן ברוק. עס קריכט אַראָפּ פון אים די זאַמשענע מאַרינאַרקע מיטן בליץ־שלאָס, שלעפּט מען אים פאַרן קאַמזויל, פאַרן העמד און פלודערן. צו די וואַרשטאַטן שלעפּט מען אים, ווו די פּוילישע אַרבעטער שלאָגן די ווערק־שוצער. און אָט זײַנען אויך די רוסן אין זייערע אָפּגעריסענע כאַקי־קליידער אַרויס פונעם טורמע־שטיבל. פיל ייִדן זענען צום ערשטן מאָל סאָוועטישע מענטשן. מע שטויסט זיך אַרום זיי, מע דריקט זיי די האַנט, וואָס האָבן אָפּ זיך סימאָנים פון קייטן. און אָט לויפן אַן ייִנגלעך פון אַ זײַטיק ליקעלע, וואָס שנײַדט דורך די בערקאַ־יאָסעלעוויטש־גאַס, די ביאַלע און קומט אַרויס אַהער, אָפּ דער קשיווע. אַ נײַעס: מע האָט אָפּ דער יאָסעלעוויטש־גאַס געכאַפּט סימכע ספּירען און מען פירט אים אַהער. מע איז אויך נאָך מאַרים גליוורן געהאַט אַוועק, נאַר ער איז אַנטלאָפן, דער היצעל מיט דער איינער האַנט, צום געטאָ־טויער, ווו די דײַטשן זײַנען.

עמיץ פון די אַנגעלאָפענע ייִנגלעך וואַרפט אין דער הייך סימכע ספּי־רעס בלוי פּאָליציי־מיצל. נו, יאָ, סימכעלע האָט דאָך ניט איין צענדליק ייִדן איבערגעגעבן דער געסטאַפּאָ, און צו די קרוויוים האָט ער אויך אַרויסגעפּראָוועט. איצט שרײַט ער: „ייִדן, האָט ראַכמאָנעס, מיר זײַנען דאָך ברידער!” — מע פירט אים אונטער די הענט, סימכע ספּירען. צוויי הויכע גאַרבער פירן אים, און ער, אַ נידעריטשקער, אַן אײַנגעשרומפּענער, מיט אַ לאַכלוטן גרין געזיכט, גייט ניט, נאָר שווימט אַזוי ווי אינדערלופטן, און מאַכט מיט די פיס, פלײַסנדיק זיך מיט די נאָסקעס פון די שיך דעם ברוק דערגרייכן. שנאַפּע און ספּירע שטייען איינער לעבן דעם צווייטן, זיי קאָנען זיך גוט. איצט שווײַגן זיי, צעבײַלטע און צעבלוטיקטע. פון צוויי באַלקאָנען, איינער אַנטקעגן אַנדערן, לאָזט מען אַראָפּ צוויי שטריק מיט שלייפן אָפּ די עקן...

7.

איצט האָט לייזער זיך געפונען אין יערוכעמס הויז, אין ווינטער־וואַרשטאַטל איבערן קעלער, און די צוויי ווערטער „יערוכעם באַפעלט”, וועלכע ער האָט, נאָך דער קורצער באַראַטונג מיט אירע שאַך, פּיניע בערול, שמועל לעמפּערט און נאָך עטלעכע נאָענטע כאַווײַרים דורך שעלוכים איבערגעגעבן אין אַלע עקן געטאָ, האָבן באַטײַט: אַלע קעמפער פאַרנעמען זייערע פּאָסטנס, עס ווערן געעפנט די קלענערע געווער־לאַגערס, די פון פאַרויס באַשטימטע מענטשן קומען אַהער, אין פעלדזן־געסל, נאָך קוילנ־וואַרפערס, עס ווערן אויפגעשטעלט פון די אָנגעגרייטע מאַטעריאַלן פינף באַריקאַדעס, וואָס קרייצן איבער מיט אַ שטיינערנעם גאַרטל די פינף געטאָ־גאַסן, — אויפשטאַנד!

שאד, בערול, לעמפערט, שאץ און שוואלב — די קאמאנדירן פון די פינף גאסן — זיינען אוועק אף זייערע ערטער. אין די שכייניש̇ע צימערן זיינען געבליבן בלויז פארבינדלער, דערווייל צו צוויי פון יעדער גאס. א בליץ־אטריאד פון צוואנציק קעמפער איז שוין געווען אין יודן־ראט. פון דארטן זיינען געקומען די ערשטע ידיעס: די געביידע איז פארנומען, דאס ארעסט־הויז אויך. צוויי קוילנווארפער זיינען איינגעשטעלט קעגן געטא־טויער. די דייטשן זיינען אלע ארויס אף יענער זייט וואנט, מיט זיי — די ארדענונגס־פאליציאנטן, בלויז א הייפל עסעס־לייט האט זיך פארהאלטן אין דער צעמענטירטער קאנאליזאציע־קאנאווע.

דער אטריאד אין יודן־ראט איז געווען דער אוואנגארד פון די אויפשטענדלער. צוזאמען מיט דער ידיעה וועגן ערשטן דערפאלג האט דאס יינגל, וואס איז פון דארט געקומען, געבראכט אויך טראפייען: צוויי פעלד־טעלעפאנען אין גרויע קעסטעלעך פון פלאסטמאסע און א פאר רייפלעך דראט. דער שטאב איז פארבונדן געווארן מיטן וויכטיקסטן פונקט — דעם ארטיסטן־קעלער. בא שנאפען אין ביורא האט מען אויך פארכאפט א טעלעפאן־אפאראט און באלד איינגעשלאסן אין דער נעץ. פון דארט, פון דער קשיווע־גאס, האט געקלונגען יעשוע שוואלב: דער סאוועטישער לייטענאנט, דער פליער, וויל זען לייזערן.

א יונגער, הויכער רוס, א קורץ געשוירענער, זייער א דארער, א ברייטביינעקער איז אין א האלב שא ארום געשטאנען פאר לייזערן. ער האט זיך געהאלטן מיליטעריש גראד, זיינע קארע אויגן האבן געגלאנצט מיט איינגעהאלטענעם פיבער, ער האט געזאגט מיט א הארבער שטים:

— לייטענאנט דעמיאן גראבאר.

לייזער האט אים דערלאנגט די האנט, געבעטן זעצן זיך אפן ווערסטאק, דארט, וווּ יערוכעם פלעגט ליב האבן זיצן. מ׳האט זיך ווי־ניט־איז פארשטאנען — דער לייטענאנט האט גערעדט רוסיש, לייזער — פויליש. דעמיאן גראבאר האט באדאנקט פאר דעם, וואס מ׳האט אים מיט די כאוויירים באפרייט. גוט, וואס מע האט זיך צוגעיילט, די וואך האט אין דער בעהאלע פארטראכט עפעס ניט קיין גוטס. לייזער האט געזאגט, אז מע האט עס פארויסגעזען. עפעס־וואס איז שוין געטאן געווארן אויך אף ארויספירן זיי פון געטא. צו האלב־נאכט וועט מען דאס קאנען פארווירקלעכן.

דער לייטענאנט האט אויפמערקזאם באטראכט לייזערן מיט זיינע קלוגע, קארע אויגן. צי א שמייכל האט זיך באוויזן אין זיי צי אזא ריינדיק פייערל, דאס געזיכט אבער איז געבליבן רויק. ער האט געפרעגט: צי קאן ער זיך ניט דערוויסן, וויפל ס׳איז איצט דער זייגער?

— האלב איינס. — האט לייזער געענטפערט.

— נו, איז ביז צוועלף באנאכט נאך וויַיט, — האט דער לייטענאנט

א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, — און מיט קיין פּאַרלייגטע הענט זיינען סאָוועטישע מענטשן ניט געוווינט צו זיצן, ביפראַט נאָך בעיים אַ שלאַכט... צי וואָלט ער ניט געקאָנט בעסער קריגן דאָ אויטאָמאַטן און גראַנאַטעס פאַר זיינע מענטשן? ...

לייזער האָט אויך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אַט אַזעלכע האָט ער זיך טאַקע די סאָוועטישע מענטשן פאָרגעשטעלט.

דער לייטענאַנט איז אַוועק מיטן יונגן באַכער פּרויקע, טאַקע אַ היגן, פון פעלדזן־געסל, איינעם פון די געוועזענע קעלער־וועכטער, אָפּקלייבן אין הייל געווער. אין דער צייט איז געקומען אין וואַרשטאַט אַריין אַ מיידל — דער שעליעד, וואָס מע האָט געשיקט צו גוראַלן. זי האָט געבראַכט אַ מינדלעך ניים, און עס עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט פאַר לייזערן, פאַרכלינענדיק זיך פאַר פרייד: באַ סטאַלינגראַד זיינען אַלע דייטשישע דיוויזיעס אַרומגערינגלט. זי האָט דאָס איבערגעכאַזערט אויך פאַר די פאַרבינדלער, וועלכע זיינען פון קאָרידאָר אַריין אין וואַרשטאַט, ווען זיי האָבן אירע רייד דערהערט דורך דער אָפן געלאָזטער טיר. זי האָט דאָס איבערגעכאַזערט אויך פאַר דעם רוסישן לייטענאַנט, וואָס איז פון קעלער אַרויסגעקראָכן אַ באַהאַנגענער מיט געווער.

ער איז שטיין געבליבן אינמיטן וואַרשטאַט מיט ברייט צעעפנטע אויגן, די מוסקולן אַף זיין דאַרן געזיכט האָבן זיך אָנגעצויגן, די גלייכע ציין האָבן אַ גלאַנץ געטאָן אין אַ שמייכל:

— ער! — האָט דעמיאַן גראַבאַר מיט קויעד אַרויסגערעדט אוןביידע אָדערדיקע פויסטן אויפגעהויבן, — מע האָט דאָך מיך טאַקע דאָרטן, איבער דער מעטשעטקע, אונטערגעקלאַפּט, עטוואָס צו דער פיטשוגע־באַלקע ניט דערצויגן! — ער האָט זיך אָפּגעקערעוועט פונעם מיידל, אַ קוק געטאָן אַף לייזערן מיט אַזאַ אויסדרוק אָפן פּאָנעם, ווי ס'זאָל אים אָטעם פאַרפעלן. לייזער האָט זיך אויפגעהויבן. זיי האָבן געמאַכט אַ טראָט איינער צום צווייטן און זיך אַרומגענומען.

טויב און אומרויק האָט געקלאַפּט לייזערס האַרץ, ווען ער האָט זיך צוגעדריקט צו דעמיאַן גאַרבאַרס ביינערדיקער ברוסט, דערפילט אַף זיין באַק דעם לייטענאַנטס ליפּן. כוואַליעס בלוט האָבן אַ זעץ געטאָן אין אַלע זיינע אייוורים, אָנפילנדיק דעם קערפּער מיט גוווּרע. ניין, זיי זיינען דאָ, באַ דער ווייסל, ניט באַלאַגערט, אויך דאָרט, באַ דער וואָלגע, זיינען די דייטשן אין קעסל. און אויב אַפילע שטאַרבן דאָ — הייסט עס שוין ניט פון דער וועלט פאַרשווינדן; אַזוי שטאַרבן — הייסט איצט אויך לעבן!

XXI. פינף גאַסן באַלײַכטן אַ שטאָט

1.

אין פינף ערטער, קעגן פינף גאַסן, האָט מיטאַמאָל מיט אַ שרעקלעכן בראַנד און קנאַל זיך אויפגעריסן די פירמעטערדיקע געטאָ־וואַנט, און נאָך איידער דער שטויב און רויך זײַנען זיך צעגאַנגען, האָבן אין די דורכגעבראָכענע עפענונגען זיך אַ לאָז געטאָן דײַטשן אין העלמען, מיט ראַנצן אַף די פּלייצעס, מיט אָנגעשטעלט געווער, ווי אַף אַן עמעס שלאַכט־פּעלד. זיי האָבן אָבער ניט באַוויזן מאַכן אַפילו עטלעכע שפּאַן איבער די גאַסן, און גלײַך אָנגעטראָפן אַפן פײַער פון די אויפשטענדלערישע אַוואַנ־גאַרד־פּונקטן, וועלכע האָבן זיך געפונען הינטער קוימענס, אַף בוידעמער און באַלקאָנען. די דײַטשן האָבן זיך אַ וואַלגער געטאָן אַפן ברוק, פיל זײַנען דורך קוילן גלײַך צוגעשפּיליעט געוואָרן צו די שטיינער.

די גאַנץ געבליבענע דײַטשישע סאָלדאַטן האָבן, פויזענדיק אַף אַלע פיר, געפלײַסט זיך דערקריכן צו די ערשטע הײַזער, ליגנדיק געדרוקט די באַגנעטן אין די שפּאַלטן פון טירן, טויערן, אויפגעשפּרונגען און מיט די קאָלבעס געקלאַפּט אין לאָדנס, נאָר קוילן האָבן זיי אַלץ געקאָסיעט. די טירן ווידער און די לאָדנס, פאַרבאַריקאַדירטע פון אינעווייניק, האָבן זיך ניט אונטערגעגעבן. די גראַנאַטן, וואָס מע האָט אַהין געוואָרפן, האָבן אויך ניט געהאָלפן.

אַ נײַע כוואַליע דײַטשן איז אַרײַן אין די עפענונגען פון דער געטאָ־וואַנט, געמיינט שוין דאָ געפינען נאָרעס, קעדיי צעקריכן זיך אין די זײַטן, איבער די הײַזער, זיי האָבן אָבער געטראָפן בלוטנדיקע קערפּערס, טויטע אָדער פאַרוווּנדעטע, אין ערד־גרויע מונדירן, באַגעגנט זיך מיט סאָלדאַטן, וואָס זײַנען דאָ אומגעקראָכן אַף די בײַכער און געזידלט זיך. טאָקע ווי אַ שטיינערנער זאַק האָט אויסגעזעצן יעדער אָנהייב גאַס, אַפילו דער אַרויס־גאַנג באַ דער אויפגעריסענער וואַנט איז ווי מיט אַ פײַער־פאָרהאַנג געווען אָפּגעצאַמט.

אַזוי איז אָפּגעשלאָגן געוואָרן דעם סוינעס ערשטער פּרווו אַרײַנ־רײַסן זיך אין געטאָ.

שפּעטער האָבן גענומען אַרבעטן דײַטשישע מינענוואַרפער. זיי זײַנען אײַנגעשטעלט געווען פון יענער זײַט געטאָ־וואַנט, באַם ווײַסל־ברעג, אַרום בריק, אַפן פּלאַץ, אין פּוילישע בײַגעטאָ־געסלעך, אַף די ליים־פּאָסטקעס הינטער דער קשיווע. פון אַלע זײַטן האָבן זיך אַף די הײַזער פון דער געטאָ געשאָטן מינעס, וואָס האָבן אײַנגעוואַלגערט קוימענס, דורכגעלעכערט דעכער, אָפּגעשפּרונגען פון געמויערטע ווענט און אַף אַלע זײַטן זיך צעשפּריצט מיט טויזנטער שפּליטערן. ס'האָבן זיך באַוויזן די ערשטע געהאַרגעטע און פאַרוווּנדעטע צווישן די אויפשטענדלער. קיינער האָט קיינעם ניט באַווײנט, זעלטן ווער ס'האָט, דערזען אייגן בלוט, הילף גערופן. שווער פאַרוווּנדעטע זײַנען אָפּגעקראָכן אין אַ ווינקל, ווי מעגלעך ווײַטער פון כאַוויירים, צוהאַלטנדיק די אַרויסגעפאַלענע געדערים מיט די הענט, שלעפנדיק נאָך זיך אַן אָפּגעריסענעם פוס, וואָס האַלט זיך בלויז אַף אַ שטיק הויט, און שווײַגנדיק דאָרט געליטן, שטיל די נעשאָמע אויסגעהויכט.

אַף דעם ווילדן וואָי און פײַף פון צענדליקער מינענוואַרפער, וואָס האָט אין אַ וויסטן געלעכטער דערמאָנט, האָט די געטאָ, שוין אַן אײַנגעהילטע אין ביטערלעכן געלן רויך, געקאָנט ענטפערן בלויז פון צוויי רערן. דערבײַ האָט מען געדאַרפט שוינען מינעס. איין מינענוואַרפער איז אַרויפגעשלעפּט געוואָרן אַפן דאַך פון שנאַפּעס גאַרבאַרניע, דער צווייטער — אַפן אײנציקן פינפשטאָקיקן הויז אַף דער בערקאַ־יאָסעלעוויטש־גאַס, ווו קאָמאַנדיר איז געווען שמועל לעמפּערט. די מינענוואַרפער האָבן זיך גענומען פאַרניכטן די דײַטשישע מינענוואַרפער, וואָס האָבן זיך קימאַט ניט מאַסקירט.

צוויי שאָ האָט שוין דאָס פײַער געדויערט.

ס'האָט געבלאָזן אַ האַרבסטיק־קאַלטער ווינט, געדרייט אינדערלופטן שנייעלעך, וועלכע האָבן זיך פאַרהאַלטן אין שפּאַלטן צווישן ציגל, אַף פענצטער־לײַסטן, אַף טשערעפּעס און בלעך פון דעכער. די שטאָט פון יענער זײַט ווײַסל איז געלעגן אַ פאַרטײַעטע, אַ כמורנע, בלויז אַ שאַרף אויג פון אַן אויפשטענדלער האָט דורך דעם לײַכטן שניי־שטויב געקאָנט אונטערשיידן אַף אַ ווײַטן באַלקאָן אַ פרוי, וועלכע קלאַפּט אויס אַן אַרויסגעהאַנגענעם טעפּיך, דעם שווינדל פון אַ טראַמוויי באַ אַ גאַס־אויסבויג, דאָס קײַקלען זיך פון אַ וואָגן ערגעץ פון אַ באַרג־אַראָפּ, דעם באַלעגאָלע, וואָס לויפט נאָך באַ דער זײַט, האַלטנדיק די פערד פאַר דער צוים... איז זיך, הייסט עס, דאָס לעבן אין שטאָט געגאַנגען פּאַמעלעכן און געוויינלעך אין אָט דער צײַט, ווען דאָ האָט געהערשט טויט און אַקשאָנעס...

אַ דאָמבראָווער קוילגרעבער, וועלכער האָט געבראַכט אַ הויפן מינעס אַפן דאַך, האָט אַ שפּײַ געטאָן און זיך שטיל אויסגעזידלט. דער יִדישער באָכער, וואָס איז אַף די קני געשטאַנען באַם מינען־וואַרפער, האָט אַ קוק געטאָן אַף אים, אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

— וואָס זשע וואָלסטו וועלן — הימל און ערד זאָל זיך קערן? יעדערן זײַנס — אין זײַן צײַט. כ'שווער דיר, אַז זיי דאָרט האָבן דעם דײַטש ניט מער ליב, ווי מיר דאָ...

קימאַט צום שלום פון דער מינען־קאַנאַנאַדע זײַנען פונעם ווײַטן מאַרשאַלעק־בערגל, אַ באַדעקטן מיט קוסטעס, אַרויסגעלאָזט געוואָרן איבער דער געטאָ אַ צוויי צענדליק סנאַריאַדן. מיט אַ פײַף האָבן זיי זיך געטראָגן איבער דער מיזרעך־טייל פון שטאָט, ווו עס וווינט פוילישע אָרעמשאַפט, באַלמעלאָכעס, איבער דער ווײַסל און מיט שוואַרצע קנוילן רויך און צינגער פײַער זיך געריסן דאָס אין איינעם, דאָס אין אַ צווייטן אָרט פון די פינף באַלאַגערטע גאַסן. קיינע געשרייען האָבן זיך פון די פינף גאַסן ניט דערטראָגן, קיינעם האָט מען דאָרט צווישן די הײַזער אומלויפן ניט געזען, פונקט ווי די מענטשן וואָלטן דאָרט אין שטיינער פאַרוואַנדלט געוואָרן.
באַלד נאָך דער קאַנאַנאַדע, די אויערן האָבן נאָך פונעם קנאַלן און דונערן ניט אָפּגערוט, די אויגן האָבן נאָך דורכן רויך און שטויב קיין בליאַסק פון באַטאַגיקער שײַן ניט געזען, האָבן די דײַטשן ווידער זיך אַ וואָרף געטאָן אין די עפּענונגען פון דער וואַנט. מע האָט זיי באַגעגנט מיט ווייניקער פײַער, נאָר דערפאַר זײַנען פון די דעכער געפאַלן שווערע שטיינער, גאַנצע שטיקער קוימענס, צעבראָכענע בוידעם־באַלקנס, רויכערנדיקע זעק מיט אָנגעצונדענער שטרוי. די דײַטשן האָבן זיך צעפּויזעט צו די פונדאַמענטן פון די הײַזער, געזוכט אַ ווינקל אָפּ זיך פאַרנורען, נאָר דאָ האָבן פון דער הייך געגומען פאַלן גראַנאַטן, פלעשער מיט ברענשטאָף, זײַנען זיי ווידער אָפּגעטראָטן, ניט דערקלײַבנדיק זיך צו די באַריקאַדעס.
ס'איז געוואָרן נאַכט. קיין איין דײַטש האָט אָף דער טעריטאָריע פון געטאָ זיך ניט פאַרהאַלטן. די פינף גאַסן זײַנען פאַרלאָזט געוואָרן פאַר אַ נײַעם ניסאָיען. אַ גאַנצע נאַכט וועלן אָט די גאַסן מעלויִצען פיר זעניט־האַרמאַטן, וועלכע זײַנען אײַנגעגראָבן אָפּן מאַרשאַלעק־בערגל, ניט ווײַט פון די גאָר אַלטע בראַנזענע האַרמאַטן־רערן, וואָס ליגן דאָ אָף אַרומגע־שליפענע שטיינער, אַרומגעצוימטע מיט שווערע קייטן. פיל פון די, וואָס זײַנען איצט פאַרשפּאַרט אין געטאָ, פלעגן אַמאָל, פרידן־צײַט, אין שאַען פון אָפּרו גיין באַקוקן אָט די בראָנזענע רערן און טראַכטן וועגן פאַרצײַ־טיקער ווילדקײַט און פאַרגאַנגענעם גרויל. ערשט, עס לעבט איצט אויף אַזאַ ווילדקייט און אַזאַ גרויל, וואָס די אייביקע שטערן אין דער הייך האָבן נאָך אַזוינס ניט געזען.

.2

לויטן גאַנג פון ערשטן שלאַכט־טאָג האָט לייזער געקאָנט מאַכן אײַן אויספיר: שנעל וועט די געטאָ ניט פאַלן. דער געדאַנק, וואָס האָט אים

כאדאשימלאנג באומרויִקט, געטאטשעט, — עפשער וועט בא דער מאמע מענטשן קיין מוט ניט קלעקן ווארפן אן ארויסרוף דעם טויט, עפשער וועט, אין לעצטן סאכאקל, קיין געשולטקייט און קיין אקשאנעס בא די אויפ־שטענדלער ניט קלעקן צו האלטן זיך לענגער, דאס אלץ האבן צעווייעט די ערשטע שאען פון שלאכט, און אפילע די אומשטענדן, בא וועלכע דער קאמף איז אויסגעבראכן. נייִן, איצט שטייט ער בעראַש פון א פעסטונג, וואס איז געמויערט פון שטיין און לייַב, און דורכגיין וועט דער סוינע בלויז, ווען ער וועט דאס אלץ אין שטויב צעמאלן.

אף דער בעראטונג פון די שטאב־מיטגלידער זייַנען געקומען אויך קאמאנדירן פון באזונדערע גרעסערע קאמפס־איינסן. דערבייַ זייַנען דא געוועזן מענטשן, וועלכע די שלאכט האט שוין אלס אנפירער ארויסגערוקט. אייַנגעלאדן געווארן זייַנען אויך דעמיאן גראבאר, קאטאזשינא פראכאר און דער דאמבראווער קוילנגרעבער, וואס האט מיט א גרופע פוילישע ארבעטער געשאפן א מין פלוג־קאמאנדע אף וועלאסיפעדן, פארכאפטע אין די שנאפע־ווארשטאטן. באוואפנטע מיט גראנאטן און אייִן לייַכטן קוילנ־ווארפער, וואס צוגענומען האט מען אים בא די וואד־שוצער, פלעגן זיי זיך באווייַזן אלעמאל דארט, וווּ דער קאמף האט זיך באזונדערס פונאנ־דערגעפלאקערט. אין מעשעך פון טאג האט מען די וועלאסיפעדן־קאמאנדע געזען אי אף דער ביאלע, אי אף דער בערקא יאסעלעוויטש, אי אף דער וועזשביאנע־גאס — דער סאמע עקסטער בא דער ווייַסל, — און שוין געקרוינט זי מיט א באזונדערן נאמען, וואס האט זיך בליץ־שנעל פאר־שפרייט אומעטום: „אנדזשיים פייַערלעשער" — לויטן נאמען פון אט דעם ברייטפלייציקן, כמורנעם קוילנגרעבער, וועלכער האט ערגעץ דערטאפט און אנגעטאן אף זיך א פייַערלעשער־מארינארקע.

געוווּסט האט מען שוין אויך א פאר נעמען פון די סאוועטישע קריגס־געפאנגענע. פון איינעם א ניקאלייַ — וואס, בעיים דער סוינע האט זיך דורכגעריסן אף דער קשיווע, איז ער בלויז מיט א מעסער אין האנט אראפגעשפרונגען פון צווייטן שטאק פון א הויז און ארויסגעכאפט א לייַכטן קוילנווארפער בא א סאלדאט, וועלכער האט זיך ערשט געהאט אייַנגעמאסטעט מיט אים בא א צעמענטירטן גאנעקל; דער דייַטש איז געבליבן ליגן מיט דעם מעסער אין פלייצע, און ניקאלייַ האט פון הינטערן טויטן גענומען קאסיען די עסעס־לייַט, געצווונגען זיי אפטרעטן אף יענער זייַט וואנט. א גראנאטע, וואס אן עסעסאוויעץ האט אין דער לעצטער רעגע געווארפן, האט ניקאלייַען דערהארגעט. געווּסט האט מען שוין אויך פון איוואן טאפאלענקא, וועלכער האט זייער טרעפלעך געשאסן פונעם מינען־ווארפער, וואס איז אייַנגעשטעלט געווארן אפן דאך פון דער גאר־בארניע.

אויסגעצייכנט האבן זיך די יונגען, וואס האבן פארכאפט דעם יודן־ראט און דארט זיך געהאלטן. דער דאזיקער פאסטן איז געווען זייער

אַ וױכטיקער, פּונקט אַנטקעגן דעם געטאָ־טױער. אַ גאַנצן טאָג האָבן די דײַטשן באַשאָסן די געבײַדע, סאָפּקאָלסאָף אונטערגעצונדן זי, זײַנען די יונגען אַריבער אין דעם טײל, װוּ די דילן און די סטעליע זײַנען געװען צעמענטירט, און פֿון דאָרט געשאָסן. אָף דער באַראַטונג איז פֿון דאָרט געקומען אַ מײדל, אין הױזן און אין אַ היפּשן ספּאָרט־היטל, פֿון אונטער װעלכן עס האָבן זיך אַרױסגעשלאָגן די שװאַרצע האָר. זי האָט דערצײלט, אַז די יונגען האָבן איצט, אין דער טונקל, אַראָפּגעלאָזט זיך אָפן ערשטן שטאָק, מיט לאָמען דורכגעקלאָפּט זײַטיקע עפֿענונגען אין די װענט און גראָבן לעבן הױז קעגנטאַנק־טראַנשײען. דערהערט, אַז מע טײלט אױס פֿאַר איר גרופּע דרײַסיק אינפֿאַנטעריע־מינעס און פֿינף טאַנקען־מינעס אָף צו באַשיצן די צוטריטן צו די צװײ גאַסן, װאָס גײען זיך פֿונאַנדער פֿונעם פּלאַץ, האָט דאָס מײדל עטלעכע מאָל אַ פּליעסקע געטאָן פֿאַר פֿרײד מיט די הענט און אירע אױגן האָבן אָפן פֿאַרסאַזשעטן געזיכט אױפֿגעשײַנט, פּונקט װי אין דעם זאָל שױן די גאַנצע רעטונג פֿון דער געטאָ באַשטײן . . .

די באַראַטונג האָט אָנגענומען דעם באַשלוס, װאָס איז רײַף געװאָרן באַ לײזערן נאָך פֿאַרנאַכט, װען מ׳האָט דעם סװינעם צװײטע אַטאַקע אָפּגעשלאָגן: הײַנטיקע נאַכט דערװײַל ניט פֿאַרשפּרײטן דעם קאַמף אױסער דער געטאָ, האַלטן זיך נאָך אַלץ קאָמפּאַקט אין די דאַלעד־אַמעס פֿון די פֿינף גאַסן, פֿאַרמינירן די צוטריטן צו די באַריקאַדן, אום יעדן פּרײַז שטערן דעם סװינע פֿונאַנדערצוגלידערן די שוץ־סיסטעם, אָפּצושפּאַלטן און בלאָקירן באַזונדערע ראַיאָנען.

אָף אַן ענגערער באַראַטונג מיט די שטאַב־מיטגלידער בערול און שאָד, אָף װעלכער עס זײַנען אױך אײַנגעלאָדן געװאָרן דער לײטענאַנט גראַבאַר און קאַטאַזשינאַ, איז אָנגענומען געװאָרן אַ צוגאָב־באַשלוס: דרײַ פֿינפֿטלעד אָפּגעקליבענע קעמפֿער, װאָס לײזער האָט שױן געהאַט זײער צעטל, װערן אַרױסגעשיקט דורך דער הײל אָפן פֿעלדזן־ברעג פֿון דער װײַסל, זײ דאַרפֿן פֿאַרמינירן די נאָענטע צוטריטן צו אים און לאָזן בלױז פֿרײַ אײן שטעגעלע, װאָס רעגן־שטראָמען האָבן דורכגעשװענקט צװישן די קוסטעס. דאָרט אָפן באַרג װעלן די פּופּצן קעמפֿער זיך פֿאַרלאָקערן, װוּ עס װעט זיך לאָזן — אױסגראָבן טראַנשײען, און ביז די דײַטשן װעלן זיך אָף זײ ניט אָנשטױסן, קײן שלאַכט ניט אָנהײבן. אױב די דײַטשן װעלן זיך אין דעם ראַיאָן באַװײַזן, װעט מען זײ איבער דער װאַנט באַגעגענען מיט אַ קױלנװאַרפֿער־פֿײַער פֿון די דעכער. אַזױ װעט געזיכערט װערן דער דאָזיקער שטיץ־פּונקט, װוּ אַ טײל געװער װערט נאָך אױסבאַהאַלטן.

באַגלײַט דערמיט האָט לײזער מיטגעטײלט יעדן עם, װאָס די אױסער־לעכע אױספֿירונג אונטער גוראַלס אָנפֿירונג האָט איבערגעגעבן: אָף דער סטאַנציע װערן אױסגעלאָדן אַכט טאַנקען.

צום שלוס פֿון דער באַראַטונג האָט לײזער זיך געװענדט צום לײ־

טענאַנט גאַרבאַר און צו קאַטאַזשינאַ פּראַכאַר מיט אַ פֿראַגע: עפּשער איז ניט קעדײַ, זיי זאָלן טיילן דעם ביטערן גורל פֿון די, וואָס זײַנען דאָ פֿאַראורטיילט. דער אויפֿשטענדלער־שטאַב האָט נאָך אַ מעגלעכקייט אַרויס־פֿירן אין שטאָט די סאָוועטישע קריגס־געפֿאַנגענע, וועלכע זײַנען אימשטאַנד זיך באַוועגן, און אַ טייל פֿון די פּוילישע כאַווײרים.

דערויף האָט דעמיאַן גאַרבאַר, רײַבנדיק זיך מיט ביידע הענט דעם געשוירענעם קאָפּ און קוקנדיק האַרט מיט זײַנע קאַרע אויגן אויף לייזערן, געענטפֿערט פֿאַרשטעלט, נאָר מיט אַזאַ באַזונדערער וואַרעמקייט אין שטים, וואָס האָט זײַן מיין באַטאָנט:

— כ'האָב ליב די מוטער, כ'וועל אָבער אויך דעם ברודער אין אַ צאָרע ניט פֿאַרלאָזן...

קאַטאַזשינאַ האָט געזאָגט, אַז פֿאַרן גאַנצן טאָג האָט קיינער פֿון די פּוילישע כאַווײרים ניט אַרויסגעזאָגט פֿאַר איר קיין ווונטש אַרויסגעפֿירט צו ווערן אין שטאָט אַרײַן, און אויב ס'וועלן זיך אָפּילע אָפּזוכן אַזעלבע, וויל זי קיין אַדוואָקאַט זייערער ניט זײַן.

.3

לייזער האָט געלאָזט אין שטאָב אירמע שאָכן און איז אַליין אַוועק איבער דער געטאָ. אַלע פֿינף מינוט זײַנען פֿיר סנאַריאַדן איינס נאָך איינס געפֿאַלן ערגעץ דאָ אויף די הײַזער, אין די הויפֿן; טויבלעך, מיט אַ קוואַק, האָבן זיך געריסן מינעס. דער פֿאַרבינדלער, וועלכן ער האָט מיטגענומען מיט זיך, אַ געוויסער כאַיִמקע, האָט געהאַלטן אין איין אונטערשפּרינגען און וויקלען זיך אינעם לײַביאַק; גערדאַרפֿט האָט עס הייסן, אַז ער קאָן זיך אַלץ ניט דערוואַרעמען אין אָט דער נאָוועמבערדיקער קעלט און פֿרי־רעניש, און פֿון דעם קומט זײַן דין קליאַמצען מיט די ציין. עפּשער קעדיי אונטערשטרײַכן זײַן דרייסטקייט צי טאַקע פֿון הוילער יִינגלשער פֿאַר־כאַפּטקייט האָט כאַיִמקע, פֿאַרלויפֿנדיק עטוואָס פֿאָרויס פֿון לייזערן, מיט דער באַהאַוונטקייט פֿון איינעם, וואָס איז שוין דאָ אויף די גאַסן, וועלכע ווערן נאָכאַנאַנד באַשאָסן, אומגעגאַנגען אַ טאָג און אַ גאַנצן אָוונט, געהאַלטן אין איין דערציילן פֿאַרשיידענע עפּיזאָדן, גרויליקע אין דער פּרימיטיוויקייט, מיט וועלכער זיי זײַנען אַרויסגעבראַכט געוואָרן: אַ סנאַריאַד האָט זיך אויפֿגעריסן אין אַ הויף, ער, כאַיִמקע, האָט אַ מאָל געטאָן באַם שטיינערנעם פּלויט, ערשט עפּעס גיט אַ פּלי און טוט ווי אַ קאַוון זיך אַ פּליוך צוויי שפּאַן פֿון אים, ער קוקט זיך צו — ס'אַ קאָפּ פֿון אַ פֿרוי... אַ צווייט מאָל האָט אַ מינע ניט קיין פֿײַף, נאָר אַזוי ווי אַ שעפּטשע געטאָן איבער זײַנע פּלייצעס, אַרײַנגעהאַקט זיך פֿינף טראָט פֿון אים אין דער ערד — אַ גריבל איז געבליבן, נאָר קיין אויפֿרײַס איז ניט געקומען...

לייזער האָט שווײַגנדיק געהערט דאָס דאָזיקע פּערנציאַריקע יִינגל און אַליין געטראַכט גאָר פֿון עפּעס אַנדערש: פֿינף און דרײַסיק מינעס,

— האט ער געטראכט, — האט באקומען בלויז די גרופע, וואס האלט איצט איין דעם יודן־ראט, און יעדער מינע — וואס וואלט זי געקאנט דערציילן? — ווי קארעל האט זי מיט זיינע קנעכלדיקע פינגער אליין ארומגעטאפט און קאנטראלירט, ווי א פויערטע האט זי א צוגעבונדענע צום בויך געטראגן וויפל ווערסט; ווי באשקע ליב, וועלכע האט זיך אויסבאהאלטן אף דער „ארישער" זייט, האט זי צום זומער־קיכל בא יענעם פוילישן ארטיסט אין הויף געטראגן און פון דארט האבן שוין אנדערע הענט דורך דער הייל אהער זי אריינגעבראכט... באשקע ליב, — אף דער לענארטאוויטש־גאס, ניט ווייט פון דער געסטאפא, ווו זי האט אלעמאל מיט איר געפערלעכער מאסע געמוזט פארבייגיין, האט זי איינמאל אפגעשטעלט א זשאנדאר און געהייסן איר עפענען די וואליזקע. „ביטע, עפנט אליין, עס טוט מיר ווי דער פינגער", האט דאס מיידל גאנץ רויק געזאגט, — זי האט אים געלאזט עפענען דעם טשעמאדאן, נאר אין דער זעלבער מינוט ארויסגעכאפט פון מופטעלע אן אנגעלאדענע גראנאטע און א ווארף זי געטאן צווישן זיך און דעם דייטש. וואס נאך האט זי געקאנט טאן?

איז אט וויאזוי דער אויפשטאנד איז געגרייט געווארן. אט וואס די יונגען פארגראבן איצט אפן פלאץ, אף דער בערקא־יאסעלעוויטש־גאס, פאר דער באריקאדע, און אפן ווילדן פעלדזן־ברעג, — ניט קיין מינעס — הערצער פארגראבן זיי דארט, הערצער, וואס שטומען שוין, נאר דארשטן נאך נעקאמע, א פאשיסט מוז אף זיי אנטרעטן און זיין לוין באקומען...

ער האט געטראכט, לייזער, וועגן אט דעם ווינקל שטאט, ווו דער אויפשטאנד קומט איצט פאר: וועלן נאך דא אין אט די הייזער אמאל לעבן מענטשן? א באכער וועט דא קושן א מיידל? א מוטער וועט שטיל־פארטרוימט שטיין באם וויגל פון איר רויק־שלאפנדיק קינד? די פאשיסטן האבן געמאלדן, אז זיי וועלן אויפרייסן דעם גאנצן ראיאן, די ערד פאראקערן, ווי מ'האט מיט דער שטאט קארפאגען געטאן. נו, איז וואס וועלן מענטשן דערנאך טאן, ווען מע וועט די פאשיסטן פון אומעטום פארטרייבן? צי וועלן זיי זיך ניט דערטראכטן א סאד דא פארפלאנצן, אז יעדער בוים און קוסט, יעדעס ניי־געבוירן גרעזל זאל אויסזינגען די בענקשאפט און דעם ניט פארווירקלעכטן טרוים פון די הערצער, וואס זיינען דא איינגעטראטן געווארן?

ווי פייערדיקע סנאפן האבן די אויפרייסן זיך דא און דארט געהויבן אף די פינצטערע גאסן, איינגעבראכן ווענט פון הייזער. ערגעץ האבן בייז און פאראקשנט געשטעפט קוילנווארפער און אויטאמאטן. אנגעשפארט אין א וואנט, האט לייזער געטראכט: „אף אט דער גאס בין איך מיטן טאטן געגאנגען איינגעשפאנט אין א וואגן". איצט האט ער ניט געוווסט, ווו דער טאטע איז. דאס האט ער, אייגנטלעך, דורכקוקנדיק די פאסטנס און שטיץ־פונקטן, פאראיינוועגס געזוכט אויך אים, דעם טאטן זיינעם.

און באַלד איז באַ לייזערן אין קאָפּ אויפגעשווומען אַ געדאַנק: „די נאַכט פון אויפשטאַנד, זי איז ליכטיקער, ווי דער טאָג אין טפיסע"... צי זאָל ער עס אַרויסזאָגן פאַר כאַזמקען, וואָס האָט אַרײַנגערוקט ביידע הענט אין די אַרבל און גייט שוין לעבן אים אַ שווײַגנדיקער?

אין איין אָרט אַפן דער ביאַלע־גאַס האָט אַ סנאַריאַד צעוואַלגערט אַ וואַנט פון אַ הויז, און כאַזמקע האָט באַמערקט, אַז דאָ אַרום קאָן מען זיך שנעלער דערלאַנגען אַף דער קשיווע. מע איז אַרײַן אין איין צימער, וואָס האָט געהאַט בלויז דרײַ ווענט, און אין אַ צווייטן — אַ גאַנצן. פון דער פינצטער האָט דאָרט מיט אַ קרעכץ זיך דערטראָגן אַ נאָגנדיק געזאַנג. לייזער האָט זיך אײַנגעהערט — עמיצער אַן אַלטער האָט געזאָגט: „נאַקעט בין איך אַרויס פון דער מוטערס טראַכט און נאַקעט וועל איך זיך אומקערן אַהין"... צי וואָלט יִעוו דאָס ווידער געזאָגט, ווען ער זאָל שטיין אַף אַט דער סמאַליענדיקער ערד? — „גאָט האָט געגעבן, און גאָט האָט גענומען"... לייזער האָט אַ טרייסל געטאָן מיטן קאָפּ, קעדיי עס ניט הערן, ער האָט אונטערגעשטופּט כאַזמקען און איז אַרויס אין דרויסן.

דאָ איז די גאַס געווען פאַרבאַריקאַדירט. אַף בענקלעך, אונטער עפּעס אַן אַפּדעכל, זײַנען געזעסן באַוואָפנטע מענטשן, מ'האָט אין דער טונקל געזען, אַז באַ אייניקע פון זיי שטייען ביקסן צווישן די קני. עמיצער האָט אַ רוף געטאָן:

— ווער גייט?

— „יערוכעם באַפעלט"! — האָט שטיל געענטפערט לייזער דעם פּאַראָל, וואָס האָט נאָר געגאָלטן ביז צוועלף באַנאַכט.

ער האָט געוואָלט דורכגיין, נאָר דערהערט, ווי עמיץ זעצט פאָר אַן איבערגעריסענעם געשפּרעך:

— אַזויפיל געלערנטע זײַנען דאָ, — האָט זיך דערטראָגן פון אונטערן אַפּדעכל אַ זאַפּטיקע שטים, — כײַ וואָלטן זיי צוגעטראַכט עפּעס אַזאַ קויעד, וואָס זאָל ווי דער גענעם אַליין אַף בערלין זיך אויסגיסן!

— ע, מענטש איינער, — האָט אַ צווייטער, אַן עלטערער, פאַרטראַכט געענטפערט. — קיין גרעסערער קויעד, ווי דאָס פאָלק איז, וועסטו קיינמאָל ניט צוטראַכטן... דער גערעכטער מענטש איז דער שטאַרקסטער קויעד אַף דער ערד...

„זײַנען מיר טאַקע אַ קויעד, — האָט לייזער אין געדאַנק אײַנגעשטימט מיטן עלטערן, — מיר, די גערעכטע. און פאַרגיין וועלן מיר ניט. און דאָס פײַער דאָ איז אויך פאַר בערלין דער גענעם!"

ער איז געקומען צו יעשוע שוואַלבן אַפן קאָמאַנדע־פּונקט, וואָס האָט זיך געפונען אין ניט קיין טיפן קעלער, ניט ווײַט פון דער באַריקאַדע. דאָ האָט זיך געטאָפּטשעט אַ היפשע צאָל מענטשן. „אַ ביסל צופיל" — האָט לייזער אַ טראַכט געטאָן. ער האָט דאָס געוואָלט זאָגן דעם באַזאָרטן יעשוע, וועלכער האָט, אַ פאַרקלערט־שטרענגער, זיך אויפגעהויבן אים

אנטקעגן אין א פראסטער מארינארקע, מיט ברילן אפן שטערן — א לערער, וואס גרייט זיך צום מארגעדיקן עקזאמען, — נאר ער האט באלד איבערגעקלערט, לייזער. נאך וואס זאל ער אנהייבן גלייך פון באמערקונגען?

מע האט זיך ארום אים צונויפגעדריקט — יונגע און עלטערע, מענער און פרויען, אלע מיט געווער. א מונטערער מורמל האט זיך אין קעלער דורכגעטראגן. די, וואס זיינען נעענטער צו אים געשטאנען, האבן אים געזאגט עפעס אויפגעלייגטס, גאסטפריינדלעכס. לייזערן איז אנגענעם געווען צו דערפילן, אז די מענטשן זיינען צופרידן פון זיין קומען אהער, שטאלצירן מיט דעם, וואס ער זעט זיי אט אזעלכע. קימאט קיינער האט דא ניט געוווּסט זיין עמעסן נאמען, געקאנט אים בלויז אלס „סטודענט". ניט געוווּסט, אז ער האט א טאטן און א מאמע אין געטא און זארגט זיך פאר זיי, אז ערגעץ אין א ווייטן דארף בענקט א פארוואונדעט מיידל נאך אים, און ער האט שוין פעסט באשלאסן בא זיך, אז ער וועט זי מער ניט זען, — פאר זיי איז ער געווען דער, וואס האט צוזאמען מיטן „מעכאניקער" אזויפיל מאל די דייטשן און די ארדענונגס־פאליציאנטן פאר דער נאז געפירט און צוגעגרייט זיי אט די גאנצע כאסענע...

עפעס א טונקעלער קוטשעראווער יונג האט זיך דורכגעשטויסן צו לייזערן, ניט זיכער אזוי זיך א טאפטשע געטאן, אנגעבויגן דעם אקסל, ווי ער זאל זיך וועלן צוריק דורכשטופן, נאר באלד פאראקשנט צונויפגעדריקט די ברעמען. ער האט אפגערוקט אין א זייט דעם דייטשישן אויטאמאט, וואס איז אף זיין ברוסט געהאנגען, ארויסגעשלעפט פון בוזעם א צונויפגעלייגטן העפט:

— נאווער „סטודענט", צי וואלט איר זיך ניט גענומען אויספילן דעם הייסן ווּנטש פון אן אויפשטענדלער? דא האב איך לידער. מיילע, איך אליין — איז, ווי עס וועט שוין זיין, נאר אט דאס, וואלט איך וועלן, זאל אריבערגעשיקט ווערן אף דער „ארישער זייט", אין זיכערע הענט... זאל מען שפעטער לייענען...

לייזער האט גענומען די לידער. ער וועט זיי, פארשטייט זיך, פרווון אריבערשיקן. עפעס וויל מען אים נאך זאגן, נאר יעשוע שוואלב איז שטארק כמורנע און רוקט לייכט אפ מיט די לאנגע הענט די מענטשן פון אים. וואס האט אים צו זאגן יעשוע? צי דען האט ער שוין זיין ביטע אויסגעפילט, שוין אפגעזוכט דעם טאטן? וואס זשע איז ער אזוי פארומערט־שטרענג? בא לייזערן טוט ווילד א טיאכקע דאס הארץ, נאר ער נעמט זיך באלד ווידער אין די הענט. ער ווייסט דאך נאך גארנישט, עפשער דוכט זיך אים בלויז, אז יעשוע איז פאראומערט. מאלע פון וואס מע קאן דא פאראומערט זיין. און נאך א געדאנק, פון וועלכן עס ווערט זייער פוסט אפן הארצן: וואס איז, אייגנטלעך, דער כילעק ווען — היינט צי מארגן? קיין אנדער אויסוועג איז דאך איצט שוין יעדנפאלס ניטא.

נאָר שוואַלב, ווען ער נעמט שוין אַז לייזערן פאַרן אָרבל, באַווייַזט אים גאָר דעם פּלאַן פון דער קשיווע־גאַס, געמאָלט אַף צוויי זייַטלעך פון אַ העפט — דאָ איז די באַריקאַדע, דאָ — צוגאָבלעכע שטיץ־פּונקטן, ערשט געשאַפענע נאָך דער באַראַטונג אין שטאַב, — אַט אַזוי רעכנט ער זיך שיצן פון דער זייַט, ווו די ליים־בערג זייַנען, דורך אַט יענעם הויף איז אַרויס די אויסשפּירונג, וואָס דאַרף זיך באַלד אומקערן, און דאָ, — ער ווייַזט אַף די ליקעלעך, וואָס גייען אַרויס צו דער געטאָ־וואַנט, — דאָ ווערן געגרייט סורפּריזן...

„מינעס, — טראַכט לייזער, — מינעס, מינעס... קאַרעל...״ זייַן האַרץ קלאַפּט ווידער שטאַרק, און ער וויל מיט אַט די געדאַנקען זייַן אומרו פאַרטויבן. שוואַלב האָט פאַרענדיקט צו דערקלערן אים אַלץ, וואָס מע האָט געדאַרפט אַף דעם שויץ־פּלאַן. איצט קווענקלט ער זיך עפּעס, פאַר־ריכט דעם צונויפגעדרייטן שניפּס באַם האַלדז. מיטאַמאָל נעמט ער אַז לייזערן פאַרן לאַץ און זאָגט מיט אַ טויבער שטים:

— האָסט געבעטן אַ זוך טאָן... נו, ער איז דאָ... ס׳הייסט... מע האָט געפונען...

לייזער קוקט אַזוי אַף יעשועז, ווי ער זאָל אים וועלן פאַרלייַכטערן דאָס אַרויסברענגען די ווערטער. ער שאָקלט צו אַפּילע אַ ביסעלע מיטן קאָפּ. נו, יאָ, ער האָט פאַרשטאַנען. די ערד טוט ווי אַ שווים פון אונטער אים, נאָר ער דערפילט זי ווידער באַלד אַ האַרטע אונטער די פיס. איצט טוט זיך טאַקע אַ טרייסל דער קעלער מיטן מויער פון אויבן. איינס נאָך איינס האָבן צוויי סנאַריאַדן זיך ערגעץ גאָר נאָענט אויפגעריסן. אַלע הערן זיך אייַן, אַפּילע יעשוע האָט דעם קאָפּ אָפּגעקערט. און לייזער רעדט אַרויס מיט אַ שטים, וועלכע ער דערקענט אַליין ניט:

— ווו איז ער?... קאָנסט מיר באַווייַזן?...

— כ׳האָב אים געהייסן ברענגען אַהער. — זאָגט שוואַלב.

מע גייט אַרויס פון קעלער אין פינצטערן הויף. דאָ פילט זיך שטאַרק דער פּולווער־רויך פונעם גאָר נאָענטן אויפרייַס, אַף די ציין קריצט דער שטויב, וואָס האָט זיך נאָך ניט באַוויזן אַפּזעצן. לייזער שטייט לעבן עפּעס טונקלס, וואָס ליגט אַף דער ערד באַ אַ ביימל אַרום פּלויט, ער זעט שוין גוט — אַ פּאַלטע, אַ פּאָר באַשוכטע פיס. ער לאָזט זיך אַראָפּ אַף די קני און שטייט אַזוי שווייַגנדיק עטלעכע מינוט. איז ווו זייַנען די טרערן? ווי אַ שטיינערנס איז דאָס האַרץ, און אַ טרער איז שווערער פון דעם אַרויסבאַקומען, איידער אַ פונק.

— ווו געפונען? — פרעגט לייזער יעשועז, ניט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ.

— באַ דער וועכטער־בודקע פון גאַרבאַרניע.

— דערשאָסן?

— אין סאַמע האַרצן.

— קיינער ווייסט ניט, ווי דאָס איז געשען?

— מע ווייסט. ער איז מיט אַ לאָפּעטע דערלאָפן דער ערשטער צום ווערק־שוצער...

לייזער הייבט זיך אויף און קוקט זיך אַרום. ער דערמאָנט זיך עפּעס איצט, ווי דער טאַטע פלעגט אים וואָרענען, ווען ער האָט נאָך גאָר אַ קליי־נינקער, זיך געלאָשטשעט צו אים און מיט די הענטלעך זיך געצויגן צום וואַרשטאַט־טישל, אַז מע טאָר דאָרט גאָרנישט ניט טשעפּען פון די איי־דעלע מעכאַניזמען. אַזוי גרויסאַרטיק האָט דער טאַטע דאַן אויסגעזען מיטן שפּאַקול אין אויג און מיטן גלאַנצנדיקן דינסטן שרויפנציִערל אין האַנט, איז גאָר אַ שווערע לאָפּעטע זײַן לעצטער אינסטרומענט געווען...

די מוטער האָט לייזער ניט געטראָפן אין איר ענגער באַהעלטעניש. דאָס דעקל פון דער נאָרע איז געווען אָפּגעוואָרפן צום פּניאָק. די ערד פון דער בייט האָט זיך אָנגעשאָטן אין גרוב אַרײַן. לייזער איז דאָרט אומגע־קראָכן אַף אַלע פיר, אָנגעטאַפּט דאָס שמאָלע אײַזערנע בעטל, דעם צוגע־דעקטן גלעזערנעם סלוי, אין וועלכן ער פלעגט האַלטן די שפּײַז, קיין שטשורעס זאָלן ניט דערלאַנגען. אַ שטיקל פּאַרטריקנט ברויט און געקאָכ־טע קאַרטאָפליע איז נאָך אין פּושקע געלעגן, אין סלוי איז געווען אַ קאַפּל וואַסער. וווּהין זשע האָט געקענט אַהינקומען די מאַמע? איצט איז דאָ אַ נײַע זאָרג — די מאַמע געפינען, — האָט לייזער אַ טראַכט געטאָן. נאָר באַלד שוין האָט ער זיך אַליין פאַרגעוואָרפן: וואָס זשע האָט ער געוואָלט. זי זאָל דאָ אין קייווער בלײַבן זיצן און קיינע זאָרג ניט פאַרשאַפן? —

אין דער שווערער פאַרביטערונג, וואָס האָט זײַן האַרץ אַרומגעכאַפּט, איז ער זיך אַליין גרייט געווען זידלען, פאַרוואָס ער האָט כאָטשבי די מוטער ניט אַריבערגעשיקט אין גאַרליטשינאַ. נאָר זי האָט דאָך אַז אים ניט געוואָלט אַרויס. ווו קער זי איצט אומשפּאַנען, אַ בלינדע, אין אַט דעם גענעם? זי מוז אים זוכן אוואַדע, — צוליב וואָס?

— כאַזמקע, האָסט טאַטע־מאַמע?

— ניין, קיינער איז מיר ניט געבליבן...

איז עפּשער קעדײַ מעקאַנע צו זײַן כאַזמקען, וואָס ס'איז ניטאָ, וועמ ס'זאָל וויינען נאָך זײַן יונגן קאָפּ?

בײַ יערוכעמען אין קאָרידאָר האָט לייזער דערזען, ווי ס'האָט אַ שאָטן זיך אַ וויג געטאָן בײַ דער וואַנט און דערקענט די מאַמע, אַ פאַרהילטע אין איר לאַנגער שאַל. זי האָט אים געווים נאָר פרײַער דערקענט לויט די טריט און געמאַכט אַ שפּאַן אַנטקעגן אים מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

— לייזערקע, — האָט זי געזאָגט, — ווי לאַנג דו ביסט אומגעגאַנ־גען. האָסט עפּשער געזען דעם טאַטן?

זי האָט צוגעדריקט איר פּאָנעם צו זײַן ברוסט, און ער האָט, גלעטנ־דיק איר דאַרע פּלייצע, זייער שטיל אַרויסגערעדט:

— מאַמעשי, צי דען מיינסטו, אַז עמיץ וועט פונדאַנען נאָך אַ לע־בעדיקער אַרויס?...

זי האָט האַסטיק אָפּגעטוליעט דאָס פּאָנעם פון זײַן ברוסט:

— זון מײַנער, רייד ניט... ענטפער מיר בעסער ניט...

דערנאָך האָט זי זיך אָפּגעקערט, צוגעלייגטביידע הענט צו די בלינ־דע אויגן.

— נו, נאָך וואָס ביסטו אַרויס? — האָט לייזער געפרעגט.

— ווײַל דאָ איז בעסער ווי אין קיווער, זון מײַנער!

4.

דער שעליעד פון געטאָ האָט זיך דערלאַנגט צו זאַלמען קאַרעלס ווייט־אַרויסגערוקטע וואַך־פּאָסטנס אין אַ מעסלעס אַרום נאָך דעם, ווי ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד. קאַרעלס אָטריאַד האָט פּונקט אין דער דאָזיקער נאַכט געמאַכט אַ גרויסן מאַרש צופוס און אויף וועגענער, אַרויס אין אַ פּאַרזומפּיקטן וואַלדיקן ראַיאָן, וווּהין ער האָט שוין פאַר דער צײַט פון זײַן טעטיקייט זיך אומגעקערט צום דריטן מאָל: ווידער אונטערצינדן דאָ די פּאַר בריקן איבערן שאָסיי־וועג און איבער דער אייזנבאַן. אָט אַזוי האָט ער זיך געדרייט, ווי אַ בער אויף אַ קייט, קאַרעל, אַלץ אין ראַדיוס פון אַ קילאָמעטער הונדערט אַרום דער שטאָט, קעדיי ניט אָנווערן דעם קאָנטאַקט מיט דער געטאָ.

געננוי פונאַנדערגעפרעגט דעם שעליעד, האָט זאַלמען קאַרעל געהייסן צונויפרופן אויף אַ לאָנקע, וווּ ס׳איז אַז אויסגעשפּאַנטע געשטאַנען זײַן שטאַב־בריטשקע, אַלעמען, וואָס זײַנען פרײַ געווען פון פּאָסטנס און אַנ־דערע דרינגענדיקסטע אַרבעטן — רעמאָנטירן געווער, געשפּאַן. קײַענדיק אַ גרעזעלע מיט די געלבלעכע ציין, עטוואָס, ווי זײַן שטייגער איז, בראָוו אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין אַ זײַט, ניט אַהין, וווּהין דער קערפּער איז געווענדט, פּונקט ער זאָל כּוץ דעם, וואָס עס קומט פאַר פאַר אים, הערן און זען אויך נאָך עפּעס, וואָס אַנדערע הערן און זעען ניט, צוגעזשמורעט אַ קאַפּעלע די גרויע אויגן מיט די קורצע ווינעס, האָט קאַרעל צוגעקוקט, ווי די וווּוואַך־קאָמאַנדירן שטעלן אויס זייערע מענטשן צו צוויי אין ריי. איינס נאָך איינס זײַנען די פינף וווּוואַכנע צוגעגאַנגען צו זאַלמענען און ראַפּאָרטירט, וויפל שלאַכט־לײַט עס זײַנען דאָ. קנאַפּע צוויי הונדערט פּאַרטיזאַנער — דערין אויך פרויען — מענטשן פון פאַרשיידענעם עלטער, נאָר מערסטנטיילס יונגע, זײַנען געשטאַנען פאַר אים, פאַרשיידנאַרטיק געקליידט, באַוואָפנט מיט אַלע מינים געווער, וואָס האָבן נאָר ווען באַוויזן זיך אויף דער פּוילישער ערד.

זאַלמען קאַרעל האָט גערעדט ניט הויך, אפילע ווי מידלעך אַ ביסל. אין זײַן קאָל האָט זיך געהערט אַ ציטער:

— פאַר אונדזערע ברידער איז געטאָ האָט געשלאָגן די שאָ, עפּשער די לעצטע שאָ... אין די ענגע ווענט גייט איצט אָן אַ שלאַכט, ווו יעדער באַגעגנט ווירדיק דעם טויט. ווער וויל גיין העלפן די געטאָ־קעמפער? אַלע קאָנען מיר ניט אַוועק. אין גרונט שטייט פאַר איין וויכטיקע אָפּעראַציע, אין וועלכער עס קאָנען זיך באַטייליקן אַ דרײַסיק — פינף־און־דרײַסיק מאַן. פון זיי דאַרפן אַן אַכט—צען זײַן אַרטילעריסטן... אריבערוואַרפן וועלן מיר די מענטשן שנעל, צו אָוונט צו וועט מען זײַן אין שטאָט. איז ווער וויל גיין?

עס האָבן אויפגעהויבן די הענט אַלע, וואָס זײַנען אויף דער לאַנקע געווען אויסגעשטעלט, דערבײַ אויך די פינף ווזוואָד־קאָמאַנדירן, צווישן זיי זאַלמענס בכאָר — הילעל מיט פונקט אַזאַ בראָוו פאַרהויבענעם קאָפּ, ווי באָם טאַטן. ערגעץ אין פערטן ווזוואָד האָט קאַרעל געזען אויך זײַן כאַזמען אינעם געלן אונגאַרישן מונדיר מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט. צווישן די קוילנוואַרפלער האָט, אַרויסגערוקט זיך אין אָנשטרענגונג אַ האַלבן טריט פאַרויס, אויפגעהויבן די האַנט הירשקע באַראַם. בא זאַלמענען האָט קאָנוולסיוו זיך אַ צוק געטאָן די לינקע באַק, ווי דאָס קומט אַלץ אָפּטער פאַר מיט אים די לעצטע צײַט. קאַרעל האָט דערפילט אי שטאָלץ אי גרויסע איינזאַמקייט, צו וועלכער ער גרייט זיך אַלעמאָל, ווען ער שיקט אַוועק מענטשן אין שלאַכט און געזעגנט זיך בלויז מיטן בליק מיט זײַנע דרײַ זין — יאָ, דרײַ האָט ער, דרײַ! — ווײַל אַנדערש, ווי מיט אַלעמען, זיך געזעגענען מיט זיי, דערלויבט ער זיך קיינמאָל ניט...

קאַרעל האָט געזאָגט:

— אַלע קאָנען ניט גיין. אויב אַזוי, וועל איך אַליין באַשטימען וועמען שיקן. זאָלן בלײַבן מיט אויפגעהויבענע הענט בלויז די אַרטילעריסטן.

הירשקע באַראַם האָט אַראָפּגעלאָזט די האַנט. געבליבן זײַנען, צווישן אַנדערע, מיט אויפגעהויבענע הענט הילעל און כאַזים. זאַלמען האָט מיט אַ ווייטיקדיקן טיאַכקע אין האַרצן, נאָר אויך מיט פאַטערלעכן שטאָלץ זיך דערמאָנט: מיט אַ כאָדאָשים צוויי צוריק, ווען מ׳האָט פאַרכאַפּט אַ דײַטשישן האַרמאַט, האָבן אייניקע פּאַרטיזאַנער זיך גענומען לערנען באַדינען אים, הילעל און כאַזים אויך...

ער איז געגאַנגען לענגאויס דער ריי און מיט דער האַנט אָנגעוויזן, ווער עס ווערט געשיקט. ער האָט אַ טײַט געטאָן אויף זײַן יינגערן זון כאַזים, און יענער האָט געמאַכט צוויי טריט פאַרויס. פאַר הילעלן איז מיט אַן אויפגעהויבענער האַנט געשטאַנען ווינצענט קישקאַ — אַ באַיאָרטער פּאָליאַק, אַ מילנער, — לאָזט זיך אויס, ער איז אַן אַרטילעריסט. ווינצענט איז געווען דער נײַנטער, באַלד נאָך אים האָט זאַלמען אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט אויך אויף הילעלן.

5.

לייזער האט פארהערט א געפאנגענעם עסעס־אפיציר. ס'איז געווען אינדערפרי, נארוואס נאך דער ערשטער אפגעקלאפטער טאנקען־אטאקע, די מינעס אף די געטא־גאסן זיינען פאר די דייטשן געווען ווירקלעך אן אומגעריכטע זאך. דריי גרויסארטיקע טאנקען, וואס האבן געמיינט דורכ־שניידן די געטא אין מעשעד פון צען מינוט, זיינען שטיין געבליבן, איינ־געקרויעטע אין דער ערד, מיט אויפגעפראלטע ליוקן און אראפגעדרייטע קייטן. ניט באוויזן האבן דורכגיין די עסעס־אויטאמאטלער. איינס נאך איינס זיינען זיי געפאלן, ווי דער געגעם אליין זאל זיי איינשלינגען.

דאס דאזיקע אפיצירל — א לענגלעך פאנעם, אן אפגעברענט הארט הארבאטע נעזל, אף וועלכן די הויט האט זיך געשיילט, געלע גלייכע שיטערלעכע האר, אקוראט און הויך ארומגעשוירענע ארום די סטאר־טשענדיקע רויטע אויערן — איז מיט זיין אפטיילונג געגאנגען הינטער א טאנק. ווען דער טאנק האט אויפגעפלאקערט, האט ער זיך א ווארף געגעבן אין א זייטיקן הויז, וואס האט שוין דעם צווייטן טאג געברענט, און איז אריין צו די אויפשטענדלער אין די הענט. איינס האט ער באוויזן — אריינווארפן אין א לאך אין דורכגעברענטן דיל זיין מונדיר מיט די ראנג־צייכנס. נאר דאס איז, אייגנטלעך, געווען ניט גאר וויכטיק.

אייניקע פון די פארבינדלער, וואס זיינען אין יערוכעמס קעלער געווען, די צוויי יונגען, וועלכע האבן פון פיניע בערולס באריקאדע דעם אפיציר געבראכט, האבן ארויסגעוויזן גרויס ענטוזיאזם פון אט דער געשעעניש, וואס א לעבעדיקער עסעסאוועץ האט זיך געפאקט און דארף געבן ענטפער. בא לייזערן איז דער קאפ געווען פארנומען מיט גאר עפעס אנדערש: צי וועלן די יעדיעס, וואס ער וועט באקומען בא אט דעם אפיצירל, אים העלפן באשטימען, ווי לאנג קאנען נאך די אויפשטענדלער זיך האלטן בא זייער איצטיקער טאקטיק פון ארומיקער שויץ, און ווען קאן קומען דער מאמענט פון אריבערגיין צום צעשפליטערטן קאמף, וואס וועט זיין נאך אן אן ערעד בלוטיקער און שווערער. ס'איז וויכטיק געווען אט דעם קריטישן מאמענט אנטאפן אויך לויטן סוינעס דויפעק, ווייל מער קיין מינעס אף צו פארצוימען די גאסן זיינען ניט געווען, איצט האט מען זיי געקאנט פארצוימען בלויז מיט לייבער.

געווען איז דא אירמע שאך, נאר ער האט אפן עסעסאוועץ קוקן ניט געוואלט, קיין פארלאנג ניט געהאט צו ריידן מיט אים און אפגעקערט זיך. אין א טונקעלן ווינקל איז געזעסן עסטער קארשעווער — זי האט נעכטן אין אוונט געפויעלט באם זון, אז זי וועט זיך געפינען דארט, ווו ער.

דער דייטש האט אייליק און דינסטגרייט געענטפערט אף לייזערס אלע פראגן; נאך יעדער ארויסגעבראכטער פראזע האט ער, מיט א ציטער, וואס האט דורכגענומען זיין ניט הויכן קערפער, מיט גנייווישער פאכדאנעם געווארפן הינטערווילעכס א בליק אפן שוואך־באלויכטענעם קעלער, וווהין

מ'האט אים געבראכט, אפן מענטשן, וואס פרעגט אים אויס. לייזער האט קוים־קוים געביסן א ברעגעלע ליפ. אזוי, אזוי, איז ער פון דעם גענעראל פאן־גלייעוויצס עסעס־דיוויזיע. יא, ער, דער קאמאנדיר פון די יידן, האט געהערט פון אזא גענעראל. איז אליין פאן־גלייעוויץ זיין קענער? אד, דאס האט די דיוויזיע זיך געפונען אפן וועג נאך אסטן? עפשער איז מען צו סטאלינגראד געפארן? א, דארט איז דאך איצט א קעסל. נו, איז צום דאן אוועדע?... דער הער אפיציר רופט נאך אלץ ניט אן זיין ראנג, ס'איז באקוועם בעיים א פארהער צו וויסן, וויאזוי צו ווענדן זיך צו א מיליטער־מאן. איז די גאנצע דיוויזיע געווארפן געווארן קעגן די יידן? אהא, צוויי פאלקן זיינען פון די וואגאנעס אויסגעלאדן געווארן. נו, און טאנקען? ווא־אס? — לייזער האט זיך עטוואס א בייג געטאן צום טישל, אף וועלכן דער טעלעפאן איז געשטאנען, פון אונטן־ארויף, מיט א לויכטנדיקן צוגעשמידטן בליק געקוקט אפן געפאנגענעם, — צוויי טאנקען האבן זיך אונטערגעריסן גלייך באם ארויספארן פון דער פראכט־סטאנציע, וווּ מע האט זיי אויסגעלאדן?...

— אירמע! — לייזער האט מיטן עלנבויגן א טארע געטאן דעם שווינדזיכטיקן שאד, וועלכער איז פונקט אין דער מינוט זיך פארגאנגען אין א קורצן, אפגעריסענעם הוסט, — פון גוראלן א גרוס, האסט געהערט?

— איז וויפל זיינען נאך פאראן טאנקען?

דער דייטש בעט געפעליק, עס זאל גענומען ווערן אין אכט, אז ער האט זיך ניט קעגנגעשטעלט, ווען מע האט אים אין געפאנגענשאפט גענומען, ער אליין האט קעגן די יידן גארניט, ער ענטפערט אף אלע פראגן און האפט אף א גוטער באהאנדלונג. וויפל טאנקען? ער מיינט, אז דריי קערן נאך זיין. צוויי פון זיי זיינען אוועקגעשיקט געווארן צום ווארשטאטן־ראיאן, און איינער שטייט פון יענער זייט פלאץ, עפעס איז בא אים מיטן מאטאר געשען, נאר ער וועט, ווייזט אויס, אויך אוועק... כויץ דעם האט מען שוין צווישן די אפיצירן גערעדט וועגן אוויאציע...

לייזער האט אפגעקערט דאס געזיכט און א מינוט ניט געקוקט אפן געפאנגענעם. ער האט מיטאמאל באזונדערס שארף דערפילט א קאלטן עקל צו אט דעם עסעסאוועץ, בא וועמען עס גריבלט זיך אונטערן שמאלבלעכן שארבן בלויז איין געדאנק: וויאזוי ארויסדרייען זיך פון אט דער פאסטקע? ניט ווייל ער פרעגט אויס און יענער שטייט פאר אים מיט די הענט אויסגעצויגן לענגאויס דעם גוף, האט לייזער זיך דערפילט אומגעהייער העכער. אף זיי ביידןווארט דער טויט, נאר ווי פארשיידן זיי גרייטן זיך צו אים!

דער דייטש האט באשטימט אויסנוצן די פאוזע און געזאגט: ער וואלט געקאנט ארויספירן צען יידן פונדאנען, אויב מע זאל אים פריי עפעס א פארשלאג פון דער יידישער קאמאנדשאפט צום גענעראל פאן־גלייעוויץ. עפשער איז פאראן אזא פארשלאג, און דער קאמאנדיר פון די יידן וויל ניט איינשטעלן זיינעם א מענטשן?

לייזער האט א קרומלעכן שמייכל געטאן, א קוק געגעבן אף אירמען, וועלכער האט ענדלעך אויפגעהערט הוסטן און איצט שווער אפגעצויגן לאזן. ער זיכערט זיי פולע אומבארירלעכקייט. ער קאן אויך גיין מיט דעם אטעם. צי האט כאטש שאך פארשטאנען, אף וואס דער דייטש האפט? אירמע האט געזידלט די הארבסטיקע קעלט און פייכטקייט, וואס מאטערט אים אלעמאל. ער האט געזאגט, ניט אויפהייבנדיק דעם קאפ: עפשער וואלט דאס אפיצירל ארויסגעלאפן אף דער „ארישער" זייט א רעפוע קריגן אים די לונגען צו פארהיילן?

לייזער האט געלאסן גערעדט צום דייטש: ער פארשטייט, פארוואס דער עסעס-אפיציר שאצט זיך זעלבסט אזוי הויך — צען יידן פאר אים איינעם. ער, דער קאמאנדיר פון די יידן, שאצט אבער נאך טייערער זיינע מענטשן, און טאקע דערפאר קאן ער זיי דעם אפיציר ניט פארטרויען! עסעס-לייט זיינען שוין אזוי געוווינט, אז ווען זיי דערזעען א יידן — פארצוקערן זיי אים. צי מיינט אבער ניט דער הער אפיציר, אז דאס לעבן, וואס ווערט געשענקט דורך א סוינע, איז ביטערער ווי א גלאז סאם?...

עסטער קארשעווער האט זיך אויפגעהויבן פון איר ווינקל, ווו זי איז די גאנצע צייט געזעסן, א פארוועבטע אין דער טונקלקייט, זי איז צוגעגאנגען נעענטער צום דייטש, פונקט זי זאל אים קאנען זען. שטיל, נאר אויסדריקלעך, האט זי געזאגט:

— איז אט וועלכע זין עס זיינען בא זיי!

.6

די געטא-וואנט, וואס דער אבערשארפיורער זילבערט האט אזוי שטאלצירט סיי מיט דעם אליין, וואס אים איז איינגעפאלן אויסבויען זי, סיי מיט איר אריגינעלער ארכיטעקטור — צעעפנטע לוכעס, — סיי מיט איר קאפיטאלקייט, די דאזיקע וואנט — פיר מעטער די הייך און דריי ציגל די גרעב, איז איצט ווי א ביין אין האלדז געווען באם עסעס-גענעראל פאן-גלייעוויץ.

— און וואס פאר א דום-קאפ האט עס דא אזא וואנט אוועקגעשטעלט?

— האט זיך געקאכט דער גענעראל, דערלאנגענדיק מיט צוויי מאניקירטע נעגל א ציגאר פון א קליינעם, זילבערנעם פודעלע און ניט קאנענדיק פאר אויפרעגונג אים גלייך אנכאפן, — צי דען האט די ארטיקע מאכט טאקע געמיינט, אז מע קלייבט זיך דא די יידן האלטן הונדערטער יאר? און מיט וואס וואלט שלעכט געווען שטעד-דראט? וויל מען ס'זאל זיין זיכערער, ציט מען אן זעקס רייען דראט, נו, לאזט מען דורך עלעקטרישן שטראם, וועט דאך שוין קיין לעבעדיקער שטשור ניט ארויס!

זילבערט, וואס האט איצט בא פאן-גלייעוויצס שטאב זיך געפונען, אף וויפל ער האט געוווּסט די פינף געטא-גאסן און אף וויפל דאס איז ביכלאל געווען א העפלעכקייט-זשעסט פון שטאט-הויפטמאן קארל קורץ,

װעלכער האָט געמוזט אָנקומען באַ אַט דער עקסטער נויט צו מיליטער־קרעפֿטן און האָט געהאַלטן דאָ זײַנעם אַ פֿאַרשטייער, — זילבערט האָט בלויז עטװאָס אַפּגעטוליעט זײַן אַנגעבלאָזענע אונטערשטע ליפּ און אַ געמוטשעטן שמייכל געטאָן באַ אַט די װערטער פֿאָן־גליעװיצס. נאָר אײַנצײַטיק האָבן זײַנע אונטערגעלאָפֿענע אויגן פֿון אומבאַשטימטן קאָליר אויסגעדריקט אויך אַ קאַפּעלע גלײַכגילט, די קורצע ברייטע נאָז האָט זיך בערויגעזלעד געבלאָזן, װאָס געקאָנט האָט דאָס הייסן: איר זײַט זיך אַ גענעראַל, און איך בין מיר, אין געגעבענעם פֿאַל, אַ פֿאַרשטייער פֿון דער ציװילער מאַכט — טוט איר זיך אײַערס, װי אײַך איז בעסער, און מיר האָבן זיך אונדזערס געטאָן, װי אונדז האָט בעסער געלוינט...

דער טעלעפֿאָן באַם גענעראַל אַפֿן טיש האָט זיך צעקלונגען. פֿאָן־גליעװיץ, װאָס האָט שוין פֿאַרייכערט דעם ציגאַר, האָט מיט אַ באַװעגונג פֿון די דינע ליפּן איבערגערוקט אים אין אַ װינקל מויל, קעדיי עס זאָל באַקװעמער זײַן צו ריידן. זײַן ביז גלאַנץ אויסגעגאָלט געזיכט, װאָס האָט בעיסן קלונג אויסגעדריקט אויפֿלעבונג, האָט אָבער קאַלט און גלײַכגילטיק אַ צאַנק געטאָן, גלײַך װי ער האָט צוגעטראָגן דאָס טרײַבל צום אויער:

— אַך, דער הער שטאָט־הויפּטמאַן אינטערעסירט זיך, װי גייט עס דאָ? ער איז אין זײַן קאַבינעט, דער הער שטאָט־הויפּטמאַן? ער װאָלט געקאָנט זען דעם רויך... נו, יאָ, שיקט באַלד נאָך דרײַ טאַנקען אַהין, מ׳האָט צװיי האַרמאַטן צוגעשלעפּט נעענטער און מע קלאַפּט דורך זײַטיקע עפֿענונגען אין דער װאַנט... מערער טעכניק אָנװענדן? כאַ, כאַ, און אין די רוסן האָט שוין דער הער שטאָט־הויפּטמאַן פֿאַרגעסן? אין די רוסן... אַװיאַציע? ער פֿערזענלעך װאָלט עס נאָר באַגריסט... דער הער שטאָט־הויפּטמאַן האָט שוין װעגן דעם געקלונגען? ער װיל צושיקן אַ מענטשן אַהין?... ביטע, ביטע, מע קאָן איבערגעבן דעם טעלעפֿאָן דעם הער זילבערט...

די קורץ־רעריקע האַרמאַטן זײַנען אונטערגעשפּרונגען אַפֿן אָרט נאָך יעדער שאָס און געשיקט זייערע סנאַריאַדן אין דער געטאָ־װאַנט, פֿון װעלכער זיי זײַנען גאָר נאָענט געװען. די סנאַריאַדן האָבן געדלובעט די װאַנט, געבראָכן הײַזקעס, שטעלכלעך. און פֿליטן הינטער איר. פֿונעם מאַרשאַלעק־בערגל האָבן אין דער זעלבער צײַט ניט אויפֿגעהערט צו באַשיסן די געטאָ די פֿיר זעניט־האַרמאַטן.

פֿאַרנאַכט האָבן אין די נײַע עפֿענונגען, װאָס זײַנען שוין ניט אַרויסגעקומען קעגן די גאַסן, נאָר אין זײַטיקע הויפֿן אַרײַן, זיך אַ לאָז געטאָן דרײַ טאַנקען — צװיי פֿון דער זײַט, װו די ליים־פּוסטקעס, אַף דער קשיװע אַרויף, און איינער, פֿון װײַסל־ברעג — צו דער װעזשביאַנע. אײַנצײַטיק האָבן אײַנדערלופֿטן זיך באַװיזן זעקס אַעראָפּלאַנען. זיי זײַנען צוערשט דורכגעפֿלויגן איבער דער געטאָ, װאָס האָט פֿון דער הייך אויס־

געזען ווי איין זיך רייכערנדיקע קופּע ברוך, דאָס צווייטע מאָל האָבן זיי זיך דורכגעטראָגן שוין גאָר נידעריק. עס זײַנען פון זיי געפאַלן באָמבעס, וואָס האָבן שוין אײַנדערלופטן געגליט. באַלד האָט די מיט פון געטאָ אויפגעציטערט פון אויפרײַסן און דערטרונקען געוואָרן אין רויך און פײַער.

די זעקס אַעראָפּלאַנען האָבן זיך נאָך געדרייט איבער די פינף באַלאַגערטע גאַסן, שוין אָן באָמבעס, קעדיי בלויז מיט זייער אַנוועזנהייט שטיצן דאָס מיליטער, וואָס האָט אונטן אַ שטראָם געטאָן צו די עפענונג אין דער וואַנט. די אויפשטענדלער האָבן נאָך באַוויזן מיט אַ פּאָר אויטאָמאַט־שאָסן אונטערצינדן איין אַעראָפּלאַן, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט גאָר נידעריק, אַזוי אַז מע האָט אַף זײַנע ברייטע שוואַרצע פליגל אַפילע געזען די ווײַסע האַקנקרײַץ־צייכנס. באַם מאָטאָר האָט זיך באַוויזן אַ פלעמעלע, ווי אַן אַנגעצונדן שוועבעלע, באַלד האָט שוין געזעצט פון אים צונגען פײַער, אַ רויך האָט באַם עק פון אַעראָפּלאַן זיך גענומען ציִען, און ער האָט אַ פאַל געטאָן צו די ליים־פּוסטקעס. די איבעריקע פינף אַעראָפּלאַנען האָבן זיך אַ הייב געטאָן העכער אין פאַרנאַכטיקן הימל און זײַנען אַוועק. געבליבן זײַנען אַף דער ערד פויזענדיקע טאַנקען, וואָס שיסן פון האַרמאַטן און קוילנוואַרפער, געבליבן זײַנען וואַיענדיקע עסעס־לײַט, וועלכע לויפן מיט אויטאָמאַטן, צוגעשטעלטע צו די בײַכער, וואַרפן גראַנאַטן, בלאַנקען מיט מעסעראַרטיקע באַגנעטן.

עטלעכע פלעשער מיט ברענשטאָף זײַנען געפאַלן לעבן אַ טאַנק, נאָר ער איז דאָס פײַער דורכגעשפּרונגען, אײַנגעבראָכן עפּעס אַ פלויט, צערויעט מיט איין קער אַ שטיבל, אַרויס אַף דער קשיווע־גאָס עטוואָס העכער פון די וואַרשטאַטן. דער שווערער טורעם האָט זיך אַ דריי געגעבן, די אויסגעשטרעקטע רער האָט אַרויסגעלאָזט עטלעכע סנאַריאַדן, די גלאַנצנדיקע קייטן האָבן מיט אַ גרילץ גענומען קלאַפּן אין די שטיינער פון ברוק — דער טאַנק האָט פון הינטן־אַרום זיך געטראָגן צו דער באַריקאַדע. נאָך אים — באַהאַלטנדיק זיך הינטער הײַזקעס, שטיינער, סלופּעס — דײַטשישע סאָלדאַטן.

דעמיאַן גראַבאַר האָט מיט צוועלף לעבן־געבליבענע סאָוועטישע קריגס־געפאַנגענע באַשיצט דאָס הויז רעכטס פון דער באַריקאַדע. אָט איז פון דער אַנטקעגנדיקער שטוב אַרויסגעשפּרונגען אַ ייִדישער באָכער מיט אַ שווערער גראַנאַטע אין האַנט. ער האָט זיך באַהאַלטן הינטער אַ טעלעגראַף־סלופּ, וועלכן עס האַלטן אונטער צוויי אײַנגעגראָבענע רעלסן. דער באָכער האָט שוין פאַרהויבן די האַנט, דער טאַנק איז געווען צען שפּאַן פון אים. נאָר פלוצעם פאַלט דער באָכער, דער איבערגעבראָכענער סלופּ דעקט אים צו, דער טאַנק באַוועגט זיך ווײַטער. דערזען דאָס, האָט דעמיאַן גראַבאַר גלײַך פון פענצטער באַשטימט וואַרפן אַ בינטל גראַנאַטעס. אַ מינוט־צוויי איז ער געשטאַנען צוגעדריקט מיט דער פּלייצע צו דער וואַנט

לעבן פענצטער, גרייט א שמיץ טאן דאס בינטל. ווי נאר דער טאנק וועט דורכלויפן אונטן. דער לייטענאנט האט זיך אבער צופיל ארויסגערוקט. ער האט גענומען פאלן אף א זייט מיט א בלוטנדיקן אקסל, די גראנאטעס האט געכאפט פון זיין האנט דער שלאכטמאן טאראס שיראקאוו.

אין א צימער אפן צווייטן שטאק האט עמיצער איבערגעבונדן גראבארן. די קריגס־געפאנגענע האבן פון דאך און פון די פענצטער ניט אויפגעהערט שיסן אין די דייטשן, וואס האבן אנגעהויבן פארפולן די גאס. טאראס שיראקאוו איז ארויס אין הויף און דורך אן עפענונג אינעם פלויט ארויסגעקראכן אף דער גאס. דער טאנק האט זיך שוין איינגערויעט אין דער באריקאדע, ער דרייט זיך אוים מיט זיין לענגלכן קארפוס, רוקט פונאנדער די בערוועגעס, שטיינער, צעקוועטשט מענטשן. אינעם שרעקלעכן הילך און גרילץ, אינעם רויך און בראנד האט קימאט לעבן טאנק זיך באוויזן טאראס שיראקאוו — ניט קיין הויכער מענטש, מיט א פארוואקסן פנים, אין א צעלאזטער גימנאסטיארקע, מיט אזא ברייטן טשעפ אף דער פלייצע, אז דאס לייב האט זיך ארויסגעזען. ער האט זיך צוגעזעצט צו דער ערד מיט אן אויסגעשטרעקטער האנט, ווי ער זאל א הינטל פארנארן. געכאפט דעם מאמענט, ווען דער טאנק האט זיך אויסגעדרייט צו אים מיט דעם מאטארן־טייל, האט דער קריגס־געפאנגענער א שלייַדער געטאן דאס בינטל גראנאטן סאכאקל אף א מעהאלעד פון וועלכע אכט שפאן. דער טאנק האט א טאנץ אונטער געגעבן אין א כוואליע פון פייער, ווי א שיף, וואס האקט זיך אן אף אן אונטערוואסער־פעלדז, ער איז געבליבן שטיין אין א גרוב, אנגעבויגן אן א זייט, געלע פלעמלעך זיינען געלאפן איבער זיין פאנצער. טאראס שיראקאוו איז געלעגן ניט ווייט, מיט ביידע הענט ארומגענומען דעם קאפ, א דין ריטשקעלע בלוט איז פון צווישן זיינע בלאנדע האר אפן שטיין גערונען. נאר אין דער געדיכטער טונקלקייט האט עס געוויס קיינער ניט געזען...

נאך איין טאנק, וואס איז ארויף אף דער קשיווע־גאס, האט מיטן לעצטן פאטראן פון דער פאנצער־ביקס אונטערגעצונדן דער גארבער שויעל ליאמעץ. דערנאך האט ער זיך אויפגעהויבן פונעם גראבן באם זייט שליאך און, האלטנדיק די פאנצער־ביקס ווי א פיקע, זיך געלאזט לויפן צו די צוויי טאנקיסטן, וואס זיינען פונעם ברענענדיקן טאנק ארויס. ער האט באוויזן איין דייטש א זעץ טאן מיט דער קאלבע אין בויך אריין, יענער האט זיך אנגעכאפט מיט ביידע הענט פאר דער פאנצער־ביקס און גענומען פאלן. דער צווייטער טאנקיסט האט פון א פיסטאלעט אויסגעשאסן אין ליאמעצן.

דורכגעריסן האט זיך א דייטשישער טאנק פון דער זייט, ווו די וועזשביאנע־גאס איז. ער האט געמיטן די פשעמישלנע, צוגעגאנגען הארט צו דער בערקא יאסעלעוויטש־גאס. דא האט מען אים מיט א פאר פלעשער ברענשטאף צעשעדיקט איין קייט. די הארמאטן אבער און ביידע קוילנווארפער זיינע האבן געארבעט און געשטיצט די אנגרייפנדיקע עסעס־לייט.

צו אונטן איז די געטאָ געבליבן ליגן קימאַט אַ דורכגעשניטענע אין סאַמע מיטן. בלויז די בערקאַ יאָסעלעוויטש־גאַס — אַ שמאָלע ארטעריע — איז נאָך פאַרבליבן באַ די אויפשטענדלער אין די הענט. מענער, פרויען און אַפילע קינדער — אַלע זײַנען געווען באַ פענצטער, אַף באַלקאָנען פון זיך רויכערנדיקע רוינען, געוואָרפן צינד־פלעשער, זעק מיט ברענענדיקער שטרוי, שווערע שטיינער, באַלקנס, אַראָפּגעוואָרפן פון די שטאָקן אַפילע גופים פון דערהאַרגעטע — געשאָפן פאַרן סוינע אַ באַריער פון שטיין, האָלץ און בלוטנדיקע לײַבער...

7.

די גרופּע פּאַרטיזאַנער, וואָס זאַלמען קאַרעל האָט אויסגעטיילט, האָט צו ק׳ דערלאַנגט אַף אַ פּינפטאָניקער דײַטשישער אויטאָמאַשין. עטלעכע פּאַרטיזאַנער זײַנען געווען איבערגעטאָן אַלס עסעס־לײַט און אַזוי ווי באַ־וואַכט אַ כאַפּטע פּאַרשוינען, וואָס זײַנען צונויפגעדריקט געווען אַף דער מאַשין. אַזוי איז מען אויך פאַרבײַגעפאָרן דעם פּאָסטן באַם ראַנד פון שטאָט.

— שיינע לײַט — פּאַרטיזאַנער! — האָט אַ זאָג געטאָן איינער אַן איבערגעטאָנענער פאַר אַן עסעסאָווער. די וואַך האָט גלײַך אויפגעהויבן דעם שלאַגבאַום.

— ווײַט געכאַפּט? — האָט איינער פון די דײַטשן נאָכגעשריען.

— ניין, ניט זייער...

דער דײַטש האָט אַ טשמאַקע געטאָן מיט די ליפּן און אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: נו, איצט, אַז די פּאַרטיזאַנער זײַנען אונטער אַזאַ וואַך, איז ער מיט זיי זיכער...

ס׳האָט געטונקלט. פונווײַטנס, איבער דער ווײַסל, האָט געהילכט די שלאַכט אין געטאָ. אַ געדיכטער רויך האָט זיך געהויבן — ס׳האָט זיך ערשט געהאַט פאַרענדיקט דער אָנפאַל פון דער אַוויאַציע. אַפילע אַף די גאַסן פון דעם שטאָט־ראַיאָן, וווּ די מאַשין איז דורכגעפאָרן, איז געווען צו זען ווייניקלעך מענטשן. זיי האָבן פאָרזיכטיק זיך געשלײַכט באַ די ווענט, — טאַמער אַ שפּליטער. איבער די דעכער האָבן מיט געוויי אָדער מיט אַ פאַרשטיקטן פּליסטער זיך געטראָגן סנאַריאַדן, וועלכע זײַנען אַלץ געשיקט געוואָרן פונעם מאַרשאַלעק־בערגל.

באַ אַ פּוסט געסל איז פון דער מאַשין אַראָפּ איינער אין דער אור־ניפאָרם פון אַן עסעס־מאַן. דאָס איז געווען אַ שעליעד צו מאַריאַן גוראַלן, וועלכער האָט מיט אַ קליינער באַוואָפנטער גרופּע פּאַליאַקן, פּפּר־מיטגלידער, געדאַרפט וואַרטן אַף דעם דאָזיקן סיגנאַל. אין דער צוגעפאַלענער טונקלקייט האָבן דערווײַל אַף דער מאַשין נאָך עטלעכע מענטשן זיך איבערגעטאָן אין דײַטשישע אוניפאָרמעס, אַנדערע האָבן זיך בלויז פאַרהילט אין פּלאַשטש־

פּאַלאַטקעס און אָנגעטאָן העלמען. ניט ווײַט פונעם מאַרשאַלעק־בערגל איז די מערהײַט געקומענע אַראָפּ פון דער מאַשין און זיך צעשאָטן צווישן די קוסטעס פונעם פּאַרק, וואָס האָט זיך דאָ אָנגעהויבן. די שווערע מאַשין האָט מען אַוועקגעפירט איבערן הילצערנעם בריק צום קליינוויסליאַנער געסל, פּונקט אַנטקעגן דעם פעלדזיקן ווײַסל־ברעג, וווּהין עס קומט אַרויס יערוכעמס דורכגאַנג. דאָ האָט אין אַ סאָד, באַם סאַמע ראָג, זיך געפונען דעם סוינעס אַ האַרמאַט, וואָס האָט פון מאָל צו מאָל באַשאָסן די געטאָ. געזען האָבן די פּאַרטיזאַנער אַ פּאָר דײַטשישע קוילנוואַרפלער, וועלכע האָבן זיך אָדער געפונען אין שוצגראָבנס אָדער געזעסן לעבן זיי.

די, וואָס זײַנען איצט אַראָפּ פון מאַשין, זײַנען שוין אַלע געווען אין דײַטשישע אוניפאָרמעס. דעם סוינעס אַ סאָלדאַט, וואָס האָט פּאַטרולירט אַפּי ראָג פון קליין־וויסליאַנער, איז צוגעקומען און געהייסן פאַרמאַסקירן די מאַשין. כאַיִם קאַרעל האָט אים אָף עכט דײַטש געענטפערט, אַז ער איז אַליין ניט קיין באַלן צו כאַפּן אַ יידישע קויל, געגעבן אים צורייכערן הינטער אַ הײַזל, וואָס איז פאַרשטעלט געווען פון דער געטאָ מיט ברייט־צעוואַקסענע אַסינע־ביימער. ער האָט פונאַנדערגעפרעגט דעם דײַטש, צי שיסט מען ניט אַהער אַפּט פון איבער דער וואַנט. דער סאָלדאַט האָט געענטפערט, אַז ביכלאַל איז דאָ שטילער, נאָר ווען אַ קאָמאַנדע סאַפּיאָרן האָט זיך באַטאָג געפרוווט אַ רוק טאָן אַהין, אָף די פעלדזן, האָט מען זיי פון די דעכער, וואָס קוקן אַרויס איבער דער וואַנט, באַגעגנט מיט פײַער.

— עס לוינט דאָ ניט אָנגרײַפן, — האָט דער דײַטשישער סאָלדאַט מעוויניש פאַרענדיקט און זיך טיף פאַרצויגן מיטן רויך. — און וואָס איז דאָס פאַר אַ קאָמאַנדע?

—מיניאָרן. מע וועט פאַרמינירן די פעלדזן, טאָמער פרוּוון די יידן זיך אַרויסרײַסן דורכדאַנען...

— די יידן האָבן אַליין מינירט די פעלדזן...

— דאָס זײַנען מינעס, וואָס די יידן וויסן, ווּ זיי ליגן, — האָט כאַיִם זיך ניט פאַרהאַקט אַפּילע, — און מיר וועלן שטעלן אונדזערע...

— אַהאַ, נו, יאָ...

— דער דײַטש האָט נאָך אָנגערופן אַ פאַמיליע פון אַ באַקאַנטן מיניאָרן־קאָמאַנדיר, געפרעגט, צי זײַנען זיי ניט יענעמס מענטשן, נאָר כאַיִם האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אָף ניין. דער סאָלדאַט האָט באַקומען נאָך אַ ציגאַר און, ניט פאַרייכערנדיק אים, אַוועק איבערגעבן דאָס נײַס די שכײנעסדיקע פּאַטרולן.

פיר גרופּן האָבן אין דעם אָוונט געדאַרפט אַרויסטרעטן אויסער דער געטאָ, קעדיי העלפן די אויפשטענדלער דורכרײַסן די אַרומרינגלונג. מאַריאַן גוראַלס גרופּע האָט געדאַרפט אָרגאַניזירן אַ צוזאַמענשטויס מיט די דײַטשן אין ראַיאָן פונעם באַוווּסטן פּוילישן אַרטיסטס שטוב, ווּהין ס'איז אַרויס־

געגאנגען די הייל פון ארטיסטן־קעלער, כאָטש קאַרעלס מענטשן — לעבן פעלדזן־בערג, אנטקעגן יערוכעמס דורכגאַנג, פּינף קעמפער זײַנען באַ־צײַטנס אַרויסגעשיקט געוואָרן פון געטאָ דורך דער הייל, וואָס האָט פון דער קשיווע־גאַס געפירט צו די ליים־פּוסטקעס, דאָרט האָבן זיי זיך אויס־באַהאַלטן ניט ווײַט באַ אַ פויער, די פערטע און גרעסטע גרופּע זײַנען געווען הילעל קאַרעלס צוואַנציק פּאַרטיזאַנער, וועלכע זײַנען אַראָפּגעשטיגן באַם מאַרשאַלעק־בערגל. זיי האָבן עס טאַקע געדאַרפט געבן אַ סיגנאַל פאַר די אַלע גרופּן: פאַרכאַפּן די פיר זעניט־האַרמאַטן, וואָס באַשיסן די געטאָ, און ריכטן זייער פײַער אויף דער פּראַכט־סטאַנציע, ווו עס זײַנען געשטאַנען אַ סאַך דײַטשישע עשעלאָנען, דערין די, אין וועלכע עס האָט זיך באַזירט פאַן־גלײַעוויצס דיוויזיע. די בעהאַלע אין סוינעס לאַגער האָבן געדאַרפט פאַרשטאַרקן מיט זייער שיסערײַ די דרײַ גרופּן, וואָס האָבן זיך געפונען אין ראַיאָן פון די דורכגענג, און, באַנוצנדיק זיך מיט איר, אַפּרייניקן פּלאַצדאַרמען, וווּהין עס וועלן אַרויסגעשיקט ווערן געטאָ־קעמפער, ווי אויך מענטשן, וואָס זוכן אַ רעטונג.

די לאַגע אין געטאָ איז געווען זייער אַ קריטישע. די אָנגעקומענע נאַכט האָט געהאָלפן ניט בלויז די אויפשטענדלער, נאָר אויך דעם סוינעס סאָלדאַטן, וועלכע האָבן זיך שוין דורכגעריסן אויף די געטאָ־גאַסן, צעשאָטן זיך איבער הויפן, אָפּגיך אײַנגעאָרדנט דזאָטן און פײַער־נעסטן אין קעלערס און אויף בוידעמער. אין דער פינצטער איז אָנגעגאַנגען אַ ביטערער געראַנגל, פּאַנעם־על־פּאָנעם מיטן סוינע. אייניקע אויפשטענדלער, וואָס האָבן שוין קיין קוילן ניט געהאַט, האָבן זיך פאַרלאָקערט אין טונקעלע ווינקלען און מיט פרענטעס אײַזן און מיט ציגל זיך געוואָרפן אויף די עסעס־לײַט. עס זײַנען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן, אַרומגערינגלטע אין ברענענדיקע הײַזער, אַ סאַך געמאַכט צו ווײַב־און־קינד און אַליין זיך דאָס לעבן גענומען.

לייזער קאַרשעווער און אירע שאַך זײַנען אַרויס אַפּן בוידעם פון יערוכעמס הויז. איין האַלבן דאַך האָט געהאַט אָפּגעריסן אַ דײַטשישע באָמבע. פון דער הייך האָבן זיי געזען די געטאָ אין פלאַמען, די שטאָט אין טונקלקייט פאַרהילט, — זעלטן־ווו ס׳האָבן דאָרט פײַערלעך געצאַנקט. זיי האָבן געקוקט אין דער זײַט פון מאַרשאַלעק־בערגל, ווו די האַרמאַטן האָבן שוין אַ פערטל שאָ געשוויגן. וואָס איז דאָס — אַ געפּלאַנטער אי־בעררײַס באַ די דײַטשן, ווען מע לאָזט זיך אָפּקילן די רערן ? ווו זשע זײַ־נען קאַרעלס מענטשן, און צי וועלן זיי ביכלאַל קומען ? וואָס באַטײַט די ווײַסע ראַקעטע, וועלכע האָט איבערן בערגל אויפגעלויכטן, און צי זײַנען עס ניט קיין־טראַסירנדיקע קוילן, וואָס האָבן זיך דאָרט ווי פונקען צעשאָטן ?... פאַרוואָס שווײַגן פאָרט קאַרעלס מענטשן ?... איצט איז אַזוי טײַער געווען יעדער רעגע ! אין דער דאַזיקער האַלבער שאָ האָט דער אויפשטענדלער־שטאַב נאָך קאָנטראָלירט די לאַגע אין פאַרשיידענע ווינקלען פון געטאָ, פאַרבינדלער זײַנען נאָך געשיקט געוואָרן און זיך

אומגעקערט פון באזונדערע באריקאדן. באלד אבער קאן די געטא איבער־געשניטן ווערן. עפשער לוינט שוין ניט פארלאזן זיך אף אט דער איינציקער מעגלעכקייט און בעסער צעטיילן זיך — אירמע אף איין העלפט געטא, לייזער — אף דער צווייטער, קעדיי שלאגן זיך ביז לעצט?...

לייזער און אירמע האבן ניט געקאנט וויסן, אז אין די מינוטן איז אפן מארשאלעק־בערגל אנגעגאנגען א טויט־געראנגל צווישן די פארטיזאנער און די דייטשישע ארטילעריסטן. וועז מ'האט זיך דורכגעשלייכט צווישן די קוסטעס צופוסנס פון בערגל, האט א פארטיזאנער, וואס איז געווען בלויז פארהילט אין א פלאשטש־פאלאטקע, אין דער פינצטער אנגעטראפן אף א שוץ־גראבן פון א דייטשישן וואך־פאסטן און אריינגעפאלן אהין. דער דייטש האט א פארציטערטער דערזען דעם פרעמדן, באלד דערפילט יענעמס פינגער ארום זיין האלדז, נאר באוויזן א געשריי טאן. אט דאס געשריי האט אויפגעהויבן אף די פיס דאס ביסל דייטשן, וועלכע האבן באוואכט די באטעריי. די פארטיזאנער האבן זיי געשטאכן מיט מעסערס, קעדיי עס זאל קלענער זיין דער טומל, אנדערע האבן, ניט געקוקט אף גארנישט, זיך א לאז געטאן ארויף, צו די הארמאטן. די ארטילעריסטן האבן זיך פארלוירן, גענומען אומלויפן איבערן בערגל, געשאסן פון אויטאמאטן. דעם טעלעפאן־דראט האבן די פארטיזאנער באציייטנס איבערגעריסן, נאר עפעס א סאלדאט האט באוויזן ארויסלאזן א ראקעטע, וועלכע מע האט, אגעוו, אויך בא די דייטשן געקאנט ניט וויסן ווי צו טייטשן. די פארטיזאנער האבן פארכאפט די הארמאטן, נאר עס זיינען געפאלן נייטיקע מענטשן, עס האבן אויך באוויזן אנטלויפן אייניקע דייטשן.

הילעל קארעל איז א שווער פארווונדעטער אין בויך געלעגן אפן בערגל. כאוויירים האבן זיך אנגעבויגן איבער אים.

— טראגט מיך צו נעענטער צו די הארמאטן, — האט ער באפוילן,
— שטעלט אן די רערן אף דער פראכט־סטאנציע, די קאארדינאטן...

עס זיינען געבליבן גאנץ בלויז פיר ארטילעריסטן, עס האבן זיי מיטגעהאלפן אנדערע, וואס האבן עפעס־וואס פארשטאנען בא הארמאטן. עטלעכע מאן האבן פארנומען א וואך אין די פארלאזטע דייטשישע שוץ־גראבנס.

דער מילנער ווינצענטע קישקא האט דער ערשטער געמאלדן:
— מיין הארמאט איז גרייט!

נאך אים האט דאס זעלבע אויסגערופן דער אנצילער פון צווייטן הארמאט.

הילעל קארעל האט זיך אף אן עלנבויגן קוים עטוואס אונטערגעהויבן פון דער ערד און מיט אן אפגעשוואכטער שטים א געשריי געטאן:
— פייער!

פון מארשאלעק־בערגל האבן א הילך געטאן די ערשטע צוויי הארמאטן־שאסן, געצילטע אין דער פראכט־סטאנציע.

לייזער האט ארומגעכאפט אירמע שאך פאר דער דארער פלייצע, א שטארקן טרייסל אים געטאן און צוגעדריקט צו זיך:

— נו, שאך, מיר זאגן ווידער — שאך!

8.

איצט איז די הויפט־אויפגאבע פון די אויפשטענדלער אין געטא געווען — וואס לענגער איינהאלטן די קווארטאלן, ווו עס האבן זיך געפונען די דריי אונטערערדישע ארויסגענג אין שטאט אריין. עס זיינען שוין געווען טויט עטלעכע שטאב־מיטגלידער און גרופן־קאמאנדירן — פיניע בערול איז צעטראטן געווארן פון א טאנק, בא שמועל לעמפערט האט א שפליטער, ווי מיט א גאל־מעסער, אראפגעשניטן דעם קאפ, יעשוע שוואלב, א שווער־פארוואונדעטער איז געלעגן בא אן אומגעוואלגערטער וואנט און זיך ניט אנגערופן, קעדיי קיינעם ניט באשעפטיקן מיט זיין גויסעדיקן קערפער. עס זיינען אומגעקומען אלע יוגנטלעכע, וואס האבן זיך פארטיידיקט אין יודן־ראט, בלויז יעכידים האבן נאך געקעמפט אף דער וועזשביאנע און פשעמישלנע. עס זיינען שוין, דוכט זיך, געווען מער טויטע, ווי לעבעדיקע, אין געטא, נאר די פלאמענדיקע רוינען האבן נאך געאטעמט, ארויסגעשיקט פון זיך אלץ נייע און נייע קעמפער. מענטשן, וואס האבן קיינמאל קיין געווער אין האנט ניט געהאלטן, האבן אונטערגעכאפט די ביקסן פון די געפאלענע, געפאלגט באפעלן פון מער געשולטע באוויירים, וואס האבן זיך טייקעף אפן ארט פון די אומגעקומענע קאמאנדירן געשטעלט.

דורך די היילן האבן זיך גענומען ארויסרייסן אין שטאט אריין גרופעס קעמפער. אף די שטאטישע גאסן, נעענטער צו דער געטא, האט זיך געהערט א שיסעריי, סרייפעס האבן זיך דארט באוויזן. געפלייצט האבן אין די דריי דורכגענג אויך פרויען, קינדער, פארוואונדעטע, וואס האבן געהאפט ערגעץ־ווו א רעטונג געפינען. מיט די דאזיקע וועגן זיינען ארויס אין שטאט אויך אייניקע פוילישע ארבעטער פון די שנאפע־ווארשטאטן. זיי האבן מיטגענומען מיט זיך יידישע קינדער.

נאר צו שמאל זיינען געווען די דריי היילן, לאנגזאם איז צוגעגאנגען דאס פויזען איבער זיי. ווען אפילע די זאך זאל ארגאניזירט זיין אידעאל, וואלטן די געטא־איינוווינער געדארפט צוויי מעסלעס נאכאנאנד זיך דורכקלייבן דורך די היילן, קעדיי אלע ארויס אין שטאט. אין רעשום פון די אויפשטענדלער איז אבער געווען גאר א באגרענעצטע צייט, ביז די דייטשן וועלן קומען צו זיך.

לייזער האט געוווסט, אז אויב אלץ וועט צוגיין לויטן פארויס צוגעפגעשטעלטן פלאן, קאן ער אויסרעכענען, אז אף דער קליין־וויסליאנער זאל ווארטן קארעלם א פראכט־מאשין. פאסאזשירן פאר דער דאזיקער

מאשין, וואס וועט שנעלער פון אלעמען זיך דערלאנגען אין וואלד אריין, האט ער פערזענלעך אפגעקליבן. בא יערוכעמען אין קעלער זיינען געלעגן שווער־פארוווּנדעטע קעמפער, געווען זיינען דא אויך עטלעכע קליינע קינדער.

גלייך נאכן סיגנאל, וואס איז געקומען פונעם מארשאלעק־בערגל, האט פון דער הייל זיך ארויסגעריסן א היפשערע גרופע קעמפער. באלד נאך זיי האט מען גענומען ארויסשיקן די, וואס האבן געדארפט אפגעפירט ווערן אין וואלד אריין. באצייטנס איז אהער ארויפגעטראגן געווארן דע־מיאן גראבאר מיט נאך פיר פארוווּנדעטע רוסן. קאטאזשינא פראכאר האט איינגעשטימט מיטפארן בלויז נאך דעם, ווי לייזער האט באפוילן איר פערזענלעך אכטונג געבן אפן געזונט פון די סאוועטישע כאווירים. נאך איין מענטש האט לייזער געוואלט איבערגעבן אף דער השגאכע פון אט דעם ענערגישן פוילישן מיידל — זיין בלינדע מוטער. באקענט זיי אפגיך, האט לייזער א קוש געטאן די מאמע און געזאגט:

— גיי מיט אט דער פוילישער כאווערטע, זי וועט, פונקט ווי איך, אכטונג געבן אף דיר...

— ווּוהין גיין? — די אלטע האט זיך געגעבן א גלייך אויס. איר געזיכט האט אויסגעדריקט אקשאנעס און אומרו, די ביינערדיקע פינגער האבן ציטערנדיק צונויפגעצויגן די שאל באם האלדז, — ווּוהין שיקסטו מיך?

— אין א זיכער ארט, מאמעשי, מע טאר קיין צייט ניט פארלירן.
— קיין זיכערער ארט, ווי לעבן זון, דארף איך ניט!
— אבער, מאמעשי... — לייזער האט אפילע אף איבערציינגן זי קיין צייט ניט געהאט, מע האט שוין די רוסן איינס נאך איינס אריבער־געטראגן אין הייל, מענטשן האבן געווארט אף ווייטערדיקע פארארדע־נונגען זיינע. — גיי, מאמע! — האט ער געפרווּט מיט א פעסטערער שטים זאגן.

— כ'וואלט דיר, מיין זון, אוואדע אפגעטראטן דאס ארט — גייסטו דאך ניט, — האט עסטער פאמעלעכן ארויסגערעדט, — נו, איז לאז אף דעם ארט גיין עמיצער א צווייטער, וואס וועט אין לעבן מער נייטיק זיין, ווי איך...

— פארנעמסט קיינעמס ארט ניט...

— צי יא צי ניט, נאר מיין ארט, ווייס איך, וועט דא קיינער ניט פארנעמען — כ'בין דיין מאמע, לייזער.

די אלטע האט אף איין ווײַלע שטרענג צונויפגעצויגן די ליפן, די בלינדע אויגן אנגעשטעלט אף לייזערן:

— שווער וועל איך פאר דיר ניט זיין, זונעניו. טו, וואס עס פאדערט זיך פון דיר, און פאר מיר וועט גוט זיין נאך איין שא וויסן, אז כ'האב

אַ לעבעדיקן זון. אַ דאַנק, פרײַלן! — זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין דער זײַט, ווו קאַטאַזשינאַ איז געשטאַנען, — גייט געזונט און בלײַבט לעבן.

.9

פאַרטאָג־צו איז עסטער קאָרשעווער פאַרשוווּנדן פון יערוכעמס קעלער.

צו דער דאָזיקער צײַט האָבן די דייטשן שוין ווידער פאַרשפּאַרט פון אַלע זײַטן די געטאָ. ס'האָבן זיך באַנײַט די שלאַכטן צווישן רוּינען. אָפּן מאַרשאַלעק־בערגל האָבן די האַרמאַטן געשוויגן, די געטאָ האָט מען באַשאָסן פון מינענוואַרפער. אין שטאָט האָט די שיסערײַ זיך אַלץ מער דערווײַטערט צו די ראַנדן. זעט אויס, די, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן, זײַנען אָפּגעטראָטן מיט שלאַכטן. אינגיכן איז דאָרט אינגאַנצן שטיל געוואָרן.

לייזער האָט זיך געזאָלט אַוועקלאָזן אין ראַיאָן פון אַרטיסטן־קעלער, פאַר דעם האָט ער באַשלאָסן צוגיין באַקענען זיך מיט דער לאַגע אַף אייניקע שטיץ־פּונקטן אַרום פעלדזן־געסל. בײַ אים און אירמע שאַד איז געווען אָפּגערעדט: אירמע בלײַבט דאָ, און לייזער גייט אין דעם צווייטן טייל געטאָ, וואָס האָט אַט־אַט געקאָנט אָפּגעשניטן ווערן. לייזער האָט נאָך געמוזט זיך אומקערן, קעדיי פאַרכאַפּן אַ ביסל געווער פון קעלער. די אַלטע עסטער, וואָס איז געזעסן אין איר ווינקל, האָט דאָס אַלץ געוויס געהערט, און מיטאַמאָל איז זי פאַרשוווּנדן אין דער טונקלקייט אַזוי, אַז קיינער האָט עס ניט באַמערקט.

דער וואַכמאַן אין יערוכעמס הויף האָט דערציילט, אַז ער האָט געזען אַן אַלטע פאַרבײַגיין, זי האָט אין דער פינצטער געטאַפּט מיט די הענט דעם פּלויט און זיך אַזוי גערוקט צום טויער. ער האָט זי צוגעפירט צום אַרויסגאַנג פון הויף און געפרעגט: ווּהין, מומינקע, ווילט איר גיין"? „אַהין, ווּ מע שיסט" — האָט די אַלטע געענטפערט און איז אַוועק פאַמעלעכן איבערן געסל. די טעלעפאָנען האָבן שוין ניט געאַרבעט, לייזער האָט ניט געקאָנט שנעל איבערגעבן, מע זאָל די מוטער פאַרהאַלטן. איין האָפענונג האָט ער געהאַט — עפּשער וועט זי זיך דערלאַנגען צום אַרטיסטן־קעלער אַף דער יאַסעלעוויטש־גאַס, זי האָט דאָך געהערט, אַז ער גייט אַהין. אָבער פאַרשטאַנען האָט ער אויך, אַז ניט דער דאָזיקער געדאַנק האָט די מוטער אַף דער גאַס אַרויסגעפירט — אין אַרטיסטן־קעלער וואָלט ער זי אַליין מיטגענומען. „אַהין, ווּ מע שיסט"... — די מוטער איז אַוועק דעם טויט אַנטקעגן.

לייזער האָט דורך די פאַרבינדלער איבערגעגעבן אין אַלע גרופּן, ווּהין ער האָט נאָר געקאָנט, אַז אויב מע וועט זען אַן אַלטע בלינדע פרוי, זאָל מען זי באַשטאַטן אין אַ באַהעלטעניש און, אויב עס וועט מעגלעך זײַן,

אַריבערשיקן זי צו אים, אין אַרטיסטן־קעלער. נאָר אַליין האָט ער ביטער זיך געפרעגט דערביַי: נו, זאָל זיַין, מע וועט זי ברענגען — ווי לאַנג וועט ער זי דאָ קאָנען איַינהיטן? און צי וועט זי אים, דעם זון, נאָך טרעפן אַ לעבעדיקן? צי איז ניט בעסער, וואָס זי איז אַזוי אַוועק און ווייסט, אַז ער לעבט און קעמפט?...

דאָ בקליַיבנדיק זיך צום אַרטיסטן־קעלער, האָט לייזער פונדעסטוועגן פאַרקערעוועט אינעם געסל, וווּ ער האָט געהאַט געוווינט. באַ אים האָט זיך פאַרגאַנוועט אַ געדאַנק, עפשער איז די מאַמע אַוועק אַהין. בישכיינעם מיטן צווישטאָקיקן הויז, וווּ זייער צימער איז געווען, האָט געברענט אַ הילצערן שטיבל מיט אַ מעזאָנין. וויַיטער זיַינען געווען פאַרקוילטע רוינען. האַרוגים זיַינען געלעגן אין קאָרידאָר, פעדערן האָבן זיך געקלעפּט צו די שיך. אַ רעגע האָט לייזער אַ טראַכט געטאָן: „עפשער זיך בעסער אומקערן?" ס'איז אים שווער געווען אַהער אַריַינגיין. ער איז קימאַט זיכער געווען, אַז די מאַמע איז דאָ ניט, דאָך האָט אים עפּעס געצויגן אַפן צווייטן שטאָק.

באַ דער קנאַפּער קאַיאַריקער שיַין האָט ער דערזען דאָס צעבראָכענע אָרעמע מעבל, די בעטלעד, דאָס טישל. די מאַמע איז דאָ ניט געווען. פון וואַנט האָט אַראָפּגעקוקט אַלטערס בילד. באַ לייזערן האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ, ווען ער האָט דערזען דעם ברודערס געזיכט. ער האָט אַ קלער געטאָן: „עפשער אַראָפּנעמען?" — נאָר וווּ וועט ער זי באַהאַלטן, די פאָטאָגראַפיע? דורך די אויסגעזעצטע שויבן האָט אָנגעצויגן אַ פולער צימער מיט רויך. גאָר נאָענט האָט זיך געהערט אַ שטיל טרישטשען. וויַיזט אויס, פונעם שכייניַשן הויף. דאָס פיַיער וועט זיך געווים באַלד אַהער אויך אַריבער־וואַרפן. „ער וועט פאַרברענט ווערן!" האָט לייזער אַ טראַכט געטאָן וועגן אַלטערס פאָרטרעט און עפּעס האָט ער גראָד אין דעם געפונען אַ טרייסט.

ווען לייזער איז אַרויס אין דרויסן, האָבן פונקען זיך שוין געשאָטן אַפן ווינקל פונעם שינדלדיקן דאַך פונעם הויז, וואָס ער האָט פאַרלאָזט, עפּעס אַ לייַסט פונעם דאַך־קאַרניז האָבן דאָרט שוין גאָלדענע צונגען געלעקט...

וויַיט ניט מיט אַלע קאַמף־גרופּן האָט שוין לייזער געקאָנט אונטער־האַלטן דעם דאָזיקן טאָג אַ פאַרבינדונג. וועגן אייניקע קוואַרטאַלן זיַינען צום הויז איבערן אַרטיסטן־קעלער יעדיעם אָנגעקומען גאַנץ צופעליק. דאָך האָט לייזער פאַרן טאָג געהאַט עטלעכע גרוסן וועגן דער מאַמען: אין עפּעס אַ ברענענדיקן הינטער־געסל, אַרום דער קשיווע, האָט מען געזען גיין אַ בלינדע אַלטע אין אַ טונקעלער שאַל, זי האָט די פאַרטיידיקער פון איינעם אַ הויז געבראַכט ניט קיין אויפגעריסענע גראַנאַטע מיט אַ הילצערן הענטל. אַ צווייט מאָל האָט מען זי געזען דורכקליַיבן זיך, אַן אָנגעבויגענע, מיט אַ קליין מיידעלע, לעבן דער צעוואָלגערטער באַריקאַדע אַף דער ביאַלע, וווּ עס ליגן צווישן די שטיינער אויפשטענדלער און דיַיטשן. זי האָט גע־

בראכט פון דאָרטן צוויי פּאַטראָנטאַשן מיט קוילן, אַ טעסאַק און איבערגעגעבן עס די קעמפער, וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ קעלער אַף דער זעלבער גאַס. מע האָט ניט געוווּסט, אַז מע דאַרף די אַלטע אַפּפירן אַהער, צו לייזערן, זי איז שוין ווידער אַוועק.

פון צווייטן עק פון דער יאַסעלעוויטש־גאַס האָט אַ יינגל זיך דערלאַנגט צו לייזערן אין אַרטיסטן־קעלער און דערציילט, אַז עפּעס אַ בלינדע אַלטיטשקע מיט אַ מיידעלע האָבן זיי געבראַכט צום שטיצפּונקט צוויי טרוקענע בולקעס, וואָס מ'האָט אַרויסבאַקומען פון אַ דייַטשישן ראַנעץ. אַ שטיקל פון דער בולקע האָט דאָס יינגל אויך לייזערן געבראַכט. לייזער האָט געגעסן, און די האַרטע בולקע איז אים געבליבן שטיין אין גאַרגל. איז אָט אַ וועלכע זי איז, זייַן מאַמע... די־אַ ווייכהאַרציקע יידענע, וואָס האָט זיך געהאַט אירע באַשטענדיקע אַרעמעלייַט, וועלכע פלעגן אין באַשטימטע טעג קומען צו איר, ווער נאָך אַ זעמל, ווער נאָך אַ פּאָר קאַלטע קאַטלעטן, ווער נאָך אַ זלאָט... אָט איז זי, זייַן מאַמע, וועלכע האָט אַף פּאַראַגרע געקרענקט, געהאַט צו טאָן מיט זאַלץ־ביטלעד, די מאַמע, וואָס פלעגט זאָרגן, אַז ער, לייזער, זאָל ניט אויסוואַקסן קיין סוטולעוואַטער, און ניט איין מאָל, ווען ער פלעגט אַ געבויגענער זיצן איבער אַ העפט צי איבער אַ בוך, פלעגט זי אים אויפמערקזאַם מאַכן דערויף... אָט אַזאַ איז זי, זייַן מאַמע, געווען. איצט אָבער גייט זי אום אַ בלינדע, געפירט פון עמיצנס אַ יאַסעמל, איבער די גאַסן, וווּ עס פלאַקערט דער טויט. זי גייט פון באַריקאַדע צו באַריקאַדע, וווּ מיט קוילן, וווּ מיט ברויט.

שוין צום סאַף פון אָט דעם דריטן שלאַכט־טאָג, וועלכער איז פאַרגאַנגען אין פייַער און רויך, האָט לייזער דערזען די מאַמע. זי איז אַרויס פון אַ הויף אַף דער יאַסעלעוויטש־גאַס, אַנגעטאָן אין איר שוואַרצער שאַל, די גרויע האָר צעווייט איבערן שטערן. אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען האָט זי פאַר דער אויסגעשטרעקטער האַנט געפירט. זי האָט זיך געלאָזט אַהער, צום פירשטאַקיקן הויז, פונוואַנען ער האָט נאָכגעשפּירט נאָך דער דערנעענטערונג פון דעם סוינעס פיר אַעראָפּלאַנען. ער האָט זיך געלאָזט לויפן אַנטקעגן דער מאַמען. פון דריטן שטאָק, דורך די אויסגעהאַקטע פענצטער פון טרעפּ־קאָרידאָרל, האָט ער זי נאָך געזען מיטן מיידעלע אַף דער מיט גאַס. דער רויש פון די אַעראָפּלאַנען האָט זיך דערנעענטערט. לייזער איז שוין אַראָפּ אַפן צווייטן שטאָק און מיטאַמאָל דערהערט אַ פייַף, אַ הילך. עפּעס האָט אים מיט קויעד אַ וואָרף געטאָן אַף די טרעפּ, אַ פּאָר מינוט איז ער געלעגן אַ פאַרהלושעטער, פאַרשאָטן מיט טינק און ברוכוואַרג. אויפגעכאַפּט האָט ער זיך מיט איין אומרויִקן געדאַנק: „די מאַמע, דאָס מיידעלע אַף דער גאַס!” די גאַס איז אָבער געווען איינגעהילט אין רויך און שטויב.

לייזער האָט זיך דורך די צעבראָכענע טרעפּ אַראָפּגעדראַפּעט אַפן ערשטן שטאָק, געלאָזט זיך צו דער טיר און שטיין געבליבן, ווי דורך אַ

דונער דערשלאָגן: אַ היפּשע קיילעכדיקע גרוב איז געווען אױף דער גאַס פּונקט דאָרט, וווּ ער האָט די מאַמע מיטן מיידעלע געזען.

עמיצער איז דאָ נאָך געווען אין צימער — עטלעכע קעמפּער זיינען געשטאַנען באַ אַ פּענצטער, פון וועלכן ס'איז בלויז אַ לאָך געבליבן.

— פּונקט ווי עליִאָהו האַנאָווי זאָל זיי האָבן אױף זיין פּייערדיקן רייטוואָגן אונטערגעכאַפּט! — האָט עמעצער געזאָגט.

— געפונען מיט וואָס צו פאַרגלייכן — עליִאָהוס רייטוואָגן מיט אַ דייטשישער באָמבע...

— שאַט, ס'איז דאָך קאָרשעווערס מוטער! — האָט אַ דריטער געזאָגט און אַ כאַפּ געטאָן די, וואָס האָבן ערשט גערעדט, פיר די עלנבויגנס. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט און דערזען: לעבן דער פּאַראַד־טיר, צוגע־שפּאַרט מיט דער פּלייצע צו דער וואַנט, איז געשטאַנען לייזער, פאַרשטעלט מיטביידע הענט דאָס פּאָנעם.

.10

פיר טעג האָט נאָך געלעבט די געטאָ. רוינע נאָך רוינע, קעלער נאָך קעלער האָבן די דייטשן אויפגעבראָכן, זיי האָבן זיך גערויעט אין אַש, צוגעפאַלן צו דער ערד און געהערט, צי האָבן זיך אין איר טיפעניש קיין מענטשן ניט באַהאַלטן, אומגעשמייעט מיט שפּיר־הינט. אַלע מאָל פלעגט אין אַן אַנדער אָרט זיך פונאַנדערפלאַקערן אַ קאַמף, אַמאָל האָט ער געדויערט מינוטן — דאָרט ווו אַ ייִד האָט מיט אַ האַלאָוועשקע אין דער האַנט זיך געוואָרפן קעגן אויטאָמאַטן, אַמאָל שאָען — דאָרט ווו גרופּעס קעמפּער האָבן פון פאַרלאָקערונג באַגעגנט דעם סוינע, ווידער האָט מען אַהער געשלעפּט קוילנוואַרפער, ווידער האָבן זיך דאָרט טויב געריסן גראַנאַטן.

דאָ און דאָרט האָט מען באַ צעוואַלגערטע ווענט צעשאָסן גרופּקעס מענטשן, שוואַרץ ווי די ערד, קינדער, קראַנקע, פרויען — אַלעמען, וועמען מע האָט פון אונטער רוינען, פון באַהעלטענישן און היילן אַרויסגעשלעפּט. די קאָרבאָנעס האָט מען אין ערגעץ ניט געפירט. דאָ, אױף דער פאַרפרוירענער ערד, ווו זיי האָבן געלעבט און געקעמפט, האָבן זיי זיך דערנאָך טויטע געוואַלגערט.

דער ווינט האָט אומגעטראָגן פעדערן פון כורווע צו כורווע, זיי האָבן זיך געמישט מיט שניי, וואָס איז געפאַלן אױף פאַררייכערטע ציגל און ניט דערברענטע קראָקוועס...

מיט אַ קליינער גרופּע אויפשטענדלער, קימאַט אַלע פאַרוווּנדעטע, שרעקלעך אָפּגעשוואַכטע, האָט לייזער, אויך מיט עטלעכע וווּנדן אױפן לייב, זיך אויפגעהאַלטן אין הייל, וואָס באַם אַרטיסטן־קעלער. פון דאָרט האָבן זיי פון מאָל צו מאָל זיך אַרויסגעכאַפּט און אָנגעפאַלן אױף די דייטשן. דאָס

הויז, אונטער וועלכן דער קעלער איז געווען, האָט שוין לאַנג אָפּגעברענט, צווישן באַלקנס און ציגל פּלעגן די קעמפער, איבערהויפּט באַנאַכט, שנעל פאַרשווינדן, און די סאָלדאַטן האָבן זיי ניט געקאָנט געפינען. ווידער פלעגן די אַרומיקע רוינען פאַרוואָרפן ווערן מיט גראַנאַטן, דורכגעשטעפּט ווערן מיט קוילן, נאָר צוגיין צו זיי האָבן די עסעס־לײַט זיך ניט אַנטשלאָסן.

לייזער האָט פאַראַקשנט געהאַפט, אַז מע וועט זיך קאָנען אַרויסרײַסן אין שטאָט אַרײַן דורך אָט דער הייל. אייגנטלעך, איז מער אָף גאָרנישט ניט געבליבן צו האָפן.

דעם אַרויסגאַנג פון דער הייל אין הויף פון באַוווּסטן פּוילישן אַרטיסט האָט דער סוינע אויפגעדעקט נאָך אין יענער נאַכט, ווען די שלאַכט־גרופּן האָבן אַ פּלייץ געטאָן אין שטאָט אַרײַן, די הייל איז פאַרוואָרפן געוואָרן מיט רויך־שאַשקעס, גראַנאַטן, נאָר אינעווייניק זיך לאָזן האָבן די דײַטשן ניט געוואַגט. ס'איז געווען צו דערוואַרטן, אַז די דײַטשן טשאַטעווען דאָרט אויך איצט.

אָף דער פערטער נאַכט, ווען ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז די רוינען, ווו די הייל הייבט זיך אָן, ווערן באַלאַגערט פון עסעס־לײַט — מע האָט געהערט גאָר נאָענט בילן הינט, דער סוינע, האָט, ווײַזט אויס, געוואַרט אָף טאָג, — האָט לייזער באַשלאָסן זיך דערווײַסן, וואָס הערט זיך אין הויף פון פּוילישן אַרטיסט. אוועקגעפּויזעט האָט כאַוַמקע, וועלכער איז די גאַנצע צײַט ניט אָפּגעטראָטן פון לייזערן. ווי נאָר אָבער דאָס יינגל האָט זיך דערקליבן צום אַרויסגאַנג, האָט זיך דאָ אויך שטאַרק צעבילט אַ הונט. כאַוַמקע האָט נאָר באַוויזן אוועקצוקריכן אַ פּאָר שפּאַן צוריק, ווי אין הייל איז אַרײַנגעוואָרפן געוואָרן אַ גראַנאַטע באַלד האָט מען אויך אַראָפּגעלאָזט אַהער אַ רויך־שאַשקע, נאָר דאָס איז פאַרויסגעזען געווען. מיט די קישנס, וואָס זײַנען דאָ געווען אָנגעגרייט, האָט כאַוַמקע פאַר־שטאָפּט די הייל. אינגיכן האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקער אויפרײַס — די דײַטשן האָבן ענדגילטיק פאַרוואַלגערט דעם אַרויסגאַנג.

איז וואָס זשע — שטאַרבן? לייזער האָט די דאָזיקע אַלע טעג זיך געגרייט צום טויט, מאָמענטנווײַז זיך אַפילו געפּײַניקט, וואָס אַ קויל לעבערט אים ענדלעך ניט דורך, וואָס אין מויעד הערן ניט אויף צו פלאַמען געדאַנקען און דערמאָנונגען, וואָס דאָס האַרץ הערט ניט אויף צו ווייטיקן. ער האָט אָבער געוווּסט אויך, שוין לאַנג פעסט באַשלאָסן בא זיך, אַז בלויז קאַמף איז די טרייסט פון אַ שלאַכט־מאַן. עפּשער איז שוין זײַן האַרץ פאַרקוילט אַזוי, אַז קיין פרייד, אַפילו ווען ער זאָל לעבעדיק בלײַבן, וועט אין דעם צעבלײַען ניט קאָנען, אָבער נאָך נעקאָמע לעכצט אַזאַ האַרץ נאָך שטאַרקער.

מ'האָט געדאַרפט אַרויס פון אָט דער הייל, קעדיי ניט פאַרשפּאַרט ווערן דאָ, ווי אין אַ קייווער. פינף לעבעדיקע זײַנען נאָך געווען אין הייל: כאַוַמקע, לייזער, דער דאָמבראָווער קוילנגרעבער אַנדזשיי, וואָס מ'האָט

אים געהאַט אָנגערופֿן „דער פּיַערלעשער", אַ מיידל — עסטערקע ביקס, און איינער אַ עלטערער מענטש, אַ גאַרבער. זיי אַלע, באַוואָפּנט ווי־ניט־איז, האָט לייזער באַשלאָסן אַריבערפֿירן אין הויז בישכיינעס מיטן אַרטיסטן־קעלער. דאָרט האָבן זיך נאָך איַינגעהיט טרעפּ אַף די אייבערשטע שטאָקן, דאָרט איז געהאַט אָנגעגאַנגען אַ שלאַכט, און מע האָט געקאָנט האָפֿן געפֿינען געווער און קוילן אַרום די טויטע כאַווירים.

קאַיאַר האָבן די פֿינף אויפֿשטענדלער גענומען איבערפֿויזען אונטער די רויִנעס צום שכיינעסדיקן הויז. מ'האָט געדאַרפֿט זיך דערלאַנגען אין געוועלבטן צימער, ווו די אַרטיסטן פֿלעגן וווינען, ווו דער שטאַב האָט ניט איין זיצונג אָפּגעהאַלטן, ווּהין יערוכעם און גוראַל פֿלעגן קומען; דורכן האַלב־קיַילעכדיקן פֿענצטער פֿון אַט דעם צימערל אַרויסקריכן אַף דער גאַס און אַ זעקס־זיבן שפּאַן איבערלויפֿן צום כאַרעוון הויז.

פֿויזענדיק, האָט לייזער ווידער אָנגעטראָפֿן אין אַרטיסטן־צימערל אַף אַ זאַך, וועלכע ער האָט דאָ שוין עטלעכע מאָל געזען — דאָס אייל־בילד „ווען איך זאָל יונג זיַין" פֿונעם אַלטן קינסטלער, וואָס איז אַוועקגעפֿירט געוואָרן מיטן ערשטן עשעלאָן. פֿאַרשאָטן מיט שטויב, פֿאַרטראָטן מיט שווערע שטיוול, האָט דאָס בילד דאָך געלעבט — אין דער טונקל האָט לייזער אונטערשיידט דעם האַלב־נאַקעטן יונג, דעם קנעכט, וואָס איז מיטן פּוס אָנגעטראָטן אַפֿן אומגעוואַלגערטן לעגיאָנער, געזען די עטלעכע קנעכט, וועלכע זיַינען זייער דרייסטן כאַווער צו הילף געלאָפֿן. ערשט איצט האָט לייזער דערטראַכט דאָס, וואָס ער האָט דעמאָלט, ווען דער קינסטלער האָט אים דאָס בילד געוויזן, דערפֿילט, נאָר ניט אַרויסגעזאָגט, אין זיך פֿאַרטויבט: אייגנטלעך, זיַינען דאָך די דרייסטע קנעכט פֿאַראורטיילט געווען. עס וועלן קומען נאָך לעגיאָנערן און זיי אומברענגען. אָבער דער טאַט זייערער, דאָס, וואָס אַ קנעכט האָט זיך אויפֿגעהויבן קעגן זיַין באַצווינגער, איז פֿון טיפֿן אוראַלט דערגאַנגען צו אונדז און האָט באַגיַיסטערט די העלדן פֿון פֿיל שפּעטערדיקע טקופֿעס, די, וואָס האָבן אין פּאַריז די באַריקאַדן געבויט, אין רוסלאַנד די רעוואָלוציע געמאַכט. איז וועט געווים אויך דער טאַט פֿון אַט די עטלעכע טויזנט מענטשן, וואָס זיַינען דאָ אומגעקומען, און פֿון די פֿיר, וועלכע ער פֿירט איצט נאָך זיך, אויך ניט פֿאַרגיין. ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס בילד באַ דער וואַנט און אומגעקוקט זיך צו זען, צי די כאַוויירים האָבן עס ניט איבערגעקערט. זאָל עס שטיין אַזוי אונטער די רויִנעס. אַליין האָט ער זיך דערלאַנגט צום פֿענצטער, איז אַרויסגעשפּרונגען דורך דעם און אַ לאַף געטאָן צום הויז. גיַיע קרעפֿטן האָבן זיַין גוף אָנגעפֿילט.

דער קאַמף אינעם האַלב־כאַרעוון הויז האָט לאַנג ניט געדויערט. די דיַיטשן האָבן באַמערקט דעם לעצטן, וואָס איז איבערגעלאָפֿן אַהער, און גלַייך גענומען שיסן אין דער ריכטונג. עס איז געפֿאַלן דער עלטערער ייִד דער גאַרבער, האָרט באַ דער טיר איז ער ליגן געבליבן און נאָך אַ געשריי

געטאָן: „לויפט, לויפט, באַ מיר איז נאָך דאָ אַ גראַנאַטע!" — און האָט זי טאַקע געוואָרפן, דער־אַ עלטערער מענטשן, וואָס האָט קימאַט די גאַנצע צײַט געשוויגן.

דערנאָך האָבן די דײַטשן טראָט נאָך טראָט געשטויסן די פּאַרבלײַבענע פיר אויפשטענדלער צו די אייבערשטע שטאָקן. כאַזמקע האָט אַ פאַל געטאָן אויף די קני, ארומגעכאַפּט מיט די הענט דעם קוטשעראַווען קאָפּ, אַ ציטער געגעבן מיטן דאַרן גוף און מער זיך ניט גערירט. עסטערקען האָט די קויל געטראָפן, ווען זי איז אויף אַן ארומגעברענטן באַלקן איבערגעלאָפן פון איין צימער אין אַנדערן. „פאַרשאָלטענע!" — האָט זי נאָך אויסגעשריִען, אויף די שפּיץ פינגער פון די פיס אַ וויג געטאָן זיך און מיט פונאַנדערגעשפּרייטע הענט אַוועקגעפלויגן אַראָפּ.

אַנדזשיי און לייזער האָבן זיך דערלאַנגט צום לעצטן, פערטן שטאָק. זיי האָבן ביידע געשאָסן שוין מיט די לעצטע קוילן. דורך די אויסגעלאָשענע פענצטער האָט זיך געזען די געטאָ, אַ טויטע, אַ שוואַרצע, מיט ווײַסע שניי־פליאַמעס אויף די רויִנען. אַ שטאַרקער צוג־ווינט האָט דאָ געצויגן פון אַלע עפענונגען.

מיטאַמאָל איז אַנדזשיי, נאָך אַלץ אין זײַן אונטערגעגאַרטלטער פּײַערלעשער־מאַרינאַרקע, אויפגעשטאַנען פון דיל און זיך געלאָזט צו דער טיר.

— פּסיאַ קרעוו, — האָט ער געזאָגט, — ניעמאַ גאַבאַיווו! (צום טײַוול, ניטאָ קיין פּאַטראָנעס!).

ער איז שטיין געבליבן באַם שוועל און מיטן אויפגעהויבענעם אויטאָמאַט זיך געגרייט באַגעגענען דעם עסעסאָווצע, וואָס איז אַן אָנגעבויגענער געלאָפן אהער איבער די טרעפּ. לייזער האָט דעם דײַטש דערשאָסן. אָבער באַלד האָט אַנדזשיי זיך אַ לײַכטן וויג געגעבן, צוגעשפּאַרט זיך מיט אַן אַקסל צו דער טיר און פּאַמעלעך געגומען אַראָפּלאָזן זיך אויפן דיל.

לייזער האָט נאָך געהאַט עטלעכע קוילן אין מאַגאַזין פון אויטאָמאַט. ער איז צוגעלאָפן צו דער באַלקאָן־טיר, געמיינט דאָ פאַרנעמען די לעצטע פּאָזיציע. נאָר דער באַלקאָן איז געווען אַ צעוואַלגערטער. בלויז אַ שטאָק נידעריקער האָט זיך געזען אַ בעטאָנירטע פּלאַשטשאַדקע מיט אַן אײַזערנעם פּאַרענטשעלע. אַן עסעס־יעפרייטער האָט זיך באַוויזן אויפן שוועל, באַ אַנדזשייס גוף. דערזען לייזערן, האָט ער זיך אַ בייג געגעבן אויף צוריק: לייזער האָט אויסגעשאָסן, דער דײַטש האָט אָבער באַוויזן וואַרפן אַ גראַנאַטע. פײַער האָט אַ הייסן אָטעם געטאָן לייזערן אין פּאָנעם אַרײַן, מיט פונאַנדערגעוואָרפענע הענט, אַ פאַרהלושעטער, איז ער געפאַלן דורך דער אָפענער טיר אויף אַראָפּ.

ער האָט זיך אַ שטאַרקן שטויס געטאָן אין עפּעס, ס'האָט אים געדוכט, אַז עס טראָגן אים און דרייען אים מוטנע שטראָמען, וועלכע ווערן אָבער, וואָס ווײַטער, אַלץ ריינער און רויִקער. „טויט" — האָט

לייזער א טראכט געטאן. נאר דאס איז ניט געווען דער טויט, פארקערט, דאס האט באטייט — לעבן. ער איז געלעגן אף דער באלקאן־פלאשטשאדקע פון דריטן שטאק, אליין ניט באגרייפנדיק נאך, אז ער לעבט. פון ערגעץ האבן זיך דערטראגן מעלאדישע קלאנגען. ער האט געזען אן אויסגע־שטרעקטע האנט פון א מיידעלע, לייזער, געפילט עפעס א ריטם. געווען איז דאס דער ריטם פון זיין לעבעדיקן הארץ, וואס האט איבערן צעשלא־גענעם, צעלעכערטן גוף רעגלמעסיק געשטויסן דאס בלוט.

.11

די יידישע ארדענונגס־פאליציאנטן זיינען, ווער עס האט געקאנט מיט די פאמיליעס, אנטלאפן צום געטא־טויער, ווי נאר דער אויפשטאנד האט זיך אנגעהויבן. דא האבן די דייטשן זיי געהאלטן פארשפארט אין א פערד־שטאל פון אן אלטן איינפאר־הויז אף דער „ארישער" זייט. סימ־כע ספירע איז הענגען געבליבן אף א באלקאן. מיט דער פאליציי האט זיך פארנומען מאָרים גליוער — דאס זיינען איצט געווען די איינציקע מענטשן, אף וועלכע ער האט נאך געקאנט פארשפרייטן זיין מעמשאלע.

געפונען האט זיך דער איינהאנטיקער פרעזעס ניט מיט אלעמען אין פערד־שטאל, נאר אין אן אפגעצוימט קעמערל, ווו מע האלט געווייגלעך דאס געשפאן און אלע אנדערע אינסטרומענטן פון פורמאנעס און פערד־יונגען. דא איז געווען א נארע. האט גליווער אלע טעג פון קאמף זיך אפ־געוואלגערט אף איר אין זיין שווארצן אנצוג מיט א בינטל שטרוי צו־קאפנס. דאך האט ער זיך אפילע דא געפילט אלס פרעזעס — ער איז פונדעסטוועגן ניט געלעגן ווי אלע אנדערע אף דער שמוציקער ערד!

דאס קעמערל, וואס גליווער האט פארנומען, האט געהאט א פאר־גראטעט פענצטערל אין גאס ארויס. ער האט דורך דעם געזען דעם רויך איבער דער געטא, געזען מאכנעס עסעס־לייט, וואס האבן אהין מארשירט. דאס אליין פלעגט ער איבערגעבן אין שטאל אריין, ווי א באזונדערס פריי־דיקע בסורע. אין שטאל האט מען פארשיידן די דאזיקע נייס אויפגענו־מען — ווער מיט ניט פארבארגענער סינע צו די, וואס בונטעווען דארט, אף די פינף ארומגעמויערטע גאסן, ווער מיט פאכעד און טרויער — אי־בערן גוירל פון די ברידער, וואס קומען דארט אום, און איבערן אייגענעם גוירל, וואס איז פארט מיט זייערן פארבונדן, — נאך אנדערע, איבער־הויפט פרויען — יונגע מיידלעך, קאלעס אדער שוועסטער פון פאליציאנטן — מיט אפענער פאראכטונג צו די מענער, וועלכע געפינען זיך דא און שטעלן איצט זייער פאראט און פאכדאנעס ארויס אלס פראקטישקייט און ניכטערקייט.

און אט איז געקומען דער טאג, ווען די געטא איז פולשטענדיק ליק־ווידירט געווארן. אונטער די רוינעס האט אוודע קיין איין לעבעדיק הארץ שוין ניט געקלאפט.

אין צענטער פון דער געטא, אף דער געוועזענער יאסעלעוויטש־גאס, האבן דייטשן געבראכט צו טרייבן, אין רייען אויסגעשטעלט, אלע יידישע פאליציאנטן מיט זייערע פאמיליען־מיטגלידער — קנאפע הונדערט פופ־ציק נעפאשעס. פארויס איז געגאנגען אין זיין עלעגאנטן אנצוג מאריס גליווער, דער פאטלאטער קאפ — אנטבלויזט.

דא, אף דער יאסעלעוויטש־גאס, האט זיך געגרייט, זעט אויס, עפעס גאר פייערלעכס. בא די רוינירטע ווענט זיינען אין א גלייכער ריי געשטא־נען עסעס־לייט מיט העלמען אף די קעפ, די הענט אף די אויטאמאטן אוועקגעלייגט. עס זיינען צוגעפארן צוויי גלאנציקע אויטאמאשינען, פאר וועלכע די יידישע פאליציאנטן האבן פריער אפגערייניקט דעם וועג צווישן ציגל און ברוכווארג. פון דער ערשטער מאשין איז ארויסגעקראכן פאן־גלייעוויץ, א לאנגער, א דארער דייטש, אפן הויכן גענעראל־היטל — א שארבנדל מיט צוויי געקרייצטע ביינער. פון דער צווייטער מאשין איז ארויס דער שטאט־הויפטמאן קארל קורץ, א רויטבאקיקער, א פולער, אין א טונקעלן לעדערנעם מאנטל.

פאן־גלייעוויץ האט הויך באדאנקט די עסעס־לייט פאר דער אפגע־טאנענער ארבעט. ער איז זיך דורכגעגאנגען לענגאויס דער ריי זעלנער, אפווארפנדיק מיט די גלאנציקע שטיוול די פאלע פון זיין גענעראל־שינעל אף וואלפן־פוטער. די עסעס־לייט האבן אים געענטפערט מיט אן אויסגע־שריי „הייל!”.

לעבן פאן־גלייעוויצן איז געשטאנען דער שטאט־הויפטמאן. באדאנקט אויך פון זיין נאמען די עסעס־לייט, האט ער זיך געווענדט צו די ארדע־נונגס־פאליציאנטן, וועלכע זיינען אין די בלויע מונדירן, מיט די ווייסע בענדלעך אף די ארבל, געשטאנען אין די ערשטע רייען, די פאמיליען־מיטגלידער — פון הינטן. ער איז זיי דאנקבאר פאר דער דינסט, דער שטאט־הויפטמאן. ער באדויערט וועגן פריצייטיקן טויט פון זייער שעף, נאר ער איז, זעט אויס, טאקע געווען א ווייטזיכטיקער מענטש, אט דער ספירע. דער גורל פון יידן איז — שטארבן. אזוי וועט אים, דעם שטאט־הויפטמאן, אויסקומען צו באדויערן אויך וועגן זייער טויט. נאר זייער פליכט איז פארט אויסגעשעפט. די פאמיליען־מיטגלידער דארפן אויך זיין דאנקבאר דער דייטשישער קאמאנדשאפט, וואס מע האט זיי ביז איצט דאס לעבן פארהיט, נאר צו אלץ קומט א סאף...

שפעטער זיינען פאן־גלייעוויץ, דער שטאט־הויפטמאן און נאך עט־לעכע דייטשן, וואס האבן זיי באגלייט, אפגעגאנגען אין א זייט. די עסעס־לייט האבן א פעסטן טראט געטאן פארויס און אויפגעהויבן די אויטא־מאטן. אזוי זיינען א פאר מינוט געשטאנען איינס אנטקעגן דעם אנדערן א שטרענגע באוואפנטע און צוויי רייען אומבאוואפנטע. מאריס גליווער האט זיך געהאלטן א זעקס שפאן אין א זייט פון דער פאליציאנטן־ריי. דעם קאפ מיט דער שווערער פאטלע האט ער אראפגעלאזן, די צעקאליעטשעטע

האַנט — פאַררוקט אין קעשענע פון דער מאַרינאַרקע. דער אָפיציר, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער צעשיסונג, איז צוגעגאַנגען צום פּרעזעס, מיטן הענט פון דער נאַהייקע ליכט אים אַ טאַרע געטאָן אין אַקסל, וואָס דאָס האָט באַטייט, ער זאָל זיך נעענטער צורוקן צו דער ריי. דערנאָך איז דער אָפיציר אָפּגעגאַנגען צו דער שערענגע עסעסאָווצעס, אָנגענומען פולע לונגען מיט לופט און אַ געשריי געטאָן:

— פייער!

. . . .

לייזער קאַרשעווער איז שוין דעם צווייטן מעסלעס געלעגן אָפּן צע־בראָכענעם באַלקאָן פון האַלב־כאָרעווען הויז. עטלעכע מאָל איז ער פאַר דער דאָזיקער צייט געקומען צו זיך, נאָר איבער די שווערע ווונדן קיין קויעך ניט געהאַט אַ קער טאָן מיט אַן אייווער. איין מאָל האָט זיך אים בלויז איינגעגעבן אויסדרייען עטוואָס דעם קאָפּ און אַ קוק טאָן, צי קאָן מען אַראָפּ פונדאַנען. ער האָט געזען, אַז דער דיל אין צימער איז אויס־געברענט, געבליבן זיינען בלויז צוויי אייזערנע באַלקנס, וואָס פירן פון באַלקאָן צו דער טיר, און דאָרט זיינען צעמענטירטע טרעפּ. אָבער ווי נעמט מען קויעך דורכצוגיין איבער אַזאַ באַלקן? אין דרויסן איז געווען קאַלט, נאָר ערגעץ אויף די אונטערשטע שטאָקן האָט נאָך דאָס הויז געברענט און דער רויך, וואָס האָט זיך געהויבן אַהער, האָט געבראַכט אַ ביסל וואַרעמ־קייט. לייזער האָט זיך געפּלייסט קיין מינדסטע באַוועגונג ניט מאַכן, קעדיי די עסעס־לייט, וועלכע האָבן אַרומגעשמייעט אונטן אויף דער גאַס, זאָלן אים ניט באַמערקן. כוץ דעם פלעגט ער פון יעדער שאַרפערער באַוועגונג פאַרלירן דעם באַוווּסטזיין.

מיטאַמאָל האָט לייזער אויפגעוואַכט פון אַ שטאַרקער שיסעריי און שיר זיך ניט קיין ריס געטאָן פון אָרט. די גלידער האָבן אים אָבער ניט געפאָלגט. ווי ער איז געלעגן מיט דער באַק אויף אַ צונויפגעבויגענער האַנט, האָט ער עטוואָס געעפנט אַן אויג און אַ קוק געטאָן אַראָפּ אויף דער גאַס. דאָס, וואָס ער האָט דערזען, האָט אים אויסגעוויזן צו זיין אַ כאָלעם. ווי־דער זיינען געפאַלן גופים באַ אַ וואַנט אַ ביסל אין אַ זייט פון דעם הויז, ווו ער איז געלעגן, מיט אויסגעשטרעקטע הענט האָבן דאָרט די מענטשן ווי זיך געוואָלט אָנכאַפּן אין דער לופט, זייערע קוילעס האָבן זיך אין איין אויסגעשריי צונויפגעגאָסן. צווישן די פרויען און די קינדער האָט לייזער געזען אויך מענער אין בלויע פאָליציי־מונדירן און נעפלדיק באַ־גומען, אַז דאָס איז דער סאַף פון ספּירעס לייט. נאָר אַפילע טראַכטן לאַנג האָט ער וועגן גאָרנישט ניט געקאָנט — אי די פאַרגאַנגענהייט, אי די וואָר זיינען פאַר אים אויפגעקומען בלויז שטיקלעכווייז און באַלד אויסגעלאָשן געוואָרן. רויטע, בלויע און שוואַרצע רייפן זיינען שוין ווידער געשוווּמען אויף אים, גענומען אַריינדרייען זיין קאָפּ, דעם גאַנצן גוף. אַלץ האָט זיך אויסגעלאָשן . . .

.12

דעם זעלבן פּאַרנאַכט, ווען אין שטאָט האָט זיך דערטראָגן פון דער געטאָ דער לעצטער זאַלפּ, האָט אַף איינער פון די צענטראַלע גאַסן זיך דערהערט נאָך איין־איינציקער פּיסטאָלעט־שאָס, וואָס האָט געטראָפן גלייך אין האַרצן דעם, אין וועמען ער איז געצילט געווען...

ס'איז געפאַלן באַ דער פּאַראַד־טיר פון זיין הויז דער אָבערשאַרפירער זילבערט, פון היינט שוין אָן אָבערשטורמפירער, געפאַלן פּונקט אין דעם מאָמענט, ווען מ'האָט אַף אַן אויטאָמאַשין געלאָדן זיינע טשעמאָדאַנעס, און ער האָט פונעם צווייטן טרעפּל באַם אַריינגאַנג נאָכגעקוקט, מע זאָל כאָלילע ניט אַראָפּוואַרפן דאָס קעסטל מיט זיין באַליבטן קרישטאָלגעפעס. ער האָט זיך אַריבערגעקליבן אַף אַ נייער אַרבעט, שוין אין דער שטאָט ל'. די דאָזיקע שטעלע, ווי אויך דעם העכערן טיטל, האָט איינגעאָרדנט דער שטאָט־הויפּטמאַן. ס'איז געווען נייטיק כאָטש אַף אַזאַ אויפן אָפּשוואַכן דעם איינדרוק, וואָס די געשעענישן אין געטאָ האָבן געקאָנט מאַכן. מע האָט שוין געוואָרט אַף זילבערטן אין ל', אַ ספּעציעלע געהיים־דעפּעשע פון געשטאַפּאָ האָט אָנגעזאָגט זיינע נייע באַלעבאַטים, אַז ער פאָרט אַרויס. דער שאָס איז געקומען אַזוי פּלוצים, אַז דער אין ראַנג געהעכערטער זילבערט האָט אַפילע ניט באַוויזן אַ טראַכט צו טאָן, אַז ער געזעגנט זיך אַף שטענדיק מיטן לעבן...

דער, וואָס האָט זילבערטן געשאָסן, איז אָנגעפאָרן אַף אַ מאָטאָציקל. ניט אויסשליסנדיק דעם מאָטאָר, האָט ער עטוואָס אָנגעבויגן דעם מאָטאָציקל, איין פוס אָנגעשפּאַרט אין ברוק און... זילבערט האָט נאָך געהאַלטן אין פאַלן, ווען דער מאָטאָציקל האָט שוין ווידער זיך געטראָגן מיט אַ טראַסק, לאָזנדיק אַ בלוי רויכל נאָך זיך. דער מאָטאָציקליסט האָט זיך אומגעקוקט אַ פּאָר מאָל, און מ'האָט געזען, אַז דאָס איז אַ יונגער מענטש אין אַ לעדערנעם העלם... נו, יאָ, ווער האָט עס דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, געקאָנט דערקענען עפּעס אַ ייִדישן קירזשנערס אַ זון, וואָס הייסט כאַיִם און איז אויסגעוואָקסן ערגעץ אין אַ הינטערגעסל. ניין, מע האָט אים ניט דערקענט, און דער מאָטאָציקל האָט אים געשווינד געטראָגן, אַזוי געשווינד, אַז ניט די אויטאָמאַשין מיט זילבערטס טשעמאָדאַנען, ניט עטלעכע אַנדערע מאַשינען, וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָכן מאָטאָציקליסט, האָבן אים דעריאָגן ניט געקענט. ער האָט זיך געדרייט צווישן די געסלעך. די נאַכט, וואָס איז שנעל צוגעפאַלן, האָט אים אויך געהאָלפן פאַרשווינדן...

אַזאַ איז געווען דער לעצטער שאָס אין יענע טעג.

באַטאָג פלעגן נאָך איבער דער געטאָ דינע רויכעלעך הענגען, און אין די אָוונטן פלעגן דאָרט פייערלעך ברענען. דאָס האָבן געטליִעט די רויִנעס. אַמאָל האָט אַ פאַרלוירענע גראַנאַטע אַף נאָך ניט קיין אויסגע־

לאָשענער כורווע זיך אויפגעריסן, ווי די טויטע זאָלן פון צווישן קויל און אַש זי וואָרפן...

די איינוווינער פון דער שטאָט, וועלכע האָבן אַלע טעג פון דעם געטאָ־קאַמף צומיינסטנס זיך געפונען אין דער היים, האָבן אין די אָוונטן אַליין לענגער זיך גענומען פאַרהאַלטן אַף די גאַסן. ס'האָבן זיך באַוויזן בונטע רעקלאַמעס אַף די קינאָס און טעאַטערן, פון די באַלויכטענע וויטרינעם האָבן מאַנעקינען געשמייכלט.

נאָר ווען מ'איז צו דער ווייסל געקומען, האָט אַף יענער זייט, אַף דעם שעטעך צווישןביידע בריקן, זיך געזען דער טונקעלער טויטער פלעק פון דער געטאָ, און די סרייפע־פּייערלעך, וועלכע האָבן נאָך וו־ניט־ווו געברענט, ווי די אויגן פון די אומגעקומענע.

— פינף גאַסן, און סע ברענט אַזוי לאַנג... — האָט פאַרטראַכט געזאָגט איינער אַ פאַרבייגייער, אַן עלטערער מאַנצבל אין אַ רעגלאַן און אַ קאַפּעליוש. ער האָט אַ קוק געטאָן אַף דעם מענטשן, וועלכער האָט אַ צוויי שפּאַן ווייטער זיך אויך אָפּגעשטעלט און געקוקט אַפן אָרט, ווו די געטאָ איז געווען. יענער האָט געוויס געהערט זיינע ווערטער.

— די פינף גאַסן באַלויכטן אונדזער שטאָט, און זיי וועלן נאָך לאַנג לויכטן, און וויים וועט מען זייער פייער זען... — האָט געזאָגט דער צווייטער פאַרבייגייער אויך ווי צו זיך אַליין, נאָר אַזוי, אַז דער ערשטער זאָל עם הערן. דאָס איז געווען אַ הויכער מענטש אין אַן אוניפאָרם פון אַן אייזנבאַנער, מיט אַ לאַמטערנדל אין האַנט. די שיין פון לאַמטערן האָט בלויז פון אונטן־אַרויף באַלויכטן זיין געזיכט: די ראַנדן פון זיין פעסט־צונויפגעדריקטן, לענגלעכן מויל, די פאַרשפּיצטע נאָז, די אַנגעכמורעטע ברעמען...

XXII. דער אַש פון מיליאָנען.

וואַרשע רופט

1.

פראָסטער פון אַלץ איז טאָן, ווי ראַשעווסקי, דער שנײַדער פון בעלם — אַרויפּוואַרפן זיך אַפן ריזיקן שײַטער, וווּ מע צינדט די אויסגעגראָבענע טויטע גופים, און פאַרברענט ווערן. נאָר די, וואָס זײַנען בעיים דעם בײַגעווען, יערוכעם אויך בעסויכעם, האָבן געזען, ווי די לאַגער־שוצער, אויסגעפּאַשעטע עסעסאָווצעס, האָבן געלאַכט, פאַר די בײַכער זיך געהאַלטן, ווען ראַשעווסקי האָט אינעם פײַער זיך גענומען דרייען, אונטערשפּרינגען אַף די צונויפגערוקטע רויט־אָנגעגליטע רעלסן, געכאַפּט זיך מיט די הענט פאַר די פלאַמענדיקע קני.

האָט ראַשעווסקי, הייסט עס, מיט זײַן טויט בלויז פאַרגעניגן פאַרשאַפט די לאַגער־שוצער... ניין, שטאַרבן איז קיין אויסוועג ניט. אין זײַן גייט דאָ! בלײַבן לעבן, אַרויסרײַסן זיך פון אָט דעם גענעם, קעדיי אַליין אַ גענעם העלפן אָנצינדן פאַרן סוינע!

יערוכעם וואָלט אַלץ אָפּגעגעבן, אַבי זיך דערוויסן, צי איז אין געטאָ אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד, צי האָט דאָרט אויפגעפלאַקערט דאָס פײַער, וואָס ער און זײַנע כאַווײרים האָבן געגרייט. נאָר באַ די טויטע, וועלכע ער ברענט דאָ, קאָן מען ניט פרעגן, און די לעבעדיקע, וואָס גייען טויזנטערווײַז אין די גאַז־קאַמערעס, אַ קילאָמעטער צוויי סאַכאַקל פון אָט די אויוונס, זעט ער ניט. אַ האַלב לעבן וואָלט יערוכעם ניט געזשאַלעוועט, אַבי צו רעדן כאָטש איין רעגע מיט אַ באַקאַנטן מענטשן פון געטאָ, בלויז פרעגן אים — יאָ צי ניין? נאָר וויפל באַטרעפט איצט, אייגנטלעך, אַ האַלב לעבן זײַנס? אַ וואָד, אַ טאָג? ווען וועט מען אים, ווי אָט די אַלע טויטע, אַרויפוואַלגערן אַף אַ וואַגאָנעטקע און אין אויוון אַרײַנוואַרפן? נאָר אָט האַלט ער זיך שוין דאָ דעם פינפטן כוידעש. ער וואָלט אין גוטע צײַטן אַוואַדע הונדערט מיט צוואַנציק יאָר געלעבט, אויב ער האַלט דאָ אויס שוין דעם פינפטן כוידעש, און ער וועט נאָך אויסהאַלטן. אין קיין שפּיגל קוקט ער ניט, נאָר כאַווײרים זאָגן, אַז ער איז גרוי געוואָרן. ער

וואלט אויסגעריסן א האר פון קאפ אף א קוק טאן, ווי זעט עס אויס זיינע גרויע האר, זיין אלטקייט, זיינען זיי אלע אין דער צינד־קאמאנדע קורץ געשוירן. קנייטשן טאפט ער אן אפן פאנעם, און ביינער סטארטשען אף דעם. די פיס קאן ער יא זען, די קייטן עסן זיך איין אין דער הויט. קיין פלייש איז קימאט אף די ביינער ניט געבליבן. און דאך לעבט ער און באוועגט זיך גאנץ פלינק, און סינע ברענט אין זיין הארץ מיט אזא פלאם, וואס איז געווים גרעסער, ווי אט דער פלאם אין די אויוונס, ווו מיליאנען לייבער פארשווינדן.

די ערשטע צייט, ווען מע האט אים געבראכט אהער, האט ער געלעבט מיט איין ווילדן געדאנק — זען, צי וועט מען סערקעלען אהער ניט ברענגען. פאר ליבע צו איר און ווייטיק איז ער שיר דול ניט געווארן. כאטש א טויטע האט ער זי געוואלט נאכאמאל זען, איינקוקן זיך אין איר, פארגעדענקען איר פאנעם. נאר, ווייזט אויס, זי איז אוועק צו אן אנדער אויוון. אט דער שוידער־טרוים זיינער איז אויך ניט פארווירקלעכט געווארן. און דאך איז ער, אינערלעך א פארקוילטער, לעבן געבליבן מיט א צווייטן אקשאנעסדיקן געדאנק — ארויסרייסן זיך אף דער פריי.

אים, וואס איז גרייט געווען פאר די מענטשן פון זיין פאלק די אדערן זיך שניידן, איז אויסגעפאלן צו צינדן זיי טויזנטער און טויזנטער, זיין דער באדינער פון גענעם, ווי עמיצער וואלט אים בעקיוון דא אוועקגעשטעלט: זע און וויים. נו, ער זעט, נו, ער וויים — איז וואס זשע, אליין די אויגן זיך אויסשטעכן? אדער נעמען און מיט דער־א לאפעטע א דייטש דעם קאפ פלעטן? איין דייטש? וואס איז עס פאר א פרייז, ווען אפילע אלע זיי, די צוויי הונדערט מאן, וואס ארבעטן דא, הארגענען צו איין דייטש? און עס וואלט דאך זיי אפילע ניט געקלעקט יעדערן צו איין דייטש — עס זיינען דא סאכאקל א זיבעציק לאגער־שוצער. ניין, דאס איז נאך ניט דער ציל. זיי מוזן זיך ארויסרייסן אף דער פריי, ווי שעלוכים פון גענעם. זיי, די לעבעדיקע, דארפן דאס טאן פאר די טויטע.

ניט נאר יידן ווערן דא פארברענט אין די אויוונס, מע זעט דא פיל טויטע מיט ציילעמלעך און הייליקע בילדער אף די העלדזער, טונקל־הוי־טיקע גריכן און בולגארן, ברייטביינערדיקע רוסן און אוקראינער, וועלכע מע דערקענט לויט די קליידער, גרעט. אפילע א נעגערטע מיט א קליין יינגעלע איז דא געווען, ארומגענומען זיינען זיי געלעגן אין גרוב, די מוטער מיטן קינד, און לעבן זיי — ווי בעקיוון אונטערגעקליבן — צוויי כינעזער...

די צינד־קאמאנדע איז אויך א פארשיידנשפראכיקע: אין דער מערהייט — יידן און פאליאקן, נאר ס'זיינען פאראן אויך רוסן, טשעכן, סערבן, פאראן צוויי פראנצויזן און אן ענגלענדער... אלע זיינען זיי געשמידט אין קייטן, אלע — אף טויט פאראורטיילט. דאס, וואס זיי זעען דא, טאר קיין איין מענטש פון יענער זייט דראט ניט וויסן. זיי, וואס וויסן די

געהיימניש, דארפן מיט זייערע לייבער די לעצטע די אויוונס אנהארעווען. און דאך טרוימט מען דא וועגן עפעס אנדערש. אין די אוונטן, ווען מע פאלט טויט מידע אף די נארעס, קערעוועט זיך א כאוואר אוים מיטן פאנעם צו א כאוואר, און מע רעדט שטיל, מע פליסטערט קוים. און פלענער, די ווילדסטע און אויסטערלישסטע, ווערן דא געבוירן, לעבן א טאג־צוויי, שטארבן, און ס'ווערן אף זייער ארט געבוירן אנדערע. נאר עפעס איז שוין דא... עפעס א יאדערל...

און דערווייל פירן וועגענער, געווינלעכע, ברייטע, פעסט צונויפגעקלאפטע דייטשישע מיליטער־וועגענער, יעדן אינדערפרי דעם אש פון די אויוונס און צעשיטן אים ערגעץ־ווו אף די שליאכן און אין פארווארפענע ווינקלען. גלייכגילטיקע און טעמפע זיצן דייטשישע זעלנער אף די קעלניעס, רייכערן זיך זייערע דיקע ציגארעטן און טרייבן די זאטע פערד. און יעדער וואגן אש איז דאך א שטאט מיט מענטשן! וויפל וועגענער דארף מען, עס זאל א פאלק באטרעפן? דער אש פון מיליאנען, ווי ווייניק ארט ער פארנעמט און ווי שטום ער איז!

.2

סאף פעברואר 1943 האט מען צעשאסן פינף און צוואנציק מאן פון דער ציינד־קאמאנדע. די קעלטן און ווינטן האבן ענדגילטיק אונטערגעריסן די קויכעס פון די דאזיקע מענטשן. די פינף און צוואנציק האבן פארפולט מיט זייערע לייבער דריי וואגאנעטקעס. אנשטאט די דערשאסענע האבן דורכן לאגער־טויער ארייננעמארשירט אנדערע פינף און צוואנציק, ערשט אפגעקליבענע פון א טויט־עשעלאן. אף די פיס האט מען זיי אנגעטאן די קייטן, וועלכע מע האט בא די אקארשט דערשאסענע אראפגענומען.

צווישן די, וואס מ'האט דערשאסן און פארברענט, איז געווען אויך דער פוילישער אינזשעניער טאדעוש מאלטשעווסקי, יערוכעמס שאכן אף דער נארע. דעם דאזיקן מאלטשעווסקי האט ווירקלעך ניט געגליקט. איינמאל האט ער זיך שוין געהאט ארויסגעריסן פון א לאגער. ער און זיין פאטער, דער אדוואקאט, האבן זיך דאן געפונען הינטער שטעד־דראט אן א פארוועץ און אן א פארוואס, בלויז דערפאר, ווייל זיי זיינען פוילישע אינטעליגענטן. דעם פאטער האט מען פארברענט, און אים, טאדעושן, האט זיך איינגעגעבן אנטלויפן. דאס צווייטע מאל האט טאדעוש זיך געפאקט ניט דערפאר אפילע, וואס ער איז שוין געווען א מיטגליד פון א געהיימער קאמפס־ארגאניזאציע, נאר ווייל א מיעסע ברויע, א שאכן, האט אף אים אנגעוויזן דער פאליציי, ווען ער איז באנאכט זיך געקומען זען מיט דער מוטער. „גאר ניט בא קיין וויכטיקס זיך געפאקט!" — האט טאדעוש אלע מאל געטיינעט, ווען ער פלעגט ווידער און ווידעראמאל, מיט טיפן פארדראס, שטילערהייט איבערדערציילן יערוכעמען זיין געשיכטע, בעיים זיי פלעגן מידע אוועקפאלן אף דער נארע און ניט קענען איינשלאפן

פאר קעלט און פאר גרויל פונעם געזעענעם. אז אנדערש מאל פלעגט ער בלויז זאגן: „כאטש בא עפעם נוצלעכס זיך געווען פאקן...״ — און יערוכעם האט שוין געוווּסט, וועגן וואס ער טראכט און וווּהין דער טרוים פארטראגט אים.

טאדעוש מאלטשעווסקי איז געווען פונעם שטעטל פ׳, און כאטש קיין באקענטע פון דער ארגאניזאציע האט ער אויך פאר יערוכעמען ניט אנגערופן, האט ער דאך באשטעטיקט, אז צוויי מענטשן קען ער — מייער סאקאלן, וואס האט זיך געהאט אויפגעהאלטן אין גזשיבאווער וואלד, און אנעליע וואיטאס פון גארליטשינא. דער אינזשעניער האט זיך אונטערגענומען דורך אנעליען אדער סאקאלן איבערגעבן א גרוס וועגן אים, יערוכעמען, טאמער יענער וועט, א שטייגער, בעייסן אנטלויפן פונדאנען, אומקומען, און פארקערט, ער, יערוכעם, האט דאס זעלבע געזאלט טאן, ווען מאלטשעווסקי זאל לעבעדיק ניט ארויס... האט יערוכעם איצט שוין געפילט א שטיקל כויוו פאר זיין פריינט, וועלכער האט ווידער זיך געפאקט, דאס מאל שוין דעם טויט אין די נעגל אריין, און ווידעראמאל טאקע גאר ניט בא קיין וויכטיקס...

יערוכעמס שאכן אף דער נארע איז אנשטאט טאדעוש מאלטשעווסקי געווארן א בלאנדער, אפילע א געלבלעכער באכער פון סאוועטנפארבאנד, ליאניע. געווען איז עס א געזונטער יונג, ניט געקוקט אף די פיל וווּנדן, וואס האבן געלאזן סימאנים אף זיין לייב. דאס זיינען אבער געווען שפורן פון אלטע וווּנדן. צו די דייטשן אין די הענט איז ער אריין אן איין דראפ אפן לייב, בלויז א קאנטוזיעטער. ערגעץ ארום וואלגע האבן די דייטשן אים אויסגעגראבן פון אונטער שווערע הרודעס ערד. ער איז שטארק פארבידעשט געווען, ליאניע, ווען ער האט די אויגן געעפנט און דערזען שיין נאך דעם, ווי א זייל פייער האט אים איינגעשלונגען. נאר ווען ער האט דערזען געבויגן איבער זיך דייטשן אין העלמען מיט קליינע לאפעטקעלעך אין די הענט, איז אים ווידער פינצטער געווארן אין די אויגן. נו, מיילע, זיי האבן זיך גארנישט דערשלאגן פון אים, דעם קאנטוזיעטן סאוועטישן סערזשאנט, נאר ביז ער איז פון נאטשאלסטווע צו נאטשאלסטווע איבערגעגאנגען, איז ער שוין געווען וויַיטלעך אין הינטערלאנד.

ער האט שטארק געליטן פון זיין געפאנגענשאפט, ליאניע, און גלייך פונעם ערשטן טאג, ווי ער איז אהער געקומען, האט ער מיט אזא באזונדערן ניט געלאשענעם יונגנטלעכן ברען זיך גענומען ארומקוקן, וויאזוי צו אנטלויפן. יערוכעם האט דאס איבערגעלייענט אינעם גלאנץ פון די הייסע קארע אויגן, אין דעם קנייטש ארום די ליפן, פריער אוואדע זאפטיקע, איצט דארשטיק־צעטריקנטע, אין דעם, ווי ער האט איין ברעגעלע ליפ מיט די וויַיסע ציין צוגעביסן. אט פונקט אזוי־א פלעגט צובייסן די ליפ לייזער קארשעווער, ווען ער איז איבער עפעס געווארן אומגעדולדיק אדער אויפגערעגט.

יערוכעמען האָט אַ צי געטאָן צו אָט דעם יונג. ער האָט שוין געוווּסט עטלעכע רוסישע ווערטער, יעדנפאַלס, איז עס געווען גענוג צו פאַרשטענדיקן זיך מיט ליאָניען, וואָס איז צוזאַמען מיט אים געשטעלט געוואָרן אַרויסצודערלאַנגען פון גרוב טויטע צו די וואַגאָנעטקעס. יערוכעם האָט געזען, ווי ליאָניען ציטערן די הענט, ווען ער גייט מיט אים צוזאַמען אַ לייג אָפּן ראַנד פון גרוב אַ האַלב צעפוילטן, צעזויפגעפרוירענעם גוף, ווי ער דרייט אָפּ דעם קאָפּ, קעדיי ניט צו זען דעם שוידער — נאָר ווּהין וועסטו זיך דאָ אָפּקערעווען ?...

— איר וועט זיך צוגעוווינען, — האָט ער שטיל געזאָגט צו ליאָניען.

— האַ ? — האָט יענער איבערגעפרעגט.

— איך זאָג, איר וועט געוווינט ווערן...

— ניין ! — האָט ליאָניע געענטפערט פעסט, אַפילע בייזלעך. גע־שווינגן אַ מינוט, האָט ער שוין גאָר בייז, פאַראורטיילנדיק אַ קוק געטאָן אַף יערוכעמען, ווי אַף איינעם אַזאַ, וואָס קלייַבט זיך צו דעם אַלעם דאָ צוגעוווינען, באַלד אָבער האָט אָט דער הייסער בליק זייַנער שוין אויס־געדריקט בלויז ביטערע פאַרצווייפלונג, טרערן האָבן זיך באַוויזן אין די אויגנווינקלען — צי פון באַליידיקונג צי פונעם ברענענדיקן פראָסט, — ער האָט ווידער זיך אָנגעבויגן נאָך אַ טויטן, וועלכן זיי האָבן ביידע אויפ־געהויבן, און געזאָגט שטילער:

— און עפשער וועט טאַקע אויסקומען געוווינט ווערן, קעדיי זיך קאָנען אַרומקוקן דאָ...

פון אָט דער רעגע האָבן זיי איינער דעם צווייטן פאַרשטאַנען. יערו־כעם האָט בלויז קוים־קוים צו אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, נאָר דערביי האָט אַזאַ פייַערל אַ לויכט געגעבן אין זייַנע אויגן, זייַן דאָר געזיכט האָט אַזאַ בייזן, אַרויסרופערישן שמייכל געטאָן, אַז דער יונג האָט אין דער מייסים־גרוב זיך אַ גלייַך אויס געגעבן, ווי ער זאָל זייַן אייגענע גווּרע דערפילן.

3.

איינמאָל האָט ליאָניע, וואָס איז, אַ פאַרמאַטערטער פונעם טאָג, גע־שלאָפן צוגערוקט צו יערוכעמען, אַ שעפּטשע געטאָן עטלעכע ווערטער, וואָס ס'האָט קיין סאָפעק ניט געקאָנט זייַן, צו וואָס פאַר אַ שפּראַך זיי געהערן... יערוכעם איז לאַנג דערנאָך ניט געשלאָפן, געוואָלט הערן, צי וועט ליאָניע ניט זאָגן ווידער עפּעס אַזוינס, נאָר יענער האָט בלויז עט־לעכע מאָל אַ קרעכץ געטאָן פון שלאָף, אַ טשמאָקע געגעבן מיט די פול־בלעכע ליפּן, פאַרכלינעט זיך פונעם גאָר קורצן אויפגערעגטן אָטעם, דער־נאָך זיך אַ גלייַך אויס געגעבן מיטאַמאָל, ווי ס'זאָל עפּעס אַ שווערקייט פון זייַן ברוסט אַראָפּפאַלן, ער האָט נאָכאַמאָל אַ שעפּטשע געטאָן דאָס, וואָס יערוכעם האָט שוין איין מאָל געהערט, נאָר שוין גאָר שטיל, מיט

טיפער פארלייכטערונג, אויסגעקערעוועט זיך אף דער צווייטער זייט און ארונטערגערוקט באקוועמער די צעעפנטע דלאניע אונטערן שלייף, קעדיי וויכער מאכן אזוי דעם הארטן צוקאפנס.

„שוין זשע?" — האט יערוכעם געטראכט, קוקנדיק אין דער פינצטער אף דער אויבערשטער דורכוויסיקער נארע, וואס איז איבער זיין קאפ געווען — אין דריי יארוסן איז מעג דא געשלאפן, אינעם ענגן אין ערד איינגעגראבענעם בעטאן־קאזעמאט, וואס איז סאכאקל צוויי מעטער די הייך געווען.

זיי האבן נאך ניט גערעדט גענוי, יערוכעם און ליאניע, פונוואנעו מע שטאמט, וואס מע איז. דער קליינער סכום פארשטענדלעכע ווערטער האט זיי געשטערט. דאך האט ליאניע — דאס האט יערוכעם זיך דערמאנט איצט, אין דער שלאפלאזער שא — מיט א פאר טעג צוריק לענגער אים אויסגעפרעגט וועגן דער געטא, וועגן דעם, וויאזוי די יידן לעבן דארט און קעמפן, און אין זיינע טיפע, קארע הארציקע אויגן האט געלויכטן מיטגעפיל. „נו, פאשעט א גוטער מענטש, אזעלכע זיינען זיי, די רוסן", האט יערוכעם זיך געזאגט.

אף מארגן האט יערוכעם געפרעגט ליאניען, צי איז אין דער רוסישער שפראך פאראן אווארט „מידבער". ליאניע האט עטוואס ברייטער צעעפנט זיינע אויגן מיט די העלע וויעס, א הייב געטאן די רויטלעכע ברעמען, איבער זיינע באקן, אף וועלכע עס זיינען פון פראסט דינסטע בלוטאדערלעך ארויסגעטראטן, איז ווי א שאטן דורכגעגאנגען. ער האט געזאגט:

— ניין, ס'איז ניטא אין רוסיש אזא ווארט.

„און צי ווייסט ניט ליאניע, וואס אזא ווארט באטייט אף יידיש?" — האט יערוכעם געוואלט פרעגן, נאר אפגעהאלטן זיך. ער האט בלויז אויפמערקזאם און ווארעם א קוק געטאן אף ליאניען, נאר גארנישט ניט געזאגט. דער יונג איז דעם דאזיקן טאג געווען באזונדערס שטיל, פארטראכט. עטלעכע מאל האט יערוכעם געכאפט אף זיך זיינעם א זייטיקן פארשערישן בליק.

יערוכעם פלעגט געוויינלעך איינשלאפן שפעטער, ווי דער יונגער און פיל געזינטערער ליאניע, איצט האט ער זיך באזונדערס דאס געפלייסט צו טאן. און שוין אין דער צווייטער נאכט האט ער דערהערט, ווי ליאניע האט קלאר און דייטלעך געזאגט: „א מין כאשכעס, מאמעניו!" — יערוכעם האט א ציטער געטאן. ער האט זיך אויפגעהויבן אפן עלנבויגן און מיט צארטקייט א קוק געטאן אפן שלאפנדיקן ליאניען, פארזיכטיק אים אראפגענומען די האנט פון דער ברוסט און ווי וויים מעגלעך אפגערוקט זיך, יענעם זאל באקוועמער זיין צו שלאפן.

אינדערפרי, געכאפט א מאמענט, ווען מע איז געבליבן אליין, האט יערוכעם געזאגט צו ליאניען:

— איר רעדט פון שלאף...

— נו? — האָט יענער אומרויִק זיך אַ כאַפּ געגעבן, נאָר באַלד אַ פאַרשטעלטן שמייכל געטאָן.

יערוכעם האָט זיך צוגעבויגן אַ קאַפּעלע צו דער ערד — מ׳איז געזעסן אַף בערווענעס — און געזאָגט גאָר שטיל:

— דערביַ פאַרשטיי איך דאָס, וואָס איר רעדט פון שלאָף מער, ווי דאָס, וואָס איר רעדט אַף דער וואָר...

ליאָניע האָט צוגעמאַכט די אויגן, געזעסן אַזוי אַ רגע מיט אַ שטייַנערנעם אויסדרוק אַפן געזיכט, דערנאָך אויפגעהויבן אַ קאַפּעלע די וויִעס, גענומען יערוכעמס האַנט און זי אַ דריק געטאָן.

— יאָ... — האָט ער אַרויסגערעדט און באַלד אַ הייסן קוק געטאָן אַף אים. יערוכעם האָט געענטפערט מיט אַ פאַרשטייענדיקן רויִקן בליק.

גלייַך פון אָנהייב האָבן ליאָניע מיט יערוכעמען עפּעס ווי שטום אָפּגעמאַכט צווישן זיך וועגן פערזענלעכס ריידן וואָס ווייניקער. פון צייַט צו צייַט אַן אָפּגעריסענע פראַזע, און שוין. אַזוי האָבן זיי זיך צוביסלעך איינער דעם אַנדערן אַלץ מער דערקענט.

נאָך איין זאַך איז געשען אין די ערשטע טעג פון זייער כאַווערשאַפט. יערוכעם האָט דערזען אויסגעטאַטויִרטע אַף ליאָניעס וויַיסער האַנט, נידעריקער פונעם עלנבויגן, רוסישע בוכשטאַבן מיט אַ קליינינק קווייטן־קרענצעלע אַרומגעזוימט.

— ווי לייענט זיך עס אַף רוסיש? — האָט ער געפרעגט.

— „ל. בּיליטש"... מייַן נאָמען און פאַמיליע.

דער יונג איז רויט געוואָרן, ער פלעגט ביכלאַל שנעל רויט ווערן, כמורנע צונויפגעדריקט די ברעמען. דאָס איז געווען ניט עמעס — „ביליטש" איז געווען די פאַמיליע פון אַ מיידל, וועלכע ער האָט ליב געהאַט, „ל" האָט באַטייַט „ליובע", ניט „ליאָניע". אין געפאַנגענשאַפט האָט ער אומעטום די דאָזיקע פאַמיליע אַלס זייַנע אָנגעגעבן.

שפּעטער האָט יערוכעם זיך דערוווּסט, אַז ליאָניע שטאַמט פון וואָליִן, נאָר אויסגעוואַקסן איז ער אין בּיראָבידזשאַן. דאָס האָט אַף אַזויפיל פאַראינטערעסירט יערוכעמען, אַז ער האָט אין איין טאָג געוואָגט שטעלן ליאָניען גאַנצע צוויי פראַגן (דאָס אַלץ — בּאַ דער אַרבעט. אַף דער נאַרע, ווען אַרום זייַנען מענטשן געווען, האָט מען וועגן דעם אינגאַנצן ניט גערעדט):

— ס׳איז אַ יעש?

בּאַ ליאָניען האָבן די אויגן אַ גלאַנץ געטאָן מיט שטאָלץ און פאַרגלייבטקייט:

— יערנפאַלס איז עס אין אונדז אַליין געווענדט. שוין, רייַך — קום און לייג צו אַ האַנט!

פאַרנאַכט־צו שוין, ווען מע איז ווידער געבליבן אַליין:

— און ווי פילט מען זיך אין אנדערע ערטער פון לאנד?

— אומעטום — באַ זיך אין דער היים, — ליאָניע האָט זיך אויס־געגלייכט, אַ קוק געטאָן איבערן ראַנד פון דער וויסטער גרוב, וווּ מע איז געשטאַנען, אויף מיזרעד און מיט שווערער בענקעניש אַ זיפֿץ געטאָן.

4.

דעם פּלאַן ווי צו אַנטלויפֿן פֿון אָט דעם אָרט, וווּ ס'איז, דוכט זיך, אַזאַ מעגלעכקייט קימאַט ווי אויסגעשלאָסן געווען, האָבן ענדגילטיק אויס־געאַרבעט דריי מענטשן: יערוכעם, ליאָניע און דער רוס וואַסילי. פֿון אַנצוהערענישן איז עס געקומען, פֿון קורצע שמועסן, פֿון פּאַרזיכטיק אויסקלאָרן יעדערנס מיינונג. די שטימונג איז געווען — לויפֿן. כאָטש עטלעכע מוזן פֿון אָט דעם גענעם אַרויס, זאָל זיין פּאַר אַ טייערן פּריַיז. כוץ אויף טויט איז דאָ אַלציינס ניטאָ אויף וואָס צו האָפֿן. געגרייט האָבן דאָס אַנטלויפֿן עטלעכע. אַלעמען האָט מען די זאַך פֿאַר דער צייט ניט געטאָרט פּאַרטרויען.

דער גאַנצער פּאַרניכטונג־לאַגער האָט זיך געפֿונען אין אַ זומפּיקער וואַלדיקער געגנט, אַ קילאָמעטער צוועלף פֿון אַ גרויסער שטאָט. באַלד הינטערן פּאַרגאַזונג־פּלאַץ, אַפּגעצוימט מיט ביימער און פּאַראייניקטע בלויז מיט אַ שמאָלן רעלסן־וועג צווישן שטעך־דראָט, האָט זיך געפֿונען דער צינד־לאַגער. דאָס איז געווען אַ שעטעך פֿון קנאַפּע פֿיר קוואַדראַטע קילאָמעטער, אַרומגערינגלט מיט זעקס רייען שטעך־דראָט, דורך וועלכע עס איז דורכגעלאָזט געווען עלעקטרישער שטראָם. אויף יעדע הונדערט פּופֿציק שפּאַן האָט זיך געהויבן אַ טורעם, אין וועלכן עס האָבן טאָג ווי נאַכט זיך געפֿונען וואַכלייט מיט אויטאָמאַטן. יעדער דריטער טורעם האָט געהאַט אַ קוילנוואַרפֿער. די צינד־קאָמאַנדע האָט געוווינט אין איין גרויסן קאַזעמאַט, וועלכער האָט זיך אויף האַלב געפֿונען אין דער ערד, אַזוי, אַז מע האָט זיך אַהין געדאַרפֿט אויף טרעפּ אַראָפּלאָזן, די פּאַרגראַטעטע טיר פֿלעגט אויף באַנאַכט פּאַרשלאָסן ווערן. פּונקט אַנטקעגן, אַ מעטער אַכציק פֿון אַרויסגאַנג, האָט זיך געפֿונען אַ טורעם, וו ס'איז געשטאַנען אַ קוילנ־וואַרפֿער, אַנגעצילט אַפּן קאַזעמאַט. די פּאַראָרטיילטע האָבן אויף די פֿיס געטראָגן קייטן, וועלכע די לאַגער־שוצער פֿלעגן יעדן אָוונט קאָנטראָלירן.

וויאַזוי זשע אַנטלויפֿט מען?

געווען איז פּרילינג, אָנהייב מיי, ווען דער פּלאַן איז ביז די מינדסטע איינצלהייטן פּאַרטיק געוואָרן. אייגנטלעך, איז עס געווען די צייט, אויף וועלכער די פּאַראורטיילטע האָבן געוואַרט: אין צעוואַקסענעם גרינס וועט לייכטער זיין פּאַרשווינדן. רעגנס וועלן די שפּורן פּאַרוואַשן. ווינטן האָבן זיך געטראָגן פּונוויַטן, געבראַכט ניט נאָר דערמונטערנדיקע לעבנ־רייכעס אַהער, וו מע האָט ביז ניט גוט ווערן אַריינגעאָטעמט דעם רייעך פֿון געסמאַליעטן און צעפּוילטן לייב, נאָר געבראַכט אויך, ווי אויף אומזע־

בּאָרע פֿליגל, דערמונטערנדיקע יעדיעס. אין פֿעברואַר זײַנען אַלע לאַגער־שוצער דרײַ טעג נאָכאַנאַנד אומגעגאַנגען מיט שוואַרצע טרויער־בּענדלעך אויף די אָרבּל, און ערשט פֿרילינג האָבּן זיך די פֿאַרשפּאַרטע דערוווּסט די סיבּע דערפֿון. עטלעכע פֿרישע מענטשן, וואָס מע האָט אַהער אַרײַנגעוואָרפֿן, האָבּן דערציילט, אַז בּאַ סטאַלינגראַד האָט מען דער שלאַנג דעם קאָפּ אָפּגעהאַקט, קיין איין דײַטש איז דאָרט פֿון ריזיקן קעסל ניט אַרויס, די סאָוועטישע אַרמיי האָט אויף פֿינף הונדערט קילאָמעטער אַ שפּאַן געטאָן אויף מײַרעוו. די דאָזיקע עטלעכע פֿרישע מענטשן, וועלכע מע האָט אײַנגעשלאָסן אין בּאַשטאַנד פֿון דער צינדר־קאָמאַנדע, זײַנען געווען וואַרשעווער ייִדן. אין וואַרשע האָט זיך אין געטאָ אָנגעהויבּן אַן אויפֿשטאַנד. די, וואָס זײַנען געקומען אַהער, האָבּן דערווײַל געוווּסט דעם רעזולטאַט בּלויז פֿון פֿינף טעג שלאַכטן: אויפֿן ראָג פֿון מילע און זאַמענהאָף זײַנען אַלע עסעס־לײַט, וואָס האָבּן זיך אַהין דורכגעריסן, דערהאַרגעט געוואָרן. אויפֿן מוראַנאָווער פּלאַץ האָט מען געזען בּרענען אַ דײַטשישן טאַנק.

— צי האָבּן די וואַרשעווער ניט געהערט, ווי איז די לאַגע אין דער געטאָ פֿון ק׳? — יערוכעם האָט מיט אַ פֿאַרצאַפּלט האַרץ געפֿרעגט דאָס בּאַ איינעם אַ יונגערמאַן, וואָס האָט לעבּן אים אויסגעגראָבּן טויטע.

— ניטאָ שוין קיין געטאָ אין ק׳...

יערוכעם איז פֿאַרגליווערט געוואָרן אויפֿן אָרט.

— מע האָט דאָרט, נאָך סאָף פֿאַריקן יאָר, אָנגעהויבּן אַן אויפֿשטאַנד און אַכט טעג זיך געהאַלטן...

יערוכעם האָט זיך אַזש געוואָרגן פֿון אָט דער יעדיע. וואָס איז עס געווען — פֿרייד צי טרויער? — נאָר שרײַען האָט ער געוואָלט, אַז ניט בּלויז די לעבּעדיקע אַרום — די טויטע, וואָס ליגן אונטער זײַנע פֿיס, און די, וואָס ווערן אָפּגעפֿירט אויף וואַגאָנעטקעס צום אויוון, די־אָ שטומע מאַמעס, די קינדערלעך, בּאַ וועמען ערד איז אָנגעשטאָפּט אין די מײַלער און אין די אייגעלעך, אַז אויך זיי זאָלן דערהערן. נאָר ער האָט געשוויגן. ליאָניען האָט ער בּלויז געזאָגט:

— נו, אַהיים האָבּ איך ניט וואָס צו אײַלן זיך, דאָרט האָבּן אַלע גראַנאַטן זיך שוין אויפֿגעריסן. איצט וועל איך גיין אין וואַרשע... וואַרשע רופֿט!

— און מײַן וועג איז קירצער געוואָרן אויף פֿינף הונדערט קילאָמעטער, — האָט ליאָניע געענטפֿערט האַרציק.

עפּעס האָט יערוכעם געשפּירט צו ליאָניען אַזאַ צוגעבּונדנקייט, ווי צו לייזער קאָרשעווערן. ער האָט אָפּילע אַן אויסערלעכע ענלעכקייט צווישן זיי געפֿונען. דערציילן איז עס געווען לאַנג און סע האָט ניט געלוינט. מיטן דערציילן וועגן לייזערן האָט ער זיך געדאַרפֿט אַזוי ווי דערקלערן אין פֿרײַנטשאַפֿט ליאָניען. און בּאַ זיי איז די פֿרײַנטשאַפֿט צוגעגאַנגען אָן איבּעריקע רייד וועגן דעם.

יערוכעם איז ווי קײנמאָל אומגעדולדיק געווען אין די דאָזיקע טעג. אַ יונג גרוי געוואָרענער, אַן אויסגעדאַרטער, עטוואָס אַן אײַנגעבויגענער, האָט ער פֿון מאָל צו מאָל אַזוי געבײַלט די פויסטן, אַזוי צונויפֿגעפּרעסט די ציין, ווי ער וואָלט די גאַנצע קויכעס אָנווענדן זיך אָפּצוהאַלטן פֿון אַ ווילדן שפּרונג. ער האָט אויסגעמיטן צו קוקן אױף די לאַגער־שוצער, ווײַל זײַנע אויגן האָבן שוין, דוכט זיך, דעם סאָד ניט געקאָנט באַהאַלטן. ליאָניע און וואַסילי האָבן אים אַ פּאָר מאָל אויפֿמערקזאַם געמאַכט:

— יערוכעם, דײַן פּנים איז שוין באַלד ענלעך אױף אַ פּאַפּיר, אױף וועלכן ס'איז אַלץ אָנגעשריבן...

דאָס איז געווען נאָך דעם אָוונט, ווען ליאָניע האָט אויסגעפּרוּווט דעם שליסל, וועלכן ער, יערוכעם, האָט באַ אַ טויטן אין קעשענע געפֿונען. ניט אומזיסט איז ער אַזויפֿיל יאָר אַ מעכאַניקער געווען. אים איז גענוג געווען אַ צײַט זיך גוט צוקוקן צום שלאָס אין דער פּאַרגראַטעטער טיר פֿון קאַזעמאַט, גענוג געווען בלויז הערן יעדן מאָל, ווי עס גיט אַ גרילץ דער שליסל אין שלאָס, בעיס דער לאַגער־שוצער פֿאַרשליסט זי, ער זאָל פֿון די פֿיל שליסלען, וואָס זײַנען באַ טויטע אין די קעשענעס געווען, אויסקלײַבן דעם נייטיקן. ווען אַלע זײַנען געשלאָפֿן אין דער געדריקטער פֿינצטערניש, און די טריט פֿונעם וואַכמאַן אין דרויסן זײַנען אויך אַנשטילט געוואָרן, איז ליאָניע אַראָפּ פֿון דער נאַרע, אַרויסגערוקט די האַנט דורך דער גראַטע און אַרײַנגעשטעלט דעם שליסל אין שלאָס. איין שטילער דריי, אַ צווייטער, דערנאָך ווידער צוויי מאָל אַ דריי שוין אױף צוריק.

ליאָניע האָט אַזש אײַנגעאָטעמט, ס'האָט אים ווי אַ קאַראַכעס גע־וואָרפֿן, ווען ער האָט זיך אומגעקערט אױף דער נאַרע. יערוכעם און וואַסילי האָבן אים ביידע אין די אָרעמס פֿאַרקלעמט, ער זאָל קיין טומל ניט אָנמאַכן און קײנעם ניט אויפֿוועקן. איין וואָרט האָט ליאָניע נאָר אַרויסגעבראַכט דורך די קלאַפּנדיקע ציין:

— גוט...

איצט האָט מען געדאַרפֿט קריגן אַן אינסטרומענט אױף צו באַפֿרײַען זיך פֿון די קייטן, ווען ס'וועט קומען דער נייטיקער מאָמענט.

צוועלף אַרעסטאַנטן האָבן די דײַטשן געגעבן אָפּצווענעס אין די הענט אױף אַרויסצורײַסן מיט זיי די גאָלדענע ציין באַ די טויטע פֿון מויל. צוויי פֿון אַט די אָפּצווענגעס, די סאַמע שאַרפֿע, זײַנען אויסגעבאַהאַלטן געוואָרן און מע האָט זיי אַריבערגעפּעקלט אין קאַזעמאַט. צוליב דעם האָבן צוויי מענטשן, זייער אָפּגעשוואַכטע, וועלכע האָבן שוין קיין שום האָפֿענונג ניט געהאַט, אַז זיי וועלן קאָנען אַנטלויפֿן — דער אוקראַיִנער דמיטראָ באַהודקאָ און דער ייִד צאַליע גאָלדין, דאָס לעבן מאַקריוו געווען: מע האָט זיי דערשאָסן דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן דעם אינסטרומענט פֿאַרלוירן...

די וויכטיקסטע אַרבעט האָט געדאַרפֿט אויספֿילן דער טשעך קאַשפּאַר. ער האָט געאַרבעט אין דער עלעקטרע־סטאַנציע פֿון לאַגער, וואָס פֿלעגט

געבן שטראָם די צינד־אויוונס, ווי אויך דער גאַנצער סיסטעם דראָט־פאַר־צוימונגען. אינעם אָפּגעשטעלטן אָוונט. אַזייגער צוויי באַנאַכט, ווען דער דײַטש, וואָס היט אים, לייגט זיך געווײנלעך צו, האָט קאַשפּאַר געדאַרפט אויסשליסן דעם טאָק אין עטלעכע פּאַרוויס אָפּגערעדטע ערטער. די נאַכט איז שוין אויך באַשטימט געוואָרן, קאַשפּאַרס סיגנאַל איז געווען — צוויי מאָל וועט דאָס פײַער אינעם טונקעלן עלעקטרישן לעמפּעלע, וואָס באַם אַרײַנגאַנג אין קעלער, קימאַט אומבאַמערקט אַ צוק טאָן...

.5

די נאַכט איז געווען אַ פינצטערע און אַ רעגנדיקע, אַן עמעסע פּריי־לינג־נאַכט. עס האָט אויסגעזען, ווי די בליצן און דונערן וואָלטן געבוירן געוואָרן ניט ערגעץ אין הימל, אַן אײַנגעדעקטן מיט שוואַרצע וואָלקנס, נאָר ווי די ערד אַליין וואָלט עס אַזוי שטורמיש געאָטעמט. צום לעבן אויפגע־וואַכט, דעם לעצטן גליוועך אָפּטרייסלענדיק. די פאַרשפּאַרטע זײַנען געזעסן אין קאַזעמאַט און זיך אײַנגעהערט. איצט האָבן שוין אַלע געוווּסט, אין וואָס עס גייט. די ערשטע האָבן די קייטן־רינגען איבערגעביסן מיט די אָפּצווענגעס יערוכעם און ליאָניע. דער וועג צוריק איז געווען אָפּגעשניטן — פאַר דעם אַליין קאָנען די דײַטשן מאָרגן צעשיסן דעם גאַנצן באַשטאַנד פון דער צינד־קאָמאַנדע. שטילערהייט האָבן די שטאַרקערע צונויפגעקלאַ־מערט די אָפּצווענגעס, געבראָכן די קייטן באַ די שוואַכערע. אָט קאָן שוין וואָסיל מאַכן אַ ברייטן שפּאַן, אָט זײַנען שוין אָפּגעשמידט די וואַרשעווער. דעם רעשט פון די קייטן בינדט מען צו צו די הויזן, זיי זאָלן ניט קלינגען און ניט שטערן לויפן. עפּעס דויערט עס לאַנג, דאָס אַראָפּנעמען די קייטן, מעגלעך, אַז אָפּילע ניט אַלע וועלן דאָס באַוויזן טאָן.

צוועלף באַנאַכט. איינס. דער דײַטשישער וועכטער, וואָס איז געקומען אַף דער וואַך נאָך איינס, — אַוודע ערשט פון שלאָף, — האָט זיך באַ־האַלטן פונעם רעגן און קעלט באַם אַרײַנגאַנג אין קאַזעמאַט. אָבער סאָפּ־קאָלסאָף מוז דאָך אים נימעס ווערן צו שטיין דאָרט. דער דײַטש זינגט עפּעס אַ פריילעך לידל, קלאַפּט צום טאַקט מיט דער אונטערגעקאָוועטער פּאָדעשווע אין בעטאָנירטן טרעפּל, טוט סטאָם אַזוי אַ קליאַמצע מיטן אויטאָמאַט. באַ אייניקע דאָ אין קאַזעמאַט זײַנען גרייט צו צעשפּילן זיך די נערוון, מע ליגט אײַנגענורעט און מע בײַסט דעם אייגענעם פויסט אָדער דעם קאָלנער פון כאַלאַט. און אַנדערע ברעכן די קייטן. אייניקע ווידער כראָפּען בעקיוון, סאָפּען הויך — דער וועכטער, אויב ער הערט זיך צו, זאָל זיכער זײַן, אַזש אַלע שלאָפן דאָ. און אין דרויסן בושעוועט דער שטורעם, אַ דונער איבער אַ דונער קויקלט זיך דאָרט, די בליצן שײַנען אַרײַן אַזש אַהער, אין דער שטיינערנער לאָך.

מע ווייסט שוין, ווער עס דאַרף מיטנעמען מיט זיך אַ קאָלדרע, קעדיי אַף די דראָטן זי אַרויפוואַרפן, ווער עס דאַרף מיטשלעפּן בלעטלעך פון

די נארעס. באוואפענען האט מען זיך נאך ניט מיט וואס, סיידן מיט די שיך אף די הילצערנע פאדעשוועס און מיט די צוויי אפצוועגגעס.

דער דייטש איז ארויס אין דרויסן: דער רעגן איז, דוכט זיך, קלענער געווארן. קאשפארס סיגנאל קומט אבער ניט. מע מיינט, אז עס דארף שוין האלטן בא צוויי באנאכט, נאר ווער קאן עס דען וויסן אף פעסט? און עפשער שלאפט ניט קאשפארס דייטש? כאטש דער רעגן האט אים אווארע געמוזט איינשלעפערן. און עפשער, פארקערט, לאזט אים דער דונער ניט שלאפן? און אהער וועט זיך אט־אט אומקערן דער וועכטער. וואס וועט מען דאן טאן, אפילע ווען קאשפאר גיט שוין יא דעם סיגנאל? מע רעדט ניט אין קאמער, מע שושקעט זיך אפילע ניט, מע זיצט בלויז אף די נארעס צונויפגעבויגן, ווייל אויסגלייכן קאן מען זיך ניט.

ס'האט זיך אויסגעדוכט, צי דאס לעמפל באם אריינגאנג אין קאזעמאט האט טאקע א צוק געטאן? און באלד — ווידער א צוק. עס גיט א בליץ טייקעף נאכן צווייטן צוק, א שלאקס־רעגן נעמט גיסן. איצט וועט דער דייטש אדער צולויפן באלד צו די טרעפלעך, אדער ער וועט בלייבן שטיין אין זיין ביידל — זיי לאכן דאך, די לאגער־שוצער, אלעמאל, אז פונעם קאזעמאט אווערט אזוי באנאכט, אז מע קאן לעבן אריינגאנג ניט שטיין. און היינט איז דער דייטש דא געשטאנען בעייסן רעגן געווים א שא צייט, איז עפשער רייניקט ער איצט די לונגען? נישקאשע, פארן טויט שאדט עס ניט.

אף די שפיץ פינגער דערקלייבט זיך ליאניע צו דער טיר. פלוצים טוט הילכיק א דונער, דער יונג גיט א ציטער פון אומדערווארטקייט און מאכט צוויי טראט אף צוריק. וואסילי און יערוכעם וואקסן אויס הינטער אים. מע וויל שוין צונעמען דעם שליסל. נאר ליאניע גייט ווידער צו צו דער טיר. ערגעץ קייקלט זיך נאך איבערן ווייטן וואלד דער דונער, און דער שליסל שטעקט שוין אין שלאס און טוט זיך צוויי מאל א דריי. דער שטילסטער קליאמצע פונעם שלאס רופט זיך אפ מיט א קאלטן שטאך בא יעדערן אין הארצן. די טיר איז אפן, זי האט עפעס א סקריפ געטאן אף די האקנס. אלע גיבן זיך א לאז צו דער טיר, יעדערער וויל וואס שנעלער ארויס. ווען די ערשטע הייבן זיך אויף אף די אכט טרעפלעך, באפוילט יערוכעמס אויפגעהויבענע האנט שטיין. דרייען — יערוכעם, ליאניע און וואסילי — דארפן ארויסגיין די ערשטע און אפראמען דעם וואכמאן. א מינוט דריי־פיר איז שטיל נאך דעם, ווי זיי זיינען אנגעבויגענע ארויסגעלאפן. שטיל, הייסט עס, אלץ גייט גוט. וואסילי קערט זיך אום מיט א דייטשישן העלם אפן קאפ. איצט מוז זיין נאך א פאר מינוט שטיל, עפשער וועט יערוכעמען און ליאניען זיך איינגעבן ארויף אפן וואכטורעם צום קוילנווארפער. פינף מינוט, ווען יעדערער ווערט עלטער אף יארן.

— פאשלי! — זאגט וואסילי, און זיין רוסיש ווארט פארשטייען

אלע. ער לויפט דאווקע ניט דער ערשטער. ער לאזט דורך אלעמען פארביי זיך. אייניקע טוען אין אט דער מינוט פון אנשטרענגונג און אייַלעניש א קוק אף אים מיט דאנקבארקייט, וואס ער לויפט ניט און ווארט באם ארויסגאנג. אייניקע מיט קאלדרעס און ברעטלעד, אנדערע — מיט די אייגענע כאלאטן אין די הענט יאגן צו די דראטן. עמיצער שפרינגט שוין דארט אריבער דעם צוים. דאס דראט קלינגט. בלויז די אויערן פון מענטשן, וואס אנטלויפן פון טויט, קאנען אט דעם קלונג דערהערן. נאך א געבראַ־כענער בליץ מוט א לויכט אויף, ווי א שארפער פינגער, וואס ווייזט פון אויבן אף די פליטים. מע האט זיי באמערקט. צוערשט ניט זיכער, דערנאך אין איין לאנגער ריי טוט א שטעפ א קוילנוואַרפער פון א נאענטן טורעם. עס פארכלינען זיך באלד די אויטאמאטן. ס'איז פינצטער. ערגעץ פאלן די קוילן גאר נאענט. זיי האקן דעם דראט. דער דונער, וואס קומט באלד, קאן ניט פארטויבן די שיסעריי. עס הענגען שוין. טויטע אף די דראטן, זיי זייַנען א בריק פאר די לעבעדיקע. מע זעט שוין אייניקע פליטים אויך פון יענער זייט דראט, יערוכעם באמערקט דאס פונעם וואכטורעם בעיים א נייעם בליץ. זיין קוילנוואַרפער האט זיך פארהאַקט אין דער נייטיקסטער מינוט, נאר איצט רוקט זיך שוין די קוילן־סטענגע. איין שטעפ — איבער דעם שכיינעסדיקן וואכטורעם. אהא, דארט איז שטיל געווארן! איצט קערט זיך אוים די רער און שטעלט זיך אן אפן צווייטן וואכטורעם. אויך דארט ווערט שטיל.

ליאניע שרייט פון די טרעפלעך:

— יערוכעם, ס'וועט זיין שפעט! כ'האב שוין קיין קוילן ניט!

אייגנטלעך, האט יערוכעם שוין אויך קיין קוילן ניט. ביידע פרייַנט לויפן שנעל אראפ פון טורעם און לאזן זיך צו די דראטן, וואס זייַנען אנגעבויגן פון אנגעוואלגערטע גופים. קוילן פאלן דא, פייפן, וואיען, שלאגן זיך אן אין די סלופעס, ווי בלינדע פליגן. יערוכעם דראפעט זיך איבער אט דעם בריק פון לייבער, קאלדרעס, ברעטער, צערייסט זיין אייגן לייב אנעם דראט. צי קריכט ליאניע אים נאך? — ליאניע! — נאר צי ער שרייט ניט, צי ער הערט זיין אייגן קאל ניט. געמאכט א טראט איבער גראזיקער ערד, טוט יערוכעם א פלי מיטאמאל אין א פינצטערן אפגרונט. באלד נאך דעם ערשטן שווידער־ברי, וואס נעמט דורך זיין גאנצן גוף פו־נעם געדאנק, אז באלד ברעכט ער רוק־און־לענד, טוט ער שוין קלאר א טראכט: דאס איז דאך דער שטייַלער בארג־אראפ פון יענער זייט דראט...

ער פאלט אף עמיצן. באלד טוט זיך לעבן אים עמיץ א שטארקן פליוד.

— ליאניע?

— יא...

.6

יערוכעם איז, ענדלעך, געזעסן אין א שטוב, וווּ ער האָט זיך גע־קאָנט פילן, ווי אין דער היים. קיין היים האָט ער דאָך אין ערגעץ ניט געהאַט. די מומע קאַזיונציע האָט לאַכלוטן קיין פאַראיבל ניט געהאַט, וואָס ער האָט זי אויפגעהויבן באַנאַכט. וואָס רעדט ער גאָר אַזויגס? ווען זי האָט דערהערט פון מאַריאַנען, אַז ער, ליכטציִער, האָט זיך געפּאַקט צו די דייטשן אין די הענט, האָט זי געוויינט, ווי נאָך איר ראַמעקן. זי האָט אַ ליכטל נאָך זײַן נעשאַמע אין קאַסטיאָל געשטעלט, כאָטש ער איז פון אַן אַנדער גלויבן. אין לעצטן סאַכאַקל, מיינט זי, קומט אַלעמענס געבעט אַן אין איינע אויערן. לעבט ער, הייסט עס! ער, ווען ראַמעק אירער קומט אַזוי אַראָפּ! אַמאָל גלייבט זי אַפילע אין דעם, די מומע קאַזיונציע. נאָר אַפּטער זאָגט זי זיך: „פאַרגעס, האָסט געהאַט אַ זון, זייער אַ גוטן זון, נאָר מע האָט אים בָּאַ דיר צוגענומען". אָט, מאַריאַן גורל היט זיך ווייניק. ער האָט דאָך אויך אַן אַלטע מוטער — ניט דאָ, אין דאָרף, — דאָ האָט ער אַ קאַלע, קאַטאַזשינאַ, קאַזיונציע האָט זי געזען אַ פּאָר מאָל...

— ווען געזען? — פרעגט יערוכעם. דאָס איז איינע פון די זאַכן, וועגן וועלכע ער מוז זיך דערוויסן בּאַ דער מומע קאַזיונציע, ווען איר ערשטע צערטלעכע פלוידעריַי וועט דורכגיין און מע וועט זי שוין קענען עפּעס פרעגן.

— ניט לאַנג צוריק, פּאַר פּאַסכע, געזען זי, קאַטאַזשינען... זי האָט דאָ אַ פּאָר שאַ געוואָרט אַף מאַריאַנען.

— און איר וועט מיר קאָנען מאָרגן געפינען מאַריאַנען?

— איי! אָט אַזוי־אַ געפינט מען איצט מאַריאַנען? — די אַלטע קוקט אַף יערוכעמען מיט אירע רירנדיק־צעעפנטע אויסגעצוויטעטע אויגן. איר געזיכט ווייסט ניט, וואָס פריִער אויסצודריקן — צי שטאָלץ דערפון, וואָס מע קאָן איצט מאַריאַנען אַזוי לײַכט ניט געפינען, צי באַדויערונג.
— ער האַלט דאָך אין איין אומפּליִען איבער וועלדער און פעלדער! דאָס זאָג איך דאָך, ער האָט אַף זײַן מאַמע קיין ראַכמאָנעס ניט, זאָל אים נאָר דער הייליקער יעזוס אײַנהיטן. „מומינקע קאַזיונציע!" — זאָגט ער מיר דאַווקע אַלעמאָל — „מיר האָבן דאָ אַזאַ זאַווערוכע פּאַרדרייט, אַז דעם טײַוול אַליין וועט אַ היץ באַשלאָגן!" נו, נו, און מײַן ראַמעק, ווען ער זאָל לעבן, וואָלט ער דען בעסער געווען?

— מומינקע קאַזיונציע, איז וועט איר מיר אַ זוך טאָן מאָרגן קאַיאַר מאַריאַנען?

— הערסט, ער איז דאָך אוועקגעפאָרן אַף אַ גאַנצע וואָך אוועקגע־פאָרן, ערשט נעכטן! — איצט דריקט שוין אויס איר געזיכט באַדויערונג.
— יערוכעם וואָלט אים אוואדע דאַרפן זען, מאַריאַנען, נו, וואָס קאָן מען טאָן?

— און קאַטאַזשינען?

— ניין, טײַערינקער, וווּ קאַטאַזשינען זוכן ווייס איך ניט...

— דאָס איז ערגער...

— ע, ליבער מענטש, דו זאָגסט ערגער, דו, וואָס ביסט פון יענער וועלט געקומען?...

די מומע קאַזיונציע שאָקלט מיטן קאָפּ. די דאָזיקע ווערטער האָט זי שוין ניט פאַרנומען. זי קוקט אויף יערוכעמס האַנט, וואָס זעט זיך אַרויס פון אונטערן עטוואָס פאַרקאַשערטן אַרבל. זי באַקוקט אים אינגאַנצן, ווי ער זיצט אויף דער באַנק, באַם טיש, אונטער די הייליקע בילדער. ער זיצט, און זי שטייט, זײַנען זיי איצט פון איין הייך. אײַ, ווי ער האָט זיך עס געענדערט! מע האָט אים אַוודאי געמוטשעט?

— געמוטשעט, מומע קאַזיונציע...

— און וואָס איז דאָס אויף דער האַנט? מע האָט זי אַזוי ווי מיט אַן אָנגעגליט אײַזן געבערענט?

— דאָס האָב איך אַליין, מומע קאַזיונציע... — יערוכעם שאַרט אַראָפּ דעם אַרבל, — דאָרט איז מײַן לאַגער־נומער געווען, ציפערן אַזעלכע, האָב איך זיי אויסגעבערענט...

דערציילן איר, ווי ער האָט בײַ אַ פּויער אין שטיבל מיט ליאָניען און נאָך צוויי אַנטלאָפענע זיך איבערגעטאָן? ווי מע האָט איינער דעם אַנדערן צוגעלייגט אַן אָנגעגליט אײַזן צום וויסטן נומער? ליאָניען וועט ער געווים מער ניט זען. עפּשער גייט ער שוין איצט צו מיטן אוקראַינער אַרעסט צום גזשיבאָווער וואַלד אָדער אַפילו צו אַנעליעם דאָרף גאַרליטשינאַ? ליאָניע האָט אײַנגעכאַזערט די אַדרעסן. פון דאָרט וועט מען אים שוין אויסריכטן ווײַטער אין וועג אַרײַן. וועט אויך אַנעליע זיך דערוויסן, אַז ער, יערוכעם, איז לעבעדיק. נאָר אויף ווי לאַנג לעבעדיק? אַ קנאַפּע פרייד פאַר אַנעליען, אויב זי אַליין טרויערט איצט נאָך לייזערן. דאָס איז ער בײַ זיך אַזאַ צאַצקע. אַט טאַדעושעס מוטער, זי וועט שוין באַקומען אַ יעדיע, וועלכע וועט גלײַך דאָס האַרץ לעכערן. אַנשטאָט אים וועט איר די טרויעריקע בשורה ברענגען ליאָניע. נאָר עפּשער איז בעסער פאַר אַ מוטערס האַרץ, ווען עס וואַרט און דערוויסט זיך קיינמאָל ניט דעם ביטערן עמעס? אַט ראַמאַן בליאַכאַזשעס מאַמע, די מומע קאַזיונציע — זי ווייסט דאָך שוין יאָ, אַז דער זון איז טויט, און גלייבט פונדעסטוועגן ניט דערין. און אַט איז זי פאַר אים אין דער מינוט אַ מאַמע. פאַרוואָס זשע מיינט ער, אַז ער גייט קיינעם ניט אָן?

— נו־יאָ, ער וועט זיך אַרומוואַשן. עסן? ער וועט זי ניט באַראַבעווען, די מומע קאַזיונציע?...

איצט וואָלט ער געמעגט פרעגן וועגן לייזערן. דאָס איז אַ פראַגע, וואָס ער האָט זי אַלץ מוירע אַרויסברענגען; עפּשער ווייס זי כאָטש צופעליק עפּעס, די מומע קאַזיונציע, וועגן קאַרשעווערן, וואָס גערופן האָט מען אים צווישן די כאַווירים „דער סטודענט". אַליין איז לייזער קיינמאָל דאָ ניט געווען.

— מומינקע...

די אַלטינקע קאַזיונציע גיסט אים אַן באַרשטש אין אַ טיפן טעלער, זי שקראַבעט מיט די שטעקשיך צוריק צו דער פּליטע, האַלטנדיק די פּאַן אין ביידע הענט.

— יאָ, — זאָגט זי, — דאַ איז באַ מיר אַ יונג אָפּגעזעסן וועלכע פיר כאַדאָשים... הייליקע מאַריע, ווי מע האָט דאָס אים צעלעכערט! נאָר אַזוי־אַ האָב איך אים אָפּ די פיס געשטעלט: אַ טעלערל באַרשטש פון אייגענעם טאָמאַט, אַ גלעזעלע קאָמפּאָט, קרעפּלעך פון קאַרטאָפל... אָן אַ דאָקטאָר, מיט די אייגענע הענט אויסגעקעכלט. אַזאַ יונג! ווען ער איז געזונט געוואָרן און איז פונדאַנען, פון דער באַהעלטעניש, וואָס צווישן דער פּליטע, אַרויסגעקראָכן, האָט ער ווי אַ ליכט דעם צימער באַשיינט!

זי ווייַזט מיט דער האַנט אָפּ דער באַהעלטעניש, וווּ ראָמאַן אירער האָט זיך אַמאָל באַהאַלטן. איצט גייט די רייד פון עפּעס אַ צווייטן.

— מומינקע, אַ יונג זאָגט איר? איך קאָן אים עפּשער?

— אַ נייַס, צי דו קאָנסט אים! ער פלעגט דאָך האַלטן אין איין ריידן וועגן דיר! ס'האָט דאָך דיר געדאַרפט קלינגען שטענדיק אין די אויערן, ווו דו ביסט געווען... לייזער!

— לייזער לעבט?!

די מומע קאַזיונציע שייַנט, זי בייגט זיך צו אַ קאָפּעלע, ווי דאָס האַרץ אין איר אייַנגעפאַלענער ברוסט זאָל פאַר פרייד אַזוי גרוים ווערן, אַז עס איז דעם צווישן די ריפּן ענג. זי האַלט ביידע הענט צונויפגעלייגט און רעדט שטיל, ווי זי זאָל גאָר אַ סאָד דערציילן, די ווערטער קומען מיט אַ סווישטש אַרויס פון צווישן די צוויי אייַנציקע פאַדערשטע ציין:

— ווי דען? מאַריאַן האָט אים ערגעץ אָפּגעזוכט אין געטאָ, ווען ס'האָט שוין דאָרט צו אַלץ אַ סאָף גענומען, אומיסטן געגאַנגען העלפן באַגראָבן די טויטע, — עפּעס האָט ער דאָרט אַ קעלער געוווּסט, ווו אים צו זוכן. באַ יענעם זייַנען די פיס געווען אָפּגעפראָרן, די הענט אויסגעשלונקען, אָפּגעבריט, די זייַט דורכגעשאָסן — גאָלע ווונדן. גוט נאָך, וואָס כ'בין אין דער יוגנט אַ באַרמהערציקע שוועסטער געווען, האָב איך אים געהיילט. און אַ גיבער איז ער אויך, ניט צו פאַרזינדיקן. דערנאָך איז דאַ צו אים אַ קאָזאַנע געקומען... אוי, אַ לויטערס, אוי, אַ גוטס... ווען צו מיין ראָמעקן, אַשטייגער, קומט אַזוינס — וואָס וואָלט דאַרפן אַ מאַמע?

איצט שמייכלט יערוכעם און שאָקלט צו דער מומע קאַזיונציע מיטן קאָפּ. דאָס איז דער ערשטער שמייכל זייַנען פאַר וויפל צייַט.

— אַ בלאָנדע?

— אָט, כ'וועל דיר ניט זאָגן, איך געדענק ניט... איין אוונט איז זי דאַ געווען — אַ געשוירענע, מיט אַ טיכעלע דעם קאָפּ פאַרבונדן. נאָר אַ שיינע... איר זוכט דאָך שיינע!

יערוכעם בײַסט די ליפּן. מײלע, וואָס ער זוכט, איז שוין ניט צו געפינען. איצט פרייט ער זיך בלויז מיט יענעמס גליק. און ער וועט אפילע ניט גיין צו אַט די פרײַנט זײַנע. זײַן וועג ליגט אַף צאָפן, קיין וואַרשע. אהער איז ער געקומען אָפּנעמען דעם לעצטן גרוס פון גרויסן ברודער־קיוועד, וואָס האָט געהייסן געטאָ. גוט, וואָס אייניקע לעבן, זײַנען טעטיק, און ער אײַלט זיך אויך. ער האָט אַמאָל געטרוימט וועגן סאָוועטנפאַרבאַנד, נו, וואָס זשע, עס איז אויך איצט אין אים הייליק דאָס געפיל. נאָר גיין וועט ער אין וואַרשע. וואַרשע רופט אים. גייענדיק אהער, האָט ער אין אַלע שטעטלעך, אין אַלע פאַרוואָרפנסטע דערפער אפילע געהערט, אַז שוין העכער אַ כווידעש גייט דאָרט די שלאַכט אַף לעבן און טויט. ניין, ניט קיין טרויער, שטאָלץ האָט ער איבערגעלעבט. ער וועט גיין קיין וואַרשע. ניט מער, ער האָט געקלערט באַ גוראַלן זיך דערוויסן עפּשער אַן אַדרעס אין וואַרשע אַף אָרגאַניזירן פאַר די אויפשטענדלער הילף פון אויסן, ער האָט נאָך געמיינט צו קאַרעלן זיך דערלאַנגען, נעמען פריִוויליקע מיט זיך. ווו זשע זוכט מען אים איצט? און וואַרטן דאָ, ווען דאָרטן גיסט זיך בלוט, קאָן ער ניט.

אָט אַזוי האָט יערוכעם געטראַכט, זיצנדיק באַם טיש, אַרומגעכאַפּט מיטביידע הענט דעם קאָפּ, און די מומע קאַזיונציע האָט בלויז געקוקט אַף אים און געשוויגן. ער האָט זיך נאָך צום עסן ניט צוגערירט.

— דער באַרשט איז שוין אַזוי אויך אויסגעקילט, עס... — האָט זי ענדלעך געזאָגט. יערוכעם האָט מעכאַניש גענומען דעם לעפל און אָנגע־הויבן עסן.

קאַיאַר האָט יערוכעם געפרעגט באַ דער אַלטער קאַזיונציע, צי וועט זיך ניט געפינען קיין אָנשטענדיקער אָנצוג צווישן ראַמעקס קליידער — ער מוז עם עקסטרע האָבן. און אַ מער וויניקער עלעגאַנטן קאַפּעליוש דאַרף ער אויך. זאָל שוין די מומע קאַזיונציע פאַרצײַען, וואָס ער ווענדט זיך צו איר מיט אַזאַ ביטע, און אויב ער וועט הײַנט ניט באַווײַזן זיך אומקערן צו געזעגענען אהער, איז זאָל זי רעכענען, אַז ער האָט זיך איצט מיט איר געזעגנט. מאַריאַנען — דעם בעסטן, הארציקסטן גרוס. — ווּוהין ער לאָזט זיך? — ער האָט פרײַנט אין וואַרשע, גוראַל ווייסט וועלכע...

7.

יערוכעם האָט זיך געלאָזט אַף יענער זײַט וויַיסל, אהין, ווו ס'האָבן אַף דעם הויכן ברעג זיך געשוואַרצט די רוינען. דאָ האָט ער זיך געדאַרפט ניט נאָר פאַרנייגן פאַרן אָנדענק פון די אומגעקומענע. באַם זון־אויפגאַנג האָט ער זיך באַוויזן אינעם געוועזענעם פעלדזן־געסל. קיין לעבעדיקער נעפעש. וואָלט כאָטש עמיצער אַרויס פון ערגעץ אין אָט דער שאָ נאָך וואַסער צו דער קאַלאַנקע. די קאַלאַנקע שטייט דאָווקע, נאָר זי איז שטאַרק פאַרזשאַווערט — קיין וואַסער דאַרף שוין דאָ לאַנג קיינער ניט...

צוערשט האָט יערוכעם אָפּגעזוכט ניט דעם פעטער ניסנס הויף, נאָר דעם הויף, אין וועלכן ס'האָט אַמאָל געוווינט באָרעד אַלפּער. צי זאָל אים שווער זײַן מיטאַמאָל צוקומען צום הויף, ווו ער איז אויסגעוואַקסן און ווו ער האָט אַ שטורעם פאַרקאָכט אינעם לעצטן יאָר? ער האָט געפונען קימאַט גאַנץ די דאָזיקע וואַנט פון אַלפּערס הויז, ווו סע איז געווען דאָס פענצטער, פון וועלכן ער איז אַראָפּגעשפּרונגען אין ריוו אַרײַן. דאָ האָבן זיך ווידער צעוואַקסן ביימלעך צווישן ציגל און שטיינער. דאָרט, ווו ער איז יענע נאַכט אַרומגעקראָכן, האָט זיך געוויגט יונגע קראָפּעווע. ער האָט אויך געפונען דאָס אָרט, ווו ער האָט אין יענע לעצטע רעגעס, ווען די דײַטשן זײַנען שוין געווען לעבן אים, צווישן צוויי שטיינער פאַררוקט אַ קליין פּעקעלע — אַ צעטל פון קאָמאַנדיר־אָנפירער און דעם פּאַס אַף ראָמאַן בליאַכאַזשעס נאָמען. ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און אַ שמייכל געטאָן. סע שטעקט דאָס פּעקעלע. ער האָט פאַררוקט דעם פּאַס אין בוזעם־קעשענע. איצט איז ער ניט נאָר געגאַנגען אין ראָמאַן בליאַכאַזשעס קליידער, נאָר אַפּסניי געטראָגן זײַן נאָמען. און צוגעזאָגט האָט ער אין האַרצן באַ זיך אין אָט דער רעגע דעם טויטן ראָמאַן, אַז טראָגן וועט ער ווײַטער זײַן נאָמען מיט ערע.

איצט האָט ער זיך געלאָזט צום פעטער ניסנס הויז. דאָ איז אים פאַרגעשטאַנען גראָבן זיך אין ציגל־שטויב. ער האָט אַראָפּגענומען די מאַרינאַרקע, אונטערגעבונדן זיך מיט אַ רעדנע, דאָס גאַנצע הויז איז געווען אײַנגעוואַלגערט, און ער האָט זיך געדאַרפט דערלאַנגען צום הימל. ער האָט ניט לאַנג געגראָבן און מיטאַמאָל געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטער אַף די קני. אַף אים האָבן געקוקט פון אונטער אַ ציגל, וועלכן ער האָט אונטערגעהויבן, סערקעלעס אויגן, אַ האַלב פּנים אירס איז צו זען געווען — אַ האַלבע פאָטאָגראַפיע. אַ מין לויטערער קלאָרער שטערן, אַ מין אומשולדיק־פאַר דרייטער לאָק איבער די שוואַרצע ברייטע ברעמען. וויפל לעבעדיקע שײַן און טרויער עס איז אין אָט די אויגן, וויפל נעשאַמע־ריינקייט. ער האָט פיבערדיק גענומען פונאַנדערוואַרפן די ציגל, נאָר די צווייטע העלפט האָט ער ניט געקאָנט געפינען. ער האָט געזוכט סערקעלעס מויל, ניט געפונען, ער האָט זי אַ קוש געטאָן אין די אויגן און פאַרבאַהאַלטן דאָס שטיקל פאָטאָגראַפיע אין קעשענע.

אין קעלער, צווישן באַלקנס, האָט ער זיך דורכגערוקט אַ מעטער צוויי, דערנאָך ווידער פונאַנדערגעוואָרפן בראָכוואַרג, פאַרייכערטע ציגל פון אַן אויוון, דערלאַנגט זיך צום שטיין, ווו דער אַרײַנגאַנג אין הייל איז געווען. ער האָט דורכגעפּויזעט אַהין. דער דורכגאַנג איז געבליבן גאַנץ. ווידער האָט די צײַט אים ניט גערירט. קיין געווער איז ניט געבליבן. מע האָט זיך פעסט געשלאָגן. קיין קויל האָט זיך אַפילע אין ערגעץ ניט פאַרוואַלגערט. ער האָט געצונדן שוועבעלעך, דאָס פלעמעלע האָט זיך געטוקט, און יערוכעם האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט דאָס ערשטע מאָל זיך דאָ דורכגעקליבן

מיט דאַדיקן. אין איין אָרט האָט ער גערדאַרפט אַ זוד טאָן. ער האָט אָנגע־טאַפּט דאָס דאָזיקע אָרט. דאָ האָט געמוזט ליגן פאַרגראָבן, פאַרהילט אין אַ דורכגענאַפּטיקטער שמאַטע, דער פּיסטאָלעט, וואָס לייזער האָט אים געהאַט געבראַכט. יערוכעם האָט אים, ווי אַ טײַערע מאַטאָנע, געהיט פאַר די לעצטע טעג פון שלאַכט. געווען זײַנען דאָ אויך צוויי גראַנאַטן. איז, הייסט עס, גאַנץ דאָס פּעקל.

ער האָט זיך שוין אומגעקערט פון הייל, געפּויזעט אַף אַלע פיר אי־בערן פײַכטן קעלער צום ליכטיקן שײַן־פלעק, וואָס האָט זיך געזען צווישן די ציגל און צעבראָכענע בערווענעס. פּלוצים איז עפּעס מיט אַ פּישטש דורכגעלאָפן האַרט לעבן אים, ער האָט דערהערט אַ קלונג פון שטאָל. פון אומדערוואַרטקייט האָט יערוכעם אַ ציטער געטאָן. אַ שטשור איז אים דורכגעלאָפן דעם וועג. ער האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, קעדיי צו זען, וואָס האָט אַ קלונג געטאָן. זײַן האַרץ האָט ווילד גענומען קלאַפּן: ער האָט דערזען אַ דײַטשישן העלם און אַ שאַרבן אין אים, דער גוף איז ערגעץ אונטער די ברוכשטיקער געבליבן. אַט פונדאַנען איז עס דער שטשור אַרויסגעלאָפן. „אהאַ! — האָט יערוכעם געזאָגט, ווי צו עמיצן אַ לעבעדיקן, — אהער ביסטו געקומען, נאָר צוריק ניט אַרוים!"

אין דעם פרישן טוי, וואָס האָט זיך אַף אַ קילן וועג־בלימל פאַרהיט האָט יערוכעם די הענט אויסגעוואַשט. ער איז געשטאַנען באַם ראַנד פון פעלדזיקן ברעג און געקוקט אַף דער ווײַסל. אין דער לויטערער פאַרטאָגי־קער ווײַט, האָט זיך אים געדוכט, זעט ער דעם רויך פון וואַרשע. עס טראָגן נאָך דאָרט העלמען אַף די קעפּ וויפל פאַשיסטן, וועלכע ער גייט האַרגענען!

8.

אין אַ הייסן טאָג פון סאָף מײַ האָט אין אַ טראַמוויַ־וואַגאָן פון דעם נומער, וואָס שנײַדט דורך קימאַט גאַנץ וואַרשע, זיך אויפגעזעצט אַ יונ־גער מענטש מיט גרויע געשוירענע האָר אַפן קאָפּ, אַ צוגעדעקטן מיט אַן עלעגאַנטן קאַפּעליוש. געווען זײַנען ברייטע אַקסל עטוואָס געהוי־קערט, נאָר דער העלער זומער־מאַנטל האָט אים צוגעגעבן שטאַלטנעקייט. דאָס טונקעלע פּאָנעם זײַנס, וואָס איז פרי מיט טיפע קנייטשן דורכגע־אַקערט געוואָרן, איז געווען באַשעפטיקט־פאַרזאָרגט, עטוואָס אַפילע אָנ־געברויגעזט. ער האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו אַלץ אַרום, באַ־מערקט, ווי צוויי יינגלעך, שיכפּוצער, האָבן זיך אַף דער גאַס געשלאָגן מיט די בערשטלעך; באַגלייט מיט די אויגן דורכן אָפענעם טראַמוויַ־פענצטער צוויי ווײַסע טויבן, וועלכע האָבן זיך געדרייט אַרום אַ באַלקאָן; אָפּגעטראָטן דעם וועג אַן אַלטיטשקער באַ דער אַרויסגאַנג־טיר. פון מאָל צו מאָל האָט זיך געהערט אַ שיסערײַ, איבערהויפּט, ווען דער וואַגאָן

פלעגט זיך אָפּשטעלן. דער טראַמוויַי איז דאָ נאָענט פאַרבײַגעפאָרן די געטאָ. מע האָט שוין דאָ אין עטלעכע ווינקלען נאָך פריִער געוואָרפן פראַזן וועגן די אײַנגעשפּאַרטע מענטשן, וואָס זיצן נאָך אַלץ אין די געטאָ־רויִנעס. איצט, ווען מע איז צוגעפאָרן נאָך נעענטער צו דעם דאָזיקן ראַיאָן, איז עס געוואָרן אַ טעמע, וועלכע אַלע קימאַט האָבן אונטערגעכאַפּט.

— שוין דער נײַן־און־דרײַסיקסטער טאָג, אַז די ייִדן האַלטן זיך!...

— נײַן, שוין דער פערציקסטער!

— און מע זאָגט, אַז עס זײַנען דאָרט נאָך פאַראַן אויפשטענדלער.

— ערשט נעכטן האָט מען אַף דער גענשע געזען אַראָפּוואַרפן זיך פון אַ הויכן שטאָק פון אַ ברענענדיקן הויז אַ פרוי מיט אַ קינד אַף די הענט...

— סוויענטאַ מאַריִאַ... (הייליקע מאַריִאַ).

אַ ייִנגל — אַ צײַטונג־פאַרקויפער איז אַרײַן אין וואַגאָן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, צי זײַנען דאָ קיין דײַטשן ניטאָ, און אויסגעזונגען:

Siekiera, motyka. Wista-hetta

Zydzi dobrze bronia ghetta *

פאַרקויפט אַ פּאָר צײַטונגען באַם סאַמע אַרײַנגאַנג, איז ער אין פולן לויף פונעם טראַמוויַ אַראָפּגעשפרונגען.

— אַדיע, לאַנג פאַרהאַלטן זיך דאָ טאָר מען ניט!

דער געשווירענער גרוילעכער יונגערמאַן אין העלן זומער־מאַנטל האָט איבערן אַקסל אַרײַנגעקוקט אין דער צײַטונג, וואָס אַ שאָכן האָט צעעפנט. איבער זײַן געזיכט איז ווי אַ קוים מערקבאַרער ציטער דורכגעגאַנגען, נאָר ער האָט טײַקעף אָפּגעקערט דעם בליק. וואָס מע רעדט אין וואַגאָן, האָט ער אויך אַזוי ווי ניט געהערט. נאָר די וויִע איבער זײַן לינקן אויג האָט עפּעס עטלעכע מאָל אַ ציטער געטאָן. ער האָט זי אויסגעווישט מיטן פינ־גער, ווי עס זאָל אַ שטויבעלע אַף איר בלײַבן הענגען.

אַף אַ סטאַנציע, וואָס איז אַמנאָענטסטן געווען צו דער געטאָ, איז ער אַראָפּ פון טראַמוויַ. דאָ האָבן זיך אַף שריט און טריט געטראָפן עסעס־לײַט, געשטאַפּאָווצעס, באַ יעדער טויער — פּאָליציאַנטן. פונוויַיטן האָבן זיך געזען אויסגעלאָשענע רויִנעס. געשאָסן האָט מען ערגעץ ווײַטער, עס האָבן זיך דערהערט צוויי אויפרײַסן. דער יונגערמאַן איז געגאַנגען איבער אַ זײַטיקער גאַס. דאָ איז געווען אַ פּלאַץ, פונוואַנען מע האָט געזען אַ שטיק געוועזענע געטאָ. איין הויז האָט דאָרט דערברענט, ווײַטער איז געווען גרוי און שטיל, ווי געווײנלעך אַף אַ כּורווע... אַ בלעטל פון אַ ייִדישן בוך האָט זיך געוואַלגערט אַפן טראָטואַר. דער יונגערמאַן, וועלכער האָט שוין געהאַט פאַרהויבן זײַן פוס אָנצוטרעטן אַף דעם, האָט עס באַמערקט און אַ ציטער געטאָן, ער האָט געשטעלט דעם פוס אין זײַט און איז דורכ־געגאַנגען ווײַטער.

* אַ האַק, אַ מאָטיגע, וויסטאַ־העטאַ, די ייִדן באַשיצן גוט די געטאָ!

אין איין נעסל האט זיך פארזאמלט אן אוילעם. מע האט דארט פון קאנאליזאציע־לאך געשלעפט עמיצן. א פרוי מיט צוויי קינדער, שרעקלעך פארשמוציקטע, האבן זיך געטוליעט צו דער ערד. די מערהייט פארזאמל־טע פאליאקן זיינען געשטאנען אפן טראטואר און ניט צוגעגאנגען נאענט. אנדערע האבן זיך אפגעקערט און אין די הויפן אוועק. לעבן דער פרוי מיט די קינדער האבן זיך געפארעט צוויי פאליציאנטן. דער יונגערמאן האט זיך אפגעשטעלט, פארדוקט ביידע הענט אין די הויזן־קעשענעס, נאר באלד זיי צוריק ארויסגעכאפט. א ריר געגעבן דעם קאפעליוש, ווי ער זאל זיך אים א הייב טאן אפן קאפ, איז ער אוועק ווייטער.

שפעטער האט ער געזען פירן א גרופע געפאנגענע : צוויי יונגע מייד־לעך אין הויזן — פארויס, נאך זיי — דריי עלטערע ייִדן, עטלעכע פרויען מיט קינדער, סאמע הינטן — א פארוווּנדעטער, די האנט מיט א שאלעכל איבערגעבונדן. געטריבן האבן זיי פינף עסעס־לייט אין העלמען, מיט אנ־געשטעלטע באגנעטן. דער יונגערמאן אינעם העלן מאנטל איז געשטאנען לעבן א ביידל פון סאדע־וואסער, ווו עס האבן זיך אפגעשטעלט נאך עט־לעכע פארבייגייער. מיטאמאל האט ער צעשפיליעט דעם מאנטל, ווידער פארדוקט ביידע הענט אין די הויזן־קעשענעס, א טראט געגעבן צום ראנד פון טראטואר, נאר דארט שטיין געבליבן אן באוועגונג. באלד האט ער זיך גענומען אויסגלייכן דעם שניפס, פארדוקן די שפיצן פונעם בלויען קעלנערל אונטער די לאצן פון דער מארינארקע.

ער איז אוועק ווייטער.

א שיינער לויטערער טאג. נאר אין דער לופט שמעקט מיט סמאלי־נעס. ער האט אראפגעלאזן די אויגן און געקוקט אף די נאסקעס פון די שיך. מיטאמאל האט זיך ווידער דערהערט א טויבער אויפרייס פון דער זייט, ווו די געטא איז. און באלד אויך — א געזאנג אין א שכיינעסדיקן געסל. דאס האבן געזונגען דייטשישע סאלדאטן, וועלכע זיינען געגאנגען אין א קאלאנע צו פיר. זיי האבן ריטמיש געהויבן די פיס אין שווערע שטיוול, אראפגעלאזט זיי אפן אספאלטירטן ברוק. דאס געוועג האט מען געהאלטן צו די זייטן צוגעדריקט, די קעפ אין העלמען — בראוו־פאר־הויבן. אט אזוי מארשירן זיי. אין דער דאזיקער רעגע מיינט יעדערער פון זיי, אז ער איז א זיגער. א לאנגע קאלאנע האט זיך ארויסגעצויגן פונעם געסל און גענומען אויסגלייכן זיך אף דער גאס.

דער יונגערמאן אינעם העלן מאנטל איז געשטאנען באם אויסבייג, וואס די קאלאנע האט אפן ראג געשאפן. זיינע פינגער האבן א קאפעלע געציטערט, ווען ער האט דעם זומער־מאנטל פונאנדערגעשפיליעט, דאס טונקעלע פאנעם איז געווען שטרענג. ער האט עטוואס א טראט געטאן צו דער וואנט פון הויז, ארום וועלכן ער איז געשטאנען, פארדוקט ביידע הענט אין די קעשענעס. אין א רעגע ארום האט ער ביידע הענט ארויס־געכאפט, האלטנדיק צו גראנאטע אין זיי. ער האט זיך א פארמעסט געטאן

אין סאַמע מיטן פון דער מאַרשירנדיקער קאָלאָנע. דער אָפיציר, וואָס איז אַפן טראָטואַר געגאַנגען, האָט באַמערקט זיין באַוועגונג, אַ בייג געטאָן זיך, און מיט די הענט אַרומגעכאַפּט דעם קאָפּ. די גראַנאַטע איז שוין געפלויגן. דער אויפרייס האָט די דייטשן פונאַנדערגעוואָרפן. אינעם העלן טאָג האָט אַ זייל פייער און רויך אַ פּלאַטער געטאָן. די צווייטע גראַנאַטע איז געוואָרפן געוואָרן אין אַ גרופּע דייטשן, וואָס האָט זיך געלאָזט לויפן צו אַ טויער. דער יונגערמאַן אינעם צעשפּיליעטן מאַנטל האָט זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און אַ רעגע געקוקט אַף דעם, וואָס ער האָט אָנגעטאָן. זיין געזיכט האָט זיך געצוקט, די אויגן האָבן געברענט. ער האָט דערזען, אַז אַ דייטש צילט אין אים פון אַן אויטאָמאַט, האָט ער דער ערשטער אויסגעשאָסן פון אַ פּיסטאָלעט. דער סאָלדאַט איז געפאַלן. אַ צווייטער דייטש האָט זיך גענומען אויפהייבן פון ברוק — ווידער אַ שאָס פונעם פּיסטאָלעט. נאָך עטלעכע שאָסן האָט דער יונגערמאַן אַרויסגעלאָזט אין די דייטשן, וואָס האָבן זיך געוואָרפן צו אים. דערנאָך האָט ער אויך דעם פּיסטאָלעט אַ שלייַדער געטאָן אין זיי. אין דער רעגע האָט אויסגעשאָסן אַן אויטאָמאַט, קוילן האָבן אַ פּיק געטאָן די וואַנט פונעם הויז, אויפהייבנדיק אַ ווייסלעכן שטויב, דעם יונגערמאַנס ברוסט און ווידער דעם טינק פון הויז... דער יונגערמאַן האָט נאָך געמאַכט אַ שפּאַן פאָרויס מיט צונויפגעדריקטע פויסטן און איז געפאַלן.

אַזוי האָט באַגעגנט דעם טויט יערוכעם.

ד ר י ט ע ר ט י י ל

די שײַן

XXIII. לייזערס ליבע

1.

ווען איז עס לייזער שוין איין מאל געשטאנען קימאט אף דעם זעלבן ארט א האלב פארכושטער, אן אויסגעשעפטער, און מיט זיין פארנעפלטן מויעד קוים באנומען, אז א פייער באוועגט זיך, שווימט אום אפן טייך אין א פישער־שיפל? יענץ פייערל — א פונק אין דער דורכזויסיקער נאכט — האט ווי א טרייסט זיך צעגליט פאר אים...

ער איז אקוראט נארוואס פארבייגעריטן דאס איינזאמע שטיבל פון יענעם פישער, וואס האט אים צוויי מעסלעס געהאט אויסבאהאלטן, בעיים ער האט קוים א לעבעדיקער זיך געשלעפט פון קאנצענטראציע־לאגער. איז אט ווו יאן דוזשי האט אים אפגעשטעלט א באגעגעניש. ווילד האט גענומען קלאפן דאס הארץ בא לייזערן, ווען ער האט דערזען דאס אלטע געטעסעטע שטיבל מיטן הויף, מיטן הונט אף דער קייט, מיט די נעצן, וואס טריקענען זיך אפן אינוויינווייניקסטן פלויט, צום גארטן ארוים. ווי זשע דען? ער זאל דאס ארט ניט דערקענען? ער האט נאר ניט געוווסט, אז דא וועט זיין די באגעגעניש. אוודע ארבעט דער פישער מיסים, אויב דוזשי האט בא אים א נעסט... „איר וועט אמאל עפשער לאזן גריסן פון דער קשיווע־גאס" — האט דער פישער דעמאלט געזאגט. געוויס האט ער שוין געהערט דעם גרוס, און טאקע פון דער קשיווע... ער, לייזער קארשעווער, האט זיין געוועזער געפונען, פון סוינעס הענט עס צוגענומען, און ער וועט איצט רויק קענען א קוק טאן דעם פישער אין די אויגן. יענער וועט ניט זאגן, אז אזא געווער איז ערגער ווי געשענקטס.

צוגעשפארט מיט אן אקסל צום קרומלעכן שטאם פון אן אסינע, איז לייזער געשטאנען אין יונגן לאזניאק, וואס האט אים ביז דער ברוסט דערגרייכט, און געקוקט אפן שטילן וואסער אונטן, אף דעם פוילישן דארף, וואס זעט זיך אפן צווייטן ברעג, לינקס, אין טאל. ער איז געקומען אהער א באשעפטיקטער, א פארשטויבטער, א וואכעדיק אויפגערודערטער, בעקיוון געקומען א ביסל פריער, ווי ס'איז געווען אפגערעדט, געמיינט זיך דא דערלויבן א שטיקל אפרו. אויב ניט אין שטיבל, וווהין עס וועט ניט לוינען עפשער פאר דער צייט זיך באווייזן, איז אינעם וועלדל, וואס ער

האט אף זיין מאפע לעבן בלויען ווייסל־אויסבייג געזען. ערשט ס׳איז דאס וועלדל, אין וועלכן ער האט דאן באנאכט געבלאנדזשעט. איצט איז ער אהער אריינגעפארן נאך זון־פארגאנג, ווי צו זיך אהיים. אזעלכע זיינע די וועלדער פאר אים די לעצטע כאדאשים. זיין בולאנע פערד פאשעט זיך א שפאן צוואנציק בא א זייט. מוישקע פיק גיט אכטונג אף דעם און אף זיין שקאפקעלע אויך. פיר יונגען באוואכן דאס וועלדל בא די ראנדן. מע מעג אפילע דא די שטיוול אויסטאן און לאזן א ביסל אפרוען די פיס. ער האט אזוי טאקע געטראכט טאן, ווען ער איז געריטן אהער. ערשט ער האט דערזען דעם פישערס שטיבל און איז אינגאנצן צערודערט געווארן אינערלעך.

פארוואס? ס׳איז אים אנגענעם און ער שפירט רויקן שטאלץ. און דאס, וואס ער האט געוואלט באטראכטן דא, אפפארנדיק א קילאמעטער פינף פון זיין צייטווייליקן לאגער, אין דער שטיל, וועט ער דערטראכטן. נו, יא, ער בענקט. ער בענקט נאך אנעליען, וועלכע איז פונדאנען סאכאקל א קילאמעטער פופציק אראפ מיט דער ווייסל — א דריי שא רייטן אף זיין פערד. צי האט ער רעכט אף אזא בענקעניש, ער, וואס האט געזען דעם אומקום פון טויזנטער מענטשן אין פלאם, צווישן רוינעז, ער, וואס האט מיט אייגענע הענט מיט א וועלכע זיבן כאדאשים צוריק דעם פאטער באגראבן אין א פרעמדן הויף, ער, וועלכער האט דער מוטערס געביין ניט געפונען, ער, וואס האט ערשט ניט לאנג א גרוס באקומען וועגן יערוכעמען, אזא גרוס, אז ווארטן אף זיין בעסטן כאווער האט ער שוין ניט וואס, — און ניט נאר יערוכעם — שאד, בערול, לעמפערט, — איז צי האט רעכט ער, לייזער, דער לעבעדיק געבליבענער, אף פרייד, אף גליק, אף אט דער בענקעניש זיינער?

ס׳איז היינט בא פאליאקן דער יאנטעוו פון הייליקן טאג. היינט, אין שטילן סאף־יוני־אוונט, צינדן פוילישע מיידלעך ליכט, פעסטיקן זיי צו צו קליינע פליטעלעך, דעקלעך פון פעסלעך, לייזן זיי ארום מיט בלומען־קרענץ און לאזן שווימען איבערן טייך. מיט זיס־פארקלעמטע הערצער קוקן די מיידלעך פון די ברעגן, ווי עס טראגן זיך זייערע פלעמעלעך איבערן וואסער. קיין ווינטל ווערט ניט געבוירן דאס פאראקשנטע פייערל צו לעשן. אזוי באגלייטן מיידלעך ארוים דעם פרילינג און פרעגן מיטן פייער, צי וועט פעסט זיין זייער ליבע, וואס האט זיך עפשער ערשט פאר־קניפט, און טאמער איז דער ליבער ווייט, פרעגט מען מיט אט דעם סימען, צי האט ער נאך ליב... איז אט האט אים געצויגן היינט, לייזערן, צו דער ווייסל. די יונגען אין זיין רייטער־אטריאד האבן היינט ניט איין מאל איבערגערעדט וועגן דעם דאזיקן מינהעג, ווער מיט א שמייכל, ווער מיט פארבארגענער בענקעניש, איז וואס זאל ער, דער קאמאנדיר זייערער, מיט זיין בענקעניש טאן?

אט קוקט ער אפן דארף פון יענער זייט ווייסל: א געוויינלעך דערפל,

ארומגערינגלט מיט צעפאסעוועטע, צעברעקלטע, פיצינקע פעלד־נאכלעם — דער ביטערער איידעם פון ארעמקייט. וויפל מענטשן זיינען דארט אומגליקלעך אונטער די טשערעפענע און שטרויענע דעכער, וויפל זיינען קראנק און האבן ניט פאר וואס צו היילן זיך, וויפל זין און טעכטער זיינען פונדאנען אין דייטשלאנד אוועקגעפירט געווארן, אין לאגערם פארשפארט, און דאך פינקלען ליכטלעך אף דער ווייסל. דאס לעבן איז שטארקער פונעם אומגליק. און אט די דאזיקע פייערלעך, צי פרעגן זיי דען ניט טאקע וועגן יענע, וואס זיינען אין טורמעס פארשפארט אדער געפינען זיך אין די וועלדער?... און עפשער האט אנעליע אין גארליטשינא, אפן טייך, וואס גייט דארטן דורך, אויך א פלעמעלע אנגעצונדן?...

א ליכטל אף א פליטעלע שווימט פארביי דעם הויכן ברעג, ווו לייזער שטייט מיטן אקסל צו דער אסינע צוגעשפארט. עס דרייט זיך א מינוט אף איין ארט, ווו דאס וואסער שפילט שטארקער, שווימט ארויס אף א ברייטערן קרייז און לאזט זיך ווייטער מיטן שטראם. לייזער נעמט אויף דעם ליבע־גרוס מיט א פארקלערטן שמייכל. זאל זיין, ס׳איז פון אן אומבאקאנטן מיידל, נאר עפשער טראגט זיך אט אזוי אויך זיין פלעמעלע צווישן טונקעלע גראזיקע ברעגן ערגעץ, איז וואס קאן זיין בעסער, ווי צושליסן די אויגן און לאזן דאס אויפגעוואכטע הארץ זיך איינקוקן אין דער וויים?...

.2

פון די יונגען, וואס לייזער האט אפגעקליבן בא זאלמען קארעלן אין אטריאד, ווי אויך אין איינעם א פוילישן פארטיזאנישן אטריאד ארום ק׳, ווו קאמאנדיר איז געווען פראנץ אזשעל, האט ער געשאפן א רייטער־גרופע, וועלכע איז זיך אינגיכן צעוואקסן און האט באקומען א שעם אינעם גאנצן קאנט בא דער מיטל־שטרעמונג פון דער ווייסל. געוויינלעך, האבן אטריאדן אפערירט יעדערער אין א באשטימטן קלענערן אדער גרעסערן ראיאן. דא האבן זיי זיך שוין געהאט זייערע באשטענדיקע אגענטן, באזעס, זייערע דורכגעטראטענע שטעגלעך אין וועלדער צווישן זומפן, סימאנים, וואס אונטערשיידן האט זיי געקאנט בלויז א געניט אויג, געהאט באהעלטענישן, ווו מע האט די שוואכערע און פארוואונדעטע געקענט באשטאטן. לייזער אבער האט געשאפן אן אטריאד, וועלכער האט קיין באשטענדיק ארט, אפילע קיין באשטענדיקן ראיאן ניט געהאט.

לייזער איז געקומען צו די פארטיזאנער אין א צייט, ווען די דייטשן האבן, גרייטנדיק א נייעם אנגריף אף מיזרעך, זיך גענומען אפרייניקן פון פארטיזאנער דאס טיפע הינטערלאנד. לאנג געגרייטע פאליציי־ און עסעס־אקציעס האבן זיך דורכגעקייקלט איבער די וועלדער. די ארטיקע פארטיזאנער אטריאדן, באזונדערס קארעלס און אזשעלס מאכנעס, וועלכע האבן געהאט בא זיך א סאך פרויען, קינדער און פארוואונדעטע, איז אויסערסט

שווער געווען צו איבעררוקן זיך פון באזע צו באזע. אט דאן טאקע איז געשאפן געווארן לייזער קארשעוועס פלוג־אטריאד, וואס פלעגט בליצשנעל אנפאלן אפן סוינע, אמאל דורכליינגנדיק א וועג צו אן ארומגערינגלטן אטריאד, אמאל אפווענדנדיק אף זיך דעם קלאפ, אפהענגיק פון די אומשטענדן.

אזוי איז דער אטריאד שוין פארבליבן א זעלבשטענדיקע באוועגלעכע קאמפס־גרופע. ווו דער ריטער־אטריאד האט געטאגט, דארט האט ער ניט גענעכטיקט. ווי א ווינטער האבן זיך די יונגע אומגעטראגן איבערן קאנט. באנאכט אונטערגעריסן ערגעץ א צוג, איז מען צו קאיאר שוין געווען אף צענדליקער קילאמעטער ווייט פון דעם ארט. טראפייען פון צעגראמירטע דייטשישע פוטער־זאוואדן, מילן, קאנטינגענטן־פונקטן, דאס פי און פערד. וואס פלעגן אפגעשלאגן ווערן בא די דייטשישע אבאזן, וועלכע האבן זיך געצויגן פון מיזרעך, פלעגן אפטער פון אלץ צעטיילט ווערן צווישן די ארעמסטע פויערים. דערפאר האבן די ריטער־פארטיזאנער באקומען דעם נאמען „כלאפאקי דאברעגא".* לייזערס וואלד־נאמען האט דאס פאלק אליין צוגעטראכט „דאברי"... (דער גוטער). לייזער האט אבער געוואלט, מע זאל אים רופן „סטארי" (דער אלטער) — א נאמען נאך זיין ברודער, אלטערן, וואס האט דורך אט דעם שלאכט־נאמען א טיקן באקומען. דער־פאר האט מען לייזערס ריטערס גאנץ אפט אויך גערופן „כלאפאקי סטארעגא".

איצט האט לייזער מיט זיין אטריאד זיך באוועגט אף דארעם־מיזרעך אין דער וואיעוואדסטווע זש', ווו די דייטשן האבן פארגענומען שטארקע אטאקעס קעגן עטלעכע מאכנעס, וואס האבן אפערירט בא א וויכטיקער אייזנבאן־ליניע, מאכמעס דעם טאקע איז געקומען לייזערס באגעגעניש מיטן סעקרעטאר פון דער וואיעוואדישער פפר־ארגאניזאציע יאן דרזשי, וואס האט אים געדארפט אינפארמירן וועגן באזונדערע שטיץ־פונקטן אין אט דעם נייעם קאנט.

ניין, דעם פישער האט לייזער ניט געטראפן אין שטוב. די גאנצע אינערלעכע צוגרייטונג זיינע צו דער באגעגעניש מיט אים האט איצט קיין זין ניט געהאט, און דערפאר האט ער זיך א קאפעלע פארלוירן, ווען ער איז אריבערגעטראטן די שוועל. די האלבע שא, זינט ער האט דערקאנט דאס שטיבל, האט ער וועגן דער פארשטייענדיקער אומדערווארטער באגעגעניש מיטן פישער געטראכט עפשער אפילע מיט גרעסערער רעגונג, ווי וועגן דער באגעגעניש מיט יאן דרזשי, וואס האט פאר אים געהאט מער, ווי א זאכלעכן באטייט, נאר וואס צו איר האט ער זיך שוין געגרייט אין מעשעך פון עטלעכע טעג. ער האט געעפנט די טיר און בא דער שיין פון א לאמפ, וואס איז געשטאנען באם ברעג טיש, דערזען אינמיטן היפשן

* כלאפאקי דאברעגא — דאברים יאט!

צימער מיט דער גאַנץ נידעריקער סטעליע א מיטלוווקסיקן מענטשן, געקליידט זייער פּאַשעט, ווי געווײַנלעך אין פּראָווינץ — אַן אָפּגעריבענע מאַרינאַרקע מיט קוים אויסגעפּורעמטע אַקסלען, הויזן, אַרײַנגעלאָזטע אין שטיוול. די שוואַרצע האָר אָפּן קאָפּ זײַנען געווען קורץ געשוירן. א קליי־נינקע פּאַסמע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אָפּן שטערן. געווען איז ער א טונקל־הויטיקער, מיט בוילעטע קינבאַקן אָפּן לענגלעכן געזיכט. קורצע וואָנצעס, אונטערגעהאַקטע באַ די מויל־ווינקלען. אין זײַן גאַנצער פיגור, אין דעם, ווי ער האָט דעם קאָפּ אַ קער געטאָן און דעם בליק אַנגעשטעלט אָף לייזערן, האָט זיך געפילט פאַרבאָרגענע געצוימטע אַנגעשפּיצטקייט און גוט טרע־נירטע רויקייט. דאָס דאָזיקע איז לייזער שוין געווינט געווען צו מערקן באַ אונטערערדישע טוער, דערפאַר האָט אים דוזשי ניט איבעראַשט פון ערשטן בליק, און דערפון איז עפּשער אויך געקומען דער פּלוצעמדיקער צאַנק פון זײַן גאַנצער אַנגעשטרענגטקייט און אינערלעכער דערהויבנקייט.

דוזשי איז געשטאַנען מיט אַ קליין פאַרבונדן זעקעלע אין האַנט, ער האָט עס אין דער רעגע געהאַט אויסגעשטרעקט דעם פישערס באַיאַרטער פרוי, וואָס איז געזעסן אָפּן ראַנד בעט מיט אַ קישעלע באַ דער באַק, מיט אונטערגעשוואָלענע בייזע אויגן. „נו, נו, פּונקט צו דער צײַט געקומען, — האָט לייזער אַ טראַכט געטאָן, בעיים ער איז אַרײַן אין צימער און באַגריסט זיך, — אוואַדע — ציין־ווייטיק”... ער האָט געזאָגט די פראַזע, וואָס איז אָפּגעשטעלט געווען פון פאַרויס, נאָר דאָך זי אַרויסגערעדט עטוואָס אַנדערש, אַנשטאָט: „צי קאָן איך באַ אײַך קריגן אַ שיפל?” — האָט ער, אַליין ניט אָפּגעבנדיק זיך קיין כעשבן, אַרויסגערעדט:

— און איך האָב געמיינט אַ שיפל קריגן באַ אײַך...

— ס'איז צעטריקנט פון דער זון, — האָט דוזשי געענטפערט, פּונקט ווי עס איז אײַנגעשטעלט געווען. ער האָט אויסגעשטרעקט דער פרוי דאָס זעקעלע און געזאָגט איר שוין מיט באַשעפטיקטקייט אין שטים, — לייגט עס טייקעף צו, סע האָט זיך גוט אָנגעוואַרעמט...

— ווינט אַ מענטש באַ אַ טײַך און ווייסט ניט, אַז זאַמד איז די בעסטע היילונג פון ציין־ווייטיק, — האָט זיך דוזשי געווענדט שוין צו לייזערן און אויסגעשטרעקט אים די האַנט, — ווי האָט איר זיך דערקליבן? דאָס זײַט איר דורכגעריטן פרײַער מיט נאָך איינעם צום טײַך?

— יאָ, איך בין געקומען אַ ביסל פאַר דער צײַט... — לייזער האָט בלויז איין ווײַלע געקוקט אָף דוזשין פון דער נאָענט, אויסגעהאַלטן זײַן פאַרבאָרגן־פאַרשערישן בליק, נאָר אַליין האָט ער דערבײַ אַ טראַכט געטאָן: „דעם פישערס פרוי וועט מיך געוויס ניט דערקענען, זי האָט זיך דאַן ווייניק צוגעקוקט צו מיר, ווער רעדט הײַנט, מיט אַזאַ ציין־ווייטיק”.

די פרוי האָט זיך אויפגעהויבן, האַלטנדיק דאָס זאַמד־זעקעלע באַ דער באַק:

— אוי, כ'וועל אַ ביסל אַרוים אין הויף, אין הוי זיך צולייגן...

— א ווינטל קאן אײַך דורכבלאזן. — האט דוזשי געזאגט.

— וואס פאר א ווינטל, אז ס'איז דער הייליקער יאן, און א פלעמל ווערט אפן טײַך ניט פארלאשן! — האט די פרוי מיט פארלאפענע ווייטיק־דיק־בייזע אויגן א קוק געטאן אין פענצטער און אוועק צו דער טיר, — געדארפט דעם אומגליק לאנג ארויסשלעפן, — האט זי מיט א פארדומפענער שטים גערעדט, שוין האלטנדיק זיך פאר דער קליאמקע, — איז ווו ווועסטו דא א דאקטער נעמען אז אפילע באנקעס שטעלן דארף מען פארן אין פאוויאט. און ווו נעמט מען אזויפיל געלט? דארף א פראסטער מענטש זיך היילן, איז כאטש פארקויף א קאלב, און אז ניט, איז גאר די קו...

זי האט שוין גערעדט פון פירהויז. זעט אויס, מיט אט די רייד האט זי זיך דעם ווייטיק פארטויבט. דוזשי האט א שאקל געטאן מיטן קאפ:

— שווער דעם ארעמען מענטשן... ווו דו טוסט זיך נאר א ריר צו, איז ניט קיין לעבן, נאר ציין־ווייטיק... און דער־א איז טאקע ביטער, כאטש נעם און רײַס איר אליין ארוים מיט אן אפצווענגע דעם צאן. א מין פינצטערניש — גאנצענע דערפער האבן דאס בײַסעניש, וואס א ליאדע פעלדשער וואלט עס מיט שוועבל געקאנט אין מעשעד פון דרײַ טעג אויסהיילן. נאר ווען קומט אהער ארײַן א פעלדשער? אז פילסודסקין האט עס ניט געארט, וועט עס דעם אקופאנט קימערן?

לייזער איז שוין געזעסן באם טיש, צעשפיליעט דעם פרענטש פון פוילישן מיליטערישן געוואנט. דוזשי האט זיך צוגעזעצט אנטקעגן אים.

— האט איר זיך דערקליבן בעשאלעם אהער?

— א קליינינקע שלאכט געווען מיט א פאליציי־גרופע, וואס האט אונדזער פאטרול א קילאמעטער פערציק פונדאנען געוואלט פארהאלטן. פאראן בא מיר איין פארוואונדעטער, נאר ער איז געבליבן אין זאטל. אין שכײניש פאוויאט האבן מיר צעקלאפט א דײַטשישן אבאז, דרײַ פורלעד טוווע און פעל צעגעבן די פויערים. ווויהין ווען מיר זיך אומפירן מיט דעם?

— דאס איז, פארשטייט זיך, גוט. אגעוו, דארף מען ניט נאר מיט אזעלכע זאכן געווינען די סימפאטיעס פון די פויערים. כ'וויל זאגן, אז ניט אלעמאל קאן מען זיי געבן אזעלכע מאטאנעס. די פויערים דארפן וויסן, אז מיר זײַנען זייערע פרײַנט, ערשטנס, דערפאר, ווײַל מיר שלאגן אפאנע־מעסן דעם סוינע, וואס די אקא טוט עס ניט, צווייטנס, ווײַל מיר העלפן מיט אלע מיטלען דעם זיג פון דער סאוועטן־ארמיי, וואס די אקא וויל עס ניט, דריטנס, אז דער דאזיקער זיג וועט באטײַטן: ערד אן שום אויסקויף, נאציאנאליזאציע פון די גרעסטע אונטערנעמונגען, אומזיסטיקע בילדונג, היילונג — א נײַ פוילן, וואס די אקא האסט עס מער, איידער דעם דײַטש... יעדער ליודאוועץ* מוז זײַן אן אגיטאטאר, א באוווסטזיניקער קעמפער.

---

* ליודאוועץ — א קעמפער פון דער „ארמיא ליודאווא", („פאלקס־ארמיי") — פארטיזאנישע אטריאדן פון דער פפר.

אַנטשולדיקט, אַוואַדע ווייסט איר דאָס אַליין גוט, נאָר כ׳מוז דאָס באַטאָנען פון סאַמע אָנהייב, ווײַל ס׳איז אויסערסט וויכטיק. איַך, רײַטער, וועט אויסקומען צו זײַן אין אַזעלכע ערטער, וווּ אונדזערע ליודאָוועצעס איז נאָך ניט אויסגעקומען צו זײַן.

לייזער האָט געקוקט אין דוזשים געזיכט. אַ ביסעלע אַ פּראָסטלעכן געזיכט פון אַן אַרבעטער. ער האָט, פאַרשטייט זיך, געוווּסט דאָס אַלץ, וואָס דוזשי האָט אים איצט געזאָגט, נאָר קוקנדיק אין זײַנע אויגן, אין וועלכע ס׳האָט אַ רויִק און פאַראַקשנט פײַערל געברענט, אין זײַן פּאָנעם, וועלכער האָט אין דער רגע, אַ באַגײַסטערטער, מיט זיכערקייט און גלויבן געאָטעמט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט געמוזט דאָס אַלץ זאָגן, ווײַל ס׳איז דאָס, מיט וואָס ער לעבט, דער עמעס, צו וועלכן ער האָט זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן.

מ׳האָט דערנאָך גערעדט וועגן באַזונדערע פּונקטן, וווּ עס זײַנען פאַראַן שטאַרקערע צי שוואַכערע דײַטשישע אָדער פּאָליצייִישע גאַרני־זאָנען, וועגן באַשטימטע אַדרעסן, וווּהין עס קאָנען געשיקט ווערן פאַר־בינדלער. לייזערס מאַפּע, וואָס איז פונאַנדערגעשפּרייט געווען אויפן טיש, האָט אויפגעלעבט. און יאַן דוזשי, וועלכער האָט מיט אַ דיקן פינגער געפירט איבער איר, איז אויך אַלץ מער געוואַקסן אין לייזערס אויגן. די יאָנטעוודיקע אויפגערוימטקייט, וועלכע ער האָט געשפּירט, גייענדיק צו אָט דעם שטיבל, האָט ווידער באַהערשט זײַן האַרץ.

יאָ, אַ גרויסן, אַ לאַנגן און שווערן וועג איז ער דורכגעגאַנגען פון דעמאָלט אָן, ווען ער איז דאָ אין שטוב דאָס ערשטע מאָל געווען, בײַ דעם זעלבן טיש געזעסן איבער אַ לעבלעכן טעלער זופּ. דער פישער, אין וועמענס שטוב ער איז איצט ווידער, האָט אים דער ערשטער אויסגעשטרעקט געווער.

איז ווי פרעגט מען ניט וועגן פישער — צי לעבט ער, צי איז ער גאַנץ? צי עפשער אַזוי טאַקע אַוועקגיין פון אָט דעם שטיבל, ניט דער־וויסנדיק זיך גאָרניט וועגן אים? אָט הענגט מיט אַ לײַלעך אַרומגעדעקט, ניט ווײַט פון אויוון, אַ מאַרינאַרקע, אַ גלאַנציקער דאַשעק זעט זיך אַרויס אויבן, געפּרעסטע מאַנזשעטן פון בלויע הויזן שטעקן אַרויס אונטן, אַף דער באַנק שטייען פּראָסטע, אָפּגעפּוצטע מענערשע שיך. אַוואַדע זײַנען דאָס דעם פישערס יאָנטעוודיקע קליידער. ער לעבט, הייסט עס, אַנדערש וואָלט מען די קליידער ערגעץ באַהאַלטן. און דאָס איז גענוג פאַר לייזערן.

איז פרעגן עפשער איצט דוזשין וועגן אַנעליען? צי ווייסט ער וועגן זײַן, לייזערס, באַציִונג צו איר?

— איר וועט זיך אָפּשטעלן אין גאָרליטשינער וואַלד, — זאָגט צום שלום יאַן דוזשי, — בײַם וואַלד־וועכטער זאַגרודסקי, איז גיט דאָרטן איבער אַ גרוס, כ׳בין שוין היפּשלעך אין יענע ערטער ניט געווען.

ער שטייט אויף, קוקט מיט אַ פאַרבאָרגענעם שמייכל אַף לייזערן, שוין גאָר היימיש אַזוי און צוגעלאָזט. לייזער שטייט שוין אויך, עס ציט

אים עטוואָס צובײַסן אַ ברעקעלע ליפּ, נאָר ער וויל דורך דעם זײַן אויפרעגונג ניט אַרויסווײַזן. ער שטרענגט אָן די ווינעס, זיי זאָלן ניט פּינטלען, און טוט בלויז אַ שאָקל מיטן קאָפּ אַף יאָ.

— נו, און עפּשער וועט איר אַנעליען זען, כ'בין פונדעסטוועגן אירער אַ פעטער...

ער שמייכלט שוין גאָר ברייט, יאַן דוזשי. לייזער קוקט אַף אים מיט אָפענער דאַנקבאַרקייט און שמייכלט אויך.

— אַ גרוס? — פרעגט ער, און זײַן האַרץ קלאַפּט פאַר פרייד.

— ווי איר וועט שוין דאָרט געפינען פאַר נייטיק...

לייזער — ניט ער גייט, די ערד אַליין טראָגט אים צו זײַן פערד, וואָס שטייט אין די קוסטעס. פון יענער זײַט זאַמדיקן שטעג פאַרהאַלט ער די טריט, טוט אַ קוק איבער דער לעוואָנעדיק־אויסגעזילבערטער ווײַסל, אַף מיזרעך, גיט אַ טיפן זופּ לופט און רעדט אַרויס:

— נו, אַנעליע, וואַרט אַף אַ גאַסט!

.3

אין דעם אָוונט פון הייליקן יאַן איז צו אַנעליען ווירקלעך געקומען אַ גאַסט, וועלכער האָט זיך אַרויסגעריסן פונעם טויט־לאַגער צוזאַמען מיט ליאָניען און יערוכעמען. ליאָניע איז פאַרבליבן באַם גזשיבאָוועך וואַלדוועכטער, באַ וועלכן מע האָט, ווי יערוכעם האָט אָנגעוויזן, זיך געקאָנט דערוויסן וועגן מייער סאָקאָלן. נאָר אַזויווי גזשיבאָווסקי האָט וועגן סאָקאָלן איצט גאָרנישט ניט געוווּסט, איז אָרעסט אַראָפּגעקומען לויטן צווייטן, ווײַטערן אַדרעס, קיין גאָרליטשינאַ...

פאַר אַ צײַגעניש, אַז מע איז פון אַ דאָרף אין פּויזן, זין פון אַ אַרויסגעשיקטן פּויער יעזשי זאַמאָסקי, האָבן ליאָניע און אָרעסט באַ דעם זעלבן זאַמאָסקי אַף זײַן שטיקל ערד, וועלכן ער האָט זיך פאַר געלט שוין באַוויזן אײַנשאַפן אין אָרט, ווּהין ער איז פאַרוואָרפן געוואָרן, געאַרבעט אַ כוידעש צײַט — די רעכטע צײַט פון זעצן און פון יעטן. דער דאָזיקער זאַמאָסקי איז געווען אַ פאַרמעגלעכער פּויער אין פּויזן, און דאָ אינעם זאַמדיק־וואַלדיקן קאַנט, אַ פאָר צענדליק קילאָמעטער פון טויט־לאַגער, האָט ער זיך געשטעלט אַף די פיס פיל שנעלער פון אַלע אַנדערע טויזנטער פּויערים, וועלכע זײַנען דורך די דײַטשן אַרויסגעשיקט געוואָרן מיט אים צוזאַמען. די מערהייט פון זיי האָבן געאַרבעט אַלס באַטראַקעס.

זאַמאָסקי האָט זיך אָנגעשטויסן, ווער עס זײַנען די צוויי יונגען מיט דעם ברי אַף די הענט פונקט דאָרט, ווּ דער נומער באַ די לאַגערניקעס געפינט זיך. נאָר ער האָט קיין סיבע ניט געהאַט ליב צו האָבן די דײַטשן און דינען זיי, האָט ער פון דער דאָזיקער זאַך בעסער אַרויסבאַקומען פאַר זיך נוצן. ער האָט אַפילע געוווּסט, אַז דער בלאָנדער ליאָניע איז קיין טויב־

שטומער ניט, ווי זיין כאַווער האָט אים פאַרגעשטעלט. ס'איז אים געווען
גענוג איין מאָל באַנאַכט דערהערן, ווי דער בלאָנדער רעדט פון שלאָף,
נאָר וואָס גייט אים אָן? זאָלן זיי נאָר ניט זשאַלעווען קיין קויכעס און
אַרבעטן. וואָס עמעס איז עמעס, ער האָט די יונגען באַהאַלטן פון די פּאַ־
ליציייען, וואָס פלעגן אַמאָל קומען אויף דעם פּאַרוואַרפענעם פאָלוואַרק. און
ווען די אָפּגערעדטע צייט האָט זיך געענדיקט, האָט ער די יונגען געגעבן
די צוגעזאָגטע ציינגעניש און אָפּגעלאָזט.

אָרעסט איז געווען אַן אוקראַינער פון לוואָווער געגנט, וואָס האָט
זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן אַ פּאָליציאַנט און איז דערפאַר אַוועקגעשיקט גע־
וואָרן אין טויט־לאַגער. דאָס איז געווען אַ מענטש מיט פעסטע איבער־
צייגונגען, אין קאַמיוג איז ער געווען פון די ערשטע טעג, זינט די רויטע
אַרמיי האָט די מיירעוו־געגנט פון אוקראַינע באַפרייט. פּויליש האָט ער
געקאָנט גוט, דעם היגן שטייגער געוווּסט. אים איז ניט שווער געווען זיך
דורכצוקלייבן דורך פּוילן. באַ ליאָניען איז די לאַגע געווען אַן ערגערע.
דערפאַר האָט ער זיך פאַרשטעלט פאַר אַ טויב־שטומען, פּונקט ווי וואַסילי,
וואָס איז אַוועק מיט אַ צווייטן גאַליציאַנער.

די קנאַפּע דריי הונדערט קילאָמעטער פון דעם ראַיאָן, וווּ דער טויט־
לאַגער האָט זיך געפונען, ביז גזשיבאָווער וואַלד, האָבן אָרעסט און ליאָ־
ניע דורכגעמאַכט אין מעשעד פון אַ כוידעש. מע האָט געמוזט אין וועג
זיך ווו־ניט־ווו שטעלן אַרבעטן באַ באַלעבאַטים, קעדיי צו פאַרדינען אָפּן
עסן. ליאָניע איז שוין גוט אַריין אין דער ראָל פון אַ טויב־שטומען, אָבער
סע האָט זיך אים גוואַלדיק געוואָלט ריידן, פלוידערן מאַמעש, און אָרעסט
פלעגט גאַנץ אָפט דורך די נעכט ניט שלאָפן, אויב נאָענט האָבן זיך גע־
פונען פרעמדע מענטשן, קעדיי ניט צו לאָזן ליאָניען ריידן פון שלאָף.

אַזוי האָט מען זיך דערקליבן צום גזשיבאָווער וואַלד־וועכטער, וועגן
וועלכן טאַדעוש מאַלטשעווסקי האָט דערציילט יערוכעמען. דאָ, פאַרן אַלטן
און זיין ווייב האָט ליאָניע באַשטימט אויפהערן פאַרשטעלן זיך פאַר אַ טויב־
שטומען. זיי האָט מען דערציילט דעם עמעס, נאָר פאַר פרעמדע, וואָס
האָבן אַהער געקאָנט אָנקומען, האָט ער געדאַרפט בלייבן אַ טויב־שטומער.

דער אַלטער וואַלד־וועכטער און זיין ווייב האָבן, פאַרשטייט זיך, גע־
קאָנט די וואַיטאַסעס פון גאָרליטשינאַ. אַנעליע איז העכער צוויי כאַדאָ־
שים באַ זיי אין שטוב אָפּגעלעגן, ווען מע האָט זי פאַרווּנדעט (געהייסן
האָט עס, אַז זי האָט אין וואַלד אָנגעטראָטן אויף אַ מינע). דאָ האָט אַ דאָק־
טאָר, אַ ייִד, וואָס האָט באַ די פּאַרטיזאַנער זיך אויפגעהאַלטן, זי געהיילט,
און די אַלטיטשקע יאַדוויגע פלעגט גיין אין פּ', מיט זיינע רעצעפּטן צו
אַ באַקאַנטן אַפּטייקער נאָך רעפּועס. און זאָכאַ וואַיטאַסאָוואַ איז דאָ וויפל
מאָל איבערגעווען, וויפל טרערן שטילערהייט פאַרגאָסן, ווען דער טאָכטער
איז שווער געווען, און מיכאַל וואַיטאַס אַליין?... דאָס אַלץ האָבן די אַל־
טע דערציילט ליאָניען און אָרעסטן אינעם אָוונט, ווען זיי זיינען געקומען

אַהער. בײַ די אַלטע האָבן די יונגען באַזונדערן צוטרוי און אַכט אַרויס־גערופן מיט דעם, וואָס ליאָניע איז פון טיף רוסלאַנד. מע האָט אים גע־האַלטן אין איין אויספרעגן, ווי גייט דאָס לעבן בײַ די סאָוועטן.

אַף מאָרגן, צום יאָנטעוו פון הייליקן יאָן, איז אַהער אַראָפּגעקומען אויך דעם וואַלד־וועכטערס זון אַדאַם, וועלכער האָט כאַסענע געהאַט אין יעזשעוויצע און דאָרט געהאַט אַ באַלעבאַטישקייט. אַלע צוזאַמען האָט מען גענומען צו ביסלעך און ווידער געשמועסט וועגן רוסלאַנד. אָרעסט האָט פונדעסטוועגן צו פאַרנאַכט זיך אַרויסגעריסן קיין גאָרליטשינע. ליאָניע איז פאַרבליבן וואַרטן אַף ענטפער. און דאָ איז געשען אַ צאָרע...

אַן אומגליק קומט קיינמאָל ניט מיט קיין גלײַכן וועג, ער טרעט זיך אויס אַ קרום שטעגעלע.

דעם שכייניש וואַלד־וועכטערס איבערגעזעסענע טאָכטער טערעזע האָט צום יאָנטעוו פון הייליקן יאָן זיך אויסגעקליבן קיין פּ׳, ווו זי האָט געהאַט קרויווים. אַרום איר שטיבל אין וואַלד איז דאָך אַפילע קיין טײַכל נאָענט ניטאָ. עמעס, זי האָט עפּעס ניט, די ניט שיינע דיקלעכע טערעזאָ, קיין יונג, וועגן וועמענס ליבע זי זאָל אַ פּײַערל איבערן טײַך לאָזן, נאָר ווי אַלעמאָל אַן איבערגעבליט מיידל, האָט זי אין אויג עטלעכע יונגען, וואָס זײַנען איר ווען געפעלן, צי האָבן מיט איר געהאַט אַ קאָפּל זיך פאַראינטערעסירט. זי וואַרט, זי קוקט אַרויס, — איז ווי זאָל זי לאָזן פאַרלוירנגיין אין איר טויבן וואַלדישן העק אַזאַ ליבע־יאָנטעוו?

אַוועקגעלאָזט זיך בײַטאָג צופוס קיין פּ׳, אַזוי אַז זי זאָל צו פאַרנאַכט־צו זײַן דאָרטן, האָט טערעזאַ פאַרקערעוועט אַף אַ ווײַלע צום גזשיבאָווער וואַלד־וועכטער — צי עס האָט זיך איר טאָקע פאַרוואָלט אַ טרונק טאָן, ווי זי האָט געזאָגט, צי ס׳איז געווען בלויז אַ טערעץ, און זי האָט גאָר דערזען אַפן גאַנעקל אַדאַמען, אַדאַם גזשיבאָווסקי, אַף וועלכן זי האָט פריִער געוויסע אויסזיכטן געהאַט.

פאַרשטייט זיך, אַז זי האָט ניט גענדאַרפט אַרײַנגיין צו די גזשי־באָווסקים, אַדאַם האָט בלויז נאָך מער פאַרריסן די נאָז דערפון. און וואָס האָט זי געפונען אַזוינס אין דעם דאָזיקן אַדאַם, דעם ווערגעלעץ, וואָס איז שוואַרץ און ביינערדיק און האָט אַזעלכע אָדערדיקע גרויסע הענט, אַז סע דאַרף גאָר שרעקלעך זײַן, ווען ער רירט זיך צו?

אַ צעפּלאַמטע, מיט אַ פאַרזאָטן האָרץ איז טערעזאַ געגאַנגען ווײַטער דורך די שיינע צעבליטע לאָנקעס, נאָר ניט באַמערקט זיי. דער ליכטיקער טאָג איז פאַר איר כמורנע געוואָרן, דער יאָנטעוו האָט זײַן צוציִענדיקן גלאַנץ פאַרלוירן. זי האָט געהויבן מיט די באָרוועסע פיס דעם שטויב בײַם ראַנד פון ברוקירטן שאָסיי, אויפגעהערט אונטערהאַלטן מיט די הענט דאָס געפאַלדעוועטע קליידל — אײַ, דער רועד וועט עס ניט נעמען, אויב סע וועט זיך אַ ביסל פאַרשטויבן!

אַדאַם האָט אַפילע אין איר זײַט קיין קוק ניט געטאָן, בעיס זי האָט

אין פאַרהײַזל געטרונקען, די אַלטע יאַדוויגאַ, יענע האָט זי דאַווקע געבעטן אַרײַנגײן אין צימער, נאָר אַדאַם — קײן אײן וואָרט. די צווײ, וואָס האָבן זיך ערשט נעכטן געפרעגט באַ איר טאַטן אַפן גזשיבאָווער וואַלד־וועכטער, זײַנען געזעסן באַם טיש. מע האָט אַלע וואַרעמעס געגעסן.

מיטאַמאָל האָט טערעזאַ זיך אַזש אָפּגעשטעלט: הער אַ מײַסע! יענער בלאָנדער, מיט די העלע ברעמען איז דאָך נעכטן, ווען מע איז לעבן זײער שטוב געשטאַנען, געווען אַ טויב־שטומער, און דאָ באַם טיש האָט ער זיך אומגעקוקט, ווען אַדאַם האָט צו אים גערעדט און עפּעס אים אַפילע געענטפערט... טערעזאַ האָט בײז אַ שמײכל געטאָן, אַלײן ניט וויסנדיק נאָך רעכט פאַרוואָס. איר נעקאָמע־געפיל צו אַדאַמען און ביכלאַל צו די גזשיבאָווסקים האָט מיטאַמאָל ווי אַ באַפרידיקונג באַקומען. זי האָט זיך אָנגעבויגן און אַרומגעטרײסלט דאָס קלײדל, צוגעדריקט מיט די פינגער די אָפּגעבויגענע פאַלדן, דערנאָך האָט זי מיט אַ פאַרהויבענעם קאָפּ אַוועקגעשפּאַנט לעבעדיקער, פאָכנדיק מיט אײן קורצער האַנט, און מיט דער צווײטער צוהאַלטנדיק עטוואָס דאָס קלײדל.

אין אָוונט, ווען זי האָט אין פּ' באַם קינאָ דערזען דעם באַקאַנטן פאָליציאַנט וולאַדיסלאַוו כאָמוט, וועלכער באַוואַכט דאָס געהילץ־זאַוואָדל, וואָס די דײַטשן האָבן לעצטנס אַוועקגעשטעלט אין גזשיבאָווער וואַלד, און קומט צו זײ אָפּטלעד אַרײַן, — אײנער פון די, אַף וועלכע זי האָט אַן אויג, — האָט זי פאַרשטאַנען מיטאַמאָל די גאַנצע ווערט פון דעם, וואָס זי האָט באַ די גזשיבאָווסקים באַמערקט. זי האָט וולאַדעקן אָפּגערופן אין אַ זײַט און אַפן אויער אים דערצײלט וועגן בלאָנדן, וועלכער איז אַט אַ טויב־שטומער און אַט ניט... דערבײַ האָט זי זיך גאָר נאָענט צוגעבויגן צו וולאַדיסלאַווס קרומלעכן אויער, באַ די ראַנדן אַ באַוואָקסענעם מיט האָר, מיט איר קורצער נאָז זיך קוים צוגערירט צו אים און עמעסן פאַר־געניגן פון דעם געהאַט...

אַרעסט איז געקומען שפּעט און איז שוין דעריבער געבליבן נעכטיקן באַ די וואָיטאַסעס. אַנעליע האָט אים גענוי אויסגעפרעגט וועגן יערוכעמען, וועגן טאַדעוש מאַלטשעווסקיס טויט. געבליבן איז, אַז גאַנצפרי וועט זי אַוועק, ווו מע דאַרף — אין זינען האָט זי געהאַט דערבײַ דעם פּאָוויאַט־סעקרעטאַר פון פּפּר, דעם וואַלד־וועכטער זאַגרודסקי, — דערווײַסן זיך, וויאַזוי וואָלט מען די צווײ פּלײטים געקאָנט אַריבערשיקן צו סאָקאָלן און סיקאָראַן אין אָטריאַד, וואָס זײַנע נאָענטע גרופּעס האָבן אָפּעריִרט אַ קילאָמעטער פופצן־צוואַנציק מיזרעד־צו פון פּ'. און די ווײַטע — אַזש אַרום סאַן.

אײַנדערפרי איז די גאַנצע מישפּאָכע וואָיטאַס — כוץ דעם דרײַצן־יאָריקן אַנטעק, וואָס איז געבליבן מיטן גאַסט, — אַף אַ היפּשן וואָגן, געשפּאַנט אין אײן דאַר גניאַדע פערדל, אַוועקגעפאָרן צו דער קלײנער לאָנקע, וועלכע ליגט האַרט באַם גאָרליטשינער וואַלד, אין אַ זײַט אי פון

דאָרף אי פון שטעטל. באַם בריקל, ווו מע קערעוועט אָפּ פון וועג, איז אַנעליע אַראָפּ פון וואָגן און זיך געלאָזט צו זאַגרודסקין. דער פאָטער האָט בערויגעזלעד געשוויגן, ווען זי האָט אים געזאָגט, אַז זי וועט שפּעטער צופוס צוקומען צו דער לאַנקע. ער איז געווים געווען זייער ניט צופרידן — ניט צופרידן פונעם גאַסט, וואָס איז נעכטן צו איר געקומען, פון דעם, וואָס זי מישט זיך ווידער אין עפּעס געפערלעכע געהיימע געשעפטן, וואָס ער האָט אַנטעקן געמוזט לאָזן אין דער היים, בעיים ער דאַרף אים אין פעלד, און וואָס עס קומט אוים זי, אַנעליען, צווינגען טאָן שווערע אַרבעט, און זי טאָר דאָס געווים ניט.

אָך, ווי אַנעליע פאַרשטייט איר פאָטער, ס'איז איר גענוג איין קוק טאָן אָף אים! איר האַרץ האָט אַלעמאָל געוויטיקט איבער זײַנע זאָרגן, וואָס קומען אי פון ביטערן לעבן אי פון ניט פאַרשטיין דאָס דאָזיקע לעבן. ס'האָט זי געאַרט, וואָס זי אַליין פאַרשאַפט אים אַזוי ווייניק פרייד. זי, די באַליבטע טאָכטער, איז עפּשער די גרעסטע סיבע פון זײַנע שווערע שטימונגען, פון זײַן אויפגעבראַכטקייט אָף דער וועלט. אָבער זי קאָן אים פאָרט ניט פאָלגן אין אַ סאַך זאַכן, זי קאָן פאָרט ניט ווערן קיין אַנדערע, אַזאַ, ווי ער וואָלט זי וועלן זען. אָט די מאַמע — וויפל טרויער און ווייטיק עס איז אין איר בליק, אין איר צעקנייטשט אויסגעהאָרעוועט געזיכט, נאָר וויפל מיטגעפיל און פאַרשטאַנד. עפּשער פאַראורטיילט זי אַמאָל די טאָכטער, נאָר אַפילע פאַראורטיילנדיק, פאַרשטייט זי זי.

אַ פאַרקלערטע, אַ פאַראומערטע איז אַנעליע געגאַנגען צום וואַלדוועכטערס שטיבל איבערן אויסגעשווענקטן ליימיקן שטעג, צווישן צעגרינטע שטעבלקעס. פּלוצים האָט זי דערזען אַנקומען אַנטקעגן זיך זאַגרודסקים מעזינקע — דאָס אונטערוואַקסנדיקע מיידעלע מאַריסיע. יענע האָט אַ לאָף געטאָן אַנטקעגן איר, אונטערשפּרינגענדיק אָף די דאַרע באָרוועסע פיסלעך, קינדערש אַ פּליעסקע געגעבן מיט די הענטלעך, נאָר דאָס שײַנענדיקע, פריידיקע פּאָנעם, אַ ברוינס, מיט אַ פאַררייסן נעזל, מיט לעבעדיקע קאַרע אייגלעך, האָט אויסגעדריקט אויך פאַרסוידעטקייט.

— כ'גיי צו אײַך, פּאַנאַ וואַיטאַסאָווּנאַ, — האָט זי געזאָגט, אָפּגעשטעלט זיך און שוין מיט טיפן ערנסט אין די אויגן אַ קוק געטאָן אָף אַנעליען, — דזיען דאָברי! — האָט זי זיך דערמאָנט און אַ שאָקל געגעבן מיטן קעפּל, מיט די צוויי צעפּלעך, וואָס זײַנען פון אויבן געווען פאַראייניקט און פאַרבונדן מיט אַ סטענגעלע.

אַנעליע, כאָטש דאָס האַרץ האָט באַ איר אומרויִק אַ טיאָכקע געטאָן, האָט ניט געקאָנט אײַנהאַלטן זיך פון אַ שמייכל איבער אָט דעם ערנסט פונעם מיידעלע.

— וואָס עפּעס אַזוי פרי צו מיר?

— ע, מע האָט מיר געהייסן אײַך גאָרניט ניט זאָגן. ס'הייסט, זאָגן נאָר, אַז דער טאַטע רופט אײַך און איר זאָלט שוין גיין...

— אזוי ? ווער זשע רופט מיך אינדערעמעסן ?

— איך ווייס ניט... — זי האָט אַ פינקל געטאָן מיט די אייגעלעך, נאָר באַלד שוין פאַרטרויליכער אַ קוק געגעבן אויף אַנעליען, — מ׳מיינט, אַז יענער יונגער פּאַן, וואָס איז באַנאַכט געקומען צו רײַטן...

— אַ יונגער ?

— נו יאָ, און וואַרטן וואַרט ער אויף אײַך ניט אין שטוב, נאָר אָט דאָ אין אונדזער מאַליניק... און איר גייט צו אונדז — איר ווייסט שוין ?

— גאָרנישט ווייס איך ניט, ליבינקע, — אַנעליע האָט אַ גלעט געטאָן מאַריסיען איבערן קעפּל, נאָר דערפילט, אַז די האַנט ציטערט, און האָט באַלד אויפגעהערט, — פיר מיך צו אײַער מאַליניק...

דאָ, צווישן מאַזשעוועלניק און מאַלינע-קוסטעס איז אַנעליע שטיין געבליבן אַ פאַרגליווערטע, — אויף איר האָט געקוקט לייזער. אין אַ פײַן אויפגענייטן פרענטש פון פּוילישן מיליטערישן געוואַנט, אין אַ ספּאָרט-היטל פון זעלבן שטאָף, פאַררוקט הויך אויפן שטערן, אַזוי אַז די שוואַרצע קוטשערן האָבן זיך אַרויסגעשלאָגן, אַ פאַרברוינטער, און אַרומגעווינטיק-טער, איז ער געשטאַנען אַנטקעגן איר פון יענער זײַט מאַלינע-קוסטעס און געשמייכלט. אַנעליע האָט אפילו ניט גלײַך געקאָנט אויסדריקן אויף איר פּאָנעם די גרויסע פרייד, וואָס האָט זי באַהערשט. פאַרקערט, זי האָט זיך עפּעס די ערשטע מינוט דערשראָקן, געוואָרן אַ פאַרציטערטע. ס׳איז אפילו פאַרבליבן אויף איר געזיכט אַ פאַראומערטער אויסדרוק, ווי זי זאָל וועלן דערציילן דערמיט אין אָט דער קורצער רעגע וועגן אירע ליידן, וועגן דער גאַנצער בענקעניש, וואָס זי האָט איבערגעלעבט בעיס דער צעשיי-דונג. זי האָט אַ שווערן טראָט געטאָן אַנטקעגן לייזערן, און ער — איר אַנטקעגן, צובייגנדיק מיט די שטיוול דעם מאַלינע-קוסט. זייערע אויסגע-שטרעקטע הענט האָבן זיך באַגעגנט. אַזוי זײַנען זיי שטיין געבליבן פּעסט אַרומגענומענע. איבערן גאָרטן איז, שווינדלענדיק מיט די הוילע פּיסלעך, אומקוקנדיק זיך, געלאָפן מאַריסיע, נאָר זיי ביידע האָבן שוין אין קיי-נעם ניט געדענקט. בלויז אַ שטראַלנדיקער הימל איז איבער זיי געווען, און אַ גרינע צעבליטע ערד אונטער די פיס. נאָר עפּשער האָבן זיי וועגן דעם אויך ניט געדענקט.

אַנעליע האָט געוויינט.

— יערוכעם לעבט ! ער איז אַוועק אין ווארשע ! — האָט אַנעליע געזאָגט, און אירע אויגן, פון וועלכע די טרערן זײַנען נאָך ניט אַראָפּגע-רונען, האָבן געשײַנט.

— ליידער ווייס איך שוין מער — ער איז דאָרט אומגעקומען. גע-ראָלם אַ פּרײַנט האָט אים געזען אַ דערשאָסענעם. מ׳האָט דערציילט, אַז ער האָט זייער טײַער דאָס לעבן אָפּגעגעבן... — לייזער האָט צוגעבויגן אַ ברעגעלע ליפּ און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

און דאך איז אפילו די דאזיקע שווערע יעדן נים אימשטאנד גע־וועזן אויסצולעשן זייער פרייד. געשוויגן א מינוט פארטראכטע, פארטיפטע איז דערמאנונגען צי אין טרויער, וואס האבן דאס הארץ שטיל ארומגע־נומען, האבן ביידע באלד אויפגעהויבן די אויגן און מיט ליכטנדיקער זיכערקייט פון צוויי פארליבטע א קוק געטאן איינס אפן אנדערן. די ליבע איז זיי איצט א טרייסט געווען אין אלץ.

זיי זיינען געגאנגען דורכן וואלד צו וואיטאסעס לאנקע.

— כ'וועל דיר באווייזן מיינע עלטערן! — האט אנעליע געזאגט.

לייזער האט צוגעשאקלט מיטן קאפ.

אנעליע האט זיך דערמאנט, נאך וואס זי איז, איינגנטלעך, געגאנגען צו זאגרודסקין און איילנדיק, ניט גאר אין קיין קלארן סיידער, מישנדיק די רייד מיט שמייכלען, גענומען דערציילן לייזערן וועגן די צוויי פליטים, וועלכע מע דארף אריבערפעקלען צו סאקאלן, וועגן דעם, אז איינער ווארט בא איר אין דער היים אף ענטפער און דער צווייטער — באם גזשיבאווער וואלד־וועכטער. לייזער האט געהערט, אלץ באנומען און ווי וועגן א זאך, וואס מע דארף איצט באזונדערס וועגן איר ניט זארגן, געזאגט:

— איך וועל זיי קאנען מיטנעמען, כ'פאר דאך אויך אין יענע ערטער.

— אך, אזוי.. נו, טאקע... — א שאטנדל פון טרויער איז דורך איבער אנעליעס אלץ נאך אויסגעבלייכטן געזיכט, נאר זי האט באלד פאר־טריבן עס מיט א טרייסל פונעם קאפ אינעם בלויען טיכעלע. זי האט נאר אנגענומען לייזערן בא דער האנט, ווי זי זאל אין דער רעגע אים ניט וועלן פארלירן.

— און ווו איז ראשעלע? — האט ער געפרעגט.

— נאך פון אנהייב פרילינג צוזאמען מיטן קינד — בא סאקאלן אין וואלד. זאלסט זען א מין שיין מיידעלע!

ווידער א צארטער, אויסדריקלעד־בענקענדיקער בליק אף לייזערן, א שמייכל, פון וואס באם יונג האט א קלעם געטאן דאס הארץ און טויב גענומען קלאפן אין ברוסט. ער האט פארשטאנען אנעליעס בליק, ארומ־גענומען זי פארן אקסל און צוגעדריקט צו זיך.

— אט זיינען מיינע! — האט אנעליע געזאגט דערפרייט, פונקט זי זאל זיך האבן דערשראקן פאר דער באוועגונג לייזערס.

צווישן די ביימער האט זיך דערזען א לאנקע, בא דער זייט, נעענטער צום וואלד, איז געשטאנען אן אויסגעשפאנטער וואגן מיט א פערדל, א צו־געבונדנס צו דער דראבינע. ווייטער, אינעם מיט זון פארגאסענעם גראז האט אן עלטערער פויער, א ביסל אן איינגעהויקערטער, אין א קאמזויל, אנגעשטרענגט געפאכעט מיט א קאסע, און א פויערטע אין א ווייס טיכל האט מיט א היי־גאפל אונטערגעהויבן דאס אפגעשניטענע גראז... לייזער האט פונוויינטנס זיך איינגעקוקט. דעם פויערס פאנעם איז ניט צו זען גע־ווען, ווייל ער האט דעם קאפ געהאלטן אראפגעבויגן און דעם דאשעק

אנגערוקט אפן שטערן. די פויערטע, וואס האט אוועקגעלייגט דעם היי־גאפל אפן אקסל, האט געקוקט אהער אין וואלד מיט א פארזארגט געזיכט — צי זאל זי האבן זיי דערזעז אין די קוסטעס, צי זי קוקט ארוים אף עמיצן.

— איז ווי, ארויסגיין צו זיי? — האט לייזער געפרעגט.

— כ'מיין, מע דארף ניט, שכיינים קאנען זיין ניט ווייט... כ'וועל צוערשט די מאמע א רוף טאן אהער.

— רוף, נאר ווי שטעלט מען זיך פאר?

— דער מאמען מעגסטו זאגן אלץ...

— וואס? — האט לייזער א שמייכל געטאן.

אנעליע האט שוין געשפאנט צום ברעג פון וואלד און בלויז א מאך געגעבן צו אים מיט דער האנט.

זי האט זיך אומגעקערט, פירנדיק נאך זיך די מאמע. דער היי־גאפל איז געבליבן אף דער לאנקע. זאכע וואיטאסאווא האט מיט ביידע צע־קארבטע הענט אין גאנג פאררוקט זיך די גרויליצבע האר אונטערן טיכל. לייזער האט נאך פונוויטנס, מיט א צארטן צאפל פון הארץ, געכאפט, ווי אנעליע איז ענלעך אף איר. פון דער אלטערס געזיכט האבן פונקט אנעליעס אויגן געקוקט אף אים, פארטרווילעד־וואכע, ליכטיקע. דאס מויל, — פונקט ווי בא אנעליען, מילד־געצייכנט, נאר ציין האבן דארט געפעלט און פאראומערטע קניטשן זיינען ארום אים געלעגן. ער איז איר ארויס אנטקעגן און אויסגעשטרעקט די האנט. א ביסעלע האט אים דעם אטעם פארכאפט. ער האט דערפילט אף זיך זאכעס ערנסטן בליק, אין זיינע אויגן איז אויך געווען ערנסטקייט און אויפריכטיקייט.

— לייזער קארשעווער.

זאכע האט גארנישט ניט געזאגט, בלויז א שאקל געטאן מיטן קאפ, דערנאך עפשער אין א מינוט ארום, ווען זי האט שוין אפגעלאזט זיין האנט, האט זי שטיל ארויסגערעדט:

— זייער אנגענעם.

זי האט נאך געשוויגן, געקוקט אף אנעליען, אפן מאן, וועלכער האט אלץ געקאסעט אף דער לאנקע, ווידער אריבערגעפירט דעם בליק אף לייזערן:

— איר זייט היינט געקומען?

— גלייך אין וואלד אריין, — ער האט טרויעריקלעך א שמייכל געטאן.

— און לאנג וועלן נאך יונגעלייט דארפן אומגיין אזוי אין די וועל־דער?

לייזער האט לויט איר פרעגעוודיק־פארזארגטן בליק פארשטאנען דעם טיפערן מיין פון דער דאזיקער פראגע.

— מיר וועלן יעדנפאלס פון וועג ניט אראפ. — ער האט א טראכט געטאן און צוגעגעבן, — און מיר נארן קיינעם ניט.

— זאָכע האָט פֿאַרשטאַנען זײַן ענטפֿער, אַף איר געזיכט האָט זיך באַוויזן אַזאַ זיכערקייט און רויִקייט.

— איך בין אײַך אַ פֿרײַנט, — האָט זאָכע געזאָגט.

אַנעליע האָט זיך געשטעלט לעבן לייזערן. די אַלטע האָט איצט געקוקט אַף זיי בײדן מיט פֿאַרליבטע אויגן. זי האָט אַ טיפֿן זיפֿץ געטאָן. נאָענט האָט אַ סאָלאָוויי אַ זונג געטאָן און אויפֿגעהערט. אַ טרוקן צווײַגעלע איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿונעם בוים, אַף וועלכן דער פֿויגל איז אַריבערגעפֿלויגן. אַנעליע האָט געזאָגט:

— כ׳וועל דעם טאַטן גײן אַ רוף טאָן, מאַמע.

זאָכע האָט ניט געענטפֿערט, זי האָט געקוקט אַף לייזערן און אַנעליען, ווי זי זאָל נאָך ניט אַלץ האָבן געזאָגט.

— ווו איר רוט, ווו איר שלאָפֿט, ווו איר עסט, איז דאָך ניט שײַעך צו פֿרעגן, — האָט זי פֿאַמעלעך אַרויסגערעדט, — אײַנלאַדן אײַך צו זיך — וועט איר דאָך אויך ניט קומען. אַוואַדע דאַרף מען עס ניט. זאָל אײַך יעזוס היטן, ווו איר גײט, אײַך און די כאַווײרים אײַערע. און ווען איר וועט געפֿינען פֿאַר נייטיק — קומט אין מײַן שטוב...

זי האָט זיך געזעגנט מיט אַ שאָקל פֿון קאָפּ. לייזער האָט איר אויסגעשטרעקט די האַנט, האָט זי מיט אירע פֿאַרהאַרטעוועטע צעקאַרבטע פֿינגער זי אַ דריק געטאָן.

— זײַ דאָ, טאָכטער, כ׳וועל מיכאַלן אַליין צושיקן. — האָט זי געזאָגט.

מיכאַל וואָיטאָס — דעם קאַשקעט אין האַנט, די שיטערלעכע העלע האָר צוגעקלעפּט צום פֿאַרשוויצטן שאַרבן, וואָס לויכט שוין ערטערווײַז אַרויס, — איז צוגעקומען צו לייזערן מיט אַן אויסדרוק פֿון קוים באַהאַלטענער אומצופֿרידנקייט אַפֿן געזיכט. די ציקאַוועסט איבער דעם, וואָס ס׳דערוואַרט אים דאָ, האָט ער אויסגעדריקט בלויז מיט איין זשעסט — מיט די פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט האָט ער זיך געקעמט די פּײַכטלעכע געקרײַזלטע האָר פֿון זײַן קורצן בערדל.

באַגריסט זיך מיט לייזערן אַזוי, אַז ניט נאָר זײַן קאָפּ, נאָר אויך די גאַנצע פּלייצע האָט זיך אַ בייג געטאָן, האָט ער געפֿרעגט:

— דאָס האָט איר געבראַכט אַ גרוס פֿון יאַן דוזשי?

לייזער האָט גלײַך געכאַפּט, אין וועלכער ריכטונג זאָכע האָט צוגעגרייט דעם מאַן, — און אַנעליע האָט אים נאָך פֿאַר דעם אַ שעפּטשע געטאָן: „רייד מיט אים וועגן דוזשין“, — דערפֿאַר האָט ער מיט גרייטקייט געענטפֿערט:

— יאָ, כ׳האָב אים נעכטן געזען...

— נו, וואָס מאַכט ער?

— געזונט און שטאַרק...

— אַזאַ גוטער מענטש און איז פֿון וועג אַראָפּ... — האָט מיכאַל

וואָיטאָס אַרויסגערעדט מיט אַזאַ טאָן, אַז מ'האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, צי פאַראורטיילט ער אַזוי דוזשין צי די, איבער וועלכע ער איז פון וועג אַראָפּ. — און איר זייט וואָס, מיט אים צוזאַמען דאָרט?

— עס טרעפט, אַז צוזאַמען.

— איר וועט אים מיסטאָמע איינגיכן זען?

לייזער האָט מעכאַניש אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. אין דער רעגע האָט ער זיך פאַרטראַכט וועגן מיכאַלן: איז דער אַלטער אים געפעלן צי ניט? — נאָר ער האָט ניט געוואָגט זיך געבן קיין ענטפער — ס'איז אַנעליעס פאָטער, זי האָט אים ליב, הייסט עס, אַז סאַפּעק, פאַראַן פאַר וואָס ער זאָל אים אויך אַכטן. פון אָט דער איינער באַגעגעניש וועלן זיי סיי־ווי איינער דעם צווייטן ניט פאַרשטיין.

— נו, גריסט אים... און מיר זיינען דאָ אויך שטאַרק פאַרנומען — היי־שניט, זאָל יעזוס נאָר געבן קויכעס, און באַלד וועט דאָס ביסל ווייץ שוין פאַרטיק ווערן... דער שעד זאָל עס נאָר ניט פאַרנעמען פון שייער, דער דייטש... וועסט באַלד צוקומען, טאַכטערקע? — ער האָט איינגעהאַלטן־שטרענג אַ קוק געטאָן אויף אַנעליען.

— באַלד, באַלד, טאַטע...

דער אַלטער איז אַוועק. אַרויס אויף דער לאַנקע, האָט ער ווידער אָנגעטאָן דעם קאַשקעט און גענומען שאַרפן די קאָסע. שאַרנדיק דאָס צוגע־טריקנטע היי מיט דעם היי־גאָפּל, איז זאַכע צוגעגאַנגען צו אים.

— נו? — האָט זי געפרעגט.

— וואָס נו? האָסט דאָך נאָך פריער געזאָגט — אַ גרוס פון יאַנעקן...

— יאָ, אָבער דער מענטש אַליין?

— וואָס איז מיר דער מענטש — אַז אייגענער? ער וועט מיר כאָטש העלפן איין האַנט אַראָפּקאָסען, צי ער וועט יאַנס ווייב מיט די קינדער כאָטש איין פורל האָלץ צופירן אויפן פאָלוואַרק, וועט זיי מאַטערן זיך?... אַנעליע פאַטערט דעם אינדערפרי, און צו דער סאָמע היץ וועט זי קומען אַרבעטן...

זאַכע האָט זיך דערפילט געטראָפן:

— אויף יאַנס ווייב און קינדער גיט מען שוין אַן דיר אַכטונג, — האָט זי מיט ביטערקייט געזאָגט, — עד, מיכאַל, מיכאַל, וויטער ווי דיין קאָסע פאַרכאַפּט, זעסטו גאָרנישט... און עפּשער איז דער־אָ מענטש, אָט דער באָכער — דאָס גליק דיינס?

מיכאַל האָט אויפגעהערט פירן מיטן שאַרפשטיין איבער דער קאָסע. דער שטאָלענער קלונג איז ווי הענגען געבליבן אינדערלופטן. אומרויק און פאַרלוירן האָט דער פויער געקוקט אויפן ווייב:

— דאָס גליק מיינס?...

.5

אַנטעק האָט זיך באַוויזן אַף דער היי־לאַנקע, ער איז צו צום פּאַ־טער, און יענער האָט אַ טײַט געטאָן אַפּן וואַלד. אַנעליע האָט געזאָגט:

— מײַן ברודערל.

אין צוויי מינוט אַרום איז אַנטעק שוין קימאַט געלאָפן צום קוסט, וווּ אַנעליע און לייזער זײַנען געשטאַנען. דעם ייִנגלס געזיכט איז געווען שטאַרק פאַרזאָרגט. ער האָט שווער איבערגעכאַפּט דעם אָטעם. אַנעליע האָט אויפגעהערט שמייכלען.

— עפּעס איז געשען?

אַנטעק האָט מיט אַ האַסטיקן בליק פון די הייסע בלויע אויגן אָפּגע־מאָסטן לייזערן, און אין איין אָטעם אַרויסגערעדט:

— מענטשן וואַרטן אַף דיר, אַנעליע...

— ווו?

דאָס ייִנגל האָט פאַרדעכטיק געקוקט אַף לייזערן, אַנעליע האָט מיט פאַרדראָס אַ קרים געטאָן די ליפּ.

— קאָנסט זאָגן אַלץ. ווער רופט מיך?

אַנטעק האָט ראַשיק געאָטעמט, אַף זײַן קורצן נעזל איז שוויים אַרויס־געטראָטן:

— דער באַכער, וואָס איז נעכטן געקומען, און אַדאַם, דעם גזשי־באָווערס זון... דאָ זײַנען זיי, באַם וועג...

— ס'האָט זיך עפּעס געטראָפן?

— פאַליציי האָט פאַרנומען דעם צווייטן כלאָפּאַק, וואָס איז אין וואַלד געבליבן.

— פיר די מענטשן אַהער! — האָט לייזער זיך אָנגערופן.

דאָס ייִנגל איז אַוועקגעלאָפן. לייזער און אַנעליע זײַנען דורך די קום־טעם אַוועק נעענטער צום וועג.

אַדאַם גזשיבאָווסקי האָט מעווייניש באַקוקט לייזערן פאַר דעם, ווי נעמען דערציילן, וואָס ס'איז אין וואַלד געשען. לייזער האָט, זעט אויס, באַ אים אַרויסגערופן אָפּשיי, ווייל ער האָט מיט גרויס פלײַס, דעטאַל אויסדערציילט, ווי אַזוי מ'האָט דעם יונג פאַרנומען. צו דעם, וואָס איז שוין באַוווּסט געווען, האָט מען פון זײַנע אַלע רייד געקאָנט צוגעבן נאָך דרײַ פאַקטן: פאַרהאַלטן האָבן דעם סאָוועטישן קריגס־געפאַנגענעם צוויי היגע פאַליציאַנטן, וואָס באַוואַכן דעם געהילץ־זאַוואָד; אַוועקגעפירט האָבן זיי אים ניט אין פאַוויאַט, נאָר צום זאַוואָדל, ווו מע קאָן אים האַלטן אין אַ קאַמער, ביז עס וועלן אַרויסגערופן ווערן דײַטשן; דער יונג האָט זיך פון סאַמע אָנהייב ווידער פאַרשטעלט פאַר אַ טויב־שטומען, און אַזוי קונ־ציק דאָס געטאָן, אַז ווען ער, אַדאַם, זאָל אים ביז דעם ניט געווען הערן רײדן, וואָלט ער בעשום־אויפן ניט געגלייבט, אַז יענער איז ניט שטום...

— און אַ סאַך פּאַליציאַנטן באַוואַכן דעם זאַוואָד? — האָט לײזער געפֿרעגט.

— ווי, עפּשער נאָך צווײ...

— און אַ טעלעפֿאָן איז דאָרט פֿאַראַן?

— נײן מיסטאָמע, און עפּשער יאָ...

— איר זײַט געקומען וואָרענען דעם צווײטן יונג, ער זאָל ניט גײן אין וואַלד?

— יאָ, פֿאַניע... און עפּשער נעמען די ציגײַנעריש, וואָס אַרעסט האָט, אַז זײ זײַנען פֿויזנער... עפּשער פּרוּוון זי באַווײַזן די פּאַליציאַנטן...

— וועלן זײ דאָך זוכן דעם דאָזיקן צווײטן און פֿרעגן, וווּ איז ער?

— יאָ, זײ קאָנען זיך נעמען טשעפּען צו אים אויך...

לײזער האָט פֿאַרדראָסיק געריבן מיט דער האַנט דעם שטערן. נו, יאָ, עפּעס מוז ער פֿאַרנעמען, און טאַקע דרינגענדיק. די איבערגעגעבנקײט און געווויסע טעמפּלעכע פֿאַרלאָרנקײט, וואָס האָט זיך געפֿילט אין אַדאַמס פּראָסטן ברײטן געזיכט, האָט לײזערן געשטערט אָנכאַפּן דאָס פֿעדעמל פֿונעם געדאַנק, וואָס האָט זיך שוין געדרײט אין קאָפּ. ער האָט אַ קוק געגעבן אויף אַנעליען. זי איז געשטאַנען אַ בלאַסע און מיט האָפֿענונג געקוקט אויף אים. לײזער האָט אָנגענומען אַ באַשלוס.

— איר וועט בלײַבן דאָ, — האָט ער זיך געווענדט צו אַרעסטן (אַ קוים מערקבאַרער נײַג מיטן קאָפּ אין דער זײַט פֿון זאַגרודסקיס שטוב און אַן אויסדריקלעכער בליק אויף אַנעליען באַטײַט, אַז זי דאַרף אים אַהין אָפּפֿירן), — און איך, גזשיבאָווסקי, וועט שוין אויסקומען העלפֿן ביזן סאָף דערפֿירן די זאַך... איר וועט קאָנען אינמיטן באַטאָג דורכן וואַלד און באַלקעלעך דורכפֿירן צום זאַוואָד עטלעכע רײַטער אַזוי, אַז קײן לעבעדיקער נעפֿעש זאָל ניט באַמערקן? איר וועט זיך אויך זעצן אויף אַ פֿערד...

באַמערקט אַ ניט זיכער פֿײַערל, וואָס האָט אויפֿגעצאַפּלט אינעם יונגן גזשיבאָווסקיס אויגן. האָט לײזער שטרענג צוגעפֿגעדריקט די ברעמען, באַפֿוילערישע האַרטקײט אויסגעדריקט אויפֿן געזיכט:

— דאָ איז נאָענט פֿאַראַן אַ פֿאָלוואַרק?

— דער מאַזאָווצער, דרײַ קילאָמעטער אין אַ זײַט, — האָט אַנעליע אונטערגעזאָגט.

— דאָס איז גוט... מיר וועלן ניט זײַן אַזעלכע, ווי איר זעט מיך, — האָט ער שוין עטוואָס ווײכער געזאָגט צו גזשיבאָווסקין, — פֿינף כלאָפּאַקעס באַרוועסע, מיט פֿאַרקאַשערטע פּלודערן, זוכן אין וואַלד דרײַ בעהיימעס, וואָס זײַנען פֿון פֿאָלוואַרק אַוועק... מער ניט... אַז עס וועט קומען צו דער רעכטער אַרבעט, וועלן מיר אײַך אַפֿילע אָפּלאָזן... כ׳פֿאַרשטײ — אַ היגער מענטש דאַרף זיך אין דעם ניט מישן.

— אָט דאָס איז דאָך עס! — האָט אַדאַם זיך אַ כאַפּ געטאָן און אויפֿגעלײגט אַ קנײטש געגעבן מיט די אַקסל. אין זײַנע אויגן האָט שוין

ווידער געשײַנט דער אפשײַ, מיט וועלכן ער האט פריער געקוקט אף לייזערן.

פאר דעם, ווי אוועקגיין מיט אדאמען אין וואלד, האט לייזער אפגע־פירט אנעליען אין א זײַט:

— כ'וועל דא נאך שטיין אין וואלד ביז מארגן אינדערפרי, כ'ווארט אף א פארבינדלער פון סאקאלן. ווו קאן איך דיך הײַנט אין אוונט זען?

אנעליע האט געקוקט אין א זײַט. איר געזיכט, א שיינס, א צארטס, אן אויסגעבלייכטס, איז געווען טרויעריק־פארקלערט, די ליפן האבן זיך עטוואס געקרימט:

— וועסט אליין אויך פארן? — האט זי שטיל געפרעגט, ווי זי זאל אי פרעגן אי באשטעטיקן.

לייזערן האט גערירט דאס, וואס זי האט אין דער רעגע געפילט. קיינמאל האט ער אנעליען נאענט לעבן זיך ניט געהאט, לאזנדיק זיך אין א געפאר. ער האט בלויז דערמאנען זיך געקאנט אין איר, און אמאל — וואס עמעס איז עמעס — אפילע ניט דערמאנט זיך אין איר אויך.

— זײַ אף דעם זעלבן ארט פארנאכט! — האט ער געזאגט און מיט ביידע הענט שטארק געדריקט איר האנט, א קאלטע אין אט דעם זומערדיקן אינדערפרי.

פון גזשיבאווסקים שטוב ביזן געהילץ־זאוואדל אין וואלד איז געווען א קילאמעטער פיר. ליאניע איז געגאנגען פארויס, דעם קאפ אראפגעלאזט, די הענט אף הינטן פארלייגט. דרײַ שפאן נאך אים זײַנען געגאנגען צוויי פאליציאנטן, מיט ביקסן אף די אקסל. די פאליציאנטן האבן איינס דעם אנדערן דערציילט, ווי מ'האט נעכטן פארבראכט. באזונדערס א סאך האט גערעדט איינער — דער העכערער, מיט סטארטשענדיקע אויערן, וועלכן דער אנדערער האט גערופן אמאל וולאדיסלאוו און אמאל כאמוט. דער דאזיקער וולאדיסלאוו האט, ווײַזט אויס, גרויס האנאע געהאט פון דעם נעכטיקן אוונט, ווײַל ער איז זיך אלעמאל פארגאנגען אין א געלעכטערל, און קימאט נאך יעדער פראזע באנוצט די ווערטער „פסיא קרעוו" מיט א באזונדערן פארגעניגן...

פאר דעם, ווי אריבערקלײַבן זיך איבער ניט קיין גרויס וואלד־ריטש־קעלע, האבן די פאליציאנטן זיך אפגעשטעלט. מע האט א רוף געטאן ליאניען, ער זאל בלײַבן שטיין, אבער ער איז זיך געגאנגען ווײַטער, אפילע דעם קאפ קיין קער ניט געטאן.

— ניעמי, פסיא קרעוו! * — האט א געשריי געטאן וולאדיסלאוו, צוגעלאפן און אנגעכאפט ליאניען פארן אקסל. דא האט דער יונג זיך אפגעשטעלט און טעמפ זיך ארומגעקוקט.

די פאליציאנטן האבן זיך געטאן, וואס זיי האבן געדארפט.

---

* שטומער, דו, הינטיש בלוט!

— טשעבא גא זאשטשעליטש! * — האט געזאגט וולאדיסלאוו צום כאוועך, קוקנדיק מיט א בייזן האנאָע־שמייכל אף ליאָניען, ווי איי־נער זאָגט: אָנו, דו פאַרשטייסט, וועגן וואָס דאָ גייט?...

ליאָניע האָט גוט פאַרשטאַנען די דאָזיקע פּוילישע ווערטער, נאָר אף זיין געזיכט האט קיין איין מוסקול קיין ציטער ניט געטאָן, ער האט מיט דער האַנט רויק אַראָפּגעטריבן א פליג, וואָס האט זיך אים געשטעלט אפן שלייף.

— ניע, אַטדאַמי גא ניעמצאָם!...** — האָט דער צווייטער געזאָגט.

מע האָט געדרייט ציגאַרן, האַלטנדיק די ביקסן אַראָפּגעלאָזט מיט די קאָלבעס אף דער ערד. דער קלענערער, מיטן בלאָסן פויגל־פּענעמל און גאַנץ שיינע אויגן, האָט, האַבנדיק שוין דעם ציגאַר אין מויל, צוגעדריקט די ביקס מיטן עלנבויגן צו דער זייט און, ביז וולאדיסלאוו האָט געריבן די צינד־מאַשינקע, אף שטום־לאַשן באַוויזן ליאָניען מיט ביידע הענט זיך אף די אַקסל, וואָס דאָס האָט געמוזט באַטייטן פּאַגאָנעס, דערנאָך וואָזשנע זיך אָנגעבלאָזן, צוגעטראָגן א פינגער צום שטערן און אַרויסגערעדט:

— פּוף!

ליאָניע האָט האַסטיק גענומען דרייען מיטן קאָפּ אף ניין. זיין געזיכט האָט אויסגעדריקט פאַרגלייבטע רויקייט — דאָס קומט אים ניט.

— ניעכצע! *** — האָט דער פּאָליציאַנט אַרויסגערעדט א ביסל ווי פאַרכידעשט.

ליאָניע האָט מיט גאָר טרויעריקע אויגן געקוקט אפן יונגן פּאָליציאַנט, אפן בייזן וולאדיסלאוו, דערנאָך ווידער אפן יונג. ער האָט אויסגעדריקט שמומען געבעט. ענדלעך האָט ער זיך ווי אַנטשלאָסן, געוויזן מיט צונויפ־געלייגטע פינגער אף די ליפּן, א בלאָז געטאָן, ווי ער זאָל רויך אַרויסלאָזן.

דער יונגער פּאָליציאַנט האָט זיך צעלאַכט, באַוויזן מיט דער האַנט אפן האַלדז און געמאַכט אַזא באַוועגונג, ווי מע הענגט — ס'הייסט, דיך דערוואַרט אַזא זאַך, און דו ווילסט נאָך רייכערן...

ליאָניע האָט קוים־קוים געשאָקלט מיטן קאָפּ און דאַרשטיק געקוקט אפן ציגאַר. דער יונגער פּאָליציאַנט האָט אונטערגעכאַפּט די ביקס פאַרן רימען, געמאַכט צוויי טראָט צו ליאָניען און אויסגעשטרעקט אים דאָס בלעכענע טוטין־פּודעלע. אין איין אויגנבליק האָט ליאָניע א כאַפּ געגעבן דעם פּאָליציאַנט פאַר דער האַנט, מיט קוויעך א צי געגעבן אים צו זיך. יענער האָט ניט באַוויזן א געשריי טאָן, ווי ער איז שוין געווען אַנטוואָפנט. דער צווייטער פּאָליציאַנט האָט א מעוווּלוועלער געקוקט אף דעם, ניט וואַגנדיק זיך א קער טאָן, די ביקס־רער האָט דראָענדיק זיך אָנגעשטעלט אף אים, דער שלאָס האָט א קליאַמצע געטאָן. ליאָניע האָט שטוב באַוויזן מיט די אויגן, יענער זאָל אָוועקוואַרפן דאָס געווער, אַליין אָפּגעטראָטן

* מע דאַרף אים דערשיסן.

** ניין, מיר וועלן אים אָפּגעבן די דײַטשן.

*** ער וויל ניט.

א שפאן צוריק, קעדיי קאנען צילן אין בײדע פאליציאנטן. װלאדיסלאװ האט אפגעלאזט דעם רימען פון זײן ביקס, זי האט גענומען פאלן, אליין איז ער אפגעגאנגען פון איר אין א זײט.

— הו! — האט ליאניע א ברום געטאן און א טופע געגעבן מיט דעם פוס. די פאליציאנטן האבן, ניט אומקוקנדיק זיך, גענומען לויפן.

אין א פאר שעה ארום האט ליאניע, שוין אפן צװייטן עק װאלד, דערהערט, אז עס פארן רײטער. לויפן איז ניט געװען װוּהין, האט ער זיך פארקליבן אינעם ביימער־געװאלגער און אנגעגרייט בײדע אנגעלאדענע ביקסן. דורך די צװײגן האט ער דערזען אדאם גזשיבאװסקין אף א פערד און נאך עטלעכע פראסטע פויערשע יונגען, און פארשטאנען, אז ס׳איז ניטא װאס צו באהאלטן זיך פון זיי.

.6

לייזער האט געװארט אף אנעליען. ער האט געפילט, אז ער האט פארלוירן די הערשאפט איבער זיך, און דאס האט אים געארט. װי א האסטיקער שטראם זאל אים אונטערכאפן און טראגן װער װײס װוּהין, און אט דער שטראם זײנען זײנע געפילן.

א פיבער האט אים אלעמאל באהערשט. אט האט א היים, א געדיכטס דאס בלוט האסטיק געשפארט אין די אדערן, אז ס׳האט אים דער אטעם פארכאפט, און אט איז עס געלאפן אזוי לאנגזאם, אז אים האט געדוכט, די אדערן זײנען אינגאנצן פוסט. אנעליע איז אלץ ניט געגאנגען. עמעס, ער איז געקומען פרי. ניט געטראכט גאר אזוי שנעל זיך אפפארטיקן. לייזער צװינגט זיך טראכטן װעגן דעם באכער, װעלכן מ׳איז געפארן ארויסראטעװען און געטראפן אים אין װאלד שוין א פרײען. א כװאט. בעפײערש א װירדיקער כאװער יערוכעמס. נאר בלײבן אין רײטער־אטריאד האט ער ניט געװאלט. „יעדער שפאן מײנער, װען איך בין פרײ, דארף זײן אין דער ריכטונג צו מײן היימלאנד". — „איז דען ניט אלצאיינס אף פוילישער צי אף רוסישער ערד שלאגן דעם סוינע?" — האט לייזער אים געפרעגט. „נײן, איך מוז גײן. די רויטע ארמיי װעט קומען אײך העלפן, און איך װעל דעמאלט אויך קומען מיט דער רויטער ארמיי, אויב א קויל װעט מיר דעם װעג ניט פארלויפן". און ער איז אװעקגעפארן מיט דער ערשטער פאר־בינדונגס־גרופע צו סאקאלן, קעדיי פון דארטן זיך אװעקלאזן װײטער. זיך און דעם כאװער באװאפנט, ארויף אף פערד — און אין װעג.

דעמיאן גראבאר און אט די דאזיקע... װאס פאר א װונדער־לאנד דארף זײן דער סאװעטנפארבאנד, אויב די מענטשן זײנען דארט אזעלכע... מײער סאקאל... מארגן װעט מען זיך שוין זען... און ראשעלע מיט איר נעבאמקע — נאך נעבע בײביק א נאמען... טאקע רעכטס... און ער, און אנעליע... און װידער טראכט ער בלויז פון דעם, צי אנעליע גייט שוין, שטעלט זיך לעבעדיק פאר, װי זי קלײבט זיך דורך צװישן

די גערטענער. און דער פֿיבער לויפֿט און לויפֿט דורך זײַנע אָדערן.

ער שפּאַרט זיך צו מיט אַן אַקסל צו אַ בוים און לייגט צונויף די הענט אַף דער ברוסט. וואָס וויל ער — דאָס האַרץ צופּרעסן, ס'זאָל ניט קלאַפּן? ער מאַכט צו די אויגן און זעט דעם מאָרגן, דעם ווײַטן מאָרגן, פֿאַר וועלכן ער קעמפֿט, צוליב וועלכן ער געפֿינט זיך אין די וועלדער מיט יונגען, דער מאָרגן, צוליב וועלכן גורל האָט אים אַף די פּלייצעס געטראָגן באַנאַכט דורך אַ פֿינצטערער שטאָט, צוליב וועלכן יערוכעם האָט גראַנאַטעס געוואָרפֿן אַף אַ וואַרשעווער גאַס און געבליבן דאָרט אַ דער־שאָסענער — אַ שיין לעבן וועט זײַן, אַ גרויס און אַ פֿרידלעכס, און וועמען דו האָסט ליב — איז האָב דיר ליב, און באַ וואָס דו ווילסט — ווענד אָן דײַן פֿאַרשטאַנד און דײַנע הענט... און וואָס דיר איז טײַער, זאָל דיר טײַער זײַן... אַנעליע... ניין, אַפֿילע טרוימען קאָן ער איצט ניט!

אַ ווײַטער שאָרך. נאָדלען גיבן אַ לויף איבער לייזערס לײַב. נאָך אַ שאָרך, נעענטער, אַזאַ לײַכטער און ליבער. אַזוי קאָן טרעטן, אַזוי קאָן שוועבן איבער דער ערד נאָר אַנעליע. דאָך גיט ער זיך אַ שטעל פֿון יע־נער זײַט שטאָם, די האַנט וועט צוגעזאָטן צו דער קעשענע. עס טוט זיך אַ וויג אַ קוסט, און עס וואַקסט ווירקלעך אויס לעבן אים אַנעליע. זי שטייט אומבאַוועגלעך אין עפּעס אַ העלס, וואָס איז איר אַף די אַקסל אַרויפֿגעוואָרפֿן, לײַכט פֿאַרוועבט אינעם גרינעם אָוונט. לייזער קוקט אַף איר אַזוי אַ רעגע און רירט זיך ניט פֿון אָרט. ער איז פֿאַרגאַפֿט פֿון דעם, וואָס ער זעט זי אַזוי נאָענט, פֿאַרפּלייצט פֿונעם גליק, וואָס איז אים אויסגעפֿאַלן, און עפּעס האָט ער אויך מוירע... נאָר באַלד גיט ער אַ טרייסל אָפּ פֿון זיך ווי אומנוצלעכע פּענטעס די דאָזיקע אַלע געפֿילן און גייט אַרויס פֿון הינטערן בוים.

שטיל לייגט אַנעליע אים אַוועק די הענט אַפֿן אַקסל, טוליעט זיך צו צו אים און שווײַגט, ביז ער קושט זי.

דערנאָך גייען זיי איבערן וואַלד, ווי זיי האָבן דאָס אַמאָל ליב גע־האַט טאָן ביז דער מילכאָמע — צונויפֿגעקלאַמערט די קליינע פֿינגער פֿון די הענט. אָט איז די ערד אַ פֿאַרשטילטע, און זיי זײַנען אײַנצווייען. ליכ־טיקע שטערן ווערן געבוירן אינעם גרינעם הימל, פֿינקלען מילד. וויפֿל איז ווערט אָט די שאָ? זיי ריידן גאָר שטיל, אַנעליע און לייזער. נאָר זיי וואָלטן געקאָנט אויך שווײַגן, און עס וואָלט זיי אַלציינס גוט געווען.

אָט זאָגט אַנעליע:

— ווייסט, לייזערקע, וואָס איך טראַכט אַמאָל? ס'איז שוין ניט אַזוי לאַנג צו וואַרטן אַף דעם טאָג, ווען מיר וועלן ווידער קומען אין יאַגעלאָנער אוניווערזיטעט: איך — אין מײַן אווידיטאָריע, דו — אין דײַנער. דער אַלטיטשקער פּראָפֿעסאָר זאַדאָרעצקי — אויב די דײַטשן האָבן אים ניט דערהאַרגעט — וועט אַרויס צו דער קאַטעדרע און מיט זײַן ווייכער שטים זאָגן: „נו, פּאַנאָוויע, אָדער — נו, אַביוואַטעליע, האָבן מיר זיך אָפּגע־

שטעלט מיט אײַך״... און ער וועט עפּעס ווידער אָנהייבן דערציילן וועגן גריכנלאַנד צי רוים... נאָר זײַן וועט די צײַט אַן אַנדערע, אונדזער לאַנד — אַ נײַ לאַנד, און מיר אַליין אויך אַנדערע...

זי טראַכט אַ ווײַלע, קוקט זיך אײַן אין וואַלד!

— אַ, מע וועט אַ היפּש ביסל יוגנט אַוועקזעצן זיך לערנען. אַ ווערטעלע אויסריידן, וויפל פּעדאַגאָגן אַליין מע וועט עס דאַרפן פאַר די שולן, וואָס וועלן אין יעדן דאָרף געעפנט ווערן! וועז האָט עס פוילן געוווּסט פון אַזעלכעס? הײַנט דאָקטוירים! הײַנט פאַרשיידענע אינזשעניערן, אַגראָנאָמען! עס פאַרכאַפּט אַזש דעם אָטעם, כ׳קוק אַמאָל אַפן קליינוואַרג, וואָס לויפט אום באָרוועס אין אונדזער גאָרליטשינאַ: צי קאָן דען ווער אַזאַ שנעק, וואָס פאַר אַ שיין לעבן עס וואַרט דעם געגרייט?... אָנו, טרעפט, מיט וואָס כ׳האָב זיך אָנומלט פאַרנומען? כ׳האָב אַלע מײַנע קאָנספּעקטן פון צווייטן קורס דורכגעקוקט. שאַ, און דו האָסט דײַנע קאָנספּעקטן?

לייזער טוט אַ קנייטש מיט די אַקסלען:

— זיי זײַנען פאַרברענט געוואָרן.

זי טוט ביז ווייטיק אַ פּרעס צונויף די פינגער. עס פאַרדריסט איר, וואָס זי האָט גאָר געפרעגט וועגן דעם. און לייזערן קומט גראָד איצט אײַן געדאַנק, אַז ער טראַכט זעלטן וועגן זײַנע לערן־יאָרן. עפּשער דערפאַר, ווײַל ער איז אַזוי ווײַט אַוועק פון יענער צײַט.

מע שטייט בײַ אַ וואַלד־ריטשקעלע. אַ סאַווע פליט צווישן די קוסטעס. עפּשער וויל די סאַווע טרינקען? מע וועט זיך צוזעצן בײַם ברעג און שווײַגן, עפּשער וועט דער פויגל טאַקע זיך אַראָפּלאָזן טרינקען. אַנעליע שפּרייט אויס דאָס סעקל, וואָס זי טראָגט אַף די אַקסל, און מע זעצט זיך צו אַף דעם. ס׳איז איר קיל געוואָרן, טוליעט זי זיך צו לייזערן. זי פיבערט עטוואָס. נאָר אין לייזערן האָט זיך דער פיבער אײַנגעשטעלט. אַ הייץ שלאָגט פון אַנעליעס פּאָנעם. איצט קושט זי אים. אַנעליע קושט אים, איז עס ווי אַ כוואַליע זאָל אים אונטערכאַפּן און טראָגן. דער אָוונט איז שטיל און גרין, און עפּעס איז טאַקע אַ קאַפּעלע טרויעריק דאָ אין וואַלד. אַנעליע נעמט אַראָפּ דאָס טיכעלע פון קאָפּ און באַווײַזט לייזערן, ווי די האָר זײַנען בײַ איר אונטערגעוואַקסן. ווייכע לאָקן פאַרשטעלן שוין די אויערן און לאָזן זיך פון הינטן אַראָפּ אַפן האַלדז. לייזער שויבערט אירע האָר, לאָזט צאַרט דורך צווישן די פינגער די לאָקן, אַזוי נאָענט איז איר פּאָנעם, — די אויגן שײַנען קוים, די גלײַכע ציין לויכטן, פּונקען שיטן זיך אַזוי ווי פון אירע האָר...

זי זאָגט:

— ווײַ, ווען כ׳האָב דערזען, אַז די האָר פאַלן מיר אויס! אַזאַ טויט — די גאַנגרענע — גרויווער געווען. נאָר די האָר פאַלן אויס זשמעניעסווײַז! אַז עק — האָב איך געטראַכט — לייזער וועט מיך שוין ניט ליב האָבן. און

ראַשעלע זאָגט: „וואָס רעדסטו, נאַרעלע, דו קאָנסט ניט לייזערן"... נאָר כ'האָב דאָך אַף זיך אַליין ניט געקאָנט קוקן אין שפּיגל!

לייזער דריקט זי שטאַרקער צו, און זיי זיצן, אַ רעגע שווײַגנדיק. ערגעץ שרײַט די סאָווע, שוין ווײַט. אַזאַ בענקעניש איז אין אָט דעם געשריי. לייזער פרעגט:

— שאַ, האָסט נעכטן קיין פּלעמל ניט געלאָזט איבערן טײַך?

— כ'גליייב אָן דעם אויך אין דײַן ליבע...

נאָר איצט ווילן זיי שוין מער ניט זיצן אַזוי, זיי ווילן אומגיין, און אפילע ניט אומגיין — יאָגן. ווען אַנעליע באַהאַלט זיך ערגעץ און לייזער זאָל זי דאַרפן זוכן! לייזער וויל זי נאָר אויפהייבן אַף ביידע הענט. און ער הייבט זי טאַקע אויף, טוט זיך אַ שטאַרקן דריי מיט איר אַף איין פוס. אוי, וויפל קויעך ער האָט! דער קאָפּ דרייט זיך בײַ אַנעליען. זיי גייען איבערן וואַלד, אַליין ניט צו וויסן וווּהין, און זי לענט זיך אָן אין זײַן האַנט.

— קאָנסט לאַנג בײַ מיר דאָ זײַן? — פרעגט ער, און דער אָטעם פאַרכאַפּט בײַ אים ווידער.

— לאַנג, עפּשער ביז אינדערפרי... איך שלאָף דאָך איצט אַפן בוידעם...

ער קוקט זיך שטאַרק אײַן אין איר. ער וויל אין דער פינצטערניש פאַרשטיין, וואָס אירע אויגן דריקן אויס. נאָר ער זעט בלויז איר רויק געזיכט. און זי, צי זעט זי, ווי זײַן געזיכט פלאַמט? זי צעשמייכלט זיך שטיל. דאָס איז האַסקאַמע. ער וויל זען איר שטוב, איר הויף, די גאַס, אַף וועלכער זי וווינט. ער האָט אין זײַן טרוים אַ שוואַלבן־נעסט איר אויסגעבויט.

— און ס'איז דען ניט שרעקלעך פאַר דיר צו גיין אין דאָרף?

— שרעקלעך צי געפערלעך?

— געפערלעך...

— אין געפאַר לעבן מיר... און אַגעוו פיר אַזוי, עס זאָל קיין געפאַר ניט זײַן...

מע גייט. אָט איז די לאָנקע, וווּ אַנעליעס עלטערן האָבן באַטאָג געקאָסיעט היי. צוויי טונקעלע סקירדעלעך הייבן זיך דאָ. דער רייעך פון היי — ווי פאַרשיקערנדיק ער איז. אַנעליע שטעלט זיך דאָ אָפּ און אָטעמט, אָטעמט טיף.

אָט אַזאַ איז זי, אַנעליע, זײַן טרוים, זײַן ליבע — אַ שטיק בליִענדיקע לאָנקע, אַ פרישער זוּיבערער קוואַל, ניט אַנצוזעטיקן זיך. וויפל פאַרבאָרגענע קרעפטן און זאַפטן עס פילן זיך אין איר שטענדיק!

און אָט איז דאָס דאָרף, אַ פאַרשטילטס אין דרימל, אײַנגעהילט אין שאָטנס פון הויכע ביימער, סאָנעשניקעס, קוקורוזע. דער קאָסטיאָל הייבט

זיך באַם וועג, און די לעוואָנע זילבערט פון איין זײַט דעם פאַרשפּיצטן טורעם.

דאָס־אַ געוויינלעכע שטיבל מיט דער צוגעבויטער שטאַל, אַרומגערינגלט מיט אַ שיטערן לאָזע־פּלויט, צו וועלכן מע קומט אַרויס דורך אַ גאָרטן און אַ קליינעם סעדל — איז אַנעליעס היים. פּוילע עפּעלעך, גאָר קליינע. ליגן אין גראָז, און לייזער צעקוועטשט זיי מיט זײַנע שטיוול. אַנעליע לייגט צו אַ פינגער צו די ליפּן און באַווײַזט אים, ער זאָל גיין שטיל. מ׳איז שוין אין פירהויז, מע הייבט זיך אויף איבער אַ לייטער אַפן בוידעם. דאָ איז טונקל. די גרינע צוויבער־נאַכט איז געבליבן ווי אַ שוימער באַ דער שוועל. עס שמעקט דאָ מיט פעל, מיט געטריקנטן טאַבעק און מאָז. און איבער אַלץ — דער גערוך פון היי, אַזאַ געזונטער און רעגנדיקער.

אַנעליע גייט עטוואָס אַ געבויגענע פאָרויס, זייער געהיט, און לייזער גייט איר נאָך אויך אַזוי געבויגן. זיי האַלטן זיך פאַר די אויסגעשטרעקטע הענט. וועלכע סוידעס ווערן איינס דעם אַנדערן געזאָגט דורך יעדער באַוועגונג זייערע איצט? אַנעליע טוט אַ שטילן לאַך, ווען לייזער זעצט זיך ניט דאָרט, ווו זי האָט אים געוויזן, אַף דער אויסגעשפּרייטער קאָלדרע, נאָר גלײַך אין היי, אין וועלכן ער וואַלגערט זיך דורך. ער רוקט זיך איבער צו איר. מע שווײַגט. אונטן שלאָפט דער פאָטער, און די מוטער און אַנטעק. אַרום — אַ שלאָפנדיקע, נייַן — אַ וואַכע וועלט. וויפל וועגן זײַנען דורכגעגאַנגען געוואָרן, ביז מ׳איז געקומען אַהער?...

קאַיאָר האָט אַנעליע אַרויסבאַגלייט לייזערן ביז גאָרליטשינער וואַלד. דאָ האָט ער צוויי מאָל אַ שטילן פײַף געטאָן. אַ יונג האָט אַרויסגעפירט צוויי פערד — אַ שוואַרצס און אַ בולאַנע. לייזער האָט גענומען פאַרן צוים דאָס בולאַנע.

— פאָר, פאָר, מוישקע, — האָט ער געזאָגט, — באַלד דעריאָג איך דיך!

דער יונג האָט לײַכט אַ טאָרע געטאָן מיט די אָפּצאַסן דאָס פערד אין בויך.

לייזער האָט אַרומגענומען אַנעליען. זי האָט געקוקט אַף אים מיט טרוקענע אויגן. איר בלאַס געזיכט איז ווי פאַרשטיינערט געווען. וואָס זי האָט פאַרבאָרגן אין דער נעשאָמע, האָט זי איצט ניט גענדאַרפט ווײַזן. לייזער האָט עס אַלציינס איבערגעלייענט.

— נו, פאַרבלײַב געזונט!

— פאָר געזונט!

און אַזוי איז ער אַוועקגעריטן אונטער די צווײַגן פון פאַרשטילטן וואַלד, וועלכן די ווײַטע זון האָט שוין קוים־קוים באַגילדעט באַ די קרוינען. ער איז פעסט און שטאַלטנע געזעסן אין זאָטל, עטוואָס געהויבן די אַקסל אין טאַקט פון לאַנגזאַמען געלאָף. ער איז געפאָרן אַף מיזרעך, אַנטקעגן נײַע געפאַרן, שלאַכטן, פײַער־שטורעמס.

XXIV. די שיין קומט פון מיזרעך

1.

ס'איז אריבער א יאר. ווידער סאף יוני, ווידער אנהייב זומער. אין לינדע קאיארן האבן זיך אין די וואלקנס, אנגעשוואמענע באם האריזאנט, — אין די דאזיקע אנזאגער פון א געגארטן רעגן, וועלכער וועט אנפילן מיט לעבנס־זאפט, מיט פרישקייט יעדער בלעטעלע אפן בוים, יעדער גרעזעלע אין פעלד, — טויב געקויקלט דונערס. נאר איצט האבן מענטשן, אויפגעוואכטע פון שלאף מיט הילכיק קלאפנדיקע הערצער, ווי מע זאל זיך ניט האבן געפונען — אפן היימישן געלעגער, אין א וואלד־ביידל פון צווייגן, צי אין א באהעלטעניש אונטער דער ערד — אין אט די דונערס נאר אנדערע קלאנגען געוואלט דערהערן... אין די שטילע אויסגעשטערנטע אוונטן, וואס קומען נאך הייסע טעג, האבן בליצן מיט פאראקשנטער באשטענדיקייט אויפגעלויכטן אפן הימל און, אויב דאס איז אין מיזרעך געווען, האבן מענטשן מיט פארטייעטער האפענונג געקוקט אהין און געטראכט וועגן יענע בליצן, וועלכע שניידן שוין ערגעץ דעם הימל איבער מיזרעך־אוקראינישע שטעט און דערפיר און דערנענטערן זיך אהער...

אין די לאנגע אנהייב־זומערדיקע טעג האבן וועגענער און מאזשארעס פארפולט אלע שליאכן און פעלד־וועגן פון אט די דארעם־מיזרעכדיקע פוילישע געגנטן צווישן סאן און ווייסל. דאס האבן דייטשישע פליטים זיך געצויגן צוריק אין שווארצן לאנד, קיין דייטשלאנד: פארשיידענע פאלקס־דייטשן, קאלאניסטן, קאמענדאנטן, פאליציאנטן, דער דאזיקער הייישעריק, וואס האט געזאלט די גאנצע וועלט פארפלייצן און האט זיך געשלעפט צוריק אין פארסאמטן רוי אריין, דאפקע נאך מיט אנגעראבעוועטן, מיט צוויי־דריי קי, צוגעבונדענע צו דער דראבינע, מיט זעקלעך טוויגע, ווי אפילע מיט בינשטאקן אפן וואגן. זיי האבן נאך געוואגט צונעמען א לעצט ביסל האבער בא א פויער פון שטאל, דראענדיק מיט א ביקס, אראפנעמען א גרייט געבעקל ברויט פון א פריפעטשעק. דער פויער האט געשוויגן, נאר אין זיינע אויגן האט שוין געברענט אפענע סינע, דאן, ווען דעם דייטשס אויגן האבן געטייעט אין זיך פארלוירנקייט און שרעק. א

דײַטשישער אָפיציר, וואָס האָט אָף קוואַרטיר בײַ אַ פּאַליאַק זיך אָפּגעשטעלט, האָט נאָך געקענט ריידן וועגן טאַקטישן צוריקמאַרש, אָבער די וועגן האָבן פֿון עפּעס אַנדערש דערציילט. בעיים אַ קאַיאָריקן דונער האָט דער אָפיציר מיט שרעק זיך אַראָפּגעכאַפּט פֿון בעט, דורכגעווישט די שויב און געקוקט אָף מיזרעך... דער באַלעבאָס, וואָס האָט אין דער צײַט זיך אין גאָרטן געפּאָרעט, האָט גוט פֿאַרשטאַנען דעם דאָזיקן קוק און שטילערהייט אין די וואָנצעס געשמייכלט...

אַ יאָר איז אַוועק. די דאָזיקע גאַנצע צײַט איז לייזער ענלעך געווען אָף יענעם מענטשן, וועלכן ער האָט אין זײַן פֿרײַער קינדהייט אַליין אין טרוים געשאַפֿן נאָך דעם, ווי ער האָט אין שול דערהערט וויפֿל טויזנטער יאָר אַ רײַטער וואָלט געדאַרפֿט פֿאָרן, קעדיי צו דער זון צו דערגרייכן. זײַן אָט דער רײַטער האָט ער דאַן געטרוימט, ניט באַנעמענדיק נאָך, אַז דאָס לעבן האָט אים קיין טויזנטער יאָרן ניט געשענקט. איצט האָט ערווירקלעך געריטן אַנטקעגן דער זון, אַנטקעגן נײַעם לעבן, און וויפֿל זײַנע מענטשלעכע קויכעס האָבן דערלויבט, אַלץ געטאָן, קעדיי די שאָ פֿון פֿרײַהייט צו דערנענטערן. ערגעץ אין אַ וואַלד בײַ פּשעמישל האָבן לייזערס רײַטער אויפֿגעריסן דעם סוינעס אַ לאַגער מיט קריגס־מאַטעריאַלן, האָט לײַכטער אַוואַדע אָפּגעטעמט אַ סאָוועטישע דיוויזיע בײַ טאַרנאָפּאָל; מע האָט אָפּגעשלאָגן אָף אַ סטאַנציע און באַפֿרײַט עטלעכע וואַגאָן אָסט־קנעכט, וואָס זײַנען געטריבן געוואָרן קיין דײַטשלאַנד, האָט ערגעץ אַ זאַוואָד אונטער דער ערד ווייניקער טאַנקען אַרויסגעלאָזט. אין אַ דײַטשישער צײַטונג האָט לייזער אויסגעלייענט, אַז אַ סאָוועטישער פּאַרטיזאַן קאָוופּאַק האָט מיט זײַנע לײַט זיך דורכגעריסן אין די קאַרפּאַטן, קעדיי צו פֿאַרניכטן נאַפֿט־טורעמס, און איז דאָרט, קלוימערשט, צעקלאַפּט געוואָרן. אַז אייצע זיך געהאַלטן מיט דוזשין, האָט לייזער מיט זײַן אָטריאַד, וואָס האָט שוין געציילט העכער הונדערט מאַן, אַריבערגעכאַפּט זיך צום סאַנאָק, ווו ס'האָבן אין איין נאַכט אויפֿגעפֿלאַקערט עטלעכע נאַפֿט־טורעמס און אַ בענזין־זאַוואָדל... זאָל די דײַטשן אין שרעק זיך דוכטן, אַז קאָוופּאַקס געשפּענסט טראָגט זיך אום איבער די בערג...

פֿיר כאַדאָשים איז לייזער שוין געווען אַ פֿאָטער און האָט נאָך זײַן זון ניט געזען. ערגעץ אין זש', בײַ פֿרעמדע מענטשן, האָט אַנעליע געבוירן. זי איז אַהין אַוועקגעפֿאָרן פֿון גאָרליטשינאַ, ווען אויסבאַהאַלטן איר שוואַנגערשאַפֿט איז שוין געווען אוממעגלעך. מיט איר האָט זיך קימאַט איבערגעכאַזערט ראַשעלעס געשיכטע.

אין זש' האָט דוזשי בײַ אַ באַגלייבטן קסיאָנדז גענומען פֿאַר אַנעליען אַ כאַסענע־צײַגעניש, וועלכע איז נייטיק געווען פֿאַר מענטשן און נאָך מער — פֿאַר איר גאָטספֿאָרכטיקן פֿאָטער.

אַנעליע האָט אין דער וואָיעוואָדישער שטאָט געלעבט פֿון געבן פּריו־

וואַטע לעקציעס. איר לאַגע, פריִער פון אַ שוואַנגערער, און איצט — פון אַ זויגנדיקער מוטער, האָט איר געהאָלפן אויספילן באַזונדערע פאַרבינדונג־שעליכעס פון דער פפר. אָבער אַף וויַיטע שטרעקעס האָט זי זיך ניט געקאָנט אָוועקלאָזן. זיַיענדיק אין די הויכע כאַדאָשים, האָט זי פונדעסטוועגן צוויי מאָל באַזוכט לייזערן. איצט איז עס קימאַט אויסגעשלאָסן געווען. נאָר די לעצטע יעדיִע — דער בריוו, וואָס ער האָט דורך אַ פאַרבינדלער באַקומען — האָט דערפרייט לייזערן: אַנעליע קליַיבט זיך מיטן קינד אין גאָרליטשינאַ. דער פאָטער, וואָס האָט זיך היפש געבייזערט אַף איר, האָט איצט גערופן זי צו זיך, — זיַין האַרץ איז ווייכער געוואָרן, כוץ דעם רוקן זיך איצט אָן אַזעלכע געשעענישן, אַז עס איז בעסער האָבן די טאָכטער לעבן זיך.

לייזער האָט ביז פיַין זיך געפליַיסט פאָרשטעלן זיך זיַין קינד — און ניט געקאָנט. אַנעליע האָט עס אים דאַווקע אויסגעמאָלט אין בריוו, נאָר דאָס זיַינען געווען אַלגעמיינע שטריכן, און קיין לעבעדיק פענעמל, וואָס זאָל אים אייגן ווערן, האָט זיך ניט באַקומען. טונקל־גרויע אויגן (אַנעליע האָט געדרונגען, אַז זיי וועלן זיַין קאָרע, ענלעך אַף זיַינע), העלע קוטשעראַווע הערלעך, אַ פאַרריסן נעזל... וואָס נאָך? — ס'אַ שטיפערל, פאַטשט איר איבער דער ברוסט מיטן הענטל, פלאָנטערט זיך איר איַין מיט די פינגערלעך אין די האָר. אַנעליען אַלס מוטער האָט לייזער זיך בווילעט פאָרגעשטעלט — די גאַנצע צאַרטקייט אירע, וואָס ער האָט צו זיך געפילט אין מעשעך פון יאָרן, זיַיענדיק סיַי צעשיידט סיַי צוזאַמען, האָט ער אַריבערגעטראָגן אַפן קינד. אָבער זיַין יינגעלע, זיַין יורעק — אַנעליעס אַז איַינפאַל, אַז אָנדיַיט אַף יערוכעמס נאָמען — האָט ער זיך אויסמאָלן ניט געקענט. אין די דערפלעד, אַף פאָלוואַרקעס, ווו עס פלעגט אים אויסקומען זיַין, האָט ער אַלעמאָל מיט אַ מליִענדיק האַרץ געקוקט אַף דריי—פיר־כאַדאַשימדיקע קינדער, געפרוּווט זיי נעמען אַף די הענט. אָט דאָס געפיל פון גליק האָט אים איצט די גאַנצע ציַיט באַגלייט און גאָר אין אַנדערע פאַרבן די וועלט באַוויזן.

דעם גאַנצן פרילינג האָט לייזערס מאַכנע אָפּערירט אין דער אומגעגנט פון טיַיך סאַן, ווו כוץ שלאַכטן מיט דעם סוינעס קאָלאָנעס, דיווערסיע־אַקטן, איז גאַנץ אָפט נאָך אויסגעקומען פאַרטיידיקן אוקראַיִנישע דערפער קעגן די אָנפאַלן פון זאַיאָנטשקאָווסקיס אַקאַ־אַטריאַדלעך. זיי, די רייַטער, איז עס לייכט געווען צו טאָן און, אייגנטלעך, איז דאָס טאַקע געווען איינע פון די וויכטיקסטע סיבעס, פאַרוואָס דער וואָיעוואָדישער פפר־קאָמיטעט האָט זיי לעצטנס אין ערגעץ ניט געשיקט. לייזער האָט שוין דאָ געהאַט גענוג אָגענטן, געהיימע אָפּשטעל־ערטער, געוווּסט אין די דאָזיקע מעקווימעס יעדן פעלד־וועג, און געקלערט דאָ, באַם גרענעץ־טיַיך, באַגעגנען די טיילן פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע האָבן אין יולי גענומען לוואָוו און שנעל זיך גערוקט צו דער פוילישער ערד.

פריִער אין די נעכט, ווען מע האָט יעם אויער צוגעלייגט צו דער ערד, און איצט שוין אויך באַטאָג, אין זאָטל זיצנדיק, האָבן די ריַיטער־ליודאָוועצעס געהערט די קאַנאָנאַדע אַף מיזרעך. אין ערגעץ זיַינען אָנ־טרונען די אַקאַ־לייַט. אַ טייל, ווי די אויסשפּירונג האָט פעסטגעשטעלט, איז אַוועק טיפער אין לאַנד, אַ טייל ווידער האָט ביז וואָס־ווען זיך צעזייט צווישן דער באַפעלקערונג. פון דער פראָנט־ליניע האָבן זיך געהאַלטן איז איין ציִען דעם סוינעס צעקלאַפּטע טיילן, אָבאָזן, צעשעדיקטע טאַנקען אַף בּוקסירן, האָבן לייזערס ריַיטער אַלץ דרייסטער, אַפילע באַטאָג, גענומען אָנפאַלן אַף זיי. און פונקט אין דער דאָזיקער הייסער ציַיט, ווען עס האָבן זיך שוין בוילעט גענוען האַרמאַט־אויפלויכטן, און באַטאָג זיַינען רויכן געהאַנגען אַפן האָריזאָנט, ווען מע האָט פון שאָ אַף שאָ געקאָנט דער־וואַרטן סאָוועטישע אויסשפּירער, האָט לייזער באַקומען דוזשים באַפעל דרינגענדיק אַריבערקליַיבן זיך מיט די ריַיטער אין ראַיאָן פון פּ׳, אָפּ־שטעלן זיך אין גאָרליטשינער אָדער גזשיבאָווער וואַלד און קומען איז אַ באַשטימטן אָרט פערזענלעך צו טרעפן זיך מיט אים.

.2

אין אָנהייב פון דער צווייטער מאַרש־נאַכט איז לייזערס אָטריאַד שוין אַריַינגעטראָטן אין גאָרליטשינער וואַלד. געטאָגט האָט מען אַ קילאָמע־טער פערציק פונדאַנען, אין פאַרלאָזטע שטייז־קאַריערן. דעם גאַנצן וועג האָט מען זיך באַוועגט זייער פאָרזיכטיק, נאָר אין אַ שנעלן טעמפּ. ציַיטנ־וויַיז האָט מען אָנגעלייגט וועג, קעדיי אויסמיַידן באַלעבטע ערטער. עס האָט אָנגעשטרענגט געאַרבעט די נאָענטע און וויַיטע אויסשפּירונג. רעכטס און לינקס האָבן זיך באַוועגט גוט־באַוואָפנטע וואַך־גרופּעס. די אויפגאַבע איז געווען: דורכגליטשן זיך דורך דער פּלאַטאָ צווישן ביידע טיַיכן אַזוי, אַז דער סוינע, וועלכער איז אינעם פראָנט־פּאַס באַזונדערס אָנגעשפּיצט געווען, זאָל איז ערגעץ ניט פאַרצייכענען די באַוועגונג פונעם אָטריאַד.

גאַנץ שווערלעך איז אויסגעקומען אויסקלייבן אַן אָפּשטעל־אָרט אַרום פּ׳. דאָס האָט אויך באַוויזן, ווי שנעל די לאַגע ענדערט זיך, ווי די גע־שעענישן וואַקסן אָן. די אויסשפּירונג האָט נאָך באַטאָג מיטגעטיילט, אַז דער גאָרליטשינער וואַלד איז ניט אינגאַנצן פריַי — בא זיַין מיזרעך־ראַנד גראָבן ציווילע מענטשן אונטער דער וואַך פון דיַיטשן אַרטילעריע־פּאָזי־ציעס. אין גאָרליטשינאַ גופע האָט היַינט זיך אָפּגעשטעלט אַ פּאַנטאָניאָרן־טייל. אין גזשיבאָווער וואַלד האָט פון נעכטן קאַיאָר אָן זיך אָנגעהויבן קאָנצענטרירן דעם סוינעס אַ טאַנקען־קאָלאָנע. לייזער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ קאָן ניט זיַין און איז ניט דער ענד־פּונקט פון זיַין מאַרש. געוויס איז דאָ בלויז דאָס פּאָסיקסטע אָרט פאַר אַ באַגעגעניש מיט דוזשין. ער איז זיך מעשאַער געווען, אַז מע קען אַריבערגעוואָרפן ווערן צו דער וויַיסל. נאָר וואָס וועט מען דאָרט דאַרפן טאָן?

גלײַך ווי מע האָט זיך אָפּגעשטעלט אין וואַלד, איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אַן אַרומיקע אויסשפּירונג, די שטאַרקסטע — אין דער ריכטונג צו דער ווײַסל. די דאָזיקע גרופּע האָט געדאַרפט שיקן מיטטיילונגען יעדע שאָ. די רײַטער, וואָס זײַנען פאַרבליבן אַף אָפּרו, איז פאַרווערט געוואָרן פונאַנדערצוזאָטלען די פערד. פון אָנצינדן פײַער, אַפילע אַ ציגאַר צורייכערן, איז שוין אָפּגערעדט. אָפּגעגעבן די דאָזיקע אַלע פאַראָרדענונגען, האָט לייזער געלאָזט אָנשטאָט זיך אין וואַלד זײַן געהילף — אַ פּוילישן יונג העינריק ליאַס, אַ שלאָסער פון זש', גענומען מיט זיך זײַן שטענדיקן באַגלייטער מוישקע פּיק, און רײַטנדיק — אַף די שליאַכן האָבן קיין דײַטשישע פּאָסטנס זיך ניט געטראָפן — אַוועקגעפאָרן צום מאַזאָוועצער פאָלוואַרק, ווו ס'האָט אין שטיבל פון איינעם אַ בינען־ציכטלער געזאָלט וואַרטן אַף אים יאַן דוזשי.

ס'איז געווען באַלד נאָך האַלבער נאַכט. דער לעוואָנע־סערפּ, וואָס האָט אָנהייב אָוונט געהאַט אַ בלישטשע געטאָן, איז שוין לאַנג פאַרשוווּנדן. איצט איז געווען פינצטער, וואָלקנס האָבן גענומען פאַרציִען דעם טונקעלן הימל. שטיל און פוילבלעד האָבן זיי זיך גערוקט אין דער הייך, אויסגעמעקט אַלעמאָל אַן אַנדער אויסגעשטערנטן ווינקל. קיין ווינטל, קיין אָטעם, קיין בייג פון אַ צווײַג, — נאָר עפּעס רוקט זיך אָן אַף דער ערד שווערם און פלעטנדיקס...

אַ שטילער טאָרע מיטן אָפּצאַס דאָס פערד אין וואָרעמען בויך, אַ לײַכטער בייג זיך מיטן אָנגעשטרענגטן גוף עטוואָס פאָרויס, אַ דראַטיקער הייב זיך אין זאָטל. אָט אַזוי דערפילט ער גווּרע און מונטערקייט אין קערפּער. דאָס האַסטיקע פאָרן טרײַבט דורך די מאָרעשכוירע וואָס האָט נאָר וואָס אים שיר ניט באַהערשט, נאָר צעווייעט ניט זײַן בענקעניש. עס ווערט בלויז אָנגענעמער צו טרוימען: ער האָט אַנומלטן געזען אַ פרוי שלאָפן אַף אַ בעט, איר האַנט איז אויסגעשטרעקט געווען צום וויגל, און אַף יעדן סמאָקע, וואָס דאָס אייפעלע האָט מיט די ליפּלעך געטאָן פון כאַלעם, האָט די מוטער געענטפערט מיט אַ באַוועגונג פון דער האַנט — אַ ווײַסע ווערלע, וואָס האָט דעם קינדס שיפעלע געהוידעט... איז אָט אַזוי שלאָפט אַוודע אויך אַנעליע...

דער גאַנצער שטאַם זײַנער איז פאַרשניטן געוואָרן, ווי אַ הוילע צווײַג איז ער געבליבן, און אָט איז אַף זײַן צווײַג אַ קנאָספּ. וויפל זײַנען זיי קאָרשעווערם אַף דער וועלט — עפּשער ער בלויז און יורעק? ער האָט געהאַט אייגענע פון טאַטנס צאַד אין אַ שטעטל לעבן ק', ער איז דאָרט געהאַט געווען און אָפּגענומען אַ גרוס — מע האָט אַלעמען אַרויסגעפירט. דער מוטערס קרויווים זײַנען אויך אומגעקומען. אין סאָוועטן־רוסלאַנד האָט דער טאַטע אַ ברודער, נאָך מיט פיל יאָרן צוריק צעשיידט זיך, נאָר ווער ווייס, צי לעבט ער נאָך!... און אָט דאָ, אַף דער דאָזיקער ערד, וואָס איז, ווי פאַר ברייִשים, אין כוישעך פאַרהילט, הוידעט זיך ערגעץ

אין אַ וויגל דער קלענסטער פון די קאַרשעווערס, ער טשמאַקעט מאַנענ־דיק מיט די ליפּן, און אַנעליע גיט אים איר וואַרעמע ברוסט...

דאָס פערד קלאַפּט שטיל מיט די טלאָען, ווי סע זאָל פאַרשטיין, אַז מען דאַרף זיך היטן. מוישקע פּיק פאַרט אַ פּאָר טריט פון הינטן. ס'איז פינצטער אַרום, און בלויז דער טרוים לויכט פאַר לייזערן. אינעם נאַכט־כאַלעל, וווּ עס דאַרף אַט־אַ באַלד, נאָך אַ בריקל, אויסוואַקסן אַן איינזאַם שטיבל מיט אַ בושעל־ברונעם באַם פּלויט, מאָלן זיך אים שטאַטישע, רוי־שיקע גאַסן, איבער וועלכע מענטשן גייען אום — ער איז צווישן זיי, אַ כאַסענע, צי עפּעס אַ יאַנטעוו אין אַ דאָרף — ער איז אָפּן יאָנטעוו. דער אוניווערזיטעט־טויער — ער שפּאַנט אונטער זײַן אָרקע, זאַוואַדן אין רויך — דעם פאַלקס רײַכטום, אַ הײמלעכער צימער, אַנעליע, יורעק — די גאַנצע וועלט זעט לייזער אַזוי ווי פאַר די אויגן אין דער מינוט אַזאַ, ווי זי וועט גאָר אינגיכן געהערן די מענטשן.

3.

אַ סאָווע האָט אַ געשריי געטאָן. לייזער האָט אַ צי געגעבן דאָס צײַמל, אַ פּאָר רעגעס אײַנגעקוקט זיך אַריבער דעם בריקל און געענטפערט מיט פּונקט אַזאַ אויסגעשריי. פון צווישן די ווילד־גראָזן באַם וועג איז, צע־שאַרנדיק די שטענגלעך, אַרויסגעגאַנגען אַ יינגל. ער איז אינגאַנצן שוואַרץ געווען אין דער נאַכט. עס האָט זיך געזען בלויז דאָס היטל מיטן לאַנגן דאַשעק.

ער איז נאָענט צוגעגאַנגען צו לייזערן:

— די פערד קאָנט איר לאָזן אָט דאָ ניט ווײַט פון וועג, אין די בעז־קוסטעס... איינער וועט דאָך בלײַבן מיט זיי? לייזער איז אַראָפּ פון פערד, איבערגעגעבן דאָס צײַמל מוישקען:

— פּיר אָפּ!

לייזער האָט געמיינט, ער וועט אין אַזאַ שפּעטער שאָ טרעפן דוזשין אַ שלאָפנדיקן, דאַרפן אים אויפהייבן פון געלעגער. אָפילע צוקומענדיק צום סעדל, וואָס איז צוזאַמען מיטן שטיבל געווען פאַרהילט אין געדיכ־טער טונקלקייט, האָט ער נאָך געמיינט, אַז דאָ שלאָפט אַלץ — כוץ אָט דעם יינגל, וואָס איז געלאָזט אַף וואַך. אַ מידער און אַן אויפגערודערטער פון דער פאַרשטייענדיקער באַגעגעניש, האָט לייזער מיט האַנאַ און אַ קאַ־פּעלע קינע פאַרנומען דעם רייעך פון וועלקנדיקן היי, האָניק, לאַנדצוויט דאָ אין הויף און אַ טראַכט געטאָן, ווי גוט עס איז אָפילע אין אַזאַ אומ־רויקער צײַט כאָטש עטלעכע שאָ פון היימלעכער רו גענים. באַלד האָט דאָס יינגל שוין געקלאַפּט אין שויב, אין אַ האַלבער מינוט אַרום האָט די טיר אין פירהויז זיך געעפנט. לייזער האָט עס דורכגעשפּאַנט אין דער פינצטער, געפירט פאַרן אַרבל פון עפּעס אַ פרוי. ס'האָבן שטיל אַ סקריפּע געטאָן די האָקנס, און אַ שטראַל בלאַסלעכע שײַן האָט אים באַגאָסן. אין

צימער, אַ צעהאַנגענעם מיט הייליקע בילדער און גרינע צווייַגלעך, איז מען וואַך געווען — און נאָך ווי וואַך! אַ וואַלקן בלויִלעכער ציגאַר־רויך איז געשוועמען אַרום דעם אויפגעהאַנגענעם לאָמפּ, עטלעכע מענטשן זייַנען געזעסן אויפן באַנק־בעטל באַם טיש, דוזשי, אָנגעוואָרפן די מאַרינאַרקע אויף די אַקסל, האָט זיך אויסגעקערעוועט צו דער טיר, געמאַכט צוויי שפּאַן און אויסגעשטרעקט צו לייזערן די האַנט:

— נו, ברודערקע, בעשאָלעם זיך דערקליבן?

— אָט ווי איר זעט...

באַ דוזשין האָבן געגלאַנצט די אויגן פון פרייד און פון אַזאַ באַזונדערער טיפער באַגייַסטערונג. נאָר געזאָגט האָט ער, ווי אַנטשולדיקנדיק זיך:

— אַ ביסל האָט זיך ניט אַזוי באַקומען, ווי מיר האָבן געמיינט — שווער געפינען אַ שטיל ווינקל איצט...

לייזער האָט פאַרשטאַנען דעם אָנדייַט:

— נישקאָשע, מיר זייַנען ווי אַ נאָדל אין אַ זאַק היי...

— איר האָט זיך אָפּגעשטעלט אין נעענטערן וואַלד? — האָט דוזשי נאָך אַ פרעג געטאָן און אויפגעהויבן זייַנע געדיכטע שוואַרצע ברעמען.

— אַ־האַ.

לייזער האָט מיט אַ פלינקן בליק באַטראַכט די פאַרזאַמלטע. דרייַ זייַנען דאָ געווען, כוץ דוזשין. דער, וואָס מיט די לאַנגע ווייַסע וואָנצעס אין סאַמע ווינקל, איז, ווייַזט אויס, דער וואַלד־וועכטער זאַגרודסקי. נעענטער פון אַלע איז אויפן באַנק־בעטל געזעסן אַ געלער, מיט אַ געדיכט פאַרוואַקסענעם פּאָנעם, אין אַ פּאַרוסינענער מאַרינאַרקע פון אַן אייַזנבאַנער. ווידער איינער — אַ הויכער, אַ דאַרער, אין אַ בלויען אַרבעטער־קאַשקעטל מיט אַ דאַשעק אַ צוגעפּלעטשטן צום שטערן. די דאָזיקע צוויי האָט לייזער געזען דאָס ערשטע מאָל, שווייַגנדיק געדריקט זיי די הענט. דער אַלטער זאַגרודסקי האָט זיך עטוואָס אונטערגעהויבן און פרייַנטלעך צוגעשמייכלט, בעיִס מע האָט זיך געגעבן די הענט.

אויפן טיש איז געלעגן אַ דייַטשיש פלוג־בלעטל — איינס פון די, וואָס לייזער האָט געזען אויף אַלע וועגן. דאָרט האָבן די דייַטשן גערופן די פּאָליאַקן פאַרפעסטיקן דעם ווייסל־ברעג, כאָטש אין די ערשטע אַבזאַצן פונעם זעלבן בלעטל איז באַרימעריש באַשריבן געווען, ווי שטאַרק די דאָזיקע ברעגן זייַנען שוין באַפעסטיקט...

— האָסט שוין האַנאָע געהאַט? — האָט דוזשי אַ פיר געטאָן מיט די אויגן אויפן געלן בלעטל און באַלד אַזוי אַ קוק געגעבן אויף לייזערן, אַז באַ יענעם האָט אַ פריידיק אַ אומרויִק אַ טיאַכקע געטאָן דאָס האַרץ.

„יאָ, צו דער ווייסל!" — האָט לייזער אַ טראַכט געטאָן, און מיט אַ שאָקל פון קאָפּ געענטפערט, אַז ער האָט דאָס פלוג־בלעטל געלייענט.

— נו, איז זיץ אַ מינוט פינף, מיר ענדיקן באַלד, — דוזשי האָט

געוויזן לייזערן אף דעם הילצערנעם בעט, וואָס איז אין ענגלעכן צימער צוגערוקט געווען צום טיש, — מעגסט זיך דאָ זעצן... אַגעוו... — ער האָט פון הינטער אַ היילינקן בילד דערלאַנגט אַ בוך, פון אַ שפּאַלט באַם סאַמע טאָוול מיט די נעגל געגומען ארויסשלעפּן עפּעס. לייזער האָט געקוקט, ווי ער טוט דאָס, און געטראַכט ניט אַזוי וועגן דעם, וואָס ס'וועט אים באַלד באַוויזן ווערן, ווי וועגן אַט דעם דוזשי, וואָס איז שוין אייגנטלעך, זײַנער אַ קאַרעוו און זאָגט אים אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין „דו"...

— נאַ, טו אַקאַרשט אַ לייען — דאָ האָסטו שוין איינמאָל נײַעס! — האָט דוזשי געזאָגט מיט אונטערגעשטראָכענער פײַערלעכקייט אין שטים. באַלד האָט ער אויך מיט שטיפערישקייט, וואָס איז אים אייגנטימלעך געווען, צוגעגעבן: — דאָס וויל איך אַלץ, זאָלסט אַן ארבעט ניט זיצן...

לייזער האָט פונאַנדערגעעפנט דאָס צונויפגעלייגטע בייגעלע פּאַפּיר, וואָס דוזשי האָט אים דערלאַנגט. מיטאַמאָל האָט ער אַ ציטער געטאָן: אַ פּוילישער אָדלער אַן אַ קרוין איז אָפּגעדרוקט געווען סאַמע פון אויבן. נידעריקער איז מיט גרויסע אויסן:עם געשטאַנען געשריבן: „פּאָליאַצי!" באַם סאָף — אַן אונטערשריפט: "קראַיאָווא ראַדאַ נאַראָדאָווא". דאָס איז געווען דער ערשטער מאַניפעסט וועגן דעם, אַז עס איז אויפגעקומען דער לאַנדישער פאָלקס־ראַט, די ערשטע געזעצלעכע פּוילישע מאַכט, וואָס קומט אַף דער באַפרײַטער ערד אונטער דער שוץ פון דער סאָוועטישער און דער פּוילישער אַרמייען.

ביז לייזער האָט פאַר זיך געלייענט, האָבן אַלע אין צימער געשוויגן, איבערלעבנדיק אָפּסנײַ די פרייד, וועלכע ער האָט איצט אײַנגעזאַפּט אין זיך. ער האָט מיט אַ שײַנענדיקן בליק באַטראַכט די פאַרזאַמלטע, נאָר קיין ווערטער ניט געפונען אַף איבערצוגעבן זײַן איבעראַשונג.

— מיר האָבן שוין דאָ געלייענט, געשמועסט, — האָט דוזשי געזאָגט, באַנעמענדיק לייזערס צושטאַנד, — דו לייען, לייען... דאָ האָסטו אַלץ, וועגן וואָס מיר טראַכטן שוין יאָרן!

ער האָט זיך אויסגעקערעוועט צו דעם געלן, דעם באַוואַקסענעם:

— יאָ, יאָ, אַרטור, איז וואָס זאָגסטו — פּאַרען זיי זיך שוין באַם בריקל אויך, די דײַטשן?

— באַם בריקל, — האָט יענער געזאָגט און אַ שווערן הייב געטאָן זײַנע קופּער־רויטע ברעמען, — באַם וואַסער־טורעם האָבן זיי שוין נישעס אויסגעדלובעט אין פונדאַמענט. גופא אין דעפּאָ, אונטער די ווענט — אויסגעגראָבן גריבלעך. צו די אַלע ערטער ווערן דורכן הויף געפירט דראָטן, וועלכע מע פאַרשיט מיט שלאַק — כ'מיין, דאָס איז שוין פאַר די אײַנשלים־מאַשינדלעך...

— און אַמאָנאָל האָט מען ווידער צוגעפירט? — האָט דוזשי געפרעגט.

— צו דער שטיינערנער בודקע, וואָס אַרום דעפּאָ, האָט מען גע־

בראכט נאר א האלבע מאשין. דייטשן אליין פארען זיך דארט. די צווייטע האלבע האט מען אויסגעלאדן באם בריקל און מיט בלעך איינגעדעקט. ס'שטייט דארט א וואך.

— אזוי, אזוי... די הויט ברענט אפן דייטש... איז, הייסט עס, דער צוקער־זאוואד, די דעפא, די מיל, דאס געהילף־זאווארל אין גזשיבא־ווער וואלד... דאס אלץ ליגט, כאווירים, אף אונדזער געוויסן... אי־בערהויפט דוכט מיר, טשייקאווסקי, אז אין צוקער־זאוואד ווייסט איר נאך ניט פון אלע סורפריזן... מע דארף נאך גוט א טאפ טאן יענץ באריידעווו־דיק דייטשל, און עפשער טאקע גיין אויך דערויף, אז עס זאל אוועקגעזעצט ווערן א מענטש אין דער צעשעדיקטער טורבינע?...

— יא, דאס וועלן מיר טאן, — האט געזאגט דער דארער אינעם בלויען קאשקעטל.

דוזשי האט געשוויגן א מינוט, געקלאפט מיטן פינגער אין טיש, גע־נומען דעם מאניפעסט, וועלכן לייזער האט אוועקגעלייגט, און באהאלטן אים אין שפאלט פון טאוול.

— דוכט זיך, ווען אלץ אפגערעדט, — האט ער געזאגט, — איר, זאגרודסקי, וועט דער ערשטער אוועק פונדאנען? איר גייט אהיים?

— יא. צו מיר איז ניט אזוי וויט...

דער אלטער האט זיך געזעגנט מיט אלעמען, שטיל ארויס אין פירהויז. דוזשי האט אים צוגעלויכטן, האלטנדיק עטוואס אפן די טיר.

אין א פאר מינוט ארום איז אוועק אויך טשייקאווסקי.

— נעכטיקסט בא קריטשמאנסקין, באם מילנער? — האט דוזשי אים געפרעגט.

ווען מע האט זיך גענומען געזעגנען מיטן דריטן, — לייזער האט אים פונקט גערדיקט די האנט, —האט דוזשי מיטאמאל ארויפגעלייגט זיין האנט אף זייערע הענט און א שמייכל געטאן:

—ווארט, ווארט, דו ווייסט דאך ניט, לייזער, ווער דאס שטייט פאר דיר: מייער סאקאלס מיידעלעס טויף־פאטער, און ס'א סווארע, אז די באבקע אויך. איך בין זיך באשיידן געשטאנען באם דעווערס, נאר ער איז אקוראט געווען אפן טענדער, ווען ראשעלע האט דארט דעם הימל גע־שפאלטן מיט אירע געשרייען... ארטור יאראש!

ארטור האט אנגעבלאזן זיין רויט האריק געזיכט פאר פארלוירנקייט און האנאע, מילד און הארציק האבן געגלאנצט זיינע אויגן אונטער די קופער־רויטע ברעמען:

— דוזשי מאלט עס דיר אפ א קארטינע!

— עפשער ניין?

— פארוואס עפעס ניין?

— איז אט, ארטור, העלפט היינט, ביטע, דעם דאזיקן גליקלעכן טאטן זיך זען דאס ערשטע מאל מיטן זון... ס'ראד אנעליעם מאן!

— אנעליע וואיטאס?

— די פלימעניצע מײַנע נעכטיקט בא זיגמונד נאוואטקא, דײַן שוואגער — ביסט דארט ניט געווען מיטן וועג אהער? נו, אט דארטן ווארט זי, שלאפט אווארע ניט, — דוזשי האט א קוק געטאן, ווי בא לייזערן האט זיך אויסגעצויגן און איז בלאס געווארן דאס געזיכט, ער האט א שמייכל געטאן, — איז זאג איר אז, אז זי וועט אין א האלבער שא ארום האבן א ליבן גאסט... אגעוו, זײַ איבער בא נאוואטקא ביז טאג, מע טאר איצט אין שטאט ארײַן ניט גיין...

— הם, און איך, מיינסטו, גיי אזוי־א אוועק פון מײַן שוואגער אן קארטאפל־לאטקעס? — האט יאראש מיטאמאל גאר פריילעך א נייג געטאן דעם האריקן קאפ, — דא וועסטו מיך שוין מיט קיין שטעקן ניט ארויסטרײַבן... איז אנעלקע בא מײַן שוואגאראק? ווו טוט מען זיך עס דארט אהין, אז דאס שטיבל איז ווי א גענעץ די גריים?...

— נו, גיי שוין, גיי! — האט דוזשי אים גוטמוטיק א טארע געטאן אין פלייצע, — א געפערלעכער פלאפלער!

לייזער איז געשטאנען א געפלעפטער פון זײַן גליק, און געדוכט האט זיך אים, אז אט די מענטשן זײַנען אזוי מונטער געשטימט, ווײַל דאס ווילן זיי אים פארשאפן אנגענעמס, אים, אין וועמענס הארץ ס'האט אזא לויטערע פרייד זיך אויסגעשפרייט...

4.

אט אזוי־א, אויך אין א האלב־שטיפערישן טאן, האט יאן דוזשי, ווען ארטורס טריט זײַנען פארשטילט געווארן אין הויף, געהייסן דער פרוי, וואס איז געווען אין פירהויז, א וועק טאן אין דער היי־קאפיצע דעם „מידן גאסט".

— ס'ווארט דא אף דיר פון קאיאר אן א מענטש, וואס איז זיך שוין מינאסטאם די זײַטן אפגעלעגן אין היי... אט וועל איך דיך באלד צונויפפארן מיטן „פאראמשטשיק" — האסט געהערט פון אזא?

— דער פאראמשטשיק? — לייזער האט נאך רעכט זיך ניט געכאפט אין די הענט נאך דער ידיעה, אז אנעליע מיטן קינד זײַנען דא ערגעץ ניט ווײַט, ער האט זיך אויך געגרייט איצט, ווען מ'איז געבליבן אליין, דערהערן, נאך וואס דוזשי האט אים מיטן אטריאד ארויסגערופן, און פלוצים גאר — א פאראמשטשיק! דאס האט אים צעטומלט א קאפעלע די געדאנקען, — עפעס האב איך געהערט פון אזא, — האט ער געזאגט, — דאכט זיך, אף יענער זײַט ווײַסל... אן אטריאד אזא...

— אט, אט, טאקע דאס מײַן איך... דער דאזיקער „פאראמשטשיק" איז דא. ס'א פעטערל א מאל צוויי מיט א האלבן עלטער פון דיר. וועסט

זיך אַריבערקלײַבן מיט דײַן אַטריאַד אַף יענער זײַט װײַסל, דער „פּאַראַמשטשיק" װעט שױן װײַזן װו, — איצט איז עס שװערער, װי פֿאַראַיאָרן, — און דאָרט װעט איר אַן אַרבעט טאָן צוזאַמען... האַקלאַל, עס גײט אַ רײד װעגן פֿאַרכאַפּן אַ פּלאַצדאַרם, צוגרײטן שיפֿלעך, פֿליטן פֿאַר דער אַרמײ, װאָס קומט... מירן באַלד רײדן... — אײן פֿירהױז האָבן זיך דערהערט טריט. דוזשי האָט אַן עפֿן געטאָן די טיר, ס'זאָל דאָרט ליכטיקער װערן, שטײן געבליבן בײַ דער זײַט, קעדײ דורכלאָזן עמיצן, װאָס איז מיט אַ צעקנײטשטן היטל אין די הענט אַרײַן אין צימער.

לײזער האָט געקוקט אַפֿן אַרײַנגעקומענעם מענטשן און געפֿילט, אַז דער ערדענער דיל שװימט אַװעק פֿון אונטער די פֿיס. ער האָט קױם אַרױסגעבראַכט אַ װאָרט אַף יענעמס גוטן־אָװנט. פֿאַר אים איז געשטאַנען דער פֿישער — ס'האָט קײן ספֿק ניט געקאָנט זײַן, דער פֿישער, דער, װאָס האָט אים געהאַט באַהאַלטן בײַ זיך, געפֿירט אַפֿן שיפֿל און װעמענס צוטרױ און געװער ער האָט דאַן ניט אױסגענוצט. אײן װײַלע בלױז האָבן אין לײזערן געקעמפֿט צװײ פֿאַרלאַנגען. אײנער — אַרומכאַפּן דעם דאָזיקן מענטשן, און דער צװײטער, אַן אומדערקלערבאַרער, נאָר אַ שטאַרקערער, אַזאַ, װאָס האָט מאָמענטאַל געפֿענטעט אין אים אַלע געפֿילן — שװײַגן... באַלד שױן, אַ ביסל רויִקער טראַכטנדיק װעגן דעם, האָט לײזער באַשלאָסן, אַז עס איז איצט ניט די צײַט אָנהײבן דערקענען זיך, דערמאָנען פֿאַרגאַנגענס. נאָר אַלײן האָט ער געװוּסט דערבײַ: דער פֿישער איז געװױס געבליבן בײַ ניט גאָר קײן געהױבענער מײנונג װעגן אים. שפּעטער אַ ביסל װעט יענער אַלײן פֿאַרשטײן, אַז ער האָט דעמאָלט אַ טעם געהאַט...

לײזער איז געשטאַנען אַזױ, אַז ער האָט געקאָנט זען דעם פֿישערס באַלױכטן געזיכט, בעיִם דוזשי האָט אים געדריקט די האַנט: פּונקט װי פֿאַרפֿיראָרן, קימאַט ניט געענדערט, איז יענעמס גרױלעכע באָרד געװען שלעכט אָרומגעשױרן, האַרטע קנײטשן אַף די באַקן, דער בליק — אַ שאַרפֿער און קלוגער. דורך די פּראָסטע לײַװנטענע הױזן האָבן אַרױסגעשטאַרטשעט די היפּשע קנעכלעך פֿון די רעװמאַטישע קני. איצט האָט לײזער געדריקט דעם פֿישערס האַנט, נאָר ער האָט זיך שױן פֿולשטענדיק באַהערשט. פֿון דער נאָענט, אײַנקוקנדיק זיך אין יענעמס פֿאַרשװאָלענע אױגן, אַרום װעלכע ס'איז געלעגן אַ נעץ קנײטשעלעך, האָט ער נאָר איבערגעלײענט אין זײ אָנגעשפּיצטן אַפּשאַצערישן אינטערעס. „ניט דערקענט, מײלע!" — האָט לײזער אַ טראַכט געטאָן.

— איז אָט איז דער דער דאָזיקער „סטאַרי", — דוזשי האָט אַ קער געטאָן לײזערן אַזױ, אַז די שײַן פֿון דעם הענג־לאָמפּ זאָל אַף אים פֿאַלן, — קוקט זיך אָן, כאַװערט זיך צונױף און טוט אַ סמאַליע אַ װעלט, אַז דעם דײַטש זאָל הײס װערן... מיר שיקן איצט דאָס בעסטע, װאָס מיר פֿאַרמאָגן, צו דער װײַסל...

לייזער האָט דערפילט טיפן שטאָלץ פון דוזשיס ווערטער, ער האָט אָפן, וואַרטנדיק, געקוקט דעם פישער אין די אויגן, נאָר יענער האָט אים ניט דערקענט. בלויז אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט האָט אַ בלישטשע געטאָן אין זײַנע אויגן, ווען דוזשי האָט אַרויסגערעדט „סטאַרי". דער שטערן האָט זיך צונויפגעקאַרבט באַם אַלטן, אַנשטרענגונג האָט זיך באַוויזן אַף זײַן געזיכט, אָבער קיין דערמאָנונג האָט עס ניט באַשײַנט. און לייזער האָט אַפילע דעם געָרוך פון שלאַמיקער לוסקע, געמישט מיטן ביטערלעך־קרעפטיקן טאַבאַק־רייעך, דערקענט — אַז אויסגעהונגערטן האָט אים דאָן באַנאַכט באַם ברעג דער דאַזיקער גערוך אַ פּלעט געטאָן איבערן קאָפּ און אַלעמאָל אַרויסגעשווומען, בעיים ער פלעגט זיך דערמאָנען וועגן אַלטן.

אַ קאַפּעלע אַ פאַרזאָרגטער, האָט דער דאַזיקער „פּאַראָמשטשיק" — דער פישער — געריבן זיך די דלאָניעס און, צוקנדיק מיט איין אַקסל, שטיל אַרויסגערעדט:

— מירן זיך סטאַרען, דוזשי, ס'דאַך צוליב זיך אַליין...

שפּעטער, ווען מע איז אינדרײַען געזעסן געבויגן בײַ דער מאַפּע, אַז אויסגעשפּרייטע אַפן טיש, און לעבן דער בלויער סטענגע פון טײַך צווישן די גרינע וואַלד־פלעקן, בלוילעך־צעפּאַסעוועטע זומפּן און בלאָטעס, שוואַרצע קעסטעלעך פון יישוווים, אָנגעמערקט די ווענן און שטעגן פאַר די צוויי אָטריאַדן, וועלכע האָבן זיך געדאַרפט צונויפגיסן, האָט דער פישער מיטאָמאָל אויפגעהויבן אַ ביסעלע דעם קאָפּ און אין פּראָפיל אַ קוק געטאָן אַף לייזערן. בלויז פון דער זײַט געכאַפּט אַף זיך זײַן בליק, האָט לייזער דערפילט — מע האָט אים דערקענט. דער פישער האָט געקוקט אַף אים אַ מינוט אַ פאַרגליווערטער, גאַרנישט ניט געזאָגט; באַלד האָט ער שוין מיטן צעקאַרבטן פינגער אַ טײַט געטאָן אַף אַ געוויסן פּונקט אַף דער מאַפּע, וואָס דוזשי האָט זיך נאָכגעפרעגט אַף אים, און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז דאָס איז עס...

מ'האָט אָנגעמערקט, ווו פאַרבאַהאַלטן די שיפלעך פאַר די סאָוועטישע מיליטער־טיילן, וואָס וועלן קומען צום טײַך, ווו קריגן טראָסן פאַר די פּאַראָמען, ווו האַלטן די פערד, קאָנטאַקטירט אייניקע אַנדערע דעטאַלן, און לייזער האָט מיט עפּעס אַ גרויסער פאַרלײַכטערונג אין האַרצן געטראַכט: „ער האָט מיך דערקענט! דערקענט!" — און גוט איז אים געווען פון דעם באַוווסטזײַן, אַז אין מאָמענט פון זײַן פאַראַנטוואָרטלעכסטן שריט אין לעבן שטייט ער צוזאַמען מיט דעם דאַזיקן מענטשן אַקסל בײַ אַקסל.

צו זײַן קינד, וואָס ער דאַרף באַלד דאָס ערשטע מאָל אַף די הענט נעמען, איז לייזער איצט געקומען אַ באַזונדערס געלײַטערטער, מיט אַ שטאָלצן און ריינעם געוויסן.

.5

מ׳האָט געמוזט אײַלן, ווײַל, ביז ס׳וועט נעמען שאַרױען, האָבן די רײַטער געדאַרפט אַרויספאָרן פון גאָרליטשינער וואַלד און צו טאָג זיך קאָנצענטרירן שוין אין אַ וואַלד באַם סאַמע ווײַסל, קעדיי אין דער קומענדיקער נאַכט זיך אַריבערקלײַבן אַפן צווייטן ברעג.

ס׳איז געווען צוויי באַנאַכט, ווען מ׳איז אַלע דרײַ אַרויס אין הויף. פינצטער — כאָטש נעם אַרויס אַן אויג.

— אַ נעכטעלע! — האָט דוזשי שטיל, מיט אַנטציקונג געזאָגט.

דער פישער איז געבליבן אַף די בערווענעס אין הויף, לייזער און דוזשי זײַנען אַוועק צו נאָוואַטקאָם הײַזל, וואָס איז געשטאַנען אַף יענער זײַט פון אַ טיפלעכן יאַר, וועלכער האָט זיך געשלענגלט באַם סאַמע וועג. מע איז געגאַנגען שטיל, פליַיסנדיק זיך ניט רוישן צווישן די גראָזן און נידעריקע קוסטעס, וואָס האָבן דעם יאַר באַדעקט.

איצט, ווען מע איז געבליבן אַליין, האָט לייזער שטאַרק געוואָלט פרעגן באַ דוזשין, צי האָט דער פּאַר־קאָמיטעט שוין עפּעס אַ קאָנטאַקט מיט דער סאָוועטישער קאָמאַנדשאַפט, אָדער דאָס, וואָס ער ווערט געשיקט מיט אַזאַ פאַראַנטוואָרטלעכער שליכעס אַפן צווייטן ברעג ווײַסל, איז בלויז אַ זאַך פון אָרטיקער איניציאַטיוו. און נאָך: צי דאַרף הייסן דאָס, וואָס דוזשי האָט זיך צונויפגערעדט מיט אים און מיטן פישער, אַז איינער פון זיי ביידן, גיכער פון אַלץ לייזער (ענדגילטיק וועט מען אַפן אָרט באַשטימען), זאָל אין אַ פיר־פינף טעג אַרום צוריק זיך אומקערן אַהער, און זײַנע פאַרשטעלטע ווערטער, מע זאָל זיך צואײַלן, „ס׳זאָל ניט אויסקומען צוויי מאָל אַריבערגיין דעם פראָנט״ — צי באַטײַט דאָס ניט, אַז ער מיינט צו יענער צײַט דאָ שוין האָבן די סאָוועטן? די דאָזיקע געדאַנקען, געמישט מיט דער פרייד פון דער באַגעגעניש, וואָס איז אים באַלד פאָרגעשטאַנען, האָבן געשיקערט לייזערן, מיט פראָסט און פײַער אָנגעפילט זײַנע אָדערן, נאָר ער האָט זיך געצווימט, אַפילו קאַלטלעכע ניכטערקייט אין זיך געוועקט, אַט די ניכטערקייט, וואָס ווערט אים באַ זײַן גאַנצער היציקייט אַלץ מער איינגנטימלעך. און וואָס בלויז דערשפירנדיק זי, איז ער זיכער, אַז ער וועט אַ זאַך דורכפירן גוט און ניט געגרײַזט.

מע האָט זיך שוין אויפגעהויבן אַפן צווייטן שיפּוי פונעם יאַר. נאָוואַטקאָם הײַזל האָט ווי אַ שוואַרצע סקידרע זיך געצייכנט באַם ראַנד, און דוזשי, וואָס איז געגאַנגען דער ערשטער, האָט זיך פאַרהאַלטן אַ רגע, אויפגעוואַרט אַף לייזערן און שטיל אַ שעפּטשע געטאָן:

— אַנטשולדיק, וואָס איך דערמאָן דיר ווידער — צײַט איז טײַערער פון גאָלד.

— כ׳וויים.

באַם ראַנד פון יאַר, אויבן, האָט עפּעס גרוילעכס אַ שוועב געטאָן. אַ ציטער האָט דורכגענומען לייזערן. כאָטש עס איז פינצטער געווען, האָט

ער דאַך אין דעם, ווי דער העלער פלעק איז פאַרגליווערט געוואָרן באַם ראַנד, פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז זײַן אַנעליע. דווזשי האָט זי אויך באַמערקט און דורכגעלאָזט אים פאָרויס. לייזער האָט געמאַכט נאָך עטלעכע טריט און איז אַרום פון יאַר. אַנעליע איז געגאַנגען צו אים. איצט, ווען ער איז געווען דרײַ שפּאַן פון איר, האָט ער קלאָר געזען: זי איז געווען אין עפּעס טונקלס אָנגעטאָן, דאָס ווײַסע, וואָס האָט איבערגעשטרײַכט איר סילועט, איז דאָס אײַנגעהילטע קינד.

— אַנעליע!

— לייזערקע מײַנער!

ער האָט זי אַרומגענומען, אַ קוש געטאָן, דערנאָך האָט ער זיך אָנגעבויגן צום קינד, וואָס זי האָט עטוואָס אונטערגעהויבן. אין דער פינצטער האָט ער דאָס פּנעמל ניט געזען. ער האָט פאַרזיכטיק גענומען זײַן קינד אַף די הענט, דורך דעם דינעם געבעט פון ווינדעלעך און דעם קאָלדערקעלע דערפילט עפּעס אַ ווייכס, אַ וואַרעמס, דערשפּירט, ווי עס האָט מיט די פיסלעך און הענטלעך אַ באַוועג געטאָן, אַ שטילן כליפּע צי אַ טיפערן אָטעם געגעבן פון שלאָף.

דווזשי איז צוגעגאַנגען.

— וואָס זשע ביסטו גאָר אין דרויסן, פלימעניצע?

— כ׳ווייס, אַ פולע שטוב מיט מענטשן, ניטאָ וווּ אַ קער זיך צו טאָן, — האָט אַנעליע געענטפערט מיט איר זינגעוודיקער שטים, און ווי לייזערן האָט געדוכט — נאָך ווי קיינמאָל אַ צאַרטער, — אָזאָ שפּעטע שאָ, און מע שלאָפט דאָרט אַלע...

זי האָט מיט איין האַנט אויך אונטערגעהאַלטן דאָס קינד, ווי מוירע האָבנדיק, לייזער זאָל עס ניט אַראָפּלאָזן. ער האָט געקוקט אַף דעם און קוים באַמערקט אַזוי ווי ברעמען, אַז אַפּן מײַלעכל, אַ נעזל. אַנעליע האָט זיך צוגעטוליעט צו זײַן אַקסל, און ער האָט אויך איר פּאָנעם שוואַך געזען.

אין דער הייך האָבן געדרוישט עראָפּלאַנען, טיף און ווי פאַרכאָלעמט איז געווען זייער געמורמל. דווזשי האָט אויפגעהויבן דאָס פּאָנעם צום שוואַרצן הימל און געזאָגט:

— אונדזערע...

ערגעץ ווײַט אַף מײַרעוו האָט עטלעכע מאָל שוואַך אַ בליץ געטאָן אין דער נאַכט.

— באַ דער ווײַסל... — האָט ער צוגעגעבן.

לייזער האָט אין דער רעגע זיך נאָענט צוגעבויגן צום קינד, עפּשער וועט זיך אײַנגעבן באַ אַט די ווײַטע אויפבליצן די ליבע שטריכן אין זיקאָרן צו פאַרקריצן...

פערד איז געווען צוויי, האָט לייזער אָוועקגעשיקט מיט זיי מוישקען פאָרויס, און אַליין איז ער מיטן פישער אַוועק צום וואַלד צופוס. מע איז

געגאַנגען באַ אַ זײַט פון וועג, הערנדיק, ווי די נאַכט פאַרשלינגט דאָס קלאַפּן פון די טלאָען. אַ שטיק צײַט האָט מען זיך דורכגעקליבן שווײַגנדיק, לייזער — פאָרויס, דער פישער — נאָך אים. מע האָט געאײַלט.

לייזער האָט געפילט, אַז דאָ ערגעץ מוז פאָרקומען אַ שמועס צווישן אים און דעם פישער. אין דער פינצטער האָט ער געשפּירט אויף זיך דעם פישערס בליק, נאָר דערוויסן זיך, וויאַזוי ער קוקט אויף אים, האָט לייזער געקאָנט נאָך דעם, ווי מע וועט זיך כאַטש די ערשטע עטלעכע ווערטער זאָגן. און עפּעס האָט יענער באַשטימט שווײַגן, וואַרטן? אַז עלטערער מענטש איז ניט אַזוי אומגעדולדיק, ווי אַ יונגער, ערשט איצט קאָן ער זיך וועלן צוקוקן צו אים.

דער פישער האָט אַ פּאָר מאָל אַ שטילן הוסט געטאָן, נאָר ווײַטער געגאַנגען שווײַגנדיק. האָט לייזער זיך גענומען רעכטס פון שטעגעלע, בעקיוון פאַרקלענערט די טריט, קעדיי זיך אויסגלײַכן מיטן אַלטן. מע האָט פּונקט געהאַלטן אין צוקומען צום וואַלד. די יאָדלע־ביימער האָבן שטיל גערוישט.

— טיף האָט איר זיך פאַרקליבן? — האָט דער פישער געפרעגט.

— ניין, באַלד וועט אַ פּאָסטן זײַן...

און טאַקע — זיי האָבן געמאַכט עטלעכע טריט, און אין דער פינצטער האָט אַ ווילדע קאַטשקע אַ טויבלעכן געשריי געטאָן. לייזער האָט פּונקט מיט אַזאַ גאָרגלדיקן אויסגעשריי געענטפערט. פון ביידע זײַטן שטעג זײַנען אויסגעוואַקסן צוויי טונקעלע שאָטנס, איינער האָט געפרעגט:

— נאָך האַלץ?

— כ'האָב דאָ די האַק געלאָזט... — האָט לייזער געענטפערט.

די וואַכליַיט זײַנען פאַרשוווּנדן צווישן די שטאַמען, לייזער און דער פישער זײַנען אַוועק ווײַטער.

— און איך האָב זיך געקליבן אײַך לערנען... — האָט דער פישער שטיל אַרויסגערעדט.

לייזער האָט אין דער געדיכטער טונקלייט אויסגעקערעוועט צו אים דעם קאָפּ:

— כ'האָב אָט די לערע אַלעמאָל געדענקט!

מער האָט דער פישער גאָרנישט ניט געזאָגט, ער איז איצט, ווײַזט אויס, געווען פאַרנומען דערמיט, ער זאָל אין דער פינצטער אויף אַ שטאָם ניט אַרויף. לייזער איז ווידער געגאַנגען עטוואָס פאָרויס. אויף אַ גראָזיקער לאָנקע, שוין קימאַט באַם לאַגער, האָט ער צוגעוואַרט אויפן פישער. אַ פרייד האָט אים פאַרפלייצט, און ער האָט געזאָגט:

— כ'האָב ערשט מײַן זון געזען... דאָ האָב איך אַ ווײַב מיט אַ קינד.

— דאָס ווייס איך. מיר האָבן דאָך צוזאַמען מיט זיי זיך דורכגעקליבן אַהער.

— האָט איר געזען מײַן יונגעלע?

— געזען און אַף די הענט געהאָלפן טראָגן... כ'האָב נאָר ניט געוווּסט, אַז דאָס איז אײַער פּאַרמעג...

— און איך זאָג „געזען" — אין דער פינצטער האָב איך נאָר זײַן אָטעם געפילט...

— נו, איר וועט אײַער קינד שוין אַ צווייט מאָל זען, באַ זון־שײַן.

— יאָ, — האָט לייזער געזאָגט, — די שײַן קומט, זי קומט פון מיזרעך.

XXV. אַ באַגעגעניש באַ דער ווײַסל

1.

די לעצטע דײַטשישע אויטאָמאַשין, וואָס איז אַרויסגעפאָרן פון גאָרליטשינאַ, האָט געלאָזט נאָך זיך אַ בלוטיקן שפּור. עס זײַנען דערשאָסן געוואָרן באַ זייערע פּלויטן צוויי פּויערים, וועלכע האָבן פון קעלער זיך אַרויסגעכאַפּט אַ קוק טאָן, צי די דײַטשן האָבן זיך שוין פאַרנומען פונעם דאָרף.

די שלאַכט האָט די גאַנצע נאַכט געקאָכט צאָפּנדיקער פונעם פּאָוויאַט־שטעטל פּ׳. האַרמאַטן האָבן טויב געהילכט ערגעץ אַרום גזשיבאָווער וואַלד, אַ פּאָר מאָל האָט זיך פון דאָרט דערטראָגן אַ שיפּען און באַלד אַ סוידעס־פּול הודען פון ווײַטע אויפרײַסן, אַפן האָריזאָנט האָט זיך ווי אַ בלענדנדיקער שטראָם געגאָסן אַ דורכויסיקער פּאַס פײַער, די הײַזקעס האָבן זיך געוויגט, ווי בעיס אַן ערדציטערניש — האָבן מענטשן געדרונגען, אַז דאָס מוז אוואַדע ריידן דאָס נעקאָמע־געוועער פון די סאָוועטן, וועגן וועלכע מע האָט שוין לאַנג דערציילט — די קאַטיושע.

צו קאַיאָר האָט נאָענט פון גאָרליטשינאַ זיך דערהערט דאָס כאַראַקטעריסטישע קלאַפּן פון טאַנקען־קייטן, דאָס אָנגעשטרענגטע, איבערגערייסענע פּיכקען פון מאָטאָרן. פון די לאַנגע קוילנוואַרפער־רייען און זייער פאַרכלינעטן שטעפּן האָט דער אָטעם פאַרכאַפּט באַ מענטשן. אָט זײַנען אַרום דאָרף, איבער די גערטנער און סעדלעך אײַליק דורכגעלאָפן קייטלעך דײַטשן, ערגעץ אַפן טראַקט האָבן אויטאָמאַשינעס זיי פאַרנומען. דערנאָך האָט עמעצער געזאָגט, אַז מע האָט שוין אַ סאָוועטישן קריגער געזען אַף אַ פערד דורכרײַטן. ער איז צו צום קאָסטיאָל, אַרומגעקוקט זיך, זיצנדיק, ווי אײַנגעשמידט אין זאָטל, דאָס פערד האָט אַ שפּיל געטאָן אונטער אים, אַ קלאַפּ געגעבן מיט די טלאָען און אים צוריק צום שטעטל אַוועקגעטראָגן. ווידער עמיצער מיט אַ גוטער ריִע האָט פון זײַן דאַך איבער די ביימער פון די פלוימען־סעדלעך שוין געזען, אַז צוויי פאָנען — איינע אַ ווײַס־רויטע און די צווייטע אַ רויטע — פלאַטערן איבער די שאַרפע ראַטושע־טורעמס אין פּ׳. און דאָ, ווען די ערשטע אײַנוווינער האָבן גענומען אַרויסגיין אַף דער גאַס, צו די פּלויטן, שוין אין רעכטן אינדערפרי, האָט דעם

סוינעם אז אויטאמאשין נאך איבערן פאוויאט־טראקט זיך פארבייגעטראגן. איינער פון די דייטשן, וואס זיינען אין קאסקעס אף דער מאשין געזעסן, האט א געשריי געטאן: „פארטיזאנטן" — און מיט איין שפריץ פייער פון זיין אויטאמאט פארשניטן די ביידע פויערים באם פלויט...

די דאזיקע דייטשן אף דער פארשפעטיקטער מאשין זיינען געווען א טייל פון דער אויפרייס־קאמאנדע, וועלכע האבן אין פ' געדארפט פארניכטן די דעפא, דעם צוקער־זאוואד, אויפרייסן דאס אייזנבאן־בריקל איבערן היגן טייכל, איבערהאקן מיט צוגעבונדענע טאל־שאשקעס יעדער רעלס אף דריי שטיקער און אנטאן נאך אייניקע אנדערע שאדנס. שוין שפעטער איז קלאר געווארן, פארוואס דער עלעקטרא־שטראם איז ניט דערגאנגען צו דעם פארגראבענעם אמאנאל, כאטש די אויפרייס־מאשינדלעך זיינען דאווקע יא איינגעשלאסן געווארן; פארוואס עס האבן ניט געבראכט זייער פארניכטונג־פונק די ביקפארד־קנויטן; עס איז באוווסט געווארן, ווי די דראטן און קנויטן זיינען איבערגעהאקט געווען, ווי די אויפרייס־שטאף איז ארויסגעצויגן געווארן. די דייטשן האבן אין די לעצטע מינוטן זיך גענומען אומטראגן ווי פארסאמטע ארום די גאנץ־געבליבענע געביידן. נאר דא האט מען זיי אנגעהויבן באשיסן פון לאקער־ערטער. סאוועטישע שלאכט־לייט זיינען נאך ניט אריין אין שטאט, און די דייטשן האבן שוין באקומען קוילן אין פלייצע, אזוי אז אייניקע האבן ניט באוויזן דערלויפן צו די לעצטע מאשינען. אין גרימצארן האבן די, וואס זיינען יא דערלאפן, געשאסן אף יעדערן, וואס האט זיך נאר באוויזן בא זיין הויז.

נאר אויך די דאזיקע לעצטע מאשין איז ניט אנטלאפן. עס איז נאך ניט פארקילט געווארן דאס בלוט פון די ערשט דערהארגעטע פויערים, די פרויען און קינדער האבן נאך ניט באוויזן אויפהייבן די דערשאסענע פון דער ערד, — די דייטשישע מאשין האט נאר ארויסגעריסן זיך פון דארף און, איינגעהילט אין קנוילן שטויב, זיך גענומען דערנעענטערן צום גארליטשינער וואלד, ווי עס האבן א פלאטער געטאן ארום איר צוויי סנאריאד־אויפרייסן. דער דריטער אויפרייס האט אין בלוילעכן פייער די מאשין איינגעוויקלט. לאנג איז דערנאך איבערן וועג געשטאנען א שווארצער זייל רויך...

און די פאוויאט־שטאט פ', וועלכע דער ברייטער אספאלטירטער טראקט שניידט דורך פון מיזרעד אף מיירעוו, האט אין דער זעלבער צייט שוין געפייערט די ערשטע פרייהייט־שא. סאוועטישע שלאכטלייט, וואס האבן די ערשטע זיך דא דערשלאגן, פארשטויבטע און פארשוויצטע, מיט אזעלכע־פאשעטע, מידע, אפגעברענטע פענעמער, זיינען אוועק ווייטער — אף מיירעוו, אהין, ווו די שטאלענע רעלסן גלאנצן און שלענגלען זיך אפן געלבלעך־גרינעם אנשיט, און אף דארעם, — ווו עס שווארצט זיך דער גארליטשינער וואלד. געבליבן זיינען די פרישע שוץ־גריבער, וואס זיי

האָבן געהאַט אויסגעגראָבן, געבליבן זײַנען אַף דער ערד אויסגעשאָסענע פּאַטראָן־הילזעס, וואָס האָבן נאָך מיט פּולווער געשמעקט, און די דאָזיקע מענטשן, וועלכע די פּוילישע שטאָט־אײַנוווּנער האָבן נאָר אַ פּאָר ווײַלעס געזען, זײַנען שוין אַוואַדע ווידער געווען אין פֿעלד, צווישן קוסטעס, נײַע גריבער געגראָבן, פֿרישע הילזעס צעזייט און אויך מיט אייגן בלוט די באַפֿרײַטע ערד באַגאָסן...

די היגע מענטשן האָבן פֿאַרגעדענקט און איינער דעם אַנדערן דערציילט אַ וואָרט, אַ פֿראַזע, וואָס אַזאַ ערשטער סאָוועטישער שלאַכט־מאַן האָט דאָ אַרויסגעבראַכט, פֿאַרקלערט נאָך געהאַלטן דעם עמער, פֿון וועלכן ער האָט געטרונקען, געוויזן אַ זילבערן שטערנדל, וואָס אַ צווײַגל האָט אַראָפּגעריסן בײַ אַן אָפֿיציר פֿון דער שליפֿע און אַ קינד האָט עס געפֿונען...

עס זײַנען שוין אויך אַוועק אַף מײַרעוו די האַרמאַטן, וואָס האָבן פֿונעם מיטן מאַרק־פּלאַץ און אויך פֿון אַרום דער סטאַנציע געהאַט עטלעכע זאַלפּן אַרויסגעלאָזט איבער די דײַטשן. עס האָבן זיך שוין אומגעקערט די היגע עטלעכע אײַזנבאַנער און אַרבעטער פֿון צוקער־זאַוואָד, וואָס האָבן אַף די ערשטע סאָוועטישע טאַנקען זיך געזעצט און געוויזן זיי, וויאַזוי די מינען־פֿעלדער בײַם טײַכל און בײַם אײַזנבאַן־אָנשיט מײַדן, — זיי, די דאָזיקע היגע אַרבעטער, האָבן דאָך טאַקע געקאָנט דערציילן, ווי מע האָט די ערשטע סאָוועטישע שלאַכט־לײַט קאַיאָר דאָ דערזען, ווי מע האָט אַליין פֿאַרטריבן די דײַטשן פֿון זאַוואָד, פֿון דעפּאָ, ווי מע האָט די ראַטושע פֿאַרנומען און אויפֿגעהויבן דאָרט צוויי פֿאָנען, זיי האָבן אויך געבראַכט גרוסן פֿון דעם, ווי מע טרײַבט ווײַטער דעם סוינע.

דורכן טראַקט, וועלכער טיילט דאָס שטעטל אַף העלפֿט, האָבן זיך אַלץ געצויגן אַף מײַרעוו שווערע טאַנקען מיט רוסישע אויפֿשריפֿטן אַף די טורעמס, האַרמאַטן קליינע און גרויסע, נאָך וועלכע שלאַכט־לײַט זײַנען נאָכגעגאַנגען, מידלעך אַף די לאַפּעטן און סנאַריאַדן־טאַטשקעס זיך צוגעזעצט. פֿאַליאַקן זײַנען געשטאַנען בײַ די זײַטן און געמאַכט צו זיי מיט די הענט, געפּאַכעט מיט די היטלען און קאַפּעליושן.

עס זײַנען דורכגעפֿאָרן עטלעכע מאַשינען, איבערגעדעקטע מיט ברעזענטן, — עמיץ האָט אַרויסגעבראַכט דאָס וואָרט „קאַטיושאַ“, זײַנען אַלט און יונג נאָכגעגאַנגען נאָך די דאָזיקע מאַשינען ביז עק שטעטל.

עס זײַנען דורכגעגאַנגען דורכן שטעטל פּוילישע זעלנער, פּונקט אין אַזוינע גרינע מונדירן, ווי געווען, פּונקט אין אַזוינע קאָנפֿעדעראַטקעס, מיט בלײַענע אָדלערלעך פֿון פֿאָרנט, מיט אײַנגעפּאַסטע ווײַס־רויטע סטענגעלעך אין די לאַצן. זעקס יאָר צוריק זײַנען מענטשן אין פּונקט אַזוינע קליידער דאָ געפֿאַנגען געגאַנגען, געטראָגן אַף זיך די שאַנד פֿון אָט דער פֿאַרפֿײַניקטער ערד. דאָס געווער, וואָס זיי האָבן דאַן אין די וועלדער געוואָרפֿן, האָט הײַנט קאַיאָר געשאָסן אין די דײַטשן. די נײַע פּוילישע זעלנער האָבן איצט געטראָגן אַנדער געווער, געווער וואָס איז געשמידט

געווארן אף מיזרעד. דער גאנצער פוילישער טייל איז דורכגעגאנגען ערגעץ צאפנדיקער, דא האט זיך בלויז גערוקט א קליין היפעלע זעלנער. נאר אויך צווישן זיי האבן זיך געזען איניקע מיט פארבאנדאזשירטע קעפ און הענט, אויך אין זייערע אויגן האט געברענט די היץ פון שלאכט און פון שווערן זומערדיקן מארש...

אף דער ראטושע האבן געפלאטערט צוויי פאנען: איינע — א ווייס־רויטע, ערשט נעכטן דורך טאדעוש מאלטשעווסקים מוטער אויפגענייט, און די צווייטע — א רויטע, דאס איז געווען יאן דוזשים פאן, וועלכע האט פיר יאר אין א געהיים ארט אף אט דער שא געווארט... בא דער טיר פון ראטושע איז געשטאנען א וואך — א באוואפנטער פוילישער באכער מיט א ווייס־רויטער סטענגע אפן ארבל. דא איז אנטשטאנען די נייע ארטיקע מאכט, געשטעלט האט זיך אזא וואך באם צוקער־זאוואד, באם דעפא — דאס האבן מענטשן פון פאלק גענומען זיך אפהיטן דאס פאלקס־פארמעגן. דורך דער גאס האבן צייווילע מענטשן מיט געווער אף די אקסל, צווישן זיי איינער א געלער און באוואקסענער, געפירט צוויי דייטשן, וואס מע האט פון א קעלער ארויסגעשלעפט — אזוי איז געבוירן געווארן די מיליץ...

אינמיטן טאג האט מען פון גארליטשינא אף צוויי פורן געבראכט צו פירן אין פ׳ די ביידע הארוגים — די פויערים, וואס זיינען דארט די לעצטע געפאלן. דאס דארף האט אין אט דעם טאג פון פרייהייט ניט געקאנט אליין פארנעמען דעם ווייטיק פון דעם דאזיקן לעצטן פארלוסט און געבראכט זיי אין פאוויאט. א גרויסער אוילעם האט די קארבאנעס צו דער ראטושע באגלייט. געזען האבן, ווי מע פירט די דאזיקע הארוגים, די שלאכט־לייט וואס האבן זיך געצויגן צום פראנט. די רעדנער, וואס זיינען אף די וועגענער ארויפגעקראכן, האבן בעיים מע האט גערעדט פון נעקאמע, געוויזן אפן מעכטיקן כאיל, וואס האט צום מיירעוו־ראנד גע־פלייצט.

און נאך איין וווּנד, אן אלטע, האט דאס דאזיקע פאוויאט־שטעטל באם פראנט־טראקט אפגעדעקט אין אט דעם טאג. אין דער שפיץ פונעם היפשן אוילעם, וואס האט בא דער ראטושע זיך פארזאמלט, האט יאן דוזשי און זיינע פריינט — ארטור יאראש, דער אלטער זאגרודסקי, מע־טשיסלאוו סיקארא, וועלכער איז היינט פון די מיזרעד־וועלדער, געקומען, זיך אוועקגעלאזט צום מיירעווודיקן ארויספאר פון שטעטל, צו דער לינדן־אלייע, וו מ׳האט אין יענער נאכט, ווען דאס ערשטע קאמפס־פינפטל איז אין דער געגנט אנטשטאנען, אראפגענומען פון צווייג די פיר געהאנגענע — דעם אלטן פויער און דאס יידישע פארפאלק מיטן קינד. דער געהיימער קייווער זייערער איז געווען טאקע דא ניט ווייט, אין פעלד, צווישן נידעריקע ראקיטע־קוסטעס.

די זון האט שוין גענידערט צום האריזאנט. דאס הודזשען פון אערא־

פלאַנען, דאָס הילכן פון האַרמאַטן האָט זיך היפּש דערווײַטערט, דערטראָגן זיך שוין ערגעץ פון אַרום ווײַסל.

.2

לייזער האָט ניט באַוויזן זיך אומקערן אין פּ׳ אײדער די רויטע אַר־מיי איז אַהין אַרײַן. ערשטנס, איז דאָס סאָוועטישע כאַיל אָנגעקומען גאָר ניט פון דאָרטן, פונוואַנען מע האָט עס דערוואַרט, — ניט גלײַך פון מיזרעד, נאָר פון צאָפן־מיזרעד. געווים איז דאָ פאַרווירקלעכט געוואָרן עפּעס אַ וויכטיקער מאַנעווער. צווייטנס, איז די באַפרײַונג פון דעם פּלאַטאָ צווישן סאַן און ווײַסל פאָרגעקומען שנעלער, ווי עס האָבן אויס־גערעכנט אַפילע פרײַנט.

געווען איז נאָך אַ וועזנטלעכע סיבע, פאַרוואָס לייזער האָט זיך אַ קאַפּל פאַרהאַלטן: דאָס אַריבערקלײַבן זיך מיטן רײַטער־אָטריאַד איבער דער ווײַסל איז צוגעגאַנגען ניט נאָר גלאַט. באַם ברעג האָט אין יענע טעג זיך פאַרזאַמלט שוין אַ סאַך פײַנטלעך מיליטער, איז גאָר ריזיקאַליש גע־ווען אַריבערפירן די פערד אַפן פאַראָם דאָרט, ווו מע האָט פריער גע־טראַכט. אין לעצטן סאַכאַקל האָט מען זיך פון דעם ביכלאַל אָפּגעזאָגט. באַנאַכט האָט די אויסשפּירונג באַמערקט שווימען איבערן טײַך עפּעס אַ שוואַרצס. אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז דאָס זײַנען צוויי גרויסע פּליטן. מ׳האָט זיי שטיל פאַרכאַפּט. די דײַטשן, וואָס זײַנען דאָרט געווען, געבונ־דענע אַראָפּגעלאָזט אין טײַך אַרײַן. צוגעשלעפּט די פּליטן צום ברעג, האָט מען אַף זיי אײַנגעאָרדנט וויפל רײַטער און פערד ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט, אוועקגעשטעלט אַף זיי די קוילנוואַרפער און די צוויי מינענוואַרפער. די איבעריקע רײַטער האָבן געדאַרפט אַריבערשווימען דעם טײַך צוזאַמען מיט זייערע פערד. צום סאָף פון דער אָנגעמערקטער נאַכט האָט אָבער נאָך ניט דער גאַנצער אָטריאַד פאָרסירט די ווײַסל. ווען ס׳האָט זיך געשטעלט דער טאָג, זײַנען אַ דרײַסיק רײַטער, ווי אויך אייניקע אויסשפּירער נאָך געווען אַפן מיזרעכדיקן ברעג.

קעדיי ניט אַרויסרופן קיין כשאַד, האָט מען די פּליטן געמוזט לאָזן שווימען ווײַטער איבערן טײַך. די פערד, וואָס זײַנען געבליבן אַפן מיזרעד־ברעג, האָבן לייזער מיטן פישער באַשטימט איבערלאָזן באַ די פּויערים פונעם נאָענטן דערפל. די מענטשן האָט מען אַריבערגעפירט אַף שיפלעך. כוץ דעם האָט מען זיך נאָך געדאַרפט געניי באַקענען מיט די היגע וואַלד־מאַסיוון, פאַרפינקטלעכן, ווו עס געפינען זיך באַם סוינע אייניקע ניי־גע־שאַפענע באַפעסטיקונגען, אָנמערקן אַז אַמיינסטנס פּאַסיק אָרט, ווו ביידע אָטריאַדן און די שיפלעך, וואָס זיי וועלן פאַרגרייטן, זאָלן זיך אויפהאַלטן, — דאָס אַלץ אין באַדינגונגען, ווען אַרום שווימלט און גריבלט מיט דײַטשן. האָט זיך לייזער געקאָנט לאָזן צוריק קיין פּ׳ ערשט אַפן פערטן

מעסלעס. דערצו דארף מען צוגעבן, אז דעם גאנצן צוריקוועגס האט ער דורכגעמאכט צופוס.

אזוי אדער אנדערש, נאר ווען לייזער האט זיך דערלאנגט צום גזשי־באוועס וואלד, איז קלאר געווארן, אז וויַטער גיין טאר ער ניט. ארום און ארום האט געקאכט א שלאכט, סנאריאַדן האבן זיך געריסן צווישן דיביימער, סאוועטישע עראפּלאנען האבן זיך געטראגן נידעריק איבער די סאסנע־קרוינען. באַ לייזערן איז דאס הארץ שיר ניט צעשפּרונגען געווארן פאר פרייד, וואס גארליטשינא און די פּאוויאט־שטאט זיַינען שוין פריַי, אדער האלטן אין באפריַיט ווערן. נאר דאס, וואס ער אליין פארשפּעטיקט, האט אים געקאסט געזונט.

צוזאמען מיט די אלטיטשקע גזשיבאווסקים איז אים אויסגעקומען זיך אויסבאהאלטן אין א גרוב ניט וויַט פון זייער היַיזל, וויַיל די דיַיטשן זיַינען דא אומגעלאפן ווי פארסאמטע מיַיז. געשפּאנטע אין שווערע האר־מאטן, האבן צעשראקענע פערד זיך געריסן פון די פאסטראמקעס, טאנקען און מאשינעס האבן אין די זומפּן געהרוזנעט. דורך אלע וואלד־וועגן און איבערן שאסיי האט איין מוטנער שטראם געפליַיצט צו דער וויַיסל. איצט באוויַיזן זיך וואלט געהייסן אדער מיטגעשלעפּט ווערן מיט דעם שטראם אדער אומזיניק אומקומען.

דא טאקע באם וואלד־הויז, נאך עטלעכע מינוט פון אנגעשטרענגטער שטילקייט, ווען דאס לעצטע דיַיטשישע פורל מיט צעפּאלאכעטע פערד האט זיך אוועקגעטראגן איבערן שאסיי, האט לייזער דערזען די ערשטע סאוועטישע שלאכט־ליַיט. ער איז, ווי א געפלעפּטער, געבליבן שטיין באַ דעם וואלד־וועכטערס טויער און נאר געפילט, אז ס'פארכאפּט אים דער אטעם און דאס הארץ צעריַיסט מאמעש דעם ברוסט־קאסטן. ניין, ער האט שריַיען פאר פרייד ניט געקאנט, כאטש דער אויסגעשריי איז געבוירן גע־ווארן אין ברוסט, ער האט זיך אויך לאזן טאנצן ניט געקענט, כאטש די פיס האבן זיך אליין געהויבן, ווי קוועקזילבער וואלט דורך זיי געגאנגען. ער האט נאר געמאכט עטלעכע טריט צום שליאך, באַ דער זיַיט פון וועלכן עס האבן זיך פארזיכטיק גערוקט יונגע פארברוינטע מענטשן אין אויס־געצוויטעטע כאקי־קליידער, מיט אנגעשטעלט געווער. ער האט באגריסנדיק און רופנדיק א מאך געטאן צו זיי מיט דער האנט, און ווען איינער, גאר א יונגער, א געזעצטער אזא, מיט שווארצע אויגן, איז צוגעלאפן צו אים, האט ער באוויזן פארויס, וווהין דאס דיַיטשישע פורל איז נארוואס אוועק, און געזאגט:

— טו גערמאנגוו יוזש ניעמא, טאוואזשישו...*.

ס'זיַינען צוגעלאפן נאך עטלעכע שלאכט־ליַיט, איַיליק אים באטראכט. לייזער האט געשמייכלט, אויסגעשטרעקט זיי די האנט. מ'האט גענומען זיַין האנט, געדריקט זי. איינעם, דעם לעצטן, א הויכן און בלאנדן, מיט

* דא זיַינען קיין דיַיטשן שוין ניטא, כאוועր...

אַן אײדל געזיכט, האָט לײזער אַרומגעכאַפּט און געדריקט צו זיך. יענער האָט אים אויך אַרומגענומען מיט אַזאַ פרײדיקער באַוועגונג, עפּעס גע־זאָגט אױף רוסיש און אַוועקגעלאָפן װײַטער. לײזער האָט פאַרגעדענקט: פּראָסטע, װוילע געזיכטער, שוויים אַרום די ראַנדן פון די צעקנייטשטע פּילאָטקעס, קרעפּטיקע לײַבער אין שטויביקע העמדלעך, אײַנגעצויגענע אין דער קרים באַ די לענדן מיט רימענס, כאַקי־קאָלירענע גראַנאַטן, וואָס הענ־גען אין געווײַנלעכע זעקעלעך באַ די זײַטן, פעסטע שיך, טונקעלע וויקל־שנורן אױף די פיס... ער האָט געמאַכט עטלעכע טריט נאָך אָט די ערשטע, ווי עס זאָל אים מיטשלעפּן מיט זיי, נאָר באַלד זיך אָפּגעשטעלט און אַנט־שלאָסן אויסגעקערעוועט אױף מיזרעד. דאָרט האָט אױף אים געוואַרט אַן איניען, וואָס, אין אַ געוויסער מאָס, האָט ער עפּשער געדאַרפט העלפן שנע־לער לייזן דעם גורל פון די שלאַכטן באַ דער װײַסל. ער האָט אײַליק געשפּאַנט איבערן שאָסיי. און אײן געפיל האָט איבער אַלע זײַנע זאָרגן און געדאַנקען אים אָנגעפילט און געשיקערט — ער טרעט אױף באַפרײַ־טער ערד...

.3

באַ אַנעליען אין הויף איז געשטאַנען אַ פעלד־קיך. דער אַלטער מיכאַל האָט זיך אומגעקערט פון ערגעץ מיט אַ וואָגן טרוקענע צווײַגן, צוזאַמען מיט סאָוועטישע סאָלדאַטן אָראָפּגעוואָרפן זיי באַ דער קיך. זאָכע וואָיטאַס האָט באַ אַ טישל, וואָס איז אונטער אַ פלױמען־בױם געשטאַנען, געבראַכט אַ גאַנצן באַרג שטשאַוויע און הויך גערעדט צום סאָלדאַט, דעם קעכער, וואָס איז געשטאַנען אָפּן טרעפּל פון קיך און געמישט מיט אַ היפּשן פּאָ־לאָנעק אינעם דאַמפּיקן קעסל. דורך דער גאַס האָט זיך געצויגן פערד־אַרטילעריע.

לײזער איז שטײן געבליבן פון יענער זײַט גאַס און פון אַרום אַ שאַכנס אַ פלויט צוגעקוקט, וואָס עס טוט זיך אין אַנעליעס הויף. כאָטש ער האָט זיך שטאַרק געאײַלט, האָט ער זיך דאָך דערלויבט די עטלעכע מינוט פון שטײן אַזוי אין אַ זײַט, צוקוקן זיך און פאָרשטעלן זיך, ווי מע וועט אים דאָ באַלד באַגעגענען. דאָס ערשטע מאָל האָט ער איצט באַ טאָג־שײַן געזען דעם דאָזיקן הויף מיט די מאַנטשניקעס און קוקורוזע־שטענגלעך אין גאָרטן פון יענער זײַט לאָזע־פלויט, מיט די אָנגעוואָרפענע בערווענעס באַם שטאָל, מיט דעם פּוסטן בושעל־נעסט אָפּן דאַך. אַנעליע איז ניט געווען אין הויף. אַ פּאָר מינוט האָט ער געקוקט אַהין, און קײנער האָט אים ניט באַמערקט. אַ קאַפּעלע טרויער און פאַרלוירנקייט האָט זיך מיטאַמאָל פאַר־גאַנוועט אין זײַן האַרץ. דורך דעם אָפּשטאַנד, וואָס האָט אָפּן וועג זיך געשאַפן צווישן צוויי האַרמאַט־געשפּאַנען, האָט לײזער זיך געלאָזט צום קרומלעכן טויער.

זאָכע האָט געלאָזט ליגן דאָס מעסער אינעם צעבראָקטן באַרג

שטשאַוויע. „מיכאַל, זע נאַר!" — האָט זי אַ געשריי געטאָן, און ווישנדיק די הענט אין פאַרטעך, מיט אײַליקע דריבנע טריט זיך געלאָזט אַנטקעגן לייזערן. אינמיטן הויף האָט זי אַ רוף געגעבן: "טאַכטער, טאַכטער!" מיכאַל, וואָס איז געשטאַנען בײַ דעם פּורל צווייגן, האָט זיך אומגעקוקט, אַ ציטער געטאָן. ער האָט שווערלעך, מיט ווירדע גענומען שפּאַנען צום גאַסט, אָפּטרייסלענדיק פון די אַרבל שטיקלעך ברעזע־קאָרע. אַנעליע האָט זיך באַוויזן בײַם פאַרמאַכטן פענצטער. אין עטלעכע רגעס אַרום איז זי שוין געלאָפן צו לייזערן און איבער מיכאַלס און זאַכעס אויסגעשטרעקטע הענט אים אַרומגעכאַפּט, באַדעקט מטין קושן. אין פריידיקער איבעראַ־שונג און גליקלעכער שטיפערישקייט איז זי הענגען געבליבן אַ קאַפּעלע אַף אים מיט איר שלאַנקן גוף, ווי קעדיי דערשפּירן זײַן גווירע.

— נו, לאָז אים שוין אָפּ, גיב נאָך עמעצן אַ קוק טאָן אַף אים! — האָט זאַכע געזאָגט.

לייזערן האָט מען באַזעצט אַף דער פּריזבע בײַם סאַמע אַרײַנגאַנג אין הויז. מע האָט אים באַקענט מיט די עטלעכע רויטאַרמייער, וואָס זײַנען געווען אין הויף. מע האָט אים פאַרשאָטן מיט פראַגן, ווי אַזוי אַרום און פונוואַנען ער קומט. ער האָט ניט באַוויזן ענטפערן אַלעמען, אַפילע רעכט ניט באַנומען, וואָס מע פרעגט אים, אומגעדולדיק אַ פּאָר מאָל אַ פיר געטאָן מיט די אויגן צו דער אָפענער טיר. און דאָ איז אַנעליע, וועלכע האָט זיך אײַנגעמאַסטעט לעבן אים אַף דער פּריזבע, מיטאַמאָל אויפגע־שפּרונגען:

— שאַט, און יורעק?...

זי האָט עפּעס אי מיט פאַרוואורף אי מיט שטאָלץ אין די שײַנענדיקע אויגן אַ קוק געטאָן אַף אַלעמען, וואָס זײַנען אַרום לייזערן געשטאַנען, גענומען אים פאַר דער האַנט און אַוועקגעפירט נאָך זיך. אינעם קליינעם צימערל הינטער דער קיך, וווּהין זי האָט אים געבראַכט, איז געווען האַלב טונקל, די פענצטער זײַנען געווען פאַרהאַנגען מיט אָנגעקראָכמאַליעטע זײַ־בערע פאַרהענגלעך. אין אַ הויכן לאָזע־וויגל, אײַנגעדעקט מיט אַ לײַלעך, איז געשלאָפן יורעק. איצט האָט לייזער געזען זײַן קינד. דאָס פּענעמל האָט זיך שוין אויסגעפורעמט. העלע ברעמען, זייער דינע, אַזוי אַז מע האָט די הערעלעך געקאָנט איבערציילן, האָבן זיך רונד אויסגעלייגט אַף די שטערן־בײַלעכלעך. די אויגן־לעפלעך, באַזוימט מיט טונקעלע וויִעס, זײַנען געווען צוגעמאַכט, אַ גלײַך, קוים פאַרריסן נעזל, פולע בעקלעך, רויטע צונויפגעצויגענע ליפּלעך... אַף וועמען איז ער ענלעך? — אַף דער מאַמע עסטערן, פון וועלכער עס איז קיין שפּור ניט געבליבן, אָפּן פּאַטער, וואָס רוט אין אַש אונטער אַ פּלויט, צי אַף אָט דער ווילער, האַרציקער זאַכע וואָיטאָס, וועלכע שטייט בײַם שוועל מיט אַ פינגער צוגעלייגט צום ווינקל מויל און שאָקלט מיטן קאָפּ?... אונטער דעם קינדס ווײַסע בעקלעך איז ווי מילך גערונען. שטיל האָט געקלאַפּט אַ בלוילעך אָדערל בײַם

שלייף, — טיפע רו איז געלעגן אינעם אויסדרוק פונעם קינדס אַטעמדיקן מויל, פון די צוגעשלאָסענע אייגעלעך, ווי דער צאַרטסטער פון אַלע כאַ־לוימעס זאָל שוועבן איבער דעם... אַט דאָ איז ער, דער קוואַל פון אַ נײַ לעבן.

אויף די שפּיץ פינגער איז לייזער אַרויס פון ־עם אַלקערל, אַנעליע — נאָך אים.

— ער דערקענט דאָך מיך שוין, יורעק! — האָט זי געזאָגט שטיל מיט טיפער אַנציקונג, — קוקט מיר נאָך, ווען איך גיי אַרום ווינקל... אַט וועט ער זיך אויפכאַפּן, וועסטו אַליין זען.

לייזער האָט אַ קוק געטאָן אויף איר. זי האָט אין זײַן בליק איבערגע־לייענט טרויער, אַנגעשפּיצט זיך, זי האָט פרעגעוודיק זיך אײַנגעקוקט אין אים, דערזען, אַז ער זעצט זיך ניט אַפּן בענקל, וואָס מיכאַל האָט אים צוגערוקט.

זאָכע האָט אַרויסגענומען דאָס דעקל פון אויוון, אַנגעבויגן זיך צום פּריפּעטשעק און אַרויסגעשאַרט מיטן לאָפּעטקעלע אַ קאָפּל זשאַר.

— שוין איינמאָל אַן אייניקל, — האָט זי געזאָגט, אויסדרייענדיק עטוואָס דעם קאָפּ, — די שטוב איז פול מיט פרייד... אַנטשולדיקט, איר זײַט דאָך פון וועג... אַט באַלד, אַ ווײַליטשקע נאָר, וועל איך אַנוואַרעמען.

— אַ דאַנק, מאַמעשי, — דאָס ערשטע מאָל האָט לייזער זי אַנגע־רופן אַזוי. ער האָט זיך אַליין פאַרכאַפּט, צי ווײַל ער האָט אַזוי לײַכט דאָס וואָרט אַרויסגערעדט, צי גאָר ווײַל ער האָט ניט גלײַך געוואָלט זאָגן דאָס, וואָס סע האָט נאָך דעם גערדאַרפט קומען. נאָך אַ קלייניקער פּאַוזע, בעיים וועלכער ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט אַנעליען, וואָס האָט אים אַי באַדאַנקט פאַר אַט דער נײַער ווענדונג, אַי מיט אומרו דערפילט זײַן פאַר־לעגנהייט, האָט ער געזאָגט: — כ'האָב לײדער קיין רעכט ניט צו פאַר־האַלטן זיך דאָ...

— פאַרוואָס עפּעס? — האָט שוין מיכאַל געפרעגט.

— כ'מוז גיין.

— גיין? — אינעם אַלטנס שטים האָט זיך געשפּירט אי אָפּשײַ אי אַ מין אַנטוישונג, ער האָט אָבער ניט געוואָגט פרעגן — וווּהין.

אַנעליע האָט שטיל געפרעגט:

— וווּהין, לייזערקע?

— צו דרזשין...

— נו, איז נאָך וואָס זשע גיין? וועט אײַך מיכאַל צופירן אַהין אַפּן וועגעלע. — זאָכע האָט זיך אויסגעגלײַכט, אומרויִק, נאָר אויך מיט האָפע־נונג געקוקט אויף לייזערן, ווי פלײַסנדיק זיך כאַטש עפּעס איבערלייענען אויף זײַן געזיכט, — איר פאַרט דאָך אַוודע ניט אויף לאַנג אַהין... מיס־טאמע איניאַנים... איר וועט טאַקע מיט מיכאַלן קומען צוריק.

לייזער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— ניין, גיכער פון אַלץ וועט מיר נאָך אויסקומען אַ ביסל זיך פאַרהאַלטן.

— אַ ביסל איז ניט קיין סאַך! — האָט אַנעליע געזאָגט מיט אַ פאַרשטעלטן שמייכל. לייזער האָט איבערגעלייענט טרויער און שטאָלץ אין איר בליק. זי האָט אים גוט פאַרשטאַנען.

4.

ס'איז שוין געווען פאַרנאַכטלעך, ווען לייזער האָט אָפן שווערן סקריפּענדיקן פורל זיך דערלאַנגט אין פּ'. צו דער ראַטושע. דאָס פערדל איז געווען גאָר אַ שוואַכס, דער פויער האָט עס ניט געטריבן, אַריינלאָזנדיק זיך אין אַ שמועס מיטן אײדעם, וועלכן ער האָט אַלץ באַקוקט, און לייזערן, כאָטש ער איז שיר פון דער הויט ניט געשפּרונגען (צופּוס וואָלט ער געווים גיכער געקומען), איז דאָך ניט באַקוועם געווען צואײַלן דעם אַלטן און אַרויסווײַזן אומגעדולד פאַר אים. כוץ דעם איז ער שוין הײַנט היפּש געגאַנגען צופוס, לייזער, און עפּשער איז אים נאָך פאַרגעשטאַנען ווייס איך וויפל גיין, האָט ער האַלב ליגנדיק, אָנגעלענט אין שטרוי, געלאָזט אויסרוען די פיס און דעם גאַנצן מידן קערפּער.

דוזשי האָט זיך געפונען טאַקע דאָ אין ראַטושע, איבער וועלכער עס האָבן אינעם פאַרנאַכטיק־גרינעם הימל שטיל און באַרוט געפלאַטערט צוויי פאַנען. לייזערן האָט אָנגעוויזן, ווו דוזשי איז, אַ באַוואָפנטער פּוילישער יונג מיט אַ ווײַס־רויט בענדל אויף דער האַנט.

אָפן פּלאַץ פון דער ראַטושע איז געווען אַ געדרענג פון מענטשן, פורלעך, מאַשינעס. די מערהייט זײַנען געווען ציווילע, נאָר געווען זײַנען אויך סאָוועטישע מיליטער־לײַט און אַ פּאָר פּוילישע זשאָלנערן. מע האָט געפירט לעבהאַפטיקע שמועסן. ווער סע האָט עפּעס דערציילט הויך, אַזוי, אַז אַ גאַנץ רעדל זאָל הערן, ווער סע האָט געלאַכט, ווער סע האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף עפּעס, עמיץ האָט אויך דערמאָנט טרויעריקס. אינעם פאַרנאַכט האָבן זיך געצונדן ציגאַרן און ליולקע־פײַערלעך, וועלכע עס איז שוין בעסער צו זען געווען, איידער פּענעמער פון די מענטשן. עס האָבן זיך דאָ אויך קינדער אומגעדרייט, געשטיפט, געזאָגט זיך איינס נאָכן אַנדערן, זייערע יונגע שטימען האָבן פריילעך געקלונגען. לייזער האָט מיט האַנאַע דערשפּירט ניט נאָר די דאָזיקע יאָנטעוודיקע אויפרודערונג, וואָס וועט שוין אַוואַדע ביז קאַיאָר זיך ניט אײַנשטילן, נאָר ביכלאַל דעם רויש און טומל פון פיל מענטשן — ער האָט שוין אַזוי לאַנג ניט געזען דאָס בילד פון אַ פרידלעך צונויפגעקומענעם האַמוין.

גלײַך אין קאָרידאָר פון ראַטושע, בײַ אַ טישל, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען אַ בליץ־לאָמפּ, האָט אַ פאַרוטשיק אין אַן עלעגאַנטן מונדיר פאַרשריבן פרײַוויליקע אין דער פּוילישער אַרמיי. דאָ האָבן זיך געשטויסן

שטאָטישע און דאָרפּישע יונגען, ווער מיט אַ קלומעקל אויף די פּלייצעס, ווער מיט אַ טשעמאָדאַן אין האַנט — גרייט גיין, וווּהין מע וועט שיקן.

דוזשי האָט זיך געפונען אין אַ גרויסן צימער אין עק קאָרידאָר. בײַ דער שײַן פון אַן אָנגעצונדן שוועבעלע האָט לייזער אויף דער טיר איבערגעלייענט: „ציִיטוויַליקער וואָיעוואָדישער קאָמיטעט פון פּפּר". און נידעריקער מיט אַ שורע: „פּאָוויאַט־קאָמיטעט פון פּפּר". אויך דאָ איז געווען היפּשלעך מענטשן, וועלכע זײַנען געזעסן און געשטאַנען, ווו נאָר סע האָט זיך געמאַכט. עפּעס אַ גרויע פרוי האָט בײַ אַ טישל געטיילט ליטעראַטור. דוזשי, וואָס איז בײַ אַ גרויסן שרייַב־טיש געשטאַנען, אַלץ נאָך אין דער אײַזנבאַנער־אוניפאָרם, אַ באַלויכטענער פון איין זײַט מיט דער בלוילעכער שײַן, וועלכע האָט זיך דורכן פענצטער געגאָסן, און פון דער אַנדערער — מיט דער צאַרט־געלער שײַן פונעם ברענענדיקן לאָמפּ, האָט איבער אַלעמענס קעפּ דערזען לייזערן אַרײַנקומען. ער האָט אַ פּליעסקע געטאָן מיט די הענט און קימאַט אויסגעשריִען:

— אָה, ווּעמען זע איך דאָס!

ער האָט זיך געלאָזט צו לייזערן, אַרומגענומען אים, און עפּעס ניט נאָר אַרומגענומען — פּיבערדיק אים אַרומגעטאַפּט די פּלייצע, די אַקסלען, די ברוסט, ווי ער זאָל זיך וועלן איבערצײַגן, אַז יענער איז אומעטום גאַנץ. אָפּגעטראָטן אַ שפּאַן, האָט ער אים אַ שמייכלענדיקער באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס:

— נו, גאַנץ, גאַנץ, איך זע שוין — אײַ, אַ כוואַט!

ער האָט געדריקט לייזערן די האַנט און מיטאַמאָל אָנגעשפּיצט אַ פרעג געטאָן:

— איין וואָרט — וויַאַזוי איז דאָרטן?

— מיר וואַרטן...

— איז געגאַנגען, געגאַנגען! אַנטשולדיקט, כאַווײרים, מיט אַלע אינײאָנים — צו זאַגרודסקין. ביסט צופוס? — האָט ער געפרעגט לייזערן שוין בײַ דער טיר.

— אויף מיכאַל וואָיטאָסעס פורל.

— אָ, וועלן מיר צופאָרן, ס'אַ קילאָמעטער זעקס, אין יעזשעוויצאַ.

לייזער האָט זיך אַ קנייטש געטאָן, אַ טראַכט געגעבן, אַז עפּשער איז בעסער גיין צופוס, נאָר גאָרנישט ניט געזאָגט.

מע איז צוגעפאָרן צו יעזשעוויצאַ שוין בײַ דער שײַן פון דער פולער לעוואָנע. צוויי סאָוועטישע וואַכלײַט האָבן אַ מעטער דרײַ הונדערט פון דאָרף פאַרהאַלטן דאָס פורל. דוזשי האָט אָפּגערופן איינעם פון זיי אין אַ זײַט און אים עפּעס געזאָגט. אינגיכן איז געקומען אַן עלטערער לויטנאַנט און געהייסן טרײַבן דאָס פערדל נאָך זיך. בײַ דער דריטער שטוב פון דאָרף האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געוויזן אויף אַ נידעריק־צעצווײַגטן

אַסינע באַ אַ פּלויט. דאָ מעג מען זיך אָפּשטעלן. אַלײן האָט ער לײזערן און דוזשין אַרײַנגעפירט אין הויז, וווּ עס האָט געוווינט אַ גרויסע פּוילישע מישפּאָכע, און געהײסן צוװאַרטן. מיכאַל איז געבליבן באַם פערדל.

דער, וואָס האָט זײ אַהער געבראַכט, האָט אײנגיכן זיך אומגעקערט מיט אַן אָפיציר. לײזער האָט נאָך פריִער דערלערנט די סאָוועטישע ראַנגצײכנס: ס'איז געווען אַ פּאָדפּאָלקאָווניק. דער אָפיציר האָט אײַנגעלאַדן דוזשין און לײזערן אינעם אַלקערל און צוגעמאַכט נאָך זיך די טיר. דוזשי האָט זיך אים פאָרגעשטעלט, וועגן לײזערן געזאָגט בלויז, אַז ער איז ערשט פון יענער זײַט ווײַסל. זײ מוזן זען דעם קאָמאַנדאַנט, — דוזשי האָט אָנגערופן יענעמס פאַמיליע. עס רעדט זיך וועגן מיטהעלפן פאָרסירן אין אַ באַשטימטן פונקט די ווײַסל און פאַרכאַפּן אַ פּלאַצדאַרם אַפן מײַרעוור ברעג.

דער פּאָדפּאָלקאָווניק האָט אַ פּאָר מינוט אויפמערקזאַם געקוקט אַף זײ, — ער איז געזעסן אַף אַ בענקל פאַרלײגט אַ פוס איבער אַ פוס, אַ מענטש פון אַ יאָר עטלעכע און דרײַסיק, אַ רײן אָפּגעראָזירטער, מיט ענערגיש־צונויפגעדריקטע ליפּן און בוילעטע קינבאַקן.

— דער קאָמאַנדאַרם... — ער האָט אָנגערופן זײַן פאַמיליע מיט אַ טאָן פון טיפער אַכטונג און אַ קאַפּעלע טרויער, — וועט אײַך לײדער ניט קאָנען אויפנעמען... ער איז... נו, ניט וויכטיק... ס'וועט אויסקומען צוואַרטן דאָ אַ האַלבע שאָ, ביז סע וועט קומען דער געהילף פון קאָמאַנדאַרם און דער מיטגליד פון מיליטער־ראַט... זײ פאָרן שוין אַהער, — אַן אויפגעלעבטער בליק אין לײזערס זײַט, — איר פאַרשטײט דאָך, פונוואַנען מע קאָן איצט פאָרן...

ער האָט נאָך פאַרלויפיק קלאָר געמאַכט אַ פּאָר דעטאַלן, נאָר אין קײן פּראָטים זיך ניט אַרײַנגעלאָזט, און איז אַוועק.

דוזשי און לײזער זײַנען אַרוים אין גרויסן צימער, וווּ עס האָט זיך געפונען די פּוילישע מישפּאָכע. מע האָט איצט דאָ געקוקט אַף זײ מיט אונטערגעשטראָכענער אַכטונג, גאָר אַנדערש, ווי פריִער, ווען זײ זײַנען נאָר אַרײַנגעגאַנגען, און מע האָט געקאָנט מײנען, אַז זײ זײַנען פּראָסט פאַרהאַלטענע. די קינדער זײַנען אַלע אַרויפגעשיקט געוואָרן אַפן אויוון, אַן אַלטע באָבעצי האָט זיך פאַררוקט אין ווינקל, אַוועק איז אַהין אויך אַן אונטערוואַקסנדיק שײן מײדעלע מיט בלאָנדע צעפּלעך. די געסט האָט מען באַזעצט באַם טיש, סאַמע אויבנאָן. דער באַלעבאָס האָט מיט פאַרזיכט און כשיוועס זיך צוגעזעצט אַפן באַנק־בעטל, לעבן אים — די צוויי דערוואַקסענע זין. מע האָט גענומען רײדן וועגן דאָס, וועגן יענץ, פּויערשע איניאָנים. וואָס הערט זיך עפּעס דאָרט, פונוואַנען די מענטשן קומען — אין פּאָוויאַט און אין גאָרליטשינאַ? וואָס טראַכט מען טאָן מיט דער ערד, און צי קאָן מען שוין קלערן וועגן אַ נײַעם סאָלטים?

ס'איז קלאָר געווען — ביז מע האָט זיך אין אַלקערל באַראָטן מיטן

אָפּיציר (וואָס אַליין זײַן באַזוך צו די צוויי געקומענע האָט היפּש איבערראַשט די באַלעבאַטים), האָט זיך שוין, ווײַזט אויס, עמיצער אַרויסגעכאַפּט צו מיכאַל וואַיטאַסן אין דרויסן און דערוווּסט זיך בײַ אים, פֿונוואַנען און ווער די מענטשן זײַנען.

דוזשי האָט באַאַריכעס געענטפֿערט אַף אַלע פֿראַגן. עס זײַנען שוין אונטערגעקומען שכיינים (דאָס ווײַב דעם פּויערס — אַ דאַרע, עטוואָס אַ סוטולעוואַטע, מיט אַ קלוג פּנים, האָט ניט גערוט — אַרײַן און אַרויס), האָט זיך דער שמועס גאָר ברייט פֿאַרנומען. דאָ זײַנען אַרײַן אין צימער אַ קרעפּטיקער שלאַנקער פּאַליאַק פֿון אַ יאָר אכט און צוואַנציק און אַ שוואַרצכיינעוודיקע יונגע פֿרוי. אַלע פּויערים, וואָס האָבן זיך דאָ פֿאַרזאַמלט, זײַנען מיטאַמאָל שטיל געוואָרן און אָנגעשטעלט די אויגן אַף די אַרײַנגעקומענע.

— דאָברי וויעטשור! — האָט געזאָגט דער יונג.

— דאָברי וויעטשור! — האָט איבערגעכאַזערט דאָס ווײַבל, וואָס מיט אים.

דער באַלעבאָס האָט זיך אויפֿגעהויבן און, ווענדנדיק זיך צו דוזשין און לייזערן, באַוויזן אַף דער אַרײַנגעקומענער פּאָר.

— און אָט איז — אַף צעפּיקעניש דעם פֿאַשיסט — בײַ אונדז אויך אַזאַ מענטש לעבן געבליבן: סטאַס וועסעלאָק מיט זײַן ייִדישן ווײַב... האַלב יעזשעוויצאַ האָט געוווּסט און געשוויגן!

די יונגע פֿרוי האָט זיך עטוואָס פֿאַרלוירן, נאָר באַלד זיך אַזוי שטאָלץ אַ גלײַך אויס געטאָן, אַראָפּגעוואָרפֿן די ווײַסע שאַל פֿונעם קאָפּ אַף די שלאַנקע אַקסל, געמאַכט צוויי טראָט פֿאָרויס, אַפֿן מיטן צימער, זיך פֿאַרנייגט פֿאַר די פֿאַרזאַמלטע, און געזאָגט:

— אַ דאַנק אײַך, גוטע מענטשן.

לייזער האָט אַ ציטער געטאָן. דוזשי האָט אים שטיל אַוועקגעלייגט די דלאָניע אַף דער קני און רירנדיק אַ קוק געטאָן אין די אויגן.

.5

דער גענעראַל, דער געהילף פֿון קאָמאַנדאַרם, האָט עפּעס געשריבן, ווען יאַן און לייזער זײַנען אײַנגעלאַדן געוואָרן צו אים אין צימער. ער האָט געענטפֿערט אַף זייער באַגריסונג מיט אַ שאָקל פֿון קאָפּ, וועלכן ער האָט עטוואָס אויפֿגעהויבן פֿונעם פּאַפּיר, אַ ווײַז געגעבן מיט דער האַנט אַף די פּאָר ווינער שטולן, וואָס זײַנען געשטאַנען לעבן טיש — ס׳הייסט, אַז מע זאָל צוקומען נענטער אַז זיך זעצן — אײַליק דערשריבן נאָך אַ פּאָר שורעס, געכאַסמעט זיך בײַם ראַנד פֿון בייגעלע און אָפּגעוואָרפֿן זײַן גוף, אַן אײַנגעצויגענעם אין אַ העל־גרינעם מונדיר, אַפֿן ווענטל פֿון שטול.

— טאַראַסאָוו! — האָט ער מיט אַ געדיכטער שטים אַ רוף געטאָן,

און צו דוזשין און לייזערן אין דער זעלבער צײַט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט „באַלד, באַלד“, מעסטנדיק זיי מיט אַן אויפמערקזאַמען דורכדרינגלעכן בליק פון די קאַרע אויגן.

ס'איז אַרײַנגעקומען דער ייִנגערער לייטענאַנט, וועלכער האָט זיי אָהער געבראַכט צו פירן, צוגעלייגט די האַנט צום ראַנד פון היטל.

— אין פראָנט־שטאַב און קיין מאָסקווע! — האָט געזאָגט דער גענעראַל, אויפהייבנדיק דאָס פאַרשריבענע בייגעלע פּאַפּיר. פאַר דעם ווי אָפּגעבן עס, איז ער קעגן דער שײַן פון לאָמפּ און פון די גרויסע צוויי ליכט, וואָס האָבן אָפּן טיש געברענט, ווידער פלינק דורכגעלאָפן מיט די אויגן דאָס אָנגעשריבענע, צוגעביסן איין ברעגעלע ליפּ, צוגעזשמורעט אַן אויג, פּונקט ער זאָל שאַצן אַזוינס, וואָס ליגט פון אים גאַנץ ווײַט, נאָר ער זעט עס. פונוואַנען האָט אין דער רעגע זיך דערטראָגן אַ באַזונדערס שטאַרק דינערן.

— גייט!

טאַראַסאָוו איז אַוועק מיטן פּאַפּיר, פאָרזיכטיק און פעסט צוגעמאַכט נאָך זיך די טונקל־געפאַרבטע טיר.

איצט האָט דער גענעראַל זיך אויפגעהויבן און דערלאַנגט פריִער דוזשין, דערנאָך לייזערן די האַנט. ער האָט זיך אָנגערופן: „דאַניִיל זאַכאַראָוויטש“. ס'איז געווען אַ קרעפּטיקער מאַנצבל, העכער פון מיטעלן וווּקס, אַ ברוין־הויטיקער פון דער נאַטור און דערצו נאָך אַן אָפּגעברענטער. מע האָט אים געקאָנט געבן אַ יאָר פערציק, די האָר אָפּן קאָפּ, מיט אַ שרונט אַף אַ זײַט, זײַנען געווען נידעריק געשוירן און עטוואָס זיך קוטשעראַוועט. אין זײַן האַלטן זיך, אינעם בליק האָט זיך געפילט אי פּאָשעטקייט אי רויִקע קראַפט. אַף זײַן ברוסט האָט קעגן די ליכט געשײַנט אַ גאָלדן שטערנדל, אָרדען־פּלאַנקעס האָבן אין גלײַכע שורעס זיך געמינעט אונטער דעם.

— איך הער אײַך. — האָט ער געזאָגט אַף רוסיש און באַלד איבערגעזעצט דאָס אַף אוקראַיִניש. — ענטפערן וועל איך, ווי עס וועט בעסער אויסקומען. פּויליש פאַרשטיי איך, אויב מען אײַלט זיך ניט זייער.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן, פאַרבלײַבנדיק אויפמערקזאַם־אָנגעשפּיצט, צוריק זיך אַוועקגעזעצט, מיט צוויי פינגער אַ טאַפּ געטאָן איינע פון די עטלעכע גלעזער שטאַרקע טיי, וואָס זײַנען אַף אַ זילבערנעם טעצל געשטאַנען באַם ברעג טיש. זעט אויס, די טיי איז נאָך הייס געווען, ווײַל ער האָט באַלד צוגענומען די פינגער און אַ לײַכטן רײַב זיי געטאָן אין דלאָניע פון דער צווייטער האַנט.

דוזשי האָט אָנגעהויבן דערציילן עטוואָס פונדערווײַטן, אַז די פּאַר־אָרגאַניזאַציע גרייט זיך שוין לאַנג באַגעגענען די רויטע אַרמיי, אַז מע האָט דאָ אין פּ' און אין אַנדערע שטעט פאַרהיט פון פאַרניכטונג אייניקע אונטערנעמונגען, אַז פון יענער זײַט ווײַסל זײַנען אויך דאָ קרעפטן... לייזער, וועלכן דאָס אַלץ איז גוט באַוווּסט געווען, האָט די פּאָר מינוט, וואָס דוזשי

האט דערציילט, צוגעקוקט זיך צום גענעראל. פרייד און אומגעדולד האבן גאר אף אן אנדער מין אויפן ארומגעכאפט לייזערן דא, באם סאוועטישן גענעראל, וועלכן ער איז געקומען פארלייגן זײַן באשיידענע שלאכט־הילף.

דער גענעראל האט אויך, ווײַזט אויס, געמוזט וויסן דאס אלץ, ווענגן וואס דוזשי האט דערוויַיל דערציילט, ווײַל ער האט שטיל צוגעשאקלט מיטן קאפ און אין די אויגן האט בא אים געלויכטן אווארטנדיק פײַערל. ער האט גענומען איין גלאז טיי, אוועקגעשטעלט זי פאר דוזשין, די צווייטע פאר לייזערן, צוגערוקט א שיסעלע מיט געבעקס. פון דער גלאז, וועלכע ער האט פאר זיך גענומען, האט ער א פאר מאל א זופ געטאן. אוועקגעשטעלט זי אפן טיש און לײַכט א קלאפ געטאן מיט די פינגער אין איר ראנד, האט ער געפרעגט:

— און ווער פון אײַך קומט פון יענער זײַט ווײַסל?

דוזשי איז שוין צוגעקומען צו דעם, אז זיי האבן אפן מײַרעוו־ברעג צוויי אטריאדן מיט צוגעגרייטע שיפלעך.

— איך, — האט לייזער זיך אנגערופן.

— ווען האט איר פארלאזט דעם מײַרעוו־ברעג?

— הײַנט נאך האלבער־נאכט.

— אזוי, אזוי... אט דאס איז פײַן... וועט איר מיר אף דער מאפע קאנען אנווײַזן פינקטלעך, אין וועלכן וואלד און אף וועלכע אינדזלען איר האט די מענטשן און וועלכע פײַער־מיטלען די דײַטשן האבן צו יענער שא דארט פארמאגט?

— כ'מיין, אז כ'וועל קאנען.

די גלעזער טיי זײַנען אפגערוקט געווארן, מע האט צעעפנט די מאפע. לייזער האט באוויזן, ווו עס שטייען די דײַטשישע באטארייעס. ווו דער סוינע האט אײַנגעגראבן טאנקען, ווו ס'איז א קייט דזאטן, ווו — א עראדראם.

— און אט דא, — האט ער געוויזן אף א קליינינקן אײַנגנוס בא דער ווײַסל, ווו עס זײַנען געצייכנט געוועזן א יונג וועלדל אין זומפן, א קילאמעטער פינף פון יזשעוו און א גרעסערן וואלד־מאסיוו, — אט דא וואלט געווען אממערסטן באקוועם אײַך צו באגעגענען.

דער גענעראל האט זיך פארקלערט.

— מיר זײַנען שוין בא דער ווײַסל, — האט ער נאך א מינוט שווײַגן געזאגט, — א קילאמעטער צוואנציק צאפנדיקער פון דעם ארט, וואס איר ווײַזט... נו, דאס איז גראד עפשער בעסער... גוט... גיט מיר פינף מעטער ערד אף יענער זײַט ווײַסל, ווו איר זײַט, כ'זאל קאנען די ערשטע צוויי אויטאמאטלער אוועקזעצן דארט...

לייזער האט אויפגערעגט א שמייכל געטאן, א באגײַסטערטן קוק געגעבן אף דוזשין, דערנאך אפן גענעראל:

— מיר גיבן אײַך אַ פּאָר קילאָמעטער פּלאַץ, דאָס איז אַקוראַט. רעכנט, אַז מיר, אַף יענער זײַט װײַסל, זײַנען אײַערע אַ ראַטע.

מע האָט דערנאָך געטרונקען צו גלעזלעך טיי, דערצײלט זיך, אַז לייזער ווערט טײַקעף איבערגעשיקט אין אַ גוואַרדײַישער אינפאַנטעריע־דיוויזיע, וועלכע באַקומט אַ באַפעל צוזאַמען מיט אַ טאַנקען־פּאָלק הײַנטיקע נאַכט אַ קער טאָן אַף דאָרעם און אַרויסרײַסן זיך צו דער װײַסל. דאָרט קלײַבט לייזער זיך אַריבער אַפן צווייטן ברעג, און — אָפּהענגיק פון די אומשטענדן — אָדער ער באַקומט אין זײַן רעשוס אַ טאָג צײַט אַף צוגרייטן זיך צו באַגעגענען דעם דעסאַנט, אָדער דער דעסאַנט הייבט זיך אָן טײַקעף. דער גענעראַל האָט נאָך אַרויסגערופן דורכן טעלעפאָן צו זיך דעם מיטגליד פון מיליטער־ראַט, אַ באַיאָרטן פּאָלקאָווניק, און באַקענט אים מיט די צוויי שעלוכים. דוזשי האָט אָפּגערעדט וועגן אַ נײַער אַאודיענץ ספּעציעל וועגן פּראַגן פון ציווילער אײַנאָרדענונג אַף דער באַפרײַטער ערד.

דער גענעראַל האָט אָפּגעפירט לייזערן אין אַ זײַט, קעדיי ניט שטערן דעם שמועס פון דוזשין מיטן באַיאָרטן גרוילעכן פּאָלקאָווניק, און שטילער געזאָגט:

— זײַט געהיט, יונגערמאַן, און געדענקט, אַז פּאַר אַט דער זאַך, וואָס איר דאַרפט אָפּטאָן, וועט אײַך דאַנקבאַר זײַן ניט נאָר דאָס פּוילישע פּאָלק...

לייזער האָט געקוקט אין זײַן ברוין ענערגיש געזיכט, אין די קאַרע באַהאַרצטע אויגן. עפּעס האָט זיך אים מיטאַמאָל אַזאַ נאָענטס אַ דוכט געטאָן אינעם גענעראַלס אַנבליק, אייגנס עפּעס, קוים צו כאַפּן עס, האָט דורכגעשוועבט אין זײַנע האַרטע געזיכט־שטריכן, אין די צונויפגעדריקטע שוואַרצע ברעמען, אין דער נאָז מיטן קוים־מערקבאַרן האַרביקל, אין די שטרענג געצייכנטע ליפּן. אַף איין אויגנבליק נאָר האָט דאָס אַ בלענד געטאָן פּאַר לייזערן, איבערראַשט אים, נאָר פּאַרטיפט זיך אין דעם דאָזיקן געפיל האָט ער ניט, אים האָבן דערוואָרעמט בלויז די האַרציקע ווערטער, וואָס דער גענעראַל האָט געזאָגט, פּאַר דעם ווי אָפּלאָזן אים אין געפערלעכן וועג אַרײַן, און אַט די וואַרעמקייט האָט ער מיט זיך מיטגעטראָגן.

אונטער דער טונקעלער צעצווײַגטער אָסינע האָט לייזער, פּאַר דעם, ווי זעצן זיך אַפן „ווילים", וואָס האָט געפּיכקעט אַפן וועג, געזעגנט זיך מיט דוזשין און מיט מיכאַל וואַיטאַסן.

— פּאָרסטו ניט מיט מיר אַהיים? — האָט דער אַלטער געפרעגט.

— ניין, ס'איז נאָך דאָ אַ שטיקל אַרבעט...

— און איך האָב געמיינט — אַז עק, פרידן אַף דער ערד... — דער פּויער האָט געוויקלט די לײַצעס אַף דער האַנט, אין דער פינצטער אַפילע האָט מען געזען, אַז ער איז אַנטוישט און איבערראַשט.

לייזער האָט אַ שמייכל געטאָן:

— און באַ אײַער פּלױטל ענדיקט זיך דען די ערד, פאַניע מיכאַל? קושט דאָס אײניקל, װען ער װעט זיך אױפכאַפּן.

דוזשי האָט אים װידער שטיל געדריקט די האַנט, און מע האָט זיך צעשײדט.

6.

אין עטלעכע מינוט אַרום, װי נאָר מע איז פון יעזשװיצאַ אַפּגעפאָרן אַפן „װילים", האָט לײזער זיך דערװוּסט אַן איבעראַשנדיקע נײַס.

דער „װילים" איז שנעל געגאַנגען מיט אױסגעלאָשענע פאַרעס, געשפּרונגען איבער דעם ניט־גלײַכן שטויביקן װעג, אונטערגעװאָרפן די פּאַסאַזשירן — אַ לײטענאַנט, װאָס איז געזעסן לעבן שאָפער (ער איז עס געװען דער פאַרבינד־אָפיציר, װאָס האָט געפירט אין דיװיזיע דעם געהעריקן באַפעל װעגן דעם נאַכט־מאַרש און װעגן לײזערס שליכעס), און צװײ יונגע באַװאָפנטע סערזשאַנטן, װאָס זײַנען געזעסן צוזאַמען מיט לײזערן פון הינטן — דעם אָפיצירס װאַך. אײנער פון די צװײ באַװאָפנטע בעװורע, אַ קורנאָסער און געפּאַקטער, מיט דער פּילאָטקע צום סאַמע אױער אַראָפּגערוקט, האָט גלײַך, װי מע איז אָפּגעפאָרן, זיך געװענדט צום פאַרבינד־אָפיציר:

— כאַװער לײטענאַנט, און װי איז דעם קאָמאַנדאַרמס צושטאַנד?

דער לײטענאַנט האָט געשװיגן אַ פּאָר מינוט, ס'האָט פּונקט שטאַרק געהעצקעט דער „װילים". דער סערזשאַנט האָט שױן געמײנט, אַז ער װעט קײן ענטפער ניט קריגן, האָט ער װידער צוגערוקט זיך מיט דער זײַט צו לײזערן, נאָר דאָ האָט דער אָפיציר קוים אױסגעדרײט דעם קאָפּ און געענטפערט:

— ניט גוט...

— װאָס זאָגט איר? — האָט דער סערזשאַנט איבערגעפרעגט און נאָכאַמאָל זיך אַ בײג געטאָן פאָרױס. דער „װילים" האָט זיך פּונקט צעיאָגט באַרג־אַראָפּ, האָט יענער אַ פאַל געגעבן מיט דער ברוסט אַפן ניקלנעם פּלײצקעלע, אין װעלכן דער לײטענאַנט האָט זיך אָנגעשפּאַרט.

— שאַ, באַראַבאַטקאַ, זײַ אײַן, — האָט דער לײטענאַנט שױן אַף האַלב זיך אױסגעקערעװעט, — ניט גוט, זאָג איך. דער שפּליטער איז טיף אַרײַן.

— אין פּוס?

— װען אין פּוס... אין דיך!

— אַ טײַערער מענטש געװען...

— געװען! — האָט דער לײטענאַנט אומצופרידן אַרױסגערעדט, — װאָס עפּעס — געװען? מע װעט אים ראַטעװען... פון שװערע װוּנדן ראַטעװעט מען אױך.

— און דערװײַל האָט דאָ אונדזער „באַטיע" דאַניאיל זאַכאַראָװיטש

יענע ארבעט! — האט דער צווייטער סערזשאנט, א דארלעכער, געזאגט, צוהאלטנדיק די פילאטקע, — פארשטייסט, וואס דאס הייסט אזא מאכינע צו ריגעווען? ס'איז דיר ניט איין דיוויזיע!

— און א דיוויזיע איז גרינג?

— כ'זאג ניט. נאר דא איז דיר טאקע א גאנצע לאווע, אוויאציע, כ'וויים דארט — פאנטאנען, אײַזנבאַן־מיליטער, און אזא טײַכעלע ליגט פארוים. ס'איז דא וועגן וואס א טראכט טאן...

— נו, טראכט מען. און באַם דניעפער?

— וואס דערציילסטו מיר פונעם דניעפער? איך בין דאן מיטן „באטיע" דאניֵיל זאכאראוויטש צוזאמען אף איין שיפל אריבערגעשווו־מען, גלײַך ווי נעקראסאווס באטאליאן האט זיך דארט פארפעסטיקט. א נײַער פאטריאט קארשעווערס! כ'זאג, אז ס'איז אים שווער אוואדע, אונדזער „באטיע", — וואס זאג איך.

בא לייזערן האט דאס בלוט א קיל געטאן. לויט די פיל ווערטער, וועלכע ער האט פונעם געשפרעך פארשטאנען (דער געפאקטער סערזשאנט האט גערעדט אוקראַיִניש, דער אנדערער האט געמישט אוקראַיִניש מיט רוסיש), האט ער באנומען, אז דא ווערט גערעדט וועגן קאמאנדארם, וואס איז פארוואונדעט, און זײַן געהילף, דעם גענעראל, בא וועלכן ער און דוזשי זײַנען ערשט געווען. יענער האט אוואדע ניט לאנג צוריק געפירט די דיוויזיע, פונוואנען די צוויי סערזשאנטן זײַנען און וווּהין מע פארט איצט. אבער קארשעווער! צי האט זיך אים אמאל ניט א דוכט געטאן? ווען ער איז פריִער געגאנגען צום גענעראל מיט דוזשין, האט דער יִינגערער לייטענאנט, וואס האט זיי געפירט, אזוי ווי אויך ארויסגעבראכט די דא־זיקע פאמיליע. לייזער, אן אנגעשטרענגטער און אויפגערודערטער פון דעם פארשטייענדיקן געשפרעך, האט באשלאסן, אז עס האט זיך אים גדוכט. און עפשער מישט זיך בא אים טאקע אלץ אין קאפ פון מידקייט און פון די פיל געשעענישן און איבערלעבונגען, וואס זײַנען אים אויסגעפאלן אין אט די מערקווירדיקע טעג?

ער האט זיך גענומען אײַנהערן אינגאנצן אן אנגעשפיצטער, נאר די סערזשאנטן האבן איצט שוין גערעדט וועגן א האז, וואס איז ערשט דעם וועג איבערגעלאפן, אזוי אז די מאשין האט אים שיר ניט צעקוועטשט. לייזער האט געטראכט: די מאמע דאן אין גרוב האט געוואלט, ער זאל פארגעדענקען דעם רוסישן אדרעס! זאל זײַן, אז ס'האט זיך אים אפילע אויסגעדאכט, ס'איז ניט קארשעווער, אן אנדער סאוועטישער גענעראל. אבער ער, לייזער, — ער איז דאך לויטן ריכטיקן אדרעס געקומען, און אין דער שליכעס, וואס ער גייט איצט, בענטשן אים טויזנטער און טויזנ־טער טויטע מוטערלעכע הענט.

„דאניֵיל זאכאראוויטש" — האט לייזער איבערגעכאזערט בא זיך אין געדאנק, — „זאכאראוויטש" — דאס איז בא רוסן דעם פאטערס נא־

מען, — זכאַריע... נו, יאָ, דאָס שטימט אויך — דעם פֿאָטערס עלטערער ברודער האָט געהייסן זכאַריע. דער טאַטע פֿלעגט אַלע מאָל זאָגן: „צי לעבט נאָך זכאַריע? אַן אַלטער מענטש שוין מיסטאָמע...”

לייזער האָט זיך אַ קער געטאָן צו די סערזשאַנטן, וואָס האָבן אויך וועגן האָז אויפֿגעהערט ריידן. מ'איז געזעסן שטיל און איַנגעהערט זיך אינעם האַרמאָטן־הילך, וואָס איז אָנגעוואַקסן אין דער נאַכט ערגעץ אין אַ זיַיט פֿון טונקעלן פֿעלד, און דאָס קלאַפּן פֿון מאָטאָר האָט אים שוין ניט פֿאַרטויבט.

„פֿרעגן זיי אָדער ניט פֿרעגן?”

דער לייטענאַנט האָט זיך אויסגעקערעוועט צו לייזערן און געזאָגט, אַז מע וועט שוין באַלד קומען צו פֿאָרן. ס'האָבן אָפּן וועג אַלץ אָפֿטער זיך גענומען טרעפֿן פֿורלעך, סאָלדאָטן פֿוסגייער, אַ טאַנק איז, קלאַפּנדיק מיט די קייטן, געבליבן פֿון הינטן. דער סערזשאַנט באָראָבאָטקאָ האָט געפֿרעגט לייזערן, צי האָט מען אים דאָ ניט צופֿיל צונויפֿגעקוועטשט. לייזער האָט געפֿילט, אַז די סערזשאַנטן וואָלט זיך זייער וועלן וויסן, ווער ער איז, און טאַקע דערפֿאַר ניט דערלויבט זיך שטעלן זיי קיין שום פֿראַגן.

ס'איז דערנאָך געווען אַ שלאַכט־נאַכט, בעיים וועלכער לייזער האָט ניט איין מאָל געהערט די פֿאַמיליע קאָרשעוווער. ער האָט זיך געפֿונען אין דער געדעקטער מאַשין פֿון אָפּעראַטיוון אָפּטייל פֿון דיוויזיע, געהערט די אָפּטע טעלעפֿאָן־שמועסן, די מיטטיילונגען פֿונעם ראַדיסט. אַף פֿאַרשיידענע אויפֿאַנים איז דאָ די דאָזיקע פֿאַמיליע דערמאָנט געוואָרן: „דער גענעראַל קאָרשעוווער באַפֿוילט”, „קאָרשעוווער אַליין”, „צי ווייס שוין וועגן דעם קאָרשעוווער?” לייזער האָט זיך געפֿונען ווי אין אַ מין פֿרייַדיקן פֿיבער. פֿריִער האָט ער אַלעמאָל אויפֿגעציטערט, ווען מ'האָט אַרויסגעבראַכט די דאָזיקע פֿאַמיליע, דערנאָך האָט ער זיך צוגעוווינט און געהערט זי מיט מער רויִקייט און שטאָלץ אין זיַין האַרץ. ער איז אַריבערגעפֿאָרן אין דער דאָזיקער מאַשין פֿון וועלדל צו וועלדל, אַף דער ערד, וואָס איז אין אָט די הייסע שלאַכט־שאָען באַפֿריַיט געוואָרן. ער האָט זיך באַוועגט אינעם פֿיַיער־שטראָם, וועלכן ס'האָט פֿון ערגעץ געריכטעט דער גענעראַל דאַניִיל קאָרשעוווער. און געטראַכט האָט ער, זיצנדיק באַם מאַשין־פֿענצטערל, אַ פֿאַרהאַנגענס מיט אַ פֿלאַשטש־פֿאַלאַטקע, וועגן דעם קיִעם פֿון פֿאָלק, וואָס גייט ניט אונטער און וואָס זיַינע בעסטע זין קעמפֿן, אַקסל צו אַקסל מיט די גערעכטע, פֿאַר גערעכטיקייט.

קאַיאָר איז לייזער אין אַ ליַיכטן טאַנק צוגעפֿירט געוואָרן צום סאַמע ברעג ווײַסל, אַ באַוואַקסענעם מיט קוסטעס. דער טורעם־שיסער האָט געעפֿנט דעם ליוק, אַרויסגעלאָזט לייזערן, געדריקט אים די האַנט. דער טאַנקיסט האָט ניט פֿאַרמאַכט דעם ליוק אויך, בעיים לייזער האָט זיך גענומען אויסטאָן, מיט רויטע פֿאַרשוואָלענע אויגן צוגעקוקט זיך, ווי יענער פֿעס־

טיקט צו דאָס קליינע פּעקל אָנטאָן צום נאַקן און לאָזט זיך אַוועק אינעם מילכיק־ווייַסן נעפּל, וואָס האָט דאָס וואַסער פאַרצויגן.

לייזער איז געשוווּמען שטיל, ניט געאײַלט, פליײַסנדיק זיך וואָס לענגער ניט מיד ווערן. ערשט פון מיטל טײַך האָט ער זיך אומגעקוקט אַף מיזרעד. דער ברעג, אַ פאַרצויגענער מיט ווייַסן נעפּל, האָט זיך שוין ניט געזען, און ער האָט אַ טראַכט געטאָן: „איינער אַליין בין איך דאָ שרעקלעך". די וועל פליושקעט זיך באַם סאַמע מויל, באַלד קאָן אַ קויל קומען. ער האָט אָבער ניט געלאָזט, דער געדאַנק זאָל זײַן מויעד באַהערשן און די מוסקולן אָפּשוואַכן. איינער? יורעק האָט זיך ערשט אויפגעכאַפּט, אַנעליע וויגט אים עפּשער, דוזשי טראַכט וועגן אים און דאַניִיל קאָרשעווער, דער גענעראַל וואָס ווייס נאָר ניט, וועמען ער האָט הײַנטיקע נאַכט אין אָט דער שליכעס געשיקט, טראַכט אויך וועגן אים, פּאַשעט ווי וועגן אַ מענטשן, באַ וועלכן דאָס האַרץ איז ריין... איז ער דאָך ניט איינער... אוי! דאָ אין יאָדלע־וועלדל וואַרט דער פישער מיט די מענטשן... אַפילע ווען דײַטשן זאָלן זײַן ניט ווײַט, וועט מען אַף אים וואַרטן.

ער איז געשוווּמען, פליײַסנדיק זיך קיין מינדסטן פּליעסק ניט טאָן. אָט האָבן שוין זײַנע פיס דערפילט דעם בלאָטיקן גרונט. אַנטקעגן טוקט אַ קרומע ווערבע אירע לאַנגע צווײַגן אין וואַסער, טשערעט וואַקסט. דאָ דאַרף מען אַ קוואָקע טאָן ווי אַ פראָש. אַ פראָש האָט זיך אָפּגערופן: — איינגענע, מע וואַרט! לייזער האָט זיך ווידער אומגעקוקט אַף מיזרעד: דער נעפּל איז אַ ביסל דורכזיכטיקער געוואָרן, אַ רויטקייט האָט אים דורכגעוועבט.

XXVI. די שוואַרצע וואַנט. נײַע נעסטן

.1

אין מײַ 1945 יאָר, עטלעכע טעג נאָכן זיג, איז צו דער כאָרעווער געביידע פון רייכסטאַג אין בערלין צוגעפאָרן אַ בלויער „אָפּעל" און אוועקגעשטעלט זיך אין דער ריי פון די פיל אַנדערע אויטאָמאַשינען. דרײַ מענער און אַ פרוי זײַנען פונעם „אָפּעל" אַרויס און, שמועסנדיק אַף פויליש, זיך גענומען אויפהייבן איבער די וועסטיבל־טרעפּ, וועלכע זײַנען געווען פאַרשאָטן מיט ברוכוואַרג. זיי זײַנען אַרײַן צווישן די כמורנע ווענט, וואָס האָבן, שוואַרצע פון דער סרייפע ביז די אייבערשטע שטאָקן און ערטערווײַז ביזן אַנטהוילטן דאַך זיך אָנגעזען. דאָ האָבן די דרײַ מענער און די פרוי זיך צונויפגעמישט מיט דער מענגע סאָוועטישע מיליטער־לײַט, וועלכע האָבן באַטראַכט די פינצטערע זאַלן. מ'איז דאָ אַלע געטראָטן אין אַש פון פאַרברענטע פּאַפּירן, אין צעמאָלטן טינק און גיפּס־שטויב. דורך פאַרבלײַבענע טרעפּ, און ערטערווײַז פראָסט אָנהאַלטנדיק זיך אין אויסגעבויגענעם אַנטבלויזטן אַרמאַטור־דראָט, איז דער אוילעם געשטיגן אַרויף, צום העכסטן שטאָק, פונוואַנען ס'איז מיט דער האַנט צו דערלאַנגען צו דער פאָן פון זיג, און ווו מע קאָן מיטן אויג אַרומכאַפּן דעם כורבן פון גאַנץ בערלין.

שוין אין די דאָזיקע טונקעלע לאַבירינטן, דורך וועלכע מ'איז צו די אייבערשטע שטאָקן געשטיגן, אַף די ווענט, אָפּגעסמאָליעטע פונעם פײַער, וואָס האָט דאָ ניט לאַנג צוריק געבושעוועט, האָבן זיך גענומען טרעפן אויפשריפטן, געמאַכט מיט שטיקער טינק, גיפּס, קרײַד, קאָלירטע בלײַערס: אַזאַ און אַזאַ איז דאָ געווען, דאָ פאַרקריצט זײַן שלאַכט־טראָט, דאָ דער־מאָנט זיך אינעם כורבן פון זײַן היים אין ווײַטער ווײַט, אין פאַרלוסט פון אייגענע און כאַוויירים, פאַר וועמען ער האָט אין דער מילכאָמע געצאָלט...
און שוין דאָ האָט איינער פון די, וואָס זײַנען פונעם בלויען „אָפּעל" אַרויס, אויפגעהויבן אַ שאַרפן שטיק גיפּס און געטראָגן אים אין דער האַנט.

אַפן העכסטן שטאָק, סאַמע לעבן דאַך־קאַרניז, זײַנען די דרײַ מענער און די יונגע פרוי שטיין געבליבן און גענומען קוקן אַף דער פאָן פון זיג. זי האָט רויִק געפלאַטערט אינעם בלויען הימל, ווי אַ באַגריסנדיקע האַנט.

די שטאָט אונטן און אַרום, צעשניטן דורך דער אין שטיין פאַרפרעסטער שפּריע, איז געלעגן אַ צעוואַלגערטע, מיט אויסגעשטשערבעטע ווענט, מיט שוואַרצע פענצטער־לעכער. אין ערגעץ האָט די זון ניט געפונען קיין שויב אַף אָפּשפּיגלען זיך. זי האָט זיך געשפּיגלט אין די פענצטערלעך און אינעם ניקל פון די פלינקע אויטאָס, וואָס האָבן אָפּ און אויף געשמײַעט אונטער דעם בראַנדענבורגער טויער, און מענטשן האָבן דאָרט געפלייצט, קימאַט דורכויס אין מיליטערישן — שלאַכט־שעליכים פון אַ טריומפירנדיקער וועלט.

איינער פון די דרײַ מענער, וואָס זײַנען מיט דער פרוי אָפן בלויען „אָפּעל" געקומען צו פאָרן, דער, וואָס האָט, נאָך זײַענדיק אונטן, גענומען אַ שטיקל גיפּס, — אַ גאַנץ יונגער, מיט אַ שוואַרצן קוטשעראַוון קאָפּ האָר, אַ שלאַנקער — אײַנגעצויגן אין אַ גרינעם מונדיר פון אַ פוילישן אָפיציר, — איז צוגעגאַנגען צו דער פאַררויכערטער וואַנט, און בּאַ אַ טונקעלער סטאַטוע, אַ צעלעכערטער פון שפּליטערס, האָט ער אָנגעשריבן אַף פויליש: „אַהער זײַנען געקומען שלאַכט־כאַווירים, וואָס האָבן געזען דעם טויט פון טויזנטער אומשולדיקע, געצאָלט פאַר זייער טויט, געקעמפּט פאַר גליק און דערלעבט עס", אַ ביסעלע אין דער קרום האָט ער זיך אונטערגעשריבן: „לייזער קאָרשעווער". ער האָט מיט אַ טרויעריקלעך־פאַרלוירענעם שמייכל זיך איבערגעקוקט מיט איינעם אַ הויכן, אַ בלאָנדן, אין אַ פוילישן אײַזנבאַנער־מונדיר, וואָס איז נעענטער פון אַלע געשטאַנען צו דער וואַנט, איבערגעגעבן אים דאָס שטיקל גיפּס. יענער האָט אָנגעשריבן „מאַריאַן גוראַל". די יונגע פרוי האָט אין אירע דינע פינגער קום צונויפגעדריקט דעם גרויסן שטיק גיפּס און גענומען שטעלן שאַרפע און דינע אויסיעס: „קאַטאַזשינע פראַכאַר". צולעצט האָט זיך געכאַפּסמעט אַ געזעצט מענטשל, אַ גאַנץ יונגער אָפן אויסזען, מיט העלע דיקע וואָנצעס, פאַרדרייטע בּאַ די שפּיצן: „מייער סאָקאָל".

אַף פּונקט אַזאַ וואַנט אין צווייטן עק פון דאַד־קאַרניז, ווו אַלע, וואָס הייבן זיך אויף אַהער, מוזן פאַרבײַגיין (עס סטאַרטשעט דאָרט גלײַך פון וואַנט אַ פרענט אײַזן, וואָס איז שוין אין אייניקע ערטער ביז גלאַנץ אָפּגעריבן פון די פיל פיס, וואָס טרעטן אַף אים), האָט פריער מיט אַ שאָ דרײַ געלאָזט אַן אויפשריפט אַ גרופּע סאָוועטישע שלאַכטלײַט. פון אויבן בלויז עטלעכע ווערטער: דאָ זײַנען געווען טאַמבאָווער, ריאַזאַנער, סיביריאַקעס, קיעווער, אונטן — אַ זײַלעכל פאַמיליעס. דאָס אַלץ — אין אַ לענגלעך רעמל.

בעיים מע האָט געמאַכט די דאָזיקע אויפשריפט, האָט איינער פון דער דאָזיקער גרופּע — אַ בלאָנדער, קרעפּטיקער יונג מיט שליפעס פון אַן עלטערן סערזשאַנט, פאַרהאַלטן זיך נאָך אַ מינוט, געבעטן דאָס קרײַדל בּאַ אַ כאַווער, וועלכן ער האָט אָנגערופן „אַרעסט", און אין אַ זײַט פונעם רעמעלע, אַף יידיש מיט קײַלעכדיקע אויסיעס אָנגעשריבן: „ביראָבידזשאַן

— בערלין", אַ פאַרקלערטן שמייכל געטאָן צום כאַווער, האָט ער זיך גענומען אונטערשרײַבן: „ליב קאַ . . .", דאָ האָט זיך דער פאַרייכערטער טינק מיט די שיפּע שפּעלטעלעך אַ קרישל געטאָן. דער עלטערער סערזשאַנט האָט געפּרוווט שרײַבן ווײַטער, נאָר דער טינק האָט זיך גענומען אויסשיטן מיט דינעם קאַלך־שטויב, האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: ניט וויכטיק, מע וועט שוין פאַרשטיין. ער האָט נאָך אַרײַנגעשטעלט צו פּינטעלעך אין די צוויי „ב" פון וואָרט „ביראָבידזשאַן" און אונטערגעשטראָכן די גאַנצע אויפשריפט.

— זעץ נאָר איבער, וואָס האָסטו דאָס אָנגעשריבן, — האָט געזאָגט זײַן כאַווער און אים אַ טאָרע געטאָן אין אַקסל.

מיט פינגער, אויסגעשמירטע אין קרײַד, האָט דער עלטערער סערזשאַנט פאַרריכט די פּילאָטקע אַפן קאָפּ, אַ שפּיגל זיך געטאָן אין דער אויפשריפט און איבערגעלייענט אין דער הייך:

— ביראָבידזשאַן—בערלין! — אַ פריילעכער ווונק מיט אַ הייסן קאַרן אויג צום כאַווער: — ווען געבעלס זעט דאָס, וואָלט ער נאָכאַמאָל געפּייגערט!

ביידע האָבן זיך הילכיק צעלאַכט און געלאָזט זיך דעריאָגן די גרופּע שלאַכטלײַט, וואָס האָט זיך שוין געזען מיט אַ שטאָק נידעריקער.

אָט די דאָזיקע ייִדישע אויפשריפט, אַרום וועלכער עס זײַנען שוין פאַר די עטלעכע שאָ געמאַכט געוואָרן פיל אַנדערע, האָט לייזער ניט באַמערקט, ווען ער האָט זיך דאָ אַרום צוריק אַראָפּגעלאָזט. באַמערקט האָט זי מייער סאָקאָל, וועלכער האָט פּונקט דאָ, בײַ דעם אײַזערנעם פּרענט געכאַפּט אַ טשעפּ אין נאָסעק פון שטיוול. אָפּגעגאַנגען אין אַ זײַט, האָט ער זיך צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, קעדיי אַ קוק צו טאָן, צי איז דאָס לעדער ניט טיף אײַנגעשניטן, און דאָ האָבן זיך אים אַ וואָרף געטאָן אין די אויגן די ייִדישע אויס׳עס. אַ פּאָר מינוט האָט ער געקוקט אַף דער אויפשריפט, זיך באַמיט איבערלייענען די כסימע, אָבער מער ווי „ליב קאַ . . ." האָט זיך ניט געזען, ווײַטער איז דער טינק געווען אויסגעקרישלט.

מייער סאָקאָל האָט פאַמעלעך זיך אַ דריי געטאָן די וואָנצעס, אַף זיין געזיכט האָט זיך באַוויזן אַן אויפגעלייגט־פאַרשײַטער שמייכל. ער האָט הויך אַ רוף געטאָן לייזערן, וועלכער האָט שוין מיט אַ שטאָק נידעריקער געהאָלפן קאַטאַזשינען דורכקלײַבן זיך איבער אַ קופּע ציגל.

— איי, קאַרשעוועה, זײַ זיך נאָר מאַטריִעד און קום אַרויף אַהער!

ווען לייזער איז אַריבערגעטראָטן דעם פּרענט אײַזן, האָט סאָקאָל אים באַוויזן די ייִדישע אויפשריפט. לייזער האָט איבערגעלייענט, געמאַכט אַ טראָט נעענטער צו דער וואַנט, מיטן מיין פונאַנדערקלײַבן די כסימע, אַפילע צוגערירט זיך מיטן פינגער צו דער „ק" באָם אָנהייב פון דער פאַמיליע.

— האַ, מע קאָן ניט איבערלייענען! — האָט ער מיט לײַכטן פאַרדראָס אויסגערעדט.

— אַ ביראָבידזשאַנער גרוס, — האָט מיט זײַן אויפגעלייגטן באַס געזאָגט מייער סאָקאָל, — וואָס דאַרפסטו נאָך?

— יאָ, ס'איז, איינגנטלעך, טאַקע גענוג...

— שאַ, — האָט סאָקאָל זיך אַ כאַפּ געטאָן, — האָסט, דאַכט זיך, קאָרשעווער, עמיצן אין ביראָבידזשאַן. ווייסט ניט פון אַזאַ לייב אין אײַער מישפּאָכע?

— כ'ווייס פון איין לייב — גענעראַל דאַניעל...

— נו, אויב אַזוי, ווייס איך נאָך איינעם, — מייער סאָקאָל האָט מיט אַנציקונג געקוקט דעם כאַווער אין די אויגן, — מע רופט אים לייזער...

.2

צוריק פון בערלין איז מען געפאָרן אונטערן אײַנדרוק פונעם געזעענעם, מידלעך אַ קאַפּעלע און פריידיק אויפגערודערט איינציַיטיק, — אַ צושטאַנד, ווען אין האַרצן קאָן פון טיף אויך טרויער אויפשווימען, נאָר עס פאַרפלייצט אים מונטערקייט און גליק, ווי די שײַן פון טאָג פאַרפלייצט דאָס אומעטיקע, רויכיקע פלעמל פון אַ קאַנעצל. די פענצטערלעך פונעם „אָפּעל" זײַנען געווען אָפן, כוואַליעס פרישע לופט האָבן געשטראָמט אין מאַשין אַרײַן.

לייזער האָט געטראַכט וועגן דער ביראָבידזשאַנער אויפשריפט אין רייכסטאַג און וועגן דעם, אַז דאָרט, אין אַ ווײַט, ווו די זון גייט אויף מיט אַ צען שאָ פריִער, לעבן און מיִען זיך אויך זײַנע קרויווים, אָפּן ריזיקן שלאַכטפעלד האָבן זיי געווים זייערע זין געשיקט. נאָר גראָד טראַכטנדיק וועגן דעם, האָט ער מיט טיפער באַגײַסטערונג באַנומען, אַז שטאַרק איז ער, פונקט ווי אַלע מענטשן דאָ, אין באַפרײַטן פוילן, מיט דעם, וואָס יעדן, ווער עס קומט פון מיזרעך, פון רוסלאַנד, קאָן ער רעכענען פאַר אַ פרײַנט און פאַר אַ ברודער...

ער האָט זיך באַקוועמער אָוועקגעזעצט אָפּן ווייכן געבעט פון דער מאַשין, צוגעמאַכט עטוואָס די אויגן, קעדיי דער גרויער שווינדלענדיקער אַספאַלט פונעם שאָסיי זאָל אים ניט שטערן, און איז פאַרזונקען אין טרוימען: אומעטום לעבן איצט מענטשן מיטן געדאַנק וועגן שאָלעם, דעראָבערטן גליק און שוין מיט זאָרגן וועגן דעם מאָרגן, וואָס וועט שענער מאַכן דאָס לעבן.

די מאַשין האָט געפירט גוראַל. אָפּגעפאָרן העכער דרײַ הונדערט קילאָמעטער מיט דער ברעסלאַוולער אויטאָסטראַדע, האָט מען פאַרנאַכטלעך פאַרקערעוועט צו דער אַלט-פּוילישער, נאָר היפּש-פאַרדײַטשטער שטאָט ל'. עס האָבן זיך שוין געזען די ראַטושע- און קירכע-טורעמס און די רעשטן פון דער אוראַלטער פעסטונג-וואַנט, ווו ס'זײַנען אַמאָל פאַרהאַלטן געוואָרן די מאָנגאָלישע כאַיאָלעס.

אַף די גאַסן איז געווען פּוסטלעך. אַף די הײַזער, געבויטע אין גאָטישן סטיל, אַף די שמאָלבלעכע פֿענצטער, אַף די געקאָוועטע טירן, אַף די פֿאַרשפּיצטע דעכלעך פֿון די גאַנקעס האָבן זיך געווײַסט קאַפּיטולאַציע־פֿענדלעך. דײַטשן האָבן אײַנציקווײַז זיך געשלײַכט בײַ די פּלויטן, מיט ווײַסע בענדלעך אַף די הענט. לייזערן האָט זיך איצט דערמאָנט זײַן אָנקומען אין דער היימשטאָט ק׳ נאָך דעם, ווי ער איז אַנטלאָפֿן פֿונעם קאָנצענטראַציע־לאַגער. דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים אַ ברי געטאָן. ער האָט האַסטיק זיך געגעבן אַ קערעווע אויס, אָנגעשפּאַרט זיך מיטן עלנבויגן אינעם ווייך געבעטן ווענטל פֿון מאַשין, צערודערט אַ קוק געטאָן אַף סאָקאָלן און קאַטאַזשינען, וואָס זײַנען געזעסן פֿון הינטן. נאָר שוין אין דער זעלבער רעגע האָט ער איבערגעטראַכט און ניט אַרויסגעזאָגט זיי דאָס, וואָס ס׳איז אויפֿגעקומען אין זיקאָרן, ער האָט איצט ניט געוואָלט מיט די שווערע דערמאָנונגען צעבויטען די פֿײַערלעכע שטימונג.

קאַטאַזשינע און סאָקאָל האָבן איבערגעלייענט אַף זײַן געזיכט, אַז ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן, האָבן זיי איבערגעריסן דעם געשפּרעך וועגן וואַרשע, פֿונוואַנען די יונגע פֿרוי איז ערשט נעכטן געקומען צו פֿאָרן, און וואַרטנדיק אָנגעשטעלט אַף אים די אויגן.

לייזער האָט געזאָגט דאָס ערשטע, וואָס איז אים געקומען אין קאָפּ:

— קומט טאַקע הײַנט צו אונדז אין אָוונט מיט מאַריאַנען, קאַטאַזשינאַ, און דערציילט אַ ביסל וועגן וואַרשע.

גוראַל האָט, ניט אָפּווענדנדיק די אויגן פֿון שליאַך אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. קאַטאַזשינאַ האָט אײַנשטימיק געשמייכלט, נאָר לייזער האָט עפּעס אַלץ זיך ניט געקאָנט באַפֿרײַען פֿונעם טרויער, וואָס איז צוגעטראָטן צו זײַן האַרץ. ער האָט געפֿרעגט, קוקנדיק אָנגעשטרענגט אין קאַטאַזשינעס בלאַסלעכן, קלאָרן געזיכט:

— איר זײַט דאָרט געווים געווען אַף די רוינען?

זי האָט פֿאַרשטאַנען, וועלכע רוינען ער מיינט. אין אירע אויגן איז אויסגעלאָשן געוואָרן דער שמייכל, די ליפּן האָבן זיך צונויפֿגעדריקט, זי האָט שווײַגנדיק אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף „יאָ״.

מ׳האָט מער פֿון דעם ניט גערעדט. לייזער האָט זיך אויסגעדרייט צוריק און, פֿאַרלייגט די הענט אַף דער ברוסט, גענומען קוקן דורך דער צעפּלאַצטער שויב.

די מאַשין האָט זיך שוין געטראָגן דורך קוואַרטאַלן, וואָס זײַנען באַוווינט געווען מיט געקומענע פֿון מיזרעך־פּוילן. דאָ האָבן אַף די הײַזער געפֿלאַטערט ווײַס־רויטע פֿאָנען. אין אָראַנזשעווער שקיע־שײַן זײַנען מענטשן אומגעגאַנגען אַף די גאַסן. ס׳האָבן זיך געיאָגט וועלאָסיפּעדיסטן.

מאַריאַן גוראַל האָט אַ דריי געטאָן דעם רודער, אינמיטן גאַס געמאַכט אַ האַלבן קרײַז און אָפּגעשטעלט די מאַשין אַרום אַ מויערל, בײַ דער טיר איז דאָ געווען צוגעקלאַפּט אַ רויטע פֿאָן.

— וועסט אראפשטייגן אין וואיעוואדע־קאמיטעט, אדער פארן גלייך אהיים ? — האט גוראל געפרעגט בא לייזערן.

— כ'מיין, אנעליע מוז זיין דא, אין קאמיטעט.

נאר דער צימער פון פראפאגאנדע־אפטייל, ווו אנעליע האט געארבעט, איז געווען געשלאסן. דערפאר איז אבער אין קאמיטעט געווען גאר אן אנדער מענטש, צוליב וועלכן ס'האט געלוינט אראפשטייגן: יוזעף קאטשור. מ'האט שוין פון א בריוו געוווסט, אז ער דארף קומען מיט זיין מישפאכע. אים האבן די דייטשן געהאט ארויסגעפירט הינטער קאטאוויץ אף צוואנגס־ארבעט. נאך דער באפרייונג האט ער זיך דערלאנגט אף איי־ניקע קארעלס געוועזענע טרעף־ערטער — געזוכט דעם זון, קאזיקן. מענטשן האבן אים דערציילט, אז קאזיק איז אין ארמיי, און אז קארעל אליין איז מיט אייניקע פון זיינע לייט אוועק אף מיזרעוו, אין שלעזיע, ווו מע שטעלט אויף א גרויס פעלד־ווירטשאפט. פון בריוו האט שוין קאטשור זיך דערוווסט, אז ער האט דארט א סאך פריינט — לייזערן, אנעליען, גוראלן. איז ער געקומען א קוק טאן אף דער נייער ערד און טאקע זיך האלטן אן אייצע — צי לוינט ניט אריבערפארן אהער.

ער איז היפש געעלטערט געווארן, יוזעף קאטשור, נאר אין די קארע אויגן האט געשפילט דער זעלבער הארציקער שמייכל, די זעלבע פראסט־לעכע גוטמוטיקייט איז געווען אויסגעגאסן אפן געזיכט. ער איז שוין געווען בא לייזערן אין שטוב, שוין אפילע אפגערוט. אנעליע פארעט זיך דארט מיטן קינד, איז ער ארויס אהער, ווהין לייזער קאן גיכער פון אלץ צופארן.

מאריאן גוראל איז געבליבן אין קאמיטעט אויפנעמען עטלעכע מענטשן, וואס האבן דא געווארט. ער האט צוגעזאגט קומען שפעטער צו לייזערן. מייער סאקאל האט פארנומען מיט זיך קאטאזשינא פראכאר צו באווייזן איר די מיל, וועלכע ער האלט שוין דא באם לאזן אין גאנג. מיט אים האט מען אויך אפגערעדט, אז באלד ווי עס ווערט נאכט, קומט ער צוזאמען מיט ראשעלען און זיין נעבאמקען צו לייזערן.

לייזער האט צופוס אוועקגעפירט קאטשורן איבער דער גאס, קעדיי באווייזן אים, ווי מע אָרדנט זיך דא איין, אפן נייעם ארט. זיי האבן בא־געגנט אין וועג אויסגעצערטע מענטשן אין געשטרייפטע אשוויענצים־כאַ־לאטן, מיט צייכנס פון אנדערע לאגערן אף די קליידער. איבער די גאסן האבן זיך נאך געשלעפט מאנצבלען און פרויען, וואס האבן זיך אדער אליין איינגעשפאנט אין אנגעלאדענע וועגעלעך, אדער געשטויסן זיי פאר זיך. די מילכאמע־וועגן זיינען נאך פול געווען מיט אזעלכע היימלאזע וואנדערער. אט אזוי שטעלט מען זיך אפ אף נאכט אין א שטאט, און אמאל בלייבט מען שוין דא.

קאטשור האט געשאקלט מיטן קאפ:

— אזוי האָב איך זיך אומגעשלעפּט מיט מײַן געזינד, און נאָך אַ פרעמד קינד אויך מיט זיך מיטגענומען...

בײַ עטלעכע הײַזער האָט מען גערעדט ייִדיש. לייזער האָט דערציילט:

— מע זאַמלט זיך דאָ. אַט זײַנען שוין אַ צען הײַזער באַוווינט. מע זוכט זיך אַ באַשעפטיקונג, אַן אָנווענדונג אין לעבן. נײַע נעסטן.

מע איז דורכגעגאַנגען פאַרבײַ אַ הויכער געבײַדע, אַרבעטער האָבן דאָרט געגלאָזט די פענצטער.

— אַ שול, — האָט לייזער אָנגעוויזן קאַטשורן, — צו דעם האָב איך שוין אַ שײַכעס... כ'האָב געמיינט אַליין לערנען זיך נאָך דער מיל־כאָמע, ערשט ס'וועט אויסקומען אָפּליגן אַף אַ יאָר — מע דאַרף דערווײַל זען, אַז אַנדערע זאָלן האָבן, ווו צו לערנען זיך.

אַנעליע האָט געבאָדן דאָס קינד אין אַלקער. דערהערט, אַז לייזער און יוזעף קאַטשור זײַנען אַרײַן אין עס־צימער, האָט זי דורך דער צוגע־מאַכטער טיר זיך אַנטשולדיקט: זי קומט באַלד אַרויס, אַ פּאָר מינוט וועט זי נאָך זײַן פאַרנומען בײַ יורעקן.

נאָך די פיל שאָ צעשיידט זײַן, האָט זיך לייזער פאַרבענקט נאָך איר, איצט האָט ער מיט האַנאָע געהערט איר קלינגעוודיקע שטים, מיט אומגע־דולד געוואַרט, זי זאָל אַרויסגיין צו זיי מיטן קינד.

— נו, וויאַזוי איז דורך די רײַזע? — האָט אַנעליע גערעדט פון הינטער דער טיר, און לייזער האָט זיך פאַרגעשטעלט איר שמייכלענדיק, צאַרט געזיכט. עפּעס האָט זי שטיפעריש געשעפּטשעט צו יורעקן, בעיים לייזער האָט געענטפערט, עפּעס האָט יורעק געפּלאַפּלט.

אַנעליע האָט נאָך אַ קליינער פּאַוזע, געפרעגט:

— און אײַך, יוזעף, איז דאָ געפעלן?

קאַטשור האָט געענטפערט, אַז אויב מע רופט אַהער מענטשן, איז צו דערוואַרטן גוטס: ערד דאַרף הענט, און הענט דאַרפן ערד.

לויט דעם, פונוואַנען קאַטשורס שטים איז געקומען, האָט אַנעליע פאַרשטאַנען אַז ער שטייט אינמיטן צימער, און געבעטן אים זיצן. לייזער האָט דאָס זעלבע שוין עטלעכע מאָל געטאָן, צוגערוקט אים אַ שטול, נאָר דער פויער האָט געזאָגט:

— ס'שאַדט ניט.

ער איז צו צו דער וואַנט און גענומען באַטראַכטן די עטלעכע ביל־דער, וואָס זײַנען דאָרט געהאַנגען. מיטאַמאָל איז ער שטיין געבליבן פאַר אַ היפּשער פאָטאָגראַפיע אין אַ טונקעלער ראָם אונטער גלאָז, אַן אַלטע פּאָר: אַ זאָקן מיט עטוואָס אַן אונטערגעשוירענער באָרד, לעבן אים אַן אַלטיטשקע אין אַ זײַדענעם טונקעלן טיכל, מוטערלעך־מילדע אויגן, אַ טרויעריקער קנייטש באַם מויל...

— די רײַע איז בײַ מיר קאַליע געוואָרן אין לאַגער, — האָט קאַטשור געזאָגט, — דאָס זײַנען דאָך, דאַכט זיך, דײַנע...

לייזער איז בלאס געווארן און איז צוגעגאנגען נעענטער צו דער פאטאגראפיע.

— ניין, — האט ער שטיל ארויסגערעדט, — פון מיינע עלטערן איז מיר קיין בילד ניט געבליבן. דאס האב איך געפונען אין די רוינעס פון געטא עמיצנס טאטע־מאמע...

— יורעק! — האט זיך מיטאמאל דערהערט אנעליעס אויפגעבראכט־צארטער אויסגעשריי פון אלקער, — כ'וועל אים מוזן אנטווינען, לייזערקע, כאטש ס'איז זומער... ער בייסט זיך, ס'האט זיך בא אים נאך א ציינדל באוויזן!

לייזער און קאטשור האבן זיך אויסגעקערעוועט צו דער טיר פון אלקער. אפן שוועל איז א צערויטלטע געשטאנען אנעליע און אף די הענט געהאלטן אין א וויסן העמדעלע יורעקן, וואס האט ניט פארשטאנען דער מאמעס אויפגעבראכטקייט און געפליעסקעט מיט די הענטעלעך אנטקעגן דעם פאטער.

(סאף)

"IMPRESORA BAIRES" - Cangallo 2981.